STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00402

# DOYRES BUNDISTN

J. S. Hertz

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Herbert J. Solomon*
*in memory of*
*Cantor Aaron Horowitz*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דורות בונדיסטן

# דורות בונדיסטן

רעדאַגירט פון י. ש. הערץ

ערשטער באַנד

ניו־יאָרק, 1956

# DOIRES BUNDISTN

(GENERATIONS OF BUNDISTS)

**Edited by J. S. Hertz**

**Volume 1**

Copyright 1956
by
FARLAG UNSER TSAIT

Published by
FARLAG UNSER TSAIT
25 East 78th Street
New York 21, N. Y.

Printed in U. S. A.

GRENICH PRINTING CORP.
151 West 25th Street
New York 1, N. Y.

166

# אינהאַלט:


פון פאַרלאַג — 7
וולאַדימיר קאָסאָווסקי — 11
יקותיאל פּאָרטנוי (נח) — 68
אברהם מוטניק — 122
פּאַטי קרעמער — 130
איסיי אייזענשטאַט — 137
ליובע לעווינסאָן-אייזענשטאַט — 154
דר. פּאַוועל ראָזענטאַל — 157
אַנע ראָזענטאַל — 180
סענדער און טייבעטשקע זעלדאָוו — 192
מאַרק ליבער — 196
משה טערמאַן — 225
צביה הורוויטש — 228
דוד כּץ — 231
מאַריע זשיאַלודסקי — 237
פּאַוועל בערמאַן — 241
זשעניע הורוויטש — 243
מאַריאַנע אייזענבערג — 248
הירש שמואל לוריע — 249
אהרן זאַלקינד — 254
איליאַ ווילענקין — 256
אברהם מאיר און ליזע אַמסטער-
דאַם — 258
יצחק מרדכי פּסחזאָן — 262
דר. מאָיסיי גורעוויטש — 269
דר. באָריס לעווינסאָן — 273
איסיי גורעוויטש — 277
עזרא ראָזען — 278
וויקטאָר שולמאַן — 283
אברהם בראַון — 298
שמעון קלעטשאַנסקי — 307
יעקב קאַפּלאַן — 316
בראָניסלאַוו גראָסער — 319
ראָזע לעווויט — 335
הירש וואָלף סאָראָקאָ — 342
ישראל גראַווייער — 344
סאָלאָמאָן מאָרגאָלין — 345
פרומע גראַבעלסקי — 348
אסתר ריסקינד — 351
אברהם קיסין — 354
פּרץ בערנשטיין — 356
דוד יחיאל קראַוזע — 357
נאַדיאַ גריטפּעלד — 358
יחיאל קימעלמאַן — 362
אַנאַ ליפּשיץ — 363
אסתר ליפּשיץ — 366
באָריס און אברהם באַנעוואור — 367
מרדכי מאַזאָווער — 370
הערשל קאַהאַן — 371
שרה פוקס — 373
מענדל קיווענסאָן — 377
קלמן קראַפּיווניקאָוו — 379
סיניאָר יאַקאָבי — 382
מאָטל בריטמאַן — 383
דר. דוד טאָרגאָווניק — 384
ברוך מרדכי כּהן (ווירגילי) — 391
דוד מאַכלין — 401
סטאַניסלאַוו גאָלדבערג — 403
אברהמל הימעלשטיין — 404
גרשון חבר-רבי — 405
יעקב פּעסקין — 407
ליובע סטראַזשאַ — 411
סאָלאָמאָן רויכצעס — 413
אייזיק מאיר דעוועניישסקי — 414
דוד קאַסעל — 420
ישראל פּלאָווסקין — 422
נתן דוד הערמאַן — 424
נחמן יאַנוויד — 426
חיים לייב פּאָזנאַנסקי — 431
יאַנקל זשעלעזניקאָוו — 439
פישל געליבטער — 445
משה נאָטקין — 447
שמואל און נאַדיאַ שטשופּאַק — 448
אשר סאָלאָוויטשיק — 452
יוליאַ אַבראַמאָוויטש — 455
מאָטל טשיזשעווסקי — 457
מאָטל ביאַלי — 459
אברהם ראָזענבוים — 462
מענדל און גיטל סקוטעלסקי — 464
קלמן הערש זילבערדיק — 467
ישראל און מאַריע אַקון — 468
בוזי ספּיוואַק — 470
יודל סאָפּאָזשניקאָוו — 473
זשיטאָמירער און טשערנאָווער
זעלבסטשוץ — 476

שער־בלאַט געצייכנט פון י. שלאָס

צום אָנדענק פון ישראל מילגרוים איז אַ טייל פון דער ירושה, וואָס איז נאָך אים פאַרבליבן, געגעבן געוואָרן צושטייער אַרויס־צוגעבן דאָס דאָזיקע ווערק.

דורות בונדיסטן. פון די פּיאָנערן מיט 60־70 יאָר צוריק ביז די יינגיטשקע, וואָס זיינען ערשט ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה אַריין אין דער באַוועגונג— אַלע האָבן געדינט דעם זעלבן אידעאַל און געטראָגן די זעלבע פאָן. און גע־בויט דעם זעלבן בנין, און איינגעשפּאַנט זיך אין זעלבן יאָך. זייערע טעג און יאָרן, זייער ענערגיע און מי האָבן זיי איינגעזאַמלט אין איין לאָגל. זייערע גע־דאַנקען און געפילן, זייער ליבשאַפט און טריישאַפט האָבן זיי אַריינגעוועבט אין איין געוועב — אין אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד.

פאַרשידן זיינען געווען די צייטן, און פאַרשידן די מענטשן. פאַרשידן די באַדינגונגען, און פאַרשידן די אויפגאַבן. פאַרשידן די פריינט, און פאַר־שידן די שונאים. דער ציל איז אָבער תמיד געווען דער זעלבער. צו אים זיינען אַלע געגאַנגען, פאַר אים זיינען אַלע געווען גרייט זיך מוסר נפש זיין.

אין אַ טיף פינצטערער נאַכט אונטער דער דעספּאָטישער צאַרישער הערשאַפט, וואָס האָט ביי יידן נאָך מער געדריקט מחמת די ספּעציעלע גזירות פון דרויסן און טראַדיציאָנעלע קייטן פון אינעווייניק, זיינען די הייפ־לעך פּיאָנערן אַרויס און אויסגערופן: ליכטיק זאָל זיין! וועקער פון פאָלק און קעמפער קעגן זיינע שונאים. אַרבעטער־אַחדות — איז געוואָרן דאָס צויבער־וואָרט, סאָציאַליזם — די טרייסט אין יאָמערטאָל, די האָפנונג פון מאָרגן.

און פון די הייפלעך זיינען מחנות געוואָרן, גרויסע מחנות. און יעדער אויף זיין אופן און מעגלעכקייט האָט צוגעטראָגן זיין חלק און מיטגעשאַפן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס טראָגט אויף זיך דעם חותם פון בונד. אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף ווי אין דער פּראַקטישער, קאָנסטרוקטיווער אַר־בעט; אויפן פּאָליטישן און פּראָפעסיאָנעלן ווי אויפן אידעאָלאָגישן און קולטורעלן פעלד — אומעטום האָבן בונדיסטן מיט זייער געדאַנק און טאָט געשמידט און געשאַפן. די געשיכטע פון זייערע לעבנס איז אַ שטיק געשיכטע פון די ערטער, וואו זיי האָבן געווירקט. זיי זיינען די שאַפער פון בונד און פון בונדיזם, זיי זיינען אָבער גלייכצייטיק באַנייער פון יידישן לעבן און אויך אַקטיווע אָנטיילנעמער אין פרייהייט־קאַמף פון די פעלקער, צווישן וועלכע יידן האָבן געלעבט דורות לאַנג.

צו זיין אַ בונדיסט האָט געמיינט אָוועקגעבן פון זיך אַ סך, אַמאָל אויך אַלץ — אַפילו דאָס לעבן. האָט טאַקע דער בונד אין זיין געשיכטע נישט בלויז „טריישאַפט אָן גרענעצן״, נאָר אויך פיל קרבנות. לאָמיר דאָ דער־מאָנען די ווערטער פון אומפאַרגעסלעכן הענריק ערליך:

„אין לאַנגע, שיער־ענדלאָזע רייען ציען זיי זיך פאַר אונזערע גייסטיקע

אויגן. זיי זיינען אומגעקומען, ווער — אויף דער צאַרישער תליה, ווער — פון אַ קאָזאַקישער קויל אויף אַ באַריקאַדע אָדער גאַסן־דעמאָנסטראַציע, ווער—אין העלדישן קאַמף קעגן פּאָגראָמשטשיקעס, ווער—אין די צאַרישע קאַזעמאַטן און וויסטע מדבריות פון סיביר, און ענדלעך ווער ס׳איז נאָך אַ לעבן פול מיט זעלבסט־אָפּפערונג און ליידן אומגעקומען מיט אַ מער אָדער ווייניקער ׳נאַטירלעכן׳ טויט, שטייענדיק ביז דער לעצטער מינוט אויף דעם פּאָסטן, מיט דער פאָן פון ׳בונד׳ אין האַנט.

אונזערע קדושים!

. . . פאַראַן נעמען צווישן אונזערע געפאַלענע, וואָס האָבן זיך איינגע־קריצט אויף אייביק אין די הערצער פון דער יידישער אַרבעטער־מאַסע. און פאַראַן אַזעלכע, וואָס זיינען באַקאַנט געווען נאָר אין זייער נאָענטסטער סביבה. אָבער אַלע האָבן זיי אָפּגעגעבן דער אַרבעטער־זאַך דאָס טייערסטע, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, — זייערע פעאיקייטן, דאָס בלוט פון האַרצן, דאָס גאַנצע לעבן.

און דערפאַר זיינען זיי פאַר אונז היינט, אין טאָג פון אונזער גרויסן יזכור, אַלע גלייך. און דעריבער איז צו זיי אַלעמען אין אַ גלייכער מאָס געווענדט אונזער דאַנקבאַרקייט און ליבע — צו זיי, וואָס האָבן מיט זייער בלוט באַ־פרוכפּערט דעם באָדן פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.״

דאָס האָט געשריבן הענריק ערליך מיט קרוב דריי צענטליק יאָר צוריק, צום 30־יאָריקן יובילײ פון בונד (נייע פאָלקס־צייטונג, וואַרשע 17 אָקטאָ־בער 1927). צי האָט ער געקענט אַנען, אַז ער אַליין און פיל זיינע חברים וועלן נאָך איינגעגלידערט ווערן אין די רייען פון די קדושים? צי האָט ער זיך געקענט פאַרשטעלן, אַז עס וועט קומען אַ צייט, וואָס וועט זיין אומ־פאַרגלייכלעך שרעקלעכער? — יאָ, עס זיינען געקומען צייטן און רעזשימען מער באַרבאַרישע, מער טיראַנישע. צו דער לאַנגער ריי קרבנות און מאַר־טירער אויפן מזבח פון צאַרישן טראָן זיינען צוגעקומען די פאַרשניטענע און געהייליקטע אין דער טאָטאַלער שחיטה פון די נאַצי־מערדער; די פאַרפייניקטע אידעאַליסטן, די דערמאָרדעטע אומבויגזאַמע בונדיסטן אין די באָלשעוויסטישע שקלאַפן־לאַגערן און נ. ק. וו. ד.־קעלערן.

***

פשוט אין זייער גרויסקייט, נאַטירלעך אין זייער מסירת־נפש, אידייאיש אין זייערע טאָג־טעגלעכע מעשים, זיינען טויזנטער און טויזנטער — פירער, טוער און קעמפער — דורך דער מיל פון דער צייט צעריבן און פאַרלענדט געוואָרן. ווער דורך נאַרמאַלן טויט און ווער נויט און קרענק האָבן מקצר געווען די יאָרן; ווער אין אַ צאַרישער תפיסה און ווער דורך אַ קויל און תליה. אָבער דער גרויסער רוב פון זיי איז אומגעקומען אין דער גיגאַנ־טישסטער און טראַגישסטער קאַטאַסטראָפע פון דער וועלט־געשיכטע — אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. ווער קען זיי איבערציילן, ווער קען דערציילן וועגן זייער סוף?

מיר האָבן געוואָלט אַ באַשיידענעם דענקמאָל זיי שטעלן — דערציילן וועגן זייער לעבן. אַלעמענס ביאָגראַפיעס געבן זיינען מיר נישט געווען בכוח. האָבן מיר פון די פיל טויזנטער אויסגעקליבן איבער 300, ווי רעפּרעזענ־טאַנטן פון כלל. מיר האָבן אויסגעקליבן פון פאַרשידענע בונדישע שיכטן: פון סאַמע אָנהויב ביז די לעצטע מאָוימדיקע געטאָ־טעג, פון די סאַמע העכסטע פירער ביז דעם פשוטסטן בונדיסט, וואָס האָט אין איין רגע מיט אַ טאַט זיך קונה געווען די זכיה אַריינגענומען צו ווערן אין אונזער אוהל. אַ צאָל פירער און טוער, וואָס וואָלטן אַוודאי געדאַרפט דאָ זיין, האָבן מיר אַרויס־געלאָזט, ווייל זייערע לעבנס־געשיכטעס זיינען שוין פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין בוך־פאָרם: דורך אייגענע זכרונות אָדער דורך ביאָגראַפיעס, געשריבן פון אַנדערע. דעם גרויסן פלאַץ, וואָס זייערע ביאָגראַפיעס וואָלטן פאַרנו־מען, האָבן מיר אָוועקגעגעבן פאַר אַנדערע — און דאָס איז זיכער אין זייער גייסט. מיר ווען דאָ בלויז אויסרעכענען די דורכגעלאָזטע, וואָס וואָלטן דאָ געדאַרפט אַריינקומען, און אָנגעבן די ביכער מיט זייערע לעבנס־באַשריי־בונגען:

אַרקאַדי קרעמער — אַרקאַדי, ניו־יאָרק, 1942.

וו. מעדעם — וולאַדימיר מעדעם: פון מיין לעבן, צוויי בענדער, ניו־יאָרק, 1923; אויך וולאַדימיר מעדעם, ניו־יאָרק, 1943.

יוסף איזביצקי — ב. מיכאַלעוויטש: זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט, דריי בענדער, וואַרשע 1922־3; אויך ביינוש מיכאַלעוויטש־בוך, בוענאָס־איירעס, 1951.

יוסף מיל — דזשאָן מילל: פּיאָנערן און בויער, 2 בענדער, ניו־יאָרק, 1946־9.

חיים יאַנקל העלפאַנד — א. ליטוואַק: געזאַמלטע שריפטן, ניו־יאָרק, 1945.

ה. ערליך: הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, ניו־יאָרק, 1951.

וו. אַלטער: דאָס זעלבע.

הלל כץ — הלל כץ־בלום: זכרונות פון אַ בונדיסט, ניו־יאָרק, 1940.

הירש לעקערט — י. ש. הערץ: הירש לעקערט, ניו־יאָרק, 1952.

ב. וולאַדעק: ב. וולאַדעק אין לעבן און שאַפן; אויך ב. וולאַדעק אין דער אָפּשאַצונג פון זיינע פריינד, ניו־יאָרק, 1936.

דר. ב. האָפמאַן — צבֿיון פאַר פּופּציק יאָר, ניו־יאָרק, 1948.

פ. קורסקי — פראַנץ קורסקי: געזאַמלטע שריפטן, ניו־יאָרק, 1952.

יוסף באַסקין: י. באַסקין צו זיין 70־יאָריקן יוביליי, ניו־יאָרק, 1951.

שמואל מרדכי זיגעלבוים — זיגעלבוים־בוך, ניו־יאָרק, 1947.

ש. מענדעלסאָן: שלמה מענדעלסאָן, ניו־יאָרק, 1949.

ל. פינקעלשטיין — לעאָ פינקעלשטיין: לשון יידיש און יידישער קיום, מעקסיקע, 1954.

יוסף לעשטשינסקי (כמורנער) — ווערט צוגעגרייט צום דרוק.

אין יאָר 1951 איז דער פאַרלאַג אונזער צייט, לויט דער איניציאַטיוו פון חבר דוד מייער, צוגעטרעטן אַרויסצוגעבן די בענדער ביאָגראַפיעס. די אַרבעט האָט אָנגעטראָפן אויף צוויערליי שוועריקייטן: שרייבערישע און פינאַנציעלע. אין אַ גרויסער מאָסן־באַוועגונג האָט מען נישט קיין צייט און געדולד צו אינטערעסירן זיך מיטן פערזענלעכן לעבן פון די טוער. אין אומלעגאַלע באַדינגונגען איז עס גאָר אַ נויטווענדיקייט צו פאַרייבן די שפּורן און פאַרדעקן די פּאַקטישע ידיעות וועגן לעבן פון די רעוואָלוציאָנערע טוער. ביי פיל איז שוין איצט אוממעגלעך געווען אויסצוגעפינען גענויע דאַטעס און אַנדערע וויכטיקע פּאַקטן. מיר האָבן געטון וואָס ס׳איז געווען מעגלעך (די מאַטעריאַלן פון בונדישן אַרכיוו האָבן פאַרלייכטערט אונזער אַרבעט). מיר האָבן אויך געמוזט זיך ווענדן נאָך פינאַנציעלער מיטהילף צו חברים און פריינטלעכע אָרגאַניזאַציעס. נאָך איידער מיר זיינען צוגעטרעטן צו דער קאָנקרעטער אַרבעט האָט אונז באַזאָרגט אַ גרעסערע סומע דער חבר ש. מ. אָשרי פון לאָס אַנדזשעלעס. נאָך אים זיינען געקומען אַנדערע (אַ פולע רשימה פון אַלע ביישטייערער — ביים סוף פון צווייטן באַנד).

די רעדאַקציע פון פאַרלאַג אונזער צייט איז באַשטאַנד פון די ח״ח י. ש. הערץ, ח. ש. קאַזדאַן, ב. שעפנער און דר. ע. שערער. האָט איבערגעגעבן דעם חבר וויקטאָר שולמאַן צונויפצושטעלן און רעדאַגירן דאָס ווערק. ליידער, איז ער אַ פּאָר וואָכן נאָך דעם, איידער ער האָט באַוויזן עפּעס צו טון, פּלוצלונג געשטאָרבן. די רעדאַקציע האָט די אויפגאַבע דעמאָלט איבערגעגעבן חבר י. ש. הערץ. נאָכן ביקומען אַ ריי שוועריקייטן, איז די אַרבעט פאַרטיק.

עטלעכע צענטליק מחברים — ווער מיט איינצלנע, און ווער מיט מערערע שאַפונגען — זיינען באַטייליקט אין די צוויי בענדער, וואָס אַנטהאַלטן איבער 300 ביאָגראַפיעס פון מענטשן אידעאַליסטן און קעמפער — פון שאַפער, פירער און בויער פון בונד.

**פאַרלאַג אונזער צייט.**

# וולאַדימיר קאָסאָווסקי

פיאָנער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, גייסטיקער גע־שטאַלטער און וואָרט־זאָגער פון בונד. זיין ריכטיקער, פאַרן ברייטן עולם אומ־באַקאַנטער, נאָמען איז געווען נחום מענדל לעווינסאָן. וולאַדימיר קאָסאָווסקי איז אַ פסעוודאָנים.

## 1. היים און יוגנט

געקומען אויף דער וועלט איז ער אין יאָר 1867, אין דער לאַטגאַלישער שטאָט דווינסק, וואו ער איז פאַרבליבן סך־הכל עטלעכע חדשים.

דער זיידע פון פאָטערס צד איז געווען דער גראָדנער ראש בית־דין און ראש־ישיבה ר׳ יהודה לייב. געשטאָרבן איז דער זיידע אין טיפן עלטער ט״ו כסלו תרנ״ו (2 דעצעמבער 1895). מ׳האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן תלמודישן אויטאָריטעט. 45 יאָר איז ער געזעסן אויפן כסא הרבנות אין גראָדנע. נישט געקוקט אויף זיין הויכער עלטער, פלעגט ער אויך אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן יעדן טאָג פון 5 פאַרטאָג ביז 10 ביינאַכט לערנען אין בית־מדרש.

דער זיידע פון מוטערס צד איז געווען מרדכי קויפמאַן, אַן עושר פון שטעטל סעריי, סואוואַלקער גובערניע.

נחום מענדלס פאָטער — זיין נאָמען איז געווען יעקב מרדכי לעווינזאָן — האָט נאָך דער חתונה, אין יאָר 1853 זיך באַזעצט אין סעריי און געווען אויף קעסט ביים רייכן שווער. יעקב מרדכי איז געווען אַ גרויסער למדן. בשתיקה פון זיינע אייגענע שטרענג־פרומע טאַטע־מאַמע האָט ער גענומען שטודירן וועלטלעכע וויסנשאַפטן. אין סעריי ביים שווער האָט ער ווייטער געלערנט אי די טראַדיציאָנעלע יידישע, אי די וועלטלעכע לימודים. לסוף איז ער אַוועק קיין ווילנע, דאָרטן געלערנט און באַקומען סמיכה אויף רבנות.

יעקב מרדכי האָט זיך אָבער קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו ווערן אַ רב. ס׳האָט אים געצויגן צו וועלטלעכער בילדונג. ער האָט געלערנט שפּראַכן, שטודירט פילאָסאָפיע, נאַטור־וויסנשאַפט און מאַטעמאַטיק. ער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט מוזיק. אַחוץ יידיש און העברעאיש האָט ער אויך באַהערשט רוסיש, פויליש, דייטש, פראַנצויזיש, ענגליש און נאָך שפּראַכן. ער איז בכלל געווען אַן אויסער־געוויינלעך פעאיקער און טאַלאַנטפולער מענטש.

פאַרכאַפּט פון דער השכלה, האָט יעקב מרדכי אין דעם גייסט געווירקט צווישן דער יוגנט פון סעריי, וואו ער האָט פאַרקערט אין אַ משכילישן קרייז (ר׳ חיים פיליפּאָווער, ד״ר פיינבערג, אליעזר יצחק שפּירא און דוד גאָרדאָן — רעדאַקטאָר פון המגיד). זיין השפעה איז מיט דער צייט אַרויס פון די גרענעצן

פון דעם שטעטל. ער פאַרמאָגט אַ שטאַרקן אינטערעס פאַר יידישע און אַלגע־מיינע פּראָבלעמען און זײַן שרייבערישער טאַלאַנט האָט אים געגעבן אַ מעג־לעכקייט עפנטלעך צו רעאַגירן אויף פאַרשיידענע צייט־פראַגן. נאָך אין יאָר 1855, ווען ער האָט אין ענינים פון שווערס געשעפטן פאַרברענגט אין פּרייסן, האָט ער אין קעניגסבערג — ער איז דעמאָלט אַלט געווען סך־הכל 22 יאָר — געלאָזט אָפּדרוקן זײַן ספר האדם בצלם אלהים. (באַטראַכטונגען וועגן דער אומשטערבלעכקייט און אומקערפּערלעכקייט פון דער מענטשלעכער נשמה). שפּעטער איז ער געווען אַ מיטאַרבעטער פון רוסישע, פּוילישע און העברעאישע צייטונגען, צווישן אַנדערע אין די וואָכנבלעטער יוטשענקא (וואַרשע) און המגיד (ליק — מזרח־פּרייסן). די צאָל פון זיינע ליטעראַרישע און פּובליציסטישע אַרבעטן איז געווען אַ גאַנץ גרויסע (אַחוץ מיטן פולן נאָמען האָט ער זיך אויך געחתמעט מיט די איניציאַלן — ימ״ל). צו זײַנע ליטעראַרישע אַרבעטן גע־הערט אויך אַ ספר תולדות חיי האדם. זיינע אַרטיקלען האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ סך אַלגעמיינעם און יידישן וויסן, און אויך מיט אַ שטאַרקער לאָגיק און קריטישן שכל. געשריבן האָט ער קלאָר און אָן מליצה. באַזונדערס שטאַרק איז ער געווען אין דער פּאָלעמיק, וואָס ער האָט געפירט וועגן אייניקע אַקטועלע ענינים. געווען אַ משכיל און גלייכצייטיק אַ נאַציאָנאַלער ייד. אַ חסיד פון דער העברעאישער שפּראַך, האָט ער אויך געהאַט סימפּאַטיעס פאַר דער פּוילישער קולטור. ער איז געווען קעגן יידישער אָפּגעזונדערטקייט, אָבער גלייכצייטיק פאַר איינהאַלטן די יידישע אייגנאַרט.

צו זיצן שטענדיק ביים שווער אויף קעסט איז נישט געווען קיין תכלית און יעקב מרדכי לעווינזאָן האָט זיך גענומען צו מאַכן אַליין געשעפטן, ביי וועלכע ער האָט שטאַרק מצליח געווען. דאָס איז געווען אַ צייט, ווען אין רוסלאַנד האָט מען פאַנאַנדערגעבויט די באַן־נעץ. בשותפות מיט אַנדערע איז ער געוואָרן אַן אונטערנעמער ביים לייגן די נייע באַן־ליניעס און איז פון דעם רייך געוואָרן. צוליב זיינע געשעפטן איז אים אויסגעקומען אָפט צו בייטן זיינע וואוין־ערטער אָדער סתם אַרומצופאָרן. ווען ער איז אויף אַ געשעפטלעכער נסיעה געווען אין וואַרשע, איז ער פּלוצלינג געשטאָרבן אין עלטער פון איבער 45 יאָר. געשען איז דאָס דעם 13 פעברואַר 1878. אַ פּריינט, אַ העברעאישער שרייבער, האָט אים געפונען ליגן אַ טויטן אין אַ צימער פון האָטעל דרעזדען. געבליבן נאָך אים זיינען אַן אלמנה און 4 יתומים — דריי זין און איין טאָכטער, וועלכע זיינען אין אַ פּאָר טעג אַרום געקומען בייזיין די קבורה אויפן וואַרשעווער בית־עולם.

די מוטער האָט דעם יתום נחום מענדל אַריינגעגעבן אין קאָוונער גימנאַזיע. אַזוי ווי זי האָט געוואוינט אין קיבאַרט, אַ שטעטל ביי דער מזרח־פּרייסישער גרענעץ (די פאַמיליע קויפמאַן האָט אין שכנותדיקן ווירבאַלן — ווערזשבאָלאָוו געהאַט אַן עקספּעדיציע־קאַנטאָר), האָט זי אים איינגעאָרדנט אין אַ פּאַנסיאָן. פון צייט צו צייט פלעגט די מוטער אים באַזוכן, אים מוסרן און געבן פּראַקטישע עצות. פון די פריסטע יאָרן אָן האָט אָבער דאָס ייִנגל פאַרמאָגט אַ ווילן צו זעלבסטשטענדיקייט, צו גיין מיט אַן אייגענעם וועג — און די עצות פון דער מאַמען נישט געוואָלט פאָלגן. געווען איז נחום־מענדל אַ גוטער תלמיד. גע־

לערנט האָט ער מיט התמדה. צו פאַרענדיקן די גימנאַזיע איז אים דאָך נישט געווען באַשערט.

אויך אין גימנאַזיע האָט ער געהאַט זיין אייגענעם דרך. זיין שול־חבר און שפּעטערדיקער מיטקעמפער, אברהם מוטניק, דערציילט וועגן דעם: „וולאַדימיר הויבט זיך אויף, גייט צו עפּעס ווי מיט אַ זייט צו דער קאַטעדרע, שטעלט זיך אַהין ביים גרויסן שוואַרצן טאָוול, פאַרנייגט זיך נישט פאַרן לערער (געוויינלעך פלעגט דער שילער, צוגייענדיק צו דער קאַטעדרע, זיך פאַרנייגן פאַרן לערער), און הויבט אָן מאָנאָטאָן, אָבער מיט אַ פולער שטים, גיך, אָן שטרויכלעניש איבערצוגעבן מיט זיינע אייגענע ווערטער, וואָס ס׳האָט זיך געפאָדערט. און ס׳פלעגט זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז ער האָט זייער גרינטלעך איינגעחזרט די לעקציע. אַזוי פלעגט ער ענטפערן אויף די לעקציעס פון געשיכטע, געאָגראַפיע א. אַ. וו. — אָפּגעפּויקט און אָן אַ פאַרנייג זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ, פּונקט אַזוי ווי דאָס אַלץ וואָלט אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען"... „איך פלעג נשתומם ווערן, ווי גרינטלעך ער פלעגט לייענען, ווען ער פלעגט זיך פאַרנעמען מיט אַ בוך. איך געדענק ווי ער האָט איבערגעלייענט פון ׳א׳ ביז ׳ת׳ היינע, בערנע. די ליידנשאַפט צו שרייבן האָט זיך ביי אים באַוויזן גאַנץ פרי. דוכט זיך, אין זעקסטן, אָדער זיבעטן קלאַס האָט ער אָנגעשריבן אַ דערציילונג"... „די שפּראַך איז געווען קלאָר און בילדלעך". ער האָט אויך פאַרפאַסט לידער און אַ פּאָעמע. „אין זיינע יונגע יאָרן האָט וולאַדימיר געהאַט אָן אָריגינעל געזיכט, אַ הויכן שיינעם שטערן, פעך־שוואַרצע האָר, גרויסע גראָע לעבעדיקע אויגן, פּראָפּאָרציאָנעל־געפּאָרעמטע געזיכטס־שטריכן. מיר האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ שיינעם" [1]).

זיינע שירים און דערציילונגען זיינען קיין מאָל נישט געדרוקט געוואָרן. איין דערציילונג האָט ער געשיקט צום רעדאַקטאָר פון רוסקאָע באָגאַטסטוואָ — ניקאָלאַי מיכאַילאָווסקי. פון אים האָט דער יונגער מחבר באַקומען אַ תשובה, אַז די דערציילונג קען נישט געדרוקט ווערן צוליב צענזור־טעמים...

אין 1882 האָט דער יונגער לעווינסאָן — דעמאָלט אין 4טן קלאַס גימנאַזיע — צוזאַמען מיט אברהם מוטניק און אַ פּאָר אַנדערע גימנאַזיסטן געשאַפן אַ קרייזל. דאָס איז געווען זיין רעוואָלוציאָנערער אָנהייב. סך־הכל מיט אַ יאָר פריער האָט אין זיין געמיט אָפּגעהילכט דער אויפרייס פון דער באָמבע, וואָס רוסישע רעוואָלוציאָנערן — נאַראָדאָוואָלצעס האָבן געוואָרפן אויפן צאַר אַלעקסאַנדער דעם 2־טן. די נאַראָדאָוואָלצעס, וועלכע האָבן אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם אויף דער תליה אָדער זיינען פאַרפייניקט געוואָרן אין שליסלבורגער פעסטונג און אַנדערע טורמעס, זיינען זיינע העלדן און מאַרטירער געוואָרן. די עקסטרעם־רעאַקציאָנערע הערשאַפט און דער פאַרשאַרפטער אַנטי־יידישער קורס פון נייעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם 3־טן האָבן בלויז געקענט פאַרשטאַרקן ביים יונגן גימנאַזיסט דעם דראַנג צו דינען דעם אידעאַל פון פרייהייט. דער יונגער לעווינסאָן לייענט די ליטעראַטור פון נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ און ווערט אַ רעוואָלוציאָנער. און דאָס איז ער פאַרבליבן ביז אין טיפן עלטער אַריין.

די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט זיינען געווען אַ בין־השמשות פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. די נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ,

וואָס איז נאָכן געלונגענעם אַטענטאַט אויפֿן צאַר אַלעקסאַנדער דעם 2־טן (1881) צעקלאַפּט געוואָרן דורך די מאַסן־אַרעסטן און תּליות, האָט נאָך אויף אַ טייל פֿון דער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ געווירקט מיט איר העראָיזם און מאַרטי־רערטום. ס׳איז אָבער געווען אַ גלאַנץ, וואָס איז כּסדר געוואָרן בלאַסער און בלאַסער. אַלץ מער און מער האָבן די רעוואָלוציאָנערע קרייזן זיך דערוויטערט פֿון איר אידעאָלאָגישער השפּעה. דער מאַרקסיסטישער געדאַנק האָט אָנגעהויבן באַהערשן די מוחות פֿון אונטערוואַקסנדיקן דור סאָציאַליסטישע קעמפֿער. זיי האָבן זיך באַקענט מיט דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור און מיט פּלעכאַנאָווס שריפֿטן, וואָס האָבן געפֿירט דעם אידעאָלאָגישן שטרייט מיט דעם אני־מאמין פֿון די נאַראָדניקעס. און פֿיל האָבן פֿאַרלאָזט די פֿאָן פֿון דער נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ און געוואָרן די פּיאָנערן פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג אין דער רוסישער אימפּעריע. איינער פֿון זיי איז געווען דעם גראָדנער רבס אייניקל — דער יינגער נחום מענדל, אָדער ווי מ׳האָט אים דעמאָלט גערופֿן — נאָום לעווינסאָן.

געהערט האָט ער צום רעוואָלוציאָנערן שילער־קרייז אין קאָוונע. קיין סוד איז דאָס נישט געבליבן. צוזאַמען מיט נאָך צוויי שילער — איינער פֿון זיי איז געווען דער שפּעטערדיקער פּיאָנער און פֿירער פֿון בונד אברהם מוטניק — ווערט לעווינסאָן צוליב דעם געצוואונגען צו פֿאַרלאָזן די גימנאַזיע. אגבֿ, די באַזייטיקטע זיינען געווען פֿון די בעסטע שילער. געווען איז דאָס אין יאָר 1885. לעווינסאָן איז דעמאָלט געווען אין 7־טן קלאַס. מ׳האָט פֿאַר אים געשטעלט די ברירה: אַליין אַוועקגיין אָדער אָפֿיציעל אויסשליסן — ער איז אַליין אַוועק, כּדי נישט צו פֿאַרלירן אַ שאַנס צו פֿאַרענדיקן דעם גימנאַזיע־קורס אויף אַן אַנדער אופֿן.

ער האָט באַשלאָסן אָפּצוגעבן מאַטורע־עקזאַמען אַלס עקסטערן. דאָס איז אים נישט געלונגען. ער איז דורכגעפֿאַלן ביים קעגנשטאַנד פֿון לאָגיק, הגם זיין שרייבן און ריידן האָבן זיך תּמיד אויסגעצייכנט מיט שאַרפֿער לאָגישקייט... דער דורכפֿאַל האָט אים אָבער נישט אַנטמוטיקט. אויב נישט פֿאַר קאַריערע, האָט ער געלערנט פֿאַר זיך. ער האָט שטודירט סאָציאַלע וויסנשאַפֿט, נאַטור־וויסנשאַפֿט און רוסישע ליטעראַטור. געלעבט האָט ער פֿון פּריוואַטע לעקציעס און איז ווייטער געווען פֿאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער און מוטניק האָבן געשפּילט אַן אָנפֿירנדיקע ראָל אין דער קאָוונער גרופּע און זיי זיינען דאָרטן פֿאַרבליבן אַקטיוו אויך נאָכן באַזייטיקן זיי פֿון גימנאַזיע. ליובע אַקסעלראָד (אָרטאָדאָקס) דערציילט אין אירע זכרונות, אַז ווען זי האָט אין סעפּטעמבער 1887 געמוזט אַנטלויפֿן קיין אויסלאַנד, האָט זי זיך אויפֿן וועג פֿון ווילנע אָפּגעשטעלט אין קאָוונע. און זי זאָגט: „איך האָב אַ מעת־לעת פֿאַרבראַכט אין אַ קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר, וואָס מוטניק (גלעב) און לעווינ־סאָן (קאָסאָווסקי) האָבן געהאַלטן”[2]).

געבליבן אין קאָוונע איז דער יינגער רעוואָלוציאָנער ביז אין די ערשטע ניינציקער יאָרן. ער האָט געפֿירט סאָציאַליסטישע קרייזן פֿון גימנאַזיסטן, סטודענטן, לערער און באַאַמטע. סוף־כּל־סוף האָט ער מער נישט געטאָרט בלייבן אין קאָוונע און איז אַוועק קיין ווילנע. ווי פֿיל אַנדערע אין יענער צייט,

האָט אויך ער זיך געוואַקלט צווישן דער נאָך נישט אויסגעלעבטער נאַראָדאָ־וואָלישער אידעאָלאָגיע און דעם אויפגייענדיקן מאַרקסיזם. וועגן זיין דעמאָלטיקן מצב דערציילט אין אירע זכרונות חברטע אַנע ראָזענטאַל:

„ער איז געווען אַ לערער ביי אונז אין הויף פאַר מיינע ייִנגערע שוועסטער און ברידער און האָט אויך מיר צוגעהאָלפן זיך צוגרייטן צום עקזאַמען פון מאַ־טעמאַטיק און פיזיק. ער פלעגט אונז אָפטמאָל דערציילן וועגן די נאַראָדאָוואָל־צעס; וועגן זייער לעבן און קאַמף, אויך וועגן דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע"... „בכלל האָט ער ווייניק גערעדט. אין זיין פרייער צייט האָט ער געווינטלעך מאַרשירט איבערן צימער און פון צייט צו צייט אַריינגעקוקט אין אַ בוך, וואָס איז געבליבן ליגן אָפן שעהן־לאַנג אויף דער זעלביקער זייט. ער האָט געליטן פון שלאָפלאָזיקייט און קאָפּ־ווייטאָגן. נאָר אַמאָל, בעתן שפּאַצירן, פלעגט ער זיך פונאַנדעררידן וועגן די העלדן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַ־וועגונג, און זיין איינגעהאַלטענער ענטוזיאַזם האָט אָנגעשטעקט מיט דאָרשט צו העלדנטאַטן און מיט בענקשאַפט נאָך גרויסע און העראָישע מעשים"[3]).

אַליין דערציילט ער וועגן דעם, אַז בעת זיין קומען קיין ווילנע האָט ער שוין „אָנערקענט פאַר דורכאויס ריכטיק דעם מאַרקסיסטישן שטאַנדפונקט, הגם — זאָגט ער ווייטער — איך בין געווען אַ גרויסער פאַרערער פון ניקאָלאַי מיכאַילאָווסקי און האָב אים געהאַט פיל צו פאַרדאַנקען פאַר מיין גייסטיקער אַנטוויקלונג"[4]).

## 2. ווילנע

קיין ווילנע איז לעווינסאָן געקומען אָנהייב 1894. דאָ האָט ער שוין באַ־געגנט אַ פאַרוואַרצלטע באַוועגונג, וואו אַחוץ רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענטן זיינען אויך געווען באַטייליקט ייִדישע אַרבעטער. פאַקטיש — אַ ייִדישע סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג, פון וועלכער ס'איז אויסגעוואַקסן דער אַלגע־מיינער ייִדישער אַרבעטער־בונד.

געווען איז דעמאָלט אַן איבערברוך־מאָמענט. דער קאַמף מיט דער אָפּאָ־זיציע, וואָס האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם איבערגאַנג פון קרייזל־פּראָפּאַגאַנדע צו מאַסן־אַגיטאַציע, פון רוסיש צו ייִדיש, האָט זיך שוין דערנענטערט צום סוף. געזיגט האָט דער נייער מעטאָד פון אַרבעט. לעווינסאָן האָט זיך פאַרבונדן מיט דער ווילנער ייִדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע, דורכגעמאַכט מיט איר אַלע ווייטערדיקע גלגולים און פאַרבליבן געטריי אירע גרונט־אידייען ביז די לעצטע רגעס פון זיין לעבן. ער גופא איז געוואָרן איינער פון אירע סאַמע וויכטיקסטע פאַנען־טרעגער. פון נחום לעווינסאָן איז געוואָרן וולאַדימיר קאָ־סאָווסקי — כדי אָפּצונאַרן דאָס וואַכזאַמע אויג פון דער צאַרישער זשאַנדאַר־מעריע, וואָס האָט אים געקענט נאָך פון קאָוונע — און אונטער אָט דעם פּסעוו־דאָנים איז ער אַריין אין דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג בכלל און פון דער ייִדישער בפרט.

מיט די טויער פון דער באַוועגונג אין ווילנע האָט אים פאַרבונדן זיין יוגנט־חבר פון קאָוונע, אברהם מוטניק, וועלכער האָט שוין דאָ געשפּילט אַ ראָל. ער איז אָבער נישט גלייך אַריין אין דער אָרגאַניזאַציע. „אין דער פּראַקטישער

אַרבעט — דערציילט קאָסאָווסקי אַליין — האָב איך זיך דאַן נישט באַטייליקט״... „איך בין נאָך דאַן געווען אַ גאַנץ ׳גרינער׳ און האָב צו דער פּראַקטיק פון דער אַרבעטער־באַוועגונג קיין שום שייכות נישט געהאַט און בין געשטאַנען גאַנץ אין אַ זייט פון דער ווילנער אָרגאַניזאַציע״... פונדעסטוועגן האָט ער זיך שוין זומער 1895 באַטייליקט אין אַ פאַרזאַמלונג פון טוער, וואו מ׳האָט דעבאַטירט וועגן די ספּעציפישע אויפגאַבן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. „הגם איך האָב צו דער אָרגאַניזאַציע נאָך נישט געהערט, האָט מען מיך אויך איינגעלאַדן אַלס אַ מענטש, וועלכן מ׳האָט געוואָלט וואָס גיכער צוציען צו דער פּראַקטישער אַרבעט און דערוועקן ביי אים דעם חשק אַריינצוטרעטן אין די אָרגאַניזאַציע. דעם רעפעראַט האָט געהאַלטן מאַרטאָוו״[4]).

(לויט וולאַדימירס אייגענע ווערטער קומט אויס, אַז קיין ווילנע איז ער געקומען ערשט אָנהייב 1895 און פון דעמאָלט אָן דאַטירט זיך זיין טעטיקייט אין דער ווילנער באַוועגונג. לויט דזשאַן מיללען איז דאָס גאָר געווען אין אָנהייב 1894. מילל דערציילט וועגן קאָסאָווסקיס אַ רעדע אויף אַ קאָנפערענץ פון ווילנער טוער שוין אין 1894).

אין אָט דעם באַגינען פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט חבר וולאַדימיר באַלד פאַרנומען אַ חשוב אָרט, הגם ער האָט שוין דעמאָלט געטראָפן אַ ריי ערנסטע און אָנערקענטע טוער, וועלכע זיינען געווען טעטיק אין ווילנע במשך פון יאָרן. וועגן יענע מענטשן, כאָטש ער זוכט זיי ניט צו אידעאַליזירן— דאָס איז נישט געווען אין זיין טבע — און ווייזט אָן אויך אויף חסרונות און קליינלעכקייטן, זאָגט דאָך דער שטרענגער שופט וולאַדימיר גופא: מען מוז „מודה זיין, אַז דער באַגינען פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט אָנגעטראָפן אויף אַ דור טוערס, אין וועלכע דאָס קליינלעכע איז געווען אַ סך שוואַכער ווי בדרך־כלל. די אַטמאָספער פון אומלעגאַלער אַרבעט, און בפרט די שבתדיקייט פון דער אַרבעט אין פאַרבאָרגענע קעלערן אין אָנהייב פון דער באַוועגונג, איז אַ סך ווינציקער גינציק אויסצוהאָדעווען אין מענטשן דאָס קליינלעכע, איידער די וואָכעדיקייט פון דער אַרבעט אויף אַן אָפענער לעגאַלער סצענע פּנים אל פּנים מיט מחנות, וואָס וועקן דעם באַגער צו געפעלן. די מאַכט פון דעם דאָזיקן נסיון האָבן די פּיאָנערן פון אונזער באַוועגונג כמעט נישט געפילט, בפרט אַז דער ערשטער יוגנטלעכער ברען, דער הייסער גלויבן אין זייער שליחות און די ברייטע באַגייסטערנדיקע פּערספּעקטיוון האָבן אויסגעלייטערט מענטשן און געשטערט, אַז דאָס קליינלעכע אין זייער פּסיכיק זאָל זיך פונאַנדערוואַקסן״[5]).

צווישן אַזעלכע מענטשן האָט קאָסאָווסקי גיך זיך אַרויסגערוקט אויפן אויבנאָן. נישט ווייל ער האָט זיך אַליין געריסן צו דער פּאָזיציע. פאַרקערט, ער איז כל־ימיו געווען אַן עניו. ווען נישט זיין עניוות, וואָלט ער אָן ספק געווען געשפּילט אַ מער דעצידירנדיקע ראָל אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. סך־הכל עטלעכע חדשים נאָך זיין קומען קיין ווילנע זעען מיר אים שוין אין צענטער פון דער באַוועגונג. מ׳הערט זיך צו צו זיין וואָרט, ער העלפט פאַנאַנדערקלייבן זיך אין שווערע, פאַרפּלאָנטערטע פראַגן.

אין שייכות מיט דעם איז אינטערעסאַנט זיין ראָל אויף דער קאָנפערענץ,

וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אויגוסט 1894 אין ווילנע. אין איר האָבן זיך באַטייליקט די וויכטיקסטע טוער: אַרקאַדי קרעמער, פּאַטי, ליובע לעווינסאָן־אייזענשטאַט, אברהם מוטניק, דזשאָן מילל, ל. מאַרטאָוו, דר. ליאַכאָווסקי, מאַקס טאָביאַש, לעאָן גאָלדמאַן, שמואל גאָזשאַנסקי, סאָלאָמאָן מענאַקער, וולאַדימיר קאָסאָווסקי און איניקע אַנדערע. די קאָנפערענץ האָט געדויערט צוויי האַלבע טעג. באַשעפטיקט האָט מען זיך מיט פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן. דעם אויבנאָן האָט אָבער פאַרנומען די יידישע פראַגע. רעפערירט די פראַגע האָט ד״ר יעקב ליאַכאָווסקי. דער גרונט־געדאַנק פון דעם רעפעראַט איז געווען: די יידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד ליידן נישט בלויז ווי אַרבעטער נאָר אויך ווי יידן. דעריבער מוז מען אין דער אַגיטאַציע שטאַרק באַטאָנען דעם ענין פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און צוזאַמען מיט דעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאַמף אויך קעמפן פאַר בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג. איינע פון די נאָנטסטע אויפגאַבעס דאַרף זיין אַן ענגערע פאַרבינדונג און צוזאַמענאַרבעט מיט די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין אַנדערע שטעט.

דער דאָזיקער רעפעראַט, וואָס האָט אַנטהאַלטן קערנדלעך פון שפּעטער־דיקן בונדיזם, האָט אויסגעדריקט די מיינונג פון כמעט אַלע אָנטיילנעמער. בלויז איינער איז אַרויסגעטרעטן קעגן. דאָס איז געווען לייב (לעאָן) גאָלדמאַן (אַ ברודער פון מאַרק ליבער, שפּעטער איז לעאָן געווען אַ דעלעגאַט אויפן גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון בונד). ווי עס דערציילט דזשאָן (יוסף) מילל אין זיינע זכרונות, „איז מען אין קיין גרויסע וויכוחים מיט אים נישט אַריינגע־טרעטן". אָבער אויף דער קאָנפערענץ „איז געזעסן איינער פון די אָנטיילנעמער מיט אַן אומעטיקן, כמעט בייזן פּנים און האָט מיט גרויס ערנסט זיך צוגעהערט צו די דעבאַטן, ער האָט גענומען אַ וואָרט בלויז צום סוף פון דער קאָנפערענץ. דאָס איז געווען וולאַדימיר קאָסאָווסקי". און ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט גאָלדמאַנען געענטפערט. „אפשר דערפאַר — זאָגט מילל — ווייל קאָסאָווסקיס ענטפער האָט אַלעמען באַפרידיקט. קאָסאָווסקי האָט געגעבן אַ גלענצנדיקן איבערבליק פון די פאָרגעלייגטע טעזן און האָט געמאַכט די נויטיקע קאָמענטאַרן צו זיי. ער האָט אָנגעוויזן וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַר אונזער וויטערדיקער אַרבעט זיי וועלן האָבן און וואָס פאַר אַ ניי לעבן זיי וועלן אַריינברענגען אין אונזערע רייען. קיין מאָל שפּעטער האָב איך נישט געהערט וולאַדימירן ריידן מיט אַזוי פיל פייער און מיט אַזאַ איבערצייגנדיקער קראַפט. איך האַלט, אַז יענע קאָנפערענץ האָט אַרויסגערוקט קאָסאָווסקין אין די פאָדערשטע רייען און געהאָלפן צו מאַכן פון אים אַן אויטאָריטעטן וואָרטזאָגער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג"[6].

ווי די גרויסע מערהייט פּיאָנערן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַ־וועגונג אין רוסלאַנד, האָט אויך קאָסאָווסקי אָנגעהויבן אַלס נאַראָדאָוואָלעץ און איז שפּעטער אַריבער אויף דער פּאָזיציע פון מאַרקסיזם. אין 1895 איז דער איבערגאַנג שוין געווען פאַרענדיקט. אָנגעהויבן זיין סאָציאַליסטישן וועג אַלס אָנטיילנעמער פון נאַציאָנאַל־געמישטע גרופּן אָן שום פאַרבינדונג מיט דער יידישער אַרבעטערשאַפט, האָט ער נאָך זיין קומען קיין ווילנע זיך געשטעלט צו איר דינסט און געמאַכט פון דעם אַלע נויטיקע אויספירן. דער ווערטער־דועל

צווישן קאָסאָווסקין און גאָלדמאַנען אויף דער דערמאָנטער קאָנפערענץ האָט סיגנאַליזירט די ריכטונגען, אין וועלכע די ביידע מענטשן—און ניט בלויז זיי אַליין, נאָר גאַנצע שיכטן אַרבעטער־טוער פון דער יידישער גאַס — וועלן גיין במשך זייער ווייטערדיקן לעבן: בלייבן מיט די יידישע אַרבעטער אָדער פאַרלאָזן זיי. דער ערשטער איז 44 יאָר געווען אין פולן זין פון וואָרט אַ וועג־ווייזער פון בונד, דער צווייטער איז אַ קורצע צייט נאָכן גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון דער יידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אַוועק און איז געוואָרן אַ וויכטיקער טוער פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פאַרטיי.

די פאַרבינדונג מיט די אַנדערע שטעט, וועגן וועלכע מ׳האָט גערעדט אויף דער קאָנפערענץ, האָט די ווילנער גרופע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן איינ־געשטעלט. נאָך מער: זי האָט דעם רוב פון אירע בעסטע טוער צעשיקט אין פאַרשיידענע שטעט, כדי העלפן אויפבויען און אָנפירן די אָרטיקע באַוועגונג. און אַ טייל פון זיי זיינען דאָרטן אַרעסטירט געוואָרן (1896). פון דער גרופע טוער, וואָס זיינען געבליבן אין ווילנע, האָבן זיך אַרויסגערוקט אויפן סאַמע שפּיץ דריי: אַרקאַדי קרעמער, וולאַדימיר קאָסאָווסקי און אברהם מוטניק. נישט בלויז האָבן זיי געהאַלטן די אָרגאַניזאַציאָנעלע פעדים, נאָר אויך געהאַט דעם נויטיקן אויטאָריטעט פאַר דער באַוועגונג, וואָס איז כסדר געוואַקסן. אָנהויב 1897 האָט די ווילנער אָרגאַניזאַציע שוין געציילט די אימפּאָזאַנטע ציפער פון בערך פופצן הונדערט מיטגלידער. אַן עכטע מאַסן־באַוועגונג.

דער קאָמיטעט, אָדער דער „קדשי־קדשים״, ווי מ׳האָט אים גערופן לשם קאָנספּיראַציע, האָט פאַרמאָגט מער מיטגלידער, אָבער דער פריער־דערמאָנטער דריילינג איז געווען דער אמתער קאָפּ פון דער אָרגאַניזאַציע. אַ מיטגליד פון דעמאָלסטיקן ווילנער קאָמיטעט (הלל כץ בלום) כאַראַקטעריזירט אַזוי דעם דריילינג: „אויב אַלעקסאַנדער (אַרקאַדי קרעמער) איז געווען דער אָרגאַניזאַ־טאָר, דער ׳באַוועגער פון אַלע באַוועגונגען׳, ווי מיר פלעגן אים אַמאָל כאַראַק־טעריזירן, איז א. יב גלעב (אברהם מוטניק) איז געווען דער פראַקטישער דורכ־פירער פון דער אַרבעט, איז וולאַדימיר קאָסאָווסקי געווען די אינעוויינִיקסטע קראַפט, וואָס האָט דורכגעפירט די אַלע אויפגאַבעס״[ז]).

דערציילנדיק וועגן די דיסקוסיע־פאַרזאַמלונגען פון די טוער — אַגיטאַ־טאָרן און פאָרשטייער פון די פאַכן — זאָגט הלל כץ בלום: „קיין פּראָטאָקאָל־ביכער האָט מען, פאַרשטייט זיך, נישט געפירט. עס פלעגט אַמאָל טרעפן, אַז מען האָט זיך נישט געקאָנט צוזאַמענקומען צוויי־דריי וואָכן, און איך פלעג באַוואונדערן ווי וולאַדימיר (קאָסאָווסקי), מיט וועמען איך בין געווען אין דער זעלביקער גרופּע, פלעגט איבערגעבן גענוי אַלץ, וואָס מען האָט אויף די פאַר־זאַמלונגען גערעדט, ווער עס האָט געמאַכט די אָדער יענע באַמערקונג, מיט אַלע פּרטים, אַזוי ווי פון אַ בוך אַרויסגעלייענט״[א׳]).

פון דער טעטיקייט ערב דער גרינדונג פון בונד וועלן מיר דאָ דערמאָנען באַזונדערס די פּובליציסטישע. ווייל אויף דעם געביט זיינען קאָסאָווסקיס בלייבנדיקע הויפּט־פאַרדינסטן. זיינע אַרטיקלען און רעפעראַטן זיינען אין כתב־יד אָדער העקטאָגראַפירטע געלייענט געוואָרן פון די באַוואוסטזיניקע יידישע אַרבעטער נאָך איידער ס׳איז אויפגעקומען אַן אייגענע יידיש־סאָציאַ־





װ. קאָסאָווסקי — אין די מיטעלע
און עלטערע יאָרן.

ליסטישע פרעסע. אין דעצעמבער 1896 האָבן די ווילנער אָנגעהויבן אַרויסגעבן זייער ערשטן געדרוקטן אָרגאַן דער אידישער אַרבייטער. געדרוקט האָט מען אים אין אויסלאַנד, די רעדאַקציע איז אָבער געווען אין ווילנע. דעם ווייט־גרעסטן טייל פון די ערשטע נומערן האָט וולאַדימיר אַליין אָנגעשריבן. ביז דעם נומער 6 האָט ער זיי צוזאַמענגעשטעלט. באַלד אין ערשטן נומער—אין די אַרטיקלען פון דער רעדאַקציע און צו די לעזער — ווערן פאָרמולירט אייניקע גרונט־געדאַנקען פון בונדיזם. צווישן אַנדערן ווערט אין ערשטן אַרטיקל גע־זאָגט, אַז די צייטונג ווערט אַרויסגעגעבן אויך צוליב דעם, כדי מיטצוהעלפן צו „דער גרינדונג פון אַ יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל קענען ווערן אַ טייל פון דער צוקונפטיקער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פאַרטיי אין רוסלאַנד”. אין צווייטן אַרטיקל ווערט געגעבן אַ כאַראַק־טעריסטיק פון דעם מצב פון די יידישע אַרבעטער, פון דעם קאַמף וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן, און פון די צילן וואָס זיי שטעלן זיך. ס׳ווערט אָנגעוויזן, אַז דער וועג פון יידישן אַרבעטער איז נישט דער וועג פון דער יידישער בורזשואַזיע, ווייל „דער קאַפּיטאַליזם האָט צעשפּאָלטן די יידישע נאַציע אויף צוויי פיינטלעכע קלאַסן”. אויסער אַלגעמיינע פּאָליטישע פאָדערונגען, ווי אַראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג און אַנדערע, ווערט אויך אַרויסגערוקט די ספּעציעלע יידישע פאָדערונג פון בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג. ס׳ווערט ד׳ערביי געזאָגט: „דער

מער אַנטוויקלטער און באַוואוסטזיניקער טייל פון יידישן פּראָלעטאַריאַט רעכנט פאַר ריכטיק אַרויסצושטעלן די פאָדערונג דערפאַר, ווייל ער איז איבערצייגט, אַז יעדע איינציקע געזעלשאַפטלעכע גרופּע, וועלכע וויל ווירקלעך זיך דערשלאָגן צו דעם ציל, וואָס זי שטעלט זיך, מוז ראשית חכמה האָפן אויף די אייגענע קרעפטן און נישט פאַרלאָזן זיך אויף דער גוטסקייט, פרומקייט, אָרנטלעכקייט און פּאָליטישן טאַקט פון אַנדערע גרופּעס, אַז יענע וועלן שוין פאַרזאָרגן מיט אַלץ וואָס מען דאַרף".

פון קאָסאָווסקיס פעדער זיינען געקומען די ערשטע בונדיסטישע פאָרמו־לירונגען וועגן די אויפגאַבן פון די יידישע אַרבעטער נאָך איידער דער בונד איז פאָרמעל געשאַפן געוואָרן. דער אינהאַלט פון די ערשטע נומערן דער אידישער אַרבייטער (1, 2—3 און 4—5) — באַזונדערס די קאָרעספּאָנדענציעס פון די ערטער — ווייזט בולט, אַז די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז שוין ערב בונד געווען אַ לעבעדיקער פאַקט. די גרינדונג פון בונד האָט פאַרבונדן די צעשאָטענע גלידער אויף די באַזונדערע ערטער אין איין גאַנצן אָרגאַניזם און אַרויסגעפירט דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס אויף דער היסטאָרישער אַרענע, ווי אַ ווירקזאַמען רעוואָלוציאָנערן כוח. קאָסאָווסקי איז געווען צווישן די הויפּט־אַקושערן פון דער דאָזיקער היסטאָרישער געבורט.

### 3. אויפקום און פאָרמירונג פון בונד

וולאַדימיר קאָסאָווסקי האָט קיינמאָל נישט געפירט קיין פאַמיליע־לעבן. זיין פאַמיליע איז געווען די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, זיין היים — דער בונד. ווי אַ פּריסטער אין צעליבאַטישקייט, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון צוזאַמענלעבן מיט אַ זיווג, ווייל מיט אַלע זיינע חושים דאַרף ער געהערן דער גאָטהייט, אַזוי האָט אויך וולאַדימיר נישט געהאַט קיין אַנדער לעבן מחוץ דער באַוועגונג, וועמען ער האָט אַוועקגעשענקט אַלע זיינע געדאַנקען און געפילן. פּריוואַט האָט ער געלעבט אין טיפער איינזאַמקייט, געזעלשאַפטלעך — מיט דער קעמפנדיקער יידישער אַרבעטערשאַפט. אויב ביז הערבסט 1897 איז געווען די צייט פון באַקענען און דערנענטערן זיך, פון ליב באַקומען און געבן זיך דאָס וואָרט — דער חתן־כלה־פּעריאָד — איז מיט דער גרינדונג פון בונד געקומען די פעסטע, אומצערייסבאַרע פאַרבינדונג.

אין דער גרינדונג און פאָרמירונג פון בונד האָט קאָסאָווסקי געהאַט א באַדייטנדיקן חלק. אין דער צוגרייטונג, פּראָקלאַמירונג און ווייטערדיקער גע־שטאַלטונג. אין די קרוב 4 יאָר ערב דער גרינדונג, וואָס ער איז געווען אַקטיוו אין ווילנע, האָט ער געהאָלפן קלאָר מאַכן די באַדערפעניש פון בונד און שאַפן דעם דראַנג צו אים. ער איז געווען צווישן די דרייצן דעלעגאַטן אויפן גרינדונג־צוזאַמענפאָר (איינער פון די ווילנער פאָרשטייער). אינם ערשטן צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס דער גרינדונג־צוזאַמענפאָר האָט אויסגעקליבן, איז אויך וולאַדימיר געווען (די אַנדערע צוויי מיטגלידער זיינען געווען אַרקאַדי קרעמער און אברהם מוטניק).

די חדשים נאָך דעם גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון בונד זיינען געווען פול

מיט אַנגעשטרענגטער אַרבעט און היסטאָרישע אויפטוען. ווי איינער פון די דריי פון צענטראַל־קאָמיטעט, איז אויף קאָסאָווסקין אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ גרויסע פליכט און שווערע לאַסט. צוליב די אַרעסטן אין ווילנע איז דער צ. ק. באַלד אַריבער אין מינסק. עטלעכע חדשים איז חבר וולאַדימיר נאָך פאַרבליבן אין ווילנע צוליב דער טובה פון דער ווילנער אָרגאַניזאַציע און צוליב דער נויטיקייט דאָרטן צו דערלייזיקן געוויסע ענינים פון צ. ק.. אין מערץ 1898 איז אויך דער דריטער מיטגליד פון דער צענטראַלער אַנפירונג אַריבער קיין מינסק. דענסטמאָל איז מוטניק אַוועק קיין לאָדזש און אין מינסק זיינען געבליבן די אַנדערע צוויי.



דאָס הויז, וואו ס׳איז פאָרגעקומען דער גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון בונד.

אַהין האָט מען אויך אַריבערגעפירט די צענטראַלע געהיימע דרוקעריי, און פון דאָרטן זי ווייטער געפירט קיין באַברויסק, וואו מ׳האָט געדרוקט די „אַרבייטער שטימע", בראָשורן און אַנדערע אויסגאַבעס. וולאַדימיר, וועלכער איז באַלד נאָכן ערשטן נומער געוואָרן אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע פון דער נאָר־וואָס דערמאָנטער אונטערערדישער צייטונג, האָט איצט, נאָך דעם ווי דער גרינדונג־צוזאַמענפאָר האָט זי דערקלערט פאַרן צענטראַל־אָרגאַן פון בונד, געמוזט זיין נישט בלויז איר רעדאַקטאָר, נאָר דעם וויכטיקסטן טייל אויך אַליין אויספילן. אַחוץ דעם איז געווען נאָך אַ מאַסע אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעטן. לאָמיר הערן וואָס עס זאָגט וועגן זיך אין יענער צייט קאָסאָווסקי:

„אַ מיטגליד פון צ. ק. איז ביי די באַדינגונגען פון יענער צייט געווען דאָס וואָס די פראַנצויזן און דייטשן רופן ‚אַ דינסט־מיידל פאַר אַלץ'. מען האָט געשריבן אַרטיקלען, בראָשורן, פּראָקלאַמאַציעס, געפינטלט אין צייטונגען און ביכער (אַזוי האָט מען בדרך־כלל געפירט די שיפרירטע קאָרעספּאָנדענץ), געהאַט עסקים מיט קאָנטראַבאַנדיסטן, צוגעשטעלט ליטעראַטור ‚אייגענע' און ‚פרעמדע'

אָרגאַניזאַציעס, געטראָגן און געפירט אויף זיך אומלעגאַלע געדרוקטע זאַכן און שריפט, געהאַט די פאַרשיידנסטע זעאונגען א. אַ. וו. צו אַלע צרות האָט מען נאָך געמוזט פטרן זעקס און מער שעה אַ טאָג אויף צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט, וואָרעם דער מין ׳פונקציאָנאַרן׳, וואָס באַקומען געהאַלט פון דער פּאַרטיי־קאַסע, איז נאָך דענסטמאָל נישט געווען. יעדערער, פון ׳גרויס׳ ביז ׳קליין׳, פון גענעראַל ביזן קלענסטן אָפיציר און אַגיטאַטאָר, האָט געמוזט אַליין זיך אויסהאַלטן״...
„אַחוץ דעם איז די פּערזענלעכע שטימונג נאָך געווען אַ שלעכטע. דער צענטר האָט געהאַט אויף זיך געוואַלטיקע פּרינציפּיעלע און טאַקטישע אויפגאַבעס: מען האָט געמוזט אויפקלערן די ספּעציעלע פאָדערונגען פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, דורכפירנדיק אַ שאַרף פּרינציפּיעלע גרענעץ צווישן בונד און דעם בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם אויף דער יידישער גאַס, און איינשטעלן אַ קלאָרע באַציאונג צו דער האַרבער פּראַגע וועגן ׳בירגערלעכער׳ און ׳נאַציאָנאַלער׳ גלייכבאַרעכטיקונג. מען האָט געמוזט פאַרפירן אַ קאַמפּאַניע קעגן פּ. פּ. ס. און אַרויסרייסן פון אונטער איר השפעה די יידישע אַרבעטער, וועלכע זי האָט געפירט אין אירע ״יידישע סעקציעס׳. דער קאַמף איז געווען נישט קיין לייכטער שוין דערפאַר אַליין, וואָס די פּ. פּ. ס. איז געפאַלן אויף אַ טייוולאָנישער המצאה צו באַשולדיקן דעם בונד אין פירן אַ רוסיפיקאַטאָרישע פּאָליטיק צוגלייך מיט די צאַרישע סאַטראַפּן און די פּעדאַגאָגן אין די רוסישע שולן. ווייטער האָט מען געמוזט מער אַרויסרוקן דעם פּאָליטישן מאָמענט פון קאַמף, נישט אַרויסלאָזנדיק אין דער זעלבער צייט פון אויג די ריכטיקע שייכות צווישן פּאָליטיק און עקאָנאָמיק אין דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג און אויסמיידנדיק יעדער באַרירונג מיטן פּאָליטישן אַוואַנטוריזם. איך נעם דאָ נאָר די קאַרדינאַלע פּראַגעס און לאָז אין אַ זייט די קלענערע און ווייניקער וויכטיקע פּראַגעס. היינט זיינען דאָס שוין בעצם קיין פּראַגעס נישט, זיי געהערן צום גייסטיקן באַגאַזש פון אַ דורכשניטלעכן ׳פּאַרטיי־פונקציאָנאַר׳, ווי די באַגריפן: געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, קלאַסנקאַמף וכדומה. אָבער דעמאָלט זיינען דאָס געווען נייע און שווערע פּראָבלעמען. דער צ. ק. האָט געטאָן וואָס ס׳איז מעגלעך געווען, כדי אויפצוקלערן די דאָזיקע פּראַגעס. אָבער אויף די ערטער איז מען פון זיין אַרבעט נישט געווען צופרידן. פון אַלע זייטן פלעגט מען קומען מיט טענות״[8]).

פאַרשטייט זיך, אַז נאָך מער אומצופרידן מיט דער אַרבעט פון צ. ק. איז געווען אַן אַנדערער צד — די צאַרישע רעגירונג... זי האָט זיך פאַרמאָסטן אים צו פאַרניכטן, אָבער כאַפּן אים האָט זי נישט געקענט. איר צו הילף איז אונטערגעקומען אַ געשעעניש, וואָס דער בונד האָט גורם געווען — די גרינדונג פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. דער צ. ק. פון בונד האָט אָרגאַניזירט אין זיין רעזידענץ, אין מינסק, דעם ערשטן צוזאַמענפאָר, אויף וועלכן ס׳איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די רוסלענדער ס. ד. אַרבעטער־פּאַרטיי. (פאָרגעקומען דעם 28 פעברואַר — 1 מערץ 1898). די דעלעגאַטן, וואָס זיינען געקומען פון די רוסישע שטעט — קיעוו, מאָסקווע, יעקאַטערינאָסלאַוו — האָבן מיטגעשלעפּט צאַרישע שפּיאָנען. דאָס זיינען געווען ספּעציעלע פּאָליציי־אַגענטן, וואָס דער מאָסקווער אָכראַנע־שעף זובאַטאָוו האָט ספּעציעל פאַנאַנדערגעשיקט אין פאַרשיידענע שטעט אויפצודעקן און פאַרניכטן די געהיימע

סאָציאַליסטישע באַוועגונג. מחמת דעם דאָזיקן צוזאַמענפֿאָר האָבן די אָכראַניקעס באַקומען אַ מעגלעכקייט צו באַאָבאַכטן אויך די מיטגלידער פון בונדישן צ. ק. (פון בונד זיינען געווען אויפן צוזאַמענפאָר אַרקאַדי קרעמער און אברהם מוטניק).

די צאַרישע רעגירונג האָט שטאַרק געוואָלט געבן דעם בונד אַ טויט־קלאַפּ. דער מאָטיוו איז אַ קלאָרער: „די רעוואָלוציאָניזירנדיקע ווירקונג פון בונד אויפן גאַנצן ראַיאָן, וואו ער האָט געאַרבעט, און איבער די גרענעצן פון דעם דאָזיקן ראַיאָן אויף דער באַוועגונג צווישן די רוסישע אַרבעטער אין ׳היילקן רוסלאַנד׳ ממש, דערצו נאָך די דירעקטע הילף דער דאָזיקער באַוועגונג — דאָס איז עס, וואָס ס׳האָט ספּעציעל געררייצט און באַאומרואיקט די צאַרישע מאַכט־האָבער״ [9].

זובאַטאָוו האָט פאַרפליצט מיט זיינע אַגענטן די שטעט, וואו עס זיינען געווען טעטיק רוסישע ס. ד. אָרגאַניזאַציעס. נאָכן מינסקער צוזאַמענפאָר האָט ער זיינע אַגענטן אויך פאַרשפּרייט אין די שטעט, וואו עס איז געווען טעטיק דער בונד. באַזונדערס האָבן זיי זיך פאַרליגט צו כאַפּן דעם צ. ק. און די געהיימע דרוקעריי. דאָס איז זיי סוף־כל־סוף געלונגען. זיי האָבן אַרעסטירט בערך 500 טוער און מיטגלידער פון די רוסישע אָרגאַניזאַציעס און איבער זיבעציק בונדיסטן אין אַ ריי שטעט — פון מינסק ביז לאָדזש. עס איז אויך פאַרכאַפּט געוואָרן די דרוקעריי אין באַברויסק, וואו עס איז שוין געווען פאַרטיק דער נומער 9 — 10 פון דיא אַרבייטער שטיממע. די מיטגלידער פון צ. ק. האָבן געזען, ווי דער רינג אַרום זיי שליסט זיך, זיי האָבן באַשלאָסן אַוועקצוגיין פון מינסק און צונעמען די דרוקעריי פון באָברויסק. מ׳האָט עס שוין אָנגעהויבן צו טון, אָבער פאַרענדיקן עס האָט מען שוין נישט געקענט.

אין דער נאַכט פון 25 אויפן 26 יולי 1898 האָט מען אויך וולאַדימירן אַרעסטירט. מ׳האָט דורכגעפירט אין גאַנצן הויז אַ שטרענגע רעוויזיע. מ׳האָט גאָרנישט געפונען, ווייל אין שלאָף האָט ער דערהערט, אַז זיי קומען און באַוויזן אַראָפּצושלינגען אַ פּאַפּיר מיט פאַרשיפרירטע אַדרעסן. אַנדערע מאַטעריאַלן, צווישן זיי אַ צוגעגרייטן נומער 11 פון דיא אַרבייטער שטיממע, האָט ער, ווי זיין שטייגער איז געווען, געהאַלטן פאַרשטעקט אין גרויסן הויף, אין אַ לאָך פון אַ מיסט־קאַסטן. און עס איז זיי נישט איינגעפאַלן דאָרטן צו זוכן. אין דער פרי האָט מען קאָסאָווסקין איינגעזעצט אין צוג און גלייך אַוועקגעפירט קיין מאָסקווע.

דעם אַרעסט פון די בונדישע טוער האָט די צאַרישע רעגירונג באַטראַכט פאַר אַ באַדייטנדיקע געשעעניש. דעם צאַר ניקאָליי אַליין איז באַלד צוגעשטעלט געוואָרן אַ גענויער באַריכט וועגן דער „ליקווידאַציע״ פון בונד. הויכע באַאַמטע מיטן מאָסקווער מיליטערישן קאָמענדאַנט בראש זיינען געקומען אויפן וואָקזאַל אָפּוואַרטן און מיט אייגענע אויגן זען די געברעגטע בונדיסטן. דער יוסטיץ־מיניסטער מוראַוויאָוו איז ספּעציעל געקומען פון פעטערבורג אָנקוקן מיט איי־גענע אויגן די אַרעסטירטע אין מאָסקווער טורמע. פאַרשטייט זיך, אַז דער הויפּט־מחותן אויף דער שמחה איז געווען דער מאָסקווער אָכראַנע־שעף זו־באַטאָוו, וועלכער האָט די „ליקווידאַציע״ אָרגאַניזירט. ער האָט די אַרעסטירטע

איינעם נאָכן אַנדערן אַרויסגערופן צו זיך און מיט זיי געהאַט לאַנגע געשפּרעכן. אויך מיט קאָסאָווסקין האָט ער געהאַט אַזאַ שמועס און אים דערציילט אַלץ, וואָס ער ווייסט וועגן זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט.

איבער 20 חדשים איז קאָסאָווסקי געזעסן אין מאָסקווער טורמע. דעם 8 אַפּריל 1900 האָט מען אים צוזאַמען מיט אַרקאַדי קרעמער אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי ביז אַן אורטייל. ער איז אַוועק אין ווילנע, וואו ער איז געווען אונטער פּאָליציי־השגחה. דעם 6 אויגוסט פון זעלבן יאָר איז ער צ־זאַמען מיט קרעמערן אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי קאַפּיטל אין זיין לעבן.

## 4. אויסלאַנד

די צאַרישע רעגירונג האָט געמאַכט אַ טעות אין חשבון. זובאַטאָווס קלאַפּ פון 1898 האָט, וואָס אַן אמת, שטאַרק געטראָפן דעם ניי־אַנטשטאַנענעם בונד, אָבער אומברענגען אים האָט ער ניט געקענט. ס׳האָבן זיך באַלד אַרויסגערוקט אַנדערע טוער, די לידיק־געוואָרענע פּלעצער זיינען אויסגעפּילט געוואָרן. בעת אַזוי פיל וויכטיקע טוער זיינען געזעסן אין מאָסקווער און אַנדערע טורמעס, זיינען דערוויל פאָרגעקומען דער צווייטער און דער דריטער צוזאַמענפאָר פון בונד. פאַר דער צייט איז אויך געשאַפן געוואָרן דער אויסלענדישער קאָמיטעט מיט זיין זיץ־אָרט אין זשענעוו און מיט אַ נעץ בונדישע גרופּעס אין אַ ריי שטעט פון צענטראַל־און מערב־אייראָפּע. דער גרויסער אַרעסט פון יולי 1898 האָט טאַקע גורם געווען, אַז דזשאַן מילל זאָל גרינדן דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד, וואָס האָט אָנגעהויבן פירן אַ טעטיקייט אין חודש דעצעמבער פון זעלבן יאָר. נאָכן קומען פון רוסלאַנד איז קאָסאָווסקי באַלד געוואָרן אַ מיטגליד פון אויסלענדישן קאָמיטעט (אויך די אַנדערע צוויי מיטגלידער פון ערשטן צ. ק. — קרעמער און מוטניק — זיינען אַריין אין דעם קאָמיטעט). אין משך פון די ווייטערדיקע 5 יאָר, ביז זיין אומקערן זיך קיין רוסלאַנד, איז קאָסאָווסקי געווען דער וויכטיקסטער פּובליציסט און טעאָרעטיקער פון בונד. במשך פון דער צייט האָט ער רעדאַגירט אַ ריי בונדישע אויסגאַבעס, אַ סך אַליין געשריבן, פאָרמולירט די בונדישע שטעלונג צו אַ ריי וויכטיקע פראַגן, געפירט אַ העפּ־טיקע פּאָלעמיק מיט די קעגנער פון בונד און זיך באַטייליקט אין אַ ריי קאָנפע־רענצן און צוזאַמענפאָרן. דאָס איז געווען אַ צייט, ווען די יונגע יידישע אַרבע־טער־באַוועגונג האָט געדאַרפט פאַרנעמען אַ פּרינציפּיעלע שטעלונג צו די וויכטיקסטע פראַגן פון יידישן לעבן און פון פּראָלעטאַרישן קאַמף. נישט בלויז אַ פּראַקטישן ענטפער האָט מען געדאַרפט געבן, נאָר אויך אַ טעאָרעטישע באַגרינדונג. דעם ערשטן אָרט אויף דעם געביט האָט פאַרנומען חבר וולאַדימיר. זיין ערנסטקייט, וויסן און צוגרייטונג, זיין פעאיקייט צו זען יעדעס פּראָבלעם אָדער געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג פון אַלע זייטן, זיין אַבסאָלוטע ערלעכקייט און טריישאַפט צו די סאָציאַליסטישע פּרינציפּן, זיין קלאָרע שפּראַך — דאָס אַלץ האָט אים דעמאָלט עטאַבלירט ווי דעם וויכטיקסטן בונדישן וואָרט־זאָגער.

שוין ביז זיין אַרעסט אין יולי 1898 איז ער געווען דער רעדאַקטאָר נישט בלויז פון זשורנאַל דער אידישער אַרבייטער (געדרוקט אין אויסלאַנד) און פון צענטראַל־אָרגאַן די אַרבייטער שטימע (געדרוקט געהיים אין רוסלאַנד), נאָר

אויך פון די אַרטיקעו און צענטראַלע אויפרופן, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אין דער בונדישער אונטערערדישער הויפט־דרוקעריי אין באָברויסק אָדער אין דער קלענערער אין מינסק. נאָכן געצוואונגענעם איבעררייס אין מאָסקווער טורמע, האָט וולאַדימיר ווידער באַנייט זיין שרייבערישע און רעדאַקטאָרישע אַרבעט. קודם דער אידישער אַרבייטער. פון נומער 6 אָן האָט די צייטשריפט רעדאַגירט דזשאַן מילל. פון נומער 11 האָבן קאָסאָווסקי און קרעמער איבער־גענומען די רעדאַקציע. די שרייבערישע אַרבעט האָט בעיקר געטון דער ער־שטער. אויך אַלע אַנדערע אויסגאַבעס פון אויסלענדישן קאָמיטעט זיינען געווען אונטער זייער רעדאַקציע, ווי פּאָסליעדניאַ איזוויעסטיאַ, וויעסטניק בונדאַ, פאַר־שיידענע בראָשורן און אויפרופן—די הויפּט־אַרטיקלען זיינען אַרויס פון קאָ־סאָווסקיס פעדער. ווען דער בונד איז אַרויס פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דע־מאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (1903) און ס׳האָט אַרום דעם זיך אַנטוויקלט אַ שאַרפע פּאָלעמיק, איז די הויפּט־לאַסט פון פאַרטיידיקן די בונדישע פּאָזיציע ווידער געלעגן אויף אים.

דער וואָרט־זאָגער פון דער רעוואָלוציאָנערער יידישער אַרבעטערשאַפט האָט אין אויסלאַנד געפירט אַ זייער אָרעם לעבן. כאָטש ער האָט זיין גאַנצע צייט און ענערגיע, זיינע אָנשטרענגונגען און שאַפונגען אַוועקגעגעבן דעם בונד, האָט ער קיין לוין פאַר דעם נישט געוואָלט נעמען. געלעבט האָט ער פון די 25 רובל אַ חודש, וואָס זיין ברודער פלעגט אים רעגולער צושיקן. (די מוטער אסתר האָט דערגרייכט אַ הויכע עלטער און ביז פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ — אין יידיש — מיט איר „ליבן זון נאָום”). ער האָט טאַקע געפירט אַ קבצניש לעבן. די צייט אין אויסלאַנד האָט ער פאַר־ברענגט אין זשענעוו, בערן און אין לאָנדאָן (אין לאָנדאָנער ווייטשעפּל האָט ער געלעבט צוזאַמען מיט קרעמערן אין די יאָרן 3־1901). פּאַטי, קרעמערס פרוי, וועלכע איז זומער 1902 אַנטלאָפן פון איר פאַרשיקונגס־אָרט קיין לאָנדאָן, דער־ציילט אין אירע זכרונות אין וואָס פאַר אַ נעבעכדיקן מעמד זי האָט געטראָפן איר מאַן און זיין נאָענטן פריינט און מיטאַרבעטער — וולאַדימירן. ווען זי האָט אָנגעקוקט זייערע מלבושים, אויסגעמאָגערטקייט און דעם קלאָגעדיקן צימער, האָט זי מיט פאַרוואונדערונג געפרעגט דעם מאַן: „— צי דען האָסטו זיך פון די 40 רובל אַ חודש, וואָס איך האָב דיר געשיקט, נישט געקענט פאַרגינען כאָטש אַ מענטשלעכן אָפּרו? ער האָט מיך אָנגעקוקט פרעמד: — וועגן וואָס פאַר אַ 40 רובל רעדסטו? — איך האָב דאָך געשיקט צו דזשאַנען יעדן חודש 40 רובל פאַר דיר צום לעבן! — איך האָב דאָס געלט נישט גענומען. דאָס איז געבליבן אין דער פּאַרטיי־קאַסע. וואָס עפּעס גראָד פאַר מיר? און צוגעגעבן מיט אי־ראָניע: — אויב דו ווילסט דאָס האָבן צוריק, שרייב אָן דזשאַנען — ער וועט דיר צושיקן”[ט״ו].

אַזעלכע זיינען זיי געווען...

וואָס זיינען דאָס געווען די פּראָבלעמען, וואָס וולאַדימירן איז אויסגעקומען צו באַהאַנדלען, באַלויכטן און באַגרינדן?

דאָס ערשטע, וואָס מ׳האָט געדאַרפט טאָן, איז געווען צו באַקענען די וועלט מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, מיטן בונד און מיטן הערּאָאישן קאַמף,

וואָס ער פירט אויף לעבן און טויט קעגן פאַרהאַסטן צאַרישן רעזשים. די ערשטע גרעסערע ליטעראַרישע אַרבעט, וואָס איז באַלד נאָכן קומען קיין אויסלאַנד אַרויס פון זיין פעדער, איז געווען זיין אַרבעט ביים צוגרייטן אַן אויספירלעכן באַריכט פון דער בונדישער דעלעגאַציע וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג צום 5־טן קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל (פאָרגעקומען אין די טעג פון 23—27 סעפטעמבער 1900 אין פּאַריז). דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען דער בונד אַלס אַזעלכער איז געווען פאַרטרעטן אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס. צווישן די עלף בונדישע דעלעגאַטן איז אויך געווען חבר וולאַדימיר. דער פריער־דערמאָנטער באַריכט (אַ טייל פון אָט דעם באַריכט האָט צוגעגרייט עזרא ראָזען) איז שפּעטער דערגאַנצט געוואָרן און איז אין בראָשור־פאָרם עטלעכע מאָל דערשינען אין יידיש, רוסיש און פּויליש א. נ. מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין 1906 האָט מען אויך געמאַכט אַ פּרואוו אַרויסצוגעבן די זעלבע געשיכטלעכע אַרבעט אויף אַ לעגאַלן אופן אין רוסלאַנד, אָבער מ׳האָט זי גלייך קאָנפיסקירט. צוזאַמען מיטן רוסישן סאָציאַ־ליסטישן פירער ב. קריטשעווסקי האָט ער אויך פאַרפאַסט צום זעלבן קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל דעם באַריכט פון פאַרבאַנד פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד (אין 1901 אָפּגעדרוקט אין אַ בראָשור). אין יוני 1901 האָט חבר וולאַדימיר פאַרטרעטן דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד אויף דער פאַראייניקונג־קאָנפערענץ פון די רוסישע ס. ד. אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד (פאָרגעקומען אין זשענעוו).

אין 1901 האָט דער אויסלענדישער קאָמיטעט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ וועכנטלעכן אינפאָרמאַציע־בלאַט אין רוסיש פּאָסליעדניאַ איזוועסטיאַ (אין 1905 אויך אַרויס אין יידיש — די לעצטע פּאָסירונגען). די דאָזיקע צייטונג האָט געבראַכט ידיעות פון דער לענג און בּרייט פון רוסלאַנד, ידיעות וועגן די מעשים־תעתועים פון צאַרישן רעזשים און פון מסירת־נפשדיקן רעוואָלו־ציאָנערן אַרבעטער־קאַמף בכלל און פון יידישן בפרט. עס זיינען אויך געווען גרעסערע איבערבליקן און אַרטיקלען וועגן באַזונדערס וויכטיקע געשעענישן. פון דער רוסישער אויסגאַבע זיינען דערשינען 256 נומערן, פון דער יידישער — 26. זיי האָבן פאַרמאָגט אַ שלל ידיעות, וואָס האָבן אין רוסלאַנד נישט געקענט דערזען די ליכטיקע שיין צוליב דער שטרענגער צענזור און געהאָלפן אין דער ברייטער וועלט דעמאַסקירן דעם צאַרישן רעזשים. ביזן היינטיקן טאָג זיינען זיי אַן אוצר פון געשיכטלעכן מאַטעריאַל. וועגן די וויכטיקסטע געשעענישן האָט דאָרטן געשריבן חבר קאָסאָווסקי.

דער בונד איז נאָך דעמאָלט געווען אַ יינגע אָרגאַניזאַציע, די יידישע אַרבעטער אין די הונדערטער שטעט און שטעטלעך זיינען נאָך געווען פריש אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף. אַ סך פּראָבלעמען האָט מען געדאַרפט פאַר זיך אַליין קלאָר מאַכן. גלייכצייטיק איז אויסגעקומען אָפּצושלאָגן די בייזע אָנגריפן פון קעגנער. ס׳האָט זיך געפאָדערט אַ גייסטיק־טעאָרעטישע אויפבוי־אַרבעט, פאַרטיידיקונג און קעגנאָנגריף. אין דער דאָ־זיקער עובדא האָט קאָסאָווסקיס פעדער פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט. דאָס וואָס

ס'איז היינט קלאָר און זעלבסטפאַרשטענדלעך, איז דעמאָלט געווען פּיאָנע־רישער אויפטו.

לאָמיר בלויז דערמאָנען עטלעכע פון די וויכטיקע פראַגן: וועגן פאַר־בינדן דעם עקאָנאָמישן קאַמף מיטן פּאָליטיש־רעוואָלוציאָנערן; מאַסן־קאַמף אָדער טעראָר; די נויטיקייט פון אַן אויטאָנאָמע יידישע אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציע; די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון די יידישע אַרבעטער א. אַז. וו. שוין אין 1898 איז קאָסאָווסקין אויסגעקומען אָפּצושלאָגן דעם אָנגריף פון דער פּ. פּ. ס. אויפן ניי־אַנטשטאַנענעם בונד. אין אויסלאַנד איז אים אָנגעוואָרפן געוואָרן אַ נאָך שאַרפערער קאַמף מצד דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער צייטונג איסקראַ.

די בעסטע פעדערס פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זיינען געלאָזט געוואָרן אין גאַנג. ס' האָט זיך געהאַנדלט נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אין אָפּהאַקן די פליגל פון בונד, אין פאַרוואַנדלען אים אין אַ נשמהלאָזן הילף־אַפּאַראַט פון דער אַלגעמיינער ס. ד. פּאַרטיי אין אַ באַשטימטן ראַיאָן. קאָסאָווסקי האָט מיט ווירדע און איבערצייגונגס־קראַפט צעקלאַפּט די טענות פון די איסקראָווצעס און באַגרינדעט די פּאָזיציע פון בונד. ער האָט נישט בלויז אָפּגעוואָרפן די טענות, נאָר אויך געוויזן פונוואַנען עס שטאַמט דער פאַלשער בליק פון די איסקראָווצעס לגבי דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. דער פאַלשער בליק, האָט ער אָנגעוויזן, שטאַמט פון דער אַסימילאַטאָרישער איינ־זייטיקייט. ער האָט דערביי געזאָגט: „די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, אין דער געשטאַלט פון 'בונד', האָט איר ציל אין זיך אַליין, און נאָר דערפאַר, ווייל זי האָט איר אייגענעם ציל, האָט זי געקענט אויפקומען און אַנטוויקלען זיך. דער ציל פון 'בונד' איז נישט צו אָרגאַניזירן די אָדער יענע גרופּעס פון די יידישע אַרבעטער, נאָר פון גאַנצן יידישן פּראָלעטאַריאַט פון רוסלאַנד, צו אַנט־וויקלען אין אים דעם סאָציאַליסטישן באַוואוסטזיין, צו דערשלאָגן זיך פאַר אים באַדינגונגען, ביי וועלכע ער זאָל זיך קענען פריי אַנטוויקלען. דעריבער מוז ער קומען מיט זיין פּראָפּאַגאַנדע אומעטום, וואו עס איז נאָר דאָ אַ יידישע אַר־בעטער־מאַסע, און רופן אין זיין לאַגער אַלע יידישע אַרבעטער, צי זיי וואוינען אין פּוילן, ליטע, אין דרום אָדער אין דרום־מערב רוסלאַנד. פון דער אַנדערער זייט שטעלט דער 'בונד' אַרויס אַחוץ די פאָדערונגען, וואָס זיינען נוגע אַלע אַרבעטער פון רוסלאַנד, נאָך באַזונדערע, ספּעציעלע פאָדערונגען, אין וועלכע עס טרעט שאַרף אַרויס זיין כאַראַקטער אַלס אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס נעמט אַרום דעם פּראָלעטאַריאַט פון אַ גאַנצער נאַציע, אָבער נישט די אָדער יענע 'ראַיאָנע' גרופּעס פון יידישע אַרבעטער. די עקזיסטענץ פון באַזונדערע, ספּעציעלע פאָ־דערונגען, באַווייזן נאָך שאַרפער די גאַנצע אומזיניקייט פון דעם 'ראַיאָנעם' שטאַנדפּונקט"[11].

דאָס איז געווען אַ שטרייט נישט בלויז פאַר דער עקזיסטענץ פון בונד, פאַר זיין בירגער־רעכט אין די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רייען, נאָר אויך פאַר אָנערקענען די יידן אַלס נאַציע, וואָס די אַסימילאַטאָרישע שיטה האָט געלייקנט. אַט דעם קאַמף האָט קאָסאָווסקי אויך געפירט אַלס מיטגליד פון דער בונדישער דעלעגאַציע אויפן היסטאָריש־באַרימטן — און פאַטאַלן — צווייטן צוזאַמענפאָר

פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (די אַנדערע בונדישע דעלעגאַטן זיינען געווען: מאַרק ליבער, אַרקאַדי קרעמער, נח, יודין־אייזענשטאַט און וולאַדימיר מעדעם). דער בונדישער הויפּט־רעדנער איז געווען מאַרק ליבער, וועלכער איז צענטליקער מאָל אַרויסגעטרעטן מיט רעדעס, פאַר־שלאָגן און באַמערקונגען, און מיט אויסערגעוויינלעכער אַנטשלאָסנקייט געפירט דעם קאַמף פאַר די בונדישע פּרינציפּן. ער איז אויך געווען דער רעפערענט אין דער פראַגע וועגן אָרט, וואָס דער בונד דאַרף פאַרנעמען אין דער פאַרטיי. ליבערס גלענצנדיקע רעדעס האָבן געמאַכט אַ רושם אויף די דעלעגאַטן, הגם זיי האָבן נישט געקענט באַווענן די צוגעגרייטע דעלעגאַטן צו שטימען אַנדערש. קאָסאָווסקי, וועלכער האָט דאָרטן פיגורירט אונטערן פּסעוודאָנים — האָפמאַן, האָט אויך עטלעכע מאָל גערעדט. ער האָט פאַרטיידיקט דעם פּרינציפּ, אַז דער בונד דאַרף פירן זיין טעטיקייט אומעטום, וואו ס'איז פאַראַן אַ יידישע באַפעל־קערונג, דאַרף אין דער ס. ד. פאַרטיי באַטראַכט ווערן ווי דער איינציקער פאַר־שטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, און דאַרף זיין אויטאָנאָם אין די ספּעציעלע יידישע פראַגן. דערביי האָט ער פּאָלעמיזירט מיט די מיינונגען, וואָס ס'האָבן אַרויסגעזאָגט מאַרטאָוו, פּלעכאַנאָוו, טראָצקי און אַנדערע. ער האָט אין זייערע רייד געזען אַ ווילן צו פאַרניכטן דעם בונד.

מיט אַ יאָר שפּעטער (אויגוסט 1904) איז חבר וולאַדימיר געווען אַ מיט־גליד פון דער בונדישער דעלעגאַציע אויפן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם.

פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין אַלע באַראַטונגען, קאָנ־פערענצן און צוזאַמענפאָרן פון בונד, וואָס זיינען פאַר דער צייט פאָרגעקומען אין אויסלאַנד. ער האָט דאָרטן געלאָזט הערן זיין וואָגיק וואָרט און שטאַרק משפיע געווען אויפן גאַנג פון די דעבאַטן און אויפן אינהאַלט פון די באַשלוסן. וועגן זיין ווירקונג אויף דער שטודירנדיקער יוגנט דערציילט ק. לייטעס: „די בונדישע סטודענטישע יוגנט האָט באַטראַכט וולאַדימירן פאַר איר אידייאישן פירער. אויף די אויסלענדישע צוזאַמענפאָרן פון די בונדישע סטודענטן אין די יאָרן 1901—1904 איז געוואָרן אַ טראַדיציע, אַז זיי פלעגן זיך אָנהויבן מיט וולאַדימירס אַ גרונט־רעפעראַט, וואָס פלעגט באַרירן די ברענענדיקע פּראָב־לעמען פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. די דאָזיקע רעפעראַטן פלעגן אויף אונז אַלעמען מאַכן אַ שטאַרקן רושם: זיי פלעגן זיין גלענצנדיק לויט דער פאָרם און אויסגעפילט מיט אַ רייכן אינהאַלט. אין די דעבאַטן פלעגן וולאַדימירס אַרויסטרעטונגען, אין וועלכע עס פלעגט זיך אַרויסווייזן די בריי‌טסטע בילדונג און אַן אויסערגעוויינלעכער קלאָרער שכל, מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק, און נישט איין מאָל האָבן זיינע קעגנער געבויגן זיך פאַר זיין אייזערנער לאָגיק און געלייגט דאָס וואָפן. מיר האָבן אים באַטראַכט פאַר אונזער גרעסטן טעאָרעטיקער און בעסטן פּובליציסט. דאָס דאָזיקע אָרט האָט ער איינגעהאַלטן, ווען קיין אויס־לאַנד זיינען געקומען אַזעלכע גרויסע פּערזענלעכקייטן, ווי מעדעם און גראָ־סער"... „צווישן דער פּלעיאַדע פירער פון 'בונד' אין אויסלאַנד אין דעם דערמאָנטן פּעריאָד (אַלעקסאַנדער, דזשאָן, גלעב, טימאָפּיי, מעדעם) האָט זיך וולאַדימיר אויסגעצייכנט מיט זיין באַזונדערער איינגעשלאָסנקייט, מיט זיין

אַסקעטישן אַרט לעבן, מיט זיין אויסערגעוויינלעכער באַשיידנקייט, און אונז האָט זיך געדוכט, אַז ס'איז כמעט ווי אוממעגלעך צו ווערן מיט אים אינטימער. אָבער דאָס האָט אויף אַ האָר נישט געשטערט אים ליב צו האָבן און הויך שעצן. פאַרקערט, אין זיין אַסקעטיזם און איינגעשלאָסנקייט אין זיך האָבן מיר געזען אַן אויסשליסלעכע גאַנצקייט פון זיין נאַטור, זיין גרענעצלאָזע איבערגעגעבנקייט דער זאַך פון סאָציאַליזם, וועלכער ער האָט געדינט און וועלכער ער האָט זיך געווידמעט מיט לייב און לעבן"[12]).

אויך צוויי מיטגלידער פון אויסלענדישן קאָמיטעט באַשטעטיקן קאָסאָווס־קיס דאָמינירנדיקע ראָל אין דער בונדישער פּובליציסטיק. וולאַדימיר מעדעם דערציילט, אַז קאָסאָווסקי איז געווען „דער שרייבער און גייסטיקער טאָנגעבער" פון דעם אויסלענדישן קאָמיטעט[13]). און דזשאָן מילל: „כאָטש אָפיציעל איז דער גאַנצער אויסלענדישער קאָמיטעט געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע אויסגאַבן, איז פאַקטיש דער אמתער רעדאַקטאָר געווען קאָסאָווסקי. ער האָט רעדאַגירט די 'לעצטע נאַכריכטן', דעם 'אידישן אַרבייטער', דעם 'וויעסטניק בונדאַ'. כמעט די גאַנצע משא פון קאַמף אין דער פּרעסע קעגן די קעגנער און שונאים פון 'בונד' — קעגן די ציוניסטן, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, קעגן 'איסקראַ' — איז געלעגן אויף זיינע פּלייצעס. די באַגרינדונג און פאַרטיידיקונג פון נאַציאָנאַלן פּראָגראַם פון 'בונד' און פון זיינע אָרגאַניזאַציע־פאָדערונגען זיינען אין דער פּרעסע אויך דורכגעפירט געוואָרן הויפּטזעכלעך דורך קאָסאָווסקין"[14]).

ווי אַ רעדאַקטאָר האָט ער מחנך געווען אַ ריי יינגע בונדישע שרייבער, צווישן זיי אויך מעדעמען, וועלכער האָט שוין געשעמט ווי אַ גלענצנדיקער רעדנער, אָבער נישט געגלויבט אין זיינע שרייבערישע פעאיקייטן. דער רע־דאַקטאָר פלעגט אים אָבער נישט לאָזן צורו און אים כסדר געמוטשעט מיט דער פראַגע „פאַרוואָס שרייבט איר נישט?" און מעדעם, וועלכער האָט שפּעטער זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ שרייבער־ווירטואָז, האָט אים אויף די מאָנונגען געענט־פערט: „לאָזט מיך צורו, איך בין נישט קיין שרייבער".

ווען אין יאַנואַר 1902 איז אין בערן פאַרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענ־פאָר פון די אויסלענדישע בונדישע גרופּעס און ס'איז געשאַפן געוואָרן די פאַראייניקונג פון זיי מיט אַ צענטראַל־ביוראָ, האָט דעם וויכטיקסטן רעפעראַט — וועגן נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע אין איבערבוי פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי אויף פעדעראַטיווע יסודות — געהאַלטן חבר וולאַדימיר. צום ערשטן מאָל איז מיט דעם געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּוו צו באַ־גרינדן דאָס נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון בונד. דער רעפעראַט אַרום דער נייער, נאָך נישט גענוג קלאָרער פראַגע, איז געווען אויף אַ הויכן ניוואָ און אַרויסגע־רופן באַגייסטערונג ביי די דעלעגאַטן און אַן אויספירלעכע דעבאַטע. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד האָט שפּעטער דעם רעפעראַט אַרויסגעגעבן אין אַ באַזונדערער בראָשור, ווי זיינע אַן אָפיציעלע אויסגאַבע.

אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון די אויסלענדישע גרופּעס (סוף 1902 — אָנהויב 1903) האָט קאָסאָווסקי געהאַלטן אַ רעפעראַט קעגן טעראָר — אַ פראַגע, וואָס איז אויפגעשוואומען אין שייכות מיט הירש לעקערטס שאָסן אויפן ווילנער

גובערנאַטאָר פאָן וואַל און וואָס האָט גורם געווען צום פאַרשטאַרקן די טעראָ־ריסטישע שטימונגען אין די בונדישע רייען. דער רעפעראַט איז אויך אַרויס אין אַ בראָשור א. ג. צו דער פראַגע וועגן טעראָר (רוסיש, לאָנדאָן 1903). ער האָט אין די אויסגאַבעס פון אויסלענדישן קאָמיטעט געפירט אַ שאַרפע אַטאַקע קעגן די דאָזיקע שטימונגען און געוויזן פאַרוואָס זיי זיינען שעדלעך. גלייכ־צייטיק איז דער שווער־פונקט פון דער אַטאַקע געווען געווענדט קעגן דער פּרינציפּיעלער שטעלונג פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן לטובת טעראָר. אויב דער 5טער צוזאַמענפאָר פון בונד האָט אין יוני 1903 איינשטימיק אָפּגעשאַפט די רעזאָלוציע פון דער בונדישער קאָנפערענץ (פאָרגעקומען אין אויגוסט 1902 אין בערדיטשעוו) וועגן אָרגאַניזירטער נקמה, איז דאָס געווען קודם־כל צו פאַרדאַנקען דער אַנטשלאָסענער שטעלונג, וואָס ס׳האָט אין דער פראַגע פאַרנומען חבר וולאַדימיר.

קאָסאָווסקי האָט זיך באַטייליקט אין פינפטן צוזאַמענפאָר פון בונד, וואָס איז פאָרגעקומען אין יוני 1903 אין ציריך און וואו עס זיינען אויס־געאַרבעט געוואָרן די באַדינגונגען, ביי וועלכע דער בונד קען בלייבן אין דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. צוזאַמען מיט נחן, יודין־אייזענשטאַט און קרעמערן איז ער געווען אין פּרעזידיום פון דאָזיקן וויכטיקן צוזאַמענפאָר, וואָס האָט פאַקטיש געדאַרפט אַנטשיידן וועגן דער עקזיס־טענץ גופא פון בונד.

נאָך דעם ווי דער בונד איז זומער 1903 אַרויס פון דער רוסלענדער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, האָט דער ביטערער שטרייט מיט דער פּאַרטיי־צייטונג איסקראַ נאָך מער זיך צעפלאַקערט. די רעדנערישע פּאָלעמיק מיט די איסקראָוועצעס האָבן אויף פאַרזאַמלונגען געפירט אַנדערע, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט גרויסן רעדנערישן טאַלאַנט. אויפן ליטע־ראַרישן פעלד, אין די געדרוקטע אויסגאַבעס האָט דעם קאַמף געפירט כמעט אויסשליסלעך קאָסאָווסקי. באַלד אין די ערשטע צוויי נומערן פון וויעסטניק בונדא (1904) איז פון זיין פעדער אַרויס אַ גרינטלעכער ענטפער — אונטערן נאָמען נאַציאָנאַליטעט און אַסימילאַציע — דער איסקראַ. ער האָט געוויזן די ענדערונגען, וואָס דער באַגריף נאַציע האָט דורכגעמאַכט אין דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג און ווי מ׳קען נישט איינע און די זעלבע פּאַרטיקע סכעמעס אָנווענדן צו יעדן פאָלק. ער האָט אויך אויפגעוויזן די שווערע טעותן וואָס אָנגעזעענע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער האָבן געמאַכט בנוגע יידן. די אַרטיקלען ווערן פאַרענדיקט מיט פּאָלגנדיקע ווערטער: „מיר האָבן געוויזן, אַז די מחשבות וועגן דעם, אַז יידן דאַרפן זיך אַסימילירן, האַלטן נישט אויס קיין שום קריטיק; אַז שטעלן אַזאַ פאָדערונג צו יידן איז נישט דערלאָזבאַר פון שטאַנדפּונקט פון די אינטערעסן פון פּראָלעטאַרישן קאַמף, וואָס איז פאַר אונז אַ קריטעריע אין דער דאָזיקער פראַגע, ווי אין אַלע אַנדערע; אַז די דאָזיקע פאָדערונג האָט במילא קיין שום געמיינזאַמעס מיט סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם״[15]).

אין דער דיסקוסיע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואָס איז געפירט געוואָרן אויפן 5־טן צוזאַמענפאָר, האָט חבר וולאַדימיר אַנטוויקלט זיין שטע־לונג. צווישן אַנדערן האָט ער געזאָגט: „צוזאַמען מיט דעם, ווי דאָס יידנטום

טיילט זיך אויף קלאַסן, אַנטוויקלט זיך די נאַציאָנאַלע קולטור און וואַקסט מיט יעדן יאָר. וואו־זשע איז די טרייב־קראַפט פון אָט דער אַנטוויקלונג? דאָס איז די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג. מען האָט דאָ געזאָגט, אַז די עקזיסטענץ פון ׳בונד׳ האָט קיין שייכות נישט צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע. וואָס־זשע הייסט דאָס? דער ׳בונד׳ גיט אַרויס ליטעראַטור און באַאַרבעט די נאַציאָנאַלע פראַגע. מיר ווירקן אויף די בירגערלעכע שיכטן און צווינגען זיי אויך טון דאָס זעלבע. די בונדיסטן רוקן דעריבער אַרויס מיט זייער טעטיקייט די נאַציאָנאַלע פראַגע. די עוואָלוציע קומט פאָר אין דער ריכטונג פון נאַציאָנאַליזאַציע און זשאַרגאָן" (יידיש)... „פאַראַן סיבות, וועלכע האָבן אַרויסגערופן די נאַציאָנאַלע באַוועגונג אין פאָריקן יאָרהונדערט; אַ דאַנק די סיבות אַנטשטייט די נאַציאָנאַלע קולטור. די יידישע ליטעראַטור און קולטור נויטיקן זיך אין גאַראַנטיעס פאַר זייער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג — עס באַשאַפט זיך אַ נאַציאָנאַל געפיל און ס׳אַנטשטייט אַ נאַציאָנאַלע פראַגע". (פון די פראָטאָקאָלן פון 5־טן צוזאַמענפאָר פון בונד).

דער קאַמף צווישן בונד און איסקראָווצעס איז געווען אַ פאַרביסענער, וואָס האָט זיך אָפגערופן אפילו אויף די פערזענלעכע באַציאונגען. „די משונה־דיקע אָנפאַלן פון ׳איסקראַ׳ אויפן בונד — דערציילט חבר קאָסאָווסקי — האָבן פאַרסמט די פערזענלעכע באַציאונגען, אָבער נישט אין אַ גלייכער מאָס: דאָס האָט זיך געווענדט אין דער פערזאָן פון אָנפאַלער. פלעכאַנאָווס פאָלעמיק האָט געהאַט אַ מיאוסן בייגעשמאַק, וואָס האָט זיך גענומען פון זיין חכמען זיך"... „דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס ער איז אין זיין פאָלעמיק געווען נישט ערלעך"... „לענין האָט פאָלעמיזירט אין לשון פון אַ מאַרק־יידענע און געהאַלטן זיך ביי דעם כלל, וועלכן ער גופא האָט מיט יאָרן שפּעטער פאָרמולירט: ׳קעגן אַ פאָליטישן קעגנער, באַזונדערס ווען ער איז פון אייגענעם לאַגער, אַ סאָציאַליסט, דאַרף מען דערוועקן דעם ערגסטן חשד׳, דאָס הייסט פשוט אַרויפוואַרפן אויף אים דעם שענדלעכסטן בלבול, אַבי אים צו באַגראָבן. מאַרטאָוו אָבער איז אין זיין פאָלעמיק געווען זאַכלעך און פרינציפּיעל"... „מיר איז אויסגעקומען צו פירן אין די אויסלענדישע אָרגאַנען פון ׳בונד׳ די גאַנצע פאָלעמיק קעגן ׳איסקראַ׳. מיט פלעכאַנאָוון האָב איך איבערגעריסן אַלע פערזענלעכע באַציאונגען. מיט לענינען האָב איך געזען, אויף וויפיל מעגלעך, וויניקער צו באַגעגנען זיך. מאַרטאָוו איז געווען אין זיין שטרייט קעגן ׳בונד׳ אויף אַזוי פיל אינערלעך ערלעך, אַז איך האָב געקענט זיך טרעפן מיט אים אין ברען פון קאַמף, ווי מיט אַ גוטן חבר. דערביי האָבן דאָך די שאַרפסטע אַרטיקלען קעגן ׳בונד׳ געשטאַמט דווקא פון מאַרטאָוון, נישט פון לענינען און פלעכאַנאָוון. מיט יאָרן שפּעטער האָט מאַרטאָוו געביטן זיין באַציאונג צום ׳בונד׳ און איז טאָלעראַנט געוואָרן בנוגע דער אויטאָנאָמיע, סיי אָרגאַניזאַציאָנעלער, סיי נאַציאָנאַל־קולטורעלער"[16]).

וועגן יידן — און ביי יידן גופא — איז געווען שטאַרק איינגעגעסטעט אַ פאָראורטייל, אַז ס׳קען זיין אָדער — אָדער: נאַציאָנאַליזם־פאַנאַטיזם אָדער אַסימילאַציע־שמד. אַז ס׳קען אויך זיין אַ דריטער גאַנג, האָט מען — ווי יענער ייד, וועמען ס׳איז גאָר ניט איינגעפאַלן, אַז מ׳קען אָנגעבן דעם קינדס ריכטיקןו

עלטער — נישט געזען. דער בונד האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אויס־צואַרבעטן אַ סאָציאַליסטישע פּאָזיציע אויך אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אַ פּאָזיציע וואָס זאָל זיך נישט צונויפפאַלן מיט די נאַציאָנאַליסטישע און אויך נישט מיט די אַסימילאַטאָרישע שטרעבונגען און זאָל דינען די אינטערעסן, באַדערפענישן און היסטאָרישע נויטווענדיקייטן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. קאָסאָווסקי צוזאַמען מיט מעדעמען האָבן אויף דעם געביט אַ סך אויפגעטון. זיי האָבן טעאָרעטיש באַגרינדעט דאָס נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון בונד.

אין בונד זיינען אָבער געווען געוויסע ניואַנסן אין דער שטעלונג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, און אַזוי איז אויך געווען ביי ביידע דערמאָנטע בונדישע אידעאָלאָגן. מעדעם איז געווען אַן אָנהענגער פון אַזוי־גערופענעם נייטראַליזם (שפּעטער געביטן זיין מיינונג), קאָסאָווסקי איז געווען קעגן דעם. אָט ווי אַזוי קאָסאָווסקי האָט באַגרינדעט זיין קעגנערשאַפט צום נייטראַליזם.

„טעאָרעטיש איז דער נייטראַליזם געווען אַ פאַלשע שיטה: אַ פּאַרטיי פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז דאָך אַ טייל פון דער יידישער נאַציע, האָט געדאַרפט האָבן אַ קלאָרע מיינונג וועגן דעם, צי פאַר דער באַפרייאונג פון דעם דאָזיקן פּראָלעטאַריאַט איז געוואונטשן אָדער נישט, ניצלעך אָדער שעדלעך, אַז די יידן זאָלן פאַרבלייבן אָדער פאַרשווינדן אַלס נאַציע. דאָס פאַרופן זיך אויף דער 'אָביעקטיווער אַנטוויקלונג' איז געווען ווייניק איבערצייגנדיק, וואָרעם אויב די 'אַנטוויקלונג' מוז נישט פאַטאַליסטיש גיין מיט אַ פאַרויס באַשטימטן וועג, אויב עס איז נישט באַוואוסט צו וואָס זי קאָן ברענגען — צום אַסימילירן אָדער קאָנסערווירן די יידישע נאַציע — און דער דאָזיקער איקס האָט געהערט צום באַגאַזש פון דעם נייטראַליזם, — דאַן באַקומט דאָך אַ גרויסע באַדייטונג דער באַוואוסטזיניקער ווילן פון די מאַסן אַלס אַ פאַקטאָר, וועלכער קען שטאַרק משפיע זיין די 'אַנטוויקלונג' און טרייבן איר אין דער אָדער יענער ריכטונג. פון דעם שטאַנדפּונקט האָט אַ מאַסן־פּאַרטיי, ווי דער 'בונד', נישט געקאָנט בלייבן נייטראַל אין דער פראַגע וועגן דער צוקונפט פון דער יידישער נאַציע"...
„נאָך ערגער איז געווען, וואָס דער נייטראַליזם איז געשטאַנען אין אַ שרייענדיקער סתירה צו דער גאַנצער פּראַקטיק פון 'בונד'" (וו. מעדעם און די נאַציאָנאַלע פראַגע).

במשך די ערשטע 5 יאָר פון הייגטיקן יאָרהונדערט איז דער בונד געוואָרן אַ גרויסע מאַסן־באַוועגונג, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן איבער דער לענג און ברייט פון תחום־המושב און פאַרכאַפּט הונדערטער שטעט און שטעטלעך. זיין רעוואָלוציאָנערער קאַמף האָט אָפּגעקלונגען אין דער גאַנצער וועלט. ס'האָבן זיך געצויגן צו אים די סימפּאַטיע־פעדים פון די יידישע אַרבעטער אין די אַנדערע לענדער. אויך זיין אידעאָלאָגיש פּנים איז געוואָרן קלאָרער און רייפער.

ס'איז אָנגעקומען דאָס יאָר פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע — 1905. די יידישע אַרבעטער אונטער דער פאָן פון בונד זיינען געשטאַנען אין די פאָ־דערשטע קאַמף־רייען. מ'האָט געדאַרפט פאָרמולירן די נייע אַקטועלע אויפ־גאַבן, וואָס די רעוואָלוציע האָט געשטעלט. ס'קומט פאָר דער 6־טער צוזאַמענ־פאָר פון בונד (אָקטאָבער 1905 אין ציריך), אין וועלכן קאָסאָווסקי באַטייליקט

זיך און גייט נאָך דעם אויך אַריין אין נייעם אויסגעברייטערטן צענטראַל־קאָמיטעט.

נאָך דעם 6־טן צוזאַמענפאָר האָט דער צ. ק. אַרויסגערופן קאָסאָווסקין און מעדעמען קיין רוסלאַנד און בײדע האָבן אין חודש נאָוועמבער (1905) זיך געלאָזט אין וועג אַריין. כאָטש ס׳איז שוין געווען נאָכן צאַרישן מאַניפעסט און בײדע זײנען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער אַמנעסטיע, פונדעסטוועגן זײנען זײ, צוליב פאָרזיכטיקייט וועגן, געפאָרן אויף פאַלשע פּעסער און — מיט רעוואָלווערן (בראַונינגס) אין קעשענע און דווקא געלאָד׳ענע...

## 5. רעדאַקטאָר פון בונדישער פּרעסע אין רוסלאַנד

צוריק אין רוסלאַנד, איז קאָסאָווסקי פאָרפאָרן צום צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט זײן זיץ־אָרט אין דווינסק. דער צ. ק. האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אין דער הויפּט־שטאָט פּעטערבורג אַ רוסיש וואָכנבלאַט מיטן נאָמען יעווריעיסקי ראַבאָטשי (דער יידישער אַרבעטער). דאָס האָט געזאָלט זײן אַ רעפּרעזענטאַטיווער בונדישער זשורנאַל. אויף צו פירן אים האָט דער צ. ק. דעלעגירט זײנע צוויי מיטגלידער — קאָסאָווסקין און ליבערן. דער לעצטער, וועלכער איז געווען אַן ערשט־קלאַסיקער אָראַטאָר, איז קיין שרייבער נישט געווען, האָט דאָס פאַקטיש באַטייט, אַז אויפן ערשטן וועט פאַלן די גאַנצע לאַסט פון דער שרייבערישער און רעדאַקטאָרישער אַרבעט. לאַנג בלייבן אין פּעטערבורג איז נישט אויסגעקומען. מער ווי איין נומער (30 דעצעמבער 1905) האָט ניט באַוויזן אַרויסצוגיין. די רעאַקציע, וועלכע האָט צ׳ריק אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט דעם זשורנאַל אָפּגעשטעלט און די דירה פון דער רעדאַקציע פאַרחתמעט. פאַר קאָסאָווסקיס אַרטיקל דער פּירוס־נצחון (וועגן אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד אין מאָסקווע) האָט מען דעם ערשטן נומער גלייך קאָנפיסקירט. דער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר, אינזשיניער מ. ג. קיפּמאַן האָט באַקומען דריי יאָר טורמע, אָבער באַוויזן צו אַנטלויפן קיין אויסלאַנד. (בײם סוף פון די צוואַנציקער יאָרן האָבן אים די באָלשעוויקעס דערשאָסן אין רוסלאַנד).

דער ערשטער לעגאַלער בונדישער זשורנאַל אין רוסלאַנד האָט בכלל קיין מזל נישט געהאַט. דאָס וואָכנבלאַט האָט מען אָנגעהויבן זעצן. ווען אַ טייל מאַטעריאַל איז שוין געווען פאַרטיק, האָט מען די דרוקערײ פאַרחתמעט און מ׳האָט געמוזט אַריבער אין אַ צווייטן פּלאַץ, אָבער אַ גרויסער טייל פון צוגעגרייטן מאַטעריאַל האָט שוין אין ערשטן נומער נישט געקענט אַריין. אַחוץ דעם פריער־דערמאָנטן אַרטיקל וועגן מאָסקווער אויפשטאַנד, זײנען אַריין אין יעווריעיסקי ראַבאָטשי וועגן די אויפגאַבן פון זשורנאַל, ק. קאָוטסקיס אַן אַרטיקל וועגן רעוואָלוציעס אַמאָל און הײנט, נאָטיצן וועגן די יידישע קאַדעטן, די רוסישע ליבעראַלן, באַריכט פון 6טן צוזאַמענפאָר פון בונד און די אָנגענומענע רעזאָלוציעס, באַריכט פון מאָסקווער אויפשטאַנד, פּאָליטישע נייעסן און קאָרעספּאָנדענציעס פון איינציקע שטעט. אין נומער געפינען זיך אויך צוויי רעוואָלוציאָנערע לידער פון דינה ש... מיט איין ליד

— צום יידישן אַרבעטער — הויבט זיך אָן דער נומער. די דיכטערין איז נישט קיין אַנדערע ווי די טאָכטער פון העברעאישן פילאָלאָג און מחבר יהושע שטיינבערג, דעמאָלט דער צאַרישער צענזאָר אין ווילנע... (דינה — נאַדיאַ שטיינבערג איז געווען אַן אַקטיווע בונדיסטקע, שפּעטער די פרוי פון באַקאַנטן בונדישן טוער וו. שטשופּאַק. זי האָט געלעבט אין פראַנקרייך, וואו זי איז געווען אַ לעקטאָרין פון סאַנסקריט אין פּאַריזער סאָרבאָן. גע־שטאָרבן דעם 30טן נאָוועמבער 1941).

די שפּראַך פון די אַרטיקלען איז געווען אַ זייער שאַרפע. וועגן די אויפגאַבן פון דער צייטונג ווערט געזאָגט, אַז זי וויל מיטהעלפן „אין דער אַלגעמיינער אַרבעט צוצוגרייטן באַדינגונגען פאַר אַן ענדגילטיקן נצחון איבער אונזער ערגסטן שונא אין איצטיקן מאָמענט, איבער דער זעלבסטהערשונג, וואָס באַמיט זיך איינצוהאַלטן איר עקסיסטענץ דורך אַ פּאָליטיק פון רויב, פּאָגראָמען און הריגות". דאָס פּראָגראַם־אַרטיקל שטעלט אויך פעסט אַן אָפּ־געפרעמדקייט, וואָס עקסיסטירט נאָך צווישן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער יידישער אינטעליגענץ און די יידישע פאָלקס־מאַסן; אַן אָפּגעפרעמדקייט, אַ בולטער אויסדרוק פון וועלכער ס'איז פון איין זייט די פאַראַכטונג צו דער שפּראַך פון די דאָזיקע מאַסן, צום אַזוי־גערופענעם זשאַרגאָן, פון דער צווייטער זייט — אַ מאַסנהאַפטע אַנטלויפן פון די רייען פון אייגענעם פאָלק, נישט איבערלאָזנדיק פאַר אים דעם אומבאַדינגט נויטיקן מינימום אינטעליגענטע כוחות. צוגעהאָלפן קאָסאָווסקין, וועלכער האָט אַליין פאַרטיק געמאַכט כמעט דעם גאַנצן נומער, האָבן מאַרק ליבער און דר. ל. אַרינשטיין — יעדער מיט אַן אַרטיקל.

כאַראַקטעריסטיש פאַר וולאַדימירן איז געווען דער פאַקט, וואָס בעת כמעט אַלע אומלעגאַלע און צוריקגעקומענע רעוואָלוציאָנערן פון אויסלאַנד האָבן אויסגענוצט דעם מאַניפעסט פון 17 אָקטאָבער 1905, כדי זיך פערזענלעך צו לעגאַליזירן, האָט ער עס נישט געוואָלט טון. ס'איז בכלל נישט לייכט גע־ווען צו געווינען זיין צוטרוי, האָבן אַוודאי נישט געקענט באַזייטיקן זיין חשד אַן אַמנעסטיע און אַ צוגעזאָגטע קאָנסטיטוציע פון רוסישן צאַר. אויב דער איינגעוואָרצלטער אומצוטרוי איז ביי אים געווען אַ ירושה־זאַך, האָט ער עס מסתמא געירשנט פון זיין מאַמען, וועלכע האָט פאַרמאָגט אַזאַ געפיל... האָט ער ווייטער געלעבט אויף אַ פאַלשן פּאַס, און אַפילו די נאָענטסטע חברים האָבן נישט געוואוסט, אויף וועלכן נאָמען ער לעבט...

נאָכן פאַרמאַכן דאָס וואָכנבלאַט יעווריעסקי ראַבאָטשי איז ער פון פעטערבורג געקומען קיין ווילנע און געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון דעם טאָג־לעכן אָרגאַן פון בונד.

דעם 3 יאַנואַר 1906 (נייער סטיל) האָט זיך באַוויזן דער ערשטער נומער פון דער בונדישער טעגלעכער צייטונג דער וועקער (זיך געדרוקט אין ווילנע). דער בונד האָט צוגעצויגן צו זיין צייטונג זיינע בעסטע שרייבע־רישע כוחות, אַ ריי יידישע דיכטער און דערציילער, ווי אויך אַנגעזעענע סאָציאַליסטישע מיטאַרבעטער פון אויסלאַנד. הויפּט־רעדאַקטאָר איז געווען איסיי אייזענשטאַט (יודין). אַ 10 טעג נאָכן דערשיינען פון ערשטן נומער דער

וועקער איז מען ביינאַכט געקומען צום הויפּט־רעדאַקטאָר און אים אַרעסטירט. פון פּעטערבורג איז געקומען אַ באַפעל צו אַרעסטירן אַ ריי רעוואָלוציאָנערע טוער און אייזנשטאַט איז אויך געווען אויפן צעטל. די מיטאַרבעטער האָבן אַלס צייטווייליקן רעדאַקטאָר אויסגעוויילט דר. פּ. ראָזענטאַל. מיט אַ טאָג שפּעטער האָט דער צ. ק. אַריינגעשיקט קאָסאָווסקין און ביידע האָבן געבילדעט די רעדאַקציע־קאָלעגיע. רעדאַקציע־סעקרעטאַר איז געוואָרן דר. ב. לעווינסאָן (ב־סקי, בענסקי). די לייט־אַרטיקלען האָבן געשריבן ביידע רעדאַקטאָרן.

ווי עס דערציילט אַ רעדאַקציע־מיטאַרבעטער פון דער בונדישער טעג־לעכער פּרעסע אין ווילנע — צביון — פלעגט קאָסאָווסקי פּשוט בויען זיינע לייט־אַרטיקלען. „עס איז געווען ניט געשריבן, נאָר געבויט. און ניט ווי מען בויט אין אַמעריקע, נאָר ווי אין רוסלאַנד, שטאַרק, לאַנגזאַם, גרונטאָווּ־נע" [17].

חבר וולאַדימיר האָט נאָך דעמאָלט קיין יידיש נישט געשריבן. ווען ער איז מיט 12 יאָר פריער געקומען קיין ווילנע און געוואָרן דאָרטן אַקטיוו אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט ער יידיש געקענט קוים־קוים. פּאַר דער צייט האָט ער זיך אויסגעלערנט גוט לייענען און ריידן, שרייבן איז אים אָבער געווען שווער. האָט ער זיינע אַרטיקלען „געבויט" אין דער רוסישער שפּראַך און מ׳האָט זיי געדאַרפט איבערזעצן. אים איז אָבער נישט געווען גלייכגילטיק ווי אַזוי זיינע אַרטיקלען וועלן אַרויסקומען אין יידיש. ער האָט נישט געוואָלט זיך באַנוצן מיט די שטענדיקע, געוויינלעכע איבער־זעצער (דר. בלומשטיין, אַנע ליפּשיץ, יצחק טעאומין, שמואל עפּראָס, יוסף באַסקין), מ׳האָט געמוזט ברענגען אַ חבר, צו וועמען ער האָט געהאַט צוטרוי. דאָס איז געווען דר. שלמה פיינבערג, וועמען ער האָט געקענט נאָך פון אויסלאַנד. אויך אים האָט ער נישט אָנפאַרטרויט אין גאַנצן די אַרבעט. פּאַקטיש איז די איבערזעצונג געווען אַ געמיינזאַמע, חבר וולאַדימיר האָט מקפּיד געווען אויף יעדן וואָרט...

די יידישע אַרבעטער, די רעוואָלוציאָנער־געשטימטע יידישע מאַסן, האָבן די בונדישע טעגלעכע צייטונג אויפגענומען מיט ענטוזיאַזם. דער וועקער האָט אָבער קיין אַריכת־ימים נישט געהאַט. נאָך 33 נומערן האָט מען לויט אַ באַשלוס פון דער סודעבנע פּאַלאַטע אָפּגעשטעלט די צייטונג. געווען איז דאָס דעם 16 פעברואַר 1906.

מיט 16 טעג שפּעטער (4 מערץ, נ. סט.) האָט אויפן אָרט פון וועקער אָנגעהויבן דערשיינען די פאָלקס־צייטונג, וואָס האָט צו אַלעמענס איבעראַשונג אויסגעהאַלטן אַזש 18 חדשים (ביזן 1 סעפּטעמבער 1907). די ראָל פון דער בונדישער טעגלעכער צייטונג אין אָט דעם רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד איז געווען אַן אומגעהויערע. זי איז געווען די וועג־ווייזערין און פירערין, די אינפאָרמאַטאָרין און אויפקלערערין פון די יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן מיט מסירת־נפש געשטורעמט די פעסטונג פון אַלטן רעזשים.

וועגן זיין ראָל אין דעם בונדישן הויפּט־אָרגאַן דערציילט קאָסאָווסקי אַליין: „איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר, וואָס האָט געטראָגן

פאַרן צענטראַלן קאָמיטעט די גאַנצע אַחריות פאַר דער פּאָליטישער און ליטעראַרישער זייט פון דער צייטונג, און איך האָב געדאַרפט זאָרגן, אַז די צייטונג זאָל געפירט ווערן אין הסכם מיט דער הערשנדיקער פּאַרטיי־ליניע"... „לכתחילה איז באַשאַפן געוואָרן אַ רעדאַקציע־קאָלעגיע פון די הויפּט־מיטאַר־בעטער", אָבער ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט פּראַקטיש און זי האָט אויפגעהערט צו פונקציאָנירן. „עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ 'דיקטאַטור' פונם רעדאַקטאָר, וואָס האָט אַליין קאָנטראָלירט דעם גאַנצן נומער פון אָנ־הויב ביזן סוף". אַחוץ דעם רעדאַקטאָר האָט די לייט־אַרטיקלען אויך גע־שריבן דר. פּ. ראָזענטאַל. אַכט אַזייגער אין דער פרי פלעגט דער רעדאַקטאָר שוין קומען מיט אַ פאַרטיקן לייט־אַרטיקל און מיט קליינע איבעררייסן פאַר־ברענגען אין רעדאַקציע ביז נאָך האַלבער נאַכט, כדי אַהיימצוגיין און זיך זעצן גלייך שרייבן אַ לייט־אַרטיקל פאַרן מאָרגנדיקן נומער. אויך דעם זיבעטן, דעם פרייען טאָג האָט מען געאַרבעט פאַר דער רעדאַקציע. „די פונקציע פון אַ רעדאַקטאָר — דערציילט קאָסאָווסקי — איז פאַר מיר געווען נישט קיין גאַנץ אָנגענעמע, ווייל זי האָט געמוזט קעגן מיין ווילן אין דעם אָדער יענעם פאַל אַרויסרופן אַן אומצופרידנקייט ביי די מיטאַרבעטער. מענטשלעך איז דאָס פאַרשטענדלעך. יעדע 'דיקטאַטור', אַפילו אין דער מילד־סטער פאָרם, האָט די טבע צו רייצן. אָבער בכלל, אויף וויפל איך געדענק, זיינען די באַציאונגען צווישן אונז אַלעמען געווען גוט־חברישע, מען קען זאָגן — אַפילו ברידערלעכע" [18].

די אַרבעט אין דער טעגלעכער צייטונג און די זיצונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט האָבן איינגעשלונגען די גאַנצע צייט, ס'זיינען קוים געבליבן עטלע־כע שעה אויף שלאָף. פּריוואַט האָט ער מיט קיינעם נישט פאַרברענגט. אין די זומערן פון 1906 און 1907 פלעגן אין פרייע טעג אָנגעזעענע בונדישע טוער פאַרברענגען צוזאַמען אויף זומער־וואוינונגען אין שכנות פון ווילנע. וולאַדימירן האָט מען דאָרטן קיינמאָל נישט געטראָפן.

די שטורמישע פּאָליטישע געשעענישן פון יענעם פּעריאָד האָבן טאָג־איין טאָג־אויס געפאָדערט אַן ענטפער אויף פאַרשיידענע אַקטועלע פראַגן, וואָס דער רעדאַקטאָר פון דער יידישער אַרבעטער־צייטונג האָט געמוזט געבן. צו שרייבן אַנדערע זאַכן איז נישט געבליבן מער קיין צייט און מעג־לעכקייט. האָט קאָסאָווסקי צונויפגענומען אייניקע אַרטיקלען און בראָשורן און פון זיי אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג אונטערן נאָמען: וואָפּראָסי נאַציאָנאַלנאָסטי. די זאַמלונג (אַרויס אין בונדישן פאַרלאַג טריבונאַ, ווילנע, 1907, רוסיש) האָט פאָלגנדיקע קאַפּיטלען: 1) נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע, 2) נאַ־ציאָנאַליטעט און אַסימילאַציע, 3) סימנים פון אַן ענדערונג, 4) דער אויפקום פון אַ יידישער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, 5) צוזאַמענברוך פון רעוואָלוציאָ־נערן ראָמאַנטיזם, 6) אַ ניי נאַציאָנאַל פּראָגראַם. דאָס בוך פון 108 זייטן איז גלייך קאָנפיסקירט געוואָרן.

אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט ער באַלד פון אָנהויב אָן, פון זיין אַריינטריט אין דער ווילנער באַוועגונג אין 1894, פאַרנומען אַן אַנטשלאָסענע

שטעלונג. ער האָט זיך אָפּגעגרענעצט פון די אַסימילאַטאָרישע שטרעבונגען און האָט אויך נישט געהאַלטן פון אַזוי־גערופענעם נייטראַליזם בנוגע דער צוקונפט פון יידישן פאָלק, וואָס איז שפּעטער אויפגעקומען אין בונד. מהאי טעמא האָט ער זיך אָפּגעזאָגט ווייטער צו שרייבן אין וויטטעניק בונדאָ די סעריע אַרטיקלען וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, ווייל זיין שטעלונג האָט נישט אַנטשפּראָכן די נייטראַליסטישע שטימונגען, וואָס זיינען דעמאָלט גע־ווען שטאַרק אין צ. ק.. די ווייטערדיקע אַרטיקלען האָט שוין געשריבן וו. מעדעם, וועלכער איז דעמאָלט אויך געשטאַנען אויפן נייטראַליסטישן שטאַנד־פּונקט. אויפן פינפטן צוזאַמענפאָר פון בונד (אין 1903) האָט חבר וולאַדימיר פאַרטיידיקט דעם געדאַנק, אַז דער בונד דאַרף געבן אַ פולן און פּאָזיטיוון ענטפער אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

ווען אין 1906 איז אויפגעקומען די פראַגע פון צוריק־אַריינטריט פון בונד אין דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי איז חבר וולאַדימיר געווען, ווי די גרויסע מערהייט פון צ. ק., צווישן די יאַ־זאָגער, אָדער ווייכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף איינגיין אויף די אויסגעאַר־בעטע באַדינגונגען (זיי זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן אויפן שטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ.). נאָך דער צוריק־פאַראייניקונג האָט ער זיך געפונען אין דער בונדישער דעלעגאַציע צו דער אַלגעמיינער פּאַרטיי־קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין די טעג פון 16 — 20 נאָוועמבער 1906 אין טאַמערפאָרס (פינלאַנד) און איז געווען בעיקר געווידמעט דער פראַגע פון דער וואַל־טאַקטיק צו דער דומע. קאָסאָווסקי, וועלכער איז געווען איינער פון די 7 בונדישע דעלעגאַטן (בכלל געווען 32), האָט גע־האַלטן אַ רעדע און דערביי קריטיקירט דעם צ. ק. פון דער רוסלענדער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

די צוגעשמידקייט צו דער טעגלעכער ציימונג האָט פאַרן רעדאַקטאָר אוממעגלעך געמאַכט אַנטייל צו נעמען אין אייניקע וויכטיקע קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן פון בונד אָדער פון דער אַלגעמיינער ס. ד. פּאַרטיי, אין וועל־כער דער בונד איז צוריק אַריין. ווען, למשל, די רעדאַקציע פון דער פאָלקס־ציימונג האָט געדאַרפט אויסקלייבן אַ דעלעגאַט צו דער 7טער קאָנפערענץ פון בונד, וואָס איז פאָרגעקומען אין די טעג פון 22 מערץ — 7 אַפּריל 1906 אין בערן, האָט וולאַדימיר אָפּגענומען זיין קאַנדידאַטור לטובת אַנמאַנען. ער האָט דערביי געזאָגט: „פאָרט איר, פאָר אייך וועט די קאָנפערענץ זיין אינטערעסאַנט, מיר האָבן שוין דערעסן די צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן“. אויפן 7טן צוזאַמענפאָר פון בונד (אויגוסט 1906 אין לעמבערג) האָט מען געוויילט אַ נייעם צ. ק., אין וועלכן וולאַדימיר איז ווידער אַריין. ער איז פאַרבליבן אין ווילנע אויף זיין פּאָסטן ביז טיף אין זומער 1907 און איז דאַן ווידער אַוועק קיין אויסלאַנד, פונוואַנען ער האָט זיך צוריקגעקערט ערשט אין עטלעכע און צוואַנציק יאָר אַרום. ער איז אַוועק פון רוסלאַנד אַ שטאַרק פאַרמאַטערטער פון דער אומאויפהערלעכער, אָנגעשטרענגטער אַרבעט. ער האָט זיך געגייטיקט אין אַן אָפּרו.

## 6. נאָך דער ערשטער רוסלענדער רעוואָלוציע

די רעוואָלוציאָנערע מחנות זיינען שנעל איינגעשרומפּן געוואָרן, דער קעמפּערישער גייסט האָט זיך אַלץ מער און מער געלאָשן. אַ מידקייט און אַנטוישונג האָבן אַרומגעכאַפּט די מאַסן. די צאַרישע רעאַקציע האָט טריאומפירט און — גענומען נקמה...

די טעגלעכע בונדישע פּרעסע איז פאַרניכטעט געוואָרן. נאָך דעם ווי די צאַרישע מאַכט האָט אָפּגעשטעלט די פאָלקס־צייטונג, האָט מען נאָך געמאַכט אַ פּרואוו און אַרויסגעגעבן די האָפענונג, ס'איז אָבער געווען אַ האָפנונגסלאָזער פּרואוו. מער ווי 42 נומערן זיינען נישט אַרויס. אויך די דריטע טאָג־צייטונג איז ליקווידירט געוואָרן דורך דער צאַרישער מאַכט. אַ גרויסן טייל פון דער רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע האָט מען דערביי אַרעסטירט.

דער בונד איז דעמאָלט צוגעטרעטן אַרויסגעבן פּעריאָדישע אויסגאַבעס — לעגאַלע און אומלעגאַלע — יידישע, רוסישע און פּוילישע, אין לאַנד און אויסלאַנד. אין זיי האָט אויך דער וועטעראַן פון די בונדישע פּובליציסטן אַקטיוו זיך באַטייליקט. ער איז דער הויפּט־מיטאַרבעטער פון די בונדישע אָרגאַנען, וואָס זיינען דערשינען אין אויסלאַנד, אָבער אויך אין די צייטשריפטן, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אין רוסלאַנד האָט ער מיטגעאַרבעט. מיר געפינען זיינע אַרטיקלען אין די ווילנער זאַמלביכער די נייע צייט (1908), צייט־פראַגן (1910), פראַגען פון לעבען (יולי 1911), די נייע שטימע (דעצעמבער 1911) און אַנדערע. ער האָט דאָרטן געשריבן וועגן דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דייטשלאַנד און עסטרייך, ווי אויך וועגן אַקטועלע ענינים, ווי די פראַגע וועגן יום־טוב רו אין דער רוסישער דומע, וועגן דער פאַרטרעטערשאַפט אין אינטערנאַציאָנאַל.

אַ סך האָט ער געשריבן אין אָטקליקי בונדאַ (עכאָ פון בונד), אַ רוסישע אויסגאַבע פון אויסלענדישן קאָמיטעט אין די יאָרן 1909 — 1911: גרעסערע אָפּהאַנדלונגען וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועגן דער עמיגראַציע־פראַגע, סיימיסטן און ס. ס., קריזיס פון דער רוסלענדער ס. ד. פאַרטיי און דעם באָלשעוויזם, די פּראָוואָקאַטאָרן אַזעף און קאַפּלינסקי. ווען ס'האָט שפּעטער אָנגעהויבן אַרויסגיין די אויסגאַבע פון דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע פון בונד — אינפאָרמאַציאָנני ליסטאָק האָבן אויך דאָרטן זיך געדרוקט די אַרבעטן פון זיין פעדער. אייניקע נומערן זיינען אויסגעפילט בעיקר מיט זיינע אַרטיקלען.

אין די יאָרן 1910 — 1913 זיינען קאָסאָווסקיס אַרטיקלען וועגן אַקטועלפּאָליטישע און פּאַרטייאישע פראַגן אויך דערשינען אין סאָציאַל־דעמאָקראַטישן חודש־זשורנאַל נאַשאַ זאַריאַ וואָס איז אַרויס אין פּעטערבורג. ער האָט מיטגעאַרבעט אין די טעגלעכע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונגען לוטש, נאָוואַיאַ ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ און אַנדערע (פון דער מענשעוויסטישער ריכטונג).

אין יאָר 1912 האָט דער בונד געמאַכט אַ גרויסע אָנשטרענגונג צוריק צו באַנייען זיין יידישע פּרעסע אין רוסלאַנד. אין חודש מאַי הויבט אָן אין

וואַרשע דערשיינען דאָס וואָכנבלאַט לעבענס־פראַגען. דער פּרואַ‏וו האָט זיך געענדיקט שלעכט. נאָכן צווייטן נומער ווערט די צייטשריפט פאַרמאַכט און אַ צאָל חברים ווערן אַרעסטירט; צווישן זיי איז שפּעטער אויך געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן — וו. מעדעם. מער מזל האָט געהאַט אַ צווייטער פּרואוו — דאָס וואָכנבלאַט די צייט, וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין דעצעמבער 1912 (אָנהויב יאַנואַר 1913 לויטן נייעם סטיל אין פּעטערבורג. פון זומער 1914 צוויי מאָל אין וואָך א. נ. אונזער צייט; נאָך 7 נומערן האָט די רעגירונג אין חודש יולי, ערב דעם קריג־אויסברוך, אָפּגעשטעלט די צייטונג). אין דער דאָזיקער וויכטיקער בונדישער צייטשריפט, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער ווידעראויפלעבונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט קאָסאָווסקי אָפּגעדרוקט אַ סעריע אַרטיקלען אויף פאַרשיידענע טעמעס (וועגן אַ רו־טאָג פאַר האַנדלס־אָנגעשטעלטע, די יידיש־פּוילישע באַציאונגען, קאָאַליציע־פרייהייט, די פּאָליטישע לאַגע אין ענגלאַנד און אַנדערע).

זיין רעפּוטאַציע אַלס שרייבער איז געשטאַנען זייער הויך אין די יידיש־סאָציאַליסטישע קרייזן אומעטום. דער סאָציאַליסטישער חודש־זשורנאַל די צוקונפט אין ניו־יאָרק האָט אים אויך געוואָלט האָבן צווישן זיינע מיטאַר־בעטער. אין 1911 האָט א. ש. זאַקס, נאָכן איבערנעמען דעם אַמט פון פאַר־וואַלטונג־רעדאַקטאָר, זיך געווענדט צו קאָסאָווסקין וועגן סיסטעמאַטישער מיטאַרבעט. דאָס זעלבע האָט געטאָן א. ליעסין אין יאָר 1913, ווען ער איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון די צוקונפט. אין זיין בריוו שרייבט א. ליעסין: „איך ווינטש און איך האָף, אַז איר וועט זיין איינער פון אונזערע שטענדיקע און וויכטיקסטע מיטאַרבעטער". דערביי גיט ער דעם איינגעלאַדענעם מיט־אַרבעטער עטלעכע אָנווייזונגען און איינע פון זיי איז: „אונזער לעזער האָט אויך זייער נישט ליב צו ברעכן דעם קאָפּ אויף אַן אַרטיקל. ער איז גע־וויינלעך אַ שווער־פאַרהאָרעוועטער מענטש, און ער האָט אויף דעם איינפאַך קיין צייט נישט". דער בריוו ווערט פאַרענדיקט מיט דער בקשה נישט אָנטזאָגן די איינלאַדונג צו מיטאַרבעט.

קאָסאָווסקיס מיטאַרבעט אין די צוקונפט האָט זיך אָנגעהויבן אויגוסט 1911 און זיך געצויגן בערך צוויי צענטליק יאָר. במשך פון דער צייט האָט ער דאָרטן פאַרעפנטלעכט זעכציק וואָגיקע אַרטיקלען. ווען מ'וואָלט זיי צו־זאַמענגענומען, וואָלטן זיי מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ זייער ערנסט און באַ־לערנדיק בוך. אין די ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט וולאַ־דימיר אין ווילנע זיך אויסגעלערנט יידיש. ווען ער איז נאָכן אַרויסגיין פון טורמע אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד איז ער שוין געווען בכוח צו רעדאַגירן יידישע זשורנאַלן און בראַשורן, אָבער אַליין שרייבן אין יידיש איז אים, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, אָנגעקומען שווער. ער האָט דעריבער נאָך אַלץ געשריבן אין רוסיש. ערשט ווען ער הויבט אָן מיטאַרבעטן אין די צוקונפט, גייט ער איבער צו שרייבן דירעקט אין יידיש. דערביי האָט ער זיך דערוואָרבן אַן אויסגעצייכנטן יידישן סטיל און אַ ריינעם, קערנדיקן לשון. די קלאָרקייט און פּעסטקייט פון זיין זאַץ אין רוסיש זיינען אויך געוואָרן די

מעלות פון זיין יידיש. זיינע בעסערע אַרטיקלען וואָלטן אויך געקענט זיין מוסטערן פון גוטער יידישער שפּראַך־פאָרם.

נאָכן צוריקקומען פון רוסלאַנד איז וולאַדימיר ווידער אַריין אין באַ־שטאַנד פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד. אים איז דעריבער אויסגע־קומען צו באַטייליקן זיך אין אַ ריי זיצונגען, באַראַטונגען און קאָנפערענצן, וואָס האָבן געהאַט פאַר אַ ציל צוריק אויפצולעבן די בונדישע טעטיקייט נאָך דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע, פאַרנעמען אַ שטעלונג צו ניי־אויפגעקו־מענע אַלגעמיין־פּאָליטישע און יידישע פראַגן, ווי אויך אַרויסזאָגן זיך אין דעם שטאַרק־פאַנאַנדערגעפלאַקערטן פראַקציאָנעלן שטרייט אין דער רוסלענ־דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי, אַ שטרייט, וואָס האָט דערפירט צו דער ענדגילטיקער און פאַטאַלער שפּאַלטונג צווישן מענשעוויזם און באָלשע־וויזם. סיי אויף די קאָנפערענצן, סיי אין דער פרעסע האָט דער אויטאָריטעטער בונדישער וואָרט־זאָגער פאַרנומען אַן אויסגעשפּראָכענע קעגנערישע שטעלונג צו די באָלשעוויסטישע מאַכינאַציעס און דעמאַגאָגיע. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער אַכטער קאָנפערענץ פון בונד, וואָס איז פאָרגעקומען אין אָקטאָבער 1910 אין לעמבערג.

ווי שוין פריער דערמאָנט, האָט וולאַדימיר קיין פאַמיליע־לעבן נישט געפירט. אמת, אין לויף פון עטלעכע יאָר האָט ער געהאַט אַ נאָענטע חברטע, מיט וועלכער ער האָט געפירט אַ ליבע. זי איז געווען אַ בונדיסטקע — פאַניע בעלאָצערקאָווסקי — אַ סטודענטקע, וועלכע האָט שטודירט מעדיצין אין בערלין און שווייץ, און שפּעטער פּראַקטיצירט אַלס דאָקטאָרין. גע־שטאַמט האָט זי פון יעליסאַוועטגראַד, פון אַ רייכער היים. אַליין אינטעלי־גענט, שיין און עלעגאַנט. פאַר דער באַוועגונג איז זי שטענדיק געווען גרייט צו גיין אין פייער און וואַסער. צווישן אַנדערן האָט זי געפירט טשעמאָדאַנעס מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור פון אויסלאַנד קיין ביאַליסטאָק.

אין די יינגערע יאָרן איז וולאַדימיר געווען אַ זייער שיינער: פון הע־כערן וואוקס, אַ הויכער שטערן, לייכטנדיקע העל־גרינלעכע אויגן, פעסטע און גלייכמעסיקע געזיכט־שטריכן. שטענדיק ציכטיק און ווירדיק. זיין נאָ־מען איז שוין געווען אַרומגערינגלט מיט אַן אָרעאָל פון אַן ערנסטן, רעוואָ־לוציאָנערן טוער. ביי אַן אַנדער מאַן פון זיין שניט, וואָלט קיין פּראָבלעם נישט געווען דאָס שאַפן זיך אַ פאַמיליע־נעסט. אַנדערש ביי אים. מיט דער דער־מאָנטער פ. ב. איז צו קיין פאַמיליע־לעבן נישט דערגאַנגען. וולאַדימיר האָט זיך אויף דעם נישט געקענט אַנטשליסן. ביי זיין מעמד, האָט ער גע־מיינט, דאַרף ער נישט נעמען אויף זיך די פליכטן פאַר אַ פאַמיליע־לעבן. דער באַשלוס איז פאַר זיין אינטימער חברטע געווען אַ שווערע אַנטוישונג. געבליבן איז פון דער פריינטשאַפט בלויז אַ בריוו־קאָלעקציע פון זייער לאַנגער קאָרעספּאָנדענץ אין די יאָרן נאָך דער רוסלענדער רעוואָלוציע און אַ מתנה פון איר — אַ זייגער, מיט וועלכן וולאַדימיר האָט זיך נישט צעשיידט ביז אין טיפן עלטער. (זי איז אַוועק קיין רוסלאַנד און געהאַט שפּעטער טראַגישע איבערלעבונגען: איר משפחה און דער מאַן זיינען אומגעקומען

בעת די פּאָגראָמען און בירגער־קריג אין אוקראַינע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. בלויז זי און איר קינד האָבן זיך געראַטעוועט).

## 7. אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה

אין אויגוסט 1914 איז געקומען די וועלט־מלחמה. פאַר דער וועלט, און פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג אין איר, זיינען אַנטשטאַנען נייע שווערע פּראָבלעמען. אויך פאַר די יידן איז געקומען אַ שרעקלעכע צייט. קאָסאָווסקי וועגדט זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט די נייע געשעענישן.

באַזונדערס איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן פון די צאַרישע אַנטי־יידישע גזירות און יידן־גירושים. ער האָט אָנגעשריבן וועגן דעם 2 ביכלעך, וואָס דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון בונד האָט אַרויסגעגעבן אין עטלעכע שפּראַכן. דורך דעם איז די ברייטע וועלט געוואָרן אינפאָרמירט און אַלאַרמירט וועגן דער ווירקלעכער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער רוסישער אימפּעריע. אָן אַ שיעור פאַקטן פון צאַרישע פאַרברעכנס לגבי יידן זיינען אַרויסגעברענגט געוואָרן פאַר דער עפנטלעכקייט, אָן אַ שיעור בלבולים זיינען דעמאַסקירט געוואָרן (צווישן די פאַרשיידענע באַשולדיקונגען, וואָס האָבן געדאַרפט באַרעכטיקן דאָס אַרויסשיקן די יידן פון גאַנצע געגנטן הינטערן פראָנט, איז אויך געווען, אַז יידן זיינען קאָסמאָפּאָליטן — אַ באַשולדיקונג, וואָס איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים אין אַ קאָמוניסטישן גלגול מיט אַ דור שפּעטער און איז אויך באַגלייט געוואָרן מיט מאַסן־אַרויסשיקונגען פון יידן, וואָס האָבן געלעבט אין די מערב־פּראָווינצן). דער צאַרישער רעגירונג האָט קאָסאָווסקי געשליידערט אין פּנים אַריין די ווערטער: „נישט קענענדיק אָרגאַניזירן די מלחמה קעגן אויסערלעכן שונא, ווייזן אַרויס די וואַכמייסטער אַ דערשטוינלעכע דערפינדעריש־קייט און ענערגיע אין אָרגאַניזירן די מלחמה קעגן דער אייגענער אומבאַוואָפנטער באַפעלקערונג“ [19]).

די וועלט־מלחמה פון די יאָרן 1914 — 1918 האָט געשפּאָלטן די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג צוליב דער שטעלונג צום קריג. עס האָבן זיך אויסגעבילדעט פאַרשיידענע אָריענטאַציעס. יעדער וויכטיקער סאָציאַליסטישער טוער האָט געדאַרפט פאַרנעמען אַ שטעלונג אי צום קריג גופא, אי צו זיינע פאָלגן. טיפע חלוקי־דעות זיינען אַנטשטאַנען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. ווי איז געווען קאָסאָווסקיס שטעלונג? ער האָט זי געברענגט צום אויסדרוק אין אַ ריי אַרטיקלען (געדרוקט אין בונדישן אָרגאַן אינפאָרמאַציאָנני ליסטאָק, אין וואָכנבלאַט פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע די נויע צייט אונטער דער רעדאַקציע פון קאַרל קאַוטסקי, אין דעם ניו־יאָרקער חודש־זשורנאַל די צוקונפט), ווי אויך אין אַ ריי רעפעראַטן. און זי איז געווען אַזאַ:

„די מלחמה, וואָס קומט איצט פאָר און וואָס האָט פאַרוואַנדלט אייראָפּע אין איין גרויסן שלאַכט־פעלד, איז דער ריינסטער אויסדרוק פון דער

אימפּעריאַליסטישער אידייע״... „די מלחמה, וואָס שפּילט זיך איצט אָפּ פאַר אונזערע אויגן, איז צוגעגרייט געוואָרן אין משך פון צענטליקער יאָרן; זי איז אַ רעזולטאַט פון דער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק פון די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, אַ רעזולטאַט פון זייער יאָגעניש נאָך קאָלאָניעס״... „דער קלאַסיש־ריינער אימפּעריאַליסטישער כאַראַקטער פון דער איצטיקער מלחמה איז אַ קלאָרער באַווייז, אַז די פּראָבעס אָנצוטשעפּן איר אַ ׳באַפרייאונגס׳־ציל זיינען די גרעסטע שווינדלעריי״, [20]). דערביי איז ער שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן יענע רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע האָבן זיך געלאָזט מיטרייסן מיטן פּאַטריאָטישן שטראָם.

„אונזער ציל — האָט קאָסאָווסקי געשריבן אין אַ צווייטן אַרטיקל — איז נאָר זען, אַז די מלחמה זאָל זיך וואָס גיכער ענדיקן און עס זאָל געשלאָסן ווערן אַ דויערנדיקער פרידן אָן שום אַנעקסיעס. דאָס איז די פרידנס־פּלאַטפאָרם, אויף וועלכער עס קענען זיך פאַראייניקן אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען״ [21]).

קאָסאָווסקיס פּאָזיציע איז געווען אַן אינטערנאַציאָנאַליסטישע, געווענדט קעגן קריג און פאַר אַ יושרדיקן שלום. דאָך איז געווען אַ חילוק בעת ער האָט גערעדט וועגן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די קריג־פירנדיקע לענדער. ער איז שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן די פּאַטריאָטישע עלעמענטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פון רוסלאַנד, פראַנקרייך און ענגלאַנד און פיל מילדער קעגן דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דאָס האָט געגעבן אַ געווויסן גרונט צו האַלטן זיין אָריענטאַציע פאַר אַ פּראָ־דייטשע, הגם ער איז דאָס נישט אויסן געווען. ער האָט געזען די דייטשע שולד אין דער מלחמה, פּונקט ווי די שולד פון צד־שכנגד. זיין נישט־באַלאַנסירטע פּאָזיציע האָט זיך גענומען פון זיין הייסן באַגער, אַז דער צאַרישער רעזשים זאָל אין דער מלחמה ברעכן רוק און לענד. דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון אַ שטימונג ביי די בונדישע טוער אין אויסלאַנד, וועגן וועלכער עס שרייבט דזשאָן מילל:

„אין אַלגעמיין איז די דעמאָלטיקע אָריענטאַציע ביי די בונדיסטן אין זשענעוו געווען איינגעשטעלט אויף דער מפּלה פון צאַרישן רוסלאַנד. דאָס איז אַגב געווען די דאָמינירנדיקע שטעלונג פון אַלע סאָציאַליסטישע גרופּירונגען אין רוסלאַנד — מיטן אויסנאַם פון פּלעכאַנאָווס גרופּע. נישט ווייל זיי האָבן ליב געהאַט דעם דייטשן רעזשים פון ווילהעלם דעם 2טן, נאָר ווייל זיי האָבן אַזוי טיף געהאַסט דעם צאַריזם און זיינען געווען איבערצייגט, אַז אַ גרינטלעכע מפּלה פון רוסלאַנד וואָלט געמוזט ברענגען ראַדיקאַלע ענדערונגען אין דעם פּאָליטישן לעבן אין לאַנד. די נייע אַנטי־יידישע גזירות, וואָס האָבן געבראַכט רואין, טויט און פאַרניכטונג פון דעם יידישן ישוב אין גאַנץ ליטע און אין אַלע פּראָווינצן ביי דער דייטשער און עסטרייכישער גרענעץ, האָבן געשאָטן זאַלץ אויף די וואונדן און פאַרשטאַרקט די דעפּיטיסטישע שטימונג בנוגע רוסלאַנד. קאָסאָווסקיס בראָשור ׳דער חורבן פון די יידן אין רוסלאַנד׳ (׳ראַזגראָם יעווריעוו וו ראָסיאי׳) איז געווען אַן אויסדרוק פון יענע געפילן״ [22]).

די דעפעטיסטישע שטימונגען בנוגע דעם צאַרישן רוסלאַנד זיינען ביי די יידן בכלל געווען שטאַרק פאַרשפּרייט. „מען האָט געוואונטשן אַ זיג דייטשלאַנד, ווייל דאָס וואָלט געווען אַ מפּלה פאַרן צאַריזם". אויך אַ ריי בונדישע טוער זיינען נישט געווען פריי פון אַזעלכע דעפעטיסטישע שטימונגען. און דער עקסטרעמסטער אין דער הינזיכט איז געווען קאָסאָווסקי. לויט ליטוואַקן קומט אויס, אַז ער איז „געווען אַ בן־יחיד מיט זיין מיינונג. און דווקא דאָס וואָס ער איז געווען איינער קעגן אַלעמען, האָט אים צוגעגעבן אַ באַזונדער פאַריסענעם אימפּעט. אַ ריי יאָרן האָט קאָסאָווסקי קיין רעפעראַטן נישט געלייענט. איצט האָט ער אָנגעהויבן לייענען רעפעראַטן וועגן דער מלחמה אין זשענעווו, לאָזאַן, בערן, ציריך, באַזעל און אַנדערע שטעט. ער איז געווען שניידנדיק שאַרף און האָט אַרויסגערופן קעגן זיך אַן אָפּאָזיציע, וואָס פלעגט אויף זיינע רעפעראַטן מאַכן סקאַנדאַלן"... איינער פון די סקאַנדאַלן־מאַכער איז געווען אַ געוועזענער באָלשעוויסטישער דומע־דעפּוטאַט, דער באַרימטער אַלעקסינסקי, וואָס איז בעת דער מלחמה געוואָרן אַ שרייענדיקער סאָציאַל־פּאַטריאָט. „בעת קאָסאָווסקיס רעפעראַט האָט ער זיך געלאָזט לויפן צו דער טריבונע שלאָגן דעם רעדנער. איסאַק ביסק, דער פּאַרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג, און אַ פּאָר בונדיסטן האָבן אַלעקסינסקין אַרויסגעוואָרפן פון זאַל. ער האָט זיך געווערט, געריוועט, געוויינט און געשריגן: לאָזט מיך, איך וועל אים צערייסן, ער האָט אָנגערירט מיין געוויסן, דעם געוויסן פון אַ סאָציאַליסט, כ׳מוז אים שלאָגן"[23].

קאָסאָווסקי האָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן די מאַרקע פון פּראָ־דייטשישקייט, וואָס קעגנער האָבן אים געוואָלט אָנטשעפּען און זייערע טענות ווי אַן אַבסורד — בייסיק אויסגעלאַכט.

ווען אין סעפּטעמבער 1915 איז אין צימערוואַלד אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ געווידמעט דער פראַגע פון געפינען אַן אויסוועג פון דער וועלט־מלחמה און צוריק אויפלעבן דעם אינטערנאַציאָנאַל, איז אויך דער בונד געווען פאַרטרעטן. קאָסאָווסקי האָט זיך אַ סך באַשעפטיקט מיט דער פראַגע פון קריזיס אין אינטערנאַציאָנאַל. ער האָט פון אָנהויב אָן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן פאַרטיפערן דעם ריס צווישן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די קריגס־צדדים און קעגן די שפּאַלטונגען אין די פּאַרטייען גופא. ער האָט זיך באַצויגן מיט חשד צו דער געפּלאַנטער קאָנפערענץ און זיך אָפּגעזאָגט אַריינצוגיין אין דער בונדישער דעלעגאַציע. ער האָט גאַנץ פּעסימיסטיש אָפּגעשאַצט די רעזולטאַטן פון צימערוואַלדער צונויפקום. דער בונד האָט שפּעטער אויך געגעבן זיין אונטערשריפט אויף דעם אויסגעאַרבעטן צימערוואַלדער מאַניפעסט, וואָס האָט גערופן די אַרבעטער צו פירן אַן ענערגישן קאַמף פאַר שלום און אויסטוישן דעם בורג־פרידן אויף קלאַסן־קאַמף (געבנדיק זיין אונטערשריפט, האָט דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון בונד דערביי געפּאָדערט, אַז אין דער רשימה פון די אויסגערעכנטע פעלקער, וואָס זיינען דורך זייערע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס געווען פאַרטרעטן אויף דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ, זאָלן אויך דערמאָנט ווערן יידן).

אין 1916, ווען אין קינטאַל איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די צווייטע קאָנ־פערענץ פון די סאָציאַליסטן־אינטערנאַציאָנאַליסטן האָט קאָסאָווסקי געענדערט זיין מיינונג און מסכים געווען צו פאַרטרעטן דעם בונד.

אין אַלע זיינע שטעלונגען און האַנדלונגען האָט ער אין זין געהאַט בלויז די אינטערעסן פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם בכלל און פון דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג בפרט. צווישן די אינטערעסן פון ביידע איז ביי אים נישט געווען קיין סתירה. ער האָט אַמאָל געקענט פאַר־נעמען אַ נישט־קאָנסעקווענטע אָדער אַ נישט־ריכטיקע שטעלונג, אָבער די כוונות זיינען שטענדיק ביי אים געווען גוטע און זיינען געווען דיקטירט דורך אַ הויכער מאָראַל.

כאַראַקטעריסטיש זיינען צוויי פאַלן פון יענער צייט. הגם ער האָט פאַר־נומען אַ דעפעטיסטישע שטעלונג בנוגע דעם צאַריזם און הגם מאַנכע האָבן אים באַשולדיקט אין זיין פּראָ־דייטש, איז ער אַריין אין אַ גוואַלטיקער אויפרעגונג, ווען אַ באַרימטער פּוילישער סאָציאַליסט (ק.) איז געקומען אָנבאָטן געלט פון דער עסטרייכישער רעגירונג אויף אַרויסגעבן ליטעראַטור אין דעפעטיסטישן גייסט. זיין אויפרעגונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט צום אָנגעזעענעם היסטאָריקער און סאָציאַליסט, מיט וועמען ער איז פון פריער געווען באַקאַנט, פּשוט געכאַפּט אַ שטעקן... נאָכן אויסברוך פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע איז אין מאַי 1917 אַ צוג מיט בערך 250 רעוואָ־לוציאָנערע עמיגראַנטן אָפּגעפאָרן אַהיים קיין רוסלאַנד. קאָסאָווסקי האָט קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט מיטצופאָרן. דער מאָטיוו — ער האָט געהאַלטן פאַר נישט מאָראַליש צו פאָרן דורך דייטשלאַנד, וואָס שטייט אין קריג מיטן רעוואָלוציאָנערן היימלאַנד. און כאָטש מיט דעם צוג זיינען געפאָרן פי־רער פון אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען, אַזעלכע אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן ווי פּאַוועל אַקסעלראָד, יולי מאַרטאָוו, ריאַזאַנאָוו, לונאַטשאַרסקי, מאַרק נאַ־טאַנסאָן און אַ גרויסע צאָל אַנדערע אָנגעזעענע סאָציאַליסטישע טוער (לענין מיט זיינס אַ גרופּע איז נאָך פריער צוריקגעפאָרן דורך דייטשלאַנד), האָט אָבער קאָסאָווסקין זיין געוויסן נישט דערלויבט צו פאָרן מיט דער דערלוי־בעניש פון דער דייטשער קריג־פירנדיקער רעגירונג אין רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד...

## 8. די צווייטע רוסלענדער רעוואָלוציע און די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש

דער טרוים פון דורות איז מקוים געוואָרן: דער צאַריזם איז געפאַלן און די פעלקער פון דער רוסלענדער אימפּעריע האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די קייטן. די פרייהייט־ווינטן האָבן זיך געטראָגן אין אַלע ווינקעלעך פון ריזיקן לאַנד. גרויסע, ליכטיקע האָפענונגען האָבן אויפגעלויכטן אין די הער־צער און נשמות פון די מענטשן — ס'קען זיין אַ פריי און גליקלעך לעבן.

די יידישע אַרבעטער האָבן אין גרויסע מאַסן ווידער — ווי אין פּע־ריאָד פון דער ערשטער רעוואָלוציע — זיך גענומען זאַמלען אונטער די

פענער פון בונד. אין אַפּריל 1917, באַלד אין די ערשטע וואָכן נאָכן אַראָפּוואַרפֿן דעם צאַריזם, איז זיך צונויפגעקומען אין דער הויפּט־שטאָט, אין פּעטראָגראַד, די 10טע קאָנפערענץ פון בונד — די ערשטע אָפענע קאָנפערענץ פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד. מ׳איז געקומען נישט בלויז פון די שטעט, וואו מ׳האָט ביז־נישט לאַנג געפירט אומלעגאַל און געהיים די רעוואָלוציאָנערע אַרבעט, נאָר אויך גלייך פון די טורמעס, סיביר און אַנדערע פאַרשיקונגס־ערטער. ס׳איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ נייער, פאַרברייטערטער צענטראַל־קאָמיטעט פון 13 מיטגלידער און צווישן זיי איז געווען איין מיטגליד פון ערשטן בונדישן צענטראַל־קאָמיטעט — וולאַדימיר קאָסאָווסקי.

מיט אַלע זיינע געדאַנקען איז חבר וולאַדימיר געווען אין רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד. ער האָט זיך געריסן צו דער פרייער היים, וואוהין ס׳האָבן אים גערופן זיין האַרץ און די פּאַרטיי־פּליכט. ער האָט אָבער נישט געקענט פועלן ביי זיך אויסצונוצן די הילף, וואָס דער דייטשער גענעראַל־שטאַב איז געווען גרייט צו געבן. אין דער צייט, ווען בלוט האָט זיך געגאָסן אויף די פראָנטן, האָט ער די דייטשע ערד נישט געוואָלט באַטרעטן. ער האָט געזוכט אַנדערע וועגן. און דורך אַנדערע וועגן איז געווען שווער. און די צייט איז געגאַנגען, ביז זי איז אויסגעגאַנגען. די באָלשעוויקעס בראש מיט לענינען, וואָס האָט קיין מאָראַלישע ווייטיקן נישט געהאַט אָנצונעמען די הילף פון דייטשן גענעראַל־שטאַב, האָבן דורכגעפירט אַן איבערקערעניש, מיט וועלכער ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי בלאַט אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד און פון דער וועלט בכלל.

באַלד פון ערשטן מאָמענט אָן האָט דער בונדישער וועטעראַן קיין ספקות נישט געהאַט. מיט פולער אַנטשלאָסנקייט איז ער אַרויסגעטרעטן קעגן דער באָלשעוויסטישער מאַכט־פאַרכאַפּונג. די באָלשעוויקעס האָט ער געקענט זייער גוט און זיך נישט געמאַכט קיין שום אילוזיעס בנוגע דעם וועג, אויף וועלכן זיי וועלן גיין.

אין דער שווייץ האָט ער אויף אַ ריי פאַרזאַמלונגען — פאַר שווייצאַרישע סאָציאַליסטן און רוסלענדער עמיגראַנטן — אַנאַליזירט די געשעענישן און באַגרינדעט פאַרוואָס די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע באַוועגונג דאַרף זיך נישט סאָלידאַריזירן מיטן נייעם באָלשעוויסטישן רעזשים. דאָס וואָס ער האָט געזאָגט אין זיינע רעפעראַטן, איז אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ שריפט (דייטש — 74 זייטן) מיטן נאָמען דער באָלשעוויסטישער רעזשים אין רוסלאַנד און איז אַרויס סוף 1918 אין אָלטען (שווייץ), מיט אַ הקדמה פון אַלטן שווייצאַרישן סאָציאַליסטישן פירער הערמאַן גרייליך. דער הויפּט־געדאַנק פון זיינע רעפעראַטן און פון דער דערמאָנטער שריפט איז געווען: דער באָלשעוויזם האַנדלט אין קעגנזאַץ צום עצם פון די סאָציאַליסטישע פּרינציפּן. דערביי האָט ער זיין אַרגומענטאַציע אילוסטרירט מיט זייער פיל פאַקטן פון דער באָלשעוויסטישער פּראַקטיק. „דער סאָציאַליזם און די דעמאָקראַטיע — לייענען מיר דאָרטן — זיינען נישט־צעטיילבאַר פאַרבונדן צווישן זיך. קוקט מען נאָך די געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג פון

איר בראשית אָן, זעט מען, אַז איר אַנטוויקלונג איז בכלל געגומען גע־גאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער כסדר שטאַרקערער דעמאָקראַטיזירונג פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. די עמאַנציפירונג פון פּראָלעטאַריאַט מחוץ דער דעמאָקראַטיע איז בכלל נישט מעגלעך". די גאַנצע שריפט איז געהאַלטן אין אַ זייער שאַרפן טאָן. באַלד אין ערשטן קאַפּיטל לייענען מיר: „אַן גוזמא קען געזאָגט ווערן, אַז ס'איז נישטאָ קיין פאַרברעך, פאַר וועלכן די באָלשעוויסטישע רעגירונג זאָל זיך אָפּשטעלן; אַ רעגירונג וואָס מאָרדעט אויס מאַסנהאַפט די פּאָליטישע קעגנער פון דעם סאָציאַליסטישן לאַגער און די בעסטע עלעמענטן פון די אַרבעטער און פּויערים, וואָס זיינען צו איר אָפּאָזיציאָנעל געשטימט". צווישן אַנדערן האָט דער מחבר אויך באַ־שולדיקט די באָלשעוויסטישע מאַכט, אַז זיי שפּילן די שפּיל פון דייטשן מי־ליטאַריזם. דערביי האָט ער אויך נישט געשאַנעוועט די אַראָפּגעזעצטע רע־גירונג און די כוחות, וואָס האָבן מיט איר אַנגעפירט: „מ'מיט איר שטענדיקן קווענקלען זיך, מיט איר אייביקן לאַווירן און אַרויסדרייען זיך פון צו לייזן די ברענענדיקסטע פראַגן פון דעם היסטאָרישן מאָמענט — לייענען מיר דאָרטן — האָט זי אָפּגעשטויסן פון זיך אַלע קלאַסן פון דער באַפעלקע־רונג און איז געבליבן הענגען אין דער לופטן". דאַקעגן די באָלשעוויקעס — „זיי האָבן פאַראייניקט אין זיך אַלע מעלות, וועלכע זיינען אומבאַדינגט נויי־טיק, כדי מנצח צו זיין אין פייער פון רעוואָלוציע: רעוואָלוציאָנערע אי־ניציאַטיוו, אַנטשלאָסנקייט, קלאָרקייט פון צילן — מעלות, וועלכע האָבן גע־מאַכט אַ גוואַלטיקן איינדרוק לגבי דער אומטעטיקייט, צעקראָכנקייט און אָפּהענטיקייט פון זייערע פּאָליטישע קעגנער"...

אין אַ בריוו צו דזשאָן מילל וועגן דער זעלבער בראָשור שרייבט (פון זשענעווו, דעם 21 יולי 1919) איר מחבר:

„צו אינסצעניזירן אַזאַ רעזשים זיינען געווען מסוגל נאָר די באָלשע־וויקעס, ד. ה., מענטשן, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט אַ באַשטימטע פּאַרטיי־שול פון פּאָליטישער דעמאַגאָגיע, אָפּנאַרעריי, פּאַלשקייטן און פון טרעטן מיט די פיס אַלץ, וואָס האָט געשמעקט מיט 'מאָראַל', ווייל מאָראַל, איז לויט זייער פאַרשטאַנד, אַ 'בורזשואַזער אָבערגלייבן'. יעדער רעזשים נויטיקט זיך אין אַ באַשטימטן מענטשן־מאַטעריאַל און דער אַזיאַטישער רעזשים, וועלכער רופט זיך 'דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט', האָט זיך פּאַקטיש אַרויס־געוויזן פאַר אַ בייזוויליקע אָפּלאַכעריי איבער דעם ווילן און די שטרעבונ־גען פון פּראָלעטאַריאַט, און האָט געפונען זיינע פּירער אין יענעם לאַגער, אין וועלכן עס האָבן זיך אין משך פון יאָרן קולטיווירט אַוואַנ־טוריזם, נישט־איבערקלייבערישקייט און — 'קולאַקן־רעכט'. אַמטרויערי־קסטן איז, וואָס עס האָט זיך איינגעגעבן די באָלשעוויקעס צו אינסצעניזירן אַ ריזיקן מאַסקאַראַד און אַזוי צו מיסטיפיצירן די אָנפירערס פון פּראָלעטאַריאַט אין אויסלאַנד, אַז זיי האָבן געגלויבט אין דער לעגענדע פון אַ 'סאָציאַליסטישן רוסלאַנד', און דאָס איז דאָס אומפאַרשעמטסטע. דאָס איז אַן אמתער אַטע־סטאַט פון גייסטיקער אָרעמקייט פון יענע, וואָס האַלטן זיך פאַר פירערס פון אַרבעטער".

די קעגנערשאַפט צום באָלשעוויזם איז ביים לאַנג־יאָריקן סאָציאַליסטישן קעמפער געקומען פון פּרינציפּיעלע טעמים. ער האָט געהאַלטן, אַז „דער וועג פונם פּראָלעטאַריאַט צום סאָציאַליזם פירט דורך דער ברייטסטער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער דעמאָקראַטיע", און דער באָלשעוויזם איז געווען אַ פאַרלייקענונג פון אָט דעם פּרינציפּ. ער האָט געגלויבט, אַז „אין דער צייט פון גרויסע סאָציאַלע מלחמות איז פולשטענדיקע אייניקייט דער ערשטער באַדינג פון נצחון. וועט דער פּראָלעטאַריאַט זיין אייניק, וועט ער האָבן אַ גענוג ווייטן בליק אָפּצושטעלן אין זיינע רייען אַלע פאַרדערבלעכע קאַמפן און בילדן אויף דער גאַנצער ליניע איין פעסטן קלאַסן־פראָנט קעגן זיינע קלאַסן־שונאים, דאַן וועט די דעמאָקראַטיע ווערן אין זיינע הענט דער שאַרפסטער כלי־זיין, וואָס וועט אים העלפן אָפּצוהאַלטן אַ נצחון נאָך אַ נצחון"[24]). שפּאַלטן די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג איז אָבער געוואָרן די באָלשעוויסטישע טאָג־לאָזונג, פאַרניכטן די אַנדערש־דענקענדיקע אַרבעטער־טוער — אַ טאָג־טעגלעכע פּראַקטיק.

בעת אַ מוראדיקע פּאָגראָם־כוואַליע האָט זיך בלוטיק צעגאָסן איבער די שטעט און שטעטלעך פון רוסלאַנד, האָט קאָסאָווסקי אָנגעוויזן, אַז דער באָלשעוויסטישער רעזשים טראָגט אַ חלק שולד. ער האָט געשריבן: „פּאָגראָמען אויף יידן אין באָלשעוויסטישן רוסלאַנד זיינען פאָרגעקומען באַזונדערס אינטענסיוו אין דער ערשטער העלפט פון דעם פאָריקן יאָר, 1918". ער האָט אויסגערעכנט אַ גאַנצן צעטל פּאָגראָמירטע ערטער — צווישן זיי דעם מוראדיקן פּאָגראָם אין גלוכאָוו (טשערניגאָווער גובערניע), וואו עס זיינען דערהרגעט געוואָרן 450 יידן — און דערקלערט: „אָט די אַלע פּאָגראָמען זיינען געמאַכט געוואָרן פון באָלשעוויסטישן מיליטער". בכלל באַמיט ער זיך צו זיין אָביעקטיוו און זאָגט, וואָס די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט יאָ געטון און וואָס זי האָט נישט געוואָלט טון קעגנצואווירקן די פּאָגראָמען. זיין אויספיר איז: „די באָלשעוויסטישע רעגירונג טרעט אַנטשלאָסן אַרויס קעגן די יידישע פּאָגראָמען, זעענדיק אין זיי דאָס געפערלעכסטע געווער פון דער מאָנאַרכיש־בורזשואַזער רעאַקציע, און זי איז גרייט אָנצונעמען קעגן זיי די ענערגישסטע מיטלען. אָבער די וואָרצלען פון די פּאָגראָם־שטימונגען ליגן אין די פאַראורטיילן פון די מאַסן. פירן דערפאָלגרייך די אַרבעט, וואָס איז געווענדט אויף אונטערצוגראָבן אָט די וואָרצלען, קענען אָבער נישט די באָלשעוויקעס, ווייל זיי באַגרינדן זייער גאַנצע פּאָליטיק אויף אויסנוצן די גייסטיקע רויקייט פון די מאַסן. די באָלשעוויקעס קענען נאָר דערשטיקן די פּאָגראָמען מיט פיזישער מאַכט, שטיצנדיק זיך אויף די מיטלען וואָס די רעגירונג־מאַכט גיט זיי. נאָכגעבנדיק די פאָראורטיילן פון די מאַסן, זיינען זיי נישט אימשטאַנד צו באַקעמפן די גייסטיקע ווילדקייט, וואָס איז דער קוואַל, פון וועלכן עס שפּייזן זיך די אַנטיסעמיטישע און פּאָגראָם־שטימונגען"[25]).

אַן אַלטן חשבון האָט קאָסאָווסקי געפירט מיטן באָלשעוויזם. דער פאַקט, וואָס די באָלשעוויקעס האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרכאַפּן די מאַכט, איז פאַר אים נישט געווען קיין גרונט צו קאַפּיטולירן און אָנהויבן קוקן אויף די באָלשעוויסטישע חסרונות ווי אויף מעלות. ווען אין רוסלענדישן טייל פון בונד

האָבן זיך געשטאַרקט די קאָמוניסטישע שטימונגען און ס'איז דערגאַנגען צו אַ שפּאַלטונג. האָט ער זיך אַנטשידן אַרויסגעזאָגט קעגן דעם לעניניזם און געוויזן פּאַרוואָס אַ קאָמוניסטישער בונד קאָן נישט זיין. „די 'איסקראָוצעס' — האָט ער געשריבן — האָבן זיך געהאַלטן פּאַר אַ שיטה, וועלכע מ'האָט גערופן 'דער מעכאַנישער צענטראַליזם'. דער הויפּט־באַשעפער פון דעם דאָזיקן איבער־צענטראַליזם איז געווען לענין. לויט דער דאָזיקער תורה, האָט די פּאַרטיי געדאַרפט אָרגאַניזירט זיין אויפן מיליטערישן אופן מיט אַן אייזערנער דיסציפּלין. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט געדאַרפט האָבן אַ דיקטאַטאָרישע מאַכט און האַלטן פעסט אין זיינע הענט יעדן איינצלנעם פּאַרטיי־מענטש, האָבן די מעגלעכקייט צו 'דערגיין ביז דעם לעצטן מיטגליד פון דער פּאַרטיי', ווי דאָס האָט געהייסן אויף דעם דעמאָלטיקן פּאַרטיי־זשאַרגאָן. דער 'בונד' האָט זיך אַבסאָלוט נישט געקלעפּט צו דער דאָזיקער דיקטאַטור". די עקסיסטענץ פון בונד „איז געווען אַ פּאַטש אין פּנים דעם גאַנצן סיסטעם פון מיליטערישער סובאָרדינאַציע"... „דער 'בונד' איז געווען דעמאָקראַטיש אויפגעבויט פון אונטן ביז אויבן, אויף וויפל עס איז איבערהויפּט מעגלעך געווען דורכצופירן די דעמאָקראַטיע אין אַ פּאַרטיי ביי אומלעגאַלע באַדינגונגען. דער אמתער באַלעבאָס אין 'בונד' איז תמיד געווען די אָרגאַניזירטע מאַסע, אַן אַלמעכטיקע פּאַרטיי־ביוראָקראַטיע האָט אין 'בונד' נישט עקסיסטירט"... „דער קאָמוניזם שליסט אויס בונדיזם, שליסט אויס סיי די אָרגאַניזאַטאָרישע זעלבשטענדיקייט פון 'בונד', סיי דעם גאַנצן ספּעציפיש בונדישן אינהאַלט פון זיין פּראָגראַם, בקיצור, אַלץ וואָס כאַראַקטעריזירט דעם 'בונד' " [26]).

און ווען גאָר אינגיכן האָט דער קאָמוניסטישער טייל פון בונד שוין געמוזט זיך ליקווידירן אַלס באַזונדערע אָרגאַניזאַציע און ווערן צעשטויבט אינעווייניק אין דער רוסלענדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט דער אַלטער בונדישער וואָרט־זאָגער געשריבן:

„טיף גערעכט איז געווען די בונדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעלעגאַציע, ווען אַוועקגייענדיק פון דער קאָנפערענץ, וואָס האָט אָנגעזאָגט מיט זיך די שפּאַלטונג פון בונד, האָט זי דער טריאומפאַלער קאָמוניסטישער מערהייט געוואָרפן אין פּנים אַריין די ווערטער, וואָס האָבן געהילכט ווי דער געקלאַנג פון אַ לוויה־גלאָק: אין כאַראַקטער, אין סאַמע עצם פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ליגט דאָס אָפּלייקענען די מעגלעכקייט און געזעצלעכקייט פון דער עקסיסטענץ פון אַ באַזונדערער אויטאָנאָמער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. שטעלנדיק זיך אין די רייען פון די קאָמוניסטן, שניידט איר זיך אָפּ פון בונד און פון בונדיזם און אינגיכן וועט איר זיך אָפּזאָגן פון זיין גייסט. אייער גורל, ווי אַן אָרגאַניזאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, איז אַ געחתמעטער. ווי טרעגער פון דער פאָן פון בונד שטייט איך פּאַר אַ פּאָליטישער טויט" [26a]).

## 9. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה

די שרעקלעכע וועלט־שחיטה האָט זיך אָפּגעשטעלט. פיל מיליאָנען טויטע און צעקאַליעטשעטע, חורבנות אָן אַ שיעור און פּיין אָן אַ גרענעץ האָבן עדות געזאָגט וועגן דער אומפעאיקייט פון דער עקסיסטירנדיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג זיך קעגנצושטעלן די בייזע צעשטערערישע כוחות, וואָס זי פאַרמאָגט אין האַדעוועט אין איר שויס. דער פיזישער און מאָראַלישער חורבן איז געווען אַ ביטערער איראָנישער קאָמענטאַר צו אַלע רעליגיעזע און מאָראַל־דרשות, וואָס קלינגען אין די מענטשלעכע אויערן פון דור־דורות.

וואָס געווען — איז געווען. די וועלט מוז צוריק אויפגעבויט ווערן. און צווישן די, וואָס האָבן זיך גענומען צוריק אויפבויען, איז אויך געווען דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל. לויט דער איניציאַטיוו פון עטלעכע סאָציאַליסטישע פירער, איז אין בערן אין די טעג פון 3 — 10 פעברואַר 1919 פאָרגעקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ. דער בונד פון פוילן, איצט שוין ווי אַ זעלבשטענדיקע לאַנד־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אָרגאַניזאַציאָנעל שוין מער נישט פאַרבונדן מיטן בונד אין רוסלאַנד, איז דאָרטן געווען פאַרטראָטן דורך וו. קאָסאָווסקי און פּ. קורסקי. ביידע זיינען אַרויסגעטרעטן ביי אייניקע וויכטיקע פונקטן פון דער טאָג־אָרדנונג און אַריינגעטראָגן פאָרשלאָגן.

וולאַדימיר האָט גערעדט ביים פונקט וועגן שאַפן אַ פעלקער־בונד און אין דער דעבאַטע אַרום דער פראַגע דעמאָקראַטיע און דיקטאַטור. ער האָט אָנגעוויזן, אַז דער פעלקער־בונד וועט געבויט ווערן לויטן טעריטאָריאַלן פּרינציפּ, דעריבער איז נויטיק פעסטצושטעלן אַ שוץ פאַר די רעכט פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. דערביי האָט ער געשילדערט די לאַגע פון די יידן אין מזרח־אייראָפּע און באַגרינדעט די וויכטיקייט פון קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. וועגן דער צווייטער פראַגע האָט ער צווישן אַנדערן דערקלערט אין נאָמען פון דער בונדישער דעלעגאַציע:

„מיר זיינען איבערצייגט, אַז דער וועג צום סאָציאַליזם פירט דורך דעמאָקראַטיע. מיר אָנערקענען די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אין דעם זין, וואָס דרינגט אַרויס פון די לערעס פון די באַגרינדער פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. דאָס מיינט אַ מצב, ווען דער פּראָלעטאַריאַט, ד. ה., די מערהייט פון פאָלק דעראָבערט די מלוכה־מאַכט, פּאַסט זי צו צו זיינע באַדערפעענישן און דורך דער הילף פון דער דאָזיקער געעגדערטער אָרגאַניזאַציע טרעט ער צו איינצוריכטן די געזעלשאַפט אויף נייע, סאָציאַליסטישע יסודות. מיר וואַרפן אָפּ דעם מעטאָד, וואָס באַשטייט אין דעם, אַז אין פּאַרטיי, וועלכע שטיצט זיך אויף אַ טייל פון פּראָלעטאַריאַט און אויף אַ קליינער מינדערהייט פון דער באַפעלקערונג, פּרוּווט מיט טעראָר־מיטלען אויפצווינגען דעם פאָלק סאָציאַליזם. די דאָזיקע פּאָליטיק פירט אומפאַרמיידלעך צום פולשטענדיקן אויסראָטן די עלעמענטאַרע גאַראַנטיעס פון פרייהייט און דעם פולשטענדיקן פאַרניכטן די פאָלקס־ווירטשאַפט. די דאָזיקע פּאָליטיק האָט

אין רוסלאַנד געליטן אַ פולן דורכפאַל. זי האָט דערפירט צום ווירטשאַפטלעכן חורבן פון לאַנד, צו דער פאַרניכטונג פון אַלע דערגריי־כונגען פון דער רעוואָלוציע, צו צעקלאַפּן און דעמאָראַליזירן דעם פּראָלע־טאַריאַט און צו דער פיזישער אויסראָטונג פון אַנדערש־דענקענדיקע סאָציאַ־ליסטן און די בעסטע עלעמענטן פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט. זי טראָגט אין זיך די גרעסטע סכנות פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבע־טער־באַוועגונג״ (קורסקי האָט געוועדט ביים פּונקט אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־געזעצגעבונג און פאַרטיידיקט דעם פּרינציפּ פון פרייער איינוואַנ־דערונג און פאַרגעשלאָגן, אַז דער געזעצלעכער רו־טאָג זאָל נישט דווקא זיין זונטיק, כדי ייִדישע אַרבעטער זאָלן קענען רוען שבת און מאַכמעדאַנישע פרייטיק. דער לעצטער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן. ס'איז אויך אָנגענומען געוואָרן די בונדישע פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן די אַנטי־ייִדישע פּאָגראָמען).

אין 1920 האָט חבר וולאַדימיר פאַרלאָזט די שווייץ און זיך באַזעצט אין בערלין, וואָס איז דעמאָלט געווען פול מיט רעוואָלוציאָנערן אויפברויז. 10 יאָר האָט ער אָפּגעלעבט אין דער דייטשער הויפּט־שטאָט. מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט האָט ער זיך צוגעקוקט צום דייטשן לעבן, שטו־דירט די פּראָבלעמען פון נאָכמלחמהדיקן אייראָפּע און פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער דייטשער אַרבעטער־קלאַס איז געווען געשפּאָלטן אין דריי טיילן: די מערהייט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, די אומאָפּהענגיקע און די קאָמוניסטן. קאָסאָווסקיס סימפּאַטיעס זיינען געווען אויף דער זייט פון די אומאָפּהענגיקע, בראש פון וועלכע עס זיינען אין דער צייט פון קריג געשטאַנען קאַרל קאַוטסקי, הוגאָ האַאַזע, קורט אייזנער און אַנדערע. צו דער פּאָליטיק פון דער מערהייט־ריכטונג האָט ער פאַרנומען אַ שאַרף־קריטישע שטעלונג. די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן נאָך דער מלחמה בלינד אויסגעפאָלגט די באַפעלן פון קאָמינטערן און זיינען געווען פאַרנומען מיט דורכפירן אַוואַנטוריסטישע פּוטשן, האָבן אַוודאי נישט געקענט געפינען אין אים אַ פריינט.

אויך אין בערלינער פּעריאָד איז ער געווען אַריינגעטון אין פּובלי־ציסטישע טעטיקייט. בעיקר האָט ער געשריבן פאַר דער בונדישער טעג־לעכער צייטונג אין וואַרשע, פאָלקס־צייטונג, און פאַר דעם ניו־יאָרקער חודש־זשורנאַל די צוקונפט, ווי אויך פאַרן בונדישן חודש־זשורנאַל אונזער צייט (וואַרשע). די טעמעס זיינען געווען פּאָליטיש־סאָציאַלע, מערסטנטייל טאָקע וועגן ענינים פון דייטשלאַנד גופא, וואו ער האָט באַאָבאַכטעט די געשעענישן פון דער נאָענט.

אַ צייט איז קאָסאָווסקי אויך געווען רעדאַקטאָר פון די ייִדישע און רוסישע אויסגאַבעס פון פאַרלאַג „וואָסטאָק״. אין יאָר 1921 האָט ער צוזאַ־מענגעשטעלט אַ בוך (רוסיש) א. ב. דער היינטצייטיקער דייטשער גײַסט — מיט אַרטיקלען פון היינריך מאַן, ערנסט בלאָך, טעאָדאָר דייבלער, פּאָול

ערנסט, העניריך קייזערלינג, אָסוואַלד שפּענגלער, קאַרל קאַוטסקי און אַל־בערט איינשטיין.

די מיטאַרבעטערשאַפט אין ניו־יאָרקער חודש־זשורנאַל די צוקונפט איז געווען באַזונדערס אינטענסיוו אין די צוואַנציקער יאָרן. פון זיינע בערך 60 אַרטיקלען, וואָס ער האָט בכלל אָפּגעדרוקט אין דעם זשורנאַל, פאַלן אויס אויף דעם פּעריאָד קרוב 50. די טעמעס זיינען געווען וועגן די געשעענישן אין דייטשלאַנד, דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג, אינטערנאַציאָנאַל, סאָוועט־רוסלאַנד, וועגן די יידן אין רוסלאַנד, בונד, ציוניזם, ווי אויך אַ ריי אָפּהאַנדלונגען וועגן די וויכטיקסטע סאָציאַליסטישע פּערזענלעכקייטן — קאַרל מאַרקס, פרידריך ענגעלס, פערדינאַנד לאַסאַל, זשאַן זשאָרעס, וויקטאָר אַדלער, קאַרל קאַוטסקי, יולי מאַרטאָוו און וו. מעדעם.

וואָס שייך דעם סאָוועטישן רעזשים, איז דער טאָן פון די אַרטיקלען שוין געווען אַ גאַנץ אַנדערער, ווי פון דער פריער־דערמאָנטער שווייצאַרישער שריפט. פּרינציפּיעל איז די קעגנערשאַפט צו די באָלשעוויסטישע מעטאָדן פון רעגירן, צום אונטערדריקן די אַנדערש־דענקענדיקע און צו אַנדערע פירעכצן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי־דיקטאַטור ווייטער געבליבן. ער האָט ווייטער אָנערקענט די אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע. די קריטיק איז אָבער געווען אָן אַן ערך מער מעסיק. פון קאָסאָווסקיס פעדער זיינען אַפילו געקומען אַזעלכע ווערטער: „טעאָרעטיש און פּראַקטיש איז די עוואָלוציע פון דער סאָוועטישער מאַכט פון דיקטאַטור צו פּאָליטישער דעמאָקראַטיע מעגלעך"... „איר פאַלן וועט אויפגענומען ווערן פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט אַלס אַ גרויסער נצחון פון דער קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע, דערין קען קיין ספק נישט זיין פאַר יעדן וועד עס איז נאָר כאָטש אַ ביסל באַקאַנט מיט די שטימונגען אין דער אַרבעטערשאַפט. דער אינסטינקט פון די אַרבעטער ברענגט זיי אין דעם פאַל קוים אַריין אין אַ טעות" [27]). ווען ס'איז אויפגעקומען די פראַגע פון יידישער קאָלאָניזאַציע אין סאָוועט־רוסלאַנד, האָט ער פאַרנומען צו איר אַ פּאָזיטיווע שטעלונג.

אין דער וואַרשעווער פאָלקס־צייטונג האָט ער געדרוקט קאָרעספּאָנדענציעס וועגן דער לאַגע אין דייטשלאַנד און וועגן דער דאָרטיקער אַרבעטער־באַוועגונג.

אין מיטן די צוואַנציקער יאָרן האָט חבר וולאַדימיר פּאַרלאָזט בערלין מיט דער דעה זיך צו באַזעצן אין פּאַריז. ער איז פּשוט געוואָרן אַנטוישט אין דייטשלאַנד. ווי באַוואוסט, האָבן סיי סאָציאַליסטן, סיי קאָמוניסטן געלייגט גרויסע האָפענונגען אויפן צאָלרייכן, גוט־אָרגאַניזירטן אַרבעטער־קלאַס פון דאָזיקן הויך־אינדוסטריעלן לאַנד. אין מיטן די צוואַנציקער יאָרן האָט מען שוין פון וולאַדימירן געקענט הערן אויפן חשבון פון דייטשלאַנד בכלל די ווערטער: „צעפּוילט, דעמאָראַליזירט, קאָרומפּירט" [28]). אויך אויפן חשבון פון דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג האָט ער נישט געזשאַלעוועט קיין שאַרפע קריטיק, ער האָט זיך אָבער תמיד באַמיט צו האַלטן זי אין דערלאָזבאַרע ראַמען. מיין איינדרוק איז, אַז צום דייטשן פאָלק בכלל

זיינען ביי אים געווען אַמביוואַלענטע (קעגנזעצלעכע) געפילן, וואָס זיינען אַנטשטאַנען מחמת די מעלות און חסרונות פון דאָזיקן פאַלק.

מער ווי עטלעכע חדשים האָט דער אַלטער נע־ונעדניק אין פּאַריז נישט אויסגעהאַלטן. די סיבה: פראַנקרייך איז „צעפּוילט, דעמאָראַליזירט, קאָרומפּירט״. און דער עיקר — אַ צעשוואומענע אַרבעטער־באַוועגונג, אין דער סביבה פון וועלכער ער האָט זיך נישט געקענט אויסלעבן. ער איז צוריק אַיועק קיין בערלין.

די צווייטע העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן איז געווען אַ שלעכטע צייט פאַר וולאַדימירן. ער האָט אָנגעהויבן צו ליידן אויפן האַרץ און אַפילו געהאַט האַרץ־אַטאַקעס. וועגן זיין געמיט אין יענער צייט דערציילט אַ דאָקטאָר, וואָס האָט אים געהיילט: „זיין אַרבעטספעאיקייט איז געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט און ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער שטייט פאַר אַ פּערזענלעכער קאַטאַסטראָפע, אַז ער ווערט אַן אינוואַליד. אַנטקעגן מיר איז געזעסן אַן אומעטיקער, דעפּרימירטער, געררייצטער און נערוועזער וולאַדימיר. פאַר זיך האָט ער קיין שום האָפענונגען נישט געזען. ער איז געווען איבערצייגט, אַז קיין דאָקטאָר אין דער וועלט איז נישט בכוח אים צו העלפן. זיין דעמאָלטיקער צושטאַנד איז אָבער פאַרהעלטניסמעסיק גיך אַוועק. נאָך אַ געוויסער צייט האָט ער זיך אָנגעהויבן פילן בעסער. ער האָט אויך געקאָנט בעסער און פּראָדוקטיווער אַרבעטן״ [29]).

## 10. אין פּוילן

אַ ספּעציעלע נויטווענדיקייט צו זיצן דווקא אין בערלין איז ביי אים נישט געווען. איז ביי בונדישע טוער אַנטשטאַנען דער געדאַנק, אַז ס׳וואָלט געווען גלייך צו בייטן זיין וואוין־אָרט. אין דער צווייטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד אין פּוילן איינגעלאַדן דעם בונדישן וועטעראַן צו באַזעצן זיך אין וואַרשע. אַ לענגערע צייט האָט קאָסאָווסקי זיך געוואַקלט און זיך נישט געקענט אַנטשליסן. לסוף איז ער מרוצה געוואָרן און אין זומער 1930 איז ער געקומען קיין וואַרשע. דאָס איז געווען אַ ברכה אין זיינע עלטערע יאָרן.

נאָך אַן איבערייס פון קרוב אַ פערטל יאָרהונדערט, האָט דער בונדישער פּיאָנער ווידער זיך געפונען אין סאַמע מיטן פון אַ קאָכיק יידיש לעבן, אין ברען פון אַ לעבעדיקער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער איז נישט אַריינגעפאַלן אין אַ פרעמדער וועלט. מיט אַ וואָך אויג און אויער, האָט ער אויך פריער געוואוסט וואָס עס טוט זיך אין פּוילן. ער האָט אויפמערקזאַם שטודירט די יידישע פּרעסע פון וואַרשע, און אָפט געהערט באַריכטן פון מענטשן, וואָס זיינען געקומען אין בערלין. ס׳איז אָבער דאָך אַן אונטערשיד, ווען מ׳זעט אַלץ מיט אייגענע אויגן, ווען מ׳ווערט אַליין מיטגעריסן מיטן שטראָם פון לעבן. זיין קומען קיין וואַרשע איז פאַר אים געווען אַ שטאַרקע אָפּפרישונג.

באַלד אין די ערשטע טעג איז אים אויסגעקומען צו באַטייליקן זיך

אין אַ ספּעציעלן בונדישן צוזאַמענפאַר, וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָדזש און וואו ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער בונד זאָל ווידער אַריינטרעטן אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, צו וועלכן ער האָט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אַ לאַנגע צייט נישט געהערט. דאָ האָט ער זיך צונויפגעטראָפן מיט דעלעגאַטן פון אַלע עקן לאַנד. צום ערשטן מאָל איז ער געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט מחנות יינגע בונדישע טוער, וואָס ער האָט פון די רוסישע צייטן נישט געקענט. אמת, אויפן צוזאַמענפאַר זיינען אויך געווען נאָנטע פון די אַלטע צייטן: אַרקאַדי קרעמער, נח, וויקטאָר שולמאַן, ברוך כהן־ווירגילי, אַנע ראָזענטאַל, יצחק מרדכי פסחזאָן, חיים לייב פּאָזנאַנסקי, ישראל ליכטענ־שטיין און אַנדערע. די גרויסע מערהייט איז אָבער באַשטאַנען פון יינגערן דור. און ס׳איז געווען אַ פרייד פאַרן וועטעראַן צו זען, אַז זיין מי איז נישט געגאַנגען לאיבוד, ס׳איז פאַראַן אַ המשך, זיין גלויבן איז זייער גלויבן, זיין בליק איז זייער בליק. אין בונד האָט דער אַלטער וואָרט־זאָגער געזען נישט בלויז סתם אַן אָרגאַניזאַציע פון יידישע אַרבעטער, נאָר אַ סך אַ ברייטערע און טיפערע זאַך. ס׳איז ביי אים געווען געבונדן מיט אַ גאַנצער וועלט־אַנשויאונג: אין געשיכטלעכן גאַנג פון די פעלקער האָט ער געזען פאַר־שיידענע סטאַדיעס, אין וועלכע זיי שטייגן אַלץ העכער און העכער. פון גע־מיינזאַמער בלוט־קרובהשאַפט, דורך געמיינזאַמער טעריטאָריע און מלוכה ביז דעם שפּיץ פון אַ קולטור־געמיינשאַפט. יידן האָבן דערגרייכט די הויכע סטאַדיע פון זיין אַ פאָלק אָן אַ בשותפותע טעריטאָריע און מלוכה; אַ סטאַ־דיע, צו וועלכער אויך אַנדערע פעלקער וועלן קומען. ס׳איז אַ וועג, וואָס פירט פון אַנימאַלישן בלוט־געפיל, דורך אויסערלעכער, טעכנישער צונויפבינדונג צו גייסטיקן צוזאַמענהאַלט. בונדיזם איז אַן אויסדרוק פון דער קאָנצעפּציע. און איבער זיין עלטער האָבן געגומען פלאַטערן פליגל פון יוגנט, ווען ער האָט געזען בחוש ווי גרויסע מחנות פון די יינגע דורות פאָלקס־קינדער זאַמלען זיך אונטער די פענער פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד.

דער בונדישער טעאָרעטיקער און פּובליציסט האָט איצט באַקומען אַ מעגלעכקייט טאָג־טעגלעך מיטאַרבעטן אין דער פאָלקס־צייטונג. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון סטעף (שטענדיקער רעדאַקציע־מיטאַרבעטער). אויפן נאָענטן אָרדנטלעכן צוזאַמענפאַר איז ער אויך געווילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד אין פּוילן.

אין דער פאָלקס־צייטונג האָט ער געשריבן לייט־אַרטיקלען און אָפּ־האַנדלונגען איבער פאַרשיידענע אַקטועלע פראַגן פון דער אינערלעכער און אויסערלעכער פּאָליטיק, ווי אויך וועגן ענינים פון דער אַרבעטער־באַ־וועגונג. ווי תמיד, איז אין דעם געווען באַהאַוונטקייט און קלאָרקייט פון געדאַנק. צו זיין וואָרט האָט מען זיך צוגעהערט.

זיין מיטאַרבעט איז נישט געווען אָן רייבונגען. שוין בעת זיין קומען קיין פּוילן זיינען די באַציאונגען צווישן אים און דעם הויפּט־רעדאַקטאָר (ה. ערליך) געווען אַ ביסל אָנגעשטרענגטע. געגומען האָט זיך עס פון דעם, וואָס חבר וולאַדימיר האָט געהאַט אַ טבע נישט אָפּצולאָזן אַ טעמע, ווען ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט איר. ער פלעגט זי דרייען פון אַלע זייטן, פאַל־

מעסן יעדעס אברל פון איר. און ווען מ׳האָט אין וואַרשע געזען, אַז ס׳איז שוין געוווּג אַרטיקלען געווען וועגן דעם, פלעגט מען פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל שרייבן עפּעס אַנדערש. ער האָט עס נישט געקענט דולדן און פלעגט ברוגז ווערן אויף אַ לענגערער צייט. אין פּוילן זיינען די באַציאונגען מיטן רעדאַקטאָר געוואָרן נאָך מער אָנגעשטרענגט. ס׳האָט געטראָפן — הגם זייער זעלטן — אַז דער רעדאַקטאָר האָט פאַרלאַנגט צו באַזייטיקן פון אַן אַרטיקל עטלעכע שורות. ס׳איז דאָך אַ פּאַרטיי־צייטונג און די פּאַרטיי האָט דאָך אַ שטעלונג צו פאַרשיידענע פראַגן, טאָ ווי קען עס זיין, אַז איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטער זאָל אויף די שפּאַלטן פון פּאַרטיי־אָרגאַן פּרעדיקן עפּעס אַנדערש? דאָס צעטומלט דאָך דעם לייענער און קען שאַפן אַ פאַלשן איינדרוק וועגן דערווירקלעכער שטעלונג פון דער פּאַרטיי. אַליין אַן אַלטער רעדאַקטאָר, וואָס האָט דאָס גאַנץ גוט פאַרשטאַנען אין פריערדיקע יאָרן, פלעגט ער ווערן אויפגעקאָכט און איינגעשפּאַרט, ווען מ׳האָט אין די זייער זעלטענע פאַלן געוואָלט עפּעס ענדערן אין זיינס אַן אַרטיקל. אין אַזאַ פאַל פלעגט ער ברוגז ווערן, אָוועקגיין און זיך נישט ווייזן וואָכן און אַפילו חדשים. ער האָט נישט געוואָלט שרייבן און אויך נישט נעמען דעם וואָכן־געהאַלט. שטרייק. קיין שום רייד פון די נאָנטע חברים האָבן נישט געהאָלפן. — נעמט דעם געהאַלט, זאָל זיין, אַז מ׳גיט אייך אַ לענגערע וואַקאַציע, האָבן חברים געטענהט. — אַז איך אַרבעט נישט, קומט מיר נישט קיין לוין, האָט ער שטרענג געענטפערט. מ׳האָט געמוזט וואַרטן עד יעבר זעם. מאַטעריעל האָט ער געקענט אויסהאַלטן אַזאַ שטרייק זייער לאַנג. ווייל געלעבט האָט ער, ווי זיין שטייגער איז תמיד געווען, שטאַרק באַשיידן. פלעגן פון נישט־פאַרברויכטן טייל פון געהאַלט אָנזאַמלען זיך ביי אים גאַנץ היפּשע סומעס. סיי אין די אַלטע רוסישע צייטן, סיי אין בערלין זיינען געווען לאַנגע חדשים, ווען ער איז געווען אין אַ שווערער שטימונג און נישט געוואָלט שרייבן. וואַרשיינלעך איז אויך אין פּוילן די סיבה פון זיינע שטרייקן געווען אַ דעפּרעסיווע שטימונג און דער סכסוך מיטן רעדאַקטאָר איז בלויז געוואָרן אויסגענוצט ווי אַ פּרעטעקסט.

אויף די זיצונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט האָט חבר וולאַדימיר ווייניק גערעדט. בלויז אין זעלטענע פאַלן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַ פּרינציפּיעלער אָדער אין אַ נישט קלאָרער פראַגע האָט ער גענומען אַ וואָרט. בלויז אין געציילטע פאַלן האָט ער גערעדט אויף פאַרמאַכטע פאַרזאַמלונגען פאַר חברים. פאַראַדן האָט ער פיינט געהאַט, דאָך אויף די ערשטע מאַי־דעמאָנסטראַציעס האָט ער מאַרשירט אין די פאָדערשטע רייען. ס׳איז געווען אוממעגלעך אים צו באַוועגן צו זיצן אין פּרעזידיום פון אַ גרויסער עפנטלעכער פאַרזאַמלונג. בעת אין 1937 זיינען פאָרגעקומען די גרויסע פייערונגען צום 40־יאָריקן יובילייִ פון בונד און אַלע מיטגלידער פון צ. ק. האָבן געדאַרפט זיצן אויף דער עסטראַדע פון זאַל, וואו ס׳איז פאָרגעקומען די צענטראַלע יום־טובדיקע פאַרזאַמלונג מיט דעלעגאַטן פון גאַנצן לאַנד, האָט חבר וולאַדימיר געמאָלדן, אַז ער וועט זיצן אין זאַל צווישן עולם. אויב מ׳וועט אים נישט נאָכגעבן, וועט ער בכלל נישט קומען. אַן אַ שיעור אַרבעט

האָט מען געמוזט אַוועקלייגן און סוף־כל־סוף האָט אים אַ חבר געברענגט, ווען די פּייערונג האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן. ווען די טויזנטער פֿאַר זאַמלטע בונדיסטן און צוקונפֿטיסטן האָבן דעם בונדישן פּיאָנער און וועטעראַן געזען אַריינקומען אויף דער בינע, איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם פֿון אַפּלאָ־ דיסמענטן. ווי אַ זיבדיקער איז דער אַלטער קעמפֿער געבליבן שטיין אומ־ באַהאָלפֿן און אַ רויטקייט האָט באַגאָסן זיין פּנים...

פֿון צייט צו צייט האָט חבר וולאַדימיר פֿאַרבראַנגט אין אַ קליינעם קרייז חברים און חברטעס און זיך געפֿילט גוט צווישן זיי. די גוטע שטי־ מונג האָט אים באַווירקט, אַז ער זאָל עפּעס דערציילן אָדער זיך אַרויסזאָגן וועגן אַ באַרירטער פֿראַגע. ער פֿלעגט אויך אַמאָל קומען אויף ספּעציעלע צוזאַמענקונפֿטן פֿון יוגנטלעכע אָדער געבן אַן אַרטיקל פֿאַר זייער צייטונג יוגנט־וועקער. בעת די צוזאַמענפֿליען און דעמאָנסטראַציעס פֿון יוגנט־בונד צוקונפֿט פֿלעגט ער שטענדיק שטיין אויף דער גאַס צווישן עולם און באַאָ־ באַכטן מיט ליבע די באַגייסטערטע יוגנט.

פֿון זיינע נישט אָפֿטע רעדעס איז כדאַי איבערצוגעבן זיין וואָרנונג אויף דעם בונדישן פּאַרטיי־ראַט אין פֿרילינג 1939. היטלער האָט זיך שוין דעמאָלט געטשעפּעט צו פּוילן און מ'האָט זיך געריכט אויף אַ דייטשן אי־ בערפֿאַל. די פּוילישע רעגירונג האָט אין שייכות מיט דעם דורכגעפֿירט אַן אינערלעכע הלוואה ספּעציעל פֿאַנאַנדערצובויען דעם לופֿט־פֿלאָט. דער בונד איז געווען — און געהאַט אַ געניגנדיקן גרונט צו זיין — אין שאַרפֿער אָפּאָזיציע צו דער רעגירונג. אַחוץ דעם האָט דער בונד נאָך קיינמאָל אין זיין געשיכטע זיך נישט אַרויסגעזאָגט פֿאַר מיליטערישע בודזשעטן און פֿאַר פֿאַנאַנדערבויען די מיליטערישע מאַכט. די פֿאַרזאַמלטע מיטגלידער פֿון פּאַרטיי־ראַט האָבן אָבער פֿאַרשטאַנען, אַז די אַלטע כללים און געוואוינהייטן קענען דאָ נישט אָנגעווענדט ווערן. ס'איז אין גרונט עפּעס אַנדערש. קעגן אַן אָנפֿאַל פֿון היטלער־דייטשלאַנד קען זיין נאָר איין ענטפֿער — שלאָגן זיך אויף לעבן און טויט.

מ'האָט דאָס געהאַלטן פֿאַר אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט. דעריבער איז נאָך גרעסער געווען די איבעראַשונג, ווען ס'האָט גענומען אַ וואָרט דער אַלטער גייסטיקער פֿירער חבר וולאַדימיר, צו וועלכן מ'האָט געפֿילט אַ טיפֿן דרך־ארץ, און אַרויסגעזאָגט זיינע ספֿקות בנוגע דעם צי דער בונד דאַרף אינדאָרסירן די הלוואה. נישט צוליב אַלטע דאָגמאַטישע טעמים, נאָר ווייל ער ווייסט בעסער וואָס ס'דערוואַרט די יידן אין פֿאַל פֿון אַ מלחמה... אַלע האָבן פֿאַראויסגעפֿילט, אַז יידן וועלן צאָלן מיט זייער שווערע קרבנות, אָבער חבר קאָסאָווסקי, וועלכער האָט אויסגעצייכנט געקענט דעם כאַראַקטער פֿון דייטשן פֿאָלק און גוט געוואוסט אויף וואָס די נאַציס זיינען פֿעאיק, האָט קלאָר געזאָגט די דערשיטערנדיקע ווערטער: זיי וועלן פֿאַר־ טיליקן אַלע יידן אומעטום, וואוהין זיי וועלן אַריין.

זיין פֿינצטערע נבואה האָט זיך, ליידער, אַרויסגעוויזן צו זיין נישט קיין איבערטריבענע פֿאָראויסזעאונג. אין דעם איז ער געווען גערעכט. ס'איז ביי אים נישט געווען קיין לאָגיש דורכגעטראַכטער געדאַנק ביזן סוף, נאָר אַ

ווײ־געשרײ מחמת אַ שרעקלעך פּאַרגעפּיל. די נישט־צוגעגרײטקײט פון די פעלקער איז דאָך נישט געווען קײן מיטל אָפּצוהאַלטן דעם מערדערישן שונא. גיכער האָט די שוואַכקײט פון די אַנדערע פעלקער געדרײצט דעם אַפּעטיט בײ דער נאַצישער חיה, האָט מעגלעך געמאַכט פאַר די דײטשע חיילות שנעל צו אָקופּירן דעם גרעסטן טײל פון אײראָפּע און האָט פאַרצויגן דעם קריג אויף לאַנגע יאָרן. דעריבער האָט דער פּאַרטײ־ראַט זײן שטעלונג נישט געקענט אָננעמען און כמעט אײנשטימיק זיך אַרויסגעזאָגט צו שטיצן די הלוואה פאַר לופט־פאַרטײדיקונג (צוליב אַנדערע טעמים האָבן פאַר דעם נישט געשטימט נאָך צווײ מיטגלידער פון פּאַרטײ־ראַט — אַנע ראָזענטאַל און יאַנקל זשעלעזניקאָוו, בײדע פון ווילנע).

## 11. אויפן לעצטן וואַנדער־וועג

דעם 1טן סעפּטעמבער 1939 איז היטלער־דײטשלאַנד באַפאַלן פּוילן און פאַנאַנדערגעפּלאַקערט דאָס פײער פון דער צווײטער וועלט־מלחמה. סך־הכל מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז שוין דער ווידערשטאַנד פון די פּוילישע חיילות געווען געבראָכן און היטלערס געפּאַנצערטע דיוויזיעס האָבן זיך באַוויזן בײ די טויערן פון דער פּוילישער הויפּט־שטאָט. צוזאַמען מיט פיל אַנדערע האָט אויך חבר וולאַדימיר פאַרלאַזט וואַרשע און איז אַוועק אין דער מזרח־ריכטונג. נאָך אַ סכנותפולן וועג, אונטער כסדרדיקע באָמבאַרדירונגען פון די דײטשע עראָפּלאַנען, איז ער אָנגעקומען קײן פּינסק.

אין דער דריטער וואָך פון היטלערישן אָנפאַל האָבן די סאָוועטישע חיילות, אין הסכם מיטן סטאַלין־היטלער־אָפּמאַך, אָקופּירט דעם מזרח־טײל פון פּוילן. גלײך איז אײנגעשטעלט געוואָרן דער טעראָר־רעזשים פון דער נ. ק. וו. ד. (ג. פּ. או.). מ׳האָט באַלד אָנגעהויבן צו אַרעסטירן געזעלשאַפטלעכע טוער און צווישן זײ אַ סך בונדיסטן. בלײבן ווײטער אין פּינסק איז געוואָרן געפערלעך. האָט וולאַדימיר מיט אײניקע חברים זיך אַוועקגעלאָזט קײן ווילנע.

צוריק אין דער שטאָט פון זײנע ייִנגע יאָרן, פון זײן אָנהײב אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. פון דער פּאַרטײ — ר. ס. ד. אַ. פּ. — וואָס ער און זײנע נאָענטע חברים האָבן טאַקע דאָ אין שטאָט פאַרטראַכט און געהאָלפן גרינדן, איז אַרויסגעקומען די מאַכט, וועלכע ציט זיך פון פּאַציפישן אָקעאַן און רײסט זיך איצט ווײטער און ווײטער צו מערב און איז אין איר אויסשפּרײטונג אויך אַרײן אין ווילנע. אויף וואָס די סאָוועטישע מאַכט איז פעאיק, איז פאַר דעם אַלטן קעמפער געווען קלאָר. אים איז אויך באַלד באַשערט געווען צו האָבן אַלײן אַ שווערע איבערלעבונג. אַנע ראָזענטאַל, די פאַרזיצערין פון בונד אין ווילנע, האָט איר אַלטן לערער אַרײנגענומען צו זיך אין דירה אויף זאַוואַלנע גאַס. אַ קורצע צײט נאָכן פאַרנעמען די שטאָט זײנען אין אַ געוויסער נאַכט געקומען אין ראָזענטאַלס וואוינונג ג. פּ. או.־ניקעס און זי אַרעסטירט (זי איז שוין פון סאָוועטישער תפיסה נישט אַרויס). דער אַלטער קאָסאָווסקי האָט געמוזט צוזען, ווי אַ ברוטאַלע,

אוממענטשלעכע מאַכט פאַרשלעפּט איינע פון די פּיינסטע פּרויען, וואָס די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט געהאַט אין אירע רייען. ער אַליין איז ניצול געוואָרן (שפּעטער האָבן די ג. פּ. או.׳ניקעס געביטן זייער מעטאָד: מ׳האָט אויך פאַרנומען יעדן פרעמדן, וואָס מ׳האָט געטראָפן אין דירה פון דעם, וועמען מ׳איז געקומען נעמען).

געווען אויך אַ צווייטער פאַל, ווען ער איז שיעור אַריינגעפאַלן. פון אַרטיקע קאָמוניסטן, וואָס זיינען געווען אייגגייער אין ג. פּ. או., האָט מען זיך דערוואוסט, אַז מ׳רעדט דאָרטן וועגן קאַסאָווסקין. געגוי וואָר ער איז. האָבן די געקומענע פון רוסלאַנד ג. פּ. או.׳ניקעס נישט געוואוסט. זיי האָבן בלויז געהאַט אַ ידיעה, אַז ער פלעגט פּאָלעמיזירן מיט לענינען און אַז ער געפינט זיך דאָ אין שטאָט. פאַר דער „חוצפּה״ פון אַנטקעגנריידן לענינען, האָבן די נאַטשאַלניקעס פון דער ג. פּ. או. געחשבונט, קומט אים צו נעמען. אָבער ווי ער זעט אויס און וואו ער וואוינט האָבן זיי נישט געוואוסט. אין ערגעץ איז נישט געווען איינגעמאָלדן אַ וולאַדימיר קאַסאָווסקי. זיי האָבן געגעבן אַ באַפעל אים אויסצוזוכן, ווייל מ׳האָט זיי געזאָגט, אַז ער איז אין ווילנע. איינמאָל האָט אַ יידישער קאָמוניסט אָנגעוויזן אין גאַס אַ ג. פּ. או.׳ניק אויף דעם אַלטן. דער ג. פּ. או.׳ניק האָט אים אָפּגעשטעלט: — איר זענט וולאַדימיר קאַסאָווסקי? — ניין, האָט דער געפרעגטער געענטפערט מיט אַ פעסטער שטים. — ווייזט אייער פּאַס, האָט דער ג. פּ. או.׳ניק באַפוילן. אַריינגעקוקט אין פּאַס, איבערגעלייענט: משה קאַמענשטיין. געבוירן אין אָסטראָג, יאָר 1877. אַ באַוויבטער. אַ קוק געגעבן אויפן בילד אין פּאַס און אויפן אַלטן. — ניין, ס׳איז נישט דער, וועמען מיר דאַרפן.

ווידער ניצול געוואָרן.

אין ווילנע איז אים אויסגעקומען צו בלייבן בערך אַ יאָר צייט. די שטאָט איז סוף אָקטאָבער 1939 איבערגעגאַנגען פון די סאָוועטן צו די ליטווינער און זומער 1940 האָט די סאָוועטישע מאַכט איינגעשלונגען גאַנץ ליטע. אין ווילנע האָט ער זיך באַטייליקט אין די זיצונגען פון אַ טייל פון צ. ק. פון בונד, וואָס האָט זיך דאָרטן געפונען. ביים אָננעמען פּאָליטישע באַשלוסן און דעקלאַראַציעס האָט ער ענערגיש געקעמפט קעגן צו שאַרפע טענער, קעגן דער שטאַרקער פאַרביטערטקייט לגבי דער סאָוועטישער מאַכט, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ שותף אין דער אַקס רוים־בערלין־טאָקיאָ.

וואָס האָט ביי אים גורם געווען אַזאַ שטעלונג: די פריער־דערמאָנטע מורא פאַר דער טאָטאַלער פאַרניכטונג פון די יידן אין פאַל פון אַן אויסברייטונג און פאַרשאַרפונג פון דער מלחמה, אַ רוסישער פּאַטריאָטיזם אָדער אפשר אַן אומווילן צו פוילן? עפּעס פון דעם אַלעם האָט געמוזט זיין.

אין דער צייט פון דער סאָוועטישער ממשלה האָט דער אַלטער קעמפער, איצט שוין אַ זקן פון 73 יאָר, געמוזט זיין אויסבאַהאַלטן אין ווילנע אָדער אין קאָוונע — אין דער שטאָט, וואו ער האָט מיט קרוב 60 יאָר צוריק געשטעלט זיינע ערשטע טריט אין זיין לאַנגן רעוואָלוציאָנערן וועג.

אַדאַנק דער אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר און דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט איז פאַר אַ גרעסערער גרופּע אַרבעטער־טוער געשאַפן

געװאָרן אַ מעגלעכקייט אַריינצופאָרן קיין אַמעריקע. מ׳האָט געמוזט כלאָ־פּאָטשען זיך ביי דער סאָװעטישער מאַכט װעגן אַרויסלאָז־װיזעס. די אַרעסטן פון בונדישע טוער זיינען אָנגעגאַנגען װייטער און װייטער. פאַר יענע בונד־דיסטן, װאָס האָבן באַקומען אַמעריקאַנער װיזעס, איז געשטאַנען אַ שװע־רע דילעמע: ריזיקירן צו גיין צום גיריקן פּיסק פון ג. פּ. או. אָדער בלייבן װייטער שטעקן אונטער סאָװעטישער אָקופּאַציע. ס׳איז נישט געװען װאָס אָנצואװערן. נישט גיין הייסט בלייבן און פריער אָדער שפּעטער אַרעסטירט װערן. יאָ גיין — גיט אַ שאַנס. און מ׳איז געגאַנגען. פאַרשטייט זיך, פאַר דער ג. פּ. או., װעמען מ׳האָט געמוזט געבן אַ גענויע ביאָגראַפיע, האָט מען געדאַרפט באַהאַלטן די גאַנצע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פאַרגאַנגענ־הייט.

און װלאַדימיר קאָסאָװסקי האָט נישט געטאָרט דערציילן װער ער איז. ער איז גאָר משה קאַמענשטיין. מיטן זעלבן פּאַס, מיט װעלכן ער האָט אַמאָליקע יאָרן אָפּגענאַרט די צאַרישע אָכראַנע, האָט ער איצט אָפּגענאַרט איר גערעכטע יורשטע — די באָלשעװיסטישע ג. פּ. או. ער האָט איר אויך נישט דערציילט, אַז ער איז געװען דער רעדאַקטאָר און אָפּדרוקער פון ערשטן מאַניפעסט, װאָס דער גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון דער ־רוסלענדער סאָצ. דעמ. אַרבעטער־פּאַרטיי האָט באַפולמעכטיקט אַרויסצוגעבן. דאָס שטיין ביים װיגעלע פון דער פּאַרטיי, אויף װעמענס רוקן די איצטיקע מאַכט־האָבער זיינען דערגאַנגען צו זייער ממשלה, קען זיין אַ שװערער חטא אין די אויגן פון די פאַרכאַפּער, אויסנוצער און פאַרװיסטער פון דער רעװאָלוציע. אַרויס אין דער פרייער װעלט װאָלט ער שוין נישט געפאָרן. האָט ער דאָס אַלץ נישט דערציילט און דער טריק פון משה קאַמענשטיין, װאָס האָט אַ װיזע פון דער האָלענדישער װעסט־אינדישער קאָלאָניע קיראַסאָ, האָט געהאָלפן (די אַמעריקאַנער װיזע האָט מען אים אַרויסגעגעבן ערשט אין יאָקאָהאַמאָ, יאַפּאַן).

װאָס האָט דער רעװאָלוציאָנערער זקן דעמאָלט געטראַכט? — אין אַ געשפּרעך מיט מאַרטאָװ בעת דער ערשטער װעלט־מלחמה האָט יענער אים פּלוצעם געפרעגט: „איר גלויבט, אַז דער סאָציאַליזם װעט קומען?" „ביי מיר — האָט מאַרטאָװ װייטער געזאָגט — קומען אויף ספקות צי דער סאָציאַליזם, װעגן װעלכן מיר טראַכטן, װעט באמת אַמאָל פאַרװירקלעכט װערן". און קאָסאָװסקי פּרואװט דערקלערן מאַרטאָװס דעמאָלטיקן פּעסימיזם מיט פאָלגנדיקע מאָטיװן: „צענטליקער יאָרן האָט מען אויף אַלע אופנים איינגעפּלאַנצט אין די מוחות פון די אַרבעטער דעם געדאַנק פון אינטער־נאַציאָנאַלער אחדות, און אַז די גרויסע שעה איז געקומען, האָט זיך דאָס אַרויסגעװיזן פאַר הבל הבלים. גובר געװען האָט דער אור־אַלטער אָדם, דער גראָבער פאַרעקשנטער עגאָאיזם. צי איז מעגלעך מיט אַזאַ מענטשן־מאַטעריאַל צו בויען אַ געזעלשאַפט, װאָס דאַרף זיין, לויט אונזער פאַרשטע־לונג, דער העכסטער אויסדרוק פון גייסטיקער אַנטװיקלטקייט, ליבע, יושר, ברידערלעכקייט און טיפער מענטשלעכקייט? דער מאַרקסיסטיש־אויסגע־בילדעטער שכל האָט געזאָגט, אַז אַזאַ געזעלשאַפט, הגם זי שטעלט דעם

מענטשן די העכסטע פּאָדערונגען, מוז קומען אַלס רעזולטאַט פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, דער געפיל אָבער, וואָס איז אויפגעבראַכט געוואָרן קעגן דער גאַנצער העסלעכקייט פון דער רעאַלער מענטשלעכער נאַטור, האָט געזויערט דעם גייסט פון סקעפּטיציזם" [30].

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט קאָסאָווסקי געוויס געהאַט אַ נאָך שטאַרקערן גרונט פאַר טרויעריקע געדאַנקען, ווי זיין קעגנער און פריינט מאַרטאָוו אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. צי האָט ער אין די פריער־געבראַכטע מאָטיוון אויך געפונען אַ פאַרלייכטערונג פאַר זיין שווער געמיט? ווי ס'זאָל נישט זיין, זיין גלויבן אין סאָציאַליזם איז געבליבן אומגעבראָכן ביזן סאַמע סוף.

דער „אַסטראָגער ייד" משה קאַמענשיין האָט סוף־כל־סוף באַקומען אַ סאָוועטישע אַרויספאָר־דערלויבעניש. דער וועג האָט געפירט דורך מאָסקווע — וולאַדיוואָסטאָק — יאַפּאַן. אויפן וועג איז מיט אים געשען אַ צופאַל, וואָס ווייזט זיין אַבסאָלוטע ערלעכקייט און קוראַזש. אויף אַ סטאַציע פון דער מאָסקווער אונטערערדישער שטאָטישער באַן האָט ער זיך אויסגעגליטשט און זיך צעהאַקט דעם קאָפּ. מ'האָט געבראַכט אַ דאָקטאָרין, וואָס האָט אים אין אַ צימער פון דער סטאַציע פאַרבאַנדאַזשירט די וואונד. דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט אַ באַאַמטער און אים גענומען אויספרעגן פון וואַנען ער איז. דערהערנדיק, אַז פון פוילן און ליטע, האָט דער באַאַמטער זיך פאַנאַנדערגערעדט ווי גוט עס וועט זיך איצט לעבן די דאָרטיקע אַרבעטער און דערבײַ באַמיט זיך אַרויסצואווייזן זיין בקיאות אין די שריפטן פון קאַרל מאַרקס. וולאַדימיר האָט דעם האַפּעדיקן באַאַמטן באַלד אַראָפּגעקלאַפּט די פליגל און אים לגמרי אַנדערש אויסגעטייטשט די עקאָנאָמישע טעאָריעס פון מאַרקסן און פאַראייניוועגס אַנגעוויזן אויף דער פאַלשער פאָרשטעלונג וועגן דערווירקלעכקייט אין פוילן און ליטע. חברטע דינה, וואָס האָט באַגלייט וולאַדימירן, האָט אים אַ צי געטון ביים אַרבל און געוואונקען נישט צו ריידן. ער האָט אויף איר אַ בייזן בליק געטון און געזאָגט שאַרף: — לערנט מיך נישט וואָס צו ריידן... ערשט די דאָקטאָרין, אַן עלטערע פרוי, האָט געמאַכט אַ סוף צו דער דיסקוסיע, וואָס וואָלט זיך געקענט טראַגיש ענדיקן. וולאַדימיר האָט אָרגאַניש נישט פאַרטראָגן קיין ליגן און פאַלשקייט, אַחוץ אין אַן איין־איינציקן פאַל — אָפּנאַרן מיט אַ פּאַס אַ רעגירונג, פון וועלכער עס דראָט אַ סכנה. אַן אַלטע געוואוינהייט פון אַ רעוואָלוציאָנער.

די נסיעה קיין אַמעריקע איז אַדורך בשלום. אין אַפּריל 1941 איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק.

דאָ האָט ער זיך באַטייליקט אין די זיצונגען פון דער אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פון בונד אין פוילן און אויך אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין בונדישן חודש־זשורנאַל אונזער צייט. צוויי אַרטיקלען האָט ער בלויז באַוויזן דאָ אָנצושרייבן. איינער — געדרוקט אין אונזער צייט, יוני 1941 — טראָגט דעם נאָמען וועגן די וואָס האָבן גאָרנישט געלערנט און איז אַ שאַרפע קריטיק פון יענעם טייל סאָציאַליסטן, וואָס נוצט אויס די מלחמה־סיטואַציע אויף צו לייקענען דעם קלאַסן־קאַמף און פרעדיקן קלאַסן־קאָלאַבאָראַציע. „הילף

מצד די אַרבעטער—שרייבט ער—כדי אין דער איצטיקער מלחמה צו דער־שטיקן דעם היטלעריזם אינאיינעם מיט דעם מוסאָליניזם, — דאָס געוויס און מיט אַלע מעגלעכע מיטלען. אָבער קיין אַחריות פאַר דעם, וואָס עס טוען קלאַסן־פיינטלעכע הענט און ווי זיי טוען דאָס. פאַרקערט — פרייע קריטיק, כדי עס זאָלן אויסגעמיטן ווערן פאַלשע טריט מצד דער בורזשואַזער מלחמה־פירונג". ער האָט געהאַלטן, אַז די אַרבעטער דאַרפן העלפן פירן די מלחמה, אָבער נישט מיט בלינדן צוטרוי צו די רעגירונגען, ווייל: „די פירונג פון דער מלחמה געפינט זיך אין בורזשואַזע הענט, די צילן פון דער מלחמה ווערן באַשטימט פון בורזשואַזע רעגירונגען, אין שייכות מיט דער מלחמה אַרבעט אין געהיים אַ בורזשואַזע דיפּלאָמאַטיע" 31).

דער צווייטער אַרטיקל, וואָס איז שוין אָפּגעדרוקט געוואָרן נאָכן טויט פון מחבר — אין אונזער צייט פון דעצעמבער 1941 — איז געווידמעט דער הילף, וואָס מ'דאַרף געבן סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס איז באַפאַלן געוואָרן דורך דעם פריערדיקן פאַרבינדעטן היטלער־דייטשלאַנד. ער קריטיקירט דערביי די שטעלונגען, וואָס ס'האָבן פאַרנומען די פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע ריכטונגען אין אַמעריקע. ער זאָגט זיך אַרויס פאַר הילף אָן שום וואַקלונגען און ער פאַרענדיקט: „ווער עס וויל געווינען די אַר־בעטער פאַרן אמתן סאָציאַליזם, דער דאַרף האָבן נישט בלויז אַ קלאָרע טעאָריע, נאָר אויך גענוג אַנטשלאָסנקייט און איינגעשפּאַרטקייט דורכצופירן דאָס, וואָס מען וויל, אָפּראַמענדיק פון וועג אַלע מניעות" 32).

* * *

אין דעם האַלבן יאָר, וואָס ער האָט געלעבט אין אַמעריקע, איז מיר אויסגעקומען זייער אָפט זיך צו טרעפן און ריידן מיט אים. מיר האָבן גע־וואוינט אין איין שכנהשאַפט אין די בראָנקס (ער האָט געהאַט אַ צימער ביי די ח"ח פנחס און רעגינע שוואַרץ). אין די פרימאָרגן־שעהן האָב איך אים באַגעגנט שפּאַצירן און אים באַגלייט. ער איז בכלל געווען אין אַ שלעכטער שטימונג און האָט זיך באַצויגן קריטיש און מיט אומצוטרוי צו אַלץ און אַלעמען. אייגענע חברים האָט ער נישט געשאַנעוועט און זיך באַנוצט מיט שאַרפע ווערטער. כ'האָב עס אָבער קיינמאָל ניט גענומען ערנסט. האָב איך דאָך די לעצטע 10 יאָר טאָג־טעגלעך מיט אים זיך געטראָפן אין רעדאַקציע־צימער פון דער וואַרשעווער פאָלקס־צייטונג און גוט געקענט זיינע שטימונגען. נאָכן אויסלאַדן זיינע פאַרדרוסן און בייזקייטן האָט איר פאַר זיך דערזען גאָר אַן אַנדערן מענטש. אַ פריינטלעכן, אַן איידעלן און גוט־האַרציקן, ווי אַ זון וואָס קומט נאָך אַן אויסגעלאָדענער כמאַרע.

געקומען מיט אַ קראַנק האַרץ, האָט די אַלטקייט דאָס איריקע ווייטער געטון. ער האָט געליטן פון אַן אורעמיע (זעלבסטפאַרגיפטונג פון קערפּער) און מ'האָט אים געמוזט מאַכן אַן אָפּעראַציע. אויף מיין גורל איז אויסגע־פאַלן דעם חולה אַוועקצופירן אין שפּיטאָל אַריין (מאונט־סיני). כאַראַקטע־

ריסטיש איז געווען זיין אויפפירונג בשעת דער אויפנאַמע אין שפּיטאָל. דער דאָקטאָר האָט אים געפרעגט ווי אַלט ער איז: — 64 יאָר איז געווען דער ענטפער. דער דאָקטאָר האָט איבערגעפרעגט אַ צווייט און אַ דריט מאָל — און ווידער דער זעלבער ענטפער. דאָס איז געווען מיט 10 יאָר ייִנגער. ער האָט אַראָפּגענומען די 10 יאָר, ווייל אַזוי אַלט איז געווען לויטן פּאַס משה קאַמענשיין. כ'בין צוגעגאַנגען צום חולה און פּאַרזיכטיק געזאָגט: — חבר וולאַדימיר, דער דאָקטאָר דאַרף דאָך וויסן די פּינקטלעכע עלטער צוליב מעדיצינישע צוועקן... — זאָל ער פאַרשרייבן אַזוי ווי איך זאָג אים, האָט ער קורץ אָפּגעהאַקט. כ'האָב אַליין געזאָגט דעם דאָקטאָר, אַז דער פּאַציענט איז מיט 10 יאָר עלטער. דער דאָקטאָר האָט אַ שמייכל געטון און באַמערקט: — ער האָט מיך נישט אָפּגענאַרט...

קרוב 2 חדשים איז דער קראַנקער געלעגן אין שפּיטאָל. מ'האָט אים אָפּערירט 5 מאָל. הגם די בעסטע דאָקטוירים האָבן אים באַהאַנדלט, האָבן זיי אים דאָך נישט געקענט ראַטעווען. אין פאַרלויף פון דער צייט האָבן דעם קראַנקן באַזוכט אין שפּיטאָל אַ סך פון זיינע תלמידים, חברים און פריינט. איין מאָל האָט אַ חבר, ל. ע., געפּרואווט פאַרזיכטיק פאַרפירן מיטן קראַנקן אַ שמועס וועגן זיין אָפּשטאַמונג, משפחה. האָט מען דאָך וועגן דעם גאָרנישט געוואוסט. דער קראַנקער האָט פאַרשטאַנען דעם מיין, האָט אַ שמייכל געטון און דעם שמועס אַרויפגעפירט אויף אַן אַנדערער טעמע.

שבת דעם 18טן אָקטאָבער, אַרום האַלבע נאַכט, האָב איך באַקומען אַ דעפּעשע פון שפּיטאָל, אַז איך זאָל תיכף קומען. אין אַ שעה אַרום בין איך שוין געשטאַנען ביי וולאַדימירס בעט. די ווערטער פון דער קראַנקן־שוועסטער, אַז ס'דערנענטערט זיך דער סוף, זיינען געווען איבעריק. ער איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן. איך בין געשטאַנען און געשטאַנען. פּלוצ־לינג האָט ער ברייט געעפנט די אויגן. ער האָט מיך דערזען. צי ער האָט מיך דערקענט, ווייס איך נישט. כ'האָב בלויז באַמערקט ביי אים אַ שטאַרקע פאַרוואונדערונג. באַלד האָט ער פאַרמאַכט די אויגן און זיי שוין מער נישט געעפנט. די נאַכט האָט זיך געצויגן. פאַרטאָג האָט זיך אָנגעהויבן די גסיסה. כ'האָב דאַן געלאָזט וויסן אייניקע נאָענטע חברים, וואָס האָבן געוואוינט נישט צו ווייט פון שפּיטאָל און זיי זיינען געקומען. זונטיק דעם 19טן אָקטאָ־בער 1941, 10 פרי, האָט חבר וולאַדימיר אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם.

## מקורים

[1]) אברהם מוטניק („גלעב"): בלעטלעך פון מיין לעבן (די צוקונפט נומ' 9, סעפּטעמבער 1933, ניו-יאָרק).

[2]) ל. אַקסעלראָד-אָרטאָדאָקס: פון מיינע זכרונות (די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג ביז דער גרינדונג פון „בונד", היסטאָרישע שריפטן, דריטער באַנד, ייוואָ, ווילנע — פּאַריז 1939).

[3]) אַננע ראָזענטאַל: בלעטלעך פון אַ לעבנס-געשיכטע (היסטאָרישע שריפטן, דריטער באַנד, ייוואָ, ווילנע — פּאַריז 1939).

[4]) וול. קאָסאָווסקי: מאַרטאָוו און די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע (די צו-קונפט, מערץ 1924, ניו-יאָרק).

[5]) וו. קאָסאָווסקי: זובאַטאָוו „ליקווידירט דעם בונד" (אַרקאַדי, ניו-יאָרק, 1942).

[6]) דזשאַן מילל: פּיאָנערן און בויער, ערשטער באַנד, ניו-יאָרק 1946; אויך אונזער צייט, ניו-יאָרק, נאָוועמבער-דעצעמבער 1951.

[7]) הלל קאַץ (בלום): דער ערשטער מיי 1896 אין ווילנע (אַרקאַדי, ניו-יאָרק 1942).

[7א]) הלל קאַץ בלום: זכרונות פֿון אַ בונדיסט, ניו-יאָרק, 1940.

[8]) וו. קאָסאָווסקי: זובאַטאָוו „ליקווידירט דעם בונד" (אַרקאַדי, ניו-יאָרק 1942).

[9]) וו. קאָסאָווסקי: זובאַטאָוו „ליקווידירט דעם בונד" (אַרקאַדי, ניו-יאָרק 1942).

[10]) פּאַטי: זכרונות וועגן אַרקאַדין (אַרקאַדי, ניו-יאָרק 1942).

[11]) אַווטאָנאָמיע אָדער פעדעראַציע? (בראָשור-אויסגאַבע פון „בונד").

[12]) ק. לייטעס: דעראינערונגען וועגן וולאַדימיר קאָסאָווסקי (אונזער צייט, נומ. 5, 1942, ניו-יאָרק).

[13]) וולאַדימיר מעדעם: פֿון מיין לעבן, צווייטער באַנד, ניו-יאָרק 1923.

[14]) דזשאַן מילל: וולאַדימיר מעדעם אין אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" (וולאַדימיר מעדעם, ניו-יאָרק 1943).

[15]) Вѣстникъ Бунда, № 3, іюнь, 1904. Женева.

[16]) וול. קאָסאָווסקי: מאַרטאָוו און די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע (די צוקונפט, מערץ 1924, ניו-יאָרק).

[17]) צביון: די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע טעגלעכע צייטונג אין ווילנע (פאַר פופציק יאָר, ניו-יאָרק 1948).

[18]) וו. קאָסאָווסקי: די ערשטע לעגאַלע בונדישע פרעסע (רויטע שליאַכן, 15 מערץ, 1931, וואַרשע).

[19]) Вл. Косовскій: Разгромъ евреевъ въ Россіи, іюль, 1915 г.

[20]) וולאַדימיר קאָסאָווסקי: דער אימפּעריאַליזם און דער וועלט-קריג (די צוקונפט, פֿעברואַר 1915, ניו-יאָרק).

[21]) וולאַדימיר קאָסאָווסקי: ווי שטעלט מען אויף דעם אינטערנאַציאָנאַל? (די צוקונפט, יוני 1915, ניו-יאָרק).

[22]) דזשאַן מילל: פּיאָנערן און בויער, באַנד 2, ניו-יאָרק 1949.

[23]) א. ליטוואַק: אין צייריך און זשענעווע בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה (געזאַמלטע שריפֿטן, ניו-יאָרק 1945).

[24]) וו. קאָסאָווסקי: וואָס איז די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט? (די צוקונפט, דעצעמבער 1919, ניו-יאָרק).

[25]) וו. קאָסאָווסקי: די יידישע פּאָגראָמען אין באָלשעוויסטישן רוסלאַנד (די צוקונפט, סעפּטעמבער 1919, ניו-יאָרק.

[26]) וו. קאָסאָווסקי: פאַרוואָס און ווי אַזוי דער „בונד" האָט זיך געשפּאָלטן? (די צוקונפט, יאַנואַר 1921, ניו-יאָרק).

[26a]) Социалистический Вестник, 1 марта, 1921 г. Берлин.

[27]) וול. קאָסאָווסקי: צי קען מען עפּעס דערוואַרטן פון באָלשעוויסטישן רע־זשים? (די צוקונפט, אַפּריל 1925, ניו־יאָרק).

[28]) א. ליטוואַק: אין צייריך און זשענעווע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה (געזאַמלטע שריפטן, ניו־יאָרק 1945).

[29]) דר. רפאל גינזבערג: וולאַדימיר קאָסאָווסקיס קראַנקייט (אונזער צייט, דעצעמבער 1941, ניו־יאָרק).

[30]) וול. קאָסאָווסקי: מאַרטאָוו און די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (די צוקונפט, מערץ 1924, ניו־יאָרק).

[31]) וו. קאָסאָווסקי: וועגן די וואָס האָבן גאָרנישט געלערנט (אונזער צייט, יוני 1941, ניו־יאָרק).

[32]) וולאַדימיר קאָסאָווסקי: הילף פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד (אונזער צייט, דעצעמ־בער, 1941, ניו־יאָרק).

## אויטאָביאָגראַפישע נאָטיץ

מיר האַלטן פאַר נויטיק איבערצוגעבן ווערטלעך אַ ביאָגראַפי־שע נאָטיץ, וואָס קאָסאָווסקי האָט אַליין געשריבן און איז געפינען געוואָרן אין בונדישן אַרכיוו:

„איך בין געבוירן געוואָרן אין אַ זייער פאַרמעגלעכער פאַמיליע. מיין געבורטס־שטאָט איז, דוכט זיך, דווינסק, נאָר זיכער בין איך אין דעם נישט. אַלנפאַלס, אויב איך בין געבוירן געוואָרן אין דווינסק, האָט מען מיך פון דאָרטן אָפּגעפירט אין עלטער פון עטלעכע חדשים. צוגעשריבן בין איך געווען אין קאָוונע.

דעם יאָר פון מיין געבורט ווייס איך נישט, וואָרעם איבער סיבות, וואָס זיינען מיר געבליבן אומבאַוואוסט, האָט מען מיך אויסגעמעקט פון די מעטריקע־ביכער און פאַר דער גימנאַזיע צוגעשטעלט אַ מעטריקע לויט די אָנווייזונגען פון 'סטאַראָזשילען' (איך בין אָנגעקומען גלייך אין צווייטן קלאַס פון גימנאַזיע).

מיין מוטער איז געווען אַ טאָכטער פון אַ רייכן סוחר, מיין פאָטער אַ זון פון אַ באַוואוסטן גראָדנער רב (זיין נאָמען האָב איך פאַרגעסן).

מיין פאָטער איז געווען אַ גרויסער למדן אין העברעאישע זאַכן און האָט געהאַט, דוכט זיך, סמיכות אויף רבנות, נאָר בשתיקה פון די עלטערן האָט ער זיך גענומען ערגעצוואו אויף אַ בוידעם לערנען וועלטלעכע לימודים און איז אַזוי ווייט אַוועק, אַז ער איז געוואָרן אינזשיניר פון קאָמוניקאַציע־וועגן, אַחוץ דעם האָט ער נאָך געשטודירט אין אויסלאַנד פילאָסאָפיע, נאַ־טור־וויסנשאַפטן און מאַטעמאַטיק. אויף וויפל איך האָב געהערט, האָט מיין זיידע, דער רב, איבערגעריסן אַלע פאַרבינדונגען מיט מיין פאָטער, נאָכדעם ווי ער איז אַוועק מיטן וועג פון וועלטלעכער בילדונג און, ווי מיר שיינט, קיין מאָל מיט אים נישט גוט געוואָרן. מיין מוטער האָט מיר דערציילט, אַז דער זיידע האָט יאָרן און יאָרן לאַנג געטרויערט נאָך זיין 'פאַרלוירענעם' זון. איינגעשפּאַרט און קאָנסעקווענט איז דער זיידע געווען ביזן סוף: ירען

די מוטער האָט נאָכן טויט פון מיין פאָטער געוואָלט מיך אָפּגעבן אין גראָדנער גימנאַזיע, האָט דער זיידע געשיקט אַ שליח צום דירעקטאָר פון גראָדנער גימנאַזיע אים בעטן ער זאָל אים נישט אָנטון אַזאַ בזיון און אָננעמען זיינעם אַן אייניקל און מען האָט מיך טאַקע צו די עקזאַמענס נישט צוגעלאָזט.

דער פאָטער איז געווען אַ זייער געבילדעטער מענטש און האָט געקענט אַ וועלט מיט שפּראַכן. אויף די איראָפּעאישע הויפּט־שפּראַכן און נאָך איי־ניקע אַנדערע האָט ער גערעדט פולשטענדיק פריי. אין זיין גרויסער ביבליאָ־טעק האָט מען געקענט געפינען פון כל־טוב: וויסנשאַפט, קונסט, ליטעראַטור, ביכער רוסישע, פוילישע, העברעאישע, ענגלישע, פראַנצויזישע, דייטשע, איטאַליענישע, שפּאַנישע, האָלענדישע און אַנדערע. אויך לאַטיינישע, גריכישע, אַראַבישע, פּערסישע, סאַנסקריטישע. ער איז אויך געווען אַ גוטער מוזיקער און אַפילו זיך פאַרנומען מיט קאָמפּאָזיציע אויף קלאַוויר. אַ שייכות האָט ער נאָך געהאַט צו ליטעראַרישער אַרבעט און פלעגט שרייבן אויף פילאָסאָפישע טעמעס. איינע זיינע אַ געדרוקטע אָפּהאַנדלונג אויף העברעאיש האָב איך געזען אין זיין ביבליאָטעק. דאָס איז געווען אַ קריטיק אויף משה מענדעלסאָנס פילאָסאָפישער שיטה.

כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס מיין פאָטער פלעגט זיך דורכשרייבן מיט מיין מוטער אויף רוסיש און, דוכט זיך, אויך אויף פויליש, הגם זיי האָבןביידע אויסגעצייכנט געקענט יידיש.

אויף מיין אַנטוויקלונג האָט ער געהאַט אַ קנאַפּע השפעה: ער איז גע־ווען תמיד פאַרנומען ביים בויען אייזנבאַנען אין רוסלאַנד און פוילן. אין דער היים פלעגט ער קומען צו פאָרן נאָר פון צייט צו צייט אויף עטלעכע וואָכן זיך אָפּרוען און פלעגט די גאַנצע צייט פאַרברענגען אין לייענען און שרייבן און פירן שעהן־לאַנגע וויכוחים מיט באַקאַנטע וועגן וויסנשאַפטלעכע פראַגן. אַז ער איז געשטאָרבן (אין וואַרשע), האָב איך געקענט אינגאַנצן זיין אַלט אַ יאָר פינף.

דער פאַמיליע־נאָמען פון מיין פאָטער איז געווען ל., הגם זיין פאָטער, דער גראָדנער רב, האָט גאָר געהייסן ר.. פאַרוואָס מיין פאָטער האָט אָנגע־נומען אַן אַנדער נאָמען און ווי אַזוי דאָס האָט געקענט געשען — ווייס איך נישט.

געלערנט האָב איך זיך אין קאָוונער גימנאַזיע, אָבער זי נישט געענ־דיקט. פון 7טן קלאַס האָב איך געמוזט פאַרלאָזן די שול, ווייל מען האָט מיך באַשולדיקט אין פירן רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע און אַגב אויך אין דעם, אַז איך האָב אַ שפּיי געטון אויפן קייזערס בילד אין אַקטן־זאַל (דאָס לעצטע איז געווען אַ ליגן), און דער דירעקטאָר האָט מיר פאַרגעלייגט אָדער פרייוויליק אַרויסגיין אָדער איך וועל אויסגעשלאָסן ווערן מיט אַ 'וואָלטשי בילעט'. איך האָב אויסגעקליבן דאָס ערשטע. אין אַ יאָר אַרום האָב איך געהאַלטן דעם אַביטוריענטן־עקזאַמען אַלס 'עקסטערן' אין מאַריופּאָלער גימ־נאַזיע (יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע), האָב אַלע עקזאַמענס בשלום אויס־געהאַלטן, נאָר דורכגעפאַלן — אויפן עקזאַמען... פון לאָגיק און דעם אַטעס־

טאָט נישט באַקומען. ווייטערדיקע פּרוּוון אַנצוקומען אין אוניווערסיטעט האָב איך נישט געמאַכט".

באַמערקונג: לויט געוויסע סימנים, דאַרף מען אָננעמען, אַז די מיט בלייפעדער געשריבענע אויטאָביאָגראַפישע נאָטיץ איז אַן ערשטער אָנוואָרף פון ידיעות פאַר זלמן רייזענס לעקסיקאָן. צו דעם, וואָס קאַסאָווסקי האָט אַליין געשריבן, פאָדערט זיך אַ געוויסע אויפקלערונג:

א) פון פּאָליצייאישע דאָקומענטן איז צו זען, אַז ער איז טאַקע געבוירן געוואָרן אין דווינסק.

ב) וועגן זיין געבורט־יאָר זאָגט ער, אַז ער ווייסט נישט. אין אַ צווייט אָרט דערקלערט ער, אַז בעתן טויט פון פאָטער האָט ער געקענט זיין אַלט 5 יאָר. ס'איז פולשטענדיק זיכער, אַז דער פאָטער איז געשטאָרבן 1878, קומט אויס, אַז קאַסאָווסקיס געבורט־יאָר דאַרף זיין 1873. דאָס איז אָבער נישט מעגלעך. אין 1882 איז ער שוין געווען אין 4טן קלאַס גימנאַזיע און אָרגאַניזירט אַ רעזו. קרייזל, וואָס איז ווייט צו פרי פאַר אַ 9־יאָריקן יינגל. אין אַלטע פּאָליצייאישע דאָקומענטן איז דאָס געבורט־יאָר געווען פאַרצייכנט 1867, אין רייזענס לעקסיקאָן — מסתמא לויט קאַסאָווסקיס אָנווייזונג — אַרום 1870. בעת זיין טויט אין 1941 האָבן זיינע פריינט געהאַלטן, אַז ער איז אַלט געווען 74 יאָר.

ג) סמיכה אויף רבנות האָט זיין פאָטער יעקב מרדכי לעווינזאָן זיכער געהאַט.

ד) אין דער הקדמה צום ספר האדם בצלם אלהים, וואָס י. מ. ל. האָט אַרויסגעגעבן אין אַ באַגרענעצטער צאָל און צעטיילט צווישן זיינע פריינט


האדם בצלם אלהים
או
חקירות נכבדות על השארת ועל
בלתי חומרית נפש האדם.
מחברת ראשונה.
Der Mensch im Ebenbilde Gottes,
oder
Betrachtungen über die Unsterblichkeit und die
Unkörperlichkeit der menschlichen Seele.
Erste Abtheilung
מאתי
יעקב מרדכי לעווינזאהן
פה סערהייא בפולך המדינה.

שער־בלאַט פון פאָטערס ספר.

(אַן עקזעמפּלאַר געפינט זיך נאָך אין דער ביבליאָטעק פון ליובאַוויטשער רבין אין ניו־יאָרק) איז פאַראַן אַ געוויסע פאַרענטפערונג פאַרן פאָטער. לויט קאַסאָווסקיס ווערטער, האָט דער גראָדנער רב איינגעהאַלטן זיין פאַר־דרוס אויפן זון ביזן סאַמע סוף. מיט דעם דאַרף מען, הפנים, דערקלערן וואָס ער איז נישט געקומען קיין וואַרשע צו דער לוויה פון זון, בעת די אַלטע מוטער איז יאָ געקומען צו פאָרן און איז געווען ביי דער קבורה צוזאַמען מיט דער אַלמנה און די יתומים.

ה) דער פאַמיליע־נאָמען פון פאָטער איז געווען לעווינזאָן און פון זיידן — ראַבינזאָן. נאָכן טויט פון גראָדנער רב איז אין דער דעמאָלטיקער העב־רעאישער פרעסע זיין פאַמיליע־נאָמען אויך אָנגעגעבן געוואָרן — רבינוביץ (ראַבינאָוויטש). מ׳האָט אים גערופן יהודה לייב און אויך אריה לייב.

## ביבליאָגראַפיע:

האדם בצלם אלהים מאת יעקב מרדכי לעווינזאָהן, קעניגסבערג, 1855. אליעזר יצחק שפּיראָ: המגיד, 6 מערץ 1878, ליק. דוד גאָרדאָן: דאָרטן. הצפירה 6 (18 מערץ) 1878, וואַרשויא. אליעזר יצחק שפירא: תולדות אנשי ש״ב (גן פרחים, וואַרשא, תרנ״א, 1890). הצפירה, י״ז כסלו תרנ״ו (4 דעצעמבער 1895 נ. סט.); 4 יאַנואַר 1897 (נ. סט.). המליץ, כ״א כסלו תרנ״ו (8 דעצעמבער 1895 נ. סט.), פּטרבורג.

אַבֿרהם מוטניק („גלעב״): בלעטלעך פון מיין לעבן (די צו־קונפט, סעפּטעמבער 1933, ניו־יאָרק). וו. שולמאַן: דער „בונד״ אין ליטע (מאַנו־סקריפּט, ניו־יאָרק 1946). אַננע ראָזענטאַל: בלעטלעך פון אַ לעבנס־געשיכטע (די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג ביז דער גרינדונג פון „בונד״, היסטאָרישע שריפטן, דריטער באַנד, ייוואָ, ווילנע — פּאַריז 1939); ל. אַקסעלראָד־אָרטאָדאָקס: פון מיינע זכרונות (דאָרטן) ל. מאַרטאָוו: זכרונות פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, בערלין 1923. אַרקאַדי, ניו־יאָרק 1942. דזשאַן מילל: פּיאָנערן און בויער, ערשטער באַנד און באַנד 2, ניו־יאָרק 1946 און 1949. פראַנץ קורסקי: געזאַמלטע שריפטן, ניו־יאָרק 1952. דער לעבנסוועג פון וולאַדימיר קאָסאָווסקי אין אונזער צייט, נאָוועמבער 1941, ניו־יאָרק (אין די ביאָגראַפישע ידיעות פאַראַן אַ ריי אומפּינקט־לעכקייטן); פ. קורסקי: ניטאָ מער נח (דאָרטן). דזשאַן מילל: וולאַדימיר קאָסאָווסקי (אונזער צייט, דעצעמבער 1941 און נאָוועמבער־דעצעמבער 1951, ניו־יאָרק). זלמן רייזען: לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פרעסע און פילאָ־לאָגיע, דריטער באַנד, ווילנע 1929. וולאַדימיר מעדעם: פון מיין לעבן, ניו־יאָרק 1923.

פ. אַנמאַן: די פּאַראייניקונגס־פראַגע אויף דער 7טער קאָנפערענץ פון „בונד״ (רויטער פנקס, צווייטער זאַמלבוך, וואַרשע 1924). י. ש. הערץ: הירש לעקערט, ניו־יאָרק 1952. ק. לייטעס: דעראינערונגען וועגן וולאַדימיר קאָסאָווסקי (אונזער צייט, מאַי 1942, ניו־יאָרק). סאַימאָן סאָלאָמאָן: דעראינערונגען פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ניו־יאָרק 1952. הלל כ״ץ בלום: זכרונות פון אַ בונדיסט, ניו־יאָרק 1940. וו. קאָסאָווסקי: וו. מעדעם און די נאַציאָנאַלע פראַגע (וולאַדימיר

מעדעם, צום צוואַנציקסטן יאָרצייט, ניו-יאָרק 1943). ב. מיכאַלעוויטש: זכרונות פון אַ יודישען סאָציאַליסט, צווייטער באַנד, וואַרשע 1923. ר. אַבראַמאָוויטש: אין צוויי רעוואָלוציעס, ערשטער באַנד, ניו-יאָרק, 1944. י. קאַטאָווסקי: די ערשטע לעגאַלע בונדישע פרעסע (רויטע שליאַכן, 15 מערץ 1931, וואַרשע). פ. אַנמאַן: די ערשטע בונדישע לעגאַלע צייטונגען (25 יאָר, זאַמלבוך, וואַרשע 1922). צביון (דר. ב. האָפמאַן): פאַר פופציק יאָר, ניו-יאָרק 1948. שלום לעווין: אונטערערדישע קעמפער, ניו-יאָרק 1946. די דיסקוסיע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע אויפן צוזאַמענפאָר פון 'בונד', יוני, 1903, ציריך (אונזער צייט, דעצעמבער 1927, וואַרשע). וול. קאָסאָווסקי: מאַרטאָוו און די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע (די צוקונפט, מערץ 1924, ניו-יאָרק). א. ליטוואַק: געזאַמלטע שריפטן, ניו-יאָרק 1945. בריוו פון פאַניע בעלאָצערקאָווסקי (מאַנוסקריפט). שלמה מענדעלסאָן: וולאַדימיר קאָסאָווסקי (שלמה מענדעלסאָן, זיין לעבן און שאַפן, ניו-יאָרק 1949). דר. רפאל גינזבערג: וולאַדימיר קאָסאָווסקיס קראַנקייט (אונזער צייט, דעצעמבער 1941, ניו-יאָרק). אינפאָרמאַציע פון אברהם קאָסטעלאַנסקי (קאַרלין — וואַרשע — ניו-יאָרק).

The Jewish Encyclopedia. Vol. VIII, pp. 196—7, New York and London, 1904. Erklärungen und Resolutionen der Delegation des Allgemeinen Jüdischen Arbeiterbundes ("Bund") in Polen. Genève, Februar, 1919.

Полный текстъ протоколовъ. Второй очередной съезд Российской Соц.-Дем. Рабочей Партіи. Женева. Вѣстникъ Бунда. 1904. Женева. Вл. Коссовскій: Вопросы Національности, Вильна, 1907 г. Информаціонный Листокъ. №№ 9—10. Декабрь, 1915, Женева. ,

י. ש. הערץ



וולאַדימיר קאָסאָווסקיס לעצטע רעדע צו יודישע אַרבעטער אין ווילנע בעת דער צווייטער וועלט-מלחמה אין יאָר 1940.

# יקותיאל פּאַרטניי (נח)

זיין לעבן האָט זיך אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט צונויפגעגאָסן מיט דעם בונד. דער סוד פון חבר נחס לעבן — איז דער סוד פון בונד. די ליניע פון זייער ביידנס לעבן גיסט זיך פולשטענדיק צונויף. אין ווערטער־בוך פון חבר נח האָט געפעלט אינגאַנצן איין וואָרט — איך. איר האָט אים קיינמאָל ניט געהערט רעדן וועגן זיך. דאָס איז געווען אין אַ גרויסער מאָס אַ רעזולטאַט פון זיין אומגעהויערער באַשיידנקייט. אָבער נאָך מער — אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס ער האָט אייגנטלעך קיין פּערזענלעך לעבן ניט געהאַט. ער האָט גראָד דאָס לעבן שטאַרק ליב געהאַט, אָבער זיין פרייד און טרויער, זיין ענערגיע און שעפערישקייט, זיין איניציאַטיוו און אונטערנעמערישקייט — זיינען אַלע פעאיקייטן זיינען תמיד געשטאַנען אונטערן צייכן פון קאָלעקטיוו, פון דער באַוועגונג. זיין פּערזענלעכער ווילן האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן קאָלעקטיוון. ער איז געווען דער פּאַטער פון דער פּאַרטיי. ער האָט אין זיך אויף אַ וואונדערלעכן אופן איינגעזאַפּט דעם ווילן און די שטימונג פון דער מאַסע, פונם קאָלעקטיוו, פונם יידישן אַרבעטער־קלאַס. ער איז געווען גלייכצייטיק דער פירער פון בונד און דער אינסטרומענט פון דער אַרבעטער־מאַסע אין בונד. ער האָט זיין אייגענעם ווילן און שטעלונג געלייטערט אין פייער פון קאָלעקטיוון ווילן און קאָלעקטיווער שטימונג.

און דערפאַר איז אויך אין פּאַרטיי־לעבן געווען אַזוי, אַז ער האָט ניט באַנוצט דאָס וואָרט — איך. ער האָט אַפּעלירט אין נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע, פון איר געשיכטע, אירע דעקלאַראַציעס און טראַדיציעס. און ווען נויטיק האָט ער געקענט פאַרבויגן זיין איך — לגבי דעם רצון און אינטערעס פון קאָלעקטיוו. ער האָט קיינמאָל נישט געדראָט דער פּאַרטיי אָדער וועלכער אינסטאַנץ — מיט זיך. ער האָט ניט געוואָרפן אויף דער וואָגשאָל זיין פּערזענלעכע קראַפט, עס איז אים קיינמאָל נישט געגאַנגען אין דעם, אַז ער זאָל אויספירן; ער האָט נישט געוואוסט פון אַזעלכע אַמביציעס און עגאָצענטרישקייטן.

און דאָס אַלץ — ניט ווייל ער איז געווען כאַראַקטערלאָז, אָן אַן אייגענער ליניע. פונקט פאַרקערט, ער האָט שטענדיק געוואוסט וואָס ער וויל, ער איז געווען אויסגעהאַלטן און פיינט געהאַט דעם קאָמפּראָמיס. ער איז געווען אין די הויפּט־לאָזונגען און עיקרים פון בונד — אומבויגזאַם, קאָנסעקווענט און עקשנותדיק. אָבער ער האָט געהאַט געדולד און גלויבן אין זיין גערעכטיקייט. ער האָט געהאַט אַ באַזונדער חוש פאַר דעם, וואָס איז גוט און ניט־גוט פאַר דער פּאַרטיי. ער האָט אין טאַקטישע פראַגן געקענט פאַרבייגן דעם

היינט — צוליב דעם מאַרגן, אין וועלכן ער איז זיכער געווען. ער האָט געקענט פאַרשווייגן, זיך באַהערשן. ער האָט ניט געוואָלט קאָמאַנדירן און באַפעלן. ער האָט געשטרעבט אויסצולעבן און אַדורכצולעבן דאָס, וואָס איז לויט זיין מיינונג אַן אומגליק פאַר דער פּאַרטיי היינט, אין דער פולער רואיקייט, אַז מאָרגן וועט זיין אַנדערש, אין הסכם מיט זיינע איבערצייגונגען.

ער איז געווען דאָס, וואָס עס דאַרף זיין — אַ פירער, אַ מנהיג. ער איז אין דעם פּרט געווען — אידעאַל. רואיק, אָן קאַפּריזן, אָן שטימונגען, זעלבסטבאַהערשט. נישט איבערפלעכלעך און אויפגעפלאַקערט, נאָר טיף אַריינגעדרונגען אין תוך פון דער סיטואַציע, פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן קאָלעקטיוו און פאַרן מאָרגן, מיט מוט צו נעמען אויף זיך פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

ער האָט געהאַט אַ גרויסע מיסיע אין זיין לעבן, און ער האָט זי מיט גרויסער קונסט אַדורכגעפירט. ער איז געווען דער היטער פון בונד. אים איז אָנגעטרויט געוואָרן דער גורל און די פאָן פון בונד.

## יונגט־יאָרן

דער אמתער נאָמען פון ח׳ נח איז געווען יקותיאל פּאָרטנוי. געבוירן געוואָרן איז ער אין פּאַדבערעזע, ווילנער געגנט, דעם 13טן אויגוסט 1872. אינם דאָזיקן קליינעם שטעטעלע איז דעם ח׳ נחס פאָטער געווען אַ שרייבער אין דער „מעשטשאַנסקער אופּראַווע". די מוטער האָט געהאַלטן אַ קראָם. דער פאָטער איז געווען אַ ביסל היינטוועלטיק, געקענט רוסיש, זיך פאַנאַנדערגעקליבן אין בירגערשאַפט־געזעצן. דעם זון זיינעם האָט ער געלערנט אין חדר, אָבער שפּעטער אָפּגעגעבן אין דער מלוכהשער קרוין־שול. געענדיקט די פאָלקשול, האָט מען יקותיאלן אין 1888 געשיקט אין ווילנער לערער־אינסטיטוט און ער האָט אים טאַקע געענדיקט אין 1892, ד. ה. צו צוואַנציק יאָר.

פאַר דעם קינפטיקן רעוואָלוציאָנער און פּאַרטיי־פירער זיינען אָט די פיר יאָר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין ווילנער לערער־אינסטיטוט, געווען אַן אַנטשיידנדיקער פּעריאָד אין זיין לעבן. דאָ האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט זיין לעבנס־באַנעם, דאָ האָבן זיך איינגעשטעלט זיינע בעסטע יוגנט־פריינטלעכע פאַרבינדונגען, דאָ איז ער אַריין אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און סאָציאַליסטן־מחנה. דאָס זיינען געווען יאָרן, ווען אַלעקסאַנדער דער דריטער האָט צווישן איין פּאָגראָם און דעם צווייטן געדריקט די יידישע באַפעלקערונג מיט זיינע „צייטווייליקע תקנות" (פון יאָר 1882). יידן האָט מען געטריבן פון די דערפער; מ'האָט געיאָגט יידן פון זייערע וואוין־ערטער אויסערן תחום; מ'האָט אויף אַלערליי אופנים פאַרשמעלערט די עקאָנאָמישע טעטיקייטן פון יידן און זייערע וואוין־רעכט; און ענדלעך, יולי 1887 האָט מען שטאַרק באַגרענעצט דעם צוטריט פון יידן אין די אוניווערזיטעטן, גימנאַזיעס און אַנדערע מיטלשולן (פון 3 ביז 10 פּראָצענט פון דער צאָל אָנגענומענע קריסטן); דאָס איז געווען די טרויעריק־באַרימטע „פּראָצענט־נאָרמע". טויזנטער יידישע יוגנטלעכע האָבן אומזיסט געקלאַפּט אין די טירן פון די בילדונגס־

טעמפּלען... דער נאַטירלעכער פּועל־יוצא פון אָט דער לעצטער רעפּרעסיע איז געווען: יידישע יונגעלייט האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן אין די טירן פון די געהיימע קרייזלעך פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען.

אויך דער יונגער יקותיאל שליסט זיך דעמאָלט אָן אין אַ געהיימען רעוואָלוציאָנערן קרייז, וואָס איז געווען טעטיק ביים ווילנער לערער־אינסטיטוט. ער געהערט דאָ צו אַ קאָנספּיראַטיוון קרייז פון צוקונפטיקע לערער — גאָדלעווסקי, פּין, גאָזשאַנסקי א. אַ.. נחס פּסעוודאָנים איז דאָ געווען „דער העכסטער", פּין און גאָדלעווסקי האָבן געהייסן „דער מיטעלער" און „דער קליינער". זיי האָבן געלייענט און דיסקוטירט אומלעגאַלע ליטעראַטור, וואָס אייזענשטאַט פלעגט זיי צושטעלן. באַלד נאָך דעם, ווי פּאָרטניי האָט געענדיקט דעם אינסטיטוט און איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ לערער אין ווילנער קרוין־שול (אויף פּאָהולאַנקע אָדער באָוווגאָראָדער גאַס), הויבט ער אָן צו נעמען אַ טעטיקן אָנטייל אין דער „פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט". אָבער נאָך פאַרן פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט איז נח־יקותיאל געווען פאַרבונדן מיטן ווילנער פּיאָנערן־קרייז, פון וועלכן עס זיינען אַרויס די שפּעטערדיקע גרינדער פון בונד. אויף אַריינגענומען צו ווערן אין דעם דאָזיקן קרייז און אין זיינע טעטיקייטן איז נאָך נח־יקותיאל דעמאָלט געווען צו רוי און צו יונג. גענוג צו זאָגן, אַז אייזענשטאַט־יודין איז שוין געווען אַרעסטירט אין 1888, אַרקאַדי אין 1889, דזשאַן מילל אין 1892.

ביים פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט (1892) איז נחס ערשטע זאָרג געווען, וועמען פון די ייִנגערע אינסטיטוט־תלמידים פאַרבינדן מיט די ווילנער טוער. יוסף לענסקי, אבראם באנעוואור און אהרן ווײַנשטיין (רחמיאל) — זיינען געווען אין דער גרופּע, אויף וועלכער ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. אין זייערע הענט האָט נח איבערגעגעבן די אָנפירונג מיט דער רייכער אומלעגאַלער ביבליאָטעק און די פאַרבינדונג מיט דער ווילנער באַוועגונג. נחן איז צו פאַרדאַנקען, וואָס דער דאָזיקער שילער־קרייז האָט זיך פאַרפעסטיקט, זיך גוט פאַרקאָנספּירירט, — פון אינסטיטוט זיינען אַרויסגעקומען צענטליקער וויכטיקע טוער פאַרן בונד.

נח האָט שוין דעמאָלט אַרויסגעוויזן זיינע גרייסע אָרגאַניזאַטאָרישע און קאָנספּיראַטאָרישע פעאיקייטן און זיין טאַלאַנט ריכטיק צו דערקענען און אָפּשאַצן מענטשן. זיין גאַנצע פערזענלעכקייט בכלל איז שוין געווען אויסגעקריסטאַליזירט — מיט אַלע אירע שיינע און גוטע מעלות. דזשאַן מילל דערציילט וועגן זיינע איינדרוקן פון נחן דעם לערער אין קלאַס־צימער: „ער האָט מיך איינמאָל איינגעלאַדן בייצוואוינען זיינע אַ לעקציע אין קלאַס. זיין באַציאונג צו די שול־קינדער, די רואיקע באַמערקונגען וואָס ער האָט געמאַכט, זיינע אָנווייזונגען און דערקלערונגען, די פריינטלעכע אַטמאָספער וואָס ער האָט באַשאַפן אַרום זיך, די ליבע מיט וועלכער ער האָט באַהאַנדלט די קינדער — אַלץ איז געווען אַזוי טיפּיש — נחס, אַז מע קען זיך גאָרניט פאָרשטעלן, אַז אַזוי איז ער געווען מיט 52 יאָר צוריק"... און געווען איז דאָך נח דעמאָלט אַ לערער אַן אָנפאַנגער! .

## קאָוונע

אין ווילנע פאַרבלייבט נח אַ קורצע צייט. באַלד פאָרט ער אַריבער אין די אינטערעסן און לויט די פּלענער פון דער באַוועגונג — קיין קאָוונע. יעקב פעסקין דערציילט וועגן יענער תקופה ערב בונד.: „אין דער דאָזיקער תקופה זיינען איינגעשטעלט געוואָרן סיסטעמאַטישע פאַרבינדונגען מיט אַ ריי שטעט פון תחום; אייניקע טוער פון ווילנע זיינען דירעקט דעלעגירט געוואָרן צו פירן די אַרבעט אין די אַנדערע שטעט: גאָזשאַנסקי און ל׳ייבע אייזענשטאַט קיין ביאַליסטאָק... פאָרטניי — קיין קאָוונע״.

מע דאַרף פאַרשטיין, אַז נח האָט זיך ספּעציעל געסטאַרעט ביי דער שולמאַכט אויף צו באַקומען אַ לערער־פּאָסטן אין קאָוונע אין אַ מלוכהשער פאָלקשול פאַר יידישע קינדער. אין קאָוונע איז מיט יאָרן פריער געווען אַ רעוואָלוציאָנערער קרייז, אָנגעפירט פון צוויי יונגע גימנאַזיסטן, וואָס זיינען שפּעטער געוואָרן אָנגעזען אין בונד — וולאַדימיר קאָסאָווסקי און אברהם מוטניק (גלעב). דער קרייז איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מ׳ט מיטגלידער פון אויספיר־קאָמיטעט פון נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ. אויך דער קאָוונער קרייז האָט געהאַט אַן אומלעגאַלע ביבליאָטעק און אַחוץ דעם אַ ביבליאָטעק פון האַלב־לעגאַלע ביכער. ווען נח איז געקומען קיין קאָוונע, זיינען שוין דאָ קאָסאָווסקי און מוטניק ניט געווען, אָבער דער קרייז האָט ווייטער עקזיסטירט. נח פאַרבינדט זיך מיט דעם קרייז, ער שטייט גלייכצייטיק אין ענגע פאַרבינ־דונגען מיט דער ווילנער פּיאָנערן־גרופּע. אין קאָוונע זיינען אויך געווען טוערס פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע זיינען פאַרשיקט געוואָרן אַהער אונטער פּאָליציי־אויפזיכט, — צווישן זיי דער באַקאַנטער פּוילישער טוער לודוויק קולטשיצקי (שפּעטער אַריבער אין נאַציאָנאַליסטישן לאַגער); צו אים פלעגט אָפט קומען אויך יוזעף פּילסודסקי. דורך זיי פאַראינטערעסירט זיך נח צום ערשטן מאָל מיט דער פּוילישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ער קומט אויך אין באַרירונג מיט ליטווישע אַרבעטער. אין קאָוונע איז דעמאָלט שוין געווען אַ מין פעדעראַטיווער צווישנפּאַרטייאישער קאָמיטעט פון דער גרופּע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, פּ.פּ.ס. און ליטווישע סאָצ. פּאַרטיי. „נחס אַרבעט אין קאָוונע, דערציילט פּ. קורסקי, האָט שטאַרק אויסגעברייטערט דעם ווירקונג־קרייז פון דער ווילנער פּיאָנערן־גרופּע און האָט איבערגעלאָזט אין קאָוונער קאַנט טיפע שפּורן״. נחס הויפּט־אַרבעט אין קאָוונע איז אַנ־געגאַנגען צווישן די יידישע אַרבעטער. נח האָט דאָ געפירט אייניקע קרייזן; זיין פּסעוודאָנים איז געווען יאַקאָוו. נח איז געווען דער וויכטיקסטער טוער אין דאָזיקן צווישנפּאַרטייאישן „פעדעראַטיוון״ קאָמיטעט.

מיט 38־39 יאָר שפּעטער האָט וועגן אָט דעם קאָוונער פּעריאָד אין נחס לעבן געשריבן איינער פון זיינע תלמידים, דזשאָזעף גרינבערג (דער וועקער, נ. 12, נאָוועמבער 1932):

„נחן האָב איך צו פאַרדאַנקען פאַר מיינע סאָציאַליסטישע געדאַנקען (עס איז אייגנטלעך אינגאַנצן זיינע), און אַז עס איז זיינע קאָן שוין דאָס קיינער ניט אַרויסרייסן — אַזוי שטאַרק האָט ער דאָס איינגעפלאַנצט.

נח האָט מיט זיך פון אייביק אָן פאַרגעשטעלט אַ גיבור, אַ מענטש וואָס איז דורכאויס אומגעשראָקן, און אַלס אַזעלכער האָט ער געווירקט אין יענער צייט אויף מיר (אין קאָוונע) און אויף דער גאַנצער באַוועגונג. אָט האָט מען אים געזען אָנגעטאָן אין זיין „וואָיענעם מונדיר", און אָ־ין אַ ווײַלע אַרום איז ער שוין געווען ביי מיר אויפן קוואַרטיר און האָט שוין געלערנט מיט אַ גרופּע קריסטלעכע אַרבעטער און אין נאָך אַ ווײַלע איז ער שוין געווען גאָר אָנשטענ־דיק אָנגעטאָן און האָט שוין געלערנט מיט אונז ביי זיך אין הויז.

און ווען איך האָב אים געבעטן און געפּראוווט אָפּעלירן צו אים די לעצטע נאַכט איידער מען האָט אים אַרעסטירט, אַז ער זאָל לויפן... ווייל די געפאַר איז שוין געווען פאַר אים צו גרויס, האָט ער איינפאַך קיין צייט נישט געהאַט, ער האָט צופיל זאַכן געדאַרפט באַזאָרגן, איז געווען צופיל פאַרנומען און זיך ניט געקענט און ניט געוואָלט אָפּגעבן מיט זיך אַליין, — ווייל ער האָט ניט געלעבט און לעבט ניט פאַר זיך אַליין. ער, נח, לעבט פאַר אַלעמען, און ער איז די שענסטע צירונג וואָס איז דאָ".

דער קאָוונער פעריאָד האָט לאַנג ניט געדויערט פאַר נחן. האַרבסט 1895 ווערט ער אַרעסטירט, צוזאַמען מיט קולטשיצקין. ער איז איינגע־שלאָסן געוואָרן אין אַן איינצל־קאַמער פון דער קאָוונער תפיסה. אַכט חדשים האָט זיך געצויגן די אויספאָרשונג אין נחס „דיעלע". ער האָט באַקומען אַ שווערן פסק־דין: 3 יאָר שטראָף־טורמע אין קרעסטי, פעטערבורג, און נאָך דעם 6 יאָר פאַרשיקונג אין מזרח־סיביר.

דער אַרעסט פון ה׳ נח איז געווען, הפּנים, פאַרבונדן מיט זיינע באַ־געגענישן מיט קולטשיצקין און מיט די פּוילישע מעטאַל־אַרבעטער־קרייזלעך, הגם ווי שוין געזאָגט, אין קאָוונע איז נח געווען אַקטיוו בעיקר אין דער יידי־שער אַרבעטער־באַוועגונג. קאָוונע איז געווען אַ וויכטיקער ראַיאָן־פּונקט מיט פעסטע פאַרבינדונגען אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך. צו יענער צייט איז שוין אויך געווען טעטיק די אָרגאַניזאַציע פון די בערשטער. נח איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער ווילנער פּיאָנערן־גרופּע. ער האָט געטאָן אַ סך אַרבעט פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אָבער אַרעס־טירט ווערן איז אים געווען באַשערט, הפּנים, ניט אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין יידישער אַרבעט. און אויף דעם לוקישקער צוזאַמענפאָר, וואו דער בונד איז געגרינדעט געוואָרן, איז נחן ניט באַשערט געווען צו זיין...

## תפּיסה און סיביר

נח איז אין קרעסטי אָפּגעזעסן נאָר צוויי יאָר: צוליב ניקאָלאַיס קאָראָ־נאַציע (יאָר 1896) איז ביי אַלע פּאָליטישע אַראָפּגענומען געוואָרן אַ דריטל שטראָף. דער רעזשים אין קרעסטי איז געווען זייער אַ שווערער, די גע־פאַנגענע האָבן געדאַרפט טאָן שווערע פיזישע אַרבעט אין די וואַרשטאַטן. אָבער נח איז פון די אַרבעטן באַפרייט געוואָרן. אין דער טורמע־קאַמער האָט ער ערנסט שטודירט געזעלשאַפטלעכע, סאָציאַלע און ליטעראַרישע ווערק. אַזאַ סאָרט שטודיום הינטער די גראַטעס — לאָזט איבער טיפע שפּורן אויפן

גאַנצן לעבן. אָט דער קורס „זעלבסט־בילדונג" — איז שפּעטער שטאַרק צונוץ געקומען דעם קעמפער און אָרגאַניזאַטאָר פון דער יידישער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג.

ווען נח איז געזעסן אין תפיסה האָט אים איין מאָל באַזוכט זיין פאָטער — טאַטע און זון האָבן גערעדט צווישן זיך, אָפּגעטיילט מיט קראַטע און געהיט פון אַ זשאַנדאַרם. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט דער פאָטער צו אים געזאָגט: — מיין זון, מילא, פאַרפאַלן. אָבער חרטה איז ניט מעשה סוחר...




נח אין די יונגערע יאָרן

ווען נח האָט מיט יאָרן שפּעטער דערציילט אין אַן אינטימען קרייז וועגן דעם דאָזיקן פאַקט האָט ער צוגעגעבן מיט שטאָלץ:

— אָט אַזוי האָט ער מיר געזאָגט, דער טאַטע מיינער...

פון דער וואונדערלעכער גייסטיקער עקשנות פונם פאָטער שיינט אַרויס די שפּעטערדיקע עקשנות פונם זון, וועלכער איז אַרויס פון טורמע אַ גע־שטאַרקטער, אַ זיכערער אין זיין סאָציאַליסטישער אידייע און וועלכער האָט זיך שפּעטער געשטעלט צו מסירת־נפשדיקער דינסט פון דער יידישער אַר־בעטער־באַוועגונג.

אַרום יוני־יולי 1898 פאַרענדיקט זיך נחס צוויי תפיסה־יאָרן אין קרעסטי, אין פּעטערבורג. איצט קומט די פאַרשיקונג קיין סיביר. דער וועג פירט דורך מאָסקווע, סאַמאַרע, איבערן אוראַל און וייטער מיט דער נייער סיבירער באַן־ליניע. דער קאָנוואָי איז געווען אַ ליבעראַלער. דער וועג איז אַדורך אָן שום אינצידענטן. אין דער פּאַרטיע זיינען געווען רוסישע, פּוי־לישע, יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אַרום ניי־יאָר 1899 איז נח אָנגעקומען צו זיין באַשטימונגס־פּונקט אילימסק. דאָס איז געווען אַ פאַרוואָרפענער העק

ביים טייך אילים, אַ צופּלוס פון דער לענאַ, אַן ערך זיבן, אַכט הונדערט קילאָמעטער פון דער אײַזנבאַן־ליניע אין אירקוטסקער גובערניע.

אין אילימסק איז נח פאַרבליבן בלויז אַ 6־7 חדשים. ער איז געווען אַ צו אַקטיוועַ נאַטור, פאַרמאָגט אַ צו גרויסן רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט, — האָט ער געקענט מסכים זײַן מיטן געדאַנק אָפּצופּינצטערן דאָ אַזוי פיל יאָר? פונם ערשטן מאָמענט אָן בזיט ער פּלענער, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דער דאָזיקער פאַרשיקונג. דאָס איז געווען זייער אַ שווערע אונטערנעמונג: פון מערב־סיביר זײַנען פאַרשיקטע גאַנץ לײַכט געלאָפן, — אָבער אילימסק איז געווען אין ווײַטן מזרח. גלײַך ווי ער איז געקומען אויפן פּלאַץ, הייבט ער אָן מאַכן אַלע נויטיקע צוגרייטונגען צום אַנטלויפן. סיסטעמאַטיש, רואיק, דורכגעטראַכט אַלע פּרטים, צוגעגרייט אַלץ צום לאַנגן געפערלעכן וועג דורך דער סיבירער טאַיגע ביז דער באַן־ליניע, און שפּעטער צו דער ניט ווײַניקער געפערלעכער רייזע מיט דער באַן אונטער דער סכנה דערקאַנט צו ווערן דורך די צאַרישע שפּיאָנען.

זײַן אַנטלויפן איז געווען אַ מייסטערשטיק פונם קינפּטיקן קאָנספּיראַ־טאָר און אָרגאַניזאַטאָר. אין אַ שיינעם פרימאָרגן ווערט נח פאַרשוואונדן פון זײַן קוואַרטיר, און מע געפינט דאָ זײַנעם אַ בריוו צו דער אָרטיקער קאָלאָניע פאַרשיקטע, אַז מער קען ער ניט אַריבערטראָגן דעם אומעט און פּײַן פון אילימסקער לעבן און ער באַשליסט צו באַגיין זעלבסטמאָרד... די פאַרשיק־טע חברים האָבן די ידיעה ווײַטער איבערגעגעבן אויף זייער אייגענעם שטייגער. די אָרטיקע פּאָליציי האָט דעם בריוו אויפריכטיק געגלויבט, און מ׳האָט זיך געלאָזט זוכן דעם טויטן קערפּער... נישט געפונען קיינע שפּורן, בלײַבט אָבער די פּאָליציי ביים תמימותדיקן גלויבן אינם זעלבסטמאָרד. זי שיקט אַריבער אַ געהעריקע מעלדונג צום גובערנאַטאָר, פון אים גייען די פּאַפּירן ווײַטער צום פּאָליציי־דעפּאַרטמענט אין דער קרוינשטאָט, און אַזוי בלײַבט עס: דער פאַרשיקטער פּאַרטניי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד... אויס!..

## באַהאָפטן מיטן בונד

האַרבסט 1899 — פאַרמאַטערט פיזיש, אויסגעשעפּט פון נערוון־אָנשטרענגונג — איז שוין נח געווען אין יידישן תחום, צווישן אייגענע חברים.

אַרום 4 יאָר זײַנען אַריבער זינט נח איז אַרעסטירט געוואָרן אין קאָוונע. אָבער אין די עטלעכע יאָר איז געענדערט געוואָרן דער גאַנצער אויסזען פון רוסלאַנד, און נאָך מער איז דער פּרצוף פון יידישן תחום און פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג געענדערט געוואָרן פאַר די יאָרן. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן אַרבעטער, פּויערים און סטודענטנ־שאַפט איז געגאַנגען באַרג אַרויף. די קומענדיקע רעוואָלוציע פון 1905 האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אין די טירן פון דער עפנטלעכקייט. אויף דער יידישער גאַס איז אויסגעוואַקסן אַ מאַסן־באַוועגונג. אין אָקטאָבער 1897 איז געגרינדעט געוואָרן דער בונד. ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ צענטראַלער אָרגאַן, די אַרביי־טער־שטימע (דער ערשטער נומער האָט זיך באַוויזן אין אויגוסט 1897).

אין 1898 (יולי) האָט דער פּאָליציי־דעפּאַרטמענט דורכגעפירט מאַסן־אַרעסטן צווישן די בונדישע טוער (אַרעסטירט העכער 70 פּערזאָן), ס׳איז אַרעסטירט געוואָרן דער גאַנצער צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר (קאָסאָווסקי, אַרקאַדי, אברהם מוטניק). עס איז אויך פאַרנומען געוואָרן אין באָברויסק די צענטראַלע אומלעגאַלע דרוקעריי מיט דעם נומער 9־10 אַרבייטער־שטימע. נאָך מער, דער שעף פון דער מאָסקווער אָכראַנע, זובאַטאָוו, האָט פאַרטראַכט אונטערצומינירן די יידי־שע אַרבעטער־באַוועגונג פון אינעווייניק: ער האָט געפּרעדיקט לעגאַלן עקאָ־נאָמישן קאַמף — אָן שום צומיש פון פּאָליטיק. אָט אין דער דאָזיקער אַטמאָספער איז אַריינגעפאַלן נח באַלד נאָך זיין קומען פון סיביר. דער ברייטער בונדישער עולם האָט אים, נאַטירלעך, ניט געקענט. אָבער די מיטגלי־דער פונם נייעם צ. ק., וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן אויפן צווייטן צו־זאַמענפאָר פון בונד אין סעפּטעמבער 1898 (טאַראַס, זעלדאָוו, צביה) האָבן אים גוט געקענט, און זיי האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט, אַז ער זאָל זיך שטעלן צו דער אומלעגאַלער אַרבעט.

פּ. אָנ—מאָן (פּאַוועל ראָזענטאַל) דערציילט וועגן אָט יענעם מאָמענט, ווען נח איז געקומען פון סיביר און זיך אַריינגעוואָרפן אין דער בונדישער אַרבעט. צוזאַמען מיט זיין פרוי אַנע האָט ח׳ ראָזענטאַל דעמאָלט געלעבט אין ביאַליסטאָק און פּראַקטיצירט אַלס דאָקטאָר. און וועגן דאָזיקן ביאַליס־טאָקער פּעריאָד אין לעבן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד (1900־1902) האָט ח׳ אָנ—מאָן שפּעטער פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע אַרבעט אין ערשטן באַנד פון רויטן פנקס. דערציילט ער אַזוי:

„די ערשטע טעג פון מאַי (1900 — ה. ש. ק) איז צו מיר אויף דער דירה געקומען טאַראַס צוזאַמען מיט איינעם אַ מענטשן, וועלכן מיר האָבן ביז דעמאָלט ניט געקענט. יענער איז געווען אַ הויכער, אַ רהאיקער, אַ לאַנג־זאַמער און אַ באַטראַכטער... דער אומבאַקאַנטער הויכער מענטש האָט גע־הייסן נח און איז געווען דער קאַנדער לערער פּאַרטניי, וועלכער איז נאָר וואָס בשלום געקומען צופאָרן פון באַלאַגאַנסק (סיביר). גוטע פריינט האָבן אים געהאָלפן אַנטלויפן, טאַראַס האָט אים קאָאָפּטירט אין צ. ק.; איצט זיינען זיי ביידע געפאָרן קיין וואַרשע און אונטערוועגס זיינען זיי אַראָפּגעפאָרן צו אונז. נח האָט מיר פאַרגעלייגט צו אַרבעטן אין אַרבייטער־שטימע און צווישן אַנדערע זאַכן נעמען אויף זיך די אָפּטיילונג פון פּאָליטישער אַגיטאַציע... מיינע אַרטיקלען פאַר דער אַרבייטער־שטימע פלעג איך שיקן קיין וואַרשע, וואו ס׳איז געווען די בונדישע דרוקעריי און וואו ס׳האָט געוואוינט נח. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן פון נומ. 19, וועלכער איז אַרויס אין האַרבסט 1900, אימגעפער אין סעפּטעמבער. אין יענער צייט איז נח ווידער געקומען צו פאָרן צו אונז. ער האָט מיר מיטגעטיילט, אַז מ׳האָט מיך קאָאָפּטירט אין צ. ק., וועלכער באַשטייט אויף אַזאַ אופן פון דריי מאַן. טאַראַס וועט פאַרוואַלטן מיט דער טעכניק און וועט אַרומפאָרן איבער די ערטער, און מיר אין צווייען וועלן וואוינען אין ביאַליסטאָק.

פון דעם מאָמענט אָן איז ביאַליסטאָק געווען אין משך פון אַנדערהאַלבן יאָר די רעזידענץ פון צ. ק. און אונזער דירה ווערט דער צענטער פון דער רעזידענץ.

נח האָט זיך געפונען אַ צימער אין איינער פון די פּאַרוואָרפענע גאַסן אין שטאָט. דאָס איז געווען אַ צימער אָן אַ באַלעבאָס, אָן אַ דינסט. אַ קליין מיידעלע, דעם סטרוזשס טאָכטער, פלעגט אים געבן אַ סאַמאָוואַר און אויפ־רוימען דעם צימער. קיין איין מענטש, אויסער 1־2 וואָס מ'האָט זיי פאַרטרויט, האָבן ניט געוואוסט זיין אַדרעס, איך בין ביי אים פאַר די גאַנצע צייט געווען, דאַכט זיך, איין מאָל. דערפאַר פלעגט ער אַלע טאָג זיין ביי אונז, אָפט אַפילו 2־3 מאָל אַ טאָג. אין צווייען פלעגן מיר דערליידיקן אַלע פראַגן... דאָס איז געווען זייער אַן אינטערעסאַנטע צייט... אין דעצעמבער איז אַרויס דער ערשטער נומער איסקראַ. נח און דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָבן זיך באַצויגן מיט גרויס פאַרזיכטיקייט צום נייעם אָרגאַן. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דער פּאָזיציע, וואָס ער וועט פאַרנעמען בנוגע צום בונד, און די ווירק־לעכקייט האָט אין אַ גרויסער מאָס באַרעכטיקט זייער מורא".

שפּעטער אַ ביסל וועלן מיר דערציילן גענויער וועגן דעם פערטן צו־זאַמענפאָר פון בונד, אויף וועלכן נח האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל און אויף וועלכן עס האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט די דעבאַטע איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אָבער אַז מיר האַלטן אין ציטירן פ. אַנ־מאַנס אַרטיקל, וועלן מיר שוין ברענגען דאָס, וואָס ער דערציילט ווייטער וועגן נחן:

„אין אַ יאָר אַרום נאָכן דריטן צוזאַמענפאָר האָבן מיר מיט נחן געפּו־נען פאַר נויטיק צונויפצורופן אַ נייעם צוזאַמענפאָר... אין ביאַליסטאָק, וואו אונטער אונזער דירעקטער השגחה וועט מען אים אָרגאַניזירן מיט מער דער־פאָלג... פון צ. ק. (זיינען געווען) נח און איך... די דערקלערונגען צו די רעזאָלוציעס וועגן עקאָנאָמישן טעראָר, וועגן די מיטלען קעגן די גוואַלט־מעשים פון דער פּאָליציי און וועגן דעמאָנסטראַציעס האָט אָפּגעגעבן נח, די איבעריקע איך...

איך וועל זיך אָפּשטעלן נאָר אויף דער רעזאָלוציע וועגן דער נאַציאָ־נאַלער פראַגע... בראש פון צענטער (ווײַנשטיין, זאַקאָן א. אַ. — ח. ש. ק.) איז געשטאַנען נח. די רעזאָלוציע, וואָס מיר האָבן פאַרגעלייגט און וואָס איך מיט נחן האָבן זי צוזאַמען אויסגעאַרבעט, איז געווען אַ פשרה צווישן צענטער און דער „בונדישער" ריכטונג (ליבער — ח. ש. ק.). די פשרה איז באַשטאַנען אָט אין וואָס: די רעזאָלוציע האָט אַנטהאַלטן צוויי טיילן: איי־נעם אַ פּראָגראַמאַטישן, און דעם צווייטן אַ פּראַקטישן, אַן אַקטועלן...

אויפן צוזאַמענפאָר האָט מען אויך אויסגעקליבן אַ נייעם צ. ק.... אַלע צעטלען האָט מען אָפּגעגעבן נחן. איינער אַליין האָט ער זיי צונויפגעציילט און דערנאָך בסוד מודיע געווען די אויסגעוויילטע... נאָכן צוזאַמענפאָר איז אַלץ געווען ווי פריער. איך מיט נחן זיינען ביידע געווען אין ביאַליסטאָק און האָבן אָנגעפירט מיטן בונד".

נח איז שוין געווען גענוג רייף און פּאָליטיש־אָרגאַניזאַציאָנעל אָריענ־טירט, זיין כאַראַקטער אויסגעקריסטאַליזירט, און אָט די אַלע מעלות האָט ער

אַריינגעבראַכט אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. זינט מאַי 1900 זעען מיר נחן — מיט לייב און לעבן אַריינגעטאָן אין דער בונדישער אַרבעט. פון דעמאָלט אָן שטייט ער אָן איבערדרייס ביים רודער פון בונד. ער איז קיין איין מאָל פאַר איבער פינף יאָר ניט אַריינגעפאַלן. קיין איינציקע פון די געהיימע דרוקערייען, וואָס ער האָט געהאַלטן אונטער זיין קאָנטראָל, איז דורך דער פּאָליציי ניט אויפגעדעקט געוואָרן. נח איז געווען אַ מוסטער פון מאָ־ראַלישער דיסציפּלין, רעוואָלוציאָנערן מוט און אַנטשלאָסנקייט, אויסגערעכנט־קייט, קאָנספּיראַטיוון חוב.

נחס ערשטע עובדא איז געווען פאַרשטאַרקן דעם צענטראַל־אָרגאַן פון בונד. פאַרשטאַרקן אים טעכניש מיט אַ זעלבשטענדיקער גוט־אויסגעשטעל־טער דרוקעריי, און פאַרשטאַרקן אויך פּאָליטיש, ליטעראַריש. די דרוקעריי איז צייטווייליק איינגעאָרדנט געוואָרן אין לאָדזש, מ׳האָט צוגעקויפט שריפט, אויסגעבעסערט די מאַשין, איינגעקויפט פּאַפּיר. מ׳האָט געדאַרפט צוגרייטן אַ מאַי־פּראָקלאַמאַציע פון צענטראַל־קאָמיטעט, און העלפן אַ פּאָר גרעסערע אָרגאַניזאַציעס אָפּצודרוקן זייערע אַרטיקע פּראָקלאַמאַציעס. מ׳האָט באַשלאָסן צום 1טן מאַי אַרויסצולאָזן אַ נומער אַרבייטער־שטימע (נום. 17). ניט נאָר האָט נח אַליין אָנגעשריבן די פּראָקלאַמאַציע פון צ. ק. און דעם גאַנצן נומער אַרבייטער־שטימע (אָפּגעדרוקט אויף רויטן פּאַפּיר), נאָר ער אַליין האָט גע־האָלפן זעצן און דרוקן דעם נומער, און ער אַליין האָט אויפן בעסטן אופן אָרגאַניזירט די פאַרשפּרייטונג פון די אומלעגאַלע אויסגאַבעס. ער באַזוכט אַליין די גרויסע שטעט, ער ברענגט אַליין די אומלעגאַלע ליטעראַטור.

נח איז אין יענער צייט פּרוכטבאַר אויך ליטעראַריש. שוין דער דריטער צוזאַמענפאָר פון בונד (דעצעמבער 1899) האָט באַשלאָסן צו פאַר־שטאַרקן די פּאָליטישע אַגיטאַציע, רופן צו דעמאָנסטראַציעס א. אַז. וו.. אין אַפּריל 1900 איז געווען די דריטע קאָנפערענץ פון בונד (אין וואַרשע) און דאָ איז אָפיציעל באַשטעטיקט געוואָרן נחס אַריינקום אין צענטראַל־קאָמיטעט. אין אויגוסט 1900 רופט דער צ. ק. אין זיין אויפרוף — איבעררייסן אַלע באַציאונגען מיטן מאָסקווער אָכראַנע־שעף זובאַטאָוו. דער מחבר פון אָט דער ערשטער פּראָקלאַמאַציע פון צ. ק. קעגן זובאַטאָווטשינע איז געווען נח. נח איז אויך געווען דער מחבר פון עטלעכע אַנדערע פּראָקלאַ־מאַציעס פון צ. ק., וועלכע האָבן אויפגערודערט די יידישע אַרבעטערשאַפט: אין 1900 וועגן פּראָצעס קעגן אַ גרופּע פּוילישע אַרבעטער־טעראָריסטן; אין 1901 — קעגן דער דערמאָרדונג פון אַרבעטער פּאַקולאַ אין לאָדזש; אין 1902 — וועגן די ווילנער טראַגישע געשעענישן; אין 1903 וועגן קישעניעווער פּאָגראָם — מיט אַ רוף צו זעלבסטשוץ. נח איז פּאַקטיש געווען דער רעדאַקטאָר פון דער אַרבייטער־שטימע און האָט אַליין דאָ געשריבן אַ סך, זיך אָפּגערופן אויף די וויכטיקסטע צייט־פראַגן. ביז 1905 — איז כמעט אין יעדן נומער געווען אַרטיקלען פון נחן. „בכלל — זאָגט קורסקי — איז די אַרבייטער־שטימע פון נומער 17 ביז נום. 40 אין גאָר אַ גרויסער מאָס זיין אַרבעט. צוזאַמען מיט פ. ראָזענטאַל האָט נח אָנגעשריבן דעם באַריכט פון פערטן צוזאַמענפאָר (ביאַליסטאָק 1901). פון אים זיינען געשריבן דאָרט

אַלע רעזאָלוציעס און דעקלאַראַציעס און מערערע פּראָקלאַמאַציעס פֿון צ. ק. ביז 1905". געווען צייטן ווען די גאַנצע לאַסט פֿון אַרבייטער־שטימע איז געלעגן אויף זיינע פּלייצעס. אין די ערשטע טעג פֿון 1903 ווערט באַפרייט פֿון תפיסה רחמיאל (וויינשטיין), און ביזן סוף 1905 ווערט ער אַ מיטאַרבעטער פֿון דער אַרבייטער־שטימע און איז בכלל דער שטענדיקער פּאַרטרעטער פֿון נחן אין יעדער אַרבעט.

נחס אַרבעט איז, פֿאַרשטייט זיך, ניט באַשטאַנען בלויז אין דער זאָרג וועגן דער אַרבייטער־שטימע. ער איז אַריין אין דער גאַנצער לויפֿנדיקער אַר־בעט — סיי אויף די ערטער און סיי אין צענטער. די דאָזיקע אַרבעט האָט געפֿאָדערט אַ סך טאַקט, אויטאָריטעט, פּערזענלעכן איינפֿלוס, פֿאַרשטענדע־ניש פֿאַר די אָרטיקע נויטן פֿון די אָרגאַניזאַציעס. ס'האָבן ניט געפֿעלט קיין רייבונגען מיט די פּאַטריאָטן פֿון לאָקאַלער אַרבעט, וועלכע האָבן ניט פֿאַר־שטאַנען אָפּצושאַצן ווי געהעריק די וויכטיקייט פֿון אַ צענטראַלן אַפּאַראַט פֿאַר דער פּאַרטיי ווי אַ גאַנצע. געווען אַזעלכע וואָס זיינען געווען „איפּער־זיכטיק" צו דעם פֿאַרנעם און צו די „פּרעטענזיעס" פֿונעם צ. ק., צו זיין „רייכקייט" מיט מענטשן און פֿינאַנצן. דאָס אַלץ האָט געדאַרפֿט אויסגלעטן נח. ער האָט רעגולירט און אויסגעבעסערט די באַציאונגען צווישן די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס און צענטער. ער האָט צוגעקליבן מענטשן, ער האָט געשאַפֿן דעם געהעריקן באַלאַנס צווישן די טיילן פֿון דער פּאַרטיי, ער האָט אָנגעצייכנט און אַרויסגעכאַפּט פֿאַסיקע מענטשן.

„נחס פּליטה פֿון סיביר — שרייבט דזשאָן מילל — איז פּשוט געווען אַן אומשאַצבאַרער גליק פֿאַרן בונד... מיט אַ וואונדערבאַרער שנעלקייט פּאַסט ער זיך צו צו זיין נייער ראָל, לעבט זיך איין אין בונדישן לעבן און נעמט איבער מיט אַן אויסעראָרדנטלעכער גרינטלעכקייט די גאַנצע פֿאַרצווייגטע אַרבעט פֿון צענטראַל־קאָמיטעט... אין עטלעכע קורצע וואָכן זיינען אַלע פֿעדים פֿון דער אָרגאַניזאַציע געווען אין זיינע הענט... די גאַנצע פֿירערשאַפֿט פֿון בונד איז איבערגעגאַנגען צו נחן. אין יענער צייט איז נח געווען דער צענטראַל־קאָמיטעט און דער צ. ק. איז געווען נח. זיינע אומגעהויערע אָר־גאַניזאַטאָרישע פֿעאיקייטן לאָזן זיך פֿילן אומעטום... די גאַנצע קאָנספּיראַ־טיווע צענטראַליזירטע אַרבעט, די געהיימע דרוקערייען, דאָס אַריינשמוגלען ליטעראַטור פֿון אויסלאַנד, די פֿאַרבינדונגען מיט די אָרטיקע קאָמיטעטן, דער קאָנטאַקט מיט אַנדערע, ניט־בונדישע אָרגאַניזאַציעס — אַלץ איז אָרגאַניזירט דורך אים, דורכגעפֿירט פֿון אים. ער געפֿינט זיך אומעטום, איז פֿאַרנומען אויף אַלע געביטן, ער אַרבעט פֿאַר אַ טוץ... די ראָל וואָס ער האָט געשפּילט אין די יאָרן 1900־1905, איז געווען פֿון אַזאַ באַדייטונג און פֿון אַזאַ פֿאַרנעם, אַז עס וואָלט מיר געווען שווער אָנצורופֿן עמיצן אַ צווייטן, וואָס וואָלט זיך געקענט פֿאַרגלייכן מיט אים."

אָט אין דעם פּעריאָד לעבט נח אונטער אַ פֿרעמדן נאָמען (קאַפּלאַן), שפּעטער טראָגט ער דעם נאָמען צדוק מאַרגאָליס און אונטער דעם נאָמען איז ער טאַקע אַרעסטירט געוואָרן פֿריער אין ווילנע (פֿרילינג 1905), שפּע־טער אין וואַרשע. דעמאָלט האָט דער קאָנספּיראַטיווער נח געטראָגן אַ

רויטע באָרד, — און דעם אַמאָליקן פּאָליטישן פאַרשיקטן וואָס איז „באַגאַנ־
גען זעלבסטמאָרד״ אין סיביר איז ניט צו דערקענען.

אַבראַם „דער טאַטע״, איינער פון די פּיאָנערן פון בונד און פון די
גרינדער פון גאַרבער־בונד, באַשרייבט דעם אויסערלעכן אויסזען פון ח׳ נח
אין אָנפאַנג 1900 אַזוי: „איך האָב געטראָפן אַ יונגן מאַן מיט אַ בלאָנדער
באָרד, הויך און שלאַנק, מיט געטאָקטע געזיכט־שטריכן״.

וועגן נחס ראָל און באַדייטונג אין זעלבן פּעריאָד שרייבט וויקטאָר


ארבייטער שטימע

שולמאַן: „נח איז די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייט אין דער אָנפירונג פון בונד; ער האַלט אין זיינע הענט אַלע פעדים פון די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס... געהיימע דרוקערייען וועלכע האָבן פאַרשאָטן דאָס גאַנצע לאַנד מיט מיליאָנען עקזעמפּלאַרן אויפרופן און בראָשורן אין יידיש, רוסיש און פויליש; גרענעץ־פּונקטן, דורך וואַנען מען פלעגט געהיים טראַנספּאָרטירן פון אויסלאַנד צאָלרייכע פּעק אומלעגאַלע ליטעראַטור, געווער פאַרן זעלבסטשוץ... נח איז דער פאַרבינדונגס־מאַן צווישן די געהיימע דרוקערייען און דער אויסערלעכער וועלט, ער אַנטוויקלט ממש אַ לעגענדאַרע ענערגיע, טראָגט זיך אַרום פון איין אומלעגאַלער דרוקעריי אין אַ צווייטער — איבער וואַרשע, לאָדזש, ווילנע, בערדיטשעוו. אומעטום פילט מען זיין וואַכזאַם אויג; אומעטום, אין די געפערלעכסטע פּונקטן, איז ער אויפן אָרט, קאָנטראָלירט, היט אָפּ, גיט אָנווייזונגען, לערנט".

פאַר אַ צווייט שווער און קאָמפּליצירט פּראָבלעם און אויפגאַבע איז יענע יאָרן געשטאַנען נח צוזאַמען מיט דער גאַנצער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג: העלפן אויפבויען אַן אַלגעמיין־רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי, און איינבירגערן אין איר דעם בונד, די פּאַרטיי פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, ווי אַן אויטאָנאָמען טייל פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי. דער צ. ק. פון בונד האָט גענומען אַ לעבעדיקן אָנטייל אין אָרגאַניזירן דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָצ. דעמ. פּאַרטיי (מינסק, מערץ 1898). דער צוזאַמענפאָר האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן בונד און באַשלאָסן: דער בונד פאַרבלייבט אַ טייל פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי — ווי אַן אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע וואָס איז זעלבשטענדיק בלויז אין די פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צום יידישן פּראָלעטאַריאַט. אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך דאָס אַלץ מיט גאָרנישט: די רוסלענדער פּאַרטיי איז געוועזן נאָר אויפן פּאַפּיר. פון דער אַנדערער זייט, איז אין גיכן אַרעסטירט געוואָרן כמעט דער גאַנצער אַפּאַראַט פון בונד: דער צ. ק., די דרוקערייען, די בעסטע מענטשן אויף די ערטער. דאָס פּראָבלעם פון אויפבויען אַן אַלגעמיינע רוסלענדער סאָצ. דעמ. פּאַרטיי און איינשטעלן אין איר די באַציאונגען מיטן בונד איז ווייטער געבליבן אויפן סדר־היום.

דעצעמבער 1900 מאַכט נח זיין ערשטע נסיעה קיין אויסלאַנד. ער פירט שמועסן מיטן אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד (קאָסאָווסקי, אַרקאַדי, צמח קאָפּעלזאָן און דזשאָן מילל) וועגן די וויכטיקסטע פּאַרטיי־פּראָבלעמען. ער באַזוכט בערלין, פּאַריז. זיין צווייטע נסיעה קיין אויסלאַנד איז געווען אין יוני 1903 צום 5טן צוזאַמענפאָר פון בונד (ציריך, שווייץ).

די נאַציאָנאַלע פראַגע פאַרנעמט אַלץ מער אָרט און אויפמערקזאַמקייט אין בונד.

שוין דער דריטער צוזאַמענפאָר פון בונד (דעצעמבער 1899, קאָוונע) שענקט אַ סך אויפמערקזאַמקייט דער נאַציאָנאַלער פראַגע. דער רעפערענט דזשאָן מילל פאַרטיידיקט אַזעלכע געדאַנקען: מע דאַרף „אַחוץ בירגערלעכע רעכט אויך פאָדערן גלייכע נאַציאָנאַלע רעכט"; „אויב די יידישע שפּראַך וועט ניט האָבן די זעלבע רעכט ווי די רוסישע, וועט די פרייהייט פון פאַר־

זאַמלונגען פאַר דעם יידישן אַרבעטער זיין ניט מער ווי אַ שיינע פראַזע". אָבער דער גרעסטער טייל דעלעגאַטן האָט געהאַלטן, אַז „מען מוז אויסמיידן אַזעלכע פאָדערונגען, וועלכע קענען אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם פּראָלעטאַריאַט פון זיינע קלאַסן־אינטערעסן לטובת זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן".

אויפן פערטן צוזאַמענפאָר (אַפּריל 1901, ביאַליסטאָק) פאַרנעמט די נאַציאָנאַלע פראַגע דאָס צענטראַלע אָרט. דאָ האָבן שוין אַלע דעלעגאַטן מסכים געווען, אַז דער בונד דאַרף „קעמפן ניט נאָר מיט דער קלאַסן־פּאָליטישער און עקאָנאָמישער אונטערדריקונג, נאָר אויך מיט דער נאַציאָנאַלער". די אַלגעמיינע רעזאָלוציע זאָגט, אַז רוסלאַנד דאַרף אין דער צוקונפט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ „פעדעראַציע פון נאַציאָנאַליטעטן מיט אַ פולער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר יעדערער פון זיי... און אַז דער באַגריף נאַציאָנאַליטעט דאַרף אָנגעווענדט ווערן אויך בנוגע דעם יידישן פאָלק". חילוקי דעות זיינען געווען אין דער פראַגע, וואָס פאַר אַ ראָל דאַרף דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם שפּילן אין דער פּראָפּאַגאַנדע און אין די פאָדערונגען פון בונד. ליבער האָט געפאָדערט, אַז דער בונד „זאָל סיי מינדלעך, סיי אין דער ליטעראַטור פירן אַ פאַרשטאַרקטע נאַציאָנאַלע אַגיטאַציע... צוזאַמען מיט דער אַגיטאַציע אויפן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן באָדן — זי (די אַגיטאַציע — ח. ש. ק.) אויך ברייט פירן אויף דעם נאַציאָנאַלן". פּ. ראָזענטאַל און אַנדערע האָבן געהאַלטן פאַרקערט, אַז די נאַציאָנאַלע פראַגע איז „ביי איצטיקן מאָמענט פרעמד דער מאַסע, און די שטרעבונג קינסטלעך און פריצייטיק זי אַרויסצורופן וועט אַחוץ שאָדן גאָרנישט ניט ברענגען". נח. וויינשטיין און אַנדערע האָבן פאַרנומען דעם צענטער אין דער פראַגע. זיי האָבן געטענהט: די אַנטוויקלונג פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין ביי יידישע אַרבעטער „געפינט זיך ניט אין קיין שום סתירה מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן באַוואוסטזיין בכלל... אַרבעטנדיק פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון די סאָצ. דעמ. אידייען און פּראָטעסטירנדיק קעגן די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונגען, ווי אויף איינעם פון די אופנים פון דער אונטערדריקונג אין דער איצטיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט, אַרבעטן מיר אין דער זעלבער צייט אויך פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוואוסטזיין. און מער אין דער ריכטונג קאָנען מיר (ניט) און דאַרפן ניט טאָן, אויב מיר ווילן באמת ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין נאַציאָנאַליסטן". די אָנגענומענע רעזאָלוציע האָט טאַקע געהאַלטן „פאַר פריצייטיק ביי די איצטיקע באַדינגונגען אַרויסצושטעלן די פאָדערונג וועגן נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר די יידן" און גערופן אויסצומיידן „דאָס פאַנאַנדערבלאָזן פון דעם נאַציאָנאַלן געפיל, וואָס קאָן בלויז פאַרטונקלען דעם קלאַסנבאַוואוסטזיין פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט און פירן אים צום שאָוויניזם".

די דאָזיקע רעזאָלוציע איז געווען אַ קאָמפּראָמיס צווישן די דריי ריכטונגען אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אַרקאַדי, קאָסאָווסקי און גלעב זיינען דעמאָלט געווען אין אויסלאַנד: זיי אַלע זיינען שוין געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע;

אויך נח, ווען ער איז געקומען פון סיביר און אַריין אין צ. ק., איז צוגעשטאַנען צו די „נאַצ.־קולטורעלע אויטאָנאָמיסטן". אויב מיר זעען אים אויפן 4טן צוזאַמענפאָר צווישן די צענטריסטן, און אויב מיר ווילן בכלל פאַרשטיין דעם „צענטר" און די קאָמפּראָמיס־רעזאָלוציע, מוזן מיר נעמען אין אַכט די גאַנצע אַטמאָספער, אין וועלכער דער בונד האָט דעמאָלט געאַרבעט: „די שווערע פאָלגן פון אַ שפּרונג פון אַ נעגאַטיוון צו אַ פּאָזיטיוון נאַציאָנאַלן פּראָגראַם; די געפאַר פון אַ מעגלעכן קאָנפליקט מיט דער רוסלענדער סאָצ. דעמ. אַרב. פּאַרטיי; די מורא פאַר אומצופרידנקייט ביי די אַסימילאַטאָריש געשטימטע בונדיסטן — דאָס אַלץ איז ווי אַ דאַמאָקלעס־שווערד געהאָנגען איבער דעם דעמאָלטיקן בונד, און דאָס האָט טאַקע אָרויפגעלייגט אַ כאַראַק־טעריסטישן שטעמפּל אויף די רעזאָלוציעס פון 4טן צוזאַמענפאָר און זיי האָבן געטראָגן אַ כאַראַקטער פון אַ נישט־דערזאָגטקייט" (דזשאָן מילל, ב. 2, ז. 85). נחס פּראַקטישקייט, מיושבדיקייט, זיין אָרגאַניזאַציאָנעלער חוש — אַלץ האָט אים געפירט צום צענטר. זיין השפּעה אויפן 4טן צוזאַמענפאָר איז גרויס. עטלעכע רעזאָלוציעס זיינען אויסגעאַרבעט פון אים אַליין. אַנ־דערע פון אים און פינאַיען (ראָזענטאַל) צוזאַמען. די הויפּט־רעזאָלוציע — וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע — איז צוזאַמענגעשטעלט פון אים. מיר וועלן זיך שפּעטער באַגעגענען ניט איין מאָל מיט נחס „צענטריזם" אין בונד.

## נחס גרויסע ראָל

באַלד נאָכן פערטן צוזאַמענפאָר אונטערנעמט נח אין די אינטערעסן פון בונד אַ טור איבער אַ צאָל שטעט: ער באַזוכט ריגע, זשיטאָמיר, בערדי־טשעוו, קיעוו. ער געפינט אַ סך נייע אינטעליגענטע כוחות פאַרן בונד. באַזונדערס גרויס דערפאָלג האָט ער אין קיעוו. קומענדיק צוריק אין ביאַ־ליסטאָק, נעמט ער זיך צוזאַמען מיט די ראָזענטאַלס צו דער אַרבעט פון אָרגאַניזירן דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ., זייער אַ סך אַר־בעט, ענערגיע און געלט האָבן זיי אַריינגעלייגט אין די דאָזיקע צוגרייטונגען. געקומען איז צום צוזאַמענפאָר נאָר אַ קליינע צאָל דעלעגאַטן און ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן איינפאַכע באַראַטונג־קאָנפערענץ (מערץ 1902). די קאָנפערענץ האָט אויסגעקליבן אַן אָרגאַניזיר־קאָמיסיע אויף צוזאַמענצו־רופן דעם צווייטן צוזאַמענפאָר: נח, דאַן, יערמאַנסקי. אָבער די גאַנצע קאָנ־פערענץ איז באַלד נאָך דעם דורכגעפאַלן. אַלע דעלעגאַטן זיינען אַרעסטירט געוואָרן בעת זיי האָבן זיך געלאָזט פאַרן צוריק פון דער קאָנפערענץ. אויך דער בונד האָט שטאַרק געליטן: ס'זיינען אַרעסטירט געוואָרן זעלדאָוו, פּאַוועל און אַנע ראָזענטאַל. צום גליק האָבן זיך געראַטעוועט אַרקאַדי און נח — די גרויסע קאָנספּיראַטאָרס און פּראַקטישע טוערס פון בונד.

אָבער דער צ. ק. פון בונד האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פונם געדאַנק צו העלפן אויפבויען די אַלגעמיינע פּאַרטיי און צו רופן נאָך אַמאָל איר צווייטן צוזאַמענפאָר. פאַרן דאָזיקן צוועק איז נח געוועזן דער צוגעפּאַסטסטער. נאָך פריער, אין פאַרשיקונג, האָט ער מיט די אַנדערע רעוואָלוציאָנערן געהאַלטן אין איין ריידן וועגן דער לאַגע פון דער אַלרוסלענדער באַוועגונג און פון דער

פאַרטיי. ווען ער איז אַנטלאָפן פון סיביר, האָט ער מיטגענומען מיט זיך פאַרשיידענע אַדרעסן פון אָרטיקע טוער, און דאָס איז אים ביי דער נייער אויפגאַבע שטאַרק צונוץ געקומען. דער צ. ק. פון בונד האָט דעלעגירט דעם ח׳ נח צו טרעפן זיך מיט אַ געוויסער גרופּע רוסישע סאָצ. דעמאָקראַטן, צו וועלכער עס האָבן געהערט מאַרטאָוו, לענין, פּאָטרעסאָוו א. אַ. אין מאַי־יוני 1900 איז נח אַרויסגעפאָרן קיין סמאָלענסק, כדי זיך צו טרעפן מיטן פאַר־שטייער פון דער גרופּע. די דאָזיקע באַגעגעניש האָט אָבער קיין רעזולטאַט ניט געגעבן, און נח איז דעמאָלט געפאָרן צו אַ צווייטן פאָרשטייער פון דער גרופּע אין פּאָלטאַווע — דאָס איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי מאַרטאָוו. ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אַלע באַמיאונגען זיינען פאַרשפּעטיקט: די גרופּע האָט שוין געהאַט פאַרטיק אירע פּלענער, און פון איר איז אין גיכן אַרויסגעקומען די צייטשריפט איסקראַ (ערשטער נומער — דעצעמבער 1900), וועלכע האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל פאַרן ווייטערדיקן גאַנג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. און שוין דעמאָלט, אין די שמועסן אין סמאָלענסק און אין פּאָלטאַווע, האָט נח זיך איבערצייגט, אַז צווישן די רוסישע חברים און דעם בונדישן צ. ק. שטייט אַ הויכע וואַנט פון אומפאַרשטענדעניש: ניט זיי האָבן געוואוסט וועגן דעם קאָלאָסאַלן פּאַנאַנ־דערוואוקס פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ניט זיי האָבן געהאַט פאַר־שטענדעניש פאַרן יידישן מאָמענט פון דער באַוועגונג: די ווערטער „נאַ־ציאָנאַליזם״ און „שאָוויניזם״ האָבן זיך שטאַרק געלאָזט הערן אין די דאָזיקע שמועסן... „פאַראומערט און פאַרביטערט, דערציילט פ. קורסקי, איז נח צוריקגעקומען פון דער נסיעה״... נח האָט געפילט, אַז אָט די „אומפאַר־שטענדענישן״ וועלן פירן צו ווייטערדיקע טרויעריקע פאָלגן. דער נאַציאָ־נאַלער באַוואוסטזיין און די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען זיינען אין בונד געוואָרן אַלץ רייפער און קלאָרער; הייסט עס, די באַשולדיקונגען אין נאַציאָנאַליזם, סעפּאַראַטיזם און שאָוויניזם — וועלן זיך נאָך מער פאַרשטאַרקן. אָבער דער בונד איז געגאַנגען ווייטער מיט זיין אייגענעם וועג.

מאַי 1902 געשעט די עקזעקוציע אין ווילנע און עס קומט דער אַקט פון הירש לעקערט. די אויפרעגונג איז געווען גרויס. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד לאָזט אַרויס אַן אויפרוף, וואו עס ווערט געזאָגט: „יידישע אַרבעטער! באַווייזט, אַז איר זייט גרייט צו פאַרטיידיקן אייער מענטשלעכע ווערדע, אַז אויף אָט דעם געוואַלט פון די צאַרישע משרתים זייט איר גרייט צו ענטפערן מיט געוואַלט . . . מיר זיינען זיכער, אַז פון צווישן די רייען פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט וועט אויפשטיין איינער, וועלכער וועט זיך נוקם זיין פאַר דעם איזדיעקעווען זיך איבער זיינע ברידער, און אויב עס וועט פאַרגאָסן ווערן מענטשלעך בלוט וועט די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַלן אויפן קיסר און אויף זיינע ווילדע משרתים״. און די אַרבייטער־שטימע האָט געשריבן: „מיט געוואַלט דאַרפן מיר ענטפערן אויף אַזוינע טאַטן ווי שמיץ, נאָר מיר דאַרפן זיך מיט דעם ניט באַגנוגענען״. די פּראָקלאַמאַציע פון צ. ק. איז געווען געשריבן פון ח׳ נח. אויך דער אַרטיקל אין אַרבייטער־שטימע געהערט מסתמא צו דער פעדער פון ח׳ נח. בכלל די גאַנצע שטעלונג

פון צענטראַל־קאָמיטעט וועגן נקמה־טעראָר איז אָנגענומען געוואָרן אונטער דעם איינפלוס פון נחן. דזשאַן מילל זאָגט אַרויס די השערה, אַז אָט די שטעלונג נחס „איז געווען אַ מין רעצידיוו פון זיינע אַמאָליקע סימפּאַטיעס צו דער טעראָריסטישער פּאַרטיי פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז געווען דער איינציקער פאַל אין לעבן פון נחן, ווען ער איז געקומען אין אַ קאָנפליקט מיט די פירנדיקע חברים פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד און פון אַ צאָל אָנגעזעענע בונדיסטן בכלל.

אין אויגוסט 1902 קומט פאָר די 5טע קאָנפערענץ פון בונד (בערדיטשעוו). זי באַשעפטיקט זיך בעיקר מיט דער פראַגע וועגן אָרגאַניזירטער נקמה — אין שייכות מיט דעם הירש לעקערט־אַקט. די מערהייט האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר איינשליסן אין דער טאַקטיק פון בונד — די אָרגאַניזירטע נקמה. אָבער דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון בונד האָט זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט קעגן דער רעזאָלוציע און דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון בונד האָט שפּעטער (יוני 1903, ציריך) אַנולירט דעם דאָזיקן באַשלוס.

עס דערנענטערט זיך דאָס דראַמאַטישע קאַפּיטל וואָס הייסט: דער בונד טרעט אַרויס פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ.. שוין דער פערטער צוזאַמענפאָר פון בונד האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן אַ פעדעראַטיווער בויאונג פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ. און וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע. ביידע ענינים האָבן אַרויסגערופן די שאַרפסטע אַטאַקעס פון איסקרא. אין 1903 איז פאָרגעקומען די באַראַטונג פון בונד אין דווינסק. מען האָט זיך דאָ בעיקר פאַרנומען מיט דער פראַגע וועגן אָנטייל אין דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ.. אין יוני 1903 קומט פאָר דער 5טער צוזאַמענפאָר פון בונד (אין ציריך). ס'זיינען געקומען 30 דעלעגאַטן — צווישן זיי אויך נח. דער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעאַרבעט אַ מאַקסימאַלן און מינימאַלן סטאַטוט־פראָיעקט פאַר די באַציאונגען מיט דער ר. ס. ד. אַ. פּ.. דער תוך איז געווען: דער בונד איז די ס. ד. אָרגאַניזאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, ער איז זיין איינציקער פאָרשטייער, ער איז ניט באַשרענקט אין זיין טעטיקייט מיט קיין ראַיאָנע ראַמען; ער האָט זיין אייגענעם צ. ק. און אויסלענדישן קאָמיטעט. די האָפענונגען פון בונד אויף פאַרשטענדיקונג און שלום מצד די דעלעגאַטן פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ. אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר זיינען געווען גאָר מאָגערע. די דעלעגאַציע פון בונד אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער ס. ד. אַרבעטער־פּאַרטיי איז באַשטאַנען פון די ח״ח נח, יודין, ליבער, קאָסאָווסקי, מעדעם, אַלעקסאַנדער (אַרקאַדי). דער הויפּט־רעדנער מצד דעם בונד איז געווען מ. ליבער, אָבער אויך די אַנדערע בונדישע דעלעגאַטן האָבן עטלעכע מאָל גערעדט. ווען זייערע באַמיאונגען האָבן נישט געהאָלפן, האָט די דעלעגאַציע דערקלערט אַז דער בונד טרעט אַרויס פון דער פּאַרטיי.

אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ. איז נח געקומען עטלעכע מאָל צום וואָרט: בעת דער דעבאַטע וועגן דער „פּוילישער סאָצ. דעמ.״ און ביי אייניקע אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן. דער עיקר אָבער האָט ער גערעדט בעת דער דעבאַטע וועגן בונד. איך וועל דאָ ברענגען דעם ח׳ נחס

רעדעס אַזוי ווי זיי זיינען אָפּגעדרוקט אינם „פולן טעקסט פון די פּראָטאָקאָלן", אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אין זשענעוו. פון נחס ווערטער וועט דעם לייענער קלאָר ווערן דער אַלגעמיינער פאַרלויף פון דער דעבאַטע. אָט איז די איבערזעצונג פון זיין רעדע (ער האָט דאָרטן פיגורירט אונטערן נאָמען — „אַבראַמסאָן"):

„דער חבר פון אָדעס האָט אונז פאַרגעשטעלט די טעטיקייט פון בונד אויף אַ מאָדנעם און שרעקלעכן אופן. מיר ברענגען אומעטום אַריין מחלוקת, מיר זיינען סעפּאַראַטיסטן, נאַציאָנאַליסטן וכדומה. איך צו באַשטעטיקן זיינע רייד האָט ער אונז געבראַכט אַלערליי אַנעקדאָטישע מעשיות וועגן דעם, אַז עפּעס געוויסע בונדישע אַגיטאַטאָרס אויף עפּעס אייניקע פאַרזאַמלונגען האָבן געהאַלטן עפּעס שווידערלעכע רעדעס; דערנאָך האָט ער זיך פאַררופן אויף זיינע פּערזענלעכע שמועסן מיט עפּעס בונדיסטן. אויף וויפל מען האָט געהאַלטן פאַר נויטיק צו אָפּפירן דאָ אויפן צוזאַמענפאַר מיט אַזעלכע 'פאַקטן' — לוינט זיך גאָרניט אָפּצוענטפערן. כדי אויף אַן אמת כאַראַקטעריזירן דעם בונדס ראָל, דאַרף מען זיך ווענדן צו זיין געשיכטע, צו דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, — וועגן דעם אַלעם האָט דער חבר פון אָדעס נאָר אַ נעפּלהאַפטע פאָרשטעלונג. איך וועל דאָ ניט גיין אַרויסברענגען אונזער געשיכטע, איך וועל נאָר דערמאָנען אַזעלכע אַלגעמיין־באַקאַנטע פאַקטן, ווי דעם בונדס אָנטייל אינם צוזאַמענרופן דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער ס. ד. אַרבעטער־פּאַרטיי און אין דער לעצטער פּאַרטיי־קאָנפערענץ, וואָס איז צושטאַנד געקומען פאַראיאָרן און וואָס האָט אונז געגעבן די אידייע פון אַן אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטעט. — מע באַשולדיקט דעם בונד, אַז ער פּרעדיקט אומצוטרוי צום ניט־יידישן פּראָלעטאַריאַט. די דאָזיקע באַשולדיקונג באַגרינדעט מען אויף דעם, וואָס ער אָרגאַניזירט באַזונדער דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. פון אָט דעם שטאַנדפּונקט האָט דאָ איינער אַ חבר אָנגערופן ווי אַ „טרויעריקן טעות" דעם פאַקט, וואָס דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי האָט געשאָנקען דעם בונד אויטאָנאָמיע. אויף אַזעלכע באַשולדיקונגען איז אויך איבעריק צו ענטפערן. — דער ח' מאַרטאָוו האָט זיך אויסגעדריקט, אַז די גרינדונג גופא פונם בונד איז פאָרגעקומען ביי אומנאָרמאַלע באַדינגונגען. צי האַלט ער, אַז אויך איצט, למשל, לעבן מיר אין נאָרמאַלע באַדינגונגען?

מען האָט דאָ דערוווּנדערט קעגן דעם פּאַראַגראַף 2 פון אונזער סטאַטוט — כלומרשט ער שליסט אויס די מעגלעכקייט צו אַרבעטן צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט — פאַר אַן אַנדערן חוץ דעם בונד. אַזאַ מיינונג איז באַזירט אויף מיספאַרשטענדעניש. ווען מיר פאָדערן, אַז דער בונד זאָל אין דער פּאַרטיי זיין דער איינציקער פאַרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט זאָגן מיר ניט מיט דעם, אַז קיין שום אַנדערער זאָל ניט וואַגן צו אַרבעטן צווישן יידישע אַרבעטער. מיר ווייזן נאָר אָן, אַז דער בונד איז די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וואָס אַרבעט אויסשליסלעך צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, און דערפאַר דאַרף פאַר אים אָנערקענט ווערן דאָס רעכט צו זיין זיין איינציקער פאַרשטייער. דער ח' מאַרטאָוו, אַנאַליזירנדיק אַלע פּונקטן פון אונזער

סטאַטוט, איז געקומען צום אויספּיר, אַז אין אַלע פּונקטן שטעקט דער גע־דאַנק פון אַן אָפּמאַך, און אַלס אַזעלכן קען מען אים ניט אָננעמען. מיין חבר פון אונזער דעלעגאַציע האָט שוין אָנגעוויזן און איך מעלד עס איצט ווידער: אונזער סטאַטוט לייגן מיר פאָר ניט ווי אַן אולטימאַטום, נאָר ווי אַ באַזע אויף צו באַטראַכטן אים פּונקטנווייז, — דערביי קאָנען געוויסע פּונקטן געענדערט ווערן דאָ אויפן צוזאַמענפאָר״.

ווער עס האָט געקענט דעם ח׳ נח וועט אים דערקענען אין דער דאַזיקער רעדע מיט אַלע זיינע אייגנשאַפטן. די דאַזיקע רעדע, אַפילו אַזוי ווי זי איז איבערגעגעבן אין פּראָטאָקאָל, פאַרמאָגט אַ סך קלוגשאַפט, רואיקייט, רעאַ־ליזם, זאָרג פאַרן גורל פון בונד; זי פאַרמאָגט אויך אַ סך ווירדע און זעלבסט־ווערט, פּונקט ווי זי איז בייסיק אין איר פאַלעמישן טייל.

מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז ח׳ נח האָט אויך אָנטייל גענומען אין די אינעווייניקסטע אַרבעטן פונם צוזאַמענפאָר. אַזוי, למשל, ווערט אויף ז׳ 269 פון פּראָטאָקאָל דערציילט וועגן זיין רעזאָלוציע, וואָס ער האָט אַריינ־געטראָגן און וואָס האָט באַהאַנדלט די פונקציעס און די רעכט פונם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. די דאַזיקע רעזאָלוציע איז אָפּגעשטימט גע־וואָרן און אָפּגעוואָרפן געוואָרן. פאַרשטייט זיך, אַז די גרויסע דעקלאַראַציע פון בונד, וועלכע דערקלערט פאַרוואָס דער בונד פאַרלאָזט דעם צוזאַמענפאָר און טרעט אַרויס פון דער פּאַרטיי, איז אונטערגעשריבן אויך פון ח׳ נח (אַבראַמסאָן).

נאָכן צוזאַמענפאָר פאָרט נח אַרום איבערן גאַנצן ראַיאָן פון בונד, פאַרטיידיקט פאַר די אָרגאַניזאַציעס און סימפּאַטיקער די שטעלונג פון דער דעלעגאַציע. ער קאָנסאָלידירט דעם בונד נאָך שטאַרקער, ער צעמענטירט די אָרגאַניזאַציעס און גרייט זיי צו צו די גרויסע אידייאישע און פּאָליטישע קאַמפן וואָס זיי שטייט פאָר.

נח אַרבעט זייער אָנגעשטרענגט. ער טראָגט אויף זיינע פּלייצעס די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן גאַנצן אומלעגאַלן אַפּאַראַט פון דער באַוועגונג. אין זיינע הענט זיינען קאָנצענטרירט די פאַרבינדונגען מיט אַלע טוער אויף די ערטער. עס מערט זיך די צאָל אומלעגאַלע דרוקערייען, די באַוועגונג וואַקסט פון טאָג צו טאָג — און מע דאַרף זי באַזאָרגן מיט טראַנספּאָרטן אומ־לעגאַלע ליטעראַטור פון אויסלאַנד. די זעלבסטשוץ־אַרבעט פאָדערט געווער און געלט. די צאָל „פראָפעסיאָנעלע״ טוערס וואָס שטייען אין דירעקטן רשות פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ גרעסער. מע דאַרף די מענטשן קענען און דערקענען, מע דאַרף זיי רעקאָמענדירן אויף די ערטער און ווייטער מיט זיי זיך אינטערעסירן. אַלע פונקציעס פון דער פּאַרטיי זיינען פאַרבונדן מיט אומגעהויערע הוצאות, אויך די זאָרגן וועגן פינאַנצן ליגט בעיקר אויף נחן. נחס ראָל אין דער פּאַרטיי און זיין אויטאָריטעט וואַקסט אומגעהויער.

ווען ר. אַבראַמאָוויטש איז נאָך געווען אַ יונגער סטודענט, האָט ער זיך מיט נחן דאָס ערשטע מאָל געטראָפן אין ריגע (1901). דערציילט ער: ער האָט דערפילט, אַז „הינטער אים שטייט עפּעס אַ גרויסע קראַפט, וואָס

פאַרמאָגט אַזוינע גרויסע מעגלעכקייטן, וועגן וועלכע איך האָב קיין באַגריף ניט. איך האָב אים געשטעלט נאָך פאַרשיידענע אַנדערע, פּאָליטישע פראַגעס, אויף וועלכע ער האָט געענטפערט זייער פּאָרזיכטיק, אָפּמעסטנדיק און אָפּוועגנדיק יעדעס וואָרט... דאָס איז געווען דער איינדרוק פון פּראַקטישקייט, פּאַרטיפעסטקייט, סאָלידקייט; פון אַ שטאַרקן געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט... זיין אַרבעט האָט נח געטאָן — כאַראַקטעריזירט אים ווייטער ר. אַבראַמאָוויטש — מיט פאַנאַטישער פעסטקייט, מיט איבערגעגעבנקייט אָן גרענעצן, מיט מסירת־נפש, וואָס מען האָט ניט אָפּט געקאָנט געפינען אַפילו אין די רייען פון בונד. אָבער פונקט ווי ער האָט ניט געשאַנעוועט זיך אַליין, האָט ער אויך ניט געשאַנעוועט די אַנדערע, ווען די באַוועגונג האָט עס געפאָדערט. אין פּריוואַטן לעבן און אין פאַרקער מיט חברים — אַ ווייכער, אידעלער, פריינטלעכער, האָט ער געקאָנט ווערן האַרט און אומברחמנותדיק, ווען עס איז געגאַנגען אין די אינטערעסן פון דער באַוועגונג. אַן אָפּענער און וואַרעמהאַרציקער אין פּערזענלעכן פאַרקער, האָט ער געקאָנט ווערן זייער 'דיפּלאָמאַטיש' און אויסווייכנדיק, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פּאַרטיי־ענין."

פראַנץ קורסקי, וועלכער האָט געקענט נחס אַרבעט אין פאַרשיידענע פאַזן, שאַצט אָפּ נחן אין אַזעלכע ווערטער: „נח איז אָן שום ספק געווען דער גרעסטער און דערפאָלגרייכסטער קאָנספּיראַטאָר, וואָס די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין אַמאָליקן רוסלאַנד און פּוילן האָט ווען עס איז פאַרמאָגט... ווען נח איז פינף און אַ האַלב יאָר נאָכאַנאַנד ניט אַריינגעפאַלן, האָט ער עס געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין געוואַלדיקער מאָראַלישער דיסציפּלין, זיין מוט, זיין אויסגערעכנטקייט. נח האָט אין יענע יאָרן געפאָדערט אין דער אַרבעט פון יעדערן פון אונז די גרעסטע אָנשטרענגונג פון אונזערע פיזישע און מאָראַלישע כוחות... קאָנספּיראַטיווע אַרבעט דאָס איז קודם־כל געווען: אַנטשלאָסנקייט, פעאיקייט, מוט... און נח איז פאַר אונז אין דעם געווען אַ מוסטער און דער בעסטער און גרעסטער אויטאָריטעט אין יעדער ריזיקאַלישער אַרבעט".

סוף־כל־סוף האָט זיך דאָס געזונט פון ה' נח איינגעבראָכן... זומער 1904 פאָרט ער קיין אויסלאַנד. ער איז קראַנק און מוז דורכמאַכן אַן אָפּעראַציע. ער האָט פאַרבראַכט אַ געוויסע צייט אין קלאַראַן, שווייץ, און בעת זיין קראַנקייט האָבן געזאָרגט פאַר אים סטאַניסלאַוו און פעליציע גאָלדבערג. עס איז בישט באַקאַנט אין וואָס איז באַשטאַנען זיין קראַנקייט. מעגלעך אַז דאָס איז געווען אַן אָנהייב פון דעם ביטערן פּראָצעס, וועלכער האָט מיט יאָרן שפּעטער געבראַכט צום טויט פון ח' נח אין ניו־יאָרק... ח' נח האָט ניט איבערגעלאָזט קיין מעמואַרן, די בונדישע טוערס און שרייבערס זיינען שטענדיק געווען צופיל פאַרטאָן אין דער באַוועגונג און ניט אויפגענומען ביי נחן די ביאָגראַפישע פאַקטן פון זיין לעבן און טעטיקייט, — און עס איז דעריבער אוממעגלעך צו דערגאַנצן די פאַקטן, וועגן וועלכן מיר רעדן דאָ איצט. מיר ווייסן ניט די פּרטים פון זיין קראַנקייט. מיר ווייסן אויך ניט וועגן זיין ערשטער פרוי, שערעשעווסקי, פון קאָוונע.

עס איז נאָר באַקאַנט, אַז ווען נח איז געזעסן אין קרעסטי, איז די קור־סיסטקע שערעשעווסקי געווען די, מיט וועמען נח האָט אָפּיציעל קאָרעס־פּאָנדירט. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען אַ פּריערדיקע באַקאַנטשאַפט, מעג־לעך אויך אַז דאָס איז געווען אַ פאַרשטעלטע „כלה", כדי צו האָבן „פון דער פרייהייט" אַ לעבעדיקע פאַרבינדונג מיטן געפאַנגענעם אין קרעסטי. און ווען ס'האָט געהאַלטן ביים אָוועקשיקן נחן מיטן עטאַפּ קיין סיביר, איז די זעלבע שערעשעווסקי געווען די, וואָס האָט זיך באַמיט צו קריגן פּראָטעקציע אין די הויכע פענצטער און אויספועלן, אַז אָנשטאָט צו גיין אין סיביר מיטן געוויינטלעכן עטאַפּ, וואָס האָט געדאַרפט געדויערן אַרום 6 חדשים, זאָל נח באַקומען אַ דערלויבעניש צו פאָרן ביזן באַשטימונגס־פּונקט אויף אייגענע הוצאות אין באַגלייטונג פון אַ זשאַנדאַר. געווען אויך אַ צווייטער פּלאַן אַרום וועלכן די קורסיסטקע שערעשעווסקי האָט שטאַרק געאַרבעט: פועלן ביים פּאָליציי־דעפּאַרטמענט, מען זאָל נחן פאַר דער פאַרשיקונג באַ־פרייען אויף אַ פּאָר וואָכן, כדי ער זאָל זיך קענען געזעגענען מיט זיינע על־טערן. די כוונה פוןביידע פּלענער איז געווען — נח זאָל פאַרשווינדן, מאַכן אַ „וויברח"... אָבער פון ביידע פּלענער איז גאָרניט געוואָרן. נח האָט געמוזט גיין מיטן עטאַפּ. און ווען ער איז געווען אין דער „פּערעסילנער" תפיסה, האָט די זעלבע שערעשעווסקי באַזאָרגט נחן צוויי פּאַספּאָרטן — איינעם אַ פאַרטיקן, מיט אַן אריינגעשריבענעם טעקסט, דעם צווייטן — אַ פּוסטן אָבער מיט די געהעריקע שטעמפּלען. חוץ דעם האָט שערעשעווסקי איבערגעגעבן נחן 350 רובל. דאָס אַלץ האָט שפּעטער נחן פאַרלייכטערט דאָס אַנטלויפן.

אָבער אָט די אַלטע ליבע האָט, ווייזט אויס, שפּעטער ווען נח איז געקומען צוריק פון סיביר — ניט אָנגעהאַלטן, און גאָר אין גיכן האָבן זיי זיך אָפּיציעל צעשיידט. געשען איז דאָס בעת ח' נחס ערשטן באַזוך אין אויס־לאַנד אין 1900. נאָכן דערליידיקן אַ סך וויכטיקע פּאַרטיי־ענינים, האָט ח' נח אויך געמאַכט אַ רייזע קיין פּאַריז מיטן באַשלוס איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו רעגולירן די באַציאונג צו זיין ערשטער פרוי שערעשעווסקי, וועלכע האָט אין יענער צייט געוואוינט אין פּאַריז. און דעמאָלט האָבן זיי זיך טאַקע צעשיידט אויף אייביק. איצט אין 1904 אין קלאַראַן האָט ער זיך געטראָפן מיט ח'טע פעליציע, וועלכע איז שפּעטער געוואָרן זיין צווייטע פרוי, מיט וועלכער ער האָט געלעבט ביזן סוף פון זיין לעבן (אין סעפּטעמבער 1939 ווען ח' נח האָט פאַרלאָזט פּוילן, איז זי פאַרבליבן אין וואַרשע, און איבערגעלעבט די שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה). פעליציע איז פריער געווען די פרוי פון סטאַניסלאַוו גאָלדבערג, אַ פּויליש־אַסימילירטער יידישער אינטעליגענט, וואָס איז גאָר פרי צוגעשטאַנען צום בונד. ער האָט אָפּגעשמאַכט 5 יאָר אין סיביר און איז קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט. סוף זומער 1905 איז ער געשטאָרבן, ער איז באַגראָבן אין קלאַראַן...

# אין דער רעוואָלוציע פון 1905

פרילינג 1905 ווערט נח אַרעסטירט אונטערן נאָמען צדוק מאַרגאָליס, און ערשט די אָקטאָבער־אַמנעסטיע פון 1905 האָט געעפנט פאַר נחן די טירן פון דער תפיסה. אָט די 6־7 חדשים תפיסה האָבן געמוזט פאַרשאַפן דעם ח׳ נח באַזונדערע עגמת־נפש. ס׳איז געווען דער הויכפּונקט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד. דער בונד האָט דערגרייכט אין יענער צייט זיין גרעסטע אָנערקענונג צווישן די יידישע מאַסן, זיינע פענער האָבן געפלאַטערט איבערן גאַנצן תחום. מיליאָנען פּראָקלאַמאַציעס און פלוג־בלעטלעך האָבן אין נאָמען פון בונד גערופן צו דער לעצטער שלאַכט מיטן צאַריזם. טויזנטער בונדישע פאַרזאַמלונגען, האַלב־לעגאַלע אָדער עפנטלעכע, זיינען אָנגעגאַנגען איבערן לאַנד. מוט און קאַמפסלוסט האָבן אַרומגעכאַפּט די ברייטסטע מאַסן יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן. דער בונד איז געווען אַרומגערינגלט מיט ליבע און דרך־ארץ. און ענדלעך איז געקומען די גרויסע פאַרמעסטונג... דער ערשטער אָנגריף איבער דער גאַנצער ליניע — מיט די שאַרפסטע געווערן פון דער רעוואָלוציע... דאָס גאַנצע לאַנד ווערט אַרומגעכאַפּט מיטן פלאַקער פון אויפשטאַנד... יידישע אַרבעטער און דער בונד — זיינען אויף די וויכטיקסטע פּאָזיציעס... אָבער דער גע־נעראַל און דער סטראַטעגיקער פון יידישן אַרבעטער־בונד זיצט געפענטעט אין דער איינצל־קאַמער פון ווילנער תפיסה...

און פּונקט דעמאָלט גרייט זיך אַ נייער צוזאַמענפאָר פון בונד — דער זעקסטער. ס׳איז געווען נאָך בוליגינס געזעץ וועגן דער באַראַטונגס־דומע. נח איז אויף דעם צוזאַמענפאָר ניט געווען. ער האָט אויך ניט איבערגעלעבט די טראַגישע טעג פון די שוידערלעכע אָקטאָבער־פּאָגראָמען. ער איז באַפרייט געוואָרן ערשט נאָך דעם אַלעמען. און באַלד נאָך דער באַפרייאונג האָט ער זיך ווידער געשטעלט צו דער אַרבעט. זיין גייסט און מוט איז ניט גע־בראָכן. ער גייט ווידער אַריין אין זיין ראָל: דער זעקסטער צוזאַמענפאָר האָט אים אויסגעקליבן אין נייעם צענטראַל־קאָמיטעט.

אינגיכן איז נח ווידער אַמאָל געווען אַרעסטירט, דאָס מאָל אין וואַר־שע און טאָקע אונטערן זעלבן נאָמען צדוק מאַרגאָליס. וויקטאָר שולמאַן גיט אָן, אַז ער איז אַרעסטירט געוואָרן „אָנהויב 1906"; פּ. קורסקי — אַז „סוף דעצעמבער 1905". ער איז אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע חברים. דער פּאָליציי־דעפּאַרטמענט האָט ניט געוואוסט, אַז דאָס איז נח, ער האָט אָבער געוואוסט אַז דאָס איז אַ מיטגליד פון צ. ק.. דערצו איז געווען קריגס־צושטאַנד אין וואַרשע, און דער דאָזיקער אַרעסט האָט זיך זייער שלעכט געקענט ענדיקן פאַר נחן. עטלעכע חדשים איז ער אָפּ־געזעסן אין פּאַוויאַק און באַפרייט געוואָרן. און ווידער שטעלט זיך ח׳ נח צו דער אַרבעט. ער באַזוכט די גרעסערע שטעט פון בונדישן ראַיאָן, ער שטעלט איין נייע פאַרבינדונגען. נח רוט ניט. נח איז אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין דער בונדישער אַרבעט.

דעם 15—26 אויגוסט 1906 קומט פאָר דער 7טער צוזאַמענפאָר פון בונד

אין לעמבערג. הונדערט דעלעגאַטן באַטייליקן זיך אין צוזאַמענפאָר, פון זיי 68 מיט שטימרעכט; אַ סך איינגעלאַדענע געסט. נח איז אויף דעם צו־זאַמענפאָר זייער אַקטיוו, נח איז אויסגעקליבן אין פּרעזידיום פון צוזאַמענ־פאָר און ער האָט מיט גרויס טאַקט און פאַרזיכט געפירט די זיצונגען. מען דאַרף געדענקען, אַז דעמאָלט איז אין דער פּאַרטיי אָנגעגאַנגען אַ שאַרפע דיסקוסיע צווישן די פשרהניקעס און קעגנער פון אײַנגיין אויף הנחות אין די איינטריט־באַדינגונגען צו דער רוסלענדער ס. ד. אַרבעטער־פּאַרטיי. די מערהייט פון דער קאָנפערענץ האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר הנחות: אויפגעבן די פאָדערונג, אַז דער בונד איז דער איינציקער פאָרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. לויט דעם שטאָקהאָלמער פאַראייניקונגס־פּראָיעקט איז דער בונד אָנערקענט אַלס די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. ער קריגט זעלבשטענדיקייט אין אינעווייניקסטע אָנגעלעגנ־הייטן. דעם בונדס נאַציאָנאַלע פּראָגראַם איז ניט אָנגענומען אָבער אויך ניט אָפּגעוואָרפן. האָט זיך אין בונד אויסקריסטאַליזירט אַ צאָלרייכע מינדער־הייט (האַרטע), בראש מיט גראָסערן און ליטוואַקן, וועלכע האָט געהאַלטן די פשרה־באַדינגונגען פאַר אַ געפערלעכער קאַפּיטולאַציע. צו מאַכן אַ סוף צו די ביטערע, אויפרעגנדיקע דיסקוסיעס — האָט דער צ. ק. צונויפ־גערופן דעם לעמבערגער צוזאַמענפאָר. צוזאַמען מיט מעדעמען, קאָסאָווסקין, אַרקאַדין האָט נח געהערט צו דער גרופּע יאָ־זאָגערס (ווייכע). און קיין בעסערן פאָרזיצער פאַר די זיצונגען פון צוזאַמענפאָר ווי ח' נח האָט מען ניט געקענט האָבן. ער האָט געוואוסט ווי אַזוי צו באַרואיקן די צעהיצטע געמיטער. זיין אויטאָריטעט איז געווען גרויס, און דאָס האָט מיטגעהאָלפן צום אָננעמען דעם פשרהדיקן פאַראייניקונגס־פּראָיעקט. די ווייכע האָבן גע־קראָגן 48 קעגן 20.

די יאָרן 1906־1907 זיינען יאָרן פון אָנוואוקס פון פּאָליטישער רעאַקציע. די רעגירונג קומט צו זיך אַלץ מער נאָך די מפּלות פון 1905. די רעוואָלוציע קייקלט זיך באַרג אַראָפּ, עס טריאומפירט סטאָליפּינס קאָנטער־רעוואָלוציע. בלוטיקע רעפּרעסיעס, וואָס זיינען געקומען נאָך די שרעקלעכע פּאָגראָמען — רופן אַרויס אַ געוואַלטיקע צערודערונג אין יידישן תחום. אָרגאַניזאַציעס צעפאַלן זיך, די לעגאַלע פּרעסע פון בונד ווערט דערשטיקט. עס שטעלט זיך איין אויך אַ געזעלשאַפטלעכע רעאַקציע. די ציוניסטישע גרופּירונגען הויבן אויף דעם קאָפּ... אָט דאָס איז די אַטמאָספער, ביי וועלכער עס קומט זיך צונויף (מאַי־יוני 1907) דער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער ס. ד. אַ. פּ. — פון וועלכער דער בונד איז שוין ווידער געוואָרן אַ באַשטאַנד־טייל. דער בונד געהאַט אַ גרויסע דעלעגאַציע אויפן צוזאַמענפאָר — צווישן איר אויך נח. אָבער אויף דעם צוזאַמענפאָר, וואָס האָט זיך געצויגן פון 13טן מאַי 1907 ביזן ערשטן יוני און אָפּגעהאַלטן 35 זיצונגען, איז נח קיין איין מאָל ניט געקומען צום וואָרט. דאָס איז געווען דער סימן פון נחס גרויסער באַשיידנקייט, פון זיין האַלטן זיך אין שאָטן און לאָזן אַנדערע זיין די ראש־המדברים...

## אין די יאָרן פון רעאַקציע

דער לאַנדאַנער צוזאַמענפאָר איז ניט אימשטאַנד געווען צו פאַרקירע־ווען צוריק דעם גאַנג פון די פּאָליטישע געשעענישן אין אויפגעשטורעמטן רוסלאַנד. די רוסלענדישע ס. ד. אַרבעטער־פּאַרטיי איז פּאַקטיש געווען גע־שפּאָלטן, אוןביידע טיילן אירע האָבן געפירט צווישן זיך אַ פאַרביטערטן קאַמף. די רעאַקציע איז ווייטער געוואַקסן. די עמיגראַציע פון יידישן תחום קיין אַמעריקע איז געגאַנגען אין די צענטליקער טויזנטער — צווישן זיי ניט ווייניק בונדישע אַרבעטער און טוערס. די אַנטוישונג אין דער אינטע־ליגענץ איז געווען גרויס. „ס'האָבן נאָך עקסיסטירט — דערציילט ר. אַבראַ־מאָוויטש — אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס און קאָמיטעטן (פון בונד) אין זומער 1908. אָבער וואָס פאַר אַ טרויעריק בילד דאָס איז געווען אין פאַרגלייך צו די פריערדיקע יאָרן! די ענערגיע פון די אָרטיקע טוערס איז געווען אויף אַזוי פיל אָפּגעשוואַכט און די פאַרמינערונג פון טוערס אין אַלע אָנפירנ־דיקע אינסטיטוציעס איז געווען אַזוי גרויס, אַז ס'איז פשוט ניט געבליבן ווער ס'זאָל אָנפירן מיט דער לאָקאַלער אַרבעט אין די איינצלנע שטעט... מען האָט צעטיילט דעם בונד אויף ראַיאָנען, און אין יעדן ראַיאָן איז אָוועקגעזעצט געוואָרן אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט... שפּעטער האָט מען ווידער געביטן די אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעט און באַשלאָסן אַזוי צו טאָן: די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס האָבן די מעגלעכקייט צו ווערן לעגאַל און אויסצוזען ווי פשוטע לעגאַלע בירגער, זאָלן עס טאָן. און זיי זאָלן זיך באַזעצן אין ווילנע. די צווייטע העלפט פון צענטראַל־קאָ־מיטעט, סיי די וואָס זיינען לעגאַל, סיי די וואָס מוזן ווייטער בלייבן אומלעגאַל, זאָלן זיך באַזעצן אין וואַרשע". צווישן די צ. ק.־מיטגלידער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין וואַרשע, זיינען געווען יודין, אסתר און נח. אַלגעמיינע זיצונ־גען פון צ. ק. זיינען פאַרגעקומען פון צייט צו צייט, אַמאָל אין ווילנע, אַמאָל אין מינסק און אַמאָל אין וואַרשע.

אין מערץ 1908 קומט פאָר אַ באַראַטונג אין גראָדנע, אין וועלכער עס באַטייליקן זיך אַבראַמאָוויטש, ליבער, יודין, מעדעם, רחמיאל, וויקטאָר שול־מאַן, טערמאַן א. אַ.. עס איז אויך אָנוועזנד דער ח' נח. די באַראַטונג פירט אַ דיסקוסיע וועגן דעם ווי אַזוי אויפצולעבן די בונדישע אַרבעט, ווי אַזוי אויסצונוצן די לעגאַלע מעגלעכקייט און די נייע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע. דער צ. ק. מאַכט אַלע אָנשטרענגונגען אָנצוהאַלטן די פּרעסע פון בונד: אין 1908 גייט אַרויס אַ נומער פון דער אומלעגאַלער שטימע פון בונד (שפּע־טער אַרויס נאָך 3 נומערן אין די יאָרן 1908־1911). אין 1909 דערשיינט אויך אויף רוסיש אָטקליקי בונדאַ (במשך 1909־1911 אַרויס 5 נומערן).

ווי געזאָגט, נח באַזעצט זיך אין וואַרשע. ווי עס גיט איבער דער ח' דוד מייער, איז נח אין 1908 געווען אַ לערער אין דער שול פון ז. קאַלעצקאַ. שפּעטער ווערט ער אַן אָנגעשטעלטער אין אַ גרויסער וואַרשעווער פירמע פון ניי־מאַשינען. פאַרשטייט זיך, נח איז פאַר דער אָרטיקער באַוועגונג פאַר־קאָנספּירירט, אָבער ער האָט די אויפזיכט איבער דער טעטיקייט פון דער

וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע, און ח׳ דוד מייער איז דער, וואָס האַלט אָן דעם קאָנטאַקט צווישן אים און דער אָרטיקער באַוועגונג. אין 1910 גיט אַרויס דער וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד אַן אומלעגאַלן וואַרשעווער פלוגבלאַט (געדרוקט אין לאָדזש). נח איז אין דער אונטערנעמונג אַקטיוו און ער האָט אין דעם נומער זייַנעם אַן אַרטיקל. אין 1911 גייט אַרויס אין וואַרשע אַ זאַמל־בוך פאָלקסשטימע און אין ווילנע די נייע שטימע. סעפּטעמבער 1912 גיט אַרויס דער צ. ק. דעם אומלעגאַלן אינפאָרמאַציאָנס־בלאַט. נח האָט צו דעם אַלעם אַ שייכות, ער פאָרט פון צייט צו צייט אין שליחותן פון בונד, ער באַטייליקט זיך אין די זיצונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט.

אין אָקטאָבער 1910 קומט פאָר אין לעמבערג די אַכטע קאָנפערענץ פון בונד, נח באַטייליקט זיך אין דער קאָנפערענץ ווי אַ פאָרשטייער פון צ. ק.. די דאָזיקע קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אַ קורצע צייט נאָך דעם ווי אין ווילנע זייַנען ערב פסח אַרעסטירט געוואָרן ליבער, אַבראַמאָוויטש און נאָך בערך 20 טוער פון בונד. ניט געקוקט אויף דעם איז די קאָנפערענץ געווען זייער אַ וויכטיקע און פרוכטבאַרע. מע האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן די אופנים פון דער פּאָליטישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט: זאָל מען לייגן מער וואָג אויף די לעגאַלע אָפענע פאָרמען, אָדער אויף די אומלעגאַלע, אונטערערדישע, פונם זעלבן כאַראַקטער ווי אַמאָל. די קאָנפערענץ האָט געגעבן די בונדישע אָרגאַניזאַציעס די דירעקטיוו אויסצונוצן אַלע לעגאַלע מעגלעכקייטן סיי אויפן פּראָפעסיאָנעלן סיי אויפן קולטור־געביט. הגם אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט סך־הכל 12 פאָרשטייער פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס און 4 מיטגלידער פון צ. ק. (חוץ דעם 2 פון רעדאַקציע פון בונדישן אָרגאַן, 3 פון אויסלענדישן קאָמיטעט, 1 שליח פון צ. ק., און 3 מיט באַראַטונגס־רעכט), האָט זי דאָך געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג. די באַוועגונג האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך פון די צאַרישע רעפּרעסיעס, בונדישע קאָלעקטיוון האָבן צוריק אויפגעלעבט. אויפן סדר־היום פון דער קאָנפערענץ זייַנען צווישן אַנדערע געווען די פראַגן: שבת־און זונטיק־רו; קהילה; וועגן אויסנוצן די לעגאַלע מעגלעכקייטן; וועגן דער יידישער שפּראַך. נח האָט אויף דער קאָנפערענץ פאַרטראָטן די שטעלונג פון דער מערהייט פון צ. ק.: מען דאַרף אויסנוצן אַלע לעגאַלע מעגלעכקייטן, אָבער גלייכצייטיק פאַרפעסטיקן דעם אומלעגאַלן פּאַרטיי־אַפּאַראַט, וועלכער דאַרף האָבן די שטרענגסטע אויפזיכט איבער אַלע פאָרמען פון דער פּאַרטיי־טעטיקייט.

זומער 1911 קומט פאָר אין זשענעוו אַ געמייַנזאַמע באַראַטונג פון צ. ק. מיטן אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד. אויף דער באַראַטונג איז געווען אויך נח.

ס׳מערקט זיך ווידער אַן אויפלעבונג אין דער באַוועגונג. ס׳רוקן זיך אַרויס נייע יונגע קרעפטן. דער צ. ק., פון וועלכן נח איז שוין נישט געווען קיין מיטגליד, באַשליסט צו אָרגאַניזירן אין ווין אויף אָנהייב אויגוסט 1914 — דעם 8טן צוזאַמענפאָר פון בונד. אַגב, איז אויפן 1טן אויגוסט געווען באַשטימט אויך אין ווין דער קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל — האָט דער פּלאַן וועגן בונדישן צוזאַמענפאָר אויסגעזען גאָר גוט. די פּלענער

זיינען געווען גוט, אָבער... דעם 1טן אויגוסט 1914 איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה.

נח האָט זיך יענעם זומער געהיילט פון רעוומאַטיזם אין דעם באַרימטן קוראָרט פעשטשאַני (דעמאָלטיקן אונגאַרן) — איז דער פּלאַן זיינער געווען: פון דאָרטן קומען צום בונדישן צוזאַמענפאָר. דעם 31טן יולי איז ער גע־קומען קיין ווין, צו ר. אַבראַמאָוויטש, און דאָ האָט ער זיך געזאָלט טרעפן מיט זיין פאַמיליע — פעליציע און איר טאָכטער אירענע, וואָס זיינען געפאָרן פון וואַרשע. דערציילט ר. אַבראַמאָוויטש: „נח איז געווען גוט אויפ־געלייגט, האָט זיך גוט דערהאַלט און איז ממש פאַרשטיינערט געוואָרן, ווען ער האָט פון מיר דערהערט וועגן דער געשאַפענער לאַגע. פאָרן קיין רוסלאַנד איז געווען שפּעט. האָב איך אים אַרויסגעפּראַוועט אויפן „וועסט־באַנהאָף", צום צוג קיין שווייצאַריע. וואָס זאָל מען אָבער טאָן מיט זיין פאַ־מיליע? וואו כאַפּט מען זי? ווי אַזוי קאָן מען איר וואָרענען? דאָס פּראָ־בלעם איז געלייזט געוואָרן גאָר פּשוט: דעם 1טן אויגוסט אין דער פרי האָט זיך צו מיר אין הויז אַריינגעלאָזט פעליציע מיט איר טאָכטער. ניט פאַר־לירנדיק קיין צייט, האָבן מיר זיי אַוועקגעשיקט קיין שווייצאַריע, דעריאָגן נחן".

„נח איז געקומען קיין זשענעוו און איז אין גיכן אָפּגעפאָרן קיין רוס־לאַנד פון פּאָרט דאדעאגאט ביים מיטל־לענדישן ים, מיט איינער פון די לעצטע שיפן, וואָס זיינען נאָך דורכגעלאָזט געוואָרן דורך די דאַרדאַנעלן, ביז אָדעס, פון דאָרטן קיין וואַרשע". (פ. קורסקי).

## אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע

ס'איז געקומען די מלחמה מיט אירע גרויסע קאַטאַסטראָפעס פאַר דער מענטשהייט און פאַרן יידישן פאָלק... ס'איז געקומען אַ נייע תקופה אין דער געשיכטע פון דער וועלט — אַ תקופה פון רעוואָלוציעס און קאָנטער־רעוואָלו־ציעס. פוילן איז אָפּגעריסן געוואָרן פון רוסלאַנד און איז געווען אונטער דייטשער אָקופּאַציע. די טעריטאָריע פון בונד איז געווען געשפּאָלטן. דער בונד אין פוילן ווערט אַ זעלבשטענדיקע איינהייט, און מיטן אַנטשטיין פון אַן אומאָפּהענגיקער פוילישער מלוכה איז דעם בונד אין פוילן באַשערט צו שפּילן אַ גאָר גרויסע ראָל אין לעבן פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד האָט שוין באַלד ביים אויסברוך פון דער מלחמה זיך צוגעגרייט צו דעם, וואָס איז שפּעטער געשען. רעכנדיק זיך מיט דער מעגלעכקייט פון אַ דייטשער אָקופּאַציע פון גאַנץ פוילן, האָט דער צ. ק. אין נאָוועמבער 1914 אויסגעטיילט אַ באַזונדערע צענטראַלע קער־פּערשאַפט — אַ קאָמיטעט פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין פוילן, וועל־כער האָט אויף דעם שטח געדאַרפט זיין דער פּאַקטישער אָנפירער מיט דער גאַנצער אַרבעט. (צום קאָמיטעט האָבן געהערט: נח, וויקטאָר שולמאַן, זדזשיסלאַוו מושקאַט און לאַזאַר עפּשטיין). אין די נייע מלחמה־אומשטענדן וואַקסט ווידער אויס נח אין זיין גאַנצער גרויסקייט. ער פילט די היסטאָרישע

פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס ליגט איצט אויף אים. צום ווייפֿלטן מאָל דערפֿילט ער זיך אין דער ראָל פֿון דעם היטער פֿון בונד, פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. נח לייגט אַוועק אַ סך כּוחות כּדי צו שאַפֿן די צענטראַלע ראַדע (ראַט) פֿון די דריי פּאַרטייען: פּ.פּ.ס. לעוויצאַ, ס.ד.ק.פּ.ל. און בונד. די ראַדע לאָזט אַרויס אויפֿרופֿן אין פּויליש, רוסיש און יידיש — נאָך איידער די דייטשן זיינען אַריין אין וואַרשע. די ראַדע און באַזונדערס דער קאָמיטעט פֿון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס פּראָטעסטירן קעגן דער שפּיאָנאַזשהעצע, פּאָגראָמען און גירושים אויף יידן, וואָס זייער איניציאַטיוו קומט פֿון דעם שטאַב פֿון רוסישן הויפּט־קאָמאַנדיר ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש. די ראַדע רופֿט צום קאַמף קעגן די געשאַפֿענע געזעלשאַפֿטלעכע בירגער־קאָמיטעטן. די ראַדע באַטייליקט זיך אין צוגרייטן די בירגער־מיליץ אויף איבערצונעמען די פֿונקציעס פֿון דער פּאָליציי באַלד נאָך דעם אַוועקגיין פֿון די רוסישע מאַכט־אָרגאַנען. די בונדישע פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן דער שפּיאָנאַזש־העצע און פּאָגראָמען ווערט אַדורכגעפֿירט אין צענטליקער פֿאַבריקן און אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונגען. דער בונדישער קאָמיטעט פֿאַרעפֿנטלעכט אויך אין פּויליש און יידיש אַ דעקלאַראַציע וועגן די פּויליש־יידישע באַציאונגען.

אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 1915 איז שוין גאַנץ קאָנגרעס־פּוילן געווען אָקופּירט פֿון די דייטשן. די דייטשן פֿירן איין צוואַנג־אַרבעט. דאָס רופֿט אַרויס פּראָטעסטן און שטרייקן. דער „קאָמיטעט פֿון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן" האָט אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעלן אויפֿרוף קעגן דער צוואַנג־אַרבעט (מחבר וו. מעדעם). די פּאָליטישע פּראָבלעמען ווערן אַלץ קאָמפּליצירטער. די אָקופּאַנטן פֿירן אַ טייל־ און הערש־פּאָליטיק. די אויפֿגאַבן און די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון די פֿירער פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, בראש מיט נחן, ווערט אַלץ ערנסטער.

די נייע סיטואַציע שאַפֿט אָבער אויך נייע מעגלעכקייטן פֿון אַרבעט. דער בונד שאַפֿט אַ נעץ פֿון לעגאַלע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען, קולטור־אַנשטאַלטן, ווירטשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס. דעם 4טן פֿעברואַר 1916 הייבט אָן דערשיינען דער וועכנטלעכער אָרגאַן לעבנס־פֿראַגן. די באַוועגונג באַקומט אַ נייע קראַפֿט — דעם באַפֿרייטן פֿון דער צאַרישער טורמע וולאַדימיר מעדעם. אָבער עס וועט מסתּמא ניט זיין קיין גוזמא, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז דער צענטער אַרום וועלכן די גאַנצע בונדישע אַרבעט איז אָנגעגאַנגען — איז געווען נח. איצט האָט ער געטראָגן דעם נייעם פּסעוודאָנים יוזעף, און דער נאָמען איז אים געבליבן ביזן סוף פֿון זיין לעבן. יוזעף איז דער פֿאָרזיצער פֿונם „קאָמיטעט פֿון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן". (אַחוץ דעם פֿאָרזיצער האָבן צום דאָזיקן קאָמיטעט געהערט וולאַדימיר מעדעם, וויקטאָר שולמאַן, דוד מייער און זדזשיסלאַוו מושקאַט. ער האָט אַמטירט ביז סוף 1917, ווען די לובלינער קאָנפֿערענץ פֿון בונד האָט געוויילט אַ נייע צענטראַלע אָנפֿירונג). ער איז אויך דער פֿאָרזיצער פֿון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע, ער איז אַ מיטגליד אין דער רעדאַקציע פֿון לעבנס־פֿראַגן, ער האַלט אָן דעם קאָנטאַקט מיט דער פּוילישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. צוליב די האַלב־

אומלעגאַלע באַדינגונגען ווערן אַ סך אַרטיקלען אין לעבנס־פראַגן ניט אונטערגעשריבן, אָבער מיר ווייסן, אַז אַ ריי אַרטיקלען און נאָטיצן געהערן דאָ צו דער פען פון נחן. שוין אינם ערשטן נומער הויבט ער אָן דרוקן אַ סעריע אַרטיקלען אונטערן נאָמען „אונזערע פּראָפּעסיאָנעלע פאַראיינען — זייער אָרגאַניזאַציע און טאַקטיק". דאָס איז איצט געווען איינע פון די וויכטיקסטע פּאָזיציעס פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג — און זי האָט אַרויסגערוקט אָן אַ שיעור נייע פּראָבלעמען און אויפגאַבן. די דערמאָנטע אַרטיקלען, וועלכע גייען אין פינף נומערן און זיינען אונטערגעשריבן י. וע״ף, שטעלן אַוועק מיט דער גאַנצער קלאָרקייט אָט די אַלע פראַגן. „מיר שטייען נאָך — שרייבט ער דאָ — קאָן מען זאָגן, אין אָרגאַניזירן אונזער פראָפ. באַוועגונג ביים אָנפאַנג, אָבער שוין ביים אָנפאַנג דאַרפן מיר האָבן אַ ריכטיקן בליק, כדי ניט צו באַגיין אַזעלכע פעלערן וועלכע וואָלטן אונז געקאָנט שאָדן ברענגען אין דער ווייטערדיקער אַרבעט. וואָס ס'איז מעגלעך שוין צו קאָנצענטרירן אין גרעסערע קערפּערשאַפטן, דאַרף שוין געטאָן ווערן. דעם ערשטן טריט האָבן מיר געמאַכט, אָרגאַניזירנדיק אונזערע פאַראיינען אויפן באָדן פון פּראָדוקציאָנס־צווייגן. אַלע אונזערע בראַנזשע־פאַראיינען פון שטאָט זייַנען צוזאַמענגעבונדן אין איין אַלגעמיין־שטאָטישער צענטראַלער אָרגאַניזאַציע — אין דער צענטראַל־ביוראָ פון אַלע פּראָפ. פאַראיינען, מיט זיין אינפאָרמאַציאָנס־ביוראָ אַלס אויספירנדער אָרגאַן". מען דאַרף געדענקען, אַז די פאַראיינען זיינען געווען די איינציקע עפנטלעכע פאָרם פאַר דער באַוועגונג, און דעריבער איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס יוזעף גיט זיי אָפּ אַזוי פיל צייט און אויפמערקזאַמקייט. ער וויל איינפלאַנצן אין דער פראָפּ. באַוועגונג דעם קלאַסן־שטאַנדפּונקט און די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט. ער איז באַזאָרגט צוליב דער „אָרגאַניזאַציאָנעלער אָפּגעזונדערטקייט" און די שוועריקייטן פון די פּויליש־יידישע באַציאונגען, וואָס ווירקן אויך אין געביט פון דער פראָפּ. באַוועגונג. ער רעדט וועגן צוזאַמענהאַנג פון דער לעצטער מיט דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, דערביי שטרייכט ער אונטער, אַז די פּראָפּ. באַוועגונג דאַרף ניט „זיך פאַרוואַנדלען אין אירע (פון דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע) אַן אָפּטיילונג, אָדער זאָגאַר אינגאַנצן איר פּלאַץ פאַרנעמען".

אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל פון אָט דער אַרבעט שטעלט ח' נח אַוועק אין דער גאַנצער קלאָרקייט און אויסגעהאַלטנקייט — די שפּראַך־פראַגע אין דער פּראַקטיק פון די פאַראיינען. „יעדער יידישער אַרבעטער — שרייבט ער — דאַרף האָבן די מעגלעכקייט זיך צו ווענדן צו אַלע איינריכטונגען און אָנגעשטעלטע פון פאַראיין אויף דער שפּראַך, וועלכע ער פאַרשטייט... די אַלע אויפגאַבן קען דער פאַראיין דערפילן נאָר ביי דעם תנאי, ווען די יידישע שפּראַך איז אין פאַראיין גלייכבאַרעכטיקט און ווען פאַר דער קולטורעלער אַרבעט זאָל אָרגאַניזירט ווערן אַ ספּעציעלע נאַציאָנאַל־קולטורעלע סעקציע, וועלכע דאַרף פירן איר אַרבעט אונטער דער קאָנטראָל און השגחה פון דער אַלגעמיינער פאַרוואַלטונג." ער אַנאַליזירט דאָ אויך בפרטיות דעם פּראָיעקט, וואָס די פּוילישע חברים האָבן צוזאַמענגעשטעלט, ווי אַזוי עס דאַרף אויסגעבויט ווערן דער צענטראַל־ראַט פון אַלע פּראָפּ.

פּאַראײנען. ער שטעלט אים אַנטקעגן דעם סטאַטוטן־פּראָיעקט וואָס דער יידישער צד האָט אויסגעאַרבעט, און ווידער אַמאָל באַטאָנט ער דאָ גאָר באַזונדערס די שפּראַך־פּראַגע אין די ראַמען פון פּאַראײן און פון צענטראַל־ראַט. „וואָס פאַר אַ באַדײטונג — זאָגט ער — פאַר די יידישע אַרבעטער קען אָבער האָבן אַזאַ איינִיקייט, ביי וועלכער זיי וועט אויסקומען צו שפּילן די ראָל פון שטומע פּורים־שפּילער, איז איבעריק צו רעדן״. ניט געקוקט אויף די גרויסע אונטערשיידן צווישן ביידע פּראָיעקטן, האָפט דאָך ח׳ נח־יוזעף, אַז „עס איז פאַראַן אַ באָדן פאַר אַ געמיינזאַמער פאַרשטענדיקונג״.

אָט אַזוי איז נח־יוזעף געשטאַנען אויף דער וואַך פון דער יידישער אַר־בעטער־באַוועגונג. ער איז געווען שטאַרק און קאָנסעקווענט — אין אַלע פראַגן פון אָרגאַניזאַציאָנעלער טאַקטיק און פּאַרטיי־סטראַטעגיע. ער האָט פאַרקערפּערט די ירושה און די דערפאַרונגען פון דער בונדישער פאַרגאַנ־גענהייט. ער האָט זיי געוואָלט אויפלעבן אין די נייע באַדינגונגען פון דער אָקופּאַציע אין ערב־אומאָפּהענגיקן פּוילן.

אין 1916 זיינען געווען וואַלן צום וואַרשעווער שטאָט־ראַט, — דאָס איז געווען אַ מתנה פון דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט אין איר צביעות־דיקער שפּיל אין „דעמאָקראַטישקייט״. די שאַנסן פון סאָציאַליסטישן סעקטאָר אַדורכצופירן זיינע ראַטמענער אין שטאָט־ראַט זיינען ביי די ערזאַץ־וואַלן געווען זייער קליינע. האָט זיך געשאַפן אַ סאָציאַליסטישער איינהייטס־פראָנט צווישן בונד און לינקע פּ.פּ.ס.. דער סאָציאַליסטישער בלאָק האָט געדאַרפט אַרויסשטעלן אַן איינהייטס־ליסטע. די יידישע אַרבעטער־שטימען האָבן גע־זאָלט ביי די וואַלן שפּילן אַ גאָר גרויסע ראָל. אין דער בונדישער אָרגאַני־זאַציע איז אָנגעגאַנגען אַ שאַרפע דיסקוסיע וועגן דעם ענין. די ליידנשאַפטן זיינען געווען צעפלאַקערט, די שפּאַנונג — דראַמאַטיש. וו. מעדעם האָט קרי־טיקירט די וואַל־פּלאַטפאָרם. צווישן אַנדערן האָט מען נישט געקענט אַריינ־שטעלן אין דער געמיינזאַמער וואַל־פּלאַטפאָרם די פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע (די פאָדערונג פון רעכט פון דער יידישער שפּראַך און שולן מיט יידישער אונטעריכט־שפּראַך פאַר יידישע קינדער איז יאָ געווען).

אין אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „צי האָבן מיר באַגאַנגען אַ פעלער״, פאַרעפנטלעכט אין לעבנס־פראַגן נומ. 36 און 38, פּאָלעמיזירט י. זעף מיט וול. מעדעם איבער דער פראַגע וועגן סאָצ. וואַל־בלאָק. מעדעם האָט געהאַלטן: „...מיר זיינען דאָס שטענדיק די, וואָס גיבן נאָך. די געוואוינהייט נאָכצוגעבן איז אַן אמתע קללה, וואָס ליגט אויף אונז שוין אַ גוטן טוץ מיט יאָרן, און די זעלבע קללה האָט דאָס אַרויפגעלייגט איר שטעמפּל אויף דער פּלאַט־פאָרם פונם סאָציאַליסטישן בלאָק אין דער צייט פון די וואַלן צום וואַרשעווער שטאָטראַט״. אויף דעם ענטפערט יוזעף סאַרקאַסטיש: „שוין דער פאַקט אַליין, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן נישט מיט איינצלנע פּערזאָנען וועלכע זיינען זיך טועה, נאָר מיט אַ מאַסן־דערשיינונג, וואָס עקסיסטירט שוין אַזוי לאַנג — אַן ערך 20 יאָר — דאַרף אונז אַ ביסל באַרואיקן. ס׳איז זיך עפּעס שווער פאָרצושטעלן, אַז אין פאַרלויף פון אַזאַ לאַנגער צייט זיינט אונזער באַ־



וועגונג, די אַרבעטער־באַוועגונג פון יידישן פּראָלעטאַריאַט עקסיסטירט, וואַקסט און ווערט אַלץ רייפער און רייפער, — האָט זיך נאָך קיינער ניט געכאַפּט וואָס פאַר אַ קללה עס ליגט אויף איר". „שטענדיק ווען עס קומט צו אונטערהאַנדלונגען וועגן עפּעס אַ פאַראייניקונג, האַנדלען מיר ווי פאַרשאָלטענע. און קיינער האָט דאָס נישט באַמערקט. ערשט דאָ אין חודש אלול תרע"ג האָט מען די גרויסע אַנטדעקונג געמאַכט. די מעשה איז עפּעס נישט גלאַט... אָט די שטרעבונג זיך צוזאַמענצובינדן מיט פּראָלעטאַריער פון אַנדערע נאַציאָנען, אָט די ברידער־געפילן מיט וועלכע דער יידישער באַוואוסטזיניקער אַרבעטער איז דורכגענומען, דוכט זיך, קען אין די אויגן פון יעדן סאָציאַליסט־אינטערנאַציאָנאַליסט בשום אופן ניט פאַררעכנט ווערן אַלס חסרון, אַלס אַ קללה". מיר וועלן דאָ ניט איבערגעבן די אַנדערע פּרטים פון די צוויי פאַרטיידיקונגס־אַרטיקלען פון ח' יוזעפן. מיר ווילן נאָר אונטערשטרייכן: די אויבנגעבראַכטע אַרגומענטאַציע פון ח' יוזעף איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אים. דאָ קומט צום אויסדרוק זיין אויסערגעוויינטלעכער צוטרוי און גלויבן אינם שכל־הישר פון דער מאַסן־באַוועגונג, ווי אויך

דער ווילן צו דערציען דעם יידישן אַרבעטער אין גייסט פון אמתן אינטערנאַציאָנאַליזם.

יוזעף האָט אַריינגעלייגט אַ סך כוחות, אַז דער בלאָק זאָל געשאַפן ווערן. ער האָט גענומען זייער ערנסט און הויך אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון אַזאַ קאָנסאָלידאַציע פון די יידישע און פוילישע אַרבעטער־כוחות אין יענעם מאָמענט. די אונטערהאַנדלונגען וועגן דעם בלאָק זיינען צוגעגאַנגען זייער שווער. „יוזעף — דערציילט וויקטאָר שולמאַן — איז געווען מיט אַלע פיברען פון זיין שיינער נשמה פאַר אַן ענגער צוזאַמענאַרבעט פון בונד מיט די פוילישע אַרבעטער־פאַרטייען און ער האָט שטאַרק געליטן ביי די שווערע געבורט־ווייען פון בלאָק. איך דערמאָן זיך אַ כאַראַקטעריסטישן פאַקט: גראַד אין לעצטן מאָמענט האָט עס געהאַלטן, אַז דער בלאָק זאָל נישט צושטאַנדקומען. ס'איז צונויפגערופן געוואָרן אַן אויסערגעוויינלעכע זיצונג פון וואַרשעווער פאַרטיי־קאָלעקטיוו; יוזעף איז געווען פאָרזיצער. ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז איך האָב אים אַ פּאָר טעג נישט געהאַט געזען, און מיר האָט שרעקלעך פאַרוואונדערט, ווי זיין פנים האָט פאַר די לעצטע פּאָר גורל־טעג פון 'בלאָק' זיך געוואַלדיק פאַרענדערט און אויסגעדריקט אַזוי פיל פיין".

בכלל איז נחס ראָלע אין יענעם פעריאָד געווען אויסערגעוויינלעך. חיים וואַסער, וועלכער האָט יאָרנלאַנג געטאָן פּאָליטישע אַרבעט זייט ביי זייט מיטן ח' נח, שאַצט אַזוי אָפּ די ראָל און באַדייטונג פון נחן אין יענער צייט: „אויב דער 'בונד' אין פוילן האָט דאַן די גאַנצע צייט פאַרנומען אַ דעצידירטע און אַקטיווע פיינטלעכע שטעלונג צו דער אָקופּאַציע־מאַכט און אַן אויסגעשפּראָכענע אינטערנאַציאָנאַליסטישע שטעלונג צו דער מלחמה בכלל, איז דאָס אין אַ גרויסער מאָס געווען צו פאַרדאַנקען נחן... דער סאָציאַליסטישער בלאָק פון בונד און דער לעוויצע פּ.פּ.ס. צו די שטאָטראַט־וואַלן אין וואַרשע, אין יאָר 1916, איז געווען נחס אויפטו. אין דער אַטמאָספער פון אַנטיסעמיטיזם און צעיאָכמערטן נאַציאָנאַליזם, ווען דער דייטשער אָקופּאַנט האָט געזוכט אויסשפּילן די יידיש־פּוילישע קעגנזאַצן פאַר זיינע אייגענע פיינצטערע צילן, האָט די אינטערנאַציאָנאַליסטישע וואַל־קאַמפּאַניע פון סאָציאַליסטישן בלאָק אַריינגעבלאָזן אַ שטראָם פון פרישער ריינער לופט אין דעם גאַנצן פאַרסמטן אַרום. אָן נחס גרויסן אָנזען ביי די טוער פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און זיין אומבאַשטרייטבאַרן אויטאָריטעט אין בונד, וואָלט ביי דער דעמאָלטיקער לאַגע, און ביי די קאָמפּליצירטע צווישן־פאַרטייאישע באַציאונגען, קוים געקענט צושטאַנדקומען דער סאָציאַליסטישער בלאָק".

זאָל ביי דער געלעגנהייט אויך פאַרצייכנט ווערן: יוזעף האָט דעמאָלט געשריבן אַ צאָל אומלעגאַלע אויפרופן און פּראָקלאַמאַציעס.

דאָס זעלבע זעען מיר מיט אַ צייט שפּעטער, ווען עס שטייט אויפן סדר־היום די פּראַגע גמינע־וואַלן. אין דער ערשטער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע איז דער גאַנצער וואַרשעווער קאָמיטעט מיט נחן בראש געווען קעגן באַטייליקן זיך אין די קהילה־וואַלן. פאַרן סוף פון דער ערשטער וועלט־

מלחמה האָט נח געגעבן זיין שטעלונג. דעמאָלט האָט ער ניט געהאַט קיין ספקות, אַז דער בונד דאַרף זיך באַטייליקן אין די וואַלן צו דער יידישער קהילה (גמינע). אין לעבנס־פראַגן נומ. 19 פון 10טן מאַי 1918 אין אַן אַרטיקל „וואַל־נאַטיצן — אַפּאַטיע און פּאַסיוויטעט", אונטערגעשריבן י. ז־ף, אַרגומענטירט ער דאָס פּראָבלעם אין אַזעלכע ווערטער:

„מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט אַ פיל וויכטיקער שטערעניש, מיט אַ געוויסער פּאַסיוויטעט און פּיליכט אַ געוויסן פּאַסיוון ווידערשטאַנד מצד אַ טייל נאָענטע פּאַרטיי־חברים... מיר פאַרשטייען די באַציאונג פון אַ טייל חברים אונזערע צו דער יידישער קהילה... מיט מיטלאַלטער שמעקט דאָס דאָזאָר־שטיבל! אַן אָפּגעלעבטע, צום אונטערגאַנג־פּאַראורטיילטע איינריכטונג . . רופן אַהין — הייסט רופן צו פאַרגאַנגענהייט, צו רעליגיעזן פּאַנאַטיזם... אַ שטיק אמת ליגט אין די דאָזיקע רייד. אמת איז, אַז פון דער גמינע, ווי זי איז ביז איצט געווען, טראָגט זיך דער ריח פון דער פאַרפוילטער פאַרגאַנגענהייט... לעכערלעך איז צו דענקען, אַז די גמינע איז אַ מין צעך אָדער אַ קאַטוילישע פּאַראַפיע. דאָס קאָן נאָר זאָגן אַ פּאָליטישער עם־הארץ און אַנאַלפאַבעט, וואָס האָט קיין שום אַנונג ניט, וואָס אַזוינס איז די גמינע, וואָס פאַר אַ ראָל זי האָט געשפּילט אין דער יידישער געשיכטע און וואָס פאַר אַן אָרט זי פאַרנעמט אין יידישן לעבן. נישט ריכטיק אָבער זיינען די אויספירונגען, וואָס אייניקע חברים מאַכן פון דעם פאַקט, וואָס די גמינע איז ביז איצט געווען, און פאַלש איז די ליניע פון פּאָליטישן האַנדלען, וועלכע זיי ווילן איינשטעלן בנוגע דער גמינע אין דער צוקונפט... שטעלן מיר זיך אויף זייער שטאַנדפּונקט, לאָזן מיר איבער די גמינע אין דער ממשלה פון דעם יידישן קלעריקאַליזם און דעם בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם. — ... אויסער רעליגיעזע פונקציעס, דערפילט זי (די קהילה — ח. ש. ק.) אַנדערע, וועלט־לעכע. פאַרשיידענע סאָציאַלע אינטערעסן, מאַטעריעלע און קולטורעלע, שטויסן זיך צוזאַמען אין די ראַמען פון דער גמינע, אינטערעסן וואָס רירן אָן די ברייטסטע פאָלקסמאַסן און דעם פּראָלעטאַריאַט בפרט. די יידישע אַרבעטער־דעמאָקראַטיע וואָלט נישט דערפילט איר חוב, ווען זי וואָלט זיך האַלטן פון דער ווייטן און לאָזן דאָרט אַנדערע, ניט־באַרופענע, אַרויסטרעטן אין דער ראָל פון די פאַרטיידיקער פון דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס. דאָס וואָלט הייסן — פאַלש פאַרשטיין וואָס הייסט פירן דעם קלאַסן־קאַמף פון יידישן פּראָלעטאַריאַט... עס וואָלט געווען אַ פאַרברעכן פון אונזער זייט, ווען מיר וואָלטן זיך אָפּגערוקט און איבערגעלאָזט די פאַרשוועכער פון אונזער־רע הייליקטימער, די פאַרשיידענע סאָציאַל־אימפּעריאַליסטן, די אַזוי־גערופענע „פּראָלעטאַריש־ציוניסטישע סאָציאַליסטן" פון איין זייט, און דעם שרייענדיקן פאָלקס־נאַציאָנאַליזם פון דער צווייטער, — אַ פרייען פּלאַץ צו פירן אומגעשטערט זייער שעדלעכע אַרבעט. עס איז גענוג נאָר אַזוי אַוועקצו־שטעלן די פראַגן וועגן די וואַלן צו דער גמינע, אום אַלע ספקות זאָלן פאַר־שווינדן, און די וואַקלדיקע חברים זאָלן זיך ענערגיש נעמען דערפילן זייער סאָציאַליסטישן חוב".

אין זעלבן נומער 19, 10 מאַי 1918, געפינען מיר אַ צווייטן אַרטיקל

אונטערגעשריבן י—ף: „וואָל־פּלאַטפאָרמען". דאָ קומט אַן אַנאַליז און פּאָלעמיק מיט דער וואַל־פּלאַטפאָרם פון דער פאָלקס־פּאַרטיי, פון צענטראַלן ציוניסטישן וואַל־קאָמיטעט און אויך פון די פּועלי־ציון. און מיט אַ וואָך שפּעטער, אין נומ. 20, 17 מאַי 1918, קומט ווידער אַן אַרטיקל „וואַל־טאַקטיק" אונטערגעשריבן י. ז־ף. דער אונטערקאָפּ פונם אַרטיקל איז: „דער פאָלקיסטישער דעמאָקראַטיזם ביזן סוף". דאָס איז אַ שאַרפע פּאָלעמיק מיט נאָמבערג, סטופּניצקין, פּרילוצקין. דער אַרטיקל ענדיקט זיך אַזוי:

„צי וועט צושטאַנדקומען די פאַרשטענדיקונג צווישן די פאָלקיסטן און ציוניסטן, צי וועט מען זיך צעטיילן מיט די מאַנדאַטן (צו דער קהילה — ח. ש. ק.) — דאָס ליגט דאָך אין הינטערגרונט פון דעם פּלאַנירטן בלאָק — איז פאַר אונז נישט וויכטיק. פאַר אונז איז גענוג צו קאָנסטאַטירן, אַז אַזוינס וואָס מען האָט אין זינען צוטון, איז מען גרייט צו טון. דער עצם פון דעם פאָלקיסטישן דעמאָקראַטיזם ר"ל האָט זיך דאָ אַרויסגעוויזן ווי ער שטייט און גייט. ר' הלל הצדיק (צייטלין) קאָן רואיק שלאָפן, זיין שיטה האָט גובר געווען: ׳מער ייִדישיסטיש אָדער וויניקער ייִדישיסטיש, מער דעמאָקראַטיש אָדער וויניקער דעמאָקראַטיש — אַלע גלייך דאַרפן האָבן אַן אָרט אין דער פאָלקס־פּאַרטיי׳ („דאָס פאָלק", נומ. 4). אַז אַ באמת אויפריכטיקער דעמאָקראַט וועט פאַר זיך קיין אָרט אין דער דאָזיקער פּאַרטיי ניט געפינען, צווייפלען מיר אויף אַ מינוט נישט".

צום סוף לאָמיר נאָך ברענגען אויסצוגן פון אַן אַנדערן אַרטיקל פון ח' יוזעף, וועלכער איז געווידמעט דער פראַגע וועגן אַ ייִדישן לאַנד־צוזאַמענפאָר. ח' ב. מיכאַלעוויטש און אַנדערע זיינען געווען פאַר דעם, אַז דער בונד זאָל זיך באַטייליקן אינם געפּלאַנטן צוזאַמענפאָר און העלפן אויסקריסטאַליזירן אַ „נאַציאָנאַלע רעפּרעזענטאַנץ" אינם נייַ־אויפשטייענדיקן פּוילן. אין אַן אַרטיקל אין „לעבנס־פראַגן" נומ. 45, פון 8 נאָוועמבער 1913, אונטערן טיטל „צו דער פראַגע וועגן נאַציאָנאַלער רעפּרעזענטאַנץ" און אונטערגעשריבן י. זעף, אַנטוויקלט ח' נח דעם ווייטערדיקן געדאַנקען־גאַנג:

„די פראַגע וועגן נאַציאָנאַלער רעפּרעזענטאַנץ, ריכטיקער וועגן ייִדישן צוזאַמענפאָר, פיגורירט אין טאָג־אָרדענונג פון אונזער פּאַרטיי־קאָנפערענץ אַלס אַ טייל פון דעם פּונקט ׳קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע רעכט פון ייִדן אין פּוילן׳... — נאַציאָנאַלע, ווי דאָס וואָרט אַליין באַווייזט, הייסט דאָך דאָס, וואָס נעמט אַרום די גאַנצע נאַציע, וואָס איז געמיינזאַם פאַר אַלע קלאַסן פון פאָלק, אין וואָס אַלע קלאַסן, דער פּראָלעטאַריאַט בתוכם — זיינען פאַראינטערעסירט. ...פון דעם איז געדרונגען: שטעלט מען אַרויס געוויסע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען און מען מיינט מיט זיי ערנסט, מוז מען פאַרשטיין, אַז אום צו שאַפן עטוואָס פּאָזיטיוועס אין דעם געביט, דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט זיינע אָנשטרענגונגען צוזאַמענבינדן מיט די שטרעבונגען, אין דער הינזיכט, פון אַנדערע, בירגערלעכע, נאַציאָנאַל־געשטימטע שיכטן פון ייִדישן פאָלק. דאָס צוזאַמענאַרבעטן מיט בירגערלעכע עלעמענטן איז גאָרנישט אַזאַ טריפה זאַך, ווייל מען קאָן נישט דאָס גאַנצע בירגערטום באַטראַכטן אַלס איין איינהייטלעכע, רעאַקציאָנערע מאַסע... — — — צי איז אָבער דער צוועק

איינע׳ און דער זעלבער ביי אַלע שיכטן פון יידישן פאָלק? צי איז פאַר אונז נישט קלאָר, וואָס פאַר אַ נאַציאָנאַלע פאָדערונגען וואָלטן אַרויסגעשטעלט אויף אַזאַ צוזאַמענפאָר, למשל, די ציוניסטן, אָדער וועגמייסטערס חסידים און ד. גל.? ׳נאָר אַזאַ קערפּערשאַפט — שרייבט ח׳ מיכאַלעוויטש — וועט זיין בכוח אַרויסצוזאָגן איר פעסט וואָרט וועגן די רעכט וועלכע דאָס יידישע פאָלק אין פוילן פאָדערט פאַר זיך, וועלכע וועט זיין גענוג אויטאָריטעט, א. אַז. וו.. נישט קיין פעסט וואָרט, נישט קיין גענוג אויטאָריטעט וואָרט, און די גאַנצע דעמאָנסטראַציע איז נישט ווערט די טרחה, וואָס מען וועט אויף איר אָוועקלייגן... — — — יעדע פּראָבע צו מאַכן פון אונזער פּראָלעטאַריש־נאַציאָנאַל־פּראָגראַם אַ געמיינזאַם פּראָגראַם אויך פאַר דעם יידישן קליינבירגערטום, וועט ניט פאַרשטאַרקן די קאַמפּסלוסט פון די מאַסן פאַר אונזערע פאָדערונגען אויפן נאַציאָנאַלן געביט. דאָס וועט נאָר אַריינטראָגן אַ צעמישונג אין די מוחות פון די מאַסן און אָפּשוואַכן זייער ענערגיע, — זעלבשטענדיק האָט דער קלאַסנבאַוואוסטער יידישער פּראָלעטאַריאַט, אונטער דער פאָן פון בונד, געפירט דעם קאַמף פאַר זיינע נאַציאָנאַלע רעכט. לאַנג זיינען מיר געשטאַנען אַליין אין קאַמף פאַר אונזערע נאַציאָנאַלע רעכט. דאָס לעבן האָט געבראַכט אין אונזערע רייען די ברייטסטע שיכטן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, אונזערע לאָזונגען זיינען געוואָרן זייערע לאָזונגען... מיינט ווער ערנסט, ליגט ווען באמת אויפן האַרצן די אינטערעסן פון די ברייטסטע אַרבעטער־מאַסן, דער וועט זיך שטעלן אויף זייער זייט און וועט מיטהעלפן זייער זיג, ווייל זייער זיג איז דער זיג פונם גאַנצן פאָלק״.

פאַר די פאַר יאָר פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין וואַרשע דורכגעמאַכט אַ שטיק וועג. אָקאָרשט איז פאַרגעקומען די ערשטע אַלגעמיין־שטאָטישע קאָנפערענץ פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייַנען, וואו עס איז געגרינדעט געוואָרן די „אינפאָרמאַציע־ ביוראָ״, וועגן וועלכער מיר האָבן אויבן דערציילט. דאָס איז געווען דעם 7טן אויגוסט 1915. 70 פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פון יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָבן זיך אין דער קאָנפערענץ באַטייליקט און איר פאָרזיצער איז געווען וויקטאָר שולמאַן. אויך נח האָט זיך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ, אָבער דער עולם אַרבעטער־טוערס האָט אים נישט געקענט. „ווען נח האָט זיך באַוויזן אין צימער... האָט ער צו זיך צוגעצויגן די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. ער איז אַריינגעקומען שטיל, באַשיידן זיך דורכגעשאַרט ביי די ווענט און פאַרנומען אַ זייטיקן שטול. שטילערהייט האָט מען זיך גענומען איבערפרעגן ווער עס איז דער ׳הויכער קריסט מיט די דיקע וואָנצעס׳. אייניקע האָבן זיך דערשראָקן, אַז דאָס איז עמעץ פון דער נייער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט. ערשט וויקטאָר שולמאַן און נאָך עטלעכע געציילטע בונדישע טוער, וואָס פלעגן פריער קאָנספּיראַטיוו זיך באַגעגענען מיט נחן, האָבן אַלעמען אויסגעטייטשט, אַז דער ׳הויכער קריסט מיט די דיקע וואָנצעס׳ איז ניט עמעץ אַנדערש ווי דער לאַנג־יאָריקער מיטגליד פון בונדישן צענטראַל־קאָמיטעט און פאָרזיצער פון בונד — דער לעגענדאַרער נח״ (פּ. שוואַרץ — דער לעבנסוועג פון וויקטאָר שולמאַן, אונזער צייט, 11־12, 1951).

אַ צוויי יאָר איז אַריבער, און נח איז שוין געווען דער פּאָפּולערער און דער אויטאָריטעטער יוזעף. און ווען ס׳קומט דער טרויעריקער מאָמענט פון דער דייטשער נקמה, איז נח געווען איינער פון די, אויף וועמען די לאַפּע פונם אָקופּאַנט האָט זיך ברוטאַל אַראָפּגעלאָזט. אין דער נאַכט פון פּסח, דעם 8טן אַפּריל 1917, האָבן די דייטשן דורכגעפירט אַ מאַסן־אַרעסט פון די סאָציאַליסטישע טוערס. עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן די פירערס פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, עס זיינען אויך אַרעסטירט געוואָרן די אָנגעזעענסטע פיגורן פון בונד בראש מיט נחן (אינזשעניער א. העלער, מ. וואַסער, ג. זיבערט, סאָניע טשעמעלינסקי, עמנואל נאָוואָגרודסקי, י. ליפשיץ־באָסאַק, דוד מייער, נ. שאַפּראַן און וו. שולמאַן). אַלע אַרעסטירטע האָט מען אַוועקגעשלעפּט אין דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אויך יוזעף האָט זיך אָפּגעוואָלגערט אַרום 8 חדשים אין די לאַגערן סקאַלמיעזשיץ, לאַובאַן און האַוועלבערג. די באַדינגונגען זיינען דאָ געווען שוידערלעכע. ערשט אין נאָוועמבער 1917, ווען ס׳זיינען דערשינען די דייטשע מאַניפעסטן וועגן שאַפן אַן אומאָפּהענגיקע פּוילישע מלוכה, האָבן די אָקופּאַנטן געוואָלט מאַכן אַ שמייכלענדיק פּנים לגבי דער אַרבעטער־באַוועגונג, און זיי האָבן אָנגעהויבן צוביסלעך באַפרייען די אַרעסטירטע. אויך יוזעף איז באַפרייט געוואָרן — און זיך באַלד צוריק געשטעלט צו זיין פּאַרטיי־אַרבעט.

אויף יענעם 8טן אַפּריל איז געווען געפּלאַנט — אַ לאַנד־קאָנפערענץ פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן, אָבער צוליב די אַרעסטן האָט זי ניט געקענט צושטאַנד קומען. איצט ווען די אָנגעזעענע חברים האָבן זיך אַרויסבאַקומען אויף דער פריי, האָט מען ווידער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ לאַנד־קאָנפערענץ פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס. עס איז דאָך שוין געווען קלאָר: אין רוסלאַנד האָט געזיגט די רעוואָלוציע, פּוילן וועט ווערן זעלבשטענדיק און אויך די בונדישע באַוועגונג אין פּוילן דאַרף ווערן אומאָפּהענגיק פונם בונד אין רוסלאַנד. „לאָמיר נעמען דעם אַלטן בונדישן זויין און אַריינגיסן אין אַ נייער כּלי״ — דאָס איז געווען די פאָרמולירונג פון נחן. אויף דער געפּלאַנטער קאָנפערענץ האָט עס די דאָזיקע ׳נייע כּלי׳ געדאַרפט געשאַפן ווערן.

די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען סוף דעצעמבער 1917 אין לובלין. נח איז געווען דער פאָרזיצער פון דער קאָנפערענץ. מ׳האָט אויסגעהערט אַ באַריכט פונם קאָמיטעט פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן, פון דער רעדאַקציע לעבנס־פראַגן, מ׳האָט באַהאַנדלט די וויכטיקסטע פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראָבלעמען, די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע א. אַ.. די באַדייטונג פון דער קאָנפערענץ פאַר דער ווייטערדיקער אַרבעט פון בונד — איז זייער גרויס. ניט לאַנג איז אויסגעקומען צו וואַרטן — און דער דייטשער אָקופּאַנט איז אַוועק. דער שטח פון דער בונדישער טעטיקייט איז געוואָרן שטאַרק אויסגעברייטערט.

## אין אומאָפּהענגיקן פּוילן

1919־1920 זיינען ווידער שווערע אומרואיקע יאָרן פאַרן בונד אין פּוילן. דעם 6טן דעצעמבער 1918 ווערן די לעבנס־פראַגן פאַרוואַנדלט אין אַ טעגלעכער צייטונג, אָבער שוין דעם 19טן יאַנואַר 1919 ווערט די בונדישע צייטונג געשלאָסן אויף אַ ברוטאַלן אופן — דאָס מאָל שוין דורך דער 'אייגענער' מאַכט פון אומאָפּהענגיקן פּוילן. נאָך אַ קורצער הפסקה הויבט ווידער אָן אַרויסצוגיין די בונדישע טאָג־צייטונג. פאַרן בונד און פאַר זיין פּרעסע הויבט זיך אָן אַ פּעריאָד פון האַלב־לעגאַלער עקסיסטענץ. צוליב דעם בונדס שטעלונג פון קעגנערשאַפט צום פויליש־באָלשעוויסטישן קריג, ווערט די פּאַרטיי אויף אַ צייט אינגאַנצן פאַרבאָטן. עס קומט דער סאָוועטישער אַריינמאַרש אין די פּוילישע געביטן — און ווידער ווערן הונדערטער בונדיסטן פאַרשלעפּט אין פּוילישן קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דאָמביע ביי קראָקע, און אַ סך פון זיי פאַרפילן די טורמעס. נח איז כסדר ביי דער פּאַרטיי־אַרבעט, ער איז דער פאַרזיצער פון דער פּאַרטיי. „זיין רייכע פּראַקטיק פון אומלעגאַלער אַרבעט, זיין שטאַרקער ווילן און אויסגעהאַלטנקייט העלפן מיט נישט נאָר איינצוהאַלטן די עקסיסטירנדיקע אָרגאַניזאַציעס, נאָר אויך זיי אויסצוברייטערן און פאַרפעסטיקן" — אַזוי שאַצט אָפּ נחס ראָל אין יענעם פּעריאָד וויקטאָר שולמאַן, וועלכער איז געווען אַן אַקטיווער טוער אין דער פּאַרטיי און אַן עדות פון נחס האַנדלונגען און טעטיקייטן.

מיטן סוף פון דער פויליש־סאָוועטישער מלחמה און מיט דער נאָרמאַליזירונג פון פּאָליטישן לעבן אין נייעם אומאָפּהענגיקן פּוילן — הויבט זיך אָן אַ נייע תקופה פון בונד, אַ תקופה פון כסדרדיקן באַרג אַרויף, פון אַלץ נייע דערגרייכונגען סיי אָרגאַניזאַציאָנעלע סיי פּאָליטישע, סיי אין אַלגעמיינמלוכהשן לעבן און סיי אין יידישן.

דערציילן דאָס לעבן פון נחן אָט אין דעם פּעריאָד, ביזן סאַמע אויסברוך פונם היטלער־קריג, הייסט דערציילן די געשיכטע פונם בונד אין פּוילן. נח שטייט ווייטער אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס פון בונד, ער איז פאַרזיצער פונם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, ער פאַרברענגט גאַנצע טעג אינם לאָקאַל פון דער פּאַרטיי, ער איז דער ממונה איבער דער ווירטשאַפט פון דער פּאַרטיי און פון דעם צענטראַל־אָרגאַן פאָלקס־צייטונג, ער פירט אַלע אינערלעכע זיצונגען פון צ. ק. און ער איז אויך דער פאַרזיצער פונם וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד און פירט אָן מיט אַלע זיינע קאָנפערענצן, זיצונגען, אונטערנעמונגען. ער איז באַהאַוונט אין יעדן ווינקעלע פון דער פאַרצווייגטער אַרבעט און ער קען פּערזענלעך יעדן טוער. ער ווערט אויסגעקליבן אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג, און ער איז דאָ אַקטיוו אין אייניקע קאָמיסיעס. ער איז אויך אַקטיוו אין דער קולטור־ליגע און אין דער פאַרוואַלטונג פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. און ווען די פּאַרטיי איז אין גרויסער נויט, פאָרט ער (2 מאָל — אין 1925 און 1930) אַלס איר שליח אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פאַרברענגט דאָ עטלעכע חדשים און שאַפט גרעסערע געלט־מיטלען פאַר דער פּאַרטיי. קומט פאַר אַ פּאַרטיי־ראַט וואָס איז די העכסטע אינסטאַנץ צווישן

איין צוזאַמענפּאַר און צווייטן, איז נח דער פּאָרזיצער; דאָס זעלבע — אויף אַלע צוזאַמענפאַרן פון בונד. נח איז דער, וואָס טעמפּט אָפּ אַלע שאַרפקייטן און עקסטרעמקייטן, ווי אַ געניטער קאַפּיטאַן פירט ער אַדורך די שיף פון דער פּאַרטיי צווישן ריפן און פעזלן.

דאָס זיינען יאָרן פון שאַרפן אידייאישן געראַנגל אין בונד. צוויי הויפּט־ריכטונגען שטרייטן צווישן זיך. גרויסע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען קענען ניט אויסמיידן די מגפה פון שפּאַלטונגען אין יענע יאָרן. אויף די בונדישע צוזאַמענפאָרן גייען אָן שטורמישע דיסקוסיעס וועגן די נאָך־מלחמה־פּראָבלעמען, וועגן די עקסיסט־רנדיקע אינטערנאַציאָנאַלן. נח איז ניט נאָר פּאַרמעלער פּאָרזיצער אויף די צוזאַמענפאָרן. ער פילט די גרויסע פּאַראַנט־וואָרטלעכקייט וואָס ליגט אויף אים. און זיין גרויסע פּאַרטייאישע דער־פאַרונג, זיין קענען די פּסיכיק פונם ברייטן עולם טוערס, זיין אוממיטלבאַרער אויפריכטיקער צוגאַנג צו די שטרייטנדיקע צדדים אין בונד, זיין שכל־הישרדיקער באַנעמען פון די פּראָבלעמען, — אַלץ ווענדט ער אָן אין איין ריכטונג: צו ראַטעווען די גאַנצקייט פון בונד, באַזייטיקן אַלע שטרויכלונ־גען און סכנות, איינהאַלטן די איינהייט פון טאַט — ביי פילער דעמאָקראַטישער פרייהייט פון מיינונגען אין דער פּאַרטיי.

עס וואָלט געווים געווען איבערטריבן צו זאָגן, אַז עס איז אויסשליסלעך דער פאַרדינסט פון נחן, וואָס אין בונד איז נישט געשען קיין שפּאַלטונג. אָבער קיין ספק, אַז נח האָט דערביי געשפּילט די הויפּט־ראָל. ער איז דאָך געווען דער, וואָס האָט סימבאָליזירט אין די אויגן פון אַלעמען — דעם בונד, דעם גלאָררייכן פעריאָד פון בונד פון די צאַרישע צייטן, דעם בונד מיט אַלע זיינע אייגנשאַפטן און מעלות, און אָט דער אויטאָריטעט האָט געווירקט אויף אַלעמען אָן אויסנאַם. ניט נאָר אויף פאָרמעלע זיצונגען, נאָר אויך גאַנץ פּריוואַט און אין אינטימע שמועסן האָט ער זיך באַמיט צו באַווירקן, צוימען, איינהאַלטן, איבעררײדן, און אַמאָל אויסשייגעצן וועמען עס איז געווען נויטיק . . .

שוין אויף דער דערמאָנטער „לובלינער קאָנפערענץ" (25־26 דעצ. 1917) האָט מען נחס אויטאָריטעט געקענט אָנזען. שוין דאָרטן האָבן זיך אָנגעצייכנט לינקע שטימונגען אין בונד. נח איז דאָ געווען דער איינציקער פון דעם אַמאָליקן צענטראַלן קאָמיטעט פון בונד (מעדעם איז דעמאָלט געווען אין בערלין, מיכאַלעוויטש אין ווילנע). זיין פּאָליט־שע און אָרגאַניזאַ־ציאָנעלע דערפאַרונג איז געווען אומגעהויער — דערציילט חיים וואַסער — גאַרנישט צו פאַרגלייכן מיט די איבעריקע אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ. און כאָטש ער איז געווען איינגעהאַלטן און קאַרג אין זיינע אַרויסטרעטונגען, האָבן דאָך די דעלעגאַטן מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט זיך צוגע־הערט צו זיינע אויספירונגען. אָבער ח' יוזעף האָט אויך געהאַט אָן אָפּן אויער פאַר די רייד פון אַנדערע, אויך דאַן ווען די מיינונגען זיינען זיך פאַנאַנ־דערגעגאַנגען. ער האָט נישט געפּרוּווט אַפילו אויסנוצן זיין אויטאָריטעט, כדי אָנצוואַרפן אַנדערע זיין אייגענע מיינונג, נאָר זיך באַמיט אַרויסצו־ברענגען אין די באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ דאָס אַלגעמיינע, געמיינזאַמע,

דאָס ׳בונדישע׳. אין די שפּעטערדיקע יאָרן ווען אין בונד האָבן זיך געשאַפֿן פראַקציעס, האָט נח אויף דער וואַרשעווער 3טער לאַנד־קאָנפערענץ (פרילינג 1919) געהערט צו דער צענטריסטישער ריכטונג אין דער פּאַרטיי. צוזאַמען מיט ה. ערליך און וו. אַלטער איז ער געווען דער מיטשאַפער פון דער ריכטונג. אָפּשאַצנדיק די ראָל און באַדייטונג פון ח׳ נח אין אָט דעם פעריאָד פון פאַרשאַרפטע אינעווייניקסטע באַציאונגען אין דער פּאַרטיי, קומט ח׳ וואַסער — וועלכער איז אַליין געשטאַנען בראש פונם לינקן פליגל אין דער פּאַרטיי — צום אויספיר: „ח׳ יוזעף האָט געהערט צו די געציילטע אָנפירנדיקע חברים, אין וועמעס הענט ס׳איז דעמאָלט געלעגן דער גורל פון דער פּאַרטיי. ער האָט אויסגענוצט זיין גאַנצן איינפלוס, זיין געניטקייט און געשיקטקייט, כדי אָפּצואווענדן די שפּאַלטונג־סכנה. און יוזעף האָט בלי־ספק אַ באַדייטנדיקן חלק אין דעם, וואָס ס׳זיינען ניט געלונגען די באַמיאונגען פון אויסן (דאָס מיינט פון קאָמינטערן, פון מאָסקווער יעווסעקציע — ח. ש. ק.) צו שפּאַלטן די פּאַרטיי״.

אַ צווייטער לאַנג־יאָריקער מיטאַרבעטער פון ח׳ נח, דער סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד אין פּוילן, ע. נאָוואָגרודסקי, כאַראַקטערי־זירט נחס אידייאישע ווירקונג אין דער פּאַרטיי, אין די יאָרן פון אומאָפּהענ־גיקן פּוילן, אין אַזעלכע ווערטער:

„ניט זיין פאַרגאַנגענהייט, נאָר זיין קעגנוואַרט האָט געשפּילט די הויפּט־ראָל: דער אופן ווי אַזוי נח האָט זיך באַצויגן צו דער קלענסטער ווי צו דער גרעסטער פּאַרטיי־אַרבעט — האָט געהייליקט יעדע פּאַרטיי־קעמערל, דער־הויבן יעדע פּאַרטיי־פונקציע...

. . . היינט ווייסן מיר אַלע וויפל מיר האָבן דעמאָלט געהאַט צו פאַרדאַנ־קען נחן, פאַר געפינען און באַטרעטן דעם ריכטיקן וועג. נח האָט פאַרמאָגט די זעלטענע אייגנשאַפט צו זיין צווישן יידן דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָ־ציאַליסט, און צווישן די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטן צו פאַרבלייבן דער ייד. נחן פלעגט אין די דאָזיקע קריטישע יאָרן נישט אָנקומען שווער די דע־ציזיע. ער האָט פאַרמאָגט אַ פיינע, סובטעלע, נאַטירלעכע אינטואיציע פון דעם בונד־פירער״.

און אַזוי איז ביזן סוף פון נחס לעבן זיין אויטאָריטעט ניט געווען גע־מינערט: ער דריקט ניט אויפן עולם טוערס, אָבער ער איז וואַגיק. נח איז אַלעמען טייער, ער איז באַליבט, דער דרך־ארץ און יראת־הכבוד צו אים איז גרויס. די לעגענדע נח — איז ניט אָפּגעשוואַכט, הגם די צייטן זיינען איצט לעגאַלע, די טעטיקייטן גייען אָן פאַר אַלעמענס אויגן, און די טעגלעכע צייטונג פון בונד טראָגט אַרויס אַלע חלוקי־דעות צווישן די פּאַרטיי־פראַק־ציעס אין דער עפנטלעכקייט, און יעדערער פון די פירער און הויפּט־טוערס פון בונד דערשיינט דאָ אין זיין גאַנצער אָפנקייט. ביי דעם אַלעם איז נח ניט דער אַריסטאָקראַט, ער איז איינער פון אַרום, ער קען זיך מיט אַלעמען, און יעדערער קומט צו אים זיך שואל עצה זיין און זוכט ביי אים גערעכטי־קייט ניט בלויז אין פּאַרטייאישע ענינים און סיכסוכים, נאָר אויך אין רייך־

פערזענלעכע, צווישן חבר און חבר. ממש פּאַטערלעך היט נח סיי די פּאַרטיי, סיי איר פּעריאָדישן אָרגאַן, סיי די אָרטיקע אָרגאַניזאַציע.

## נח — דער מענטש

דער פּעריאָד 1920 — 1939 איז געווען דער הויך־פּעריאָד אין נחס לעבן.

דער דיכטער מלך ראַוויטש גיט אַזאַ פּאָרטרעט פון נחן אין יענע יאָרן:

„אַ הויכער און מאָגערלעכער. אַן אָפן, גרויס, לענגלעך פּנים און אַלץ אין פּנים אויפּפאַלנדיק. די גרויסע אויגן, טונקעלע און מיט שטאַרצנדיקע, כמעט הענגענדיקע ברעמען. דער אָפענער שטערן, די טונקעלע האָר פּאַרקעמט אַרויף. די פויעריש־פּראָסטלעכע ברייטלעכע נאָז. די אַ ביסל אַרויסשטאַרצנדיקע קינבאַקן. די אַ ביסל גרעסערע, זייער גלייכמעסיקע אויערן, וואָס דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר פירער־נאַטורן. און—זייט איך האָב אים געקענט אין די „לעגאַלע" יאָרן פון זיין לעבן — די גרויסע, געדיכטע, איבערן גאַנצן מויל אַריבערהענגענדיקע וואָנצעס. נאָך זיין זעכציקסטן לעבנסיאָר — היפּשלעך גרויע. ער רעדט זייער זעלטן און זייער ווייניק. ער ציילט די ווערטער גאַנץ באַוואוסטזיניק. עפּנטלעך רעדט ער כמעט קיין מאָל ניט. אָבער אַז ער רעדט יאָ אַמאָל, ווערט אַ טויטע שטילקייט, אַפילו ווען פיל־טויזנטער מענטשן זיינען דאָ אין זאַל. מען פאַרהאַלט דעם אָטעם ממש — אַן אות ניט צו פאַרלירן..."

אָט אַזוי האָט אויסגעזען נח — פיזיש און גייסטיק. אַ ריז. מאַיעסטעטיש. גרויסער אויטאָריטעט. און גלייכצייטיק — אַזוי שטיל, באַשיידן, אויפריכטיק און איינפאַך.

דעם 13טן אויגוסט 1932 איז נח אַלט געוואָרן 60 יאָר. עס איז אויך געווען 40 יאָר, זינט ער איז טעטיק אין דער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. עס איז אַ געלעגנהייט פאַר אַ גרויסער פייערונג, פאַר אַן אמתן יום־טוב אין בונד. האָט דאָך נח מיט זיין גאַנצן לעבן און מיט זיין גאַנצער טעטיקייט פאַרדינט — די דאָזיקע דאַטע זאָל געערט ווערן אויף אַ שיינעם, ווירדיקן אופן. האָט ער דאָך פאַרדינט, אַז די גרויסע אָרגאַניזירטע מאַסע יידישע אַרבעטער זאָל עפנטלעך אָפּדאַנקען דעם, וואָס איז 40 יאָר נאָכאַנאַנד געווען איר לערער, פירער, אָרגאַניזאַטאָר, אינסטרוקטאָר, רעפּרעזענטאַנט און — בעסטער חבר.

נח האָט אָבער וועגן דעם אַלעם געהאַט אַן אַנדער'ע מיינונג...

אָט וואָס די רעדאַקציע פון דער בונדישער פאָלקס־צייטונג פון 19טן אויגוסט 1932 שרייבט וועגן דעם:

„מיר האָבן געוואָלט באַצייכענען דעם דאָזיקן טאָפּלטן יובל מיט אַ ברייטער פּאַרטיי־פייערונג. אָבער ח' נח האָט באַין אופן נישט געוואָלט געבן זיין הסכם דערצו. מיר האָבן געוואָלט ווידמען זיין יובל אַ געהעריק אָרט אין אונזער צייטונג, אָבער אויך דאָס האָט אונז ח' נח פאַרבאָטן. ער האָט אונז נישט דערלויבט צומאָל אָפּצודרוקן זיין ביאָגראַפיע, וואָס שטעלט מיט

ויך פאַר אַ פּרעכטיקע קייט פון צענטליקער יאָרן קרבנותפולער רעוואָלוציאָ־נערער אַרבעט, אַ ביאָגראַפיע וואו ס׳איז כמעט קיין פּערזענלעכעס נישט פאַראַן, וואו אַ דאַטע איז — אַ דאַטע אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

מיר צווייפלען נישט: די דאָזיקע ביאָגראַפיע מוז און וועט געשריבן ווערן. זי מוז געגעבן ווערן אונזערע יונגע, זיי זאָלן פון איר לערנען און שעפן באַגייסטערונג. זי זאָל פאַר זיי ווי אַ וועגווייזער לייכטן אין די שטורמישע צייטן, וועלכע מיר גייען אַנטקעגן. אָבער — ח׳ נח וויל נישט קיין יובילייפייערונג . . .

— ס׳איז נישט קיין צייט היינט פאַר פּערזענלעכע יובל־פייערונגען, — האָט אונז מיט זיין געוויינלעכער ערנסטקייט און באַצווינגענדיקער שטרענגקייט דערקלערט ח׳ נח, און דערמיט איז דער ענין געווען דערליידיקט. מיר זיינען זייט יאָרן צוגעוואוינט אויסצופירן די פּאַרטייאישע באַפעלן פון ח׳ נח״.

האָט דער בונד דעריבער דורכגעפירט די יובליי־פייערונג פון נחן אויף אַן אַנדער אופן — אַט וואָס די פאָלקס־צייטונג שרייבט וועגן דעם אין דער זעלבער נאָטיץ:

„ביי אַ גרופּע נאָנטע חברים איז אַנטשטאַנען דער געדאַנק צו באַערן דעם היינטיקן יובל פון ח׳ נח דורך אַ ספּעציעלער נח־זאַמלונג לטובת דעם פּרעסע־פאָנד. מיר האָבן נישט געקאָנט אַוועקשטעלן די פראַגע נישט אין פּלענום, נישט אין עקזעקוטיוו און נישט אין פּרעזידיום פון צענטראַל־קאָמיטעט ווייל אין אַלע דריי אינסטאַנצן איז ח׳ נח דער פּאַרזיצער. אָבער דער געדאַנק איז מיט דער גרעסטער צופרידנקייט אויפגענומען געוואָרן פון אַלע אָן אויסנאַם מיטגלידער פון צ. ק., מיט וועלכע ס׳איז געווען מעגלעך וועגן דעם צו רעדן. די נח־זאַמלונג איז דעריבער פאַקטיש דער אויסדרוק פון אַן איינשטימיקן ווילן פון גאַנצן צ. ק.״.

דעם 19טן אויגוסט איז די נח־זאַמלונג דערקלערט און געעפנט געוואָרן אין דער פאָלקס־צייטונג. די דאָזיקע זאַמלונג האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער פאָלקס־אַקציע. ניט געקוקט אויף דער נויט, הונגער, אַרבעטלאָזיקייט וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט אויף דער יידישער גאַס, און די אַקציע איז געפירט געוואָרן אין אָרעמע פּוילישע זלאָטעס און גראָשנס, — האָט זי דאָך געגעבן אַ גרויסע סומע אין סך־הכל. עס איז דאָ אויף אַ פייערלעכן און רירנדיקן אופן געקומען צום אויסדרוק וואָס פאַר געטרייקייט, ליבע און איבערגעגעבנקייט די יידישע אַרבעטערשאַפט האָט פאַרמאָגט צום ח׳ נח.

דער דאָזיקער עפּיזאָד זאָגט עדות, וויפל באַשיידנקייט און זעלבסטבאַהערשונג, וויפל געזעלשאַפטלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און וואָסער געפיל פאַר אַחריותדיקער דערציאונג דער ח׳ יוזעף־נח האָט געהאַט אין זיך. ער איז באמת געווען גרויס אין אַלצדינג — אין גרויסע מעשים ווי אין קליינע שריט. אַ שטיק אַסקעטיזם איז געווען אין דעם: דאָס פּערזענלעכע פאַר־שווינדט לגבי דעם עפנטלעך־פּאַרטייאישן, לגבי דעם כלל. ער האָט געקענט זיך אַוועקשטעלן אין שאָטן, — אַלץ פאַר דער באַוועגונג, פאַר דער פּאַרטיי, — נאָר זי דאַרף זיך אַרויסזען און פאַרנעמען דעם אויבנאַן...

די פערזענלעכקייט נח שעפט זיך ניט אויס מיט זיין פּאַרטייאישער ראָל, מיט זיין אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט, מיט זיין סאָציאַליסטישער אַר־בעט. ער איז אין לעבן געווען — אַ גוטער, האַרציקער מענטש און חבר. און ער האָט געהאַט אינטערעס פאַר ליטעראַטור און קונסט, ער האָט געקענט אָפּדעקלאַמירן — אין אַ אינטימער סביבה! — גאַנצע קאַפּיטלעך פון „יעווגעני אָניעגין" און אַנדערע דיכטונגען.

אַפילו אין די יאָרן, ווען ער האָט געטראָגן אויף זיך די זאָרג פון אַרויס־געבן די אומלעגאַלע אַרבייטער־שטימע, האָט ער געהאַט דעם פיינעם געפיל, אַז מ'דאַרף דאָ דרוקן פון צייט צו צייט אַ ליד, אַ דערציילונג. אברהם רייזען האָט מיט אַ סך חן און אָנערקענונג דערציילט, ווי אַזוי נח האָט ביי אים עטלעכע מאָל באַשטעלט און גענומען לידער פאַר דער אַרבייטער־שטימע. „די וואַנט" און „צו די דעמאָנסטראַנטן" און נאָך אַנדערע לידער זיינע זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן דורכן ח' נח. ווען א. רייזען האָט זיך מיט אים דאָס ערשטע מאָל אין ווארשע געטראָפן, דערציילט ער, האָט ער „גלייך דערשפירט די גרויסקייט און וויכטיקייט פון נחס טעטיקייט פאַר דער אַרבעטער־באַ־וועגונג, שוין אָפּגערעדט פון דער אימפּאָזאַנטקייט פון זיין פּערזאָן, זיין וואונדערלעכן שיינעם וואוקס, זיין שטימע און שטרענגן, מילדן און חברישן בליק... אַ סודותדיקייט האָט זיך געטראָגן און געשטראַלט איבער אים" . . . אין 1901, דערציילט א. רייזען, איז נח אין ביאַליסטאָק ספּעציעל געקומען אים אויפזוכן און איינלאַדן צו זיך — „ער איז געקומען פאָדערן אַ ליד" פאַר דער אַרבייטער־שטימע. אין דעם יובילײ־נומער אַרבייטער־שטימע (25טער נו־מער) זיינען געווען אָפּגעדרוקט 2 לידער א. רייזענס. „דורך נחס רעדאַקציע — דערציילט דער דיכטער — אין דער העכסטער קאָנספּיראַציע, וואָס גרע־נעצט זיך אפשר מיט העכערע סודות, זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן נאָך אַ צאָל מיינע לידער, וואָס זיינען שפּעטער אַריין אין די געזאַמלטע לידער, שוין ווי לעגאַלע... די דאָזיקע לידער, דורכגעגאַנגען דורך נחס רעדאַקציע — הגם ער האָט זיי ניט פאַריכט — זיינען מיר, ווי תפילות... אַזוי האָב איך געהאַט די זכיה".

נח האָט בלי־ספק פאַרמאָגט אַ רייכן עסטעטישן געשמאַק. ער האָט אים אָנגעווענדט ניט נאָר לגבי ליטעראַטור, נאָר אויך לגבי מענטשן, אַפילו צו ווייטערע. אויב ער האָט געהאַט צו יענעם סימפּאַטיע, האָט ער עס אַרויסגעוויזן אָפן, אויפריכטיק, מיט פריידיקן געפיל, און מיט אַ סך פשטות.

ער האָט געהאַט אויפריכטיקן אינטערעס און פאַרשטענדעניש פאַר יענעמסליידן און פריידן, פאַר יענעמס פּערזענלעכע דערגרייכונגען און דורכפאַלן. ער האָט געקענט ליב האָבן און צובינדן זיך צו אַ מענטשן, ווערן באַפריינדעט, אינטים. צו די וואָס ער האָט ליב געהאַט — האָט ער אַראָפּ־געקוקט מיט ווייכע סאַמעטענע אויגן, מיט אַ זיסן צופרידענעם שמייכל אויף זיין פּנים. און איינצעלע חברים זיינען טאַקע אָפט געקומען צו אים נאָך אַן עצה, נאָך הילף אין שווערער נויט, געקומען מיט אַ דין־תורה, מיט צווייפלען און ספקות . . .

אָט איז אַ חבר, אַ בונדישער טוער, וואָס אים האָט די פּאַרטיי צוגעטיילט

די אַרבעט צווישן די אומקולטורעלסטע, אומאַנטוויקלטע אַרבעטער. זיי פאַרמאָגן אָבער אַ געזונטן „של יד". זיי שטעלן פאַר דעם קערן פון דער פאַרטייאישער מיליץ. דער חבר אַרבעט שוין דאָ יאָרן לאַנג. ער קומט צו נחן: — איך קאָן ניט מער... איך ווער אַריינגעצויגן אין זייער אומקולטורעלער סביבה... באַפרייט מיך פון דער אַרבעט... איך וויל עפּעס העכערס, שענערס, אינטעליגענטערס...

נח באַרואיקט, אַפּעלירט צום שכל, ברענגט פּאַרטייאישע, אָבער אויך ריין־מענטשלעכע, אידעאַליסטישע, חברישע מאָטיוון. און דער חבר באַרואיקט זיך, טוט ווייטער זיין אַרבעט, שטייט ווייטער אויפן שווערן פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן.

אָט איז אַ צווייטער חבר. נחן דוכט זיך, אַז זיין פּירונג איז ניט ווי געהעריק. ער האָט מורא אַז יענער זאָל ניט פאַלן אַ קרבן פון זיינע שוואַכקייטן. נח אָבסערווירט, פרעגט זיך נאָך ביי אַנדערע. און ער איז גליקלעך צו קאָנסטאַטירן: יאָ, דער חבר איז אַ באַנייטער, אַ געריינִיקטער... אָפּגעהיטער... נח אָטעמט אָפּ לייכטער! ער איז ממש גליקלעך...

ב. שעפּנער, וועלכער איז יאָרן לאַנג געזעסן מיט נחן אין לאָקאַל פון דער פּאַרטיי, דערציילט וועגן אים און זיין באַציאונג צו חברים:

„באַפעלן? — יאָ, נח איז געווען ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן דער באַפעלער אין בונד, הגם ער אַליין האָט קיינמאָל אַזעלכע אויסדרוקן ווי „איך הייס" אָדער „איך זאָג" ניט באַנוצט. ער פלעגט געוויינטלעך אין אַזעלכע פאַלן זאָגן:

— כ'מיין, אַז איר וואָלט געדאַרפט...

דאָס איז געניג געווען, אַז יעדער איינער זאָל מסכים זיין אויף זיך צו נעמען די שווערסטע און פאַראַנטוואָרטלעכסטע אויפגאַבן, וואָס נח האָט אים איבערגעגעבן.

• וואָרעם אויב נח „מיינט" אַזוי, איז ניטאָ מער וואָס צו רעדן. און ער האָט טאַקע מער וועגן דעם ניט גערעדט. ער האָט שוין גערעדט וועגן עפּעס אַנדערש און אַלץ מיטן זעלבן רואיקן, געלאַסענעם טאָן. אַרויס פון זיין צימער איז מען נאָך אַזאַ שמועס באַלאָדן מיט אַ שווערער שליחות, און דאָך האָט מען זיך געפילט גרינגער, ווי מען איז אַהין אַריין. מען האָט געוואוסט, אַז וויפל ער זאָל פאַרלאַנגען, פאַרלאַנגט ער נאָך אַלץ פון יעדן פון אונז ווייניקער, וויפל ער גיט אַליין"...

אָט איז אַן עפּיזאָד, וואָס גיט אונז אַן ענטפער און אַן אויפקלערונג, פאַרוואָס די בונדישע מחנה האָט געהאַט אַזעלכע וואַרעמע געפילן צום ח' נח. עס איז גאָר פשוט — דאָס האָט אים די בונדישע מאַסע געצאָלט פאַר זיין פיינער און האַרציקער באַציאונג וואָס ער האָט געהאַט צו יעדן בונדישן יחיד, פאַרן פאַרשטענדעניש און מיטגעפיל צו יעדן איינעמס ליידן און נויטן, — מאַטעריעלע צי מאָראַלע. י. פּאַט דערציילט:

„עס איז געווען אַ שעה פאַר דעם, ווי נח איז צום ערשטן מאָל געפאָרן פון וואַרשע קיין ניו־יאָרק. ס'איז ניט אַזוי איינפאַך אַ רייזע פון אייראָפּע

קיין אַמעריקע, און אַ רייזע צום ערשטן מאָל, אַ רייזע מיט אַ וויכטיקער שליחות פון בונד צו די יידישע אַרבעטער פון אַמעריקע. אַ הויכע מיסיע.

און — די טיר קלינגט אין מיין דירה אין וואַרשע אויף לעשנאָ גאַס, וואָס מיט יאָרן שפּעטער האָט היטלערס אַ באָמבע זי פאַרניכטעט, און נח קומט אַריין.

איך בין פאַרוואונדערט: וואָס איז? וואָס האָט איך געבראַכט צו מיר אַ שעה פאַר אייער רייזע?

ס'איז טאַקע זייער אומפאַרשטענדלעך. עפּעס איז עס. עפּעס וויכטיקעס געווים.

עס איז אַ געשיכטע וועגן אַ מענטשן. אַ וואַרשעווער חבר, אַ טראַנספּאָרט־אַרבעטער, אַ גאַסן־טרעגער, האָט אַ קראַנקע פרוי, וואָס מוז אָפּגעשיקט ווערן אויף היילונג קיין ציעכאָצינעק. ער איז אָרעם. ער האָט ניט קיין מיטלען אויף צו ראַטעווען זיין פרוי. האָט ער זיך געווענדט צו דער קאָמיסיע פאַר סאָציאַלער הילף ביי דער קהילה. נח און איך זיינען געווען מיטגלידער פון דער דערמאָנטער קאָמיסיע. נח האָט צוגעזאָגט דעם חבר צו טון, וואָס מעגלעך, אויסצופועלן, אַז די קראַנקע פרוי זאָל אַרויסגעשיקט ווערן אויף אַ פּאָר וואָכן היילונג קיין ציעכאָצינעק.

ער האָט אָבער ניט באַוויזן דאָס צו טון. איצט פאָרט ער אַוועק. ער קאָן נישט אָפּפאָרן, כל־זמן דער ענין איז נישט דערלעדיקט. ער האָט פאַר־שפּראָכן דעם חבר. מען קאָן נישט לאָזן די קראַנקע הברטע אויף גאָטס באַראָט.

— דעריבער — זאָגט ער צו מיר — וועט איר אַזוי גוט זיין און פאַר דעם זאָרגן. איר מוזט עס זען דורכזעצן...

און דערביי האָט ער מיר איבערגעגעבן אַ קליין צעטעלע, געשריבן מיט זיין פּערלדיקן כתב, אַלע, אַלע איינצלהייטן פון דעם ענין.

— נעמט דאָס צו זיך. איר וועט מיר שרייבן קיין אַמעריקע, ווי די זאַך איז דערלעדיקט געוואָרן.

איצט קאָן ער שוין פאָרן רואיקער קיין אַמעריקע. די קראַנקע אַרבע־טער־פרוי וועט פאָרן קיין ציעכאָצינעק אויף היילונג. ער איז אַראָפּ פון די פיר שטאָק טרעפּ פון מיין דירה. איך האָב אים נאָכגעקוקט מיט פאַר־הערלעכונג. דאָס קליינע קוויטעלע האָב איך לאַנג אָפּגעהיט.

דער אידעאַל איז הייליק, די באַוועגונג איז גרויס, אָבער דער מענטש איז אויך וויכטיק, דער איינצלנער מענטש".

מ. וויינרייך גיט איבער אַ קליינינקן פאַקט, וועלכער איז אָבער אַזוי באַלערנד און רעדט אַזוי פיל וועגן דעם וואָס פאַר אַ געפילן יידישע אַרבעטער האָבן געטראָגן אין זייער האַרצן צום ח' נח. „אין ייוואָ אין ווילנע — דערציילט מ. וויינרייך — האָבן מיר געהאַט אַ דאָקומענט, וואָס איז מסתמא צו יוזעפן אַליין קיין מאָל ניט דערגאַנגען. דאָס איז געווען אַ בריוו פון אַ יידישן אַר־בעטער, וואָס איז געלעגן אויפן טויטנבעט אין אַ וואַרשעווער שפּיטאָל. ער האָט זיך געזעגנט מיט די חברים און געשריבן, אַז ער האָט נאָר איין פאַרלאַנג

נאָך: די חברים נח און הענריק (ערליך) זאָלן אויף אַ ווײַלע צוקומען צו אים אין שפּיטאָל, אײדער ער גייט אַוועק פון דער וועלט״.

פ. שוואַרץ האָט דערציילט די רירנדיקע עפּאָפּיע מיט נחס זייגערל. דאָס זייגערל האָט אים געשאָנקען דער ניו־יאָרקער בונדישער קלוב — אַ מתנה צו זיין אָפּפאָר צוריק קיין פּוילן, יוני 1931. ווען ח׳ נח האָט פאַרלאָזט וואַרשע דעם 6טן סעפּטעמבער 1939, האָט ער דאָס זייגערל איבערגעלאָזט ביי דער ח׳טע סאָניע נאָוואָגרודסקי, מיט גרויס ליבשאַפט און ציטערדיקייט האָבן סאָניע און די אַנדערע חברים פון וואַרשעווער געטאָ — געהיט דאָס זייגערל, עס זאָל ניט אַריינפאַלן אין דייטשע הענט. נאָך לאַנגע וואַנדערונגען, פון האַנט צו האַנט, פון איין וואוינונג און באַהעלטעניש צו אַ צווייטער, האָט די באַקאַנטע העלדין פון געטאָ ח׳טע װלאַדקע אַרויסגעשמוגלט דאָס זייגערל פון געטאָ, און איצט האָט עס געװאַנדערט צוזאַמען מיט די יידישע מאַראַנען איבער פאַרשיידענע קריסטלעכע וואוינונגען... בערנאַרד גאָלדשטיין איז געווען די גאַנצע צייט דער פאַרבינדלער מיטן טייערן זייגערל. אָבער ווען ס׳איז אויסגעבראָכן דער אַלגעמיין־פּוילישער אויפשטאַנד קעגן די דייטשן, דעם 1טן אויגוסט 1944, האָט בערנאַרד פאַרלוירן די פאַרבינדונג מיטן זייגערל... עס איז צוליבן אויפשטאַנד אוממעגלעך געווען צוצוקומען צו דער וואוינונג, וואו דאָס זייגערל איז געלעגן באַהאַלטן אין אַ קעסטעלע... ערשט אין אַפּריל 1945 איז בערנאַרד געקומען צו דער וואוינונג, וועלכע איז איצט געלעגן אין חורבות... מען האָט זיך געשטעלט גראָבן, און צום גליק האָט מען דאָס קעסטעלע מיטן זייגערל געפונען... די שמחה פון די לעבן־געבליבענע בונדיסטן איז געווען אין לשער, כאָטש זיי האָבן שוין געוואוסט, אַז נח לעבט נישט מער... דורך אַן אַמעריקאַנער מיליטער־מאַן (אוריאל וויינ־רייך), ווערט סוף־כל־סוף דאָס זייגערל צוריק געבראַכט קיין ניו־יאָרק.

אָט די געשיכטע שפּיגלט אָפּ די גאַנצע ליבשאַפט און פאַרערונג, וואָס די בונדיסטן האָבן געהאַט צום ח׳ נח. עס איז אַ ליבשאַפט — ווי צו אַן איי־גענעם פאָטער, צו אַ לערער און מדריך, צו אַ חבר אין קאַמף... אַ ליבשאַפט מיט איידלסטן, מיט הייליקן ציטער און אויפריכטיקסטע געפילן...

ווי אַ געוועזענער לערער, איז נח געווען גאָר אויפמערקזאַם און נאָענט — צום קינד. דערפאַר האָט ער אַזוי געצערטלט די קינדער־באַוועגונג סקיף, דערפאַר איז אים נאָענט געווען די יידיש־וועלטלעכע שול פון דער ציש״אָ, און דערפאַר האָט ער זיך אַזוי צוגעבונדן צו דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. ער איז געוואָרן פאַרזיצער פון דער סאַנאַטאָריע־פאַרוואַלטונג, איז אַריינגעדרונ־גען אין אַלע אירע פּראָבלעמען און פּראָיעקטן, געטראָגן אויף זיך דעם עול פון זאָרג פאַר דער סאַנאַטאָריע מיט געדולד און ליבשאַפט. ער האָט גע־האַט פאַרשטענדעניש פאַר די ריין־ דערציערישע, פּעדאַגאָגישע פּראָבלעמען און שטרעמונגען פון דער סאַנאַטאָריע. און ער איז געוואָרן אַן אמתער, אויפריכטיקער פריינט פון דער דאָזיקער קינדער־רעפּובליק און איר באַ־פעלקערונג...

דער אָנפירער פון דער סאַנאַטאָריע, ש. גילינסקי, דערציילט וועגן דעם:

„ח׳ יוזעף איז געווען פאַר די קינדער, פאַרן פּערסאָנאַל דער לעבע־דיקער מוסטער פון דעם, צו וואָס מיר אַלע האָבן געשטרעבט.

די לעגענדע מעדעם פון איין זייט און דער לעבעדיקער יוזעף פון דער צווייטער זייט האָבן אין אַ גרויסער מאָס אונז פאַרלייכטערט צו פאַר־ווירקלעכן די שווערע פּעדאַגאָגישע אויפגאַבן, וועלכע מיר האָבן זיך גע־שטעלט.

ח׳ יוזעף האָט זיך אַזוי גוט געפילט צווישן די קינדער. דאָרט צווישן די קינדער פלעגט מען אויף זיין פּנים אָפּטער זען דעם ליבן שמייכל. שטיל און באַשיידן פלעגט ער אַזוי אָפּט אַרומשפּאַצירן איבער די זייטיקע אַלייען אָדער זיצן פאַרטראַכט אויף אַ באַנק הינטער אַ זייטיקן בוים. ער האָט שטענ־דיק מורא געהאַט טאָמער שטערט ער מיט זיין אָנוועזנהייט די קינדער צו האַלטן זיך פריי און צו שפּילן זיך. דערפאַר אָבער אין עס־זאָל אָדער אין פאַרווײַלונגס־זאַל פלעגט ער קיינמאָל נישט זיצן אָפּגעזונדערט פון די קינדער. די קינדער פלעגן זיין שטאָלץ מיט דעם, וואָס ח׳ יוזעף, וועגן וועמען זיי האָבן אַזוי פיל זיך אָנגעהערט פון טאַטע־מאַמע, פון ברידער און שוועסטער, פאַרברענגט מיט זיי צוזאַמען ווי אַ גלייכער מיט גלייכע, ווי אַן עלטערער חבר אָדער ווי אַ גוטער טאַטע. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט די שטימונג שטענ־דיק זיין אַ געהויבענע, אַ יום־טובדיקע״.

„שטילערהייט האָט ער געחלומט וועגן אַן אַנשטאַלט, וואָס זאָל קאָנען געבן פרייד און גליק — נישט הונדערטער, נאָר טויזנטער קינדער״.

פונקט אַזוי איז געווען די באַציאונג פון ח׳ נח צו ־דער סאָציאַליסטישער קינדער־באַוועגונג אין בונד, צום סקיף. ער האָט אין אָט די סקיפיסטן געזען דעם המשך פון דער באַוועגונג, די פאַרזעצונג פון דער בונדישער „גאָלדע־נער קייט״.

„... איר, סקיפיסטן, פאַרנעמט דעם ערשטן שטאַפּל אין אונזער יוגנט־באַוועגונג. איר זענט געגליכן צו דעם קוואַל, וואָס גיט דעם אָנהויב פון אַ גרויסן מעכטיקן שטראָם. פון אייך נעמט דעם אָנהויב אונזער יוגנט־באַוועגונג. איר שטעלט צו נייע מחנות צו אונזער ׳צוקונפט׳. און גלייכצייטיק פאַרנעמט איר אַ זעלבשטענדיק אָרט אין דער יוגנט־באַוועגונג, דערפילט איר אַ ספּעצ־יעלע אויפגאַבע. מיר זעען אייך אומעטום, וואו עס קאָכט אַ קאַמף, וואו עס ברענט אַ פייער. די הילף־אַרבעט, וועלכע איר לייסט פאַר אונזער באַ־וועגונג, פאַר אונזער פּאַרטיי איז ניט אָפּצושאַצן. אַחוץ דעם דירעקטן נוצן, וואָס איר גיט אונז, טראָגט איר אַריין אין אונזער באַוועגונג אַזוי פיל חן, אַזוי פיל שיינקייט. איר זענט יונג, און דאָס איז שיין!״

מיט אָט די ווערטער האָט זיך פונקט פינף יאָר פאַר זיין טויט געווענדט דער שוין דאַן קראַנקער חבר נח צו דעם ערשטן לאַנד־צוזאַמענפאָר פון סקיף, דעם סאָציאַליסטישן קינדער־פאַרבאַנד, וואָס איז דאַן פאַרגעקומען אין וואַרשע.

נח איז געווען דער ערן־פאָרזיצער פון סקיף. אָבער ער האָט זיך ניט באַגנוגנט מיט דעם דאָזיקן ערן־טיטל. ער האָט זיך שטענדיק אינטערעסירט מיט אַלע אַרבעטן פון דער אָרגאַניזאַציע, ער פלעגט קומען אויף באַראַטונגען,

אויף וועלכע מ׳האָט באַהאַנדלט די פּראָבלעמען פון דער סאָציאַליסטישער דערציאונגס־אַרבעט צווישן די יידישע פאָלקס־קינדער. און קומענדיק דאָרטן, פלעגט ער רופן די טוער זיך אַדורכדרינגען מיט דער ערנסטקייט און מיט דער גוואַלטיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס ליגט אויפן יידישן סאָציאַליזם אין דער קריטישער צייט.

## דער לעצטער ליידנס־וועג

די קראַנקייט איז געשטאַנען הינטער נחס פּלייצעס. זי האָט זיך אויף אים אָנגערוקט די לעצטע פּאָר יאָר פאַרן אויסברוך פון היטלער־קריג. דאָס איז געווען זייער אַ זעלטענע קראַנקייט — „קאָליבאַצילאַז״, באַצילן אין די קישקעס. אַן אויסמאַטערנדיקע קראַנקייט, וועלכע האָט געגעבן פון צייט צו צייט שווערע פיבער־אָנפאַלן. די אַטאַקעס האָבן בהדרגה אָפּגעשוואַכט נחס אויסערגעוויינלעכע ווידערשטאַנד־קראַפט. מען האָט נחן אין וואַרשע אָפּע־רירט, ער איז לאַנגע וואָכן געלעגן אין שפּיטאָל, געלעגן ביי זיך אין שטוב. די מעדיצין איז געווען הילפלאָז. אין די פּעריאָדן צווישן די שווערע פיבער־אַטאַקעס איז ער ווידער געווען ביי דער אַרבעט. ער האָט זיך מיט אַלע כוחות, וואָס זיין אָרגאַניזם האָט פאַרמאָגט, געוועהרט קעגן דער קראַנקייט.

איז געקומען דער פּעריאָד ערב־היטלער־קריג. צו די פיזישע ליידן זיינען צוגעקומען גרויסע גייסטיקע ליידן. אין פּוילן האָט געבושעוועט פאַ־שיזם. איבער דער פּאַרטיי און איר צענטראַל־אָרגאַן די פאָלקס־צייטונג איז געהאָנגען די דאַמאָקלעס־שווערד פון דער רעגירונגס־שנאה און נקמה. עס האָט געדראָט — צו פאַרלירן דעם לעצטן שפּור לעגאַליטעט פאַר דער באַוועגונג און איר פּרעסע. אָנגעזעענע בונדישע טוערס זיינען פאַרשלעפּט געוואָרן אינם טרויעריק־באַרימט־געוואָרענעם לאַגער אין קאַרטוז־בערעזע. נח האָט זיך געשטאַרקט, געוואָלט העלפן טראָגן דעם שווערן יאָך, העלפןביישטיין די נגישות און סכנות. און גראָד זיינען עס געווען יאָרן פון גרויסע פּאָליטישע וואַל־נצחונות פאַרן בונד. די יידישע מאַסן האָבן געפילט, אַז דער איינציקער, וואָס קען זיך איינשטעלן פאַר זייערע רעכט אויף לעבן און קול־טור — איז דער בונד. נח האָט דעריבער נאָך פיינלעכער געפילט די ליידן, וואָס די קראַנקייט פאַרשאַפט אים.

די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן. דער היטלער־שונא דער־נעענטערט זיך צו די טויערן פון וואַרשע. די הויפּט־שטאָט ווערט עוואַקואירט. מען גלויבט נאָך, אַז אין לובלין, אָדער אין בריסק וועט זיך איינגעבן צו שאַפן אַ נייעם צענטער פון דער פּוילישער מלוכה־מאַכט און פון איר אַרמיי, וועלכע וועט זיך אַנטקעגנשטעלן היטלערס אָנגריף. הונדער־טער טויזנטער מענטשן ציען אַהין — ווער צופוס, ווער מיט פערד און וועגעלעך, ווער מיט ראָווערן. ס׳איז אַ טראַגישער מאָמענט. אויך ח׳ נח באַשליסט זיך לאָזן אין שווערן גלות־וועג. וועט ער אויסהאַלטן? וועט ער איבערטראָגן די גרוילקייטן פון לויפן אונטער באָמבאַרדירונגען פון דייטשע עראָפּלאַנען? וועט מען ווירקלעך דערגרייכן דעם געטרוימטן פּונקט?

עס גיט זיך איין צו שאַפן פאַרן ח׳ נח מיט נאָך אַ פּאָר שוואַכע חברים

אַן אויטאָמאָביל, און מיט גרויסע סכנות דערגרייכט נח קיין בריסק. אויפן וועג האָט ער איבערגעלעבט טראַגישע שעהן אין ברענענדיקן שעדלעץ. ער פאַרהאַלט זיך אין מעזריטש, וואו ער קריגט אַ שטאַרקן היץ־אָנפאַל און מוז זיך לייגן אין בעט. אין בריסק ווידער — שעהן פון שווערע דייטשע באָמ־באַרדירונגען. ענדלעך קומט נח קיין פינסק און פון דאָרטן קיין ווילנע און קאָוונע... פריער באַדראָט פון די דייטשן, שפּעטער פון דער רוסישער נ.ק.וו.ד.. גרויס זיינען געווען די סכּנות. גרויס איז געווען דער וויטיק צוצוזען די אַרעסטן פון די אייגענע חברים אַרום. אין ווילנע איז ח׳ נח פאַרשטעקט, קאָנספּיראַטיוו. דערצו קראַנק, צעבראָכן. אין קאָוונע האָט ח׳ נח געהאַט זיין ברודער, אַ באַקאַנטן דאָקטאָר. ער פאָרט אַריבער אַהין און געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון ברודער. די קראַנקייט לאָזט אים ניט אָפּ. ער פאַר־לירט וואָג, זעט אויס זייער אָפּגעצערט. ס׳קומט ספּעציעל צו פאָרן צו אים אַ שוועסטער. זי לאָזט איבער איר אייגענע פאַמיליע און פאַרבלייבט מיט איר עלטערן ברודער, צו וועלכן זי ווייזט אַרויס אַ זעלטענע ליבע און פאַרלאָזט אים ניט אין זיין נויט.

„נח איז געלעגן צוגעשמידט צום קראַנקן־בעט, — דערציילט י. האַרט וועגן אָט דעם פּעריאָד ווילנע־קאָוונע. — פון צוויי זייטן האָט אויף אים געלויערט די געפאַר. ער האָט געפילט, אַז די קרענק פאַרצערט זיינע זאַפטן און קרעפטן. ער האָט אויך נישט געהאַט דעם מינדסטן צווייפל, אַז עס דראָט אים די האַנט פון דער גע. פּע. או., וואָס קען אים יעדע נאַכט ווידער ברענגען צו דער שוועל פון דער קאָוונער טורמע, וועלכע ער האָט צום ערשטן מאָל באַטראָטן מיט קרוב אַ האַלבן יאָרהונדערט פריער. הגם שוין אַ טויט־מידער, האָט דאָך אין אים אויפגעלעבט צוריק דער אַלט־יונגער גייסט פון נחן דעם קאָנספּיראַטאָר, וועלכער פאַרפירט אַ בייזוויליקע מאַכט. ער האָט געוואוסט, אַז לאַנג איז אים שוין ניט באַשערט צו לעבן, אָבער וואָס מ׳קען דאַרף מען אַרויסרייסן, כדי ווייטער זיך ווידמען דעם באַפרייאונגס־קאַמף״.

און נח צוזאַמען מיט אַנדערע חברים — האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער סאָוועטישער פאַסטקע, האָט גובר געווען זיין קראַנקייט, און זיך דער־קליבן ביז יאַפּאַן — מיט אַ טראַנזיט דורך גאַנץ רוסלאַנד, מיט דער סיבירער באַן. אַן אַלטער גוט־באַקאַנטער וועג... ס׳איז אַ נס, וואָס נח מאַכט אַדורך בשלום דעם וועג — ניט געקוקט אויף די טויזנטער אויגן פון דער גע. פּע. או., ניט געקוקט אויף די כסדרדיקע אָנגריפן פון זיין קראַנקייט. אָבער נח מאַכט דורך דעם וועג! צוזאַמען מיט אַ צאָל אַנדערע חברים דערגרייכט ער יאַפּאַן און שפּעטער די פאַראייניקטע שטאַטן.

מע קאָן זיך לייכט פאַרשטעלן די געפילן פון נחן. פאַרלוירן אויפן וועג הענריק ערליכן און וויקטאָר אַלטערן. פאַרלוירן אין די פאַרשיידענע תפי־סות נאָך צענטליקער אַנגעזעענע חברים; פאַרלוירן — דאָס יידישע לעבן אין פּוילן, פאַרלוירן וואַרשע, דעם בונד. אַ פאָלק ראַנגלט זיך אין וואַרשעווער געטאָ, ווערט טאָג־טעגלעך געפּייניקט; אַן אונטערערדישע באַוועגונג גראָבט



זיך דאָרט איין אַלץ טיפער אין עקשנותדיקן ווידערשטאַנד קעגן דעם שרעקלעכסטן און אומברחמנותדיקן שונא...

ענדלעך, ניו־יאָרק. נח ציילט די געראַטעוועטע. יעדע פּאָר וואָכן קומען צו נייע חברים און פריינט. איינציקווייז, איינציקווייז.

און — ווידער צו דער אַרבעט, צו די פליכטן פון אַ בונדישן פירער. צו די זאָרגן פאַר דעם בונד אין פוילן, פאַר די חברים. ראַטעווען, ראַטעווען — דאָס איז דאָס פּראָבלעם, דאָס איז די לאָזונג.

דעם 28טן פעברואַר 1941 — נעמט אויף די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג פון ניו־יאָרק נחן. 600 פאָרשטייער פון פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס זיינען געקומען צום קבלת־פּנים פאַרן ח׳ נח. רעדעס, געזאַנג פון דער שבועה.

טעלעגראַמעס פון גאַנצן לאַנד. אַ געלט־זאַמלונג פאַר דער אונטערערדישער אַרבעט פון בונד אין פוילן. נח איז טיף גערירט פון דער אויפנאַמע און ער זאָגט אין זיין וואָרט:

דאָס וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרן, קען ער בשום אופן ניט אָננעמען אויף זיך אַליין. זיין נאָמען איז דאָ בלויז געווען אַ שילדל פאַר אונזער גאַנצער באַוועגונג. מיט אַ צאָרנדיקן פּראָטעסט קעגן די, וואָס רופן זיך „אַר־בעטער־רעגירונג", האָט ער דערמאָנט די נעמען פון די חברים, וואָס די גע. פּע. או. האָט געפאַנגען און זאָגט אפילו ניט אויס, וואו זיי געפינען זיך. ער רעכנט אויס די טייערע נעמען פון הענריק ערליך, וויקטאָר אַלטער, אַנע ראָזענטאַל, שאול גאָלדמאַן, הערשל הימעלפאַרב, יאַנקל זשעלעזניקאָוו — נעמען וואָס מאָנען און פאָדערן און פאַרפליכטן, ווי אין די צאַרישע צייטן די נעמען פון די, וואָס דער צאַריזם האָט געהאַלטן אין דער שליסלבורגער פעסטונג. נח שילדערט דעם סאָלידאַרישן קאַמף פון די פּוילישע און יידישע אַרבעטער קעגן דעם בעסטיאַלישן היטלער־פאַשיזם, און ער פאַרענדיקט מיט דער האָפענונג, אַז עס וועט ניט לאַנג דויערן און די אייראָפּעאישע אַר־בעטער וועלן צעשמעטערן די גאַנצע ממשלה פון נאַציזם און פאַשיזם.

נח איז צוריק — אויף זיין אַמט. באַלד שטעלט ער זיך בראש פון דער געשאַפענער אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פון בונד אין פוילן. אין פעברואַר 1941 דערשיינט שוין דער ערשטער נומער פון דעם בונדישן חודש־זשור־נאַל אונזער צייט, און דער לייט־אַרטיקל איז געשריבן פון ח׳ נח. אויף אונזער וועג — הייסט דער אַרטיקל. דאָ שטייט ניט פאַר אונז אַן איינגעבראָכענער, פאַרלוירענער פירער, אומבאַהאָלפן לגבי די גרויסע פּראָבלעמען פון דער גרויזאַמער תקופה. נח איז פול מיט מוט, קעמפערישקייט, גלויבן. ער קוקט מיט אָפענע אויגן אויף דערווירקלעכקייט. ער גלויבט אין דער צוקונפט.

„די מלחמה — שרייבט ער — האָט נישט נאָר חרוב געמאַכט שטעט און דערפער, גאַנצע מלוכות, אומגעבראַכט הונדערטער טויזנטער מענטשלעכע לעבנס, זי האָט אויך גורם געווען גרויסע גייסטיקע פאַרוויסטונגען. ווער ס׳האָט זיך גענומען וואַקלען, ווער ס׳האָט פאַרלוירן דעם גלויבן און ווער ס׳האָט גענומען פריידיקן ׳נייע׳ טעאָריעס. ׳אַלע פּאַרטייען האָבן באַנקראָטירט און גאַנץ באַזונדערס די סאָציאַליסטישע מיט זייערע פּראָגראַמען׳ — שרייט איינער מיט באַנומענע קולות — און זייער אָרט דאַרף פאַרנעמען"... ווער פאַרנעמען, וואָס פאַרנעמען? — דאָ הערט איר נישט קיין קלאָרע דיבורים. אַ צווייטער זאָגט אַפילו לויב־געזאַנגען פאַרן סאָציאַליזם, אָבער... איצט דאַרף מען דעם סאָציאַליזם לאָזן צורו. איצט איז אונזער איין און איינ־ציקע אויפגאַבע — באַזיגן דעם היטלעריזם און פאַרזיכערן די דעמאָקראַטיע. אַלץ דאַרף קאָנצענטרירט ווערן אויף דעם פונקט".

„עס וואָלט געמאַכט אַ טעות דער, וועלכער וואָלט געטראַכט, אַז מיר האַלטן, מען דאַרף אַפילו אין דער מינדסטער מאָס אָפּשוואַכן דעם קאַמף קעגן פאַשיזם אָדער פאַר דער דעמאָקראַטיע. מיר מיינען נאָר, אַז קאָאָפּערירנדיק מיט אַלע דעמאָקראַטישע עלעמענטן פון לאַנד אין דעם דאָזיקן קאַמף, טאָרן די אַרבעטער־פּאַרטייען ניט אויפגעבן זייער זעלבשטענדיקייט, נישט אַרויס־

לאָזן פון אויג זייערע פּאָדערונגען, אָדער זיך אָפּזאָגן פון זייערע 'שלום־באַדינגונגען'. טאַקע צוזאַמען שלאָגן, אָבער מיטן אייגענעם וועג מאַרשירן".

„די אָפּשוואַכונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, דאָס 'אַוועקגיין' פון סאָציאַליזם קומט ניט פאַר צוליב דעם, וואָס ער האָט ניט באַוויזן צו שאַפן, ווי די קירך, ווי עס מיינען אייניקע סאָציאַליסטן, טראַדיציאָנעלע פאָרמען. דאָ ווירקן אַנדערע, טיפערע סיבות, אויף וועלכע מיר קאָנען זיך דאָ ניט אָפּשטעלן".

„מיר לעבן איבער שווערע צייטן, צייטן פון וועלט־קאַטאַסטראָפעס. מיר יידן זיינען אויסגעשטעלט אויף אַזעלכע נסיונות, וועלכע האָבן אפשר ניט זייער גלייכן אין אונזער געשיכטע. עס איז זיך נישט צו וואונדערן, אַז דער גייסטיקער באָדן הויבט זיך אָן נישט ביי איינעם צו וואַקלען, און עס אַנטשטייט אַ ווירוואַר אין די מוחות".

„איז וואָס־זשע, בלייבט אַלץ ביים אַלטן? מלחמה, פאַשיזם, חורבנות, פאַרוויסטונגען, געטאָס — ווי ס'וואָלט גאָרנישט פּאַסירט?"

„ניין, דאָס זאָגן מיר נישט און דאָס מיינען מיר נישט. מיר פאַרשטאָפּן נישט די אויערן און פאַרמאַכן נישט די אויגן אויף דער ניי געשאַפענער סיטואַציע. מיר מוזן זיך צו איר צופּאַסן און אַנטשפּרעכנדיק ענדערן אונזער טאַקטיק, אונזערע קאַמף־מעטאָדן. מיר האָבן זיך קיינמאָל ניט געהאַלטן ביי פאַרגליווערטע פאָרמולעס, און אַוודאי טאָרן מיר נישט בלייבן פאַרשטיינערט איצט. מיר וואַרפן אָבער קאַטעגאָריש אָפּ די אין מאָדע אַריינגעגאַנגענע דעקלאַמאַציעס, אַז אונזער גאַנצער גייסטיקער באַגאַזש דאַרף פון גרונט אויס געענדערט ווערן, אַז עס זיינען נישטאָ מער קיין 'אייביקע אמתן'. די דאָזיקע באַהויפּטונגען קומט איצט אויס אויסצוהערן פון גאַנץ אויפריכטיקע סאָציאַליסטן, וועלכע פילן זיך פאַרלאָרן אונטערן דרוק פון די גרויזאַמע געשעענישן און זעען נישט קיין אויסוועג, קיין פּערספּעקטיוו". — — —

דאָס איז געשריבן אין יאַנואַר 1941. נח שטייט דאָ פאַר אונז אין זיין גאַנצער גרויסקייט. ער האָט אַ געזונטן חוש און אַ לעבעדיקן אויער פאַר אַלץ וואָס אַרום. ער רעאַגירט שאַרף און קלאָר אויף דער סיטואַציע. ער שטייט ווי אַ פעלז — אין מיטן פון שטורעמדיקן ים. ניט נאָר ער וואַקלט זיך נישט אין זיינע הויפּט־פּרינציפּן פון סאָציאַליזם און פון יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ער איז פעסט און אומדערשיטערט אויך אין דער טאַקטיק, וואָס איז געבונדן מיט דער צייט. ער ווייס ניט פון קיין „פאַרגליווערטע פאָרמולעס", אָבער ער וויל אויך ניט הערן פון „דעקלאַמאַציעס", וואָס זיינען אַרויסגערופן דורך פאַרלוירנקייט, פאַרביטערטקייט, הילפלאָזיקייט.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט נח אָנגעשריבן אַ רעדע פאַר אַ לאָנדאָנער ראַדיאָ — אויף איבערצוגעבן קיין פּוילן. די דאָזיקע רעדע איז טראַנסמיטירט געוואָרן קיין פּוילן שוין נאָך דעם, ווי קיין לאָנדאָן איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן ח' נחס טויט — אָבער די דאָזיקע רעדע אָטעמט מיט גלויבן אינעם זיג איבערן היטלעריזם.

„איך רעד איצט צו אייך, יידישע אַרבעטער, יידישע פאָלקסמאַסן פון פּוילן, אונטער אויסערגעוויינלעכע באַדינגונגען, אינמיטן פון דעם בלוטיקן

וועלט־שטורעם, אין וועלכן עס וועט דעצידירט דער גורל פון דער מענטש־הייט. איך רעד צו אייך אין נאָמען פון טויזנטער חברים און פריינט, וועלכע די מלחמה האָט אָפּגעשיידט פון אייך, וועלכע זיינען איצטער נע־ונד אויף דער וועלט, אָבער וועלכע זיינען מיט אַלע פעדים פון זייער נשמה מיט אייך פאַרבונדן, וועלכע בענקען נאָך אייך, באַוואונדערן אייך און זיינען שטאָלץ, וואָס איר האָט אין די שרעקלעכע באַדינגונגען פון נאַצישן טעראָר ניט אַרויס־געלאָזט פון די הענט אונזער אַלטע הייליקע בונדישע פאָן... איך ברענג אייך אויך דעם גרוס און די באַוואונדערונג פון מיליאָנען יידישע און ניט־יידישע אַרבעטער פון דער וועלט, וועלכע ווייסן פון אייער לעבן, וועלכע ווייסן אָבער אויך פון אייער מוט און פון אייער מסירת־נפשדיקן קאַמף... חברים און ברידער! דער טאָג פון אונזער אַלעמענס באַפרייאונג, דער טאָג פון מפּלה פאַר נאַציזם און פאַשיזם, וועט אומפאַרמיידלעך קומען... פון דעם בלוטיקן קנויל וועט אויפגיין אַ וועלט פון פרייהייט און גלייכהייט, אַ וועלט אין וועלכער עס וועלן פאַרווירקלעכט ווערן די אידעאַלן, וואָס איר הייליקט היינט מיט אייער קאַמף... איך ענדיק מיינע ווערטער מיטן וואונטש, מיר זאָלן זיך וואָס גיכער ווידערזען אינם נייעם, באמת פרייען פוילן. פרייהייט! חבר׳שאַפט!״

אַזוי איז דערשינען פאַר דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־וועלט — דער אַלטער אייסגעפּרואוּווטער פירער פון בונד, דער לעגענדאַרער נח.

אָבער שוין אין געציילטע וואָכן אַרום נאָכן אָנשרייבן אָט די רעדע איז נח געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן ניו־יאָרקער בית־עולם פון אַרבעטער־רינג. די קראַנקייט, וואָס האָט זיך געצויגן זעקס און אַ האַלב יאָר, האָט ענדלעך אונטערגעגראָבן דעם פיזיש שטאַרקן און גייסטיקן ריז — נח. דער דאָקטאָר, וואָס האָט אים געהאַלטן די גאַנצע צייט אין ניו־יאָרק אונטער זיין אָבסערוואַציע, דער חבר און פריינט רפאל גינזבורג, האָט ניט איין מאָל באַוואונדערט די רואיקייט און זעלבסטבאַהערשטקייט פון ח׳ נח. „דאָ אין ניו־יאָרק — האָט דער דאָקטאָר דערציילט — אין דעם לעצטן יאָר פון זיין לעבן האָט ער געהאַט אַ ביסל טעג, ווען זיין קראַנקייט האָט אים געלאָזט צורו. פאַרשטייט זיך, אַז אויך איבער אַזעלכע טעג איז געהאָנגען די שטענ־דיקע דראָאונג פון אַ נייעם אָנפאַל. נח איז אָבער ניט געזעסן און געוואַרט אויף אים. נח איז ניט געווען דעפּרימירט און האָט זיך ניט באַקלאָגט אויף זיין גורל, נח איז געווען אַקטיוו. איך האָב ניט איין מאָל אָבסערווירט אים, בעת ער האָט געדאַרפט זיך שאַנעווען, ניט אַרויסגיין פון שטוב און יעדנ־פאַלס זיין פאָרזיכטיק. ער אָבער פלעגט זיך אויפהויבן, אַוועקפאָרן — און טאָקע מיטן סאָבוויי — און פאַרברענגען אַ שיינע ביסל שעהן דאַון־טאַון, ווייל דאָס איז געווען וויכטיק און נויטיק פאַר דער פאַרטיי. אָדער ער פלעגט אויך פאָרן אין אַן אַנגעלעגנהייט פון אַן איינצלנעם חבר, ווען זיין פּערזענלעכע אינטערווענץ איז געווען נויטיק. — — — עס פלעגט זיך מאַכן, אַז איך האָב אָנגעטראָפן ביי אים אַ פולע שטוב מיט מענטשן — פאַרשטייט זיך, מיט אייגענע חברים. ניט אַלע מאָל איז נח בכוח געווען זיך צוצוהערן, צו ענט־פערן. ער האָט אָבער שטענדיק אויסגעהאַלטן ביז צום סוף. אין קעגנטייל,

ער פלעגט זייער ניט צופרידן זיין, אויב מען פלעגט אויפמערקזאַם מאַכן די חברים, אַז ער איז פאַרט קראַנק..."

„נח איז געווען אַ מענטש פון אַ גאַנץ אויסערגעוויינלעכער וויטאַליטעט און פון אַ זייער שטאַרקן לעבנסווילן. די לעבנס־קראַפט האָט זיך געמערקט סיי אויפן קערפּערלעכן, סיי אויפן גייסטיקן געביט. ער איז געווען האַרט צו זיך, ער האָט אפשר אויך געקענט אַמאָל האַרט זיין צו אַן אַנדערן, אָבער באַמיען אַ פריינט, אַ חבר, אַ נאָענטן מענטשן, איז אים געווען שווערער פון אַלץ. דאָס איז געשטאַנען אין קעגנזאַץ צו זיין גאַנצן לעבנס־סטיל און צו זיין גאַנצער פערזענלעכקייט".

נחס לעצטע ווערטער פאַרן טויט זיינען געווען: „געדענקט אָן וואַרשע, געדענקט אָן אונזער אונטערערדישער באַוועגונג".

נח איז געשטאָרבן שבת, דעם 27טן סעפּטעמבער 1941, דריי בייטאָג.

ביים אָרון איז כסדר געהאַלטן געוואָרן אַן ערן־וואַך, הונדערטער האָבן געשטראָמט צו געזעגענען זיך מיטן ח' נח. די פאָרווערטס־געביידע איז גע־ווען דעקאָרירט מיט רויטע און שוואַרצע פענער. אינעווייניק אין זאַל זיינען געווען די רויטע פענער פון בונד און פון די אַמעריקאַנער יידישע אָרגאַני־זאַציעס. דער אָרון איז געווען באַדעקט מיט אַ סך קרענץ. דינסטיק דעם 30סטן, 11 אין דער פרי האָט זיך אָנגעהויבן די לוויה. יוסף וויינבערג האָט געעפנט די טרויער־צערעמאָניע. ביים אָרון האָבן גערעדט פרידריך אַדלער, שלמה מענדעלסאָן, וול. מאַלינאָווסקי, ר. אַבראַמאָוויטש, ד. דובינסקי, י. באַסקין, אַדאָלף העלד, אַב. קאַהאַן, א. מילער, י. לעווין־שאַצקעס, א. יוגאָוו, פּ. שוואַרץ, דוד מייער. אויפן בית־עולם האָבן גערעדט: ע. נאָוואָגרודסקי, י. הערשקאָוויטש, י. קענער, א. ל. זעלמאַנאָוויטש, י. קיסמאַן, ד. שייער פון שיקאַגאָ, ב. טאַבאַטשינסקי.

*
**

מיט אַ יאָר פריער, אין אָקטאָבער 1940, איז אין וואַרשעווער געטאָ געפייערט געוואָרן דער יאָרטאָג פון דער גרינדונג פון בונד. ס'איז דעמאָלט אָנגעקומען אַ פאַרשטעלטער באַריכט וועגן דער דאָזיקער פייערונג. עטלעכע שורות זיינען דאָרט געווען געווידמעט און געווענדט צו נחן — „צו אונזער טייערן זיידן". „מיר ווענדן צו דיר אונזערע בליקן — האָט זיך דאָרטן גערעדט — סיי אין די שעהן פון אונזער פּיין, סיי אין די שעהן פון פרייד". איצט מיט אַ יאָר שפּעטער, איז דער נאַצי־רינג איבערן וואַרשעווער געטאָ געווען נאָך גרוילעכער אָראָפּגעלאָזט, ער האָט געשטיקט אַלץ, אָן רחמנות פאַרניכ־טעט אַלץ. אָבער דער בונדישער אונטערערד האָט נאָך געהאַט זיינע אומלעגאַלע אויסגאַבעס, און דאָ איז געווען פאַרעפנטלעכט אויף אַ שטילן און פיינפולן אופן די ידיעה וועגן טויט פון ח' נח. דער אָרגאַן פון יוגנט־בונד צוקונפט — די יוגנט־שטימע האָט אַ נעקראָלאָג אָפּגעדרוקט אינם נומער 12 פון 9טן אָקטאָבער 1941, דער ביולעטין אין נומער 21 פון 10טן אָקטאָבער

1941. אינם טעאָרעטישן אָרגאַן פון אומלעגאַלן בונד צייט־פּראַגן, נומ. 2 פון נאָוועמבער 1941 זיינען דאָ פאָלגנדיקע שורות:

## חבר נח

צו דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין פּוילן איז אָנגעקומען די שרעק־לעכע לאַקאָנישע ידיעה: געשטאָרבן נח.

דער דערמאָנטער נומער יוגנט־שטימע האָט 4 נעקראָלאָגן־אַרטיקלען: נח, קאָסאָווסקי, הערמאַן ליבערמאַן, נאָרבערט באַרליצקי. מיר האָבן דאָ אַן אַרטיקל „צו אַ חבר אין תפיסה".

„לאָמיר איינהאַלטן — לייענען מיר דאָ — דעם אָטעם, טייערער, און צוזאַמען זיך שטאַרקן, כדי ניט צו בלייבן שוין אַזוי אויף שטענדיק צע־בראָכענע און ליגנדיקע אויף די קני.

„די שענסטע און בעסטע דעמבעס ווערן אונטערגעהאַקט און פאַלן אונטער דער מערדערישער האַנט פון וועלט־שטורעם! נח, וולאַדימיר, באַר־ליצקי, ליבערמאַן — בלויז פאַר אַזאַ קורצער צייט און אַזאַ שניט...

„לאָמיר זיך ניט אונטערגעבן, חבר, דעם טרויער און לאָמיר ניט לאָזן צעברעכן אונזער געמיט דורך ברענענדיקן צער...

„שוויג־זשע, שוויג, האַרץ, זיי שטיל! דיין צייט איז נאָך ניט געקומען, ס'איז די צייט פון רחמנותלאָזן קאַמף פאַר דעם זיג פונם קעניגרייך פון האַרץ.

„בלייב שטיין, טרער, און האַלט אין דיין שטראָם, פאַרשטיקט געוויין פון אונזערע הערצער! חבר! אינעווייניק, פאַרבאָרגן, פאַרבאַהאַלטן, טראָג דיין צער און דיינע ליידן! דעם שונא צו־להכעיס זיי שטאַרק. לאָז דיך נישט ברעכן!"

אָט די שורות — דאָס איז געווען דער שענסטער קראַנץ אויפן קבר פון ח' נח. צענטליקער יאָרן איז ער געווען אינטים געבונדן מיט דער יוגנט־באַוועגונג. ווען אין די ערשטע־מאַי־פייערונגען האָבן איבער זיין גראָען קאָפּ געפלאַטערט די שטורעם־פענער פון דער בונדישער יוגנט; ווען דער דעפּילירנדיקער אין מאַי־צוג 'צוקונפט־שטורעם' האָט אים באַגריסט אין גרויס יראת־הכבוד — איז דאָס געווען פאַר ח' נח דאָס העכסטע גליק וואָס אַ פאַרטיי־פירער האָט געקענט איבערלעבן. אויך ער פון זיין זייט האָט ניט איין מאָל באַגריסט די דאָזיקע יוגנט. אינם מאַי־נומער פון יוגנט־וועקער 1927, למשל, איז אָפּגעדרוקט נחס וואָרט צו דער יוגנט:

„שיינע ווערטער פאַרמאָגן אַ וואונדערבאַרע צויבער־קראַפט. זיי באַ־גייסטערן, וועקן און רופן די פיינסטע, די ריינסטע געפילן. און פאַלן זיי אויף אַ צוגעגרייטן באָדן, טרייבן זיי צו די הייליקסטע טאַטן. זאָל דער רוף פון אייערע פירער שטענדיק געפינען ביי אייך דעם פלאַמיקסטן אָפּקלאַנג און ניט זיין קיין קול קורא במדבר".

נח, דער מאַן פון טאַט — האָט געוואוסט דעם ווערט און די צויבער־קראַפט פון שיינע ווערטער. און ער האָט דורך זיין הייסן, אויפריכטיקן וואָרט, געזוכט צו באַגייסטערן די יוגנט צו — טאַט.

איצט, אין סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1941 האָט די בונדישע יוגנט כסדר געהויבן אירע בליקן צו איר „טייערן זיידן". אין יענעם מאָמענט האָט די דאָזיקע יוגנט נאָך ניט געוואוסט, אַז איר וועט באַשערט זיין אויס־צוטראָגן אויף זיך דעם הערצאישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ קעגן דער היטלעריסטישער חיה. זי האָט נאָך אַליין ניט פאַראויסגעזען צו וועלכע גרויסע נאַציאָנאַלע און היסטאָרישע מעשים זי איז פעאיק, אָבער זי האָט געפילט: דער גייסט פון ח׳ נח לעבט אין איר, און זי האָט געגלויבט: מיט דעם גייסט קען מען די גרעסטע הויכן דערגרייכן...

דער גורל האָט פאַרהיט ח׳ נח פון דער טראַגישער איבערלעבונג צו זיין אַן עדות פון דעם אומקום פון אַ באַדייטנדיקן טייל פון יידישן פאָלק, פון דעם אומקום פון דער בונדישער באַוועגונג, פון דער יוגנט וואָס האָט אין געטאָ רעוואָלטירט קעגן היטלער־שונא. ניטאָ מער קיין יידן אין פוילן. ניטאָ קיין בונד אין פוילן. דאָס לאַנד איז פאַרקנעכטעט צום בלוט־געפאַרבטן קרעמל. נחס מצבה שטייט שטיל און באַשיידן אויפן בית־עולם פון אַרבע־טער־רינג, אַרומגערינגלט מיט זיינע אַלטע חברים אין קאַמף — וו. קאָסאָווסקי, וו. מעדעם, א. ליטוואַק, ב. וולאַדעק, דזשאַן מילל, פראַנץ קורסקי, וויקטאָר שולמאַן, חיים וואַסער און ש. מענדעלסאָן.

צוויי קאַמפּס־חברים האָבן דאָ געפעלט: הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער. זייערע קערפּערס זיינען געבליבן אויף דער סאָוועטישער ערד...

ווען נח איז געשטאָרבן, האָבן זיי נאָך געלעבט — אין מאָסקווע, אַקאָרשט באַפרייטע פון סאָוועטישע תפיסות. זייער פרייהייט האָט לאַנג נישט גע־דויערט — גאָר גיך איז געקומען דער טראַגישער סוף. אָבער אין יענעם מאָמענט זיינען נאָך די געפאַנגענע בונדישע ערבותניקעס געווען ביכולת אַרויסצושיקן פון מאָסקווע קיין ניו־יאָרק אַ טרויער־דעפּעשע און זי האָט זיך געלייענט אַזוי:

„אין טיפן טרויער צוליבן טויט פון גרויסן סאָציאַליסטישן קעמפער און טייערן פערזענלעכן פריינט. דער אָנדענק פון זיין אומבאַזיגבאַרן גייסט וועט נאָך מער צעמענטירן אונזער אייניקייט און ווילן צום זיג. די האַרציקע אויסדרוקן פון פריינטשאַפט און סימפּאַטיע פאַר נחס אַלמנה".

דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע בלום אויפן פרישן קבר פון נחן. ווער קען איבערדערציילן און אָפּמעסטן דעם טראַגישן און בלוטיק־שמערצלעכן אינהאַלט פון אָט די ווערטער... ווי שרעקלעך פאַטאַל זעט אויס אָט דאָס געזעגענען זיך מיט נחן — פון ווייטן מאָסקווע, אין שאָטן פון די עקזעקוציע־פּלוטאָנען פון דער גע. פּע. או., — מצד זיינע צוויי בעסטע און נאָענטסטע מיטקעמפער און מיטפירער פון דער בונדישער באַוועגונג אין פוילן . . .

זיין גרויסע אָפּהאַנדלונג וועגן ח׳ נח פאַרענדיקט פראַנץ קורסקי מיט די ווייטערדיקע ווערטער:

„נחס אָנדענק נויטיקט זיך ניט אין קיין שום לויב־געזאַנגען. דאָס

בעסטע, וואָס קאָן וועגן אים געזאָגט ווערן, איז דער פּשוטער אמת, איז די געשיכטע פון זיין לעבן אָן שום קאָמענטאַרן.

נח איז אָן שום ספק געווען איינע פון די גרעסטע פּערזענלעכקייטן אין דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד און פּוילן פאַר די לעצטע 50 יאָר, צוערשט אויף דער טעריטאָריע פון גאַנצן צאַרישן רוסלאַנד, די לעצטע 25 יאָר — אין פּוילן.

צוויי דורות טוער פון בונד האָבן זיך דערצויגן אונטערן דירעקטן איינפלוס פון נחן.

נח האָט געהערט צו אַ פּירער־טיפּ, וואָס מען באַגעגנט זייער זעלטן אין פּאָליטישן לעבן. דער אָנערקענטער דערפּאָלגרייכער פּאָליטישער פּירער פּאַרפּעסטיקט זיך געוויינלעך מיט די יאָרן אין דער פּאָרשטעלונג, אַז נאָר ער קאָן אָנפירן מיט דער אַרבעט אויפן בעסטן אופן, און ער קוקט אַמאָל מיט חשד אויף די, וואָס דאַרפן אים שפּעטער פאַרבייטן. דערפון קומען אין אַ גרויסער צאָל פּאָליטישע פּאַרטייען רייבונגען און קאָנפליקטן צווישן אַלטע און יונגע. נח האָט זיך אָבער שטענדיק באַמיט צו טיילן די פירערשאַפט מיט אַנדערע, אַרויסצורוקן אַנדערע אויף פּאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס, געבן אַנדערע די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זייערע פעאיקייטן. דערפון די גרויסע ליבע צו אים פון יונג און אַלט.

אין אים איז האַרמאָניש געווען פּאַראייניקט אַ טיפער אינטעלעקט מיט אַ קרישטאָל־ריינעם און פעסטן כאַראַקטער. איינער פון די מוטיקסטע מענטשן אין דער סכנותפולער אַרבעט אונטערן צאַרישן רעזשים, האָט ער ביי קאַרדינאַל־געענדערטע אומשטענדן אין די לעצטע 25 יאָר פון אָן אָפענער און לעגאַלער פּאַרטיי־אַרבעט אַרויסגעוויזן אַלע גוטע אייגנשאַפטן, וואָס זיינען נויטיק, כדי אין אומרואיקע צייטן אָפּצוהיטן די גאַנצקייט און אינערלעכע געשלאָסנקייט פון דער פּאַרטיי: אַ וויטן בליק, אַ געזונטן חוש פאַר רעאַלע מעגלעכקייטן, אַ זעלטענעם טאַקט־געפיל און קודם־כל אַ טיפן, אומדערשיטערלעכן גלויבן אין דער זאַך, וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן זיין לעבן.

ח. ש. קאַזדאַן

●

# אברהם מוטניק

געבוירן דעם 15 יוני 1868 אין ווילקאָמיר — געשטאָרבן דעם 10 סעפּטעמבער 1930 אין בערלין.

זון פון ישראל יעקב און יהודית מוטניקאָוויטש (דאָס איז געווען זייער ריכטיקער פאַמיליע־נאָמען). דער פאָטער איז געווען אַ פּריוואַט־אַדוואָקאַט (טשאַסטני פּאָווערעני). אַ הינקעדיקער צוליב אַן אומגליקלעכן פאַל אין זיין קינדהייט, איז ער שטענדיק געווען טרויעריק. אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער אַ סך געטרונקען און איז מחמת דעם געוואָרן שווינדזיכטיק און פריי־

צייטיק געשטאָרבן. אַברהם איז דעמאָלט געווען אַ קינד פון 8 יאָר. אַחוץ אים זיינען פאַריתומט געוואָרן פיר שוועסטער. די מוטער איז געווען זייער אַ פרומע, געדאַוונט אין שוהל און געפאַסט אַלע תעניתים.



וו. מעדעם (רעכטס) און א. מוטניק

נאָכן טויט פון פאָטער האָבן די שוועסטער, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט געבן פריוואַטע לעקציעס, מפרנס געווען די משפחה. אברהם איז אַוועקגעפירט געוואָרן קיין קאָוונע, וואו מ'האָט אים צוגעגרייט צו קענען אָנקומען אין גימנאַזיע. אין קאָוונער גימנאַזיע, וואו ער האָט געלערנט פון 1877 ביז 1885, האָט זיך אָנגעהויבן זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט.

דאָס לערנען האָט אים קיין פרייד נישט פאַרשאַפט, דאָך איז ער געווען פון די בעסטע תלמידים. אין פינפטן קלאַס האָט זיך ביי אים אויפגעוועקט אַן אינטערעס צו פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פראַגן און אין זעקסטן האָט ער שוין געלייענט די געהיימע אויסגאַבעס פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ (פאָלקס־ווילן). פון די פריסטע יאָרן אָן — פון דעם צווייטן קלאַס — אָנגעהויבן אַליין צו פאַרדינען דורך געבן לעקציעס.

פאַרן ענדיקן די מיטל־שול האָט דער ייִנגער גימנאַזיסט באַקומען פון הערשנדיקן רעזשים אַ שטאַרקן קלאַפּ. סך־הכל צוויי חדשים פאַרן ענדיקן האָט מען אים אויסגעשלאָסן פון אַכטן קלאַס גימנאַזיע. דאָס איז פאַר דעם ייִנגל געווען אַ שווערע איבערלעבעניש. פאַרוואָס אַזאַ גזר ? נאָך מיט אַ פּאָר יאָר פריער האָבן עטלעכע שילער געבילדעט אַ קרייזל. מוטניק איז געווען

איינער פון זיי (אויך נחום מענדל לעווינסאָן — דער שפּעטערדיקער וולאַדימיר קאָסאָווסקי). לכתחילה אַן אומשולדיקע, קליינע גרופּע פון סתם קאָלעגן צו פאַרברענגען צוזאַמען, איז זי מיט דער צייט אַנגעפּילט געוואָרן מיט אַ גע־זעלשאַפטלעך־רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט. פון אַ שילער האָבן זיי באַקומען די אויסגאַבעס פון נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ, און פאַר די פּילבאַרע יוגנטלעכע האָט זיך געעפנט אַ נייע וועלט. די „קראַמאָלע" איז געוואָרן אויפגעדעקט און די שילער האָבן באַקומען אַ האַרבע שטראָף: דריי פון זיי האָט מען אויסגעשלאָסן פון גימנאַזיע — מוטניק פון אַכטן קלאַס, לעווינסאָן און וואָלפּע פון זיבעטן.

זיי האָבן זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דעם רעוואָלוציאָנער אײדלמאַן, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון מאָסקווע קיין קאָוונע, וואו ער איז געשטאַנען אונטער פּאָליציייִשער השגחה. די גרופּע האָט אויך געשאַפן אַ געהיימע ביבליאָטעק פון פאַרבאָטענע זשורנאַלן און ביכער. אַרום דער ביבליאָטעק האָט זיך קאָנצענטרירט אַ גרעסערער עולם ראַדיקאַל־געשטימטע מענטשן, צווישן זיי אויך אייניקע רוסישע באַאַמטע.

נאָכן אויסשליסן פון גימנאַזיע האָט מוטניק זיך פאַרנומען מיט געבן פּריוואַטע לעקציעס און פון דעם אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט, וואָס האָט אים מעגלעך געמאַכט אין דריי יאָר אַרום אַוועקצופאָרן קיין אויסלאַנד ווייטער שטודירן. ער איז אַרייַן אין דער בערלינער טעכנישער הויכשול. גלייכצייטיק האָט ער אויך באַזוכט אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז דעמאָלט צוליבן אויסנאַם־געזעץ קעגן די סאָציאַליסטן געווען פאַרבאָטן. די דייטשע אַרבעטער־צוזאַמענקונפטן האָבן דעריבער דע־מאָלט געהאַט אַ באַזונדערן ראָמאַנטישן רייץ. לאַנג איז דעם יינגן סטודענט און רעוואָלוציאָנער נישט באַשערט געווען צו בלייבן אין דער דייטשער הויפּט־שטאָט.

אין פעברואַר 1889 איז אין ציריך (שווייץ) פאָרגעקומען אַן אומגליקס־פאַל ביים אויספּרואוון באָמבעס און ס'איז דערביי דערהרגעט געוואָרן דער נאַראָדנאָוואָלעץ איסאַק דעמבאָ. בעת דער רעוויזיע אין דעמבאָס דירה האָט די פּאָליציי געפונען דעם אַדרעס פון דעם פריער־דערמאָנטן וואָלפּע, מיט וועלכן מוטניק האָט געוואוינט אין איין צימער אין בערלין. פון דעמאָלט אָן האָבן דייטשע פּאָליציי־אַגענטן כסדר נאָכשפּיאָנירט מוטניקן ביז מ'האָט אים צוזאַמען מיט אַנדערע פאַרדעכטיקע סטודענטן אַרויסגעשיקט פון לאַנד. דער אַרויסגעשיקטער איז אַוועק קיין פראַנקרייך, פון דאָרטן אין דער שווייץ און נאָך דעם צוריק קיין רוסלאַנד, כדי צו שטעלן זיך צום פּריזיוו.

צום מיליטער האָט מען אים נישט גענומען און ער איז אויף עטלעכע יאָר געבליבן אין פּאָניעוועזש. דאָרטן האָט ער געוואוינט ביי זיין שוועסטער פרומע (פרוי פון אַדוואָקאַט זאַקאָם) איבער פיר יאָר. ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט געבן פּריוואַטע לעקציעס. גלייכצייטיק האָט ער אויך געפירט אַן אומ־לעגאַלע טעטיקייט. צווישן אַנדערן האָט ער געגרינדעט אַ געהיימע ביבליאָ־טעק פון אומלעגאַלער און פאַרבאָטענער ליטעראַטור. לויט אַ פאַראָרדענונג פון דער פעטערבורגער זשאַנדאַרמעריע, האָט מען אים אין 1893 אַרעסטירט.

נאָכן זיצן פיר חדשים אין דער פּאָניעוועזשער טורמע האָט מען אים אַרויס־געלאָזט און געשטעלט אונטער פּאָליציי־השגחה.

אָנהויב 1894 איז מוטניק אַוועק קיין ווילנע און געוואָרן אַ מיטגליד אין דער דאָרטיקער גרופּע פון יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. פון דעמאָלט אָן דאַטירט זיך זיין פאַרבינדונג מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אין וועלכער אים איז באַשערט געווען צו שפּילן אַ פּיאָנערישע און אָנפירערישע ראָל. וועגן דעם לעבנס־וועג, אויף וועלכן ער איז אַרויף, האָט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, פאַרן סוף פון זיינע טעג, אברהם מוטניק אַליין אַזוי געטראַכט:

„איך פלעג זיך אָפט שטעלן די פראַגע אין די לעצטע יאָרן צי האָט מיין לעבן געקענט אַוועקגיין אין אַן אַנדער ריכטונג — איך מיין אין אידייאישער הינזיכט. און גאַנץ אַנטשידן מוז איך אויף דעם ענטפערן: ניין. אַלץ האָט געמוזט זיין אַזוי ווי עס איז געווען. און געווען איז עס דאָך אַזוי איינפאַך און אַזוי נאַטירלעך, אַז דאָס וואָס האָט אונז אַרומגערינגלט אין די יינגע יאָרן, האָט אין אונז קיין שום סימפּאַטיעס צו די רייכע קלאַסן נישט געקענט אַרויס־רופן. דאָס איז געווען אַזוי קלאָר און אַזוי נאַטירלעך, אַז די באַדינגונגען, אין וועלכע איך האָב געלעבט, האָבן פון אָנהויב אָן געמוזט אַרויסרופן דאָס געפיל פון שאַרפסטן פּראָטעסט און דעם ווילן צום קאַמף. ס'איז געווען דורכ־אויס נאַטירלעך, אַז איך בין אין ווילנע צוגעשטאַנען צו דער גרופּע, וואָס איר ציל איז געווען אויפצואוועקן דעם פּאָליטישן און סאָציאַלן באַוואוסטזיין אין אַרבעטער־קלאַס און אין דער געזעלשאַפט. ס'איז אויך געווען אַזוי איינ־פאַך און אַזוי נאַטירלעך, וואָס די אַלע אָרגאַניזאַציעס אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער ווילנער אָנפירנדיקער גרופּע, האָבן זיך שפּעטער (1897) פאַראייניקט און געגרינדעט דעם בונד. און ס'איז געווען נאַטירלעך, אַז איך האָב זיך אין יענעם אַקט באַטייליקט. און ס'איז געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַז איך האָב נאָך דעם יאָרנלאַנג אינגאַנצן זיך אָפּגעגעבן פאַר דער בונדישער אַרבעט.

איך זע אין דעם אַבסאָלוט קיין שום העראָאיזם נישט, קיין שום קרבן נישט פון מיין זייט. האָט עס דען געקענט זיין אַנדערש? פאַרקערט, איך האָב זיך געמאַכט פאַרוואורפן, אַז איך טויג וויניק פאַר אַ רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע, וואָס פאָדערט פון אירע מיטגלידער טאַקע אמתן העראָאיזם. איך ווייס נישט צי איך וואָלט געקענט אַריבערטראָגן קאַטאָרגע, זיצן לאַנג געשמידט אין אייזן א. אַז. וו.. איך ווייס נישט צי איך וואָלט זיך נישט פאַרלוירן, ווען איך וואָלט געמוזט גיין צו דער תליה... איין זאַך ווייס איך פעסט: איך וואָלט קיין חברים נישט אַרויסגעגעבן; קיין סודות פון דער אָרגאַניזאַציע וואָלט איך נישט אַרויסגעגעבן, אויך נישט פאַרן פרייז פון מיין לעבן... אָבער עס זיינען פאַראַן מענטשן, מוטיקע און פעסטע, וואָס קענען אַריבערטראָגן אַלערליי עינויים און שפּייען דעם תליון אין פּנים. וואָלט איך אויף דעם פעאיק געווען? דאָס ווייס איך נישט. אויף דעם קען איך קיין ענטפער נישט געבן. איך ווייס, אַז דאָס זיצן אין טורמע האָב איך אַריבערגע־טראָגן מיט מוט, אָבער אָנגעקומען איז דאָס מיר שווער. אָט דער צושטאַנד מיינער האָט מיך שטאַרק געמוטשעט. אין מיין שווערן געמיט־צושטאַנד

האָב איך געזען אַ שוואַכקייט, ד. ה., אַזאַ כאַראַקטער־שטריך, וואָס פּאַסט נישט פאַר אַן אמתן רעוואָלוציאָנער. און אין יענער נידערגעדריקטער שטימונג האָב איך אויך זיך געפרעגט: אפשר בין איך נישט פּעאיק צו רעוואָלוציאָנערער אַרבעט? אפשר האָב איך נישט צו דעם די נויטיקע מאָראַלישע קרעפטן? יאָ, שווערע ספקות האָבן מיך באַדריקט, און דאָך האָב איך זיך געמוזט ענט־פערן: אַנדערש ווי עס איז האָט מיין לעבן נישט געקענט זיין, גאַנץ גלייך צי איך בין פעאיק אויף הערואישע טאָטן אָדער נישט" (בלעטלאַך פון מיין לעבן).

און ס'איז געוועזן „אַזוי קלאָר און אַזוי נאַטירלעך", אַז דער ייִנגערמאַן, וואָס איז געקומען פון פּאָניעוועזש, שוין מיט אַ רעוואָלוציאָנערן סטאַזש, זאָל באַלד ווערן אַ טוער אין ווילנע. מ'האָט אים איבערגעגעבן צו פירן אַ סאָ־ציאַליסטישן יוגנט־קרייז און דעם פאַראיין פון די שניידערינס. מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט מען אים געגעבן צוזאַמענצושטעלן אַ באַריכט וועגן דער טע־טיקייט פון דער ווילנער גרופּע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס מ'האָט איבערגעלייענט אויף די 1טע מאַי־פאַרזאַמלונגען פון די יידישע אַרבעטער. און מיט אַ יאָר שפּעטער האָט ער אין נאָמען פון דער ווילנער אָרגאַניזאַציע און פון פּעטערבורגער פאַרבאַנד צום קאַמף פאַר באַפרייען דעם אַרבעטער־קלאַס צוגעגרייט אַ באַריכט און אַ באַגריסונג צום אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פאַר אַרבעטס־שוץ אין ציריך. אַ ריי באַריכטן איז אים אויך אויסגעקומען צוזאַמענצושטעלן אין שפּעטערדיקע יאָרן. מ'האָט זיך וועגן דעם געווענדט דווקא צו אים, ווייל ער איז געווען אַ זייער פּינקטלעכער אין פאַקטן און צי־פערן און זיינע באַריכטן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זאַכלעכקייט און קלאָר־קייט. מוטניק האָט אויך אָנגעשריבן אַ באַריכט פון דער טעטיקייט פון דער ווילנער אָרגאַניזאַציע פאַר די יאָרן 1892 — 1896, וואָס איז צוגעשיקט גע־וואָרן צום לאָנדאָנער קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל (1896). דער באַריכט האָט געמאַכט אַ רושם. נאָכן איבערלייענען אים האָט געאָרג פּלעכאַנאָוו געשריבן: „די יידישע אַרבעטער זיינען דער אַוואַנגאַרד פון דער רוסלענדער אַרבעטער־באַוועגונג".

ערב דער גרינדונג פון בונד איז די העכסטע אָנפירונג פון דער ווילנער אָרגאַניזאַציע באַשטאַנען פון פּאָלגנדיקע דריי חברים: אַרקאַדי קרעמער, וולאַדימיר קאָסאָווסקי און אברהם מוטניק (פּסעוודאָנים: גלעב). דער ערשטער האָט זיך בעיקר פאַרנומען מיט די אַלגעמיינע ענינים פון דער באַ־וועגונג; דער צווייטער — מיט שרייבערישע און דער דריטער — מיט די אָרגאַניזאַציאָנעלע. פאַרשטייט זיך, אַזוי פּשוט איז די איינטיילונג נישט געווען, ווייל זיי האָבן געאַרבעט צוזאַמען ווי אַ געשלאָסענער קאָלעקטיוו. אויסער דעם דרייילינג איז געווען נאָך אַ ברייטערער קאָמיטעט און די דריי האָבן געבילדעט אַ מין פּרעזידיום — דעם העכסטן שפּיץ פון דער באַוועג־גונג. זיי האָבן דעצידירט וועגן רופן דעם גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון בונד און אַלע דריי זיינען אויף אים געווען דעלעגאַטן. און ווען מ'האָט אויסגעקליבן דעם ערשטן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ערשטער יידישער אַרבעטער־

פּאַרטײ, האָט מען עס באַטראַכט פֿאַר „קלאָר און נאַטירלעך", אַז ער דאַרף באַשטײן פֿון זעלבן ווילנער דריילינג.

פֿאַרשטײט זיך, אַז די וויכטיקסטע פֿראַגע, וואָס דער ערשטער צוזאַמענפֿאַר האָט געדאַרפֿט פֿאַרענטפֿערן, איז געווען פֿאַרוואָס ס'איז נויטיק צו שאַפֿן אַ צענטראַלע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין דער רוסישער אימפּעריע. די דעלעגאַטן האָבן אַרויסגעבראַנגט אַ ריי מאָטיוון.

„נאָר די דאָזיקע אַלע רעדעס — האָט מיט צען יאָר שפּעטער געשריבן א. מוטניק — האָבן זיך געדרייט אַרום איין צענטראַלן פּונקט. דאָס איז די יידישע רעכטלאָזיקייט, דער ספּעציעלער יאָך, אונטער וועלכן עס קרעכצט דאָס יידישע פֿאָלק און פֿון וועלכן עס ליידט מער פֿון אַלעמען דער יידישער פּראָלעטאַריאַט. דער קאַמף פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון דאָזיקן יאָך דאַרף זיין דער צענטראַלער פּונקט פֿון אונזער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. און זעלבסט־פֿאַרשטענדלעך, אַז נאָר אַזאַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אויסגעוואַקסן צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, קען אין די אינטערעסן פֿון באַפֿרייען דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט פֿון דעם דאָזיקן יאָך מיט דערפֿאָלג אויסנוצן אַלץ, וואָס עס גיט דאָס יידישע לעבן" (די האָפֿנונג, נומ' 14).

נאָכן גרינדונג־צוזאַמענפֿאָר פֿון בונד האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט צוליב זיכערקייט־טעמים געמוזט פֿאַרלאָזן ווילנע און האָט זיך באַזעצט אין מינסק (סוף 1897). דאָרטן האָט מוטניק זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט פֿון צ. ק. און אין דער רעדאַקציע פֿון צענטראַל־אָרגאַן די אַרבייטער־שטימע, וואָס האָט זיך געדרוקט אין דער אָוועקגעשטעלטער געהיימער דרוקעריי אין באָברויסק. ער האָט זיך מיטבאַטייליקט אין די צוגרייטונגען צום גרינדונג־צוזאַמענפֿאָר פֿון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטײ, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין מינסק אין די טעג פֿון 1־3 מערץ 1898. צוזאַמען מיט אַרקאַדי קרעמער האָט מוטניק פֿאַרטרעטן דעם בונד אויפֿן דאָזיקן צוזאַמענפֿאָר. ער איז געווען דער מחבר פֿון ערשטן אויפֿרוף, וואָס האָט געהאַט די אונטערשריפֿט פֿון צ. ק. פֿון בונד. דאָס איז געווען דער אויפֿרוף צום 1טן מאַי 1898. אין אים איז אויך געווען געמאָלדן וועגן דער גרינדונג פֿון דער ס. ד. פּאַרטײ און אַז דער בונד איז אַ טייל פֿון איר.

טאַקע אין שייכות מיטן גרינדונג־צוזאַמענפֿאָר פֿון דער ר. ס. ד. אַ. פּ. זיינען קיין מינסק פֿאַרשלעפּט געוואָרן די שפּיאָנען פֿון מאָסקווער אָכראַנע־שעף זובאַטאָוו. צוליב דעם האָט מען גענומען טראַכטן וועגן איבערטראָגן דעם צענטער פֿון דער בונדישער אַרבעט אַנדערשוואו. בערך אין מאַי 1898 דעלעגירט דער צ. ק. מוטניקן קיין לאָדזש. אָבער אויך דאָרטן האָבן שוין געבושעוועט זובאַטאָווס שפּיאָנען און אַ גאַנצע גרופּע בונדישע טוער אַרעסטירט מען דעם 26 יולי 1898.

צווישן די אַרעסטירטע איז אויך געווען דער פֿאַרשטייער פֿון צ. ק.. פֿון לאָדזש האָט מען אים איבערגעפֿירט קיין מאָסקווע, וואו ער איז אָפּגעזעסן אין תפֿיסה ביז סוף דעצעמבער 1899. מ'האָט אים דעמאָלט באַפֿרייט ביזן אורטייל. מוטניק איז אַוועק קיין פּאָניעוועזש און דעצעמבער 1900 איז ער אַנטלאָפֿן קיין אויסלאַנד.

געקומען קיין בערן (שווייץ), האָט ער שטודירט אין דאָרטיקן אוניווער־סיטעט, וואָס ער האָט מיט אַ יאָר שפּעטער פאַרלאָזט, כדי אײַנגאַנצן זיך ווידמען דער בונדישער אַרבעט. ער ווערט אין 1902 צוקאָאָפּטירט צום אויסלענדישן קאָמיטעט, אין וועלכן ער איז געווען אַ מיטגליד ביז מיטן 1906, ווען דער צ. ק. האָט אים אַרויסגערופן קיין רוסלאַנד. די גאַנצע צײַט האָט מוטניק אויסגעפירט די פונקציעס פון אַ סעקרעטאַר און פאַרוואַלטער פון אויסלענ־דישן קאָמיטעט, פון דער בונדישער אויסלענדישער דרוקערײַ, ביבליאָטעק און אַרכיוו פון בונד.

וועגן יענער צײַט דערציילט דזשאָן מילל: „גלעב האָט נישט מסכים געווען צו נעמען אַ שטענדיקן פעסטגעשטעלטן געהאַלט. אַנשטאָט דעם פלעגט ער פאַרשרײַבן אַלע זײַנע הוצאות, ווי צום בײַשפּיל: וואַשן צוויי העמדער, אַ פונט צוקער, געבעקס, אַ פערטל פונט טיי, אַ פּאָר קאָלאָשן, אַ פערטל פונט פּוטער, קעז פאַר 25 סאַנטים און אַזוי ווײַטער און ווײַטער, און פלעגט אײַנמאָנען פאַר אָט די אַלע ‚לוקסוס׳־אויסגאַבן, אַנגעבנדיק דעם פּרײַז, וואָס ער האָט געצאָלט פאַר יעדן אַרטיקל. די הוצאות פלעגן דערגרייכן די אומגעהויערע סומע פון אַ דרײַ אָדער העכסטנס פיר אַמעריקאַנער טאָלערס אַ וואָך!.. גלעב איז געווען אַ ספּעציאַליסט אויף צוזאַמענשטעלן באַריכטן צו אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן און אויך באַריכטן פון אויס־לענדישן קאָמיטעט צו די צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן פון בונד. מיט זײַער זאַכלעכקייט, אויספירלעכקייט און פּינקטלעכקייט פלעגן זיי דערמאָנען די בעסטע באַריכטן פון דער דײַטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי״, פון וועלכער ער איז, אַגב, דעמאָלט געווען אַ גרויסער חסיד.

אין אויסלענדישן קאָמיטעט איז חבר גלעב געווען טעטיק סײַ אין לאָנדאָנער, סײַ אין זשענעווער פּעריאָד. ער איז אויך געווען אַ רעדאַקציע־מיטגליד פון אָרגאַן דער אידישער אַרבייטער און געאַרבעט אַרום די אינפאָר־מאַציע־בלעטער פּאָסלעדניאַ איזוועסטיאַ און לעצטע פּאָסירונגען. אײנער פון די גרינדער פון בונדישן אַרכיוו, האָט ער מיט אים פאַרוואַלטעט ביז אויגוסט 1906, ווען ס׳האָט אים איבערגענומען פראַנץ קורסקי. אויף אייניקע קאָנפערענצן פון בונד האָט ער באַריכטעט וועגן דער טעטיקייט פון אויס־לענדישן קאָמיטעט. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד פון דער בונדישער דע־לעגאַציע אויפן צוזאַמענפאָר פון די אויסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס איז פאָרגעקומען סוף דעצעמבער 1901 אין בערן. נאָכן קישעניעווער פּאָגראָם (1903), ווען דער בונד איז צוגעטרעטן גרינדן זעלבסט־שוצן קעגן די פּאָגראָמען, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט אָרגאַניזירט, איז מוטניק געשיקט געוואָרן פון אויסלענדישן קאָמיטעט קיין ליעזש (בעלגיע), וואו ער האָט אײַנגעקויפט רעוואָלווערן (בראַונינגס) און מ׳האָט זיי געהיים אַריבערטראַנספּאָרטירט קיין רוסלאַנד.

אויפן רוף פון צענטראַל־קאָמיטעט פאַרלאָזט חבר גלעב אויגוסט 1906 זשענעוו און קומט קיין ווילנע, כדי צו פאַרוואַלטן מיט דער דרוקערײַ, וואו עס האָט זיך געזעצט און געדרוקט דער בונדישער טעגלעכער אָרגאַן — פאָלקס־צײַטונג. (שפּעטער די האָפענונג). די צאַרישע מאַכט, וואָס איז געקומען

צו זיך נאָך דער צעטרייסלונג אין רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד, האָט אָפּגע־שטעלט די בונדישע טעגלעכע פּרעסע. מיט אַ צייט שפּעטער האָט מען אין שייכות מיט דעם אַרעסטירט דעם פאַרוואַלטער פון דער דרוקערייִ. נאָך איניקע וואָכן האָט מען אים באַפרייט. ער איז ווייטער געוואָרן דער פאַרוואַל־טער פון דער זעלבער דרוקערייִ (אַגב, זי האָט געהאַט די ערשטע ראָטאַציע־מאַשין און זאַץ־מאַשינען אין ווילנע). איצט איז זי שוין אָבער נישט געווען דאָס אייגנטום פון בונד, וועלכער האָט זי מער נישט געקענט נוצן, נאָר פון ב. קלעצקין, צו וועמען זי איז פאַרקויפט געוואָרן (דער שפּעטערדיקער פאַר־לעגער קלעצקין איז דעמאָלט געווען אַן אַקטיווער בונדיסט און אַ סך געטאָן פאַרן בונד, בפרט פינאַנציעל).

זומער 1908 איז דעם בונדישן פּיאָנער אויסגעקומען אויסצופירן אַ פּריקרע שליחות. לויטן פאַרלאַנג פון צענטראַל־קאָמיטעט האָט ער צוזאַמען מיט לייבעטשקע בערמאַן זיך אַריינבאַקומען אין דער פאַרמאַכטער דירה פון ישראל מיכל קאַפּלינסקי, וועגן וועלכן ס'זיינען שוין געווען ידיעות, אַז ער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. דער צוועק פון דעם אַריינרייסן זיך אין אַ פרעמדער דירה איז געווען דורכצופירן אַ גרינטלעכע רעוויזיע, כדי צו געפינען באַווייזן אויף צו באַשטעטיקן די באַקומענע ידיעות.

אברהם מוטניק האָט זיך שפּעטער דערווייטערט פון דער אַקטיווער אַרבעט אין דער באַוועגונג. אַ מענטש, אויף וועלכן מ'וואָלט געקענט זאָגן איש תם וישר, איז ער געווען שטיל און באַשיידן, געוויסנהאַפטיק ביז גאָר. אַ שווייגער און אומעטיקלעכער, האָט דער דורכפאַל פון דער ערשטער רוס־לענדער רעוואָלוציע געווירקט אויף אים דערדריקנדיק.

אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מוטניק מיט זיין פאַמיליע געוואוינט אין שטאָקהאָלם (שוועדן). נאָכן אויסברוך פון דער רוס־לענדער רעוואָלוציע אין 1917 איז ער געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד אין פּעטראָגראַד און מיט בונדישע טוער אין אַ ריי שטעט פון רוסלאַנד און פון דער שווייץ. זייענדיק אין אַ נייטראַל לאַנד, האָט ער פאַר זיי דערלידיקט פאַרשידענע ענינים. הערבסט 1917 האָט ער זיך געגומען גרייטן צו פאָרן קיין רוסלאַנד, ס'איז אָבער פאַרגעקומען די באָל־שעוויסטישע איבערקערעניש און זי האָט צעשטערט אַלע פּלענער.

אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער בונדישער פּיאָנער מיט זיין פאַמיליע געלעבט אין בערלין ביי שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען. ער האָט זיך נישט געקענט אַריינפּאַסן אין נייעם סדר. אַ גע־וויסע צייט האָט ער געאַרבעט אין כלל־פאַרלאַג ווי אויך אין פאַרלאַג וואָסטאָק. זיך געהאַלטן נאָענט צו דער בערלינער בונדישער גרופּע און ביזן סוף פון זיין לעבן געטראָגן אין האַרץ, ווי אַ קדושה, די אַקטיווע בונדישע יאָרן.

ב.: אינפאָרמאַציע פון אַבראַם קאַסטעלאַנסקי (קאַרלין — וואַרשע — ניו־יאָרק) און הענעך געלערנט (קרעמענעץ — בערלין — ניו־יאָרק). אברהם מוטניק („גלעב"): בלעטלאַך פון מיין לעבן (די צוקונפט, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער־דעצעמ־בער 1933); בריוו צו וולאַדימיר קאָסאָווסקי (מאַנוסקריפּט); ג.—ב.: דער ערש־

טער צוזאַמענפאָהר פון בונד (די האָפנונג נומ׳ 14, ווילנע, 8 אָקטאָבער 1907). אַרקאַדי, ניו-יאָרק, 1942. דזשאָן מילל: פּיאָנערן און בויער, ב. 1, ניו-יאָרק, 1946, ב. 2, 1949. פראַנץ קורסקי: געזאַמלטע שריפטן, ניוי-אָרק, 1952. ל. בערמאַן (לייבעטשקע): אין לויף פון יאָרן, ניו-יאָרק, 1945.

י. ש. הערץ

●

# פּאַטי קרעמער

געבוירן דעם 2 יאַנואַר 1867. איר מיידלשער נאָמען איז געווען מאַטלע סרעדניצקי. אַ טאָכטער פון אַ פאַרמעגלעכן מעל־סוחר אין ווילנע. זי איז אויסגעוואַקסן אַ לעבעדיק, פריילעך און אינטעליגענט מיידל.

קוים 15 יאָר אַלט, הויבט זי שוין אָן אַרבעטן לטובת הכלל. געווען איז עס אַזוי: אין זייער באַלעבאַטישער שטוב פלעגט אַריינקומען אַן אָרימע יידענע, וואָס האָט זיי ווינטער־ציַיט געברענגט זויער־קרויט. פון ציַיט צו ציַיט האָט די פרוי געגעבן דער יינגער מאַטלען אַ בריוו צום איבערלייענען, וואָס אַ טאָכטער האָט איר געשיקט פון אַ שטעטל. אויף דער פראַגע פון דעם מיידל פאַרוואָס זי גייט נישט די בריוו צו לייענען אירע אייגענע קינדער, האָט די יידענע אַזוי געזאָגט: „אוי ביסטו, מאַטלינקע, אַ נאַרעלע, מיינסט אוודאי, אַז פון דעם פעסעלע קרויט קען מען שיקן טעכטער אין די גימנאַזיעס. אַפילו אַ מלמד, וואָס זאָל זיי אויסלערנען אַ שטיקל עברי האָב איך ניט געהאַט פון וואַנען זיי צו דינגען״.

דער ענטפער פון דער יידענע האָט מאַטלען מאָדנע צערודערט. זי אַליין איז געווען פאַרקאָכט אין לייענען און זי האָט זיך גאָר ניט געקענט פאָר־שטעלן, אַז מען זאָל קענען לעבן אָן דעם. זי האָט ניט אויפגעהערט וועגן דעם צו טראַכטן. זי האָט אָנגעהויבן פּלאַנעווען, אַז אפשר זאָל זי צוזאַמענמאַכן אַ ביסל געלט, אַז די יידענע זאָל קענען דינגען אַ לערער פאַר אירע קינדער. אָבער דערנאָך האָט זי זיך אַרומגעזען, אַז די בעסטע זאַך וועט זיין ווען זי וועט עס אַליין טאָן. און זי האָט זיך תיכף גענומען צו דער אַרבעט. זי האָט זיך איינגעהאַנדלט אַ גרויסן בויגן טעקטור און זיך גענומען מאָלן אותיות. ווען דער גאַנצער אַלף־בית איז געווען פאַרטיק, האָט זי אויסגעשניטן די באַזונדערע אותיות, זיי צוזאַמענגעלייגט, גענומען אַ העפט, אַ פעדער, אַ פּלע־שעלע טינט, אַלץ אַריינגעלייגט אין אַ קאַשיקל, אָנגעטאָן אַ פאַטשיילע און זיך געלאָזט גיין אויף נאָווגאָראָד, וואו די יידענע האָט געוואוינט.

ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן איז די זאַך ניט צוגעגאַנגען אַזוי פשוט. די טעכטער פון דער יידענע זיינען געווען זאַקנמאַכערקעס. זיי האָבן געאַרבעט ביז אין דער טיפער נאַכט אַריין. ניט זיי האָבן געהאַט צייט צו לערנען, ניט זייער קאָפּ איז געווען דערביי. מען האָט געדאַרפט אויסצאָלן די מאַשין און קלייבן אַ רובל אויף נדן. אָבער פּאַטי האָט זיך אַזוי גיך ניט אונ־

טערגעגעבן. זי האָט אָנגעהויבן קומען צו זיי ריידן אין די שבתים. זי האָט זיך באַקאָנט מיט נאָך אַנדערע זאָקנמאַכערקעס, ביסלעכווייז האָבן זיך די מיידלעך אָנגעהויבן צוהערן צו איר און זי האָט באַקומען עטלעכע תלמידות.

אַ סך ערגער איז געווען מיט די מאַמעס פון די מיידלעך. זיי האָבן געקוקט אויף דעם גאַנצן לערנען ווי אויף אַ בייזע אָנשיקעניש. ביסלעכווייז האָבן זיך אויך געפונען מאַמעס, וואָס האָבן אָנגעהויבן טראַכטן, אַז אפשר וועט עס זיין גוט צו אַ שידוך און וואָס ווייטער זיינען אַלץ ווייניקער געוואָרן אַזעלכע וואָס פלעגן זיך זידלען און שרייען.




פּאַטי — אין דער יוגנט און אויף דער עלטער.

צי האָבן זיך די מיידלעך אַ סך אויסגעלערנט? פּאַטי האָט געדענקט נאָר אַ פּאָר פון זיי, וואָס האָבן אָנגעהויבן לייענען ביכער. אָבער פּאַטי האָט געהאַלטן, אַז זי אַליין האָט זייער פיל געלערנט, אַז די דאָזיקע אַרבעט אירע האָט אויפגעוועקט איר געדאַנק צו פאַרנעמען גרויסע פּריוויליטאַט־אידייען און זי אַרויסגעפירט אויף דעם וועג, אויף וועלכן זי איז געגאַנגען אַ גאַנץ לעבן.

מאַטלע אַליין האָט שטודירט אין דער ווילנער גימנאַזיע. נאָכדעם ווי זי האָט די גימנאַזיע געענדיקט, איז זי אַריינגעטרעטן אין וואַזשינסקיס צאָן־אַרצטלעכע שול אין פּעטערבורג. שוין האָבנדיק דעם דיפּלאָם פון אַ דענטיסטקע און זוכנדיק אַ ביסל מער אַלגעמיינע בילדונג, האָט זי זיך פאַרשריבן אויף די פרעבל קורסן, אויך אין פּעטערבורג. דאָ ווערט זי „אָנגעשטעקט" מיט די „באַצילן" פון סאָציאַליזם, ווערט צוגעצויגן צו רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, אָבער איידער זי קוקט זיך אַרום און נאָך איידער זי ווערט אַקטיוו־טעטיק, אַרעסטירט מען זי אונטער דער אָנקלאָגע פון צוגעהעריקייט צו אַ פאַנטאַסטישן „סאַנקט־פּעטערבורגער טעראָריסטישן קרייז". זי פאַרברענגט אַ קורצע צייט אין טורמע און אין 1890 ווערט זי אַרויסגעשיקט קיין ווילנע אונטער ספּעציעלער פּאָליציי־אויפזיכט.

דאָ הויבט זיך אָן איר פּיאָנערן־אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער און אויפן באָדן פון אָט־דער אַרבעט ווער איך צום ערשטן מאָל באַקאַנט מיט איר.

זי איז דאַן געווען 23 יאָר אַלט. אַ שיין, לעבעדיק מיידל, אָנגענעם, סימ־פּאַטיש, פריינטלעך. מיר אַלע האָבן זי זייער ליב באַקומען. אין לויף פון דער צייט, אין דער געמיינזאַמער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, זיינען מיר גע־וואָרן נישט בלויז נאָענטע חברים, נאָר אויך פּערזענלעכע פריינט. דער פאַקט איז, אַז אין משך פון די מער ווי 50 יאָר, וואָס איך האָב זי געקאַנט, זיינען מיר — מיט דעם אויסנאַם פון אַ פּאָר קורצע איבעררייסן — געשטאַ־נען אין שטענדיקער קאָרעספּאָנדענץ. דעם לעצטן בריוו פון איר האָב איך געהאַט אין 1941.

גלייך ווי זי איז געקומען קיין ווילנע, האָט פּאַטי (אַזוי האָט מען זי גערופן אין דער באַוועגונג) זיך אַריינגעוואָרפן — בוכשטעבלעך אַריינגעוואָרפן — אין דער אַרבעט, אַרויסווייזנדיק דערביי אַן אומגלויבלעכע ענערגיע, עקשנות־דיקייט און איניציאַטיוו. קיין זאַך איז נישט געווען שווער פאַר איר. אין קעגנזאַץ צו אייניקע חברים, וועלכע פלעגן צייטנווייז זיין אויסקלייבעריש אין דעם סאָרט פון דער אַרבעט, וואָס מען פלעגט זיי צוטיילן, פלעגט פּאַטי אַזעלכע קאַפּריזן קיין מאָל נישט האָבן. פאַר איר האָט נישט עקזיסטירט די צעטיילונג פון דער פּאַרטיי־אַרבעט אויף וויכטיקע און קליינע טאָג־טעג־לעכע, אויף אַרבעט וואָס אַפּעלירט צו דיר און אויף אַזעלכע, וואָס עס ווילט זיך אָפּשטויסן מיט דער האַנט — פאַר איר איז אַלץ געווען וויכטיק און הייליק, אויב נאָר די אַרבעט האָט מער אָדער ווייניקער געדינט די אינטערעסן פון דער אָרגאַניזאַציע.

דער ערשטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער צענטר פון דער ווילנער אָר־גאַניזאַציע האָט זיך פאָרמירט אין 1889. ווען פּאַטי איז אין אים אַריינגענומען געוואָרן, איז ער אַחוץ איר באַשטאַנען פון נאָך זעקס מיטגלידער: אַרקאַדי קרעמער, איסיי אייזענשטאַט, ליובע לעווינסאָן, צמח קאָפּעלזאָן, שמואל גאָזשאַנסקי און דזשאָן מילל. אין אָט־דעם צענטר האָט פּאַטי פאַרנומען אַ גאָר באַדייטנדן אָרט. זי האָט נישט פּלאַנירט און געבויט נייע פּרינציפּיעלע וועגן, אָבער זי איז געוואָרן איינע פון די בעסטע, איבערגעגעבנסטע און וויכ־טיקסטע פּראַקטישע טועריננס. מען פלעגט זאָגן וועגן איר, אַז זי איז אייביק „פאַרשמאַיעט", אַז אויף אַ קונציקן אופן געפינט זי גענוג צייט און פאַר־מאָגט פעאיקייט צו זיין אין דער זעלבער צייט אויף צען יאַרידן, אַז אויף פאַרזאַמלונגען זיצט זי ווי אויף שפּילקעס, ווייל זי האָט די געוואוינהייט אַזוי זיך איינצואָרדענען, אַז אין דעם זעלבן אָוונט האָט זי אַ טוץ טעטיקייטן דורכצופירן. זי לויפט פון איין קרייז צו אַ צווייטן צו טון פּראָפּאַגאַנדיסטישע אַרבעט אָדער פּשוט צו זען זיך מיט די אַרבעטער צוליב דעם אָדער יענעם ענין. זי אָרגאַניזירט נייע קרייזן. זי טראָגט פאַנאַנדער ליטעראַטור. זי רעדט אויף די פאַרזאַמלונגען פון די „קאַסעס" און העלפט זיי אויסגלייכן די געלט־רעכענונגען. זי איז אַן אמתע כישוף־מאַכערין אין קלייבן געלט פאַר

דער אָרגאַניזאַציע און איבּ נויטיק זשענירט זי זיך נישט צו „בּעטלען״ רעכטס און לינקס.

בּיי אַן אַנדער געלעגנהייט האָבּ איך זי אַמאָל כאַראַקטעריזירט אַלס די „בּיזי באָדי״ פון אונזער דעמאָלטיקער אָרגאַניזאַציע — נאַטירלעך אין אַ שיינעם, נאָבּעלן, רעוואָלוציאָנערן זין פון וואָרט. דאָס איז זי טאַקע געווען אין דער פּיאָנערן־צייט פון אונזער בּאַוועגונג, פאַר דער גאַנצער צייט בּיז איר אַרעסט און פאַרשיקונג אין 1897. איר דענטיסטישער קאַבּינעט אויף רודניצקאַ־גאַס איז געווען דער זאַמל־פּונקט פון אַלע קאָנספּיראַטיווע „טראַנס־אַקציעס״, און דער אַדרעס פאַר יענע, וואָס פלעגן קומען קיין ווילנע פון אַנדערע שטעט אין רעוואָלוציאָנערע שליחות. אָפט פלעגן צו איר אַריינקומען חברים מיט פאַרבּונדענע בּאַקן צו פאַרבּלענדן די אויגן פון שפּיאָנען און צו פאַרהיטן איר פון פאַרדאַכט אין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייטן. בּלויז צוויי פון אונז האָבּן געקענט גוט יידיש: גאָזשאַנסקי און פּאַטי. דער ערשטער אָבּער איז געווען אַ זייער פאַרנומענער מענטש און די גאַנצע לאַסט פון אי־בּערזעצן אויף יידיש, צו קאָרעספּאָנדירן אין יידיש איז געלעגן אויף פּאַטיס פּלייצעס. קענענדיק גוט אַ פּאָר אייראָפּעאישע שפּראַכן, פלעגט זי אָפט מוזן איבּערזעצן פאַר אונזער אָרגאַניזאַציע סאָציאַליסטישע אַרטיקלען, געדרוקט אין אויסלאַנד, אין וועלכע מיר האָבּן זיך גענויטיקט.

דורך איר אומדערמידלעכער אַרבּעטזאַמקייט, דורך איר אמת חברישער און פריינטלעכער בּאַציאונג צו די אַרבּעטער, דורך איר פאַרשטענדעניש פון זייערע נויטן, דורך דער פעאיקייט אַריינצודרינגען אין זייערע הערצער און דורך דעם צו דערוועקן בּיי זיי אַ צוטרוי צו זיך, האָט זי זיך דערוואָרבּן אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט. די ליבּע, מיט וועלכער זי איז געווען אַרומגערינגלט, איז געווען איר בּעסטע „בּאַלוינונג״. און גרויס איז געווען פּאַטיס שטאָלץ פון אַזאַ סענטימענט צו איר מצד די אַרבּעטער.

אַלס די פרוי פון בּונדישן פּיאָנער און פירער אַרקאַדי קרעמער, איז זי געווען זיין מיטקעמפערין און לעבּנס־חבּרטע און געטיילט מיט אים זיינע זאָרג און פרייד, זיינע האָפענונגען און אַנטוישונגען.

אין סעפּטעמבּער 1897 ווערט פּאַטי אַרעסטירט, ווערט געהאַלטן אין ווילנער טורמע אַ קורצע צייט און ווערט פאַרשיקט קיין טשאַוסי, מאָהילעווער גובּערניע, אויף 5 יאָר. איר אַרעסט האָט כמעט געטויט דעם פּלאַן פון צו־זאַמענרופן דעם גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון בּונד. פּאַקטיש האָבּן די ווילנער איניציאַטאָרן פון צוזאַמענפאָר, נעמענדיק אין אַכט די פּאָליציייאישע געפאַר, בּאַשלאָסן אים אָפּצולייגן און ער וואָלט טאַקע געוואָרן אָפּגעלייגט גאָט ווייס אויף ווי לאַנג, אויבּ נישט מיין איינגעשפּאַרטקייט — אַן איינגעשפּאַרטקייט, וואָס איז געווען דיקטירט פון די פּאַרטייאישע און פּאָליטישע אינטערעסן פון אונזער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע.

צופּיל ענערגיע און צופּיל לעבּנסלוסט איז געווען אין פּאַטין, אַז זי זאָל בּלייבּן זיצן פויל און אומטעטיק אַפילו אין דעם קליינעם פאַרוואָרפענעם שטעטל טשאַוסי. פון די עטלעכע פּאָליטישע פאַרשיקטע, וואָס האָבּן זיך דאָרטן געפונען, גרינדעט זי אַ גרופּע מיטן ציל צו העלפן ליטעראַריש דער סאָציאַ־

ליסטישער פרעסע. פאַטי אַליין האָט צוגעשיקט עטלעכע אַרטיקלען פאַר דער אומלעגאַלער אַרבייטער־שטימע. זי פלעגט אָפט איבערחזרן, אַז שרייבן איז נישט איר „פאַך״. דאָך האָט זי צוזאַמען מיט אַרקאַדי קרעמער אָנגעשריבן די באַוואוסטע פּאָפּולערע קאָמפּילאַטיווע בראָשור אַרבעטס־טאָג, וואָס עס האָט אין יענער צייט געהאַט אַזאַ גרויסן דערפאָלג.

פון פאַרשיקונג קומט זי סעפטעמבער 1898 געהיים קיין קאָוונע און נעמט אָנטייל אין צווייטן צוזאַמענפאָר פון בונד. געוועזן איז עס נאָך די גרויסע אַרעסטן פון בונדישע טוער, ווען זובאַטאָוו האָט שוין געהאַט אַרעסטירט דעם ערשטן צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד (אַרקאַדי קרעמער, וולאַדימיר קאָסאָווסקי און אברהם מוטניק).

אין 1902 אַנטלויפט פאַטי פון טשאַוסי און עס הויבן זיך אָן אירע שווערע וואַנדערונגען איבער דער וועלט: קיין לאָנדאָן, אַמעריקע, זשענעוו, ווילנע, פראַנקרייך און פון 1921 ווידער קיין ווילנע, וואו זיי ביידע — אַרקאַדי און זי — פאַרברענגען די רעשט פון זייער לעבן...

אין דער ערשטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן איז פאַטי געווען באַשעפטיקט ווי אַ קאָרעקטאָרין אין ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין. זי איז געווען אַן אַקטיווער מיטגליד פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, אָבער קיין פירנדיקע פּאָזיציע נישט פאַרנומען. זי האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס צו די ענינים פון דער באַוועגונג, אָבער אַקטיוו אין דער אָנפירונג איז זי נישט געווען. געביטן האָט זיך דאָס ערשט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די סאָוועטישע מאַכט האָט אַרעסטירט די בעסטע בונדישע טוער. פאַטי האָט דערפילט, אַז זי איז נויטיק.

*
**

פאַטי האָט געקענט שרייבן אינטערעסאַנטע בריוו. זיי זיינען אמתע „מענטשלעכע דאָקומענטן״. אין זיי שפּיגלט זיך אָפּ איר כאַראַקטער אַלס אַ מענטש און אַלס אַ געזעלשאַפטלעכע טוערין. איך וויל דאָ געבן פיר אויסצוגן פון בריוו, וואָס זיינען געווען געשריבן אין די יאָרן 1936־1939.

דאָס זאַמלבוך „אַרקאַדי״. — „... איר שטעלט זיך פאַר די אויפגאַבע נישט ווי איך. איך פאַרשטיי, אַז דאָס איז נישט קיין היסטאָרישע מאָנאָגראַפיע, נאָר זכרונות. יעדער דאַרף געבן, וואָס ער געדענקט וועגן אַרקאַדין און דאַן וועט שוין במילא זיך באַקומען אַ בילד פון אַרקאַדין אַלס טוער און מענטש. דאָ איז געווען ח׳ מענדעלסאָן מיט עטלעכע וואָכן צוריק, איך האָב מיט אים גערעדט וועגן דעם און ער איז מיט דער זעלבער מיינונג, אַז מיר דאַרפן דאָס האָבן נישט אַלס געשיכטע, נאָר אַ בילד פון אַרקאַדין אַלס טוער און מענטש. די רעדאַקציע וועט זיין אין וואַרשע: וולאַדימיר (קאָסאָווסקי), ערליך און מענדעלסאָן... איך האָב געלייענט אייער אַרטיקל פאַר דער היסטאָרישער סעקציע (ייוואָ). קאַלמאַנאָוויטש האָט מיר אים געבראַכט אין קאָרעקטור: איך בין אַנטציקט פון דעם אַרטיקל, אַלס אַ שטיק געשיכטע. אַזוי קלאָר און אמתדיק און רייך און טאַקע זייער גלאַט און פּינקטלעך, אָן מליצה, וועלכע

איך האָב פיינט. אָבער אין זאַמלבוך דאַרף זיין כאַראַקטעריזירט גאָרקאַדי אַלס טוער און מענטש און דער טראָפּ דאַרף ליגן אויף דעם... איך פון מיין זייט קען געבן נאָר אַ טייל, ווייל ערשטנס האָב איך נישט די גאַנצע צייט געאַרבעט מיט אים צוזאַמען, צווייטנס איז מיין זכרון אויף אַזוי פיל אָפּגעשוואַכט, אַז איך קען זיך נישט דערמאָנען וועגן די וויכטיקסטע מאָמענטן אַפילו פון מיין אייגענעם לעבן און ווער רעדט וועגן איבערגעבן סיסטעמאַטיש אַלץ וועגן אַרקאַדין. אויף אייך לייג איך אַרויף פיל האָפענונג, איר ווייסט זייער פיל פון זיין אַרבעט פאַר דער גאַנצער צייט און איר קענט אים בעסער ווי אַנדערע אַלס מענטש".

אַ באַגריסונג. — „ליבער, טייערער פריינט, אין איצטיקן שווערן מאָמענט, ווען אַ געדיכטער חושך פאַרשטעלט די שיין, ווען ווילדע האָרדעס צעשטערן אַלץ, וואָס האָט אַ מענטשלעכן ווערט, ווען דאָס לעבן פון מענטשן איז נאָר אַ צופאַל, אַ שפּיל, ווערט דאָס לעבן פון יעד'ער נאָענטן אונז נאָך נעענטער און טייערער . . . דער באַוואוסטזיין, אַז ערגעץ ווייט, ווייט, געפינט זיך אַ נאָענטער פריינט, וואָס לעבט און ווייטיקט מיט די זעלבע געדאַנקען און געפילן ווי דו, פילט אָן די נשמה מיט וואַרעמקייט, וואָס איז ווי אַ באַלזאַם אויף די וואונדן און פירט אַרויס פון דער שרעקלעכער פאַרגליווערטקייט. אָט די וואַרעמקייט האָט מיך דורכגענומען ביי דעם געדאַנק וועגן אייך אין דעם מאָמענט, ווען איך האָב זיך דערמאָנט וועגן אייער 70־יאָריקן יובל און איך פיל אַ באַדערפעניש אייך אויסצודריקן מיינע האַרציקסטע וואונטשן: איר זאָלט זיין געזונט, שטאַרק אין גייסט און גלויבן, אַז מיר וועלן נאָך דערלעבן גליקלעכע ליכטיקע צייטן, ווען די אידייע, פאַר וועלכער מיר האָבן געלעבט און געשטרעבט וועט זיגן אין אמתן זין פון זיג, אין דעם זין, ווי מיר און אונזערע נאָענטע האָבן עס פאַרשטאַנען און פאַרשטייען עס נאָך איצט. איך ווינטש, אַז כל־זמן איך וועל נאָך לעבן, זאָל איך האָבן די פרייד צו וויסן אַז איר זייט געזונט און שטאַרק אין גייסט ווי ביז איצט. — איך גלויב:

אַז עס וועט קומען די צייט,
און זי איז נישט ווייט,
ווען בלינדע וועלן זעעוודיק ווערן
און אין מעכטיקן קאַמף פאַר ליכט און שיין
דעם גרויזאַמען חושך צעשטערן..."

אַן אויסדרוק פון מיטלייד — ...„איצט וויל איך אייך זאָגן אַ פּאָר ווערטער צו אייער שווערער אבידה. איך וויל אייך נישט טרייסטן, ווייל דער, וואָס האָט איבערגעלעבט דאָס, וואָס איר לעבט איצט איבער, ווען דאָס האַרץ איז פאַרגליווערט פון פיין, ווען דער גייסט איז אָפּוועזנד, ווען דער גאַנצער אַרום ווערט פאַרשוואונדן אין נעפּל פון טרויער, דער ווייסט, אַז טרייסטן איז איבעריק... נאָר די וואַרעמקייט פון פריינטשאַפט קען געפינען אַ צוטריט צו דער ליידנדער נשמה. און אָט דעם וואַרעמען מיטגעפיל פון אַ לאַנגיאָריקן פריינט, וואָס איז אַזוי ענג מיט אייך פאַרבונדן, שיק איך אייך איבער איצט און ווינטש אייך, אַז דער אידעאַל, מיט וועלכן איר האָט געלעבט אייער גאַנץ לעבן, זאָל אייך געבן כוח און מוט אויך ווייטער צו לעבן און שטרעבן. זייט

געזונט, טייערער פריינט און ווען איר וועט זיין בכוח, שרייבט אַן אַ פּאָר ווער־טער וועגן זיך״...

דער חורבן אין ווילנע אין 1939. — „שוין לאַנג איך נישט געשריבן, בין געווען קראַנק און דאַן זיינען געקומען די טראַגישע געשעענישן, וועלכע האָבן מיך אינגאַנצן צעבראָכן. 55 יאָר לעבן, עס האָט זיך אויפגעבויט אַזאַ הערלעכע געביידע, זיינען געקומען די פינצטערע טעג, ס׳איז צעטראָטן דאָס הייליקסטע און אַריינגעוואָרפן אין תפיסה די טייערסטע און נאָענטסטע... עס איז שווער צו רעדן וועגן דעם, ווייל דאָס האַרץ וויינט און עס איז פינצטער אין די אויגן. איר, מיין טייערער פריינט, וועט מיך פאַרשטיין, איר וועט פאַרשטיין, אַז דאָס איז נישט חלילה קיין מאַנגל אין מוט און גלויבן. ביין, איך גלויב, אַז אונזער הייליקע אידייע וועט זיגן און איך וועל איר בלייבן טריי ביז דעם לעצטן אָטעם, דערווייל אָבער בין איך אַזוי שוואַך אין געזונט אַז איך קען זיך נישט באַהערשן. צו שטאַרק דער ווייטיק!...״

***

יאָ, זי איז דער הייליקער אידייע געבליבן „טריי ביז דעם לעצטן אָטעם״. זי האָט דורכגעמאַכט די לעצטע פּאָר יאָר — אונטער דעם טעראָר פון דער סאָוועטישער אָקופּאַציע און לסוף אין דעם גיהנום פון ווילנער געטאָ און איז אומגעקומען פון די מערדערישע נאַצי־הענט. זי איז דעמאָלט אַלט געווען 77 יאָר.

עטלעכע פאַקטן פון יענער שוידערלעכער צייט:

דעם 6טן סעפּטעמבער 1941 — די ערשטע נאַכט אין ווילנער געטאָ. פיל זיינען געלעגן אין די היף, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין דירות. מ׳האָט זיך דערוואוסט, אַז פון דער באַרימטער סטראַשון־ביבליאָטעק האָט מען אַרויסגעוואָרפן ביכער און זיי וואַלגערן זיך אין גאַס. 4 פאַרטאָג האָט די אַלטע פּאַטי מיט דריי יינגע חברים און אַ חברטע זיך אַרויסגעלאָזט איבער די גאַסן צונויפנעמען די ביכער...

וועגן איר לעבן אין געטאָ דערציילט דער יינגער חבר אברהמל זשעלעז־ניקאָוו (דער זון פון אַלטן בונדישן טוער יאַנקל זשעלעזניקאָוו, וועמען די סאָוועטישע מאַכט האָט אַרעסטירט באַלד נאָכן פאַרנעמען ווילנע):

„ווען די דייטשן פירן איין אַ געטאָ, ווערט די ח׳טע פּאַטי די נשמה פון אונטערערדישן בונד. וואוינענדיק אַליין אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען אָן אַ געלעגער, אָן עסן צו זאַט, זייענדיק אויסגעשטעלט יעדע רגע אַריינצו־פאַלן אין די לאַפּעס פון די הענקער, לויפט פּאַטי דורך די שמאָלע געסלעך פון ווילנער געטאָ, טראַגנדיק הילף און טרייסט פאַר אונזערע חברים. אין דער צייט פון די אַקציעס אַליין באַהאַלטן און פאַרשטעקט אין אַ מלינה, זאָרגט זי וועגן די חברים, וואָס געפינען זיך אין געפאַר און ווייטיקט איבער יעדן, וועמען עס געלינגט נישט זיך צו ראַטעווען. ווען ס׳קומט די קורצע אָטעם־פויזע און מען בויט צוריק אויף דאָס קולטורעלע לעבן (די ביבליאָטעק, פאַר־לעזונגען, יוגנט־קלוב), קענט איר אומעטום טרעפן ח׳טע פּאַטי. איר קענט זי זען אין פראָסט אין ניט־באַהייצטן לייען־זאַל אין ביבליאָטעק. פאַרטיפט

אין ביכער און זשורנאַלן, אויף פאַרזאַמלונגען, וואו זי טרעט אַרויס. פאַטיס גלויבן איז ניט געווען געבראָכן. זי האָט געקענט אָנשטעקן די אַרומיקע מיט דעם גלויבן אין דער מענטשהייט, אין זיג פון גערעכטיקייט. דערציילן וועגן דעם הערצאָיִשן אַמאָל, פאַרלייענען לידער, וואָס זי פלעגט שרייבן — צאַרטע לידער פול מיט ליבע צום מענטש, פול מיט בענקשאַפט נאָך אומגעקומענע חברים. דערביי האָט זי שטרענג אָפּגעהיט די כללים פון קאָנספּיראַציע".

ווייטער דערציילט דער יינגער בונדיסט, אַז אין דער נאַכט פון 16 אויפן 17 יולי 1943 האָט ער אַרויסגענומען דאָס געווער. פּאָליצײ האָט געיאָגט. אים איז געלונגען אַריבערצושפרינגען איבער אַ פּאַרקן. פאַטי האָט גיך צוגענומען און באַהאַלטן דאָס געווער. ווען די פּאָליצײ איז געקומען, איז שוין אַלץ געווען אין אָרדענונג. און פאַטי האָט זיי שנעל אָפּגעפּאַרטיקט.

די נאַכט פון 22 אויפן 23 סעפּטעמבער 1943 איז געווען די לעצטע נאַכט אין ווילנער געטאָ. פאַטי איז געווען רואיק. זי האָט געוואוסט וואָס איר דערוואַרט. זי האָט זיך די נאַכט נישט געלייגט שלאָפן. און דער יינגער זשעלעזניקאָוו פאַרענדיקט:

מיר האָבן זיך שנעל געזעגנט. איך בין אַוועק דורך די קאַנאַלן צו די פּאַרטיזאַנער און די גרייז־גראָע באָבע פון בונד — אויפן מאַרטירער־וועג מיט די לעצטע צום אומקום. (אונזער שטימע, 23 סעפּטעמבער, 1950, פּאַריז).

אַ יינגע ווילנער חברטע — העלאַ קלאַטשקאָ — דערציילט וועגן פאַטיס לעצטע שעהן פאַרן פירן צום אומברענגען:

„אויף לינקס זיינען געווען כמעט אַלע אונזערע בונדיסטינס: פאַטי קרעמער, מיין מוטער, מרים גוטגעשטאַלט, ריוועטשע פרייטאַג מיט איר פיר־יאָריק מיידעלע, זשעלעזניקאָוס פרוי און טאָכטער, דר. אימיעניטאָווא, מאַניע גראָסמאַן און נאָך אַנדערע. זיי האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען. פאַטי האָט נאָך געזאָגט: 'מיר וועלן זיך אַרומנעמען און זינגען די שבועה, וועט דער טויט נישט אויסקומען אַזוי שרעקלעך'. אונזער פאַטי איז געשטאָרבן אַזוי ווי זי האָט געלעבט. שטאָלץ, מוטיק, ווי אַ סאָציאַליסטין. אין אַזאַ פּאַניק נישט פאַרלירן דעם מוט, איז געווען ממש אַ וואונדער"... „ווען איך האָב זיך דורכגעריסן דורך די קאָרדאָנען פון רעכטס אויף לינקס, האָט מיר פאַטי נאָכגעשריגן: 'נעמט פאַר אונז נקמה'!..." (אין די יאָרן פון יידישן חורבן).

אַזוי האָט געלעבט און אַזוי איז פון דער וועלט אַוועק אונזער פאַטי.

דזשאָן מילל.

●

## איסיי אייזענשטאַט

איסיי אייזענשטאַט (פּאַרטיי־נאָמען: וויטאַלי, יודין) געהערט צו די פּיאָנערן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד — צו דעם דור יידישער אינטעליגענץ, וואָס איז געווען דער פאַרגייער פון בונד און זיין שעפער. ער האָט אַוועקגעגעבן פיל מי, כדי צו בויען די יידישע אַר־

בעטער־באַוועגונג אויף אַ פעסטן באָדן פון אַן אויסגעהאַלטענער וועלט־אַנ־שויאונג, אונטערפירן אונטער איר אַ טעאָרעטישן פונדאַמענט. ער איז געווען איינער פון די ערשטע מאַרקסיסטן אויף דער ידישער גאַס. גלייך מיט די אַנדערע בעסטע קעפּ פון בונד, האָט אייזענשטאַט געהאַלטן, אַז אַן אידעאָלאָגיע אָן פּראַקטישע מעשים איז זייער ווייניק ווערט. ער האָט שטענדיק געהאַלטן פון קאַרלס מאַרקס׳ אויסדרוק, אַז איין פּראַקטישער טריט פון דער באַוועגונג איז וויכטיקער פון אַ טוץ פּראָגראַמען. דערפאַר האָט אייזענשטאַט דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעגעבן דער טאָג־טעגלעכער רעוואָלוציאָנערער און סאָציאַליסטישער אַרבעט אין די רייען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אין די רייען פון בונד. טראָץ זיינע אויסגעשפּראָכענע אידעאָלאָגישע נייגונגען, געהערט ער צו דער פּראַקטישער פירערשאַפט פון דער ידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

## פון דער פרומער היים צו דער רעוו. באַוועגונג

איסיי (ישעיה) אייזענשטאַט איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע דעם 19 פעברואַר 1867. אויסגעוואַקסן איז ער אין אַ באַלעבאַטישער משפחה. דער פאָטער איז געווען אַ פרומער ייד און אָנטייל גענומען אין קהלשן לעבן — אין אַלטן לעבנס־שטייגער פון די שוהלן און צדקה־חברות. די מוטער האָט געלייענט די ידישע ראָמאַנען פון יענער נאָך פאַר־שמ״רישער צייט. קיין אידעאישע ווירקונג האָט די משפחה ניט געהאַט אויפן ייִנגל. ישעיה האָט באַזוכט דעם חדר, פון וואַנען ער איז באַלד אַריבער אין דער פאָלקס־שול, וואָס האָט עקזיסטירט ביי דעם ווילנער ידישן לערער־סעמינאַר. נאָכן פאַרענדיקן די פאָלקס־שול, איז ער אריינגעטרעטן אין גימנאַזיע.

די ערשטע יאָרן פון גימנאַזיע איז איסיי געווען ווייט פון וואָסערע ס׳איז פּאָליטישע אינטערעסן. זיין סביבה האָט אים ניט געשטויסן אין דער ריכטונג. ער האָט געמוזט פאַרטיילן זיין גאַנצע צייט צווישן די גימנאַזיע־לימודים און... פאַרדינסטן. די מאַטעריעלע לאַגע אין דער משפחה איז געוואָרן זייער אַ שלעכטע, און דער יינגער איסיי האָט געמוזט די גאַנצע פרייע צייט אָפּגעבן אויף „אוראָקן״ (געבן לעקציעס), כדי צו פאַרדינען אַ ביסל געלט.

אין רוסלאַנד האָט זיך איינגעשטעלט אַ דויערנדיקע הערשאַפט פון פּאָליטישער רעאַקציע. די אויבערהאַנט אין דער רעגירונגס־פּאָליטיק האָט באַקומען פּאָביעדאָנאָסצעוו, איינער פון די סאַמע איבערצייגטסטע רעאַקציאָנערן פון יענער צייט, און ער איז געוואָרן דער נאָנטסטער ראַטגעבער און וועגוויזער פון דעם נייעם צאַר, אַלעקסאַנדער דעם 3טן. מיט דער פּאָביעדאָנאָסצעוו־תקופה איז פאַרבונדן דער אויפברויז פון דעם „ווייסן־טעראָר״. דער געוואַלטזאַמער ליקווידאַציע פון דער העראָאישער יוגנט אין רוסלאַנד, וואָס איז געווען פאַרקערפּערט אין דער העלדישער נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ.

איינער פון די מיטלען פון דער הערשנדיקער רעאַקציע צו באַפעסטיקן איר ממשלה זיינען אויך געווען די שרעקלעכע פּאָגראָמען אויף יידן אין די 80קער יאָרן. ס׳האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט אַ שטימונג פון האָפענונגסלאָזיקייט, פון יאוש. די בעסטע רעוואָלוציאָנערע קעמפער האָט מען אויפגעהאַנ־

גען, אָדער פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע. צווישן דער ייִדישער אינטעליגענץ זיינען אויסגעוואַקסן נייע שטרעמונגען: ביי אַ טייל — צו פאַרלאָזן רוסלאַנד און אַוועקפאָרן מעבר־לים און זוכן זיך אַ מקום־מקלט אין דער ווייטער אַמעריקע; ביי אַנדערע האָט זיך פאַרשטאַרקט אַ ראָמאַנטישער, כמעט אַ מיסטישער טרוים וועגן ארץ־ישראל. און ס׳זיינען געווען נישט וויניק צווישן דער ייִדישער יוגנט, באַזונדערס צווישן די פעטערבורגער סטודענטן, וואָס האָבן זיך געצויגן צו אַסימילאַציע און מאַקע צו דער ברוטאַלסטער פאָרם — צו שמד.




דאָס בילד מיט די ברילן איז פון 1906. געענדערט דעם אויסזען, ווייל ער האָט געלעבט אומלעגאַל.

אַן ערך אין 1885 האָט זיך אונטער דער פירונג פון איסאַק דעמבאָ אויסגעבילדעט דער ווילנער קרייז פון די נאַראָדאָוואָלצעס. דער 17־יאָריקער איסיי אייזענשטאַט איז געווען איינער פון דעם קרייז. ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ גימנאַזיסט, אָבער ער האָט שוין אַרויסגעוויזן איבערגעגעבנקייט צו דער רעוואָלוציע. דער קרייז נאַראָדאָוואָלצעס, וואָס האָט זיך אויסגע־בילדעט אין ווילנע, איז באַשטאַנען פון זייער פעאיקע יינגעלייט: חנן (שאַרל) ראַפּאָפּאָרט, וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אין פראַנצויזישן סאָציאַליזם; דער שפּעטערדיקער ענציקלאָפּעדיסט יודעלעוויטש — י. דעלעווסקי; ליובע אַקסעלראָד, אַ מאַרקסיסטישע פילאָזאָפקע, באַקאַנט אונטערן פען־נאָמען אָרטאָדאָקס; דער פריער אַנגערופענער דעמבאָ, וואָס איז אין 1889 אויפ־געריסן געוואָרן נאָענט פון ציריך, שווייץ, ווען ער האָט עקספּערימענטירט מיט אַ באָמבע. זיי זיינען געווען די ערשטע פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע חברים פון דעם יינגן אייזענשטאַט.

דער הויכפּונקט פון דער אַרבעט פונם קרייזל איז געווען אין 1887,

ווען מען האָט אין ווילנע געקליבן געלט און אויפּרייס־מאַטעריאַלן פאַר אַן אַטענטאַט אויף דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם 3טן. איסיי אייזענשטאַט האָט שפּעטער שטאַלצירט מיט זיין אַזוי צו זאָגן „אַנטייל" אין דעם אַטענטאַט, מיט וועלכן ס'האָבן אָנגעפירט אַלעקסאַנדער אוליאַנאָוו, לענינס עלטערער ברודער און אַנדערע. די מיטגלידער פון ווילנער קרייז נאַראָדאָוואָלצעס האָבן באַצאָלט פאַר זייער מיטאַרבעט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צווישן זיי האָט פאַרקערט איינער אַ קאָנטשאַר פון פּעטערבורג, וואָס איז געוואָרן אַ פאַרעטער. לויט זיין אָנווייזונג האָט מען אין ווילנע אַרעסטירט פּילסודסקין; יודעלעוויסקין, ראַפּאָפּאָרטן און אַנדערע האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן קיין אויסלאַנד. דער אָנטייל פון אייזענשטאַטן איז נישט געווען באַקאַנט דער זשאַנדאַרמעריע. ער האָט רואיק פאַרענדיקט די גימנאַזיע און אָנגעקו־מען אין יורידישן ליצייִ אין יאַראָסלאַוו, אין טיף רוסלאַנד.

צו יענער צייט האָט איסיי אייזענשטאַט דורכגעמאַכט אַן אידעאישע איבערקערעניש: ער איז געוואָרן אַ מאַרקסיסט. וועגן דעם דערציילט אין זיינע דערינערונגען פון אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער מענדל ראָזענבוים (ז. 130). ער שרייבט, אַז אין דער לעצטער צייט האָט זיך אין דעם ווילנער קרייזל נאַראָדאָוואָלצעס באַוויזן, אַחוץ די היסטאָרישע בריוו פון מירטאָוו (לאַוראָוו), אונזערע חלוקי־דעות פון פּלעכאַנאָוון, עפּעס פון מאַרקסן און די מאַרקס־פּאָפּולאַריזאַציע פון קאַוטסקין. אייזענשטאַט, וואָס איז נאָך געווען אַ גימנאַזיסט פון לעצטן קלאַס, האָט געהאַלטן, אַז פריער, ווי מיר פאַרנעמען זיך מיט דער פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליזם, דאַרפן מיר אויף רעוואָלוציאָנערע דרכים אויסקעמפן די פּאָליטישע פרייהייט. זיין „אַקטיווע נאַטור" האָט אים געשטויסן צו די אַרבעטער, און ער איז באַלד געוואָרן אין ווילנע „איינער פון די שטאַרקסטע אָנהענגער פון מאַרקסיזם".

ווי אין אַלע הויכשולן אין רוסלאַנד, האָט אויך דער דעמידאָוואָר ליצייִ אין יאַראָסלאַוו פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ נעסט פון רעוואָלוציע. אָבער קיין מאַרקסיסטן זיינען דאָרטן נאָך נישט געווען, און אייזענשטאַט איז ווידער געוואָרן אַ מיטגליד אין אַ קרייזל פון נאַראָדאָוואָלצעס. דורך ווילנע האָט ער באַקומען אומלעגאַלע ליטעראַטור און געפירט אַ גאַנץ לעבהאַפטע טעטיקייט צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט. און באַלד איז געקומען דער יום־הדין: איסיי אייזענשטאַט איז געוואָרן אַרעסטירט. 11 חדשים איז ער אָפּגעזעסן אין תפיסה פאַר דעם געריכט. נאָך דעם האָט ער באַקומען אַן אורטייל 6 חדשים טורמע, וואָס ער איז אָפּגעזעסן אין קרעסטי אין פּעטערבורג. אין 1889 איז אייזענשטאַט ווידער אין ווילנע און וואַרפט זיך אַריין מיט דעם גאַנצן ברען אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט.

## פּיאָנער פון דער ס. ד. און פון בונד

די יאָרן 1889־1892 זיינען געווען זייער אַ פּרוכטבאַרע צייט פאַר זיין אַרבעט. אין ווילנע האָט דעמאָלט געלעבט די וויכטיקסטע גרופּע טוער, וואָס זיינען שפּעטער געוואָרן די פּיאָנערן פון דער ס. ד. באַוועגונג, און דער

קערן פון בונד. און אַלע זיינען זיי געווען מאַרקסיסטן, וואָס האָבן גובר געווען אין זיך די אָריענטאַציע אויף דעם רוסישן פויער מיט זיינע כלומרשטע איינגעבוירענע סאָציאַליסטישע נייגונגען, דעם בליק אויף דעם אייגנאַרטיקן גאַנג פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד, וואָס דאַרף כלומרשט נישט דורכמאַכן די קאַפּיטאַליסטישע תקופה, ווי אויך די נעגאַטיווע באַציאונג צו פּאָליטישע פרייהייטן. די מאַרקסיסטן האָבן געזען אין דעם אַרבעטער־קלאַס דעם הויפּט־כוח, וואָס וועט ברענגען דעם סאָציאַליזם. צו דער גרופּע האָבן געהערט: אַרקאַדי קרעמער, צמח קאָפּעלזאָן (טימאָפּיי), פּאַטי סרעדניצקי, דזשאָן (יוסף) מילל און שפּעטער אויך ליובע לעווינסאָן. איסיי אייזענשטאַט איז געוואָרן אַן אָנגעלעגטער מיטגליד אין דעם דאָזיקן קרייז.

ווילנע איז אין יענע יאָרן געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע צענטרען פון דער מאַרקסיסטישער אינטעליגענץ אין רוסלאַנד. אַ באַזונדערס וויכטיקע ראָל האָט אין ווילנער קרייז געשפּילט ליובע לעווינסאָן, וואָס איז געקומען סוף 1890 אין ווילנע און זיך באַפריינדעט מיט אייזענשטאַטן און שפּעטער געוואָרן זיין פרוי. ליובע לעווינסאָן האָט שוין אויך געהאַט אַ היפּשע רעוואָלוציאָנערע ביאָגראַפיע הינטער אירע פּלייצעס. אין די אַכציקער יאָרן האָט זי שטודירט אין זשענעוו, דאָרטן געוואָרן אַ מאַרקסיסטקע און אַריינגעגאַנגען אין אַ קרייז יונגנטלעכע ביי דער ערשטער מאַרקסיסטישער גרופּע אין רוסלאַנד באַפרייאונג פון דער אַרבעט. זי האָט זיך אויך פּערזענלעך דערנעענטערט מיט פּלעכאַנאָוון, וויערא זאַסוליטש און פּאַוועל אַקסעלראָד, אויך מיט דעם יינגן סאָלאָוויטשיק. אין 1887, ווען זי האָט געפירט אַן אומלעגאַלן טראַנספּאָרט ליטעראַטור, האָט מען זי אויף דער רוסישער גרענעץ אַרעסטירט, און נאָך דעם האָט זי דריי יאָר פאַרבראַכט אין אַן איינצל־קאַמער אין תפיסה. סוף 1890 קומט זי קיין ווילנע און פאַרשטאַרקט דאָרטן זייער וועזנטלעך די מאַרקסיסטישע קאַדרען.

אין אַ יאָר אַרום, באַלד נאָך דער חתונה, זיינען די אייזענשטאַטס אַרויסגעפאָרן קיין דייטשלאַנד. דער דירעקטער צוועק פון דער רייזע איז געווען צו באַקענען זיך אויפן אָרט מיט דער אידייען־וועלט און מיט דער פּראַקטיק פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס וועגן איר האָבן אַלע אין דער אַרבעטער־באַוועגונג דערציילט ניסים־ונפלאות. אין בערלין האָט זיך איסיי אייזענשטאַט געטראָפן און באַפריינדעט מיט אַ מענטשן, וואָס איז אויך געקומען אַהין מיטן זעלבן צוועק און וואָס האָט שפּעטער געשפּילט אַזאַ גרויסע היסטאָרישע ראָל: דאָס איז געווען וולאַדימיר אוליאַנאָוו, דער שפּעטערדיקער לענין. אין זיינע זכרונות דערציילט מ. ראָזענבוים וועגן די געשפּרעכן און אָפטע צוזאַמענשטויסן, וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישן לענינען און אייזענשטאַטן איבער פּרינציפּיעלע און מאָראַלישע פראַגן. איינמאָל, דערציילט ער (ז. 178א. א.), האָט די אומטאָלעראַנטקייט פון ערשטן שטאַרק אויפגערודערט דעם רואיקן אייזענשטאַטן, וועלכער האָט רעאַגירט מיט די ווערטער, אַז לענין „איז צו קאָנסעקווענט און דערפירט דעם מאַרקסיזם צו אַן אַבסורד".

ווען די אייזענשטאַטס האָבן זיך צוריק אומגעקערט קיין ווילנע — דאָס

איז געווען אין 1895 יאָר — האָבן זיי דאָרטן געטראָפן אַ צווייטן מענטשן, וואָס איז שפּעטער אויך געוואָרן אַ פּירנדיקע פיגור פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — לעבינס אַנטיפּאָד — יולי צעדערבוים־מאַרטאָוו, וואָס איז דעמאָלט געווען פאַרשיקט אין ווילנע. אין זיינע „דערינערונגען פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט" (זז. 156, 253) רעכנט איך מאַרטאָוו אין דעם ווילנער קאַפּיטל די פּירנדיקע קעפּ פון די דעמאָלטיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און באַמערקט, אַז „אייזענשטאַט איז געווען דער אַממערסטן געבילדעטער מאַרקסיסטישער טעאָרעטיקער אין אונזער קרייז". צו יענער צייט, אין יאָר 1895, זיינען אין ווילנע פאָרגעקומען זייער וויכטיקע ענדערונגען. ס'האָט שוין געזיגט די „נייע טאַקטיק": דער איבערגאַנג פון קרייזן־פּראָפּאַגאַנדע צו דער ברייטער מאַסן־אַגיטאַציע. אָבער דער זיג איז אָנגעקומען מיט מאַטעריש: עס איז אויסגעוואַקסן אַן „אַרבעטער־אָפּאָזיציע", וואָס האָט געלעכצט נאָך בילדונג און טאַקע אין רוסיש, און נישט געוואָלט אָננעמען דעם געדאַנק פון אַ יידישער ס. ד. פּאַרטיי און איר אַרבעט אויף דער יידישער שפּראַך. טאַקע אין דעם זעלבן יאָר האָט זיך אָרגאַניזירט אין ווילנע די ערשטע יידישע ס. ד. אָרגאַניזאַציע — די גרופּע פון יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין רוסלאַנד, וואָס איז פּאַקטיש געווען די פאָרגייערין פון בונד. איסיי אייזענשטאַט איז געווען איינער פון די זיילן פון דער דאָזיקער אַרבעט, מיט וועלכער ס'זיינען געווען פאַרבונדן ברייטע און האָפענונגספולע פּערספּעקטיוון.

אייזענשטאַט האָט תמיד געהאַלטן, אַז די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון ווילנע דאַרפן נעמען אויף זיך די אויפגאַבע צו העלפן אָרגאַניזירן די רוסלענדער ס. ד. פּאַרטיי און ער איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן פּראַקטיש גענומען אויף זיך די אויפגאַבע דורכצופירן אין לעבן. אין שליחות פון די ווילנער איז ער אין 1895 געפאָרן אויף אַ באַראַטונג פון עטלעכע רוסלענדישע קאָמיטעטן אין קיעוו און באַנייט זיינע באַמיאונגען אין 1896 אין אָדעס, וואו ס'איז שוין פאָרמעל געווען באַשלאָסן אויף אַ באַראַטונג מיט די פּעטערבורגער און קיעווער ס. ד. מאַכן אַלע נויטיקע צוגרייטונגען, כדי צונויפצורופן וואָס שנעלער דעם ערשטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר און שאַפן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי אין רוסלאַנד. אייזענשטאַט האָט גענומען אויף זיך געוויסע פליכטן און במילא געוואָרן אין די ראַמען פון דער צוקונפטיקער פּאַרטיי אַן אַלרוסישע פיגור. אָבער דער גורל האָט אים נישט געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן די פּלענער, פאַר וועלכע ער האָט אומדערמידלעך געאַרבעט.

אייזענשטאַט איז נישט געווען אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון בונד און אויך נישט געווען אויף דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ.. אין פעברואַר 1896 איז ער געוואָרן אַרעסטירט אין אָדעס. כמעט אין דער זעלבער צייט זיינען געוואָרן אַרעסטירט אין ביאַליסטאָק זיין פרוי ליובע און שמואל גאָזשאַנסקי („דער לערער"), וואָס זיינען פון די ווילנער געווען געשיקט אַהין אויף סאָציאַליסטישער אַרבעט. מען האָט אַלע אַרעסטירטע געשיקט אין מאָסקווע דורך ווילנע און דאָ אויפן וואָקזאַל האָבן די ווילנער יידישע

אַ־בעטער געמאַכט די ערשטע פּאָליטישע דעמאָנסטראַציע, מאַניפעסטירנדיק זייער סימפּאַטיע צו די אַרעסטירטע. אין 1897 זיינען די אייזענשטאַטס, נאָכן אָפּזיצן אַ צייט אין דער בוטירקע־תּפיסה אין מאָסקווע, מיט דעם עטאַפּ אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין מזרח־סיביר אין ווילויסק, וואו זיי האָבן פאַר־בראַכט אין פאַרשיקונג גאַנצע 5 יאָר. מען האָט געדאַרפט פירן אַ לעבן פון אַ רעוואָלוציאָנער, כדי צו באַצייכענען די ווילויסקער פאַרשיקונג אַלס „די סאַמע גליקלעכסטע יאָרן" פון איסיי און ליובע אייזענשטאַט. — ווי ס'האָט זיך אויסגעדריקט איינער פון די אַלטע און נאָענטע חברים פון אייזענשטאַטן (פּ. קורסקי). די לופט פון ווילויסק האָט טאַקע אויסגעהיילט די קראַנקע לונגען פון איסיי אייזענשטאַט.

## אין קאַמף פאַרן בונד

ס'האָט זיך ווידער אַלץ ראַדיקאַל געענדערט, ווען איסיי אייזענשטאַט האָט נאָך אַ לאַנגער הפסקה זיך אומגעקערט פון דער סיבירער פאַרשיקונג. דער מאַרקסיזם האָט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן. דאָס לאַנד האָט זיך דערנענטערט צו דער רעוואָלוציע. אומעטום זיינען אויס־געוואַקסן ס. ד. קאָמיטעטן. און דאָס וויכטיקסטע: די ווילנער גרופּע יידישע ס. ד. איז אַ טייל פון דעם בונד, וואָס איז ברייט אָרגאַניזירט און האָט די גרעסטע ווירקונג צווישן די יידישע אַרבעטער און דער אינטעליגענץ. דער בונד האָט שוין דורכגעפירט זיינע צוזאַמענפאָרן. ער האָט אַ צענטראַל־קאָ־מיטעט און אַן אויסלענדישן קאָמיטעט. שוין עטלעכע יאָר, ווי ס'גייט אַרויס די אַרבייטער־שטימע און אַנדערע אויסגאַבעס אין יידיש און רוסיש. אַלע אַלטע חברים, אויף וויפל זיי זיינען נישט אַרעסטירט, זיינען געוואָרן אָנער־קענטע פירער פון בונד, און צו זיי זיינען צוגעקומען נאָך נייע, יינגע, טאַ־לאַנטירטע חברים. און דער בונד איז געוואָרן אַ וויכטיקער פּאָליטישער און מאָראַלישער פאַקטאָר אויף דער יידישער גאַס.

איסיי אייזענשטאַט האָט אַ צייט געפילט זיך אַ ביסל פרעמד און „אָפּ־געשטאַנען", באַזונדערס אין די יידישע, נאַציאָנאַלע ענינים, וואָס זיינען שוין געוואָרן אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פון בונדישן פּראָגראַם. אָבער באַלד האָט ער זיך אָריענטירט און מיט זיין אַלטער ענערגיע זיך אַריינגע־וואָרפן אין דער בונדישער אַרבעט. דער צ. ק. האָט אים גלייך קאָאָפּטירט. מען האָט אים אַריינגעפירט אין דער רעדאַקציע פון דער אַרבייטער־שטימע... אין דער זעלבער צייט האָט אָבער איסיי געליטן אַ פערזענלעכן קלאַפּ: זיין פרוי, ליובע, איז פלוצלונג געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, וואוהין זי האָט געבראַכט זייער איין יאָריקע טאָכטער צו איר שוועסטער, בערטאַ סטאָון. דאָס איז געווען אין יוני 1903. מיט אַ צעווייטאָגטן האַרץ האָט זיך איסיי אייזענשטאַט אַריינגעוואָרפן ווייטער אין דער בונדישער אַרבעט — דאָס וויכטיקסטע, אויב נישט דאָס איינציקע, וואָס איז פאַר אים פאַרבליבן אין לעבן. מיט דער גאַנצער נשמה איז ער געגאַנגען אַנטקעגן דער רעוואָלוציע, וואָס איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל.

דעמאָלט טאַקע, אין יוני 1903, איז געווען דער פינפטער צוזאַמענפאָר

פון בונד אין ציריך — פאַר אייזענשטאַטן איז דאָס געווען זיין ערשטער בונדישער צוזאַמענפאָר. מיט צוויי חדשים שפּעטער איז אייזענשטאַט געווען אַן אָנטיילנעמער אין דעם 2טן צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ. אין בריסעל־לאָנדאָן, אויגוסט 1903. נאָך די שאַרפע שטרייטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אויפן צוזאַמענפאָר, האָט די בונדישע דעלעגאַציע נישט געפונען קיין אַנדער אויסוועג, ווי אַוועקגיין און דערקלערן, אַז דער בונד גייט אַרויס פון דער רוסלענדער ס. ד. פאַרטיי. דאָס איז געווען אומגעהויער שווער פאַרן בונד. באַזונדערס שווער איז די איבערלעבונג געווען פאַר אייזענשטאַטן, וואָס האָט נאָך אין 1895־1896 אַקטיוו אָנטייל גענומען אין די שאַפונגס־פּרואוון פון דער פאַרטיי. נישט קיין קליינע אַנטוישונג איז פאַר אים געווען אויך דאָס, וואָס אויפן צוזאַמענפאָר האָט ער זיך געטראָפן מיט ביידע לידערס פון די צוויי קעמפנדיקע צדדים (באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס), מיט אוליאַנאָוו־לענין און צעדערבוים־מאַרטאָוו — זיינע אַלטע פריינט פון פריערדיקע יאָרן, וואָס זיינען איצטער געווען צעקריגט אין די אַלגעמיינע פאַרטיי־ענינים, אָבער אייניק אין איין זאַך: אינם קאַמף קעגן בונד.

בכלל איז דאָס אַלץ באַקאַנט. אָבער ווייניקער איז באַקאַנט די פּאָזיציע, וואָס אייזענשטאַט האָט פאַרנומען אין דעם קאָנפליקט מיט דער איסקראַ און נאָך ווייניקער איז באַוואוסט, אַז דער היסטאָרישער דאָקומענט, וועלכן דער צ. ק. פון בונד האָט פאַרעפנטלעכט וועגן דעם אַרויסטריט פון דער פאַרטיי, איז אָנגעשריבן געוואָרן דורך אייזענשטאַטן. פריער לוינט זיך אָפּצושטעלן אויף אייזענשטאַטס שטימונגען אין די דאָזיקע שטרייט־פראַגן, ווען ער איז געקומען אויפן 5טן צוזאַמענפאָר פון בונד אין ציריך. וועגן דעם געפינען מיר אינטערעסאַנטע איינצלהייטן אין די מעמואַרן פון וול. מעדעם (ב. 2, זז. 24־21 און 32). מעדעם דערציילט, אַז ביי די בונדיסטן זיינען נישט געווען קיין פּרינציפּיעלע חלוקי־דעות אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פראַגע. אַלע זיינען זיי געווען אָנהענגער פון דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון בונד אַלס אַ זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע און אַלע האָבן געשטרעבט צו איבערבויען די אַלגעמיינע פאַרטיי אויף פעדעראַטיווע יסודות. בנוגע קאָנקרעטע פאָדערונגען און פאָרמולירונגען האָבן זיך אָבער אַרויסגעוויזן גאַנץ שאַרפע חלוקי־דעות. אין אַלגעמיין קען מען זאָגן, אַז די „אויסלענדער”, וואָס האָבן אַריבערגעטראָגן אויף זייער אייגענעם רוקן די פאַרשאַרפטע קאַמפן מיט דער איסקראַ, האָבן זייער פעסימיסטיש געקוקט אויף דער מעגלעכקייט פון אַ פאַרשטענדיקונג צווישן בונד און דער פאַרטיי. פאַרקערט, די אַנדערע חברים, וואָס זיינען נישט געווען אין דער עמיגראַציע און האָבן געפירט אַ פּראַקטישע אַרבעט אין רוסלאַנד, זיינען געווען געשטימט פיל מער אָפּטימיסטיש, האָבן געגלויבט אין אַ גאַנץ לייכטן הסכם מיט די איסקראָווצעס, נישט געוואָלט פאָדערן פון זיי גאַראַנטיעס פאַר דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון בונד און געגלויבט זיי אויפן וואָרט.

מעדעם דערציילט גאַנץ אויספירלעך וועגן דער אַנטוישונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די דעלעגאַציע פון בונד אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי און באַזונדערס וועגן דער אַנטוישונג, וואָס ס׳האָט איבערגעלעבט אייזענשטאַט,

איינער פון די אָפּטימיסטן אין בונד. „די פאַנאַטיקער פון אַ קאַזאַרמע־צענ־טראַליזם האָבן געוואָלט דערשטיקן דעם בונד — שרייבט מעדעם. — ווען אונזערע דעלעגאַטן זיינען געקומען אויפן צוזאַמענפאָר, האָבן זיי זיך אָנגע־שטויסן אָן אַן אמתער וואַנט פון שנאה, כעס און פאַרביטערונג. יודיך, וועל־כער איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן געטענהט, אַז ׳ס׳איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך׳, האָט ממש ניט געקענט קומען צו זיך. מען האָט געהאַט דעם איינדרוק, ווי מען וואָלט אַריינגעפאַלן אין אַ מחנה פון ערגסטע שונאים״. און צווישן די שונאים זיינען געווען נישט בלויז די קומענדיקע באָלשעוויקעס בראש מיט לענינען, נאָר אַלע וויכטיקסטע מענשעוויקעס: פּלעכאַנאָוו, טראָצ־קי, מאַרטאָוו — דער זעלבער מאַרטאָוו, וועלכער האָט סך־הכל מיט אַכט יאָר פריער אין ווילנע באַגרינדעט די טוטיקייט פון אַן אויטאָנאָמער יידישער ס. ד. אָרגאַניזאַציע.

דער אויפרוף פון צ. ק. פון בונד פון דעצעמבער 1903 וועגן דעם אַרויס־טריט פון בונד פון דער פּאַרטיי האָט בולט אָפּגעשפּיגלט די שטאַרקע אָנ־טוישונג פון אייזענשטאַטן. מיט גרויס צאָרן קאָנסטאַטירט דער אויפרוף די נעגאַטיווע באַציאונג פון דער גרעסטער מערהייט פון צוזאַמענפאָר צום בונד. דער צוזאַמענפאָר האַלט, אַז „דער בונד איז אַ היסטאָרישע אַנאָמאַליע, דער בונד איז שעדלעך פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, דער בונד איז נאַציאָנאַליסטיש און דורכגעדרונגען מיט בורזשואַזע אידעען, דעם בונד מוז מען פאַרניכטן״. „טרויעריק איז דער פאַקט, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן אויפן צוזאַמענפאָר — לייענען מיר ווייטער — אַז די פאָרשטייער פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָבן קיין שום פאַרשטעלונג נישט סיי וועגן דעם כאַראַקטער און אינהאַלט פון דעם בונדס טעטיקייט, סיי וועגן דער גרויסער היסטאָרישער ראָל, וועלכע ער שפּילט צוליב די באַזונדערע גע־זעלשאַפטלעך־פּאָליטישע און פּסיכאָלאָגישע באַדינגונגען, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך דעם גאַנג פון דער 2000־יאָריקער געשיכטע פון די יידישע רדיפות און פאַרפאָלגונגען״. דער אויפרוף גיט אויך אַ באַזונדערע כאַראַק־טעריסטיק פון דעם „אָרגאַניזאַציאָנעלן אידעאַל״, צו וועלכן ס׳האָט גע־שטרעבט די מערהייט פון צוזאַמענפאָר און וואָס די באָלשעוויקעס האָבן שפּעטער פאַרווירקלעכט: „אַ שטעכנדיק־גלייכער, אומברחמנותדיקער צענ־טראַליזם, וועלכער וואַרפט אונטער בלינדערהייט אונטער זיך אַלץ, וואָס ער באַגעגנט אויף זיין וועג — אַ צענטראַליזם, וואָס פּאַסט סיידן פאַר אַ גרופּע מענטשן, וואָס שטרעבן איינע אַליין, אָן דעם פאָלק, צו מאַכן אַ רעוואָלוציע, אָבער בשום אופן נישט פאַר אַ פּאַרטיי״.

אַזוי אַרום איז דער בונד אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר דער ברירה: אָדער מסכים זיין אויף דעם אייגענעם טויט, אָנגעמען פון די הענט פון דעם צוזאַמענפאָר „אַ זיידענעם שנירל, מיט וועלכן ער זאָל זיך אַליין דערוואַרגן״ — ווי ס׳דריקט זיך אויס אייזענשטאַט אין דעם ציטירטן אויפרוף — אָדער אַרויסטרעטן פון דער פּאַרטיי. דער בונד האָט, ווי באַקאַנט, אָנגענומען דעם צווייטן וועג: ער איז געבליבן אַ זעלבסטשטענדיקע, אומאָפּהענגיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אין דער צייט פון דער ערשטער רוסלענדער רעוואָלוציע.

ס׳איז דאָ נישט דאָס אָרט אויפצוקלערן די אַלגעמיינע שטעלונג פון בונד אין דער דאָזיקער צייט. מען קאָן נאָר זאָגן, אַז דער וואוקס פון נאַציאָ־נאַלן באַוואוסטזיין פון דער בונדישער באַוועגונג האָט אָפּגעשפּיגלט מיט זיך דעם פּראָצעס פון דעם אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן אויפשטייג פון די ברייטסטע יידישע מאַסן. דער בונד און זיינע פירנדיקע קעפּ האָבן גע־קעמפט אינעווייניק און אויסנווייניק קעגן קאָסמאָפּאָליטישע און אַסימילאַטאָ־רישע טענדענצן, וואָס האָבן נאָך דעמאָלט געהערשט אין די מוחות אַפילו פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ. מען קען זאָגן, אַז דער בונד מיט זיין שטעלונג אין דער יידישער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט געגעבן אַן אַנטשיידענעם קלאַפּ דעם נאַציאָנאַלן ניהיליזם און דער אַסימילאַציע־אידעאָ־לאָגיע אין די סאָציאַליסטישע קרייזן...

## די ערשטע רעוואָלוציע און די יאָרן נאָך איר

אין די יאָרן 1904־5 איז אייזענשטאַט געווען איינער פון די אַקטיווסטע און אָנערקענטסטע פירער פון בונד. אין יאַנואַר 1905 האָט ער אָנטיילגענו־מען אין דער אַלרוסישער באַראַטונג פון די ס. ד. אָרגאַניזאַציעס אין ריגע. אין פעברואַר 1905 זענען מיר אים אויף דער 6טער קאָנפערענץ פון בונד אין דווינסק. אין אָקטאָבער 1905 — אויף דעם 6טן צוזאַמענפאָר פון בונד אין ציריך. אין דער צווישנצייט פאָרט ער אַרום איבער דעם גאַנצן ראַיאָן פון בונד, פאַרשטאַרקט די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס און פירט אָן מיט דער אַרבעט פון צ. ק.. אין יאָר 1905 איז דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פון בונד — חבר נח געווען אַרעסטירט. כמעט אַלע זיינע פונקציעס זיינען איבערגעגעבן געוואָרן אייזענשטאַטן. אין דעצעמבער 1905 האָט דער צ. ק. געמאַכט דעם פּרוואו אַרויסצושטעלן די ערשטע לעגאַלע בונדישע טאָג־צייטונג דער וועקער. אייזענשטאַטן האָט מען באַפולמעכטיקט צו זיין דער הויפּט־רעדאַקטאָר.

וועגן דער צייטונג דער וועקער און זיין רעדאַקטאָר דערציילט גאַנץ אויס־פירלעך פ. אַנמאַן אין זיין אַרטיקל די ערשטע בונדישע לעגאַלע צייטונגען (זאַמלונג 25 יאָר, וואַרשע, 1922, זז. 77־61), און מיר ווילן זיך באַגנוגענען מיט עטלעכע ציטאַטן פון אַנמאַנס זכרונות: „פאַר אַ שעף־רעדאַקטאָר... איז באַשטימט געוואָרן דורכן צ. ק. איסיי לוואָוויטש אייזענשטאַט... ח׳ אייזענ־שטאַט איז געווען די אמתע נשמה פון בלאַט“. „די שווערע אַרטילעריע (אין דער צייטונג) זיינען געווען אייזענשטאַט און איך — שרייבט ווייטער אַנמאַן — אונזער שעף האָט אָבער געשריבן ווייניק... ער האָט אָנגעשריבן אינ־גאַנצן צוויי לייט־אַרטיקלען אין נומער 1 און נומער 4, ביידע אָן אונטער־שריפטן“... אויף אַ באַראַטונג פון די מיטאַרבעטער אין אַ קאַפע אויף דער ברייטער גאַס, איז געווען אָנגענומען אַ דעקלאַראַציע, וואָס ס׳האָט פאָרגע־לייגט אייזענשטאַט: „אונזערע פּרינציפּן זיינען די פּרינציפּן פון דער אינ־טערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אונזער פּראָגראַם איז דאָס פּראָ־גראַם פון דעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד. אונזער ציל איז מיטהעלפן דער אַנטוויקלונג פון דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט“. דער לייט־אַרטיקל (אין ערשטן

נומער) האָט אויסגעטייטשט די דריי דערמאָנטע טעזיסן. דער וועקער איז אַרויס דעם 25 דעצעמבער 1905, אָבער אין אָנהויב יאַנואַר 1906 (אַרום דעם 6טן) „איז מען געקומען ביינאַכט צו אייזענשטאַטן און מען האָט אים אַריינגעזעצט אין לוקישקער טורמע, וואו עס זיינען שוין געזעסן אַ סך ווילנער אינטעליגענטן און אַרבעטער, יידישע, פּוילישע, רוסישע, ליטווישע, מענטשן פון אַלע קרייזן, וואָס האָבן זיך מער אָדער ווייניקער אַרויסגערוקט אין דער אָקטאָבער־דעצעמבער תּקופה". און איצט האָט זיך „די נאַטשאַלסטוואָ" אומגעקערט און נוקם געווען לויט איר געוויינלעכן שטייגער.

אין דער ווילנער טורמע איז איסיי אייזענשטאַט געוואָרן ערנסט קראַנק אויף טיפוס. באַלד נאָך דעם ווי ער איז געזונט געוואָרן, האָט ער באַקומען אַן אַדמיניסטראַטיוון אורטייל: פאַרשיקונג אין אַרכאַנגעלסקער געגנט, אויפן ווייטן צפון. אין פּעטערבורג האָט מען געלאָזט אין גאַנג געוויסע ספּרוזשינעס, און מען האָט פאַרביטן די פאַרשיקונג מיט אַרויסשיקן קיין אויסלאַנד. אַזוי אַרום, איז איסיי אייזענשטאַט שוין געווען אין יולי 1906 אין אויסלאַנד. און נאָך דעם 7טן צוזאַמענפאָר פון בונד אין לעמבערג האָט ער זיך מער נישט געוואָלט ווייטער פאַרהאַלטן אין אויסלאַנד און איז אַוועקגעפאָרן צוריק אויף דער אומלעגאַלער אַרבעט קיין רוסלאַנד.

צוריקקומענדיק קיין רוסלאַנד, האָט אייזענשטאַט ווידער פאַרנומען זיין פּאָסטן אין צ. ק. און אין משך פון כמעט 6 יאָר 1906 — 1912, האָט ער אַרויסגעוויזן גאָר גרויסע ענערגיע. ער נעמט דאָן אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער צווייטער דומע. אין 1906־1907 גיט ער אַרויס דעם רוסישן בונדישן זשורנאַל נאַשאַ טריבונאַ. די רעדאַקציע איז באַשטאַנען פון אייזענשטאַט, מעדעם און באַגראַוו (זאַסלאַווסקי) און האָט צוליב פּאָליצייאישע טעמים געהאַט איר זיץ־אָרט אין קאָוונע. ס'זיינען אַרויס 12 נומערן. סוף 1907 האָט אייזענשטאַט אָנטיילגענומען אין דער רעדאַקציע פון דער לעגאַלער בונדישער צייטונג דער מאָרגענשטערן (צוזאַמען מיט מעדעמען, זאַסלאַווסקין און א. ווייטערן). אין מאַי 1907 איז ער געווען אויף דעם צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. א. פּ. אין לאָנדאָן, וואו דער בונד האָט צום ערשטן מאָל געהאַט אַ גרויסע דעלעגאַציע. ס'איז אייגנטלעך געווען דער ערשטער גרויסער קאָנגרעס פון אַלע ס. ד. אָרגאַניזאַציעס פון רוסלאַנד — מער פון 300 דעלעגאַטן — וואָס האָט געדויערט עטלעכן וואָכן. די בונדישע פראַקציע האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אויף דעם דאָזיקן קאָנגרעס. אין 1908 פירט אָן אייזענשטאַט מיט דער בונדישער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער דריטער דומע. אין די נאָענטסטע יאָרן האָט זיך אָנגעהויבן אַ שאַרפער קאַמף צווישן די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אייגנטלעך, הינטער דעם שטרייט איז געשטאַנען דאָס צענטראַלע פּראָבלעם פון דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד: וואוהין וועט גיין רוסלאַנד אין דער נאָענטסטער צייט — צו אַ נייעם אויפשוואונג פון דער רעוואָלוציע, אָדער דאָס לאַנד איז שוין אַריין אין אַ פרידלעכער סטאַדיע, ווען מען דאַרף ריידן נאָר וועגן רעפאָרמען, וועגן אַ בהדרגהדיקער אַנטוויקלונג צו פּאָליטישער דעמאָקראַטיע אָן נייע אויפטרייסלונגען?

ס׳האָבן זיך אויסגעבילדעט פאַרשידענע פראַקציעס. די באָלשעווי־קעס האָבן זיך אָריענטירט אויף אַ נייעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג יעדן פרילינג און יעדן האַרבסט. לענין האָט געהאַלטן פון „פּאַרטיזאַנישע אַרויסטרעטונגען״, געשטיצט אויף קאַוקאַזער און סיבירער עקספּראָפּריאַ־ציעס, רעקאָמענדירט צו בילדן קאָנספּיראַטיווע „פינפטלעך״ און „דרייערלעך״ און שטיין אויף דער וואַך. די פּרינציפּיעלע קעגנער פון דער דאָזיקער טאַקטיק זיינען געווען די מענשעוויקעס־ליקווידאַטאָרן, וואָס האָבן פון דער גאַנצער פירונג פון לענינען באַקומען אַ מין עקל צו דעם אומלעגאַלן פּאַרטיי־אַפּאַראַט און זיי האָבן געוואָלט אויסנוצן ווי מעגלעך ברייטער די אַלע לעגאַלע פּאָזיציעס, וואָס די אַרבעטערשאַפט האָט באַקומען נאָך דער פּאַר־שפּילטער ערשטער רעוואָלוציע פון 1905: אין די אָפענע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אויף די לעגאַלע צוזאַמענפאָרן קעגן אַלקאָהאָליזם, פאַר פאַבריק־מעדיצין, וועגן מלאכה א. אַז. וו. און אויך אין דער לעגאַלער ס. ד.־פּרעסע, וואָס איז דעמאָלט אויפגעקומען. די ליקווידאַטאָרישע ריכטונג בראש מיט א. פּאָטרעסאָוו, איינעם פון די אַלטע רעדאַקטאָרן פון דער איסקראַ, האָט גע־שפּילט אַ גאַנץ גרויסע ראָל ביי די מענשעוויקעס. זי האָט פאַראייניקט אַרום זיך אַ צאָל אינטעליגענטן און אַרבעטער, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אין דער באַוועגונג. די מענשעוויסטישע פירער מאַרטאָוו, דאַן א. אַ. זיינען גאַנץ נאָענט געשטאַנען צו די ליקווידאַטאָרן, אָבער נישט איינ־גאַנצן געטיילט זייער מיינונג, באַזונדערס אין די פראַגן פון דעם אומלעגאַלן אַפּאַראַט פון דער פּאַרטיי. זיי האָבן נאָך געהאַפּט אַזוי צי אַנדערש אָנהאַלטן באַציאונגען מיט די באָלשעוויקעס, כאָטש דאָס איז פאַר זיי געווען גאָר נישט לייכט.

אין בונד זיינען אין יענע יאָרן אויך אָנגעגאַנגען אינעווייניקסטע שטרייטן, אָבער אין אַן אַנדערער פאָרם. אין בונד זיינען אויך געווען אויסגעשפּראָ־כענע ליקווידאַטאָרן מיט מאַרק ליבערן און ר. אַבראַמאָוויטשן בראש, — אָבער זיי האָבן געטיילט דעם ליקווידאַטאָרישן צוגאַנג הויפּטזעכלעך צו די אַלגעמיינע רוסישע ענינים. בנוגע דעם בונד זיינען כמעט אַלע געווען אייניק, אַז דער אומלעגאַלער בונדישער אַפּאַראַט, טראָץ די אַלע קריזיסן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין די יאָרן פון רעאַקציע, דאַרף פאַרבלייבן, דאַרף איינ־האַלטן זיין העכסטע אויטאָריטעט אין בונדישן לעבן. דער שטרייט בנוגע בונדישע ענינים האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּילט צווישן „לעגאַליסטן״ און „אַנטי־לעגאַליסטן״.

גאַנץ בולט האָבן זיך קריסטאַליזירט די חלוקי־דעות אין זייער ערשטער סטאַדיע אויף אַ באַראַטונג ביים צ. ק. פון בונד אין גראָדנע, זומער 1908. אייזנשטאַט האָט פאָרגעשטעלט אויף דער דאָזיקער באַראַטונג די ריכטונג, וואָס האָט געוואָלט איינהאַלטן די פּריאָריטעט פון דעם אומלעגאַלן אַפּאַראַט, רעכנדיק אַז ער וועט נאָך קענען שפּילן אַ וויכטיקע ראָל ביי אַ נייעם געזעלשאַפטלעכן אויפשוואונג אין לאַנד. די דאָזיקע פראַגע האָט זיך ווידער אַרויפגעשטעלט אויפן סדר־היום מיט צוויי יאָר שפּעטער, אויף דער 8טער קאָנפערענץ פון בונד (לעמבערג, אָקטאָבער 1910). אין אַטקליקי בונדאַ

און שטימען פון בונד אין 1909 איז אַנגעגאַנגען אַ פּאָלעמיק, אין וועלכער עס האָבן אָנטיילגענומען ר. אַבראַמאָוויטש פון די ליקווידאַטאָרן, אייזענשטאַט־יודין — פון די אַנטי־לעגאַליסטן און יאָנאָוו־קאָיגען פון דער קאָמפּראָמיס־פּאָזיציע. ווען מען בלעטערט איצט דורך די דאָזיקע באַריכטן און אַרטיקלען פון יענער צייט, קען מען, גלויב איך, מסכים זיין מיט מעדעמס מיינונג אין זיינע זכרונות (ב. 2, זז. 35־232), אַז „קיין ליקווידאַטאָרישע ריכטונג אין רו־סישן זין פון וואָרט איז אין בונד נישט געווען". דאָס קען מען אפשר באַ־שטעטיקן אויך דורך דעם, וואָס אַלע פּאָליטישע באַשלוסן אויף דער לעמבער־גער קאָנפערענץ זיינען געווען אַנגענומען איינשטימיק.

איסיי אייזענשטאַט איז דעמאָלט געווען איינער פון די פאָרשטייער פון בונד אין דעם צ. ק. פון ר. ס. ד. אַ. פּ. און גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די „פּלענומס" פון צ. ק., וואָס זיינען אין יענע יאָרן דורכגעפירט געוואָרן אין פּאַריז. דאָס זיינען געווען די לעצטע פּרוואָוון אייַנצוהאַלטן די איינִיקייט פון דער פּאַרטיי, ד. ה. די צוזאַמענאַרבעט פון די באָלשעוויקעס מיט די מענשעוויקעס. אייזענשטאַט האָט דעמאָלט זייער געהאַלטן פון דעם געדאַנק צו ראַטעווען די פּאַרטיי פון אַן ענדגילטיקער שפּאַלטונג. און מיט דער צושטי־מונג פון לענינען און זיינע חברים האָט ער גענומען אויף זיך די מיסיע צו איבערצייגן די מענשעוויקעס, וואָס אַרבעטן אין רוסלאַנד, ווידער אַריינצו־גיין אין באַשטאַנד פון דעם „רוסישן ביוראָ" פון צ. ק., אין וועלכן זיי זיינען געווען אויסגעקליבן אויף דעם לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר אין 1907. די אַר־בעט איז געווען אין פיל פאַלן אַ ריזיקאַלישע און אַ האָפענונגסלאָזע, — ווייל די מענשעוויקעס האָבן אַרויסגעוויזן דעם העכסטן ווידערשטאַנד צו דעם גע־דאַנק צו אַרבעטן צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס, און ווייל אַרום און אַרום איז געווען פול מיט שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרן. אייזענשטאַט איז אומלעגאַל אַוועק קיין מאָסקווע, פון דאָרטן געפאָרן קיין טולע, וואו ס'האָבן געוואוינט די באָלשעוויסטישע „צעקיסטן" לינדאָוו און סמידאָוויטש, קונציק אַרויסגע־דרייט זיך פון דער נעץ פון שפּיאָנען. אָבער זיין מיסיע האָט זיך אָנגעשטויסן אויף דער אייזערנער עקשנות פון די מענשעוויקעס. גאָרוו, איסוף און יערמאָלאַיעוו (יורי, מיכאַאיל און ראָמאַן) האָבן זיך קאַטעגאָריש אָנטזאָגט צו־זאַמענצואַרבעטן מיט די באָלשעוויקעס און אַריינגיין אין צ. ק.. דער דאָ־זיקער פאַקט האָט אַ היסטאָרישע באַדייטונג, ווייל אייגנטלעך פון דעם דאַטירט זיך די פאַרוואַנדלונג פון די צוויי פּראַקציעס — מענשעוויקעס און באָלשע־וויקעס — אין צוויי באַזונדערע פּאַרטייען.

ס'זיינען לעצערלעך די באַמיאונגען אין דער יעווסעקישער היסטאָריאָ־גראַפישער ליטעראַטור (ראַפעס, קירזשניץ און אַנדערע) פון די צוואַנציקער יאָרן צו פאַרוואַנדלען אייזענשטאַט־יודינען אין אַ... „באָלשעוויק" אין די רייען פון בונד און זיין „אַנטי־לעגאַליסטישע" פּאָזיציע (וואָס האָט אויך געטיילט דעמאָלט א. ליטוואַק) און זיין שטרעבונג צו באַוואָרענען דעם פרידן אין דער ס. ד. פּאַרטיי צו עקספּלאָאַטירן, ווי אַ באָלשעוויסטישן רעוואָלט אין בונד. מ. ראַפעס האָט געשריבן: „די אָנפירנדיקע גרופּע פון בונד... האָט געהאַט אויפן לינקן פלאַנג אַ באָלשעוויק (יודין)". („דער יידישער

אַרבעטער", ב. 3, מאָסקווע, 1927). אָבער ער האָט געמוזט אַליין אונטער־שטרייכן דעם אומזין פון זיין געשיכטלעכער סטיליזאַציע און טרויעריק צוגעבן, אַז די „באָלשעוויסטישע" עלעמענטן אין בונד האָבן ניט געוואָלט איבערייסן „מיט דער קליינבירגערלעכער אידעאָלאָגיע און דער נאַציאָנאַל־אָרגאַניזאַציאָנעלער באַגרענעצטקייט".

אין שפּעטן האַרבסט פון 1912 האָט אייזענשטאַט צוזאַמען מיט אסתר פרומקין און ראַפעסן אָנגעפירט מיט דער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער 4טער דומע אין אָדעס. ס'איז דאָרטן געווען אַ שאַנס דורכצופירן אַ ס. ד. קאַנדידאַט. אַנשטאָט דעם האָט די זשאַנדאַרמעריע זיי אַלעמען אַרעסטירט. אייזענשטאַט האָט געלעבט אויפן פאַלשן פּאַספּאָרט פון סעראַצקי, אָבער די זשאַנדאַרמען האָבן געפונען זיינע צוויי אַלטע פּאָטאָגראַפיעס — איינע פון 1896, ווען ער איז געווען אַרעסטירט אין אָדעס, און די צווייטע פון 1906, ווען ער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד. אויפן סמך פון דעם האָבן זיי פעסטגעשטעלט ווער ס'איז דער אַרעסטירטער. מען האָט אייזענשטאַטן געהאַלטן אַ צייט אין אָדעסער טורמע און נאָך דעם אַריבערגעשיקט קיין ווילנע. ער האָט באַלד באַקומען דעם אורטייל אויף פאַרשיקונג אין נאַרימער געגנט אָבער צוליב זיין קראַנקייט האָט מען אים און אסתרן דערלויבט צו פאָרן אין אַסטראַכאַנער גובערניע, אין טשאָרני יאַר. דאָרטן האָבן זיי פאַרבראַכט צוויי יאָר. אין 1916 האָט מען זיי דערלויבט אַריבערצופאָרן קיין אַסטראַכאַן, וואו איסיי אייזענשטאַט האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער קאָאָפּעראַציע, רעדאַגירט דעם אָרטיקן קאָאָפּעראַטיוון זשורנאַל, און דאָ האָט ער שוין געלעבט ביזן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע פון 1917.

## אין דער צווייטער רעוואָלוציע און נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש

אין אַפּריל 1917 איז אייזענשטאַט שוין געווען אין פּעטראָגראַד. באַלד איז געוואָרן צונויפגערופן די ערשטע לעגאַלע קאָנפערענץ פון בונד — די צענטע. אייזענשטאַט איז געוואָרן אויסגעוויילט אין צ. ק., און דער לעצטער האָט אויסגעקליבן וויינשטיינען אַלס פאָרזיצער, אייזענשטאַטן און ליבערן — אַלס וויצע־פאָרזיצערס פון צ. ק.. כדי איינצוהאַלטן די פאַרבינדונגען מיט די יידישע פאָלקס־מאַסן, האָט מען באַשטימט, אַז דאָס ביוראָ פון צ. ק. זאָל זיך באַזעצן אין מינסק, און אייזענשטאַט צוזאַמען מיט וויינשטיינען און אסתר פרומקין האָבן פאַרלאָזט די רוסישע הויפּט־שטאָט. אַזוי איז אויסגעקומען, אַז אייזענשטאַט האָט פאַרבראַכט אין דער יידישער סביבה די יאָרן 1917 — 1920, בעיקר אין מינסק און אין האָמעל. ער האָט ווייניק אָנטייל־גענומען אין די לאָקאַלע ענינים. ווי פריער, האָט ער געווידמעט זיין גאַנצע צייט דעם בונד. אין צענטראַל־אָרגאַן פון בונד, אין וועקער, וואָס איז אַרויס אין מינסק, האָט ער זייער זעלטן געשריבן, אָבער אין ביוראָ פון צ. ק. און אין פאַרשיידענע באַראַטונגען ביים צ. ק. איז ער געווען איינער פון די איינ־פלוסרייכסטע מענטשן.

אין די שטרייט־פראגן פון דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע האָט אייזענשטאַט פאַרטיידיקט אַ גאַנץ קלאָרע פּאָזיציע: ער האָט געהערט צו די „רעוואָלוציאָנערע אָבאָראָנצעס״, — אַ זייער נאָענטע פּאָזיציע צו דער וואָס ס׳האָבן רעפּרעזענטירט אין אַלרוסישן מאַסשטאַב די פירער פון דעם פּעטערבורגער סאָוועט: צערעטעלי, דאַן, ליבער.

נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש פון די באָלשעוויקעס איז אייזענשטאַט געוואָרן נאָך „רעכטער״ געשטימט. ער האָט נישט מסכים געווען מיט דער אינטערנאַציאָנאַליסטישער, צימערוואַלדיסטישער ריכטונג פון מאַרטאָוו־אַבראַמאָוויטש. נאָך מער — אויף דעם פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר פון די מענשעוויקעס אין נאָוועמבער 1917 און אויף דעם 8טן צוזאַמענפאָר פון בונד אין דעצעמבער 1917 אין פּעטראָגראַד איז אייזענשטאַט נישט צוגעשטאַנען צום „צענטער״, וואָס ס׳האָבן אָרגאַניזירט ראַן־ערליך־טשערעוואַנין און אַנדערע און וואָס האָט געשאַפן אַ מין בלאָק מיט די אינטערנאַציאָנאַליסטן.

אייזענשטאַט איז צוגעשטאַנען צום „רעכטן״ פליגל פון בונד, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן יעדע אילוזיע צו געפינען אַזוי צי אַנדערש אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט די אוזורפּאַטאָרן פון דער מאַכט, מיט די באָלשעוויקעס. אַזוי איז ער געווען געשטימט אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע פון מינסק (1918) אויף אַ באַראַטונג פון צ. ק.. אַלס „רעכטער״ איז ער געווען אויף דער 11טער קאָנפערענץ פון בונד אין מינסק (מערץ 1919), און אַלס אַזעלכער איז אייזענשטאַט אַריין אין נייעם צ. ק.. אין יענער צייט איז שוין די ברייטע יידישע מאַסע און אויך דער בונד געווען פאַרכאַפּט פון פּראָ־באָלשעוויסטישע שטימונגען. אייזענשטאַט איז געווען אין דער קלענסטער מינדערהייט אין צ. ק., בלויז דער אינטערנאַציאָנאַליסט סוועטיצקי האָט אים געקענט אַ ביסל שטיצן. אַרום און אַרום זיינען אויסגעוואַקסן האַלבע און גאַנצע קאָמוניסטן, וואָס האָבן מיט אומגעדולד פאָרסירט די שפּאַלטונג אין בונד. אויף אַ באַראַטונג ביים צ. ק. אין האָמעל, האַרבסט 1919, האָט זיך איינגעגעבן אויף אַ קורצער צייט פאַרהאַלטן די „זעלבסט־באַשטימונג״ פון די נעאָפיטן פון קאָמוניזם, אָבער די אָפיציעלע מערהייט פון בונד האָט זיך געקייקלט אַן אָפּהאַלט צום קאָמוניזם.

כדי כאָטש אַ ביסל צו פאַרטיידיקן זיך און העלפן מיט וואָס מען קען נאָך אייזענשטאַטן, האָבן מיר געשאַפן אין מאָסקווע אַ „צענטראַל־ביוראָ פון ס. ד. אָרגאַניזאַציעס אין בונד״. אין זיין שווערער לאַגע, האָט אייזענשטאַט אַרויסגעוויזן נישט בלויז כאַראַקטער און אויסדויער — ער איז באַוואוסטזיניק געגאַנגען אויף מסירת־נפש, כדי כאָטש עפּעס צו ראַטעווען, צו ראַטעווען דעם כבוד פון בונד. זיינע אויספירלעכע בריוו, וואָס האָבן באַשריבן דעם טרויעריקן פּראָצעס פון באַרג־אַראָפּ, האָבן מיר אָפּט באַקומען אין מאָסקווע (צום באַדויערן, זיינען זיי — בעת אַ רעוויזיע אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער טשעקאַ). פון זיי האָט מען באַקומען אַ קלאָר בילד וועגן גורל, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף דער זעלטן־אויסגעהאַלטענעם דעמאָקראַטישן סאָציאַליסט.

אין אַפּריל 1920 האָט זיך אין מאָסקווע אויסגעשפּילט דער לעצטער

אַקט: די 12טע קאָנפערענץ פון בונד איז געווען פּאַראורטיילט צו אַ שפּאַל־טונג. אייזענשטאַט איז אַרויסגעטרעטן מיט אַ באַזונדערן פּאָליטישן רעפּע־ראַט פון דער „רעכטער" פראַקציע. מיר אַלע האָבן פאַרלאָזט די קאָנפערענץ צוזאַמען מיט די אינטערנאַציאָנאַליסטן נאָך אַ היסטאָרישער דעקלאַראַציע, וואָס ס'האָט פאַרעפנטלעכט ר. אַבראַמאָוויטש. ס'איז דורכגעפירט געוואָרן אַ באַזונדערע קאָנפערענץ, וואָס האָט געשאַפן אַ ס. ד. בונד. פאַר אייזענשטאַטן איז געווען נישט לייכט צו פאַנאַנדערגיין זיך אויף אייביק מיט די אַלטע חברים, באַזונדערס מיט אסתר פרומקין און רחמיאל ווײַנשטיין. אין באַ־שטאַנד פון צ. ק. פון ס. ד. בונד איז ער אַרײַן צוזאַמען מיט אַבראַמאָוויטשן, ליטוואַקן, ראַזע לעוויט, מיט דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות און אַנ־דערע. ס'זיינען אַוועק אינגאַנצן עטלעכע חדשים, און די טשעקאַ האָט גע־ריכטעט דעם רויטן טעראָר ספּעציעל קעגן דעם בונד. דעם 25סטן פעברואַר 1921 איז אייזענשטאַט געוואָרן אַרעסטירט אויף אַ גרויסער מענשעוויסטי־שער פאַרזאַמלונג. כמעט אַ יאָר צייט האָט ער געשמאַכט אין דער באַלשע־וויסטישער תפיסה. סוף־כל־סוף האָט אָפּגעגליקט: אַנהויב 1922, נאָך אַ 7־טאָגיקן הונגער־שטרייק, האָט מען זיך דערשלאָגן, אַז אַ גרופּע חברים זאָל מען דערלויבן אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד. אייזענשטאַט איז געווען צווישן זיי. די עמיגראַציע, וואָס האָט געדויערט אַנדערטהאַלבן צענטליק יאָר פאַר אייזענשטאַטן, שטעלט מיט זיך פאַר דעם לעצטן קאַפּיטל פון זיין לעבן.

## די לעצטע פאַרשיקונג — אין אויסלאַנד

נאָך אונטער די באַלשעוויקעס אין רוסלאַנד איז אייזענשטאַט געווען אין באַשטאַנד פון צ. ק. פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ.. ווען ער איז געקומען קיין בערלין אין 1922, איז ער אויטאָמאַטיש אַרײַן אין דער „אויסלענדישער דע־לעגאַציע", וואָס איז וואָס ווייטער געוואָרן די איינציקע פאַרקערפּערונג פון מענשעוויזם. דער טעראָר אין רוסלאַנד האָט פריער פאַראַליזירט אַלע פאַר־בינדונגען, נאָך דעם האָט ער טאַקע פּאַקטיש פאַרניכטעט אַלע אָרגאַניזאַ־ציעס און אַלע טוער. דאָס זעלבע איז געווען מיטן בונד. נאָכן אַרעסט פון ראַזע לעוויט, וואולף דראַבקין, סוועטיצקי, פּאַפּליאַק, יוסף חייקינד, בוזי ספּיוואַק און נאָך חברים, האָט בלויז פאַרמעל אַ געוויסע צייט געקענט עקזיס־טירן די „אויסלענדישע דעלעגאַציע פון ס. ד. בונד", וואָס האָט אַרויסגעלאָזט אין אַנהויב דרייסיקער יאָרן צווי ביכלעך פון אונזער גדענק. איסיי איי־זענשטאַט האָט איצט די גאַנצע צייט זיינע אָפּגעגעבן דעם מענשעוויזם. ער האָט אויף אַלע סאָציאַליסטישע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן אָנגעגעבן, אַז ער פאַרטרעט אויך דעם ס. ד. בונד, און איז אויך אַרײַן אין דער פאַרוואַלטונג פון דעם בונדישן אַרכיוו, מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפירט פראַנץ קורסקי. די בונדישע תקופה פון זיין לעבן האָט אָבער געהערט צו זיין פאַרגאַנגענהייט. ער איז געווען דער פאַרזיצער פון דער מענשעוויסטישער גרופּע אין בערלין (ביז 1933) און שפּעטער אין פּאַריז. ער האָט אויך פאַרוואַלטעט מיט דעם זשורנאַל סאָציאַליסטישעסקי וויעסטניק.

אינטערעסאַנט, אַז אין דעם לעצטן צענטליק יאָר פון זיין לעבן האָט

איסיי אייזענשטאַט גאַנץ ראַדיקאַל געביטן זיינע מיינונגען. אפשר האָט זיך דאָס אָנגעהויבן פריער ביי מאַרטאָווס לעבן און אונטער מאַרטאָווס טיפער השפעה. מיט זיין אַלטן פריינט פון ווילנע פון 1895 איז אייזענשטאַט ווידער געווען זייער באַפריינדעט. אין בערלין האָט עקזיסטירט, אַלס אַן אָפּאָזיציע צו מאַרטאָוון, אַ גאַנץ גרויסע „רעכטע" פראַקציע, וואו ס'זיינען געווען פאַר־אייניקט גאַרווי, וויינשטיין־זוועזדין, וואָיטינסקי, בינשטאָק און אַנדערע באַ־קאַנטע מענשעוויקעס. מיט די „רעכטע" זיינען געשטאַנען אין פולן קאָנטאַקט פּאַוועל אַקסעלראָד און איראַקלי צערעטעלי. אין אירע זיצונגען האָבן אָנ־טיילגענומען וולאַדימיר קאָסאָווסקי, פּאָול אַלבערג, סערגיי בראַון, עטקין — פון די בונדיסטן. אין דער אויסלענדישער דעלעגאַציע האָבן פאַרגע־שטעלט די „רעכטע" קעפּאַלי און דער שרייבער פון די שורות. אָבער איסיי אייזענשטאַט האָט נישט געוואָלט גיין מיט די „רעכטע". ער האָט אין יענע יאָרן דורכגעמאַכט אַ זייער ראַדיקאַלן קער אויף „לינקס".

ס'איז זייער שווער, אַפילו פון ריין־פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, אויפ־צוקלערן די סיבות, וואָס האָבן פאַרוואַנדלט אייזענשטאַטן אין אַ „לינקן סאָציאַליסט", אָבער דאָס איז אַ פאַקט, וואָס מען קען אים נישט אָפּלייקענען: ווען אין אָנהויב פון דער קאָלעקטיוויזאַציע אין רוסלאַנד, אין די דרייסיקער יאָרן, האָט זיך מאַרטאָווס ריכטונג (די מערהייט פון דער דעלעגאַציע) גע־שפּאָלטן און פון איר האָט זיך אויסגעטיילט אַ „צענטער" (אַבראַמאָוויטש־ניקאָלאַיעווסקי־דאַלין), וואָס האָט זיך בהדרגה אָנגעהויבן צו דערנענטערן מיט די „רעכטע", איז דעמאָלט אייזענשטאַט געבליבן מיט די „לינקע", אָנגעפירט פון טעאָדאָר דאַן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אַלס די געזעצלעכע יורשים פון מאַרטאָוון. ס'וואָלט געווען איבעריק איצט אַריינצוגיין אין אַ כאַ־ראַקטעריסטיק פון דער דאָזיקער „לינקער" ריכטונג אין מענשעוויזם. גענוג צו זאָגן, אַז זי האָט אָפּגעשפּיגלט אין זיך די בליקן וועגן סאָוועט־רוסלאַנד, וועגן דער עוואָלוציע פון קאָמוניזם, די פּראָבלעמען פון פאָלקס־פראָנט, וואָס ס'האָבן רעפּרעזענטירט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער אַרענע אָטאָ באַוער, פרידריך אַדלער, ט. דאַן און אין אַ געוויסן זין דער בונד אין פּוילן. און די דאָזיקע מיינונגען זיינען געווען אין די לעצטע יאָרן אויך די מיינונגען פון איסיי אייזענשטאַט.

אין דער עמיגראַציע האָט אייזענשטאַט חתונה געהאַט מיט אַ יינגער רוסישער פרוי, נאַדעזשדאַ פערעמעזשקאַ, וואָס איז אויך געזעסן מיט אונז אין דער מאָסקווער בוטירקי און וואָס איז שפּעטער אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד צו איר נאָענטן. דער נאָענטער איז געווען — אייזענשטאַט. ער האָט געהאַט פון איר אַ טאָכטער, וועלכע ער האָט אין אָנדענק פון מאַרטאָוון אָנגערופן יוליאַ. (ביידע האָבן אויסגעוואַנדערט פון פאַריז אין אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און לעבן אין אַמעריקע).

אין אָנהויב 1937 האָבן די מענשעוויקעס און בונדיסטן פייערלעך געפּראַוועט דעם 70־יאָריקן יובל פון איסיי אייזענשטאַט. אין אַ פּאָר חדשים שפּעטער איז ער קראַנק געוואָרן, און דעם 27סטן יולי געשטאָרבן.

די לוויה איז פאָרגעקומען אויפן בית־עולם פּער לאַשעז. זיין גוף איז

געוואָרן פאַרברענט אין קרעמאַטאָריע, און די אורנע מיטן אַש איז אַוועקגעשטעלט ביי די אורנעס פון זשיל געד און פּאָטרעסאָוו.

ווייט פון דעם לאַנד און פון די פאָלקס־מאַסן, וועמען ער האָט געווידמעט זיין לעבן, אָבער מיטן מוח און האַרץ תמיד מיט זיי, האָט דער ריינער אידעאַליסט איסיי אייזענשטאַט פאַרברענגט זיינע עלטערע יאָרן. ער האָט מיט צער צוגעזען צו וואָסערע שרעקלעכע אומזיניקייטן און פאַרברעכנס לעניץ און זיינע תלמידים זיינען דערגאַנגען מחמת דעם, וואָס זיי האָבן „דערפירט דעם מאַרקסיזם צו אַן אַבסורד".

גריגאָרי אַראָנסאָן

# ליובע לעווינסאָן־אייזענשטאַט

געבוירן 1866 אין ווילנע — געשטאָרבן דעם 26 יוני 1903 אין ניו־יאָרק.

אירע עלטערן — פאַרמעגלעכע סוחרים און קולטורעלע מענטשן — האָבן איר געגעבן אַ גוטע דערציאונג. אין די ערשטע אכציקער יאָרן געענדיקט די גימנאַזיע אין ראָמני. איר באַגער איז געווען ווייטער זיך צו בילדן און צו דעם צוועק האָט זי געוואָלט פאָרן קיין אויסלאַנד. דער פאָטער, וועלכער האָט זיין געראָטענע טאָכטער געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ און איבער איר כסדר געציטערט, האָט עס קאַטעגאָריש פאַרווערט. דער דראַנג צו בילדונג און זעלבשטענדיקייט איז ביי דעם 18־יאָריקן מיידל געווען אַזוי שטאַרק, אַז זי איז אַנטלאָפן פון דער היים און אַוועק אין דער שווייץ.



אין זשענעווער אוניווערסיטעט האָט זי אַ פּאָר יאָר שטודירט נאַטור־וויסנשאַפט. דאָרטן האָט זי זיך באַפריינדעט מיט דער באַרימטער רוסישער רעוואָלוציאָנערין וויערא זאַסוליטש און געוואָרן אַ סאָציאַליסטין. זי איז צוגעשטאַנען צו דער גרופּע באַפרייאונג פון דער אַרבעט און געוואָרן אַ שילערין פון פאָטער פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — געאָרג פּלעכאַנאָוו. פון דעמאָלט אָן האָט ליובע זיך געווידמעט דעם קאַמף פאַר פרייהייט און סאָציאַליזם ביז איר פריצייטיקן טויט.

איר האָט געצויגן צום ווירקלעכן קאַמף־פעלד און זי פאָרט אין 1887

קיין רוסלאַנד צו אַרבעטן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. זי פירט־מיט אומלעגאַלע ליטעראַטור און בריוו פון וויעראַ זאַסוליטש. אויף דער גרענעץ פאַלט זי דורך און ווערט איינגעזעצט אין סואוואַלקער טורמע. אַנדערטהאַלבן יאָר האָט די יינגע רעוואָלוציאָנערין געשמאַכט אין אַן איינצל־קאַמער. די באַציאונג צו איר איז געווען אַזאַ ברוטאַלע און סאַדיסטישע, אַז אירע נערוון האָבן נישט אויסגעהאַלטן און זי האָט געפּרואווט באַגיין זעלבסטמאָרד. נאָכן משפּט זיצט זי אָפּ נאָך אַנדערטהאַלבן יאָר תפיסה.

נאָך די ערשטע דריי יאָר טורמע קומט זי קיין ווילנע, וואו ס׳איז שוין געווען אַ גאַנץ שטאַרקע סאָציאַליסטישע באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער און אינטעליגענץ. ליובע פאַרזוכט צום ערשטן מאָל דעם טעם פון פּראַקטישער אַרבעט און ווייזט דאָ אַרויס אַלע אירע מעלות: אַ סך וויסן, ניכטערן שכל, אומגעהויערע ענערגיע און זעלטענעם העלדנמוט. זי פילט זיך אויסערגעוויינלעך גוט צווישן די יידישע אַרבעטער, אינטערעסירט זיך מיט זייער פּערזענלעך לעבן, העלפט מיט ראָט און טאַט. באַזונדערס אויפמערקזאַם איז זי געווען צו קראַנקע, צו וועלכע זי איז געווען אַ באַרמהאַרציקע שוועסטער. טאָג און נאַכט איז זי געווען פאַרנומען, געפירט פּראָפּאַגאַנדע־קרייזלעך און געטאָן אַנדערע אַרבעטן. זי האָט געשריבן פּראָקלאַמאַציעס, געהאָלפן צוגרייטן אַגיטאַציע־בראָשורן אָדער איבערזעצן פון אַנדערע שפּראַכן. צוזאַמען מיט אַרקאַדי קרעמער, איסיי אייזענשטאַט, דזשאָן מילל, פּאַטי סרעדניצקי (שפּעטער קרעמער), צמח קאָפּעלזאָן, שמואל גאָזשאַנסקי און פּאַליע גאָרדאָן איז אויך ליובע לעווינסאָן געווען אַ מיטגליד פון דער צענטראַלער אָנפירונג. אין קאַמף מיט דער קאָנסערוואַטיווער „אָפּאָזיציע״ אַרום דער פראַגע פון איבערגיין צו אַ מאַסן־אַגיטאַציע אויף יידיש, האָט זי פאַרטיידיקט דעם נייעם נוסח. ליובע איז געווען פון די סאַמע וויכטיקסטע אין דער באַוועגונג. די אַרבעטער האָבן זיך געריסן צו געהערן דווקא צו אירע קרייזן, הגם מ׳האָט זי געהאַלטן פאַר אַ גייסטיקע אַריסטאָקראַטקע...

ל. מאַרטאָוו וועלכער האָט געקענט ליובען פון ווילנע, זאָגט, אַז זי „איז געווען זייער אַ פעאיקע פּראָפּאַגאַנדיסטין. זי איז געווען שטאַרק פּאָפּולער צווישן די אַרבעטער און פלעגט אַריינטראָגן ברויזנדיקע ענערגיע אין איר אַרבעט, וואָס זי פלעגט טאָן אָן אַן אויפהער. זי האָט געהאַט דעם לענגסטן און שווערסטן תפיסה־סטאַזש״.

ס׳איז איר אָבער באַשערט געווען דעם „תפיסה־סטאַזש״ נאָך צו פאַרלענגערן. נאָך אַ 5־יאָריקן פּעריאָד פון אינטענסיווער, מסירת־נפשדיקער אַרבעט אין ווילנע, ווערט זי סוף 1895 דעלעגירט צו אַרבעטן אין ביאַליסטאָק. בלויז 3 חדשים האָט זי באַוויזן דאָרטן צו פאַרבלייבן. נאָכן אָנשרייבן אַן אויפרוף צום 1טן מאַי ווערט ליובע דעם 20 פעברואַר 1896 ווידער אַרעסטירט. 15 חדשים האָט מען אין טורמע געהאַלטן די געפאַנגענע רעוואָלוציאָנערין אין אַן איינצל־קאַמער. נאָך דעם איז געקומען דער אורטייל — 5 יאָר פאַרשיקונג אין מזרח־סיביר. פון ווילנער טורמע האָט אַ קאָנוואָי מיט אויסגעצויגענע שווערדן געפירט די פאַרשיקטע רעוואָלוציאָנערין צום

וואָקזאַל. די יידישע אַרבעטער האָבן זי באַגלייט און געמאַכט אַ גרויסע גאַסן־דעמאָנסטראַציע.

אין פאַרשיקונג איז זי געווען צוזאַמען מיט איר מאַן און קאַמף־חבר — איסיי אייזנשטאַט. נאָכן אָפּזיין דעם טערמין איז זי צוריקגעקומען מיט אַ האַלב־יאָריק קינד אויף דער האַנט. זי איז געשטאַנען פאַר דער ברירה: בלייבן אַ שטוב־זיצערין מיטן קינד, אָדער אַריינוואַרפן זיך ווידער אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט — און שיידן זיך מיטן קינד. זי זאָגט זיך אָפּ פון פּערזענלעכן גליק צו בלייבן צוזאַמען מיט איר ליב באַשעפּעניש און באַשליסט דאָס צווייטע. כדי דאָס קינד זאָל האָבן אַ געהעריקע השגחה, פירט זי עס אַוועק צו איר שוועסטער אין ניו־יאָרק, מיט דער דעה באַלד צוריקצופאָרן אַהין, וואו עס רופט די רעוואָלוציאָנערע פליכט. אָבער דאָ גע־שעט דאָס שרעקלעכע און טראַגישע: אין אַ זייער הייסן ניו־יאָרקער יוני־טאָג האָט זי גענומען אַ וואַנע, ווען קיינער איז אין שטוב נישט געווען, מיט 4 שעה שפּעטער האָט אַ ברודער זי געפונען אין וואַנע שוין אַ טויטע.

לויט דער מיינונג פון דאָקטוירים איז ליובע בעתן באָדן זיך געפאַלן אין חלשות (אין יענעם טאָג זיינען געווען אַ סך טויט־פאַלן פון היץ) און איז דערטרונקען געוואָרן. ס'איז אויפגעקומען אַ חשד פון זעלבסטמאָרד, משמעות, צוליב איר פריערדיקן זעלבסטמאָרד־פרואוו אין טורמע. סיי די דערקלערונג פון דאָקטוירים, סיי דער אינהאַלט פון אירס אַ בריוו, וואָס זי האָט איבערגעריסן אין מיטן שרייבן פאַרן נעמען די וואַנע, ריידן קעגן אַזאַ השערה.

ב.: דער אידישער אַרבייטער 3-2, 5-4 1897. דיא אַרבייטער שטיממע נומ' 35, אָקטאָבער 1903. אַרקאַדי, ניו-יאָרק 1942. דזשאַן מילל: פּיאָנערן און בויער, ערשטער באַנד, ניו-יאָרק 1946. א. ליטוואַק: וואָס געווען, ווילנע, 1925; גע-זאַמלטע שריפטן, ניו-יאָרק 1945. פראַנץ קורסקי: געזאַמלטע שריפטן, ניו-יאָרק 1952. ז. רייזען: לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע, צווייטער באַנד, ווילנע 1930. ל. מאַרטאָוו: זכרונות פון אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט, בערלין 1923. אַרטיקלען און זכרונות פון א. מענעס, ה. קאַץ-בלום, דזשאַן מילל, פ. קורסקי, י. פּעסקין און א. טשעריקאָווער אין היסטאָרישע שריפטן, 3, (די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג ביז דער גרינדונג פון „בונד"), איוו"אָ ווילנע — פּאַריז 1939.

**Вѣстникъ Бунда,** № 1-2, январь-февраль, 1904. Женева. Био-Библиографический Словарь, том V, Социал-демократы, Москва, 1930.

י. ש. ה.

# דר. פּאַוועל ראָזענטאַל

אויף איינער פון די שטילערע האַנדלס־גאַסן אין ווילנע האָט זיך געפונען דאָס מעבל־געשעפט פון יצחק ראָזענטאַל. אַ גרויס געשעפט, פול פאַרשטעלט מיט שווערע מאַסיווע מעבל, באַפּוצטע מיט אויסגעקליגלטע שניצערייען, אין וועלכע די בעלי־מלאכות פון יענער צייט האָבן אַריינגעלייגט אַ שלל אַרבעט. די סחורה איז געווען אויסגערעכנט פאַר רייכערע קונים. ס'האָבן אין אים שווער געאַרבעט פון אין דער פרי ביז ביינאַכטביידע ראָזענטאַלס, מאַן און ווייב.

עטלעכע מינוט גאַנג פון געשעפט האָבן די ראָזענטאַלס געוואוינט אין אַ פיינער דירה. דאָרט האָבן זיך געהאָדעוועט זייערע זעקס יינגלעך. זיי זיינען ביי זיי געבוירן געוואָרן איינער נאָכן אַנדערן אין געציילטע עטלעכע יאָר, אַזוי אַז ס'איז אָפּטמאָל שווער געווען צו דערקענען ווער ס'איז עלטער און ווער יינגער. ווען עמיצער וואָלט פלוצלונג אַ פרעג געטאָן ביי די ראָזענטאַלס מכוח זייער פאַרמעגן, וואָלטן זיי אָן איבעריקע טראַכטענישן תיכף אָפּגעענטפערט: מיר האָבן זעקס זין! און דאָס וואָלט געזאָגט געוואָרן נישט בדרך מליצה, דאָס וואָלט אויפריכטיק אַזוי געווען געמיינט. מיט די זין זיינען אויך געווען פאַרבונדן די ליכטיקסטע האָפענונגען און דער עיקר דער אויסגעחלומטער און אַפילו פראַקטיש אויסגעחשבונטער ציל אין לעבן: אַלע זעקס זין זאָלן אויסשטודירן פאַר דאָקטוירים (צוויי זיינען געוואָרן דאָקטוירים, צוויי פאַרמאַצעווטן, איינער אַ דענטיסט און איינער אַ סוחר). אונטערן דאַך פון די ראָזענטאַלס האָבן געהויזט צוזאַמען ביידע היסטאָרישע שטראָמען אין יידישן לעבן פון יענער תקופה — די טראַדיציאָנעלע יידישקייט און די אויפגעקומענע השכלה. אין די שבתים און יום־טובים זיינען די עלטערן געגאַנגען אין שול; אין די פרייטיק־צו־נאַכטסן איז דער טיש געווען שבתדיק געדעקט און אין די פינקלדיקע לייכטער האָבן זיך געפלעמלט הויכע בענטשליכט; שבת־יום־טובדיק איז געווען די שטימונג ביים גאַנצן הויזגעזינט און אַזוי זיינען אויך געווען די מאכלים. אָבער ביים טיש האָבן די עלטערן מיט די קינדער גערעדט רוסיש.

דער דריטער זון אין דער פאַמיליע איז געבוירן געוואָרן דעם 4טן יוני 1872. מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן פּינאי. שפּעטער, ווען ער קומט אָן אין גימנאַזיע, פאַרשרייבט מען אים פּנחס און בעת ער וואַקסט אויס ווערט ער באַוואוסט ווי פּנחס אָדער פּאַוועל ראָזענטאַל.

ביז 9 יאָר גייט פּינאי אין חדר. דער רבי קען זיך גאָר נישט אָפּלויבן פון אים. צו 9 יאָר נעמט מען אים אָפּ פון חדר, כדי צוצוגרייטן אים אָנצוקומען אין גימנאַזיע. דאָס לערנען קומט אים ניט אָן שווער. ער ווערט באַלד דער ערשטער שילער אין זיין קלאַס. ער וויל אָבער וויסן אַ סך מער ווי דאָס וואָס מען לערנט דאָרטן. ער וואַרפט זיך אויף ביכער, זוכט זיי אויס וואו נאָר ס'איז מעגלעך. ער ווערט אַ ליידנשאַפטלעכער לייענער פון רייזע־באַשרייבונגען און געשיכטלעכע ווערק. אין אַ פּאָר יאָר אַרום קומט צו אַ שטאַרקע פאַראינטערעסירונג מיט מאַטעמאַטיק און פיזיק. ער פּרובירט אויך

זיינע כּוחות אין מאָלן. אויף די ווענט פון זיינע עלטערנס הויז העגגען שפּע־טער אַ סך פון זיינע מאָלערייען. בכלל צייכנט ער זיך אויס מיט אַ זעלטענער אַרבעטזאַמקייט.

פינאַי איז געווען דער דריטער צווישן די ברידער, ער איז אָבער גאָר גיך געוואָרן דער אויטאָריטעט צווישן זיי. און דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל „פינאַי האָט אַלץ געוואוסט". ער האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט אַרויסצוהעלפן וועמען עס איז. ער איז קיינמאָל נישט מיד געוואָרן צו דערקלערן אַ זאַך ביז וואַנען יענער האָט עס גוט פאַרשטאַנען. אָט די אייגנ־שאַפט זיינע האָט אַזוי ווי פון זיך אַליין געבראַכט דערצו, אַז צו קנאַפּע 14 יאָר איז ער שוין געווען אַ לערער. פריער ווי אַן אַרויסהעלפער פון די אָפּ־געשטאַנענע תלמידים פון זיין קלאַס און דערנאָך האָט ער שוין געלערנט אויך מיט אַנדערע.

## די אוניווערסיטעט־יאָרן און דער ערשטער אַרעסט

אין יאָר 1890 האָט פינאַי געענדיקט גימנאַזיע. ער האָט באַקומען אַ זילבערנעם מעדאַל און נישט קיין גאָלדענעם בלויז דערפאַר, ווייל דער די־רעקטאָר האָט געהאַלטן, אַז עס פּאַסט נישט צו געבן אַ יידן די העכסטע אויסצייכענונג.

צוליב די אַנטי־יידישע גזירות, האָט פינאַי נישט געקאָנט אַריינקריגן זיך אין טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט, ווי ער האָט געפּלאַנט, און ער איז אָנגע־קומען אין כאַרקאָווער אוניווערסיטעט אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט. דער־מיט הויבט אָן מקוים ווערן דער חלום פון זיינע עלטערן. דער דריטער זון מאַכט דעם וויכטיקסטן טריט צו זיין קאַריערע. בעת ער האָט זיך באַוויזן פאַר זיי אין זיין נייעם אָנצוג מיטן סטודענטישן היטל אויפן קאָפּ, האָט ער זיי אויסגעזען ווי ער וואָלט פּלוצלונג גרויס געוואָרן און זייער פריד איז געווען אין לשער. די פריד איז אָבער געווען געמישט מיט זאָרג. די צייטן זיינען געווען אומרואיקע און די עלטערן האָבן געציטערט איבער די קאַריערעס פון זייערע זין. מען האָט עס געקענט זען בעתן געזעגענען זיך פאַר זיין אַוועקפאָרן אין אוניווערסיטעט. דער פאָטער האָט אים געזאָגט : „זיי פאָר־זיכטיק, פינאַי, מיט באַקאַנטשאַפטן, כאַרקאָוו איז דיר ניט ווילנע, וואו דו קענסט יעדן מענטשן"... און בעת די מוטער האָט אים באַגלייט צו דער באַן און האָט פאַרן צעשיידן זיך אַריינגעקוקט אין זיין רונדלעכן יינגלשן פּנים, אָבער שוין מיט דער פּוכיקער באַוואַקסנקייט אויף אים, האָט איר בליק אויס־געדריקט אַן אַ שיעור ליבשאַפט אָבער אויך באַהאַלטענע אומרואיקייט. און עס האָט געקלונגען אי ווי אַ בקשה און אי ווי אַ וואָרנונג בעת זי האָט גע־זאָגט : „זאָל דיר ניט אַרן, מיין זון, וואָס רוסלאַנד האָט אַ קייסער".

דער 18־יאָריקער זון, וואָס איז שוין לאַנג געווען אַרויס פון אונטער זיינע עלטערנס רשות, האָט איר אָפּגעענטפערט מיט אַ פריינטלעכן, גוטמו־טיקן אָבער עטוואָס איראָנישן שמייכל אין זיינע קלוגע ברוינע אויגן. דאָס

איז אַגב אויך שפּעטער געווען פּאַוולס טבע צו קוקן מיט אַ לייכטער גרינג־שעצונג אויף מענטשן מיט וועלכע ער האָט ניט מסכים געווען.

די אומרואיקייט פון די עלטערן האָט געהאַט אַ גרונט. אין די לעצטע יאָרן אין גימנאַזיע האָט פּינאי זיך שוין באַטייליקט אין געהיימע שילער־קרייזן און איז שוין גאַנץ שטאַרק באַאיינפלוסט געווען פון די רעוואָלוציאָנ־ניזירנדיקע ווערק פון די באַרימטע ליטעראַטור־קריטיקער, פילאָסאָפן און פרייהייטס־קעמפער.




דר. פּאַוועל ראָזענטאַל, הירש לוריע, אַניע ראָזענטאַל, דר. פּאַוועל ראָזענטאַל

באַלד ווי ער איז געקומען אין כאַרקאָוו האָט ער אויך געפונען דעם וועג צו די דאָרטיקע סטודענטישע אומלעגאַלע קרייזן. דאָ זיינען געפירט געוואָרן ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס צווישן נאַראָדניקעס און מאַרקסיסטן און פּאַוועל איז גיך צוגעשטאַנען צום מאַרקסיסטישן לאַגער. פּאַוועל געהערט צו אַ קרייז, וואָס באַגנוגנט זיך שוין נישט מיט דיסקוסיעס אַליין, נאָר שטייט אויך אין פאַרבינדונג מיט אַ רעוואָלוציאָנער־פּאָליטישער גרופּע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט טראַנספּאָרטירן אומלעגאַלע ליטעראַטור. גלייכצייטיק שטודירט ער געוויסנהאַפט, לערנט אַ סך אַליין פאַר זיך זיינע באַליבטע לימודים און פאַרדינט מיט לעקציעס אויף אויסצוהאַלטן זיך.

אַזוי זיינען אַוועק דריי יאָר. זומער־צייט 1893 ווערט דער 21־יאָריקער פּאַוועל ראָזענטאַל פּלוצלונג אַרויסגעריסן פון דער טומלדיקער סטודענטישער סביבה. ער ווערט אַרעסטירט. דאָס געשעט צוליב אַ נישט־פּאַרזיכטיק געשריבענעם בריוו, וואָס פאַלט אַריין אין די הענט פון דער זשאַנדאַרמעריע. דער אַרעסט טרעפט אים אין קורסקער גובערניע, וואו ס'האָט דעמאָלט געבושעוועט די כאָליערע. אין זיין וואַקאַציע־צייט איז ער געפאָרן אַהין קעמפן מיט דער עפּידעמיע. ער איז צוגעצויגן געוואָרן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר „אַריינברענגען און וואַרשע פּאָליטישע קאָנטראַבאַנד" (ליטעראַטור).

מען האָט אים אויסגעשלאָסן פון אוניווערסיטעט, אַוועקגעפירט אין וואַרשע און אַריינגעזעצט אין 10טן פּאַוויליאָן פון ציטאַדעל.

זיין ערשטער אַרעסט האָט געדויערט זעקס חדשים. אָבער שווער זיינען פאַר אים געווען בלויז די ערשטע עטלעכע טעג. ער האָט זיך דערוואוסט וועגן דער רייכער טורמע־ביבליאָטעק און דער יונגער ראָזענטאַל איז ווידער געווען אין זיין עלעמענט. איצט האָט די שטילקייט מיטגעהאָלפן רואיק צו לערנען, צו פאַרטיפן זיך אין אַ בוך און אין זיך אַליין.

## אין ווילנע אונטער פּאָליצייאישער השגחה

נאָך זעקס חדשים זיצן איז פּאַוועל ראָזענטאַל באַפרייט געוואָרן. ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין זיין געבורטסשטאָט אונטער פּאָליצייאישער אויפזיכט. ער איז געפאָרן אַהיים אין אַ גוטער שטימונג און האָט וואָס גיכער געוואָלט קומען אַהין. ער האָט געוואוסט, אַז ער פאָרט אין ווילנע אָנהויבן אַ נייעם שטייגער לעבן.

ווען פּאַוועל ראָזענטאַל איז געקומען אַהיים, האָט ער זיך תיכף געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער גרופּע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. מיט לייב און לעבן וואַרפט ער זיך אַריין אין דער נייער אַרבעט. זי איז פאַר אים ווי אָנגעמאָסטן. ער ווערט דער ענטוזיאַסטישער דערציער פון די אויפגעוואַכטע יידישע אַרבעטער. מיט טיפן ערנסט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אים, באַפרידיקט ער זייער דורשט נאָך וויסן און וועקט זיי צו רעוואָלוציאָנערע מעשים.

צוזאַמען מיטן אויפגעוואַכטן באַוואוסטזיין, וואַקסט ביי דער יידישער מאַסע דער אינטערעס צום בוך. דעם מאַנגל אין פּאַסיקע ביכער אין דער יידישער שפּראַך, דערפילט פּאַוועל ראָזענטאַל באַלד ווי ער מאַכט די ערשטע טריט אויף דעם נייעם געביט פון זיין אַרבעט. און פּאַוועל ראָזענטאַל, דער דורך און דורך פאַררוסישטער אינטעליגענט, ווערט דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר און אַקטיווסטער טוער אין דעם זשאַרגאָנישן קאָמיטעט — אין דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער אָרגאַניזאַציע, וואָס שטעלט זיך פאַר אַ ציל אַרויסצוגעבן און צו פאַרשפּרייטן פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע און בעלעטריסטישע ביכער, צוגעפּאַסט פאַר אַרבעטער, אין דער יידישער שפּראַך. ער האַלט די אַרבעט פאַר זייער וויכטיק. ער גיט איר אַוועק אָן אַ שיעור צייט און כוחות. ער לייענט וועגן איר רעפעראַטן צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט, זאַמלט געלט, פאָרט אַרויס אין די אינטערעסן פון קאָמיטעט אין אַנדערע שטעט, פירט אונטערהאַנדלונגען מיט מחברים, רעדאַגירט די ביכער און פאַרנעמט זיך אויך מיט דעם פאַרשפּרייטן זיי. הגם די דאָזיקע אַרבעט איז צו יענער צייט אַן אומלעגאַלע און דאַרף געפירט ווערן שטרענג קאָנספּיראַטיוו, ווערט זיין צימער אויף נאָוואָגראָד דער זאַמל־פּונקט, וואו עס גרופּירן זיך אַלע טוער אַרום דעם זשאַרגאָנישן קאָמיטעט. דאָרטן קומען זיך צוזאַמען יונגע פּראָפּאַגאַנדיסטן, פאַרשפּרייטער פון די ביכער, כדי זיך אָן עצה צו האַלטן מיט ראָזענטאַלן. אַרומצורייד מיט אים אַלע פראַגן, וואָס שטעלן זיך פאַר זיי און אויך אָפּצובערענגען דעם צונויפגעזאַמלטן מיטגלידס־אָפּצאָל.

פּאַוועל ראָזענטאַל פירט אַ לעבן פון אַ שווערן אַרבעטער. די באַוועגונג נעמט אָפּ ביי אים אַלע אָונטן ביז שפּעט אין דער נאַכט און אַלע רו־טעג, ווען די אַרבעטער זיינען פריי. אויסער דעם גיט ער לעקציעס, כדי צו פאַר־דינען אויף חיונה. דער גרעסטער טייל פון זיינע שילער זיינען בחורים און מיידלעך, וואָס גרייטן זיך צו עקזאַמענס. אַ דאַנק אַט דער דאָזיקער ספּעציאַ־ליטעט זיינער, איז ווינטער־צייט אין יאָר 1895 פאָרגעקומען זיין ערשטע באַגעגעניש מיט דער שטילער, צו יענער צייט זייער שעמעוודיקער, בלוי־אויגיקער אַנע העלער. אַ באַגעגעניש, וואָס האָט די צוויי יונגע מענטשן פאַרבונדן אין אַ טיפער פריינטשאַפט, שפּעטער אין אַ שטאַרקער ליבע און דערפירט צו זייער פאַרבינדן זיך אויף אַ גאַנץ לעבן.

אין 1896 ווערט פּאַוועל ראָזענטאַל צוריק אָנגענומען אין כאַרקאָווער אוניווערסיטעט. צו דער צייט ווען ער דאַרף פאַרלאָזן ווילנע איז שוין דער זשאַרגאָנישער קאָמיטעט גוט אָוועקגעשטעלט. ער האָט שוין באַוויזן אַרויסצו־לאָזן אַ צענטליק פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע ביכלעך, וואָס ווערן גוט פאַר־שפּרייט און געלייענט. עס אַרבעטן אין אים אַ גרופּע גוטע איבערגעגעבענע חברים. פּאַוועל ראָזענטאַלס אָרט פאַרנעמט איצט אַנע העלער.

## די לעצטע סטודענטישע יאָרן אין כאַרקאָוו

אין כאַרקאָוו נעמט זיך פּאַוועל ראָזענטאַל פלייסיק צום לערנען. אַלע זיינע פּלענער זיינען שוין איצט פאַרבונדן מיט דער באַוועגונג. ער נעמט זיך אַקטיוו צו אָרגאַניזירן די ווילנער סטודענטן. אונטער זיין אָנפירונג גרינדן זיי אַ ליטווישע לאַנדסמאַנשאַפט. די דאָזיקע סטודענטן־אָרגאַניזאַציע גיט אַרויס העקטאָגראַפירטע מאַרקסיסטישע ליטעראַטור, פירט אָן אַגיטאַציע־אַרבעט צווישן דער סטודענטנשאַפט, אָרגאַניזירט קולטור־אָוונטן, פירט דורך געלט־זאַמלונגען און ווערט פאַקטיש פאַרוואַנדלט אין אַ גרופּע מיטצוהעלפן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. פּאַוועל פירט אויך דאָ קרייזן פון יידישע אַרבעטער און פון יונגע בחורים און מיידלעך, וואָס קומען קיין כאַרקאָוו ווי אין אַן אוניווערסיטעט־שטאָט, כדי צו פאַרפולקאָמען זייער בילדונג און אַנט־וויקלונג. פון זיינע קרייזן קומען אַרויס אַ סך איבערגעגעבענע טוער פון דער באַוועגונג.

אין איינעם אַ טאָג איז דערגאַנגען צו אים די נייעס וועגן דער גרויסער היסטאָרישער געשעעניש — וועגן דער גרינדונג פון בונד. אָט ווי אַזוי ער שילדערט אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען ווי אַזוי דאָס איז געווען:

„אין אָנהייב אָקטאָבער 1897 האָב איך אין כאַרקאָוו דערהאַלטן די ידיעה וועגן דער גרינדונג פון 'בונד'. כ'האָב באַקומען אַ נומער פון דער רוסישער צייטונג נאָוואָסטי. דאָרט איז געווען אַ פעליעטאָן פון וואַסילעווסקי־בוקוואַ. אין די ערשטע 53 שורות פון פעליעטאָן האָט מען מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז געקאָנט באַמערקן צו איין פּיטשינקן פּינטעלע אין יעדער שורה. אין איין שורה איז דאָס פּינטעלע געשטאַנען אונטער דעם „א", אין דער צווייטער אונטערן „ב", אין דער דריטער אונטערן „ר". צוזאַמענשטעלנדיק די אַלע

53 אונטערגעשטראָכענע אותיות, האָב איך אַרויסבאַקומען די פּאָלגנדיקע ידיעה: ס׳איז געשאַפן געוואָרן דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און פוילן. די פינטעלעך האָט געשטעלט וולאַדימיר קאָסאָווסקי.״

ער גרייט זיך צו זיינע דאָקטאָר־עקזאַמענס און גלייכצייטיק פּרובירט ער זיינע כוחות אויפן פּובליציסטישן געביט. אונטערן פסעוודאָנים סעמיאָנאָוו דרוקט ער אין דער ווילנער רוסישער צייטונג סעוועראָזאַפּאַדנאַיע סלאָוואָ קאָרעספּאָנדענצן פון כאַרקאָווער געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן.

אין אָקטאָבער 1898 ענדיקט ער זיין אוניווערסיטעט־שטודיום און אין אַ האַלב יאָר אַרום האָט ער חתונה מיט דער דעמאָלט שוין אַקטיווער און שפּע־טער אַזוי באַרימט געוואָרענער בונדישער טוערין אַנע העלער. פון איצט אָן וועלן זיי שוין ביידע — פּאַוועל און אַנע ראָזענטאַל דורכמאַכן צוזאַמען אַלע שטורעמס פון זייער קאַמפּספולן לעבן.

## ביאַליסטאָקער פּעריאָד

אין האַרבסט 1899 האָבן פּאַוועל און אַנע ראָזענטאַל זיך באַזעצט אין ביאַליסטאָק.

ביאַליסטאָק איז צו יענער צייט געווען אַ גרויסער צענטער פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע. די שטאָט האָט זיך נאָך אין 1895 קונה שם געווען מיט דעם באַרימטן וועבער־שטרייק, אין וועלכן ס׳האָבן זיך באַטייליקט 25 טויזנט אַרבעטער און שפּעטער מיט דעם שטרייק אין 1898 מיט 10 טויזנט אַרבעטער.

אין אָט דעם וויכטיקן אַרבעטער־צענטער, וואָס האָט גראָד אין יענער צייט זיך געפונען אין אַ ביטערן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן מצב, זיינען געקומען זיך באַזעצן פּאַוועל און אַנע ראָזענטאַל. זיי האָבן געדונגען אַ דירה אויף ליפּאָווער גאַס אין ראשקעסעס הויף און פּאַוועל ראָזענטאַל האָט אָנגעהויבן פּראַקטיצירן אַלס דאָקטאָר. אין דער זעלבער צייט האָט טאַראַס (דוד כץ), מיטגליד פון צ. ק., געגעבן צו וויסן דעם אָרטיקן קאָמיטעט פון בונד וועגן זייער קומען. אין זיין אַרבעט: ביאַליסטאָקער פּעריאָד אין לעבן פון צ. ק. פון „בונד״ (רויטער פּנקס, ערשטער זאַמלבוך, וואַרשע, קולטור־ליגע, 1922), דערציילט פּאַוועל ווי אַזוי עס איז פאָרגעקומען די פאַרבינדונג:

„צו דער צייט פון אונזער אָנקומען אין ביאַליסטאָק איז דער קאָמיטעט באַשטאַנען פון 3 מאַן: אברהם, וועלכן מען האָט מיט ליבע גערופן ׳דער טאַטע׳ (לעבט איצט אין ניו־יאָרק), בענציע דער וועבער (פּאַמיליע לעווין) און חאַציע מונוועס, אויך אַ וועבער. אברהם איז דעמאָלט געווען אַן אמתער פּראָפעסיאָנאַל. מיט לייב און זעל אָפּגעגעבן דער באַוועגונג און מ׳האָט ניט געוואוסט פון וואָס ער לעבט און וואו ער וואוינט. אברהמס איבערגע־געבנקייט צו דער אַרבעט, זיין זעלבסט־אָפּפערונג און עניוות האָט ניט געהאַט קיין גרענעץ. איין מאָל, אין אָוונט, איז אַנע געקומען אַהיים צוזאַמען מיט חאַציען. חאַציע האָט שפּעטער אַריינגעבראַכט בענציען, דערנאָך אברהמען און אויף אַזאַ אופן איז דורכגעפירט געוואָרן די פּראָצעדור פון אונזער אַריינ־

טרעטן אין קאָמיטעט. פון דעמאָלט אָן איז דער קאָמיטעט באַשטאַנען פון פינף מיטגלידער. מיך האָט מען אַ נאָמען געגעבן נתן און אַנען יהודית".

אָט אַזוי שטיל און פשוט האָט זיך אָנגעהויבן פּאַוועל ראָזענטאַלס בונדישע אַרבעט אין ביאַליסטאָק. בעת ער איז אַריינגעטרעטן אין קאָמיטעט איז די אָרגאַניזאַציע געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט פון קריזיס און פון פּאָליצייאישע רעפּרעסיעס, אַז זי האָט קוים „געאָטעמט". אָבער צוזאַמען מיט אים האָט זיך אַזוי ווי אַ שטראָם פון פריש בלוט אַריינגעגאָסן אין אירע אָדערן און אַלץ האָט אָנגעהויבן לעבן און געדייען. ס'איז ניט געווען קיין איין געביט פון אַרבעט, וואו פּאַוועל זאָל ניט זיין אַקטיוו. ער איז באַלד געוואָרן דער אָנערקענטער פּאָליטישער וואָרטזאָגער; ער האָט זיך באַטייליקט אין די צוזאַמענקונפטן פון דער סכאָדקע און מיטגעהאָלפן לייזן די פאַרפּלאָנטערטע פראַגן פון די עקאָנאָמישע קאַמפן אין די פאַרשיידענע פאַך־גרופּן; ער איז געוואָרן דער רעפערענט אויף דער דיסקוסיע־פאַרזאַמלונג, וואו זיינע טיף־דורכגעטראַכטע רעפעראַטן וועגן די סיבות פון עקאָנאָמישע קריזיסן און וועגן אַנדערע אַקטועלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן געמאַטערט די אַקטיווע אַרבעטער־טוער, פלעגן אויסגעהערט ווערן מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט. ער האָט געפירט קרייזן פאַר אַרבעטער און באַזונדער פאַר יונגע אינטעליגענטן, וואו מען האָט שטודירט מאַרקס' קאַפּיטאַל. ער איז אויך געוואָרן דער מחבר פון אַלע אויפרופן און בלעטלעך און דער רעדאַקטאָר פון ביאַליסטאָקער אַרבייטער.

אין דעצעמבער 1899 ווערט ער דעלעגירט אויפן דריטן צוזאַמענפאָר פון בונד, וואָס איז פאָרגעקומען אין קאָוונע. ווי באַוואוסט איז צו דעם צוזאַמענפאָר ספּעציעל געקומען פון אויסלאַנד דער ח' דזשאָן מילל. ער האָט צום ערשטן מאָל אַוועקגעשטעלט אויפן סדר־היום די נאַציאָנאַלע פראַגע און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו עפענען וועגן איר אַ דיסקוסיע אין אידישען אַרבייטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין אויסלאַנד. אין צווייטן באַנד פון זיין ווערק פּיאָנערן און בויער דערציילט דזשאָן מילל וועגן צוזאַמענפאָר און זיינע אָנטיילנעמער. וועגן ראָזענטאַלן שרייבט ער צווישן אַנדערן: „פון אַלע אָנוועזנדיקע אויפן צוזאַמענפאָר האָט זיך באַמערקבאַר אויסגעטיילט איינער פון די ביאַליסטאָקער דעלעגאַטן, דאָקטאָר פּאַוועל ראָזענטאַל—פּינאי". „אויפן צוזאַמענפאָר באַציט מען זיך צו אים מיט אַ באַזונדערן צוטרוי און מיט גרויס דרך־ארץ. זיין השפעה פילט זיך אין ס'רוב באַשלוסן און אָנגענומענע רעזאָלוציעס".

מ'האָט פּאַוולען געוואָלט אויסוויילן אין צ. ק., ער איז אָבער ניט געווען גרייט אָנצונעמען דעם דאָזיקן אַמט. ער האָט זיך געאיילט צוריק צו דער ביאַליסטאָקער אַרבעט, וואָס איז וואָס ווייטער אַלץ מער אויסגעברייטערט געוואָרן. פון די פריערדיקע צוויי הונדערט מיטגלידער, איז די צאָל ביז סוף יאָר דערגאַנגען צו זיבן הונדערט. די אַגיטאַציע איז שוין איצט נישט געפירט געוואָרן בלויז אַרום עקאָנאָמישע פראַגן, נאָר האָט שוין געטראָגן אַן אויסגעשפּראָכענעם סאָציאַליסטישן כאַראַקטער און די רעוואָלוציאָנערע שטימונג איז געוואַקסן.

מ׳האָט זיך אָבער נישט געקאָנט דערלויבן, אַז אַ טוער פון אַזאַ פאַרנעם, ווי פּאַוועל ראָזענטאַל, זאָל בלייבן בלויז ביי דער ביאַליסטאָקער אַרבעט. זיינע כוחות האָבן געמוזט אויסגענוצט ווערן פאַר דער גאַנצער באַוועגונג. און ער דערציילט אין זיין פריער־דערמאָנטער אַרבעט:

„די ערשטע טעג פון חודש מאַי (1900) איז צו מיר אויף דער דירה געקומען טאַראַס צוזאַמען מיט איינעם אַ מענטשן, וועלכן מיר (ער און אַנע) האָבן ביז דעמאָלט ניט געקאָנט. יענער איז געווען אַ הויכער, אַ רואיקער, אַ לאַנגזאַמער און אַ באַטראַכטער. דער אומבאַקאַנטער האָט געהייסן נח און איז געווען דער קאָונער לערער פּאַרטנאָי, נאָר־וואָס געהאַט אַנטלאָפן פון באַלאַגאַנסק (סיביר). נח האָט מיר פאָרגעשלאָגן צו אַרבעטן אין דער אַרבייטער־שטימע און צווישן אַנדערע זאַכן נעמען אויף זיך די אָפּטיילונג פון פּאָליטישער אַגיטאַציע און צונויפשטעלן זי אויפן גרונט פון פאַקטן, וואָס כאַראַקטעריזירן די פינצטערע זייטן פון דער רוסישער זעלבסטהערשונג. איך האָב די אָפּטיילונג געגעבן דאָס קעפּל די פינצטערע וועלט. זי האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין האַרבסט 1900. אומגעפער אין דער זעלבער צייט איז צו אונז ווידער געקומען צופאָרן נח און האָט מיר מיטגעטיילט, אַז מ׳האָט מיך קאָאָפּטירט אין צ. ק., וועלכער באַשטייט אויף אַזאַ אופן פון 3 מאַן. טאַראַס וועט פאַרוואַלטן מיט דער טעכניק און וועט אַרומפאָרן איבער די ערטער און מיר אין צווייען וועלן וואוינען אין ביאַליסטאָק. פון דעם מאָמענט אָן איז ביאַליסטאָק אין משך פון אַנדערטהאַלבן יאָר געווען די רעזידענץ פון צ. ק. און אונזער דירה ווערט דער צענטער פון דער רעזידענץ״.

איצט קומט אויס ווי די נייע אויפגאַבן, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר פּאַוועלן, וואָלטן דערוועקט אין אים אַ נייעם קוואַל פון אומאויסשעפּלעכע כוחות. זיין מיטאַרבעט אין דער אַרבייטער־שטימע, וואָס גייט איצט אַרויס רעגלמעסיק, נעמט אַפּ ביי אים אַ סך צייט, ער בלייבט אָבער ווי פריער דער רעדאַקטאָר פון ביאַליסטאָקער אַרבייטער און שרייבט אויך פאַרן קלאַסן־קאַמף, וואָס גייט אַרויס אין ווילנע. ער קען ניט צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים, צוליב זיין פּאָזיציע אַלס דאָקטאָר, אַרייסטרעטן אויף גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען, ער שרייבט אָבער די רעדעס, וואָס ווערן דאָרט געהאַלטן. ער גרייט צו די רעפעראַטן, וואָס ווערן געהאַלטן אויף די פייערונגען געווידמעט רעוואָלוציאָנערע געשעענישן; צו דער ערשטער אָרגאַניזירטער לוויה־דעמאָנסטראַציע נאָכן טויט פון אַרבעטער לייזער טומטשין שרייבט ער די רעדעס, אַרבעט אויס דעם מאַרשרוט און מאָלט אַפילו אַליין די אויפשריפטן אויף די בענדער. גלייכצייטיק פאַרפעלט ער ניט צו פּאַקן די טשעמאָדאַנעס מיט דער אומלעגאַלער ליטעראַטור, וואָס ווערן צוגעשיקט צום צ. ק. פון אויסלאַנד און דאַרפן פון ביאַליסטאָק פאַנאַנדערגעשיקט ווערן אין אַנדערע שטעט. צוזאַמען מיט ח׳ נח אָרגאַניזירט ער אין ביאַליסטאָק דעם פּערטן צוזאַמענפאָר פון בונד. ער ווייזט זיך דערביי אַרויס פאַר אַ זעלטן גוטן קאָנספּיראַטאָר. צוזאַמען מיט נחן אַרבעט ער אויס גענויע פּראָיעקטן פון אַלע רעזאָלוציעס, איבערהויפּט די רעזאָלוציע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע. הגם די דאָזיקע רעזאָלוציע האָט נאָך ניט פולקום פאַרענטפערט

דאָס פּראָבלעם, האָט זי אָבער מיט איר אַוועקשטעלן די פראַגע פון דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע געהאַט אַ היסטאָרישע באַדייטונג.

אומגעפער אין דער זעלביקער צייט האָט פּאַוועל ראָזענטאַל אָנגעשריבן דעם באַרימטן אויפרוף צו דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס זיין ציל איז געווען צו באַקאַנען די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט מיט די גרויסע אידעאַלן און פּאָליטישע אויפגאַבן פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, מיט זיין קאַמפּס־לוסט, העלדישקייט און מסירת־נפש. דער אויפרוף איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן און האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם.

פּאַוועל ראָזענטאַל גיט אָפּ אַ סך מי און אַרבעט פאַר דער גרינדונג פון דעם פעדעראַטיוון גאַרבער־בונד, וואָס האָט צום ערשטן מאָל פאַראייניקט אין איין פראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע יידישע, פּוילישע און רוסישע אַרבעטער. ער האָט אויך אָנגעשריבן דעם מאַניפעסט צו די גאַרבער. דער אויפרוף צייכנט זיך אויס מיט זיין פּאָפּולערער, זייער פאָלקסטימלעכער שפּראַך, וואָס דאַרף זיין פאַרשטענדלעך פאַר דעם פּשוטסטן אַרבעטער. צווישן אַנדערן ווערט דאָרט געזאָגט:

„אונזער בונד איז נישט קיין אויסקלער, נישט קיין איינפאַל פון עטלעכע היציקע קעפּ, נאָר אַ נאַטירלעכער נויטיקער פּראָדוקט פון לעבנסגאַנג גופא, אַ פּועל־יוצא פון די באַדינגונגען פון אונזער לעבן און קאַמף. ער איז אַ מעכטיק געווער, געשמידט און געשאַרפט דורך דעם שטענדיקן הייסן קאַמף, וועלכן מיר גאַרבער פירן. שטורעם און געוויטער האָט ביי אים קוואַטער געוועזן; סאָלידאַריטעט און באַוואוסטזיין האָבן אים געוויקלט, שווייס און בלוט האָט ער געזויגן, טורמעס און סיביר האָבן אים דערצויגן...“

אין יאָר 1902 נעמט זיך פּאַוועל ראָזענטאַל אָרגאַניזירן אין ביאַליסטאָק דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. דער צוזאַמענפאָר, וועלכער פאַרוואַנדלט זיך אין אַ קאָנפערענץ, ווערט צוגעגרייט מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט. עס ווערן דורכגעטראַכט אַלע פּרטים און אָפּגעהיט אַלע כללים פון קאָנספּיראַציע. און זי פאַלט טאַקע נישט דורך, הגם כאַפּטעס שפּיאָנען, אַראָפּגעשיקטע פון מאָסקווע לויערן און זוכן. אָבער שוין נאָכדעם, אויפן וועג אַהיים, ווערן אַרעסטירט אַ ריי דעלעגאַטן און דעם 31טן מערץ 1902, צוויי טעג נאָך דער קאָנפערענץ, ווערן אויך אַרעסטירט פּאַוועל און אַנע ראָזענטאַל. זיי זיינען הפנים דורכגעפאַלן צוליב דעם, וואָס אַ ניט פאָרזיכטיקער דעלעגאַט האָט פאַרשלעפּט צו זיי אַ שפּיאָן.

## טורמעס און פאַרשיקונג

טורמע־יאָרן זיינען פאַר אַלע פרייהייטס־קעמפער געווען פאַרבונדן מיט ליידן, מאַרטירערטום און גאַנץ אָפט אויך מיט ביטערע קאַמפן. פּאַוועל ראָזענטאַלס טורמע־יאָרן זיינען נאָך אויסער דעם געווען פול מיט שעפערישער ליטעראַרישער אַרבעט.

נאָכן אַרעסט איז פּאַוועל ראָזענטאַל אַריינגעזעצט געוואָרן אין גראָדנער

טורמע. סיי דער רעזשים און סיי די באַדינגונגען זיינען געווען שווערע, אָבער פּאַוועל האָט עס אויפגענומען מיט אַ זעלטענער רואיקייט. די שווערע טורמע־באַדינגונגען זיינען ניט געווען ביכולת אָפּצורייסן אים פון די, וואָס זיינען ווייטער געשטאַנען אין קאַמף מיטן צאַריזם.

איינער פון די קאַמפּס־מיטלען איז געווען די שיפרירטע קאָרעספּאָנדענץ, מיט וועלכער דער בונד האָט זיך ברייט באַנוצט. פּאַוולען איז אויסגעקומען אַליין צו שרייבן אַ סך שיפרירטע בריוו און אויך דעשיפרירן בריוו פון די ערטער. ער האָט זיך דעמאָלט אָנגעשטויסן אויף אַ סך חסרונות און בלויזן אין די בונדישע שיפרען און האָט אַפילו צוזאַמען מיטן ח׳ נח זיי פּרובירט ענדערן. זיצנדיק אין טורמע, האָט ער באַשלאָסן אויסצונוצן זיין פרייע צייט, כדי אָנצושרייבן אַן אַרבעט וועגן שיפרען און זיך באַמיען אויסצוגעפינען אַ מער זיכערע סיסטעם. קיין פּאַפּיר און פעדער האָט מען אין גראָדנער טורמע ניט געטאָרט האַלטן. אָבער נאָך לאַנגע באַמיאונגען איז פּאַוולען געלונגען דורך אַ קרימינעלן אַרעסטאַנט צו באַקומען אַ בלייפעדער און ער האָט זיך גענומען שרייבן זיין אַרבעט מיט גאַנץ קליינע אותיות אויף די ראַנדן פון אַ מעדיצינישן בוך, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך.

נאָכן אָפּזיצן עטלעכע חדשים אין גראָדנער טורמע, האָט מען פּאַוולען איבערגעשיקט אין מאָסקווע, וואו ער איז געזעסן אין טאַגאַנקע און בוטירקי. דאָס זיינען געווען טורמעס, וואו ס׳איז אויסגעקומען דורכצומאַכן אַ סך ביטערע קאַמפן און הונגער־שטרייקן. פּאַוועל ראָזענטאַל האָט נישט געהערט צו די, וואָס האָבן זיך גיך אָנגעצונדן און אומבאַרעכנט זיך געוואָרפן אין קאַמף. אָבער איינמאָל באַשלאָסן, האָט ער אַרויסגעוויזן זעלטענע שטאַנדהאַפטיקייט און אויסדויער; ער האָט די דאָזיקע אויסגעהאַלטנקייט אויך געפאָדערט פון אַנדערע אַרעסטירטע און ס׳האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן, אויב זיי האָבן זי נישט פאַרמאָגט.

נאָכן אָפּזיצן זעכצן חדשים, איז זומער־צייט 1903 אָנגעקומען פאַר אים און פאַר אַנען דער אַדמיניסטראַטיווער אורטייל: זעקס יאָר פאַרשיקונג אין יאַקוטסקער געגנט אונטער פּאָליצײ־אויפזיכט.

צו יענער צייט איז שוין ביי פּאַוולען געווען פאַרטיק זיין אַרבעט וועגן די שיפרען. ער האָט זי אַ נאָמען געגעבן שיפרירטע בריוו און זי איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין 1904 אין זשענעווו אונטערן פּסעוודאָנים: א. בונדאָוועץ. דאָס איז אַ בראָשור פון 112 זייטן, קליינער שריפט, מיט 72 צייכענונגען און טאַבעלן. ס׳איז אַ גרינטלעכע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט וועגן שיפרען, וואָס סיי דער אַנאַליז פון די אַלטע שיפרען, די אָנווייזונגען ווי זיי קענען אויפגעדעקט ווערן, — און סיי דער נייער סיסטעם, וואָס דער מחבר אַנטוויקלט אין זיין ווערק, זיינען געווען אַ ווערטפולער צושטייער און אַ גרויסע הילף פאַר דער קאָנספּיראַטיווער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און האָבן אַ סך אונטערערדישע קעמפער פאַרהיט פון דורכפאַלן.

סוף יוני 1903 זיינען פּאַוועל און אַנע ראָזענטאַל אַוועק אין פאַרשיקונג, אין דער באַגלייטונג פון אַ קאָנוואָי, אין דאָרף דאָבראָיע, 15 וויאָרסט פון יאַקוטסק.

דעם 30טן אויגוסט זיינען פּאַוועל און אַנע אָנגעקומען אין יאַקוטסק און האָבן זיך דאָרט צייטווייליק פאַרהאַלטן.

די פּאָליטישע פאַרשיקטע האָבן דאָרט געהאַט זייער צענטער און אַן אַדרעס, וואו זיך צו ווענדן אין פאַל פון אַ נויט. דאָרט האָבן זיי אויך פון צייט צו צייט געהאַט זייערע צוזאַמענקונפטן און פאַרלעזונגען. פּאַוועל ראָזענטאַל האָט ערב ניי־יאָר (סוף 1903) געהאַט אַ רעפעראַט וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין בונד. דער רעפעראַט האָט אַרויסגערופן גרויס אינטערעס און אַ הייסע דיסקוסיע.

אין אָקטאָבער האָבן פּאַוועל און אַנע באַקומען אַ באַפעל צו פאַרלאָזן יאַקוטסק און זיי זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן אין מאַגאַן. דאָס איז געווען אַ דאָרף פון סקאָפּצעס (אַ רעליגיעזע סעקטע, וואָס איז שטאַרק פאַרפאָלגט געוואָרן אין רוסלאַנד). זיי זיינען דאָרט געווען די ערשטע פאַרשיקטע. ביז דעמאָלט פלעגט מען אין די ישובים פון די „סקאָפּצעס" קיין פאַרשיקטע ניט באַזעצן. ס'איז געווען אַ גרויס דאָרף מיט פיינע הייזער, אָבער קיינער האָט זיי ניט געוואָלט אַריינלאָזן. ערשט נאָך לאַנגע דראָאונגען מצד דעם קאָזאַק, וואָס האָט זיי געבראַכט, האָט זיי דער סטאַראָסטע געגעבן אַ הינטערשטע שטיבל ביי אַן אַלטן איינזאַמען „סקאָפּעץ", וואָס האָט געהאַט אין דאָרף אַ שם פון אַן אַפּיקורס און אַ שיכור. עטלעכע וואָכן איז זיי אויסגעקומען זיך צו מאַטערן אין דעם דושנעם ברודיקן שטיבל, וואו זיי פלעגן כסדר אַרומגיין מיט קאָפּ־ווייטיק פון רויך און טשאַד. דערווייל האָבן די „סקאָפּצעס" זיך צוגעוואוינט צו די „פרעמדע". זיי האָבן געזען, אַז זיי זיינען שטילע אָרנטלעכע מענטשן, וואָס מישן זיך ניט אין יענעמס עסקים. דערצו האָט זיך גראַד געמאַכט, אַז אַ פּאָר איינוואוינער פון דאָרף זיינען שטאַרק קראַנק געוואָרן און פּאַוועל האָט זיי אויסגעהיילט. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט ראַדיקאַל געענדערט די באַציאונג פון די „סקאָפּצעס" צו די ניי־געקומענע. און אין איינעם אַ טאָג איז אַראָפּגעקומען צו זיי דער „סקאָפּעץ" פּאַנפיל קאָלעסניקאָוו, וואָס האָט געהאַט אַ פיין הויז און ער האָט זיי פאַרגעשלאָגן זיי זאָלן זיך אַריינציִען צו אים. ער גיט זיי אַ גרויס צימער מיט דריי פענצטער פאַר 6 רובל אַ חודש. פּאַוועל איז אַזוי פּאָפּולער געוואָרן ביי די „סקאָפּצעס" פון מאַגאַן און פון צווייטן דאָרף מארכי, סיי אַלס דאָקטאָר און סיי אַלס מענטש, אַז זיי פלעגן אַריינקומען זיך באַראַטן מיט אים וועגן זייערע ענינים און זיך דערוויסן נייעס פון דער וועלט.

דאָס רואיקע לעבן אין מאַגאַן האָט געמוזט איבערגעריסן ווערן. די לאַגע פון די פּאָליטישע פאַרשיקטע האָט זיך מיטאַמאָל ראַדיקאַל געענדערט. אין וועגן דער דאָזיקער ענדערונג האָט פּאַוועל ראָזענטאַל שפּעטער געשריבן:

„ס'איז איבערגעמישט געוואָרן אַ בלאַט אין דער געשיכטע פון דער פאַרשיקונג. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער רעזשים, וואָס זיין אינספּיראַטאָר איז געווען פּלעווע און דער אויספירער דער ניי־באַשטימטער גענעראַל־גובערנאַטאָר קוטאיסאָוו".

דאָס נייע בלאַט אין דער געשיכטע פון דער פאַרשיקונג האָט זיך אָנ־

געהויבן מיט קוטאַיסאָווס צירקולאַרן. אַלע דעראַבערונגען פון די פּאַרשיקטע, אַלע פּאַרלייכטערונגען, וואָס זיינען נאָך לאַנגע ראַנגלענישן אַרויסגעריסן געוואָרן ביי דער אַדמיניסטראַציע און האָבן מער־ווייניקער מעגלעך געמאַכט דאָס ביטערע לעבן אין די פּאַרוואָרפענע דערפער, אין די טרויעריקע יאַקוטישע אולוסן, זיינען מיט איין שטריך פון קוטאַיסאָווס פעדער אָפּגעשאַפט געוואָרן. די חוצפה און דער ווילקיר פון יעדן קליינעם מושל אין אַ דאָרף, פון יעדן אָפיציר וואָס האָט באַגלייט אַ קאָנוואָי, האָבן אָנגענומען די נידערטרעכטיקסטע פאָרמען. ביז עס איז דערגאַנגען צו דער בלוטיקער אָפּרעכענונג מיט אַן עטאַפּ פון 21 פּאַרשיקטע אין דאָרף אוסט־קוטסקאַיע. די דאָזיקע שווידערלעכע עקזעקוציע האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע פּאַרשיקונג. פּאַוועל ראָזענטאַל ווערט איינער פון די איניציאַטאָרן פון אַ פּראָטעסט. ביי אים אין צימער אין מאַגאַן קומט פאָר די ערשטע באַראַטונג פון אַ גרופּע פּאַרשיקטע. די דאָזיקע באַראַטונג איז פאָרגעקומען דעם 11טן פעברואַר 1904. אין דריי טעג אַרום איז צונויפגערופן געוואָרן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג און דעם 15טן פעברואַר אַ צווייטע און נאָך לאַנגע דעבאַטן איז ענדגילטיק באַשלאָסן געוואָרן צוזאַמענצופאָרן זיך אין יאַקוטסק, פאַרזאַמלען זיך אויף איין אָרט, (דאָס האָט געדאַרפט זיין ראָמאַנאָווס הויז) צוגרייטן שפּייז, באַוואָפענען זיך ווי וויט מעגלעך, דערנאָך פאַרבאַריקאַדירן זיך, אַרויסשטעלן דעם גובערנאַטאָר אַ ריי פאָדערונגען און ניט פאַרלאָזן דאָס הויז ביז וואַנען די פאָדערונגען וועלן ניט באַפרידיקט ווערן.

## דער אויפשטאַנד

וועגן היסטאָרישן אויפשטאַנד פון די יאַקוטסקער פּאַרשיקטע האָט פּאַוועל ראָזענטאַל אויספירלעך געשריבן אין זיין בוך זכרונות אונטערן נאָמען: ראָמאַנאָווקאַ — אַרויסגעגעבן אויף רוסיש אין פאַרלאַג „קניגאַ" אין מאָסקווע, 1924.

דער היסטאָרישער פאַרמעסט צווישן 57 פּאָליטישע פּאַרשיקטע אין ווייטן סיביר און דער צאַרישער זעלבסטהערשונג האָט זיך אָנגעהויבן. ס'איז פּאַרטיילט געוואָרן דאָס געווער. און הגם מען האָט איינגעקויפט אַלץ וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט, האָט פאָרט ניט געקלעקט קיין שיס־געווער פאַר אַלעמען. און מיט זיין שטילן איינגעהאַלטענעם הומאָר, דערציילט אונז פּאַוועל וועגן זיך: „איך, ווי אַ טיף ציווילער מענטש און נאָך אַ דאָקטאָר דערצו, אויף וועמען עס איז געלעגן די פליכט צו היילן און איבערצובינדן וואונדן, — האָב אין פאַל פון אַ שטורעם געהאַט אין מיין רשות אַ האַק".

די אויפשטענדלער האָבן אַרויסגעהאַנגען אַ רויטע פאָן. און אָט ווי פּאַוועל ראָזענטאַל דערציילט אונז וועגן דעם: „עס איז באַשלאָסן געוואָרן אויפצוהענגען איבער 'ראָמאַנאָווקע' אַ רויטע פאָן. דעם 26טן פעברואַר האָט זי זיך צעפלאַטערט איבערן דאַך פון 'ראָמאַנאָווקע'. אויף ביינאַכט פלעגט מען זי אַראָפּנעמען און 6 פרי צוריק אַרויפציען. ס'איז געווען עפּעס פייערלעכעס אין דעם בילד פון דעם איינזאַמען קעמפנדיקן הויז, דעם איינציקן אין דער

גאַנצער וועלט, איבער וועלכן עס פלאַטערט פריי, אומבאַשטראָפט, די רויטע פאָן; די זעלביקע פאָן, וועלכער עס זיינען געווידמעט אַזוי פיל הימנען. מען האָט איר געזען איבער דער גאַנצער שטאָט; זי איז געווען אַן אויסטערלישע זעלטנהייט; זי איז געווען דער סימבאָל פון אומאויפהערלעכן קאַמף פאַר מענטשלעכער ווערדע און פאַר אַ ליכטיקער צוקונפט".

17 טעג זיינען די 57 פּאָליטישע פאַרשיקטע געשטאַנען אין קאַמף. טאָג און נאַכט אויף זייערע פּאָסטנס מיט געווער אין האַנט. ס'איז געווען אַ שווערער דראַמאַטישער קאַמף פול מיט אָנשטרענגונג פון נערוון און פיזישע כוחות, פול מיט לעבנס-געפאַר און הערא̇איזם פון זיינע אָנטיילנעמער, מענער און פרויען. דאָס איינזאַמע הויז אין וויטן סיביר איז געווען ווי אַ באַלאַגערטע פעסטונג, אַרומגערינגלט מיט באַוואָפנט מיליטער. באַלד אין די ערשטע טעג האָט זיך צוליב די געמיינע פּראָוואָקאַציעס פון שונא אָנגעהויבן אַ שיסעריי. ס'איז דערשאָסן געוואָרן דער 22-יאָריקער אַרבעטער מאַטלאַכאָוו און דערנאָך זיינען צוגעקומען נאָך דריי פאַרוואונדעטע.

גאָר שלעכט איז די לאַגע געוואָרן דעם 2טן מערץ. דאָס הויז איז געוואָרן אַרומגעצאַמט פון אַלע זייטן. די טויערן פאַרהאַקט און די סאָלדאַטן האָבן כסדר געשאָסן. דאָס הויז איז געווען דורכגעלעכערט ווי אַ זיפּ. אַזוי האָט מען, למשל, אויף אַ קליינעם אָרט אין אַ וואַנט געקאָנט אָנציילן אַכצן לעכער פון קוילן. ענטפערן אויף דער שיסעריי איז ניט מעגלעך געווען, ווייל די סאָלדאַטן האָבן געשאָסן פון דער וויטן און אַ רעוואָלווער האָט אַהין ניט געקאָנט גרייכן. דאָס איינציקע, וואָס מען האָט געקאָנט טאָן, איז ליגן באַהאַלטן הינטער די בלינדאַזשן. און נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס די בלינדאַזשן זיינען געווען אַזוי גלענצנד געבויט, זיינען געפאַלן אַזוי ווייניק קרבנות.

וועגן פּאַוועלס האַלטונג אין 'ראָמאַנאָווקע' שרייבט אַנע ראָזענטאַל אין איר ביאָגראַפישער אָפּהאַנדלונג (געשריבן צום בוך „דער קאַמף פאַר וועלט-הערשאַפט און וועלט-וועגן" — אַרויס נאָך פּ. ראָזענטאַלס טויט.): „ער נעמט דעם אַקטיווסטן אָנטייל אין אַלע אַרבעטן, נאָר ער רוקט זיך ניט אַרויס פאָראויס. ער איז תמיד מונטער, געלאַסן, לאָזט זיך ניט באַהערשן פון שטימונגען. לאָגיש, קאָנסעקווענט און אויסגעהאַלטן טראַכט ער דורך יעדן טריט, נאָר אָננעמענדיק אַ באַשלוס פירט ער אים דורך ביזן סוף. ווען אַרום האָגלט בוכשטעבלעך מיט קוילן, פאַרבינדט ער די פאַרוואונדעטע, מונטערט זיי אויף מיט וויצן און פאַרלירט ניט אויף איין מאָמענט דעם גלייכגעוויכט".

און הירש לוריע (אַלבערט) שרייבט אין זיינע זכרונות: „אין 'ראָמאַנאָווקע' האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט צו אָבסערווירן פּאַוועלס אומדערשראָקנקייט, זיין ווידערווילן צו פּאָזע, צו פראַזן און זיין אומדערשיטערלעכע שטאַנדהאַפטיקייט. איך געדענק ווי אונטער אַ האָגל פון קוילן, אין דער צייט פון דער באַשיסונג, האָט ער זיך אַריבערבאַקומען פון דעם טייל הויז וואו ער איז געווען, אויף אונזער העלפט צו מיין פאַרוואונדעטן שכן — קאָסטיושקאָן".

דער צושטאַנד פון ליגן טעג און נעכט הינטער די שוץ-וואַלן אַזוי ווי וואַרטנדיק אויף די זעלנערישע קוילן האָט ניט געקאָנט צו לאַנג אָנהאַלטן און

ביי אַ טייל איז אַנטשטאַנען דער געדאַנק וועגן אונטערגעבן זיך און די צאָל אָנהענגער פון דעם דאָזיקן געדאַנק איז כסדר געוואַקסן. פּאַוועל ראָזענ־טאַל איז געווען אַן אַנטשיידענער קעגנער פון אונטערגעבן זיך. אויף דער באַראַטונג, וואָס איז פאַרגעקומען דעם 6טן מערץ, האָט ער געזאָגט, אַז ראָ־מאַנאָווקע, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קעמפּנדיקער פעסטונג, האַלט זיך צוויי און אַ האַלבע וואָך — אַ פאַקט, וואָס איז ניט געהערט געוואָרן אין די אַנאַלן פון דער רוסישער רעוואָלוציע. יעדער ווייטער טאָג פאַרשטאַרקט דעם רום פון ראָמאַנאָווקע. פאַרוואָס זאָל מען פאַרטונקלען איר העראָאישן גאַנג מיט אַן ערנלאָזן סוף? אויב ס׳איז באַשערט צו קאַפּיטולירן, זאָל מען עס טאָן בעת ס׳וועט שוין באמת ניט מעגלעך זיין זיך צו האַלטן.

פּאַוועלס אַרגומענטן האָבן ניט געווירקט. די מערהייט האָט געהאַלטן, אַז אַזוי ווי ס׳איז ניט מעגלעך, ווי מען האָט געפּלאַנט, צו קעמפן מיטן שונא מיט געווער אין האַנט און אויב נייטיק פאַלן אין קאַמף, האָט קיין זין ניט מער צו זיצן אין ראָמאַנאָווקע, איז גלייכער איבערצורייסן דעם פּראָטעסט און איבערטראָגן דעם קאַמף אין געריכט.

דעם 7טן מערץ 1904 האָבן די ראָמאַנאָווצעס געעפנט דעם טויער און זיינען אַרויס אין גאַס טראָגנדיק מיט זיך דעם טויטן מאַטלאַכאָוון און די פאַרוואונדעטע. מען האָט זיי תיכף אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסן קאָנוואָי און אָוועקגעפירט אין יאַקוטסקער טורמע. קומענדיק אין טורמע, נעמט ער זיך תיכף צום צונויפזאַמלען דעם מאַטעריאַל, כדי צו באַשרייבן אויספירלעך דעם פאַרלויף פון אויפשטאַנד און די סיבות, וואָס האָבן אים אַרויסגערופן. ער אַרבעט אומדערמידלעך, ווערט גיך פאַרטיק מיט זיין ווערק און דורך אַ באַקאַנטן, וואָס קומט צו אים אויף אַ זעאונג אין טורמע, שיקט ער עס איבער צום אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד אין זשענעווע. דאָרטן ווערט עס תיכף אָפּגעדרוקט און פאַרעפנטלעכט אין פינף קליינע בראָשורן און די העל־דישע עפּאָפּייע ראָמאַנאָווקע ווערט באַלד ווייט און ברייט באַוואוסט אין לאַנד און אין אויסלאַנד און ווערט אומעטום אויפגענומען מיט באַגייסטערונג און שטאַרק אויסגענוצט אין דער רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע.

אין דער זעלביקער צייט דערגייט אין טורמע די ידיעה וועגן פּלעוועס באַפעל איבערצוגעבן די ראָמאַנאָווצעס צו אַ קריגס־געריכט און עס ווערן אַפילו אָנגערופן פינף נעמען, וואָס דאַרפן פאַרמשפט ווערן צום טויט. פּאַ־וועל ראָזענטאַל איז איינער פון די פינף. דאָס שטערט אים אָבער ניט זיך צו גרייטן צום פּראָצעס. ער שטודירט די רוסישע געזעצגעבונג און די גע־שיכטע פון פּאָליטישע פּראָצעסן. ער ווערט גוט באַהאַוונט אין דעם ענין און האַלט וועגן אים אין טורמע אַ רעפעראַט. שפּעטער שרייבט ער אַן אויף דער טעמע אַ בראָשור און אונטערן נאָמען פּאָליטישע פּראָצעסן ווערט זי אין יאָר 1905 אַרויסגעגעבן דורכן אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד אין זשענעווע.

די צאַרישע רעגירונג האָט זיך צוריקגעצויגן פון אַ קריגס־געריכט. די ראָמאַנאָווצעס זיינען געמשפּט געוואָרן אין אַ ציווילן געריכט. ער האָט זיך אָנגעהויבן אין יאַקוטסק דעם 30טן יולי און האָט זיך געצויגן ביזן 8טן אוי־גוסט. אויפן פּראָצעס האָט פּאַוועל ראָזענטאַל געהאַלטן אַ גרויסע רעדע.

זי איז געווען אַזוי פול מיט פּאַקטן וועגן דעם לעבן און די ליידן פון די פּאָליטישע פּאַרשיקטע, האָט אַזוי בולט געשילדערט די אומבאַרעכטיקטע גרויזאַמקייטן פון דער אַדמיניסטראַציע, די איבערגעטריבענע שטרענגקייט פון די פּאַראָרדענונגען, אַז זי איז פּאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שאַרפן באַשולדיקונגס־אַקט ניט בלויז קעגן די אָרטיקע סאַטראַפּן, נאָר קעגן דער פּלאָג פון פּאַרשיקונג בכלל און קעגן גאַנצן צאַרישן רעזשים.

די רעדע, הגם זי איז געהאַלטן געוואָרן אין אַ רואיקן טאָן, אָן שום אָראַטאָרישע באַפּוצונגען (ראָזענטאַל איז בכלל ניט געווען קיין פּאַטעטישער רעדנער), האָט זי אָבער מיט איר גרינטלעכקייט, מיט דער רייכקייט פון דעם מאַטעריאַל געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, אַז אין געוויסע מאָמענטן האָבן אַפילו אַ טייל פון די ריכטער אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. אויך אַנדערע ראָמאַנאָווצעס האָבן אין זייערע רעדעס דערוויזן, אַז דער פּראָטעסט איז געווען אומפּאַרמיידלעך. גרויסע פּאָליטישע רעדעס האָבן אויפן געריכט געהאַלטן די באַרימטע אַדוואָקאַטן בערנשטאַם און זאַרודני. דעם 8טן אויגוסט איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן דער אורטייל: די ראָמאַנאָווצעס זיינען פּאַרמשפּט געוואָרן צו 12 יאָר קאַטאָרגע.

נאָכן פּראָצעס האָט מען די פּאַרמשפּטע איבערגעפירט אין אַלעקסאַנדראָווסקער טורמע.

אַ פּאַרשפּאַרטער הינטער די תפיסה־ווענט אין וויטן סיביר, פּיבערט איצט פּאַוועל מיט דעם, וואָס קומט פּאָר אין רוסלאַנד. ער לעבט אינגאַנצן מיט די געדאַנקען פון יענע, וואָס שטייען איצט אין אָפענעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף מיט דער רוסישער זעלבסטהערשונג. זיין גרעסטע זאָרג איז מען זאָל דאָרט ניט איבערחזרן די פּעלערן, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן בעת די רעוואָלוציעס אין אַנדערע לענדער. ער באַשליסט אָנצושרייבן אַ בוך וועגן דעם „ווי עס זיינען פּאָרגעקומען רעוואָלוציעס אין מערב־אייראָפּע". ער נעמט זיך תיכף צו דער אַרבעט. ס'קומט אים אויס צו שרייבן ביי אויסערגעווייגלעך שווערע באַדינגונגען. ער זיצט אין אַ קאַמער צוזאַמען מיט אַ פּאָר צענטליק אַנדערע אַרעסטירטע; ס'איז דאָרט אַ מוראדיקע ענגשאַפט און ס'הערשט אַ כסדרדיקער טומל. און פּאַוועל דערציילט אונז אין זיינע זכרונות ווי אַזוי ער האָט געשריבן: „איך האָב זיך פּאַרקליבן אין אַ וויטן ווינקל פון אונזער קאַמער, האָב זיך צווישן דער נאַרע און וואַנט, פון אַ פּאָר קעסטלעך, וואָס כ'האָב געבראַכט פון יאַקוטסק מיט די זאַכן, אויפגעשטעלט אַ טישל און האָב געקענט אַרבעטן און לייענען אומגעשטערט, ווי שטאַרק עס זאָל ניט זיין דער טומל און דער גערודער אין קאַמער..." גאַנצע טעג און אָפּטמאָל טאָקע אין די נעכט בעת אַלע שלאָפן, זיצט ער אין זיין ווינקל אַריבערגעבויגן איבער די פּאַפּירן און שרייבט. ער איילט זיך וואָס גיכער צו ענדיקן, ווייל די אַרבעט איז אַ צו אַקטועלע און עס מאַכט זיך גראָד אַ גוטע געלעגנהייט זי אָפּצושיקן אין זשענעווו.

דעם 18טן פּעברואַר 1905 ווערט די אַרבעט פּאַרטיק.

אין מאַי איז שוין אַרויס אין זשענעוו, אונטערן פּסעוודאָנים פּ. אַנמאַן, אין יידיש און רוסיש דער ערשטער טייל מיט אַ צייכענונג צום קאַפּיטל

„באַריקאַדן". ערב דעם אָקטאָבער־שטרייק איז אַרויס דער צווייטער טייל אונטערן נאָמען: „פון דער איבערקערעניש צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג". דער דריטער טייל, וועלכן פאַוועל שיקט אַרויס פאַרקאָנספּירירט אין אַ בילד פון אירקוטסק, ווערט פאַרלוירן אין וועג. נאָך דער באַפרייאונג שרייבט ער צוריק אָן דעם דריטן טייל, כמעט פון זכרון, און צוזאַמען מיט די צוויי פריערדיקע ווערט עס אַרויסגעגעבן אין פּעטערבורג אין פאַרלאַג דאָנסקאַיאַ רעטש. ס'איז שוין אָבער די צייט פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע און די גאַנצע אויפלאַגע ווערט קאָנפיסקירט.

אין היסטאָרישן יאָר 1905 זיינען די ביכלעך איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט און טויזנטער יידישע אַרבעטער־קעמפער האָבן הינטער פאַר־שלאָסענע טירן, ביי פאַרהאָנגענע פענצטער, מיט התמדה שטודירט די גע־שיכטעס ווי אַזוי עס זיינען פאָרגעקומען רעוואָלוציעס אין אַנדערע לענדער און זיך אָנגענומען פון זיי מיט אינספּיראַציע און מיט העלדנמוט פאַר זייער אייגענעם קאַמף.

ענדלעך איז געקומען דער געגאַרטער טאָג. דעם איין און צוואַנציקסטן אָקטאָבער 1905 איז דערקלערט געוואָרן די אַמנעסטיע פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע. זי איז אָבער ניט חל געווען אויף די ראָמאַנאָווצעס. ס'איז גע־ווען פאַר זיי אַ שווערער קלאַפּ. אַ סך זיינען אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ טיפער פאַרצווייפלונג. אָבער אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך באַקומען די ידיעה וועגן דער ספּעציעלער אַמנעסטיע פאַר די ראָמאַנאָווצעס. ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן איז די דאָזיקע צוגאָב־אַמנעסטיע געקומען ריין צופעליק, פשוט צוליב עפּעס אַ פלאָנטער אין די צאַרישע קאַנצעלאַריעס. „... אָבער ווי דאָס זאָל ניט זיין, האָט שפּעטער פאַוועל געשריבן, מיר זיינען אַרויס אויף דער פריי, אַרויס אַ דאַנק דעם נצחון פון דער רעוואָלוציע..." דעם 28טן אָקטאָבער האָבן זיך געעפנט פאַר זיי די טויערן פון טורמע. צו־מאָרגנס 2 אַ זייגער בייטאָג איז אין אירקוטסק פאָרגעקומען אַ ריזיקער מי־טינג פון טויזנטער מענטשן. עס זיינען געהאַלטן געוואָרן פלאַמיקע רע־דעס און ענטוזיאַסטישע באַגריסונגען פאַר די „העלדן, די ראָמאַנאָווצעס..."

## צוריק אין ווילנע

דעם 18טן נאָוועמבער זיינען פאַוועל און אַנע ראָזענטאַל געקומען צוריק אַהיים, קיין ווילנע.

ס'איז געווען די צייט וועגן וועלכער פאַוועל האָט געשריבן „ווען דער שאַרפער אָטעם פון דער רעוואָלוציע איז געווען געדיכט אויסגעמישט מיט פינצטערע בלוטיקע מיאזמען פון דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער אָקטאָבע־רישער כוואַליע". און אין ווילנע האָט ער געטראָפן „דעם זעלבן מיש־מאַש פון דערוואָרבענע פרייהייטן און פאַרבליבענע אויף די ערטער זשאַנדאַרמען, פּאָליציי און אַדמיניסטראַציע".

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך זיין קומען ווערט פאַוועל ראָזענטאַל אַרויס־גערופן צום צ. ק. פון בונד, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אין דווינסק. ס'איז אים דאָרט געמאָלדן געוואָרן, אַז ער איז באַשטימט אין דער רעדאַקציע־

קאָלעגיע פון דער ערשטער בונדישער לעגאַלער טאָג־ציַיטונג, וואָס דאַרף אין גיכן אָנהייבן אַרויסגיין אין ווילנע.

דעם 20טן דעצעמבער האָט זיך באַקומען די דערלויבעניש אויפן וועקער. דער ערשטער נומער איז אַרויס אין 40 טויזנט עקזעמפּלאַרן.

ווי אַ מיט־רעדאַקטאָר פלעגט ראָזענטאַל יעדן צווייטן טאָג שרייבן לייט־אַרטיקלען און כמעט יעדן טאָג אויף פאַרשיידנאַרטיקע טעמעס: אַלגע־מיין־פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע. ער האָט געשריבן אונ־דער פאַרשיידענע איניציאַלן, אָדער גאָר אָן אונטערשריפטן (זיינע פּסעוו־דאָנימען זיינען געווען פּ. אַנמאַן, פּ. ראַל, אַ. בונדאָוועץ און אַנדערע).

אין נומער 16 פון וועקער האָט פּאַוועל ראָזענטאַל אויפגעהויבן די פראַגע וועגן צוריק אַריינטרעטן אין דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטי־שער פּאַרטיי. די פראַגע האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס, ס'זיינען אָנגעקומען אַ סך בריוו אין רעדאַקציע און די רעדאַקציע גופא האָט זיך אויך אָפּגערופן מיט אַן אַרטיקל געשריבן פון וולאַדימיר קאָסאָווסקי. אין דריי חדשים אַרום איז זי אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דער זיבעטער קאָנפערענץ אין בערן און ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער פאַראייניקונג; אַזוי איז אויך געווען אויף דעם פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער ס. ד. פּאַרטיי אין שטאָקהאָלם. דער זיבעטער צוזאַמענ־פאָר פון בונד האָט די פאַראייניקונג באַשטעטיקט.

פּאַוועל האָט געהאַט די פעאיקייט זיך אָפּצורופן אויף פּראָבלעמען אין דער ריכטיקער צייט. ער פאַרעפנטלעכט אַ גרויסן אַרטיקל וועגן דער ראָלע פון לומפּנפּראָלעטאַריאַט אין דער רעוואָלוציע אין וואָנבלאַט די נייע וועלט, שוין נאָכדעם ווי דער וועקער איז דורך דער מאַכט געשלאָסן געוואָרן. דער וואוקס פון אַנאַרכיסטישע שטימונגען, עקספּראָפּריאַציעס און אָנפאַלן זיינען צו יענער צייט עלול געווען צו ברענגען אָן אַ שיעור שאָדן דער סאָ־ציאַליסטישער באַוועגונג. קיין חידוש ניט וואָס פּאַוועל ראָזענטאַלס אַרטיקל האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אינטערעס און איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ באַזונדער בראָשור, אונטערן פּסעוודאָנים פּ. ראַל, אין רוסיש אין פאַרלאַג טריבונאַ און אין יידיש אין בונדישן פאַרלאַג די וועלט.

פּאַוועל ראָזענטאַל האָט זיך באַטייליקט אין דער שוין דערמאָנטער זי־בעטער קאָנפערענץ פון בונד אין בערן. ער איז אַהין דעלעגירט געוואָרן פון דער רעדאַקציע פון פאָלקס־ציַיטונג, וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען דעם 19טן פעברואַר 1906.

דעם 19טן אַפּריל איז פּ. ראָזענטאַל צוזאַמען מיט דער ח'טע אַנע (זי איז איינגעלאַדן געוואָרן צו דער קאָנפערענץ מיט באַראַטונגס־רעכט) אַרויס־געפאָרן אין דער שווייץ. אויף דער קאָנפערענץ האָט פּאַוועל געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער פאַראייניקונג און זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די דע־באַטן.

***

נאָך דער קאָנפערענץ האָט זיך פּאַוועל ראָזענטאַל צוריק אומגעקערט צו דער אַרבעט אין פאָלקס־ציַיטונג. אַן אַרבעט, וואָס איז צו יענער צייט פון

פאַרשטאַרקטער רעאַקציע געווען פאַרבונדן מיט אַ גרויסער אָנשטרענגונג פון נערוון; די צייטונג האָט געמוזט צוזאַמענגעשטעלט ווערן אין געהיימע דירות און מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט צוליב דער צענזור. אָבער סוף־כל־סוף האָט זי ניט אויסגעמיטן דער חלק פון דער רעאַקציע און האָט געטיילט דעם גורל פון וועקער, אין אויגוסט 1907 איז זי פאַרמאַכט געוואָרן.

נאָך דעם ווי די פאָלקס־צייטונג איז פאַרמאַכט געוואָרן האָט פּאַוועל ראָזענטאַל, צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, זיך דערפילט פאַרמאַטערט; עפּעס אזוי ווי די יאָרן, אָנגעלאָדענע מיט אַזוי פיל אַרבעט און איבערלעבונגען, וואָלטן זיך מיטאַמאָל ווי אַ שווערע משא אַראָפּגעלאָזט אויף זיינע פּלייצעס.

ער באַשליסט אָפּצופרישן זיין מעדיצינישע בילדונג און צו דעם צוועק פאָרט ער אין פּעטערבורג, און שפּעטער אין ווין, וואו ער פאַרברענגט עט־לעכע חדשים. זומער 1908 קומט ער צוריק אַהיים און הייבט אָן אַרבעטן אַלס באַקטעריאָלאָג.

ער איז דעמאָלט אַקטיוו אויפן קולטור־געביט. ער פאַרנעמט זיך מיט דער אָוונט־שול פאַר דערוואַקסענע, וואָס ער איז געווען איר איניציאַטאָר נאָך אין זיינע סטודענטישע יאָרן און אַרבעט זייער אַ סךביים שאַפן די ביבליאָטעק מפיצי השכלה. גלייכצייטיק שרייבט ער אַרטיקלען וועגן פאַרשיידענע פראַגן אין די בונדישע אויסגאַבעס פון יענער צייט. דאָס זיינען פּאַוועל ראָזענטאַלס שטילע יאָרן; זיי דויערן ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

## יאָרן פון מלחמה און רעוואָלוציע

באַלד ווי עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה ווערט פּאַוועל ראָזענטאַל מאָביליזירט אין דער אַרמיי. אין משך פון דריי יאָר קומט אים אויס איבערצולעבן אַלע שרעקן און גרוילן פון דער מלחמה. אַלס מיליטער־דאָקטאָר ווערט ער כסדר איבערגעוואָרפן פון איין פראָנט אויפן אַנדערן. אָבער אומעטום געפינט ער זיך נאָענט פון שלאַכטפעלד און אומעטום אין אוממיטלבאַרער לעבנס־געפאַר. ער ווייזט דערביי אַרויס זעלטענעם העלדנ־מוט. אין פייער פון שלאַכט, אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס, אונטער אַ האָגל פון קוילן, שטייט ער רואיק אויף זיין פּאָסטן, באַנדאַזשירט פאַרוואונדעטע, אָפּערירט, ראַטעוועט מענטשלעכע לעבנס. ער באַקומט שפּעטער פאַר זיין העלדישקייט די העכסטע אָרדענס און אויסצייכענונגען, וואָס אַ דאָקטאָר קען באַקומען.

ער אינטערעסירט זיך אויך מיט דער סטראַטעגישער זייט פון דער מלחמה און ראַטעוועט אָפט זיין אָפּטיילונג פון פּאַנישן אַנטלויפן. אין שטאַב רעכנט מען זיך אַפילו מיט זיין מיינונג. אָבער מיט יעדער שלאַכט, וואָס אים קומט אויס איבערצולעבן, מיט יעדן קרבן, וואָס אים קומט אויס צו באַהאַנדלען, וואַקסט ביי אים דער האַס צו דער מלחמה. דאָס קומט אויך שפּעטער צום אויסדרוק אין זיין באַציאונג צו די אַבאַראָנצעס; ניט בלויז קען ער נישט פאַרשטיין די דאָזיקע ריכטונג פון פּאַטערלאַנד־פאַרטיידיקער

אין יענער צייט אין סאָציאַליסטישן לאַגער, נאָר ער קען זיי ממש פיזיש ניט פאַרטראָגן.

אין דער צייט פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע געפינט ער זיך פאַר־וואָרפן אויפן גאַליציאַנער פראָנט. ווידער אַמאָל איז אים באַשערט מיטצומאַכן די ערשטע געהויבענע מאָמענטן פון דער רעוואָלוציע. ער נעמט זיך פירן אַן אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די סאָלדאַטן. ער האַלט פאַר זיי לעקציעס איף פאַרשיידענע טעמעס און פירט מיט זיי פּאָליטישע שמועסן.

סוף 1917, שוין נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש, ווערט ער באַ־פרייט פון דער אַרמיי, און נאָך אַזוי פיל יאָרן פון זיין אָפּגעריסן פון דער בונדישער אַרבעט, שטעלט ער זיך ווידער צום דינסט פון בונד. אויפן אַכטן צוזאַמענפאָר ווערט ער אויסגעוויילט אין צענטראַל־קאָמיטעט און אין עט־לעכע חדשים אַרום פאָרט ער אַריבער צוזאַמען מיטן צ. ק. פון פּעטערבורג קיין מאָסקווע.

אין מאָסקווע נעמט ער זיך ווידער צו ליטעראַרישער אַרבעט. ער שרייבט אין בונדישע צייטונגען, אין רוסישן זשורנאַל אַרבעטער־קאָאָפּעראַציע, אין דער אַרבעטער־ענציקלאָפּעדיע און אין נאָך אַנדערע אויסגאַבעס. אויף צו לעבן פאַרדינט ער פון זיין מעדיצינישער פּראַקטיק. ס'איז אַ שווער לעבן. ער איז באַשעפטיקט אין אַ פאַרוואָרפענעם אַרבעטער־ראַיאָן, עס קומט אים אויס אַ סך צו גיין צופוס און כסדר צו האָבן צו טאָן מיט אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן. אַן אויסגעשעפּטער פון זיין שווערער אַרבעט און ניט גענוגנדי־קער דערנערונג, ווערט ער סוף־כל־סוף אַליין קראַנק אויף פלעק־טיפוס.

אין מאַי 1919, ווען ער באַוויזט קוים צו קומען צו זיך פון זיין שווערער קראַנקייט, ווערט ער מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי. גלייכצייטיק באַ־קומט ער אויך פון קיעוו אַן איינלאַדונג פון קאָמיטעט פאַר הילף פון פּאָ־גראָם־געליטענע ביים רויטן קרייץ צו קומען אַרבעטן אין זיין אינפאָרמאַציע־אָפּטיילונג. ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן האָבן זיך די צוויי אַמטן געלאָזט פאַראייניקן, ווייל זיין מעדיצינישע אַרבעט פאַר דער אַרמיי האָט ער אויך געקאָנט טאָן אין אוקראַינע.

ווען ער קומט אין קיעוו נעמט ער זיך תיכף צום זאַמלען און באַאַרבעטן די פּאָגראָם־מאַטעריאַלן. שוין באַלד ביים אָנהויב פון דער מלחמה איז אים אויסגעקומען צוצוזען די נגישות פון דער צאַרישער מאַכט קעגן דער יידישער באַפעלקערונג; דעם ווילדן שפּיאָנען־שגעון, די ברוטאַלע אַרויסשיקונגען פון די גרענעץ־שטעטלעך. אָבער ווי גרויזאַם די דאָזיקע גזירות זאָלן ניט האָבן געווען, האָבן זיי געמוזט אַזוי ווי אָפּטרעטן אין שאָטן אין פאַרגלייך מיט די שוידערלעכע פּאָגראָמען, וואָס האָבן זיך ווי אַ בלוטיקע כוואַליע צע־גאָסן איבער גאַנץ אוקראַינע.

שטודירנדיק די מאַטעריאַלן וועגן די פּאָגראָמען, אויסהערנדיק לעבע־דיקע עדות, קומט פּאָוועל ראָזענטאַל צום באַשלוס, אַז די קאַטאַסטראָפע וואָלט ניט אָנגענומען אַזאַ פאַרנעם, ווען די יידישע באַפעלקערונג וואָלט זיך מער אַנטשידן אַנטקעגנגעשטעלט די אָנפאַלער. ער האַלט אָבער אויך, אַז די שאַנד־טאַט פון די פּאָגראָמען האָט זיך ניט אָנגעטראָפן מיט קיין געהעריקן

ווידערשטאַנד מצד דער ניט־יידישער וועלט. ער האַלט צוליב דעם, אַז קודם־כל מוז עפּעס געטאָן ווערן, כדי צו באַקאַנען די וועלט מיטן גאַנצן גרויל, מיט דער פאַרברעכערישקייט און מיט די אַלע שרעקן פון די פּאָגראָמען. און ער מיינט, אַז דאָס קען דערגרייכט ווערן ניט מיט דעם פאַרעפנטלעכן טרו־קענע ציפערן און פאַקטן, נאָר מיטן פאַרשטעלן די אַלע אַכזריותן און מער־דערייען אין בולטע, לעבעדיקע בילדער געשילדערט פון אַ קינסטלערישער פען. פּאַוועל ראַזענטאַל פאַרבינדט זיך מיטן טאַלענטירטן רוסישן שרייבער גוסיעוו־אָרענבורגסקי און ער נעמט זיך פאַרווירקלעכן זיין פּלאַן מיט דער גאַנצער גרינטלעכקייט ; ער גרייט צו פאַרן שרייבער אַלע נויטיקע מאַטעריאַלן, צייכנט פאַר אים אַ קאַרטע פון די פּאָגראָמירטע פונקטן, שרייבט אַליין אָן אַן אַריינפיר צום בוך און פאַרברענגט בכלל מיטן שרייבער לאַנגע שעהן. ער דערציילט אים איבער געשיכטעס פון לעבעדיקע עדות, שילדערט פאַר אים די אַטמאָספער, דיליידן פון די מענטשן, האָפנדיק אַזוי אַרום צו שאַפן ביים שרייבער די פאַרשטענדעניש פאַר דער זאַך און די געהעריקע שטימונג. ער וויל, אַז דאָס ווערק זאָל אויפטרייסלען דעם געוויסן פון דער וועלט. לײדער זיינען פּאַוועל ראַזענטאַלס האָפענונגען ניט מקוים געוואָרן. ווען דאָס בוך איז שפּעטער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין כאַרבין אונטערן נאָמען : דאָס בלוט־רויטע בוך, האָט אים דער אינהאַלט זיינער שטאַרק אַנטוישט.

אין קיעוו האָט פּאַוועל ראַזענטאַל פאַרבראַכט צוויי יאָר צייט. דאָס זיינען געווען ביטערע יאָרן פון שיסערייען אין די גאַסן, פּאָגראָמען, רויבע־רייען, הונגער און נויט. דאָס זיינען אָבער אויך געווען יאָרן פון כלערליי פּלענער פאַר שלום־טראַקטאַטן, פון געענדערטע מאַכט־פּאָזיציעס, פון איבער־שניידן די לאַנדקאַרטעס פון דער וועלט. פּאַוועל ראַזענטאַל פאַרטראַכט אַ גרויסע אַרבעט אויף דער טעמע : אימפּעריאַליזם און קאָלאָניאַל־פּאָליטיק. ער זוכט צונויף אַלע מאַטעריאַלן וואָס איז נאָר מעגלעך צו באַקומען, און ער נעמט זיך צו דער אַרבעט. אַנע ראַזענטאַל שילדערט אין איר ביאָגראַ־פישער אָפּהאַנדלונג די באַדינגונגען ביי וועלכע ער האָט געאַרבעט : „... דאָס ליכטל צאַנקט, אָדער דאָס קנייטל אין פלעשל אייל טשאַדיעט, אין צימער איז אייז־קאַלט, פון צייט צו צייט הערן זיך נאָענטע און וייטע שאָסן ; ער זיצט אין פוטער, די אויגן לייכטן און די האַנט פירט איבערן פּאַפּיר”.. אין משך פון געציילטע חדשים ווערט פאַרטיק אַ גרויס אינטערעסאַנט בוך, אַ וואָגיק וויסנשאַפטלעך ווערק, וואָס גייט שפּעטער אַרויס אונטערן נאָמען : דער קאַמף פאַר וועלט־הערשאַפט און פאַר וועלט־וועגן. אָבער דאָס איז נאָר דער ערשטער טייל פון ווערק. צוליב מאַנגל אין מאַטעריאַלן, לייגט ער אָפּ דאָס אָנשרייבן דעם צווייטן טייל אויף שפּעטער.

פּאַוועל באַוויזט נאָך אָנצושרייבן צוויי בראָשורן. איינע : דער ׳בונד׳ אין דער באַלייכטונג פון דער אַכראַנקע, און די צווייטע : די אַכראַנקע וועגן די טוער פון ׳בונד׳. די צוויי בראָשורן זיינען ביי אים אָפּגעקויפט געוואָרן פון דער קיעווער קולטור־ליגע (שוין דעמאָלט אַ קאָמוניזירטע), זיי זיינען אָבער ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן (אַ טייל פון די אַרבעטן איז געווען פאַר־עפנטלעכט אין דער בונדישער פּרעסע).

אין יולי 1920 ווערט פּאַוועל ראָזענטאַל דורך דער אַרמיי אויף אַ קורצע צייט איבערגעשיקט אין ראָוונע, דערנאָך אין ניעזשין. דאָרט ווערט ער ענדלעך באַפרייט פון דער אַרמיי און אויף צו באַקומען די געהעריקע פּאַפּירן ווערט ער איבערגעשיקט אין מאָסקווע.

אין מאָסקווע קומט אים אויס צו פאַרברענגען צוויי חדשים. זיי גייען אַוועק אין אָפּשטיין שעהן לאַנג אין די רייען ביי די פאַרשיידענע קאַנצעלאַריעס, אין דערליידיקן פאָרמאַליטעטן, אין שרייבן און איבערשרייבן אָפיציעלע פּאַפּירן, ביז עס געלינגט אים סוף־כל־סוף זיך צו דערקלייבן צו דער טשעקאַ און אַרויסצובאַקומען פון דער דאָזיקער אימהדיקער אינסטיטוציע די דערלויבעניש צו פאָרן אַהיים.

די מאַטערנישן פון זיינע לעצטע נסיעות, דאָס אַרומפאָרן אין איבערגעפּאַקטע וואַגאָנעס, דאָס אַרומוואַלגערן זיך טעג אויף די וואָקזאַלן וואַרטנדיק אויף אַ צוג און לסוף די פיינלעכע צוויי חדשים אין מאָסקווע, האָבן שטאַרק אונטערגעגראָבן זיין געזונט און צעטרייסלט זיינע נערוון. פּאַוועל ראָזענטאַל האָט געטיילט דעם גורל פון אַלע מלחמה־פּליטים. ער איז געפאָרן מיט אַ פראַכט־צוג, מיט אַן עשאַלאָן פון היימלאָזע. אין דעם וואַגאָן, דער טיעפּלושקע איז געווען אַן ענגשאַפט, אַ געשריי און אַ טומל. אָבער ווי ס'איז שוין געווען זיין טבע האָט ער זיך גיך צוגעפּאַסט צו די אומבאַקוועמלעכקייטן און האָט זיי כמעט ווי ניט באַמערקט. ער איז די גאַנצע צייט געווען אין אַ גוטער שטימונג. אין וועג האָט ער זיך גאָר גיך דערוואָרבן גוטע פריינט צווישן די פּליטים־קינדער, זיינע מיטפאָרער. ער פלעגט אָפט מיט זיי פאַרברענגען און ניט איינמאָל אַוועקלייגן צוליב זיי אַ בוך אָן אַ זייט. און בעת ער איז געזעסן אַרומגערינגלט מיט זיי און זיי דערציילט פאַנטאַסטישע מעשיות, איבערגעדיכטעטע שטיקער פון זיין באַליבטן זשול ווערן, אָדער זיך געשפּילט מיט זיי אין רעטענישן, האָט זיין בליק זיך מיט ליבשאַפט און פרייד געשפּיגלט אין די ליכטיקע קינדערשע אויגן און ער איז געווען אַזוי ווי צונויפגעגאָסן מיט זיי.

## די לעצטע יאָרן

פּאַוועל ראָזענטאַל קומט אין ווילנע אַ פיזיש אָפּגעשוואַכטער, אָבער אַן אויסגעהונגערטער נאָך אַרבעט, נאָך געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. ער פאַרמעסט זיך אויך אויף אַ סיסטעמאַטישער וויסנשאַפטלעך־ליטעראַרישער אַרבעט און האָט דערביי גאָר גרויסע פּלענער.

באַלד ווי ער אָרדנט זיך איין מיט זיין מעדיצינישער פּראַקטיק אַלס באַקטעריאָלאָג, טרעט ער אַריין אין ווילנער סאָציאַל־דעמאָקראַטישן בונד און ווערט אַ מיטאַרבעטער פון דער צייטונג. מיט קיין אָפיציעלן אַמט אין בונד איז ער שוין צו יענער צייט ניט געווען פאַרבונדן. בעת דער בונד אין רוסלאַנד האָט זיך פאַרקערעוועט שטאַרק אויף לינקס, הגם ער האָט געהערט צו דער אינטערנאַציאָנאַליסטישער ריכטונג אין דער פּאַרטיי, האָט ער אָבער מיטן נייעם קורס ניט געקענט מסכים זיין. ער האָט געהאַלטן, אַז דער נייער

קורס איז בלויז מסוגל אָנזעקצופירן די פּאַרטיי־פּאָליטיק אויף קרומע וועגן. דאָס איז געווען זייער פעסטע איבערצייגונג און, ווי געוויינלעך אין אַזעלכע פֿאַלן, איז ער געווען קאָמפּראָמיסלאָז.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אינטענסיווער ליטעראַרישער אַרבעט קומט פאַר אַ וויכטיקע געשעעניש אין לעבן פון פּאַוועל ראָזענטאַל. ער פלעגט תמיד שרייבן רוסיש און מען פלעגט אים איבערזעצן. איצט הייבט ער אָן שרייבן יידיש. ער האָט עס שוין לאַנג געפּלאַנט צו טאָן, ער האָט אָבער ניט געהאַט די באַדינגונגען דערצו. אין דער ווילנער יידישער קולטור־אַטמאָספער נעמט ער זיך דורכפירן דעם פּלאַן. אין וואָרט האָט ער שוין לאַנג גובר געווען אַלע מניעות און האָט פריי געקענט אויסדריקן זיינע געדאַנקען אין יידיש. מיט דער פעדער איז עס אים אָנגעקומען זייער שווער.

פּאַוועל ראָזענטאַל איז בטבע געווען אַ גיכער שרייבער. די געדאַנקען פלעגן זיך ביי אים, אַזוי ווי תמיד גרייטע, פריי און אומגעקינצלט, גיך אויס־לייגן אויפן פּאַפּיר. איצט האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן זייער לאַנגזאַם. ס׳איז אים כסדר אויסגעקומען צו פאַרטראַכטן זיך וועגן אַן אויסדרוק, צו זוכן אַ פּאַסיקן וואָרט. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט פאַרלירן צופיל צייט. ער נעמט זיך מיט התמדה לערנען שרייבן יידיש. ער שאַפט זיך איין אַ העפטל, וואו ער נאָטירט זיך פאָלקס־ווערטלעך, וואָס געפעלן אים, העברעאישע אומ־גאַנגס־ווערטער און דעפיניציעס, וואָס ער האַלט פאַר טרעפלעכע. די ערשטע צייט העלפט עס אים ווייניק. די שפּראַך פון זיינע אַרטיקלען קומט אַרויס אַרעם, דער סטיל ווי ניט זיינער. אָבער מיט יעדן אַרטיקל ווערן די פעלערן אַלץ שוואַכער. די שפּראַך זיינע ווערט נאַטירלעכער, רייכער און דער סטיל באַקומט כאַראַקטער.

פּאַוועל פרייט זיך שטאַרק מיט די דאָזיקע דערגרייכונגען. און ווען א. ליטוואַק, דער מייסטער פון יידישן וואָרט, ווען ער גיט רעדאַגירן זיינע אַרבעטן, קערט אים אום אַן אַרטיקל אָן שום ענדערונגען, איז ער פשוט גליקלעך.

פּאַוועל ראָזענטאַל הייבט אָן שרייבן יידיש כמעט אַזוי גיך ווי ער פלעגט שרייבן רוסיש און דער אינהאַלט פון זיינע אַרטיקלען איז רייך און די שפּראַך איז לעבעדיק. ער אַרבעט איצט מיט עכט יוגנטלעכן ברען און איז אויסערגעוויינלעך שעפעריש. ער שרייבט פאַרן ווילנער אָרגאַן פון ס. ד. בונד — אונזער געדאַנק, פאַרן בונדישן אַרבעטער־לוח אין וואַרשע, פאַרן רויטן פנקס, פאַר דער ביכער־וועלט און מעדיצינישע אַרטיקלען פאַר פאָלקס־געזונט. גלייכצייטיק איז ער אַקטיוו אין פּאָליטישן און געזעלשאַפט־לעכן לעבן. ער באַזוכט אַלע וויכטיקערע פאַרזאַמלונגען פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, באַטייליקט זיך אין דער אַרבעט אַרום די וואַל־קאַמפּאַניעס און פאָלגט נאָך מיט דעם גרעסטן אינטערעס אַלץ, וואָס קומט פאָר אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פון דער וועלט.

פון זיינע גרעסערע ליטעראַרישע אַרבעטן, נעמט ער זיך קודם־כל צום אָנשרייבן זיינע זכרונות וועגן יאַקוטסקער אויפשטאַנד, וואָס איז שוין ביי

אים פריער באַשטעלט געוואָרן פון פאַרלאַג קניגאַ און איז באַלד פאַרעפנט־לעכט געוואָרן אונטערן נאָמען ראַמאַנאָווקאַ. באַלד ווי דאָס ווערט פאַרטיק, נעמט ער זיך גרייטן די מאַטעריאַלן פאַר דעם צווייטן טייל פון זיין בוך וועגן קאַמף פאַר קאָלאָניעס, וואָס דאַרף שוין אַרומנעמען די נייע פאַזע פון אימפּעריאַליזם. ער קלייבט זיך אויך צו שרייבן אַ בוך וועגן דער פאַר־געקומענער וועלט־מלחמה. אויסער דעם טראָגט ער זיך אַרום מיטן געדאַנק וועגן איבערזעצן אויף יידיש דעם ערשטן טייל פון זיין בוך וועגן קאַמף פאַר קאָלאָניעס. און בעת אים געלינגט זיך צו פאַרבינדן מיט אַ פאַרלעגער און מיט אַן איבערזעצער, נעמט ער זיך תיכף אויסבעסערן געוויסע ערטער פון רוסישן טעקסט און שרייבט אַן אַ ספּעציעלן קאַפּיטל, וואָס דאַרף זיין אינטערעסאַנט פאַרן יידישן לייענער. דאָס איז דער עלפטער קאַפּיטל פון בוך, אונטערן קעפּל: דער קאַמף פאַרן מזרח־אייראָפּעאישן פליין — רוסלאַנד, פּוילן, ליטע, מיט דעם צוגאָב: די עקאָנאָמישע ראָל פון די יידן. בעת מען קומט אים אָנזאָגן, אַז מען הויבט שוין אָן זעצן דאָס בוך, נעמט ער עס אויף מיט גרויס שמחה.

איצט הויבט ער אָן מיט התמדה סעגרעגירן דעם מאַטעריאַל צום צווייטן טייל, וועלכן ער וויל שוין אַליין אָנשרייבן אין יידיש. אָבער אין דער צייט, ווען ער איז אַזוי אַריינגעטאָן אין זיין אַרבעט, אַזוי פול מיט פּלענער און זיין גייסט איז אַזוי שעפעריש, לויערט שוין אויף אים די שוידערלעכע קענסער־קראַנקייט. נאָך דער אָפּעראַציע, וואָס קען אים שוין ניט ראַטע־ווען, ליגט ער זעקס וואָכן אין געפערלעכע יסורים. אָבער זיין קאָפּ אַרבעט, זיין געדאַנק איז וואַך, ער אינטערעסירט זיך מיט אַלץ, וואָס קומט פאָר אין דער וועלט, לייענט אַ סך, הייסט זיך ברענגען פאַרשיידענע ביכער, גלייך ווי עס וואָלט אים צו קנאַפּ געווען זיין גרויסע ערודיציע. ער בעט מען זאָל צואיילן די אַרבעט אַרום זיין בוך, ער וויל צוהעלפן מיט דער קאָ־רעקטור, כדי עס זאָל גיכער קענען געדרוקט ווערן. ער וואַרט אויפן דער־שיינען פון בוך ווי אויף אַ גרויסן יום־טוב. ס׳איז אים שוין אָבער ניט באַ־שערט געווען. ווען מען ברענגט אים די ערשטע קאָרעקטור, קען ער עס שוין ניט אָננעמען. ס׳איז דער מאָמענט ווען זיין געדאַנק, וואָס האָט צענטלי־קער יאָרן געשפּרודלט מיט גייסטיקער שעפערישקייט, ווערט אויסגעלאָשן, ווען זיין וואַרעם האַרץ הערט אויף צו קלאַפּן.

דער מוטיקער סאָציאַליסטישער קעמפער, וואָס האָט אַזוי פיל מיט־געהאָלפן גרויס צו מאַכן דעם נאָמען פון בונד, האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם. ס׳איז געשען דעם 28טן פעברואַר 1924. ער איז אַלט געווען 52 יאָר.

דינה בלאַנד

# אַנע ראָזענטאַל

געבוירן דעם 14טן אָקטאָבער 1872 אין וואָלקאָוויסק, גראָדנער גובערניע. געשטאַמט פון דער אָנגעזעענער פאַרצווייגטער משפחה העלער, וואָס האָט זיך פּאַטריאַרכאַליש געהאַלטן צוזאַמען און שטאַרק אָפּגעזונדערט פון די אָרעמע ייִדן, אַפילו פון די גבירים, אויב זיי זיינען געווען „אויפגעקומענע". מ׳האָט זיך געגרויסט מיטן אַלטן יידישן יחוס, מיט סוחרישער פאַרוואָרצלטקייט פון קדמונים. מ׳האָט זיך אויך געפירט גרויס־שטאָטיש. די פרומקייט איז געווען געפּאָרט מיט וועלטלעכקייט. צו די קינדער האָט מען אויסער די מלמדים געהאַלטן לערער צו לערנען וועלטלעכע לימודים און שפּראַכן.

אַנעס פאָטער איז געווען אַן עלטערער זון פון די העלערס. ער איז געווען אַ געבילדעטער מענטש, אַ משכיל. ער איז אויך געווען גאַנץ פאַרמעגלעך, האָט געהאַנדלט מיט וואַלד און געהאַט אַ שם פאַר אַ פעאיקן סוחר און אָרטלעכן מאַן.

אַנע (חנה) איז געווען דאָס פינפטע קינד ביי אירע עלטערן. צו דער צייט, ווען זי איז געבוירן געוואָרן, האָבן זיי באַוואוינט אַ גרויס נגידיש הויז. אַלץ איז דאָרט געווען איינגעפונדעוועט. אָבער אַנען איז נישט באַשערט געווען לאַנג צו געניסן פון דער דאָזיקער היים. זי איז אַלט געווען זעקס יאָר, ווען די לאַגע פון דער פאַמיליע האָט זיך מיטאַמאָל ראַדיקאַל געענדערט. אַנעס פאָטער האָט ביי זיינע געשעפטן פאַרלוירן זיין פאַרמעגן און איז נאָך פאַרבליבן אַ גרויסער בעל־חוב. מיט דער הילף פון קרובים איז אים קוים געלונגען צו נעמען אַ הויף אין אַרענדע מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט דערפון קענען ציען חיונה פאַר יער פאַמיליע און נאָך צאָלן חובות, כדי נישט צו בלייבן קיין אָנזעצער. דערווייל האָט ער אָבער געמוזט בשתיקה אַוועק פון וואָלקאָוויסק. מ׳האָט דעמאָלט די קליינע אַנען פּלוצלונג אויפגעוועקט אין מיטן דער נאַכט. אין שטוב איז געווען אַ גערודער, טיר און טויער איז געשטאַנען אָפן. אַן איבערגעשראָקענע האָט מען זי אַרויסגעטראָגן אין פינצטערן אינדרויסן, אַריינגעזעצט אין אַן אָנגעפּאַקטער פור. דאָס איז מען געפאָרן אין הויף אַריין.

ווען אַנע איז אַלט געווען צען יאָר איז מיטאַמאָל געוואָרן אין זייער הויז אַ גרויסע מהומה. ס׳זיינען אונטערגעקומען די „צייטווייליקע תקנות פון יאָר 1882" מיט די גזירות אויף יידן. ס׳איז פאַרווערט געוואָרן יידן צו וואוינען אין די דערפער און צו אַרענדירן דאָרט הייף. אין קאָן איז געשטאַנען די גאַנצע עקזיסטענץ. די עלטערן זיינען אַרומגעגאַנגען דערשלאָגענע און פאַרזאָרגטע. ביז דעם פאָטער איז נאָך לאַנגע שתדלנות ענדלעך געלונגען דורכצוקומען מיט די פריצים. מ׳האָט בסוד־סודות אַראָפּגעבראַכט פון שטאָט אַ נאָטאַריוס און פאַרלענגערט די אַרענדע אויף נאָך זעקס יאָר. דאָס איז געמאַכט געוואָרן מיט אַ פריערדיקן טערמין, נאָך איידער עס זיינען אַריין אין קראַפט די תקנות.

פאַר דער געפילפולער אַנען איז עס ווידער געווען אַ פּיינלעכע איבערלעבונג. זי איז געווען פול מיט מיטגעפיל צו אירע ליידנדיקע עלטערן.



אָבער נישט בלויז צו אירע עלטערן. צו יענער צייט האָט זי שוין אויך באַוויזן זיך צוצוקוקן צום שווערן לעבן פון די פויערים אין דאָרף. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן וועקן ביי איר געדאַנקען וועגן דער אומגערעכטיקייט פון דער וועלט. און הפנים אונטער דער ווירקונג פון דער מוטער, וואָס האָט איצט געהאַלטן אין אייך רייקדן, אַז דאָס וואָס זיי לעבן איבער איז אַ שטראָף פון גאָט פאַר זייערע באַגאַנגענע זינד, איז אַנע אַריינגעפאַלן אין אַ רעליגיעזער שטימונג. זי האָט אָנגעהויבן דאַווגען, אָפּהיטן אַלע דינים און יום־כּיפּור האָט זי געפאַסט און איז אַ גאַנצן טאָג אָפּגעשטאַנען מיטן מחזור אין האַנט און פרום געדאַוונט אויפן קול.

אַנעס פרומקייט האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. ס׳איז איבערגעריסן געוואָרן אומגעריכט און אַ סברה, אַז שולדיק אין דעם איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי דער באַרימטער רוסישער פּאָעט פּושקין. אַנעס עלטערע שוועסטער האָט גראָד דעמאָלט באַקומען פון פאָטער אַ מתנה פּושקינס ווערק. אַנע האָט אָנגעהויבן לייענען פּושקינען און זי איז אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיינע שאַפונגען, אַז זי האָט פאַרגעסן אָן דאַווגען און זיך בכלל אויפגעהערט מתעסק זיין מיט מצוות. שפּעטער, ווען די שוועסטער האָט זיך אַבאַנירט אין שטאָט אין ביבליאָטעק און ס׳האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פון דאָרט ביכער, האָט אַנע געלייענט און געלערנט אויף אויסנווייניק נאַדסאָנען, נעקראַסאָוון און פרוגן. מיט דער צייט האָט זי דורכגעלייענט אַלע רוסישע קלאַסיקער און די באַרימטע ליטעראַטור־קריטיקער פּיסאַרעוו, דאָבראָלובאָוו, בעלינסקי און שעלגונאָוו. אַנע האָט אויך גע־

לייענט יידישע ביכער אויף וויפֿל זי האָט זיי נאָר געקענט באַקומען. גאָר אַ שטאַרקן איינדרוק האָט אויף איר געמאַכט „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק" פֿון דינעזאָן. דאָס בוך האָט פֿאַר איר די מוטער פֿאָרגעלייענט. זי האָט עס געדענקט לאַנגע יאָרן און בשעת־מעשה האָט זי ביט ווייניק טרערן פֿאַרגאָסן. אַנע האָט בכלל אַ סך געלייענט. מען וואָלט אָבער וועגן איר ניט געקענט זאָגן, אַז זי האָט „געשלונגען" ביכער. ווייל אַנע האָט געלייענט מיט אַ זעלטענער התמדה. זי האָט שטודירט די ביכער, געזוכט אין זיי אַן ענטפֿער אויף אַלע פֿראַגן, וואָס האָבן זיך פֿרי אָנגעהויבן שטעלן פֿאַר איר. אין אירע דערינערונגען האָט אַנע שפּעטער געשריבן: „די ליטעראַטור האָט אָן שום ספֿק געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף מיין איינשטעלונג צום אַרומיקן לעבן. זי האָט מיר אויפֿגעקלערט דעם זינען פֿון די דערשיינונגען, וועלכע איך האָב פֿריער אויפֿגענומען נאָר מיטן געפֿיל".

עס וועקט זיך ביי איר אויף אַ פּלאַן צו פֿאָרן אין ווילנע אָפּגעבן עקזאַמען, דערנאָך פֿאָרן ערגעץ שטודירן. זי איז ערשט זעכצן יאָר אַלט. ווי וועט זי קענען איבערצייגן די עלטערן, אַז זיי זאָלן זי וועלן אַוועקלאָזן אַליין פֿון דער היים? זי טראַכט דורך גענוי אַלץ וואָס זי האָט זיי צו זאָגן און וואַרט אויף אַ געלעגנהייט צו רײדן מיט זיי. זי ליגט עס אָפּ פֿון טאָג אויף טאָג און זוכט אַ פֿאַרענטפֿערונג אין דעם וואָס זי גרייט זיך צום עקזאַמען. זי וואַרט אויך אויפֿן לערער, וואָס דער פֿאָטער ברענגט אַראָפּ צו די ייִנגערע קינדער. זי האָט שוועריקייטן מיט מאַטעמאַטיק און פֿיזיק און זי האָפֿט, אַז ער וועט איר אַרויסהעלפֿן אין דעם.

און אין איינעם אַ טאָג באַווייזט זיך אַ יונגערמאַן. זיין נאָמען איז נאָום לעווינסאָן. שפּעטער וועט ער זיך אַנטפּלעקן ווי וולאַדימיר קאָסאָווסקי, דער באַרימטער טעאָרעטיקער פֿון בונד. דערווייל איז ער עס דער אַראָפּגעבראַכטער לערער. ער איז אַן ערנסטער יונגערמאַן. אין זיין פֿרייער צייט שטודירט ער אַליין, זיצט איבער ביכער. ער רעדט אויך זייער ווייניק. אָבער אין די פֿאַרנאַכטן בעת מען לאָזט זיך אַוועק שפּאַצירן אין פֿעלד, בינדט זיך ביי אים פֿאַנאַנדער די צונג. ער רעדט זיך פֿאַנאַנדער וועגן די נאַראָדנאָוואָלצעס. ער דערציילט וועגן זייער אידעאַליזם, וועגן זייער גרויסער ליבשאַפֿט צום ליידנדיקן פֿאָלק און זייער גרייטקייט זיך מקריב צו זיין פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון פֿאָלק. ער שילדערט זייער העלדישקייט און אומקום. ער רעדט אויך וועגן אַ גרויסער אידייע, וואָס געווינט וויטער אַלץ מער אָנהענגער, וועגן דער סאָציאַליסטישער אידייע. ער רעדט רואיק, ער באַמיט זיך ניט צו איבערצייגן, אָבער עס פֿילט זיך אַ שטאַרקער גלויבן אין זיינע רייד און „זיין איינגעהאַלטענער ענטוזיאַזם שטעקט אָן מיט דורשט צו העלדנטאַטן און מיט בענקשאַפֿט נאָך גרויסע הערואישע מעשׂים". די דאָזיקע שפּאַצירן זיינען יעדעס מאָל געווען אַ יום־טוב פֿאַר אַנען. זי האָט זיך צוגעהערט צום רעדנער מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. זי האָט געפֿילט ווי אַ ניי ליכט וואָלט אויפֿגעגאַנגען פֿאַר אירע אויגן. זי האָט געזען, אַז דאָס איז עס צו וואָס זי שטרעבט, אַז דאָס איז דער ציל!

אַנע וויל גיכער אַוועק קיין ווילנע. איצט איז עס שוין ניט בלויז

צוליבן לערנען. זי וויל ווערן זעלבשטענדיק, כדי אָנצוהייבן אַ נײַ לעבן. עס שרעקן איר שוין מער נישט קיין שום מניעות. זי איז זיכער, אַז זי וועט דורכזעצן איר ווילן. זי וויל בלויז איבערוואַרטן די פּאָר זומערדיקע חדשים.

אָבער דאָ איז אונטערגעקומען אַ מניעה, אויף וועלכער אַנע האָט זיך קוים געקאָנט ריכטן. ס'איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרן דער פֿאָטער און אין עטלעכע וואָכן אַרום איז ער געשטאָרבן אין עלטער פֿון 51 יאָר. אַנע האָט דעמאָלט צום ערשטן מאָל דערפֿילט די רעאַלקייט פֿון טויט פֿון אַ מענטשן, וועלכן זי האָט גוואַלטיק ליב געהאַט. זי איז דערפֿון געווען אַזוי דערשיטערט, אַז ס'האָט זיך איר געדוכט, אַז אַפֿילו די נאַטור דאַרף טרויערן מיט איר. זי האָט וועגן דעם שפּעטער געשריבן: „איך האָב געפֿילט ווי די פֿליגלען פֿון טויט האָבן אָנגערירט אונדזער הויז. איך בין אַרויס אין דרויסן. דער פֿרימאָרגן איז געווען אַ פּראַכטפֿולער, די ביימער און פֿעלדער זײַנען געשטאַנען אין זייער פֿולצײַטיקן גלאַנץ. איך האָב אַ פֿאַרחידושטע געקוקט אויף דעם אַרום און אַ טיפֿער צאָרן האָט מיך אַרומגענומען, אַ צאָרן אויף דער גלייכגילטיקייט פֿון דער נאַטור, מיט וועלכער איך בין געווען אַזוי טיף און אַזוי אינטים פֿאַרבונדן". און דערבײַ גיט אַנע צו, אַז אויך אין איר ווײַטערדיקן לעבן „אין שעהן פֿון גרויסער נשמה־צערודערונג, האָב איך נישט איינמאָל אויפֿגענומען די דיסהאַרמאָניע צווישן מענטשלעכע לײַדן און דער גלייכגילטיקייט פֿון דער נאַטור".

נאָכן פֿאָטערס טויט ווערט בײַ אַנען דער דראַנג זיך אַרויסצורײַסן פֿון דער היים נאָך שטאַרקער. אָבער אויף אַוועקצופֿאָרן דאַרף זי איצט האָבן דעם הסכם פֿון דער מוטער. און דאָ טרעפֿט זי זיך אָן אויף אַ ים טרערן און אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. איר אַוועקפֿאָרן ווערט אַ משפּחה־ענין. עס מישן זיך אַרײַן די פֿעטערס. מען דערמאָנט איר, אַז די העלערס ציִען זייער יחוס פֿון „תוספֿות יום־טוב". ווי קומט אַ טאָכטער פֿון די העלערס צו וועלן אַוועק אין דער פֿרעמד? און חוץ אַלץ קענען זיי בכלל נישט פֿאַרשטיין צו וואָס אַזאַ געראָטן מיידל דאַרף פֿאָרן שטודירן. „וואָס איז, זי וועט קיין חתן נישט קריגן?"

אַנע באַשליסט זיך צו ווענדן מיט איר ענין צו אַ שוועגערין, וואָס האָט אַ השפּעה אויף דער מוטער. זי פֿאָרט צו איר קיין גראָדנע. רעדט אַרײַן אין איר אַ וועלט מיט רייד, גאַנצע שטיקער אַרויסגעלייענטע פֿון די ביכער. זי רעדט אָבער מיט אַזוי פֿיל האַרץ, אַז סוף־כּל־סוף קריגט זי פֿון דער שוועגערין אַ צוזאָג, אַז זי וועט אָנשרײַבן דער מוטער. און ענדלעך באַקומט זיך דער געגאַרטער בריוו. אָבער ווי גרויס איז געווען אַנעס אַנטוישונג ווען אָנשטאָט די אַלע אידעאַליסטישע מאָטיוון, וואָס זי האָט אָנגעגעבן דער שוועגערין, איז גאָר אין בריוו געשטאַנען, אַז מען זאָל לאָזן אַנען פֿאָרן, ווײַל „אפֿשר וועט זי אויף דעם וועג קריגן איר באַשערטן".

אַנע איז געווען עמפּערט, באַליידיקט אין אירע טיפֿסטע געפֿילן. די מוטער האָט אָבער געגעבן איר הסכם.

אַנע קומט אין ווילנע אַ באַפֿליגלטע מיט איר אָפּגעהאַלטענעם נצחון. זי קומט מיט אַלע אירע בענקשאַפֿטן און חלומות וועגן אַ נייעם לעבן און

זי זוכט אַ וועג צו אים. אָבער איידער וואָס־ווען פֿאַלט זי אַריין, דורך דער באַקאַנטשאַפֿט פֿון אירער אַ קרובֿה, אין אַ קרייז פֿון יונגע חובֿבֿי ציון, אָדער פּאַלעסטינטשיקעס, ווי זיי האָבן זיך גערופֿן. צום קרייז האָט געהערט אַ גרופּע אינטעליגענטע יוגנט, מען האָט גערעדט מיט באַגייסטערונג וועגן אויפֿלעבן פּאַלעסטינע, שאַפֿן דאָרט קאָלעקטיוויסטישע קאָלאָניעס. די זאַך איז אַנען געפֿעלן געוואָרן. זי איז געוואָרן אַקטיוו, האָט זיך אָנגעהויבן לערנען העברעיִש, לייענען העברעיִשע ביכער און האָט אויך געהאָלפֿן זאַמלען געלט. אָבער מיט דער צייט האָט איר דאָס אַלץ אָנגעהויבן אויסצוזען צו וואָכעדיק און אויך נישט גענוג ערנסט. עפּעס איז איר אויסגעקומען ווי מען וואָלט דאָרט „מער געטרונקען טיי ווי געטראַכט וועגן פּאַלעסטינע". אַלנפֿאַלס האָט עס גאָר ווייניק געהאַט צו טאָן מיט איר „בענקשאַפֿט נאָך גרויסע העראָאישע מעשים". זי האָט אָנגעהויבן זוכן אַנדערע באַקאַנטשאַפֿטן.

אַנע גרייט זיך צום עקזאַמען און זי זוכט אַ לערער אויף מאַטעמאַטיק. מען ווייזט איר אָן אויף אַרקאַדי קרעמער. צו איר גרויסער פֿרייד דערוויסט זי זיך, אַז ער איז אַן אויסגעשלאָסענער סטודענט. דאָס הייסט איינער פֿון יענע, וואָס קענען עפֿענען פֿאַר איר די טיר צו דער סודותפֿולער וועלט, צו וועלכער עס ציט זי אַזוי. זי איז אָבער נישט גענוג דרייסט צו רעדן מיט אים וועגן דעם. בפֿרט נאָך, אַז ער אַליין איז צו איר בלויז אַ שטרענגער לערער. ער רעדט נישט מיט איר וועגן קיין זייטיקע זאַכן.

בעת די לעקציעס קומען כּסדר צו אים מענטשן. מען סודעט זיך אין פּאָדערשטוב. צו אירע אָנגעשפּיצטע אויערן דערגייען אָפּגעריסענע ווערטער וואָס זייער צוזאַמענהאַנג קען זי נישט כאַפּן. זי גייט יעדעס מאָל אַוועק פֿון אים ווי אַ דורשטיקע, וואָס קען זיך נישט דערשלאָגן צו אַ קוואַל. אָבער אַפֿילו נאָכדעם ווי אַנע האָט שוין געפּועלט ביי זיך און גערעדט מיט איר לערער, איז איר נאָך אויסגעקומען דורכצומאַכן אַ לאַנגן און שווערן וועג. די מענטשן פֿון פּיאָנערן־דור, וואָס זיינען געקומען אין פֿריִען באַגינען טראָגן אין דער וועלט אַריין אַ נייעם גלויבן, זיינען געווען שטרענג צו זיך און שטרענג צו אַנדערע. עקזאַלטירטע מיידלעך, וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט אידעאַליסטישע חלומות, האָבן זיך אָפֿט באַוויזן, אָבער נישט קיין סך פֿון זיי האָבן שפּעטער אויסגעהאַלטן די האַרטע פּראָבע פֿון קאַמף. מ'האָט זיך דעריבער אַפֿילו נישט געאיילט אַריינצופֿירן זיי אין די קדשי־קדשים פֿון דער באַוועגונג.

און ווער ווייס ווי לאַנג זי וואָלט זיך נאָך אַרומגעטראָגן מיט אירע חלומות און מיט אירע יונגע נישט אויסגעשעפּטע כּוחות, וואָס האָבן זיך געריסן צו אַרבעט, ווען נישט איר באַקאַנטשאַפֿט מיט פּאַוועל ראָזענטאַל. זי איז גראָד געווען אויף אַ סטודענטישער פֿאַרזאַמלונג, וואו ער איז אַרויסגעטרעטן מיט אַ רעפֿעראַט וועגן „זשאַרגאָנישן קאָמיטעט". ער האָט גערעדט וועגן דער וויכטיקייט אַרויסצוגעבן ביכער פֿאַר יידישע אַרבעטער אין דער יידישער שפּראַך, אין „זשאַרגאָן" ווי מען האָט עס דעמאָלט גערופֿן. מיט געצווימטער ליידנשאַפֿט, אָבער מיט טיפֿער איבערצייגונג האָט ער געשילדערט דעם גוואַלטיקן דורשט ביי די יידישע אַרבעטער נאָך וויסן, זייער אויפֿגע־

וואַכטן אינטערעס צום בוך. ער האָט אַפּעלירט צו די פֿאַרזאַמלטע, צו דער שטודירנדיקער יוגנט, אַז זי זאָל קומען צוהילף דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס, זאָל זיך שטעלן צום דינסט פֿון „זשאַרגאָנישן קאָמיטעט״.

אַנע האָט זיך צוגעהערט צום רעדנער מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם. זי האָט זיך שפּעטער מיט אים באַקענט. זיי האָבן זיך דורכגעשמועסט. און דאָס וואָס איז פֿאַר איר ביז דעמאָלט געווען אַ ווייטער חלום, איז מיטאַמאָל געוואָרן ווירקלעכקייט. ברייט האָט זיך אויפֿגעפּראַלט פֿאַר אַנען די טיר צו דער וועלט פֿון העראָאיזם און קאַמף. קודם־כּל ווערט זי אַריינגענומען אין „זשאַרגאָנישן קאָמיטעט״. זי וואַרפֿט זיך אַריין אין דער אַרבעט מיט איר גאַנצן יוגנטלעכן ענטוזיאַזם און ווערט גאָר גיך די טיכטיקסטע אַרויסהעלפֿערין פֿון דעם הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר, פֿון פּאַוועל ראָזענטאַל. און שפּעטער ווען ער פֿאָרט אַוועק פֿאַרענדיקן זיין דאָקטאָר־שטודיום, נעמט זי אינגאַנצן איבער זיין אַמט. גלייכצייטיק ווערט אַנע אַ פֿירערין פֿון קרייזן, פֿריער פֿון נאַטור־וויסנשאַפֿט, דערנאָך פֿון פּאָליטישער עקאָנאָמיע. ס׳איז אַגב אינטערעסאַנט, אַז ווי מיט אַ מאַטעריאַל צו איר אַרבעט קומט איר אויס זיך צו באַנוצן מיט אַ צעריסענער, געשריבענער בראָשור אָן אַ נאָמען. זי ווערט אויך דע־לעגירט צו דער שוסטער־סכאָדקע און צו אַ צוזאַמענקונפֿט, וואו ס׳ווערט אויסגעאַרבעט דער סטאַטוט פֿון רויטן קרייז, פֿון דער אָרגאַניזאַציע צו העלפֿן פּאָליטישע אַרעסטירטע.

אַנעס הענט זיינען איצט פֿול מיט אַרבעט, פּונקט ווי איר לעבן איז פֿול מיט אינהאַלט. אין אַנעס לעבן איז אויך אויפֿגעגאַנגען אַ ליכטיקע פֿרייד. פֿון דער שטילער פֿריינטשאַפֿט צווישן איר און פּאַוועל ראָזענטאַל האָט זיך אַנטוויקלט אַ גרויסע און טיפֿע ליבשאַפֿט, וואָס האָט זיי שפּעטער פֿאַרבונדן אויפֿן גאַנצן לעבן.

אַנע האָט נישט אויפֿגעהערט לערנען. זי האָט אין ווילנער קוראַטאָריום אויסגעהאַלטן דעם לערער־עקזאַמען און זיך געגרייט צום עקזאַמען אין אַ דענטיסטישער שול. אויך דעם עקזאַמען האָט זי שפּעטער אויסגעהאַלטן. מיט גאָר אַ באַזונדערן אינטערעס האָט זי שטודירט די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור. אַן אומפֿאַרגעסלעכן איינדרוק האָט אויף איר געמאַכט בעלטאָווס (פּלעכאַנאָווס) באַרימט בוך וועגן מאָניסטישן אויפֿנעם פֿון דער געשיכטע. דאָס בוך האָט איר פֿאַרשאַפֿט אַן אומגעהויערן גייסטיקן גענוס און געהאַט לויט איר מיינונג אַ דעצידירנדיקע ווירקונג אויף איר גאַנצער וועלט־אָנשויאונג.

זומער־צייט 1897 איז אַנע אַוועקגעפֿאָרן אויף אַ פּאָר חדשים אַהיים. ווען זי האָט זיך צוריק אומגעקערט אין ווילנע, האָט זי זיך דערוווּסט וויכטיקע נייעס: ס׳איז געגרינדעט געוואָרן דער בונד און ס׳האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין די אַרבייטער־שטימע. אין אַ קורצער צייט אַרום איז זי קאָאָפּטירט געוואָרן אין דעם ערשטן ווילנער קאָמיטעט פֿון בונד. און דערמיט איז אַזוי ווי פֿאַרזיגלט געוואָרן, אַז די יונגע ענטוזיאַסטישע אַנע העלער האָט אויסגעהאַלטן די פֿייער־פּראָבע פֿון קאַמף.

אַנע העלער איז אַריינגעטרעטן אין דער נייער תּקופֿה פֿון דער יידי־

שער אַרבעטער־באַוועגונג אונטער דער פאָן פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד. אָבער אויף דעם וועג, וואָס איז געווען פול מיט געפאַרן, מאַרטירערטום און העלדנטאַטן איז זי שוין געגאַנגען האַנט אין האַנט, אייניק און געשלאָסן, מיט פאַוועל ראָזענטאַל. אָנהויבנדיק פון יאָר 1898 זיינען זייערע נעמען אין משך פון אַ לאַנגן צייט־אָפּשניט געווען אומצעטיילבאַר. און זיי האָבן צוזאַמען אַריינגעשריבן וואונדערלעכע קאַפּיטלען אין דער העראָאישער געשיכטע פון בונד.

די גרויסע געמיינזאַמע, שוין אָפיציעל בונדישע אַרבעט פון אַנע און פאַוועל ראָזענטאַל האָט זיך אָנגעהויבן אין 1899 בעת זיי האָבן זיך באַזעצט אין דעם גרויסן אַרבעטער־צענטער אין ביאַליסטאָק. דאָרטן האָט זיך אויך באַזעצט דער צ. ק. פון בונד און די דירה פון די ראָזענטאַלס איז געוואָרן זייך הויפּט־קוואַרטיר. צו דער האָזיקער קוואַרטיר האָבן זיך דעמאָלט געצויגן אַלע פעדים פון די אויפגעלעבטע אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד און אויך פון אויסלאַנד. אַנע איז דאָרט געווען די באַלעבאָסטע. זי האָט אויפגענומען די שלוחים פון אַלע עקן לאַנד און די געסט פון אויסלענדישן קאָמיטעט מיט די וואַליזעס אומלעגאַלער ליטעראַטור. ווי אַ דאָקטאָר, האָט פאַוועל נישט געקענט צופיל זיך וואַרפן אין די אויגן אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן, איז אַנע די שטענדיקע פאַרמיטלערין צווישן צ. ק. און דער אָרטיקער פאַרצווייגטער באַוועגונג. אַנע העלפט באַזאָרגן די פּראָקלאַמאַציעס, וואָס ציבדן אָן מיט גלויבן אין סאָציאַליזם די מוחות און הערצער פון די יידישע אַרבעטער. אין ריזיקאַלישע מאָמענטן פירט זי אַליין פאַנאַנדער די פּעקלעך ליטעראַטור איבער די שטעט פון בונדישן ראַיאָן. אַנע פירט אָן אַרבעטער־קרייזן און באַטייליקט זיך אַליין אין אַ קרייז, וואו מען שטודירט מאַרקס' קאַפּיטאַל. זי העלפט אויך דורכפירן אַלע קאָנספּיראַטיווע צוגרייטונגען צום פערטן צוזאַמענפאָר פון בונד און דערנאָך צו דער קאָנפערענץ פון דער רוסלענדער ס. ד. אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין ביאַליסטאָק.

אין יאָר 1902, נאָך צוויי און אַ האַלב יאָר פון קאָכיקער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, ווערט אַנע צוזאַמען מיט איר מאַן אַרעסטירט. עס הויבט זיך אָן איר מאַרטירערטום — פריער אין דער שווערער גראָדנער טורמע, דערנאָך אין די מאָסקווער טורמעס אין טאַגאַנקע און בוטירקי און נאָך זעכצן חדשים זיצן, קומט די אַדמיניסטראַטיווע פאַרשיקונג אויף זעקס יאָר אין יאַקוטסקער געגנט אין סיביר. דאָרטן טרעפן זיי אָן אויף אַ שווערער צייט. עס הויבן זיך אָן פאַרשטאַרקטע רדיפות אויף די פּאָליטישע פאַרשיקטע. עס קומט דער פּראָטעסט פון די פאַרשיקטע, דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד, וואָס איז אַריין אין דער געשיכטע פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע אונטערן נאָמען ראָמאַנאָווקע.

אַנע באַטייליקט זיך אין באַשליסן דעם אויפשטאַנד. זי איז אויפן אָרט פון דער ערשטער מינוט אָן, אין דער שווערער אַרבעט פון בויען די שוץ־וואַלן אַרום די ווענט, שטייט אין די נעכט אויף דער וואַך מיט געווער אין האַנט. אַנע געהערט צו די, וואָס פאַלן ניט אַריין אין פאַרצווייפלונג ווען דער אויפשטאַנד איז פאַרשפּילט. זי ווייזט אַרויס אַ זעלטענע פעסטקייט אַפילו

דעמאָלט, ווען אין טורמע דערגייט די ידיעה, אַז די אינציאַטאָרן פֿון אויפֿשטאַנד האָט טויט־שטראָף און פּאַוועל איז איינער פֿון זיי. און שפּעטער אויפֿן פּראָצעס, ווען די צאַרישע ריכטער ווילן אויסטיילן די פּרויען, כּדי צו קענען זיי געבן אַ לייכטערע שטראָף, האַלט אַנע אַ מוטיקע רעדע אין נאָמען פֿון אַלע פֿרויען. זי וואַרפֿט אָפּ מיט פֿאַראַכטונג דעם פּראָוואָ פֿון געריכט. זי זאָגט, אַז די קעמפֿערינס ווילן נישט פֿאַר זיך קיין שום גנאָד פֿון דער צאַרישער מאַכט. ס'זיינען נישט געווען בײַ די ראָמאַנאָווצעס קיין שום פֿאַרטיילונג אויף מענער און פֿרויען. „מיר האָבן געהאַנדלט אַלע גלייך. צוזאַמען מיט די מענער האָבן מיר זיך געשטעלט צום גערעכטן קאַמף און איבער מען וואָלט געדאַרפֿט אומקומען, זײַנען מיר געווען גרייט. מיר האַלטן, אַז פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון די אידעאַלן צו וועלכע מיר שטרעבן, איז אַ מענטשלעך לעבן נישט קיין צו טייערער פּרײַז. מיר נעמען אויף זיך די פֿולע מאָראַלישע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר אַלץ, וואָס איז געשען".

אַנע איז צוזאַמען מיט אַלע ראָמאַנאָווצעס פֿאַרמשפּט געוואָרן אויף צוועלף יאָר קאַטאָרגע.

דער אויפֿברויז פֿון רעוואָלוציאָנערן שטורעם אין יאָר 1905 האָט געעפֿנט די טירן פֿון די תּפֿיסות פֿאַר טויזנטער פֿרײַהייטס־קעמפֿער און אויך פֿאַר די העלדישע ראָמאַנאָווצעס.

***

אַנע און פּאַוועל ראָזענטאַל זײַנען אַרויס אויף דער פֿרײַ. צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע זײַנען זיי מיט גרענעצלאָזער באַגייסטערונג אויפֿגענומען געוואָרן דורך די ענטוזיאַסטישע רעוואָלוציאָנערע מאַסן פֿון רוסלאַנד. זיי זײַנען געפֿאָרן אַהיים. אויפֿן וועג האָבן זיי זיך איבערצײַגט, אַז דער צאַרישער רעזשים האָט צוריק אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ. זיי האָבן זיך דערוואוסט וועגן די בלוטיקע פּאָגראָמען, שטראָף־עקספּעדיציעס, טויט־אורטיילן פֿאַר רעוואָלוציאָנערן.

אין ווילנע האָבן זיי שוין אויך אָנגעטראָפֿן רעשטלעך פֿון די דערוואָרבענע פֿרײַהייטן. זיי האָבן זיך תּיכּף געשטעלט אין רשות פֿון צ. ק. פֿון בונד.

אין מערץ 1906 איז אַנע דורכן צ. ק. אײַנגעלאַדן געוואָרן צו דער זיבעטער קאָנפֿערענץ פֿון בונד אין בערן. (פּאַוועל איז געפֿאָרן אַלס דעלעגאַט פֿון דער רעדאַקציע פֿאָלקס־צײַטונג). אַנע האָט אַקטיוו זיך באַטייליקט אין די דעבאַטן. נאָך די שווערע יאָרן פֿון טורמעס און פֿאַרשיקונג איז די אינטערעסאַנטע קאָנפֿערענץ אין בערן מיט די נײַע יונגע טוער, וואָס האָבן זיך דאָרטן באַוויזן, געווען פֿאַר אַנען אַ גרויסע און פֿריידיקע איבערלעבונג. זי איז געקומען צוריק אַהיים פֿול מיט באַגייסטערונג און מיט פֿרישע כּוחות צו דער ווײַטערדיקער אַרבעט.

לאַנג האָט די פֿריידיקע צײַט נישט אָנגעהאַלטן. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די יאָרן פֿון רעאַקציע, די יאָרן פֿון אַנטוישונגען, פֿון געפֿאַלענע שטי־

מונגען ביי די אַרבעטער, פון אַפּאַטיע און אָפּהענטיקייט ביי דער אינטעליגענץ. די פּאָליטישע אַרבעט פון בונד איז ווידער אַן אונטערערדישע. ס׳פאָדערט זיך אַ סך גלויבן און אויסדויער, כדי צו פירן די דאָזיקע אַרבעט און אַנע איז ווידער אַ מיטגליד פון ווילנער קאָמיטעט. עפנטלעך איז זי אַקטיוו אויפן קולטור־געביט. זי גיט דער דאָזיקער אַרבעט אַוועק אַ סך כּוחות און אויפמערקזאַמקייט. אַ צייט פירט זי ענערגיש אין נאָמען פון בונד דעם קאַמף פאַר יידיש אין דער חברה מפיצי השכלה.

נאָך די לענער־געשעענישן אין 1912 (דאָס דערשיסן פון הונדערטער שטרייקנדיקע גרובן־אַרבעטער בײַם טײַך לענאַ אין סיביר) הייבט זיך אויף אַ כוואַליע פון רעוואָלוציאָנערע שטימונגען ביי די מאַסן. עס הייבן זיך אָן פּראָטעסט־שטרייקן און דער בונד אָרגאַניזירט אַזעלכע אין בונדישן ראַיאָן. שפּעטער קומט די פּראָטעסט־באַוועגונג פון בונד קעגן עלילת־דם־פּראָצעס פון מענדל בייליס מיט אַן איין־טאָגיקן שטרייק אין צענטליקער שטעט. אַנע שטייט די גאַנצע צייט אַקטיוו ביי דער אַרבעט. און בעת עס פאַרשטאַרקן זיך ווידער די רעפּרעסיעס קעגן בונד און עס קומען פאַר אַ גרויסע צאָל אַרעסטן, ווערט אַנע אַרעסטירט (מערץ 1912).

בעתן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אַנע צוריק אין דער היים. זועץ פּאַוועל ווערט מאָביליזירט ווי אַ דאָקטאָר און געשיקט אויפן פראָנט, פאַרלאָזט אַנע ווילנע צוזאַמען מיט אים. עס הייבן זיך אָן פאַר איר יאָרן פון ליידן, פון אויסמאַטערנדיקע וואָגלענישן, פון שווערע איבערלעבונגען פּערזענלעכע און געזעלשאַפטלעכע. אין יענע יאָרן באַטייליקט זיך אַנע אין דער אַרבעט פון אָזע און איז באַזונדער אַקטיוו אין רויטן קרייץ.

אין היסטאָרישן רעוואָלוציע־יאָר 1917 איז אַנע צוריק טעטיק פּאָליטיש. זי געפינט זיך אין פּעטראָגראַד און איז סעקרעטאַרין פון צ. ק. פון בונד. זי איז אין סאַמע קאָך פון דער בונדישער אַרבעט. די גאַנצע צייט געהערט זי צו דער אינטערנאַציאָנאַליסטישער ריכטונג און איז אַ שאַרפע קעגנערין פון די אַ. ג. אַבראַנצעס, פאָטערלאַנדס־פאַרטיידיקער אין סאָציאַליסטישן לאַגער. די באָלשעוויקעס פאַרכאַפּן די מאַכט און אַנע לעבט איבער עטלעכע פיינלעכע יאָרן.

***

אין 1921 קומט אַנע צוזאַמען מיט פּאַוועלן צוריק קיין ווילנע. נאָך די לעצטע שטורמישע און גליקצייטיקע זייער שווערע יאָרן, איז אַנע אויסגעהונגערט נאָך נאָרמאַלער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. זי שטעלט זיך תיכף אין פאַרבינדונג מיט דער אָרגאַניזאַציע פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן בונד, וואָס געפינט זיך דעמאָלט אויף ווילנער באָדן. זי ווערט דאָרט אַן אַקטיווע טוערין, אַ מיטגליד פון קאָמיטעט און אַ מיטאַרבעטערין פון דער צייטונג אונזער גערדאַנק.

גלייכצייטיק נעמט אַנע אָן דעם פּאָסטן פון פאַרוואַלטערין אין דער אָזנט־שול א. נ. פון י. ל. פּרץ און ווערט טעטיק אין צענטראַלן בילדונגס־

קאָמיטעט (צ. ב. ק.). זי אַרבעט־מיט אויפֿן געביט פֿון אויפֿשטעלן די שולן אויף אַ געזונטן פּעדאַגאָגישן יסוד, דורך פֿאַראייניקהייטלעכן די לערן־פּראָגראַמען פֿון אַלע שולן; זי איז אַקטיוו ביים אַרויסגעבן לערן־ביכער, פּעדאַגאָגישע זשורנאַלן, ביים עפֿענען דעם לערער־סעמינאַר, וואָס האָט שפּעטער באַזאָרגט מיט אַ סך ייִנגע לערער־קרעפֿטן די שולן אין פּוילן. זי איז איינע פֿון די איניציאַטאָרן ביים אויפֿשטעלן אַ סיסטעמאַטישע מעדיצינישע אויפֿזיכט איבער די שול־קינדער, וואָס ביי די שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען, אין וועלכע ס׳האָט געלעבט די נאָכמלחמהדיקע ווילנע, איז עס געווען איינע פֿון די וויכטיקסטע געזעלשאַפֿטלעכע אויפֿגאַבן.

אין 1924 איז אין עלטער פֿון 52 יאָר געשטאָרבן פּאַוועל ראָזענטאַל. דער בונד האָט פֿאַרלוירן איינעם פֿון זיינע אָנגעזעענסטע טוער און פּרוכטבאַרסטע שריפֿטשטעלער. אַנע ראָזענטאַל האָט פֿאַרלוירן דעם מענטשן, מיט וועמען זי האָט צוזאַמען פֿון אירע פֿריסטע יוגנט־יאָרן דורכגעמאַכט אַלע ליידן און פֿריידן פֿון איר קעמפֿערישן לעבן. זי האָט שווער איבערגעלעבט דעם דאָזיקן פֿאַרלוסט. אָבער אַנע, דער מענטש פֿון גרויסן פֿליכט־געפֿיל און שטאַרקן ווילן, האָט זיך נישט געלאָזט באַהערשן פֿון איר פּערזענלעכן צער. זי האָט זיך גאָר גיך צוריק אומגעקערט צו דער געזעלשאַפֿטלעכער און פּאַרטייאישער אַרבעט.

אַנע האָט צו יענער צייט אויך אָנגעהויבן אָפֿטער שרייבן. אויסער אין אונזער גערדאַנק און אין דער וואַרשעווער פֿאָלקס־צייטונג, וואו זי האָט פֿון צייט צו צייט געשריבן, איז אירע אַ גרעסערע אַרבעט בלעטלעך פֿון אַ לעבן געווען געדרוקט אין 3טן באַנד היסטאָרישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ; אין דעם בוך ווילנע (אונטער דער רעדאַקציע פֿון יעפֿים ישורין) האָט זי פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אַרבעט וועגן דעם צושטאַנד פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ווילנע; זי האָט אָנגעשריבן אַ ביאָגראַפֿיע פֿון פּאַוועל ראָזענטאַל און אין אַרקאַדי־בוך אַן אַרטיקל וועגן אַרקאַדיס לעצטע יאָרן; אין פּנקס פֿון צ. ב. ק. געפֿינען מיר אירן אַן אַרטיקל, געשריבן מיט גרויס געפֿיל, נאָכן טויט פֿון דער ייִנג־פֿאַרשטאָרבענער סאָניע סטופּעל־כהן; און שפּעטער אַ גרעסערע אַרבעט געווידמעט דעם אָנדענק פֿון ב. ווירגילי־כהן (פֿאַרעפֿנטלעכט אין אַ בראָשור); זי האָט אויך געשריבן אירע דערינערונגען וועגן ראָמאַנאָווקע און וועגן די פּרויען געשטאַלטן אין בונד און נאָך אַ גאַנצע ריי אַנדערע גרעסערע און קלענערע אַרטיקלען, וואָס האָבן זיך אַלע אויסגעצייכנט מיט זייער זאַכלעכקייט, קלאָרקייט פֿון געדאַנק און פֿיינעם געצוימטן סטיל.

אַנע האָט צוזאַמען מיט פּ. ראָזענטאַל אויך שטודירט פֿראַגן פֿון ביבליאָטעק־וועזן. זיי זיינען גרינטלעך דורכגעגאַנגען די דעצימאַלע קלאַסיפֿיקאַציע פֿון ביכער און די דעמאָלט נאָך נייע אַמעריקאַנער סיסטעם (קעטערס מחברים־טאַבעלע) ווי צו פֿאַנאַנדערשטעלן ביכער, און האָבן בשותּפֿות אָנגעשריבן צוויי ביכלעך וועגן די בײדע פֿראַגן. איין ביכל וועגן דער קעטער־טאַבעלע איז אַרויס אין קיעוו און דאָס צווייטע איז אַרויס אין 1921 אין פֿאַרלאַג קולטור־ליגע אין וואַרשע.

ביי דעם אַלעם מוז למען האמת דערמאָנט ווערן, אַז אַנע, מיט איר

כאַראַקטעריסטישער שטרענגקייט צו זיך אַליין, האָט זיך נישט געהאַלטן פאַר קיין שום שרייבערין, ווי זי האָט זיך נישט געהאַלטן פאַר קיין רעדנערין, אַלבפאַלס נישט פון קיין גרויסע עפנטלעכע טריבונעס. מען וואָלט אָבער געקענט אויסרעכענען אַ גאַנץ גרויסע צאָל פון אירע אַרויסטרעטונגען אויף גרויסע בונדישע אונטערנעמונגען, אויף וואַל־פאַרזאַמלונגען און פייערלעכע פּרויען־מיטינגען. ביי דער געלעגנהייט דאַרף דערמאָנט ווערן אירע אַן אַרויסטרעטונג אין נאָמען פון דער בונדישער פרויען־אָרגאַניזאַציע אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פרויען־קאָנגרעס אין ווין, וואו איר רעדע האָט געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. זי איז אָגב דעמאָלט אויך געווען אַ מיטגליד פון דער בונדישער דעלעגאַציע צום קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטער־נאַציאָנאַל (1931).

אָנהויבנדיק פון 1925 איז אַנע ראָזענטאַל שוין אויך אַ מיטגליד פון דער צענטראַלער שול־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן (ציש״אָ). ס'איז די צייט, ווען אויף דער יידישער שול שיטן זיך אָן אַ שיעור רדיפות. עס גייט וועגן פּלאָ־ניזירן די יידישע שול, וועגן פאַרניכטן זי. די שולן אין ווילנע, ווי בכלל אויף די ראַנד־געביטן, האָבן אויסצושטיין נאָך שאַרפערע רעפּרעסיעס, ווי די שולן אין גאַנץ פּוילן. און אַנע, ווי איינער פון די אַקטיווסטע טוערינס אין צ. ב. ק., קומט אויס כסדר זיך צו פאַרנעמען מיט אָפּשלאָגן אָנגריפן אויף די שולן. די אַרבעט אין צ. ב. ק., ווי בכלל די טעטיקייט אויפן שול־און קולטור־געביט, ווערט פּאָקטיש אַ פּאָליטישע טעטיקייט. אויסער דעם ראַנג־לען זיך אויך די שולן מיט מאַטעריעלער נויט. און שפּעטער ווען נאָכן טויט פון בונדישן טוער ב. כהן־ווירגילי ווערט אַנע אויף זיין אָרט פאַרזיצערין פון צ. ב. ק., פאַלט אויף איר די גאַנצע לאַסט און פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַר אָפּהיטן דעם גרויסן קולטור־אוצר, וואָס עס האָט פאַר־געשטעלט מיט זיך דער שולוועזן אין ווילנע.

אַנע שטייט בראש פון דער ווילנער בונדישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז שוין פון יאָר 1924 אַ טייל פון דער אַלגעמיינער בונדישער באַוועגונג אין פּוילן. זי מאַכט מיט אַלע שווערע פּאָליטישע קאַמפּן און מאַסן־אַרויסטרע־טונגען פון בונד. ווי אַ פאַרטרעטערין אין צענטראַל־קאָמיטעט באַ־טייליקט זיך אַנע אין זייַנע זיצונגען און נעמט דערמיט אָן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַלגעמיינער באַוועגונג. אָבער מיט גאָר אַ באַזונדערער אויפמערק־זאַמקייט באַציט זיך אַנע צו דער יוגנט־באַוועגונג, צום יוגנט־בונד צוקונפט און צום סקיף, דעם סאָציאַליסטישן קינדער־פאַרבאַנד. מיט עכט יוגנטלעכן ענטוזיאַזם העלפט זי די יונגע טוער און איז איבערבליק שטאָלץ מיט זייערע דערגרייכונגען.

אַנע ראָזענטאַל איז אַ מיטגליד פון דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון יאַף, פון דער בונדישער פרויען־אָרגאַניזאַציע. אויסער דער פּאָליטישער אַרבעט, פאַרנעמט זיך די אָרגאַניזאַציע מיט הילף־אַרבעט און מיט גרינדן טאָג־היימען פאַר קינדער פון אַרבעטנדיקע מוטערס. מיט אַ זעלטענער איבער־געגעבנקייט און מיט עכט מוטערלעכער זאָרג בויט אַנע אַזעלכע טאָג־היימען אין פאַרשיידענע געגנטן פון דער יידישער ווילנע.

אַזוי איז כמעט נישט געווען קיין איין געביט פון אַרבעט, וואו אַנע ראָזענטאַל זאָל זיך נישט באַטייליקן. און האָט עס געמעגט זיין די געווינלעך־זשמודנע, די וואָכעדיקסטע אַרבעט, האָט זי תמיד אַריינגעטראָגן אין איר יום־טובדיקייט, אידעאַליזם און דעם גייסט פון קאַמף און מסירת־נפש. און פונקט אַזוי ווי אַמאָל אין ביאַליסטאָק, איז איצט איר הויז אין ווילנע, געוואָרן די הויפט־קוואַרטיר פון דער באַוועגונג, וואוהין עס האָבן זיך געצויגן אַלע פעדים, וואו עס זיינען פאָרגעקומען אַלע זיצונגען, אַלע וויכטיקע באַראַטונגען ווי פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, אַזוי אויך פון דער אַלגעמיינער רייכער שול־ און קולטור־אַרבעט פון דער היסטאָרישער שטאָט. אין לעצטן ווילנער שטאָט־ראָט איז אַנע צוזאַמען מיט אַ גרעסערער צאָל אַנדערע בונדיסטן געווען די געוויילטע פאָרשטייערין פון דער ידישער אַרבעטער־שאַפט און אָרעמער באַפעלקערונג.

***

נאָכן טרויעריק־באַרימטן סטאַלין־היטלער פאַקט האָבן די באָלשעוויקעס אָקופירט ווילנע. זיי זיינען געקומען אָנגעלאָדן מיט דער גאַנצער ברוטאַליטעט פון אַ מיליטערישער און דיקטאַטאָרישער אָקופאַנטן־מאַכט. זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן אויסצורייניקן די שטאָטישע רייכטימער — ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע; צו פאַרניכטן די פרייע פראָפעסיאָנעלע באַוועגונג און צו פאַרשלעפן די ווידערשפעניקע אַרבעטער אויף שקלאַפן־אַרבעט; צו רוסיפיצירן די יידישע שול און צו דערשטיקן בכלל יעדן פרייען ווילן און יעדן פרייען געדאַנק. און כדי צו קענען אומגעשטערט דורכפירן זייער פינצטערע אַרבעט, האָבן זיי אָנגעהויבן אַרעסטירן אַלע באַקאַנטע געזעלשאַפטלעכע טוער פון שטאָט און קודם־כל די פירער פון דער פרייער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. און האָט דען געקענט זיין אַ גרעסערע שטערונג אויף זייער וועג ווי די אַלטע בונדישע טוערין, די באַליבטע אָנגעזעענע פאָרשטייערין פון די יידישע מאַסן אין ווילנע — אַנע ראָזענטאַל ?

אין איינער אַ נאַכט זיינען נ. ק. וו. ד. אַגענטן באַפאַלן איר הויז און מ׳האָט זי אַוועקגעפירט אין תפיסה. אין די ערשטע וואָכן נאָך איר אַרעסט זיינען נאָך פון צייט צו צייט דערגאַנגען וועגן איר אָפגעריסענע ידיעות. מ׳האָט דערציילט, אַז מ׳האָט זי געזען אין דער אָדער יענער טורמע און וועגן איר שטאָלצער האַלטונג אויף די פאַרהערן פון דער נ. ק. וו. ד.. ס׳איז קלאָר, אַז מאָראַליש האָבן זיי אַנע ראָזענטאַל נישט געקאָנט ברעכן, ס׳איז זיי אָבער נישט שווער געווען זי צו פאַרפייניקן פיזיש. נאָך דער מלחמה איז דורך אַ געהיימען וועג דערגאַנגען די טרויעריקע בשורה, אַז זי האָט אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם אין אַ סאָוועטישער תפיסה.

אַזוי איז דורך קנעכט פון דער סאָוועטישער דיקטאַטור אומגעבראַכט געוואָרן די מוטיקע קעמפערין פאַר רוסלאַנדס פרייהייט, די העלדין פון ראַמאַנאָווקע — אַנע ראָזענטאַל. ס׳איז אויסגעלאָשן געוואָרן אַ לעבן פון אַ זעלטענער אידעאַליסטקע, פון אַן אַרבעטער־טוערין, וואָס איז געשטאַנען אויף

אַ גרויסער מאָראַלישער הויך. איר לעבן פול מיט טיפן גלויבן אין אַ פרייער סאָציאַליסטישער וועלט, פול מיט ליכטיקע שטרעבונגען, מיט טאַט, מיט מו־טיקן קאַמף און מסירת־נפש — האָט איינגעאָנצן געהערט דעם אַרבעטער־קלאַס . . .

און זי אַליין, אַנע ראַזענטאַל, האָט געהערט צו יענער פלעיאַדע היס־טאָרישע פערזענלעכקייטן אין בונד, וואָס האָבן, ווי פאַקלען, אין משך פון צענטליקער יאָרן באַלויכטן און באַשיינט דעם דערנערפולן וועג פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. זי איז געווען איינע פון די ליכטיקסטע פרויען־געשטאַלטן פון דעם הערואישן פיאָנערן־דור אין בונד, און איז געטריי געגאַנגען מיטן ייִדישן אַרבעטער ביז איר אומקום אין דער גרויסער טראַ־געדיע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דינה בלאַנד

●

# סענדער און טייבעטשקע זעלדאָוו

סענדער איז געווען אַ פּיאָנער און אָנגעזעענער טוער פון בונד, וואו ער איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען — סערגיי ניעמאַנסקי.

געבוירן אין ווילקאָמיר, קאָוונער גובערניע, אין יאָר 1873. זיין טאַטע מאיר איז געווען אַ פרומער ייד. ביז 18 יאָר האָט סענדער געלערנט גמרא. פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער השכלה און באַלד נאָך דעם געוואָרן אַ סאָציאַליסט. די סאָציאַליסטישע טעטיקייט אָנגעהויבן אין זיין געבורטס־שטאָט, וואו ער האָט געהערט צו אַ קרייזל, פון וועלכן עס זיינען אַרויס אייניקע וויכטיקע טוער פון בונד און פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פאַרטיי. ער פאָרט שפּעטער אַריבער קיין ווילנע, וואו ער איז אַריין אין דער באַוועגונג אין 1894.

דאָרטן איז אים באַשערט געווען אויסצופירן אַ היסטאָרישע טאַט. ער איז געוואָרן דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דער ערשטער ייִדישער אונטער־ערדישער געדרוקטער אַרבעטער־צייטונג. ער האָט רעדאַגירט און אַליין אויסגעפילט דעם גרעסטן טייל פון די ערשטע נומערן פון דיא אַרבייטער שטיממע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן זומער 1897 און איז נאָך דעם געוואָרן דער אָפיציעלער אָרגאַן פון בונד. (מיטגעאַרבעט אין דער צייטונג ביז זיין אַרעסט אין 1902). אין האַרבסט 1897 איז זעלדאָוו אַריין אין באַשטאַנד פון ווילנער בונדישן קאָמיטעט.

נאָכן אַרעסט פון ערשטן צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד און אַנדערע וויכטיקע טוער זומער 1898 האָט זעלדאָוו צוזאַמען מיט אייניקע אַנדערע (בעיקר דוד כץ — טאַראַס) צוריק אויפגעבויט די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געליטן פון גרויסן קלאַפּ. ער העלפט צוגרייטן דעם 2טן צוזאַמענפאָר פון בונד און אויך דעם 3טן און באַטייליקט זיך אין זיי. ער נעמט אויך אָנטייל

 

אין 4טן צוזאַמענפאָר. אין די יאָרן פון די דערמאָנטע דריי צוזאַמענפאָרן איז ער געווען אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט.

אין יאָר 1900 באַזעצט ער זיך אין פעטערבורג, וואו ער איז באַשעפ־טיקט ווי אַ דענטיסט און איז גלייכצייטיק אַ מיטגליד פון פעטערבורגער קאָמיטעט פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. ער שפּילט דאָרטן אַ וויכטיקע ראָל. אין זיינע הענט געפינט זיך דער קאָנטאַקט מיט דער איינגעשטעלטער געהיימער דרוקעריי אין וואַרשע, וואוהין ער קומט אָפט, כדי דאָרטן אָפּצודרוקן אַ ריי אויפרופן, ווי אויך די צייטונג ראַ־באָטשאַיאַ מיסל, אָרגאַן פון פעטערבורגער ס. ד. קאָמיטעט. דערביי האָט ער אַרויסגעוויזן אַ גרויסע קאָנספּיראַטאָרישע פעאיקייט.

אין 1902 נעמט ער אָנטייל אין דער רוסלענדער קאָנפערענץ פון דער ס. ד. פּאַרטיי, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ביאַליסטאָק. אין שייכות מיט דער קאָנפערענץ ווערט ער שפּעטער, ווי כמעט אַלע אַנדערע אָנטיילנע־מער, אַרעסטירט נאָכן קומען אַהיים. מ׳פירט אים איבער קיין מאָסקווע. מיט אַ יאָר שפּעטער ווערט ער פאַרשיקט אויף 6 יאָר אין מזרח־סיביר, פון וואַנען ער איז באַלד אַנטלאָפן.

פון סוף 1903 ביז יוני 1906 האָט זעלדאָוו געלעבט אין בערן (שווייץ) און אָנגעפירט מיט דעם צענטראַל־ביוראָ פון די בונדישע גרופּעס אין אויס־לאַנד. אין יענע יאָרן האָט ער זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע בונדישע קאָנפערענצן און באַראַטונגען און געטאָן ליטעראַרישע אַרבעט פאַרן אויס־לענדישן קאָמיטעט. געווען אויף דער זיבעטער קאָנפערענץ פון בונד, וואו ער האָט פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפונקט פון די „ווייכע״, אין דער פראַגע פון צוריק אַריינטרעטן אין דער ר. ס. ד. אַ. פּ..

זעלדאָוו־ניעמאַנסקי, וואָס איז געווען אַ פאָלקס־אינטעליגענט אין בעסטן זין פון וואָרט, האָט פאַרמאָגט אַ סך יידישן און אַלגעמיינעם וויסן, ווי אויך אַ גוטן יידיש. ער האָט אויך אַרויסגעוויזן ליטעראַרישן טאַלאַנט. אַן אידעאַ־לער מענטש פאַר שרייבן און איבערזעצן. שוין אין די ערשטע פּיאָנערן־

יאָרן, פאַר דער גרינדונג פון בונד, האָט ער פאַרפאַסט רעפעראַטן און בראָשורן, וואָס זיינען אין כתב־יד געלייענט געוואָרן אויף די סאָציאַליסטישע קרייזלעך. אַ סך געשריבן אין די אונטערערדישע דיאַ אַרבייטער שטימע און ראַבאָ־טשאַיאַ מיסל. אין די שפּעטערע יאָרן האָט ער פאַרפאַסט אייניקע ביכער: פּאַריזער קאָמונע (אַרויס 1905 אין זשענעוו), פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען און זייערע אויפגאַבען (אַרויס 1906 אין ווילנע), ווי אויך אַ ריי בראָשורן. פון זומער 1906, נאָכן צוריקקומען קיין רוסלאַנד, איז ער ביז 1908 געווען רע־דאַקטאָר אין בונדישן פאַרלאַג די וועלט אין ווילנע.

נאָכן זיג פון דער רעאַקציע באַזעצט ער זיך ווידער אין פּעטערבורג און שרייבט פון צייט צו צייט אין בונדישע אויסגאַבעס, באַזונדערס אין די צייטונגען פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. ער קומט צוריק צו אַקטיווער אַרבעט אין רעוואָלוציע־יאָר פון 1917. אין חודש מערץ פון דאָזיקן יאָר ווערט ער אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע פון צענטראַל־אָרגאַן פון בונד — פון דער איצט שוין אָפענער אַרבייטער־שטימע, וואָס ער האָט מיט 20 יאָר פריער גע־שאַפן אין טיפן אונטערערד. ער איז אויך אין דער רעדאַקציע פון בונדישן פּראָפעסיאָנעלן אָרגאַן.

די האָפנונגען פון די דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן זיינען גאַר גיך אויס־געלאָשן געוואָרן דורך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש. ווי פיל אַנ־דערע, וועלכע זיינען געבליבן טריי זייערע פריערדיקע אידעאַלן און פּרינ־ציפּן, צוליב וועלכע זיי האָבן זיך געווידמעט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָט אויך זעלדאָוו־ניעמאַנסקי איבערגעלעבט שווערע יאָרן פון נויט און פּיין. ער איז געשטאָרבן פּלוצלונג פון אַ האַרץ־אַטאַק דעם 18 אויגוסט 1924, אין עלטער פון סך־הכל 51 יאָר. געשען איז דאָס אין לענינגראַד — אין דער זעלבער שטאָט, וואו ער האָט אין זיינע יינגערע יאָרן געקעמפט פאַר אַ סאָ־ציאַליסטישער אָרדנונג פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע.

***

מיט 11 יאָר שפּעטער (1935) איז אין לענינגראַד געשטאָרבן זיין פרוי טייבעטשקע, וועלכע איז אַרויסגעקומען פון זעלבן ווילקאָמירער קרייזל. טייבעטשקע — פון דער היים אַשמיאַנסקי — איז אין די יינגע יאָרן געווען אַ טוערין אין דער באַוועגונג און איז, ווי דער מאַן, געבליבן טריי דעם בונד ביז דער לעצטער רגע פון איר לעבן.

אַנע ראָזענטאַל האָט זי אַזוי כאַראַקטעריזירט: „אַ שטיל, באַשיידן מיידל — טייבעטשקע אַשמיאַנסקי, שפּעטער פרוי זעלדאָוו, שטאַמט פון וויל־קאָמיר, קאָוונער גובערניע, אַ שטאָט פון וועלכער עס זיינען אַרויס סערגיי זעלדאָוו־ניעמאַנסקי, ראָזע לעוויט־פרידע, סאָניע אַבעלאָוויטש און אַנדערע. אין דאָזיקן קרייז איז זי געוואָרן אַ קעמפערין, געקומען אין ווילנע גאַר אין אָנהויב פון דער באַוועגונג. געהונגערט. אַליין אַ האַלב־אינטעליגענטין, גיט זי לעקציעס פון ‚גראַמאַטע‘ אַרבעטער אין די שפּעטע אָוונט־שעהן, ווען זיי באַפרייען זיך פון דעם 14—16־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. זי איז שטענדיק פאַר־

נומען מיט דער באַוועגונג, טראָגט פאַנאַנדער ליטעראַטור, האַלט ביי זיך דעם סקלאַד, טרעפט זיך כסדר מיט די אַרבעטער, אַגיטירט, מונטערט, פאַר־בינדט מיטן צענטער, גיט איבער פאַראָרדנונגען. דאָס איז די צייטונג און דער קלוב פון די שפּעטערדיקע צייטן״... אין די לעצטע יאָרן פון איר לעבן האָט זי געאַרבעט אַלס צאָן־דאָקטאָרין אין אַ טעקסטיל־פאַבריק אין לעניג־גראַד. „איינגעהאַלטן די זעלביקע האַרציקע באַציאונגען מיט די אַרבעטערינס, וועלכע פלעגן איר פאַרטרויען אַלע זייערע סודות און אויסגיסן פאַר איר זייערע הערצער, איז זי געבליבן אַ בונדיסטקע ביזן לעצטן אָטעם״.

ווי אַזוי זי האָט אויסגעפירט איינע פון אירע וויכטיקע פונקציעס אין באַגינען פון דער באַוועגונג, דערציילט וולאַדימיר קאָסאָווסקי. געווען איז דאָס זומער 1898, אין דער נאַכט, ווען זובאַטאָוו אַגענטן און די זשאַנדאַרמעריע האָבן אים און אַנדערע בונדישע טוער אַרעסטירט: „דעם זעלביקן טאָג איז געקומען צו פאָרן פון ווילנע די גוט באַוואוסטע טייבעטשקע אָפּצונעמען ביי מיר אַ פּראָקלאַמאַציע פאַר דער ווילנער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אָפּגע־דרוקט געוואָרן אין אונזער מינסקער דרוקעריי. אין אָוונט האָט מען צו מיר געבראַכט דעם פּאַק פּראָקלאַמאַציעס. טייבעטשקע האָט זיך מיט זיי באַ־לאָדן און איז אַוועק אויפן וואָקזאַל. ס׳האָט געקענט זיין אַרום עלף. איך בין אַרויס נאָך טייבעטשקען, כדי צו זען צי מען קוקט איר נישט נאָך, ווען זי זעצט זיך אַריין אין ׳קאָנקע׳. אַרום און אַרום איז געווען פּוסט, קיין שפּור פון אַ חשודן נפש. איך בין אַוועק אויפן ווילנער וואָקזאַל. איך האָב געזען, ווי טייבעטשקע האָט גענומען אַ בילעט און קיינער הינטער איר האָט נישט געקוקט איבער איר פּלייצע. זי איז אַריין אין וואַגאָן, און קיינער האָט אויף איר קיין אויג נישט געוואָרפן. איך בין געווען זיכער, אַז זי פאָרט אָפּ ריין ווי אַ טייבעלע, און זי איז טאַקע בשלום אָנגעקומען קיין ווילנע״. הגם דער וואָקזאַל איז געווען פול מיט שפּיאָנען, וואָס האָבן קאָסאָווסקין פון אויג נישט אַראָפּגעלאָזט און אים נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט. (זובאַטאָוו „ליקווי־דירט דעם בונד״ — אַרקאַדי־זאַמלבוך).

ב.: אַרקאַדי, ניו-יאָרק, 1942. דזשאָן מילל: פּיאָנערן און בויער ב. 1, ב. 2, ניו-יאָרק, 1946 — 1949. פראַנץ קורסקי: געזאַמלטע שריפטן, ניו-יאָרק, 1952; דער וועקער, ניו-יאָרק, 27 סעפּטעמבער 1924. אַרבעטער-לוח, וואַרשע, 1922.
ז.: די האָפנונג נומ׳ 14, ווילנע, 8 אָקטאָבער 1907. ז. רייזען: לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע, ערשטער באַנד, ווילנע, 1928. אַנאַ ראָזענטאַל: נייע פאָלקס-צייטונג, וואַרשע, 19 נאָוועמבער 1937. פּ. אַנ—מאַן: דער ביאַליסטאָקער פּעריאָד אין לעבן פון צענטראַל-קאָמיטעט פון „בונד" (רויטער פּנקס, ערשטער זאַמלבוך, וואַרשע, 1921). היסטאָרישע שריפטן באַנד 3, איוואָ, ווילנע-פּאַריז, 1939. בן-ציון כץ: געבורט פון ציוניזם און סאָציאַליזם צווישן אידן אין רוסלאַנד (דער טאָג-מאָרגען-זשורנאַל, ניו-יאָרק, 29 נאָוועמבער 1953).
А. Н.: Возникновеніе «Арбайтерштимме» (Пережитое, томъ I, С.-Петербургъ, 1908). В. Цоглин (Давид Кац — «Тарас»); Между первым и третьим съездами Бунда (Революционное движение среди евреев, Москва, 1930).

י. ש. ה.

# מאַרק ליבער

דער פּאָעט יצחק גאָלדמאַן איז געווען אַ העברעאישער דיכטער. אין וואַרשע און אין ווילנע האָט ער אַרויסגעלאָזט עטלעכע ביכער אין 1876, 1879 און 1888 (הפחד בלילות; שני שירים: ליל כפורים וליל הושענא רבה, — סאַטירישע פּאָעמעס; שיבת ציון; שנים קדמוניות, שיר ספורי). אָבער אַפילו קיין יידישע דערציאונג האָט יצחק בן מאיר גאָלדמאַן נישט געגעבן זיינע קינדער, און זיי אַלע זיינען אויסגעוואַקסן אונטער דער דירעקטער ווירקונג פון דער רוסישער קולטור, פון דעם מעכטיקן שטראָם פון די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע קאַמפן, וואָס האָט אין די 90־קער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן איבער דער צאַרישער מדינה. און אויב דער יינגסטער פון די גאָלדמאַנס, מיכאל, האָט דערגרייכט די מדרגה צו ווערן איינער פון די גלענצנדיקסטע פירער פון יידישן אַרבעטער־בונד און זיך פאַרוואַנדלט אין דעם באַרימטן מאַרק ליבער, — דאַרף ער דאָס מסתמא פאַרדאַנקען נישט דער היימישער שטוב, נאָר דער יידישער אַרבעטער־גאַס אין ווילנע, וואָס האָט אים פאַרכישופט, צוגעצויגן צו זיך און אָנגעזעטיקט זיין אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע זוכעניש מיט אַ באַזונדער יידישן טאָפּ. אין זיין ערשטער רעדע אויף זיין ערשטן אומלעגאַלן צוזאַמענפאָר פון בונד האָט דער 20־יאָריקער מאַרק ליבער געזאָגט: „מיר זיינען ביז היינט אין אַ וויכטיקער מאָס קאָסמאָפּאָליטן — מיר דאַרפן ווערן נאַציאָנאַל”. און אַזוי אַרום איז ליבער געוואָרן איינער פון די פרעדיקער פון בונדישן נאַציאָנאַלן פּראָגראַם.

מיכאל גאָלדמאַן איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע אין יאָר 1880. אין זיין געבורטשטאָט האָט ער באַזוכט די גימנאַזיע. אין יענע יאָרן איז די מיטלשול אויך געווען פאַרכאַפּט פון רעוואָלוציאָנערע שטימונגען, — און שוין דעמאָלט איז דער יינגער גאָלדמאַן אַריינגעטרעטן אין דער באַוועגונג. מען דאַרף אָבער רעכענען, אַז די וויכטיקסטע ראָל האָבן דאָ געשפּילט די עלטערע מיטגלידער פון גאָלדמאַנס משפחה. זיין עלטערער ברודער, באָריס, (באַקאַנט אונטער פאַרשיידענע פּאַרטיי־נעמען: פריער אַדעל, שפּעטער איגאָר, איגאָרעוו, גאָרעוו) איז געווען פאַרבונדן מיט אָרקאַדרי קרעמערן אין אָנהויב פון די 90־קער יאָרן אין ווילנע, מיט דעם צענטראַלן קרייז, אין באַשטאַנד פון וועלכן ס'איז געווען אויך מאַרטאָוו־צעדערבוים. שפּעטער, שוין אין פּעטערבורג, איז דער צייט פון די גרויסע טעקסטיל־שטרייקן, נאָכן אַרעסט פון די ערשטע פירער פון דעם פאַרבאַנד פאַר דער באַפרייאונג פון דער אַרבעט — לענין, מאַרטאָוו און אַנדערע, האָט באָריס גאָלדמאַן צוזאַמען מיט פּאָטרעסאָוו, דאַנען א. אַנד. פאַר־טרעטן די אַרעסטירטע. אַזוי האָט באָריס אָנגעהויבן זיין גרויסע פּאָליטישע קאַריערע אין די רייען פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דער צווייטער ברודער פון ליבערן, לעאָן גאָלדמאַן (באַקאַנט אונטערן פּאַרטיי־נאָמען אַקים) איז אַלס



תלמיד פון אַ שלאָסער־שול אויך אַרייַנגעפאַלן אין איינעם פון מאַרטאָווס קרייזלעך אין ווילנע. נאָך דעם איז ער געווען אַ קורצע צייט אין בונד (אַ דעלעגאַט אויפן גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון בונד אין 1897). אַ ביסל שפּע־טער איז לעאָן געוואָרן דער ערשטער „פּראָפעסיאָנאַל״ פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ. און אין 1900 געווען אַ מיטגליד פון דער רוסישער דעלעגאַציע אויף דעם פּאַריזער אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס. אין דעם זעלבן יאָר, אין שייכות מיט דער אויפגעקומענער ס. ד. צייטונג איסקראַ, האָט לעאָן גאָלדמאַן, נאָך אַ באַראַטונג מיט מאַרטאָוון אין פּאָלטאַווע, געגרינדעט אַן אומלעגאַלע דרוקערײַ אין קישעניעוו, וואָס האָט פונקציאָנירט 11 חדשים און לסוף אַרייַנגעפאַלן אין די הענט פון דער זשאַנדאַרמעריע. די גלענצנדע רעדע פון לעאָן גאָלדמאַן אין געריכט האָט אָפּגעקלונגען אין גאַנץ רוסלאַנד און באַרימט געמאַכט זיין נאָמען. צוויי שוועסטער פון די גאָלדמאַנס האָבן אויך גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער באַוועגונג.

ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער ייִנגער מיכאל האָט נישט געקענט זיין געדולדיק ביי אַזעלכע השפּעות. אין 1898 איז פאָרגעקומען אַן אומלע־גאַלע קאָנפערענץ פון די שילער פון מיטל־שולן אין ווילנע, און דאָרטן האָט מיכאל גאָלדמאַן פאָרגעשטעלט זיין גימנאַזיע. שטייענדיק, הפּנים, נאָך וויַיט פון דער יידישער סביבה, האָט מיכאל גאָלדמאַן (צוזאַמען מיט פעליקס דזשערזשינסקי, זיין דעמאָלטיקן שול־חבר) פאַרנומען זיך מיט דער גרינ־דונג פון דער ליטווישער ס. ד. אַרבעטער־פּאַרטיי און אָנטיילגענומען אין פאַרשיידענע אַנדערע רוסישע סאָציאַליסטישע ענינים. אין אינטערעסן פון

די לעצטע איז דער יינגער מיכאל אַוועקגעפֿאָרן קיין פּעטערבורג און דאָ, אין דער וואוינונג פֿון די צעדערבוימס, איז ער צום ערשטן מאָל אַרייַנגעפֿאַלן אין די לאַפּעס פֿון דער אָכראַנע. אָט ווי אַזוי עס באַשרייבט דעם פֿאַל דער יינגסטער ברודער פֿון מאַרטאָוו, וולאַדימיר צעדערבוים־לעוויצקי, אין זיינע זכרונות (פֿאַרן פּערטל יאָרהונדערט, באַנד 1, 1926, ז.ז. 17־116). דעם 16טן דעצעמבער 1898 — דערציילט ער, — איז פֿאַגראַמירט געוואָרן אין פּעטערבורג די ס. ד. גרופּע אַרבעטער־פֿאָן (ראַבאָטשעיע זנאַמיאַ). צווישן די אַרעסטירטע האָבן זיך געפֿונען צוויי שוועסטער פֿון ליבערן, אַלגאַ און יוליאַ גאָלדמאַן. און אין אַ פּאָר חדשים אַרום, אין דער נאַכט אויפֿן 9טן פֿעברואַר 1899, ווען אין דער וואוינונג פֿון די צעדערבוימס האָט די זשאַנדאַרמעריע דורכגעפֿירט אַ רעוויזיע — 8 אַזייגער אין דער פֿרי — האָט עמיצער געקלונגען אין טיר. „אין פֿאָדערצימער האָט זיך באַוויזן אַן אומבאַקאַנטער יינגער מענטש, וואָס האָט זיך זייער שטאַרק פֿאַרלוירן, ווען ער האָט דערזען פּאָליציי. דער אָנגעקומענער איז געווען מיכאל גאָלדמאַן, וואָס איז געקומען פֿון ווילנע אויף אַ זעאונג מיט זיינע שוועסטער. אַ יינגער מענטש, אַ דאַרער און אַ קרענקלעכער, 19־18 יאָר, מיט ברענענדיקע פֿיבערהאַפֿטע פֿלאַמיקע אויגן. זיין אָנקומען צו אונז האָט אַליין פֿאַר זיך נישט פֿאַרגעשטעלט עפּעס אומגעוויינלעכעס: די זשאַנדאַרמען האָבן אָנערקענט די ווילנער גאָלדמאַנס אַלס אונזערע נאָענטע קרובים. מיכאל איז געקומען מיט אַ לעגאַלן צוועק צו האָבן אַ זעאונג מיט זיינע שוועסטער, און ס'איז געווען נאַטירלעך, וואָס פֿון וואָקזאַל איז ער גלייך געקומען צו אונז. ערגער איז אָבער געווען דאָס, וואָס ביי אַ פֿערזענלעכער רעוויזיע ביי אים זיינען געפֿונען געוואָרן דריי צעטלעך, צונויפֿגעקלייבט ווי מעדיצין־פּראָשקעס און אַלע פֿון קלאָר אומלעגאַלן כאַראַקטער. אין איינעם פֿון די 'פּראָשקעס' איז געווען געמאָלדן, אַז ס'זיינען אָנגעקומען די נומערן פֿון דעם אַרבעטער־געדאַנק (ראַבאָטשאַיאַ מיסל); די אַנדערע האָבן געהאַט אַן ענלעכן אינהאַלט. האָט מען גאָלדמאַנען גלייך איזאָלירט פֿון אונז און באַלד אַוועקגעפֿירט אָן אַרעסטירטן. נאָך עטלעכע חדשים אין דער פּעטערבורגער 'פּרעדוואַרילקע', האָט מען אים איבערגעפֿירט אין דער ווילנער טורמע, ווייל אין ווילנע האָט זיך פֿאַרפֿירט קעגן אים אַ מער ערנסטער ענין: דער אָנטייל אין דער גרינדונג פֿון דער ליטווישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי".

## אין די רייען פֿון בונד

אין 1900 געפֿינען מיר מיכאל גאָלדמאַן אין די רייען פֿון בונד. דאָ איז ער זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען מיט זיינע ברידער, וואָס האָבן זיך געווידמעט דער אַלגעמיינער פּאַרטיי איניציאַטיוו און אַוועקגעשטעלט זיך מיטן רוקן צו דער אויפֿגעוואַכטער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. מען דאַרף אָבער נישט לייקענען, אַז מיכאל גאָלדמאַן איז אַליין אויך קיינמאָל נישט אַוועקגעגאַנגען פֿון דער אַלגעמיינער רוסישער אַרבעט. אָבער אין צענטער פֿון זיין לעבן און אַרבעט איז געשטאַנען דער בונד. ער איז באַלד געוואָרן דער בונדישער „פּראָפֿעסיאָנאַל", אַרומגעפֿאָרן איבערן ראַיאָן פֿון בונד, באַוויזן

זיך אַמאָל איך אויסלאַנד — ביי דעם אויסלענדישן קאָמיטעט, מיט וועלכן ס'האָט דעמאָלט אָנגעפירט דזשאַן מילל, ביי דעם פאַרבאַנד פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואו איך יענע יאָרן זיינען פאָרגעקומען גרעסערע און קלענערע קאַמפן צווישן די אָרטאָדאָקסאַלע מאַרקסיסטן בראש מיט פּלעכאַנאָוון און אַקסעלראָדן פון איין זייט און די „עקאָנאָמיסטן" בראש פון וועלכע ס'זיינען געשטאַנען קריטשעווסקי, אַקימאָוו, קוסקאָוואַ און פּראָקאָפּאָוויטש. די פאָרשטייער פון בונד, באַזונדערס צמח קאָפּעלזאָן (גרישין), זיינען געשטאַנען נאָנט צום „פאַרבאַנד" און פאַרטיידיקט די זעלבשטענדיקייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג לגבי די „אידעאָלאָגן". צווישן די בונדיסטן, וואָס האָבן געשטיצט דעם „פאַרבאַנד", איז אויך געווען מאַרק ליבער (זע מאַרטאָווס געשיכטע פון דער רוסישער ס. ד., ז. 43 פון דער דייטשער אויסגאַבע). און ווען סוף 1900 האָט זיך באַוויזן די צייטונג איסקראַ, איז ליבער נישט געווען פון אירע חסידים. טראָץ די גרויסע פּאָליטישע מעלות פון דער צייטונג, וואָס מיט איר האָבן אָנגעפירט לעניך, מאַרטאָוו, פּאָטרעסאָוו צוזאַמען מיט דער „אַלטער גוואַרדיע" — האָט ליבער געהאַלטן פאַר נישט ריכטיק דעם אַגרעסיוון טאָן, מיט וועלכן די איסקראַ האָט אָנגעגריפן אַלץ און אַלעמען אין דעם סאָציאַליסטישן לאַגער, וואָס האָט נישט מסכים געווען מיט איר. דער דאָזיקער פאָרגעפיל האָט זיך באַלד באַרעכטיקט אין דעם קאַמף קעגן בונד, קעגן בונדישע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, וואָס די איסקראַ האָט אויפן שאַרפסטן אופן אַטאַקירט.

מיכאל גאָלדמאַן (דער דעמאָלטיקער פּאַרטיי־נאָמען איז געווען אָשר, און נאָך דעם מאַרק ליבער, בער, איסאַקאָוו) האָט זיך אין 1900־1 זייער אינטערעסירט מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע, און ער איז געווען דער דעלעגאַט אויפן 4טן צוזאַמענפאָר פון בונד (24־27 מאַי 1901 אין ביאַליסטאָק), וואָס האָט אויפגעהויבן די פראַגע און פאָרגעשלאָגן, ווי דזשאַן מילל האָט דאָס געטאָן אויפן 3טן צוזאַמענפאָר, צו ענדערן די פאָדערונג פון בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג אויף דער פאָדערונג פון נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג. אין דעם באַריכט (דער 4 צוזאַמענפאָר פון דעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד, זשענעוו, 1901, ז. 12) איז איבערגעגעבן ליבערס רעדע אויפן פאָלגנדיקן אופן: „ווי אַ נאָענטסטער מינימום קענען מיר באַגנוגענען זיך מיט בירגערלעכער און פּאָליטישער גלייכבאַרעכטיקונג, אָבער ווי אַ מאַקסימום, איז נויטיק אַרויסצושטעלן די יידישע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע . . . אונדזער אויפגאַבע, וואָס איז שוין לאַנג רייף, אָבער צום באַדויערן בליבט זי ביז היינט אין שאָטן, איז צוצוגרייטן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט צו דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, אַנטוויקלען ביי אים דעם נאַציאָנאַלן זעלבסט־באַוואוסטזיין. מיר זיינען ביז היינט אין דער גרעסטער מאָס געווען קאָסמאָפּאָליטן, — מיר דאַרפן זיין נאַציאָנאַל. מען דאַרף נישט מורא האָבן פאַר דעם דאָזיקן וואָרט. נאַציאָנאַל איז נישט נאַציאָנאַליסטיש. ווען אַ קלאַס אָנערקענט זיין צוגעהעריקייט צו אַ באַשטימטער נאַציע, ווערט ער נאַציאָנאַל (למשל, די בעלגישע נאַציאָנאַלע ס. ד. פּאַרטיי). נאַציאָנאַליסטיש הייסט אַ קאָנצענטראַציע פון אַלע קלאַסן אָדער די הערשאַפט פון איין נאַציע איבער אַ צווייטער".

ליבער האָט ווייטער געפאָדערט, אַז דער בונד זאָל פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע אין נאַציאָנאַלן זין, אונטערשטרייכן די אונטערדריקטע לאַגע פון דער יידישער נאַציע, פּראָטעסטירן קעגן דעם נאַציאָנאַלן דרוק, באַקעמפן אין מערב מיטן קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, — מיט איין וואָרט דער בונד זאָל פירן אַן אַגיטאַציע אויפן באָדן פון פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאַמף צוגלייך מיטן נאַציאָנאַלן. דאָס וועט נאָר אויפהויבן דעם פּאָליטישן באַוואוסטזיין און גאָרנישט שטערן דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין; דאָס וועט אויך נישט ברענגען מיט זיך איזאָלאַציע און אָפּרייס. — ווי ס'איז באַקאַנט, זיינען פיל בונדישע טוער אַרויסגעטרעטן קעגן ליבערס פאָרשלאַג, און עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ קאָמפּראָמיס־רעזאָלוציע. פּאַקטיש זיינען די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון בונד געוואָרן פאָרמולירט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער.

אין דער צווישנצייט איז פאָרגעקומען דער פּאָגראָם אין טשענסטאָכאָוו. אין שליחות פון צ. ק. פון בונד איז ליבער אַוועקגעפאָרן אַהין, און זיין באַשרייבונג איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם אַמאָליקן בונדישן אָרגאַן אַרבייטער־שטימע.

די רעוואָלוציע האָט זיך באַמערקבאַר דערנענטערט, און אירע סימנים סיי אין אַלגעמיינעם רוסישן סיי אין יידישן לעבן האָבן זיך פון טאָג צו טאָג געמערט. אין 1902 האָבן זיך אָנגעהויבן גרויסע אַרבעטער־שטרייקן. אַלס אַ ווידערקול זיינען אויך געקומען אומרוען אין דאָרף. די סטודענטנשאַפט, אַלס דער אַוואַנגאַרד פון דער רוסישער אינטעליגענץ, האָט שטורמיש זיך געבונטעוועט, געפאָדערט, געשטרייקט. די פּאָגראָמען אין קישעניעוו און האָמעל 1903 האָבן פאַרשטאַרקט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין תחום־המושב. די בונדישע אָרגאַניזאַציעס זיינען געוואַקסן און אַריינגעדרונגען אין אַ סך נייע ערטער. בונדישע גרופּעס אין די סטודענטישע שטעט — אין פּעטראָגראַד און מאָסקווע, ווי אויך אין אויסלאַנד — זיינען געווען טעטיק. אין די בונדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך אויך פאַרשטאַרקט די נאַציאָנאַלע שטימונגען, און דאָס האָט אַרויסגערופן צוויי קעגנערישע באַוועגונגען קעגן דעם בונד: איינע דיריגירט פון איסקראַ, וואָס האָט באַשולדיקט דעם בונד אין „נאַציאָנאַליזם” און „סעפּאַראַטיזם”, און די צווייטע ריכטונג, וואָס האָט פאַראייניקט די בורזשואַזע ציוניסטן מיט כלערליי סאָציאַליסטישע גרופּירונגען אינם ציוניזם. דער ציוניסטישער צד האָט קריטיקירט דעם בונד פאַר זיין „ביט קאָנסעקווענטקייט”, וואָס איז ענלעך צו... „נאַציאָנאַלן כּאַראַט”. דאָס יאָר 1903 איז געווען אַ יאָר פון אויפלעבונג און פאַרשטאַרקונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין גאַנץ רוסלאַנד. און אין דעם דאָזיקן יאָר איז מאַרק ליבער געוואָרן איינער פון די פּאָפּולערסטע פיגורן. זיין טעמפּעראַמענט, זיין באַהאַווונטקייט אין אַלע אַקטועלע פּראָבלעמען, זיין גלענצנדער אָראַטאָרישער טאַלאַנט האָבן דעם דאָזיקן 23־יאָריקן יונגנמאַן אַרויסגערוקט אין די פאָדערשטע רייען. אין די דאָזיקע יאָרן האָט זיך דעם בונד איינגעגעבן צוצוציען צו זיך אַ באַגאַבטע פּלעיאַדע נייע, אינטעליגענטע טוער, — דערפאַרענע, ערנסטע, פּאָליטיש געשולטע רעדנער און שרייבער, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ נייעם דור בונדישע פירער. צו דער אַלטער גוואַר־



מאַרק ליבער און זיין פרוי אין די יונגערע יאָרן

דיע בראַש מיט קרעמערן, קאָסאָווסקין, יודיצען, נחן, מיללן, די ראָזענטאַלס א. אַנד. זיינען צוגעקומען מעדעם, אַבראַמאָוויטש, גראָסער, א. אַנד. איינער פון די סאַמע פּאָפּולערסטע יינגע פירער צווישן זיי איז געווען מאַרק ליבער.

## דער מענטש און דער קעמפער

וולאַדימיר מעדעם פאַרצייכנט אין זיינע מעמואַרן (פון מיין לעבן ב. 2) די ערשטע באַגעגעניש מיט ליבערן: „ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ גאַנץ וויכטיקער טוער; נאָך נישט קיין מיטגליד פון צ. ק. (דערצו איז ער נאָך געווען צו יינג און צו היציק), אָבער דאָך אַ פּראָפעסיאָנעלער טוער. אין די פריערדיקע יאָרן פלעגט ער פאַרברענגען אַ צייט אויך אין די שווייצאַרישע קאָלאָניעס און איז דאָרטן געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען איסאַקאָוו. אין רוסלאַנד איז זיין נאָמען צו יענער צייט געווען — אָשר. אַלט איז ער געווען בלויז 23 יאָר, אָבער אויסגעזען אַ סך עלטער. זייער בלאַס מיט אַ טונקעלגעלער פאַרב פון פּנים, מיט אַ שוואַרצער באָרד און ברענענדיקע שוואַרצע אויגן, אַ דאַרער, אַ קרענקלעכער, געוואַלטיק נערוועז, מיט אַ פייערדיקן טעמפּעראַמענט, מיט אַ זעלטענער ענערגיע און איבערגעגעבנקייט, אַ גלענצנדער רעדנער. ס'איז געווען אַ טיפּישער רעוואָלוציאָנער. ס'איז געווען אַ מענטש, אויף וועלכן מען האָט געלעגט די גרעסטע האָפענונגען, און מען מעג זאָגן וועגן אים וואָס מען וויל, אָבער אַ טויט־מענטש איז ער קיינמאָל נישט געוואָרן. נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע פון 1917 האָט ער זיך אַרויסגערוקט אויפן סאַמע ערשטן פּלאַן און פאַרנומען אַן אָרט צווישן די ערשט־קלאַסיקע פּאָליטישע פיגורן... יעדע האַנדלונג זיינע איז אַלע מאָל אַן אויסדריק פון אַן אַבסאָלוט־ערלעכער, טיף אויפריכטיקער איבערצייגונג. ער געהערט צו די פערזענלעך רייַנסטע מענטשן, וועלכע איך האָב נאָר אַמאָל געטראָפן".

אַזוי דערמאָנט זיך מעדעם וועגן זײַן ערשטער באַגעגעניש מיט ליבערן. און עס לוינט צו ברענגען פֿון ר. אַבראַמאָוויטשעס זכרונות (אין צווייי רעוואָלוציעס) דעם ערשטן אײַנדרוק, וואָס ער האָט באַקומען פֿון ליבערן אויך אין דער זעלבער צײַט, ווי מעדעם. ס'איז באַזונדערס אינטערעסאַנט די רייך אויסערלעכע באַשרײַבונג פֿון דעם דאָזיקן מענטשן: „דער מיטל־וואוקסיקער יונגערמאַן מיט די בלישטשענדיקע, שוואַרצע, גרויסע, מאַנדל־פֿאָרמיקע אַסירישע אויגן, מיט די געקרײַזלטע שוואַרצע האָר, מיט אַ הויכן אויסגעפּוקלטן „לאָבאַטן" שטערן, מיט אַ הויכער מאָדולירנדיקער שטים, וואָס מען קאָן זי מער נישט פֿאַרגעסן, ווען מען האָט זי איין מאָל געהערט, — אָט דער יונגערמאַן, וועגן וועלכן איך האָב געוווּסט, אַז ער איז איינער פֿון די ענערגישסטע און פּעאיקסטע יונגע טוער פֿון בונד, האָט אויף מיר געמאַכט זייער אַ שטאַרקן אײַנדרוק... טויזנטער און טויזנטער בונדיסטן און סתם אַרבעטער קענען ליבערן און געדענקען אים. זײַן פֿײַערדיקער טעמפּעראַמענט, זײַן שאַרפֿע דיאַלעקטיק, זײַן מערקווירדיקער רעדנער־טאַלאַנט און זײַן טיפֿע און אויפֿריכטיקע איבערגעגעבנקייט צו דער באַוועגונג — דאָס זײַנען אַלץ שטריכן, וואָס זײַנען אַלעמען באַקאַנט" (זז. 3—102).

אַזוי האָבן איבערגעגעבן זייער ערשטן אײַנדרוק פֿון ליבערן וול. מעדעם און אַבראַמאָוויטש, ווען זיי האָבן זיך צום ערשטן מאָל מיט אים געטראָפֿן אין זשענעווע, גאַנץ קורץ פֿאַר דעם 5טן צוזאַמענפֿאָר פֿון בונד, אין 1903.

ליבער איז דעמאָלט נישט לאַנג געקומען פֿון רוסלאַנד. ער איז אַרומגעפֿאָרן אין אויפֿטראָג פֿון צ. ק. איבערן ראַיאָן פֿון בונד און דעם 4־1 יאַנואַר 1903 אָנטיילגענומען אין חווינסק אין אַ באַראַטונג, וואָס דער צ. ק. האָט צונויפֿגערופֿן ספּעציעל אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם געפּלאַנטן 2טן צוזאַמענפֿאָר פֿון דער ר. ס. ד. אַ. פּ., פֿאַר דעם דאָזיקן צוזאַמענפֿאָר און כּדי צוצוגרייטן דעם בונד צו אים, האָט געדאַרפֿט נאָך פֿאָרקומען אין יוני 1903 דער 5טער צוזאַמענפֿאָר פֿון בונד. אײַגנטלעך, די צוגרייטונגס־אַרבעט, באַזונדערס אויף דעם אידעאָלאָגישן געביט, איז געגאַנגען דעם לעצטן יאָר אין פֿולן ברען. די איסקראַ האָט נישט אויפֿגעהערט צו פּאָלעמיזירן מיטן בונד סיי וועגן זײַן נאַציאָנאַל פּראָגראַם, סיי וועגן די אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים. דער בונד איז נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפֿער. וולאַדימיר קאָסאָווסקי, וואָס איז דעמאָלט געווען דער בעסטער קענער פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע און וואָס האָט טאַקע פֿאַרמאָגט אַ שאַרפֿע פֿעדער, האָט אין די בונדישע אויסגאַבן געפֿירט אַ גרינטלעכן קאַמף פֿאַר די בונדישע פּאָזיציעס. אַן ערך אין מאַי 1903 איז אין זשענעווע בײַ דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פֿון בונד צונויפֿגערופֿן געווען אַ ספּעציעלע באַראַטונג וועגן דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע. פֿון 4טן צוזאַמענפֿאָר, טראָץ דעם קאָמפּראָמיסלעכן כאַראַקטער פֿון זײַן צוגאַנג צום נאַציאָנאַלן פּראָגראַם, איז אין די בונדישע רייען געבליבן גאַנץ שטאַרק דער געדאַנק, אַז דער בונד דאַרף אַרײַן אין באַשטאַנד פֿון דער ס. ד. אַרבעטער פּאַרטיי אַלס אַן אומאָפּהענגיקער פֿעדעראַטיווער טייל, אויך אַז די ר. ס. ד. אַ. פּ. אין אַלגעמיין דאַרף זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ פֿעדעראַציע פֿון אויטאָנאָמע נאַציאָנאַלע סעקציעס. דער דאָזיקער געדאַנק איז געווען באַ־

שטעטיקט אויף אַ באַראַטונג בײַ דעם אויסלענדישן קאָמיטעט, וואָס איז פאָרגעקומען פֿרילינג 1903 אין זשענעווע ערב דעם 5טן צוזאַמענפאָר, און ליבער צוזאַמען מיט מעדעמען און אַבראַמאָוויטשן זײַנען געווען די, וואָס האָבן געדאַרפט צוגרייטן אַ פּראָיעקט פון אַ רעזאָלוציע פאַרן פינפטן צוזאַמענפאָר פון בונד. ליבער האָט גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל אין די דעבאַטן אויף דעם 5טן צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין יוני 1903 אין ציריך. מעדעם האָט געהאַלטן דעם רעפעראַט וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע (ליבער האָט געמאַכט די איבערזעצונג אויף יידיש). אָבער דער פינפטער צוזאַמענפאָר האָט זיך צעטיילט אין דער האָדיקער פראַגע אויף צוויי העלפטן. שפּעטער, אין 1905, האָט דער זעקסטער צוזאַמענפאָר אויסגעפורעמט ענדגילטיק דאָס נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון בונד און אַרויסגערוקט די פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. וואָס שייך די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן פון בונד, זײַנען זיי געוואָרן אָנגענומען אויף זײַן פינפטן צוזאַמענפאָר. די דעלעגאַציע פון בונד אויף דעם צווייטן אַלרוסישן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט געדאַרפט פאַרטיידיקן די וויכטיקסטע מאָמענטן, אויף וועלכע דער בונד האָט באַזירט זײַן עקזיסטענץ: דער בונד איז די אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. דער בונד איז נישט באַגרענעצט אין זײַן טעטיקייט מיט וואָסערן ס׳איז ראַיאָן (טעריטאָריע), דער בונד איז דער איינציקער פאָרשטייער פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין דער ר. ס. ד. אַ. פּ.. דאָס איז געווען דער מינימום, אויף וועלכן דער בונד האָט געקענט מסכים זײַן, אין פאַל ווען דער פּרינציפּ פון דער פעדעראַציע וועט ווערן אָפּגעוואָרפן. נאָך דער פּאָלעמיק מיט דער איסקראַ, נאָך די פאַרהאַנדלונגען, וואָס זײַנען געפירט געוואָרן ערב דעם אַלגעמיינעם פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, זײַנען אַפילו די מינימאַלע פאָדערונגען פון בונד געהאָנגען אויף אַ גאַנץ דינער האָר.

## אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. אַ. פּ.

די דעלעגאַציע פון בונד אויפן צווייטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר איז באַשטאַנען פון זייער דערפאַרענע פירער: נח, וו. קאָסאָווסקי, איסיי אײזענשטאַט־יודין, וו. מעדעם און מאַרק ליבער. צו דער 5־קעפּיקער דעלעגאַציע איז געווען נאָך צוגעגעבן אַלס אַן אײנגעלאַדענער מיט באַראַטונג־רעכט אַרקאַדי קרעמער. אין די בונדישע קרייזן האָט מען גערעכנט, אַז דעם קאַמף פאַרן בונד אויף דעם צווייטן צוזאַמענפאָר וועלן אויסטראָגן אויף זייערע פּלייצעס קאָסאָווסקי מיט דער הילף פון מעדעמען. דיווירקלעכקייט האָט אַלעמען אָפּגענאַרט. דער ענערגישסטער און דער גלענצנדסטער פירער פון בונד אויף דעם היסטאָרישן צווייטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר איז געווען מאַרק ליבער. זײַנע אַרויסטריטן אויף דער אַלרוסישער סאָציאַליסטישער טריבונע זײַנען געוואָרן אַן אמתער טריאומף. דער 23־יאָריקער ליבער האָט אַרויסגערופן די אויפמערקזאַמקייט פון גאַנצן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. די וויכטיקסטע און אויטאָריטעטסטע פירער און טוער, ווי פּלעכאַנאָוו, לענין, מאַרטאָוו, טראָצקי זײַנען געווען געצוווּנגען אַרויסצוטרעטן — און ניט איינמאָל — קעגן מאַרק ליבערן.

ר. אַבראַמאָוויטש, וואָס האָט דעמאָלט געוואוינט אין דער שווייץ, פאַר־צייכנט אין זיינע זכרונות: „אַ באַזונדערן גלאַנץ און קאַמף־טעמפּעראַמענט האָט אַרויסגעוויזן דער יינגער ליבער, וואָס איז געווען דער וואָרט־פירער פון דער בונדישער דעלעגאַציע". וול. קאָסאָווסקי אין זיין קאַפּיטל זכרונות וו. מעדעם און די נאַציאָנאַלע פראַגע, שרייבט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם צווייטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר: „איך מוז זאָגן, אַז מעדעם האָט נישט מקיים געווען די האָפענונגען, וואָס די דעלעגאַציע האָט אויף אים געלייגט אין פרט פון רעדנער. באמת גלענצנדע רעדעס, וואָס האָבן געמאַכט אַ רושם אויפן גאַנצן צוזאַמענפאָר האָט געהאַלטן מיכאל גאָלדמאַן" (ז. 134 אין זאַמלבוך וול. מעדעם צום צוואַנציקסטן יאָרצייט. נ. י. 1943). און אינטערעסאַנט איז, אַז ליבער האָט נישט באַגרענעצט זיינע אַרויסטרעטונגען נאָר מיט זיין אָפיציעלער אויפגאַבע — צו פאַרטיידיקן די שטעלונג פון בונד. ער איז אַרויסגעטרעטן וועגן אַלע וויכטיקסטע פּאָליטישע פראַגן פון צוזאַמענפאָר — וועגן פראָגראַם פון דער פּאַרטיי, אַגראַר־פראָגראַם און די טאַקטישע שטרייטן, וואָס האָבן זיך בהדרגה פאַנאַנדערגעוויקלט אויפן צוזאַמענפאָר צווישן די לעניניסטן און מאַרטאָוויצעס, די צוקונפטיקע באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. און צו דער אַלגעמיינער איבערראַשונג האָט זיך דער גאַנצער צוזאַמענפאָר מיט גרויס אינטערעס זיך באַצויגן צו ליבערס רעדעס. ער איז געוואָרן איי־נער פון די צענטראַלע פיגורן פון צוזאַמענפאָר. און דאָס האָט זיך שפּעטער, נאָך דער היסטאָרישער שפּאַלטונג מיט וועלכער ס'האָט זיך פאַרענדיקט דער צווייטער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, אָפּגעשפּיגלט אין דער גאַנצער ליטע־ראַטור, וואָס איז געווען פאַרעפנטלעכט נאָך דעם צוזאַמענפאָר. מיט זיין דינעם חוש האָט לענין שוין דעמאָלט דערשפּירט אין ליבערס אַרויסטרע־טונגען די שטים פון אַן אַנדערער סאָציאַליסטישער שיטה און דערפאַר אָנ־געגריפן ליבערן אין די קאַמפן פון 1903 און 1904.

פון די אַרכיוון, וואָס זיינען געעפנט געוואָרן נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, איז באַקאַנט געוואָרן, אַז נאָך פאַר דעם צווייטן פּאַרטיי־צוזאַ־מענפאָר האָט לענין שוין צוגעגרייט באַוואוסטזיניק און פּלאַנמעסיק זיין אָנגריף, זיין מיליטערישע סטראַטעגיע קעגן דעם בונד. אין אָרגאַניזיר־קאָמיטעט איז געווען לענינס אַ פאַרטרויליכער מענטש — קראַסיקאָוו (איג־נאַט), וואָס איז פאַרעכנט געווען פאַר אַ „ניט איבעריק טאַקטישן" מענטש און וואָס האָט געהאַט אַ „ספּעציאַליטעט: שלאָגן דירעקט אין די ציין". אין לענינס געזאַמלטע שריפטן (בוך 8) זיינען פאַרעפנטלעכט זיינע דעמאָלטיקע איג־סטרוקציעס, וואָס האָבן אַ שייכות צום בונד. „פאָרמעל דאַרף מען זיך באַציען צום בונד קאָרעקט און לאָיאַל... אָבער אויב זיי ווילן, זאָלן זיי אַוועקגיין"... און נאָך שאַרפער: „מען דאַרף גרייטן זיך צו אַ מלחמה מיטן בונד, אויב מען וויל מיט אים האָבן שלום. אַ מלחמה אויפן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, אַ מלחמה ביז צו אַ שפּאַלטונג".

ביי אַזעלכע אומשטענדן האָט זיך געעפנט דער צווייטער פּאַרטיי־צו־זאַמענפאָר, יולי־אויגוסט 1903, בריסעל־לאָנדאָן. פון די ערשטע זיצונגען האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן בונד. ביים אויסאַרבעטן דעם סדר־היום

האָט לענין פאַרגעלייגט אויסצוטיילן די פראַגע וועגן בונד, און באַהאַנדלען זי אַלס צווייטן פונקט. אין נאָמען פון בונד איז ליבער אַרויסגעטרעטן קעגן. אין משך פון דעם וויכוח איז ליבער געווען דער איינציקער רעדנער פון בונד. אָבער אַלע זיינען גלייך אַרויס קעגן אים: טראָצקי, מאַרטאָוו, פּלעכאַנאָוו האָבן אויך געפאָדערט, אַז מען זאָל פריער פון אַלץ רעדן וועגן דער לאַגע פון בונד אין פאַרטיי. מיט 30 שטימען קעגן 10 איז געוואָרן באַשלאָסן אָננעמען לענינס פאָרשלאַג. שוין אויף דער פערטער זיצונג פון פאַרטיי־צוזאַמענפאָר, נאָך דעם ווי מען איז דורכגעגאַנגען פאַרשיידענע פאָרמאַליטעטן, האָט מען זיך גענומען צו דער היסער פראַגע. אין נאָמען פון דער בונדישער דעלעגאַציע איז ליבער אַרויסגעטרעטן מיט אַ רעפעראַט. ער דעקט אויף פריער פון אַלץ די געשיכטע פון די פאָרמעלע באַציאונגען צווישן בונד און דער רוסלענדער ס. ד. פאַרטיי, און נאָך דעם ברענגט ער איינציקע אַרגומענטן פאַר דער קאָנצעפּציע פון בונד: „צו וואָס דאַרפן מיר האָבן אַן אָרגאַניזאַציע פון דעם יידישן פראָלעטאַריאַט? מען קען זי באַרעכטיקן, ערשטנס, מיט די באַזונדער־שווערע רעכטלעכע באַדינגונגען, אין וועלכע דער יידישער פראָלעטאַריאַט געפינט זיך; צווייטנס, מיט דער אייגנאַרטיקייט פון דער פאַרטיילונג פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות אין דער יידישער נאַציע: ס׳פעלן דער נאָבל־קלאַס (דוואָריאַנסטוואָ), לאַנד־באַזיצער און פויערים". מען קען נישט באַגרינדן די נויטיקייט פון אַ באַזונדערער אָרגאַניזאַציע פון יידישן פראָלעטאַריאַט אויף דער שפּראַך. די שפּראַך איז אַ טעכנישע פראַגע. דער געדאַנק צו פאַרוואַנדלען דעם בונד אין אַ ראַיאָן־אָרגאַניזאַציע הייסט „פאַרניכטן יעדן זין פון זיין עקזיסטענץ". דער בונד דאַרף זיין דער פאָרשטייער פון יידישן פראָלעטאַריאַט אין דער פאַרטיי. דער בונד דאַרף בלייבן אויטאָנאָם, „ווייל דער יידישער פראָלעטאַריאַט איז פיל מער פאַראינטערעסירט אין קאַמף קעגן די אויסשליסלעכע באַגרענעצונגען, ווי דער אַלגעמיינער פראָלעטאַריאַט". די פאַרטיי דאַרף זיין אָרגאַניזירט אויף פעדעראַטיווע יסודות, און ליבער באַקוקט דעם צוזאַמענפאָר מיט די פאָרשלאָגן, וואָס זיינען געווען אָנגענומען אויפן 5טן צוזאַמענפאָר פון בונד.

אַלס אָפיציעלער אָפּאָנענט, דער קאָר־רעפערענט פון צוזאַמענפאָר, איז אַרויסגעטרעטן מאַרטאָוו (דער זעלבער מאַרטאָוו, וואָס האָט אין זיינע יינגערע יאָרן אין 1895 אין ווילנע געהאַלטן אַ רעדע, וואָס האָט באַגרינדעט די נויטיקייט פון אַ זעלבשטענדיקער אָרגאַניזאַציע פון יידישן פראָלעטאַריאַט...). צענדליקער דעלעגאַטן זיינען אַרויסגעטרעטן קעגן ליבערן, צווישן זיי טראָצקי, פּלעכאַנאָוו, דעלעגאַטן פון קאַווקאַז, אָדעס, יעקאַטערינאָסלאַוו, פעטערבורג. ס׳האָט אויך געהאַלטן אַ קורצע רעדע נח. ליבער האָט געענטפערט מיט אַ שאַרפער רעדע: „באַר מענטשן, וואָס ווילן נישט וויסן פון קרובהשאַפט — קענען אויפהויבן אַ פראַגע, צי ס׳איז נויטיק אַ זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע פון דעם יידישן פראָלעטאַריאַט נאָך 6 יאָר עקזיסטענץ פון בונד. „אַ רעוואָלוציאָנערע כוואַליע האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן איבערן גאַנצן ראַיאָן, וואו ס׳לעבט דער יידישער אַרבעטער; דער בונד האָט פאַרוואַנדלט פאַריערס אין אַן אומגעהייערע רעוואָלוציאָנערע קראַפט... די רעגירונג שאַצט אָפּ

בעסער די רעזולטאַטן פון אונזער אַרבעט, ווי אונזערע חברים... דער חבר פון קאַווקאַז האָט מורא, אַז דער בונד, ביט ווילנדיק זיך באַגרענעצן מיט די ראַמען פון אַ ראַיאָן, וועט באַלד איבערטרעטן די גרענעצן פון דער רוסלענדישער אימפעריע. סאַראַ שרעק!..״ ס׳זיינען נאָך אַמאָל אַרויסגעטרעטן אַ צענטליק דעלעגאַטן. ס׳האָבן גענומען אַ וואָרט נח און קאָסאָווסקי. באַר איינער פון די אַנדערע דעלעגאַטן, דער פאָרשטייער פון פאַרבאַנד פון די רוסישע ס. ד., אַקימאָוו־מאַכנאָוועץ, האָט גערעדט פאַרן בונד. אַלע אַנדערע האָבן שאַרף פּאָלעמיזירט קעגן ליבערן. נאָך אַ לענגערער רעדע פון לעניגען האָט ווידער גערעדט ליבער. ער האָט געזאָגט: „מיר איז זעלטן אויסגעקומען צו זיין אויף אַ פאַרזאַמלונג, וואו מען זאָל אַזוי אָפט האָבן מיסברויכט מיט די ווערטער: פּרינציפּן פון רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אָבער שוין פון לאַנג איז באַקאַנט: נישט יעדער, וואָס שווערט זיך מיט גאָטס נאָמען, וועט דערגרייכן דאָס הימלישע קעניגרייך... מע מוז דאַנקען דעם ח׳ לעניך פאַר דעם, וואָס ער האָט אַראָפּגעריסן די פייגן־בלעטער פון מאַרטאָוו און טראָצקין. לעניך זאָגט אָפן, אַז מען דאַרף פאַרניכטן דעם בונד. מעגלעך, אַז ער וועט לאָזן ביים לעבן דעם צ. ק. פון בונד, אַלס אינסטרומענט פון קאָנטראַבאַנדע, אָבער אונז איז נויטיק דער צ. ק. פון בונד נישט פאַר דעם צוועק: ער איז נויטיק אַלס דער פירער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט״...

נעמענדיק אין אַכט די שאַרפע קעגנערשאַפט פון פאַרטיי־צוזאַמענפאָר, האָט ליבער אין נאָמען פון דער בונדישער דעלעגאַציע אַריינגעטראָגן אַ ווייכערן פאָרשלאַג, אָבער דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן. ליבער האָט דעמאָלט אַריינגעבראַכט צו דער רעזאָלוציע פון מאַרטאָוו אַן אויסבעסערונג (וועגן דער זעלבסטשטענדיקייט פון בונד), אָבער זי האָט באַקומען 13 שטימען פאַר און 26 קעגן. מאַרטאָווס רעזאָלוציע האָט נאָך דעם באַקומען 45 שטימען קעגן 5, וואָס האָבן געהערט דער בונדישער דעלעגאַציע. דאָס הייסט, אַז קיינער פון די דעלעגאַטן, אַפילו דער דערמאָנטער אַקימאָוו, האָבן נישט געשטימט פאַר די פאָרשלאַגן פון בונד. דאָס איז געווען אויף דער 8טער זיצונג פון צוזאַמענפאָר, וואָס האָט אָפּגעליגט זיין ענדגילטיקן באַשלוס וועגן בונד אויף די צוקונפטיקע זיצונגען. מען איז דערווייל איבערגעגאַנגען צו די פראַגן פון פּראָגראַם און סטאַטוטן. ליבער איז דאָ ווייטער אַרויסגעטרעטן אַלס איינער פון די וויכטיקסטע רעדנער אויפן צוזאַמענפאָר. פּלעכאַנאָוו האָט עטלעכע מאָל אים אָנגעגריפן: „ח׳ ליבער האָט געוואָלט זיין אָרטאָדאָקסאַלער פון מאַרקסן. מיט איינצלנע פערזאָנען קען דאָס טרעפן, אָבער אַ גאַנצער פאַרטיי איז דאָס נישט נויטיק... ח׳ ליבער האַלט, אַז מיר זיינען דאָ נישט גענוג פּרעציז, אָבער אַזוי זאָגט זיך אַרויס דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט״ — און ווייטער אַזוי אין אַ סאַרקאַסטישן סטיל, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר פּלעכאַנאָוון.

ביי דער באַהאַנדלונג פון דער פראַגע וועגן דער איסקראַ האָט ליבער געשטיצט דעם געדאַנק, אַז די צייטונג דאַרף זיין דער צוקונפטיקער צענטראַל־אָרגאַן פון דער פאַרטיי, אָבער ער האָט געלאָזט פאַלן איניקע וויכטיקע קריטישע באַמערקונגען: „די איסקראַ האָט נישט געקענט אָפּטיילן אירע

פּיינט פון די פריינט. די פּאָלעמיק, וואָס איסקראַ האָט געפירט קעגן אירע פריינט, קעגן דעם בונד, איז געווען שעדלעך. איסקראַ האָט אַריינגעטראָגן אַ פאַרביטערונג אין אירע באַציאונגען מיטן בונד. זי האָט נישט שטענדיק געפירט זיך טאַקטיש לגבי אים".

ווען לענין האָט אַריינגעטראָגן דעם פּראָיעקט פון די סטאַטוטן, וואו די אידייע פון צענטראַליזאַציע איז געווען דער הויפּט־מאָטיוו, און וואו ס'איז געשטאַנען בפירוש (אין דעם פּונקט 8), אַז „יעדער קאָמיטעט, פאַרבאַנד, אָרגאַניזאַציע אָדער גרופּע, וואָס זיינען אָנערקענט פון דער פּאַרטיי, פאַרוואַלטן מיט די ענינים, וואָס געהערן ספּעציעל און אויסשליסלעך צו דעם געגעבענעם אָרט, ראַיאָן, נאַציאָנאַליטעט... אָבער זיי אַלע זיינען געצוואונגען אויסצופּילן אַלע פאַראָרדענונגען פון צ. ק. אָדער צ. אָ. (צענטראַל אָרגאַן)" — האָט ליבער גלייך געמאָלדן: „דער בונד וועט נישט קענען פאַרבלייבן אין דער פּאַרטיי", און ווייטער אַנטוויקלט זיינע געדאַנקען: „מען זאָגט אונז, אַז פאַרן בונד וועט מען מאַכן אַן אויסנאַם. אָבער מיר ווילן נישט, אַז ס'זאָל אָנגענומען ווערן אַ פּרינציפּ, לויט וועלכן דער צ. ק. פון דער פּאַרטיי וועט קענען אין יעדן מאָמענט פאַרנאַנדערלאָזן דעם צ. ק. פון בונד. מעגלעך, אַז מען וועט גלייך דאָס נישט פּרוּוון צו טון, אָבער דאָ מערקט זיך אָן אַ געוויסער פּראָצעס, וואָס דאַרף פירן צו דער פאַרניכטונג פון בונד".

. . . „לענין שרייבט אונז אונטער אַ טויט־שטראָף, אָבער ער לייגט אָפּ אויף אַ געוויסן טערמין די דורכפירונג. צי זייט איר, חברים, אַזוי נאַאיוו, וואָס איר דענקט, אַז מיר וועלן אונטערחתמענען די דאָזיקע טויט־שטראָף? אַז מיר וועלן בלייבן אין דער פּאַרטיי נאָך אַזעלכע סטאַטוטן? מיר זיינען נאָך נישט גרייט צו שטאַרבן. פאַרקערט, מיר פילן ביי זיך אַ צושטראָם פון פרישע כוחות"...

ווען ביי דער באַהאַנדלונג פון פּאַרטיי־פּראָגראַם שלאָגט פאָר מעדעם צום פּונקט „דאָס רעכט פון זעלבסטבאַשטימונג פאַר אַלע נאַציעס, וואָס גייען אַריין אין באַשטאַנד פון מלוכה", צוגעבן, אַז ס'איז נויטיק „צו שאַפן איינריכטונגען, וואָס גאַראַנטירן די פולע פרייהייט פון דער קולטורעלער אַנטוויקלונג", האָבן פיל דעלעגאַטן פּראָטעסטירט קעגן צוגאָב, וויל ער טראָגט „אַ ריין־נאַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער", און ליבער האָט אין זיין רעדע אָפן געזאָגט די אָפּאָנענטן פון בונד: „אויב דאָס וואָרט נאַציאָנאַליזם איז אַרויס אויף דער בימה, דאַרפן מיר אָנשטאָט צו באַקומען שרעק פאַר אים, שטעלן פאַר זיך די פראַגע: צי דער נאַציאָנאַלער דרוק עקזיסטירט? צי דאַרפן מיר אים אָפּשטויסן? אָדער מיר לייגן פאַר דער אָדער אַנדער נאַציע אַרויסצוציען זיך פון לאַנד?.. אין רוסלאַנד זיינען פאַראַן פיל נאַציעס, וואָס ווילן נישט אַוועקגיין, אָבער זיי ליידן פון אַ נאַציאָנאַלן דרוק... עס איז נויטיק צו גאַראַנטירן יעדער נאַציע אַ רעכט אויף אַ קולטור־אַנטוויקלונג אין די ראַמען פון דער מלוכה". ביי דער באַהאַנדלונג פון דעם באַרימטן 1טן פּונקט פון די סטאַטוטן — וואָס האָט שפּעטער געפירט צו דער פאָרמירונג פון צוויי פראַקציעס אויפן צוזאַמענפאָר — איז דער שטאַנדפּונקט פון דער בונדישער דעלעגאַציע נאָך נישט געווען גענוג קריסטאַליזירט. אין זיין

באַמעריקונג האָט אָבער ליבער געזאָגט, אַז ער איז מסכּים מיט אַקסעלראָדן און מאַרטאָוון אין דער פראַגע, ד. ה., מיט די צוקונפטיקע מענשעוויקעס. אין צענטער פון די פאַרהאַנדלונגען איז אָבער דעמאָלט נאָך געשטאַנען דער בונד. אויף דער 27 זיצונג פון פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר איז געוואָרן באַשלאָסן דער גורל פון דער פראַגע: צי בלייבט דער בונד אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי אָדער ער פאַרלאָזט זי.

אין נאָמען פון דער בונדישער דעלעגאַציע האָט ליבער אַריינגעטראָגן אַ געענדערטן פונקט פון די סטאַטוטן פון בונד (דער 2טער פונקט) אין אַזאַ פאָרם: „דער בונד שטעלט מיט זיך פאָר אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, נישט־באַגרענעצטע אין איר טעטיקייט מיט ראַיאָנע ראַמען, אָרגאַניזאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט און גייט אַריין אין דער פּאַרטיי אַלס זיין איינציקער פאָר־שטייער". אין זיין גאַנץ לאַנגער רעדע האָט ליבער באַגרינדעט דעם דאָזיקן פאָרשלאָג און באַזונדערס אָפּגעשטעלט זיך אויף דער אידייע פון דער „איינ־ציקער פאָרשטייערשאַפט". נאָך זיין רעדע האָבן געמאַכט באַמערקונגען איינציקע דעלעגאַטן און די פראַגע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן צו אָפּשטי־מען. דער 2טער פונקט פון די בונדישע סטאַטוטן איז געוואָרן אָפּגעוואָרפן מיט 41 שטימען קעגן 5 און ביי 5 אָפּגעהאַלטענע. נאָך דעם האָט ליבער אין נאָמען פון דער בונדישער דעלעגאַציע געמאַכט די פאָלגנדיקע דער־קלערונג: „אין נאָמען פון דער גאַנצער דעלעגאַציע פון בונד דערקלער איך: אַזוי ווי דער צוזאַמענפאָר האָט מיט זיין לעצטער אָפּשטימונג אָפּגעוואָרפן אַ פּרינציפּיעלן פונקט פון די אַריינגעטראָגענע דורך אונז סטאַטוטן — און דאָס אָנגענומען פון דעם פונקט האָט דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון בונד אָנערקענט אַלס תּנאי פאַר דער עקסיסטענץ פון בונד אין דער פּאַרטיי—גייען מיר אַוועק פון דעם פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר און דערקלערן אויפן סמך פון די באַשלוסן פון אונדזער 5טן צוזאַמענפאָר, אַז דער בונד טרעט אַרויס פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ.. די שפּעטערדיקע מאָטיווירונג וועלן מיר צושטעלן באַזונדער דעם צווייטן צוזאַמענפאָר".

נאָך דעם, ווי די בונדישע דעלעגאַציע האָט פאַרלאָזט דעם פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, האָבן אין די רעדעס פון די פאָרשטייער פון קאַווקאַז אָפּגעקלונ־גען עפּעס „בונדישע" טענער. וועגן די רעדעס פון זשאָרדאַניאַ און אַנדערע האָט זיך אַרויסגעזאָגט דער דעלעגאַט פון דרום יעגאָראָוו: „אויב די קאַוו־קאַזער חברים ריידן איצט אַזוי באַשיידן און שטיל, דערקלערט זיך דאָס מיט דעם, וואָס מיט זייער קראַפט און אָרגאַניזירטקייט זיינען זיי נאָך קינדערלעך אין פאַרגלייך מיטן בונד. זאָלן זיי אויסוואַקסן — און איר וועט דערזען פאַר זיך, אויב נישט דעם אמתן בונד איז יעדנפאַלס אַ 'בונדיקל'."

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז דער „בונדישער לידער" ליבער איז געוואָרן אַ כסדרדיקער ברעט־ציל פאַר לענינען אין זיינע פּאָלעמישע שריפטן נאָכן צוזאַמענפאָר. לענין באַשולדיקט ליבערן און מעדעמען אין דעם, וואָס „זיי האָבן געפירט אַן אַנטשיידענעם קאַמף קעגן אַלע געמיינזאַמע פּלענער פון די איסקראָוצעס". ער פאַראייניקט שטענדיק ליבערן מיט די „עקאָנאָ־מיסטן", מיט די כאַמע רעכטע עלעמענטן פון צווייטן צוזאַמענפאָר (אַקימאָוו

און מאַרטינאָוו). לעניִן שרײַבט ווײַטער, אַז מאַרטאָוס פֿאָרמולירונג פֿון דעם ערשטן פּונקט פֿון די פּאַרטיי־סטאַטוטן האָט „גלײַך באַוויזן די הערצער פֿון ליבערן, אַקימאָוון און מאַרטינאָוון“. לעניִן שרײַבט וועגן אַ „קאָאַליציע“ פֿון די מענשעוויקעס מיט ליבערן. „דער זשיראָנדיסט אַקסעלראָד מיט דעם זשיראָנדיסט ליבער“ — שרײַבט לעניִן — פֿירן דורך אין לעבן דעם מענ־שעוויסטישן קוק אויף דעם, ווי אַזוי עס דאַרף זײַן געבויט די ס. ד. פּאַרטיי. (זע לעניִן ב. 5, יאָר 1923 איין טריט פֿאָרויס, צוויי טריט אויף צוריק).

## אין דער רעוואָלוציע פֿון 1905־6

נאָך דעם צווייטן צוזאַמענפֿאָר פֿון ר. ס. ד. אַ. פּ. האָט ליבער מיט נאָך מער איבערגעגעבנקייט און עקשנות געווידמעט אַלע זײַנע כּוחות דער אַרבעט פֿאַרן בונד. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין לאַנד און באַזונדערס אין תּחום־המושבֿ האָט זיך פֿון טאָג צו טאָג פֿאַנאַנדערגעוואַקסן. עס איז געווען קלאָר, אַז רוסלאַנד שטייט ערבֿ אַ רעוואָלוציע. ליבער איז געפֿאָרן פֿון שטאָט צו שטאָט אומעטום אין רוסלאַנד און פּוילן און אין אויסלאַנד, געלייענט רעפֿעראַטן און געפֿירט אַ קאַמף פֿאַרן בונד. ער האָט דעבאַטירט ניט בלויז מיט באָלשעוויקעס, נאָר אויך מיט די מענשעוויקעס. אײנער פֿון זײַנע אָפּאָנענטן אין אויסלאַנד און אין רוסלאַנד איז געווען ברוך סטאָלפּ־נער, דער „בונדיסטן־פֿרעסער“, ווי מען האָט אים גערופֿן („בונדאָיעד“). אין 1904 איז ליבער געווען אין דער בונדישער דעלעגאַציע אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס. און באַלד האָט סיגנאַליזירט די רעוואָלוציע פֿון 1905 מיט דעם „רויטן זונטאָג“ פֿון 9 יאַנואַר. בלבֿ ונפֿש איז ליבער געווען אַרײַנגעטון אין די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן. אין פֿעברואַר 1905 איז אין דווינסק פֿאָרגעקומען די 6טע קאָנפֿערענץ פֿון בונד. אין האַרבסט פֿון זעלבן יאָר איז פֿאָרגעקומען אין ציריך דער 6טער צוזאַ־מענפֿאָר פֿון בונד. ליבער האָט גענומען זייער אַן אַקטיוון אָנטייל אין די באַראַטונגען פֿון די בונדישע טוער. נאָך דעם 6טן צוזאַמענפֿאָר האָט מען אים אַרײַנגענומען אַלס מיטגליד פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון בונד.

דער צענטער פֿון דער רעוואָלוציע איז געווען דער פּעטערבורגער אַרבעט־טער־ראַט. ליבער איז אין אים אַרײַן אַלס פֿאָרשטייער פֿון צ. ק. פֿון בונד. בלויז צופֿעליק האָט ער זיך געראַטעוועט פֿון דעם אַרעסט, ווען די פּאָליציי האָט אַרעסטירט דעם ראַט מיט טראָצקין און אַנדערע פֿירער. דאָס יאָר 1906 איז פֿול געווען מיט רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. דער צ. ק. האָט אויס־גענוצט די לעגאַלע מעגלעכקייט, כּדי אָנהייבן אַרויסצוגעבן אָפֿן די סאָ־ציאַליסטישע פּרעסע. ליבער האָט געאַרבעט אין פּעטערבורג, אָנטייל גע־נומען אויף דער קאָנפֿערענץ פֿון בונד אין בערן מערץ־אַפּריל 1906, און אַלס פֿאָרשטייער פֿון צ. ק. אָנטיילגענומען אין די אַרבעטן פֿון דער 2טער אַל־רוסישער קאָנפֿערענץ פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראײנען, אויף וועלכער עס זײַנען צום ערשטן מאָל געווען פֿאָרגעשטעלט די בונדישע פֿאַראײנען פֿון ווילנע, וואַרשע און לאָדזש (דעלעגאַטן ליטוואַק, גראָסער און אַנדערע).

אין אַפּריל 1906 איז אין שטאָקהאָלם פֿאָרגעקומען דער פֿאַראײניק־

טער צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פּ., אויף וועלכן ס׳האָבן זיך געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן דעם ווידער־אריינטריט פון בונד אין דער פּאַרטיי נאָך אַן איבעררייס פון 3 יאָר. אין דער דעלעגאַציע פון בונד זיינען אריין ליבער, אַבראַמאָוויטש און יאָנאָוו (פישל קאַיגען). אין די בונדישע רייען זיינען געגאַנגען שאַרפע וויכוחים וועגן דער דאָזיקער פראַגע, און ס׳האָבן זיך אויסגעבילדעט צווי פראַקציעס: „האַרטע״ און „ווייכע״. ליבער איז געווען פירער פון די „ווייכע״, וואָס האָבן געהאַט אַ מערהייט אויף דעם 7טן צוזאַמענפאָר פון בונד אין לעמבערג, אויגוסט 1906. ס׳איז וויכטיק דאָ צו באַמערקן, אַז אויף דעם שטאָקהאָלמער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר איז ליבער גע־ווען אויסגעוויילט אין צ. ק. פון דער ר. ס. ד. א. פּ.. ס׳איז דאָ דער פּלאַץ צו פּאַרגאַטירן, אַז אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר האָבן די באָלשעוויקעס גע־מאַכט איינציקע טריט, כדי צו געווינען דעם בונד אויף זייער זייט. ליבער, וואָס איז געווען אַן אָנהענגער פון באַזיקאַט פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע (פּאַרלאַמענט) האָט באַקומען פיל פּאַרוואָרפן פון די מענשעוויקעס (מאַרטי־נאָוו, דער שפּעטערדיקער קאָמוניסט, האָט געזאָגט, אַז „ליבער טיילט באָל־שעוויסטישע מיינונגען, זעט אויס ווי אַ וואולגאַרער מאַרקסיסט״), און לעניך האָט געפּרוווט גאַנץ קונציק אויסנוצן דעם „נייטראַליזם״ פון בונד אין קאַמף צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס.

פון גאָר אַן אַנדערער זייט זעען מיר איך יענעם יאָר ליבערן אויף אַ באַראַטונג ביים צ. ק. פון בונד, וואָס איז פאָרגעקומען סוף יוני 1906 אין ווילנע אין דער רעדאַקציע פון דער פאָלקס־צייטונג. א. ליטוואַק מאַכט „אַ פאַרצייכעניש״ פון יענער צייט (אין זיך בויך וואָס געווען, ווילנע 1925, זז. 46־244). צווישן אַנדערן איז געשטאַנען די אייביקע פראַגע וועגן יידישער זעלבסטשוץ. די פראַגע איז געווען קאָמפּליצירט דערפאַר, ווייל די לעצטע פּאָגראָמען, אין ביאַליסטאָק און שעדלעץ, האָט דורכגעפירט דאָס מיליטער. וואָס קאָן מען טון אין אַזעלכע פאַלן מיט אַ ציווילער זעלבסטשוץ? ליטוואַק דערציילט: „אין דער דיסקוסיע איז געווען אַרייינגעבראַכט אַזאַ פאָרשלאָג: דער בונד זאָל אַרויסלאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע מיט אַ בפירושער וואָרנונג, אַז אין פאַל פון אַ מיליטערישן פּאָגראָם, וועט ער מיט דינאַמיט אויפרייסן די שטאָט. פאַר אַזאַ מין קאַטאַסטראָפע וועט זיך די מיליטערישע קאָמאַנדע אויך אָפּשטעלן. ווער עס האָט דעם דאָזיקן פאָרשלאָג געמאַכט, געדענק איך ניט. ליבער האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם פאָרשלאָג פּאָליטיש. מיט אַזאַ טאַקטיק, האָט ער געזאָגט, וועלן מיר אויפשטעלן קעגן זיך די גאַנצע נישט־יידישע באַפעלקערונג. אפילו אַזעלכע, וואָס זיינען הייגט קעגן אַ פּאָגראָם אָדער זיי באַציען זיך צו אים נייטראַל, וועלן מאָרגן ווערן אונזערע ביטערע שונאים, געווינען וועט פון דעם בלויז דער צאַריזם. ער וועט געוויס נישט זשאַלעווען די נישט־יידישע באַפעלקערונג. ער וועט אונז אפילו פּראָוואָצירן אויף דעם, אַז אין דער אָדער יענער שטאָט זאָלן דורך אונזערן אַן אויפרייס ליידן הונדערטער אָדער טויזנטער אומשולדיקע קריסטן, אַבי דורך דעם זאָל סוף־כל־סוף אין דער אמתן אַרויסקומען דער שאַרפער קאַמף פון אַלע קריסטן קעגן אַלע יידן, וועלכן ער מוז איצט בלויז

אינסצעניזירן. אויב מיר וועלן זיך שטעלן אויף דעם וועג, וועלכן מ'ליגט אונז דאָ פֿאָר, קאָן אין אונזער געגנט זיך איבערחזרן דאָס זעלביקע, וואָס אויף קאַווקאַז, וואו דער צאַריזם האָט אָנגעהעצט די טאַטערן מיט די אַרמענער איינע אויף די אַנדערע; זיי קוילן זיך, און ער קוקט צו פֿון ווייטן און קוועלט... ליבערס מאָטיוון האָבן אויף אונז אַלעמען געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק" — פֿאַרענדיקט א. ליטוואַק זיין „פֿאַרצייכעניש"...

דער אומדערמידלעכער ליבער האָט נאָך אין דעם זעלבן יאָר געענדיקט אויף זיך אַ בכבודיקע, אָבער אַ שווערע מיסיע פֿון צ. ק. פֿון בונד: ער איז דעם 8 נאָוועמבער אָנגעקומען קיין אַמעריקע — האַלטן פֿאַרלעזונגען און קלייבן געלט פֿאַרן בונד. מיר וועלן זיך דאָ באריכות נישט אָפּשטעלן אויף דער האָזיקער אַקציע. מיר וועלן נאָר ברענגען אַ פּאָר זכרונות פֿון אַב. קאַהאַן, דעם רעדאַקטאָר פֿון פֿאָרווערטס וועגן ליבערן און זיין טור אין אַמעריקע. אַב. קאַהאַן דערמאָנט זיך, אַז צו ליבערס ערשטער לעקציע אין וועבסטער האָל אין ניו־יאָרק האָבן אים באַגריסט מאיר לאָנדאָן, אַב. קאַהאַן, מאָריס הילקוויט און מאָיסיי גורעוויטש. „אַ לעקטשורער איז ער (ליבער) געווען אַן אויסגעצייכנטער, אָבער די טעאָריעס, וואָס ער האָט געפּרעדיקט, זיינען געווען שוין צו טעאָרעטיש, צו טרוקן — שרייבט קאַהאַן. — דער בונד האָט אַריינגעבראַכט אַ נייעס אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן יידן: ער האָט אָנערקענט, אַז די יידישע אַרבעטער זיינען נישט בלויז מענטשן, נאָר אויך יידן. ער האָט דאָס אָבער געטון אויף דעם פֿונדאַמענט פֿון אַ קאַלטער קולטור־טעאָריע, אָן אַ פֿונק פֿון יידישן געפֿיל"...

„ליבער איז געווען אַ בלאַסער, אַ ביסל אַ קרענקלעכער מאַן פֿון עטלעכע און דרייסיק יאָר (אין דער ווירקלעכקייט, איז ער דעמאָלט אַלט געווען 26 יאָר — ג. אַ.) מיט אַ הויך אינטעליגענטן פּנים, מיט אַרויסגעשטאַרטשעטע אויגן. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק עפּעס אַזוי ווי פֿון אַ הייליקן, ווי פֿון אַ יונגן חסידישן רבי. און דאָס האָט געשטימט מיט אַלץ, וואָס איך האָב געהערט וועגן אים. ער האָט געלעבט פֿאַרן בונד, און איז געווען גרייט צו שטאַרבן פֿאַר אים".

עס ווילט זיך צו דעם צייט־בילד צוגעבן נאָך עטלעכע ווערטער פֿון אַב. קאַהאַנען, וואָס באַציִען זיך צו דער שפּעטערדיקער צייט, צו דער רעוואָלוציע 1917. אָט וואָס קאַהאַן האָט געשריבן וועגן ליבערן ווייטער: „מיט צען־צוועלף יאָר שפּעטער, אין דער צייט פֿון דער קערענסקי־רעוואָלוציע, ווען ליבער האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל אין דעם סאָוועט, איז ער שוין געווען פֿיל פּראַקטישער און ברייטער. אַלע האָבן אים דאַן געשילדערט אַלס אַ גלענצנדן פּאַרלאַמענט־רעדנער און שטאַטסמאַן; און וואָס אָנבאַטרעפֿט זיין כאַראַקטער, איז אין דער צייט פֿון דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש פֿולשטענדיק באַשטימט געוואָרן זיין רעפּוטאַציע אַלס אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן אומדערשראָקענעם גייסט"... (בלעטער פֿון מיין לעבן, ב. 4, ז. 438־39, נ. י. 1928).

ווי מען קען זען פֿון די צייטונגס־נאָטיצן פֿון יענער צייט, ווען ליבער האָט געשטורעמט אַמעריקע, האָט ער דאָ געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק און

זיין מיסיע איז דורכגעפירט געוואָרן מיט דערפאָלג. אינטערעסאַנט איז אָבער, אַז אַמעריקע האָט אויף ליבערן „געמאַכט אַן אָפּשטויסנדיקן איינדרוק" — דערציילט אַבראַמאָוויטש אין זיינע זכרונות: ליבער איז „געקומען פון דאָרטן אַ צעבראָכענער".

נאָכן צוריקקומען פון אַמעריקע וואַרפט זיך ליבער ווידער אַריין אין דער בונדישער אַרבעט. דאָס איז געווען ערב דעם צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ., וואָס איז פאָרגעקומען פון 13 מאַי ביז 1 יוני 1907. צווישן 305 דעלעגאַטן האָט דער בונד געהאַט אַ פראַקציע פון 55. פון די בונדישע פירער האָבן זיך באַזונדערס אַרויסגערוקט אויף דער אָוואַנסצענע: מעדעם, אַלס איינער פון די בעסטע פאַרזיצערס אויף די זיצונגען; ר. אַבראַמאָוויטש, וואָס האָט געהאַלטן איינעם פון די אידעאָלאָגישע רעפעראַטן און ליבער, וואָס איז געווען דער פאַקטישער פירער פון בונד אויפן צוזאַמענפאָר. ליבער איז אַרויסגעטרעטן מיט פאָרשלאָגן און רעדעס אומצאָליקע מאָל. ער האָט געהאַלטן די וויכטיקסטע רעדעס וועגן דער לאַגע אין דער פּאַרטיי, וועגן דעם באַריכט פון דער דומע־פראַקציע, וועגן דער באַציאונג צו די בורזשואַזע פּאַרטייען, וועגן אַקסעלראָדס אידייע מכוח דעם אַרבעטער־צוזאַמענפאָר. פלעכאַנאָוו און באַזונדערס לענין האָבן נישט איינמאָל אָנגעגריפן ליבערן. ווי אין שטאָקהאָלם, איז ער אויך אין לאָנדאָן געוואָרן אויסגעוויילט אין צענטראַל־קאָמיטעט — מיט דעם וועזנטלעכן אונטערשייד, וואָס אין שטאָקהאָלם האָבן געהאַט די איבערהאַנט די מענשעוויקעס בעת אין לאָנדאָן האָט זיך די באָלשעוויקעס מיט דער הילף פון די פּוילישע און לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן איינגעגעבן צו באַקומען די מערהייט אין צענטראַל־קאָמיטעט.

## נאָך דער פאַרשפּילטער רעוואָלוציע

אָן ערך אין 1908 איז געקומען אַ וויכטיקער איבערברוך אין לעבן פון מאַרק ליבערן: ער האָט זיך לעגאַליזירט און באַזעצט אין ווילנע אונטער זיין לעגאַלן נאָמען, מיט זיין אַלטער מוטער, מיט זיין פרוי און טאָכטער און שוועסטער.

אין די יאָרן 1908־1912 האָבן זיך קריסטאַליזירט ניט בלויז די פּאָליטישע און טאַקטישע חלוקי־דעות צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס, נאָר צום סוף פון דעם פּעריאָד איז קלאָר געוואָרן, אַז ס'איז געקומען די צייט פון אַן ענדגילטיקער שפּאַלטונג פון דער פּאַרטיי. אַ געוויסע צייט זיינען נאָך פאָרגעקומען אין אויסלאַנד די פּלענאַרע זיצונגען פון צ. ק. פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ., אָבער אין רוסלאַנד, אין דער פּראַקטישער אַרבעט האָבן די אויסגעוואַקסענע סתירות פּאַקטיש געפירט צו אַן אַנטשיידענעם ריס. ביי די מענשעוויקעס האָט געגנומען די איבערהאַנט די אַ. ג. ליקווידאַטאָרישע ריכטונג, וואָס האָט נישט בלויז געוואָלט אויסנוצן וואָס ברייטער די פּאַראַגענע לעגאַלע מעגלעכקייטן, נאָר האָט אויך נישט געוואָלט בלייבן אין דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן אונטערגרונט, וואו די באָלשעוויקעס האָבן מיט זייער דעמאַגאָגיע, ליגנס און רכילות פאַרסמט די לופט. פאַקטיש

אַקסעלראָד און פּאָטרעסאָוו האָבן אָנגעפירט מיט די ליקווידאַטאָרן. מאַרטאָוו און דאַן האָבן סוף־כּל־סוף אויך זיך דערנענטערט צו די דאָזיקע ליקווידאַטאָרישע שטימונגען. צווישן די בונדיסטן, וואָס האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אַלגעמיינעם פּאַרטיי־לעבן, זיינען ליבער און אַבראַמאָוויטש אַרויסגעטרעטן אַלס ליקווידאַטאָרן.

מען דאַרף אָבער זאָגן, אַז דער קאַמף אין בונד אַרום אָט די חילוקי־דעות איז נישט געווען אַזוי פאַרביטערט, ווי אין דער ר. ס. ד. אַ. פּ.. ערשטנס, זיינען אין בונד נישט געווען אַזעלכע ליקווידאַטאָרישע עלעמענטן, וואָס זאָלן פאָדערן די פּאַקטישע ליקווידאַציע פון אומלעגאַלן פּאַרטיי־אַפּאַראַט, צו וואָס ס'האָבן זיך דעררעדט נישט־ווייניק מענשעוויקעס־ליקווידאַטאָרן. מען קען זאָגן, אַז אַלע אין בונד האָבן געוואָלט אין די שווערסטע צייטן, ווען ס'האָט זיך באַמערקט אַזאַ אָפּפאַל פון פיל נעכטיקע אַקטיווע טוער, אויך איינהאַלטן אַ פּאַרטיי־צענטער, וואָס איז גוט פאַרקאָנספּירירט. צווייטנס — און דאָס איז זייער וויכטיק — אין די דאָזיקע יאָרן זיינען אין בונד נישט געווען קיין באָלשעוויקעס אָדער אַפילו האַלבע באָלשעוויקעס. די לעגענדע אַז ס'זיינען יאָ געווען, אַ לעגענדע וואָס ראַפּעס און אַנדערע האָבן אויסגעטראַכט, פאַלט פון זיך אַליין, ווייל אונטער איר זיינען נישטאָ קיין פאַקטן. אויף די אַלגעמיינע פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן איז שטאָקהאָלם און אַ ביסל שפּעטער אין לאָנדאָן האָבן נאָך פון פאַל צו פאַל זיך באַוויזן געוויסע נייגונגען אין בונד צו פאַרנעמען אַ „נייטראַלע" שטעלונג אין קאַמף צווישן באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. דאָס איז געווען אין 1906־07. ווייניקער באַקאַנט איז, אַז אויף דער 2טער קאָנפערענץ פון די רוסלענדער פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָבן די אַרויסטרעטונגען פון בראָניסלאַוו גראָסער געמאַכט אַן איינדרוק פון פּראָ־באָלשעוויסטישע, און דער אַנדערער בונדישער דעלעגאַט, א. ליטוואַק, „איז געווען געצוואונגען צו פאַרווייכערן די שאַרפע פּאָזיציע פון זיין חבר און טיילמאָל זיך אָפּצוגרענעצן פון אים" (זכרונות פון פּ. קאָלאָקאָלניקאָוו אין די מאַטעריאַלן פון דער געשיכטע פון דער פּראָפבאַוועגונג אין רוסלאַנד, זאַמלבוך 4. מאָסקווע, 1925, ז. 271). אָבער אויף דער באַראַטונג אין פרילינג 1908, וואָס איז פאָרגעקומען אין גראָדנע ביי דעם צ. ק. פון בונד האָט זיך דער קאַמף צווישן די ליקווידאַטאָרן און „פּאַרטיי־אָנהענגער" (פּאַרטייצעס) נאָר „ביז אַ געוויסן גראַד אָפּגעשפּיגלט" — שרייבט א. ליטוואַק (אין די פינצטערע יאָרן — אין בוך וואָס געווען, ווילנע, 1925). ליטוואַק, וועלכער איז אַליין אויף דער באַראַטונג נישט געווען — ער איז געזעסן אין טורמע, גיט איבער דעם תוך פון די דעבאַטן אויף פאָלגנדיקן אופן: „ליבער האָט אין זיין רעפעראַט זיך געמיט צו דערווייזן, אַז די רעוואָלוציע איז שוין געענדיקט... קיין נייע פּאָליטישע רעוואָלוציע וועט נישט זיין, נאָר דער פּראָלעטאַריאַט וועט מיט זיין אָנגעשטרענגטער אַרבעט און סיסטעמאַטישן דראַנג ביסלעכווייז פאַרפעסטיקן און פאַרברייטערן די פרייהייטן, מאַכן פון די שטעגלעך, וואָס די רעוואָלוציע האָט געגעבן, ברייטע וועגן, און אויפן וועג פון עוואָלוציע פאַרוואַנדלען רוסלאַנד אין אַ דעמאָקראַטיע". „די באַראַטונג — זאָגט ווייטער ליטוואַק — האָט געלאָזן די פראַגע אָפן,

און אונזערע טוער האָבן זיך צעטיילט אויף מער אָדער ווייניקער אויסגעשפּראָכענע לעגאַליסטן און אַנטי־לעגאַליסטן. אין ענגערע דיסקוסיעס פלעגט די פראַגע פאָרמולירט ווערן אַזוי: וועט רוסלאַנד גיין אויפן וועג פון דייטשלאַנד און עסטרייך, וואו נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע — 1848 — איז קיין צווייטע מער נישט געווען און די פרייהייטן זיינען פאַרברייטערט געוואָרן ביסלעכווייז, אָדער אויפן וועג פון פראַנקרייך״, וואו נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע 1789־94 זיינען געקומען 1830, 1848, 1871. „קירצער: וועט די רוסישע רעוואָלוציע ריידן דייטש אָדער פראַנצויזיש?״ „דער קאַמף צווישן די לעגאַליסטן און אַנטי־לעגאַליסטן איז ביי אונז געווען שוואַכער, ווי ביי די רוסישע חברים... מען האָט געשטריטן וועגן דעם פאַרנעם פון דער לעגאַלער און אומלעגאַלער אַרבעט״ (זז. 280־285).

מאַרק ליבער האָט זייער אַקטיוו אָנטיילגענומען אין דער לעגאַלער, פאַר אים אינטערעסאַנטער און נייער אַרבעט. ער איז נישט געווען קיין שרייבער. אויף וויפל אונז איז באַקאַנט, האָט ער גאַנץ זעלטן געשריבן אין דער פאָלקסצייטונג און אַנדערע בונדישע אויסגאַבעס. ער האָט פאַרעפנטלעכט איניקע אַרטיקלען אין די לעגאַלע בונדישע זאַמלביכער נייע צייט און צום אָנדענק פון קאַרל מאַרקס. זיין גרויסן אָראַטאָרישן טאַלאַנט, סיי אין רוסיש, סיי אין יידיש האָט ער אָבער אויסגענוצט גאַנץ ברייט. באַזונדערס איז באַקאַנט ליבערס אַרויסטרעטונג אויף דעם צוזאַמענפאָר פון די פאָרשטייער פון די יידישע קהילות אין קאָוונע (1909), וואו מיכאל גאָלדמאַן איז געווען דעלעגירט אַלס פאָרשטייער פון ווילנע. די הויפּט־ענערגיע האָט דער לעגאַליזירטער גאָלדמאַן אָפּגעגעבן דער אומלעגאַלער אַרבעט פון צ. ק. פון בונד. האָרטן זיינען מיט אַמאָל אָנגעקומען נייע שוועריקייטן: אין 1909 איז אַנטדעקט געוואָרן דער באַרימטער פּראָוואָקאַטאָר ישראל־מיכל קאַפּלינסקי, „לאַנגזאַם״ — און דער דאָזיקער ענין, מיט וועלכן ליבער איז געווען באַפולמעכטיקט פון צ. ק. צו פאַרנעמען זיך, האָט מסתמא פאַרשנעלערט דעם סוף פון זיין לעגאַלן לעבן אין ווילנע: ערב פסח 1910 איז ליבער געוואָרן אַרעסטירט. נאָכן אָפּזיצן אַ צייט אין לוקישקער טורמע האָט מען אים פאַרשיקט אין וואָלאָגדע. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אַדמיניסטראַציע פלאַנעוועט אַרויסצושיקן אים ווייטער אין אַ פאַרוואָרפן דאָרף, האָט ליבער אַוועקגעשיקט זיין משפּחה צוריק קיין ווילנע, און געמאַכט אַ וויברח: דורך פעטערבורג איז ער אַוועק קיין אויסלאַנד, און אין דעצעמבער 1910 איז ער שוין געווען אין פאַריז. דאָרטן איז דעמאָלט געווען דער פּאָליטישער צענטער פון דער ס. ד. עמיגראַציע, און אַלס פאָרשטייער פון צ. ק. פון בונד האָט ליבער אָנטיילגענומען אין די באַראַטונגען פון דעם אויסלענדישן ביוראָ פון צ. ק. פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ..

ס'איז וויכטיק צו דערמאָנען וועגן דעם, ווייל אויף דער באַראַטונג איז פאָרגעקומען אַ זייער שאַרפער קאָנפליקט צווישן ליבערן און לענינען, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער עמיגראַנטישער ליטעראַטור. אויף דער באַראַטונג האָט לענין אַרויסגערוקט אַן אָפענע און שענדלעכע באַשולדיקונג, אַז גאָלאָס ס. ד. (די שטימע פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט), דער מענשעוויסטי־

שער זשורנאַל, מיט וועלכן ס'האָבן אָנגעפירט מאַרטאָוו און דאַן) און דער צ. ק. פון בונד האָבן געפאָדערט, אַז דער פאַרטיי־צ. ק. זאָל זיין צונויפגערופן אין רוסלאַנד און נישט אין אויסלאַנד, „ווייל באַוואוסטזיניק רעכענען זיי אויף זיין דורכפאַל דאָרטן". ליבער (דעמאָלט: בער) האָט פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג (אין בלעטל פון דער שטימע פון ס. ד., פון 20 יולי 1911, נומ. 2, פאַריז), אין וועלכער ער דערציילט: „אַן אויסגעטרייסלטער פון דער דאָזיקער חוצפה, האָב איך געזאָגט, אַז איך וועל פאַרלאָזן די באַראַטונג, אויב לעניך וועט נישט גערופן ווערן צו אָרדנונג". לעניך און די באָלשעוויקעס האָבן אָבער איבערגעחזרט די דאָזיקע באַשולדיקונגען. דאַן האָט ליבער פאַרלאָזט די זיצונג און אָפן אַרויסגעזאָגט „זיין טיפע פאַראַכטונג" לעניגען און זיינע חברים... וועגן דעם האָט דאָס אויסלענדישע ביוראָ פון צ. ק. אַרויסגעלאָזט אַ בלעטל נומ. 1 פון 8 סעפטעמבער 1911 מיט אַ שאַרפער רעזאָלוציע פון צ. ק. פון בונד קעגן לעניגען מיט דער פאָדערונג צוצוציען אים צו אַ פאַרטיי־געריכט.

די שפּאַלטונג אין דער פאַרטיי איז געוואָרן אומפאַרמיידלעך. דעם פּלענום פון צ. ק. פון ר. ס. ד. אַ. פּ. איז ניט מעגלעך געווען צונויפצורופן. אין די מענשעוויסטישע רייען, וואו ס'זיינען אויך געווען פאַרשיידענע גרופירונגען (מאַרטאָוו־דאַנס גרופּע, ליקווידאַטאָרן אין פּעטערבורג — פּאָטרעסאָוו־גאַרווי, טראָצקי און זיינע אָנהענגער, פּלעכאַנאָווצעס א. אַנד.), האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָצעס פון דערנענטערונג און קאָנסאָלידאַציע. מען האָט זיך געגרייט צו אַ קאָנפערענץ אין ווין. נישט לאַנג פאַר איר איז געווען אין ווין אָרגאַניזירט די 9טע קאָנפערענץ פון בונד. עס זיינען געווען פאַרטרעטן 27 אָרגאַניזאַציעס און גרופּעס. עס זיינען אויסגעקליבן געווען 4 דעלעגאַטן אויף דער אַלגעמיינער מענשעוויסטישער קאָנפערענץ. אין ווין האָט זיך איינגעגעבן צו שאַפן דעם „אויגוסט־בלאָק", וואָס האָט פאַראייניקט אַלע מענשעוויסטישע ריכטונגען. דער בונד האָט דעמאָלט צום ערשטן מאָל זיך עפנטלעך סאָלידאַריזירט מיט די מענשעוויקעס. פון רייך־בונדישן שטאַנדפּונקט איז געווען וויכטיק, אַז די אויגוסט־קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אין איר איז געזאָגט געוואָרן, אַז „אין פאַרבינדונג מיט דער מיינונג פון די קאַווקאַזער חברים וועגן דער נויטווענדיקייט אַרויסצושטעלן די פאָדערונג וועגן דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע", קאָנסטאַטירט די קאָנפערענץ, אַז „די דאָזיקע אויסטייטשונג פון דעם פּונקט פון דעם פאַרטיי־פּראָגראַם, וואָס אָנערקענט דאָס רעכט פון זעלבסט־באַשטימונג פאַר יעדער נאַציע, שטייט ניט אין סתירה מיט דעם גענויעם זין פון פּראָגראַם". די דעלעגאַטן פון בונד האָבן געזען אין דער דאָזיקער אָנערקענונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע זייער פאַרדינטן זיג.

אין רוסלאַנד איז דעמאָלט דורכגעפירט געוואָרן אַ וואַל־קאַמפּאַניע צו דער פערטער דומע. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קאַמפּאַניע זיינען פאָרגעקומען אַרעסטן פון עטלעכע מיטגלידער פון צ. ק. פון בונד. מאַרק ליבער צוזאַמען מיט ה. ערליכן, און אַ געוויסע צייט מיט מ. ראַפעסן, האָט פאַקטיש אָנגעפירט

מיט דער בונדיישער טעטיקייט. זומער 1914 האָט ליבער געפּלאַנט צוריק פאָרן קיין רוסלאַנד, כדי צוגרייטן דעם 8טן צוזאַמענפאָר פון בונד, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען אין ווין. ס׳איז דעמאָלט אויך אָנגעגאַנגען די אַרבעט צונויפצורופן אַן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס. אחוץ פאַרברייטערן איז אונטערגעקומען די ערשטע וועלט־מלחמה. ליבער האָט געוואָלט דורכ־אויס זיין אין רוסלאַנד, און דורך דער שווייץ האָט זיך אים איינגעגעבן צוריקצוקומען. נאָך ליבערס קומען קיין רוסלאַנד האָט דער מחבר פון די שורות זיך געטראָפן מיט אים. אין אַ קליינעם קריין האָט ער איבערגעגעבן זיינע איינדרוקן פון אויסלאַנד און אַרויסגעזאָגט אַ פּאָר געדאַנקען וועגן דער לאַגע אין סאָציאַליזם. באַזונדערס, געדענק איך, אַז ער האָט גאַנץ רואיק אָפּגעשאַצט דעם פאַקט, וואָס די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן, דזשיל געד אין אַנדערע זיינען אַריין אין אַ קאָאַליציע־רעגירונג. ער האָט זיך דע־מאָלט אויסגעדריקט אַזוי: „ס׳איז נישט אַזוי וויכטיק, וואָס די סאָציאַליסטן זיינען אַריין אין אַ קאָאַליציע־רעגירונג, ס׳איז פיל וויכטיקער פון סאָציאַ־ליסטישן שטאַנדפּונקט צי וועלן זיי פאַרשטיין, אַז ס׳איז שוין נויטיק צו פאַר־לאָזן די קאָאַליציע״.

ליבער האָט זיך באַזעצט אונטער זיין לעגאַלן נאָמען אין פּעטערבורג. ער איז געווען אַן אַקטיווער אָנהענגער פון דעם, אַז דער בונד זאָל נעמען אַ פּאָזיטיוון אָנטייל אין דער ברייטער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין לאַנד אין די מלחמה־יאָרן. ער אַליין האָט פאַרנומען אַן אָרט אַלס אַ באַפולמעכטיקטער פון דער „פרייער עקאָנאָמישער געזעל־שאַפט״, אַרום וועלכער ס׳האָבן זיך קאָנצענטרירט געוויסע ראַדיקאַלע און ליבעראַלע קרייזן. אַלס אַ פאָרשטייער פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט איז ליבער געוואָרן אַרעסטירט אין 1915 אין אָדעס און אַרויסגעשיקט אונ־טער פּאָליציייִשער אויפזיכט אין בוזולוק, סאַמאַרער גובערניע. דאָרטן איז ער פאַרבליבן ביז דער רעוואָלוציע פון 1917, ווען פאַר אים האָבן זיך געעפנט גרויסע און נייע פּערספּעקטיוון.

## זיין פירער־ראָל אין דער רעוואָלוציע פון 1917

מיט די חדשים פעברואַר־מערץ 1917 האָט זיך געעפנט אַ ניי בלאַט אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד, אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט. ווען מאַרק ליבער האָט אין דער ערשטער וואָך פון דער גרוי־סער רעוואָלוציע פאַרלאָזט די טיפע רוסישע פּראָווינץ אויף דער וואָלגע און גלייך אָנגעקומען אין דער הויפּטשטאָט פּעטראָגראַד, איז ער אַלט געווען 37 יאָר. ער איז געווען פול מיט ענערגיע און געשטאַנען אין זעניט פון זיינע פּאָליטיש־שעפערישע כוחות. זיין מוט, זיין אויפריכטיקייט, זיין איבערגעגע־בנקייט צו די אידעאַלן פון דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם האָבן נישט געהאַט קיין גלייכן אַפילו צווישן דער עליטע, וואָס האָט זיך צונויפגעקליבן אין טאַווּרישן פּאַלאַץ, גרייט איבערצונעמען אין אירע הענט דעם רודער

פון דער גרויסער מדינה. און דערצו נאָך דער ליכטיקער רעדנער־טאַלאַנט, וואָס האָט פאַרכישופט אַלעמען — און באַזונדערס די פאָלקס־מאַסן, די גאַס מיט די אַרבעטער און סאָלדאַטן, — וואָס האָט צום ערשטן מאָל פּאָליטיש זיך אַנטפּלעקט.

כאָטש ער איז געקומען קיין פּעטראָגראַד, האָט מאַרק ליבער געהאַט פאַר זיך קודם־כל דעם אַלטן אַדרעס: דעם בונד. ס'האָט שוין עקזיסטירט דער פּעטראָגראַדער ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן. ס'האָט זיך שוין געבילדעט די ערשטע צייטווייליקע רעגירונג. ליבער האָט זיך גלייך אַריינגעוואָרפן אין אַלע זאַכן פון דער רעוואָלוציע. די ערשטע פאָרשטייער פון בונד אין אויספיר־קאָמיטעט פון אַרבעטער־ראַט זיינען געווען ערליך און ראַפעס. ליבער האָט גלייך פאַרנומען ראַפעסעס אָרט אין אויספיר־קאָמיטעט פון ראַט און צוזאַמען מיט ערליכן רעפּרעזענטירט דעם בונד. דאָ האָט זיך אַנטוויקלט זיין שטורמישע פּאָליטישע קאַריערע אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואָלוציע.

לויט זיינע איבערצייגונגען און אָבאָראָנעץ, האָט ליבער געזען אין דער רעוואָלוציע אַ באַשטעטיקונג פאַר דער ריכטיקייט פון זיין פּאָליטישער ליניע: אויב ער האָט פריער גערעכנט, אַז רוסלאַנד, וואָס פירט די מלחמה אין אַ קאָאַליציע מיט דער ענגלישער און פראַנצויזישער דעמאָקראַטיע, דאַרף געווינען די מלחמה און אָפּשלאָגן די דייטשע אַגרעסיע, — איז איצטער דער געדאַנק פון פאַרטיידיקן דאָס באַפרייטע, דעמאָקראַטישע און רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד פאַר אים געווען נאָך גערעכטער און נאָך נאַטירלעכער. די דאָזיקע דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע האָט ליבער אָנגענומען אין גרויסן און גאַנצן אַלס אַ נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע. אין פאַרווירקלעכן אירע אידעאַלן זיינען דעריבער פאַראינטערעסירט אַלע פּראָגרעסיווע כוחות אין לאַנד. במילא איז ליבער בהדרגה געקומען צום געדאַנק, אַז די רעגירונג פון דער רעוואָלוציע דאַרף זיין געבויט אויף קאָאַליציע־יסודות, ד. ה., אויף דער באַטייליקונג אין איר פון סאָציאַליסטן און ליבעראַלן, פון פאָרשטייער פון אַרבעטער און פּויערים צוזאַמען מיט די פאָרשטייער פון די בורזשואַזע עלעמענטן. ביי אַזאַ פּאָליטישער קאָנצעפּציע האָט ליבער באַרעכטיקט אין משך פון די אַלע 8 חדשים עקזיסטענץ פון דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע די פּאָליטיק פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג און געוואָרן אין אַרבעטער־ראַט איינער פון אירע אָנערקענטע פאַרטיידיקער. ווי איינער פון די פירער פון די מענשעוויקעס און פון בונד האָט ליבער געהאַט די מערהייט פון דער ס. ד.־פּאַרטיי אויף זיין זייט, איז פאַנאַנדערגעגאַנגען זיך שאַרף מיט די אינטערנאַציאָנאַליסטן סיי אין דער פּאַרטיי, סיי אין בונד, געפירט אַן אומשלאָסענעם קאַמף מיט די באָלשעוויקעס און דערנעבנטערט זיך אויף אַזוי פיל מיט די עסערן, אַז פון דער דאָזיקער דערנענטערונג האָט זיך געשאַפן אַ „מענשעוויסטיש־עסערישער בלאָק", וואָס זיין פּאָליטיק איז אייגנטלעך געוואָרן די פּאָליטיק פון דער „רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע", פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע. און מאַרק ליבער איז אַריין אין דער געשיכטע פון דער דאָזיקער שטורמישער און גורלדיקער צייט ווי

איינער פֿון אירע וויכטיקסטע, פּאָפּולערסטע און גלענצנדסטע פֿירער. דער טריבון פֿון בונד, דער אומדערמידלעכער בויער פֿון רעוואָלוציאָנערן אונטערגרונט, איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צייט פֿון עטלעכע חדשים אין אַ נאַציאָנאַלער, אַלרוסיש־אָנערקענטער פֿיגור אין דער רעוואָלוציע פֿון 1917.

ס'וואָלט געווען נישט ריכטיק צו כאַראַקטעריזירן סיי ליבערן אַלס פֿירער, סיי זיין פּאָליטיק ווי הונדערט פּראָצענטיק קאָנסעקווענט, אויסגעהאַלטן, אָן שאַטירונגען און וואַקלונגען. ליבער איז געווען אַ קינד פֿון זיין צייט, אויסגעהאָדעוועט אין בונד, אויסגעוויקט אין סאָציאַליסטישע אידייען, און מען קען אים נישט מאָלן מיט אייך פֿאַרב. דערצו נאָך האָט ער די לאַגע אָנגענומען פֿאַר אַ זייער קאָמפּליצירטע. מיט זיין דינעם געהער, מיט זיין טיף־פֿילנדיק האַרץ האָט ליבער געשפּירט די אינערלעכע טראַגיק פֿון דער רוסישער און אַלוועלטלעכער סיטואַציע, די סתירות, דעם קלעם, אין וועלכן ס'טרייבן אַריין דאָס אויפֿגעברויזטע לאַנד די סטיכישקייט, די אומאָרגאַניזירטקייט, אומריפֿקייט און אָפּגעשטאַנענקייט פֿון פּויערטום און פֿון די סאָלדאַטן אין אַ צייט פֿון מלחמה. ער האָט אָפֿט פֿאַרלוירן דעם גלויבן אין דעם זיג, אין דער פֿעסטקייט און זיכערקייט פֿון דער רוסישער פֿרייהייט. שוין אין חודש אַפּריל, באַלד נאָך לענינס קומען אין פּעטראָגראַד, אין דער צייט ווען די געפֿאַר פֿון לינקס פֿאַר דער רעוואָלוציע איז געוואָרן אויף אַזוי פֿיל קלאָר, אַז צערעטעלי האָט פֿאָראויסגעזאָגט „די קאָנטער־רעוואָלוציע וועט קומען דורך די לינקע טויערן", האָט ליבער בוכשטעבלעך איבעראַשט זיינע צוהערער אויף דער 10טער קאָנפֿערענץ פֿון בונד מיט די פֿאָלגנדיקע ווערטער, וואָס קלינגען נאָך ביז היינט אין די אויערן: „איך האָב מורא — האָט ליבער געזאָגט אין זיין שלוס־רעדע אויף דער קאָנפֿערענץ — אַז עס וועט נאָך קומען די צייט, ווען איך וועל פֿונדאָסניי זיצן אין טורמע און מיינע קליינע טאָכטער וועט קומען צו מיר אויף אַ זעאונג, אַזוי ווי דאָס איז געווען מיט עטלעכע וואָכן צוריק".

אַפֿילו אין די שווערסטע צייטן האָט ער געטון זיין פֿליכט, כּדי צו ראַטעווען די רעוואָלוציע פֿון אַלע געפֿאַרן, וואָס האָבן אויף איר געלויערט. די באָלשעוויסטישע היסטאָריקער, און ניט נאָר די באָלשעוויסטישע, שרייבן אָפֿט, אַז ליבער האָט געקעמפֿט אויסשליסלעך אויף לינקס, מיט די באָלשעוויקעס. אַז דאָס איז נישט ריכטיק, אַז ליבער איז קיינמאָל נישט געווען איינזייטיק און אין אַן עת־צרה (למשל, נאָך קאָרנילאָווס אויפֿשטאַנד) איז ער אַרויסגעטרעטן אָפֿן מיט אַ באַשולדיקונגס־רעדע קעגן די קאַדעטן, קען זען יעדער, וואָס וויל זיך אָביעקטיוו אָריענטירן אין ליבערס פּאָליטישער טעטיקייט (זע, למשל, פּ. מיליוקאָווס געשיכטע פֿון דער צווייטער רוסישער רעוואָלוציע, ב. 3, ז. 143, וואו ס'איז אויספֿירלעך איבערגעגעבן ליבערס רעדע אין דעם „פֿאָר־פּאַרלאַמענט", דעם 12 אָקטאָבער 1917). מען דאַרף דאָ אָבער אויך אונטערשטרייכן, אַז די גאַנצע „שטערן־פּלאַטע", ווי מען האָט זיי גערופֿן, וואָס האָט אָנגעפֿירט מיט דעם „מענשעוויסטיש־עסערישן בלאָק" (צערעטעלי, טשעכעאידזע, דאַן, גאָץ און אַנדערע) און וואו ליבער איז געווען איינער פֿון די וויכטיקסטע טאָנגעבער, האָט זיך אין דער סיבירער

פֿאַרשיקונג ערבֿ דער רעוואָלוציע גערעכנט פֿאַר צימערוואַלדיסטן. אין דער פּאָליטישער עוואָלוציע, וואָס אָט די פֿירער האָבן דורכגעמאַכט נאָך דעם, ווי די רעוואָלוציע איז געקומען און זיי זיינען געוואָרן אירע קאַפּיטאַנען, האָבן זיי זיך קיינמאָל נישט גערעכנט פֿאַר קיין „רעכטע" און געהערט צום „צענטער" פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די ווייטערדיקע עוואָלוציע פֿון ליבערן, ווען ער האָט זיך אָפּן דערקלערט ווי אַן אָנהענגער פֿון רעכטן פֿליגל פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, איז געקומען שוין נאָך אַלעמען, נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש.

וועגן דער ענערגיע, וואָס ליבער האָט אַנטוויקלט אין יאָר 1917 אין דער ראָל זיינער אויף אַלע אימפּאָזאַנטע סצענעס פֿון דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע — אויף פֿאַרשיידענע צוזאַמענפֿאָרן פֿון די ראַטן און פֿון דער פּאַרטיי, אויף די וויכטיקסטע פּאָליטישע באַראַטונגען פֿון יענער צייט (באַזונדערס אויף דער מאָסקווער מלוכהשער באַראַטונג אין אויגוסט און אויף דער פּעטראָגראַדער דעמאָקראַטישער אין סעפּטעמבער); זיין אַקטיווער און דראַמאַטישער אָנטייל אין די יולי־טעג בשעת דער באָלשעוויסטישער אומגעלונגענער גענעראַל־רעפּעטיציע פֿון אויפֿשטאַנד; זיינע רעפֿעראַטן אין נאָמען פֿון אַלרוסישן אויספֿיר־קאָמיטעט פֿון די ראַטן אָדער פֿון צ. ק. פֿון דער ר. ס. ד. אַ. פּ. — מענשעוויקעס; זיין פּאָלעמיק מיט לענינען און טראָצקין, — וועגן דעם אַלעם קען מען געפֿינען פֿיל מאַטעריאַל אין דער פּרעסע און פֿאַרשיידענע געשיכטלעכע ביכער. ער איז געשטאַנען אין סאַמע צענטער פֿון דער רעוואָלוציע. ער האָט צוגעלייגט די האַנט צום באַשטימען און צום אַראָפּוואַרפֿן מיניסטאָרן און גאַנצע רעגירונגען. אויף וויפֿל ס'איז באַקאַנט, האָט ליבער אָפּגעוואָרפֿן דעם פֿאָרשלאָג אַליין צו ווערן אַ מיניסטער (ער האָט געהאַלטן, אַז פֿון יידישן שטאַנדפּונקט איז דאָס נישט צוועקמעסיק...), אָבער דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט אין דעם סיסטעם פֿון „דוואָיע־וולאַסטיע" (פֿון צוויי־מאַכטיקייט), וואָס האָט געבילדעט די מיטאַרבעטערשאַפֿט פֿון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג און די אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־ראַטן, בעסער דורכצופֿירן די קאָנטראָל פֿון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע און שטיין אויף דער וואַך אין די אינטערעסן פֿון דעם אַרבעטנדיקן פֿאָלק. מיט זיין טעמפּעראַמענט איז אפֿשר ליבער טאַקע נישט געווען קיין פּאַסנדיקע פֿיגור פֿאַר אַ מיניסטער. ער איז אָבער געווען נישט צו פֿאַרבייטן אין אַן אָראַטאָרישן „דועל", אין אַ שאַרפֿן פּאָלעמישן קאַמף, באַזונדערס מיט די באָלשעוויקעס, מיט דער „ליבקער געפֿאַר".

אָט שרייבט וועגן אים טראָצקי: „אויב די ערשטע פֿידל אין דעם אָרקעסטער פֿון דער ראַטן־מערהייט האָט געשפּילט צערעטעלי, האָט ליבער מיט אַלע זיינע כוחות, מיט בלוט פֿאַרגאָסענע אויגן געשפּילט אויף אַ דורכדרינגענדיקן קלאַרנעט. דאָס איז געווען אַ מענשעוויק פֿון דעם יידישן אַרבעטער־בונד, מיט אַ גרויסן רעוואָלוציאָנערן עבֿר, אַ זייער אָפּנהערציקער, זייער טעמפּעראַמענטפֿולער, זייער שיין־רעדנערישער, זייער באַגרענעצטער (! — ג. אַ.) און וואָס האָט געוואָלט זיך אַרויסווייזן אַלס אַן אומבויג־

זאַמער פּאַטריאָט און אייזערנער מלוכה־מענטש. ליבער האָט פּשוט געברענט מיט שנאה צו די באָלשעוויקעס" (געשיכטע פון דער פעברואַר רעוואָלוציע, ב. 1, ז. 260). די פּאָלעמישע שטעכווערטלעך זיינען ביי טראָצקין פאַרשטענדלעך: ליבער האָט אים טיף געשטאָכן. די דאָזיקע אַנטי־באָלשעוויסטישע טענדענץ האָט באַמערקט אין זיינע זכרונות אויך סוכאַנאָוו, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ מענשעוויק — אינטערנאַציאָנאַליסט. ער גיט אַ גאַנץ אינטערעסאַנטן פּאָרטרעט פון ליבערן אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע: „שוין עטלעכע טעג, ווי אין אויספיר־קאָמיטעט האָט זיך באַוויזן נישט קיין הויכער מענטש, מיט אַן אָנגענעמען אויסזען, מיט אַ קלאַסישן סעמיטישן קאָפּ, מיט אַ שוואַרצער 'אַסירישער' באָרד, מיט אַן אויפמערקזאַמען קוק פון הינטער דעם שטערן, מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל און קעצישע באַוועגונגען... איך האָב עמיצן געפרעגט ווער דאָס איז... — וואָס? איר ווייסט נישט? דאָס איז ליבער, דער באַרימטער בונדיסט... ליבער האָט ווייטער געשפּילט אַ גרויסע, כאָטש נישט קיין זעלבשטענדיקע ראָל. אָן אַ שאַרפער אינדיווידואַליטעט, אָבער מיט אַ גרויסן פּאָליטישן עבר, מיט אַ סאָלידער שול, מיט זייער גרויסע רעדנערישע פעאיקייטן איז ער באַלד געוואָרן, אויב נישט דער באַגייסטערער, איז איינער פון די וויכטיקסטע זיילן פון דער מערהייט אין די ראַטן. איז פיל פאַלן, אין די ענינים, וואָס קומען אויף אַ ברייטער אַרענע, אויף די גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, איז ליבער געווען נישט צום אָפּשאַצן פאַר דער דאָזיקער מערהייט. און זייער אָפט איז אויסגעקומען צו פילן אויף זיך די ווירקונג פון זיין טעמפּעראַמענט, צו זען אויף דער רעדנער־טריבונע זיין דאַרע פיגור ווי זי הויבט זיך אויף מיט צוויי אויפגעהויבענע פינגער און צו הערן זיין שטים, וואָס פירט אויס אויף הויכע טענער זיין שטורמישע פיליפּיק"... (די נאָטיצן וועגן רעוואָלוציע, ב. 2, זז. 65־264)...

טראָץ זיין אַקטיוון אָנטייל אויף די אַלגעמיינע פאָרפּאָסטנס פון דער רעוואָלוציע, האָט מאַרק ליבער אויף אַ רגע נישט פאַרנאַכלעסיקט זיין אַרבעט אין בונד. ער איז געווען דער אמתער לידער, די נשמה פון דער 10טער קאָנפערענץ פון בונד (אַפּריל 1917). ער איז געווען אַ קורצע צייט פאָרזיצער און שפּעטער וויצע־פאָרזיצער פון צ. ק. פון בונד. אין שליחות פון בונד איז ער געפאָרן קיין אוקראַינע, און אין סעפּטעמבער איז ער געווען אין מינסק, וואו ער האָט אָנטייל גענומען אין די פייערונגען לכבוד דעם 20־יאָריקן יוביליי פון בונד און איז אַרויסגעטרעטן מיט אַ גרויסער רעדע. אין דער צייט פון דער מאָסקווער מלוכה־באַראַטונג האָט ער גענומען אַן אָנטייל אין אַ צווישן־פּאַרטייאישער יידישער באַראַטונג. ער האָט זיך באַטייליקט אויך אין דעם אינערלעכן קאַמף צווישן די „אָבאָראָנצעס" און „אינטערנאַציאָנאַליסטן", וואָס האָט זיך פאַרשטאַרקט אויך אין בונד פון יוני חודש, מיט דעם אָנקומען פון ר. אַבראַמאָוויטש, וויקטאָר אַלטער און אַנדערע פון אויסלאַנד.

## נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש

ס'איז געקומען די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש. אין בונד איז די ערשטע צייט געווען אַן אומבאַשטימטע לאַגע: מען האָט זיך אָריענטירט אויף דעם צ. ק. פון די ר. ס. ד. אַ. פּ. — מענשעוויקעס, וואו ס'זיינען אויך געווען אָנגעזעענע בונדישע פירער. דער ערשטער באַשלוס פון צ. ק. פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי האָט אויפגעריזערט אַלעמען: דער באַשלוס, וואָס איז געוואָרן אָנגענומען פון דער מערהייט, איז געווען, אַז דער איינציקער אויסגאַנג פון דער געשאַפענער לאַגע איז אַ בילדונג פון אַן איינהייטלעכער סאָציאַליסטישער רעגירונג — פון די פאָלקס־סאָציאַליסטן ביז די באָלשעוויקעס. אַלס ענטפער אויף דעם איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין צ. ק. פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי. ליבער איז געווען איינער פון די אָנפירער פון דער דאָזיקער שפּאַלטונג. צוזאַמען מיט אַ גרופּע וויכטיקע טוער — מיטגלידער פון צ. ק.: ק. גוואָזדעוו, אַ. סמירנאָוו, פּ. יודין, גאַליקאָוו (אַלע זיינען געווען אַרבעטער) און באַקאַנטע פּאָליטיקער און שרייבער: פּ. קאָלאָקאָלניקאָוו, סקאָבעלעוו, באָגדאַנאָוו, זאַרעצקאַיאַ, גאַרווי, באַטורסקי, יערמאַלאַיעוו, גאָלדמאַן־אַקים (ליבערס ברודער) האָט ליבער רעזיגנירט פון צ. ק. און דערביי דערקלערט, אַז אונטערהאַנדלונגען מיט די באָלשעוויקעס רעכענען זיי אַלס אַ טויט־קלאַפּ פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס און דער רעוואָלוציע. כדי קלאָר צו מאַכן די פּאָזיציע פון מאַרק ליבערן אין דער ערשטער צייט נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש, וועלן מיר ברענגען אַ פּאָר ציטאַטן פון זיינע רעדעס, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף דעם אַלגעמיינעם פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין נאָוועמבער 1917 אין פּעטראָגראַד. דאָרטן האָט ליבער געזאָגט: „ס'טאָרן נישט זיין קיין קאָמפּראָמיסן מיט דעם קאָנטררעוואָלוציאָנערן באָלשעוויזם. מיר דאַרפן אָנערקענען דאָס רעכט אויף אויפשטאַנד פאַרן פאָלק קעגן די באָלשעוויקעס און דאַרפן זיין די אָנזאָגער פון דעם אויפשטאַנד... יעדער הסכם מיט די באָלשעוויקעס וועט צווינגען מיך און פיל אַנדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטן צו פאַרלאָזן די רייען פון דער פּאַרטיי״.

דער 8טער צוזאַמענפאָר פון בונד האָט אָנגענומען די זעלביקע פּאָזיציע, וואָס ס'האָט פריער פאָרמולירט דער מענשעוויסטישער צוזאַמענפאָ. ווען מען האָט געקליבן אַ נייעם צ. ק., איז פאַר ליבערן און זיינע אָנהענגער שוין נישט געווען קיין אָרט אין אים. אין משך פון בירגער־קריג איז ליבער פּאַקטיש געשטאַנען ווייט פון די מענשעוויקעס און פון בונד. אַ קורצע דערנענטערונג סיי מיט דער מענשעוויסטישער פּאַרטיי, סיי מיטן בונד איז פאָרגעקומען אין מאַי 1918, ווען ליבער איז אַריין אין דעם באַשטאַנד פון דעם הויפּט־קאָמיטעט פון בונד אין סאָוועט־רוסלאַנד (דעמאָלט איז אוקראַינע געווען אָפּגעריסן פון מאָסקווע). ער איז אויך קאָאָפּטירט געוואָרן צוזאַמען מיט ג. קוטשין אין באַשטאַנד פון דעם מענשעוויסטישן צ. ק.. אָבער באַלד האָט ליבער פאַרלאָזט מאָסקווע און אַוועק קיין אוקראַינע. דאָרטן איז ער אַרויסגעטרעטן מיט עטלעכע עפנטלעכע פאָרלעזונגען, וואָס

זיינען שפּעטער אַרויס אין בוך־פאָרם *). ער האָט אין נאָמען פון בונד געפּראוועט אַנטיילנעמען אין אוקראַינישע פּאָליטישע איינריכטונגען, גענומען אַנטייל אין אַ באַראַטונג פון שטעט און זעמסטוועס אין סימפעראָפּאָל.

אין 1920 איז ער צוריק געקומען אין מאָסקווע און דאָ אַנטייל גענומען בלויז אין די גאַנץ זעלטענע באַראַטונגען פון די רעכטע מענשעוויקעס ביי די דרוקער־אַרבעטער און אַנדערע. ליבער איז געשטאַנען ווייט פון די אָפיציעלע פּאַרטיי־אינסטאַנצן.

פאַר די באָלשעוויקעס איז ליבער אין משך פון יאָרן, באַזונדערס אין דער צייט פון בירגער־קריג, געווען אַ ציל־ברעט פון פאַרשיידנאַרטיקע טיפּיש־באָלשעוויסטישע באַשולדיקונגען: פאַררעטער, קאָנטר־רעוואָלוציאָנער, דער פשרהניק א. אַז. וו.. זיין נאָמען — און אָפט אין אַ משונהדיק־פאַרענדערטער פאָרם: „ליבער־דאַן“, „ליבער־דאַן־גאָץ“ — האָט מען געקענט זען אָן אויפהער אין אַלע סאָוועטישע צייטונגען. די באַרימטע באָלשעוויסטישע דיכטער האָבן שטענדיק וועגן אים געשריבן זייערע קוואַזי־פאָלקסטימלעכע גראַמען (דעמיאַן בעדני א. אַ.). ס'זיינען אַפילו פאַראַן דראַמעס, וואָס זיינען געווען אויפגעפירט און וואו איינער פון די העלדן איז ליבער. וועגן ליבערן און אַפילו „ליבער־דאַן“ האָט געשריבן נישט איינמאָל לענין אין זיינע צייטונגס־אַרטיקלען און ביכער. מיט איין וואָרט, ליבער איז געוואָרן אַ סימבאָל פון אויסגעהאַלטענעם אַנטי־באָלשעוויזם אין דער אָפיציעלער קאָמוניסטישער ליטעראַטור. אַליין איז ער געזעסן אָדער אין טורמעס אין מאָסקווע און אַנדערע שטעט, אָדער אין פאַרשיקונג. אין לאַנד האָט מען גערעכנט, אַז די באָלשעוויקעס האָבן אים שוין לאַנג ליקווידירט. דאָס וואָס ליבער האָט דורכגעלעבט רעלאַטיוו בשלום דעם בירגער־קריג און פאַרנומען פון צייט צו צייט באַשיידענע מלוכה־שטעלעס, דאַרף מען אפשר דערקלערן מיט דעם, וואָס פעליקס דזשערזשינסקי, דער פאָטער פון דער טשעקאַ, איז געווען זיין יוגנט־פריינט און איז געווען פאַרהייראַט מיט ליבערס עלטערער שוועסטער (זי איז געשטאָרבן אין 1902 אָדער 1903).

אַ קורצע צייט, אין 1922־23, האָט זיך ליבער אומגעקערט צו דער

---

*) דאָס איז אייגנטלעך די איינציקע ליטעראַרישע ירושה פון ליבערן, וואָס איז אונז באַקאַנט:

«Кризис революции и задачи демократии»:

«Политическая автономия областей и задачи с.-д.».

«Дела большевиков».

«Социальная революция или социальный распад».

אַלע בראָשורן אַרויס אין יעקאַטערינאָסלאַוו, 1918. אַחוץ דעם איז פאַראַן זיין רעפעראַט, וואָס איז אַרויס אין מאָסקווע, מאַי 1917:

«Задачи рабочего класса в русской революции». Изд. Е. О. Трауцкой. 60 страниц.

זיינע זכרונות, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין דער צייט פון זיין פאַרשיקונג אין באַראַמאָו, זיינען אָן אַ שפּור פאַרשוואונדן.

פּאַרטיי־אַרבעט. דאָס איז געווען אין טיפֿן אונטערגרונט. ווען ער איז אַריין אין באַשטאַנד פֿון דעם אומלעגאַלן ביוראָ פֿון צ. ק. פֿון דער מענשעוויסטישער פּאַרטיי, מען האָט אַרויסגעשטעלט אַן אומלעגאַלע דרוקעריי, אַרויסגעלאָזט אַ זשורנאַל און בלעטלעך. באַלד איז ליבער געוואָרן אַרעסטירט, און פֿון פֿאַרשיקונג פֿון די וויסטסטע מקומות שוין קיינמאָל נישט צוריקגעקומען. די טראַגישע ידיעה וועגן דעם, אַז מאַרק ליבער צוזאַמען מיט זײַן אַלטן חבֿר פֿון „מענשעוויסטיש־עסערישן בלאָק" 1917 אבֿרהם גאָץ זײַנען אין געהיים, לויט סטאַלינס באַפֿעל, געוואָרן דערשאָסן אין נאָוועמבער 1937, איז אָנגעקומען ערשט אין 1947, אין צען יאָר אַרום. מיר גיבן דאָ דעם באַריכט וועגן דעם טראַגישן פֿינאַל פֿון אַ לעבן, וואָס איז געווען געווידמעט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און דעם דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם.

## דער טראַגישער סוף

די ידיעה וועגן טויט פֿון מאַרק ליבער און אבֿרהם גאָץ (פֿירער פֿון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן) האָט געבראַכט אַן אויסלענדישער סאָציאַליסט, וואָס איז צוזאַמען מיט זיי געזעסן אין אַ סאָוועטישער תּפֿיסה. אָט וואָס דער אויסלענדישער סאָציאַליסט האָט איבערגעגעבן:

„איך בין געקומען אין 1936 קיין סאָוועט־רוסלאַנד. נאָכן אַרעסט פֿון גענעראַל טוכאַטשעווסקי האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־פֿאַרפֿאָלגונג פֿון ‚אָפּאָזיציאָנערן'. יעזשאָוו (דער דעמאָלטיקער פֿירער פֿון דער ‚גע. פּע. או.', וואָס איז שפּעטער אַליין דערשאָסן געוואָרן) האָט געלאָזט אַרעסטירן הונדערטער טויזנטער מענטשן. צווישן זיי בין איך אויך געווען. אין אָקטאָבער 1937 האָט מען מיך אַרײַנגעזעצט אין דעם פּאָליטישן קאָרפּוס פֿון דער טורמע אין אַלמאַ־אַטאַ. דאָרטן זײַנען אין יענעם מאָמענט געזעסן העכער 10.000 מענטשן, אַרעסטירטע אין דער רעפּובליק קאַזאַכסטאַן, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ פֿאַרשיקונגס־אָרט פֿאַר פּאָליטישע. אין אַ צייט אַרום האָט מען מיך אַרײַנגעזעצט אין אַ קאַמער, וווּ עס האָט זיך געפֿונען אַ גאַנצע גרופּע רוסישע סאָציאַליסטן, צווישן זיי גאָץ, ליבער, פּראַנצעוויטש (אַן אַנגעזעענער פֿירער פֿון די ס. ר. אין סיביר), סאָקאָלאָווסקי, לענסקי, און אַנדערע, וועמעס נעמען איך געדענק ניט.

איבנטימער פֿון אַלעמען האָב איך זיך באַקענט מיט גאָצן און ליבערן, וואָס האָבן אויף מיר געמאַכט אַ טיפֿן אײַנדרוק. זיי זײַנען אַרעסטירט געוואָרן אין יולי 1937. פֿאַר זײַן אַרעסט האָט דער פֿאַרשיקטער גאָץ געאַרבעט אַלס עקאָנאָמיסט אין דער אָפּטיילונג פֿון דער מלוכה־באַנק אין אַלמאַ־אַטאַ. דאָרט האָט מען אים אַרעסטירט. אויך זײַן פֿרוי האָט מען אַרעסטירט. זי איז פֿאַררעכנט געווען אַלס דער בעסטער קינדער־דאָקטאָר אין דער גאַנצער קאַזאַכסטאַנער רעפּובליק; אויך זייער זון, אַ סטודענט פֿון געאָלאָגישן אינסטיטוט, איז אַרעסטירט געוואָרן. וווּ עס האָט געאַרבעט ליבער און וואָס עס איז געוואָרן מיט זײַן פֿאַמיליע ווייס איך ניט. ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט זיי אין אָקטאָבער, איז זייער פּאַדהער שוין געווען פֿאַרענדיקט. איך ווייס נישט אין וואָס מען האָט זיי באַשולדיקט און

וואָס מען האָט פֿון זיי געפֿאָדערט: זיי זאָלן זאָגן. איך ווייס נאָר, אַז מען האָט זיי אומענטשלעך געפּייניקט, פֿיזיש און מאָראַליש. די טאַקטיק פֿון גאַנצן אויסלעבן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן זיך באַמיט צו ראַטעווען ווייניקסטנס זייערע פֿאַמיליעס פֿון פּייניקונגען און דערשיסונג; וועגן זיך אַליין האָבן זיי געוווּסט, אַז זיי זיינען סיי־ווי־סיי פֿאַרלוירן. צום באַדויערן האָט זיך זייער פּלאַן ניט איינגאַנצן איינגעגעבן. אָבער אין אָט דעם קאַמף פֿאַר דער רעטונג פֿון זייערע פֿאַמיליעס האָבן זיי צוגעשטימט אונ־טערצושרייבן אַלץ וואָס מען האָט פֿון זיי געפֿאָדערט. מען טאָר זיי דערפֿאַר ניט פֿאַראורטיילן. איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געזען אַ מענטשן, וואָס זאָל זיין פֿיזיש אַזוי צעבראָכן ווי ליבער...

נאָכדעם ווי זיי האָבן אַלץ אונטערגעשריבן, וואָס מען האָט פֿון זיי גע־פֿאָדערט, האָט די „אָסאָבאָיע סאָוועשטשאַניע" (די באַזונדערע באַראַטונג) אין מאָסקווע זיי פֿאַרמישפּט צום טויט, און דער אורטייל איז אויסגעפֿירט געוואָרן. קיין שום משפּט איז אָבער ניט געווען: מען האָט זיי פּשוט פֿאָרגעלייענט אַ פּאַפּירל, און דאָס איז געווען אַלץ.

איך האָב מיט זיי געשמועסט טעג און נעכט. איך האָב זיי געקאָנט מיטטיילן אַ ביסל וועגן דער טעטיקייט פֿון סאָציאַליסטן אין אייראָפּע און זיי האָבן זיך צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס. זיי האָבן מיר אַ סך דערציילט און דערקלערט. פֿאַר די עטלעכע וואָכן וואָס איך האָב מיט זיי פֿאַרבראַכט, האָב איך זיך אויסגעלערנט צו פֿאַרשטיין אַזוינע מענטשן ווי זיי. מען האָט זיי געדאַרפֿט האָבן געזען און מיט זיי גערעדט, כדי צו פֿאַרשטיין, אַז דער פֿאַקט וואָס זיי האָבן זיך „מודה" געווען פֿאַרמינערט אויף אַ האָר ניט די גרויסקייט פֿון זייער נשמה. זיי זיינען געווען העלדן ביים לעבן, זייער העלדישקייט איז אין מיינע אויגן נאָך גרעסער געוואָרן ווען איך האָב געזען ווי אַזוי זיי זיינען געגאַנגען צום טויט. פֿאַר יענע חדשים האָב איך בייגעוווינט די לעצטע מינוטן פֿון טויזנטער קרבנות פֿון סטאַלינען. אָבער איך האָב קיינמאָל ניט געזען אַזוינע העלדישע מענטשן ווי גאָטער און ליבער . . . ביז צום לעצטן מאָמענט אָפּהיטן דעם גלויבן אין דער ליכטיקער צוקונפֿט פֿון רוסלאַנד און פֿון דער וועלט, ביז צום לעצטן הויך גלויבן אין דעם מענטשן, אין דער גערעכטיקייט פֿון אייגענעם לעבן און פֿון אַלטע אידעאַלן, — דאָס איז אַזוינס וואָס ניט פֿיל מענטשן זיינען אויף דעם פֿעאיק.

ווען זיי האָבן זיך מיט מיר געזעגנט, האָב איך זיי געמוזט געבן מיין וואָרט, אַז אויב עס וועט זיך מיר איינגעבן אַרויסצוראַטעווען זיך פֿון רוסלאַנד און קומען קיין אויסלאַנד, וועל איך איבערגעבן אין זייער נאָמען אַלע זייערע פֿריינט און חברים, אַז זיי האָבן קיינמאָל ניט געבויגן זייערע קעפּ פֿאַר די זיגער, אַז זיי זיינען ביז צום לעצטן מאָמענט געבליבן איבער־צייגט אין דער ריכטיקייט פֿון זייערע אידייען, און אַז זיי זיינען איצט נאָך מער ווי פֿריער איבערצייגט אין דער פֿאַלשקייט פֿון לענינס און סטאַ־לינס וועג. גיט איבער אונזערע פֿריינט — האָבן זיי מיר געזאָגט — אונזער לעצטן גרוס, און זאָגט זיי, אַז מיר האָבן אונזער גאַנצן לעבן

מיט שטאָלץ געטראָגן דעם נאָמען פון רעוואָלוציאָנערן. איצט וויל מען אונז באַשמוצן מיטן שטעמפּל 'קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן', אָבער ווי שווער עס זאָל ניט זיין פאַר אונז, ווייסן מיר, אַז די געשיכטע וועט אונז אַרויסטראָגן אַן אַנדער פּסק־דין. עס קען זיין, אַז דאָס פאָלק גלויבט איצט אַלץ, וואָס סטאַלין זאָגט וועגן אונז. סטאַלינען האָט זיך איינגעגעבן אויסצוהאָדעווען אַ דור פון פאַרפירטע און פאַרבלענדטע מענטשן, — אין דעם ליגט דאָך זיין כוח. אָבער עס וועט קומען פאַר רוסלאַנד און דער וועלט אַ בעסערע צייט. און דעמאָלט וועט די געשיכטע אַנטשיידן ווער פון אונז איז געווען גערעכט".

אַזוי טראַגיש האָט זיך פאַרענדיקט דער לעבנס־וועג פון דעם אידעלן מענטשן און אומדערשראָקענעם רעוואָלוציאָנערן קעמפער.

גריגאָרי אַראָנסאָן

●

# משה טערמאַן

געבוירן 1872 (לויט אַנדערע קוועלן 1874) אין מאָהילעוו ביים דניעפּר. די עלטערן — נישט פאַרמעגלעכע, פרומע קליינהענדלער. שוין אין די יינגע יאָרן האָט משה אַרויסגעוויזן אַ נטיה צו לערנען. ער האָט דעריבער באַוויזן צו דערוווערבן אַ סך יידיש וויסן. ווען ער איז



אונטערגעוואַקסן, האָט דאָס אים שוין נישט צופרידנגעשטעלט. ער האָט באַגריפן, אַז פאַר אַ מאָדערנעם ייד טאָרן נישט זיין פאַרמאַכט די קוואַלן פון דער מענטשלעכער וויסנשאַפט. ער פאַרלאָזט זיין היים, קומט קיין קיעוו, וואו ער גרייט זיך אַלס עקסטערן צום עקזאַמען, כדי צו קענען אַנקומען אין אוניווערסיטעט. דאָס איז געווען אַ שווער לעבן, מיט נויט און אַנדערע דאגות. זיין חיונה ציט ער פון געבן לעקציעס פון העברעאיש און רוסיש. פון צייט צו צייט פאָרט ער אין אַרומיקע קליינע שטעטלעך, וואו ער לערנט מיט קינדער.

משה טערמאַן האָט געהערט צום דור בונדישע פּיאָנערן, וואָס האָבן פאַרשפּרייט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל נאָך פאַר דער גרינדונג פון בונד און האָבן צוגעגרייט די קליינע גרופּעס באַוואוסטזיניקע אַרבעטער — די ערשטע בויער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין מיטן די נייַנציקער יאָרן האָט טערמאַן גרופּירט אַרום זיך אַ קרייז יינגע אַרבעטער און אינטעליגענטן. נאָך דער גרינדונג פון בונד איז ער געווען טעטיק אין אַ ריי שטעט — אין ווילנע, מינסק, קאָוונע, וואַרשע. אין 1900

איז ער געווען אַ מיטגליד פון מינסקער בונדישן קאָמיטעט, אין 1905 — פון וואַרשעווער. (אויך אין 1907).

אַ שטילער, ליבלעכער מענטש מיט טיפערע פּאַראינטערעסירונגען אין אידייען און באַוועגונגען, האָט טערמאַנען בעיקר געצויגן צו ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן און צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן די אויפוואַכנדיקע שיכטן יידישע אַרבעטער. ער האָט פאַר זיי געעפנט קוואַלן צו שטילן דעם דורשט נאָך וויסן. טערמאַן אַליין האָט געלערנט אין די צייטן פון קאַמף און געקעמפט אין די צייטן פון לערנען. פון די סכאָדקעס אין טורמע און פון טורמע אין אוניווערסיטעט. אַזוי הין און צוריק.

אין מיטן פון דעם אַלעם כאַפּט ער זיך אַראָפּ צוויי מאָל קיין אויסלאַנד — פריער אין פּאַריז, וואו ער שטודירט אין דער סאָרבאָן פילאָסאָפיע און סאָציאַלע וויסנשאַפטן, שפּעטער אין לאָנדאָן. ער זעצט איבער אין יידיש אַ ריי מאַרקסיסטישע שריפטן — דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס און אַנדערע. ער פאַרפאַסט אַליין אייניקע וואַגיקע ווערק, פון וועלכע אַ טייל זיינען געוואָרן פאַרעפנטלעכט און צוויי — איינס וועגן אַנאַרכיזם און אַ צווייטס וועגן עקספּלואַטאַציע — האָט צוגענומען בעת אַן אַרעסט די צאַרישע אָכראַנע און מער נישט געוואָלט צוריקגעבן. באַזונדערס האָט טערמאַנען וויי געטאָן דער פאַרלוסט פון זיין ווערק וועגן אַנאַרכיזם, וואָס ער האָט במשך אַנדערטהאַלבן יאָר צוגעגרייט אין בריטישן מוזיי אין לאָנדאָן. פון די גרעסערע אַרבעטן זיינע זיינען געוואָרן פאַרעפנטלעכט, ווי באַזונדערע אויסגאַבעס, קולטור און דער אַרבעטער־קלאַס, רעליגיע און קלאַסן־קעגנזאַצן. טערמאַן האָט מיטגעאַרבעט אין אַ ריי בונדישע צייטשריפטן. ער איז געווען דער פאַקטישער רעדאַקטאָר פון דער באַוואוסטער אונטערערדישער צייטונג דער בונד, (1904־5) און זיך באַטייליקט אין דעם אָרגאַן פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע — דער וואַרשעווער אַרבייטער.

אין 1907 איז ער צוריקגעקומען פון לאָנדאָן קיין וואַרשע, וואו ער האָט געלייענט לעקציעס אין אוניווערסיטעט פאַר אַלעמען. מ׳האָט אים דעמאָלט שוין נישט צום ערשטן מאָל — אַרעסטירט. נאָכן האַלטן אים עטלעכע חדשים אין בריסקער פעסטונג, שיקט אים די צאַרישע מאַכט אַרויס קיין מאָהילעוו צו זיין אונטער פּאָליציי־השגחה. טערמאַן איז ווייטער אַקטיוו אין יענעם ראַיאָן און קומט פון דאָרטן אין מערץ 1908 אַלס שליח צו דער באַראַטונג פון בונד (פאַרגעקומען אין גראָדנע) וועגן אויפלעבן די טעטיקייט פון די אָרגאַניזאַציעס. די דעמאָלטיקע שווערע באַדינגונגען אין צאַרישן רוסלאַנד צווינגען אים אָבער אינגיכן צו פאַרלאָזן זיין היימשטאָט און היימלאַנד.

אין 1908 פאָרט טערמאַן ווידער קיין לאָנדאָן און נאָך דעם קיין אַמעריקע. ער ווערט דאָ באַלד אַקטיוו אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אַרבעט מיט אין דער סאָציאַליסטישער און טרייד־יוניאָניסטישער פּרעסע. ער איז באַזונדערס אַקטיוו אין אַרבעטער־רינג. אין די יאָרן 1912־14 איז ער געווען אַ מיטגליד און פאַרזיצער פון בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג און רעדאַגירט דאָס בוך די וועלט און די מענטשהייט, וואָס די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעגעבן אין 1913. ער באַטייליקט זיך אויך אין דער

גרינדונג פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, שרייבט אין איר פרעסע, איז מיטרעדאַקטאָר פון אירע אויסגאַבעס און האַלט פאָרלעזונגען. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער לעקטאָר און זיינע פאָרלעזונגען האָבן צוגעצויגן אַ ברייטערן עולם. טערמאַן איז אויך מיטרעדאַקטאָר פון „ענגליש־יידישן ענציקלאָפּעדישן ווערטערבוך”, וואָס איז אַרויס אין 1915. אין 1916 ווערט ער געהילף־רעדאַקטאָר פון חודש־זשורנאַל די צוקונפט. 14 חדשים איז ער אויפן דאָזיקן אַמט.

עס קומט דאָס יאָר 1917. פרײדיקע נייעס פון רוסלאַנד, וואו די רע־וואָלוציע האָט געשיינט מיט אַזוי פיל שיינקייטן און געלאָקט מיט אַזוי פיל האָפנונגען. משה טערמאַן האָט שוין דעמאָלט שטאַרק געליטן פון אַסטמע־און האַרץ־קראַנקייטן. דאָך האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן קיין רוסלאַנד. פריינט און קרובים האָבן אים אָפּגערעדט פון דער שווערער נסיעה, ער האָט אָבער געענטפערט זיין שוועסטער: „אויב ס׳וועט מיר אויסקומען צו שטאַרבן, וועט עס מיר לייכטער זיין דאָרטן”.

און כאָטש מיט שווערע קראַנקייטן, זיינען זיינע געדאַנקען געווען מיטן לעבן. ער קומט אין דער רוסישער הויפּט־שטאָט פּעטראָגראַד און גייט באַלד צוריק אַריין אין דער אַרבעט פון בונד. ער ווערט רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון אָרגאַן גאָלאָס בונדאַ. דער קראַנקער טערמאַן קען נישט אויסהאַלטן דעם צפון־קלימאַט און באַזעצט זיך אין זיין געבורט־שטאָט מאָהילעוו. ער ווערט סעקרעטאַר פון מאָהילעווער שטאָט־ראָט און האַלט עפנטלעכע לעקציעס, וואָס ציען צו אַ גרויסן עולם און שאַפן אַרום אים אַ באַגייסטערטע שטימונג. ליידער האָט זיין האַרץ מער נישט אויסגעהאַלטן און דעם 6 נאָוועמבער 1917 איז ער פּלוצלונג געשטאָרבן.

„אַ הויך־געבילדעטער מענטש, אַ קרישטאָל־ריינער מענטש, איינער פון די געבילדעטסטע און די ריינסטע, וואָס די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אַרויסגעבראַכט” — האָט נאָך זיין טויט אים כאַראַקטעריזירט זיין פריינט א. ליעסין.

ב. : י. גאָרניצקי : די נייע וועלט, ניו־יאָרק, 7 דעצעמבער 1917. א. ליעסין : די צוקונפט, ניו־יאָרק, יאַנואַר 1918. י. גאָרן : די צוקונפט, ניו־יאָרק, מערץ 1918. שכנא עפּשטיין: אין משה טערמאַנס — קולטור און דער אַרבייטער־קלאַס, וואַרשע, 1918. אַרבייטער־לוח 1921, וואַרשע. ז. רייזען : לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע, ערשטער באַנד, ווילנע, 1928. דזשאָן מילל: פּיאָנערן און בויער, באַנד 2, ניו־יאָרק, 1949. א. ש. זאַקס : די געשיכטע פון אַרבייטער רינג, צווייטער טייל, ניו־יאָרק, 1925. פראַנץ קורסקי : געזאַמלטע שריפטן, ניו־יאָרק, 1952. סימאָן סאָלאָמאָן : דערינערונגען פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג, ניו־יאָרק, 1952. י. ש. הערץ : די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1954.

י. ש. ה.

●

# צביה הורוויטש

פון פאַך אַ זעמשערקע. אַרײַן אין דער באַוועגונג אין דער ערשטער העלפט פון די נײַנציקער יאָרן און גיך זיך אַרויסגערוקט ווי אַ וויכטיקע און פאַראַנטוואָרטלעכע טוערין. אין יענער צײַט זײַנען געווען צוויי אַנפירנדיקע צענטרען פון דער באַוועגונג אין ווילנע. איינער איז באַשטאַנען פון אינטעליגענטן, דער צווייטער פון אַרבעטער (אָרגאַניזירט 1894). אין וויכטיקע פאַלן זײַנען אָפּגעהאַלטן געוואָרן געמיינזאַמע זיצונגען פון ביידע קערפּערשאַפטן, וואָס געוויינלעך זײַנען זיי געווען פאַרבונדן דורך אַרקאַדי קרעמער. צביה איז געווען צווישן די טאָן־געבנדיקע מיטגלידער פון אַרבעטער־צענטר.



ווען ווילנע האָט אין מיטן די נײַנציקער יאָרן געשיקט קיין וואַרשע אייניקע פון אירע וויכטיקע טוער צו פירן דאָרטן אַן אַרבעט, איז צביה די זעמשערקע געווען צווישן זיי. זי איז אַרײַן אין געשאַפענעם וואַרשעווער קאָמיטעט און געווען אַן אַנגעזעענע טוערין. לאַנג אויף דער פרײַ האָט זי זיך נישט געקענט האַלטן. אין 1896 קומען פאָר אין אַ ריי שטעט אַרעסטן פון יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן — די פּיאָנערן פון בונד. אין וואַרשע ווערט אַרעסטירט צביה. געזעסן איז זי אין ביאַליסטאָקער תפיסה. אין 1897, אַ פּאָר חדשים פאַר דער גרינדונג פון בונד, ווערט זי באַפרײַט, צביה קומט צוריק קיין וואַרשע און וואַרפט זיך גלײַך אַרײַן אין דער אויסגעוואַקסענער באַוועגונג.

ב. מיכאַלעוויטש גיט פון איר אַזאַ שילדערונג: „געבוירן און דערצויגן געוואָרן בײַ יידישע קליינהענדלער אין ווילנע, האָט צביה פאַרמאָגט אין זיך אַ געבוירענע אינטעליגענץ. זי איז געווען אַ ברונעטין מיט קוילשוואַרצע אויגן, אַ הויכן שטערן און ענערגישע געזיכט־צוגן. זי האָט זייער פיל געליינט און נאָך מער זעלבשטענדיק געטראַכט. אַלס אַ זעמשערין (הענטשקע־מאַכערין), איז זי אין 1894 געקומען קיין וואַרשע און איז גלײַך צוגעטרעטן צו דער סאָציאַליסטישער אַרבעט. באַזונדערס אויסגעצייכנט האָט זי זיך מיט איר שטאַרקער ענערגיע און אָרגאַניזאַציע־פעאיקייטן. זי איז געווען זייער שטרענג צו די אַרומיקע, האָט פון אירע מיטאַרבעטער זייער פיל געפאָדערט און האָט נישט דערלאָזט קיין שום 'סענטימענטן'."

אַ שטריך צו איר כאַראַקטער גיבן אויך די ווערטער פון וו. קאָסאָווסקי: „ווען זומער 1898 איז אַרויס די בראָשור קעגן פּ. פּ. ס. ('די מלחמה פון פּ.פּ.ס. קעגן דעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־"בונד"'), האָט צביה, אַן אַנגעזעענע און קלוגע טוערין, און אַגב אַ יינגע און חנוודיקע, מיט רוגזא באַמערקט, אַז די בראָשור האָט אין זיך נישט־אַנשטענדיקע אויסדרוקן, ניבול־פּה. והא ראיה, דאָרטן שטייט: 'אַפילו דאָס שענסטע מיידל אויף דער וועלט קען נישט געבן

מער ווי זי פאַרמאָגט׳. צביה האָט שלעכט אויסגעטייטשט דאָס באַוואוסטע פראַנצויזישע שפּריכוואָרט, אָבער דאָס איז דאָ נישט וויכטיק. כדאַי איז צו באַמערקן, אַז אין דער דאָזיקער קלייניקייט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ גאַנ־צע גייסטיקע שטימונג, די גאַנצע דערהויבענע ראָמאַנטיק פון יענער צייט״. (אַרקאַדי־בוך). אויך מאַרטאָוו, וואָס האָט צביהן געקענט פון די נײַנציקער יאָרן אין ווילנע, שרײַבט, אַז זי האָט פאַרמאָגט אַן אַנטשלאָסענעם גראַדן כאַראַקטער און פּאָליטישן חוש. זי האָט זיך אויסגעטיילט אין דער אָנפירנ־דיקער אַרבעטער־גרופּע און צוזאַמען מיט שלמה מנקר (אַ קצב) געהאַט דעם גרעסטן אײַנפלוס צווישן די אַרבעטער.

צביה האָט זיך באַטייליקט אין עטלעכע בונדישע צוזאַמענפאָרן. אויפן צווייטן, וואָס איז פאָרגעקומען אין סעפּטעמבער 1898 אין קאָוונע (פאַרטרעטן וואַרשע); אויפן דריטן — דעצעמבער 1899 אין קאָוונע (פאַרטרעטן לאָדזש); אויף דער באַראַטונג אין דווינסק, יאַנואַר 1903 (פאַרטרעטן גראָדנע); אויפן 5טן צוזאַמענפאָר אין יוני 1903, אין ציריך. זי איז אויך געשיקט געוואָרן ווי אַ דעלעגאַטין צום 7טן צוזאַמענפאָר, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דער צווייטער העלפט אויגוסט 1906 אין לעמבערג, אָבער אויפן וואָקזאַל אין וואַרשע האָט מען זי דעם 13 אויגוסט 1906 אַרעסטירט.

אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר איז זי אויסגעקליבן געוואָרן אַלס מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד. נאָך עטלעכע חדשים האָט זי רעזיגנירט און איז פון דווינסק צוריק אַוועק צו אָרטיקער אַרבעט אין וואַרשע. זי איז געווען פון די סאַמע וויכטיקע טוערס. אַ צײַט האָט צביה אויך געאַרבעט אין דער בונדישער אונטערערדישער דרוקערײַ אין לאָדזש, וואו מ׳האָט געזעצט און געדרוקט די אַרבייטער שטימע און אויפרופן פון צענטראַל־קאָמיטעט. במשך פון יאָרן איז זי געווען אַ מיטגליד פון וואַרשעווער, לאָד־זשער און אַנדערע אָרטיקע קאָמיטעטן. ווי אַ שליח פון צענטראַל־קאָמיטעט, האָט זי באַזוכט די אָרגאַניזאַציעס אין אַ ריי שטעט, וואו זי האָט זיך אָפּ־געשטעלט אויף אַ קורצער צײַט. אַממערסטן האָט זי אָבער פאַרברענגט אין וואַרשע, וואו זי איז געווען אַ פּיאָנערין פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

אַ מענטש מיט אַ שטאַרקער ווילנסקראַפט, איז זי אויך געווען אַ שיינע און גוטע רעדנערין, ווי אויך פאַרמאָגט אָרגאַניזיר־פעאיקייטן. אַן אידעאַלער טיפּ פון אַ רעוואָלוציאָנערן אונטערערדישן טוער. צביה האָט געפירט „סכאָד־קעס״, איז געווען אַקטיוו אין אָרטיקן קאָמיטעט און באַצויבערט די צוהערער אויף די אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען. זי האָט גערעדט מיט פייער און שטאַר־קער איבערצייגונג. בעתן ריידן האָט אַ פייערל געלויכטן אין אירע אויגן. אירע רעדעס האָבן געמאַכט אַ רושם. אַ שלאַנקע פיגור, געקרייזלטע שאָטינע האָר אויפן קאָפּ, אַ טונקל־הויטיק, אינטעליגענט־לומדיש, אָריגינעל און אַס־קעטיש פּנים, האָט זי באַווירקט מיט איר פּאַטאָס און אייזערנעם כאַראַקטער. איר שטאַרקייט האָט מען געפילט אין ריידן און טון.

דעם 24 דעצעמבער 1905 האָט מען זי אַרעסטירט אויף נאָוואָליפּיע 17 אין קאַסטעלאַנסקיס וואוינונג. מ׳האָט דעמאָלט פאַרנומען 15 מענטשן.

געוועזן איז דאָס אַ צופעליקע צוזאַמענקונפט פון טוער, וועלכע האָבן גע־וואַרט אויף געלט, וואָס עזרא האָט געדאַרפט ברענגען פון ניקאָדעם גראָסער (פאָטער פון בראָניסלאַוו גראָסער). צביה איז דאָרטן געוועזן צופעליק, זי האָט בלויז באַגלייט נחן. נאָך 3 חדשים זיצן האָט מען אַלעמען אַרויסגע־לאָזט, ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, צוליבן פאַרלאַנג פון פּראָוואָקאַ־טאָר ישראל מיכל קאַפּלינסקי. דער לעצטער איז אויך געווען צווישן די אַרעסטירטע. איז פאַר דער צאַרישער אָכראַנע געווען די ברירה אַרויסלאָזן בלויז איר מיטאַרבעטער און מיט דעם אַרויסרופן אַ חשד אויף אים, אַלעמען אָן אויסנאַם געבן לאַנגע שטראָף־טערמינען אָדער אַלעמען אַרויסלאָזן אויף דער פריי. די אָכראַנע האָט אויסגעקליבן דאָס לעצטע.

צביה פאַרט דעמאָלט אַוועק קיין לאָדזש, וואו זי איז ווייטער טעטיק. זומער איז זי אַרעסטירט געוואָרן בעתן פאָרן קיין לעמבערג צום בונדישן צו־זאַמענפאָר. נאָך 5 חדשים זיצן אין טורמע ווערט די אויסגעפּראוווטע רע־וואָלוציאָנערין פאַרשיקט אין אַסטראַכאַנער גובערניע. אָבער שוין מיט 4 חדשים שפּעטער, אין מאַי 1907 אַנטלויפט זי פון פאַרשיקונג און נאָך אַ לאַנגער אָפּוועזנהייט קומט זי אויף אַ פאַלשן פּאַס צוריק אין איר היימשטאָט ווילנע.

אין די דריי פערטל יאָר זינט איר לעצטן אַרעסט ביז איר אַנטלויפן האָט זי זיך שטאַרק געביטן. שוין ריין אויסערלעך איז דאָס געווען צו דערקענען. שטענדיק פּיין און מיט געשמאַק געקליידט, איז זי איצט אין דער הינזיכט געוואָרן אָפּגעלאָזן. איר פּנים האָט אויסגעזען שטאַרק פאַרעלטערט. איר שטימונג — אַ פּעסימיסטישע. דער שנעלער באַרג־אַראָפּ פון דער רעוואָלו־ציע, די צעפאַלונג פון די רעוואָלוציאָנערע רייען, דער אַרומיקער ציניזם, וואָס האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ — דאָס אַלץ האָט אויף איר געדריקט ווי אַ שווערע משא. זי האָט געזען ווי הייליקייטן ווערן באַשמוצט און מיט בלוט אויסגעקעמפטע דערגרייכונגען ווערן צעטרעטן מיט די פיס. אָבער נישט בלויז דאָס אַליין. זי האָט געהאַט אויך אַ שווערע פּערזענלעכע איבערלעבונג. פריער אַן אינטימע חברטע פון נחן, האָבן זיי זיך אין 1906 דערווייטערט. די שטאַלצע, פילבאַרע צביה איז געוואָרן פאַרביטערט — אַ געפיל וואָס מ׳האָט געקענט ביי איר באַמערקן בעת זי פלעגט אויף די זיצונגען פון לאָדזשער בונדישן קאָמיטעט ריידן קעגן פאַרשלאַגן, וואָס נח האָט געמאַכט (ער פלעגט טיילמאָל קומען אויף די זיצונגען ווי אַ פאַרשטייער פון צ. ק.).

אין ווילנע האָט זי געוואוינט אין דער דירה פון חבר לייבעטשקע בערמאַן. אין דער בונדישער באַוועגונג איז זי שוין אַקטיוו נישט געווען. דעמאָלט האָט ביי איר אויפגעלעבט אַן אַלטער באַגער צו זיין טעטיק צווישן די רוסישע אַרבעטער. וועגן דעם האָט זי נאָך געטרוימט אין אָנהויב פון איר רעוואָלוציאָנערן גאַנג אין די ניינציקער יאָרן אין ווילנע, אָבער די שטור־מיש־פאַנאַנדערגעוואַקסענע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זי פולשטענדיק באַהערשט און אַלע פיבערן פון איר נשמה האָבן געפלאַטערט אַרום דער פאָן פון בונד.

אין דער צייט פון שווערן געזעלשאַפטלעכן און פּערזענלעכן קריזיס האָט

צוריק אויפגעלעבט דער אַלטער טרוים און זי איז אַוועק קיין פּעטערבורג, וואו זי האָט געאַרבעט אין דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. מ'האָט זי אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין אַרכאַנגעלסק. אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז זי צוריקגעקומען פון פאַרשיקונג און געוואָרן סעקרעטאַרין פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דומע־פראַקציע און איז נאָכן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין 1917 געווען טעטיק אין פּעטער־בורג ביי די מענשעוויקעס־אינטערנאַציאָנאַליסטן. איר ווייטערדיקער גורל איז אונז נישט באַקאַנט.

צביה איז געבוירן געוואָרן 1874 אין ווילנע. איר פאָטער משה לייזער האָט געהאַט אַ ביר־האַלע. אַלע זיינע קינדער — 2 זין און 3 טעכטער זיינען געוואָרן אַרבעטער און — בונדיסטן. ביי די קינדער איז געווען אַ שטאַרקער דורשט נאָך בילדונג. דער פאָטער, אַ שטרענגער מענטש, האָט געקוקט קרום אויף דעם, וואָס די קינדער זיינען אַקטיוו אין דער רעוואָלוציאָנערער באַ־וועגונג, ער האָט אָבער גאַרנישט געקענט ענדערן. דער עלטערער זון ברוך, אַ זעמשער, איז פּלוצלונג געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק. דער יינגערער מאָטל — אַ צאָן־טעכניקער איז געווען טעטיק אין שעדלעץ, וואו מ'האָט אים אַרעסטירט. אַרום 1910 האָט ער זיך אויפגעהאָנגען אין שעדלעצער טורמע.

ב.: אינפאָרמאַציע פון אברהם קאָסטעלאַנסקי און ליזע (ווילנע — ניו־יאָרק). ב. מיכאַלעוויטש: זכרונות פון אַ יודישען סאָציאַליסט, ערשטער באַנד, וואַרשע, 1922. 25 יאָר, וואַרשע, 1922. אַרקאַדי, ניו־יאָרק, 1942. דזשאָן מילל: פּיאָנערן און בויער, ניו־יאָרק, ב. 1 און ב. 2, 1946 און 1949. פראַנץ קורסקי: געזאַמלטע שריפטן, ניו־יאָרק, 1952. ל. בערמאַן (לייבעטשקע): אין לויף פון יאָרן, ניו־יאָרק, 1945.

Ю. Мартов: Записки Социалдемократа, Берлин, 1922; В. Цоглин (Давид Кац — «Тарас»): Первый съезд Бунда; Между первым и третьим съездами Бунда (Революционное движение среди евреев, Москва, 1930)

י. ש. ה.

●

## דוד כץ

געבוירן 1876 אין ווילנער קאַנט, מיטגליד פון צ. ק. פון בונד פון 1898 ביז 1901, איינער פון די וויכטיקסטע טוער ביז 1908. געווען באַקאַנט אונטערן פּסעוודאָנים — טאַראַס. איז געווען איינער פון די צענטראַלע און וויכטיקסטע אָרגאַניזאַטאָרן פון בונד.

כדי צו קענען אין די באַדינגונגען פון צאַרישן רוסלאַנד אויספירן די פונקציע פון אַן אָרגאַניזאַטאָר פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף, האָט מען גע־דאַרפט אַרויסווייזן ספּעציעלע פעאיקייטן, אַ זעלטענעם אויסדויער, אַן אומ־

בויגזאַמען כאַראַקטער, און נישט בלויז געווינלעכע איבערגעגעבנקייט, נאָר טאַקע גרויסע מסירת־נפש. דער אָרגאַניזאַטאָר זוכט נישט קיין אויסערלעכן דערפאָלג, ער באַקומט נישט קיין פּאָפּולאַריטעט, אָנערקענונג און אַפּלאָדיסמענטן. מחמת דעם קאָנספּיראַטיווען כאַראַקטער פון זיין אַרבעט, איז ער געצוואונגען שטענדיק צו זיין זייער באַשיידן, אַפילו אין באַציאונגען מיט די נאָענטסטע חברים.

ער האָט געהערט צו דער ווילנער גרופּע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, מיט וועלכער ס׳האָט אָנגעפירט אַרקאַדי קרעמער. דוד כץ איז געוואָרן אַן אָרגאַנישער גליד פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט שפּעטער געשאַפן דעם בונד. און ווען ס׳איז רייף געוואָרן דער געדאַנק וועגן שאַפן די ערשטע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, איז געווען קלאָר, אַז צווישן אירע בויער געפינט זיך אויך דוד כץ, וועלכער איז אַלס דעלעגאַט פון ווילנע געווען אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון בונד.

אַן אינטערעסאַנט בילד פון אים אין דער באַגינען־תקופה האָט אונז לעצטנס געגעבן לעאָן בערנשטיין אין זיינע קאַפּיטלעך זכרונות (אונזער צייט, ניו־יאָרק, נומערן 10 און 11־12 1954). לעאָן בערנשטיין איז געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון בונד. ער דערציילט אונז פאָלגנדעס וועגן דעם יונגן דוד כץ:

„דוד כץ איז געווען אַ פעלדשערס אַ זון. דער פאָטער האָט פאַר אים אויסגעקליבן די קאַריערע פון אַ מלוכה־לערער. זיין זונס פעאיקייטן האָבן אים פולשטענדיק געגעבן רעכט דערויף. אָבער... דוד האָט זיך אויסגעדריט פון לערנען... דאָס יינגל האָט פאַרלאָזט די אָנפאַנגסשול... דערנאָך איז ער אָנגעקומען צו אַ הענטשקע־מאַכער, איז געוואָרן אַ בעל־מלאכה. אַ פאַרכאַפּטער פון דער באַוועגונג בעת ער איז געווען אַ יאָר 18 אַלט, איז ער אַריינגעפאַלן אין איינעם פון די קרייזלעך, וואו מען האָט געלערנט קולטור־געשיכטע פון פעלקער און פּאָליטישע עקאָנאָמיע. דאָ האָבן זיך גאָר גיך אַנטפּלעקט זיינע פעאיקייטן". די פירער פון קרייז האָבן באַלד באַמערקט די דאָזיקע פעאיקייטן, זיין זעלטענעם זכרון און אים „אַרויסגערוקט".

לעאָן בערנשטיין נוצט אויס די געלעגנהייט, כדי אָפּצופרישן פאַר אונז די אויסערלעכע שטריכן פון דוד כצן: „אַ מענטש פון מיטלען וואוקס, מיט רעגלמעסיקע געזיכטשטריכן, מיט שוואַרצע, עטוואָס געקרייזלטע, קורץ געשאָרענע האָר, האָט זיך דוד אויסגעצייכנט מיט אַ זעלטענער באַוועגלעכקייט. באַוועגלעך זיינען געווען זיינע קלוגע, שוואַרצע, מיט אַ פייערל, טייל מאָל שמייכלענדיקע אויגן. באַוועגלעך זיינען געווען זיינע הענט, זיין קאָפּ, אַפילו זיינע אַקסלען... געלאַכט האָט ער לייכט; ער האָט אין אַ סך זאַכן געפונען קאָמישע שטריכן און אַ געלעגנהייט זיך אויסצולאַכן. און דערציילנדיק עפּעס אַ קאָמישע זאַך, האָט ער אַליין מער פון אַלעמען הנאה געהאַט" . . .

ל. בערנשטיין וואַרפט אַן דעם וועג פון זעלבסטבילדונג צו דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, וואָס איז געווען דעמאָלט כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יוגנט. און דוד כץ איז געווען אין דער הינזיכט גאַנץ טיפּיש. „אַלע זיינען מיר געווען אויטאָדידאַקטן: מיר האָבן זיך אַליין געלערנט, אַריבערשפּרינ־



גענדיק פון אילאָוואַיסקיס לערנביכל פון געשיכטע צו פּיסאַרעווס ׳רעאַ־ליסטן׳, צו דער ׳געשיכטע פון ציוויליזאַציע׳ פון באָקל, צו דער ׳אַנטשטיי־אונג פון פאַמיליע און אייגנטום׳ פון ענגעלסן, צו דער ׳פילאָסאָפישער סיס־טעם׳ פון העגעלן און צו די עקאָנאָמישע טעאָריעס פון מאַרקסן... דער חשק צו לערנען זיך איז ביי אונז געווען אַ גרויסער... אָבער... מען האָט געדאַרפט פאַרדינען אויפן לעבן און אַחוץ דעם זיינען מיר געווען פאַרוואַרפן מיט אַרבעט אין דער באַוועגונג: פאַרזאַמלונגען, קרייזלעך, זיצונגען, באַ־געגענישן״...

***

וועגן דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון בונד (1897) האָט דוד כץ (געלעבט שפּעטער אונטערן נאָמען — וו. צאָגליין) געהאַלטן אַ פאָרלעזונג דעם 11 נאָ־וועמבער 1927 אין מאָסקווע, אין דער יידישער סעקציע פון דער געזעלשאַפט פון די פּאָליט־קאַטאָרזשאַנעס (זאַמלבוך ״די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן יידן, 1930, רוסיש, זז. 148־131). ביי זיין פאָרלעזונג זיינען אָנוועזנד געווען נאָך צוויי דעלעגאַטן פון בונדישן גרינדונג־צוזאַמענפאָר: מאַריאַ זשאַלודסקי, טאַראַסעס פרוי, און לעאָן גאָלדמאַן, ליבערס עלטערער ברודער. קיין נייע שטריכן צו דער גרינדונג פון בונד און צו דער געשיכטע פון ערשטן צוזאַמענפאָר האָט טאַראַס נישט אַריינגעטראָגן. מער פּרטים געפינען מיר אין דער צווייטער פאָרלעזונג, וואָס טאַראַס האָט געהאַלטן אין דער זעלבער אודיטאָריע אין מאָסקווע דעם 23 דעצעמבער 1927 און דעם 5 יאַנואַר 1928, (זע דעם דערמאָנטן זאַמלבוך זז. 181־148), וואָס איז געווען געווידמעט דער לאַגע אין בונד צווישן דעם ערשטן און דריטן צוזאַמענפאָר (1897־99). דער דאָזיקער פּעריאָד איז טאַקע געווען דער גלאַנץ־פּעריאָד פון טאַראַסעס אַר־בעט אין בונד. אין די דאָזיקע יאָרן, וואָס זיינען געקומען נאָך דער ערשטער קאַטאַסטראָפע פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין 1898, נאָך דעם פּאָ־גראָם, וואָס די רוסישע אָכראַנע האָט געמאַכט אויפן בונד — שטייט פאַר אונז אויף טאַראַס ווי די נשמה פון בונד. ער איז עס געווען דער מענטש,

וואָס האָט גענומען אויף זיך די מיסיע צו ראַטעווען דעם בונד פון אונטער־גאַנג און וואָס האָט די דאָזיקע שווערע אויפגאַבע געליזט. דער דאָזיקער קאַפּיטל איז דער וויכטיקסטער אין לעבן און אַרבעט פון טאַראַסן און פאַר־דינט, אַז מיר זאָלן זיך אויף אים אויספירלעך אָפּשטעלן.

ווי באַקאַנט, איז דער אָנפאַל פון זובאַטאָוון, דעם ראָש פון דער פּאָלי־טישער אָכראַנע, אויפן בונד, געווען דורכגעפירט אין אַ גרויסן פאַרנעם. ס׳איז אַרעסטירט געוואָרן דער צ. ק., וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר: קרעמער, קאָסאָווסקי און מוטניק. ס׳איז דורכגעפאַלן די צענטראַלע דרוקעריי פון בונד אין באָברויסק. גלייכצייטיק זיינען דורכ־געפירט געוואָרן אַרעסטן אין ווילנע, מינסק, ביאַליסטאָק, וואַרשע, לאָדזש און אַנדערע שטעט. אויף אַלעמען איז אָנגעפאַלן אַ יאוש. זובאַטאָוו האָט גערעכנט, אַז זיין גרויסער פּלאַן האָט זיך אים איינגעגעבן און דער בונד איז שוין ליקווידירט.

אין דער דאָזיקער פינצטערער צייט האָט זיך אומדערוואַרט אַרויסגע־וויזן, אַז די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, דער בונד, האָט שוין אקומולירט אַזעלכע אינעווייניקסטע כוחות, וואָס ווילן זיך נישט אונטערגעבן און זיינען גרייט צו געבן אַ ווידערשטאַנד. דאָס בילד, וואָס האָט זיך באַשאַפן באַלד נאָך דער קאַטאַסטראָפע, באַשרייבט הזשאַן מילל אין זיינע זכרונות: „אין דערמוטיקנדיקער סורפּריז נאָך אַ צווייטן. עס איז פשוט אומבאַשרייבלעך און אומגלויבלעך, נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפע לעבט דער בונד און ער וועט לעבן!.. אַנשטאָט דער קאָנפיסקירטער דרוקעריי אין באָברויסק איז אַוועקגעשטעלט אַ נייע. די אַרבעטער שטימע גייט ווייטער אַרויס. ס׳איז דערשינען אַ נייער אָרגאַן דער קלאַסן־קאַמף פון ווילנער קאָמיטעט פון בונד. אויך דער ביאַליסטאָקער קאָמיטעט האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ בלעטל, דעם ביאַליסטאָקער אַרבעטער. די בערשטער האַלטן אָפּ זייער זיבעטע קאָנ־פערענץ... דער ראַיאָן פון בונד ווערט ברייטער, זיין אַרבעט אינטענסיווער... מען גרייט זיך צו אַ נייעם צוזאַמענפאָר... עס ווערט הימלעכער אויפן האַרצן!“

„אין דער אַרומיקער, אומקלאָרער צייט גלייך נאָך די ערשטע שווערע צאַרישע רעפּרעסיעס קעגן בונד, האָבן די נייע אומשטענדן געבראַכט אין פאָדערגרונט אַ מענטש, וואָס האָט מיט אַ וואונדערבאַרער שנעלקייט צוריק אַוועקגעשטעלט אויף די פיס די פאַגראָמירטע אָרגאַניזאַציעס און אַריינגע־בלאָזן אין זיי אַ לעבן און זעלבסט־צוטרוי. דאָס איז געווען טאַראַס — דוד כץ. אַן אַמאָליקער הענטשקע־מאַכער, האָט ער דורך פלייסיקער זעלבסט־בילדונג און אַ דאַנק די פּראָפּאַגאַנדע־קרייזן, דערגרייכט די שטופע פון אַ מיטלמעסיקן געבילדעטן מענטש פון יענעם טיפּ, וואָס מען האָט אין דער פיאָנערן־צייט פון דער באַוועגונג גערופן ׳האַלב־אינטעליגענץ׳. אַ טעטיקער טוער אין ווילנער קאָמיטעט, איז ער אַלץ מער און מער צוגעצויגן געוואָרן צו דער פאַרצווייגטער אַרבעט פון צ. ק.. ווען די מיטגלידער פון צ. ק. זיינען אַרעסטירט געוואָרן, האָט ער גענומען אויף זיך די מיסיע ווידער צוזאַ־מענצובינדן די פאַרבליבענע אָרגאַניזאַציעס... אין זיין נייער ראָל האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך איניציאַטיוו, ענערגיע, אַרבעטזאַמקייט, איבערגעגעבנ־

קייט... צוויי חדשים זיינען פֿאַרביי נאָכן דורכפֿאַל פֿון בונד און טאַראַס רופֿט צונויף דעם צווייטן צוזאַמענפֿאָר פֿון בונד" (פּיאָנערן און בויער, ב. 2, ניו־יאָרק 1949).

דער צוזאַמענפֿאָר איז פֿאָרגעקומען אין קאָוונע אין דער דירה פֿון לעאָן בערנשטיין בשעת די ייִדישע יום־טובֿים, הערבסט 1898. די דעלעגאַטן זיינען על־פּי־רוב געווען אַרבעטער, און גערעדט האָט מען אויף דעם צוזאַמענפֿאָר ייִדיש. קיין באַזונדערע פּראָבלעמען זיינען נישט געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדנונג, און די פּראַקטישע אויפֿגאַבן זיינען געווען הויפּטזעכלעך אָרגאַניזאַציאָנעלע. אין צענטראַל־קאָמיטעט זיינען אויסגעקליבן געוואָרן טאַראַס, זעלדאָוו־ניעמאַנסקי, צביה הורוויטש. מען האָט פֿאַרטיילט די אַרבעט פֿון נייעם צ. ק. אַזוי: זעלדאָוו האָט זיך באַזעצט אין ווילנע, טאַראַס און צביה — אין דווינסק. אַרויסלאָזן די אַרבעטער שטימע האָט מען איבערגעגעבן מאַקס טאָביאַשן. אָבער שוין יאַנואַר 1899 האָט טאַראַס צונויפֿגערופֿן אַ קאָנפֿערענץ פֿון צענטראַלע מענטשן, כּדי צו באַהאַנדלען די שווערע לאַגע: זעלדאָוו איז אַוועקגעפֿאָרן קיין פּעטערבורג; צביה איז אַרויסגעטרעטן פֿון צ. ק.. טאַראַס איז אויף אַ קורצער צייט ווידער געוואָרן אַליין די פֿאַרקערפּערונג פֿון צ. ק.. ער האָט אָרגאַניזירט אַ נייע דרוקעריי פֿאַר דער אַרבעטער־שטימע אין לאָדזש. ער האָט זיך פֿאַרשטענדיקט מיט די מיטגלידער פֿון אויסלענדישן קאָמיטעט. צו יענער צייט האָבן זיך אָרגאַניזירט אַ פּאָר נייע פּונקטן פֿאַרן טראַנספּאָרט פֿון ליטעראַטור — פּלעשען ביי קאַליש, ווערזשבאָלאָווע א. אַ.. אין איינעם אַן אָרט האָט זיך איינגעגעבן צו טראַנספּאָרטירן ליטעראַטור מיט דער קאָוונער פּאָטשט, דורך די פּאָטשטאַליאָנעס. ס'איז דעמאָלט אַוועקגעשטעלט געוואָרן די פֿראַגע וועגן צונויפֿרופֿן אַ דריטן צוזאַמענפֿאָר פֿון בונד. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איז טאַראַס אומלעגאַל אַוועקגעפֿאָרן קיין אויסלאַנד. פֿאַרבייגייענדיק איז כּדאַי דאָ איבערצוגעבן, אַז אין יענע יאָרן האָט דר. חיים זשיטלאָווסקי זיך געווענדעט צו טאַראַסן מיט דער אָנפֿראַגע: — פֿאַרוואָס נעמט איר מיך נישט אַריין אין בונד?.. פֿראַנץ קורסקי, וואָס האָט דעמאָלט געזען טאַראַסן אין אויסלאַנד, דערציילט, אַז ער האָט אים אין די יאָרן 1899־1900 פֿאַרזאָרגט מיט אַן „אייגענעם פּע" (פּאַס) אויפֿן נאָמען פֿון קאַפּלאַן.

דער דריטער צוזאַמענפֿאָר איז ווידער געווען אין קאָוונע, אין דעצעמבער 1899. דער הויפּט־פּונקט פֿון טאָג־אָרדענונג איז געווען די נאַציאָנאַלע פֿראַגע. צווישן די 20 דעלעגאַטן זיינען געווען דזשאַן, אַנמאַן, ווײַנשטיין, מאַקסים קלעוואַנסקי און אַנדערע. טאַראַס האָט געהערט צו דער ריכטונג, וואָס איז געווען געשטימט קעגן די נייע טענדענצן און נישט מסכּים געווען מיטן פֿאָרשלאָג פֿון דזשאַן מילל וועגן פֿאַרברייטערן דאָס פּראָגראַם פֿון בונד און אַרייננעמען אין אים דעם קאַמף אויך פֿאַר נאַציאָנאַלע רעכט. אין צענטראַל־קאָמיטעט איז ווידער אַריין טאַראַס.

***

וועגן דער ווייטערדיקער טעטיקייט פֿון טאַראַסן פֿאַרמאָגן מיר זייער ווייניק אינפֿאָרמאַציעס. ער האָט געאַרבעט אין פֿאַרשיידענע שטעט, געווען

אַרעסטירט און אָנטייל גענומען אין עטלעכע ווייטערדיקע קאָנפֿערענצן און צוזאַמענפֿאָרן פֿון בונד. ער איז געבליבן איינער פֿון די וויכטיקסטע טוער ביז 1908.

פֿאַר זיינע פּאָליטישע און בונדישע שטימונגען איז זייער כאַראַקטעריסטיש נישט בלויז די פּאָזיציע, וואָס ער האָט פֿאַרטיידיקט אויף דעם 3טן צוזאַמענפֿאָר, נאָר אויך זיך פּאָזיציע, וואָס ער האָט פֿאַרטרעטן אויף דער 7טער קאָנפֿערענץ פֿון בונד (1906), ווען מ׳האָט באַהאַנדלט די פֿראַגע וועגן אומקערן זיך אין די רייען פֿון דער אַלגעמיינער ס. ד.־פּאַרטיי. די חלוקי־דעות זיינען באַקאַנט ווי דער קאַמף צווישן די האַרטע און ווייכע. די קאָנפֿערענץ איז געווען אין בערן, שווייץ. וועגן אירע אַרבעטן האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ געניטעם באַריכט פּ. אַנמאַן אין דער אויסגאַבע רויטער פּנקס (זאַמלבוך 2, וואַרשע, 1924). באַשרייבנדיק די פֿילצאָליקע שאַטירונגען, וואָס זיינען אויפֿגעקומען אויף דער קאָנפֿערענץ, באַמערקט אַנמאַן, אַז טאַראַס איז געווען אַן אָנהענגער פֿון דער עקסטרעם ווייכער פֿראַקציע: „טאַראַס האָט וועגן זיך אַליין געזאָגט, אַז ער איז אַן אָנהענגער פֿון פֿאַראייניקונג פֿאַר יעדן פּרייז, אויף אַלע תנאים". אַנמאַן גיט צו: „אַזעלכע, ווי ער, איז געווען גאָר ווייניק, און אויף אים האָט זיך געשאָטן סאַרקאַזם פֿון אַלע זייטן"...

ל. בערמאַן דערציילט אין זיינע זכרונות (אין לויף פֿון יאָרן, ניו־יאָרק 1945), אַז טאַראַס, אורטשיק דער בערשטער און ער זיינען באַשטימט געוואָרן אין יאַנואַר 1906 אין באַשטאַנד פֿון אַ צענטראַלער קאָמיסיע, וואָס זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט אָרגאַניזירן קאַמף־דרוזשינעס, באַוואָפֿענען זיי, אינסטרואירן א. אַ. וו.. די קאָמיסיע האָט מען צוליב קאָנספּיראַציע גערופֿן מים (אַ קעגנזאַץ צו פֿייער). טאַראַס האָט וועגן דעם ענין באַזוכט אַ ריי שטעט: ביאַליסטאָק, וואַרשע, לאָדזש, טשענסטאָכאָוו.

אין די יאָרן פֿון רעאַקציע איז טאַראַס „אַוועק אין פּריוואַטן לעבן". אמת, אַז אין 1909 האָט דער אויסלענדישער קאָמיטעט באַשלאָסן אַרויסצורופֿן טאַראַסן פֿון רוסלאַנד. טאַראַס האָט מסכים געווען, אָבער צוליב פֿאַרשיידענע סיבות איז ער נישט געקומען. ער איז געבליבן פֿונדערווייטנס און זיך באַזעצט אין קאַווקאַז. ער איז „פֿאַרלוירן" געגאַנגען.

צום סוף פֿון די צוואַנציקער יאָרן האָט מען זיך דערוווּסט, אַז ער מיט זיין פֿרוי, מאַריאַ זשאַלודסקי, לעבט אין מאָסקווע. ס׳זיינען דערגאַנגען צו אונדז זיינע פֿאַרלעזונגען וועגן די ערשטע יאָרן פֿון בונד, און פֿון אַ קאָמוניסטישער צייטונג איז דערגאַנגען די ידיעה, אַז ווען אין מאָסקווע איז געקומען אַברהם רייזען, האָט טאַראַס אין נאָמען פֿון דער יידישער סעקציע פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿון די געוועזענע פּאָליט־קאַטאָרזשאַנעס באַגריסט דעם דיכטער. פֿון יענער צייט זיינען פֿאַרלאָפֿן טייכן בלוט. די דערמאָנטע געזעלשאַפֿט פֿון די קעמפֿער קעגן צאַריזם — פֿון די געוועזענע פּאָליט־קאַטאָרזשאַנעס איז אין אָנהויב פֿון די דרייסיקער יאָרן געוואָרן פֿאַרמאַכט פֿון סטאַלינס רעגירונג. און וואָס איז געווען דער גורל פֿון די מיטגלידער פֿון דער יידישער סעקציע — קען מען זיך פֿאָרשטעלן.

## גריגאָרי אַראָנסאָן

# מאַריע זשאַלודסקי

צווישן די פּיאָנערן פון בונד פאַרנעמט אַ באַזונדערן אָרט אַ פרוי, אַן אַרבעטערין, וואָס האָט זיך אַרויסגערוקט אויף דער אויבערפלאַך פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אַרענע אויסשליסלעך אַ דאַנק אירע גרויסע פעאי־קייטן און איר איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעטער־זאַך: דאָס איז געווען מאַריע זשאַלודסקי, איינע פון די 13 דעלעגאַטן אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון בונד.

די דאַטע פון איר געבוירן־יאָר איז אינגאַנצן נישט באַשטימט. פראַנץ קורסקי פאַרצייכנט אין זיין רשימה פון די דעלעגאַטן צום ערשטן בונדישן צוזאַמענפאָר, אַז מאַריע איז געבוירן געוואָרן אין 1875, בעת אין דער רשימה פון דעם פּאָליציי־דעפּאַרטמענט (פאַרעפנטלעכט אין מאָסקווע 1923) שטייט, אַז זי (זשעלודסקאַ, מעריקאַ אַבראַמאָוונאַ) איז געבוירן געוואָרן מיט פינף יאָר שפּעטער — אין 1880. (ריכטיקער איז אַז זי איז געבוירן געוואָרן פריער).

די שטאָט, וואו זי איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן, איז אויך גענוי נישט פעסטגעשטעלט. מיר דערוויסן זיך נאָר פון דזשאָן מיללס זכרונות, אַז אין אָנהויב פון די ניינציקסטע יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט איז מאַריע געווען אַריינגעצויגן אין דעם פּראַקטישן צענטער פון דער סאָציאַליס־טישער אַרבעט אין ווילנע. דעמאָלט אין 1890־91, ווען מילל איז געקומען קיין ווילנע, האָט דאָרטן פונקציאָנירט, אַחוץ דעם אידעאישן אָנפירנדיקן פּאָליטישן צענטער, אויך אַ צווייטע צענטראַלע קערפּערשאַפט, צו וועלכער — שרייבט ער — ס׳האָט אויך געהערט מאַריע זשאַלודסקי (ז״ב אַרקאַדי, ז. 149).

וועגן איר אַרבעט אין די ערשטע יאָרן דערציילט יולי מאַרטאָוו־צע־דערבוים, וואָס איז געווען פאַרשיקט פון פּעטערבורג קיין ווילנע. די דער־ציילונג פון מאַרטאָוו איז זייער אינטערעסאַנט, און איך וועל זי אויספירלעך ציטירן (די נאָטיצן פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, רוסיש, בערלין, 1922, זז. 208־10).

„אַ שנעלע אָרגאַניזאַציאָנעלע קאַריערע האָט דעמאָלט געמאַכט מאַריע זשאַלודסקי. אַ געבוירענע אין אַ בורזשואַזער משפחה, וואָס איז רואינירט געוואָרן, האָט זי געאַרבעט אין אַ ווערקשטאָט, וואָס האָט געהערט צו אַ פּוי־לישער פרוי... זי האָט דעמאָלט געטראָגן זיך מיט אַ געדאַנק אַרויסרייסן זיך פון דער לאַגע פון אַן אַרבעטערין. מחמת דעם האָט זי באַשלאָסן צוצוגרייטן זיך צו אַן עקזאַמען אויף אַ געהילף־אַפּטייקער אָדער אַן אַקושערקע, און געזוכט צו דעם אַ לערער. זי האָט אָבער געוואָלט אויסנוצן די לעקציעס אויך פאַר איר אַלגעמיינער בילדונג. דער צופאַל האָט געבראַכט זי צו מיר — איך האָב דעמאָלט געגעבן פּריוואַטע לעקציעס. מיך האָט פאַראינטערעסירט דאָס מיידל, וואָס האָט פאַרדינט אַרום 10 רובל אַ חודש און פאַרגעלייגט מיר 5 רובל פאַר דריי לעקציעס אַ וואָך, נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג. דערביי האָב

איך געדאַרפט אַחוץ שול־קעגנשטאַנדן באַקענען זי מיט די יסודות פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע"...

„ווען איך האָב זיך באַקענט מיט איר נענטער, האָב איך דערזען, אַז ווען זי וועט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען און פאַרלאָזן דעם ווערקשטאַט, וועלן מיר פאַרלירן אַ טוערין, וואָס לויט איר טעמפּעראַמענט, אַנטוויקלונג און כאַראַקטער, קאָן זי זיין זייער נוצלעך אין דער אָרגאַניזאַציע. איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין מוט — שרייבט מאַרטאָוו — צו שטויסן זי אויף אַ וועג, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַן אָפּזאָג פון דעם פּרואוו אַרויסצורייסן זיך פון די אביונישע באַדינגונגען פון לעבן פון אַ פּראָלעטאַרישער פרוי אין האַנטווערק. איך האָב דערפאַר געקנעלט מיט איר לאַטיין און מאַטעמאַטיק און זייער פּאָרזיכטיק איבערגעגעבן איר די עלעמענטאַרע ידיעות פון מאַרק־סיסטישער פּאָליטישער עקאָנאָמיע און נישט געמאַכט דעם פּרואוו אַריינציען זי אין דער באַוועגונג... אָבער אין 3־2 חדשים האָט מיין שילערין אַליין מיר געזאָגט, אַז זי זאָגט זיך אָפּ פון איר קאַמף פאַר אַ בעסערער סאָציאַלער פּאָזיציע. איך בין געווען זייער צופרידן צו דערוויסן זיך אין אַ האַלב־יאָר אַרום, אַז מאַריע איז פאַרבונדן מיט אונזערע אַרבעטערינס און זי האָט פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אין דער קאַסע פון די שניידערינס און געווען פאָרגעשלאָגן אין מיין קרייז פון דער העכערער שטופע"...

אַן ערך אין 1894 ווערט שוין מאַריע זשאַלודסקי אַ וויכטיקע טוערין אין דער באַוועגונג — סיי אין די פּאָליטישע קרייזלעך, סיי אין דעם פאַך פון די שניידערינס. ווען מאַרטאָוו האָט דעם 1 מאַי 1895 געהאַלטן זיין באַרימטע רעדע וועגן דער נויטיקייט פון אַ ספּעציעלער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט און וועגן דער נויטיקייט איבערצוגיין אין דער פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע אויף יידיש — די רעדע, וואָס איז שפּעטער אַרויס אונטערן נאָמען דער ווענדע־פּונקט פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג — איז די רעדע געהאַלטן געוואָרן אויף דער דאַטשע, וואו ס'האָט געוואוינט מאַריע זשאַלודסקי. טאַראַס (דוד קאַץ — דער מאַן פון מאַריע), האָט דערמאָנט וועגן דעם אין זיין רעפעראַט אין מאָסקווע אין דער יידישער סעקציע פון דער געזעלשאַפט פון די פּאָליטישע קאַטאָרזשניקעס אין 1927. טאַראַס האָט דערציילט, אַז 35 מענטשן זיינען געווען אויף דער פאַרזאַמלונג בעת מאַרטאָווס רעדע.

אין זיינע זכרונות מאָלט אויס הלל קאַץ (בלום) דעם טאָג פון 1טן מאַי מיט אַ יאָר שפּעטער, 1896, אין ווילנע, וואו די צענטראַלע ראָל האָט געשפּילט מאַריע זשאַלודסקי. דעם אַרבעטער יום־טוב האָט מען געפּראַוועט אין אַ וואַלד, צווישן 12 און 1 בייטאָג. אַן ערך 185 אַרבעטער און אַרבעטערינס האָבן זיך פאַרזאַמלט, אויסגעזעצט זיך אויף די אָפּגעזעגטע ביימער און אויף דער ערד. „מערע זשאַלודסקי, — שרייבט הלל — אין אַ רויטער בלוזקע, איז אַרויפגעקראָכן אויף אַן אָפּגעזעגטן בוים און געעפנט די פאַרזאַמלונג. „שוועסטער און ברידער!" — האָט זי אויסגערופן מיט איר הויכער, שטאַרקער און ענערגישער שטים: „אַרבעטער און אַרבעטערינס!" — האָט זי ווייטער

געזאָגט און האָט אין קורצן געגעבן צו פאַרשטיין די וויכטיקייט פון ערשטן מאַי. דער עולם האָט זיך צונויפגערוקט נענטער, און ווען מערע זשאַלודסקי האָט געענדיקט, האָט דער גאַנצער עולם אָנגעהויבן צו זינגען די שבועה (די אַלטע שבועה, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „ווי הייליק איז די נאַטור"... דערנאָך האָט מערע פאַרגעשטעלט די רעדנער... (ז"ב אַרקאַדי, זז. 38־137).

אין דעם זעלביקן יאָר האָבן די ווילנער באַשלאָסן צו נעמען אויף זיך די אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעט אין אַנדערע שטעט. פאַר דעם צוועק איז געווען באַשטימט אַ פּלאַן פון פאַרטיילן די קרעפטן. יוסף (דזשאָן) מילל האָט באַשלאָסן צו באַזעצן זיך אין וואַרשע, און מיט אים צוזאַמען איז אַהין אַרויסגעפאָרן אַ גרופּע חברים. צווישן זיי איז געווען אויך מאַריע זשאַלודסקי. אַט וואָס מיר לייענען וועגן דעם ביי מיללן: „די נייטערינס מאַריע זשאַלודסקי און מערעלע גינזבורג, און אויך לעאָן גאָלדמאַן, וואָס האָט אָקאָרשט געענדיקט די האַנט־ווערקער־שול, שליסן זיך אָן און קומען קיין וואַרשע גלייך נאָך מיר. זשאַלודסקי און גאָלדמאַן ריידן אַ ביסל פּויליש און דאָס גיט אַ האָפענונג, אַז אונזער קליינע חברה וועט זיך גרינגער איינגעבן דורכצופירן אונזער מיסיע" (פּיאָנערן און בויער, ב. 1, ז. 230).

די „מיסיע" איז באַשטאַנען אין שאַפן אַן אָרגאַניזאַציע לויטן ווילנער מוסטער. מאַריע און אירע חברים האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַ קאָמיטעט און געפונען פאַרבינדונגען צווישן דער אַרבעטערשאַפט. זיי האָבן געדונגען אַ קאָנספּיראַטיווע קוואַרטיר אויף דער מילא גאַס, אין באַנטער שכנות פון די נאַלעווקעס. דאָרטן האָבן געוואוינט צוזאַמען מאַריע מיט מערעלע גינזבורג. און אויף דער דאָזיקער קוואַרטיר זיינען דורכגעפירט געוואָרן די וואַלן פון דער וואַרשעווער דעלעגאַציע צום ערשטן צוזאַמענפאָר פון בונד. די אויסגעוויילטע דעלעגאַטן זיינען געווען: דזשאָן מילל, לעאָן גאָלדמאַן און מאַריע זשאַלודסקי.

נאָך דעם ערשטן צוזאַמענפאָר, און באַזונדערס נאָך דעם גרויסן פּאָגראָם, וואָס דער אָכראַנע־שעף זובאַטאָוו האָט דורכגעפירט אין 1898 צווישן די טוער פון בונד — האָט מאַריע זשאַלודסקי פאַרנומען אַ זייער וויכטיקן אָרט אין דער צענטראַלער בונדישער אַרבעט. טאַראַס איז געווען דער מענטש, וואָס האָט גענומען אויף זיך אויפצושטעלן די בונדישע אָרגאַניזאַציע נאָך די גרויסע אַרעסטן אין בונד. ער איז אַריין אין נייעם צ. ק. פון בונד. ער האָט צונויפגערופן דעם 2טן און שפּעטער דעם 3טן צוזאַמענפאָר פון בונד. מאַריע זשאַלודסקי האָט די גאַנצע צייט געאַרבעט האַנט ביי האַנט מיט טאַראַסן. אין 1900 איז מאַריע געוואָרן אַרעסטירט אין וואַרשע און נאָך אַ צייט פון זיצן אין דער תפיסה האָט מען זי אַרויסגעשיקט אין מזרח־סיביר. אין 1902 איז זי אַנטלאָפן און אומגעקערט זיך צו דער אומלעגאַלער אַרבעט.

זי איז טעטיק אין פאַרשיידענע ערטער. לייבעטשקע בערמאַן, וואָס האָט די אומלעגאַלע רעוואָלוציאָנערין געזען אין אייניקע שטעט, דערציילט וועגן איר, אַז אין 1904 איז זי געווען אַ מיטגליד פון בונדישן קאָמיטעט אין זשיטאָמיר. געוועזן איז זי באַקאַנט אַלס ראַיסע. „חברטע ראַיסע — דערציילט

אין זיינע זכרונות לייבעטשקע (אין לויף פון יאָרן) איז בעת אַ דעמאָנסטראַ־ציע אויף די זשיטאָמירער גאַסן מערדערלעך צעשלאָגן געוואָרן פון דער פּאָליציי און פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר" (ז. 260).

בעת די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן פון 1905 איז מאַריע זשאַלודסקי געווען אַ מיטגליד פון בונדישן קאָמיטעט אין דווינסק. לייבעטשקע בערמאַן האָט נאָך די שטורמישע אָקטאָבער־טעג מיט איר צוזאַמענגעאַרבעט אין דווינסקער קאָמיטעט פון בונד און ער שילדערט זי אַזוי: „געזאָגט האָט מען אויף איר, אַז זי איז אַ זייער קאָנטיקער, בייזער מענטש מיט אַ שווערן כאַראַקטער, אַז מיט איר איז זייער שווער אויסצוקומען. דער אויסערלעכער איינדרוק האָט טאַקע געדאַרפט זיין אַזאַ: מיט אַ פראָסט געזיכט פון אַ דאַרפישער פויערטע, מיט אַ טעמפּער, הייזעריקלעכער שטים און האַרטער אויסשפראַך, האָט זי געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ שווערן מענטש. אין דער אמתן איז דאָס געווען אַ זייער טיף־פילנדיקע נשמה מיט אַ האַרציקער באַ־ציאונג צו חברים. אמת איז, אַז קיין שאַרפע ווערטער האָט איר נישט אויסגעפעלט, ווען עמעצער האָט זיך פאַר איר פאַרזינדיקט. אָבער דאָס האָט אַלץ געהאַט אַ שייכות צו דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, וועלכער זי איז געווען איבערגעגעבן מיט לייב און נשמה. אין פריוואַטע באַציאונגען, אויף וויפל ראַיסע האָט געקענט אַזעלכע האָבן, איז זי געווען די אויפמערק־זאַמקייט אַליין. אַזאַ וויניקסטנס איז זי מיר פאַרבליבן אין זכרון. זי איז געווען דורך און דורך אַ רעוואָלוציאָנערע נאַטור. טאָמער האָט זיך עפּעס נישט איינגעגעבן, איז איר פאַרדרוס דערגאַנגען ביז טרערן. אויף איר שווערן רעוואָלוציאָנערן וועג איז זי נישט איינמאָל אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די צאַרישע תלינים, פיל מאָל צעשלאָגן געוואָרן, געווען אַרעסטירט און פאַר־שיקט".

מאַריע האָט אָנטיילגענומען אויף דעם 5טן צוזאַמענפאָר פון בונד און פאַרשיידענע פאַרטייאישע באַראַטונגען. אין דער באַוועגונג איז זי געווען אַקטיוו ביז 1908.

די לעצטע ידיעה פון איר איז פון 1927/28, ווען איר מאַן טאַראַס — צאַגלין איז אַרויסגעטרעטן מיט זכרונות וועגן בונד אין דער יידישער סעק־ציע פון דער געזעלשאַפט פון די פּאָליטישע קאַטאָרזשניקעס אין מאָסקווע. דער באַריכט, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין בוך די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן יידן (מאָסקווע, 1930, רוסיש) באַמערקט, אַז אויף דער זיצונג געפינען זיך, אַחוץ טאַראַסן, נאָך צוויי דעלעגאַטן פון דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון בונד — מאַריע זשאַלודסקי און לעאָן גאָלדמאַן.

גריגאָרי אַראָנסאָן

●

# פּאַוועל בערמאַן

געבוירן 30 יאַנואַר 1873 אין פּאָנעוועזשער אויעזד, קאָוונער גובערניע. זיין פֿאָטער דמיטרי — אַ רייכער, אַסימילירטער און געבילדעטער ייד — האָט געהאַלטן אין אַרענדע אַ גוט.



פּאַוועל איז געקומען קיין פּאָנע־וועזש, געוואוינט ביי זיין אַלטער באָבען און זיך געלערנט אין רעאַל־גימנאַזיע. אין יענער צייט איז ער אַריינ־געטרעטן אין אַ סאָציאַליסטישן זעלבסט־בילדונג־קרייזל, צו וועלכן ס'האָט אים צוגעצויגן דער שפּעטער באַוואוסטער בונדישער טוער צמח קאָפּעלזאָן. פון דער פּאָנעוועזשער רעאַל־גימנאַזיע האָט מען אים לסוף אויסגעשלאָסן און ער האָט פֿאַרענדיקט די מיטל־שול אין אַן אַנדערער שטאָט.

קיין ווילנע איז ער געקומען אין יאָר 1891. זיין נאָענטער פֿריינט יוסף (דזשאָן) מילל, מיט וועמען ער האָט זיך באַקענט אין פּאָנעוועזש, האָט אים אַריינגענומען אין דער ווילנער אָר־גאַניזאַציע. במשך פון די ווייטערדיקע צוויי יאָר איז פּאַוועל געווען טעטיק אין ווילנע, ער האָט פֿאַרוואַלטעט מיט דער אומלעגאַלער ביבליאָטעק און געפֿירט קרייזלעך. פון ווילנע איז ער אַוועק קיין מינסק. וועגן בערמאַנס ראָל אין מינסק דערציילט דזשאָן מילל:

„ער האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט און ווידער אויפגעלעבט און אויפגעבויט די באַוועגונג, וואָס איז דאָרטן געווען צעפֿאַלן און רואינירט; ער האָט זי אַוועקגעשטעלט אויף זייער אַ הויכער מדרגה. די ווידערגעבורט און דער קאָלאָסאַלער אויפשוואונג פון דער מינסקער באַוועגונג איז טאַקע הויפּטזעכלעך געווען צו פֿאַרדאַנקען בערמאַנען — הויפּטזעכלעך, ווייל פון די פֿריערדיקע אָרטיקע טוער איז נאָר פֿאַרבליבן יעווגעניא הורוויטש, און זי האָט אים מיטגעהאָלפֿן מיט ׳ראָט און טאַט׳. מיט דער צייט האָבן זיך אַרום אים גרופּירט אַ היפּש ביסל טוער מיט באַקאַנטע נעמען, ווי ליובאַ יוזע־פֿאָוויטש, באָריס פרומקין, טיומין, סלעפּיאַן און אַנדערע. די פֿאָרם פון דער מינסקער אָרגאַניזאַציע, די מעטאָדן פון קאַמף, דער אינהאַלט פון פּראָפּאַ־גאַנדע — אַלץ איז געווען אַ געטרייע קאָפּיע פון דעם, וואָס בערמאַן האָט געזען און געלערנט אין ווילנע, און פּונקט אַזוי, ווי די ווילנער, האָט ער אויך זיך געטראָפֿן מיט אַלערליי שטערונגען און שוועריקייטן, וואָס ער האָט געמוזט גובר זיין. איינע פון זיי איז געווען אַ ספּעציפֿיש מינסקער אָפּאָזיציע, אָנגעפֿירט פון אברהם וואַלט (ליעסין)״... „פּאַוועל בערמאַנס ראָל אין מינסק איז געווען אַ באַדייטנדיקע. אַלע יענע, וואָס ווייסן וואָס מינסק האָט גע־

זעלשאַפטלעך און פּאָליטיש פאָרגעשטעלט ערב בערמאַנס קומען, זיינען אייניק, אַז דאָס איז געווען אַ פוסטקייט, אַ וויסטעניש. אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצער צייט שפּעטער האָט מינסק שוין געציילט עטלעכע הונדערט אָרגאַניזירטע אַרבעטער, און עס האָט זיך געפירט צווישן זיי אַן אינטענסיווע סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע. ס'זיינען דערשינען אַ גאַנצע ריי העקטאָגראַפירטע בראָשורן און אויך אַ צייטונג 'אַרבייטער בלעטל'."

דאָס אַרבייטער בלעטל, וואָס איז געווען דער ערשטער איינגעגעבענער פּרואוו אַרויסצוגעבן אומלעגאַל אין רוסלאַנד אַ רעגולערע צייטונג, איז דערשינען פון מערץ ביז אויגוסט 1897. אַרויסגעגעבן האָבן זי באָריס פרומקין און פּאַוועל בערמאַן. זי איז געווען העקטאָגראַפירט.

אין מינסק האָט בערמאַן אויך געדינט אין מיליטער און גלייכצייטיק געווען טעטיק אין דער באַוועגונג.

פון מינסק איז פּאַוועל בערמאַן געווען דער דעלעגאַט אויפן גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון בונד, וואָס איז פאָרגעקומען אין הערבסט 1897 אין ווילנע. צוריק אין מינסק, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד אים איבערגעגעבן אַ טייל פון דער אַרבעט ביים צונויפרופן דעם גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (פאָרגעקומען מערץ 1898 אין מינסק). ער האָט אויך מיטגעהאָלפן ביים אַרויסגעבן דעם מאַניפעסט פון דער ניי־געגרינדעטער ס. ד. פּאַרטיי.

נאָך די מאַסן־אַרעסטן פון יאָר 1898 איז פּאַוועל (געהאַט אַ פּסעוודאָנים מיכאַאיל) אַוועק קיין אויסלאַנד שטודירן. אין 1903 האָט ער געענדיקט דעם פּאָליטעכניקום אין קאַרלסרוע (דייטשלאַנד). אין אויסלאַנד איז ער געווען טעטיק אין די בונדישע גרופּעס און אַ צייט אויך געהערט צום אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד. ער איז געווען טעטיק אין קאַרלסרוע, בערלין, דאַרמשטאַט און בערן. אַ געוויסע צייט איז ער געווען סעקרעטאַר פון צענטראַל־ביוראָ פון די בונדישע גרופּעס אין אויסלאַנד.

נאָך דער ערשטער רוסלענדער רעוואָלוציע (1905־6) האָט בערמאַן זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד און איז פּאָליטיש מער נישט געווען טעטיק. ער האָט געאַרבעט אַלס אינזשיניער אין נאַרווע און פּעטערבורג. ווען ס'איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין 1917, איז ער געווען טעטיק ביים שאַפן אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון מעטאַל־אַרבעטער אין פּעטראָגראַד (פּעטערבורג) און איז אין דעם פאַראיין געווען אַקטיוו ביז זיין טראַגישן טויט.

(וועגן דער צייט, אָרט און אופן פון זיין טויט זיינען פאַראַן סתירהדיקע ידיעות: פראַנץ קורסקי גיט אָן די צייט — אַרום 1920, אויך 1921, דאָס אָרט — נאַרוואַ (עסטלאַנד); אויך דזשאַן מילל גיט אָן 1921 און נאַרוואַ. די סיבה פון טויט איז ביי ביידע — אַן אויטאָמאָביל אָדער טראַמוויי־קאַטאַסטראָפע. לויט דעם סאָוועטישן ביאָ־ביבליאָגראַפישן לעקסיקאָן זאָל בערמאַן האָבן געשטאָרבן דעם 3 פעברואַר 1922, אַרונטערפאַלנדיק אונטער אַ טראַמוויי. פאַראַן אויך ידיעות, אַז דאָס זאָל האָבן געשען גאָר אין פּעטראָגראַד).

ב. : דזשאַן מילל : פּיאָנערן און בויער, ב. 1, ניו־יאָרק 1946 און ב. 2, 1949.

אַרקאַדי, ניו-יאָרק 1942. פֿראַנץ קורסקי: געזאַמלטע שריפֿטן, ניו-יאָרק 1952. שלום לעווין: אונטערערדישע קעמפֿער, ניו-יאָרק 1946. די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג ביז דער גרינדונג פֿון „בונד“, היסטאָרישע שריפֿטן, 3, ייוואָ, ווילנע — פּאַריז 1939.
Био-Библиографический Словарь, том V, Социал-демократы, Москва, 1930. Т. М. Копельзон: Еврейское рабочее движение 80-х и начала 90-х годов; В. Цоглин (Давид Кац — «Тарас»): Первый съезд Бунда; Между первым и третьим съездами Бунда; М. Н. Душкан: Минская конференция 1895 года (Революционное Движение среди Евреев, Москва, 1930).

י. ש. ה.

●

# זשעניע הורוויטש

זשעניע איז געבוירן געוואָרן אין אַ פֿאַרמעגלעכער סוחרישער משפּחה אין ווילנע דעם 20סטן סעפּטעמבער 1861.

נאָכן פֿאַרענדיקן די גימנאַזיע פֿאָרט זי אַריבער אין פּעטערבורג שטודירן און ווערט אָנגענומען אויף די מעדיצינישע קורסן פֿאַר פֿרויען. נאָך אַלס יינגע שילערין האָט זי זיך באַטייליקט אין אַ געהיימען רעוואָלוציאָנערן קרייזל. אין פּעטערבורג האָבן געוואַרט אויף איר אַ ריי ווילנער חברים און חברטעס, און נאָך איידער זי האָט באַוויזן זיך צו פֿאַרשרייבן אויף די קורסן, איז זי שוין אַריינגענומען געוואָרן אין אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישער גרופּע פֿון דער נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ. דאָס איז געווען אין שטורעמדיקן יאָר 1879, ווען די סטודענטישע יוגנט איז מאַסנהאַפֿט צוגעשטאַנען צו



דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אָבער נאָר אַ גאַנץ קורצע צייט געלינגט זשעניען צו פֿאַרברענגען אין פּעטערבורג אויף דער פֿריי. זי ווערט אַרעסטירט — צוזאַמען מיט איר שוועגערין יעלענאַ הורוויטש, פֿרוי פֿון איר שפּעטער באַרימטן ברודער איסאַק (יצחק אייזיק הורוויטש) — און אַרויסגעשיקט אונטער פּאָליציייִשער אויפֿזיכט צו אירע עלטערן, וואָס האָבן זיך נאָך פֿריער אַריבערגעקליבן אין מינסק.

אין מינסק זיצט זשעניע נישט מיט פֿאַרלייגטע הענט. צוזאַמען מיט איר ברודער און איר שוועגערין, צו וועלכע עס זיינען שפּעטער צוגעשטאַנען אַ ריי אַנדערע (כורגין, עמיל אַבראַמאָוויטש, שוואַרץ, סווערדלאָוו, רעזניק,

לעפקאָו), באַשאַפט זי די אָרטיקע פּיאָנערן־גרופּע, וואָס איז געשטאַנען אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט פּעטערבורג, קיִעוו און ווילנע.

אין 1880 ווערט זשעניע צום צווייטן מאָל אַרעסטירט, דאָס מאָל אין צוזאַמענהאַנג מיטן פּראָצעס קעגן מלאָדעצקין. נאָך דער באַפרייאונג בלייבט זי אונטער אַ שטרענגער פּאָליצייאישער אויפזיכט ווייטער אין מינסק. מען קען זאָגן, אַז פון דער פּאָליצייאישער „השגחה", אונטער וועלכער זשעניע איז געשטעלט געוואָרן אין עלטער פון 19־20 יאָר, האָט זי זיך שוין קיינ־מאָל נישט באַפרייט — 60 יאָר נאָכאַנאַנד, ביז צו איר טויט. די רעזשימען האָבן זיך געביטן, נישט געביטן האָט זיך אָבער דער שטאָלצער און אומ־אָפּהענגיקער כאַראַקטער פון זשעניען, און פאַר קיינעם פון די רעזשימען האָט זי זיך נישט געבויגן.

אין מינסק האָט זיך אין יענע יאָרן אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַ שטאַר־קע באַוועגונג, וואָס האָט אין פאַרלויף פון יאָרן דורכגעמאַכט פאַרשיידענע עוואָלוציעס און האָט זיך שפּעטער אַריינגעגאָסן אין בונד. אין דער אַרבעט פון דער גרופּע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, פון וועלכער עס איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן דער בונד, נעמט מינסק, אָנהויבנדיק פון 1892, אַ וויכטיקן אָנטייל. אין 1895 מאַכט די מינסקער גרופּע דעם ערשטן פּרואוו צונויפצו־רופן אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע אָרטיקע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָר־גאַניזאַציעס פון ליטע און ווייס־רוסלאַנד, אַ פּרואוו וואָס האָט זיך זייער גוט איינגעגעבן און האָט מיט צוויי יאָר שפּעטער דערפירט צום אָפיציעלן גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון בונד אין ווילנע. די מינסקער גרופּע, הויפּטזעכלעך אַ דאַנק די גרויסע פעאיקייטן פון זשעניע הורוויטש, ב. פרומקין און פּאַוועל בערמאַן, איז די ערשטע אין דער בונדישער באַוועגונג צוגעטרעטן אַרויסצו־געבן אַ פּעריאָדישן יידישן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן אָרגאַן (אַרבייטער־בלעטל, פון מערץ ביז אויגוסט, 1897, העקטאָגראַפירט), אַ פּרואוו וואָס האָט דער־מוטיקט די ווילנער איניציאַטיוו־גרופּע צוצוטרעטן אַרויסצוגעבן די גע־דרוקטע אַרבייטער־שטימע, וואָס האָט לויט דער רייכקייט פון איר אינהאַלט איר גלייכן נישט געהאַט אין דער גאַנצער שפּעטערדיקער אומלעגאַלער פּרעסע אין צאַרישן רוסלאַנד.

ווען צוליב פּאָליצייאישע באַדינגונגען פאַרט דער צ. ק. פון בונד אַריבער (סוף 1897) פון ווילנע קיין מינסק און טרעט צו אין אַן ענגן קאָנ־טאַקט מיט די וויכטיקסטע רוסישע ס. ד. קאָמיטעטן פון פּעטערבורג און דרום־רוסלאַנד צונויפצורופן אין מינסק דעם גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (1טן מערץ 1898), נעמט זשעניע אין דער צוגרייטונג־אַרבעט פון צוזאַמענפאָר אַ טיכ־טיקן אָנטייל.

אויפן בונד, וואָס האָט צו יענער צייט שוין געהאַט זיך פאַרוואָרצלט אויף די ערטער — אין ליטע, ווייס־רוסלאַנד און פּוילן, טיילווייז אויך שוין אין דרום און אין באַלטישן ראַיאָן האָט זיך באַלד נאָכן פאַרענדיקן דעם מינסקער צוזאַמענפאָר אָנגערוקט אַ מוראדיקע סכנה. די גרעסטע שטעט פון בונדישן ראַיאָן זיינען פאַרפלייצט געוואָרן מיט אַגענטן פון דער אָכראַנע,

און עס האָט זיך געפֿילט, אַז מען וועט זיך פֿון זיי נישט קענען אַרויסדרייען. אַזוי איז, לײדער, טאַקע געווען. די „ליקווידאַציע" האָט די אָכראַנע דורכגעפֿירט אין גאַנצן ראַיאָן פֿון בונד מיט איין קלאַפּ: דעם 26טן יולי 1898 איז אַרעסטירט געוואָרן דער צ. ק. (אַרקאַדי קרעמער, וולאַדימיר קאָסאָווסקי און אברהם מוטניק) און אַ גרויסער טייל פֿון די וויכטיקסטע אַרטיקע טוער פֿון בונד; ס'איז אויך פֿאַרנומען געוואָרן די צענטראַלע דרוקעריי (אין באָבּרויסק). אין מינסק איז צווישן די אַרעסטירטע געווען, פֿאַרשטייט זיך, זשעניע, אויך דאָס מאָל, ווי מיט 19 יאָר פֿריער אין פּעטערבורג, צוזאַמען מיט איר שוועגערין יעלענאַ הורוויטש.

נאָך אַנדערטהאַלבן יאָר אָפּזיצן אין מאָסקווער טורמע ווערט זשעניע פֿאַרשיקט אין סיביר. פֿון דאָרטן אַנטלויפֿט זי אָנהויב 1902 אין אויסלאַנד און טרעפֿט זיך אין בערלין מיטן פֿאַרשטייער פֿון אויסלענדישן קאָמיטעט פֿון בונד, דזשאָן מילל. זי שטעלט זיך אין רשות פֿון בונד צו דער אויסלענדישער אַרבעט און פֿאָרט אין דער שווייץ, וואו זי ווערט מיט אומגעדולד דערוואַרט פֿון אירע מינסקער פֿריינט און תלמידים, צווישן זיי פֿון איר ייִנגסטן און פֿעאיקסטן תלמיד וולאַדימיר מעדעם. זי באַזעצט זיך אין זשענעוו און אַרבעט אין צענטראַל־ביוראָ פֿון די בונדישע אויסלענדישע גרופּעס. שפּעטער פֿאָרט זי אַריבער אין לאָנדאָן, וואו עס האָט זיין זיך־אָרט צו יענער צייט דער אויסלענדישער קאָמיטעט פֿון בונד. דאָס לעבן אין לאָנדאָן באַפֿרידיקט זי נישט. זי פֿאַרבענקט זיך נאָך דער פֿרייער אַמעריקע און האָפֿט דאָרטן צו געפֿינען אַ גינסטיקן באָדן פֿאַר אַ נייעם לעבן. עס רופֿט זי אַהין איר ברודער, וואָס האָט דאָרטן אַזוי דערפֿאָלגרייך געאַרבעט, אויך ליעסין לאַדט זי איין, דער ייִנגער וואַלט, וועמענס ערשטע רעוואָלוציאָנערע לידער זי האָט אין מינסק מיטגעזונגען און וועמענס טאַלאַנט עס האָט זיך אין אַמעריקע אַזוי שטאַרק צעבליט. מיט נייע האָפֿנונגען זעצט זי זיך אויף דער שיף קיין אַמעריקע סוף 1903 — און אַ פֿאַרביטערטע און אַנטוישטע קומט זי אין 1906 צוריק אין רוסלאַנד.

זי באַזעצט זיך אין מינסק און קאָן זיך אַ לאַנגע צייט נישט צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען פֿון דער אַרבעט. עס איז נישט מער דאָס אַלטע רוסלאַנד, די באַוועגונג האָט זיך דעראָבערט אַ פּרעסע־פֿרייהייט, פֿון וועלכער עס איז פֿריער שווער געווען צו חלומען. ווייטער איז אָבער אַלץ געבליבן ביים אַלטן; עס איז אין אַ געוויסער הינזיכט אַפֿילו נאָך ערגער געוואָרן. די אַרבעטער־באַוועגונג ווערט גערודפֿט אויף שריט און טריט, און דאָס ערגסטע: די אינטעליגענץ גייט אַוועק פֿון דער באַוועגונג און פֿאַרבירגער־לעכט זיך, די יוגנט האָט זיך אַנטוישט אין דער רעוואָלוציע און גייט אויף גאָר אַנדערע וועגן.

מיט דעם שרייבער פֿון די שורות האָט זיך זשעניע פֿון צייט צו צייט דורכגעשריבן און זיך אַלעמאָל באַקלאָגט אויף איר גורל אָפּצולעבן אירע יאָרן אין אַ נודנער פּראָווינציעלער שטאָט, וואו זי קאָן יעדן איינצלנעם, מיט וועמען עס קומט איר אויס זיך צו טרעפֿן, צו גוט; וואו שוין די טאַטעס פֿון די איצטיקע זשאַנדאַרמען האָבן געמאַכט ביי איר רעוויזיעס און זי אַרעסטירט.

אויב עס איז מיר באַשערט צו לעבן נאָך 20 יאָר, האָט זי אַמאָל געשריבן (עס איז איר באַשערט געווען צו לעבן נאָך לענגער), וועל איך מסתמא נאָך זיין אַ סטאַבילע קליענטקע ביי די קינדער פון די איצטיקע אָכראַניקעס. זיי וועלן אויסוואַקסן („קראַפּיווע וואַקסט גיך") און פּאַר יעדן ערשטן מאַי וועלן זיי, ווי אַמאָל זייערע זיידעס און איצט זייערע טאַטעס, קומען מאַכן רעוויזיעס ביי מיר. נישט געקוקט אויף צייטווייליקע דעפּרעסיווע שטימונ־גען, האָט זי קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן אין דער באַוועגונג און קיינמאָל נישט איבערגעריסן איר פאַרבינדונג מיטן בונד, אויך נישט אין דער קורצער צייט, ווען זי האָט זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט פון מינס־קער רוסלענדער ס. ד. קאָמיטעט.

נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע, 1917, ווערט זי אויסגעקליבן דורך אַל־געמיינע דעמאָקראַטישע וואַלן אין מינסקער שטאָט־ראַט, וואו זי פאַרנעמט אַ וויכטיקן פּאָסטן. בשעת דער שפּאַלטונג פון בונד אין 1920 בלייבט זי געטריי דער אַלטער פאָן פון בונד און זאָגט זיך אָפּ אַריינצוטרעטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַן ערך צוויי יאָר שפּעטער באַצאָלט זי דערפאַר מיט איר פרייהייט. זי ווערט אַרעסטירט און אַריינגעזעצט אין דער אַלטער מינסקער תפיסה, וואו יעדעס ווינקעלע איז איר געווען אַזוי גוט באַקאַנט פון די אַמאָליקע יאָרן. און אויך די באַשולדיקונג, צוליב וועלכע זי איז אַרעסטירט געוואָרן, איז געווען גענוי די זעלבע ווי אַמאָל — צוגעהעריקייט צום בונד.

ווי לאַנג זשעניע איז דעמאָלט אָפּגעזעסן אין דער מינסקער טורמע, ווייסן מיר נישט. מיר ווייסן בלויז, אַז אין אַ „שיינעם" טאָג האָט מען איר געמאָלדן, אַז לויט אַ באַפעל פון מאָסקווע ווערט זי פאַרשיקט אין סיביר. דער וועג אַהין איז איר זייער גוט באַקאַנט געווען. דער ערשטער עטאַפּ איז געווען מאָסקווע, וואו די פּאַרטיעס פאַרשיקטע פלעגן צונויפגעזאַמלט ווערן אין דער ריזיק־גרויסער „פּערעסילנער" טורמע.

צו יענער צייט איז ד. ב. ריאַזאַנאָוו (גאָלדענדאך) געווען דער דירעק־טאָר פון מאַרקס־ענגעלס אינסטיטוט, און די הויפּט־אַרבעט פון אינסטיטוט איז דאַן באַשטאַנען אין צוגרייטן נייע, שטרענג־קאָנטראָלירטע, איבערזע־צונגען פון די ווערק פון מאַרקס און ענגעלס. אויף דעם געביט האָט זשעניע געהאַט גאָר גרויסע היסטאָרישע פאַרדינסטן: זי איז געווען די איבערזע־צערין פון ערשטן באַנד קאַפּיטאַל אויף רוסיש. איצט איז די אָפיציעלע אי־דעאָלאָגיע פון דער מלוכה־מאַכט געווען מאַרקסיזם, און מאַרקס קאַפּיטאַל, אַזוי צו זאָגן, דאָס פּאָליטישע טעקסט־בוך פון נייעם שול־וועזן. אין אַ בריוו, פול מיט שפּאָט און בייסנדיקער איראָניע, האָט זיך זשעניע פון דער „פּע־רעסילנער" טורמע געווענדט צו ריאַזאַנאָוו און אים אָנגעוויזן אויף דעם גראָטעסקן חוזק, וואָס באַקומט זיך, ווען מען נעמט די איבערזעצערין פון מאַרקס קאַפּיטאַל און מען פאַרשיקט זי אין סיביר, בשעת דער מאַרקסיזם ווערט דער אני־מאמין פון דער מלוכה־מאַכט. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז נאָך פאַרשיידענע אינטערווענצן פון ריאַזאַנאָוו איז זשעניע באַפרייט געוואָרן. דער אָפיציעלער מאָטיוו איז געווען, אַז מען האָט זי נויטיק צו

דרינגנדע אַרבעטן אין מאַרקס־ענגעלס אינסטיטוט. זי איז טאַקע אַריינגע־נומען געוואָרן אין אינסטיטוט און אַ ריי יאָרן האָט זי דאָרטן געאַרבעט.

דעם בונד אַלס אָרגאַניזאַציע האָבן צו יענער צייט די יעווסעקעס, מיט דער הילף פון דער טשעקאַ, שוין געהאַט דערוואָרגן. אָבער איינצלנע בונ־דיסטן האָט מען נאָך געקענט אָנטרעפן נישט נאָר אין די טורמעס, קאָנצענ־טראַציע־לאַגערן און פאַרשיקונגס־ערטער, נאָר אויך אויף דער פריי, ביי סאָוועטישער אַרבעט. ס'האָט דעמאָלט נאָך עקסיסטירט דער פאַרבאַנד פון די געוועזענע קאַטאָרזשאַנעס, און אין אַ ספּעציעלער היסטאָרישער סעקציע פון פאַרבאַנד פלעגן פאָרקומען רעפעראַטן וועגן דער געשיכטע פון בונד. אַ ריי אינטערעסאַנטע רעפעראַטן וועגן בונד זיינען דאָרטן פאָרגעקומען סוף 1927, צום 30־יאָריקן יובל פון בונד. אייניקע פון יענע רעפעראַטן, שטאַרק צענזורירט און געקירצט, זיינען שפּעטער אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ רוסישן זאַמלבוך (די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן יידן, מאָסקווע, 1930), וואָס איז באַלד נאָכדעם פאַרבאָטן געוואָרן צו פאַרשפּרייטן. ווייל נישט געקוקט אויף אַלע קונצן און פעלשונגען, וואָס דער רעדאַקטאָר פון זאַמלבוך (דימאַנשטיין) האָט אָפּגעטאָן מיט די מאַטעריאַלן ביים צוגרייטן זיי צום דרוק, איז דער אַלגעמיינער איינדרוק, וואָס דער זאַמלבוך האָט גע־מאַכט אויפן לעזער, געווען שטאַרק פּראָ־בונדיש. באַזונדערס אינטערעסאַנט און מוטיק זיינען געווען די אַרויסטרעטונגען פון זשעניען.

ווען ריאַזאַנאָוו איז באַזייטיקט געוואָרן פון מאַרקס־ענגעלס־אינסטיטוט (אין צוזאַמענהאַנג מיטן חוזק־פּראָצעס קעגן די מענשעוויקעס, 1931), זיינען צוזאַמען מיט אים באַזייטיקט געוואָרן זיינע מיטאַרבעטער, וואָס האָבן נישט געהערט צו דער קאָמ. פּאַרטיי. מעגלעך, אַז זשעניע איז נאָך פריער באַזיי־טיקט געוואָרן. קלאַנגען זיינען צו אונז דערגאַנגען, אַז מען האָט זי אַרעס־טירט, פאַרשיקט און אַזוי ווייטער. מיר קאָנען עס אויף זיכער נישט זאָגן. געשטאָרבן איז זי אין מאָסקווע אין דעצעמבער 1940.

קיין שטאַנדאַרן און קיין רויטע פענער האָבן נישט באַגלייט די אַלטע קעמפערין צו איר אייביקער רו, וואָרעם צו סטאַלינס מלוכה־„מאַרקסיזם" האָט זי קיין שייכות נישט געהאַט. זי איז בלויז געווען אַן אמתע מאַרקסיסטקע, און אַן אויפריכטיקע שטאָלצע סאָציאַליסטקע, וואָס איז טריי געבליבן די אידעאַלן פון בונד, ווען זי האָט אָפּגעגעבן די בעסטע יאָרן פון איר אַר־בעט־רייכן לעבן.

פ. קורסקי

# מאַריאַנע אײַזענבערג

געבוירן 4 אַפּריל 1879 אין ניעזשין, טשערניגאָווער גובערניע. דער פֿאָטער יהושע האָט שפּעטער מיט דער פֿאַמיליע געוואוינט אין פּינסק, וואו ער האָט געהאַט אַ הויז.



מאַריאַנע (איר יידישער נאָמען איז געווען פּעסע) האָט געהערט צו די פּיאָנערן פֿון דער בונדישער באַוועגונג אין פּינסק. קוים אַן 18־יאָריק מיידל, באַטייליקט זיך די טאָכטער פֿון אַ באַלעבאַטישער היים אין אָרגאַניזירן אין יאָר 1897 די ערשטע בונדישע אַרבעטער־קרייזלעך אין פּינסק. זי האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט פּראָפּאַגאַנדע אַליין. זי איז אויך צווישן די אָנפֿירער פֿון די ערשטע עקאָנאָמישע קאַמפּן. פּעסע (לשם קאָנספּיראַציע האָט מען זי גערופֿן קיילע) איז געווען אַן איבערגעגעבענע און ענערגישע טוערין. אַן השפּעה אויפֿן אויספֿאָרמירן איר אָנשויאונג האָט אויך געהאַט א. ליטוואַק, וועלכער איז אין באַגינען פֿון דער באַוועגונג אַ געוויסע צייט געווען טעטיק אין פּינסק.

פֿון 1899 האָט אײַזענבערג געלעבט אין וואַרשע, וואו זי האָט זיך געלערנט אויף די אַקושערן־קורסן. אין וואַרשע איז זי געוואָרן טעטיק אין דער אָרטיקער בונדישער אָרגאַניזאַציע, אָבער זי איז גלייכצייטיק געווען אין פֿאַרבינדונג מיט דער באַוועגונג אין דער היים־שטאָט. בערך צוויי יאָר צייט איז זי געווען אַקטיוו אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע און האָט פּראַקטיצירט אַלס פֿעלדשערין.

דעם 29 יאַנואַר 1901 האָט מען זי אַרעסטירט מיט אַ לאַגער אומלעגאַלער ליטעראַטור. 21 חדשים האָט מען געפּאַרשט די אַרעסטירטע רעוואָלוציאָנערין און זי געהאַלטן אין אַן איינצל־קאַמער אין וואַרשעווער פּאַוויאַק (18 חדשים) און אין שעדלעצער טורמע (3 חדשים). דעם 19 מערץ 1903 האָט זי באַקומען אַן אורטייל פֿאַר איר פּינסקער טעטיקייט און פֿאַר געהערן צום בונד אין וואַרשע — 4 יאָר פֿאַרשיקונג אין מזרח־סיביר. איר פֿאַרשיקונגס־אָרט איז געווען אַ דאָרף אין יאַקוטסקער ראַיאָן.

מאַריאַנע אײַזענבערג האָט אָנטייל גענומען אין פּראָטעסט־ווידערשטאַנד, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען ראָמאַנאָווקע (פֿעברואַר־מערץ 1904). אונטערן פּראָטעסט צום גובערנאַטאָר, וואָס די פֿאַרבאַריקאַדירטע פֿאַרשיקטע האָבן אונטערגעשריבן לויטן אַלף־בית, געפֿינט זיך אויפֿן ערשטן אָרט מאַריאַנע אײַזענבערג. זי האָט פֿאַר דעם באַקומען 12 יאָר קאַטאָרגע. צוזאַמען מיט אַ גרופּע אַנדערע פֿאַרמשפּטע האָט זי זיך אָפּגעזאָגט אַנצוגעבן אַן אַפּעלאַציע. דאַקעגן איז זי אין יולי 1905 אַנטלאָפֿן פֿון דער קאַטאָרגע־טורמע אין אַקאַטוי.

שוין אין וועג האָט זי אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיטן בונד און איז גע־וואָרן ווידער טעטיק ווי אַן אומלעגאַלע טוערין. די אַנטלאָפענע רעוואָלו־ציאָנערין האָט געטאָן פּאַרטייאישע אַרבעט אין פאַרשיידענע שטעט. פון 1907 ביז סוף 1908 האָט אייזענבערג געלעבט אין מאָסקווע און פּעטערבורג, וואו זי האָט געאַרבעט אַלס זעצערין און געווען פּאַרטייאיש און פּראָפעסיאָנעל טעטיק צווישן די דרוקער. זי איז געווען אומלעגאַל און געלעבט אויף אַ פרעמדן נאָמען.

סוף 1908 איז זי אַוועק פון רוסלאַנד. זי האָט געוואוינט אין בערלין, פּאַריז און זשענעוו. אין די אַלע ערטער איז זי געווען אַקטיוו אין די אויס־לענדישע גרופּעס פון בונד.

נאָכן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין 1917, קומט זי צוריק קיין רוסלאַנד. ביז דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש האָט זי געאַרבעט אַלס סעקרעטאַרין פון דער מענשעוויסטישער פראַקציע פון פּעטראָגראַדער אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־ראַט. פון 1918 איז זי געווען אַ פעלדשערין אין די אַנשטאַלטן פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג. אין 1920 איז זי געוואָרן אַן אָנפירערין פון קינדער־היימען אין מאָסקווע. פון 1925 איז זי געווען באַ־שעפטיקט אין דער ביבליאָטעק פון מאַרקס־ענגעלס־אינסטיטוט. איר ווײַ־טערדיקער גורל איז אונז נישט באַקאַנט.

וב. : טוויזנט יאָר פּינסק, ניו־יאָרק, 1941.

Якутская история, Женева, 1904; П. Розенталь: Романовка, Ленинград-Москва, 1924. П. Тепловъ: Исторія якутскаго протеста, С.-Петербургъ, 1906(?); Био-Библиографический Словарь, том V, Социал-демократы, Москва, 1930.

י. ש. ה.

●

# הירש שמואל לוריע

געבוירן 1878, אַ וויטעבסקער. דער פאָטער יצחק איז געווען אַ פאַר־מעגלעכער מענטש.

אין די קינדער־יאָרן געלערנט אין חדר, אין די יוגנט־יאָרן זיך פאַרנומען מיט זעלבסט־בילדונג. אַ סך געלייענט און זיך דערוואָרבן אַ פיל־זייטיקן וויסן.

צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג אין 1897. וויטעבסק איז געווען פאַר־טרעטן מיט אַ פאָרשטייער אויפן גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון בונד און לוריע האָט געהערט צו די גרונט־לייגער פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין דער שטאָט. אין 1899 איז ער שוין דער פירער פון דער וויטעבסקער אָר־גאַניזאַציע. גראָד אין יענער צייט זײַנען געווען איניקע גרעסערע אַרויסטרע־

טונגען, מיט וועלכע ער האָט אָנגעפירט. דעם 30 אויגוסט 1900 אַרעסטירט מען אים אַלס מיטגליד פון בונדישן קאָמיטעט. ער איז געזעסן 8 מיט אַ האַלבן חודש און ער איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן ביזן אורטייל.

פרילינג 1902 האָט מען אַרעסטירט די פירער פון דער בונדישער באַוועגונג אין ביאַליסטאָק, ד״ר פנחס און אַנע ראָזענטאַל. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד שיקט דעמאָלט לוריען צו פאַרנעמען דאָס ליידיק־געוואָרענע אָרט און צוריק פאַרקניפּן די פעדים, וואָס זיינען איבערגעריסן געוואָרן צוליבן אַרעסט. מיט גרויס דערפאָלג איז דער נייער טוער אַרויסגעטרעטן אויף גרויסע אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען פון ביאַליסטאָקער יידישע אַרבעטער. אָבער גאָר גיך, אין פעברואַר 1903, באַקומט ער אַן אורטייל פון 4 יאָר פאַרשיקונג אין מזרח־סיביר. אויפן וועג האָט ער באַגעגנט דאָס פאָר־פאָלק ראָזענטאַל אין דער מאָסקווער טורמע בוטירקי און זיי אָפּגעגעבן אַ גענויעם באַריכט, ווי עס האַלט מיט דער באַוועגונג אין ביאַליסטאָק און אַנדערע שטעט. פון מאָסקווע איז לוריע געשיקט געוואָרן אין דאָרף פּאַוולאָווסקאָיע, יאַקוטסקער ראַיאָן. און מחמת דעם איז אים באַשערט געווען צו ווערן אַן אָנטיילנעמער אין דער יאַקוטסקער דראַמע.

געווען איז דאָס דעם 18טן פעברואַר (אַלטן סטיל) 1904. אין דער מזרח־סיבירישער שטאָט יאַקוטסק האָבן זיך פאַרזאַמלט פאַרשיקטע פון די פאַרשיקונגס־דערפער, זיך פאַרבאַריקאַדירט אין הויז פון יאַקוט ראָמאַנאָוו, כדי צו פּראָטעסטירן קעגן פאַרערגערטן און שטרענגערן רעזשים לגבי די פּאָליטישע פאַרשיקטע. 57 אין צאָל. פּאָליציי און מיליטער האָט באַלאַגערט דאָס הויז. די באַלאַגערונג האָט געדויערט ביזן 7 מערץ און זיך געענדיקט מיט טויטע און פאַרוואונדעטע אויף ביידע זייטן. צווישן די 57 זיינען אויך געווען 9 בונדיסטן (מאַריאַנע אייזענבערג פון פינסק, זיך געלערנט אויף די אַקושערן־קורסן און געווען טעטיק אין וואַרשע; חיים זאַקאָן פון ווילנע; אהרן זאַלקינד, דעמאָלט אַ יובעליר־אַרבעטער פון ווילנע; איליאַ קאָסטעלאַניעץ, סטודענט פון ריגער פּאָליטעכניקום און טוער אין דער דאָרטיקער בונדישער אָרגאַניזאַציע; הירש לוריע; הירש וואָלף אָלדשטיין, אַ שניידער, אַרעסטירט אין וואַרשע; ד״ר פנחס ראָזענטאַל, מיטגליד פון צ. ק. פון בונד און זיין פרוי אַנע, ווי אויך מאיר צוקער, אַ ווילנער, וועלכער איז נאָך אין 1897 אין עלטער פון 16 יאָר געוואָרן אַרעסטירט בעת אַ שטרייק פון קוימענקערער און פאַרשיקט).

דער דאָזיקער פּראָטעסט איז אַריין אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען — ראָמאַנאָווקע. שפּעטער איז פאָרגעקומען אַ פּראָצעס און אַלע האָבן באַקומען צו 12 יאָר קאַטאָרגע. ווען מ׳האָט לוריען געגעבן דאָס לעצטע וואָרט, האָט ער געזאָגט פאָלגנדיקע ווערטער: „דאָס וואָס איך וואָלט געוואָלט זאָגן, ווייס איך, אַז איר וועט נישט לאָזן. צופּאַסן זיך צו פרעמדע גוסטן איז נישט אין מיין כאַראַקטער, דעריבער זאָג איך זיך אָפּ פון מיין לעצט וואָרט״.



אַ גרופּע בונדיסטן, וואָס האָבן 1904 אָנטיילגענומען אין באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין מזרח־סיביר (ראָמאַנאָווקע)

אין רעוואָלוציאָנערן יאָר 1905, נאָך אַ ספּעציעלער אַמנעסטיע, זיינען סוף אָקטאָבער די ראָמאַנאָוועס באַפרייט געוואָרן.

פון קאַטאָרגע קומט לוריע אין נאָוועמבער 1905 צוריק אין זיין היים־שטאָט. אין נאָוועמבער פון זעלבן יאָר נעמט ער אָנטייל אין דער אָנפירונג פון דער בונדישער זעלבסטשוץ אין וויטעבסק. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד שיקט אים באַלד אַרבעטן אין אַ ריי שטעט. אַ רעדנער — אין יידיש און רוסיש — איז ער געווען אַ גלענצנדער. פון נידעריקן וואוקס, אַ ברייט־פּלייציקער, שטענדיק מיט ברילן אויף זיינע גראָע אויגן, פלעגט ער מיט זיי־נע רעדעס ממש באַציבערן די צוהערער. דער עולם פלעגט ווערן צעוואָ־רעמט און דערהויבן. דערביי איז ער אויך געווען אַ ליבלעכער מענטש און זיך דערוואָרבן אַ סך פריינט אין דער באַוועגונג.

אין די יאָרן 1906־7 האָט לוריע, וועלכער איז אין דער בונדישער באַוועגונג געווען באַקאַנט אונטער די נעמען — הירש, אַלבערט און יאַן, אָנטיילגענומען אין אייניקע וויכטיקע קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן: אין דער 7טער קאָנפערענץ פון בונד (22 מערץ—7 אַפּריל 1906 אין בערן) און אין זיבעטן צוזאַמענפאָר פון בונד (15—26 אויגוסט 1906 אין לעמבערג). אויפן לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי איז ער געווען איינער פון די 4 בונדישע דעלעגאַטן, וואָס די וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע האָט געשיקט (מאַי 1907). אויף דער זיבעטער קאָנפערענץ, וואו ס'זיינען הייס דעבאַטירט געוואָרן די באַדינגונגען פון בונד וועגן צוריק אַריינטרעטן אין דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַר־בעטער־פּאַרטיי, האָט לוריע געהערט צו די „ווייכע".

אין 1907 איז „אַלבערט" געווען אַ מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד. אין יענער צייט איז ער אויך געווען אַ טעטיקער מיטגליד אין דער וואַרשעווער ליטעראַרישער געזעלשאַפט און אַ פּאָפּולערער לעקטאָר אין אוני־ווערסיטעט פאַר אַלעמען. זיינע פאָרלעזונגען האָבן צוגעצויגן אַ גרויסן עולם. אַ באַזונדערס שטאַרקן רושם האָט געמאַכט זיין רעדע אין זאַל האַרמאָניע

אויף לאַנגע גאַס בעת דער פייערונג צום 10־יאָריקן יובילײ פון בונד. אין מיטן דער רעדע איז דער זאַל באַפאַלן געוואָרן דורך פאָליציי, וואָס האָט די פאַרזאַמלטע בונדיסטן אַרעסטירט. די רעדע האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון פון די אָנטיילנעמער און מיט אַ סך יאָרן שפּעטער פלעגט מען זי איבער־דערציילן.

אין לאָדזש האָט „אַלבערט" געגומען אַ פרוי פון אַ בונדישער משפּחה — קאַלעצקי (די ברידער און שוועסטער זיינען אַלע געווען בונדיסטן. זיי האָבן לאַנגע יאָרן געהאַט אַ באַוואוסטע פּרויען־גימנאַזיע אין וואַר־שע). אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט האָט ער גלענצנדיק אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אַלס יוריסט, הגם ער האָט נישט סיסטעמאַטיש שטודירט און ס'איז געווען בלויז אַ זעלבסט־צוגרייטונג (זיין עקזאַמען איז געווען אַ סענסאַציע אין די פּראָפעסאָרישע קרייזן און פיל זיינען געקומען קוקן אויפן וואונ־דער). ער האָט געוואוינט אַ צייט אין וואַרשע און לאָדזש וואו ער האָט גע־הערט צו די אָרטיקע קאָמיטעטן פון בונד.

אין די ווייטערדיקע יאָרן איז הירש לוריע געווען טעטיק אין דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג און בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה — אין דער הילף־אַרבעט פאַר די יידישע פּליטים אין רוסלאַנד.

די רעוואָלוציע פון 1917 האָט אים געטראָפן אין אָדעס. ער ווערט באַלד פון די אָנגעזעענסטע רעוואָלוציאָנערע פירער אין דער דאָזיקער פּאָרט־שטאָט: ער געהערט צו די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן און פּרעזידיום־מיטגלידער פון אָרטיקן אַרבעטער־ראַט, ווערט וויצע־פּאָרזיצער פון שטאָט־ראַט, איז איינער פון די דריי פּאָרזיצערס פון דער קהלה און איז גלייכצייטיק דער פּאָרזיצער פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין אָדעס. לוריע איז טעטיק ווי אַ רעדנער און שרייבער, ווי אַ פּאָליטישער און פּראַקטישער טוער. ער איז רעדאַקטאָר פון דער וועכנטלעכער צייטונג נאַש גאָלאָס.

באַלד אין די ערשטע וואָכן פון דער רעוואָלוציע קומט פאָר אין פּע־טערבורג די 10טע קאָנפערענץ פון בונד. לוריע באַטייליקט זיך אין איר און גייט אַריין אין נייעם צענטראַל־קאָמיטעט. אין נאָוועמבער 1917 שטעלט אים דער בונד אַרויס אַלס קאַנדידאַט צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אין די אוק־ראַינישע וואַל־קרייזן. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד אין געגנט־קאָמיטעט פון בונד אין אוקראַינע.

די באָלשעוויקעס פאַרכאַפּן די מאַכט און עס הויבט זיך אָן דער טראַגי־שער און קאַטאַסטראָפאַלער פּעריאָד פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע. אָדעס גייט דורך גרויליקע צייטן. לוריע בלייבט אויף זיין בונדישן פּאָסטן. אין די יאָרן פון דער רעוואָלוציע און בירגער־קריג איז ער געווען דער וויכטיקסטער פירער פון בונד אין אָדעס. אין 1921 האָט אים די טשעקאַ אַרעסטירט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון בונדיסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן (מענשעוויקעס) אין קלוב אויפן נאָמען פון קאַרל מאַרקס. צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע און זיבע־ציק ח"ח איז ער אָפּגעפירט געוואָרן אין דער טורמע. אַדאַנק דער אינטער־

ווענץ פון דער צענטראַלע פון קאָאָפּעראַטיוון וואו ער האָט געאַרבעט, האָט אים די טשעקאַ אַרויסגעלאָזט, ווי זי האָט עס געטאָן לגבי גאַר אַ קליינער צאָל, וועגן וועלכע סאָוועטישע אינסטיטוציעס, וואו זיי האָבן געאַרבעט אַלס פאַכלייט, האָבן אינטערוועגירט.

פאַר דעם אַלטן רעוואָלוציאָנערן קעמפער און זיין נאָענטער פאַמיליע האָבן זיך אָנגעהויבן זייער שווערע און פיינלעכע יאָרן. סוף־כל־סוף האָט ער זיך ווי ס׳איז איינגעאָרדנט און געפּרואווט זיין טעטיק, ווי אַן אומפּאַרטיי־אישער פאַכמאַן. הירש לוריע — אויך געווען באַקאַנט מיטן נאָמען גריגאָרי איסאַקאָוויטש לוריע — האָט אין דער סאָוועטישער צייט באַוויזן צו פאַר־עפנטלעכן אין רוסיש און יידיש אייניקע ליטעראַרישע אַרבעטן: געזעצן־זאַמלונג וועגן קאָאָפּעראַציע, אַ ביכל וועגן אַנטאָן אַנטאָנאָוויטש קאָסטיושקאָ־וואַליוזשאַניטש (אַנטיילנעמער פון ראַמאַנאָווקע); קריטישע אָפּהאַנד־לונגען אין יידיש א. נ. טוירע, יאָם־קיפּור, שאַבעס (אַלע דורכן אוקראַאינישן בילדונג־מיניסטעריום, כאַרקאָוו 1923), פּייסעך (כאַרקאָוו 1924). קאַרל מאַרקס, זיין לעבן און שאַפן, אָדעס 1922. אין רוסיש: קראַסנאַיאַ לאָדז, מאָסקווע, 1934. צוזאַמען מיט ס. דימאַנשטיין און אשר מייער (אַ ברודער פון בונדישן טוער דוד מייער) האָט ער צוגעגרייט די זאַמלונג זכרונות, וואָס די געזעלשאַפט פון די פּאָליטישע קאַטאָרזשאַנעס האָט אין 1930 אַרויסגעלאָזט אין מאָסקווע א. נ.: די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן יידן (רוסיש) — וועגן אָנהויב פון דער יידי־שער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַ ריי שטעט. ער איז געווען וויצע־פאָרזיצער פון דער סעקציע צו שטודירן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן יידן ביי דער געזעלשאַפט פון פּאָליטישע קאַטאָרזשניקעס און פאַרשיקטע, ווי אויך מיטגעאַרבעט אין די זאַמלשריפטן קאַטאָרגאַ אי ססילקאַ (געשריבן אונטערן אייגענעם נאָמען ג. לוריע ווי אויך אונטערן פּסעוודאָנים גילל). אין זיינע שריפטן האָט ער שוין געצאָלט אַ געוויסן צינש דעם הערשנדיקן רעזשים.

אַזוי האָט הירש לוריע ווי עס איז זיך דורכגעשטופּט אין דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט ביז אין דער צווייטער העלפט פון די דרייסיקער יאָרן. ס׳איז געקומען די צייט פון די טרויעריק באַרימטע „מאָסקווער פּראָצעסן״ און זייערע בלוטיקע באַגלייט־דערשיינונגען — די מאַסן־אַרעסטן און מאַסן־ליקווידאַציעס. אויך דער אַלטער רעוואָלוציאָנער הירש לוריע איז געפאַלן אַ קרבן. אַרום 1937 האָט מען אים אַרויסגענומען פון שטוב, אַוועקגעריסן פון פרוי און קינדער און יאָרן האָט מען מער פון אים נישט געהערט. זיין ווייטערדיקער גורל איז אונז נישט באַוואוסט.

ב. : אינפאָרמאַציע פון וויקטאָר שולמאַן (קאָוונע — וואַרשע — ניו-יאָרק), לייבעטשקע בערמאַן (דווינסק — וואַרשע — ניו-יאָרק), דוד בוים (לובלין — אָדעס — ניו-יאָרק), אברהם קאַסטעלאַנסקי (קאַרלין — וואַרשע — ניו-יאָרק). פאָלקס-צייטונג, קיעוו, 10 נאָוועמבער 1917. פּ. אַנמאַן: די פאַראייניקונגס-פראַגע אויף דער 7 קאָנפערענץ פון „בונד״ (רויטער פּנקס, צווייטעס זאַמלבוך, וואַרשע, 1924). ב. מיכאַלעוויטש: זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט, דריטער באַנד,

וואַרשע 1923. די אַרבייטער שטימע, פּעטראָגראַד, 1 מאַי 1917. נ. א. בוכבינדער: די געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין רוסלאַנד, ווילנע, 1931.

Якутская исторія, Женева, 1904; П. Розенталь: Романовка, Ленинград-Москва, 1924; П. Тепловъ: Исторія якутскаго протеста, С.-Петербургъ, 1906(?); Къ вопросу объ объединеніи Бунда съ Росс. Социалъ-демократической Рабочей Партіей, С.-Петербургъ, 1906; Революционное движение среди евреев, Москва, 1930; Г. Лурье: Ушедшим «Романовцам»; А. М. Гинзбург (Каторга и ссылка, №№ 2(15), 40, Москва, 1925, 1928).

י. ש. הערץ

●

# אהרן זאַלקינד

זון פון משה, געבוירן אַרום 1874. געלערנט אין חדר און אַ יידישער שול אין ווילנע.



זיין באַשעפטיקונג איז געווען פריער אַן אַנגעשטעלטער, שפּעטער אַ יובעליר־אַרבעטער. געהערט צו דער ווילנער אָרגאַניזאַציע פון יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אין מערץ 1896 האָט מען אים אַרעסטירט און באַשולדיקט אין געהערן צו דער פריער־דערמאָנטער אָרגאַניזאַציע. געזעסן 13 חדשים און געוואָרן פאַרמשפּט צו זיין 3 יאָר אונטער פּאָליציי־השגחה אין קאָוונע. דעם 14 מערץ 1898 האָט מען אים אַרעסטירט אין קאָוונע פאַר פירן אַ פאַרבאָטענע אַגיטאַציע און געהערן צום בונד. געזעסן איבער אַ יאָר אין קאָוונער טורמע און שפּעטער אַרויסגעשיקט אויף 4 יאָר אין מזרח־סיביר. ער האָט געהאַט אויף זיין רעקאָרד 5 הונגער־שטרייקן און באַטייליקט אין טורמע־אומרוען.

פון קאָוונע האָט מען אים געברענגט קיין ווילנע און פּסח 1899 האָט מען אים געשיקט ווייטער מיטן עטאַפּ. אין יענער צייט האָבן די אָרגאַניזירטע אַרבעטער — די יידישע און נישט־יידישע — איינגעשטעלט אַ מנהג צו דעמאָנסטרירן בעת מ׳האָט אַרויסגעפירט פּאָליטישע פאַרשיקטע. ווען מ׳האָט אַרויסגעפירט זאַלקינדן, האָבן זיך פאַר דער טורמע פאַרזאַמלט 400 מאַן. וועגן דער דעמאָנסטראַציע האָט דערציילט דער אונטערערדישער בונדישער אָרגאַן דיא אַרבייטער שטימע: „די עטלעכע פּאָליציאַנטן, וואָס זיינען געווען ביי דער טורמע, זעענדיק די צוזאַמענגעקליבענע מאַסע, זיינען באַלד אָפּגעטרעטן און זיך באַהאַלטן. אַחוץ באַגריסונגען און פאַרשיידענע אויסגעשרייען, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט צו קלינגען די גאַנצע צייט

איבער אַלע גאַסן, וואָס פירן פון געפענגעניש צו דער באַן און אויף דער באַן גופא, האָט זיך דעם מאָל אויך באַוויזן אַ רויטע פאָן״.

שוין אויף פאַרשיקונג אין סיביר האָט מען זאַלקינדן אין דאָרף אַרעסטירט פאַר האַלטן אומלעגאַלע ליטעראַטור. ער איז דערפאַר געזעסן אין טורמע 7 חדשים און מ׳האָט אים דעם טערמין פון פאַרשיקונג פאַרלענגערט אויף נאָך אַ יאָר. מיט דעם האָט זיך עס נאָך נישט געענדיקט. אהרן איז געווען אַן אומבויגזאַמער רעוואָלוציאָנער. מ׳האָט אים באַשולדיקט אין שטעלן אַ ווידערשטאַנד און אַ קורצע צייט פאַרן סוף פון זיין טערמין האָט מען אים צוגעלייגט נאָך 5 יאָר פאַרשיקונג — ביז דעם 17 פעברואַר 1909!

אין 1904 האָט ער אָנטיילגענומען אין פּראָטעסט פון די פּאָליטישע פאַרשיקטע, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „ראָמאַנאָווקע״. ער איז געווען איינער פון די אַקטיווסטע קעמפער. שפּעטער אויפן פּראָצעס האָט ער דערציילט וועגן די עוולות, וואָס מ׳איז לגבי אים באַגאַנגען און ווי נישט באַרעכטיקט ס׳איז געווען דאָס פאַרלענגערן אים די פאַרשיקונג פון די פריערדיקע 4 יאָר אויף גאַנצע 10. דער געריכט־אורטייל איז געווען 12 יאָר קאַטאָרגע.

צוגלייך מיט די אַנדערע 55 פאַרמשפּטע „ראָמאַנאָווצעס״, איז זאַלקינד אין רעוואָלוציע־יאָר 1905 אַמנעסטירט געוואָרן. ער קומט צוריק אין זיין היים־שטאָט ווילנע. אַ געוויסע צייט האָט ער דאָרטן געאַרבעט אין דער בונדישער דרוקעריי, וואו ס׳איז אַרויס די פאָלקס־צייטונג און געטאָן פאַרשיידענע טעכנישע אַרבעטן פאַרן צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד. שפּעטער האָט ער זיך באַזעצט אין וואַרשע, וואו ער איז געווען באַשעפטיקט ווי אַ דרוקער־אַרבעטער.

זאַלקינד האָט אויפגעבויט אַ פאַמיליע־היים, געהאַט אַ פרוי און פיינע קינדער. ער האָט אָבער אָנגעהויבן צו טרינקען און בכלל גענומען פירן אַ צעלאָזן לעבן. באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער אַ קורצע צייט געווען טעטיק ביי די קאָמוניסטן. נאָך אַ קריזיס פון עטלעכע יאָר, האָט ער זיך באַרואיקט, איבערגעריסן מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און איז צוריק אַריינגעטרעטן אין בונד. ער איז געווען אַ דיסציפּלינירטער און אַקטיווער מיטגליד פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון בונד און פון פּראָפעסיאָנעלן דרוקער־פאַראיין. ער האָט געשפּילט אין פאַראיין־אָרקעסטער ווי דער פּויקער און איז געווען באַשעפטיקט ווי אַ געהילף־מאַשיניסט אין דער דרוקעריי פון דער צייטונג נאַש פּשעגלאָנד.

אהרן זאַלקינד איז בעת דער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ זומער 1942 אומגעברענגט געוואָרן דורך די נאַציס.

ב. : דיא אַרבייטער שטיממע, נומ׳ 14, אויגוסט 1899.
Якутская исторія; Якутскій процессъ, Женева, 1904. П. Розенталь: Романовка, Ленинград-Москва, 1924. П. Тепловъ: Исторія якутскаго протеста, С.-Петербургъ, 1906(?).

י. ש. ה.

# איליאַ ווילענקין

געבוירן דעם 15 אַפּריל 1879 אין פּעטערבורג.

דער פאָטער לעאָן איז געווען אַ באַאַמטער אין דער פאַרוואַלטונג פון דער ליבאַווער־ראָמנער באַן־ליניע. אין די אַכציקער יאָרן האָט די פאַמיליע זיך באַזעצט אין מינסק. אין 1897 האָט איליאַ דאָרטן פאַרענדיקט די רעאַל־גימנאַזיע. אין 1898 זיך אָנגעהויבן לערנען אין קיעווער פּאָליטעכניקום, אָבער מיט אַ יאָר שפּעטער האָט מען אים אויסגעשלאָסן צוליב זיין אָנטייל אין די סטודענטן־אומרוען.



פון קיעוו איז דעמאָלט אַרויסגעשיקט געוואָרן אין דער היים־שטאָט מינסק צו זיין אונטער פּאָליציי־השגחה אַ צווייטער סטודענט, וואָס איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון אוניווערסיטעט פאַרן זעלבן חטא — וולאַדימיר מעדעם. ביידע האָבן זיך באַפריינדעט. צוזאַמען זיינען זיי אין יאָר 1900 אַריינגעטרעטן אין דער מינסקער אָרגאַניזאַציע פון בונד און געפירט בשותפות אַ קרייזל פון קריסטלעכע אַרבעטער. ווילענקין האָט אַ צייט אויך געפירט אַן אָפּענע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין דעם קרייז אַרום גריגאָרי גערשוני. אין דער מינסקער בונדישער אָרגאַניזאַציע איז ווילענקין, אונטער דעם פּסעוודאָנים סערגיי, אַלץ מער און מער געוואָרן אַקטיווער אין דער אומלעגאַלער אַרבעט. ס׳זיינען אַוועק עטלעכע חדשים און אין מינסקער בונדישן קאָמיטעט האָט מען אַריינגענומען אַ דריילינג פון גאָר נאָענטע פריינט — אַלע אויסגעשלאָסענע סטודענטן: יאַשקאַ קאַפּלאַן, וולאַדימיר מעדעם און איליושאַ ווילענקין (די אַנדערע מיטגלידער פון קאָמיטעט זיינען געווען אַלטע דערפאַרענע טוער: זשעניע הורוויטש, באָריס פרומקין, אַלבערט זאַלקינד און כאַטשע מונוועס). צווישן אַנדערע אַרבעטן האָט ווילענקין געזאַמלט דעם מאַטעריאַל און אָנגעשריבן די קאָרעספּאָנדענציעס אין דער אונטערערדישער צייטונג דער מינסקער אַרבייטער.

דערצויגן אין אַן אַסימילירטער משפחה, האָט איליאַ קיין יידיש נישט געקענט. נאָכן אַריינקומען אין בונד האָט ער צוזאַמען מיט מעדעמען זיך געלערנט יידיש און בכלל האָבן ביידע זייער אָפּט פאַרבראַכט אין אַ קרייז פון נאָענטע פריינט — ביז ס׳איז געקומען דער גרויסער אַרעסט.

הערבסט און ווינטער 1900 האָט דער באַרימטער מאָסקווער אָכראַנע־שעף זובאַטאָוו געהייסן דורכפירן אַרעסטן, בעת וועלכע מ׳האָט פאַרנומען אַ גרויסע צאָל מענטשן אין מינסק. צווישן די אַרעסטירטע בונדישע טוער איז געווען ווילענקין (מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער אויך מעדעם). אַלעמען האָט מען אָפּגעפירט קיין מאָסקווע (אַהין האָט מען אויך געבראַכט ווילענקינס

אַ יינגערן ברודער). נאָך אַ פּאָר חדשים האָט מען איליאַן באַפרייט, אָבער דעם 29 דעצעמבער 1900 האָט מען אים ווידער אַרעסטירט און דעם 31 מאַי 1901 איז ער אויף אַן אַדמיניסטראַטיוון אופן פאַרמשפּט געוואָרן אויף 5 יאָר פאַרשיקונג אין מזרח־סיביר. פאַרשיקט האָט מען אים אין יאַקוטסקער געגנט און אין יוני 1902 האָט דער פאַרשיקטער בונדיסט געמוזט אין יאַקוטסק גיין דינען אין מיליטער.

אין 1904 האָט איליאַ גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין צוגרייטן דעם פּראָטעסט פון די פּאָליטישע פאַרשיקטע, וואָס איז באַרימט געוואָרן אונטערן נאָמען ראָמאַנאָווקע. זיין ראָל איז געווען אַן אייגנאַרטיקע. צוזאַמען מיט זיין פרוי, די שוועסטער פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן טוער גאָלדענדאַך־ריאַזאַנאָוו (אין די ערשטע יאָרן פון דער באָלשעוויסטישער ממשלה באַרימט ווי דער דירעקטאָר פון מאַרקס־ענגעלס־אינסטיטוט), האָט ער געהאַט אַ דירה אין הויז פון יאַקוט ראָמאַנאָוו. דאָס דאָזיקע הויז איז אויסגעקליבן געוואָרן צו מאַכן די פעסטונג פון ווידערשטאַנד. ווילענקין אַליין און די פרויען זעליקמאַן און פּאָמעראַנץ זיינען באַשטימט געוואָרן צו בלייבן מחוץ דעם הויז, כדי צו טאָן פאַרשיידענע נויטיקע הילף־אַרבעטן. נאָך דעם דראַמאַטישן ווידערשטאַנד, ווען נאָך אַ באַלאַגערונג פון 17 טעג האָט מען זיך געמוזט אונטערגעבן, האָבן די דריי צוגעשיקט אַ דערקלערונג צום גובערנאַטאָר, אַז זיי האָבן געהאָלפן די באַלאַגערטע און סאָלידאַריזירן זיך מיט זייערע האַנדלונגען. ווילענקין, וועלכער איז דעמאָלט געווען אַ סאָלדאַט, האָט מען איינגעזעצט אין דער מיליטערישער טורמע.

אויפן פּראָצעס פון די 59 אָנגעקלאָגטע, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַן אורטייל פון 12 יאָר קאַטאָרגע פאַר יעדן, אַחוץ 4, איז ווילענקין אַרויסגעטרעטן מיט צוויי שטאָלצע און מוטיקע רעדעס. וויכטיק זיינען געווען זיינע דערקלערונגען ווי אַזוי מ׳האָט אויפגעהעצט דאָס מיליטער צו שיסן. זיין שלוס־וואָרט האָט ער פאַרענדיקט מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „איך, וועלכער דין איצט אין מיליטער ווי אַ זעלנער, דערקלער אייך, אַז כ׳דערוואַרט נישט און פאַרלאַנג נישט אייער חסד, אָבער כ׳קען נישט זיך איינהאַלטן נישט אויסצודריקן מיין טיפן באַדויערן וואָס כ׳בין נישט געווען אין ראָמאַנאָווקע בשעת דעם אַקטיוון קאַמף פון די חברים קעגן די צירקולאַרן פון גראַף קוטאַיסאָוו" (גענעראַל־גובערנאַטאָר).

צוזאַמען מיט די צוויי פרויען וואָס האָבן געטאָן פאַרבינדונג־אַרבעטן פון דרויסן, האָט מען אויך אים באַפרייט. סוף 1905 האָט זיך געענדיקט זיין פאַרשיקונג־צייט.

אויפן צוריקוועג האָט ווילענקין זיך אָפּגעשטעלט אין אָמסק און דאָרטן געשפּילט אַן אָנפירנדיקע ראָל אין די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן. אַזוי ווי ס׳האָט אים געדראָט אַרעסטירט צו ווערן, איז ער אַנטלאָפן און איז געקומען קיין ווילנע.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד האָט דעם צוריקגעקערטן רעוואָלוציאָנער געשיקט אַרבעטן אין דער וויטעבסקער אָרגאַניזאַציע. געלעבט האָט ער דאָרטן ווי אַן אומלעגאַלער, אָבער שוין דעם 2 מערץ 1906 אַרעסטירט

מען אים אויף אַ פאַרזאַמלונג. לויטן פּאַס איז ער גאָר משה פּאַרטאַן. נאָכן אָפּזיצן עטלעכע חדשים, פאַרשיקט מען אים אויף 3 יאָר אין נארימער געגנט. אין אויגוסט 1906, באַלד אין דער ערשטער נאַכט פון אָנקומען אויפן פאַר־שיקונג־אָרט, איז ער צוזאַמען מיט נאָך חברים אַנטלאָפן אויף אַ שיפל אויפן טייך אָב ביז טאָמסק און פון דאָרטן מיט דער באַן קיין קיעוו.

דער צ. ק. פון בונד האָט אים דעמאָלט געשיקט קיין אָדעס, וואו ער האָט ווייטער געלעבט אויף אַ פאַלשן פּאַס. דאָרטן האָט ער פאַרבראַכט אַ גאַנצן ווינטער ביז מאַי 1907, ווען מ'האָט אים ווידער אַרעסטירט אויף אַן אַרבעטער־פאַרזאַמלונג. נאָכן זיצן אַ צייט אין טורמע, האָט מען אים פאַר־שיקט אין אַרכאַנגעלסקער גובערניע אויף 3 יאָר. פון פאַרשיקונג איז ווי־לענקין ווידער באַלד אַנטלאָפן און סוף 1907 איז ער געקומען קיין פּעטערבורג.

נישט געקוקט אויף דעם וואָס ער איז געווען אַן אַנטלאָפענער רעוואָ־לוציאָנער, האָט זיך אים איינגעגעבן דאָס אויסבאַהאַלטן פון דער אָכראַנע און אַריינטרעטן אין פעטערבורגער אוניווערסיטעט. ער האָט זיך געלערנט אויפן יורידישן פאַקולטעט, וואָס ער האָט געענדיקט אין יאָר 1912. צוליב די אַנטי־יידישע באַגרענעצונגען האָט מען אים נישט אָנגענומען אין דער אַדוואָקאַטור, און דער יינגער יוריסט איז געוואָרן אַ באַאַמטער אין דער רוסיש־ענגלישער באַנק.

נאָך דער רעוואָלוציע פון 1917 איז ווילענקין געווען פאַרוואַלטונג־מיטגליד פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון באַנק־אָנגעשטעלטע און ביז 1922 איז ער געווען טעטיק אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין פּעטראָגראַד. שפּעטער האָט ער געאַרבעט אין דער מלוכהשער באַנק. אין פּאָליטישן לעבן האָט ער זיך שוין נישט באַטייליקט.

ב.: וולאַדימיר מעדעם: פון מיין לעבן, ניו־יאָרק, 1923. Якутская исторія; Якутскій процессъ. Женева, 1904. П. Розенталь: Романовка, Ленинград — Москва, 1924. П. Тепловъ: Исторія якутскаго протеста, С.-Петербургъ, 1906(?). Послѣднія Извѣстія, № 194, 5 октября, 1904. Женева. Био-Библиографический Словарь, том V, Социал-демократы, Москва, 1930.

י. ש. ה.

●

## אברהם מאיר און ליזע אַמסטערדאַם

אברהם מאיר אַמסטערדאַם איז געבוירן געוואָרן אין 1872 (אָדער 1871) אין וויטעבסק און דערטרונקען געוואָרן דעם 29 יולי 1899 אין דניעפּר, אין דער שטאָט שקלאָוו.

זיין פאָטער ישראל איז געווען אַ מלמד. די משפחה האָט זיך אַריבערגע־צויגן קיין מאָסקווע, וואו זי האָט געפירט אַן אָרים און געמאַטערט לעבן אין

 

אַ קעלער־שטוב. אברהם האָט געלערנט אין חדר און שפּעטער אין מאָסק־ווער האַנטווערקער־שול. ער איז געווען אַ פּעאיק ייִנגל און מיט זײַנע פֿאַר־דינסטן געהאָלפֿן דעם פֿאָטער. פֿריער האָט ער געגעבן לעקציעס און לסוף נאָכן ענדיקן די שול צו 16 יאָר האָט ער געאַרבעט אין אַ שלאָסערײַ. בײַטאָג בײַ דער אַרבעט, האָט דאָס ייִנגל אין די נעכט אַ סך געלייענט און געלערנט.

אָנהויב די נײַנציקער יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט באַזעצט זיך די אַמסטערדאַם־משפּחה צוריק אין וויטעבסק. זי האָט געמוזט אַוועק פֿון מאָסק־ווע צוליבן גירוש. אברהם איז שוין דעמאָלט געווען געזעלשאַפֿטלעך טעטיק. אָנגעהויבן האָט ער אין אַ מאָסקווער סטודענטישן קרײַז פֿון „בני ציון״. דאָס האָט אים אָבער נישט באַפֿרידיקט. ער שטעלט זיך די אויפֿגאַבע צו פֿאַרשפּרייטן בילדונג צווישן פֿאָלק. אין וויטעבסק גרינדעט ער יוגנט־קרייזן פֿאַר זעלבסט־בילדונג. אַמסטערדאַם האָט געוועקט און גערופֿן צום קאַמף קעגן פֿאַנאַטיזם און פֿינצטערניש. ער האָט אַגיטירט צווישן די ישיבה־בחורים און צווישן דער יוגנט בכלל, וואָס האָט אים פֿאַרגעטערט. אַן אויס־געצייכנטער רעדנער, האָט ער זיך דערהויבן צו אַ נביאישן טאָן און געקענט מיטרײַסן די צוהערער און אויפֿוועקן אַ ווילן זיך מוסר נפֿש זײַן פֿאַר אַן אידעאַל.

בײַ אים אַליין איז פֿאָרגעקומען אַן אידייִאישע אַנטוויקלונג. פֿון סתם בילדונג און הילף פֿאַרן פֿאָלק אין גייסט פֿון די נאַראָדניקעס איז ער שטופּנווייז געקומען צום מאַרקסיזם און געוואָרן אַ פּיאָנער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אין וויטעבסק. דאָס איז געווען אין די יאָרן 1894־95. זײַן טעטיקייט ווערט אויף אַ צײַט איבערגעריסן צוליב דער מיליטער־דינסט אין מאָהילעוו.

אין סעפּטעמבער 1896 איז אַמסטערדאַם אַוועקגעפֿאָרן קיין ווילנע, וואו ער איז געוואָרן זייער טעטיק אין זשאַרגאָנישן קאָמיטעט, וואָס האָט געהאַט די אויפֿגאַבע צו פֿאַרשפּרייטן ייִדישע ראַדיקאַלע שריפֿטן. אַ מענטש, וואָס האָט אים נאָענט געקענט, האָט וועגן דעם דערציילט: „אַלס פֿאַקנטרע־גער מיט זשאַרגאָנישע ביכלעך אויף די פּלייצעס איז ער אַוועקגעגאַנגען

אין דער לענג פון דווינע פון איין שטעטל אין אַנדערן, יעדן פאַרגעלייגט נוצלעכע ביכלעך, יעדן געגעבן צו פאַרשטיין וואָס אים האָט געפעלט, און מיט יעדן זיך אַריינגעלאָזט אין וויכוחים וועגן אַלערליי וויסנשאַפטלעכע און מענטשלעכע זאַכן״... „אויף דעם וועג אַלס פאַקנטרעגער האָט ער גוט אויסגעשטודירט דאָס יידישע פאָלק און האָט זיך צו אים צוגעבונדן נאָך מיט אַ שטאַרקערער ליבע״ (דער אידישער אַרבייטער, אויגוסט 1899).

זיינס אַ בן־עיר, דער באַוואוסטער סאָציאַליסטישער טוער א. מ. גינז־בורג (נאַאומאָוו), שילדערט אים אַזוי: „אַמסטערדאַם אַליין איז געווען אַ זייער ליטערע פערזענלעכקייט: מיט אַ נביאישן טעמפּעראַמענט, אַן אויסער־געוויינלעך פלאַמיקער אָראַטאָר, אַ פּרעכטיקער קולטור־־פּראָפּאַגאַנדיסט, אַ זייער גוטער דיאַלעקטיקער, אַ מענטש וועמען עס ציט צו אַ קינסטלערישן סטיל און וואָס פאַרוואוט אויך זיינע כוחות אין בעלעטריסטישע ווערק״.

נישט קיין וואונדער וואָס ער איז געווען זייער פּאָפּולער ביי דער יוגנט פון וויטעבסקער און מאָהילעווער גובערניעס.

דעם 27טן יאַנואַר 1897 האָט מען אַמסטערדאַמען אַרעסטירט אויף דער באַן־סטאַציע אין ווילנע בעת ער האָט געזאָלט, אין שליחות פון ווילנער קאָמיטעט פון די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן (די שפּעטערדיקע גרינדער פון בונד), פאָרן קיין סמאָרגאָן. ער איז געזעסן אין ווילנער, ווילייקער און וויטעבסקער טורמעס איבער צוויי יאָר. אויך אין טורמע האָט ער נישט גערוט. ער האָט געשריבן בריוו צו די אַרבעטער וועגן פאַרשיידענע אַקטועלע און פּרינציפּיעלע פראַגן, צווישן זיי אויך אַ רעדע צום 1טן מאַי. צוליבן לאַנגן זיצן איז ער קראַנק געוואָרן און מ׳האָט אים ביזן אורטייל אַרויסגעלאָזט אונטער פּאָליציי־השגחה. אַזוי ווי ער איז געווען אַ נכתב פון שקלאָוו (פון דאָרטן האָט געשטאַמט דער פאָטער), האָט מען דעם 26 מערץ 1899 אים געשיקט אַהין. כאָטש אונטער פּאָליציי־אויפזיכט, האָט ער אָנגעהויבן אָנצופירן מיט דער יינגער בונדישער באַוועגונג אין שקלאָוו און אַרומיקע ערטער. ער איז געשטאַנען אין ענגן קאָנטאַקט מיט דער מאָהילעווער אָר־גאַניזאַציע פון בונד און אָנגעשריבן אייניקע פּראָקלאַמאַציעס.

אַמסטערדאַם האָט געהאַט אַ שטאַרקן אינטערעס פאַר יידישע פּראָב־לעמען און זיין טרוים איז געווען אַליין אָנצושרייבן די געשיכטע פון יידן נישט ווי אַ געשיכטע פון די „פּני״ אָדער פון גזירות און רדיפות, נאָר פון ווירקלעכן לעבן מיט אַלע זיינע וויכטיקע דערשיינונגען. ער האָט שוין אַפילו געקליבן מאַטעריאַל פאַר זיין צוקונפטיקער גרויסער אַרבעט. ס׳איז אים אָבער נישט באַשערט געווען.

אין די פאָר חדשים, וואָס ער האָט געלעבט אין שקלאָוו אונטער דער פּאָ־ליציי־השגחה, האָבן די פרומע און באַלעבאַטישע יידן מיט אים קיין מגע ומשא נישט געוואָלט האָבן. זיי האָבן פון אים געוויכט. דער שרייבער ז. שניאור, אַליין אַ שקלאָווער, שילדערט אים אין אַזעלכע ווערטער: „אַ שלאַנ־קער פאַרשוין, מיט אַ פּאָר גרינע, אַ ביסל בולטע אויגן. זיינע בלאָנדע האָר זענען אויס פרעמד, זיין שמייכל פרעמד, זיין גאַנג פרעמד. ער קוקט גלייך אין די אויגן. ער גייט — פונקט ווי גאַנץ שטאָט איז זיינע״. אין שטאָט

האָט מען געמורמלט, אַז „דער נכתב פירט איבער דאָס יונגוואַרג" און „ער רייצט אָן די בעלי־מלאכות".

דעם 29 יולי 1899 האָט ער זיך געבאָדן אין דניעפּר. ער האָט געוואָלט אַריבערשווימען אויף דער אַנדערער זייט טייך. פּלוצים איז אָנגעקומען אַ דאַמפּער, וואָס האָט צעשטורעמט דאָס וואַסער, און אַמסטערדאַם איז דער־טרונקען געוואָרן פאַר די אויגן פון זיין פרוי ליזע. דעם טויטן קערפּער האָט מען שפּעטער אַרויסגענומען און באַגראָבן ביים פּלויט אויפן יידישן בית־עולם. ווי ז. שניאור דערציילט, זיינען דערביי געווען בלויז מאָהילעווער זשאַנדאַרן און אַ בלאָנדע פרוי מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. דערפאַר אָבער האָבן שפּעט ביינאַכט זיך באַוויזן אויפן בית־עולם זיינע חברים און באַ־דעקט דעם קבר מיט בלומען און רויטן געוואַנט און אים געזעגנט מיט רעוואָלוציאָנערן געזאַנג. די יידן פון שטעטל האָבן אויך נאָך זיין טויט „גע־מאַכט אומוועגן, כדי נישט צו גיין פאַרביי דער דאָזיקער הייזקע", וואו דער נכתב האָט געוואוינט. אָבער... „עפּעס אַ מין כוח איז אַריין אין יונגוואַרג. דער גלגול פון דעם דערטרונקענעם האָט זיך צעשאָטן אין אַ סך געשטאַלטן פון חוצפּה און ווידערשפּעניקייט. אַפּריער אין דער שטיל, דערנאָך האָט זיך עס פאַרנומען ווי אַ פייער".

און נישט בלויז אין שקלאָוו. דער נאָמען אברהם אַמסטערדאַם האָט נאָך לאַנג אָפּגעקלונגען אין די הערצער פון די אַלע, וואָס זיינען ווען נישט איז געקומען מיט אים אין באַרירונג אָדער אַפילו בלויז געהערט זיין שטים.

*
**

די פרוי ליזע (פון דער היים גרינבלאַט) איז אויך געווען פון וויטעבסק און דאָרטן געהערט צו אברהמס אַ קרייזל. נאָך זיין טראַגישן טויט האָט זי זיך מיט מסירת־נפש אַריינגעוואָרפן אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. במשך אַ ריי יאָרן געאַרבעט אין די געהיימע בונדישע דרוקערייען אין ווילנע און וואַרשע אַלס זעצערין און פאַרבינדלערין. זי איז געווען אַן אי־דעאַלע קאָנספּיראַטיווע טוערין מיט אויסערגעוויינלעכן מוט און קאַלטבלו־טיקייט. נאָך איר פערזענלעכער טראַגעדיע איז די בונדישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעט געווען דער גאַנצער אינהאַלט פון איר לעבן. נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905, ווען דער בונד האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ טעגלעכע צייטונג אין ווילנע און די אַרבעט אין די געהיימע דרוקערייען האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז זי געווען באַשעפטיקט אין דער אַדמיניסטראַציע פון דער פאָלקס־צייטונג.

אין דער בונדישער טעגלעכער צייטונג האָט אויך געאַרבעט אברהמס יינגערער ברודער וואָלף בער (וואָלאָדיאַ), אַ טוער מיט אַ רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט. ער איז אייניקע מאָל געזעסן אין טורמע, געפירט איבער דער גרענעץ אומלעגאַלע ליטעראַטור און געווען באַשעפטיקט אין דער גע־

היימער בונדישער דרוקעריי אין מינסק (אַמסטערדאַמס עלטערע שוועסטער איז געווען די פרוי פון שרייבער ראובן ברייגין).

ב.: אינפאָרמאַציע פון אברהם קאַסטעלאַנסקי (קאַרלין — וואַרשע — ניו-יאָרק). דער אידישער אַרבייטער נומ' 3-2, פעברואַר, 1897, נומ' 5-4, נאָוועמבער 1897, נומ' 7, אויגוסט, 1899. א. ליטוואַק: וואָס געווען, ווילנע, 1925. א. טשער.: פאַרגעסענע פיאָנערן פון דער יידישער אַרבייטער-באַוועגונג (היסטאָרישע שריפטן 3, ייוואָ, ווילנע-פאַריז, 1939). שלום לעווין: אונטערערדישע קעמפער, ניו-יאָרק, 1946. ז. שניאור: פעטער זשאַמע (אַ דערטרונקענער), ווילנע, 1930.
Революционное движение среди евреев, Москва, 1930. Био-Библиографический Словарь, том V, Социал-демократы, Москва, 1930.

י. ש. ה.

●

# יצחק מרדכי פסחזאָן

פּיאָנער פון „בונד" אין וואַרשע און לאָדזש. אַ האַלבן יאָרהונדערט האָט ער געטריי געדינט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל ביז אַ נאַצישע קויל האָט אויסגעלאָשן דאָס לעבן פון דעם אומדערמידלעכן רעוואָלוציאָנער.

געבוירן אין יאָר 1876 אין שקלאָוו ביים דניעפּר. אַן אָפּשטאַמיקער פון שניאור זלמן מליאַדי, דעם בעל התניא — באַגרינדער פון חב"ד־חסידות. אין די יונגע יאָרן געקומען קיין וואַרשע, וואו דער פאָטער זיינער צבי הירש האָט זיך באַזעצט און געוואָרן מורה־הוראה.

הגם מאָטעלע איז געווען אויסגעוויקט אין רבנישן יחוס און פרומקייט, איז ער פונדעסטוועגן גאָר יונג פאַרכאַפּט געוואָרן פון די וועלטלעכע און ראַדיקאַלע שטרעמונגען. אַרום 1892, ווען ער איז אַלט געווען 16 יאָר, איז ער שוין געווען באַהערשט פון די אידייען, וואָס ס'האָט געלאָזט נאָך זיך די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ. ער אַליין האָט זיך אָנגעהויבן באַטראַכטן פאַר אַ רוסישן נאַראָדניק און געטרוימט וועגן פירן אַ פּויעריש לעבן אין אַ רוסישן דאָרף. דורך זיינס אַ קרוב מענדל שנייערזאָן, פון דער ליובאַוויטשער רבישער משפחה, זיך באַקענט מיט אַ קרייזל אינטעליגענטן־מאַרקסיסטן, זיך פאַראינטערעסירט מיט די שטרייט־פראַגן צווישן די שיטות פון מאַרקסיזם און נאַראָדניטשעסטוואָ און איז אַריבער צו פּראַקטישער סאָציאַליסטישער טעטיקייט צווישן יידישע אַרבעטער.

אין יאָר 1893 (ס'קען זיין, אַז ס'איז אַ טעות אין אַ יאָר) העלפט שוין פסחזאָן אַרויסגעבן אַ יידישן העקטאָגראַפירטן אויפרוף צום 1טן מאַי, וואָס אַ סאָציאַליסטישער קרייז האָט צוגעגרייט. דעם אויפרוף האָט אָנגעשריבן אויף פּויליש איזידאָר פאַטערזאָן און מאָטעלע האָט אים איבערגעזעצט אויף יידיש, געהאָלפן שאַפן דעם העקטאָגראַף, „דרוקן" און פאַרשפּרייטן. מ'האָט דעם אויפרוף אונטערגעוואָרפן אין ווערקשטאַטן און פאַבריקלעך. ווי פסחזאָן

האָט שפּעטער דערציילט, „האָט די דאָזיקע ערשטע יידישע פּראָקלאַמאַציע געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין שטאָט און אומעטום האָט מען אָנגעהויבן צו ריידן, אַז עס האָבן זיך באַוויזן יידישע ׳ציציליסטן׳, וועלכע ווילן אַראָפּ־וואַרפן דעם קייזער" (אַן אַלטער באַקאַנטער: אין וואַרשע ערב „בונד", זאַמלבוך 25 יאָר, וואַרשע 1922).





י. מ. פּסחזאָן און זיין ערשטע פרוי סאָניע

אין 1896 האָט פּסחזאָן אָרגאַניזירט און געפירט עטלעכע זעלבסט־בילדונג־קרייזן פון יידישע אַרבעטער, וואָס זיינען גיך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סאָציאַליסטישע. אַחוץ אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע פראַגן האָט מען אויך באַהאַנדלט יידישע ענינים, בעיקר האָט מען קריטיקירט דעם אַלטן רעליגיעזן לעבנס־שטייגער. ער און זיינע חברים האָבן זיך אויך פאַרבונדן מיט י. ל. פּרץ. אויף צוזאַמענטרעפן פון פּרצן און גרופּעס אויפגעקלערטע יידישע אַרבעטער האָט מען גערעדט וועגן אינהאַלט און פאַרשפּרייטונג פון די ליטעראַרישע יום־טוב־בלעטלעך.

בערך אין יענער צייט איז קיין וואַרשע געקומען אַ גרופּע ווילנער יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן מיט יוסף מילן בראש (שפּעטער באַקאַנט ווי דזשאָן מילל). די אָרגאַניזאַציע, וואָס זיי האָבן געשאַפן, האָט געהייסן דער יידישער אַרבעטער־פאַראיין אין וואַרשע און האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע אויפרופן. צו ימים־נוראים 1896 איז אַרויס אַ זייער גוטער און שטאַרקער אויפרוף (דער מחבר איז געווען דזשאָן מילל). נאָכן געבן אַ טרעפלעכע שילדערונג פון יידישן און אַרבעטער־לעבן אין צאַרישן רוסלאַנד, פאַרענדיקט זיך דער אויפרוף מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„ברידער און שוועסטער, איר דאַרפט וויסן זיין, אַז נישט מיט וויינען, נישט מיט תחינות וועט איר פאַרבעסערן אייער לעבן: דער גרויסער אַל־מעכטיקער בורזשואַזנער גאָט, דער אַלוועלטלעכער זעלבסט־הערשער (סאַמאָ־

דערזשעץ) איז צו גרויזאַם אויסצוהערן אונזער געבעט. דאָס איז דער גאָט פון די רייכע, נישט אונזערער. נישט אין די טרערן, ברידער און שוועסטער, איז אונזער הילף! אונזער ישועה איז שטרייט, אונזער גאָט איז אחדות. מיט שטרייט וועלן מיר פאַרבעסערן אונזער לעבן; דורך אַ שטרייט אַנטקעגן די קאַפּיטאַליסטן און מלוכה וועלן מיר נעמען וואָס אונז קומט. לאָמיר זיך געבן, ברידער און שוועסטער, די הענט און אין איין קול אויסשרייען:

עס לעבע די אחדות צווישן די אַרבעטער!

עס לעבע דער שטרייט פון די אַרבעטער קעגן זייערע אונטערדריקער — די קאַפּיטאַליסטן און מלוכה!..."

פון די דריי גרופן — די ווילנער, יידישע פּעפּעסאָווצעס און יצחק מרדכי פּסחזאָנס קרייז — איז געשאַפן געוואָרן אַן אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען — דער יידישער אַרבעטער־בונד אין פּוילן. דאָס איז געווען דער פּאַקטישער אָנהויב פון אַ יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער פּויליר שער הויפּט־שטאָט. וואָרן באַלד נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ כוואַליע פון שטרייקן אין אַ ריי פאַכן מיט אַ סך אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען. פּסחזאָן, וואָס האָט דעמאָלט געטראָגן דעם פּסעוודאָנים וואַגנער, איז געווען פון די אַקטיוויסטע טוער. שפּעטער, נאָכן 1טן מאַי 1897, זיינען די יידישע פּעפּעסאָווצעס צוריק אַריין אין פּ. פּ. ס. און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע עלעמענטן האָבן זיך קאָנסטיטואירט ווי דער יידישער אַרבעטער־בונד אין וואַרשע, וואָס איז הערבסט 1897 געוואָרן אַ באַשטאַנד־טייל פון ניי־געשאַפענעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און פּוילן.

נאָכן ערשטן גרינדונג־צוזאַמענפאָר האָט דער בונד אַראָפּגעשיקט אין דעם גרויסן יידישן אַרבעטער־צענטר לאָדזש אייניקע וויכטיקע טוער, צווישן זיי זיינען געווען דער מיטגליד פון ערשטן צענטראַל־קאָמיטעט אברהם מוטניק, באָריס פרומקין און זיין שוועסטער פרומע (אַן אַקושערקע, שפּעטער, נאָך דער מעשה לעקערט, געוואָרן אַן עסעראָווקע־טעראָריסטקע, אַליין אויס־געפירט 2 אַטענטאַטן און אין 1907 פאַרענדיקט איר לעבן אויף דער תליה אין מאָסקווע), יצחק מרדכי פּסחזאָן (מאָטעלע) און אייניקע אַנדערע. פון זיי איז מאָטעלע, וועלכער האָט אין זומער 1897 געהאַט איינגעשטעלט קאָנטאַקטן אין לאָדזש, געווען אַמבעסטן צוגעפּאַסט צו קומען אין דירעקטער באַרירונג מיט דער גרויסער מאַסע פרום־אָרטאָדאָקסישע יידישע אַרבעטער. דער יינגערמאַן מיט די ברילן און פיינעם שוואַרצן בערדל האָט פאַרמאָגט זייער שפּראַך און געקענט מיט זיינע סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען דורכברעכן די וואַנט פון קאָנסערוואַטיווקייט, אַפּאַטיע און מורא. ער האָט געמוזט ריידן צו אַרבעטער, וואָס זיינען נאָך געווען פאַרבונדן מיטן בית־מדרש און חסידים־שטיבל און וואָס האָבן זיך אָנגעהערט די ווילדסטע מעשיות וועגן די „ציציליסטן". אויפרופן און בראָשורן האָט מען נישט געקענט געבן, נאָר געמוזט אונטערוואַרפן. די אַרבעט איז אָוועק מיט הצלחה. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן איבער אַ האַלב יאָר צייט. אַ סוף געמאַכט צו זייער טעטיקייט האָט דער מאָסקווער אָכראַנע־שעף זובאַטאָוו, וועלכער האָט דעמאָלט פאַר־פּלייצט דעם בונדישן ראַיאָן מיט מחנות געהיים־אַגענטן. חדשים לאַנג

האָבן געדויערט די נאָכשפּירונגען ביז מען האָט פּסחזאָנען נאָך אַ גרויסער מאַסן־פאַרזאַמלונג אין קאָנסטאַנטינער וואַלד סוף יולי 1898 אַרעסטירט. גע־ווען איז דאָס, ווען זובאַטאָוו האָט אין אַ ריי שטעט פאַרנומען אַ גרעסערע צאָל בונדישע טוער מיטן ציל „צו ליקווידירן דעם בונד". נאָכן אָפּזיצן אַ לענגערע צייט אין טורמע האָט פּסחזאָן באַקומען אַן אורטייל פון דריי יאָר פּאָליציי־אויפזיכט.

ער קומט צוריק קיין ווארשע און וואַרפט זיך ווידער אַריין אין דער בונדישער אַרבעט. פון צייט צו צייט כאַפּט ער זיך אויך אַראָפּ וועגן פּאַרטיי־ענינים קיין לאָדזש. דעם 29טן יאַנואַר 1901 אַרעסטירט מען אים אין וואַר־שע. אין פּאָליציי־צירקל האָט מען אים שטאַרק געשלאָגן. בערך מיט אַנ־דערטהאַלבן יאָר שפּעטער איז ער פאַראורטיילט געוואָרן אויף 7 יאָר פאַר־שיקונג אין יאַקוטסקער פּראָווינץ (מזרח־סיביר).

מ'האָט אים איבערגעפירט קיין מאָסקווע. אין דער מאָסקווער טורמע בוטירקי האָט ער זיך באַקענט און באַפריינדעט מיט דער ווילנער בונדיסטקע סאָניע גליקמאַן. (זי איז אַרעסטירט געוואָרן אין ווילנע דעם 31טן יולי 1901.). זיי האָבן זיך צוגעזאָגט צו לעבן צוזאַמען, ווען זיי וועלן זיין אויף דער פריי. כּדי דאָס צו דערגרייכן וואָס שנעלער, האָבן זיי אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן בקרוב זיך צו טרעפן אין בערלין. ער וועט פון סיביר אַנטלויפן באַלד נאָכן אָנקומען. זי וועט זיך באַמיען, אַז מ'זאָל זי דערוויל באַפרייען אויף קויציע. כּך־הווא. דער פּלאַן איז רעאַליזירט געוואָרן, ווי אָפּגערעדט.

פון בערלין איז דאָס יינגע פּאָרל אַוועק קיין לאָנדאָן, וואו ס'האָט זיך דעמאָלט געפונען דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון בונד. אין 1903, ווען דער אויסלענדישער קאָמיטעט איז אַריבער אין זשענעוו, זיינען די פּסחזאָנס אויך מיטגעפאָרן און געווען דאָרטן טעטיק.

די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין רוסלאַנד האָבן גערופן צוריק אַהיים. אין 1905 זיינען זיי אָנגעקומען אין פּינסק, וואו זיי האָבן אָנגעפירט מיט דער בונדישער אַרבעט. אַ שיינער רעדנער און גוטער מענטש, איז חבר דאַוויד — אַזוי האָט מען אים דאָ גערופן — געוואָרן דער ליבלינג פון די פּינסקער אַרבעטער. אַזוי אויך זיין פרוי סאָניע, וועמען די פּינסקער פרויען האָבן גערופן „די מאַמע". דאַוויד איז געשטאַנען בראש פון קאָמיטעט און זיך דערוואָרבן אַ שטאַרקן צוטרוי. צווישן אַנדערן איז ער געווען דער הויפּט־פירער פון פאַרביסענעם 2־3 חדשימדיקן שטרייק פון 800 אַרבעטער אין לוריעס פאַבריק פון פאַניער און פלעקלעך. אין פּינסק איז „די מאַמע" צע־טרעטן געוואָרן דורך פערדישע קאָפּיטעס, בעת צאַרישע קאָזאַקן האָבן צעטריבן אַ דעמאָנסטראַציע.

נאָך דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט אין פּינסק פאָרט דאָס פּאָר־פּאָלק אַלס דעלעגאַטן אויף דער 7טער קאָנפערענץ פון בונד (אין בערן, מערץ־אַפּריל 1906). די וויכטיקסטע פראַגע איז געווען דער צוריק־אַריינטריט פון בונד אין דער ר. ס. ד. אַ. פּ.. פּסחזאָן האָט געהערט צו די וויניקער נאָכגיביקע — די „האַרטע". (אַפילו עקסטרעם האַרטע — ער האָט פאַרלאַנגט, אַז מ'זאָל פאָדערן אולטימאַטיוו דעם פונקט וועגן דער איינציקער פאַרשטייערשאַפט).

ער האָט אייניקע מאָל גערעדט אויף דער קאָנפערענץ וועגן דער פראַגע (זיין פסעוודאָנים איז געווען — כאַנין). אין זעלבן יאָר באַזעצט ער זיך אין ווילנע, וואו ער איז געוואָרן אַ קאָרעקטאָר אין דער בונדישער טעגלעכער פאָלקס־צייטונג און געטאָן אַנדערע פּאַרטיי־אַרבעט. אין 1907 פאָרט ער ווידער קיין לאָנדאָן — דאָס מאָל אַלס איינער פון די בונדישע דעלעגאַטן אויפן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.ביים סוף פון זעלבן יאָר האָט מען אים אין ווילנע אַרעסטירט צוזאַמען מיט אַ גרופּע בונדישע טוער.

אין די יאָרן פון רעאַקציע נאָך דער ערשטער רוסלענדער רעוואָלוציע, ווען אויף דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט זיך ווידער אַ שאָט געטון אַ האָגל רעפּרעסיעס און די רעוואָלוציאָנערע רייען זיינען געוואָרן שיטער און איינגעשרומפּן, איז דער אַלטער קעמפער געשטאַנען אין ענגן קאָנ־טאַקט מיטן צ. ק. פון בונד. אין 1911 מאַכט דער בונד אַ פּרואוו אַרויסצוגעבן צייטונגען אין ווילנע און וואַרשע: אין ווילנע דערשיינט די נייע שטימע (אַרויס דריי נומערן), אין וואַרשע — פאָלקס־שטימע. פסחזאָנען ווערט אי־בערגעגעבן צו זיין דער פאַרוואַלטער פון דער פאָלקס־שטימע. דער צווייטער נומער איז געוואָרן קאָנפיסקירט און די צייטונג אָפּגעשטעלט (די פאַראַנט־וואָרטלעכע רעדאַקטאָרין אסתר גאַמבאַרג האָט מען אַרעסטירט).

אין 1909 איז פון שווינדזוכט געשטאָרבן חברטע סאָניע און פאַריתומט איר מאַן און אַ קליין קינד — אַ יינגל. פסחזאָן איז אַוועק צו זיין שוועסטער אין סאָסנאָוויץ. פון דאָרטן פאָרט ער אַריבער אין שכנותדיקן בענדין, וואו ער האָט אָפּגעלעבט 35 יאָר צייט ביז צום סאַמע סוף. ער האָט זיך פאַר־בונדן מיט אַ צווייטער פרוי און פון איר געהאַט 3 טעכטער. נאָך דער ערש־טער וועלט־מלחמה האָט ער זיך מפרנס געווען פון זיין אַרבעט אַלס סעקרע־טאַר אין דער יידישער קהילה פון בענדין.

ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג איז דער פּיאָנער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די צוויי גרעסטע פּוילישע שטעט געווען בונדיש אַקטיוו. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער געהאַלטן פאַרלעזונגען אין אַ ריי שטעט און אין 1917 איז ער אויף דער ליסטע פון בונד געווילט געוואָרן אַלס ראַטמאַן פון בענדינער שטאָט־ראַט. אין דעצעמבער פון זעלבן יאָר פאָרט ער קיין לובלין צו דער לאַנד־קאָנפערענץ פון די בונדישע אָרגאַניזאַ־ציעס אויפן פּוילישן געביט און ווערט אויסגעקליבן אין ערשטן צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד אין פּוילן. אין די וועכנטלעכע לעבנס־פראַגן און אַנדערע בונדישע אויסגאַבעס, ווי אויך אין דעם זאַמלבוך דער רויטער פּנקס האָט ער אונטערן פּען־נאָמען אַן אַלטער באַקאַנטער פאַרעפנטלעכט זיינע אינטע־רעסאַנטע און וויכטיקע זכרונות וועגן אָנהויב פון דער יידישער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג אין וואַרשע און לאָדזש (פריער נאָך — אין בונדישן אָר־גאַן דער אידישער אַרבייטער). לאַנגע יאָרן איז דער אַלטער קעמפער געווען מיטגליד און טאָן־געבער פון בונדישן קאָמיטעט אין בענדין.

אין די שטעט און שטעטלעך פון זאַגלעמביע איז פסחזאָן געווען באַליבט און געאַכטעט. דער נייער דור מיטגלידער און טוער פון בונד האָבן זיך צו־

געהערט צו זיינע רייד און פון אים אַ סך געלערנט. ער איז געווען אַנגעזען ווייט אויסער די ראַמען פון דער בונדישער באַוועגונג. אַלע האָבן אָפּגעשאַצט זיין אידעאַליזם און ערלעכקייט און פאַר אים גופא איז דער סאָציאַליסטישער אידעאַל געווען דאָס העכסטע אין לעבן. ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט: „ס'האָט נאָך קיין תורה נישט געלייטערט אַזוי די נשמות פון אירע אָנהענגער, נישט דערהויבן זיי צו די הויכקייטן פון אָן־חומרדיקער ליבע, עקסטאַז און נבואות, ווי די תורה פון סאָציאַליזם" (אָן אַלטער באַקאַנטער: לאָדזשער וועקער, 20 אַפּריל 1934).

ס'איז געקומען דער שרעקלעכער הערבסט 1939. היטלערס חיילות פאַרנעמען פוילן. דער אַלטער רעוואָלוציאָנער נעמט זיך ווידער צו אונטערערדישער אַרבעט. אין פעברואַר 1940 האָט דער שליח פון אונטערערדישן צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד, חבר אַרטור נונבערג, אין פּסחזאָנס וואוינונג געברענגט אומלעגאַלע ליטעראַטור און געלט און דאָרטן אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג פון בענדינער קאָמיטעט (די ח"ח יצחק מרדכי פּסחזאָן, י. סטאָפּניצער, ד"ר פּרץ, פריילך און קאַרנפעלד). צווישן אַנדערן איז דעמאָלט באַשלאָסן געוואָרן, אַז בונדיסטן זאָלן זיך נישט באַטייליקן אין „יודן־ראַט". דער אַלטער רעוואָלוציאָנער האָט נישט געהאַט קיין אילוזיע בנוגע דעם, וואָס עס דערוואַרט די יידן אונטער דער נאַצי־הערשאַפט. די גאַנצע צייט איז ער געווען אַקטיוו אין דער אונטערערדישער באַוועגונג קעגן די נאַציס. זיין לעצטער רעוואָלוציאָנערער אַקט איז געווען בעת מ'האָט אין 1943 אַ גרויסן טייל בענדינער יידן — 8 טויזנט אין צאָל — אַרויסגעפירט אומצוברענגען. ער איז אַוועק צום וואָקזאַל, וואו די יידן זיינען געווען פאַרזאַמלט צום אַוועקפירן און פאַר זיי געהאַלטן זיין לעצטע רעדע. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ הויך אָרט און געזאָגט, אַז מ'פירט זיי צום טויט און דעריבער איז געבליבן דאָס איינציקע: אומקומען מיט כבוד. „שטעלט אַ ווידערשטאַנד, לאָזט אייך נישט פירן צו דער שחיטה" — דאָס זיינען געווען זיינע לעצטע ווערטער. אַ נאַצי האָט אַרויסגעצויגן זיין רעוואָלווער און איבערגעהאַקט די לעצטע ווערטער פון פּסחזאָנס מויל. אַ גוססן האָט מען דעם מיט בלוט־פאַרגאָסענעם פיאָנער פון בונד, דעם ערשטן אַריינגעוואָרפן אין אַ פראַכט־וואַגאָן, וואָס איז באַלד אָנגעפילט געוואָרן מיט יידן צו די גאַז־קאַמערן.

וועגן פּסחזאָנס אומקומען זיינען פאַראַן עטלעכע נוסחאות. מיר גיבן דאָ נאָך איבער וואָס עס האָט וועגן דעם דערציילט ח' משה פייבושקעוויטש: „דאָס איז געווען דעם 15טן יוני, 1943. ס'איז פאָרגעקומען די אויסזידלונג פון זאַגלעמביער געגנט. דאָס מאָל האָט מען אויך גענומען צו דעפּאָרטירן דעם אַלטן פיאָנער פון בונד, דעם ליבן חבר פּסחזאָן. ווען מען האָט דעם חבר פּסחזאָן צוגעפירט צום וואַגאָן, האָט ער זיך נישט געלאָזט אַריינזעצן. ער האָט באַוויזן זיך צו שטעלן אויף די טרעפּ פון וואַגאָן און האָט מוטיק און שטאָלץ געזאָגט די ווערטער: 'איר, ברוינע בעסטיעס, איר האָט דעם קריג סיי ווי פאַרשפּילט. דעם קאַמף, וואָס איר פירט אויפן ברוטאַלן אופן מיט די שוצלאָזע יידן, וועט אייך גאָרנישט געבן'.

אין דעם מאָמענט נעמט איין ס.ס.־מאַן אַרויס דעם רעוואָלווער און

צילט אויפן חבר פסחזאָן. נאָך אַ פּאָר סעקונדן לייגט ער אַריין דעם רעוואָלווער צוריק. ער האָט נישט געשאָסן, נאָר געגעבן אַ באַפעל צו דער יידישער מיליץ: ׳זאָפּאָרט אים אַריינשמייסן אין וואַגן!׳ עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אויסגעפירט געוואָרן... דער צוג איז אַוועק אין דער ריכטונג פון אָשוויענטשים — צום קרעמאַטאָריום. די געציילטע ווערטער, וואָס דער חבר פּסחזאָן האָט באַוויזן צו זאָגן, זיינען אַריין אין די מוחות פון די אַלע, וועלכע האָבן דאָס געהערט אָדער וועגן דעם געהערט דערציילן: דערמאָנענדיק פּסחזאָנען, האָט מען כסדר געשמועסט, אַז מיר דאַרפן זיך נישט לאָזן פירן ווי די שעפּסן צו דער שחיטה, מען דאַרף שטעלן אַ ווידערשטאַנד, עס איז שוין גענוג צו שווייגן און לאָזן אומברענגען אָן שום ווידערשטאַנד די יידישע באַפעלקערונג״.

אַרטור נונבערג האָט אַזוי געשילדערט דעם מאָמענט פון אומקום: „אין בענדין בעת דער אויסזידלונג, שוין ביי דער באַן, צונויפגעזאַמלט צום טראַנספּאָרט קיין אוישוויץ, שטעלט זיך אויף דער אַלטער בונדישער וועטעראַן, יצחק פּסחזאָן, און האַלט אַ שטאַרקע באַשולדיקונגס־רעדע קעגן די דייטשע מערדער און רופט צום ווידערשטאַנד קעגן די רוצחים און ווערט אין מיטן זיין ווידערשטאַנד־רוף געשאָסן״.

יוסף ראָזענזאַפט, אַ געזעלשאַפטלעכער טוער פון בענדין, האָט איבערגעגעבן, אַז פּסחזאָן האָט נאָך געקענט בלייבן אין שטאָט, אָבער ער איז אַליין אַוועק צום וואָקזאַל און געהאַלטן אַ רעדע פון בערך 7 מינוט. ער האָט גערופן צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד און אַ נאַצישע קויל האָט אים אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד. אַ גוסס האָט מען אים אַריינגעוואָרפן אין וואַגאָן.

אַהרון בראַנדעס גיט אָן נאָך אַן אַנדערן נוסח.

אויך די פרוי — פון דער היים שטיינהאַרט — און די 3 טעכטער — עדזשא, לאהלע און איטקע — זיינען אומגעקומען. אין די ערשטע וואָכן פון 1941 האָט מען בעת אַ כאַפּעריי אויף די בענדינער גאַסן פאַרשלעפּט זיין 22־יאָריקע טאָכטער, אַ קראַנקן־שוועסטער, בעת זי האָט געפירט אַן אַלטע, קראַנקע יידישע פרוי אין שפּיטאָל אַריין. די אַלטיטשקע איז דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. די אַנדער צוויי טעכטער זיינען געקומען קיין וואַרשע. איינע פון זיי איז געשיקט געוואָרן צוריק קיין בענדין מיט געלט און געווער. ביים אַריבערגיין די גרענעץ צווישן דער גענעראַל־גובערניע און וואַרטע־גאו האָט מען זי ביי טשענסטאָכאָוו אַרעסטירט.

ב.: אינפאָרמאַציע פון ליזע (ווילנע — ניו-יאָרק), דר. לעאָן מערקין (סאָסנאָוויץ — ניו-יאָרק), יעקב צעלעמענסקי (וואַרשע — ניו-יאָרק). אַן אַלטער באַקאַנטער: דער אידישער אַרבייטער נומ׳ 10, 1900 זשענעווע. לעבענס פראַגען, וואַרשע 1916 און 1917; רויטער פנקס, צווייטער זאַמלבוך, וואַרשע 1924; 25 יאָר, וואַרשע 1922. פ. אַנמאַן: די פּאַראייניקונגס-פראַגע אויף דער 7 קאָנפערענץ פון „בונד" (רויטער פנקס, צווייטער זאַמלבוך, וואַרשע 1924). דזשאַן מיל: פּיאָנערן און בויער, ערשטער און צווייטער באַנד, ניו-יאָרק 1946 און 1949; די פּיאָנערן-עפּאָכע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, היסטאָרישע שריפטן, 3, איוואָ, ווילנע-פּאַריז 1939; אונזער צייט, ניו-יאָרק, דעצעמבער 1943. פראַנץ קורסקי: געזאַמלטע שריפטן, ניו-

יאָרק 1952. טויזנט יאָר פּינסק, ניו-יאָרק 1941. שלמה מענדעלסאָן, ניו-יאָרק 1949 (דאָ איז על פּי טעות אָנגעגעבן, אַז פּסחזאָנס געבורטס-אָרט איז ווילקאָמיר). א. וואלף יאסני: געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין לאָדז, לאָדז 1937. מאַרק עדעלמאַן: פאָלקס-צייטונג, וואַרשע, 19 אַפּריל 1948. אַרטור נונבערג: פאָלקס-צייטונג, וואַרשע, 15 נאָוועמבער 1947; דער פריינד, ניו-יאָרק, מערץ-אַפּריל 1953. י. האַרט: דער וועקער, ניו-יאָרק, 15 יאַנואַר 1946; פאָרווערטס, 20 יאַנואַר 1946. ש. מ—און: אונזער צייט, ניו-יאָרק, יאַנואַר 1946. משה פייבושקעוויטש: אונזער צייט, ניו-יאָרק, יולי 1946; אהרון בראנדס: קץ היהודים במערב פולין, מרחביה, 1945.

Къ вопросу объ объединеніи Бунда съ Россійской Соціалдемократической Рабочей Партіей, С.-Петербургъ, 1906.

י. ש. הערץ

●

# דר. מאָיסיי גורעוויטש

געבוירן 1874 אין פּעטערבורג — געשטאָרבן דעם 9טן נאָוועמבער 1944 אין ניו־יאָרק.

די עלטערן — רייכע און פרומע יידן. פון יחוסדיקער אָפּשטאַמונג. פון פאָטערס און מוטערס צד — רבנים און לומדים. פון די זעלבע משפּחות האָבן אויך געשטאַמט שמעון דובנאָוו און ישראל סאַלאַנטער. מאָיסיי איז געווען אַ פרום און גאָטספאָרכטיק ייִנגל. די ערשטע דערשיטערונג פון זיין גלויבן איז געקומען, ווען מ'האָט אים אָפּגעגעבן אין גימנאַזיע. הייסט עס, האָט ער זיך געזאָגט, אַז צוליב דעם קינדס קאַריערע, צוליב מאַטעריעלן נוצן איז זיין גאָטספאָרכטיקער פאָטער גרייט צו לאָזן זיין בכור מחלל שבת זיין און טאָן אַנדערע עבירות.



די צווייטע גרויסע אויפרודערונג, וואָס האָט משפּיע געווען זיין ווייטערדיקן לעבנס־גאַנג, איז געווען דאָס באַקענען זיך מיטן יידישן לעבן אין תחום־המושב. אין מבול פון גירושים זיינען אויך געפאַלן קרבנות זיינע עלטערן, וועלכע מ'האָט אַרויסגעשיקט פון פּעטערבורג אין יאָר 1892. געבליבן אין דער הויפּט־שטאָט זיינען מאָיסיי און זיין ברודער. פון צייט צו צייט פלעגט אָבער מאָיסיי פאַרברענגען ביי זיינע עלטערן אין האָמעל, וואו ער האָט פון איין זייט געזען די אָרימקייט און דערדריקטקייט פון די יידישע מאַסן, און פון דער צווייטער זייט דעם בילדונגס־דורשט פון דער יוגנט, וואָס וויל זיך באַפרייען פון טאָפּעלן דרוק — דעם דעספּאָטיש־אַנטיסעמיטישן

פון צאַריזם און דעם פאַנאַטיש־רעליגיעזן פון דער היימישער סביבה. די ערלעכקייט און געוויסנהאַפטיקייט האָבן דיקטירט דעם יינגן סטודענט צו מאַכן די געהעריקע אויספירן.

גורעוויטש איז צוגעשטאַנען צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פעטערבורג, וואו ער האָט זיך פאַרבונדן מיט דעם דאָרטיקן סאָציאַל־דע־מאָקראַטישן קאָמיטעט, בראש פון וועלכן עס זיינען געשטאַנען מאַרטאָוו, לעניןְ, דאַן און אַנדערע.

נאָכן פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט בלייבט גורעוויטש אַ לענגערע צייט אין האָמעל, וואו ער אַרבעט אַקטיוו אין דער באַוועגונג. ער פירט קרייזן און ווערט דורכגעדרונגען מיט די ליידן און פריידן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט. ער שליסט זיך אָן אין בונד און האָט אַ באַדייטנדיקע ווירקונג אין דער האָמלער אָרגאַניזאַציע. אָנהייב 1899 פאָרט ער אַוועק אין בערלין, וואו ער האָט ווייטער שטודירט אין אוניווערסיטעט. דאָרטן איז ער געווען טעטיק אין דער בונדישער סטודענטישער גרופּע. אַזוי איז עס געווען ביז מאַי 1901, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי קאַפּיטל אין זיין לעבן.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד האָט אים באַשטימט אַלס פאַר־שטייער אין ווילנער קאָמיטעט. ער האָט געדאַרפט צוריק אויפהויבן די דאָרטיקע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען אָפּגעשוואַכט צוליב די כסדרדיקע אַרעסטן. מ'האָט געדאַרפט האָבן אַ מענטש מיט אויטאָריטעט און טעאָרעטישע קענטענישן, מיט שרייבערישן און רעדנערישן טאַלאַנט. גורעוויטש איז געווען גוט צוגעפּאַסט פאַר דער ראָל. זיין אומדערמידלעכע אַרבעט האָט טאַקע געהאָלפן צו פאַרשטאַרקן די בונדישע באַוועגונג אין ווילנע.

מאַיסיי גורעוויטש איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דער מעשה־לעקערט. פון זיין אויסגעצייכנטער פעדער זיינען געקומען די אויפרופן און בראָשורן וועגן די מעשים־תעתועים פון גובערנאַטאָר פאָן וואַל און וועגן דעם אַטענ־טאַט און טויט פון הירש לעקערט (אָן ענטפער דעם ווילנער גובערנאַטאָר פאָן וואַל, הירש לעקערט און זיין פּראָצעס און נאָך אייניקע אויפרופן). זיין וואָגיק וואָרט האָט באַווירקט די שטעלונג פון דער ווילנער אָרגאַניזאַציע אין דער פראַגע פון אַטענטאַט אויף פאָן וואַלן. אָן אַנטשידענער קעגנער פון פּאָליטישן טעראָר, האָט גורעוויטש אונטערן דרוק פון דער אויפגערעגטער שטימונג צווישן די מיטגלידער דורכגעפירט אויפן קאָמיטעט אַ באַשלוס, וואָס דערלויבט חברים דורכפירן דעם אַטענטאַט אויף פּערזענלעכער אַחריות. מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָט ער אַלס דעלעגאַט אויף דער 5טער קאָנ־פערענץ פון בונד (אויגוסט 1902 אין בערדיטשעוו) שאַרף באַקעמפט די רע־זאָלוציע וועגן אָרגאַניזירטער נקמה. גלייכצייטיק האָט ער אָבער מיטן טיפסטן יראת־הכבוד געבויגן דעם קאָפּ פאַר דער טאַט און קרבן פון הירש לעקערט. „זאָל דער ליכטיקער ביישפּיל פון געפאַלענעם חבר צוגעבן אונז נייע כוחות און אַריינגיסן אין אונזערע הערצער פרישן מוט" — זיינען די לעצטע ווער־טער פון דער בראָשור הירש לעקערט און זיין פּראָצעס.

אַחוץ זיין היסטאָרישער ראָל אין דער דראַמע לעקערט, האָט גורעוויטש

געגעבן זיין וויכטיקן צושטייער אין דערפאָלגרייכן קאַמף קעגן דער זובאַ־טאָווטשטשינע — דער יידישער „אומאָפּהענגיקער" אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט דער ברכה פון דער צאַרישער אָכראַנע און זשאַנדאַר־מעריע. זיין אַרבעט די כשרע אַרבעטער־באַוועגונג (אָפּגעדרוקט אין אונ־טערערדישן אָרגאַן דיא אַרבייטער שטיממע נומ׳ 28 און אין אַ באַזונדערער בראָשור) האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זאַכלעכקייט, קלאָרקייט און איבער־צייגונגס־קראַפט. זיין צושטייער איז אויך געווען אין אַרטיקל אונטערערדישן אָרגאַן פון בונד — אין ווילנער דער קלאַססען־קאַמפּף.

בערך 20 חדשים האָט מאַיסיי גורעוויטש געווירקט אין ווילנע אַלס אַנגעזעענסטער טוער פון דער אָרטיקער בונדישער אָרגאַניזאַציע. זיינע מענטשלעכע מעלות און פעאיקייטן האָבן אים פאַרשאַפן די נויטיקע אויטאָ־ריטעט. צו זיין געשריבן און גערעדט וואָרט האָט מען זיך צוגעהערט. אויף זיין ערלעכקייט און טריישאַפט האָט מען געבויט. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן ביז פעברואַר 1903, ווען מ׳איז אים געקומען נעמען אין זיין וואוינונג. ער איז אָפּגעזעסן 2 יאָר צייט אין אַן איינצל־קאַמער אין דער טורמע — דער 14טער נומער.

דעם 8 און 9 פעברואַר 1905 איז אין ווילנער סודעבנע פּאַלאַטע פאָר־געקומען אַ גרויסער בונדישער פּראָצעס פון „מאַיסיי גורעוויטש און חברים". לויט אַ פאַראָרדענונג פון יוסטיץ־מיניסטער האָט דאָס געריכט פון שטאַנדן־פאָרשטייער באַהאַנדלט דעם ענין ביי פאַרמאַכטע טירן. כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם שטילן און באַשיידענעם מענטש איז געווען זיין קאַמף־טעמפּעראַ־מענט. ער האָט דווקא געוואָלט פאַרוואַנדלען די „דיעלאָ" אין אַ גרויסן פּאָליטישן פּראָצעס און אָפּגעוואָרפן די עצה פון די אָנגעזעענע אַדוואָקאַטן, אַז ער זאָל דאָס נישט טאָן און זיך נישט מודה זיין אין אָנגעהעריקייט צום בונד. ס׳האָט אים נישט געאַרט די פאָלגן פאַר אים פערזענלעך, ס׳איז אים גע־גאַנגען אין דער עצם זאַך.

זיין רעדע אויפן פּראָצעס האָט גורעוויטש באַלד אָנגעהויבן מיט די שטאָלצע ווערטער: „הערן ריכטער! איך אָנערקען מיין אָנגעהעריקייט צום בונד, איך בין איינשטימיק מיט זיין פּראָגראַם, איך סאָלידאַריזיר זיך מיט זיין טעטיקייט און האַלט פאַר מיין מאָראַלישע פליכט אים צו געבן מיין מיטווירקונג". ער האָט אַנטוויקלט דאָס פּראָגראַם פון בונד און געפירט אַ שאַרפע אַטאַקע אויפן צאַרישן רעזשים. דערביי האָט אים דער פּאָרזיצער כסדר איבערגעריסן און געשטערט צו ריידן. דאָס זעלבע האָט זיך איבער־געחזרט ביים שלוס־וואָרט, ווען דער אָנגעקלאָגטער האָט געמאָלן אַ דער־שיטערנדיק בילד פון דעמאָלטיקן יידישן לעבן און פון דער דערהויבענער היסטאָרישער ראָל פון בונד. ער האָט אין זיין לאַנגען שלוס־וואָרט דערקלערט: „די באַדייטונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג איז זייער גרויס, בפרט וואָס שייך אויפהויבן דעם פּרעסטיזש פון יידישן פאָלק און פאַרטיידיקן זיין נאַציאָנאַלן כבוד". ער האָט געשילדערט זיין אייגן לעבן און פאַרוואָס ער איז געקומען צום בונד און פאַרענדיקט: „נישט די קאָזאַקישע נאַהאַיקעס, נישט די פּאָליציייאישע שווערדן, נישט די זעלנערישע קוילן — גאָרנישט האָט

געקענט אָפּהאַלטן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט צו גיין מיט ענטוזיאַזם און פאַנאַטיזם אין אַלע שטעט און אויפן ריזיקן שטח פון אונזער היימלאַנד פאַרשפּרייטן די נייע תורה פון סאָציאַליזם און פּאָליטישער פרייהייט״... „אין ווילנע, וואַרשע, ראָסטאָוו, כאַרקאָוו, פּעטערבורג און אין יאַקוטסק — אומעטום האָבן געקעמפט און פאַרגאָסן זייער בלוט די יידישע פּראָלעטאַריער״...

נאָכן אורטייל — 5 יאָר פּעסטונג — איז געלונגען צו באַפרייען דעם פאַרמשפּטן ביז צום אַפּעלאַציע־פּראָצעס. ער פאַרט דעמאָלט אַהיים קיין האָמעל. מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער קומט ער אין זשענעווע, וואו ער אַר־בעטביים אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד. אין דעצעמבער 1905 דעלעגירט אים דער בונדישער צענטראַל־קאָמיטעט קיין אַמעריקע, וואו עס עפנט זיך אויף אַ נייער בלאַט אין גורעוויטשעס לעבנס־געשיכטע.

***

די עמיגראַציע פון דער רוסלענדער אימפּעריע האָט געבראַכט צו די אַמעריקאַנער ברעגעס אויך טויזנטער בונדיסטן. ס׳זיינען דאָ אַנטשטאַנען בונדישע אָרגאַניזאַציעס, לאַנדסמאַנשאַפטן און הילפס־גרופּעס. זיי אַלע האָבן געבילדעט אַ פאַרבאַנד און געפירט אַ טעטיקייט פאַר די אַריבערגעקומענע און פאַר יענער זייט ים. איינער פון די סאַמע טעטיקסטע און איבערגעגעבנסטע אויפן געביט פון זאַמלען הילף פאַרן רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון בונד איז געווען אינזשיניער איסיי גאַלאָוטשינער — (מ׳האָט אים דאָ גערופן אייבער־העמס). נאָך דעם מאַניפעסט און אַמנעסטיע פון אָקטאָבער 1905 האָט ער זיך פאַרבענקט אַהיים, קיין האָמעל. דער צ. ק. האָט געשיקט צו פאַרנעמען דעם אָרט זיינס אַ בן־עיר — גורעוויטשן, וועלכער איז שוין דאָ פאַרבליבן ביזן סוף פון זיינע טעג.

גורעוויטש האָט דאָ באַקומען אַ פריינטלעכע אויפנאַמע און געוואונען צוטרוי און אַכטונג ווי אַ מענטש און ווי דער אָפיציעלער פאַרשטייער פון בונד. אין זיינע מעמואַרן זאָגט וועגן אים אַב. קאַהאַן: „אַ מילדער, ליבנס־וויר־דיקער מענטש, אַ מענטש אָן אַ גאַל, איז ער געווען די פאַרקערפּערונג פון אויפריכטיקייט. און דער ׳בונד׳ איז ביי אים געווען דאָס זעלבע ווי ביי אייב־רעהעמסן — דאָס גאַנצע לעבן״.

אויב אין ווילנע האָט גורעוויטש געצויגן זיין קאַרגע חיונה פון געבן לעקציעס און זיין צייט און אויפמערקזאַמקייט, זיין ענערגיע און גייסטיקע קרעפטן האָט ער בעיקר אָוועקגעגעבן דעם בונד, איז אויך דאָ נישט געווען אַנדערש. דער אונטערשייד איז בלויז געווען, וואָס דאָ איז ער צוליב פּרנסה־וועגן געוואָרן אַ פאַרלעגער. ער האָט אָבער די פּרנסה פאַר זיין פאַמיליע אויך פאַרבונדן מיט אַ דבר־מצווה — ער האָט אַרויסגעגעבן הויפּטזעכלעך סאָציאַליסטישע ליטעראַטור. טאָג און נאַכט איז ער געווען פאַרנומען מיט פאַרלעזונגען, רעדעס, פאַרזאַמלונגען און זאַמל־אַקציעס פאַרן בונד, וואָס ער האָט געפירט מיט דער הילף פון די בונדיסטן און זייערע אָרטיקע אָרגאַ־ניזאַציעס. ער איז אויך געווען שטאַרק פאַרנומען ביים אָרגאַניזירן די טורן, וואָס די ספּעציעלע שלוחים פון בונד האָבן דאָ דורכגעמאַכט.

ביסלעכווייז האָט ד״ר מאיסיי גורעוויטש זיך דאָ איינגעבירגערט, זיך

באַטייליקט אין דער טעטיקייט פון דער היגער באַוועגונג — פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע און אַרבעטער־רינג. אין די יאָרן 1920־22 איז ער געווען אַ מיטגליד פון דעם בילדונגס־קאָמיטעט און פון דעם נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג. צווישן די אַלטע בונדיסטן, וועלכע האָבן אים געקענט פון ווילנע און האָמעל, איז ער ווייטער געבליבן דער ליבער אַלטער חבר און פריינט מאַטוויי.

ווען ניי־אַריבערגעקומענע בונדיסטן פון פּוילן, צווישן וועלכע עס זיינען אויך געווען אייניקע זיינע אַלטע חברים און פּערזענלעכע פריינט, האָבן אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה פאַרשטאַרקט אין ניו־יאָרק די בונדישע טעטיקייט, האָט גורעוויטש זיך געפרייט. אַליין שוין אַלט און שוואַך, איז ער מער נישט געווען ביכולת ממשותדיק צו העלפן. פון צייט צו צייט פלעגט ער אָבער קומען אויף די בונדישע פאַרזאַמלונגען און אַמאָל אויך זאָגן אַ פּאָר ווערטער, אין וועלכע מ'האָט נאָך געקענט באַמערקן דייטלעכע שפּורן פון זיין מעטאַלענער שטים, קלאָרקייט פון געדאַנק און רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט.

ב. : די אַרבייטער שטימע נומ' 28, אויגוסט 1902. הירש לעקערט און זיין פּראָצעס, יוני 1902, אומלעגאַל. פ. קורסקי : אונזער צייט, ניו-יאָרק, דעצעמבער 1944, פעברואַר און יוני 1945 ; אויך געזאַמלטע שריפטן, ניו-יאָרק 1952. דזשאָן מילל : פּיאָנערן און בויער, באַנד 2, ניו-יאָרק, 1949. י. ש. הערץ : הירש לעקערט, ניו-יאָרק, 1952. אַב. קאַהאַן : בלעטער פון מיין לעבן, פערטער באַנד, ניו-יאָרק, 1928. א. ש. זאַקס : די געשיכטע פון אַרבייטער רינג, צווייטער טייל, ניו-יאָרק, 1925. י. ש. הערץ : 50 יאָר אַרבעטער-רינג אין יידישן לעבן, ניו-יאָרק, 1950. סאַימאָן סאָלאָמאָן : דערגרייכונגען פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג, ניו-יאָרק, 1952. י. ש. הערץ : די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע, ניו-יאָרק, 1954.

Послѣднія Извѣстія № 222, 20 марта; № 225, 6 апрѣля; № 226, 12 апрѣля 1905, Женева.

י. ש. הערץ

●

## דר. באָריס לעווינסאָן

געבוירן אַרום 1880 אין לעפּעל, וויטעבסקער גובערניע. די עלטערן זיינען געווען אָרעמע קרעמער. נאָכן לערנען אין חדרים און ישיבות אָנגעקומען אין יידישן לערער־אינסטיטוט אין ווילנע און אים געענדיקט אין יאָר 1900. בערך אין יענער צייט אַריינגעטרעטן אין בונד.

נאָכן פאַרענדיקן דעם לערער־אינסטיטוט האָט לעווינסאָן אָנגענומען אַ שטעלע אַלס פאַרוואַלטער פון אַ תלמוד־תורה אין גרויס־טאָקמאַק, טאַורישער

גובערניע. פון דאָרטן איז ער אַוועק אין אויסלאַנד מיטן באַשלוס צו שטודירן מעדיצין. ער לערנט זיך אין בערלינער אוניווערסיטעט און שפּעטער אין דער שווייץ. גלייכצייטיק מיטן שטודיום איז ער טעטיק אין די בונדישע סטודענטישע גרופּעס, באַזוכט מיט רעפעראַטן אַ ריי שטעט און העלפט בכלל אין דער אַרבעט פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד. אין 1905 האָט דער אויסלענדישער קאָמיטעט אין זשענעוו פאַרעפנטלעכט זיינע צוויי פּאָפּולערע בראָשורן — וועגן אַ קאָנסטיטואַנטע און קאָנסטיטוציע. (וואָס איז קאָנסטיטואירנדע פאַרזאַמלונג; אונזערע פאָדערונגען). באַזונדערס האָט ער זיך אינטערעסירט מיט דער בונדישער שטעלונג צו די יידישע פראַגן.

זיין גרויסע צייט איז געקומען סוף 1905. ער איז שוין דעמאָלט געווען פאַרן סוף פון זיינע מעדיציניש קורסן. דער בונד האָט אין ווילנע אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ יידישע טעגלעכע צייטונג. (פריער דער וועקער, שפּעטער פאָלקס־צייטונג). די פּאַרטיי האָט אים גערופן — און ער האָט געוואָרפן זיין שטודיום און זיך געשטעלט צו דער אַרבעט. לעווינסאָן איז גיך געוואָרן אַ הויפּט־זייל פון בונדישן טעגלעכן אָרגאַן. ער האָט באַקומען דעם אַמט פון רעדאַקציע־סעקרעטאַר. אַחוץ דעם, וואָס ער פלעגט אַליין אַ סך שרייבן, האָט ער צוזאַמען מיט די רעדאַקטאָרן וו. קאָסאָווסקי און פּ. אַנמאַן געבילדעט די פּאַקטישע רעדאַקציע, הגם נישט די פאָרמעלע. לאָמיר הערן וואָס ביידע זאָגן וועגן אים:

„די 'פאָלקס־צייטונג' האָט געהאַט דאָס גליק צו באַקומען אַן ערשט־ראַנגיקן סעקרעטאַר. דאָס איז געווען בענסקי (ד"ר לעווינסאָן), אַ מענטש וואָס האָט באַקומען זיין בילדונג אין מערב־אייראָפּע, איז געווען גוט באַהאַוונט אין דער יידישער ליטעראַטור און אין פראַגן פון סאָציאַליזם, האָט אויך געקענט שרייבן, איז געווען געוויסנהאַפט און איבערגעגעבן דעם 'בונד' מיט לייב און לעבן" (וו. קאָסאָווסקי).

„די ערשטע טעג, ווען דער 'וועקער' האָט שוין אָנגעהויבן אַרויסצוגיין, האָט ער זיך געפילט גאָר נישט צוגעפּאַסט צו דער אַרבעט. אין גיכן אָבער האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אויסגעצייכנטן סעקרעטאַר פון רעדאַקציע, און אויף דער דאָזיקער שטעלע האָט ער געהאָרעוועט פון אין דער פרי ביז שפּעט ביינאַכט אַנדערטהאַלבן יאָר צייט. אויסערגעוויינלעך גוטמוטיק, איז ער געווען אַ זעלטענער חבר. זיינע אַרטיקלען פלעגט ער אונטערשרייבן 'ב—סקי' און מען האָט אים דערפאַר גערופן 'בענסקי'... 'ב—סקי' איז געוואָרן אָפיציעלער סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע. און פון דעם טאָג אָן פלעגן מיר זאַלבעדריט דורכקוקן אַלץ, וואָס פלעגט אָנקומען אין רעדאַקציע, און אַלץ וואָס האָט געדאַרפט אַריינגיין אין נומער"... „'ב—סקי' פלעגט רעדאַגירן און צוזאַמענשטעלן די אַרטיקעל קאָרעספּאָנדענצן, די אויסלענדישע אָפּטיילונג און די פּאַרטיי־אָפּטיילונג" (פּ. אַנמאַן).

אַ פריילעכער און לעבנס־לוסטיקער מיט אַ סך גוטסקייט אין זיך, איז דער פאָלקסטימלעכער בענסקי געווען אַ ליבלינג אין דער באַוועגונג. ער איז געווען חבריש און געדולדיק צו אַלעמען, וואָס איז געווען אויך וויכטיק ביי זיין אַמט אַלס רעדאַקציע־סעקרעטאַר. די צייטונג איז פאַרוואָרפן גע־

וואָרן מיט אַן אַ שיעור מאַנוסקריפּטן — ליטעראַרישע שאַפונגען, קאָרעספּאָנ־דענציעס און אָנפראַגעס. ער האָט אַלעמען פריינטלעך געענטפערט. דער הויכער און דיקער לעווינסאָן מיט די ברילן אויף זיין פולן פּנים האָט גע־האַט אַן אימפּאָזאַנטן אויסזען און פאַרמאָגט אַן אומגעהויערע אַרבעטס־ענער־גיע. אין פּרט פון אַרבעט און אָפּגעבן צייט, איז ער אָן ספק געווען דער וויכטיקסטער זייל פון דער צייטונג. נאָכן אַרבעטס־טאָג, ווען אַלע מיטאַר־בעטער זיינען שוין אַוועק פון דער רעדאַקציע, האָט דער סעקרעטאַר אָפּגעגעבן נאָך אַ סך שעהן צו שווערער און זשמודנער אַרבעט. דערביי האָט געהערשט אין זיין געביט אַ זעלטענע אָרדענונג. אַלץ האָט ביי אים פונקציאָנירט מיט דער גענויסטער אויסרעכענונג און פּינקטלעכקייט. ער האָט בכלל געהאַט אַן אייגענעם לעבנס־נוסח, צווישן אַנדערן איז ער געווען אַן אָפּגע־היטענער וועגעטאַריער.

לעווינסאָן האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען אין דער טעגלע־כער פּרעסע און שפּעטער אין די בונדישע זאַמלהעפטן, וואָס זיינען אַרויס אין ווילנע נאָך דעם ווי די„ צאַרישע מאַכט האָט דערדריקט די טאָג־צייטונג.

אין 1907 האָט לעווינסאָן געשפּילט אַ גרויסע ראָל ביים צוזאַמענרופן די לאַנד־קאָנפערענץ פון יידישע לערער אין ווילנע און איז געווען פון די הויפּט־פיגורן אויף דער דאָזיקער לערער־קאָנפערענץ, וואָס האָט זיך פאַר־ענדיקט אין טורמע.

נאָכן אָפּשטעלן די פאָלקס־צייטונג האָט דער בונד אָנגעהויבן אַרויסגעבן די טעגלעכע צייטונג די האָפענונג. לעווינסאָן האָט זי געצייכנט אַלס רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער און שפּעטער אַלס אַרויסגעבער. אין נאָוועמבער 1907 האָט די צאַרישע מאַכט אויך די האָפענונג אָפּגעשטעלט און דערביי אַרעסטירט אַ צאָל בונדישע טוער. לעווינסאָן איז דעמאָלט אַוועק אין טורמע און איז פאַר־משפּט געוואָרן אויף אַ טערמין פעסטונג. אין ווילנער לוקישקער טורמע האָט ער זיך צוגעגרייט צום עקזאַמען און אים שפּעטער אויסגעהאַלטן. אייניקע יאָר האָט ער פּראַקטיצירט אַלס דאָקטאָר אין די שטעטלעך זשעטל און לאַיעוו (מינסקער גובערניע).

ווי אַ דאָקטאָר ווערט לעווינסאָן אין 1914 מאָביליזירט אין דער אַרמיי און פאַרברענגט די גאַנצע צייט פון דער מלחמה אויפן פראָנט. ס׳קומט די רעוואָלוציע פון 1917. דער טרייער בונדישער טוער רייסט זיך צו פּאַרטיי־אַרבעט, ער מוז אָבער ווייטער בלייבן אין די פעלד־לאַזאַרעטן אויפן פראָנט. דאָס איינציקע, וואָס ער קען טאָן, איז מיטאַרבעטן אין דער בונדישער פּרעסע. זיינע אַרטיקלען ווערן געדרוקט אין אַרבייטער־שטימע (פּעטראָגראַד), דער וועקער (מינסק) און פאָלקס־צייטונג (קיעוו). דער בונדישער פאַרלאַג די וועלט גיט אַרויס זיינס אַ בראשור וועגן פאָלקס־שול און שפּראַך. אין זיינע אַר־טיקלען באַהאַנדלט ד״ר ב. לעווינסאָן די אַקטועלע פראַגן פון אַלגעמיינעם און יידישן לעבן, וואָס די רעוואָלוציע האָט אַוועקגעשטעלט, ווי אויך די קאַמפּע־טענץ פון די אַלגעמיינע דעמאָקראַטישע זעלבסטפאַרוואַלטונג־אינסטיטוציעס און פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. הגם אויפן פראָנט, לעבט ער און פיבערט מיט די ענינים פון בונד. בעת די וואַלן צו דער גרינדונגס־פאַר־

זאַמלונג איז ער אַ קאַנדידאַט אין וואָלינער גובערניע. אין יענער צייט שרייבט ער, אַז „אין יידישן אינעווייניקסטן לעבן שטייט פאַר נישט אַ קלענערע און אפשר נאָך אַ גרעסערע רעוואָלוציע איידער אין רוסלאַנד איז פאָרגעקומען" (פאָלקס־צייטונג, קיעוו, 30 נאָוועמבער 1917).

נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש איז לעווינסאָן געווען טע־טיק אין אָדעס. פון דער בונדישער ליסטע איז ער געווילט געוואָרן אין אָדעסער קהילה־ראַט און איז געווען אַ מיטגליד פון שטאָטישן קאָמיטעט פון בונד. עטלעכע מאָל האָט זיך געביטן דער רעזשים. לסוף האָבן די באָל־שעוויקעס זיך באַפעסטיקט. ס׳קומט דער טראַגישער מאָמענט פון טיפן ריס אין בונד. אין אַפּריל 1920 באַטייליקט ער זיך אין דער 12טער קאָנפערענץ אין מאָסקווע. ער איז אַ דעלעגאַט פון דער אָרגאַניזאַציע אין רעטשיצע. ס׳קומט פאַר די פאָרמעלע שפּאַלטונג. די אָנהענגער פון די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישע פּרינציפּן און די פּראָ־באָלשעוויקעס גייען זיך פונאַנדער. די ערשטע האָבן באַזונדער פאָרטגעזעצט די 12טע קאָנפערענץ. בענסקי איז מיטן ס. ד. פליגל. אויף אָט דער קאָנפערענץ האָט ער געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אין דער אָנגענומענער רעזאָלוציע, וואָס ער האָט פאָרגעלייגט, איז צווישן אַנדערן געזאָגט געוואָרן: „די נאַציאָנאַלע פאָרם איז די איינציקע היסטאָריש געגעבענע פאָרם, אין וועלכער דער פּראָ־לעטאַריאַט שאַפט זיין קולטור, טיילוויז באַנוצנדיק די אַלטע פאָרמען, אָבער אַריינגיסנדיק אין זיי זיין אייגענעם סאָציאַליסטישן אינהאַלט. דער קאַמף קעגן דעם אַלטן און דאָס שאַפן דאָס נייע קומט פאָר אויף אַזאַ אופן אין אַ ספּעציפיש נאַציאָנאַל־קולטורעלער סביבה. די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן נוי־טיקן זיך דעריבער אין אַן עפנטלעך־רעכטלעכער אויטאָנאָמיע פאַר זייער קול־טורעלער שאַפונג".

דר. באָריס לעווינסאָן־בענסקי, דער האַרציקער מענטש און געטרייער סאָציאַליסט, האָט זיך פון זיינע בונדישע אַנשויאונגען נישט געוואָלט אָפּזאָגן. אין 1921 איז די אָדעסער טשעקאַ באַפאַלן אַ פאַרזאַמלונג אין קלוב א. נ. פון קאַרל מאַרקס און אַרעסטירט עטלעכע און זיבעציק בונדיסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן (מענשעוויקעס). אַ צענטליק אַרעסטירטע האָט מען באַפרייט אַדאַנק דער אינטערווענץ פון פאַרשיידענע סאָוועטישע אינסטיטוציעס, וואו זיי האָבן געאַרבעט. דעם חבר לייבעטשקע בערמאַן האָט דער גרויזאַמער שעף פון דער אָדעסער טשעקאַ, מענדל דייטש, געהייסן אַרויסוואַרפן פון אַרעסט־הויז. (זיי האָבן זיך געקענט פון די יונגע יאָרן אין דווינסק און ביים באַגעגענען זיך אין טשעקאַ האָט לייבעטשקע נישט געזשאַלעוועט קיין שאַרפע ווערטער אויף דייטשס אַדרעס...). די גרויסע מערהייט האָט מען איינגעזעצט אויף פעסט. צווישן זיי איז אויך געווען דער חבר לעווינסאָן־בענסקי. פאַר אים האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווערער וועג פון פיין און ליידן. מיר ווייסן, אַז אין יאָר 1923 איז ער געווען פאַרשיקט אין אַקטיובינסק. ער איז שפּעטער געשטאָרבן.

ב.: אינפאָרמאַציע פון אַברהם קאָסטעלאַנסקי (קאַרלין — וואַרשע — ניו־יאָרק; אלי מילער — יואל מאַטאָלסקי (וואַרשע — ניו־יאָרק), לייבעטשקע בערמאַן

(חווינסק — אָדעס — ניו-יאָרק); דוד בוים (לובלין — אָדעס — ניו-יאָרק). זלמן רייזען: לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע, צווייטער באַנד, ווילנע 1930. פ. אַנמאַן: 25 יאָר, וואַרשע 1922. וו. קאָסאָווסקי: רויטע שליאַכן, וואַרשע, 15 מערץ 1931. דער וועקער, ניו-יאָרק, 23 פעברואַר 1924. ר. אַבראַמאָוויטש: אין צוויי רעוואָלוציעס, צווייטער באַנד, ניו-יאָרק 1944. י. ליכטענשטיין: די ערשטע יידישיסטישע לערער-קאָנפערענץ אין ווילנע, פּסח 1907 (צען יאָר, וואַרשע, 1924).

К расколу «Бунда», Витебск, 1920.

י. ש. הערץ

●

# איסיי גורעוויטש

געבוירן אין פעטערבורג אַרום 1879 — טראַגיש אומגעקומען אין סיביר אַרום 1916.

זון פון רייכן מאַנופאַקטור־סוחר און פרומען ייד שואל אליהו, איז איסיי געווען אַ יינגערער ברודער פון בונדישן טוער ד״ר מאַיסיי גורעוויטש. בערך 1898 געענדיקט די גימנאַזיע אין פעטערבורג. שפּעטער געקומען קיין האָמעל, וואו עס האָבן געלעבט זיינע עלטערן, נאָכן אַרויס־שיקן זיי פון פעטערבורג מיט 6 יאָר פריער. דאָרטן זיך צונויפגעטראָפן פּנים אל פּנים מיט אַ געדיכטער יידישער באַפעלקערונג און אַריינגעטרעטן אין בונד. געווען טעטיק אין האָמעל און אַרומיקער געגנט, אין לאָדזש און קיעוו.



אַ סימפּאַטישער, פריילעכער און ליבער מענטש, איז ער גיך געוואָרן פּאָפּולער אין די יידישע אַרבעטער - קרייזן. באַזונדערס האָט ער זיך קונה שם געווען אַלס אָרגאַניזאַטאָר און פירער פון דער זעלבסט־שוץ אין יאָר 1903. בעתן האָמלער פּאָגראָם האָט סאַניאַ — אַזוי האָט מען אים גערופן — אַריינגעטראָגן אין דער טעטיקייט פון דער זעלבסטשוץ זיין פולע ענערגיע און פייער. זיינע מעשים האָבן אים דעמאָלט פאַרוואַנדלט אין אַ לעגענדאַרער פּערזענלעכקייט.

נאָכן האָמלער פּאָגראָם (1903) האָט די צאַרישע מאַכט אים שטאַרק אַרומגעזוכט. זי האָט אים דווקא געוואָלט אַוועקזעצן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק צוזאַמען מיט אַנדערע מיטגלידער פון דער זעלבסטשוץ. ס׳געלינגט אים אָבער בשלום צו אַנטלויפן. ער באַזעצט זיך אין קיעוו, וואו ער לעבט אונטער אַ פרעמדן נאָמען און איז טעטיק אין דער בונדישער באַוועגונג. אין אָקטאָבער 1905 נעמט ער אָנטייל אין 6טן צוזאַמענפאָר פון בונד (אין ציריך). ער קומט צוריק קיין קיעוו און ווערט דאָרטן אַרעסטירט. ער האָט

אויף זיך אַ גאַנץ פעקל „עבירות". מ'פירט אים מיטן עטאַפּ אין אַ ריי שטעט און ער וואַלגערט זיך אין פאַרשיידענע טורמעס. מען מאַכט אים אַ פּראָצעס און ער ווערט אין 1907 פאַרשיקט אין סיביר.

אויך אין פאַרשיקונג איז ער אַקטיוו, באַזונדערס אויפן געביט פון העלפן אומגליקלעכע גורל־חברים. אין אַ פאַרוואָרפן סיבירישן דאָרף איז ער אומגעקומען בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. געווען איז דאָס סוף 1915 אָדער אָנהויב 1916. אַ באַנדע שוואַרצמאהניקעס האָבן אונטערגעצונדן דאָס הויז, וואו ס'האָבן זיך פאַרזאַמלט פּאָליטיש פאַרשיקטע. דער טרייער בונדיסט איז אומגעקומען אין די פלאַמען.

ב.: ש. ק. פראַנץ: די צוקונפט, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1922. פראַנץ קורסקי: געזאַמלטע שריפטן, ניו־יאָרק, 1952.

י. ש. ה.

●

## עזרא ראָזען

אין די רייען פון דער בונדישער אַלטער גוואַרדיע האָט עזרא פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט נאָך פון די ערשטע יאָרן פון דער באַוועגונג. פון סוף 90־ער יאָרן פון פ. י. ביז 1909 האָט ער אַקטיוו אָנטיילגענומען אין פיל פאַראַנט־וואָרטלעכע אונטערנעמונגען פון בונד און געווען אַ נאָענטער מענטש אין דעם פירנדיקן קרייז פון דער באַוועגונג.



ער שטאַמט פון ביאַליסטאָק און זיין ריכ־טיקער נאָמען איז אַלטער לאַפּסערדאַק. זייער וויניק מענטשן האָבן געוואוסט דעם פאַמי־ליע־נאָמען — לאַפּסערדאַק, וואָס עזרא האָט יאָרן שפּעטער, נאָכן צוריקציען זיך פון אַקטיווער אַרבעט אין בונד, פאַרביטן אויפן נאָמען ראָזען. אין די בונדישע, ס. ד. פּאַר־טייאישע און ברייטערע געזעלשאַפטלעכע קרייזן איז ער געווען באַקאַנט אונטער פאַר־שיידענע רעוואָלוציאָנערע פּסעוודאָנימען: אַחוץ עזרא האָט ער זיך גערופן בערג און מכבי אָדער מאַקאַוויי.

דזשאָן מילל דערציילט אין זיינע זכרונות, ווי ער האָט זיך געטראָפן צום ערשטן מאָל מיט עזראַן (ב. 1, זז. 72־71). דאָס איז געווען אין פרילינג 1900. דזשאָן מילל האָט דעמאָלט געמאַכט אַ רייזע איבער די קאָלאָניעס, וואו ס'זיינען געווען בונדישע אָרגאַניזאַציעס. צווישן די קאָלאָניעס פון דער שווייץ האָט זיך אויסגעטיילט בערן, און עזרא איז דאָרט געווען איינער פון די זיילן פון דער

בונדישער סטודענטישער אָרגאַניזאַציע (ער איז אַהין געקומען שטודירן אַרום 1898).

דאָס לעבן אין די בונדישע קאָלאָניעס איז גוט באַקאַנט. מען קען זיך לייכט פאָרשטעלן דאָס לעבן, וואָס עזרא האָט דאָרטן געפירט, אָבער זיין אַרבעט אין בונד איז דעמאָלט נישט געווען באַגרענעצט מיט די דיסקוסיעס און פאַרזאַמלונגען. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אים געקרעכנט אין צעטל אָנערקענטע און וויכטיקע טוער און פון פאַל צו פאַל אים צוגעצויגן צו דער־ליידיקן וויכטיקע פּאַרטיי־ענינים. וועגן אַזאַ צענטראַלן פּאַרטיי־ענין, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אים, דערוויסן מיר זיך פון אַ קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן אַרקאַדי קרעמער און לעאָן בערנשטיין (זאַמל־בוך אַרקאַדי, זז. 326, 331).

ס'איז געשטאַנען די פראַגע וועגן עזראס אָנטייל אין דעם צענטראַל־אָרגאַן פון בונד, אין דער אַרבייטער־שטימע. ווי ס'ווערט קלאָר פון די בריוו פון קרעמערן, האָט עזרא שוין אַ פּאָר מאָל געשריבן אין דער אַרבייטער־שטימע: „ער האָט שוין אָפּגעדרוקט אין איין נומער זיין אַריינפיר צום אי־נעוויניקסטן איבערבליק, האָט צונויפגעשטעלט און אָנגעמערקט אַ פּלאַן, ווי אַזוי ער וועט דאָס פירן" — שרייבט קרעמער צו בערנשטיינען. אין אַ צווייטן בריוו דערמאָנט ער ווידער, אַז „פּאַר דעם אינעוויניקסטן איבערבליק האָט זיך גענומען שוין לאַנג און האָט שוין אַפילו עפּעס אָפּגעדרוקט מאַקאָווי". יאָ, קרעמער האַלט נישט עזראן פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלן שרייבער, דערצו באַ־האַלט נישט קרעמער זיין מיינונג, אַז עזרא „איז אַ מענטש אַ שרעקלעכער קונקטאַטאָר". דאָס הייסט אַ קריכער, אַ לאַנגזאַמער. פון דעם איז קלאָר עזראס אָנטייל אין דער אַרבייטער־שטימע. דער אינעוויניקסטער איבערבליק האָט זיך דעמאָלט גערעכנט אַלס איינע פון די וויכטיקסטע אָפּטיילונגען אין אַ צייטשריפט. צו דעם האָט זיך געפאָדערט סיי אַ גוטע אינפאָרמירונג, סיי אַ גרויסע צוגערייטקייט צו אָריענטירן זיך אין די קאָמפּליצירטע אינעווי־ניקסטע פראַגן פון דער רוסישער פּאָליטיק.

אין יענער צייט איז עזראן צוגעטיילט געוואָרן אויך אַ וויכטיקע מיסיע אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע: דער בונד האָט אים אַריינגענומען אין באַשטאַנד פון זיין דעלעגאַציע אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָצ. קאָנגרעס, וואָס איז אין סעפּטעמבער 1900 געווען צוזאַמענגערופן אין פּאַריז. די דע־לעגאַציע פון בונד איז געווען אַ גרויסע, באַשטאַנען פון 11 חברים. עזרא האָט געהאַט אַ ספּעציעלע אויפגאַבע: צוזאַמען מיט וולאַדימיר קאָסאָווסקי איז ער געווען דער מחבר פון דעם אויספירלעכן באַריכט, וואָס דער בונד האָט צוגעשטעלט צום קאָנגרעס (אין דייטש און פראַנצויזיש).

דער באַריכט איז געווען אָפּגעדרוקט שפּעטער, אין בונדישן פאַרלאַג טריבונאַ (פּעטערבורג, 1906), אין די מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג, און דער ערשטער טייל, וואָס עזרא האָט אָנ־געשריבן, פאַרנעמט אין זיי מער פון 40 זייטלעך (פון זייט 23 ביז 65). ס'איז אינטערעסאַנט נאָך היינט אין קורצן באַשרייבן די דאָזיקע אַרבעט, ווייל זי באַווייזט אונז סיי דעם אינטעלעקטועלן ניוואָ פון מחבר, סיי די גוטע וויסנ־שאַפטלעכע צוגרייטונג, וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

לויט די אָנגענומענע כללים פון מאַרקסיזם, גיט אונז עזרא אין אָנהויב פון אַרטיקל דאָס בילד פון דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין תחום־המושב. „די מלאכה, וואָס גייט דורך די סטאַדיע פון קאַפּיטאַליזם און די אינדוסטריע, וואָס אַנטוויקלט זיך אין אייניקע צענטרען". די סאָציאַלע און ווירטשאַפטלעכע דיפערענצירונג האָט אויפגעריסן אינגאַנצן די נאַציאָנאַלע אַחדות. פאַר די לעצטע 30 יאָר פון 19 יאָרהונדערט באַמערקט זיך דער וואוקס פון שטעט, דער אויפקום פון פאַבריקן און האַנדלסגעשעפטן, די קאַפּיטאַליזירונג פון מלאכה. „דער ייד ליידט פון פּאָליטישער און ביר־גערלעכער רעכטלאָזיקייט". פּאָגראָמען פון די 80־ער יאָרן, דעפּאָרטאַציעס פון דאָרף, די עקספּלואַטאַציע פון אַרבעטער און בעלי־מלאכות, פּראָלעטאַרי־זירונג פון קליין־בירגערטום אין תחום המושב. „די אַלטע פּאַטריאַרכאַלע יסודות פון דעם יידישן לעבנס־שטייגער זיינען געפאַלן, און אין משך פון איין אָדער צוויי דורות האָט זיך דאָס יידישע פאָלק צעשפּאָלטן אויף צוויי פיינטלעכע לאַגערן, צווישן וועלכע ס'איז אויסגעוואַקסן אַן אָפּגרונט. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ באָדן פאַר אַן אַרבעטער באַוועגונג".

נאָך דעם וואַרפט אָן עזרא אַ בילד פון דער אַנטוויקלונג פון דער אַר־בעטער באַוועגונג און פון דעם יידישן סאָציאַליסטישן געדאַנק ביז דער גרינ־דונג פון בונד.

ווען דער בונד האָט באַשלאָסן צו שיקן די ערשטע דעלעגאַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט ער געשיקט אַרקאַדי קרעמער צוזאַמען מיט עזראן. דעם 27 נאָוועמבער 1903 זיינען זיי ביידע אָנגעקומען קיין אַמעריקע. עזרא איז דאָ אַרויסגעטרעטן אונטערן נאָמען בערג. אין זיינע בלעטער פון מיין לעבען באַשרייבט אים אַב. קאַהאַן אַזוי: „בערג, וועלכער איז אין דער געהיימער באַוועגונג געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען עזרא, איז געווען אַ רעדנער, און צו דעם צוועק האָט קרעמער אים מיטגענומען". אַגב־אורחא, אַב. קאַהאַן איז נישט געווען באַגייסטערט פון בערגס רעדעס. ער האָט געפונען זיי צו פּאַרטייאיש, צו דאָקטרינעריש. אַרקאַדי און עזרא זיינען דורכגעפאָרן פיל שטעט אין לאַנד און דערציילט וועגן דער טעטיקייט פון בונד אין רוסלאַנד. חוץ דעם האָבן זיי אָנטיילגענומען ווי דעלעגאַטן פון צ. ק. פון בונד אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון די בונדישע הילף־אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע — דעם 12־14 דעצעמבער 1903. פאַר די 8 חדשים, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט אין לאַנד (זיי האָבן פאַרלאָזן אַמעריקע סוף יולי 1904), האָבן זיי דורכגעפירט אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדיסטישע און פינאַנציעלע אַקציע לטובת דעם בונד.

***

די רוסלענדער רעוואָלוציע האָט געפונען עזראן אַלס איינעם פון די וויכטיקסטע פיגורן אין בונד. אין יאָר 1905 האָט ער געאַרבעט אין וואַרשע, צוזאַמען מיט ליטוואַקן אַרויסגעגעבן דעם וואַרשעווער אַרבייטער. די נו־מערן האָט בעיקר אויסגעפילט ליטוואַק און עזרא האָט געשריבן די לייט־אַרטיקלען. אין יענעם יאָר איז אין וואַרשע פאָרגעקומען אַזאַ פאַל: ס'איז

דורכגעפאַלן אַ פאַרזאַמלונג פון וויכטיקע טוער. אַלע זיינען געווען אַרעס־טירט. אומדערוואַרטערהייט זיינען אַלע אין אַ קורצער צייט אַרום באַ־פרייט געוואָרן. דער גאַנצער עפּיזאָד האָט אויסגעזען ווי אַ רעטעניש. שפּע־טער, ווען דער בונדישער פּראָוואָקאַטאָר ישראל־מיכל קאַפּלינסקי איז גע־וואָרן דעמאַסקירט, איז די געשיכטע געוואָרן אויפגעקלערט: צווישן די אַרעסטירטע איז געווען אויך קאַפּלינסקי. אים אַליין האָט די אָכראַנע נישט געקענט באַפרייען, ווייל דאָס וואָלט אַרויסגערופן אַ פאַרדאַכט קעגן אים. איז מען געקומען צום אויספיר, אַז מען דאַרף אַלע אַרעסטירטע אַרויסלאָזן. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען עזרא.

אין יאָר 1906 האָט עזרא אַ צייט געאַרבעט אין אָדעס. הירש אַבראַ־מאָוויטש האָט אַמאָל באַשריבן אין אַ צייטונגס־אַרטיקל אַ דיסקוסיע, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן עזראַן און וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי. עזרא האָט אויך אָנטייל גענומען אין דער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער צווייטער דומע טאַקע אין ביאַליסטאָק, וואו ס'איז געווען אַרויסגעשטעלט אַלס קאַנדידאַט פון בונד גאָזשאַנסקי־לנו. אַלטע ביאַליסטאָקער געדענקען נאָך ביז היינט די „וואונדער שיינע רעדעס, וואָס עזרא האָט געהאַלטן" אין דער וואַל־קאַמפּאַניע.

דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות איז אויסגעקומען צו באַקענען זיך מיט עזראַן אין האַרבסט 1907 אין מינסק און צוזאַמען מיט אים דורכפירן אַ פאַרזאַמלונג פון דער אַרבעטער־קוריע צו די וואַלן אין דער דריטער רוסישער דומע. עזרא איז אַרויסגעטרעטן אין נאָמען פון בונד. איך האָב פאָרטרעטן די מינסקער גרופּע פון דער רוסלענדער ס. ד. אַרבעטער־פּאַרטיי. ער איז געווען אַ זאַכלעכער רעדנער און געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ ליבן, העפלעכן און גוט־דערצויגענעם מענטשן. ער איז געווען אַ בלאָנדער און אַ הויכער. מיר האָבן זיך באַפריינדעט אין יענע קורצע טעג פון אונזער באַקאַנטשאַפט. עזרא האָט מיר דעמאָלט פאַרטרויט, אַז אין די נאָענטסטע טעג, טאַקע אין מינסק, האָט ער חתונה, און איך האָב אים געהאָלפן אויסקלייבן קראַגן און שניפּסן פאַר דער פאַרשטייענדיקער צערעמאָניע... (אַגב, ווי עזרא גופא, איז אויך זיין פרוי געווען זייער אַ שיינע. זי איז געווען אַ דאָקטאָר מעדיצין. לויט איר קאַטעגאָרישן פאַרלאַנג, האָט ער געמאַכט די באַמיאונגען צו בייטן דעם פאַמיליע־נאָמען. זי האָט געדאַרפט פאַר איר קאַבינעט אַרויס־הענגען אַ שילדל און האָט געטענהט, אַז זי קען נישט נוצן דעם נאָמען לאַפּסערדאַק, וואָס וועט ביי פיל אַרויסרופן אַ נישט גוטן שמייכל...).

עזרא האָט אויך אָנטייל גענומען אין עטלעכע קאָנפערענצן פון בונד: אין צוזאַמענקונפטן פון די אויסלענדישע גרופּעס, מערץ־אַפּריל 1906 אין דער 7טער קאָנפערענץ פון בונד (אין בערן), אויגוסט 1906 אין 7טן צוזאַמענ־פאָר פון בונד (אין לעמבערג). אין זיינע זכרונות (פון מיין לעבען, ב. 2) זאָגט וו. מעדעם וועגן נייעם צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס מ'האָט אויסגעוויילט אויפן לעמבערגער צוזאַמענפאָר: „די נייע מיטגלידער פון צ. ק. זיינען געווען, אויב איך געדענק ריכטיק, פאָלגנדע: נח, יודין, רחמיאל, קאָסאָווסקי, ליבער, אַבראַמאָוויטש, עזרא און איך. די ערשטע זיבן זיינען געווען שוין פריער אין צ. ק.". קומט אויס, אַז עזרא איז געווען אין צ. ק. אי פאַרן, אי נאָכן 7טן

צוזאַמענפּאַר. דאָ מוז אָבער זײַן אַ טעות. פֿון „די נײַן מיטגלידער" זײַנען דאָך בלויז אויסגערעכנט אַכט. הײסט עס, אַז צוליב אַ פֿאַרזען אָדער דרוק־פֿעלער איז אײנער אַרויסגעפֿאַלן. אין זאַמלבוך 25 יאָר (װאַרשע 1922) געפֿינען מיר אין די ייִדישע אַרבעטער־באַװעגונג אין דאַטן 1922־1876 (צוזאַמענגעשטעלט דורך מ. יעװזעראָװ) די נײַן נעמען פֿון יענעם צ. ק., עזרא איז דאָרטן נישטאָ. צו די אַנדערע זיבן, אַחוץ אים, קומען נאָך צו — אַלעקסאַנדער (קרעמער) און יונה (קאַיגען). עזרא האָט אָבער, װײַזט אויס, פֿאַרט אַ צײַט געהערט צום צענטראַל־קאָמיטעט, װי מ׳קען זען פֿון אַ פֿאַרצײכענונג, װאָס געפֿינט זיך אין בונדישן אַרכיװ.

סוף אויגוסט — אָנהויב סעפּטעמבער 1908 איז אין זשענעװ, אין לאָקאַל פֿון אויסלענדישן קאָמיטעט פֿון בונד, פֿאָרגעקומען אַ פּלענום פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטײ. דער בונד, װאָס איז געװען אַ באַשטאַנד־טײל פֿון דער אַלגעמײנער פּאַרטײ, איז אויף דעם פּלענום געװען פֿאַרטרעטן דורך צװײ דעלעגאַטן — מעדעם און עזרא.

נאָך 1908 האָט זיך עזרא באַזעצט אין פּעטערבורג, געװאָרן אַן אַנגע־שטעלטער אין אַ קױלן־סינדיקאַט. ביסלעכװײַז האָט ער זיך דערװײַטערט פֿון בונדישער אַרבעט, אָבער פּערזענלעכע באַציאונגען מיט די אַלטע חברים אײַנגעהאַלטן. דערפֿאַר טאַקע, װען ס׳איז פֿעברואַר־מערץ 1917 אויסגעבראָכן די צװײטע רעװאָלוציע און ס׳האָט זיך באַלד געגרינדעט די פּעטערבורגער (פּעטראָגראַדער) אָרגאַניזאַציע פֿון בונד, איז עזרא אַרײַנגעטרעטן אין איר און געװאָרן אויסגעװײלט אַלס איר ערשטער פֿאָרזיצער. קײן באַזונדערע פּאָליטישע אַקטיװיטעט האָט עזרא אין 1917 נישט אַרויסגעװיזן.

נאָך דער באָלשעװיסטישער איבערקערעניש האָט מען געהערט פֿון פֿאַל צו פֿאַל, אַז עזרא פֿאַרנעמט אַ װיכטיקן פּאָסטן אין דער קאָאָפּעראַציע; שפּעטער, אַז די באָלשעװיקעס האָבן אים אין פּעטראָגראַד אַרעסטירט אין שײַכות מיט פֿאַרשײדענע באַשולדיקונגען, װאָס מ׳האָט אַרויסגערוקט קעגן דער קאָאָפּעראַציע. אין מאָסקװע זײַנען דערגאַנגען ידיעות, אַז עזרא איז איבערגעגעבן געװאָרן צום געריכט, און ס׳קען אַפֿילו זײַן, אַז די באָלשעװי־קעס װעלן אים שטעלן צום װאַנטל. די בײזע קלאַנגען האָבן דערגרײכט אויך צו לענינען און זײַן פֿרוי קרופּסקאַיאַ, װעלכע זײַנען נאָך אין עמיגראַציע געװען גוט באַקאַנט און אַפֿילו באַפֿרײַנדעט מיט עזראן. סוף־כל־סוף האָט מען אים באַפֿרײַט. זײַן אַרבעט אין די װירטשאַפֿטלעכע אָרגאַנען, און שפּעטער אין דער מלוכה־באַנק האָט געדױערט נאָך עטלעכע יאָר. אַ צײַט האָט עזרא געאַרבעט אין פּאַריז, אין דער סאָװעטישער באַנק. דאָס זײַנען געװען די לעצ־טע ידיעות, װאָס זײַנען װעגן אים דערגאַנגען צו דעם שרײַבער פֿון די דאָזיקע שורות.

גריגאָרי אַראָנסאָן

# וויקטאָר שולמאַן

## (ישראל חיים שאַדאָווסקי).

### 1

וויקטאָר שולמאַן איז געבוירן געוואָרן דעם 26טן נאָוועמבער 1876 אין אַ גוט לעבן קאָוונע (אין דער ליטע), וואו זיין פֿאָטער איז געווען פֿאַר־וואַלטער.

וויקטאָר שולמאַנס אמתער פֿאַמיליע־נאָמען איז געווען שאַדאָווסקי, זיין ערשטער נאָמען איז געווען ישראל חיים. ער איז געווען דער עלטסטער פֿון 10 קינדער — 8 זין און 2 טעכטער.

ישראל חיים האָט באַקומען אַ גרינטלעכע טראַדיציאָנעל־יידישע דער־ציאונג. ער לערנט אין חדר און שפּעטער אין דער טעלזער ישיבה. ווען ער וואַקסט אונטער, רייסט ער זיך צו וועלטלעכע לימודים. עס געלינגט אים אָפּצוגעבן עקזאַמען פֿאַר אַן אַפּטייק־פּראָוויזאָר און ער איז אַ צייט באַשעפֿ־טיקט אַלס דראָגיסט אין קאָוונער ביקור־חולים.

אין מיטן פֿון די נײַנציקער יאָרן האָט אין קאָוונע עקסיסטירט אַ יוגנט־קרײַזל, צו וועלכן עס האָבן געהערט דער שפּעטער־באַרימטער יידישער שרייבער א. ווייטער (אהרן דעווענישסקי), דער שפּעטערדיקער באַקאַנטער העברעאישער פּובליציסט ספּוג (ש. טשערנאָוויץ), אונזער וויקטאָר שולמאַן, דער שפּעטערדיקער פֿאַרוואַלטער פֿון דער סעמיטישער אָפּטיילונג פֿון דער וואַשינגטאָנער „לאַיברערי אָוו קאָנגרעס" ישראל שאַפּירא, דער שפּעטערדי־קער רעדאַקטאָר פֿון מאָרגען־זשורנאַל אין ניו־יאָרק אפרים קאַפּלאַן א. אַ..

די יונגעלייט פֿון דאָזיקן קרײַזל האָבן פֿון אײן זייט געשטעקט איבערן קאָפּ אין דער דעמאָלטיקער העברעאישער ליטעראַטור און פּובליציסטיק און פֿון דער צווייטער זייט האָבן זיי שטודירט פּאָליטישע עקאָנאָמיע און די אויסלענדישע רוסישע סאָציאַליסטישע אויסגאַבעס, וועלכע מען פֿלעגט אומ־לעגאַל אַרײַנברענגען פֿון אויסלאַנד. פֿון צייט צו צייט פֿלעגן די דאָזיקע יונגעלייט צושיקן קאָרעספּאָנדענצן און לידער צו די דעמאָלטיקע העברע־אישע זשורנאַלן (המליץ, השלח).

אונטערן אײַנפֿלוס פֿון זיין נאָענטן און אינטימען יוגנט־פֿרײַנט א. דע־ווענישסקי (א. ווייטער) ווערט דער יונגער ישראל חיים שאַדאָווסקי דורכ־געדרונגען מיט סאָציאַליסטישע שטימונגען. דאָס איז געשען אַ יאָר־צוויי איידער עס איז נאָך געגרינדעט געוואָרן דער בונד.

אין 1899 ווערט ישראל חיים שאַדאָווסקי אַן אָרגאַניזירטער מיטגליד פֿון בונד. באַלד ווערט ער אַרײַנגעצויגן אין דער טאָג־טעגלעכער טעטיקייט פֿון דער קאָוונער אָרגאַניזאַציע. ער פֿירט אָן מיט אַרבעטער־קרײַזלעך און ער באַטייליקט זיך אין באַזאָרגן טראַנספּאָרטן פֿון אומלעגאַלער פּאַרטיי־ליטעראַטור.

זיין ערשטער עפֿנטלעכער אויפֿטריט קומט פֿאָר דעם 1טן מאַי 1899:

דער קאָוונער קאָמיטעט פון בונד לייגט אַרויף אויף אים די מיסיע צו זיין דער רעדנער אויף דער בונדישער מאַי־פאַרזאַמלונג, וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אַליידיקער מיליטערישער קאַזאַרמע הינטער דער שטאָט. אין די פּאַרטיי־קרייזן איז ער דאַן באַקאַנט אונטערן פּסעוודאָנים דער טערק.

דעם 5טן אַפּריל 1900 ווערט ישראל חיים שאַדאָווסקי צום ערשטן מאָל אַרעסטירט. ער ווערט אָפּגעשיקט קיין מאָסקווע, וואו דער באַרימטער פירער פון דער צאַרישער געהיים־פּאָליציי זובאַטאָוו האַלט אָפּ מיט אים צוויי געשפּרעכן, ווען ער ענדיק אים אַריינציען אין זיינע פּראָוואָקאַטאָרישע נעצן.

ישראל חיים שאַדאָווסקי לאָזט זיך נישט פאַרפירן פון זובאַטאָווס זיסע רייד וועגן זיין פריינטשאַפט צו די יידישע אַרבעטער. נאָך דריי חדשים זיצן אין מאָסקווע ווערט שאַדאָווסקי באַפרייט און מען באַפעלט אים אַהיימצו־פאָרן קיין קאָוונע, וואו ער ווערט געשטעלט אונטער פּאָליצייאישער אויפ־זיכט.

אין קאָוונע בלייבט שאַדאָווסקי בלויז עטלעכע וואָכן. צוליב די גרויסע אַרעסטן צווישן דער אָנפירערשאַפט, נויטיקט זיך דער בונד אין אַ נייעם שיכט אָנפירנדיקע מענטשן. ישראל חיים שאַדאָווסקי קריגט אַ פּאַרטיי־באַפעל אָפּצופאָרן קיין האָמעל. ער גנבעט זיך אַרויס פון קאָוונע און ער שטעלט זיך אין שפּיץ פון דער האָמלער אָרגאַניזאַציע. צווישן אַנדערן גיט ער אַרויס אין האָמעל דעם אומלעגאַלן קאַמף, אָרגאַן פון האָמלער קאָמי־טעט פון בונד. ער האָט אויך פון דאָרטן געשריבן קאָרעספּאָנדענציעס פאַרן צענטראַל־אָרגאַן פון בונד (די אַרבייטער־שטימע). זיין פּאַרטיי־פּסעוו־דאָנים אין האָמעל איז געווען לאַזאַר.

שאַדאָווסקי ווערט אין גיכן ווידער אַרעסטירט (סוף דעצעמבער 1900). דאָס מאָל קומט ער שוין נישט אָפּ אַזוי לייכט ווי ביי זיין ערשטן אַרעסט: פינף יאָר צייט פּינצטערט ער דאָס מאָל אָפּ אין די צאַרישע טורמעס און סיבירער פאַרשיקונג־פּלעצער.

דאָ, אין פאַרשיקונג, אַנטפּלעקט זיך ישראל חיים שאַדאָווסקיס שטי־לער העראָאיזם. זיין רעוואָלוציאָנערער מוט טרייבט אים דאָרט צו אַ ריי אַקטיוויטעטן, וואָס פאַרפלאָנטערן אים אין נייע קאָנפליקטן מיט דער צאַרישער מאַכט.

2

פון האָמעל איז ער נאָכן אַרעסט אָפּגעשיקט געוואָרן אין דער ווילייר־קער טורמע. דאָ איז ער אָפּגעזעסן 14 חדשים. דאַן איז געקומען דער אַד־מיניסטראַטיווער אורטייל: 4 יאָר סיבירער פאַרשיקונג.

סוף ווינטער 1902 ווערט דער יונגער רעוואָלוציאָנער שאַדאָווסקי גע־בראַכט קיין סיביר, קיין ווערכאָלענסק ביי דעם טייך לענאַ.

אין די דערפער פון יענער געגנט זיינען געווען באַזעצט פאַרשיקטע רעוואָלוציאָנערן פון אַלע עקן רוסלאַנד: רוסן, פּאָליאַקן, אוקראַינער, יידן, גרוזינער און אַנדערע. דאָרטן זיינען געווען פאַרטרעטן אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, וואָס האָבן דאַן עקסיסטירט אויף דער טעריטאָריע פון צאַרישן

רוסלאַנד: רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, בונדיסטן, מיטגלידער פון דער פּ. פּ. ס., פון ס. ד. ק. פּ. ל., סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן און אַנדערע. אין ווער־כאָלענסק גופא איז דאַן געווען פאַרשיקט דער יונגער סאָציאַל־דעמאָקראַט לעוו בראָנשטיין, וועלכער איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן באַקאַנט געוואָרן אַלס דער פירער פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אונטערן נאָמען לעוו טראָצקי.



אין משך פון יאָר פלעגן הונדערטער יונגעלייט פון צווישן די רעוואָלו־ציאָנערן זיך לאָזן אומלעגאַל צוריק קיין רוסלאַנד. מיט געפעלשטע פּאַ־פּירן פלעגט מען זיך שמוגלען פון צפון קיין דרום.

דאָס אַנטלויפן וואָלט נישט מעגלעך געווען, ווען עס זאָל נישט עק־זיסטירן אין אַ ריי צענטראַלע פונקטן אַן אַפּאַראַט, וואָס זאָל אָרגאַניזירן דאָס אַנטלויפן. דער יונגער ישראל חיים שאַדאָווסקי ווערט באַלד נאָך זיין אָנקומען קיין ווערכאָלענסק אַ רינג אין דאָזיקן אַפּאַראַט. וויכטיקע רעוואָלוציאָנערן אַנטלויפן פון סיביר מיט זיין הילף. צווישן אַנדערן העלפט ער אַנטלויפן ל. טראָצקין און דעם פּוילישן רעוואָלוציאָנער פעליקס דזשער־זשינסקי, דעם ייִנגן רוסישן רעוואָלוציאָנער יעגאָר סאַזאָנאָוו, אַ ס. ר. (מיט 2 יאָר שפּעטער האָט סאַזאָנאָוו דערשאָסן אין פּעטערבורג דעם צאַרישן אי־נערן־מיניסטער פּלעווע), ווי אויך אַנדערע.

אַ האַלב יאָר נאָך זיין אָנקומען קיין ווערכאָלענסק ווערט שאַדאָווסקי ווידער אַרעסטירט (ביז דאַן איז ער געווען אויף פרייער פאַרשיקונג). די צאַרישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן זיך דערקליבן צום אַפּאַראַט, וואָס האָט געהאָלפן

אַנטלויפן די אַלע רעוואָלוציאָנערן, און שאַדאָווסקי איז געשטעלט געוואָרן צום משפּט. דער אורטייל: נייע 3 יאָר פאַרשיקונג. דערביי האָט מען אים צוגענומען פון ווערכאָלענסק, וואו דער קלימאַט איז געווען אַ דער־טרעגלעכער, און מען האָט אים פאַרשיקט אַרויף, צום הויכן צפון־סיביר, אין יאַקוטסקער אָבלאַסט, וואו מען פלעגט האַלטן די געפערלעכע פאַרשיקטע. ער פאַרלאָזט באַלד דאָס אָרט און קומט קיין יאַקוטסק, כדי צו באַטייליקן זיך אין פּראָטעסט פון די פאַרשיקטע, וואָס איז אַריין אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען ראָמאַנאָווקע.

שאַדאָווסקי איז געווען צווישן די פאַרשפּעטיקטע און האָט שוין אין פאַר־באַריקאַדירטן הויז נישט געקענט אַריין. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט דירעקט נישט באַוויזן זיך צו באַטייליקן אינם אויפשטאַנד, איז שאַדאָווסקי דאָך באַשטראָפט געוואָרן פאַר פאַרלאָזן זיין פאַרשיקונגס־פּלאַץ: מען האָט אים פאַרשיקט אויף אַ נייעם אָרט, נאָך טיפער קיין מזרח, צום טייך אלדאַן.

מיט יאָרן צוריק, ערגעץ אַרום דעם יאָר 1935, האָט דער שרייבער פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע אַמאָל געהאַט אַ געשפּרעך מיט וויקטאָר שולמאַנען וועגן זיינע סיבירער יאָרן — פריער אין ווערכאָלענסק און שפּעטער אין טיף־סיביר,ביים טייך אַלדאַן.

מיט געצווימטע ווערטער, שטיל און געלאַסן, האָט ער דאַן דערציילט וועגן אַ געוויסער נאַכט, ווען די אויגן זיינען אים פאַרפרוירן געוואָרן און ער האָט זיי נישט געקענט עפענען — ער האָט געמיינט, אַז ער איז אויף אייביק בלינד געוואָרן. ערשט ווען ער איז אָפּגעזעסן אַ שטיקל צייט אין אַ צריינפאַר־הויז איז דאָס אייז אויף די אויגן זיך צעגאַנגען און די אויגן האָבן זיך אים צוריק געעפנט.

ביים טייך אַלדאַן האָט ישראל חיים שאַדאָווסקי פאַרבראַכט ביזן אויס־ברוך פון דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905.

ווי נאָר עס איז דאַן געגעבן געוואָרן די אַמנעסטיע פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע, פאָרט ער צוריק קיין רוסלאַנד, מעלדעט זיך צום צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד און שטעלט זיך גלייך צוריק צו דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. זיין נאָענטסטע פאַרטיי־באַשטימונג איז געווען בערדיטשעוו.

אין משך פון די יאָרן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין סיביר, האָט ער זיך פאַרנומען מיט פאָרשן דאָס לעבן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, די יאַקוטן. וועגן די רעזולטאַטן פון זיינע פאָרשונגען, באַזונדערס וועגן די ווירטשאַפטלעכע באַציאונגען צווישן די יאַקוטן, האָט ער געשריבן אַרטיקלען אין דער אירקוטסקער פּראָגרעסיווער צייטונג וואָסטאָטשנאָיע אָבאָזרעניע.

3

בלויז אַ יאָר צייט איז ישראל חיים שאַדאָווסקי ווידער געווען אויף דער פריי.

אין פאַרשיידענע פאַרטיי־שליחותן האָט ער באַזוכט פיל שטעט, פון וועלכע ער האָט געשיקט קאָרעספּאָנדענציעס צו דער בונדישער טעגלעכער

צייטונג, וואָס איז דאַן דערשינען אין ווילנע (פאָלקס־צייטונג). די קאָרעס־פאָנדענציעס זיינען געווען אונטערגעשריבן מיטן נאָמען לאַזאַר. אין דעצעמבער 1906 ווערט ער ווידער אַרעסטירט — דאָס מאָל אין נאָוואָגראָד וואָלינסק. ער איז דאָרטן געווען אין פּאַרטיי־שליחות אין פאַרבינדונג מיט דער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער „דומע" (פּאַרלאַמענט). אין אַפּריל 1907 לאָזט מען אים אַרויס אויף קויציע. די פּאַרטיי שיקט אים אַוועק קיין וואַרשע.

ער איז דאַן געווען אין וואַרשע בלויז פון פּרילינג ביז הערבסט. שמיני עצרת 1907 איז אין זאַל „האַרמאָניע" אויף לאַנגע גאַס 40, פאָרגעקומען די פייערונג פון 10 יאָר בונד און אויף דער דאָזיקער פייערונג איז שאַדאָווסקי אַרעסטירט געוואָרן. ער האָט דאַן זיך באַקענט מיט די מויערן פון באַרימטן וואַרשעווער ציטאַדעל. צום סוף האָט מען אים באַפרייט און אָפּגעשיקט אין זיין היים־שטאָט קאָוונע.

דער פאָטער האָט דאַן אויסגענוצט די געלעגנהייט און גענומען זיין עלטסטן זון צורעדן ער זאָל אַוועקוואַרפן דאָס געפאַרפולע לעבן פון אַ רע־וואָלוציאָנער און אַנטלויפן קיין אַמעריקע.

— וואו איך בין געוואָרן געבוירן, דאָרט וויל איך גיין פאַרלוירן — האָט וויקטאָר שולמאַן געענטפערט זיין פאָטער און דערמיט איז דער דאָזיקער דראַמאַטישער געשפּרעך פאַרענדיקט געוואָרן.

אין קאָוונע האָט דער רעוואָלוציאָנערער טוער נישט געקענט לאַנג פאַר־בלייבן. ער פאָרט אַריבער קיין ווילנע, וואו עס וואַרט אויף אים אַ נייע צרה: דער פּראָוואָקאַטאָר ישראל מיכל קאַפּלינסקי פאַרמסרט אים און ער ווערט ווידער אַרעסטירט. פאַר דעם באַטייליקט ער זיך אין נאָמען פון דער ווילנער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין דער גראָדנער באַראַטונג פון בונד.

פאַר די פאָר חדשים, וואָס ער איז געווען אין ווילנע אויף דער פריי, האָט ער מיטגעאַרבעט אין די רוסישע טאָג־צייטונגען סיעוועראָ־זאַפּאַדני גאָלאָס און סיעוועראָ־זאַפּאַדני קראַי. אין ווילנער טורמע איז ער געזעסן פון מאַי ביז נאָוועמבער 1908. דאַן האָט ער באַקומען אַן אורטייל — 2 יאָר פאַרשי־קונג אין וואָלאָגדער גובערניע. דאָ, אין וואָלאָגדער פאַרשיקונג, האָט שאַ־דאָווסקי פאַרבראַכט בערך אַ יאָר צייט. אויפן רוף פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד האָט ער זיך גענומען צוגרייטן צום אַנטלויפן.

סוף 1909 איז דאָס אים ענדלעך געלונגען: ער איז אַנטלאָפן פון וואָ־לאָגדער פאַרשיקונג, זיך אַרויסגעשמוגלט קיין אויסלאַנד און אָנגעקומען קיין זשענעווע, שווייץ. אָקטאָבער 1910 באַטייליקט ער זיך אין דער 8טער קאָנ־פערענץ פון בונד אין לעמבערג, ווי אַ דעלעגאַט פון דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע פון בונד.

אין משך פון די בערך 7 יאָר, וואָס ישראל חיים שאַדאָווסקי האָט פאַר־בראַכט אין צאַרישע טורמעס און פאַרשיקונגס־פּלעצער איז ער געווען דער ליבלינג פון זיינע טורמע־חברים — זיין גוטסקייט, זיין חברישקייט, זיין אָפּ־פערוויליקייט איז געווען אַ שם־דבר. איינע פון זיינע ליידנשאַפטן אין טורמע און אין פאַרשיקונג איז געווען צו זיין דער אַפּוטרופּוס פון די ייִנגערע בונ־דיסטן, וואָס פלעגן אַריינפאַלן אין טורמע אָדער פאַרשיקונג. ער פלעגט

זיין זייער טרייסטער, זייער מוטיקער, זייער דערציער. ער פלעגט אָרגאַניזירן אין טורמע און אין די פאַרשיקונג־פלעצער קורסן צו לערנען לייענען און שרייבן, סעמינאַרן צו שטודירן פּאָליטישע עקאָנאָמיע און סאָציאָלאָגיע, דראַמאַטישע קרייזן, וואָס האָבן אין טורמע געגעבן פאָרשטעלונגען א. אַז. וו..

דער לובלינער בונדיסט דוד בוים דערציילט רירנדיקע געשיכטעס ווי אַזוי וויקטאָר שולמאַן האָט זיך פאַרנומען מיט אים און מיט אַנדערע פאַרשיקטע יינגע בונדיסטן אין וואָלאָגדע אין יאָר 1908־1909: זיי געלערנט, זיי אָרגאַניזירט, זיי אינערלעך געשטאַרקט, זיי אַריינגעצויגן אין קולטור־אַרבעט.

סוף 1909 געפינט זיך שוין ישראל חיים שאַדאָווסקי אין זשענעווו, וואו מען גיט אים איבער דעם אַמט פון סעקרעטאַר פון דער פאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער־פאַראיינען און הילפס־גרופּן פון בונד אין אויסלאַנד. אין דער געמיטלעכער שווייץ, האָט שאַדאָווסקי געהאַט עטלעכע יאָרן פון רואיקער בונדישער אַרבעט אין דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע און אין די סטודענטן־קאָלאָניעס. אין משך פון דער דאָזיקער צייט האָט ער פיל שטודירט, זיך באַקענט מיטן לעבן פון די פרייע פּאַרטייען און אָרגאַני־זאַציעס פון אייראָפּעאישן פּראָלעטאַריאַט. ער איז פיל צייט אָפּגעזעסן אין ביבליאָטעקן און אַרכיוון, ווי אויך מיטגעאַרבעט אין באַרימטן אַרכיוו פון בונד. צווישן אַנדערן האָט ער אויך געשריבן די יידישע און רוסישע ביולע־טינען פון צענטראַל־ביוראָ פון דער פאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער־פאַראיינען און הילפס־גרופּן פון בונד אין אויסלאַנד.

די שווייץ איז געווען אַן איבערברוך־פּונקט אין ישראל חיים שאַדאָוו־סקיס רעוואָלוציאָנערער קאַריערע. דאָ האָט זיך געענדיקט דאָס ערשטע גרויסע קאַפּיטל פון זיין מיפּולן לעבן — דאָס קאַפּיטל פון יוגנטלעכע אויפ־ברויזן, דאָס קאַפּיטל פון רעוואָלוציאָנערע אַקטן און שטילע העלדישקייטן.

ווען ער איז מיט 4 יאָר שפּעטער צוריקגערופן געוואָרן אין לאַנד אַריין צו דער אינלענדישער טאָג־טעגלעכער פּאַרטיי־אַרבעט איז ער שוין געווען נישט נאָר אַ פאַרהאַרטעוועטער רעוואָלוציאָנערער טוער, נאָר אויך אַ מענטש מיט ברייטע האָריזאָנטן. זיינע אייראָפּעאישע דערפאַרונגען, זיין אויסגעב־רייטערטער וויסן און זיין קענטשאַפט מיט דער אייראָפּעאישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן פיל מיטגעווירקט צו דעם, אַז שאַדאָווסקי זאָל שפּעטער אויס־וואַקסן אין פוילן צו דער פירערישער און שריפטשטעלערישער מדרגה, צו וועלכער ער איז דערגאַנגען אין דער צווייטער העלפט פון זיין באַוואוסט־זיניקן לעבן, צווישן די יאָרן 1914 און 1951.

4

זומער 1914 איז שאַדאָווסקי געקומען פון אויסלאַנד קיין וואַרשע. אויף זיינע פּלייצעס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ זייער שווערע און פאַראַנט־וואָרטלעכע מיסיע. די מיסיע איז געווען פאַרבונדן מיט אַ בונדישן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, וועלכער האָט געזאָלט פאָרקומען אין ווין, עסטרייך, אין אויגוסט פון 1914.

די פירער פון בונד האָבן פאַרבונדן מיטן דאָזיקן צוזאַמענפאָר גרויסע האָפענונגען. דאָס האָט געזאָלט זיין דער אַכטער צוזאַמענפאָר פון בונד.

דער לעצטער צוזאַמענפאָר פאַר דעם איז געהאַט פאָרגעקומען אַזש מיט בערך 8 יאָר פריער. אויף יענעם פאַרטיי־צוזאַמענפאָר (דער זיבעטער צוזאַמענפאָר פון בונד, אָפּגעהאַלטן אין לעמבערג, אין יאָר 1906) איז שאַדאָווסקי געווען דעלעגאַט פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין בערדיטשעוו. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען ער האָט זיך באַטייליקט אין אַ פאַרטיי־צוזאַמענפאָר פון בונד.

נאָך דעם זיבעטן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר זיינען נאָך פאָרגעקומען אַ ריי פאַרטיי־קאָנפערענצן און פאַרטיי־באַראַטונגען. איצט אָבער, אין 1914, האָט געזאָלט פאָרקומען אַ פולער צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי און ער איז געשיקט געוואָרן צו אָרגאַניזירן דעם געהיימען אַרויספאָר פון די דעלעגאַטן קיין ווין.

פאַרשטייט זיך, אַז ער איז געקומען קיין וואַרשע אין געהיים.

די בונדישע „יאַווקע" אין וואַרשע איז געווען אין דער באַשיידענער וואוינונג פון די איבערגעגעבענע בונדיסטן מענדל און גיטל סקוטעלסקי אויף נאָוואָליפּיע 12.

אין דער דאָזיקער וואוינונג איז אייגנטלעך געבוירן געוואָרן דער נאָמען וויקטאָר שולמאַן, אונטער וועלכן ישראל חיים שאַדאָווסקי איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן באַקאַנט געוואָרן אין דער עפנטלעכקייט.

דער אַכטער צוזאַמענפאָר פון בונד האָט געזאָלט פאָרקומען גלייכצייטיק מיטן קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט געדאַרפט זיך אָנהויבן אין ווין דעם ערשטן אויגוסט 1914. פּינקטלעכער: דער בונדישער צוזאַמענפאָר האָט זיך געזאָלט אָנהויבן נאָכדעם, ווי דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס וואָלט זיך פאַרענדיקט. אַ רייע בונדישע פירער זיינען אין יולי שוין געווען אין ווין (נח, מאַרק ליבער, משה ראַפעס און ר. אַבראַמאָוויטש, וועלכער האָט געוואוינט דאָן אין ווין און זיך פאַרנומען מיט די טעכנישע צוגרייטונגען צום צוזאַמענפאָר). אָבער דעם ערשטן אויגוסט 1914 איז אויסגעבראָכן דער וועלט־קריג, וועלכער האָט זיך געצויגן ביז סוף 1918. דער געפּלאַנטער בונדישער פאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט נישט געקענט פאָרקומען.

וויקטאָר שולמאַן איז געבליבן שטעקן אין וואַרשע. פון צענטראַלע בונדישע פירער איז אין וואַרשע דאַן געווען בלויז איין נח. אויך וולאַדימיר מעדעם איז דאַן געווען אין וואַרשע, אָבער נישט אויף דער פריי — אין טורמע. אין שפּיץ פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע זיינען געשטאַנען צווישן אַנדערע פאַלגנדע ח"ח: דוד מייער, לאַזאַר עפּשטיין, יאַנעק יאַנקעלעוויטש, אברהמל שטריקער, מ. וואַסער, חנינא קראַמאַרסקי, מרדכי פייגמאַן, זדזשיסלאַוו מושקאַט, אברהם ראַטשפאַן, גרשון זיבערט, אינזש. ציגע, דר. י. ליפּאָווסקי, אברהם קאַסטעלאַנסקי, א. אַ..

וויקטאָר שולמאַן ווערט דער צענטראַלער נערוו פון דער וואַרשעווער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. די אַרמיי פון דייטשן קייזער ווילהעלם דעם צווייטן גייט אַריבער די דייטש־רוסישע גרענעץ און פאַרנעמט טיילן פון פּוילן. דער בונדישער צענטראַל־קאָמיטעט נאָמינירט אַ „קאָמיטעט פון בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן.״ ווי מיטגלידער פון דאָזיקן קאָמיטעט ווערן נאָמינירט: נח, וויקטאָר שולמאַן, לאַזאַר עפּשטיין און זדזשיסלאַוו מושקאַט. לאַזאַר עפּשטיין פאַרלאָזט פּוילן און זיין אָרט פאַרנעמט דוד מייער.

צום יאָרטאָג פון אויסברוך פון וועלט־קריג פאַרנעמט די דייטשע אַרמיי וואַרשע. אין יענע וואָכן קומט וויקטאָר שולמאַן אַרויס מיט אַן איניציאַטיוו, וואָס האָט געהאַט אַ היסטאָרישע באַדייטונג פאַר דער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג און וואוקס פון בונד אין פּוילן. פון זיין אויסלענדישער דערפאַרונג האָט וויקטאָר שולמאַן געוואוסט, אַז די דייטשן (פון 1914־1915) זיינען גרויסע לעגאַליסטן. אויף די באַראַטונגען פון דער וואַרשעווער בונדישער אָנפירונג אין די טעג איידער די דייטשן האָבן פאַרנומען די שטאָט האָט ער אַרויסגערוקט דעם פאָלגנדיקן פּראָיעקט: „לאָמיר — האָט ער געזאָגט — צוגרייטן שילדלעך פון פאַרשיידענע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און ווי נאָר די רוסישע אַרמיי וועט זיך אַרויסציען פון שטאָט, וועלן מיר אויפהענגען די שילדלעך אויף פאַרשיידענע הייזער, כדי עס זאָל אויסזען ווי די דאָזיקע פאַראיינען עקסיסטירן אין שטאָט פון פריער — די דייטשן וועלן אַקצעפּטירן דעם דאָזיקן פאַקט און מיר וועלן נישט דאַרפן גיין צו זיי בעטלען לעגאַליזאַציעס פאַר די פאַראיינען. מיר וועלן האָבן אַזוי אַרום אַ פאַקטישע לעגאַלע ראַם פאַר אונזער באַוועגונג״. דער איינפאַל געפעלט אַלעמען און ער ווערט אַקצעפּטירט. איבערנאַכט הענגט דער בונד אַרויס אויף אַ רייע הייזער שילדלעך פון פאַראיינען פון אַלע וויכטיקסטע פאַכן — פאַראיינען, וועלכע האָבן פאַקטיש נאָך נישט עקסיסטירט. אָבער ווי נאָר די דייטשע אַרמיי האָט פאַרנומען אָנהויב אויגוסט 1915 די שטאָט, האָט דער בונד שוין געהאַט נישט נאָר די שילדלעך אויף די ווענט, נאָר אויך פאַרטיקע פאַרוואַלטונגען פאַר יעדן פון די פאַראיינען — די פיקציע האָט איבערנאַכט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן כוח. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע ערע אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן. וויקטאָר שולמאַן איז געווען דער סטראַטעג און דער בוימייסטער פון יענעם אָנהויב.

די רוסישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן דעם פערטן אויגוסט ענדגילטיק פאַרלאָזן וואַרשע, אויפרייסנדיק הינטער זיך די וואַרשעווער־פּראַגער בריק. דעם 7טן אויגוסט האָבן 70 פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פון די שנעל־געגרינדעטע בראַנזשע־פאַראיינען אָפּגעהאַלטן אַן אַלגעמיין־שטאָטישע קאָנפערענץ און אויסגעוויילט אַן „אינפאָרמאַציע־ביוראָ״ — די צענטראַלע קערפּערשאַפט פון די איבערנאַכט־אויפגעבויטע פאַראיינען. וויקטאָר שולמאַן איז געוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דער דאָזיקער קערפּערשאַפט. פאַרן נייעם דור בונדישע טוער, וואָס זיינען געקומען צו דער דערמאָנטער קאָנפערענץ, האָט אַלץ אויסגעזען ווי אַ חלום. פון אויער צו אויער האָט מען זיך איבערגעגעבן, אַז מיט 2 טעג פריער איז וולאַדימיר מעדעם באַפרייט

געוואָרן פון טורמע (ערשט מיט 3 חדשים פריער האָט אַ צאַרישׁ געריכט אים פאַרמשפּט צו 4 יאָר קאַטאָרגע). מען האָט זיך אַפילו געריכט, אַז ער וועט קומען צו דער קאָנפערענץ, אָבער ער איז נאָך געווען צו שוואַך — מיט 3 טעג צוריק איז ער נאָך געלעגן אין טורמע־שפּיטאָל. צום ערשטן מאָל האָט דער יינגערער דור בונדישע טוער דערזען פאַר זיך אויף יענער קאָנפערענץ די „אַלטע" פאַרטיי־פירער, וועלכע זיינען ביז דאַן געווען באַקאַנט אַלעמען בלויז לויטן נאָמען, אָבער קיינער האָט נישט געוואוסט ווי זיי זעען אויס.

5

וויקטאָר שולמאַנס טעטיקייט אין משך פון די קומענדיקע פּאָר וואָכן איז געווען אויסגעפילט מיט איין אויפגאַבע: אויסבויען אַ ברייטע נעץ פון אַרבעטער־פאַראיינען, קולטור־אָרגאַניזאַציעס אוןווירטשאַפטלעכע אינסטי־טוציעס. די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פון די ניי־אויפגעבויטע 18 פאַראיינען האָבן ניט געהאַט קיין שום דערפאַרונג. וויקטאָר שולמאַן האָט זיך באַטיי־ליקט אין די זיצונגען פון די פאַרוואַלטונגען, געגעבן אָנווייזונגען ווי אַזוי אַ מאָדערנער אַרבעטער־פאַראיין דאַרף זיך פירן, ווי אַזוי מען דאַרף פירן זיצונגען און פאַרזאַמלונגען לויט אַלע כללים פון דעמאָקראַטיע און פּאַרלאַ־מענטאַריזם, ווי אַזוי מען דאַרף זיך האַלטן לגבי די דייטשע אָקופּאַציע־באַאַמטע און אַזוי ווייטער.

די צווייט־וויכטיקסטע אויפגאַבע, מיט וועלכער וויקטאָר שולמאַן האָט זיך פאַרנומען אין יענע וואָכן און חדשים, איז געווען דאָס אויפשטעלן אַ שטענ־דיקע לעגאַלע אַרבעטער־צייטונג.

ווי נאָר מעדעם איז באַפרייט געוואָרן פון טורמע, הויבן זיך אָן די באַמיאונגען צו באַקומען פון די דייטשן אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ בונדישע צייטונג. ענדלעך, דעם 4טן פעברואַר 1916, דערשיינט דער ערשטער נומער פון די באַנייטע לעבענס־פראַגען (באַקומען האָט מען די דער־לויבעניש אויפן סמך פון דעם, וואָס די צייטונג האָט עקסיסטירט פריער, אין די צאַרישע צייטן). וויקטאָר שולמאַן ווערט באַשטימט אַלס סעקרעטאַר פונם דאָזיקן וואָכנבלאַט. זינט יענעם טאָג הויבט זיך אָן זיין טאָג־טעגלעכע זשורנאַליסטישע טעטיקייט, וועלכע האָט געדויערט אָן איבעררייס ביז די טעג פון דער היטלער־באַלאַגערונג פון דער שטאָט וואַרשע אין סעפּטעמ־בער 1939.

אָנהויב אַפּריל 1917 ווערט וויקטאָר שולמאַן אָפּגעריסן פון דער רעדאַק־ציע־אַרבעט. ער ווערט, ווי אין די אַמאָליקע צאַרישע צייטן, אַרעסטירט און פאַרשיקט — דאָס מאָל קיין דייטשלאַנד. צוזאַמען מיט אים ווערן פאַרשיקט נאָך חברים — די וויכטיקסטע טוער פון דער פאַרטיי.

וויקטאָר שולמאַן זיצט אין דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן ביז אָקטאָ־בער 1917. ער האָט דורכגעוואַנדערט אין משך פון די דאָזיקע 6 חדשים דריי לאַגערן: סקאַלמיעזשיץ, לאַובאַן (שלעזיע) און האַוועלבערג (פּרייסן).

פון לאַגער קומט וויקטאָר שולמאַן גלייך צוריק צו זיין אַרבעט אין די

לעבענס־פראַגען. אין דעצעמבער 1917 קומט פאָר אין לובלין די ערשטע קאָנ־פערענץ פון בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין פוילן. דאָ ווערט צום ערשטן מאָל געוויילט אַ לאַנד־קאָמיטעט פון בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין פוילן, אין וועלכן עס גייט אויך אַריין וויקטאָר שולמאַן. פאַקטיש איז דאָס געווען דער ערשטער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד אין פוילן, נאָכדעם ווי דער ערשטער וועלט־קריג האָט צעריסן דעם איינהייטלעכן בונד פון ליטע, פוילן און רוסלאַנד.

וויקטאָר שולמאַן האָט אין וואַרשע אָנגעהויבן אַ נײַ משפחה־לעבן. זײַן פרוי גוסטאַווע (דאָס איז געווען זײַן צווייטע פרוי — זײַן ערשטע פרוי און זײַן זון זײַנען געבליבן אין דער שווייץ) איז געווען אַ וואַרשעווער בונ־דיסטקע. אויך אירע שוועסטערס זײַנען געווען באַקאַנטע וואַרשעווער בונ־דיסטקעס: מאַריע קלעפּפיש (די מוטער פון שפּעטערדיקן געטאָ־העלד מיכאל קלעפּפיש), עווע (געאַרבעט פיל יאָרן צווישן ביידע וועלט־מלחמות אין פּאַס־טער־אינסטיטוט אין פּאַריז) און פעלע (איצט אין ניו־יאָרק).

פוילן ווערט אַן אומאָפּהענגיקע מלוכה.

צוויי גרויסע פּערזענלעכקייטן באַווײַזן זיך איצט אין די רייען פון בונד אין פוילן: הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער. פון פריער שטייען אין שפּיץ פון פּוילישן בונד אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי נח, וול. מעדעם און בייניש מיכאַלעוויטש. מיט דער באַשיידנקייט פון אַ לאַמעד־וואָווניק ציט זיך וויקטאָר שולמאַן צוריק פון די פריערדיקע פירנדיקע פּאָזיציעס. ער קאָנ־צענטרירט זײַן גאַנצע ענערגיע אויף אָרגאַניזירן אין זשורנאַליסטישער הינ־זיכט די לעבענס־פראַגען, וואָס האָט אין 6 דעצעמבער 1918 אָנגעהויבן דער־שײַנען ווי אַ טעגלעכע צײַטונג. אומדערוואַרטעט ווערט ער ווידער אַרעסטירט — דאָס מאָל דורך די נײַע פּוילישע מאַכט־האָבער. דעם 19טן יאַנואַר 1919 ווערט די בונדישע צײַטונג אויף אַ ברוטאַלן אופן געשלאָסן. וויקטאָר שול־מאַן ווערט אַרעסטירט אין דער רעדאַקציע. מען לאָזט אים באַלד אַרויס פון אַרעסט. די צײַטונג דערשײַנט ווײַטער ביז די מאַכט שליסט זי ענדגילטיק אין פרילינג 1920.

פאַרן בונד און פאַר דער בונדישער פּרעסע הויבט זיך ווידער אָן אַ פּעריאָד פון מאַטערנישן און האַלב־לעגאַלער עקסיסטענץ. די פּאַרטיי ווערט אויף אַ צײַט אינגאַנצן פאַרבאָטן צוליב איר קעגנערשאַפט צום פּויליש־באָלשעוויסטישן קריג. אין יענעם פּעריאָד ווערט שולמאַן ווידער אויף אַ צײַט אַרעסטירט (אין אויגוסט 1920). עס ווערן דאַן אויך אַרעסטירט הענריק ערליך, מוריצי אָזשעך, אברהם קאָסטעלאַנסקי און אַנדערע.

מיט דער אומדערמידלעכקייט פון אַן אומדערשיטערטן רעוואָלוציאָנער שטייט וויקטאָר שולמאַן אין סאַמע צענטער פון דער האַלב־לעגאַלער נערוון־רייסנדיקער אַרבעט. עס אַנטוויקלט זיך אַ פאַרביסענער געראַנגל צווישן בונד מיט די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען. יעדע פּאָר טעג גיט דער בונד אַרויס זײַן צײַטונג אונטער אַ נײַעם נאָמען און יעדעס מאָל חזרט זיך איבער דער זעלבער ברוטאַלער אַקט פון די נײַע רעאַקציאָנערע מאַכטהאָבער: מען באַפאַלט די דרוקערײַ, מען קאָנפיסקירט די צײַטונג און מען פאַרבאָט איר ווײַטער־

דיקע דערשיינונג. אין משך פון יאָר 1920 איז די בונדישע טאָג־צייטונג דערשינען אונטער די נעמען: לעבנס־פראַגן, אַרבעטער־שטימע, אַרבעטער־טאָג, אונזער טאָג, נייער טאָג, אַרבעטער־פראַגן, טאָג־פראַגן, נייער אַרבעטער־טאָג, נייע אַרבעטער־שטימע, די צייט, צייט־פראַגן, אונזער שטימע, די נייע צייט, צייט־שטימען און מאָרגנשטערן. וויקטאָר שולמאַן איז כסדר סעקרעטאַר פון רעדאַקציע, כסדר אויסגעשטעלט אויף מעגלעכע רעפּרעסיעס פון די מאַכט־אָרגאַנען, כסדר אין אַ קאַץ־און־מויז־שפּיל מיט די צענזאָרן. גלייכ־צייטיק באַטייליקט ער זיך מיט וויכטיקע פּובליציסטישע אַרבעטן אין די בונדישע איינמאָליקע אויסגאַבעס קאַרל מאַרקס (1918), אונזער גרוס (1919), אַרבעטער־לוח (1920) און אַנדערע. אינם זאַמלביכל אונזער גרוס באַשרייבט וויקטאָר שולמאַן זיינע דערפאַרונגען פון אַ רעדאַקציע־סעקרעטאַר אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע.

אָבער דער בונד גיט זיך נישט אונטער. פאַרקערט: עס ווערט געמאַכט אַ נייער פּרואוו אַרויסצוגעבן די צייטונג טעגלעך. עס הויבט אָן צו דער־שיינען די פאָלקס־צייטונג.

אין משך פון 17 יאָר צייט איז די פאָלקס־צייטונג דערשינען כמעט אָן איבעררייס. כמעט — ווייל געוויסע איבעררייסן זיינען פונדעסטוועגן געווען. די רעפּרעסיעס זיינען געוואָרן אַ ביסל זעלטענער און זיי האָבן אָנגענומען אַנדערע פאָרמען, אָבער אויפגעהערט האָבן זיי קיינמאָל נישט.

נאָך צוויי מאָל איז די צייטונג אינגאַנצן געשלאָסן געוואָרן דורך דער מאַכט און עס איז ווידער יעדעס מאָל געביטן געוואָרן דער נאָמען: פון פאָלקס־צייטונג איז געוואָרן אונזער פאָלקס־צייטונג און פון אונזער פאָלקס־צייטונג איז געוואָרן נייע פאָלקס־צייטונג.

דאָס לעבן פון וויקטאָר שולמאַנען אין יענע 17 יאָר איז געקנופּט און געבונדן מיט דער פאָלקס־צייטונג.

שרייבן די ביאָגראַפיע פון וויקטאָר שולמאַנען במשך פון יענע 17 יאָר וואָלט געהייסן שרייבן די ביאָגראַפיע פון דער פאָלקס־צייטונג. דאָס איז אַ געשיכטע פון הונדערטער קאָנפיסקאַציעס, אַ געשיכטע פון וואונדערלעכן מסירת־נפש פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן פאַר זייער טאָג־צייטונג, אַ גע־שיכטע פון גרויסע זשורנאַליסטישע אויפטוען, אַ געשיכטע פון עקשנותדיקן פּאָליטישן קאַמף מיט רעאַקציאָנערע פּאָליטישע רעזשימען, אַ געשיכטע פון דערציען פּאָליטיש די יידישע אַרבעטער־מאַסן.

נישט געקוקט אויף זיין טאָג־טעגלעכער איבערגעלאָדנקייט מיט צײַ־טונגס־אַרבעט, האָט וויקטאָר שולמאַן באַוויזן צו מאַכן אַ גלענצנדיקע איבער־זעצונג פון היינריך קונאָווס וויכטיק וויסנשאַפטלעך ווערק די אַנטשטייאונג פון רעליגיע און גלויבן (בונדישער פאַרלאַג די וועלט, וואַרשע, 1927). אין יענע יאָרן איז אויך אַנטשטאַנען וויקטאָר שולמאַנס בלעטלעך געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג (פאַרלאַג די וועלט, וואַרשע, 1929, ער־שטע טייל; פריער געווען געדרוקט אין יוגנט־וועקער). ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין פאַרשיידענע אַנדערע בונדישע אויסגאַבעס מיט אַרבעטן וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

ווי אַ מענטש איז וויקטאָר שולמאַן געווען פון די זעלטנסטע, פון די לויטערסטע, פון די איידלסטע געשטאַלטן, וואָס די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט פון זיך אַרויסגעגעבן.

איינער פון די עלטסטע אין יאָרן צווישן די מיטאַרבעטער פון דער פאָלקס־צייטונג, האָט ער תמיד זיך געהאַלטן אין רעדאַקציע אַזוי עניוותדיק, אַז ס'האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט דאָ געווען בלויז, כדי צו קענען באַדינען, אַרויסהעלפן אַלע אַנדערע מיטאַרבעטער.

וויקטאָר שולמאַן האָט געהערט צו די באַשיידנסטע מענטשן. ער האָט קיינמאָל נישט געזוכט קיין רום, קיין אָנערקענונג. ער האָט זיך נישט געריסן צו זען זיין נאָמען אין דער צייטונג — ער האָט מייסטנס געדרוקט זאַכן אָן זיין אונטערשריפט. פון דער נאַטור איז ער געווען באַשאָנקען מיט פשטות פון אַן אומשולדיקן קינד — פשטות, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט נאַאיוויטעט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען ווי מענטשן קענען זיין ליגנערס, אָפּנאַרערס, רשעים.

אַ ריינער, אַ ציכטיקער, אַ גלאַט־ראַזירטער און נעט־געקליידעטער, איז ער געווען פאַרליבט אין מוזיק, פּאָעזיע און נאַטור. ער האָט ליב געהאַט צו דעקלאַמירן פון אויסנווייניק גאַנצע קאַפּיטלען פון דער רוסישער, העברעאישער און יידישער פּאָעזיע. די העכסטע מאָס פון באַפרידיקונג פלעגט ער געפינען אין באַרג־קלעטעריי. צוזאַמען מיט זיין פריינט באַריס אייסוראָוויטש פלעגט ער פאַרברענגען זיינע יאָר־יערלעכע וואַקאַציעס אין די בערג פון פוילן און טשעכיע.

6

ס'איז געקומען די צווייטע וועלט־מלחמה. היטלערס חיילות מאַרשירן אַריין אין פוילן. וויקטאָר שולמאַן איז געבליבן אין וואַרשע די גאַנצע צייט פון דער באַלאַגערונג און ביז צאָל וואָכן נאָכן איינגעמען די שטאָט. אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלן נאָך איין העלדן־אַקט אין דער קייט פון העלדן־אַקטן, וואָס האָבן אויסגעפילט זיין לעבן.

דאָס דערשיינען פון דער פאָלקס־צייטונג אין משך פון דער גאַנצער צייט פון היטלערס באַלאַגערן וואַרשע איז געווען איינער פון די וואונדערלעכסטע, העראָאישסטע אַקטן אין דער געשיכטע פון בונד. דער 63־יאָריקער וויקטאָר שולמאַן — דער עלטסטער פון אַלע באַטייליקטע אינם דאָזיקן העלדן־אַקט — איז דאַן געווען דער טרייסטער סאָלדאַט אויף די שלאַכט־פּאָזיציעס פון דער פאָלקס־צייטונג. יעדן טאָג איז ער געשטאַנען פון דער פרי ביז ביינאַכט אין דרוקעריי און אין דער רעדאַקציע. געווען נעכט, ווען ער האָט נישט פאַרלאָזן די צייטונג — בלויז איבערגעשלאָפן עטלעכע שעה אויף אַ האַרטן טיש, כדי אינדערפרי ווידער צו קענען זיין ביי דער אַרבעט. אָפטמאָל אָן עסן, אָן וואַסער צום אַרומוואַשן דאָס פּנים, איז ער נישט אָפּגעטרעטן אונטער דעם האָגל פון באָמבעס, וואָס זיינען אומאויפהערלעך געפאַלן אויף דער שטאָט.

ערשט, ווען די היטלער־אַרמיי האָט פאַרנומען וואַרשע, האָט וויקטאָר

שולמאַן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די שטאָט און צו שמוגלען עטלעכע גרענעצן, כדי זיך צו דערשלאָגן צו זיין געבורט־שטאָט קאָוונע, וואו עס האָט גע־וואוינט זיינער אַ ברודער און זיין אַלטיטשקער, שוין בלינדער פאָטער.

אָנהויב 1940 קומט וויקטאָר שולמאַן אָן קיין קאָוונע. דערביי האָט זיך אָפּגעשפּילט איינע פון די דראַמאַטישסטע סצענעס.

די ליטווישע מאַכט האָט גראָד געהאַלטן אין אַרויסשיקן פון שטאָט אַלע פּוילישע פּליטים — מען האָט זיי אָנגעהויבן פאַנאַנדערשיקן איבער די דער־פער. שטיצנדיק זיך אויפן פאַקט, אַז ער איז אַ קאָוונער געבוירענער, זאָגט זיך וויקטאָר שולמאַן אָפּ אַרויסצופאָרן אין דאָרף. נישט האָבנדיק מיט זיך קיין שום דאָקומענטן, וואָס זאָלן באַשטעטיקן, אַז ער, וויקטאָר שולמאַן, איז טאַקע דער קאָוונער ישראל חיים שאַדאָווסקי, גיט ער אויף צוויי עדות: זיין ברודער און זיין אַלטיטשקן טאַטן.

די קאָוונער פּאָליציי־באַאַמטע ברענגען וויקטאָר שולמאַנען צו זיין בלינדן פאָטער, כדי צו הערן פון אים, צי ער באַשטעטיקט, אַז דאָס איז זיינער אַ זון. דער בלינדער זקן האָט, פאַרשטייט זיך, פולשטענדיק באַשטעטיקט די ווערטער פון זיין צוריקגעקומענעם זון.

— פון וואַנען קענסטו וויסן, אַז דאָס איז טאַקע דיין זון? — האָבן גע־פרעגט די ליטווישע באַאַמטע — דו ביסט דאָך בלינד!

דער בלינדער זקן האָט גאָרנישט ניט געזאָגט, נאָר אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף וויקטאָר שולמאַנס פּנים. ער האָט אַ ווײַלע אַרומגעטאַפּט דאָס געזיכט פון זיין זון און דאַן האָט ער געענטפערט די פּאָליציי־באַאַמטע:

— איך דערקען זיין שטימע און איך דערקען די שטריכן פון זיין געזיכט: דאָס איז מיין זון איזראַעל...

וויקטאָר שולמאַן בלייבט אין קאָוונע ביז הערבסט 1940. ער וואוינט ביי זיין ברודער. פון מאָל צו מאָל מאַכט ער געהיימע וויזיטן צו נחן, דעם פאַר־זיצער פון צ. ק. פון בונד, וועלכער האָט זיך אויך געהאַט דערשלאָגן קיין קאָוונע.

דאָס בלייבן אין קאָוונע האָט געדראָט די בונדישע טוער פון פּוילן מיט פיל סכנות. דעם 15 יוני 1940 מאַרשירט די סאָוועטישע אַרמיי אַריין קיין ליטע.

פאַר אַ צאָל בונדישע טוער, וועלכע האָבן דעמאָלט געלעבט אין ליטע, ווי קריגס־פּליטים, איז דער סאָוועטישער אַריינמאַרש קיין ליטע געווען אַ קלאָרער אָנזאָג, אַז היינט־מאָרגן וועט מען זיי אַלעמען אַרעסטירן, אַזוי ווי פיל בונדישע טוער זיינען מיט עטלעכע חדשים פריער אַרעסטירט געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס נאָך זייער אַריינמאַרש אין מזרח־טייל פון פּוילן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ריזיקאַלישער פּעריאָד פון באַהאַלטן זיך פון איין זייט און פון אַלאַרמירן דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק וועגן רעטונג פון דער צווייטער זייט. די טוער פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט האָבן באַוויזן צו באַזאָרגן אַמעריקאַנער „עמוירדזשענסי״־וויזעס. צוזאַמען מיט אַ ריי בונ־דישע טוער איז וויקטאָר שולמאַן 1941 אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק.

אין די ערשטע פּאָר יאָר האָט ער זיך געפילט זייער פאַרלאָרן. אָבער ביסלעכווייז האָט וויקטאָר שולמאַן ווידער זיך גענומען צו שרייבעריי. אין די לעצטע 10 יאָר פון זיין לעבן זיינען אַרויס פון אונטער שולמאַנס פעדער אַ רייע וואָגיקע אַרבעטן און אַרטיקלען וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועגן דעם יידישן לעבן אין פּוילן, וועגן דער יידישער פּרעסע א. א.

אויסער דעם וואָס וויקטאָר שולמאַן האָט אין משך פון די דאָזיקע יאָרן פאַרעפנטלעכט פיל אייגענע אַרבעטן (אין צוקונפט, יווּאָ־בלעטער, וועקער, אונזער צייט א. אַ.), האָט ער רעדאַגירט און פאַרטיק־געמאַכט צום דרוק ביכער און אַרבעטן פון אַ רייע אַנדערע מחברים. צווישן אַנדערן האָט ער אויסגעפאַרטיקט דאָס בוך פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ פון בערנאַרד גאָלדשטיין (פאַרלאַג אונזער צייט, 1947), איבערזעצט אויף יידיש און פאַרטיק געמאַכט צום דרוק דאָס בוך יידישע טוער אין דער פאַרטיי סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן פון וויקטאָר טשערנאָוו (1948) און צוגעגרייט צום דרוק דאָס בוך הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער (פאַרלאַג אונזער צייט, 1951).

וו. שולמאַן האָט אין משך פון זיין לאַנגער שרייבערישער קאַריערע אָנגעשריבן אַ רייע זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע בכלל און גאַנץ באַזונדערס צו דער געשיכטע פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע.

באַזונדערס דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן וויקטאָר שולמאַנס אָריגינעלע אַרבעט פּרעסע ביי יידן אין אַנדערע שפּראַכן (באַנד ג יידן, פון דער יידישער ענציקלאָפּעדיע, ניו־יאָרק, 1942) און פון די לעבענס־פראַגען ביז דער פאָלקס־צייטונג (זאַמלבוך וואָס דער בונד אין פּוילן האָט אָפּגעדרוקט לכבוד דעם 50־יאָריקן יובל פון בונד אין 1947). אַ קליינע אַרבעט אויף דער דאָזיקער טעמע האָט וו. שולמאַן פאַרעפנטלעכט נאָך מיט 16 יאָר פריער אין דער בונדישער אויסגאַבע רויטע שליאַכן (וואַרשע, 1931). אין איינער פון די יובל־אויסגאַבעס פון דער בונדישער פּרעסע אין פּוילן אונזער גרוס (1919) געפינט זיך אַ מעמואַרן־אַרטיקל פון וו. שולמאַנען א. ד. ט. דער ברידער־קבר. אין 1926 האָט וו. שולמאַן פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל 10 יאָר בונדישע פּרעסע אין פּוילן (אַרבעטער־לוח, וואַרשע, 1926).

וו. שולמאַן האָט פיל געשריבן וועגן דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד און וועגן דער געשיכטע פון בונד. לאָמיר דאָ אויסרעכענען אַ טייל פון די דאָזיקע אַרבעטן:

1. קאַרל מאַרקס און די יידן־פראַגע (זאַמלבוך קאַרל מאַרקס, וואַרשע, 1918); 2. דער בונד אין רוסלאַנד פאַר דער צייט פון דער רעוואָלוציע (זאַמלבוך אונזער שטימע, וואַרשע, 1918); 3. דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער אויפשטאַנד קעגן צאַריזם (אַרבעטער־לוח, וואַרשע, 1925, פאַרלאַג די וועלט); 4. דער בונד אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, נייע פאָלקס־צייטונג, וואַרשע, נאָוועמבער 1937).

אַ גרעסערע אַרבעט וועגן דער געשיכטע פון די יידן אין פּוילן האָט

וויקטאָר שולמאַן פאַרעפנטלעכט אין אַמעריקע אין יאָר 1946, אינם ערשטן באַנד פון זאַמלבוך יידן אין פוילן. וויקטאָר שולמאַנס אַרבעט איז געווען וועגן די יידן אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין ניו־יאָרקער בונ־דישן חודש־זשורנאַל אונזער צייט (מערץ 1945) האָט וויקטאָר שולמאַן אָפּ־געדרוקט אַן אויטאָביאָגראַפישע אַרבעט באַגינען.

דעם 11 אָקטאָבער 1946 האָט די בונדישע משפחה אין ניו־יאָרק גע־פייערט וויקטאָר שולמאַנס 70־יאָריקן יובילײ. אָבער ווי נאָר שולמאַן האָט אַריבערגעשפּרייזט זיין 70סטן געבורטסטאָג האָט ער זיך אָנגעהויבן קלאָגן אויפן האַרץ. אין די זומערס פלעגט ער פאָרן צו זיינעם אַ ברודער אין קאַנאַדע. זומער 1951 האָט וויקטאָר שולמאַן פאַרבראַכט אין קאַנאַדישן דאָרף טענט סיטי, אַ מייל 50 פון טאָראָנטע. דעם 24טן אויגוסט, אַרום 4 בייטאָג, ווען ער איז געזעסן און זיך אויסגערוט נאָכן באָדן, איז וויקטאָר שולמאַן אומגעריכט געשטאָרבן. דער טויט איז געקומען מיטאַמאָל — ער האָט אַפילו נישט באַוויזן עמעצן אַ רוף־צו־טון. אַ האַרץ פון אַ וואונדערבאַרן מענטש האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן.

וויקטאָר שולמאַן איז געקומען צו קבורה אין ניו־יאָרק, אויפן בית־עולם פון אַרבעטער־רינג.

ב.: שולמאַן וויקטאָר, לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע פון זלמן רייזען, פערטער באַנד, 1929. דער 70סטער געבוירנטאָג פון ח' וויקטאָר שולמאַן, וועקער, ניו־יאָרק, 1 אָקטאָבער 1946. פּ. שוואַרץ: וויקטאָר שולמאַן — אַ זיבעציקער, וועקער, ניו־יאָרק, 15 אָקטאָבער 1946. וויקטאָר שול־מאַן — 70 יאָר, אונזער צייט, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 1946. י. האַרן: וויקטאָר שולמאַן — דער רעדאַקציע־סעקרעטאַר, די יידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, 30 אויגוסט 1951. ב. שעפנער: וויקטאָר שולמאַן, פאָרווערטס, ניו־יאָרק, 1 סעפּטעמ־בער 1951. י. גראָס: זיי פאַרשווינדן, אונזער שטימע, פּאַריז, 1 סעפּטעמבער 1951. הירש אַבראַמאָוויטש: ער איז נאָך געווען יונג צו 75 יאָר, אונזער שטימע, פּאַריז, 5 סעפּטעמבער 1951. וויקטאָר שולמאַן, אונזער צייט, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 1951. ח. וואַסער: איינער פון אַ וואונדערלעכן דור, וועקער, ניו־יאָרק, 1 אָקטאָבער 1951. פּנחס שוואַרץ: דער לעבנסוועג פון וויקטאָר שולמאַן, אונזער צייט, ניו־יאָרק, נומערן פון אָקטאָבער, 1951; נאָוועמבער־דעצעמבער 1951 און יאַנואַר 1952. עמנואל נאָוואָגרודסקי: אַזוי ווייניק זיינען זיי געבליבן, אונזער צייט, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1951. אַריה: וויקטאָר שולמאַן — דער מענטש, אונזער צייט, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1951. פּנחס שוואַרץ: וויקטאָר שולמאַן — דער שריפטשטעלער; דער רעוואָלוציאָנער, דער מענטש; די צוקונפט, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 1951. אויך פאָרווערטס, ניו־יאָרק, פון 26, 27, 28, 29 און 30 אויגוסט 1951. טאָג ניו־יאָרק, 27 אויגוסט 1951. דהי ניו־יאָרק טאַימס, 29 אויגוסט 1951. פרייע אַרבעטער־שטימע, ניו־יאָרק, פון 31 אויגוסט 1951. אונזער שטימע, פּאַריז, 30 אויגוסט, 1 סעפּטעמבער און 10 סעפּטעמבער 1951. אונזער צייט, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1951 און אָקטאָבער 1952. מאַרק כינאָי: וויקטאָר שולמאַן אין האָמעל, די צוקונפט, ניו־יאָרק, מערץ 1954.

פ. שוואַרץ

# אברהם בראָון

הויך און שלאַנק, בייגעוודיק און עלאַסטיש, מיט געטאָקטע גלידער און אַן אײדל געשניצטן פּנים, מיט אַ פיינעם, גראָדן, פּקחותדיקן שטערן, מיט אַ מאַיעסטעטיש־שטאָלצן, דרייסט־אַרויסרופערישן קאָפּ, געדיכט־באַדעקטן מיט שוואַרץ־באַזילבערטע, שפּעטער מיט גראָ־ווייסע האָר, פאַרוואָרפן אויף אַהינטער אין „קינסטלערישער אומאָרדענונג״, מיט צושמידנדיקע אויגן און פאַנגענדיקע בליקן, — האָט סערגיי זיך אויסגעטיילט פון דער מענגע אור־מעטום: אין מאָסקווע ווי אין בערלין, אין מינסק ווי אין פּאַריז, אין ריגע ווי אין ניו־יאָרק. אויף די רוישיקסטע גאַסן פון די גרויסע שטעט, אין די טומלדיקסטע שעהן פון טאָג אַפילו, פלעגן זיך נייגעריקע פנימער אַלע ווײלע אומדרייען אַ קוק צו טאָן אויף אָט דעם ניט געוויינטלעכן פאַרבייגייער מיטן אַריסטאָקראַטישן, איינדרוקספולן קאָפּ.

ער איז געווען אַ שיינער — סערגיי, און הגם זייער פּרויענהאַפטיק אין גאָר דעם בוי פון זיין קערפּער, האָט ער דאָך שטאַרק אויסגענומען ביי פרויען. דאָס האָט געמאַכט דער קאָפּ, דער אויסטערלישער, דאָס האָבן נאָך מער געמאַכט די אויגן זיינע. טונקל־ברוינע, טיף־אַריינקוקנדיקע און אַ סך זעענדיקע, קלוגע און לאַכנדיקע, האָבן זיי אין זייער מאַנדל־שניט געטראָגן אין די ווינקלען חוזק, סאַרקאַזם, אָבער אַז זיי פלעגן זיך ברייט צעעפענען און אַנטפּלעקן די גרויסע, קיילעכדיקע שוואַרצאַפּלען, האָט זייער פייכטקייט גע־שיינט מיט טרויעריקער טרוימערישקייט, צערטלעכער געטריישאַפט און אָפּפערוויליקן גלויבן. אָט די זעלטענע קאָמבינאַציע פון סקעפּסיס מיט פּאַטאָס אין דעם גלאַנץ פון זיינע אויגן האָט געכישופט און געלאָקט די פרויען אַרום.

אָבער ניט בלויז די פרויען; צו פאַרברענגען אַ פּאָר שעה מיט סער־גייען איז פאַר יעדערן געווען אַ גרויסער נחת־רוח. זיין דערציילן האָט געשפּרודלט מיט הומאָר, זיין באַאָבאַכטונג איז געווען פול מיט בילדערישקייט. איז מען געזעסן, זיך צוגעהערט צו אים, אַ סך געלאַכט און הנאה געהאַט.

אמת, נאָך דער הנאה פלעגט זייער אָפט בלייבן אַן אָפּזאַץ פון אומאָנ־גענעמער ביטערקייט. סערגייס באַציאונג צו מענטשן איז אָפּטמאָל געווען אַ בייזע. אָט די „זעלטענע קאָמבינאַציע פון סקעפּסיס מיט פּאַטאָס״ האָט אַריינגעבראַכט געשפּאָלטנקייט, צעריסנקייט אין זיין גייסט. ערגעץ האָט — ווען ער פלעגט בלייבן מיט זיך אַליין — דער ציניזם פון זען די הבל־הבלימ־דיקייט אין אַלץ געשטיקט און געוואָרגן דעם פּאַטאָס פון גלויבן אין אים; ערגעץ האָט די פוילקייט פון גייסט געטויט די שעפערישקייט אין אים. איז ער געוואָרן פאַרביטערט, האָט אויפגעהערט ליב צו האָבן מענטשן, איז אַי־נערלעך אַוועק פון זיי. און ער איז געבליבן אַליין. סערגיי איז געווען זייער אַן איינזאַמער מענטש אין דעם לעצטן דריטל פון זיין לעבן.

סערגייס איינזאַמקייט און בייזקייט און פאַרביטערטקייט פון די שפּע־טערדיקע יאָרן האָבן געהאַט נאָך אַ צווייטע סיבה הינטער זיך; דאָס איז געווען זיין טויבקייט. שטילערהייט און אומבאַמערקט, ווי אַ גנב אין דער פינצטער, האָט זי זיך אַריינגעשלייכט צו אים, ווען ער איז נאָך געווען אַ



יינגערמאַן פון אַ יאָר פיר־פינף און דרייסיק אין גאַנצן. פון דעמאָלט אָן איז זי אין משך פון פינף און צוואַנציק יאָר צייט, סיסטעמאַטיש און גרויזאַם, אָנגעגאַנגען מיט איר אַרבעט פון אונטערגראָבן און צעשטערן די פונדאַמענטן פון אָט דער אייגנאַרטיקער, קאָלירפולער און טאַלאַנטירטער פערזענלעכקייט.

טויבקייט ביי סערגייען איז ניט געווען סתם אַ מום, ווי ביי יעדן טויבן מענטשן. גאָר דאָס שעפערישע לעבן זיינס איז דאָך דורכגעגאַנגען אויף דער טריבונע, און נאָר אויף דער טריבונע. אַנדערע פאָרמען און אויסדרוקן פון שאַפן זיינען פאַר אים, ליידער, געווען פאַרשלאָסן. דירעקטער קאָנטאַקט מיט די צוהערער און מיטשמועסער איז פאַר סערגייען געווען אַן עכטער לעבנסעלעקסיר. און דעם לעבנסזאַפט האָט די טויבקייט פון אים אַוועקגערויבט טראָפּן נאָך טראָפּן און דערמיט גאָר דעם מענטש אין אים פאַרענדערט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט צובויגן אַן אויער צום מיטשמועסער בעתן ריידן, נייטן איבערפרעגן עטלעכע מאָל די שלעכט דערהערטע ווערטער און זאַצן, מיטן באַמערקן אַלץ אָפטער און אַלץ מער אומגעדולד אויפן מיטשמועסערס געזיכט. דאַן איז געקומען דער הער־אַפּאַראַט, אויפן ווערסטל אָנגעשפיליעט, פריער מיט איין רערל, שפעטער מיט צוויי רערלעך אין ביידע אויערן, און ס'איז ערשט אַוועק די אמתע סדרה: אַמאָל איז דער אַפּאַראַט געהאַנגען ניט אויפן ריכטיקן אָרט, אַן אַנדערש מאָל איז סערגיי געזעסן צו נאָענט — אָדער צו ווייט — פון דעם מיטריידער, און ווידער פרעגן און איבערחזרן די פראַגע, ווידער דעם צווייטנס ריידן און איבערזאָגן דאָס געזאָגטע, און אַ לאַנגע, זיך אומאויפהערלעך ציענדיקע, קייט פון קאָמישע קווי־פּראָ־קוואָס און פיינפולע מיספאַרשטייענישן. דאָס געדולד האָט

געגומען פּלאַצן ביי בײדע צדדים. דאָס שמועסן, וואָס האָט געזאָלט זיין קוועלנדיק, שעפעריש, סטימולירנדיק, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נודנער, אויסמאַטערנדיקער אָפּקומעניש. סערגיי, תמיד אַן אויפגערייצטער און אַן אומ־צופרידענער, האָט אָנגעהויבן זיך דערווייטערן פון מענטשן, אַלץ אָפטער בלייבן מיט זיך אַליין. אַפילו אין געזעלשאַפט פלעגט ער, אין די שפּעטערדיקע יאָרן, אָדער אַרומבלאָנקען אַזוי־אַ איבער די צימערן, אָדער זיצן איינער אַליין אין אַ ווינקל מיט פאַרווירטע אויגן און וואַנדערנדיקע בליקן, און זעלטן האָט פּאַסירט, אַז עמיצער זאָל האָבן באַמערקט, ווען סערגיי האָט די געזעלשאַפט פאַרלאָזן.

גראָטעסקע און טראַגישע בילדער שווימען אַרויס פאַר די אויגן, ווען מען נעמט זיך דערמאָנען סערגייען אין דער „טויבער העלפט" פון זיין באַ־וואוסטזיניקן לעבן.

אָט גייט ער מיט אייך אין גאַס און רעדט. ער פון אייך הערט קיין וואָרט ניט — ער וועט זיך דאָך ניט אָפּשטעלן און צורוקן דעם הער־אַפּאַראַט צו אייער מויל אין מיטן גאַס. ער כאַפּט פון צייט צו צייט אייערן אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אַ פינטל מיט אַן אויג, אַ צושטימענדיקן שמייכל אָדער אַן אומצו־פרידענע גרימאַסע, אָבער דאָס איז צו ווייניק אויף אָנצוהאַלטן כאָטש וועלכן ניט איז קאָנטאַקט מיט אייך. און ער רעדט און רעדט. מיטאַמאָל דערשפּירט ער ערגעץ, אַז ער האָט אייך אינגאַנצן פאַרלאָרן, טוט ער זיך ראַפּטום אַ שטעל אָפּ אין מיטן ריידן, אָפּט אין מיטן אַ פראַזע. סערגיי רעדט ווייטער, ער שטעלט זיך אָפּ אַלץ אָפטער און איר הערט שוין מער ניט, וואָס ער דערציילט. טראַגישער ווערט דאָס בילד, ווען ער קוקט אַרונטער פון דער טריבונע צו אַ פול געפּאַקטן זאַל מיט צוהערער. אָט שטייט ער, סערגיי, און רעדט פאַרן עולם. ער באַוועגט זיך רואיק און זיכער, געפירט פון עפּעס אַ ריטם, וואָס קומט פון זיין איידעלער אינערלעכער וועלט. אָבער דער דאָזיקער ריטם קלעקט ניט אויף לאַנג, דער רעדנער מוז דעם אייגענעם ריטם צופּאַסן צום ריטם, וואָס קומט פון דרויסן, פון עולם. און דעם אויסערלעכן ריטם הערט ער נישט. זיינע אויגן נעמען פּלוצלונג בלאָנדזשען איבער די געזיכטער פון די צו־הערער, ער האַקט איבער דאָס ריידן. דער רעדנער קערט זיך אום צוריק צו זיין אינערלעכער וועלט, כאַפּט זיך ווידער אָן דעם פאַרבאָרגענעם ריטם און באַוועגט זיך ווייטער ביז אַ נייעם איבערבראָך. וואָס ווייטער, קומען די איבעררייסן אָפטער, דער רעדנער רייסט איבער פראַזעס, אָדער ער פאַרענדיקט זיי אין אַ שעפּטשען צו זיך אַליין, עלעהיי פּרצעס אברהמל באַס, וואָס האָט מיטגעשפּילט נישט אין דעם דאָזיקן. נאָר אין אַן אַנדערן, אַ העכערן אָרקעסטער.

זייער טראַגיש פלעגט סערגיי אויסזען אין די שפּעטערדיקע יאָרן אויך אויף גאַסן־דעמאָנסטראַציעס; זייער אימפּאָנירנדיק, אָבער דורך דעם נאָך מער טראַגיש. צום אָנהויב, אויפן זאַמל־פּונקט, פלעגט ער זיך נאָך גריסן מיט אַלעמען, אַ שמייכל טאָן צו דעם, זיך אַ ווייל טאָן מיט אַן אַנדערן. אָבער ווי נאָר מען פלעגט אַוועקמאַרשירן, אַזוי פלעגט זיך ווי אַ מאַנסטער אַרויסרוקן אַן אומגעזעענע וואַנט צווישן אים און דער מאַסע, און ער פלעגט

זיך באַוועגן ווי אַ זייטיקער, ווי אַ פרעמדער און אַזאַ פּאַרלאָרענער. די אויגן זיינע האָבן דאָס האַרץ געריסן אין אַזוינע מאָמענטן.

סערגיי האָט פאַרמאָגט זייער אַ קאָמפּליצירטע נאַטור — פול מיט גרונט־טיקע סתירות. אין אים האָבן זיך אַזוי מאָדנע געפּאָרט: גרענעצלאָזער איכיזם מיט דער ווילי־קסטער גרייטקייט זיך מקריב צו זיין פאַר אַן אידעאַל; אַבסאָלוטע אָפּוועזנקייט פון וועלכער ניט איז פּעאיקייט צו שאַפן וואָס מיט די אייגענע הענט מיט אַן אויפריכטיקן געפיל פון פיעטעט פאַר פיזיש־פּראָ־דוקטיווער אַרבעט; שאַרפער עגאָצענטריזם מיט אַבסאָלוטער אָפּוועזנהייט פון מאַכט־אַמביציע; ציניזם מיט שטרענגן פליכט־באַוואוסטזיין; גרויסער טאַלאַנט אין ריידן און קינדישע אומבאַהאָלפנקייט ביים שרייב־טיש; הפקר־דיקער באַהעמיער מיט זעלבסט־דיסציפּלינירטן זעלנער. מען מוז זיך ווענדן אויף אַ ווייל צו סערגייס „קינדער־שטוב", כדי דאָס אַלץ צו קאָנען באַגרייפן און אָפּשאַצן.

⁂

אַברהם בראַון איז געווען זיין נאָמען. זיין פאָטערס נאָמען איז געווען יודל און אין דער רוסיש־ריידנדיקער סביבה אַרום אים האָט מען אים גערופן: אַבראַם יוליעוויטש. אין דער אומלעגאַלער באַוועגונג איז ער געווען באַ־קאַנט אונטער פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען, דער עיקר אָבער אונטער דעם צו־נאָמען סערגיי אָדער סערגיי דער ריגער. דער פּסעוודאָנים סערגיי איז שפּע־טער געוואָרן ווי אַן אייגן־נאָמען ביי אברהם בראַונען און אַלע האָבן אים אין בונד, און אין דער לעטישער, ווי אין דער רוסישער ס. ד. פּאַרטיי גערופן: סערגיי בראַון.

ער איז געבוירן געוואָרן דעם 12טן יאַנואַר, 1881, אין ריגע. זיין פאָטער איז געווען אַ פּראַקטישער מיטל־קלאַס־מענטש, מיט שכל הישר און ווילנסקראַפט, אַ פעאיקער און האַרטער געשעפטסמאַן, וואָס האָט באַוויזן צו די עלטערע יאָרן אַפילו, אויב ניט איינגאַנצן אויסצוהאַלטן, איז יעדנפאַלס צו שטיצן מאַטעריעל די קינדער זיינע. די מוטער סערגייס האָט געשטאַמט פון די ווילנער סאָלצעס — אַ גוט באַקאַנטער באַלעבאַטיש־אַריסטאָקראַטישער משפחה, וואו די קינדער האָבן באַקומען אַ פיינע, מאָדערן־וועלטלעכע דער־ציאונג און האָבן זיך שפּעטער אָנגעשטעקט מיט די באַצילן פון רעוואָלוציע. דער מוטערס ברודער איז געווען אַן אַלטער אָנגעזעענער באָלשעוויק און איז נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש, אין לענינס צייטן נאָך, געווען דער פאָרזיצער פון דער צענטראַלער פּאַרטייאישער קאָנטראָל־קאָ־מיסיע, וואָס האָט געזאָלט השגחה געבן אויף דער מאָראַל פון די באָלשעוויס־טישע הערשער. דער געוויסן פון דער פּאַרטיי — האָט מען אים גערופן אין מאָסקווע. די מוטער אַליין איז געווען אַ הויכגעבילדעטע פרוי, האָט גוט געקענט שפּראַכן, האָט גערעדט מיט אירע קינדער פראַנצויזיש, האָט ליב געהאַט ליטעראַטור, פּאָעזיע, מוזיק און איז דערצו געווען זייער אַ שיינע. אין שטוב האָט מען זי פאַרגעטערט און איר קאַפּריז איז געווען אַ געזעץ. דער פאָטער איז אַלעמאָל גרייט געווען איר צוצושטעלן דאָס „טעלערל פון

הימל" און זי האָט געפירט שטאָט. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, שוין לאַנג נאָך איר טויט, ווען דער גרעסטער טייל פון די קינדער איז שוין אין דער היים נישט געווען, האָט די שטוב פון די בראַונס אויף דער ריגער מילן־גאַס, הגם אַ פאַרלאָזענע און אַ פאַרשטויבטע, מיט צעבראָכענע דילן און מיט מייז אין די קעלער־קאַמערן, נאָך אַלץ געטראָגן אויף זיך דעם חותם פון דער אַריסטאָקראַטיש־צעפּיעשטשעטער, אויסגעאיידלט־קאַפּריזנער באַלעבאָסטע, וואָס איז פאַר דער צייט אַוועק פון דער וועלט.

אין דער שטוב האָט זיך אויפגעהאָדעוועט סערגיי. עפּעס איז דאָ געווען פון דעם קלאַסישן מעזאַליאַנס. דאָ האָט זיך געמישט ירידה מיט אויפשוואונג, דאָס אָפּשטאַרבנדיקע מיט דעם זיך צום לעבן רייסנדיקן, דער־געגנעראַציע מיט הייס־פּולסירנדיק בלוט. פון דאַנען האָט סערגיי אַרויסגעטראָגן זיין ראַפינירטן עסטעטיזם, זיינע אַריסטאָקראַטישע מאַניערן, זיין פוילקייט און צעפּיעשטשעטקייט, זיין צוגעשפּיצטן איכיזם, די נייגונג צו סקעפּסיס און דעם הויך פון דעקאַדענץ. פון דאַנען האָט ער אַרויסגעטראָגן די ליבע צו פילאָסאָפיע און ליטעראַטור, די טיפע, ממש אינטימע אינערלעכע פאַרבינדונג מיט דער וועלט פון ביכער, מיט דער ספערע פון דענקען און וויסן. פון דאַנען האָט ער אויך אַרויסגעטראָגן די ליבע צום אידעאַלן, דעם ווילן צו קעמפן פאַר דעם, די גרייטקייט זיך מקריב צו זיין און דאָס הייסע בלוט צו פאַרגיסן ביים ברענגען דעם קרבן.

סערגיי איז געווען אַן עפּיקורעער אין דעם ריינעם זינען פון דעם באַגריף. דאָס לעבן האָט באַדייט — די הנאה פון לעבן, אָבער די הנאות האָבן ניט דווקא געמוזט זיין ערדישע; פאַרקערט — די גייסטיקע פאַרגעניגנס האָבן געקאָנט זיין — און זיינען זייער אָפט געווען ביי סערגייען — שטאַרקער און דויערהאַפטיקער. די אַטמאָספער פון קונסט און די וועלט פון אידייען, ליטעראַטור און פילאָסאָפיע, טעאַטער און מוזיק, דיאַלעקטישער שמועס און וויזיאָנערישע קאָנטעמפּלאַציע — דאָס האָט פאַרנומען גאַר אַ גרויסן אָרט אין סערגייס לעבן. ער האָט געהאַט געשמאַק אין קליידונג און האָט פונדעסטוועגן געקאָנט יאָרן־לאַנג טראָגן דעם זעלביקן מאַנטל. ער איז געווען איבערגעגעבן צו ליידנשאַפטן, אָבער צווישן זיי איז די ליידנשאַפט צו פּאָליטישער רעוואָלוציע געווען די שטאַרקסטע.

סערגיי איז אויך צו דער רעוואָלוציע געקומען ווי אַן עפּיקורעער. שיינקייט האָט אין זיין רעוואָלוציאָנערישקייט געשפּילט די גרעסטע ראָל. מערער האָט ער פאַראַכט עקספּלואַטאַציע צוליב איר עסטעטישער מיאוסקייט, ווי זי געהאַסט צוליב איר מאָראַלישער שעדלעכקייט. ער האָט זייער פרי אין לעבן פאַרניינט דעם טויט דורך דעם, וואָס שטאַרבן שיין און רואיק קאָן אויך זיין אַ דערהויבנדיקע איבערלעבעניש, און שטאַרבן פאַר אַן אידעאַל הייסט — שטאַרבן שיין און רואיק. ער האָט דעריבער קיין מאָל ניט געוואוסט פון פחד און פלעגט גיין אין תפיסה מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. אין יוני 1921 האָט אים די לעטישע נאַציאָנאַליסטישע רעגירונג געהאַט פאַרמשפּט צום טויט צוליב כלומרשטער קאָמוניסטישער אַגיטאַציע. (ער איז דעמאָלט געווען אַ פירער פון בונד אין לעטלאַנד). צוויי חדשים האָט

סערגיי, פאַרשפּאַרט אין ריגער צענטראַל־תפיסה, געוואַרט אויף זיין גורל, ביז וואַנען מען האָט אים, אַ דאַנק די אינטערווענצן פון די אייראָפּעאישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אין אויגוסט אַמנעסטירט און באַפריַיט פון תפיסה. אין יענע צוויי חדשים איז סערגיי געווען דער רואיקסטער צווישן די חברים, וואָס האָבן זיך אַלע אַזוי געשראָקן פאַר זיין שיקזאַל.

סערגיי האָט זיך ניט געשראָקן, שטייענדיק אין דעם קאַמף פון דער רעוואָלוציע. ער האָט גאָר געפּירט אַ הייסע ליבע מיט דער רעוואָלוציע. ־ער דאָזיקער ראָמאַן האָט אים פאַרשאַפט אַ סך פאַרגעניגן און ער האָט די „דאַמע פון זיין האַרצן" ניט פאַרלאָזן ביזן סוף פון זיין לעבן. ווי אַ געטרייער ריטער — „אָן פּחד און אָן פאַרוואורף".

סערגיי איז צוגעשטאַנען צום בונד אין יאָר 1900. ער איז דעמאָלט געווען אַ סטודענט פון ריגער פּאָליטעכניקום. אַ יאָר שפּעטער האָט מען אים פון פּאָליטעכניקום אויסגעשלאָסן צוליב זיין אָנטייל אין דער היסטאָרישער סטודענטן־דעמאָנסטראַציע פון יענעם יאָר אין ריגע. פון דעמאָלט אָן האָט ער געבערענט זיין לעבן אין בונדישער אומלעגאַלער טעטיקייט אין וואַרשע און אין לאָדזש, אין ווילנע און אין מינסק, אין זשיטאָמיר און אין דווינסק. אין פעברואַר 1905 איז ער געווען דער קאָפּ פון די גרויסע „פעברואַר־געשעענישן" אין דווינסק און אין אָקטאָבער פון דעם זעלביקן יאָר איז ער געווען דער הויפּט־רעדנער אויף דער היסטאָרישער לוויה פון די געפאַלענע אין ווילנע, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון א. ווייטער. (סערגיי איז דעמאָלט געווען אַ מיטגליד פון ווילנער קאָמיטעט פון בונד). ער איז געווען אַ היצי־קער און אַ שטורמישער אין יענע יאָרן און איז אַליין געשפּרונגען אין פייער אַריין. ער האָט דעריבער מער ווי איין מאָל פאַרזוכט דעם טעם פון צאַרישע תפיסות, די קלענערע ווי די גרויסע, די טרויעריק באַרימטע, צווישן זיי אויך דעם וואַרשעווער פּאַוויאַק. אין 1906 האָט ער זיך באַטייליקט אין דער 7טער קאָנפערענץ פון בונד אין בערן, און אין אויגוסט 1906 אין 7טן צוזאַמענפאָר פון בונד אין לעמבערג.

אין זעלביקן יאָר איז סערגיי געפאָרן קיין דרום־אַפריקע אין שליחות פון בונד. דער דערפאָלג פון זיינע אויפטרעטונגען דאָרטן איז געווען איבער אַלע דערוואַרטונגען. מיט דרייסיק יאָר שפּעטער האָבן מענטשן אין יאָ־האַנעסבורג נאָך אַלץ געדענקט דעם כישופדיקן רעדנער פון בונד פון 1906. און מיט דרייסיק יאָר שפּעטער האָט סערגיי געשילדערט די מענטשן און די זיטן פון דרום־אַפריקע מיט אַזוי פיל לעבעדיקייט און טרעפלעכקייט, עלעהיי ער וואָלט זיי האָבן געזען ערשט מיט אַ ווײַלע פאַר דעם.

פון 1908 ביז 1912 האָט סערגיי געלעבט אין פּאַריז און פון 1912 ביז 1917 — אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע. פערזענלעכע ענינים האָבן אין די יאָרן דאָמינירט אין סערגייס לעבן. ווייטערדיקער שטודיום, אַן אייגענע פאַמיליע געקומען, און אין די לעצטע פינף יאָר אין רוסלאַנד — שטעלעס, חיונה. סערגיי איז נישט אַוועק פון סאָציאַליזם אָדער פון דער באַוועגונג, אָבער ער איז נישט געווען אַזוי אַקטיוו אין איר ווי ביז דעם. און די טויבקייט איז צו אים געקומען אין די דאָזיקע רוסלענדער יאָרן. אויך איז

ער אין דעם מאָסקווער פּעריאָד געווען שוין אָפּגעריסן פון ווייב מיט די בײדע ייִנגלעך זײַנע, וואָס זיינען געווען פאַרבליבן אין ריגע בעת דער דײַטשער אָקופּאַציע פון 1915. עפּעס איז דאָס אַלץ געווען ווי אַ פּאַטאַלער איבעררייס אין דעם גאַנג פון זיין לעבן.

אין 1917, נאָך דער גרויסער פעברואַר־מערץ־רעוואָלוציע, האָט מען אין מאָסקווער קאָמיטעט פון בונד אָפּט געקאָנט זען סערגייען זיצן שעהן לאַנג מיט אַ צוגעבויגענעם אויער דאָ צו איינעם, דאָ צו אַ צווייטן חבר, אויסהערנדיק די אויספירלעכע דערציילונגען וועגן די פאַרשיידענע פּאַזעס פון דער רעוואָלוציע, ווי אין אירע צוגרייטונגען, אַזוי אויך אין אירע ערשטע טריט אין לעבן. דאָס האָט סערגיי געזוכט די צייטווייליק איבערגעריסענע פעדים צווישן אים און דער רעוואָלוציע. און ער האָט זיי, נאַטירלעך, באַלד צוריק געפונען.

סערגיי איז גלייך אַוועק קיין מינסק — צום צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד — און ער האָט ווידער גענומען מיט פרייד זיך פאַרצערן פאַר דעם וויכטיקסטן אין לעבן. מינסק, האָמעל, וויטעבסק, אָרשע, סלוצק, באָריסאָוו — אין צענטליקער שטעט פון ווייס־רוסלאַנד און אוקראַינע האָט סערגיי געצונדן און באַגייסטערט די אויפגערודערטע יידישע פאָלקס־מאַסע אין די שטורמישע יאָרן פון רעוואָלוציע און בירגער־קריג. ראָט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן, ראָט פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, קהילות, פּאַרטיי־קאָנפערענצן; קאַמף קעגן דער אויפשטייגנדיקער מאַכט פון באָלשעוויזם אויף איין זייט און קעגן דער דראָענדיקער שוואַרצער קאָנטער־רעוואָלוציע פון דער צווייטער זייט; שאַרפע, בייסיקע און צעשמעטערנדיקע פּאָלעמיק און מיט־רייסנדיקער, מוטיקנדיקער און אידעאַליסטישער פּאַטאָס. אומעטום איז ער געווען, סערגיי, אומעטום אין די ערשטע רייען, אַלעמאָל אַ פריידיקער, מיט אַ וויץ און אַ גלייכווערטל (אויפן 8טן צוזאַמענפאָר פון בונד, דעצעמבער 1917 אין פּעטראָגראַד, איז ער אויסגעוויילט געוואָרן ווי אַ קאַנדידאַט אין צענטראַל־קאָמיטעט).

אין 1921 איז ער צוריק אַוועק קיין ריגע, וואו ער איז, מיט צוויי איבעררייסן אַריינגערעכנט, פאַרבליבן ביז דער פאַשיסטישער אולמאַניס־איבערקערעניש פון 1934. די איבעררייסן זיינען געווען פון 1922 ביז 1925 אין בערלין און פון 1928 ביז 1931 אין פּאַריז. ביידע אויסלאַנד־רייזעס זיינען צום גרויסן טייל געווען פאַרבונדן מיט דערפאָלגלאָזע פּרואוון אָפּצושטעלן דעם וואַקסנדיקן פּראָצעס פון טויבקייט. — אין דעם פּרט האָבן ביידע רייזעס געבראַכט ביטערע אַנטוישונגען פאַר סערגייען, וואָס איז בכלל געווען אין זייער שווערע שטימונגען אין אָט די לעצטע ריגער יאָרן. ניט געקוקט אויף דעם, האָט סערגיי פיל געאַרבעט איבער זיך אין די דאָזיקע יאָרן. דאָס זיינען געווען יאָרן פון זעלבסטפאַרטיפונג און קאָנטעמפּלאַציע. די געביטן פון סאָציאַלער פילאָסאָפיע און ליטעראַטור האָבן זיך אַרויסגערוקט מערער צום אויבן אָן אין זיין דענקען און פילן. געוויס, פּאָליטיק האָט דאָ אויך נישט געפעלט, באַזונדערס פּאָלעמיק קעגן קאָמוניזם. אָבער די טענדענץ איז געגאַנגען אין אַן אַנדער ריכטונג. דאָס ריידן סערגייס אין אָט

דער צייט איז געוואָרן אַלץ מער און מער לעקציע־מעסיק, טיף־גראָבנדיק און פאַראַלגעמיינערט. און זייער, זייער אינטערעסאַנט.

דאָ פאַרדינט דערמאָנט צו ווערן סערגייס אַ טשיקאַווער זשורנאַליסטישער עפּיזאָד. אין מיטן פון 1925 האָט תנחום עדות, דער רעדאַקטאָר און מיט־אַרויסגעבער פון דער ריגער טאָג־צייטונג דאָס פאָלק, איינגעלאַדן סערגיי בראַונען צו ווערן רעדאַקטאָר פון דער צייטונג. עדות האָט עטלעכע מאָל פאַר דעם געהאַט שוין געביטן די ריכטונג פון זיין צייטונג, נאַטירלעך — צוליב געשעפטס־טעמים, אָבער דאָס מאָל האָט ער פון סערגייען גאָרנישט פאַרלאַנגט. סערגיי האָט די איינלאַדונג אָנגענומען און האָט אַ זעקס חדשים אַן ערך רע־גולער געשריבן סאָציאַליסטיש־בונדישע לייט־אַרטיקלען אין דער צייטונג.

אין 1934, נאָך דער איבערקערעניש אין לעטלאַנד, האָט די פאַשיסטישע מאַכט אַרעסטירט, צוזאַמען מיט אַנדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און בונדיסטן, אויך סערגייען און אים פאַרשפאַרט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין ליבאַווע. נאָכן ליקווידירן דעם לאַגער, אין 1935, האָט מען סערגייען אַרויסגעשיקט פון לעטלאַנד. ער האָט געלעבט אין טאַלין (רעוועל), אין עסטלאַנד ביז אָקטאָבער 1938, ווען ער איז אַריבערגעפאָרן קיין ניו־יאָרק.

צוויי יאָר, די לעצטע צוויי יאָר פון זיין לעבן, האָט סערגיי פאַרבראַכט אין אַמעריקע. ער האָט דאָ געהאַט אַ לעקציע־טור איבערן לאַנד, איינגעאָרדנט דורכן אַרבעטער־רינג; ער איז געשטאַנען אין נאָענטער פאַרבינדונג מיט דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג; ער איז אויפגעטראָטן מיט לעק־ציעס אַ סך מאָל אין ניו־יאָרק; געשריבן אַרטיקלען אין פריינד. דאָך זיינען די דאָזיקע יאָרן זיינע געווען שווערע. און אַנדערש האָט גאָרניט געקאָנט זיין. סערגיי אין אַמעריקע, אַ צופרידענער, אַ שוויגנדיקער—ווער מען האָט גאָר אַזאַ זאַך געקאָנט קומען אויפן רעיון? סערגיי האָט דאָ פון פאָראויס געמוזט זיין אין אָפּאָזיציע צו אַלץ. אָבער דאָס האָט לגמרי ניט געהאַט צו טאָן מיט רעכטס אָדער לינקס.

סערגייס שטעלונג אין פאָליטישע פראַגעס האָט מען קיין מאָל ניט גע־קאָנט אַריינפּאַסן אין די געוויינלעכע רוטין־קעסטעלעך פון רעכטס, לינקס אָדער צענטער. אין דעם פּרט איז סערגיי אַלעמאָל געווען איבערראַשנדיק. אויף קאָנפערענצן אָדער גרויסע פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען, ווען עס פלעגט זיך האַנדלען וועגן וויכטיקע פּאָליטישע באַשלוסן, — איז מיט סערגייען קיינער ניט געווען צופרידן. ער פלעגט אָנהויבן זיינע רעדעס ווי אַ רעכטער, מאַכן צו בלאָטע דעם צענטער, ביטער אויסלאַכן די לינקע און ענדיקן — ווי קיינער נישט. ער איז אַלעמאָל צוגעגאַנגען צו פּאָליטישע פּראָבלעמען מערער מיטן געפיל ווי מיטן שכל און דער רעזולטאַט פלעגט אַרויסקומען אַן אייגנאַר־טיקער, אַ סערגייאישער. אַוודאי האָט מען זיך זעלטן גערעכנט מיט דעם, אָבער ער איז זיך אָנגעגאַנגען מיט זיין אייגענעם וועג צענטליקער יאָרן.

סערגיי איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַקע שבת, דעם 23טן נאָוועמבער, 1940, פאַרטאָג, אין רוזוועלט־שפּיטאָל אין ניו־יאָרק. פּריייטיק צו נאַכט איז געווען אין בונדישן קלוב אַן אָפּשייד־אָוונט פאַר אים (ער האָט גע־

זאָלט פאָרן צוריק קיין אייראָפּע, בעת פיל יידיש־סאָציאַליסטישע טוער האָבן געזוכט זיך צו ראַטעווען פון דער ברענענדיקער אייראָפּע קיין אַמעריקע). נאָך זיין ענטפּער־רעדע אויף די גרוסן און וואונטשן פון די חברים און פריינט, מיט וועלכע ער האָט אויף זיין שטייגער אויף פּאָלעמיזירט, איז ער צוזאַמענגעבראָכן און געפאַלן. ער איז שפּעטער געקומען צו זיך און נאָך דער־ציוגן ביז פאַרטאָג. די לוויה איז פאָרגעקומען מאָנטאָג, דעם 25טן נאָוועמ־בער. ער איז באַערדיקט געוואָרן אויפן בית עולם פון אַרבעטער־רינג.

***

סערגייס כוח האָט געשטעקט אין זיין רייד, און נאָר אין דעם. בעת ער האָט גערעדט אויף דער טריבונע, האָט ער דערגרייכט צו הויכע מדרגות. געווען אַ סך מאָמענטן אין זיין רייד, ווען ביי די באַגייסטערטע צוהערער פלעגט זיך אַרויסרייסן פון מויל דאָס וואָרט: געטלעך! ער האָט נישט בלויז גערעדט, נאָר געמאָלן. די געדאַנקען זיינע פלעגן קומען צום עולם אָנגעקליידט אין בלוט און פלייש. אַזוי ווי ער איז אַלעמאָל דאָך געווען צעקריגט מיט דעם עקסיסטירנדיקן, פלעגן די מענטשן און סיטואַ־ציעס פון דער וועלט, וואָס איז דאָ, קומען צו אים מיט אַ קאָמישן קנייטש, שאַרזשירט, גראָטעסקאַרטיק. און דער עולם האָט געקייכט פון געלעכטער, קוקנדיק אויף די פאַרזעענישן, וואָס היטן די היינטיקע אָרדענונג פון דער וועלט. ער איז אָבער קיין מאָל נישט געבליבן שטיין ביים נעגירן דאָס פאַראַנענע. ער האָט אַנטקעגן דעם אַלע מאָל געמאָלט בילדער וויזיאָנערישע פון אַ וועלט, וואָס דאַרף נאָך ערשט קומען. און גאָר זיין גלויבן, גאָר זיינע עמאָציעס פלעגט ער אַריינלייגן אין די מענטשן פון דער צוקונפט, אין דער אָרדענונג פון גערעכטיקייט. דער עולם פלעגט גאַפן, אויסגיסן זיך אין נשמהדיקע איבערלעבענישן און גליקלעך שענקען גאָר זיין צוטרוי דעם כישופמאַכער אויף דער טריבונע.

אין זיינע ליטעראַרישע לעקציעס פלעגט סערגיי גאָר זיין דענקען אי־בער דעם באַהאַנדלטן ווערק, מיט אַלע זיינע ספקות און אָפּווייכונגען, מיט אַלע באַהויפּטונגען און ווידערשפּרוכן, פירן בפרהסיא, אַט דאָ פאַר די צו־הערער אין די אויגן, און אַזוי אַרום זיי אויך ביסלעכווייז אַריינציען אין דעם שפּאַנענדיקן פּראָצעס פון שאַפן. ווען סערגיי פלעגט אַרויפגיין אויף דער טריבונע ריידן אויף אַ ליטעראַטור־פילאָסאָפישער טעמע, האָט ער געוואוסט אויף זיכער, מיט וואָס און ווי אַזוי ער וועט אָנהייבן; וואָס עס וועט ווייטער זיין, האָט ער שוין ניט געוואוסט גענוי. דאָס איז שוין געווען אַ גאָט־זאַך. ער האָט זיך געלאָזט שווימען צוזאַמען מיט די צוהערער, ער האָט געהאַלטן די רודערס און מען האָט זיך געלאָזן בציבור אויף דעם באַראָט פון די כוואַליעס פון שאַפן. וויפל מאָל האָט סערגיי געלאָזט זיינע לעקציעס „אָן אַ סוף״? צוויי און דריי שעה שוין גערעדט, שפּעט אין דער נאַכט, — „לאָמיר גאָר דאָ זיך אָפּשטעלן און האָבן גענוג אויף היינט״. און דער עולם איז צעגאַנגען פון

הנאה און גליק. אַ גרויסער רעדנער געווען סערגיי! אַ בונדישער טריבון און אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט פּערציק יאָר צייט אַזוי שיין געדינט די אידעאַלן פון סאָציאַליזם ביי יידן.

י. כאַרלאַש

●

# שמעון קלעוואַנסקי

1

געבוירן געוואָרן בערך 1878 אין קאָוונע, אין אַ פאַרמעגלעכער און אָנ־געזעענער סוחרישער משפחה. זייער הויז האָט זיך געפונען בשכנות פון הויז פון באַרימטן העברעאישן שרייבער אברהם מאַפּו. ער האָט זיך געלערנט אין קאָוונער גימנאַזיע, וואָס ער האָט פאַרענ־דיקט אין 1898. זיין ריכטיקער נאָמען איז געווען שמעון קלעוואַנסקי אָבער אין בונד און אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג בכלל האָט ער זיך באַרימט געמאַכט אונטערן פסעוו־דאָנים — מאַקסים. ווען ער האָט זיך גע־לערנט אין גימנאַזיע, האָט ער שוין אַקטיוו געאַרבעט אין בונד, באַלד געוואָרן אַ מיט־גליד פון קאָמיטעט און געווען דעלעגירט אויפן דריטן צוזאַמענפאָר פון בונד אַלס פאַר־שטייער פון קאָוונע (1899).



וועגן די ווייטערדיקע עטלעכע יאָר ווערן מיר געוואָר פון אַ מאַנוסקריפּט, וואָס ס'האָט איבערגעלאָזט וועגן בונד אין ליטע קלעוואַנס־קיס אַ בן־עיר, דער שוין פאַרשטאָרבענער וויקטאָר שולמאַן. דאָרטן לייענען מיר, אַז מאַקסים „האָט שטודירט אין פעטערבורג. אין 1902 געוואָרן אַרעס־טירט און אַרויסגעשיקט קיין קאָוונע. 1903 ווידער אַרעסטירט געוואָרן אין קאָוונע. בעת אַ הונגער־שטרייק פון 22 פּאָליטישע אַרעסטירטע (געדויערט 7 טעג) האָט קלעוואַנסקי אַרויסגעשיקט פון טורמע דעם טעקסט פון אַ פּראָ־קלאַמאַציע וועגן שטרייק. נאָכן שטרייק געוואָרן אָפּגעשיקט אין פּאָניעוועזשער טורמע. אין 1904 באַקומען אַן אורטייל 5 יאָר מזרח־סיביר. באַפרייט געוואָרן לויט דער אַמנעסטיע פון אָקטאָבער 1905“.

באַלד נאָך דער באַפרייאונג זעען מיר אים ווידער אויף זיין פּאָסטן — דאָס מאָל ווי אַ פירער פון דער רעוואָלוציע אין באַלטישן קאַנט. אָבער לאָמיר זיך נאָך אומקערן צו דער פריערדיקער צייט. אין שייכות מיטן דריטן צוזאַמענפאָר פון בונד פאַרציכנט דזשאַן מילל:

אויף דער אַלגעמיינער בונדישער בינע האָט זיך סעמיאָן קלעוואַנסקי באַוויזן אין יאָר 1899 : אויפן דריטן צוזאַמענפאָר פון בונד. דער צוזאַמענפאָר, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַן אומלעגאַלער — איז פאָרגעקומען אין געבוירן־שטאָט פון דעם קומענדיקן „מאַקסים״ — אין קאָוונע, און ער איז געווען צום ערשטן מאָל אַ דעלעגאַט,—טאַקע פון קאָוונע. מילל דערציילט אין זיינע זכרונות (פּיאָנערן און בויער, ב. 2 ז. 61): „אָט איז איינער פון די, וואָס רעפּרעזענטירן קאָוונע, סעמיאָן קלעוואַנסקי—׳מאַקסים׳. נאָך אַ גאַנץ נייער מענטש אין דער באַוועגונג. אַ יינגערמאַן, מיט אַ פריילעכער מינע, רירעוודיק, צופרידן. ער איז באַשיימפּערלעך געווען אין אַ גליקלעכער שטימונג. ווירקט דאָס אויף אים די קאָנספּיראַטיווע, געהיימניספולע אומגעבונג, די וויכטיקייט און ערנסטקייט פון דער אַסיפה? ער נעמט אַ שוואַכן אָנטייל אין די דעבאַטן, אָבער ווען ער רעדט, איז עס גלאַט, אין קלאָרע, גוט אויסגעדריקטע ווערטער און זאַצן. אומגעפער זעקס יאָר שפּעטער האָט די גאַנצע ראַדיקאַלע וועלט באַוואונדערט אים אַלס דעם לעגענדאַרן רעדנער און פירער פון די ריגער רעוואָלטירטע אַרבעטער־מאַסן. די רוסישע רעגירונג האָט דאַן אָנגעבאָטן פאַר זיין קאָפּ אַ גרויסע סומע געלט. צום באַדויערן האָט זיין רום ניט אָנגעהאַלטן לאַנג. ווי אַ הערלעכער גלאַנציקער מעטעאָר איז ער דורכגעפלויגן אויפן שיינעם בלויען הימל פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און איז פאַרשוואונדן, נישט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין שפּור. אמת, ער האָט נאָך דורכגעפירט אַ שליחות פון בונד אין אַמעריקע, געאַרבעט אַ קורצע צייט אין לאָדזש. אָבער דאָס זיינען שוין געווען די לעצטע ׳פּראָזאַאישע׳ אַקטן זיינע.״

2

דער הויכפּונקט פון מאַקסימס פּאָליטישער קאַריערע פאַלט אויפן יאָר 1905 אין ריגע. אין זיין אַרטיקל דער „ריגער פּרעזידענט״ מאַקסים, פאַרעפנטלעכט אין פאָרווערטס צום 50־יאָריקן יובילעי פון בונד, האָט דר. ב. האָפמאַן (צביון) געגעבן אַן אויספירלעכע באַשרייבונג פון די רעוואָלוציאָנערע טעג אין ריגע און פון קלעוואַנסקיס דערהויבונג :

„דער בונד האָט געוואונען אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט אין ריגע שוין מיט אַ געוויסער צייט פאַר דער רעוואָלוציע... איך וואָלט זאָגן, אַז אין זיין פּאָפּולאַריטעט האָט אים אויך אין אַ געוויסער מאָס צוגעהאָלפן זיין קורצער נאָמען בונד... נאָר אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע איז עס געווען מער ווי אַלץ דער נאָמען מאַקסים, וואָס האָט געווירקט, אַז די באַפעלקערונג פון ריגע זאָל מיינען, אַז די גאַנצע רעוואָלוציע ווערט געפירט פון בונד״.

„אַרום דעם נאָמען מאַקסים האָבן זיך אין אַ קורצער צייט אָנגעהויבן שפּינען פאַרשיידענערליי לעגענדעס נישט בלויז אין ריגע און אין די באַלטישע פּראָווינצן אין אַלגעמיין, נאָר אויך גאַנץ ווייט אַוועק פון ריגע. און וואָס ווייטער אַוועק, אַלץ מער און גרעסער זיינען געוואָרן די לעגענדעס. איך האָב געלייענט מאַקסים־לעגענדעס אין בערלינער טאַגעבלאַט און אין דער פראַנקפורטער צייטונג. און איך קען זאָגן, אַז איך האָב געזען, ווי אַזוי

אַט די פּערזאָן, וואָס איז געוואָרן אין אַ קורצער צייט אַ לעגענדאַרע פיגור, איז אויסגעוואַקסן פאַר מיינע אויגן".

צביון דערציילט, אַז מאַקסים, אַלס אַ פאָרשטייער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד, איז געקומען קיין ריגע אין 1905. פאַר אים איז דער פאַרטרעטער געווען דוד זאַסלאַווסקי. אין פאַרגלייך מיט אים האָט מאַקסים נישט געמאַכט קיין גרויסן איינדרוק. נאָך זיין ערשטן „אויפטריט" אויף אַ פאַרזאַמלונג אין וואַלד נישט ווייט פון שטאָט, זיינען די אַרטיקע טוער נישט געווען באַגייסטערט: „ער איז נישקשה" — האָבן זיי געהאַלטן — און נישט מער. אָבער — דערציילט צביון — מאַקסים האָט גערעדט גוט יידיש, געקענט האַלטן אַ גוטע, טעמפּעראַמענטפולע רעדע אויף אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג און פאַרמאָגט אַ רעוואָלוציאָנערע איניציאַטיוו. און דאָס „האָט געפירט צו דעם, אַז ביי אַ פּאַסנדער געלעגנהייט זאָל פלוצעם, ממש דורך נאַכט, פון אָט דעם געוויינלעכן אינטעליגענטן בונדישן טוער אויסוואַקסן אַ גרויסער רעוואָלוציאָנערער פירער".

צביון באַשרייבט דעם וויכטיקסטן רעוואָלוציאָנערן אויפטו פון מאַקסימען אין די אָקטאָבער־טעג 1905, ווען די רעוואָלוציע אין ריגע איז געשטאַנען פאַר דער האַרבסטער פּראָבלעם: ווי אַזוי צו געווינען די דריי טויזנט גאַנץ אָפּגעשטאַנענע און אַנטיסעמיטיש־געשטימטע רוסישע אייזנבאַן־אַרבעטער? זיי האָט טאָקע געוואונען מאַקסים, און צביון דערציילט, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען. פאַר אונז שטייט אויף אַ לעבעדיק בילד פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע:

„אַט באַווייזט זיך אויף דער רעדנער־טריבונע אַ בלייכער, מאָגערער יינגערמאַן מיט אַ שוואַרץ בערדל און האַלב־פאַרחלומטע אויגן, און הויבט אָןריידן. „זשיד!" — הויבט מען אָן שרייען פון אַלע זייטן, אָבער דער רעדנער מאַכט זיך ניט הערנדיק און ער רעדט ווייטער, נאָר מיט אַ העכערער שטים. נאָך אַמאָל „זשיד"! אָבער אים גייט עס נישט אָן. ער האָט זיך איינגעגראָבן מיט זיינע אויגן אין דער געדיכטער מאַסע און ער רעדט ווייטער. זיין שטים קלינגט אַלץ העכער, קלערער און שאַרפער און... ביטאָ מער דער געשריי „זשיד". די דריי טויזנט קעפּיקע מאַסע שטייט שטיל און הערט. און עס פאַלן די ווערטער פון רעדנערס מויל, הייסע, ברענענדיקע ווערטער און זיי זינקען איין אין די הערצער פון דער גרויסער מאַסע. מען הערט אים מיט אַ געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט. ער רעדט צו דער מאַסע מיט אַזעלכע ווערטער, וואָס זי פאַרשטייט און וואָס אַפּעלירן צו איר. און איר זעט ווי דער רעדנער וואַקסט, ווערט גרעסער און מעכטיקער, און ווי ער זיגט. איך געדענק נישט גענוי, ווי לאַנג ער האָט גערעדט, צוויי שעה אָדער דריי שעה. נאָר ווען ער וואָלט אַפילו גערעדט אַ גאַנצע נאַכט, וואָלט מען אים אויך געהערט. נאָר עס איז מער ניט געווען נויטיק. די אַרבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן. די אייזנבאַן־אַרבעטער זיינען צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציע. זיי זיינען באַגייסטערט. זיי ווילן טאָן אַלץ, וואָס דער רעדנער וועט זיי הייסן. — אָבער ווי רופט מען דיך? — הערן זיך געשרייען פון אַלע זייטן. —

מאַקסים! — ענטפערט דער רעדנער. — נו, ביסטו אונזער מאַקסים. וואו דו וועסט אונז פירן, וועלן מיר גייך".

דער גענעראַל־שטרייק אין ריגע איז געווען פולשטענדיק. די רעגירונג־מאַכט און די פּאָליציי האָבן אויפגעהערט פונקציאָנירן. די מאַכט האָט געהערט דעם פעדעראַטיון קאָמיטעט פון די לעטישע און רוסישע ס. ד. און פון בונד. „איז דאָס געווען אַ רעפּובליק? — פרעגט צביון. — ניין, אָפיציעל איז עס נישט געווען. אָבער איז דאָ דער נאָמען וויכטיק? איז מאַקסים געווען דער פרעזידענט פון דער רעפּובליק? ניין, אָפיציעל איז ער עס ניט געווען, אָבער פּאַקטיש איז ער געווען פיל מער" (צביון פאַר 50 יאָר, זז. 8־302).

דער גאַנג פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין ריגע, אין וועלכע מאַקסים, אַלס דער פאָרשטייער פון בונד אין דעם פעדעראַטיון ס. ד.־קאָמיטעט האָט געשפּילט די וויכטיקסטע ראָל, איז באַשריבן גאַנץ אויספירלעך אין דעם בוך מאַטעריאַלן וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין 1905, וואָס איז דערשינען אין רוסיש אין מאָסקווע, 1928 (זז. 249־242). פון 18־17טן אָקטאָבער ביז סוף דעצעמבער 1905 איז דער פעדעראַטיווער קאָמיטעט געווען דער מאַכטהאָבער, דער באַלעבאָס. שוין דעם 18 אָקטאָבער זיינען דורכגעפירט געוואָרן מיטינגען, וואָס האָבן צוגעצויגן אַן עולם פון 150 טויזנט, און צענטליקער רעדנער פון 16 טריבונעס האָבן אויפגערעדערט די מאַסן. אַ דעלעגאַציע פון 26 מענטשן איז געווען אויסגעקליבן אויף דעם מיטינג, וואָס האָט דעם גובערנאַטאָר זוויאַגינצעוו געשטעלט אולטימאַטיווע פאָדערונגען. אין נאָוועמבער האָט דער לעצטער געוואָלט איינפירן אַ „מיליטערישע לאַגע", אָבער דאָס איז שוין געווען פאַר אים אוממעגלעך: די גאַנצע שטאָט האָט אָנערקענט די מאַכט נישט פון גובערנאַטאָר, נאָר פון דער רעוואָלוציע. דעם 5 דעצעמבער האָט דער פעדעראַטיווער קאָמיטעט אַרויסגעגעבן נאָך זיינע אָבליגאַטאָרישע פאַראָרדענונגען, וואָס באַגרענעצן די רעכט פון די הויז־אייגנטימער א. אַז. וו.. דעם 15 דעצעמבער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל, וואָס פאַרבאָט צו פאַרקויפן בראַנפן, צו העכערן פרייזן אויף שפייז־פּראָדוקטן א. אַז. וו. אין די זעלבע טעג האָט שוין דער גובערנאַטאָר מיט דער פּאָליציי און מיט מיליטער אָנגעהויבן אַן אָפענסיווע אויף די רעוואָלוציאָנערן. דעם 14טן דעצעמבער איז אין דעם „רעוואָלוציאָנערן בולעטען" געווען געמאָלדן, אַז קאַוואַלעריע און פעכאָטע האָבן אַרומגערינגלט אַ מיטינג פון 4000 אייזנבאַן־אַרבעטער און געפאָדערט אַרויסגעבן מאַקסימען. דער מיטינג האָט מיט אויפרעגונג אָפּגעוואָרפן די פאָדערונג. (ז. אויך דער יידישער אַרבעטער, ב. 2, מאָסקווע, 1925, זז. 98־97).

3

אויף וויפל ס'איז באַקאַנט, האָט זיך נאָך די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן מאַקסימען איינגעגעבן בשלום צו פאַרלאָזן ריגע. ער איז געווען אין אַ זייער געפערלעכער לאַגע. דער פּאָליציי־דעפּאַרטמענט האָט אים אומעטום געזוכט.

עס איז געװען אין די ציטירונגען, אַז פּאַר זײַן קאָפּ האָט מען צוגעזאָגט אַ פּאָר צענטליק טױזנט רובל. זײַן מקום־מקלט איז נאַטירלעך געװען דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון בונד. אַ צײַט האָט זיך מאַקסים באַהאַלטן אין דער װױנונג פֿון... קאַפּלינסקין — דעם טרױערי̈ק־באַרימטן בונדישן פּראָװאָקאַטאָר. מען האָט מאַקסימען באַזאָרגט מיט אַ גוטן פּאַס און ער איז געװאָרן אַן אומלעגאַלער פּראָפעסיאָנעלער רעװאָלוציאָנער בײַ דעם צ. ק. פֿון בונד.

די ערשטע צײַט, װען מאַקסים האָט זיך געמוזט זײַער קאָנספּיראַטיװ אױס־באַהאַלטן, האָט ער אױסגענוצט די געלעגנהײט און, לױטן אױפֿטראַג פֿון צ. ק., אָנגעשריבן אַ גאַנץ װיכטיק ביכל. אונטער די בוכשטאַבן א. ה. איז אין 1906 אַרױס אין בונדישן פֿאַרלאַג די װעלט דאָס ביכל: די סאָציאַליסטישע פּראַקציעס אין ציוניזם, װאָס איז געװידמעט הױפּטזעכלעך די פּועלי־ציון. מעגלעך, אַז אין צוזאַמענשטעלן פֿון דער בראָשור האָט מאַקסימען אונטער־געהאָלפֿן א. ליטװאַק. מאַקסים האָט אומלעגאַל שפּעטער געאַרבעט אין דװינסק, לסוף אין לאָדזש. פֿרילינג 1906 איז ער געפֿאָרן קײן אַמעריקע אין שליחות פֿון צ. ק. פֿון בונד. מאַקסים האָט אױך אָנטײלגענומען אין עט־לעכע בונדישע צוזאַמענפֿאָרן פֿון יענער צײַט: אױף דעם 6טן צוזאַמענפֿאָר פֿון די בונדישע גרופּן אין אױסלאַנד (בערן, יאַנואַר 1907) און פֿריער אױף דעם 7טן צוזאַמענפֿאָר פֿון בונד (לעמבערג, אױגוסט, 1906).

אין ניו־יאָרק איז מאַקסים אָנגעקומען דעם 20סטן אַפּריל 1906. ער איז געקומען אַהער האַלטן פֿאַרלעזונגען, זאַמלען געלט און קודם־כל צו פּראָפּאַגאַנדירן די אידײען פֿון בונד. אין זײַנע בלעטער פֿון מײַן לעבן (ב. 4, זז. 38־436, 1928) שרײַבט אַב. קאַהאַן, אַז „מאַקסים איז געװען דער בעסטער פֿון די אַגיטאַטאָרס, װאָס זײַנען צו אונז געקומען פֿון דער אַלטער הײם. ער האָט גערעדט מיט אַ קלינגענדיקער שטים און מיט פֿײַער; פּאָפּולער, קלאָר און מיט געראָטענע אײַנפֿאַלן. און אױף אונזער פּלאַטפֿאָרם האָט זיך זײַן רעדנער־טאַלאַנט שנעל אַנטװיקלט". צו יענער צײַט האָט זײַן פּאָפּולאַריטעט אין אַמעריקע איבערגעשטיגן די ראַמען פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכ־קײט און זיך דערקײַקלט צו די ריך־אַמעריקאַנער קרײַזן. דער אינטערעס צו דער רוסישער רעװאָלוציע און צו די העלדן, װאָס זי האָט אַרױסגערוקט, האָט פֿאַרכאַפּט די גאַנצע אינטעליגענץ פֿון לאַנד. די ניו־יאָרק טײַמס האָט געװידמעט אַן אַרטיקל מאַקסימען און אין פֿאָלגנדיקע שורות באַשריבן דעם אײַנדרוק, װאָס ער האָט געמאַכט אױפֿן קאָרעספּאָנדענט פֿון דער אַמערי־קאַנער צײַטונג: „אַ ייִנגערמאַן פֿון אַ יאָר 27, מיט אַ הױכן שטערן און מיט דורכדרינגענדע שװאַרצע אױגן. ער איז געקלײדט אײַנפֿאַך, אָבער זײַער נעט. און ער האָט אַ שײן אַרומגעשאָרענע, טונקל־ברױנע באָרד און װאָנצעס. װען איר זאָלט איִם באַגעגענען אױפֿן גאַס, װאָלט איר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ פּראָפֿעסאָר".

דר. ב. האָפֿמאַן (צבֿיון) דערצײלט אין זײַנע זכרונות, אַז װען מאַקסים איז געקומען קײן אַמעריקע אַלס אַ שליח פֿון בונד, איז די װאַרהײט פֿון לואי מילער אַרױסגעקומען מיט אַ געשרײ, אַז דער פֿאָרװערטס „באַרט אָפּ דעם עולם", װען ער זאָגט, אַז דאָס איז מאַקסים. „װאָרעם װי קען דאָס זײַן, אַז

אַט דער שוואַכער, בלייכער ייִנגערמאַנטשיק זאָל זײַן דער באַרימטער העלד פֿון ריגע". און צביון גיט צו, אַז די געשרייען פֿון וואָרהייט, אַז ס'איז „אַ פֿאַלשער מאַקסים" האָבן געפֿונען אַן אָפּקלאַנג אויך צווישן פּאַרוועטס־מענטשן.

מאַקסים איז געווען אויף דעם צוזאַמענפֿאָר פֿון דער רוסלענדער ס. ד. אַרבעטער־פּאַרטיי אין לאָנדאָן (מאַי 1907). ער איז געקומען אַלס אַ דעלעגאַט פֿון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין לאָדזש. ווי באַקאַנט, האָבן די מאַנדאַטן פֿון די פּוילישע ס. ד. אין לאָדזש אויפֿן דאָזיקן צוזאַמענפֿאָר אַרויסגערופֿן פֿיל בייז בלוט. וועגן דעם שרײַבט וול. מעדעם אין זײַנע זכרונות: „וועגן די פֿאַלשע 'לאָדזשער מאַנדאַטן' פֿון די פּוילישע ס. ד. האָט מען פֿיל גערעדט. באַזונדערס האָבן די לאָדזשער בונדיסטן זייער גוט געוואוסט, אַז די מעשה איז זייער טריף... צווישן די דאָזיקע דעלעגאַטן, דווקא פֿון לאָדזש — איז געווען דער באַוואוסטער מאַקסים, דער אייגענער מאַקסים, וועלכער האָט געשפּילט אַזאַ גוואַלטיקע ראָל אין די אָקטאָבער־טעג, ווען ער איז געווען אַן אמתער דיקטאַטאָר אין ריגע. ער איז שפּעטער אַנטלאָפֿן פֿון ריגע און געאַרבעט אין לאָדזש. צוליב קאָנספּיראַציע האָט ער געביטן זײַן נאָמען און אין לאָדזש האָט מען אים גערופֿן אַנדערש. אַ היציקער בחור איז ער געווען, און בעת עס איז געקומען אויפֿן צוזאַמענפֿאָר עפּעס צו אַן אָפּשטימונג און די באָלשעוויקעס האָבן געזיגט דווקא אַ דאַנק די לאָדזשער שטימען, האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט און געטאָן אַ געשריי: 'לאָדזשער מאַנדאַטן'. די פּאָליאַקן זײַנען געוואָרן גוואַלטיק אויפֿגערעגט. קודם־כּל האָבן זיי גענומען שרייען: 'מאַקסים! מאַקסים!' דאָס אַליין איז שוין געווען אַ מיאוסקייט, ווײַל דערמיט איז אַנטפּלעקט געוואָרן דער נאָמען פֿון אַ מענטשן, וועמען עס האָט שטאַרק געזוכט די פּאָליציי, אָבער מיט דעם האָט זיך דער סקאַנדאַל נישט געענדיקט. די אייגענע 'לאָדזשער מאַנדאַטן', דאָס רוב פּשוטע, האַלב־באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, וועלכע מען האָט אַריבערגעשלעפּט איבערן ים, זיי זאָלן דאָרטן אַרבעטן אַלס שטים־הענט, האָבן אָנגעהויבן צו שיטן אויפֿן אַדרעס פֿון מאַקסימען און פֿון דער בונדישער פֿראַקציע מיט אַזעלכע זידל־ווערטער, וואָס מען האָט געמעגט הערן אפֿשר אין דער רוסישער קאַזאַרמע... מענטשן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין סאַמע געדיכטן, זאָגן, אַז עס האָט נישט געפֿעלט אויך דאָס ווערטל 'זשיד'! די בונדישע פֿראַקציע איז געזעסן לעבן די פּאָליאַקן זײַט בײַ זײַט. זײַנען בײדע צדדים אויפֿגעשפּרונגען פֿון די ערטער. מען האָט שוין געזען מענטשן, פּאַכנדיק אין דער לופֿטן מיט די פֿויסטן... מיט גרויס מי און מאַטערניש האָט מען אײַנגעשטילט דעם עולם". (פֿון מײַן לעבן, ז. 85־184).

גלייך נאָכן לאָנדאָנער צוזאַמענפֿאָר פֿון ר. ס. ד. אַ. פּ. האָט דער אויסלענדישער קאָמיטעט פֿון בונד אָרגאַניזירט אַ טור פֿון מאַקסימען איבער די סטודענטישע קאָלאָניעס. דער שרײַבער פֿון די דאָזיקע שורות האָט זומער 1907 זיך געטראָפֿן מיט מאַקסימען און באַקענט זיך מיט אים אין איינער פֿון די שטעט אין דרום־דײַטשלאַנד. מאַקסים האָט געהאַלטן אַ רעפֿעראַט

אויף דער טעמע: די שטאַט און דאָס דאָרף אין דער רוסישער רעוואָלוציע. מיט דער טעמע אַליין און מיט דער טעאָרעטישער הויך פון זיין רעפעראַט האָט מאַקסים וועזנטלעך אויפגעהויבן די חשיבות פון בונד אין די אויגן פון דער געמישטער אוידיטאָריע. ער האָט גערעדט רוסיש, גערעדט נישט ווי אַן אָראַטאָר, נאָר ווי אַ יונגער וויסנשאַפטמאַן. די פראַגע, וואָס איז דעמאָלט געשטאַנען אין צענטער פון די רוסישע דיסקוסיעס, אין וועלכע מען האָט געפּרוווט אונטערפירן דעם בילאַנס פון דער רעוואָלוציע 1905, דערקלערן די סיבות, וואָס האָבן געבראַכט צו איר מפלה, — דאָס אַלץ האָט מאַקסים אונטערגעטראָגן, ווי אַ מענטש, וואָס האָט לייכט איבערגעביטן זיין געווער פון אַ מאַסן־אַגיטאַטאָר אויף די מער קאָמפּליצירטע קאַמף־אינסטרומענטן פון אַן אַנאַליטיקער. אַזוי ווי איך האָב קיינמאָל מערער נישט געזען מאַקסימען, ווילט זיך מיר דאָ פאַרפיקסירן, אַז ריין־אויסערלעך מיט זיינע מאַניערן, מיט זיין אינטעליגענטן פּנים, מיט זיין שפּראַך און אויסשפּראַך האָט ער געמאַכט אויף מיר דעם בעסטן איינדרוק. ס׳איז קלאָר געווען, אַז דאָס איז געווען אַ דענקענדער, אַ פּעאיקער און אַ סימפּאַטישער מענטש. איך האָב געוואוסט, אַז דאָס איז דער ריגער מאַקסים (כאָטש מ׳האָט עס באַהאַלטן), אָבער ביי אים האָט מען גאָרנישט געפילט קיין גדלות און אַמביציעס, וואָס האָבן שטענדיק באַגלייט די באַרימטקייטן פון יענער צייט.

אין די ווייטערדיקע יאָרן ביז 1917 האָט ער קיין אַקטיוון אָנטייל אין פּאָליטישן לעבן נישט גענומען. לויט געוויסע אינפאָרמאַציעס, קען מען רעכענען, אַז קלעוואַנסקי האָט זיך באַזעצט אין אויסלאַנד. ס׳איז מערווייניקער באַקאַנט, אַז אין אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען אַ צייט אינטערנירט אין דייטשלאַנד. אָבער באַלד האָט זיך אים איינגעגעבן אומצוקערן זיך קיין רוסלאַנד. ער האָט באַקומען אַ שטעלע אין דער מעזשדונאַראָדנער באַנק — פריער אין כאַרקאָוו, שפּעטער אין פּעטראָגראַד. די צווייטע רוסישע רעוואָלוציע האָט ווידער אַרייַנגעצויגן מאַקסימען אין שטראָם פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס מאָל איז ער אויפגעטרעטן אַלס רוסישער סאָציאַליסטישער פּובליציסט.

4

וועגן אָנהויב פון דער דאָזיקער תקופה דערציילט פּ. מיליוקאָוו אין זיין געשיכטע פון דער צווייטער רוסישער רעוואָלוציע (ב. 1, ז. 79־78). ער דערציילט וועגן דער ראָל פון מאַקסימען אין צוזאַמענשטעלן דעם באַרימטן „באַפעל 1 №״ פון מערץ 1917. אַלע רעכטע קענער פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע מיינען, אַז פון דעם באַפעל האָט זיך אָנגעהויבן דער צעפאַל פון דער רוסישער אַרמיי...

מיליוקאָוו שרייבט: „דער אינהאַלט פון דעם באַפעל 1 № איז געווען פאַרגעשלאָגן פון דעם ׳חבר מאַקסים׳ (דעם באַקאַנטן מיטאַרבעטער פון דיען, ס. מ. קלעוואַנסקי) אין פאָלגנדיקע פיר פונקטן: 1) פאַרלייגן די סאָלדאַטן קיינעם נישט אַרויסצוגעבן דאָס געווער, 2) דירעקט אויסוויילן פאַר־

שטייער אין ראַט; 3) פאַרלייגן די סאָלדאַטן, אַז ביי זייערע פּאָליטישע אַרויסטרעטונגען זאָלן זיי זיך צוהערן נאָר צום ראַט פון אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן; 4) אויפן פראָנט דאַרפן די סאָלדאַטן אויספילן די באַפעלן פון די אָפיצערן, אָבער אויסער דעם פראָנט דאַרפן די סאָלדאַטן זיין גלייכבאַרעכטיקטע בירגער".

אַחוץ די פּונקטן זיינען אין „באַפעל №1" אַריינגעגאַנגען נאָך פּונקטן וועגן די וואַלן פון קאָמיטעטן, וועגן דער אָפּשאַפונג פון „טשיעסט" און טיטולירן און וועגן ווילן אָפיצערן. ס'איז באַקאַנט זיינס אַ בראָשור, וואָס איז אַרויס אין פּעטראָגראַד 1917 אין פאַרלאַג זיעמליאַ אי טרוד: די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און וואָס וועט זי טאָן. די בראָשור איז אונטערגעשריבן ס. קלעוואַנסקי (מאַקסים). מיר געפינען קלעוואַנסקין — דעם געוועזענעם מאַקסים — צווישן רעכטע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס האָבן זיך גרופּירט אין דער אומפּאַרטייאישער, אומאָפּהענגיקער צייטונג דיען. דאָס איז געווען אַן אייגנאַרטיקע אינסטיטוציע. אין די טאַקטישע שטרייטן, וואָס האָבן זיך אין יענער צייט אַזוי שאַרף אַנטוויקלט אין די סאָציאַליסטישע קרייזן, — האָט דער דיען פאַרנומען דעם רעכטן ווינקל אין דעם רעכטן א. ג. „אָבאָראָנטשעסקען" פליגל און האָט זייער שאַרף געקעמפט נישט בלויז מיט די באָלשעוויקעס, נאָר אויך מיט די אינטערנאַציאָנאַליסטן. בראש פון דער רעדאַקציאָנעלער קאָלעגיע איז געשטאַנען דער באַקאַנטער ס. ד.־טוער און פּובליציסט אַלעקסאַנדער פּאָטרעסאָוו, איינער פון די גרינדער און רעדאַקטאָרן פון דער באַרימטער ס. ד. צייטונג איסקראַ (צוזאַמען מיט לענינען און מאַרטאָוון). אַרום פּאָטרעסאָוון האָט זיך נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה גרופּירט אַ גאַנץ ברייטער קרייז רעכטע ס. ד., אינטעליגענטן און אַרבעטער. אין דיען זיינען אויך געווען הויפּטזעכלעך פּאָטרעסאָווס אָנהענגער. צו דער דאָזיקער גרופּע רעכטע אָבאָראָנצעס איז צוגעשטאַנען מאַקסים, און אונטער זיין ריכטיקן נאָמען ס. קלעוואַנסקי איז ער אויך אַריין אין רעדאַקציע און גאַנץ אָפט געשריבן אין דיען אויף אַלגעמיינע פּאָליטישע טעמעס.

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט אַריינצוקוקן אין איינצלנע נומערן פון דער צייטונג, וואָס זיינען אַרויס „נאָך אַלעמען", ד. ה. שוין נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש — פון 14 נאָוועמבער 1917 ביז 22 פעברואַר 1918. דאָרטן זיינען פאַרעפנטלעכט מאַקסימס אַרטיקלען און אויך עטלעכע איינצלהייטן וועגן אים. אַלס אַ צייכן פון דער צייט איז אינטערעסאַנט דאָ פעסטצושטעלן, אַז אין די דאָזיקע חדשים האָט די נייע מאַכט זייער שאַרף פאַרפאָלגט די צייטונג דיען, קאָנפיסקירט די נומערן און געצוואונגען די צייטונג צו פאַרמאַכן זיך. אָבער אין יענער נאַאיווער צייט האָבן די באָלשעוויקעס נישט געוואַגט פולקאָם אָפּצושאַפן די פרייהייט פון פרעסע — דאָס איז געקומען מיט עטלעכע חדשים שפּעטער — און די רעדאַקציע פון דיען האָט אויסגענוצט די לאַגע, און גלייך נאָך דעם, ווי די באָלשעוויקעס האָבן פאַרמאַכט די צייטונג, איז זי אויפגעקומען אונטער אַ נייעם נאָמען. די נעמען פון דער צייטונג האָבן זיך געביטן ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ: דעם

14 נאָוועמבער איז אַרויס נאָך דער דיען (דער טאָג), און דעם 18 נאָוועמבער האָט די צייטונג שוין געהייסן פּאָלנאָטש (האַלבנאַכט); דעם 26 נאָוועמבער — וו גלוכויו נאָטש (אין אַ טיף־טונקעלער נאַכט); דעם 28 נאָוועמבער איז די צייטונג דערשינען אונטערן קאָפּ גריאַדוטשי דיען (דער קומענדיקער טאָג); דעם 1טן דעצעמבער — איז ווידער געבוירן געוואָרן דער דיען, אָבער דעם 6 יאַנואַר איז אַרויס ווידער דער קומענדיקער טאָג, און אין פעברואַר — נאָווי דיען (דער נייער טאָג). מיט דער ענדערונג פון דעם נאָמען האָט די רעדאַקציע „חוצפּהדיק" געריצט די מאַכטהאָבער און אין דער זעלבער צייט פאַרקערפּערט סימבאָליש אין דער ענדערונג פון די נעמען — אַ גאַנץ קלאָרע פּאָליטישע טענדענץ.

כדי צו באַקענען דעם לייענער מיט די פּאָליטישע שטימונגען פון ס. קלעוואַנסקי אין יענער גורלדיקער צייט, וועל איך ברענגען נאָר אַ פּאָר אויסצוגן פון זיינע אַרטיקלען. אָט וואָס ס. קלעוואַנסקי האָט געשריבן דעם 14 נאָוועמבער 1917: „נישט אין דעם איז די שרעקלעכקייט פון דער לאַגע, וואָס ס'האָט זיך געפונען אַ הייפל משוגעים, אַוואַנטוריסטן און פאַרברעכער, וואָס האָבן אויסגענוצט דעם מאָמענט, פאַרכאַפּט די מאַכט אין זייערע הענט און, שטיצנדיק זיך אויף די שטיקעס, האָבן זיי אָנגעזעצט געוואַלט איבער די בירגער. עס כאַפּט אַרום אַ יאוש, ווען דו זעסט די געהאָרכזאַמקייט, מיט וועלכער די באַפעלקערונג טראָגט איבער דעם טעראָר פון די משוגעים... די פראַגע איז אויפגעשטעלט קלאָר און בולט: צי איז רייף רוסלאַנד פאַר פרייהייט, צי זי איז אַ לאַנד פון שקלאַפן, פאַר וועלכע די איינציקע פאָרם פון רעגירונג איז — די זעלבסטהערשונג?"

דעם 1 דעצעמבער 1917 שרייבט קלעוואַנסקי, אַז די באָלשעוויקעס גייען אין די דרכים פון סטאָליפּין. דער צאַרישער מיניסטער האָט געפאָדערט פון דער 2טער מלוכה־דומע אַרויסצוגעבן די ס. ד.־פראַקציע, און איר אָפּזאָג אַרויסצוגעבן זי האָט ער אָנגענומען אַלס אַ מאָטיוו צו פאַנאַנדערטרייבן די דומע. איצט פאָדערט לענין פון דער קומענדיקער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אַרויסצוגעבן די קאַדעטן — די ליבעראַלן, וואָס זיינען דערקלערט פון די באָלשעוויקעס אַלס „די פיינט פון פאָלק". „די פעאיקע תלמידים" — שרייבט קלעוואַנסקי — האָבן אָנגענומען די גאַנצע פילאָזאָפיע פון דער צאַרישער זעלבסטהערשונג און פאַרוואַנדלען אירע אידייען אין טאַטן".

דעם 9 דעצעמבער האָט ער געשריבן, אַז די „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" עפנט די טיר פאַר אַ „דיקטאַטור פון אַ פּערזאָן". „רוסלאַנד חזרט איבער די געשיכטע פון פראַנקרייך. זי וועט גיין מיט דעם זעלבן וועג, פאַר וועלכן מיר האָבן מורא געהאַט"—שרייבט קלעוואַנסקי וועגן דער דראָענדיקער געפאַר פון באָנאַפּאַרטיזם.

אין דער צייטונג דער קומענדיקער טאָג פון 6 יאַנואַר 1918 (אויף מאָרגן נאָך דעם, ווי די באָלשעוויקעס האָבן פאַנאַנדערגעטריבן די אַלרוסישע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג) געפינען מיר אַ נאָטיץ וועגן דעם, ווי אַזוי מיט אַ פּאָר טעג פריער האָבן די באָלשעוויקעס געמאַכט אַן אָנגריף אויף דער רעדאַקציע פון דיען. אין דעם דאָזיקן אינצידענט האָט קלעוואַנסקי געשפּילט אַ באַ־

זונדערע ראַל. דאָס איז געווען דעם 3 יאַנואַר, 9 אַזייגער אין אָוונט, ווען 30 סאָלדאַטן־לעטן מיט דעם קאָמיסאַר יאַנקאָווסקי בראָש האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער רעדאַקציע. זיי האָבן געהאַט אַן אָרדער צו פאַרמאַכן די צייטונג, אַרעסטירן די מיטאַרבעטער און איבערגעבן זיי צו דעם געריכט פון טריבונאַל.

„ס. מ. קלעוואַנסקי, — לייענען מיר אין דער נאָטיץ — האָט געפאָדערט דעם אָרדער אויף זיין פערזענלעכן אַרעסט... קלעוואַנסקי האָט זיין פּראָטעסט דורכגעפירט גאַנץ ענערגיש. ווען יאַנקאָווסקי איז צו קלעוואַנסקין צוגע־גאַנגען גאַנץ נאָענט, האָט דער לעצטער אים אָפּגעשטויסן". יאַנקאָווסקי האָט געסטראַשעט מיטן רעוואָלווער, און דריי סאָלדאַטן האָבן זיך געוואָרפן אויף קלעוואַנסקין. דער לעצטער האָט אָפּגעשטויסן דעם שטיק מיט דער האַנט, און פון דער האַנט האָט זיך אָנגעהויבן גיסן בלוט... זיי אַלע זיינען געוואָרן אַרעסטירט און אָוועקגעשיקט אין דער פּערעסילנער טורמע. צווישן זיי האָט זיך געפונען אויך דוד זאַסלאַווסקי, — וואָס האָט דעמאָלט נאָך נישט געחלומט וועגן דעם, אַז ער וועט ווערן אַן איבערגעגעבענער קנעכט צו סטאַלינען און איינער פון די זיילן פון דער באָלשעוויסטישער פּראַוודאַ.

אין דעם זעלבן נומער פון גריאַדושטשי דיען האָט ס. ק. אין זיין אַר־טיקל די פאַרטיפונג פון דער רעוואָלוציע סאַרקאַסטיש געפּרעגט די באָלשע־וויקעס: „רבותי פון ‚פּראַוודאַ' — ווען וועט אַרויסגעגעבן ווערן דער דע־קרעט וועגן מענטשן־פּייניקונגען און וועגן אַרויסרייסן די נאָז־לעכער ?..."

קלעוואַנסקי האָט נישט לאַנג אַקטיוו געפירט דעם קאַמף קעגן די באָל־שעוויקעס, וואָס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט אין רוסלאַנד. לויט אייניקע ידיעות, האָט ער אין צייט פון „נעפּ" געדינט אין מאָסקווע אין די מלוכהשעווירט־שאַפטלעכע איינריכטונגען, אָבער באַלד איז ער ווידער און שוין אויף שטענ־דיק פאַר אונז פאַרשוואונדן... *).

---

*) אין דעם זאַמלבוך די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג 1905, פאַרעפנטלעכט אין רוסיש דורך א. קירזשניץ אונטער דער רעדאַקציע פון פּראָפ. מ. פּאָקראָווסקי אין 1928, לייענען מיר אַז „איצט איז מאַקסים — ס. קלעוואַנסקי — אינגאַנצן אַוועק פון פּאָליטיק און אַרבעט אין איינעם פון די ווירטשאַפטלעכע אָרגאַנען אין מאָסקווע" (ז. 247).

גריגאָרי אַראָנסאָן

●

# יעקב קאַפּלאַן

אַ מינסקער. פון ערשטן דור בונדיסטן און פון די געטרייסטע.

נאָך ווי אַ גימנאַזיסט צוגעשטאַנען צו דער בונדישער באַוועגונג אין מינסק. דאָס איז געווען אַ קורצע צייט נאָך דער גרינדונג פון בונד. געווען אַ נאָענטער חבר פון וולאַדימיר מעדעם. דער לעצטער דערציילט וועגן אים:

„ס'איז געווען נאָך אַ צווייטער בחור, מיט וועלכן איך פלעג פאַרברענגען ניט ווייניק צייט — ‚יאַשקאַ' קאַפּלאַן (גאָר אַ נאָענטער פריינט בין איך מיט אים געוואָרן שפּעטער אין די סטודענטישע יאָרן). איך פלעג זיך גאַנץ אָפט

אַריינכאַפּן צו אים אין שטוב, און די דאַזיקע שטוב האָט שוין געטראָגן אויף זיך אַ בולטן ייִדישן קליינבירגערלעכן שטעמפּל"... „אויף דער וואַנט איז געהאָנגען אַ בילד פון באַראָן הירש; מען פלעגט הערן אַמאָל אַ ייִדיש וואָרט. איינמאָל, געדענק איך, בין איך גראָד געווען ביי זיי בשעת ס'זיינען געקומען צו זיי אַ פּאָר באַקאַנטע — אַ ייִנגערמאַן מיט אַ פרוי, וואָס האָבן געזונגען ייִדישע לידלעך; דאַכט זיך, אַז דאָס זיינען געווען שטיקלעך פון גאָלדפאַדענס זאַכן".

יאַשאַ קאַפּלאַן איז אַוועק שטודירן אויפן יורידישן פאַקולטעט פון קיעווער אוניווערזיטעט. אַ צייט האָט ער אין קיעוו געוואוינט צוזאַמען מיט מעדעמען אין איין צימער, אויף קרעשטשאַטיק. יאַשאַ איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט מעדעמען באַקאַנט געמאַכט מיט דער מאַרקסיסטישער טעאָריע און אויך מיטן בונד. געווען איז דאָס טאַקע אין קיעוו און מעדעם דערציילט וועגן דעם אַזוי:

„מיין פריינט יאַשקאַ איז שוין געווען אין אַ פאַרבינדונג מיט די אַרטיקע טוער. אין מיטן שול־יאָר האָט ער שוין אָנגעהויבן צו גיין אויף די קרייזלעך. אין אָנהויב פלעגט מען אויסנוצן אונזער דירה פאַר פּאַרטיי־צוועקן. איינמאָל בין איך געקומען אַהיים און געטראָפן אין אונזער צימער אַ פרעמדן מענטש: אַ ייִד פון אַ יאָר דרייסיק, מיט אַ שוואַרצער באָרד, זיצט ביים טיש, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט און שלאָפט. דערנאָך איז געקומען יאַשקאַ. דער ייִד האָט אויפגעוואַכט, און זיי האָבן אָנגעהויבן צו ריידן. מען פלעגט דערמאָנען עפּעס אומבאַקאַנטע נעמען, און צווישן זיי דעם נאָמען פון עפּעס אַ 'בונד'. וואָס איז דאָס אַזעלכעס, און ווער איז געווען דער ייִד, האָב איך נישט געוואוסט, אָבער איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עס שמעקט עפּעס מיט פאַרבאָטענע רעוואָלוציאָנערע זאַכן".

דער ייִד איז געווען מאַרק ווילטער, אַ בונדישער טוער און געאַרבעט אין די אומלעגאַלע דרוקערייען. קאַפּלאַן איז אין קיעוו געווען שטאַרק טעטיק און געהערט צום קיעווער קאָמיטעט פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. צוליב די סטודענטישע אומרוען האָט מען אַ ריי סטודענטן אויסגעשלאָסן פון אוניווערזיטעט און יאַשאַ איז געווען איינער פון זיי. ער האָט באַקומען אַ באַפעל באַלד אַהיימצופאָרן. גלייך נאָכן קומען קיין מינסק האָט מען אים אַרעסטירט און צוריק אַוועקגעפירט קיין קיעוו, וואו ער איז געזעסן אין טורמע אַ גאַנצן זומער פון יאָר 1899. ווינטער פון זעלבן יאָר איז ער צוזאַמען מיט מעדעמען און ווילענקינען געוואָרן אַקטיוו אין דער מינסקער בונדישער אָרגאַניזאַציע. צווישן אַנדערן איז ער געווען טעטיק ביים אַרויסגעבן דעם אומלעגאַלן אָרגאַן פון בערשטער־בונד — דער וועקער. פאַרן 1טן מאַי־נומער פון דער דאַזיקער צייטונג (יאָר 1900) האָט ער ביי מעדעמען באַשטעלט צוויי אַרטיקלען — דאָס איז געווען מעדעמס ערשטע באַטייליקונג אין דער בונדישער פּרעסע. אין יענער צייט איז קאַפּלאַנס פּאַרטיי־פּסעוודאָנים געווען — וולאַדימיר. אין יאָר 1900 איז קאַפּלאַן צוזאַמען מיט ווילענקינען און מעדעמען אַריין אין מינסקער קאָמיטעט פון בונד. די אַנדערע מיטגלידער פון מינסקער קאָמיטעט זיינען דעמאָלט געווען

אַלבערט זאַלקינד, כאַטשע מונוועס, זשעניע הורוויטש און באָריס פרומקין — אַלטע, דערפאַרענע טוער.

ווינטער פון זעלבן יאָר האָט דער מאָסקווער אָכראַנע־שעף זובאַטאָוו ווי־דער דורכגעפירט מאַסן־אַרעסטן פון בונדיסטן אין אַ ריי שטעט. מינסק איז נישט געווען קיין אויסנאַם. צווישן די אַרעסטירטע איז אויך געווען יאַשאַ קאַפּלאַן. מ׳האָט אים געברענגט קיין מאָסקווע, וואו ער האָט באַקומען דעם אורטייל — 4 יאָר מזרח־סיביר. ער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין אַלעקמינסק, יאַקוטער אָבלאַסט. נאָך אַ צייט איז דער פאַרשיקטער פון דאָרטן אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד.

אין דער שווייץ איז דער אַנטלאָפענער רעוואָלוציאָנער געווען סעקרעטאַר פון צענטראַל־ביוראָ פון די אויסלענדישע בונדישע גרופּעס, ווי אויך סעקרע־טאַר פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד. שפּעטער איז ער צוריקגעפאָרן צו טון פּאַרטייאישע אַרבעט אין רוסלאַנד. ער איז געווען אַ מיטגליד פון אָרטיקע קאָמיטעטן אין אַ ריי שטעט. מ׳האָט אים געהאַלטן פאַר אַ מוס־טערהאַפטן און געוויסנהאַפטן אונטערערדישן טוער.

אין די יאָרן 1906־7 פאַרנעמט ער דעם פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט פון סעקרעטאַר אין צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד. שטענדיק באַלאָדן מיט פיל אַרבעט, האָט ער אַרויסגעוויזן אַ זעלטענע איבערגעגעבנקייט און חבריש־קייט. אין די ווייטערדיקע יאָרן איז ער געווען אַקטיוו אין ווילנע און פאַר־טרעטן די אָרטיקע אָרגאַניזאַציע אויף דער אַכטער קאָנפערענץ פון בונד, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1910 אין לעמבערג.

אין די שפּעטערע יאָרן פון רעאַקציע האָט ער זיך באַזעצט אין פּע־טערבורג, וואו ער האָט פאַרענדיקט דעם אוניווערזיטעט. די גאַנצע צייט איז ער געווען פאַרבונדן מיט דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע פון בונד. נאָכן אויס־ברוך פון דער רעוואָלוציע אין 1917 איז קאַפּלאַן געווען אַקטיוו, ווי אַ פאָר־שטייער פון בונד און פון דער רוסלענדער סאָצ. דעמ. אַרבעטער־פּאַרטיי אין פּעטראָגראַדער שטאָט־פאַרוואַלטונג און אין ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

אין 1918 איז ער געקומען קיין מאָסקווע און געוואָרן אַ מיטגליד פון שטאָטישן קאָמיטעט פון בונד. אין די יאָרן 1919־20, ווען אין בונד האָבן זיך אויסגעבילדעט צוויי ריכטונגען — אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און אַ פּראָ־קאָמוניסטישע, איז קאַפּלאַן געווען אַקטיוו אין די באַמיאונגען אייַנצוהאַלטן דעם טראַדיציאָנעלן כאַראַקטער פון בונד. אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט ער פאַר זיין בונדישער טריישאַפט באַצאָלט אַ שווערן פּרייז — די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט אים אַרעסטירט און פאַרשיקט.

אָנהייב די דרייסיקער יאָרן איז יאַקאָוו מאַרקאָוויטש קאַפּלאַן געשטאָרבן אַ פאַרשיקטער אין סווערדלאָווסק (יעקאַטערינעבורג).

ב. : וולאַדימיר מעדעם : פון מיין לעבן, ניו־יאָרק 1923. פראַנץ קורסקי : געזאַמלטע שריפטן, ניו־יאָרק 1952. 25 יאָר, וואַרשע 1922.

Г. А.: Я. М. Каплан («Социалистический Вестник» № 8, 1932 года, Берлин).

י. ש. ה.

# בראָניסלאַוו גראָסער

די אַכציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט זיינען פאַר פוילן געווען אַ פּע־ריאָד פון פּאָליטישן בין־השמשות. שוין לאַנג זיינען באַדעקט געווען מיט שטויב די שפּורן פון צעשמעטערטן אויפשטאַנד. די געזעלשאַפטלעכע ענער־גיע האָט אַריינגעשטראָמט אין שמאָלן וואַסערל פון די לעגאַלע מעגלעכקייטן. אין אַ סך משפחות זיינען אָבער זאַרגזאַם אָפּגעהיטן געוואָרן די זכרונות פון די העראָאישע זעכציקער יאָרן און די בונטאַרישע פערזן פון מיצקעוויטשן און סלאָוואַצקין פלעגט מען לייענען מיט אַ תפילהדיקן ציטער. איינער פון אַזעלכע נעסטן פון פּאַטריאָטישער מרידה איז געווען דאָס הויז פון יינגן אַד־וואָקאַט ניקאָדעם גראָסער אינם פּראָווינץ־שטעטל מיעכאָוו, וואָס איז געלעגן אויפן קראָקעווער טראַקט, צווישן די אוראַלטע קעלצער וועלדער. דער באַלע־באָס פון הויז, אַ מענטש אַ וויכער, אַ געפּילפּולער, אַ גוטער פאַמיליע־מאַן און אַ מכניס־אורח, איז געווען שטאַרק פּאָפּולער אין דער גאַנצער מיעכאָווער געגנט. אָבער די נשמה פון דער פאַמיליע איז געווען די מיניאַטור־קליינע, טונקל־אויגיקע לעאָנטינע גראָסער, וואָס האָט מיט אַ פעסטער האַנט אָנגעפירט מיט דער אָרדנונג אין הויז און מיט דער דערציאונג פון די קינדער — דער טאָכטער איזאַבעלע און דעם זון בראָניסלאַוו (סלאַוועק), וואָס איז געבוירן גע־וואָרן אין יאָר 1883.

די יוגנט פון לעאָנטינע בירא־יאַקובאָוויטש איז פאַרלאָפן אונטערן צייכן פון צעשמעטערטן אויפשטאַנד, אין וועלכן ס׳האָט זיך אויך באַטייליקט איר פאָטער. אין רחבותדיקן קאַבינעט פון די גראָסערס איז געהאַנגען אַן אַלטער פּאָרטרעט פון קאָשציושקאָ און דאָס באַרימטע בילד פון ראָפּסן — דאָס בילד מיט דעם צוויקעפּיקן אָדלער, וואָס רייסט מיט זיינע נעגל דעם טויטן קערפּער פון דער פוילישער פרייהייט. דאָס הויז אין מיעכאָוו איז געווען טי־פיש־פויליש: אין ווייַנאַכטן האָט דאָרט געפינקלט מיט זיינע פייערן אַ גרוי־סער קריסטמעס־בוים; אין די אָונטן פלעגן זיך צו טיי צוזאַמענקומען פאַר־שטייער פון דער אָרטיקער פוילישער אינטעליגענץ און פון דער אָרומיקער שליאַכטע. נישט זעלטן האָט אויך באַזוכט די גראָסערס דער שכן, דער קשיאָנדז, אַ ליבהאָבער פון מאַכן אַ קערטל אָדער כאַפּן אַ שמועס וועגן פּאָ־ליטיק. די קינדער האָבן זיך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, באַטראַכט פאַר פּאָ־ליאַקן.

ווען די משפחה האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין וואַרשע — סלאַוועק איז דעמאָלט אַלט געווען פינף יאָר — האָבן זיך אין הויז אָנגעהויבן באַוויזן קרוי־בים און באַקאַנטע — יידן. דער שטייגער־לעבן האָט זיך אָבער נישט געענ־דערט. די כאַראַקטעריסטישע פיגורן פון די איינוואוינער פון דער יידישער געגנט, מיט וועלכע סלאַוועק איז זיך אויסגעקומען צוזאַמענטרעפן אין די אַלייען פון קראַשינסקיס גאָרטן, האָבן אַרויסגערופן ביי אים אַן אומחן. ווען ס׳האָט זיך איינמאָל אין טראַמוויי לעבן אים אַוועקגעזעצט אַן אַלטער ייד אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, האָט זיך דאָס יינגל אויפגעהויבן פון אָרט און זיך איבער־געזעצט אויף אַן אַנדער באַנק. די מוטער האָט די דאָזיקע האַנדלונג באַטראַכט

פאַר נישט קיין אידעלע און האָט דעם אַכט־יאָריקן זון געמאַכט אַ פאַרוואורף. אָבער וועגן די אימפּולסן פון זיין אויפפירונג האָט זי אָפּנים נישט געהאַט קיין חשק זיך צו פאַרטראַכטן...

דער דאָזיקער צאַרטער יינגל מיט די שמאָלע אַקסלען, מיט די גרויסע פאַרטראַכטע אויגן און שאַרף פאַרשניטענעם קין, איז געוואָרן איר ליבלינג פון די פריסטע יאָרן און איז אויף שטענדיק פאַרבליבן איר טיפסטע ליבע. די עקזאַלטירטע יונגע פרוי, אַ דערצויגענע אויף דער ראָמאַנטישער פוילישער פּאָעזיע, האָט נישט געפונען קיין באַפרידיקונג אין די טאָג־טעגלעכע שטויביקע זאָרגן און האָט אין געהיים געטרוימט וועגן אַ העלדנטאַט. ווען ס'איז געבוירן געוואָרן דער זון, האָט זי באַשלאָסן צו דערציען אים פאַר אַ קעמפער. דער יינגל איז געוואַקסן, און אָפּגעבנדיק אים, אין איר גדאַנק, דעם פאָטערלאַנד, האָט זי אין דער זעלבער צייט פּרובירט מיט אַ זיך־קלאַמערנדיקן, גיריקן אינסטינקט אים וואָס לענגער איינצוהאַלטן לעבן זיך. די דאָזיקע דואַליסטישקייט אין איר באַציאונג צום זון איז געוואָרן פאַר איר אַ קוואַל פון אומאויפהערלעכער אינערלעכער דיסהאַרמאָניע.

סלאָוועק איז געווען באַפריינדעט מיטן צערטלעכן פאָטער, אָבער די פאַרבינדונג זיינע מיט דער מוטער איז געווען טיפער און אינהאַלטסרייכער, און מיט דער צייט האָט זי אָנגענומען אַן אָפּשיין פון אַ ריטערלעכן קולט. די מוטער האָט אים געגעבן דאָס, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דער יסוד פון יעדער שאַפונג — די שטאַנדהאַפטיקייט פון וואָרצלען, טיף איינגעוואַקסענע אין באָדן און די אומרואיקייט פון באַפליגלטן גייסט. די וואָרצלען זיינען געווען: קאָשציושקאָס שאַרפער פּראָפיל אויף די טונקעלע טאַפּעטן, דאָס ראָזבאַבלימלטע פעלד אין קוזמיר, דער פייכטער ווינט, וואָס קלינגט אין די קליאָנען־ביימער פון מאַזאָוושע און אין די נאָקטורנען פון שאָפּענען. די אומרואיקייט איז באַשערט געווען צו קומען צוזאַמען מיט דער יוגנט: אין די העלדן פון דער פוילישער ליטעראַטור האָט ער געפונען די פאַרקערפּערונג פון יענעם מאָנענדיקן גייסטיקן מאַקסימאַליזם, מיט וועלכן ס'איז אָנגעפילט געווען ביז איבער די ברעגעס דאָס קורצע, שטורמישע לעבן פון בראָניסלאַוו גראָסער.

שוין אין די קינדער־יאָרן האָט ער איבערראַשט די אַרומיקע מיט דער רייפקייט פון זיין פאַנטאַזיע און מיט זיין כמעט קרענקלעכער עמפּינדלעכקייט. אין שול האָט ער זיך תיכף אַרויסגערוקט אויפן ערשטן אָרט. די שול־חברים — פּאָליאַקן האָבן זיך געיאָגט נאָך זיין פריינטשאַפט און עס איז אים כסדר אויסגעקומען אויסצוהערן פאַרזיכערונגען, אַז ער איז גאָרניט ענלעך אויף אַ יידן. אין ערשטן קלאַס האָט ער זיך אַליין געהאַלטן פונדערווייטן פון יידישע חברים: אַן אויסנאַם פון דעם דאָזיקן כלל איז געווען יוליוס נאַטאַנסאָן, אַ פעאיק און לעבעדיק יינגל, דערצויגן אין זעלבן גייסט, וואָס גראָסערס קינדער.

אין שול האָט געהערשט אַן אַטמאָספער פון רוסיפיקאַציע. די גימנאַזיסטן איז פאַראָרדנט געוואָרן צו רעדן בלויז רוסיש, אָבער מחמת מורא פאַר שטענדיקע סיכסוכים, האָט די שול־מאַכט געקוקט צווישן די פינגער, אויב די דאָזיקע פאַראָרדענונג איז נישט אָפּגעהיט געוואָרן. נאָר פונדעסטוועגן, דער־



הערנדיק, אַז דער שילער פון צווייטן קלאַס, גראָסער, פירט שמועסן מיט זיינע חברים אויף פּויליש, האָט דער לערער געהאַלטן פאַר זיין חוב צו מאַכן אים אַ פאָרוואורף: די צוגעבונדנקייט צו דער אייגענער שפּראַך, וואָס האָט נאָך געקענט פאַרענטפערט ווערן ביי אַ פּאָליאַק, האָט אים אויסגעזען ווי אַ פאַרברעכן קעגן דער דיסציפּלין מצד אַ ייִדן. סלאַוועקן האָט דער פאָרוואורף ניט איבערגעשראָקן: ער האָט מיט אַנטשלאָסנקייט געמאָלדן, אַז ער האַלט זיך פאַר נישט קיין ערגערן פּאָליאַק ווי זיינע קאָלעגן — קריסטן. די דאָזיקע רעפּליק איז איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל, און דער עלף־יאָריקער מורד־במלכות האָט זיך דערוואָרבן אַן אומגעריכטע פּאָפּולאַריטעט.

דער סיכסוך אין גימנאַזיע האָט איבערגעלאָזט אַ טיפן שפּור אין סלאַוועקס באַוואוסטזיין. דאָס לעבן האָט אים צום ערשטן מאָל אַוועקגעשטעלט פּנים אל פּנים מיטן פאַקט פון אָנגעהעריקייט צום יידנטום. דער דאָזיקער פאַקט האָט אַרויסגערופן ביי אים אַ געפיל פון פאַרלוירנקייט, ווייל די פּלוצלונג אַנטדעקטע נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט האָט נישט פאַרמאָגט קיין שום קאָנקרעטן אינהאַלט. קיינער פון די אַרומיקע האָט נישט געקאָנט פאַרענטפערן די פראַגן, וואָס האָבן דעם יינגל באַאומרואיקט. ענדלעך, שוין זייענדיק אין פערטן קלאַס, האָט זיך סלאַוועק געווענדט צו זיין פעטער לעאָן גראָסגליק, וואָס האָט פאַרנומען דעם אַמט פון סעקרעטאַר אין דער יידישער גמינע, מיט דער בקשה ער זאָל אים העלפן שטודירן יידישע געשיכטע. גראָסגליק האָט

געגעבן זיין פלימעניק לעקציעס פון דער העברעאישער שפּראַך און אים באַזאָרגט מיט עטלעכע היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס פון דער גמינע־ביב־ליאָטעק. סלאָוועק האָט זיך מיט התמדה גענומען צום לייענען און אין אַ יאָר אַרום האָט ער אונטערגעטראָגן זיין לערער צום טאָג פון זיין יובילײ פיר דיקע העפטן. דאָס איז געווען אַ ווערק, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען: „די געשיכטע פון יידן אין פוילן״. אין לעצטן קאַפּיטל האָט דער מחבר אַנטוויקלט דעם געדאַנק, אַז פוילן וועט אומבאַדינגט קומען צום סאָציאַליזם און דעמאָלט וועט די יידן־פראַגע געלייזט ווערן אויפן וועג פון פרייוויליקער אַסימילאַציע.

אין זעקסטן קלאַס גימנאַזיע איז סלאָוועק געוואָרן אַ טעטיקער אַנטייל־נעמער אין דער אומלעגאַלער צענטראַליזירטער אָרגאַניזאַציע פון זעלבסט־בילדונגס־קרייזן, וואָס איז פאַר דער יוגנט געווען אַ שול פון סאָלידאַריטעט און קאָנספּיראַציע. בעת די אָרגאַניזאַציע האָט זיך שפּעטער געשפּאָלטן און איר פּראָגרעסיווער פליגל איז צוגעטרעטן צום אַרויסגעבן דעם שילער־אָר־גאַן „רוך״ (באַוועגונג), איז סלאָוועק געוואָרן אַ רעדאַקטאָר פון דעם דאָזיקן זשורנאַל. קורץ פאַר דער שפּאַלטונג איז אים אויסגעקומען אויסצופעכטן אַ שלאַכט מיט די קאָלעגן־ענדעקעס, וועלכע האָבן געפאָדערט, אַז אין דער אָר־גאַניזאַציע זאָלן אַריינגענומען ווערן בלויז פּאָליאַקן. „וויבאַלד אַזוי, טאָ שליסט אויס מיך — האָט ער געמאָלדן — ווייל איך בין אַ ייד״. די דאָזיקע דעקלאַ־ראַציע פון אָנגעהעריקייט צום יידנטום איז פאַר סלאָוועקס סביבה געווען אַן אומגעריכטע זאַך. „איך בין געוואָרן, שרייבט ער אין זיין אויטאָביאָגראַפיע*), אַ פאַרקערפּערטע דעמאָנסטראַציע... די יידן־פראַגע האָט זיך פעסט צונויפ־געוואַקסן מיט מיין לעבן... אַלץ, וואָס איז געווען געווענדט קעגן יידן, איז דורכגעגאַנגען דורך מיין ׳איך׳. די פּראָבלעם פון יידנטום איז געוואָרן איינע פון מיינע טיפסטע און אינטימסטע איבערלעבונגען.״

דער קאָמפּליצירטער פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער נשמה פון דעם בחור, האָט געהאַלטן ביים פאַרענדיקט ווערן. דאָס אינסטינקטיווע אָפּשטופּן זיך פון אַלץ, וואָס איז יידיש, האָט אָפּגעטרעטן דאָס אָרט דעם געפיל פון געמיינזאַמקייט מיט יידן. דאָס איז נישט געווען קיין קולטור־היסטאָרי־שער פאַרבאַנד, נאָר גיכער אַ געמיינזאַמקייט „אויף צו להכעיס״, אַן אַרויפגע־צוואונגענע דורך די שונאים. פונדעסטוועגן האָט זי באַשטימט די ריכטונג פון סלאָוועקס טעטיקייט. אין דעם קורצן צייט־אָפּשניט, וואָס איז אים צוגע־טיילט געוואָרן דורכן גורל, האָט ער נישט באַוויזן צו פאַרטיפן און צו קאָנ־קרעטיזירן דעם באַגריף וועגן דער יידישער נאַציע, ווי דאָס האָט געטאָן אַן אַנדערער זון פון אַסימילירטע עלטערן — וולאַדימיר מעדעם: דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעשוואַכט ביי אים דאָס געפיל פון אָרגאַנישער פאַרבונדנקייט מיט די יידישע פאָלקס־מאַסן.

באַמיענדיק זיך צו געפינען אַ באָדן פאַר דער דאָזיקער פאַרבונדנקייט, איז סלאָוועק, לויטן ביישפּיל פון אַ סך האַלבע אַסימילאַטאָרן, פאַרכאַפּט גע־

*) עס האַנדלט זיך וועגן אַ קורצער ביאָגראַפישער עסיי, געשריבן אין יאָר 1911 און באַשטימט פאַר דער טאָכטער.

וואָרן פון דער קאָנצעפּציע וועגן דער היסטאָרישער מיסיע פון יידישן פאָלק — דעם טרעגער פון פּראָגרעסיווע באַפרייאונגס־אידייען. די דאָזיקע קאָנצעפּ־ציע האָט אַריינגענומען דאָס פּוילישע יידנטום אין די ראַמען פון פּוילנס לעבן, אונטערשטרייכנדיק אין דער זעלבער צייט די יידישע נאַציאָנאַלע אייגנאַר־טיקייט. בעת סלאָוועק האָט אַנטוויקלט זיינע געדאַנקען פאַר די יינגע סאָציאַ־ליסטן — די ברידער גאָלדע, האָט אַלעקסאַנדער גאָלדע באַמערקט: „אייגנט־לעך איז עס די איינשטעלונג פון בונד, אָבער מיט אַ צומיש פון פּאָעזיע און מיסטיק". די דאָזיקע ווערטער האָבן סלאָוועקן שטאַרק פאַרחידושט : ער האָט קיין אַנונג נישט געהאַט וועגן דער עקסיסטענץ פון אַ יידישער סאָציאַליסטי־שער פּאַרטיי.

דעם יינגן טרוימער איז צייטווייליק אויסגעקומען זיך צו פאַרנעמען מיט באַשיידענער פּראַקטישער אַרבעט : בעת עס איז געשאַפן געוואָרן די קאַסע פון קעגנזייטיקער הילף פאַר יידישע סטודענטן, וואָס לערנען זיך אין אויס־לאַנד, איז ער אויסגעקליבן געוואָרן פאַר איר פאָרזיצער. מער ברייטע פּער־ספּעקטיוון האָט געעפנט די אַרבעט אין דעם אומלעגאַלן „זוויאָנזעק" (פאַראיין פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער יוגנט). דער „זוויאָנזעק" האָט געפירט אַ סיסטעמאַטישן קאַמף מיט דער שול־מאַכט, האָט אָרגאַניזירט זעלבסטביל־דונגס־קרייזן פאַר אַרבעטער, איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט פאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. אַ גרופּע פון סלאָוועקס קאָלעגן איז אַוועק אין „פאַראיין פון דער פּ. פּ. ס.־אישער יוגנט". ער האָט פאַראורטיילט זייער אָפּ־רייסן זיך פון דער געמיינזאַמער אָרגאַניזאַציע, זייער איבערגעטריבענעם נאַ־ציאָנאַליזם און דאָס אונטערשטרייכן די „פּוילישקייט". אין די קרייזן פון דער יוגנט איז הייס דעבאַטירט געוואָרן די נאַציאָנאַלע פראַגע. סלאָוועק האָט זיך גענומען שטודירן די פּאַרטיי־ליטעראַטור. אין זיינע אַרויסטרעטונגען האָט ער פּרובירט צו ברענגען אין איינקלאַנג דעם שטאַנדפּונקט פון בונד מיט דעם פון דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

זיין פאַרבינדונג מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג איז וואָס ווייַ־טער געוואָרן אַלץ ענגער. אַלעקסאַנדער גאָלדע האָט אים צוזאַמענגעפירט מיט אַ ריי וואַרשעווער אַקטיווע טוער. אין לאָדזש, וואוהין ער איז געפאָרן אין די ענינים פון „זוויאָנזעק", איז אים אויסגעקומען זיך צו באַטייליקן אין אַ פאַר־זאַמלונג פון יידישע אַרבעטער, וואָס איז פאָרגעקומען הינטער דער שטאָט, און דאָרט האָט ער צום ערשטן מאָל געהערט די פייערלעכע קלאַנגען פון דער „שבועה". זיי זיינען אים טיף אַריין אין דער נשמה און פון דעמאָלט אָן האָט ער נישט געקענט הערן דעם דאָזיקן ניגון אָן אַן אינערלעכן ציטער. צוקוקנדיק זיך צו דער אַרבעט פון די נייע חברים, איז סלאָוועק געקומען צו דער איבער־צייגונג, אַז די טעטיקייט פון בונד איז צופיל איזאָלירט פון דער אַרו־מיקער סביבה. ס'זיינען נויטיק — האָט ער געטראַכט — קאַדרען־טוער, וואָס זיינען ענג פאַרבונדן מיט פּוילן און מיט איר קולטור. עטלעכע פון סלאָוועקס שול־חברים, וואָס האָבן באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין דער פּ. ס. ד., האָבן זיך באַמיט אים צו איבערצייגן, אַז ער דאַרף נאָכטאָן זייער ביישפּיל. זיי האָבן אָנ־געוויזן, אַז אויף אַן אמת פאַנאַנדערוויקלען זיינע כוחות וועט ער קענען נאָר

אין דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג. סלאַוועק האָט עקשנותדיק אָפּגע־
ענטפערט, אַז זיין אָרט איז אין די רייען פון בונד, אַז בלויז דאָרט וועט ער קענען
דערפילן די אויפגאַבע, וועלכע ער האַלט פאַרן ציל פון זיין לעבן: „פאַרטיי־
דיקן די אינטערעסן פון יידישן אַרבעטער־קלאַס אויפן באָדן פון פוילן און
פאַרטיידיקן פוילן אין די הערצער פון די יידישע אַרבעטער".

די געדאַנקען וועגן דער צוקונפט האָבן געברענט אין זיין מוח, ווען ער
פלעגט שפּרייזן — אַמאָל אַליין און אַמאָל אין דער געזעלשאַפט פון גוטע
פריינט — איבער דער ברייטער שאָטנדיקער אַלייע, וואָס האָט געפירט פון
קוזמיר קיין פולאַוו און האָט געשמעקט מיטן האָניק־ריח פון בליענדיקע לי־
פּע־ביימער. דעם זומער פון 1902 האָט סלאַוועק פאַרבראַכט אין קוזמיר ביי
דער ווייסל. אין די הייזקעס, צוגעקלעפּטע ווי פויגלשע נעסטן צו די משופּע־
דיקע בערגלעך, האָט זיך באַזעצט אַ טומלדיקע טשאַטע פון גרויס־שטאָטישער
יוגנט. די יוגנט איז געווען אַ היציקע, אַן אומרואיקע, אַ בונטאַרישע. די פּלע־
נער פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט האָבן זיך צונויפגעוועבט מיט טרוימען
וועגן פּערזענלעכן גליק, אַ שעמעוודיקע יונגע פאַרליבטקייט מיט שטרענגע
אידעאַליסטישע אימפּעראַטיוון. אַ נייער מענטש אין דעם דאָזיקן קרייז איז
געווען אַ הויכער, טונקל־אויגיקער, ערנסטער יינגערמאַן, אַן אביטוריענט פון
דער לובלינער גימנאַזיע, הענריק ערליך. דער יינגער לובלינער האָט פאַר־
מאָגט אַ געוויסן געזעלשאַפטלעכן סטאַזש: ער האָט זיך אַרויסגערוקט אין דער
אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער שטודירנדיקער יוגנט. פאַר
סלאַוועקן איז די דאָזיקע באַגעגעניש געווען אַ געשעעניש: צום ערשטן מאָל
האָט אים דאָס לעבן צוזאַמענגעפירט מיט אַ סאָציאַליסט, וואָס האָט געקענט
פאַראייניקן זיין צוגעבונדנקייט צום לאַנד און צו דער פּוילישער קולטור מיט
אַ געפיל פון אַן אָרגאַנישער אָנגעהעריקייט צום יידנטום. אויף די קרומלעכע
שטעגן, וואָס האָבן זיך געשלענגלט ביז צו דער ווייסל, האָבן זיך צעפלאַקערט
יינגע היציקע שמועסן. פון די דאָזיקע געשפּרעכן איז אויסגעוואַקסן נישט
בלויז אַ פריינטשאַפט, נאָר אַן אומצערייסבאַרער פאַרבאַנד: פון איצט אָן וועלן
די וועגן פון די צוויי פריינט זיך קרייצן און צוזאַמענפלעכטן אויף פאַרשידענע
געביטן פון לעבן, ביז דער טויט וועט נישט צערייסן די קייט, די אויסגע־
שמידטע דורכן גורל.

נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע האָט זיך סלאַוועק געפונען אויפן שיידוועג.
עס האָט אים געצויגן צו פילאָסאָפיע, געשיכטע און סאָציאַלע וויסנשאַפטן;
ער האָט אָבער באַשלאָסן צו שטודירן אויך רעכט, כדי צו האָבן אַ מעגלעכ־
קייט אַרויסצוהעלפן דעם פאָטער, וואָס איז תמיד געווען דערדריקט פון מאַ־
טעריעלע זאָרגן. פאַרן אַוועקפאָרן אין אויסלאַנד איז סלאַוועק פאָרמעל אַריינ־
געטרעטן אין בונד. כמעט אין דער זעלבער צייט האָט דאָס געטון אויך ערליך.
פאַרלאָזנדיק וואַרשע, האָט סלאַוועק געטרוימט נישט בלויז וועגן לעקציעס
פון גרויסע אייראָפּעאישע געלערנטע, נאָר אויך וועגן דער אַטמאָספער פון
פּאָליטישער פרייהייט און וועגן דער מעגלעכקייט פון אַן אָפּענעם מיינונגס־
אויסטויש: ער האָט געפילט אַ באַדערפעניש אָפּן צו פאַרטיידיקן די גרונט־
יסודות פון זיין נייעם גלויבן.

דאָס אוניווערסיטעט־לעבן האָט זיך פֿאַר סלאַוועקן אָנגעהויבן אין דער שטילער, גרינער, מוזעאַלער קראָקע. פֿון דאָרטן האָט ער איבערגעוואַנדערט קיין ציריך. דאָ האָבן אין די סטודענטישע קרייזן געקאָכט די שטרייטן: אין די איבערפֿולטע זאַלן האָבן זיך פֿאַרמאָסטן פֿירער פֿון פֿאַרשידענע פּאַרטייען, ווערבירנדיק אָנהענגער און צעפֿלאַקערנדיק די פּאָליטישעליידנשאַפֿטן. און ביסלעכווייז האָט זיך די סטודענטישע אוידיטאָריע צוגעוואוינט צו דעם, אַז אויף דער טריבונע זאָל אימפּעטיק, אַזוי ווי אַ געטראָגענער פֿון אַ ווירבלווינט, אַרויפֿלויפֿן אַ מאָגערער, עטוואָס איינגעבויגענער בחור אין אַ צעפֿלויגענער פּעלערינע. ס׳איז געווען עפּעס אַזוינס ווי ייִנגלשע שעמעוודיקייט אין זײַנע נערוועזע, אומבאַהאָלפֿענע באַוועגונגען, אָבער די שטים זײַנע האָט געקלונגען זיכער, און די אַרגומענטן פֿלעגן פֿאַלן פֿעסט, וואָגיק, אומבאַשטרייטבאַר. די צוהערער האָט נישט געאַרט, אַז זײַן רוסיש איז צו ליטעראַריש און האָט אַ בולטן פּוילישן אַקצענט. אַ שטראָם פֿון הויכער שפּאַנונג פֿלעגט דורכנעמען די אוידיטאָריע. סלאַוועקס פּאָפּולאַריטעט איז געוואַקסן: ס׳האָבן אים אָנגעהויבן פֿאַרבעטן צו זיך פֿאַרשידענע סטודענטישע גרופּן. דער צוואַנציק־יאָריקער רעדנער האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַן ערנסטן קעגנער אין דעבאַטן. מיט אים האָבן זיך נישט געשעמט צו קרייצן שווערדן רייפֿע, אויסגעשולטע פּאַרטיי־טוער. טראָצקי, וואָס איז אַרויסגעטרעטן קעגן אים אין אַ דיסקוסיע וועגן דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע אין איינער פֿון די דרום־דייטשע שטעט, דערמאָנט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, ווי עס האָט אים דעמאָלט איבעראַשט די פֿאַראייניקונג פֿון כמעט ייִנגלשער, קרענקלעכער צאַרטקייט מיט אינערלעכער קראַפֿט און אינטעלעקטועלער רייפֿקייט. זײַן שאַרף אויער האָט אין דער שטים פֿון ייִנגן אָפּאָנענט דערהערט דעם „מעטאַל־קלאַנג פֿון אַן אמתן טריבון״. אַ גלענצנדיקע צוקונפֿט האָט נאָך אַ לאַנגן פֿאַרמעסט פֿאַראויסגעזאָגט סלאַוועקן אויך זשיטלאָווסקי. באַזונדערס שטאַרק פֿלעגט זיך סלאַוועק פֿילן, ווען ער פֿלעגט אַרויסטרעטן אין זײַן אייגענער שפּראַך. ווען ער האָט איינמאָל אין קראָקע געהאַלטן אַ רעפֿעראַט וועגן בונד פֿאַר דער סטודענטישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע „רוך״, האָט האָרוויץ־וואַלעצקי תּיכּף נאָך דעם רעפֿעראַט געבעטן אַ וואָרט צו אָפּאָנירן, ווייל ער האָט דערפֿילט אַן ערנסטע געפֿאַר...

אין 1904 האָט דער אויסלענדישער קאָמיטעט פֿון בונד באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ פּאַרטיי־אָרגאַן אין דער פּוילישער שפּראַך און באַשטימט צוויי רעדאַקטאָרן — סלאַוועקן און ליבערן, אָבער מער ווי אויף אַרויסצוגעבן עטלעכע נומערן איז קיין געלט נישט געווען. די אַרבעט אין רעדאַקציע האָט דערנענטערט סלאַוועקן מיט די חברים פֿון אויסלענדישן בונדישן צענטער. מיט עטלעכע פֿון זיי האָבן זיך בײַ אים איינגעשטעלט פֿריינטשאַפֿטלעכע באַציאונגען. אין פֿריינטשאַפֿט, ווי אין אַלע זײַנע באַציאונגען צו מענטשן, האָט סלאַוועק גלייכצייטיק אי אַ סך פֿון זיך געגעבן, אי אַ סך געפֿאָדערט. ער האָט אַרייַנגעטראָגן אין איר אַ שטאַרקן ברען, אַן עקזאַלטאַציע פֿון איבערגעגעבנקייט און טריישאַפֿט. גאָר נאָענט איז ער געוואָרן מיט מעדעמען. זיי האָט פֿאַרבונדן ניט בלויז זייער אידייאישע איינשטעלונג, נאָר אויך זייער ברייטער גייסטיקער בליק, די ליידנשאַפֿט פֿאַר ליטעראַטור און טעאַטער, די נײַגעריקייט צום לעבן אין

אַלע זיינע אויסדרוקן און פֿאָרמען. די שמועסן זייערע, פֿאַרשידנאַרטיקע לויט די טעמעס, האָבן דערמאָנט מיט זיך דאָס שלייפֿן פֿון אַ שטיין אָן אַ שטיין, וואָס צינדט אָן פֿונקען. ביידע פֿריינט זיינען געקומען צום בונד מיט איינעם און דעם זעלבן וועג, און מעדעם האָט בעסער פֿון אַלע אַנדערע פֿאַרשטאַנען וואָס פֿאַר אַ זעלבסט־באַגרענעצונג עס איז געווען פֿאַר זיין יינגערן חבר דאָס אָפּזאָגן זיך צו אַרבעטן אין דער פּוילישער סביבה.

סלאַוועק האָט פֿאַרלאָזט וואַרשע מיט אַ פֿעסטן באַשלוס זיך צו לערנען, די פּאַרטיי־טעטיקייט, די באַציאונגען מיט די חברים, די קאָמפּליצירטע אינ־טימע איבערלעבונגען האָבן אים אָבער כסדר אָפּגעריסן פֿון זיין שטודיום אין אוניווערסיטעט. ער האָט באַזוכט לעקציעס וועגן פֿילאָסאָפֿיע און סאָציאָלע וויסנשאַפֿטן, געאַרבעט אין ביבליאָטעקן, מאַכנדיק אויסצוגן פֿון ביכער, וואָס האָבן סטימולירט זיין געדאַנק — דאָס האָט אָבער אַלץ נישט שטילער געמאַכט די אינערלעכע אומרואיקייט. די אומרואיקייט איז נאָך שטאַרקער געוואָרן בעת פֿון פּוילן האָבן אָנגעהויבן קומען ידיעות וועגן וואוקס פֿון רעוואָלוציאָנערע שטימונגען. סלאַוועקן האָט אַ צי געטאָן קיין וואַרשע. דאָרטן האָט ער זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפֿן אין דער פּאַרטיי־אַרבעט, אויספֿירנדיק ווי אַ מיטגליד פֿון וואַרשעווער בונדישן קאָמיטעט פֿאַרשידנאַרטיקע פֿונקציעס, איינשליסנדיק אויך ריין טעכנישע. און גאָר גיך איז פֿאַר די יידישע אַרבעטער פֿון וואַרשע, לאָדזש און ווילנע דער דאָזיקער אינטעליגענט, וואָס האָט זייער שפּראַך נישט געקענט, געוואָרן דאָס, וואָס ער איז פֿאַרבליבן ביזן סוף פֿון זיינע טעג — „אונזער סלאַוועק.״

די שטרענגע דיסציפּלין פֿון קאָנספּיראַציע איז פֿאַר אים געווען אַ שווע־רער ענין: פֿאַרזיכטיקייט איז נישט געלעגן אין זיין נאַטור. דער אונטערערד האָט אים געשטיקט. די שטים, וואָס האָט געדאַרפֿט קלינגען איבער אָפֿענע פּלעצער, האָט זיך געמוזט אַראָפּלאָזן ביז צו אַ געפּליסטער. שפּעטער האָט ער אין אַ קרייז פֿון גוטע פֿריינט מודה געווען, אַז אין זיין מוח איז נישט איינמאָל אויפֿגעקומען אַ פֿאַנטאַסטישער פּלאַן, וואָס לויט אים האָבן אין אַ באַשטימטן מאָמענט אַלע מיטגלידער פֿון די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס געדאַרפֿט אַרויסגיין אין דער עפֿנטלעכקייט און מעלדן וועגן זייער פּאַרטייאישער אָנגע־העריקייט. דאָס וואָלט דער רעגירונג אַוועקגעשטעלט פֿאַר דער ברירה — לעגאַליזירן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, אָדער דורכפֿירן אַרעסטן פֿון פֿיל טויזנטער אויפֿן שטח פֿון גאַנץ רוסלאַנד...

דער אונטערערד איז אויפֿגעריסן געוואָרן דורך דער סטיכיע פֿון פֿאָלקס־צאָרן. ספּעציעל הויך האָט זיך די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע אויפֿגעהויבן אין די ראַנד־געביטן, וואו פּאָליטישע און סאָציאָלע אונטערדריקונג איז געווען פֿאַרבונדן מיט נאַציאָנאַלער. וואַרשע איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָכע־דיקן קעסל: די אַרבעטער פֿון די הינטערשטאָטישע קוואַרטאַלן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום צענטער שטאָט. די אויפֿגעבראַוזטע מאַסן האָבן אויפֿגעריסן די טירן פֿון די קאָנצערט־און טעאַטער־זאַלן, די טעאַטער־בינעס האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין טריבונעס. די פּאָליציי איז נישט געזעסן מיט פֿאַרלייגטע הענט, אָבער גאַנץ אָפֿט איז איר אויסגעקומען צו קאַפּיטולירן פֿאַר דער צעשטורעמטער סטיכיע.

אין דער דאָזיקער אַטמאָספער איז סלאַוועק אויסגעוואַקסן, האָט זיך אויסגע־גלייכט, איז רייף געוואָרן. ווען ס׳איז אים אויסגעקומען אַרויסצוטרעטן אין איבערפולטן זאַל פון דער פילהאַרמאָניע, האָט דאָס אָנגעשטרענגטע שווייגן פון דער מאַסע, וואָס איז יעדע מינוט גרייט געווען איבערגעריסן צו ווערן מיט אַ ליד, אָדער מיט אַן אויסגעשריי, אים אויפגעהויבן אַזוי ווי כוואַליעס הויבן אויף אַ שווימער. עס איז מקוים געוואָרן דער טרוים פון דער יוגנט: אין דער איי־גענער וואַרשע, אויף די גאַסן, וואָס האָבן געדענקט לעלעוועלן און טראַוגוטן, האָט צוריק אויפגעלעבט דער גייסט פון פרייהייט.

די רעוואָלוציע האָט אָנגעצונדן נישט בלויז דאָס געפיל, נאָר אויך דעם געדאַנק: צענטליקער נייע פּראָבלעמען האָבן געמוזט געלייזט ווערן. די איינ־טעליגענץ, די סטודענטנשאַפט פלעגן מחנותוויז קומען צו די רעפעראַטן. אין דעם מער געשלאָסענעם קרייז, אויף די פּאַרטייאישע באַראַטונגען און צווישן־פּאַרטייאישע צוזאַמענקונפטן, זיינען באַהאַנדלט געוואָרן נייע טעמעס: דאָס וואָס איז נעכטן געווען טעאָריע, האָט היינט געדאַרפט פּאַרקערפּערט ווערן אין לעבן. אין די דאָזיקע באַדינגונגען פלעגט דער טריבון זיך פאַרוואַנדלען אין אַ דיאַלעקטיקער: די שטרענגע לאָגיק, די ראַפינירטע שכלדיקייט, די שאַרפ־קייט פון אַנאַליז האָבן סלאַוועקס רעפעראַטן געמאַכט פאַר געשעענישן אין אינטעלעקטועלן לעבן פון וואַרשע.

סלאַוועקס עלטערן האָט איבעראַשט די אומוואַנדלונג פון דעם יינגן טרוימער אין דעם רייפן פּאָליטישן טוער. דער פאָטער האָט אָן שום וואַקלע־נישן אָנגענומען דעם זונס נייעם גלויבן און דעם נייעם קרייז פון זיינע פריינט און מיטקעמפער. די דאָזיקע מענטשן זיינען געווען מיטגלידער פון דער אומ־לעגאַלער באַוועגונג, זיי האָט תמיד געדראָט די געפאַר אַרעסטירט צו ווערן, און ניקאָדעם גראָסער האָט זיך נישט געשראָקן פאַר קיין סכנה, כדי צו קומען זיי צו הילף. די מוטער איז געווען באַהערשט פון קעגנזעצלעכע געפילן: זי האָט שטאָלצירט מיט איר זון, אָבער מיט ווייטאָג געקוקט אויף זיין אַוועקגיין אין דער גרויער, נאָמענלאָזער יידישער מאַסע, וואָס איז פאַר איר פרעמד גע־ווען.

סלאַוועק האָט אַ סך צייט אָפּגעגעבן דער פּובליציסטיק: ער האָט פאַר־עפנטלעכט אין פּוילישע זשורנאַלן (קראָקעווער קריטיקאַ און לעמבערגער גלאָס) אַ ריי אַרטיקלען וועגן יידן אין פּוילן. גלייכצייטיק האָט ער רעדאַגירט צוזאַמען מיט הענריק ערליכן דעם אומלעגאַלן בונדישן אָרגאַן נאַשע האַסלאָ (אונזערע לאָזונגען). אויף די שפּאַלטן פון נאַשע האַסלאָ איז צום ערשטן מאָל אין דער בונדישער פּרעסע אויפגעהויבן געוואָרן די שטרייט־פראַגע וועגן דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן. לויט סלאַוועקס איניציאַטיוו איז דאָס דאָזיקע פּראָבלעם אַוועקגעשטעלט געוואָרן צום באַהאַנדלען אויפן זעקסטן צוזאַמענ־פאָר פון בונד.

דער געזעלשאַפטלעכער אויפשוואונג האָט געשאַפן אין די רעוואָלוציאָ־נערע קרייזן אַ דראַנג צו פאַראייניקן אַלע כוחות, כדי צו באַקעמפן דעם גע־מיינזאַמען שונא. דער פּרואוו צו פאַראייניקן זיך אין אַ ברייטן פאַרנעם איז דורכגעפאַלן; דערפאַר איז נאָך דרינגענדיקער געוואָרן די באַדערפעניש אין

דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פֿאַראייניקונג פֿון די פּאַרטייען, וואָס נעמען אָן אַ געמיינזאַמען פּראָגראַם. ס'איז אַרויפֿגעשוואומען דער פּראָיעקט וועגן אומ־קערן זיך פֿון בונד אין די רייען פֿון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטי־שער פּאַרטיי.

דער דאָזיקער פּראָיעקט האָט צעטיילט דעם בונד אויף צוויי פֿראַקציעס: די „ווייכע", וואָס זיינען באַשטאַנען אויף דער פֿאַראייניקונג אפֿילו פֿאַרן פּרייז פֿון געוויסע הנחות, און די „האַרטע", וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מען מוז איינ־האַלטן די אָרגאַניזאַציאָנעלע אומאָפּהענגיקייט. סלאַוועק, װעלכער איז גע־וואָרן איינער פֿון די לידערס פֿון די „האַרטע", האָט זיך אַריינגעוואָרפֿן אין דער פּאָלעמיק מיט מעדעמען און ליבערן. אויף די שפּאַלטן פֿון רוסישן אָר־גאַן נאַשע סלאָוואָ (אונזער וואָרט) אין אַרטיקלען, אונטערגעשריבן מיטן פּסעוודאָנים „זעלצער", האָט ער דערוויזן, אַז דער גרונט־פֿעלער פֿון די „ווייכע" איז זייער נישט דערשאַצן די ראָל פֿון דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט אין פּראָצעס פֿון דער רעוואָלוציע. אַ פּאָליטישע איבערקערעניש — האָט ער גע־שריבן — ווערט דורכגעפֿירט מיט די געמיינזאַמע אָנשטרענגונגען פֿון אַלע טיילן פֿון דער אַלרוסלענדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג; די דערפֿאָלגן פֿון בונד אויף איינעם פֿון די אָפּשניטן פֿון אַלגעמיינעם פֿראָנט דערנענטערן דעם נצחון. ענטפֿערנדיק מעדעמען, וואָס האָט אויפֿמערקזאַם געמאַכט אויף דער געפֿאַר פֿון איזאָלירטקייט, האָט סלאַוועק אָן אויפֿגערעגטער געוואָרנט קעגן אָפּזאָגן זיך פֿון אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן און טראַדיציעס, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר דעם כוח פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג.

אויף דער קאָנפֿערענץ, וואָס איז געווען געווידמעט דער אָרגאַניזאַציאָ־נעלער פֿראַגע, איז די פֿראַקציע פֿון די „האַרטע" געווען אין דער מינדער־הייט. סלאַוועק האָט מיט ברען פֿאַרטיידיקט זיין פּאָזיציע. מיט נישט קיין קלע־נערער היציקייט איז ער אויך אויף זיבעטן צוזאַמענפֿאָר פֿון בונד (1906) באַ־שטאַנען אויף דער טאַקטיק פֿון באָיקאָט פֿון דער „גאָסודאַרסטווענער דומע". ער האָט נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט דעם געדאַנק, אַז די רעוואָלוציע גייט באַרג אַראָפּ.

אין לאַנד איז מיט יעדן חודש שטאַרקער געוואָרן דער פּאָליציייִשער שפּיאָנאַזש: די מיאַזמען פֿון פּראָוואָקאַציע האָט פֿאַרסמט די אַטמאָספֿער. סלאַוועק איז אין די טעג פֿון דער רעוואָלוציע געוואָרן אַ קענטיקע פֿיגור. די חברים האָבן געפֿאָדערט ער זאָל אומבאַדינגט אַוועקפֿאָרן פֿון וואַרשע. ער איז אַליין אויך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ס'איז צייט דערפֿירן צו אַ סוף זיין איבערגעריסענע אוניווערסיטעט־בילדונג. אַזאַ באַשלוס האָט אויך אָנגע־נומען הענריק ערליך. ביידע פֿריינט האָבן באַשלאָסן אָנצוקומען אין פּעטער־בורגער אוניווערסיטעט און צוזאַמען דורכמאַכן דעם קורס אין אַ גיכן טעמפּ.

סלאַוועק האָט געבראַכט אין פּעטערבורג זיין יונגע פֿרוי. טשעסלאַווע (סלאַווע) יאַכימאָוויטש האָט געשטאַמט פֿון אַ רוסיפֿיצירטער וואָלינער שליאַכ־טע. אירע ברידער, גוואַרדיע־אָפֿיצערן, האָבן איבערגעריסן די באַציאונגען מיט דער שוועסטער, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ ייִדן. סלאַווע, אַן אימ־פּולסיווו, הייסבלוטיק מיידל, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אַ קלאָרן אַנאַליטישן שכל,

איז געוואָרן פאַר סלאַוועקן אַ טרייע חברטע: זי האָט געטיילט נישט בלויז זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען, נאָר אויך זיין ליידנשאַפטלעכן אינטערעס צו מענטשן, צו ביכער, צו קונסט. ביז דער חתונה האָט זי מיט גרויס התמדה שטודירט מעדיצין, גרייטנדיק זיך צו דער ראָל פון אַ דאָקטאָר, אַ געזעלשאַפטלעכער טוערין. די גראָסערס האָבן זיך באַזעצט נאָנט צו דער הויפּט־שטאָט אין אַ פינלענדישן שטעטל. דאָרטן איז ביי זיי געבוירן געוואָרן זייער טאָכטער מאַריסיע.

דאָס לעבן אין דעם הינטערשטאָטישן הויז איז ביז איבער די ברעגעס געווען איבערפולט מיט אַרבעט. סלאַוועק און הענריק האָבן גאַנצע טעג זיך פאַרנומען מיטן שטודירן די קאָדעקסן, באַהערשנדיק דעם קורס מיט אַ שנעלקייט, וואָס האָט איבעראַשט זייערע קאָלעגן. אין די אָוונטן פלעגט מען די לערביכער אַוועקלייגן אָן אַ זייט. אין קליינעם עס־צימער זיינען אונטערן וואָיען פון ווינט און ווייטען אָפּקלאַנג פון ים־כוואַליעס געלייענט געוואָרן לידער — פּוילישע און רוסישע, און אַמאָל אויך פּראָזע. סלאַוועק — דער הויפּט־פּאַרלייענער — האָט געלייענט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער מייסטערשאַפט „דזשיאַדי", „וועסעלע", „קאָרדיאַן" און די ליריק פון „יינג פּוילן". ער איז אויך באַגייסטערט געווען פאַר דער רוסישער פּאָעזיע *).

די צוגרייטונגען צו די מלוכה־עקזאַמענס איז אויף אַ צייט אויסגעקומען איבערצורייסן: אין פרילינג 1907 איז סלאַוועק אַוועקגעפאָרן אַלס דעלעגאַט פון בונד צום לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער ס. ד. פּאַרטיי. אין דער בונדישער פּראַקציע, ווי אָפּנים בכלל אויפן צוזאַמענפאָר, איז ער געווען דער יינגסטער פון די דעלעגאַטן. טראָצקי האָט אין זיין גלענצנדיק אָנגעשריבענער כאַראַקטעריסטיק באַמערקט, אַז אין דער סביבה פון די פּאַרטיי־טוער מיט סאָלידן סטאַזש האָט זיך ספּעציעל געוואָרפן אין די אויגן סלאַוועקס יוגנטלעכקייט — די פרישקייט, מיט וועלכער ער נעמט אויף זאַכן, זיין גיריקייט צו איינדרוקן און יענע פּאַראייניקטע מיט באַשיידנקייט זיכערקייט אין זיך, וואָס עס פאַרמאָגן בלויז באַגאַבטע מענטשן. אין לאָנדאָן האָבן סלאַוועק און טראָצקי געוואוינט אין שכנות, האָבן אַ סך אַרומגעוואַנדערט איבער דער שטאָט און געפירט לאַנגע שמועסן.

די בונדישע פּראַקציע האָט אויפן צוזאַמענפאָר זיך באַמיט צו פאַרנעמען די פּאָזיציע פון צענטער — צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. אויך סלאַוועק־זעלצער האָט זיך געהאַלטן ביי דער דאָזיקער ליניע. איינע פון זיינע רעדעס איז געווען געווענדט קעגן דעם מענשעוויק מאַרטינאָוו, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז בלויז די פאַראייניקונג פון די אָפּאָזיציאָנעלע כוחות אונטער געמיינזאַמע לאָזונגען קען פאַרזיכערן דעם זיג פון דער רעוואָלוציע. אַזאַ איינהייט, לויט סלאַוועקס מיינונג, האָט נישט געקענט פאַרווירקלעכט ווערן, ווייל יעדער קלאַס קעמפט אין נאָמען פון זיינע אייגענע בלוטיקע אינטערעסן. כדי

*) אַ שטענדיקע מיטבאַטייליקטע פון די ליטעראַרישע אָוונטן און די רוסישע פאַרלייענערין איז געווען די שרייבערין פון די שורות, אין יענער צייט אַ סטודענטין פון פּעטערבורגער אוניווערסיטעט.

די רעוואָלוציע זאָל קענען מנצח זיין, מוז דער דאָזיקער קאַמף זיך פאַנאַנדער־וויקלען אין פוילן פאַרנעם. אַפּוואַרפנדיק די מעגלעכקייט פון אייניקייט פון דער אָפּאָזיציע, האָט סלאָוועק פונדעסטוועגן געהאַלטן פאַר נישט אַננעמבאַר אויך די קאָנצעפּציע פון ראָזע לוקסעמבורג, וואָס האָט געזען אין פּראָלעטאַריאַט דעם איינציקן רעאַלן כוח פון רעוואָלוציע. אויב עס וואָלט אַזוי געווען — האָט ער דערוויזן — וואָלט די רעוואָלוציע זיך געדאַרפט פאַרוואַנדלען אין אַ סאָציאַלע אָדער פאַרמשפּט ווערן אויף אומקום.

מיט אַ באַזונדער געפיל האָט געקלונגען סלאָוועקס רעדע, בעת ער האָט זיך באַמיט מאָלן אַ לעבעדיק בילד פון אונטערדריקטן פוילן, וואו די נאַטירלעכע פאַרבינדעטע פון אַרבעטער־קלאַס זיינען די פויערים און דאָס קליינבירגערטום. מיט ביטערניש האָט ער קאָנסטאַטירט, אַזביידע פּראַקציעס פון דער ר. ס. ד. א. פּ. פאַרבייטן סיסטעמאַטיש דעם באַגריף „רוסלענדער" מיטן באַגריף „רוסישער", איגנאָרירנדיק די אייגנאַרטיקע באַדינגונגען פון די ראַנדגעביטן, וואו די אַרויפגעצוואונגענע רוסיפיקאַציע איז גורם רעוואָלוציאָנערע שטימונגען.

נישט איינמאָל איז דעם ייִנגסטן פון די דעלעגאַטן אויסגעקומען זיך צו פאַרמעסטן מיט די עלטערע פאַרטיי־פירער. בעת לענין האָט געמאַכט אַ באַמערקונג וועגן דער הילפלאָזיקייט פון בונד, האָט סלאָוועק תיכף־ומיד אָפּגעשלאָגן דעם קלאַפּ: „יאָ, מיר זיינען הילפלאָז אין די צענטראַלע קערפּערשאַפטן פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ. — האָט ער געזאָגט — אָבער דערפאַר זיינען מיר שטאַרק מיט אונזער פאַרבינדונג מיט די מאַסן; וועגן די באָלשעוויקעס קען מען זאָגן פונקט דאָס פאַרקערטע."

אומקערנדיק זיך אין פּעטערבורג, האָט סלאָוועק מיט נאָך מער התמדה זיך גענומען צום לערנען, וועלנדיק אָניאָגן די דורכגעלאָזטע צייט. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער אָפּגעבן דעם עקזאַמען און ווערן מאַטעריעל אומאָפּהענגיק. זיצן איבער די ביכער איז אים איצט אויסגעקומען ביז שפּעט אין דער נאַכט. ער האָט זיך אָבער נישט באַקלאָגט: די רעכטלעכע חקירות האָבן אים אַריינגעצויגן, ער האָט געשליפן אויף זיי זיין שאַרפן אינטעלעקט. אין ציקל פון די קעגנשטאַנדן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער יוריספּרודענץ, זיינען אויך אַריינגעגאַנגען פילאָסאָפיע און סאָציאָלאָגיע. לייענענדיק גרויסע ווערק, האָט סלאָוועק אומדערמידלעך געמאַכט נאָטיצן, פאַרשריבן די פּלוצלונג אַרויפגעקומענע געדאַנקען. אַ סך פון די דאָזיקע נאָטיצן זיינען געווען עמבריאָנען פון וויסנשאַפטלעכע טראַקטאַטן, וועלכע עס וועט נישט באַשערט זיין — ער האָט עס מיט אומעט פאָראויסגעפילט — געדרוקט צו ווערן. עס זיינען געווען צופיל זאַכן, וואָס האָבן געמאַטערט דעם אומרואיקן מוח: ס'האָט זיך געוואָלט פאַרטיפן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע און אין דער פילאָסאָפיע פון מאַרקסיזם, און אויף אַ נייעם, אַ סאָציאַליסטישן אופן צוגיין צו די רעכטלעכע דאָגמען. אָבער דאָס פּראָגראַם פון שטודיום האָט דיקטירט שטרענגע זעלבסטבאַגרענעצונג.

די מלוכה־עקזאַמענס זיינען פאַר סלאָוועקן געוואָרן אַ קייט פון טריומפן. בעת די פּראָפעסאָרן האָבן אין זיינע ענטפערס אויף געוויינלעכע פראַגן אַנט־

דעקט זיין אָריגינעלן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון רעכט און די פּעאיקייט פון דיאַלעקטישן דענקען, זיינען די פאָרמעלע עקזאַמענס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לעבהאַפטע שמועסן. איינציקע פון די עקזאַמינאַטאָרס האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט די וויטערדיקע פּלענער פון יינגן יוריסט און זיך גענומען אים איבערצייגן, אַז ער זאָל זיך ווידמען וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט. מיט באַזונדערער היציקייט איז באַשטאַנען דערויף דער פּראָפעסאָר פון קירכלעכן רעכט; ער האָט פאַרגעלייגט סלאָוועקן אויפן אָרט אַ קאַטעדרע אין דער טעאָלאָגישער אַקאַדעמיע, מיט וועלכער ער האָט פאַרוואַלטעט...

נאָכן פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט זיינען פאַר סלאָוועקן אויפגעשטאַנען נייע אויפגאַבן סיי אויפן פּערזענלעכן, סיי אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט. די אויפגאַבן פון פּערזענלעכער נאַטור האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר קאָמפּליצירטער, ווי סלאָוועק האָט זיך עס פאָרגעשטעלט. ביים פאָטער, וואָס איז שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן, האָבן זיך באַוויזן סימנים פון אַ האַרץ־קראַנקייט; די מוטער איז געוואָרן נאָך צאַרטער און נאָך מער נערוועז ווי פריער. סלאָוועק האָט זיך געריסן צו גיין אין אוניווערסיטעט — דערפירן צום סוף איר איבערגעריסענעם לערנען. קיינמאָל האָט נאָך סלאָוועק אַזוי שטאַרק נישט געפילט די לאַסט פון מאַטעריעלע זאָרגן. דאָס געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן גורל פון זיינע נאָענטע האָט אים דיקטירט אַ באַשלוס, וואָס איז פאַר אים נישט לייכט געווען אָנצונעמען: בעת אין האַרבסט 1908 האָט אַן אַלטער פריינט פון דער גראָסער־פאַמיליע, אַ באַוואוסטער סיבירער אַדוואָקאַט, אים פאַרגעלייגט אַ צייטווייליקע אַרבעט אין זיין קאַנצעלאַריע, האָט סלאָוועק מסכים געווען אָוועקצופאָרן אין דער וויטער טשיטאַ.

דאָרטן, אין אַ פּראָווינציעלער פאַרשלאָפענער שטאָט, וואָס איז אין די לאַנגע ווינטער־חדשים געזונקען אין בערג שניי, האָט ער פאַרבראַכט העכער אַ יאָר צייט. די איינזאַמקייט איז אויף אים נישט געפאַלן שווער — זי האָט אים געהאָלפן צונויפנעמען זיינע געדאַנקען, זיך אינערלעך אויסגלייכן, רייף צו ווערן. אין די אומהיימלעך־שטילע שעהן, בעת אין פענצטער פון קאַבינעט האָט אַריינגעקוקט די אימהדיק־גרויסע, שטילשוויגנדיקע סיבירער נאַכט, האָט ער מיט זיין דינעם קרומלעכן כתב פאַרשריבן גרויסע העפטן: דאָס זיינען געווען אי באַטראַכטונגען אויף פילאָסאָפישע טעמעס, אי סאָציאָלאָגישע עסייען און אפילו, — דיקטירטע דורך פּערזענלעכע קאָמפּליצירטע איבערלעבונגען, — דראַמאַטישע פראַגמענטן מיט אַ לעבעדיקן דיאַלאָג און אַ דינאַמישער האַנדלונג. ענלעך צו אַ סך מענטשן, וואָס האָבן טיף איינגעזאַפּט אין זיך ליטעראַטור, האָט סלאָוועק מיט דער זעלבער שאַרפקייט געשפּירט די באַדערפעניש צו שאַפן און די נישט באַפרידיקטקייט מיט די אייגענע דערגרייכונגען. בעסער פון אַלץ האָט זיך אים איינגעגעבן דער עפּיסטאָלאַרער סטיל: קיינמאָל זיינען זיינע בריוו צו די נאָענטע מענטשן נישט געווען אַזוי גלענצנדיק אין זייער פאָרם און אַזוי רייך אין אינהאַלט, ווי אין יענער צייט . . .

אין וואַרשע האָט געוואַרט אויף אים אַ היימישע סביבה, אַ חברישער קרייז, פאַרשידנאַרטיקע אַרבעט. תיכף נאָכן אומקערן זיך אַהיים איז ער אַריינגעטרעטן אין דער גרופּע פון פּאָליטישע פאַרטיידיקער, וואו עס זיינען

געווען פאַרטרעטן די בעסטע קרעפטן פון דער פוילישער אַדוואָקאַטור. אין לאַנד האָט זיך שטאַרק געפילט דער וואוקס פון אַנטיסעמיטישע שטימונגען. סלאָוועק האָט אין דער פוילישער פרעסע אָנגעהויבן פירן אַ סיסטעמאַטישן קאַמף מיט דער דאָזיקער עפּידעמיע. אין זשורנאַל „וויעדזאַ" (וויסנשאַפט) און אין ראַדיקאַלן וואָכנבלאַט „ספּאָלעטשענסטוואָ" (געזעלשאַפט) האָט ער אין אַ סעריע אַרטיקלען אונטערן נאָמען „גאַרשטש אָוואָג" (אַ הויפן באַמערקונגען) באַשולדיקט די פוילישע ראַדיקאַלע קרייזן אין קאַפּיטולאַציע פאַרן אַנטיסעמיטיזם. אים האָט אויפגעבראַכט די קאָנצעפּציע פון ניעמאָיעווסקין און שווינטאָכאָווסקין, וואָס לויט איר האָט די פולשטענדיקע אַסימילאַציע געדאַרפט זיין אַ תנאי פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן. די אַסימילאַציע — האָט ער געשריבן — קען קומען ווי אַ פועל־יוצא פון אַ היסטאָרישן פּראָצעס, אָבער אַן אַרויפגעצוואונגענע נאַציאָנאַלע ניוועלירונג איז אַ פאַרברעכן קעגן דעם פּרינציפּ פון דעמאָקראַטיע. יעדע נאַציאָנאַלע קולטור, וואָס פאַרמאָגט לעבעדיקע זאַפטן, האָט רעכט אויף עקסיסטענץ; דאָס צוזאַמענלעבן פון פעלקער דאַרף זיין אַ צוזאַמענלעבן פון קולטורן.

אין אַן אַנדער אַספּעקט האָט סלאָוועק באַטראַכט דאָס פּראָבלעם פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע אויף די שפּאַלטן פון פּאַרטיי־אָרגאַן צייטפּראַגן. די איינגאַרטיקייט פון דער יידישער נאַציאָנאַלער קולטור אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין די היינטיקע צייטן איז געווען פאַר אים אַ רעאַלער פאַקט. שטעלנדיק אָבער די פראַגע וועגן די פּערספּעקטיוון פון איר אַנטוויקלונג, איז ער געווען געניייגט צו דער פּאָזיציע פון „נייטראַליזם".

ס'איז אים נישט לייכט געווען צו אַרבעטן גלייכצייטיק אויף צוויי פראָנטן — אויף דעם לעגאַלן און אונטערערדישן. די פּאָליציי האָט נאָכגעקוקט נאָך יעדן טריט זיינעם אַרום אַלטן הויז. אויף דער שמאָלער פּרעטאַ־גאַס האָבן זיך ווי גרויע פלעדערמייז הין און הער אַרומגעדרייט שפּיאָנען. די פּעטליע האָט זיך וואָס ווייטער פאַרצויגן אַלץ שטייפער, און סוף־כל־סוף האָבן אין דער שטילקייט פון אַ פרילינג־נאַכט געדונערט איבער די הילצערנע טרעפּלעך שווערע טריט פון זשאַנדאַרמען. די רעוויזיע האָט געדויערט ביז דעם פרימאָרגן; דעם אָנקומענדיקן טאָג האָט סלאָוועק באַגעגנט אין צענטן פּאַוויליאָן פון וואַרשעווער ציטאַדעל.

דער דאָזיקער אַרעסט האָט זיך נישט לאַנג געצויגן: דאָס אָפּזיצן פיר חדשים צייט אין אַ פייכטער קאַמער האָט אַזוי צעשטערט סלאָוועקס שוואַכן אָרגאַניזם, אַז דער ראַפּאָרט פון טורמע־דאָקטאָר האָט געהאָלפן ניקאָדעם גראָסערן אַרויסצונעמען דעם זון אויף ערבות. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך דער פּראָקוראָר געכאַפּט, אַז ער האָט אַרויסגעלאָזן אויף דער פריי אַ געפערלעכן פאַרברעכער, און ער האָט אָפּגעגעבן אַ באַפעל אים ווידער צו אַרעסטירן. ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעט: נאָכן אַרויסגיין פון טורמע האָט סלאָוועק געלעבט אומלעגאַל און איז דערנאָך אַריבער די גרענעץ.

זיין צייטווייליקער מקום־מקלט איז געווען ווין. דער צ. ק. פון בונד האָט אויסגעקליבן די דאָזיקע שטאָט פאַרן זיץ־אָרט פון דער רעדאַקציע פון פּאַרטיי־אָרגאַן לעבענס־פראַגען. אין רעדאַקציע זיינען אַריין סלאָוועק, ליטוואַק,

אַבראַמאָוויטש און מעדעם. די רעדאַקציע האָט זיך באַזעצט אין סלאָוועקס ענגן, אָרים־מעבלירטן צימער. דאָ צווישן די בערג ביכער און כתב־ידן זיינען פאָרגעקומען די זיצונגען, וואו ס'איז אַרומגערעדט געוואָרן דער מאַטעריאַל, וועלכן מען פלעגט שיקן קיין וואַרשע צום דרוקן.

זומער 1912 האָט זיך סלאָוועק אומגעקערט אין וואַרשע און האָט זיך תיכף אַריינגעוואָרפן אין דער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער פערטער דומע (פּאַרלאַמענט פון רוסלאַנד). דער צענטראַל־קאָמיטעט, פון וועלכן ער איז גע־וואָרן אַ מיטגליד אויף דער ניינטער קאָנפערענץ, האָט אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן אַן אָפּמאַך מיט דער פּ. פּ. ס. „לעוויצע" (לינקע), כדי צו שאַפן אַ סאָ־ציאַליסטישן וואַל־בלאָק. סלאָוועק איז געווען איינער פון די איניציאַטאָרן פון דעם דאָזיקן באַשלוס. ער האָט שוין לאַנג נישט געאַרבעט מיט אַזאַ התלהבות: דאָס איז דאָך איצט פאַרווירקלעכט געוואָרן דער טרוים פון זיין יוגנט — די צוזאַמענאַרבעט פון די יידישע און פּוילישע אַרבעטער. די קאַמפּאַניע איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ מער פאַרביסן: די פּוילישע רעאַקציאָנערע קרייזן האָבן דעם סאָציאַליסטישן בלאָק באַוואָרפן מיט זלזולים; ס'האָבן זיך צע־פלאַקערט די ליידנשאַפטן אויך אין דער יידישער סביבה. אויף סלאָוועקן, וואָס איז אַרויסגעטרעטן אויף אַ גרויסער צאָל פאַרזאַמלונגען, פלעגט מען אָנפאַלן פון אַלע זייטן: די אַסימילאַטאָרן האָבן אים באַשולדיקט אין נאַציאָנאַליזם, און דער „נאַציאָנאַלער בלאָק" מיט נחום סאָקאָלאָוו בראש, האָט אים גע־שטעמפּלט ווי אַ שונא פון יידישן פאָלק. די אָנפאַלן האָבן פאַרצענפאַכט סלאָ־וועקס ענערגיע: פּאָלעמיק איז געווען זיין סטיכיע.

דער נצחון פון סאָציאַליסטישן בלאָק, וועמען עס איז געלונגען מיט דער הילף פון די שטימען פון די יידישע וואַל־מענער דורכצו־פירן אין דומע זיין קאַנדידאַט, האָט אים באַפליגלט מיט האָפענונגען: צום ערשטן מאָל — האָט ער געטראַכט — איז מיט די געמיינזאַמע אָנשטרענגונ־גען פון די יידישע און פּוילישע אַרבעטנדיקע מאַסן געשאַפן געוואָרן דער הילכער, דורך וועלכן זייער שטים וועט קלינגען איבער גאַנץ רוסלאַנד.

דער קאַנדידאַט פון בלאָק איז געווען דער אַרבעטער וולאַדיסלאַוו יאַ־געלאָ, אַ מענטש אַ באַשיידענער, נישט קיין באַרעדעוודיקער און נישט קיין צוגעגרייטער צו אַרויסטרעטונגען פון דער טריבונע. ער האָט זיך געגויטיקט אין אַ שטענדיקער פּאָליטישער אָנפירונג. די דאָזיקע מיסיע איז אַרויפגע־לייגט געוואָרן אויף אַ גרופּע פּעטערבורגער חברים. אין נאָוועמבער 1912 איז סלאָוועק אָוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג, כדי אָנטייל צו נעמען אין דער אַר־בעט פון דער דאָזיקער גרופּע.

נאָך זיין קומען אין פּעטערבורג האָט ער דערפילט אַ שטאַרקע מידקייט, אָבער מיט דער אָנשטרענגונג פון ווילן האָט ער זיך געצוואונגען צו באַוועגן און צו אַרבעטן. נאָך אַ וואָך צייט האָט ער אינגאַנצן פאַרלוירן די כוחות. דער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט אַ בויך־טיפוס און האָט פאַראָרדנט איבערצו־פירן אים אין שפּיטאָל. די קראַנקייט האָט זיך ווי אַ צערייצטע חיה אַרויפגע־וואָרפן אויפן אויסגעשעפּטן אָרגאַניזם. אין אומעטיקן שפּיטאָל־צימער פלעגן זיך אין די אויפנאַם־שעהן פאַרזאַמלען אַ הייפל צערודערטע פריינט: הענריק ערליך,

מ. קאָשוצקא (ווירא, קאָסטשעוואַ) און א. לעווינסאָן (מיכאַלסקי, לאַפּינסקי). סלאָוועק האָט זיך באַקלאָגט אויף איינזאַמקייט און זיך געאַמפּערט מיט דער אַדמיניסטראַציע פון שפּיטאָל, פאָדערנדיק מען זאָל פאַרגרעסערן די אויפנאַם־שעהן. ווען זיין צושטאַנד האָט זיך פאַרערגערט, האָבן די פריינט באַשלאָסן איבערצופירן אים אין אַ פּריוואַטן הייל־אַנשטאַלט און אַרויסצורופן זיין פרוי. סלאָוועק האָט אים שוין געטראָפן אין צושטאַנד פון גסיסה. דעם 19 דעצעמבער 1912 האָט גראָסער אויף אייביק פאַרמאַכט זיינע אויגן.

מען האָט סלאָוועקן מקבר געווען אין וואַרשע אין אַ פאַרכמאַרעטן דע־צעמבער־טאָג. אומצאָליקע המונים האָבן פאַרפלייצט די גאַסן, וואָס האָבן געפירט צום בית־עולם. די גרויסע אָפּטיילונגען פּאָליציי, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם בית־עולם, זיינען נישט געווען ביכולת זיך אַן עצה צו געבן מיטן דרוק פון דער מאַסע. די גראָבע געשרייען און די נאַגייקעס האָבן נישט געקענט אָפּהאַלטן טויזנטער מענטשן זיך צונויפצודריקן אַרום דעם פריש־אויסגעגראָבענעם קבר און אין די גאַסן אַרום בית־עולם. די פּאָליציי האָט נישט דערלויבט צו האַלטן רעדעס. צווישן די רעדנער האָבן געזאָלט זיין די דומע־דעפּוטאַטן סקאָבעלעוו און יאַגעלאָ, די פאָרשטייער פון בונד גרשון זיבערט און לאַזאַר עפּשטיין, ווי אויך אַנדערע. גרויסע מחנות פּאָ־ליציי האָבן לסוף דעם עולם צעטריבן. אַלע האָבן טיף־דערשיטערטע גערעדט וועגן אַ לעבן, וואָס איז געווען איבערפולט מיט אינערלעכן פייער און וואָס איז אַזוי אַכזריותדיק און אומגעריכט איבערגעריסן געוואָרן. און נאָך שטאַרקער און אויסדרוקפולער איז געווען די שפּראַך פון די אויפשריפטן אויף די בענדער פון די בלומען־קרענץ צוגעשיקטע פון פאַרשיידענע ווינק־לען פון פוילן; אַן אויפהער האָבן זיך דאָרטן איבערגעחזרט די ווערטער, אַרויסגעבראַכטע פון דער טיפעניש פון דער נשמה — „אונזער סלאָוועק"...

אַ לאַנגע צייט נאָך דעם, ווי דער קבר איז שוין געווען פאַרשאָטן מיט ערד, זיינען טרויער־אויסדרוקן פון פאַרשידענע זייטן אָנגעקומען אין דער רעדאַקציע פון בונדישן אָרגאַן די צייט. סלאָוועקס קאַמפּס־חברים, וואָס זיינען קוים צו זיך געקומען פון קלאַפּ, האָבן זיך באַמיט צו פאַרפיקסירן זיין געשטאַלט אין זכרון פון די מיטצייטלער. מעדעמס אַרטיקלען לעבן אויף פאַר אונז אַ בילד פון אַ הויך־באַגאַבטן יינגן מענטשן, וואָס צעשענקט פאַרשווענדע־ריש מיט אַ ברייטער האַנט זיינע רייכטימער און וואָס איילט זיך צו לעבן, גלייך ווי ער וואָלט פאָרגעפילט זיין פריען טויט. יאָרן־לאַנג האָבן יידישע אַרבעטער־קלובן, קינדער־שולן, ביבליאָטעקן און אַנדערע אינסטיטוציעס אין פוילן און רוסלאַנד געטראָגן דעם נאָמען — בראָניסלאַוו גראָסער.

סלאָוועקס טויט איז געווען אַ סימבאָלישער טויט: ער איז געשטאָרבן פון דעם, וואָס זיין האַרץ האָט בעתן רעצידיוו פון דער קראַנקייט נישט אויס־געהאַלטן די הויכע טעמפּעראַטור. דאָס דאָזיקע האַרץ האָט געקלאַפּט צו האַס־טיק אין די אַלע יאָרן פון דער יוגנט: די טעמפּעראַטור פון געדאַנק, געפיל, פון בלוט איז געווען אַ צו הויכע פאַרן צאַרטן אָרגאַניזם. און נישט באַוויזנדיק צו דערגרייכן דעם אויפבלי, האָט זיך דאָס אימפּעטיק און שטורמיש לעבן איבערגעגאָסן אין אַ לעגענדע.

סאָפיע דובנאָוו-ערליך

# ראָזע לעוויט

צווישן די אומצאָליקע קרבנות, וואָס דער בונד האָט געבראַכט אויפֿן מזבח פֿון דער באָלשעוויסטישער הערשאַפֿט אין רוסלאַנד, צווישן די טייערע און איבערגעגעבענע קעמפּפֿער פֿאַר די אידייען פֿון סאָציאַליזם און פֿרייהייט, פֿאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט ראָזע לעוויט, אָדער די ח׳טע פֿרידע, ווי זי איז געווען באַקאַנט אין די יידישע אַרבעטער־קרייזן נאָך אין אָנהויב פֿון היינטיקן יאָרהונדערט.



לאָמיר הערן וואָס עס זאָגט וועגן פֿרידען אַנע ראָזענטאַל:

„זי איז פֿון ווילקאָמיר (ליטע), שטאַמט פֿון רייכע עלטערן, גרויסע מיוחסים. אַן אײַנציקע טאָכטער צווישן עטלעכע זין, ווערט זי געכאָוועט און געפּיעשטשעט ווי אַ בת־יחידה. זי פֿאָרט קיין אויסלאַנד שטודירן און פֿון דאָרטן קומט זי אַ פֿאַרטיקע רעוואָלוציאָנערין. נישט געקוקט אויף איר דערציאונג איז זי אַ פֿאָלקס־מענטש, לעבט זיך שנעל איין אין דער אַרבעטער־סביבה. אין יענע צייטן האָבן די פּערזענלעכע באַציאונגען מיט די אַרבעטער געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָל. זי איז זייער באַגאַבט און פֿול מיט רעוואָלוציאָנערן אימפּעט. זי קען גוט יידיש און שרייבט פּראָקלאַמאַציעס, אַרטיקלען אין דער אומלעגאַלער פּרעסע, איבערזעצט. אין יאָר 1907 גיט זי אַרויס אין ווילנע דעם אָרגאַן פֿון די נאָדל־אַרבעטער דער שניידער. נאָך איצט קאָן מען אָן אויפֿרעגונג נישט לייענען די פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע זיינען אַרויס פֿון אונטער איר פּעדער, ווי למשל ׳55 קרבנות׳, אַרויסגעגעבן פֿון צענטראַל־קאָמיטעט נאָך דעם משפּט איבער די ראָמאַנאָווצעס. זי איז אַ גוטע רעדנערין. אירע רעדעס צינדן אָן, ווייל זי אַליין ברענט שטענדיק מיטן הייליקן פֿייער פֿון גלויבן און באַגייסטערונג. זי אַרבעט אין אַלע גרעסערע צענטרען פֿון דער בונדישער באַוועגונג. מען קען זי אין וואַרשע, לאָדזש, ווילנע. זי אַרבעט ווי אַ שיכורע, לויפֿט פֿון איין פֿאַרזאַמלונג אויף דער צווייטער, קיין זאַך איז פֿאַר איר נישט שווער. זי עסט נישט, זי טרינקט נישט; זי נעכטיקט היינט דאָ, מאָרגן דאָרטן. זי איז אַזוי פֿאַרנומען, אַזוי פֿאַנאַטיש אַריינגעטון אין דער באַוועגונג, אַז זי קאָן אָרגאַניש נישט טראַכטן וועגן קאָנספּיראַציע. איר פֿאָרטפֿעל איז שטענדיק פֿול מיט פּאַפּירלעך. איר גאַנץ וועזן איז אַזוי טיפּיש רעוואָלוציאָנער, אַז זי וואַרפֿט זיך אין די אויגן די שפּיאָנען און פֿאַלט אָפֿט דורך. באַלד ווי זי ווערט באַפֿרייט איז זי שוין ווידער ערגעץ־וואו אויפֿן פּאָסטן. דאָס כאַראַקטעריסטישסטע ביי איר איז, וואָס זי רייסט זיך שטענדיק אויף די געפֿערלעכסטע פּאָסטנס“ (נייע פֿאָלקס־צייטונג, 19 נאָוועמבער 1937, וואַרשע).

קאַרגע ידיעות וועגן איר טרעפֿן זיך פֿון פֿאַל צו פֿאַל אין די בונדישע

מעמואַרן, וואָס זיינען פּאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן. פֿראַנץ קורסקי דערציילט, אַז ראָזע לעווױט האָט אין 1901 געלעבט אין בערלין. זי האָט געהערט צו דעם אַקטיוו פֿון דעם בונדישן קרייז, און ווען סוף 1901 — אָנהויב 1902 איז פֿאַרגעקומען אין בערן אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון די בונדישע אויסלענדישע גרופּעס, איז זי געווען איינע פֿון די דעלעגאַטן אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפֿאָר.

קורסקי דערציילט אויך פֿאַרבייגייענדיק, אַז ח׳טע פֿרידע איז אין 1902, באַלד נאָך דעם צוזאַמענפֿאָר, אַוועקגעפֿאָרן צו טון רעוואָלוציאָנערע אומלעגאַלע אַרבעט אין רוסלאַנד — און אַמאָל געגומען אויף זיך דעם אומלעגאַלן טראַנספּאָרט פֿון דער בונדישער ליטעראַטור אין די באַרימטע טשעמאָדאַנען מיט דעם טאָפּלטן דעק. ר. אַבראַמאָוויטש דערציילט אין זיינע מעמואַרן, אַז אין 1903 איז ראָזע לעווױט געקומען אין ציריך צו אים אויף אַ יאַווקע: זי איז געווען אַ דעלעגאַט צו דעם 5טן צוזאַמענפֿאָר פֿון בונד. אין מערץ 1906 איז ראָזע לעווױט ווידער געקומען אין דער שווייץ און אָנטייל גענומען אויף דער 7טער קאָנפֿערענץ פֿון בונד אין בערן.

חבר לייבעטשקע בערמאַן שילדערט זי אַזוי ווי ער האָט זי געזען אין דער באַוועגונג אין וואַרשע, אין די ערשטע יאָרן פֿון היינטיקן יאָרהונדערט:

„איר טרוקן, כמעט אַסקעטיש לעבן פֿון אַ דעמאָלטיקער רעוואָלוציאָנערין האָט איר נישט געשטערט צו האָבן אַ מאָדנע, ווייכע באַציאונג צו מענטשן, הגם אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט האָבן נישט אַלע טוער געקאָנט מיט איר אויסקומען. איר מאַט־בלייך, אינטעליגענט געזיכט, איר קורצזיכטיקער, גוטער בליק, איר באַשיידענע, אַ ביסל נישט מאָדישע קליידונג האָבן זי אויסגעטיילט פֿון דעם אַרום און געצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט און אינטערעס פֿון יעדן, אַפֿילו פֿון פֿרעמדע״... „וואו אַ פֿאַרזאַמלונג, איז זי דאָ. זי שרייבט פּראָקלאַמאַציעס, ברענגט זיי אויף דער בירזשע, אויב עס איז נישטאָ קיין אַנדערער אונטער דער האַנט, וואָס זאָל דאָס טון; נעמט אָנטייל אין דעמאָנסטראַציעס, פֿירט פּראָפּאַגאַנדע־קרייזן און טוט אַנדערע וויכטיקע און ווייניקער וויכטיקע אַרבעט פֿאַר דער פּאַרטיי — און אַלץ מיט ברען. טאָ וואָס איז דער וואונדער, אַז זי ווערט אָפֿט אַרעסטירט?״ (אין לויף פֿון יאָרן, ניו־יאָרק, 1945).

ר. אַבראַמאָוויטש גיט אַ גאַנץ גערעטן בילד פֿון דער ח׳טע פֿרידע. ער שרייבט אין זיינע זכרונות (אין צוויי רעוואָלוציעס, ב. 1, זז׳ 114־113) פֿאָלגנדעס: „אַ קליינע ברונעטע פּרוי מיט שוואַרצע האָר, מיט אַ מאָגערער, אַ ביסל איינגעבויגענער פֿיגור, מיט קורצזיכטיקע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן געקוקט און נישט אַלץ געזען, און מיט גיכע נערוועזע באַוועגונגען. דאָס איז געווען ראָזע לעווױט, אָדער ׳פֿרידע׳, ווי מען האָט זי שפּעטער גערופֿן, איינע פֿון די עלטסטע און באַרימטסטע פֿרויען אין ׳בונד׳. טויזנטער בונדיסטן קאָנען זי, און עס איז נישט פֿאַראַן צווישן זיי קיין איינציקער, וואָס זאָל נישט האָבן צו איר נישט בלויז אַ געפֿיל פֿון סימפּאַטיע, נאָר אַ געוויסן געפֿיל פֿון וואַרעמער צערטלעכקייט״. „קיין גרויסע קאָנספּיראַטאָרין איז אונזער ליבע ראָזע לעווױט קיין מאָל נישט געווען. אָבער דערפֿאַר איז שווער צו געפֿינען

אַ מענטש, וואָס זאָל זיין אַזוי אַן גרענעצן איבערגעגעבן צו דער באַוועגונג און צום בונד. נישטאָ קיין מענטש, וואָס זאָל האָבן אַזאַ פּיין געפיל פאַר יושר און אומיושר, פאַר גוט און שלעכט, וואָס זאָל האָבן אַזאַ שפּירעוודיק געוויסן און וואָס זאָל זיין אַזוי פעאיק זיך מקריב צו זיין פאַר אַנדערע, ווי די קליינע, פאַרגעסלעכע, נערווע און קורצזיכטיקע ראַזע לעוויט".

אָבער גאָר אַן אַנדער בילד פון ח'טע פרידע — אַ בילד פון אַ פריילעכער, יינגער, רירעוודיקער — גיט אין זיינע קורצע פאַרצייכענונגען פראַנץ קורסקי.

דאָס איז געווען אין 1901, ווען פרידע האָט געלעבט אין בערלין. קורסקי דערמאָנט, ווי אַזוי אַ גרופּע דעלעגאַטן איז געפאָרן אין בערן אויף דער קאָנפערענץ פון די בונדישע גרופּעס אין אויסלאַנד. ס'איז געווען אַ פריילעכע נסיעה אין אַ נאַכט פון דעצעמבער. די גרופּע דעלעגאַטן איז געזעסן אין וואַגאָן און געזונגען. פרידע "האָט אַן אויסגעצייכנטע שטימע. איר רעפּערטואַר איז באַשטאַנען פון די קלאַסישע רוסישע און פוילישע רעוואָלוציאָנערע לידער. זי האָט אָבער אויך געזונגען די מאַרסעליעזע, "קאַרמאַניאָל". דעם אינטערנאַציאָנאַל און פאַרשיידענע אַנדערע קלאַסישע לידער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג" (ז. 227 געזאַמלטע שריפטן).

די קאָנפערענץ פון די אויסלענדישע גרופּעס אין בערן האָט דעמאָלט געהאַט אַ באַזונדערע באַדייטונג פאַרן בונד — ווייל זי איז צונויפגערופן געווען נאָכן פערטן צוזאַמענפאָר פון בונד אין ביאַליסטאָק, וואו ס'איז געווען אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע. ח'טע פרידע איז געווען אַן אַקטיווע אָנטיילנעמערין פון דער בערנער קאָנפערענץ. קורסקי געדענקט, אַז אין די פראָטאָקאָלן זיינען פאַרצייכנט נעמען פון צוויי סעקרעטאַרן פון דער קאָנפערענץ: אַקימאָוואַ און יעלענינאַ, — איינע פון זיי איז פרידע.

אין 8־1907 איז זי אין דער אָנפירונג (אַ געוויסע צייט צוזאַמען מיט נחן) פון דער בונדישער אַרבעט אין לאָדזש. נאָך דער פאַרשפּילטער רעוואָלוציע גייט די באַוועגונג האַסטיק באַרג אַראָפּ. אַ הייפל געטרייע באַמיט זיך מיט אַלע כוחות צו ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך. פרידע איז די פלאַטערנדיקע נשמה פון די אָנשטרענגונגען נישט צו דערלאָזן, אַז אַלץ זאָל אָפּגעמעקט ווערן... און ביי אָט דער אַרבעט אין לאָדזש ווערט זי 1908 אַרעסטירט.

*
**

און איצטער מוז איך מאַכן אַ שפּרונג איבער אַ צאָל יאָרן און דערציילן וועגן ח'טע פרידע דאָס, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון וועגן דער דאָזיקער ליבער פרוי און איינער פון די איבערגעגעבנסטע חברטעס...

איך האָב זיך באַקאַנט מיט איר אין דעם ערשטן יאָר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין שליחות פון צ. ק. פון בונד איז ראַזע לעוויט אַרומגעפאָרן איבערן בונדישן ראַיאָן, כדי צו פאַרשטאַרקן די פּאַרטיי־פאַרבינדונגען און אַ ביסל אָפּצופרישן די קאָנטאַקטן מיט דער פּראָווינץ. דער צ. ק. פון

בונד האָט דעמאָלט געהאַט זיין זיץ־אָרט אין פעטערבורג. אייגנטלעך איז ער באַשטאַנען פון צווי פּערזאָן: הענריק ערליך, וואָס איז געווען לעגאַל, און משה ראַפעס, וואָס האָט געלעבט אונטער אַ פאַלשן פּאַס, אויסגעשטעלט אויפן נאָמען ווייסענבערג. זיי ביידע האָבן צוגעצויגן צו זייערע באַראַטונגען אַ פּאָר אַלטע בונדיסטן — זאַסלאַווסקי, וול. קאַנטאָראָוויטש, מאַקס וויינרייך, ב. כהן־ווירגילי — וואָס האָבן דעמאָלט געלעבט אין פעטערבורג. ח׳טע פרידע האָט באַזוכט אויך וויטעבסק.

מיט אַ גאַנץ אינטערעסאַנטן ענין האָבן מיר אין די ערשטע חדשים פון דער מלחמה זיך באַשעפטיקט. איך געדענק, אַז איך האָב באַקומען אַ בריוו פון דעם ס. ד. דומע־דעפּוטאַט, ניקאָלאַי טשכעאידזע. ער האָט אינ־פאָרמירט, אַז אויף זיין אַדרעס, אין רשות פון דער ס. ד. פראַקציע, איז אָנגעקומען פון אַמעריקע אַ סומע פון עטלעכע צענטליק טויזנט דאָלאַרן. דאָס געלט איז געווען באַשטימט פאַר די נייע אַרבעטער־אונטערנעמונגען, וואָס זיינען אויפגעקומען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מלחמה און דעם פּליטים־פּראָבלעם אין די יידישע שטעט: אַרבעטער־קיכן, אינפאָרמאַציע־ביוראָען א. אַז. וו.. און איצט איז בויטיק ריכטיק אָרגאַניזירן די פאַרטיילונג פון געלט. טשכעאידזע האָט איבערגעגעבן די סומע דעם אָרט אין פעטערבורג, און ערליך, ראַפּעס און אַנדערע בונדישע חברים זיינען געווען צוגעצויגן צו דעם דאָזיקן ענין. אויב איך האָב נישט קיין טעות, האָט די ח׳טע פרידע געהאַט אַ שייכות צו דער דאָזיקער פראַגע און געדאַרפט מיט אונז אויפקלערן, ווי אַזוי קען מען דאָס געלט אָנווענדן אויך אין וויטעבסק פאַר די לאָקאַלע נויטן.

ס׳איז געווען נאָך אַ צווייטער ענין. אין וויטעבסק האָבן מיר געשאַפן אַ יידישע קהילה אויף גאַנץ ברייטע געזעלשאַפטלעכע, כמעט דעמאָקראַטישע יסודות. מיר האָט זיך איינגעגעבן איבערצייגן בונדישע אַרבעטער ריזיקירן און אַריינגיין אין דער קהילה, אַלס פאָרשטייער פון די עטלעכע געזעלשאַפטן, וואו אונזער ראַדיקאַלער און סאָציאַליסטישער צד איז געווען גאַנץ גוט פאָר־געשטעלט: איך האָב אין זיינען אַפּע, אַזע און ענלעכע אינסטיטוציעס. און טאַקע ווען ח׳טע פרידע איז געקומען קיין וויטעבסק, איז זי גליך אַריינגעפאַלן אין אַ גאַנץ גרויסער פאַרזאַמלונג, וואו אַ פאָר אונזערע חברים זיינען אַרויס־געטרעטן וועגן דעם ענין קהילה. זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ געניטער פּאָליטישער טוערין.

בעת דער רעוואָלוציע פון 1917 איז מיר אויסגעקומען פיל מאָל צו זיין אין דער הויפּט־שטאָט פעטראָגראַד (פריער פעטערבורג). ס׳זיינען געווען אימפּאָזאַנטע דראַמאַטישע סצענעס פון דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע. די ח׳טע פרידע איז געווען אומעטום: אויף דער אַלרוסישער באַראַטונג פון די סאָוועטן פון די אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן; אויף די זיצונגען פון די ס. ד. פראַקציעס; אויף דער 3טער אַלרוסישער קאָנפערענץ פון די פראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען און אויף דער ערשטער לעגאַלער קאָנפערענץ פון בונד (די 10טע). שפּעטער האָבן מיר זיך, כמעט ערב אָקטאָבער, געטראָפן אין דער צייט פון דער אַלרוסישער דעמאָקראַטישער באַראַטונג.

ח׳טע פרידע איז נישט געווען פון די רעדל־פירער. זי האָט נישט געהאַט די אַמביציעס צו געבן דעם טאָן. אָבער פרידע איז געווען איינע פון די אָנערקענטע פערזענלעכקייטן סיי אין דער אַלגעמיינער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער, סיי אין דער בונדישער באַוועגונג. איר קליינע, דאַרע, באַוועגלעכע פיגור, אירע פליסיקע רייד, אירע טרויעריקע פאַרזאָרגטע אויגן אין יענע אומפאַרגעסלעכע היסטאָרישע טעג זיינען געבליבן אין זכרון.

דעם זומער 1917 האָט ח׳טע פרידע פאַרברענגט אין פעטראָגראַד, ביי דער צענטראַלער אַרבעט פון צ. ק.. זי האָט געהערט צו דער ריכטונג פון די אינטערנאַציאָנאַליסטן־צימערוואַלדיסטן להיפוך צו די „אָבאָראָנצעס״ (די פראַגע פון אַ שנעלן שלום אָדער ווייטער פירן די מלחמה איז דעמאָלט גע־שטאַנען שאַרף אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג).

צוזאַמען מיט אַ גרופע מענשעוויקעס און בונדיסטן, וואָס האָבן גע אַרבעט אין דער אומפּאַרטייאיש־סאָציאַליסטישער צייטונג דיען, איז די ח׳טע פרידע געוואָרן אַרעסטירט אין די ערשטע טעג פון דער באָלשעוויסטישער הערשאַפט. מ׳האָט זי געברענגט אין טשעקאַ. און דאָ האָט זיך אַנטוויקלט אַ שאַרפער וויכוח צווישן איר און דעם שעף פון דער טשעקאַ, דזשערזשינסקי, וועלכן זי האָט גוט געקענט פון די אַלטע צייטן אין לאָדזש. דער חבר פעליקס (דזשערזשינסקי) איז געוואָרן זייער אויפגערודערט, דערזעענדיק צווישן די אַרעסטירטע ראָזע לעוויט. פאַרשעמט איז דער צוקונפטיקער מייסטער פון טעראָר באַלד נעלם געוואָרן פון צימער און געגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל ראָזע לעוויט און די אַנדערע גלייך באַפרייען...

נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש איז פאָרגעקומען אין פעטראָגראַד אַ צוזאַמענפאָר פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פאַרטיי און נאָכדעם דער 8טער צוזאַמענפאָר פון בונד. דאָס צענטראַלע פּראָבלעם איז דעמאָלט געווען: די באַציאונג צו דער נייער מאַכט. אין די מענשעוויסטישע קרייזן זיינען פאָרגעקומען וויכטיקע ענדערונגען: ס׳האָט זיך אויסגעבילדעט אַ בלאָק פון די אינטערנאַציאָנאַליסטן מיט מאַרטאָוון בראש און דעם „צענטער״ מיט דאַנען בראש. די „רעכטע״, צו וועלכע ס׳האָבן געהערט ליבער, גאָרווי און אַנדערע פירער פון די אָבאָראָנצעס, וואָס זיינען געשטאַנען אין שפּיץ פון דער אָנפירונג אין די סאָוועטן בעת דער דעמאָקראַ־טישער רעוואָלוציע, האָבן דעמאָנסטראַטיוו זיך אַנטזאָגט אַריינצוגיין אין צ. ק. און געבילדעט אַ רעכטע אָפּאָזיציע אין דער פאַרטיי. דאָס זעלבע, אייגנטלעך, איז פאָרגעקומען אין בונד אויפן 8טן צוזאַמענפאָר. די מערהייט האָט גע־שטימט פאַר די אינטערנאַציאָנאַליסטישע פאָרשלאָגן, אָבער דער צ. ק. איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין זיין מערהייט פון פריערדיקע און וואַקלדיקע „אָבאָראָנצעס״, וויל קיין אינטערנאַציאָנאַליסטן, וואָס זיינען געווען פאַסיק פאַרן צ. ק., האָט מען כמעט נישט געפונען: אַחוץ אַבראַמאָוויטשן און פאָוועל ראָזענטאַלן איז אַריין נאָר בנימין חפץ, און אַלס אַ קאַנדידאַט — וויקטאָר אַלטער. אויף אַ פריוואַטן אופן האָט מען מיט מיר געפירט פאַרהאַנדלונגען וועגן אַריינגיין אין צ. ק., אָבער איך האָב געמאָלדן נאָך אויף דעם צוזאַמענ־

פּאָר פון די מענשעוויקעס, אַז נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש גיי איך אַרויס פון דער אינטערנאַציאָנאַליסטישער פראַקציע.

ביי דער ח׳טע פרידע, וואָס איז געווען אויפן בונדישן צוזאַמענפאָר, האָבן די אינטערנאַציאָנאַליסטישע סכעמעס וועגן אַן אויסגלייך מיט די באָל־שעוויקעס אויך נישט אַרויסגערופן קיין גלויבן. צוזאַמען מיט די צענטראַל־קאָמיטעטן פון די מענשעוויקעס און פון בונד האָט זי אין פרילינג 1918 פאַרלאָזט פעטראָגראַד און זיך באַזעצט אין מאָסקווע, וואָס איז געוואָרן די אָפיציעלע רעזידענץ פון דער סאָוועטישער רעגירונג. ס׳האָט זיך צעפלאַקערט דער בירגער־קריג. דער באָלשעוויזם איז אַריינגעטראָטן אין דער פאַזע פון מיליטערישן קאָמוניזם. ס׳האָט געהערשט הונגער און נויט.

אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, האָט ח׳טע פרידע געפונען אין מאָסקווע אירן אַ נאָענטן קרוב. זי איז געווען פאַרזאָרגט מיט ברויט און מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ — און זי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אַלע פיבערן פון איר נשמה דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ביי־טאָג האָט זי געהאַט אַן אַמט אין דעם אַלרוסישן פאַרבאַנד פון די גאַרבער, און אין די אָוונטן האָט זי גענומען אַ לעבהאַפטן אָנטייל אין די פערמאַנענטע באַראַטונגען און זיצונגען ביי די מענ־שעוויקעס און בונד. זי האָט ענערגיש געאַרבעט אין דעם מאָסקווער קאָמיטעט פון בונד, וואָס האָט זיך סוף־כל־סוף איינגעאָרדנט אויף דער מאַראַסייקע, בשכנות פון אַנדערע יידישע אינסטיטוציעס, אָדער אין הויפּט־קאָמיטעט פון בונד אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס האָט אין יענע יאָרן פאַרמאָגט אַ גאַנץ באַ־גרענעצטע טעריטאָריע (נאָך דעם בריסקער אָפּמאַך, וואָס די קאָמוניסטן האָבן געשלאָסן מיט די דייטשן, זיינען אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד געווען אָקופּירט און אָפּגעטיילט פון סאָוועט־רוסלאַנד...).

מיר האָבן זיך ווידער געטראָפן אין מינסק אויף דער עלפטער קאָנפע־רענץ פון בונד, אין מערץ 1919. ח׳טע ראָזע לעוויט איז געווען פּאָליטיש אין דער רעכטער פראַקציע צוזאַמען מיט אייזענשטאַט און נאָך עטלעכע געציילטע חברים. אין בונד האָבן זיך דעמאָלט אויסגעבילדעט נישט איין „צענטער״, נאָר צוויי: אַ רעכטער צענטער און אַ לינקער. דער לינקער צענטער איז געווען שוין גאַנץ טיף פאַרכאַפּט מיט פּראָ־קאָמוניסטישע שטימונגען, אָבער אַחוץ אים איז געווען נאָך אַ לינקע פראַקציע, ד. ה. בונדישע קאָמו־ניסטן. אויף דער עלפטער קאָנפערענץ האָט מען שוין געפילט דעם אָטעם פון דער נאָענטסטער ענדגילטיקער שפּאַלטונג. ח׳טע פרידע איז געווען ביז גאָר אויפגערעגט פון דער אַטמאָספער, וואָס די פאַנאַטיזירטע מיטלויפער פון דער דיקטאַטור האָבן געשאַפן.

ח׳טע פרידע איז אין מאָסקווע געווען פאַרבונדן מיט דעם ס. ד. ביוראָ פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס מיר האָבן געשאַפן. זי האָט דורכגעמאַכט אין אַפּריל 1920 די 12טע קאָנפערענץ פון בונד אין מאָסקווע, וואו ס׳איז דורכגעפירט געוואָרן די ענדגילטיקע שפּאַלטונג. מיר זיינען געווען די מינ־דערהייט, ווען מיר האָבן פאַרלאָזט די קאָנפערענץ, באַקומען פאַר זיך אַ צימער און געעפנט אונזער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע 12טע קאָנפערענץ פון בונד. ראָזע לעוויט איז אַריין אין צ. ק. כמעט אַן אילוזיעס. זי האָט געוואוסט

וואָס עס דערוואַרט אונז. פון יענע טרויעריקע געשעענישן איז פאַרבליבן אַ שפור אין דער פאָרם פון אַ בראָשור: די שפּאַלטונג פון בונד — אין רוסיש און יידיש, וואָס איך האָב פאַרפאַסט אין נאָמען פון צ. ק.. ח׳טע פרידע האָט זי איבערגעזעצט אין יידיש. אַזוי ווי אין מאָסקווע איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט אָפּצודרוקן, האָבן עס געטון די וויטעבסקער בונדיסטן.

אין אָנהויב 1921 האָט די טשעקאַ אין מאָסקווע אַרעסטירט די זיצונג פון צ. ק. פון ס. ד. בונד. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אונז באַפרייט, אָבער אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער זיינען מיר ווידער אַריינגעפאַלן אין ד־העגנט פון דער טשעקאַ, ווען זי האָט דורכגעפירט אַ מאַסן־ליקווידאַציע פון די מענשעוויקעס. ח׳טע פרידע איז געווען צווישן די אַרעסטירטע. זי איז אַ געוויסע צייט געזעסן אין דער פרויען־טורמע, נאָכדעם אין דעם „זשאָק" (זשענסקי אָדינאָטשני קאָרפּוס) אין בוטירקי. די אַרעסטירטע פרויען האָבן אויסגעוויילט די ח׳טע פרידע אַלס זייער סטאַראָסטע. אין יענער צייט איז די ח׳טע פרידע נישט לאַנג געזעסן. זי איז געווען איינגעשלאָסן אין דער קליינער צאָל באַפרייטע, און האָט זיך גלייך צוריק אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט.

מען קען זיך פאָרשטעלן וואָסערע באַגרענעצטע מעגלעכקייטן ס׳זיינען געווען אין 1921 פאַר דער האַלב־לעגאַלער בונדישער און מענשעוויסטישער אַרבעט. די ח׳טע פרידע האָט דאָך געטרוימט און געפּלאַנעוועט. איך וויל דאָ דערציילן נאָר וועגן איינעם אַ פּלאַן, מיט וועלכן זי האָט זיך געטראָגן און וועגן וועלכן זי איז געשטאַנען אין אַ לעבהאַפטער קאָרעספּאָנדענץ מיט מיר (דורך די געהיימע וועגן, וואָס האָבן דעמאָלט פאַרבונדן די תפיסה בוטירקי מיט דער פרייער וועלט). אין 1922 האָט געדאַרפט זיין דער 25־יאָריקער יובילעי פון בונד. פרידע האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פון אַ זאַמלבוך, באַשטעלט ביי אונז אין טורמע אַרטיקלען, באַראָטן זיך וועגן די פּרטים פון בוך און וועגן די מחברים, וואָס האָבן צוגעזאָגט צו געבן זייערע אַרטיקלען. ס׳איז טשיקאַווע, אַז דוד זאַסלאַווסקי, וואָס איז איצט איינער פון די פירער פון קאָמוניסטישן הויפּט־אָרגאַן — פון דער מאָסקווער פראַוודאַ, האָט צוגעזאָגט צו געבן אַן אַרטיקל. ער איז נאָך נישט געווען קיין קאָמוניסט, אָבער אין קיעוו האָט ער אָפּגעדרוקט אַ דערקלערונג, אַז ער פאַרנעמט זיך נישט מער מיט פּאָליטיק...

דעם לעצטן מאָל האָב איך זיך געזען מיט דער ח׳טע פרידע אין פעברואַר 1922, ביי ליבערן אין דער היים, אויף אַ באַשיידענער וועטשערינקע, וואָס ער האָט איינגעאָרדנט לכבוד דעם, וואָס אייזנשטאַט און איך זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד. שפּעטער, שוין אין בערלין, האָבן מיר באַקומען אַ פּאָר מאָל קורצע בריוולעך פון איר. אַרום 1923 איז דער לעצטער שפור פון ראָזע אָסיפּאָוונאַ לעוויט פאַרשוואונדן. דער טעראָר קעגן אונזערע חברים איז מוראדיק געוואַקסן פון חודש צו חודש. אַלע אַקטיווע סאָציאַל־דעמאָקראַטן זיינען טיף געזעסן אין אונטערערד. אַלע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען פאַגראָמירט. אונזערע מענטשן זיינען פעסט געזעסן אין די תפיסות. ס׳איז געגאַנגען אויך די סדרה פון פאַרשיקונגען אין די טרויעריק־

באַרימטע סאלאַזקי, אין סיביר. וואָס איז געוואָרן מיט דער טייערער ח׳טע פרידע ?

איך וויל דאָ צוגעבן אַ שטריך צו איר אַרעסט, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1923. מען האָט אונז געשריבן, אַז זי איז געוואָרן אַרעסטירט אין כאַר־קאָוו, אין דער דירה פון אַ ציוניסט. דעמאָלט איז געגאַנגען אַ סדרה פון ציוניסטישע ליקווידאַציעס. די ח׳טע פרידע, וואָס האָט געלעבט אויף „לי־פאָווע פאַפּירן״, ד. ה. אויף אַ פרעמדן פּאַס, האָט מען אַרעסטירט אַלס אַ ציוניסטקע. זי האָט נישט געזאָגט אין טשעקאָ איר אמתן נאָמען. זי האָט גערעכנט, אַז אַלס אַ „ציוניסטקע״ וועט זי באַקומען אַ מילדערן אורטייל... נאָך יאָרן טורמעס און סיביר האָט זי אָנהויב די דרייסיקער יאָרן ווידער באַ־קומען 3 יאָר טורמע און איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סוזדאַל. ס׳איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז נאָך אַלע שווערע יסורים, וואָס זיינען אויסגעפאַלן אויף איר גורל, לעבט זי נאָך ביז היינט. זי איז שטענדיק געווען שוואַך, קרענקלעך, פיל־באַר און צאַרט. ס׳וואָלט געווען פּשוט אַ נס, ווען אַזאַ איידעלע נאַטור וואָלט געקענט אויסשטיין און אויסהאַלטן די אַלע פּיינען.

ווען איך טראַכט זיך אַריין אין דעם לעבנס־וועג, דעם מאַרטירער־וועג פון ראָזע לעוויט און וויל געפינען דעם הויפּט־שטריך, וואָס האָט באַ־פאַרבט איר גוזעלשאַפטלעכן מהות, קום איך צום אויספיר, אַז אַמשטאַרקסטן האָבן געווירקט אין דער נשמה פון דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער פרוי איר איבערגעגעבנקייט, איר טרייהייט, איר ליבע — אין בוכשטעבלעכן זין — צום בונד. פרידע איז געווען איינזאַם איר גאַנץ לעבן. קיין פּערזענלעכער גליק איז איר נישט געווען באַשערט. און זי האָט געהערט צו דעם אויסגע־ווילטן קרייז בונדיסטן, וואָס האָבן געזען אין בונד זייער משפּחה. דער בונד איז פאַר איר נישט געווען אַ פּאָליטישע פּאַרטיי אין געוויינלעכן זין פון וואָרט, נאָר דער אויסדרוק פון די קערנדיקע מאָראַלישע ווערטן פון דער גאַנצער תקופה. ווען איך דערמאָן זיך וועגן ראָזע לעוויט, טראַכט איך, אַז אונטער דעם פּאַרטייאישן בונדישן פּאַטריאָטיזם איז געווען פאַרבאָרגן, אין תוך גענומען, פיל מער, ווי ס׳זאָגן אונז די ווערטער: דער טרויס פון אַ ליידנדער נשמה וועגן אַ וועלט, וואָס איז געבויט אויף די יסודות פון אמת און גערעכטיקייט.

גריגאָרי אַראָנסאָן

●

# הירש וואָלף סאַראָקאָ

הירש וואָלף, זון פון משה סאַראָקאָ, איז געבוירן געוואָרן אין אַ קליי־נעם ישוב פון ווילנער געגנט, אין יאָר 1873. געוואָרן אַן אַרבעטער, אַ סטאָ־ליער. געוואוינט אין ווילנע.

אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז ער אַריין נאָך פאַר דער גרינ־דונג פון בונד. ער איז געווען פון די סאַמע אַקטיווסטע טוער. אין די יידישע

אַרבעטער־קרייזן פון ווילנע האָט מען אים גערופן — הירש דער סטאָליער, גרישע, „דער הובל". געווען פון די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרן און אַגיטאַטאָרן. ער האָט גוט געקענט דאָס לעבן און די נויטן פון דעם יידישן אַרבעטס־מענטשן און געוואוסט ווי אַזוי אים צו געווינען פאַרן נייעם סאָציאַליסטישן אידעאַל. כאָטש אַליין פון די טיפעניש פון דער רויער מאַסע, איז ער געווען אַן ערנסטער מענטש, וואָס איז פעאיק אויפצונעמען די קאָמפּליצירטע פּראָ־בלעמען פון דער נייער באַוועגונג.

אין יאָר 1896 האָט ער געלייענט אַן אָנגעשריבענע רעדע אויף אַן 1טע מאַי־פאַרזאַמלונג אין זווערינצער וואַלד. דאָס איז געווען איינע פון דריי געהיימע פאַרזאַמלונגען. הירש דער סטאָליער איז געשטאַנען פאַרן עולם פון בערך 150 מאַן, אָנגעטאָן אין אַ ברייטער רובאַשקע איבער די הויזן אַרומגעבונדן מיט אַ שנור און געלייענט די רעדע, וואָס אַרקאַדי קרעמער האָט אים געגעבן.

אין זעלבן יאָר, יום־כפור, אויף אַ געהיימער פאַרזאַמלונג אין ווילנע, איז הירש סאָראָקאָ אויסגעקליבן געוואָרן אין „קדשי־קדשים", ווי מען האָט גערופן דעם קאָמיטעט פון דער שטאָטישער אָרגאַניזאַציע. ער האָט שוין געהאַט הינטער זיך עטלעכע יאָר פון איבערגעגעבענער אַרבעט אין דער באַוועגונג, אין וועלכער ער איז אַריין אין אָנהויב פון די 90קער יאָרן. דער צוטרוי צו אים איז געווען אַ פעסטער. ער האָט געשפּילט אַ באַזונדערס גרויסע ראָל אין די עקאָנאָמישע קאַמפן, וואָס די יידישע אַרבעטער האָבן געפירט אין יענע צייטן.

אויפן גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון בונד, אין יאָר 1897, איז הירש דער סטאָליער געווען איינער פון די ווילנער דעלעגאַטן. נאָך פאַר דעם איז אים אויסגעקומען אויסצופירן אַ היסטאָרישע טאַט. אין מאַי פון זעלבן יאָר האָבן דריי אַרבעטער בסוד־סודות (אַפילו דער קאָמיטעט האָט נישט געוואוסט) זיך גענומען פאַר דער שווערער פאַנטאַסטישער אַרבעט פון אָרגאַניזירן אַ געהיימע דרוקעריי. הירש איז געווען איינער פון די דריי. ער האָט געוואוינט אין דער ספּעציעל געדונגענער דירה אויף באַקשטא גאַס, וואו מ'האָט געדרוקט די בויגנס. אין אויגוסט פון זעלבן יאָר איז שוין פון דער דרוקעריי אַרויס דער ערשטער נומער פון דער ערשטער יידישער געדרוקטער אומלעגאַלער צייַ־טונג אין רוסלאַנד — דיא אַרבייטער שטיממע. די דאָזיקע צייטונג איז דורך דעם ערשטן צוזאַמענפאָר דערקלערט געוואָרן פאַרן אָפיציעלן אָרגאַן פון בונד.

פון הערבסט 1897 האָט הירש זיך אָפּגעגעבן דער שווערער טעכנישער אַרבעט ביים צענטראַל־קאָמיטעט. די דרוקעריי איז פון ווילנע אַריבערגע־פירט געוואָרן קיין מינסק און פון דאָרטן קיין באָברויסק, וואו מ'האָט געדרוקט אַ ריי אויסגאַבן פון בונד און פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. ער און זיין פרוי מערל זיינען געווען די באַלעבאַטים פון דער וואוינונג, וואו די דרוקעריי האָט זיך געפונען. צוזאַמען מיט זיין פרוי איז ער אַרעסטירט געוואָרן אין יולי 1898 בעת די גרויסע אַרעסטן, וואָס

דער מאָסקווער אָכראַנע־שעף זובאַטאָוו האָט דעמאָלט אַדורכגעפירט צווישן די בונדיסטן אין אַ ריי שטעט.

נאָך דעם ווי זובאַטאָוו האָט אים געהאַלטן אַ צייט לאַנג אין אַ מאָסקווער טורמע, האָט מען אים ווי פיל אַנדערע אַרויסגעלאָזט ביזן אורטייל. ער קומט צוריק קיין ווילנע, גייט גלייך ווידער אַריין אין דער באַוועגונג און העלפט דאָרטן אַוועקשטעלן אַ צווייטע געהיימע דרוקעריי. ער האָט געמאַכט די איינ־ריכטונגען אין דער דירה, וואָס זאָלן מעגלעך מאַכן צו באַהאַלטן די שריפט און די דרוק־מכשירים.

אין זעלבן יאָר — 1900 — פאַרלאָזט ער רוסלאַנד. נאָך וואַנדערונגען איבער אייראָפּע, קומט ער קיין ניו־יאָרק, וואו ער איז געוואָרן קראַנק און געשטאָרבן אין אָנהייב 1909, אין עלטער פון 35 יאָר.

ב. : ז.: די האָפֿנונג נומ' 14, ווילנע, 8 אָקטאָבער 1907. די שטימע פֿון „בונד" נומ' 2, סעפּטעמבער 1909 (אומלעגאַלע אויסגאַבע). אַרבעטער-לוח, וואַרשע 1922. הלל כץ בלום : זכרונות פון אַ בונדיסט, ניו-יאָרק 1940; דזשאַן מילל : פּיאָנערן און בויער, ערשטער באַנד, ניו-יאָרק 1946; אַרקאַדי, ניו-יאָרק 1942; פראַנץ קורסקי: געזאַמלטע שריפטן, ניו-יאָרק 1952; שלום לעווין : אונטערערדישע קעמפער, ניו-יאָרק 1946;

А. Н.: Возникновенie «Арбeiтерштимме» (Пережитое, том I, С.-Петербургъ, 1908 г.).

(דאָס זיינען זכרונות פון ערשטן רעדאַקטאָר פון דיא אַרבייטער שטיממע — ס. זעלדאָוו-נ יעמאַנסקי).

В. Цоглин (Давид Кац «Тарас»): 1) Первый съезд Бунда; 2) Между первым и третьим съездами Бунда (Революционное движение среди евреев, Москва, 1930). Отклики Бунда, № 1, 1909, Женева.

י. ש. ה.

●

# ישראל גראַוויטער

געשטאָרבן דעם 1טן אַפּריל 1905 אין דער וואַרשעווער טורמע פּאַוויאַק. ער איז אַלט געווען קוים 18 יאָר.

נישט געקוקט אויף זיין יינגקייט, האָט ער שוין געהאַט אַ שטורמישע רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט. פון פאַך אַ שניידער (גערופן האָט מען אים טאַקע — ישראל דער שניידער). דאָס ערשטע מאָל האָט מען אים אַרעסטירט דעם 1טן מאַי 1904. מיט אַ קינזשאַל אין האַנט האָט ער זיך דעמאָלט גע־וואָרפן אָפּשלאָגן אַרעסטירטע חברים און איז אַליין אַריינגעפאַלן. 6 וואָכן איז ער געזעסן און מ'האָט אים אַרויסגעלאָזט ביזן משפט.

אין זעלבן יאָר, אין חודש סעפּטעמבער האָט מען אים אַ צווייט מאָל אַרעסטירט. אַ פאַרזאַמלונג איז באַפאַלן געוואָרן פון פּאָליציי. ווען מ'האָט די אַרעסטירטע געפירט אין קאָמיסאַריאַט, איז ער צוזאַמען מיט אַנדערע

אויף דער גאַס באַפאַלן דעם קאָנוואָי און געהאָלפן אָפּשלאָגן אייניקע חברים. ער איז דערביי פאַרהאַלטן געוואָרן.

פאַרביידע אָנפאַלן איז ער פאַרמשפּט געוואָרן אויף 6 חדשים תפיסה. געהאַלטן האָט מען אים ווי אַ קרימינעלן פאַרברעכער און שלעכט באַהאַנדלט. אַ קעמפערישע נאַטור, האָט ער קעגן דעם כסדר פּראָטעסטירט. 7 טעג האָט ער געפירט אַ הונגער־שטרייק און באַלד נאָך דעם האָט מען אים געהאַלטן 7 מעת־לעת אין אַ פינצטערן, קאַלטן קאַרצער. זיין געזונט איז צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן, ער האָט זיך אָנגעקלייגט קראַנק און געשטאָרבן.

זיין טויט האָט גורם געווען איינע פון די גרעסטע דעמאָנסטראַציעס פון יידישע אַרבעטער אין וואַרשע און זיך בלוטיק פאַרענדיקט מיט פיל קרבנות. בערך 30 טויזנט אַרבעטער, צווישן זיי אויך אַ צאָל פּוילישע, האָבן זיך פאַרזאַמלט אין די גאַסן אַרום פּאַוויאַק. זעענדיק אַזאַ ריזיקן עולם, האָט די פּאָליציי זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן דעם טויטן און האָט אים שפּעטער געהיים אַרויסגעפירט.

ב. : דער בונד, נומ׳ 6, מאַי 1905 (דרוקעריי פון „בונד״, אומלעגאַל). אויפרוף פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון „בונד״, מאַי 1905 (נעקראָלאָגען, דרוקעריי פון „בונד״).

Послѣдния Извѣстия, 18 мая 1905, Женева.

י. ש. ה.

●

# סאָלאָמאָן מאַרגאָלין

ווי אַן אָדלער האָט ער אַ פּלי געטאָן אויפן הימל פון דער רעוואָלוציאָנערער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און איז באַלד אַרונטערגעשאָסן געוואָרן דורך צאַרישע קוילן. דאָס לעצטע מאָל האָבן חברישע הענט אים געהויבן איבער דעם צעברויזטן ים פון דרייסיק טויזנט קעפּ און זיין דונערדיקע שטים האָט אויפגערודערט די געפילן אין די ברוסטן פון די וואַרשעווער אַרבעטער, וואָס זיינען אַרויס פּראָטעסטירן קעגן דער צאַרישער טיראַניע.



סאָלאָמאָן (שלמה) מאַרגאָלין האָט געשטאַמט פון אַ פאַרמעגלעכער, אַ ביסל אַסימילירטער פאַמיליע. אין אָדעס האָט ער געענדיקט די האַנדלס־שול און איז אַוועק אין אויסלאַנד ווייטער שטודירן. ער האָט געקלערט צו ווערן אַן אינזשיניער. זיין לערע האָט ער באַקומען אין פּאָליטעכניקום פון קאַרלסרוע. לכתחילה האָט ער זיך אָפּגעגעבן ענערגיש מיטן לערנען זיך. זיין לעבן האָט אָבער גאָר גיך אָנגענומען אַ נייע ווענדונג. דער יינגער סטודענט איז געוואָרן באַגייסטערט פאַרן בונד. אין קאַרלסרוע האָט עקסיסטירט אַ בונ־

דישע גרופּע פון סטודענטן און מאַרגאַלין איז צו איר צוגעשטאַנען. צו דער גרופּע האָבן אַגב געהערט אייניקע, וועלכע האָבן אין פאַרשיידענע צייטן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער געשיכטע פון בונד.

דער יינגער בונדיסט קען זיך שוין מער נישט לערנען אין דער רואיקער דייטשער שטאָט. אים ציט צום קאַמף־פעלד, צו די רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבעטער. ער קומט צוריק קיין רוסלאַנד איינגאַנצן אַ געענדערטער.

אַ גלענצנדיקער רעדנער, אַן עכטער פאָלקס־טריבון, פאַרט ער אַרום אין שליחות פון בונד און טרעט אַרויס אויף גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען. ער צינדט אַלעמענס הערצער. 16 חדשים איז ער געווען אַקטיוו אין די בונ־דישע אָרגאַניזאַציעס פון פאַרשיידענע שטעט און געלעבט ווי אַן אומלעגאַלער רעוואָלוציאָנער. ער איז געווען דער באַליבטער רעדנער אין בערדיטשעוו, מינסק, ביאַליסטאָק, לאָדזש און וואַרשע. די צענטליקער טויזנטער צוהע־רער האָבן דעם פלאַמיקן רעדנער — אַן אָראַטאָר פון גרויסן פאַרנעם — געקענט ווי דעם חבר סעמיאָן.

אין אַן אויפרוף פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד וועגן זיין טויט ווערט חבר סעמיאָן אַזוי געשילדערט: „אין זיין האַרץ האָט דער רעוואָלו־ציאָנערער גייסט, ווי אַ פלאַם געברענט, און ער האָט פאַרמאָגט דעם טאַלאַנט זיין ברען, זיין באַגייסטערונג דער מאַסע איבערצוגעבן. די זעלביקע ווער־טער, ווען סעמיאָן האָט זיי גערעדט, האָבן צעפלאַמט, צעקאָכט די צוהערער. אין די שטורם־טעג פון יאַנואַר מאָנאַט איז ער אין לאָדזש אַרויסגעטרעטן אויף גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען אויפן גאַס און ער האָט די רעוואָלוציאָנערע שטימונג ביי דער מאַסע גוואַלטיק געהויבן. צענטליקער טויזנטער מענטשן האָבן אים געהערט; צענטליקער טויזנטער מענטשן האָבן מיט התפעלות זיינע שלאָג־ווערטער איבערגעחזרט. אין וואַרשע האָט ער 2 מאָנאַטן געוואוינט און ס׳איז נישט אַריבער כמעט איין בערזע, ווען סעמיאָן זאָל נישט ריידן. און שטענדיק פלעגט די מאַסע אויף זיינע רעדעס מיט שטורמישע אויסרופן ענטפערן. נישט לאַנג פאַרן טויט איז ער געפאָרן אין ביאַליסטאָק און לאָדזש און אין דער לעצטער שטאָט האָט ער אויף אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג גערעדט. דעם 2טן אַפּריל האָט ער געמאַרשירט אין דער ערשטער ריי. ער האָט דאָן אַ קורצע אָבער פלאַמיקע רעדע געהאַלטן. באַלד נאָך דעם איז ער טויטלעך פאַרוואונדעט געוואָרן. מיטוואָך דעם 5טן אַפּריל איז ער אין שפּיטאָל גע־שטאָרבן. רואיק האָט ער דעם טויט באַגעגנט"... „זיין לעבן איז געווען קורץ, אָבער גלענצנדיק. גיך איז ער פאַרלאָשן געוואָרן, אָבער העל האָט ער געברענט".

דער פאַטאַלער 2טער אַפּריל 1905... מיט אַ טאָג פריער איז אין פּאַוויאַק געשטאָרבן דער בונדיסט ישראל גראַוויער. אויפן רוף פון בונד האָבן טויזנ־טער יידישע און אויך פּוילישע אַרבעטער זיך פאַרזאַמלט אַרום דער טורמע, כדי צו באַגלייטן דעם פאַרמאַטערטן חבר צו זיין אייביקער רו. ס׳זיינען אָנ־געקומען פּאָליציי, זשאַנדאַרמעריע און מיליטער און פאַרבאָטן אַרויסצוגעבן דעם מת. פון דער צעברויזטער מאַסע האָט זיך פאַרמירט אַ גראַנדיעזע דעמאָנסטראַציע. אָט ווי עס האָט אויסגעזען לויט דער שילדערונג פון דער

אונטערערדישער בונדישער פרעסע: „30 טויזנט מאַן האָבן מאַרשירט האַנט אין האַנט געשלאָסן. פריער איז מען געגאַנגען שטיל, נאָר פּלוצלונג האָט עפּעס ווי אַן עלעקטרישער שטראָם דורכגעדרונגען די גאַנצע מאַסע. מיט איין מאָל האָבן אַלע די קעפּ אַנטבלויזט. מען האָט אָנגעהויבן זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער, ס'האָבן זיך געלאָזט הערן רעוואָלוציאָנערע אויסרופן און שטורמישע געשרייען 'הוראַ!' איבער דער מאַסע האָט זיך באַוויזן אונזער חבר סעמיאָן (סאָלאָמאָן מאַרגאָלין), גלייך ווי ער וואָלט שווימען איבער אַ ים קעפּ. ער האָט גערעדט עטלעכע הייסע ווערטער. די מאַסע האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ דונערדיקן 'הוראַ!'. עטלעכע מענטשן האָבן אויסגעשאָסן אין דער הויך צו ערן דעם אָנדענק פון דעם פאַרשטאָרבענעם חבר. די דעמאָנסטראַציע איז געווען ביים סוף און דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערצוגיין. די גאַנצע צייט פון דער דעמאָנסטראַציע האָט זיך די פּאָליציי נישט באַוויזן. דאָס מיליטער איז געשטאַנען ווייט פון דער דעמאָנסטרירנדיקער מאַסע. איצט, בעת מען האָט זיך גענומען פאַנאַנדערגיין, האָט דאָס מיליטער זיך גענומען צו איר בלוטיקער אַרבעט. זי האָט פון ווייטן פינף מאָל געשאָסן אויף די פרידלעכע דעמאָנסטראַנטן. פון זייערע קוילן זיינען געפאַלן: אליעזר כהן און זעליג האָבערשטיין טויט אויפן אָרט; פרומע גראַבעלסקאַיאַ (וויערא) און סאָלאָמאָן מאַרגאָלין (סעמיאָן) טויטלעך פאַרוואונדעט. ביז צוואַנציק מענטשן האָבן באַקומען לייכטע וואונדן פון רעוואָלווערן"... „בעת די פּאָליציי האָט דעם טויטלעך־פאַרוואונדעטן סעמיאָן צו דער דראָזשקע געשלעפּט, האָט ער געשריגן: נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! נידער מיט דער פּאָליציי!" (דער בונד נומ' 6, מאַי 1905).

געשען איז דאָס אין דער געגנט, וואו עס קרייצן זיך די גאַסן גענשע און דזשיקע. צו הילף דעם מיליטער, וואָס האָט געשאָסן פון דער ווייטנס, זיינען אין די טויערן געשטאַנען פּאָליציאַנטן און אָכראַניקעס און פון די באַהעלטענישן אַרויס באַשאָסן די פאַרבייגייענדיקע. אַחוץ די טויטע אויפן אָרט איז געווען אַ גרעסערע צאָל לייכט און שווער פאַרוואונדעטע.

אין דער נאַכט פון 5 אַפּריל איז חבר סעמיאָן געשטאָרבן אין שפּיטאָל. באַגלייט פון אַן אָפּטיילונג פון 20 קאָזאַקן האָט גלייך פּאָליציי דעם מת געהיים אַוועקגעפירט אויפן יידישן בית־עולם אין פּראַגע. אויפן קבר האָט זיין פאָטער אַוועקגעשטעלט אַ מצבה מיט אַ רוסישער אויפשריפט.

„אַ פאַרקעמפער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, איז ער געפאַלן ווי אַ העלד אויפן שלאַכט־פעלד. דער יידישער פּראָלעטאַריאַט וועט נישט פאַרגעסן זיין פריינט און קאַמף־חבר" — מיט די ווערטער האָט דער וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד זיך געזעגנט מיטן לעבנס־פריידיקן און קאַמף־לוסטיקן געפאַלענעם באַגייסטערער פון די רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבעטער. יאָרן לאַנג האָט מען אין פאַרשיידענע נוסחאות דערציילט וועגן די געשעענישן פון בלוטיקן זונטאָג און וועגן דער געשטאַלט, וואָס האָט געשוועבט איבער די קעפּ פון דער צעשטורעמטער מאַסע און איז געפאַלן, ווי אַן אַרונטערגעשאָסענער שטורם־פויגל.

ב.: דער בונד נומ' 6, מאַי 1905 (דרוקעריי פון „בונד"). אויפרוף פון וואַר-

שעווער קאָמיטעט פון „בונד" (נעקראָלאָגן, אומלעגאַל). א. ליטוואַק: געזאַמלטע שריפטן, ניו-יאָרק, 1945. דזשאָן מילל: פּיאָנערן און בויער, באַנד 2, ניו-יאָרק, 1949. א. וואלף יאסני: געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין לאָדז, לאָדז, 1937.
Послѣднія Извѣстія, 20 апрѣля, 5 мая, 18 мая 1905, Женева.

י. ש. ה.

●

# פרומע גראַבעלסקי

אונטער דעם נאָמען וויערא האָבן זי די יידישע אַרבעטער פון וואַרשע געקענט און ליב געהאַט.

פרומע (פראַניע) גראַבעלסקי איז געבוירן געוואָרן אין אַ דאָרף און אויפֿגעוואַקסן אין בערדיטשעוו. זי איז געווען אַ טאָכטער פון נישט־פאַרמעגלעכע באַלעבאַטישע עלטערן, וועלכע האָבן זיך מפרנס געווען פון אַ קראָם. זי האָט באַשלאָסן צו ווערן זעלבשטענדיק און איז געוואָרן אַ וועש־נייטאָרין. אין איר היים־שטאָט איז פרומע אין יאָר 1901 אַריין אין בונד, וואו זי האָט זיך באַלד אַרויסגערוקט אַלס אַקטיווע טוערין. שוין אין 1902 האָט זי אָנגעפירט מיט שטרייקן און זיך אויסגעצייכנט אין דער אַגיטאַציע. גערעדט האָט זי זאַכלעך און מיט איבערצייגונג. אָפט פלעגן אין אירע רייד דורכבליצן אָריגינעלע געדאַנקען. די פּאַרטיי האָט הויך געשאַצט איר ווערט און אַרבעט און זי אַריינגענומען אין דער אָנפירונג פון דער בערדיטשעווער אָרגאַניזאַציע (דאָרטן איז אויך געווען אַקטיוו איר ברודער מאָטקע).



אין 1904 איז די יינגע טוערין, לויטן ווילן פון דער פּאַרטיי, אַריבער קיין וואַרשע, וואו זי איז אַריינגענומען געוואָרן אין שטאָטישן קאָמיטעט. זי איז באַלד געוואָרן זייער פּאָפּולער. אין די הייסטע קאַמפן האָט זי זיך באַטייליקט און אומעטום געוויזן איר דרייסטקייט. די טרייע וויערא איז געווען אַ טייל פון אויפגייענדיקן רעוואָלוציאָנערן פלאַם.

ס'איז געקומען דאָס יאָר 1905. אין אַלע שטרייקן און דעמאָנסטראַציעס איז זי אין די פאָדערשטע רייען. דעם 1טן אַפּריל 1905 איז אין דער טורמע, אין פּאַוויאַק געשטאָרבן דער יינגער בונדיסט ישראל גראַוויער. דער וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד האָט באַשלאָסן איינצואָרדענען אַ גרויסע פּראָטעסט־לוויה. 30 טויזנט מענער און פרויען האָבן אויפן רוף פון בונד דעם 2 אַפּריל זיך פאַרזאַמלט אַרום פּאַוויאַק. זיי האָבן דעמאָנסטרירט. שוין ביים פאַנאַנדער־

גיין זיך האָט די צאַרישע פּאָליציי און מיליטער באַשאָסן די מענטשן. עס זיינען געפאַלן עטלעכע טויטע און אַ גרעסערע צאָל פאַרוואונדעטע. וויעראַ איז געווען איינע פון זיי. זי איז שטערבלעך פאַרוואונדעט געוואָרן און מיט אַ טאָג שפּעטער איז די יינגע קעמפערין געשטאָרבן אין שפּיטאָל.

חבר ישראל ליכטענשטיין, וועלכער האָט זי געזען אַ קורצע צייט איי־דער זי איז געפאַלן, האָט וועגן איר דערציילט: „אַ זייגער איינס נאָכמיטאָג טרעף איך וויעראַן אויף עק דזשעלנאַ און דזשיקע. זי שיינט, זי לייכט, די אויגן שטראַלן. אָנגעטאָן אין אַ נייעם שיינעם הוט! (וואָס איז דעמאָלט געווען אַ זייער זעלטענע דערשיינונג אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן, וועלכע האָבן נאָך שטאַרק געלעבט מיט די טראַדיציעס פון די רוסישע ניהיליסטן און דער מנהג פון נאָכלעסיקייט אין דער קליידונג איז געווען כמעט אַ ׳מוז׳). אויף מיין פראַגע צו איר: — וואָס האָט איר זיך אַזוי אויסגעפּוצט, חברטע וויעראַ? — כאַפּט זי מיך אָן ביי דער האַנט און ווייזנדיק אויפן גרויסן עולם, וואָס האַלט זיך כסדר אין זאַמלען, רופט זי מיט אַ טריאומפירנדיקער מינע: — נו, זעט ווער איז גערעכט געווען? האָב איך דען נישט געזאָגט, אַז דער וואַרשעווער אַרבעטער וועט זיך שטעלן אויף אונזער רוף״.

ווען פרומע איז געפאַלן אַ שווער־פאַרוואונדעטע, האָט אַ חברטע אָנ־געהויבן צו וויינען (ליכטענשטיין זאָגט, אַז ווי אים דאַכט זיך, איז דאָס געווען פאַניע ליפּעץ־נירענבערג). די שטערבלעך־פאַרוואונדעטע חברטע וויעראַ האָט דעמאָלט מיט די לעצטע כוחות געזאָגט: „וואָס באַוויינט איר מיך? איך בין דאָך געפאַלן אין קאַמף און נישט ערגעץ הינטער אַ פּלויט״...

דער וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד האָט אין אַ ספּעציעלן אויפרוף וועגן איר טויט געזאָגט: „פון די פאַרוואונדעטע איז געשטאָרבן איינע פון די בעסטע, אונזערע אַ חברטע, פרומע גראַבעלסקאַיאַ, וויעראַ, ווי דער וואַרשעווער פּראָלעטאַריאַט האָט זי גערופן. ווען 2 קוילן האָבן אונזער וויעראַן געטראָפן, און אַ חברטע, וואָס איז דערביי געשטאַנען, האָט אין אַ געוויין אויס־געבראָכן, האָט זי, שוין טראָגנדיק דעם טויט אין איר ברוסט, מיט שטאָלצער אומגעדולד זי אָפּגעהאַלטן: ׳וואָס באַוויינט איר מיך? איך בין דאָך נישט געפאַלן הינטער אַ טויער׳...״ „מיר האָבן זי אַלע געזען דעם לעצטן יאָר אין וואַרשע, דער גאַנצער וואַרשעווער יידישער פּראָלעטאַריאַט האָט זי גע־קענט. ווען אַרבעטער זיינען אויף דער גאַס געווען, איז דאָרטן אויך וויעראַ געווען, שטענדיק צווישן זיי, שטענדיק דערקלערנדיק זיי זייערע אינטערעסן, אָנווייזנדיק זיי וואָס צו טאָן. אין אַלע געפעכטן, וואָס מיר האָבן דעם לעצטן יאָר איבערגעלעבט, איז וויעראַ פון די פאָרקעמפער געווען״... „אין דער ערשטער ריי געקעמפט, אין דער ערשטער ריי געפאַלן. אַ גרויסאַרטיקער לעבן! אַ העלדישער טויט״.

אין אַ צווייטן אויפרוף פון וואַרשעווער קאָמיטעט וועגן די קרבנות פון דער דעמאָנסטראַציע ווערט נאָך געזאָגט וועגן איר: „אַ שניידערין, 24 יאָר אַלט. 4 יאָר האָט זי געאַרבעט אין אונזער אָרגאַניזאַציע אין בערדיטשעוו און וואַרשע. זי איז געווען איינע פון אונזערע פאָרקעמפער און בעסטע חברים״... „האָט מען געוואָלט וויסן וואָס אין וועלכן עס איז פּאַך אין וואַרשע

טוט זיך, האָט מען זיך געמוזט צו וויעראן ווענדן: זי האָט אַלץ געוואוסט. דאָס איז געווען אַן אמתע קאַמף־נאַטור״... „נאָך מיט 2 טעג פאַר איר טויט האָט זי אונז געזאָגט: ׳איר קענט נישט דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין וואַרשע... אין איין שעה צייט וועלן מיר אָפּשטעלן די אַרבעט אין דער גאַנצער שטאָט. איר וועט זען!׳ זונטאָג דעם 2 אַפּריל האָט דער יידישער פּראָלע־טאַריאַט באַוויזן, אַז וויערא האָט אין אים קיין טעות נישט געהאַט. און ווי צופרידן זי איז דאַן געווען! ׳איר זעט? איך האָב אייך געזאָגט!׳ — האָט זי עטלעכע מאָל מיט פרייד און נצחון איבערגעחזרט. דאָס איז געווען איר יום־טוב״.

דער וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד האָט גערופן צו אַן אַלגעמיינעם שטרייק אין טאָג פון וויעראַס לוויה (5 אַפּריל). די יידישע אַרבעטער פון כמעט אַלע פאַכן האָבן דעם טאָג נישט געאַרבעט. נאָך מיטאָג האָבן די פּוילישע אַרבעטער פון אַ סך פאַבריקן און ווערקשטאַטן זיך פאַראייניקט צום שטרייק. די גאַסן זיינען געוואָרן פול מיט מענטשן, באַזונדערס געדיכט איז געווען אַרום שפּיטאָל. צענטליקער טויזנטער זיינען געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד די געפאַלענע חברים. לוויות האָט מען נישט דערלויבט צו מאַכן.

וויעראַ איז געקומען צו קבורה אויפן יידישן בית־עולם אין פּראַגע. די יידישע אַרבעטער פון וואַרשע האָבן לאַנג נאָך געדענקט די געשטאַלט פון דער יינגער רעוואָלוציאָנערין און מיט צער דערמאָנט איר העלדישן טויט. זיי האָבן וועגן איר געזונגען אַ ליד. אָט זיינען אייניקע שורות פון דעם פאָלקס־ליד:

דו ביסט געפאַלן, טייערע וויעראַ,
אין קאַמף ווי אַ העלד.
דיינע ווערטער וועלן לעבן
לאַנג, לאַנג אויף דער וועלט.

דיינע ווערטער וועלן לעבן
לאַנג, לאַנג נאָך דיין טויט.
מיט דיין בלוט וועט מען פאַרבן
אונזערע פענער אויף רויט.

וויעראַס טויט האָט צבי הירשקאַן אַריינגעפירט אין זיינס אַ דערציילונג ניט הינטער אַ פּלויט. אַלס צייכן פון טרויער האָבן אַ סך חברים אַ צייט געטראָגן שוואַרצע פינגערלעך און חברטעס — שוואַרצע אויערינגלעך.

ב.: אינפאָרמאַציע פון הערש ראָזענפעלד (בערדיטשעוו — ניו־יאָרק). אויפ־רוף פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון „בונד", אַפּריל 1905 (אומלעגאַל). דער בונד נומ׳ 6, מאַי 1905 (אומלעגאַל). ח. ל. פאָזנאַנסקי: מעמואַרן פון אַ בונדיסט, וואַרשע, 1938. א. ליטוואַק: געזאַמלטע שריפטן, ניו־יאָרק, 1945. שמואל לעהמאַן: אַרבייט און פרייהייט, וואַרשע, 1921. י. ליכטענשטיין: יוגנט־וועקער, וואַרשע, 1 מאַי 1929. פּעסל ראָזענפעלד: אונזער צייט, ניו־יאָרק, מערץ־אַפּריל 1955.
Послѣднія Извѣстія, 20 апрѣля, 1905, Женева.

י. ש. ה.

# אסתר ריסקינד

געבוירן אַרום 1880. געשטאַמט האָט זי פון ליאַדי, ווייס־רוסלאַנד. אויפגעצויגן אין אַ חסידישער סביבה פון חב״דניקעס. אירע עלטערן — אָרימע אָבער זייער פרומע, וואָס האָבן געציטערט זי זאָל נישט אַראָפּ פון דרך־הישר. צו דעם איז געווען אַן אַלטע,



אויסגעפּרואווטע עצה — פּרי חתונה מאַכן. די מורא פון די חסידישע עלטערן האָט גע־האַט אַ גרונט, ווייל זייער טאָכטער אסתר חיה האָט געהיים זיך געבילדעט און געשטרעבט צו פירן אַ פריי וועלטלעך לעבן. נאָך מער: צוזאַמען מיט איר נאָענטער חברטע, דעם ליאַדער רבינס טאָכטער, איז זי — אַליין אויך פון דער זעלבער רבישער משפחה — אַריינ־געטרעטן אין אַ געהיימען סאָציאַליסטישן קרייזל. טאַטע־מאַמע האָבן קעגן איר ווילן זי פאַרקנסט צו אַ חסידישן בחור.

ווען ס׳איז געקומען די צייט פון דער חתונה, איז אסתר, אַ מיידל פון קוים 16 יאָר, אַנטלאָפן פון דער היים. זי איז אַוועק אַזש קיין קראָקע. דאָרטן האָט זי זיך געלערנט אַ פאַך. גלייכצייטיק האָט זי זיך באַקענט מיט אַ גרופּע סטודענטן פון קראָקעווער אוניווערסיטעט און איז אַריין אין אַ סאָ־ציאַליסטיש קרייזל, וואָס דער מעדיצין־סטודענט פּינאַי ראָזענטאַל (שפּעטער אַן אָנגעזעענער בונדישער טוער) האָט געפירט. זי האָט פאַרבראַכט אין קראָקע 4 יאָר.

ווען פּ. ראָזענטאַל באַזעצט זיך אין ביאַליסטאָק (הערבסט 1899) און ווערט דאָרטן טעטיק ווי אַ דאָקטאָר און ווי אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד, קומט אסתר אויך אַהין. זי איז אַקטיוו אין דער בונדישער באַווע־גונג און רוקט זיך אַרויס איז די פאָדערשטע רייען. זי איז געווען באַליבט און געשעצט. מ׳נעמט זי אַריין אין דער אָנפירונג (אַגיטאַטאָרן־פאַרזאַמלונג) פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע. פאַר די אַרבעטער איז זי געווען אַ לערערין און אַ גוטע חברטע. דאָ איז פאַרווירקלעכט געוואָרן איר חלום צו ווירקן צווישן יידישע אַרבעטס־מענטשן. אין דער באַוועגונג האָט זי געאַרבעט איבער די כוחות. אויסגעהאַלטן האָט זי זיך פון געבן לעקציעס. פון אירע קליינע פאַרדינסטן פלעגט זי נאָך העלפן אַנדערע און אַ טייל אַוועקגעבן דער פּאַרטיי־קאַסע. פאַרבראַכט האָט זי צווישן די ביאַליסטאָקער יידישע אַרבע־טער אַנדערטהאַלבן יאָר.

פון ביאַליסטאָק האָט זי דער בונד געשיקט אין אַ צווייטער שטאָט פון טעקסטיל־פאַבריקן — לאָדזש. זי האָט געאַרבעט אין אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אין די עטלעכע יאָר פון איר עקסיסטענץ שוין געהאַט צו פאַרצייכענען גרויסע פאַרלוסטן און אַרעסטן, אָבער אויך גרויסע דערפאָלגן אין דער יידי־

שער אַרבעטער־מאַסע. אויך זי איז דאָרטן געפאַלן אַ קרבן פון אַן אַרעסט און איז מיטן עטאַפּ אָפּגעשיקט געוואָרן אין איר געבורטס־שטעטל.

לאַנג איז זי דאָרטן נישט פאַרבליבן. גאָר גיך געפינט זי זיך שוין אין וואַרשע, וואו זי איז געווען טעטיק במשך אַ יאָר צייט. דאָס יאָר האָט זי געהאַלטן פאַרן בעסטן פון איר לעבן. פאַרוואָס? — צוויי סיבות: ווי אַ מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט, איז איר טיילמאָל אויסגעקומען אַליין צו טראָגן אויף אירע פּלייצעס די גאַנצע לאַסט פון דער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט. ווי שווער דאָס זאָל נישט האָבן געווען, האָט זי דאָך געפילט אַ שטאַרקע מאָראַלישע באַפרידיקונג. די צווייטע סיבה איז געווען — דער נייער קרייז מענטשן, מיט וועלכע זי האָט זיך באַפריינדעט, באַזונדערס די גרופּע יידישע שרייבער.

אסתר ריסקינד האָט געהאַט אַ שטאַרקן אינטערעס צו ליטעראַטור און מוזיק. שטילערהייט האָט זי אַליין געשריבן לידער (רוסישע). אירע נאָענטע פריינט, מיט וועלכע זי פלעגט פאַרברענגען אין וואַרשע, זיינען געווען י. ל. פּרץ, ה. ד. נאָמבערג, אברהם רייזען און אַנדערע וואויל־באַקאַנטע יידישע שרייבער. אַזוי האָט די אידעלע אסתר געפיבערט צווישן דער שווערער, אונטערערדישער אַרבעט און די יום־טובדיקע צוזאַמענטרעפן מיט די שעפער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. אַליין האָט זי געשריבן שיינע, פּאָעטישע אַרטיקלען אין בונדישן אונטערערדישן אָרגאַן דער וואַרשעווער אַרבייטער.

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן ביז תשעה־באָב 1903, ווען 5 טויזנט יידישע אַרבעטער האָבן דעמאָנסטרירט פאַר דער טורמע פּאַוויאַק. זי איז דעמאָלט אַרעסטירט געוואָרן. דאָס איז געווען איר צווייטער אַרעסט אין וואַרשע — דאָס ערשטע מאָל האָט מען זי אַרעסטירט דעם 14 דעצעמבער 1902 אויף פּאַוויע 27, און מ׳האָט זי שפּעטער אַרויסגעלאָזט. איצט איז עס שוין געווען ערנסטער. מ׳האָט זי איינגעזעצט אין צענטן פּאַוויליאָן פון וואַרשעווער ציטאַדעל. דאָרטן האָט זי אויסגעגאָסן אירע בענקשאַפטן אין אַ ריי לידער און איבערגעזעצט אין רוסיש דערציילונגען און לידער פון איר נאָענטן פריינט י. ל. פּרץ, צווישן אַנדערע אויך די פּאָעמע מאָניש. אַ צייט איז זי אָפּגעזעסן אין דער נאַסער קאַמער. זי האָט כסדר געלייענט און געשריבן, לסוף האָט מען איר געגעבן 4 יאָר פאַרשיקונג אין סיביר. איר רעוואָלוציאָנערע נאַטור האָט זי נישט געלאָזט רוען און גאָר גיך איז זי אַנטלאָפן פון פאַרשיקונג (21 פעברואַר 1904).

אסתר ריסקינד איז געקומען אין דער שווייץ. זי האָט די צייט פאַרברענגט אין לערנען זיך און העלפן אין דער אַרבעט פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד. ס׳איז געקומען דער 9טער יאַנואַר 1905. די סיגנאַלן פון דער רעוואָלוציע האָבן גערופן און אסתר האָט געזאָגט: „מען דאַרף פאָרן, אַז נישט קען מען פאַרשפּעטיקן די רעוואָלוציע". און זי איז געפאָרן.

איר וועג האָט געפירט קיין ווילנע. זי איז אַריין אין קאָך פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן — און באַלד פון ווילנע געמוזט לויפן, כדי נישט ווידער אַריינצופאַלן אין די הענט פון דער צאַרישער אָכראַנע. זי קומט

אין איר אַלטער, גוט־באַקאַנטער שטאָט ביאַליסטאָק, וואו זי האָט געשטעלט די ערשטע טריט אין איר בונדישער מאַסן־אַרבעט.

רוישיקע טעג און וואָכן. די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס שטייגן, אָבער דער שונא איז נאָך גענוג שטאַרק און ווילד. און דאָ, אויף דער אַרבעטער־בירזשע פון סוראַזשער גאַס, האָט די אײדעלע רעוואָלוציאָנערין אומגעריכט געפונען איר טויט. געשען איז דאָס דעם 12 אויגוסט 1905, ווען זי איז קוים אַלט געווען 25 יאָר.

געווען איז עס אין זעלבן טאָג, ווען דאָס מיליטער האָט דורכגעפירט אַ פּאָגראָם, וואָס האָט געקאָסט 41 טויטע און אַ גרויסע צאָל פאַרוואונדעטע. ריסקינדס גוואַלטזאַמער טויט איז אַזוי געשילדערט געוואָרן אין אַ בונדישער צייטונג:

„אַ גרופּע מיידלעך, צווישן וועלכע ס׳איז אויך געווען ׳הינדע׳ (אסתר ריסקינד), אַ באַוואוסטע ענערגישע אַרבעטערין פון ׳בונד׳, זיינען געשטאַנען ביי דער טיר פון פאַבריקמאַכעריי (דאָרטן איז געלעגן אַ טויטלעך־פאַרוואונדע־טער אַרבעטער פיינשטיין). אַן אָפיציר מיט אַ פּאַטרול איז צוגעגאַנגען צום עולם און האָט געזאָגט: ׳איך בין אייך אַלעמען מתרה, אַז איך וועל שיסן!׳ פון פּובליקום האָט מען אים געענטפערט: ׳שיסט, און זייט נישט מתרה!׳ דעמאָלט האָט ער געגעבן אַ צייכן און תיכף ומיד האָבן אַלע סאָלדאַטן אָנגעשטעלט די ביקסן צום שיסן. כמעט אין זעלבן מאָמענט איז געוואָרפן געוואָרן אַ באָמבע אין פּאַטרול, וועלכע האָט פאַרוואונדעט דריי סאָלדאַטן, איין גאָראָדאָוואָי און צוויי מענטשן פון פּובליקום. ביי דער פאַבריקמאַכעריי, ביים פענצטער אויף דער גאַס, איז דערשאָסן געוואָרן ׳הינדע׳.״ (די לעצטע פּאַסירונגען נומ׳ 21, 16 אָקטאָבער 1905). צוזאַמען מיט אסתרן (מ׳האָט זי אויך גערופן טאַמאַראַ, אידאַ און הינדע) איז דעמאָלט געפאַלן טויט די 21־יאָריקע בונדיסטקע גיטל זאַקהיים.

חברים און פריינט, וואָס האָבן אסתרן גוט געקענט, האָבן זי שפּעטער אַזוי כאַראַקטעריזירט:

„אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן אינטעלעקט, מיט אַ פיינעם ליטעראַרישן און עסטעטישן געשמאַק, גיסט זי זיך צונויף מיט דער אַרבעטער־מאַסע. זי ווערט באַלד אומגעוויינלעך באַליבט ביי די אַרבעטער, זי לעבט מיט זיי איין געמיינזאַם לעבן. ס׳ברענט אין איר אַן אינערלעך פייער, זי טראָגט אַריין דעם חסידישן ברען אין דער באַוועגונג״ (אַנאַ ראָזענטאַל: פּרויען־געשטאַלטן אין „בונד״, נייע פאָלקס־צייטונג, וואַרשע 19 נאָוועמבער 1937).

„זי האָט פאַרמאָגט אַ פּאָעטישע נשמה און האָט זייער צאַרט־סובטעל זיך באַצויגן צו מענטשן אַרום״ (ב. מיכאַלעוויטש: זכרונות פון אַ יודישען סאָציאַליסט, ערשטער באַנד, וואַרשע 1922).

„אסתר איז געווען שוואַרץ ווי אַ ציגיינערין, אירע אויגן האָבן אימער געברענט מיט אַ באַוועגלעכן פייערל, איר טונקעלער געזיכט איז געווען איינגעפאַסט אין אַ ראַם פון פעך־שוואַרצע האָר און ווען זי האָט גערעדט, האָט זיך מיר געדוכט, אַז זי ווייס נאָך עפּעס, עטוואָס טיפעס, געהיימעס, באַהאַלטענעס״ (ב. וולאַדעק אין לעבן און שאַפן, ניו־יאָרק, 1936).

„העכער פון מיטעלן וואוקס, מיט שוואַרצע קלוגע אויגן, אין אַ שוואַרץ, זיידן, לאַנג קלייד. די שוואַרצע האָר, פּאַרזיכטיק און גלאַט פּאַרקעמט, האָבן איר צוגעגעבן גרויס פאַרנעמקייט. דערצו האָט זי, כאָטש אַ פירערין פון די אָרעמע אַרבעטער־מיידלעך, זיך געהאַלטן מיט געוויסן איידעלן שטאָלץ" (אברהם רייזען: עפּיזאָדן פון מיין לעבן, צווייטער טייל, ווילנע, 1929).

איר געשטאַלט איז נאָך איר טויט געווען טיף איינגעבאַקן אין די הערצער פון אירע צאָלרייכע פריינט און חברים. איר בילד איז געהאָנגען אין אַ סך היימען פון יידישע אַרבעטער. אין 1915 האָט אַ גרופּע בונדישע יוגנט אין וואַרשע געגרינדעט אַ קרייז פון דער צוקונפט־אָרגאַניזאַציע און אים אַ נאָמען געגעבן — טאַמאַראַ. דער קרייז האָט עקסיסטירט לאַנגע יאָרן און אַרויסגעגעבן אַ ריי אַרבעטער־טוער.

ב. : אינפאָרמאַציע פון אברהם קאַסטעלאַנסקי (קאַרלין — וואַרשע — ניו-יאָרק). פּ. אַנ—מאַן : רויטער פנקס, ערשטער זאַמלבוך, וואַרשע, 1921. די לעצטע פּאַסירונגען, זשעניעווע, נומ' 19, 26 סעפּטעמבער און נומ' 21, 16 אָקטאָבער 1905. ב. מיכאַלעוויטש : זכרונות פון אַ יודישען סאָציאַליסט, ערשטער באַנד, וואַרשע 1922. אַנאַ ראָזענטאַל : נייע פאָלקס-צייטונג, וואַרשע, 19 נאָוועמבער 1937. ח. ל. פאזנאנסקי : מעמוארן פון אַ בונדיסט, וואַרשע, 1938. דזשאָן מילל : פּיאָנערן און בויער, באַנד 2, ניו-יאָרק, 1949. ב. וולאַדעק אין לעבן און שאַפן, ניו-יאָרק, 1936. אברהם רייזען : עפּיזאָדן פון מיין לעבן, צווייטער טייל, ווילנע, 1929. ז. רייזען : לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע, פערטער באַנד, ווילנע, 1929.

Послѣднія Извѣстія, №№ 248, 251, 1905 г., Женева; Я. Пескинъ: Страничка воспоминаній (Голосъ Бунда, №№ 6—7, Петроградъ, 30 сентября, 1917).

י. ש. ה.

●

# אַברהם קיסין

אַ פּיאָנער און מאַרטירער פון בונד. געווען טעטיק אין מאָהילעוו און האָמעל, געווען אַ צייט מיטגליד פון האָמלער קאָמיטעט. אין 1899 עמיגרירט קיין אַמעריקע. דאָ האָט ער אַ סך געטון צו פּאָפּולאַריזירן דעם ניי־געגרינדעטן אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד און שאַפן געלט־מיטלען פאַר זיין טעטיקייט. דאָס אַמעריקאַנער לעבן האָט אים נישט באַפרידיקט און ער האָט זיך אין 1900 אומגעקערט צוריק אַהיים. אויפן וועג איז ער עטלעכע חדשים געבליבן אין בערלין און דאָרטן געהערט צו דער בונדישער גרופּע. סוף 1900 קומט ער צוריק קיין רוסלאַנד און באַזעצט זיך אין ווילנע.

קיסין האָט אַנגענומען אַ שטעלע אַלס פאַרוואַלטער פון סירקינס בוכהאַנדלונג און איז ווייטער געווען אַקטיוו אין דער בונדישער באַוועגונג. די בוכהאַנדלונג איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בונדישע „יאַווקע".

ווי אַן אַקטיוון טוער פון בונד, האָט אים די צאַרישע מאַכט עטלעכע מאָל אַרעסטירט.

צביון (ב. האָפמאַן), וועלכער האָט אים געקענט פון דער אונטער־ערדישער אַרבעט (דאָס ערשטע מאָל זיך באַקענט, ווען צביון האָט אין טשע־מאָדאַנעס מיט טאָפּעלע דעקן געבראַכט פון אויסלאַנד אומלעגאַלע ליטעראַ־טור קיין ווילנע), גיט פון אים אַזאַ כאַראַקטעריסטיק:

„אַברהם קיסין איז געווען איינער פון די באַליבטסטע מענטשן אין ווילנע און ס'איז געווען פּאַרוואָס מ'זאָל אים ליבן. ווייניק זיינען דאָ אַזעל־כע מענטשן, וועלכע קאָנען געווינען ליבע און אַכטונג צווישן אַלע קלאַסן פון פאָלק און קיסין איז איינער פון די ווייניקע געווען".

ער איז געפאַלן אַ קרבן אין די רעוואָלוציאָנערע טעג פון אָקטאָבער 1905. אין ווילנע איז דעם 16 אָקטאָבער (אַלטער סטיל) פּראָקלאַמירט געוואָרן אַן אַלגעמיינער שטרייק, אין וועלכן דער בונד האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל. די גאַסן זיינען געווען פול מיט מיליטער און קאָזאַקן. אין אייזנבאַן־קלוב איז פאָרגעקומען אַ גרויסער פּאָליטישער מיטינג, וואָס האָט אַרויסגערופן דעם גובערנאַטאָר גראַף פּאַן פּאַלען און אים געשטעלט די פאָדערונג צוצו־נעמען דאָס מיליטער פון די גאַסן. דערביי האָט מען אים פאַרזיכערט, אַז די אָרדנונג אין שטאָט וועט איינגעהאַלטן ווערן. דער גובערנאַטאָר האָט דער־קלערט, אַז ער קען דאָס נישט טון אָן אַ דערלויבניש פון גענעראַל־גובערנאַ־טאָר. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן צוזאַמען מיט פּאַן פּאַלען אַ דעלע־גאַציע צום גענעראַל־גובערנאַטאָר. דערביי האָט דער גובערנאַטאָר געגעבן זיין ערן־וואָרט, אַז דאָס מיליטער וועט נישט שיסן. טויזנטער מענטשן האָבן באַגלייט די דעלעגאַציע. אויפן וועג האָט אַ זשאַנדאַרם־אָפיציר אויסגע־שאָסן און דאָס איז געווען אַ סיגנאַל פאַרן מיליטער צו עפענען אַ שיסעריי אויפן עולם. דריי זיינען געפאַלן טויט אויפן אָרט און אַ צאָל — פאַרוואונ־דעט, צווישן זיי צוויי שטערבלעך. איינער פון די לעצטע צוויי איז געווען אַ מיטגליד פון דער דעלעגאַציע — אברהם קיסין, די צווייטע איז געווען טאַניאַ פאָמעראַנץ — אַ בונדישע סטודענטקע, וועלכע איז דעם זעלבן טאָג געשטאָרבן. ס'איז דעמאָלט אויך געפאַלן טויט דער בונדיסט ראָזענשטיין.

די לוויה פון די קרבנות איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורכן בונד אונטער דער אָנפירונג פון חבר אַראָן (א. ווייטער). מיט אַ טאָג שפּעטער איז גע־שטאָרבן אברהם קיסין (17 אָקטאָבער אַלטער סטיל). אין דער לוויה (18 אָקטאָ־בער), אויך אונטער דער אָנפירונג פון חבר אַראָן, האָבן אָנטיילגענומען בערך 50 טויזנט מענטשן מיט פיל פענער און קרענץ. די שילער פון אַלע ווילנער לערן־אַנשטאַלטן זיינען געגאַנגען מיט קרענץ הינטערן אָרון. דער גרויסער עולם האָט זיך דערוואוסט וועגן מאַניפעסט פון צאַר, און די לוויה פון אברהם קיסין איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גראַנדיעזע פּאָליטישע מאַ־ניפעסטאַציע.ביים קבר האָבן די רעדנער שאַרף אַטאַקירט דעם צאַרס מאַניפעסט און זיינע צוזאָגן.

ב.: ב. האָפמאַן: דער פריינד, פּעטערבורג, 23 נאָוועמבער 1905. דער בונד

נומ. 10, 22 נאָוועמבער 1905. די לעצטע פּאַסירונגען נומ. 24, 1 דעצעמבער 1905, זשענעווע. הזמן, נומ. 214, ווילנה, 25 אָקטיאַבר (7 נאָיאַבר) 1905. פראַנץ קורסקי: געזאַמלטע שריפטן, ניו-יאָרק 1952. זרח נאָגעם: ווילנע אין די רעוואָלוציאָנערע אָקטאָבער-טעג פון 1905 (ווילנע, ניו-יאָרק 1935).

י. ש. ה.

●

# פרץ בערנשטיין

געבוירן אַרום 1887 אין ביאַליסטאָק — געשטאָרבן דעם 17 יוני 1905 אונטער אַרעסט אין גראָדנע.

פון אַן אינטעליגענטער פאַמיליע, האָט ער זיך געלערנט אין דער האַנדלס־שול, פון וואַנען מ׳האָט אים אויסגעשלאָסן פאַר באַטייליקן זיך אין אומלעגאַלע קרייזלעך. ער איז אַריין אין בונד גאָר יינג און געוואָרן אַקטיוו. דעם 2 אַפּריל 1904 האָט מען אים אַרעסטירט אין ווילנע און ער איז אָפּגעזעסן 6 חדשים. נאָך דער באַפרייאונג קומט ער צוריק קיין ביאַליסטאָק, וואו מ׳אַרעסטירט אים אַ צווייט מאָל. ער איז אָפּגעזעסן 3 חדשים. פרץ קומט קיין גראָדנע. ער איז דאָרטן טעטיק בלויז עטלעכע וואָכן און ווערט אַרעסטירט אויף אַ דעמאָנסטראַציע. דערביי ווערט ער שטאַרק צעשלאָגן. אין גראָדנער טורמע, וואו ער איז געזעסן, איז ער קראַנק געוואָרן אויף דער בלינדער קישקע. עטלעכע טעג איז דער געפערלעך־קראַנקער געלעגן אָן שום מעדיצינישער הילף. דאָס האָט אים דערהרגעט. די קרובים האָבן אַלאַרמירט, גערופן דאָקטוירים אויף אַ קאָנסיליום און ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז זיין לאַגע איז אַ האָפענונגסלאָזע.



ערשט דעמאָלט האָט די צאַרישע מאַכט באַוויליקט אים צו לאָזן איבער־פירן אונטער אַ וואַך אין שטאָטישן שפּיטאָל, וואו דער יינגער רעוואָלוציאָנער איז מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער אויסגעגאַנגען אין יסורים.

ב.: די לעצטע פּאַסירונגען, נומ׳ 16, 22 אויגוסט 1905, זשענעווע.
Послѣднія Извѣстія, № 241, 17 іюля, 1905, Женева.

י. ש. ה.

●

# דוד יחיאל קראַוזע

געשטאַמט פון נאָוואָראַדאָמסק, געוועזן טעטיק אין לאָדזש און פאַרענ־דיקט זיין יינג לעבן אויף דער תליה אין וואַרשע.

פון פאַך אַ וועבער. אַלס 16־יאָריקער יינגל אַריינגעטרעטן אין בונד, און געווען אים איבערגעגעבן מיט לייב און נשמה 4 יאָר צייט. ס׳איז געקומען דאָס שטורמישע רעוואָלוציע־יאָר 1905. שווערע אויפגאַבן זיינען געשטאַנען פאַר דער בונדישער קאַמף־אָפטיילונג (ב. אָ.). זי האָט געדאַרפט שיצן די פאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס קעגן איבערפאַלן מצד פאָליציי און מי־ליטער, ווי אויך אויספירן אַנדערע געפערלעכע אַרבעטן. קראַוזע טרעט אַריין אין איר. מ׳האָט אים איבערגע־געבן אָנצופירן אַ צענטל. ער איז דע־מאָלט אַלט געווען איבער 19 יאָר.



דעם 15 אַפּריל 1905 האָט ער געדאַרפט שיצן חברים, וועלכע האָבן געטיילט אויפרופן ביי דער סינאַגאָגע אויף זשעלאַזנע גאַס. דער פאָליציאַנט יאַקוב גיידאַוויטש האָט געפּרואווט פאַרהאַלטן טיילער פון די אויפרופן. דוד יחיאל איז זיי געקומען צו הילף און ביי פּיעטרקאָווער און זשעלאַזנע גע־שאָסן דעם פאָליציאַנט אין האַרץ. אַ דאַנק דעם זיינען די טיילער אָפּגעראַ־טעוועט געוואָרן, אָבער נישט זייער באַשיצער. גראַד איז פאַרבייגעגאַנגען אַן אָפיציר, וועלכער האָט געשאָסן אין חבר קראַוזע און אים פאַרהאַלטן. דעם אַרעסטירטן האָט מען שרעקלעך געמזיקט, ער האָט אָבער נישט גע־וואָלט זאָגן זיין נאָמען. דערוואוסט האָט מען זיך ווער ער איז ערשט מיט 2 טעג שפּעטער.

קראַוזע איז איבערגעגעבן געוואָרן צום קריגס־געריכט. דער משפּט איז פאָרגעקומען דעם 7טן יוני 1905 און דער פּסק־דין איז געווען — טויט דורך הענגען.

די גאַנצע צייט האָט קראַוזע אַרויסגעוויזן אַ וואונדערלעכן מוט. ער האָט זיך געהאַלטן ווירדיק און איז נישט געווען פאַרצווייפלט. נאָכן פאַר־לייענען אים דעם טויט־אורטייל האָט ער געבעטן איבערגעבן די חברים, אַז ער פילט זיך נישט שלעכט. „זאָלן זיי נישט פאַרלירן דעם מוט!״ — האָט ער אָנגעזאָגט.

ביים געזעגענען זיך מיט זיין ברודער פאַרן גיין צו דער תליה האָט ער צו אים געזאָגט: — וויין נישט... זעסט, איך וויין אויך נישט. איך

שטאַרב פאַר אַ כלל־זאַך. אויב איך האָב נישט דערלעבט, וועלן אַנדערע דערלעבן . . .

אין אַן אויפרוף, וואָס דער לאָדזשער קאָמיטעט פון בונד האָט וועגן אים אַרויסגעגעבן, איז געזאָגט געוואָרן: „זאָל זיין לעבן און טויט זיין פאַר אונז אַ מוסטער, ווי אַ ציל־באַוואוסטער פּראָלעטאַריער לעבט און קעמפּט. זאָלן מיר טיף אין אונזער האַרץ אויסקריצן מיט בלוטיקע אותיות דעם אָנדענק פון אונזער ניי־געפאַלענעם קעמפער און צו אונזערע הייליקע און געפייערטע טויטע, וועלכע זיינען געפאַלן אויפן מזבח פון דער אַרבעטער־באַפרייאונג, זאָלן מיר צושרייבן אויך דעם נאָמען דוד קראַוזע״.

דער בראַווער יידישער וועבער האָט אויסגעהויכט זיין אָטעם אויף דער תליה דעם 6 אויגוסט 1905 אין וואַרשעווער ציטאַדעל.

ב.: די לעצטע פּאַסירונגען נומ׳ 20, 2 אָקטאָבער 1905, זשענעוו. אויפרוף פון לאָדזשער קאָמיטעט פון „בונד״, אויגוסט 1905, אומלעגאַל. א. וואָלף יאַסני: געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין לאָדזש, לאָדז, 1937. י. ש. הערץ: די געשיכטע פון אַ יוגנט, ניו-יאָרק, 1946. לאָדזשער וועקער, 5 אויגוסט, 1927, לאָדזש.

Послѣднія Извѣстія, № 249, 18 сентября, 1905, Женева.

י. ש. ה.

●

# נאַדיאַ גרינפעלד

געבוירן דעם 18 דעצעמבער 1887. טאָכטער פון באַרימטן קישינעווער אַדוואָקאַט יעווגעני קעניגשאַץ. דער פאָטער אַ שטאַרק אַסימילירטער. די שפּראַך אין שטוב — פראַנצויזיש. די פריינט און געסט — יידישע און קריסטלעכע אינטעליגענץ, ווי אויך צאַרישע העכערע באַאַמטע. אַ הויכער, מיט אַ גרויסער באָרד און הדרת־פּנים, איז יעווגעני קעניגשאַץ געווען אַן איינפלוסרייכער מענטש אין בעסאַראַביע. פּאָליטיש אַ קאַדעט (רוסישער בירגערלעכער דעמאָקראַט), איז ער געווען ווייט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און אויך פאַר יידישע ענינים קיין אינטערעס נישט געהאַט. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזן, אַז די צאַרטע נאַדיעזשדאַ וועט נישט גיין אויפן טאַטנס דרכים. אין זיין רייכן סאַלאָן איז געווען פאַרזאַמלט די סמעטענע פון דער אָרטיקער קריסטלעכער אינטעליגענץ און פון די מלוכה־באַאַמטע. איינער פון זיי האָט זיך אויסגעדריקט מיט צווייטייטיקע ווערטער וועגן יידן. די יינגע נאַדיע האָט אויף דעם גלייך רעאַגירט מיט אַ שאַרפן סקאַנדאַל. איר שטאָלץ האָט נישט דער־



לויבט צו הערן רואיק אַ באַליידיקונג אויפֿן חשבון פֿון דעם פֿאָלק, צו וועלכן זי האָט געהערט.

אין 1903 לעבט־איבער די פֿיין־פֿילנדיקע נאַדיע זייער טיף די טראַגע־דיע פֿון קישיניעווער פּאָגראָם. דער ענטפֿער פֿון 16־יאָריקן מיידל איז געווען דער אַריינטריט אין בונד. זי וואַרפֿט זיך מיטן גאַנצן ברען אין דער רעוואָ־לוציאָנערער אַרבעט. די יינגע רעוואָלוציאָנערקע פֿאַרלאָזט די רייכע היים און טאַטע־מאַמע וואָס ציטערן איבער זייער איינציקע און געראַטענע טאָכ־טער. זי פֿאַרלאָזט די היים־שטאָט און פֿאָרט אַרום — איצט שוין אַלס די חברטע פֿרומע — איבער די שטעט און שטעטלעך פֿון דרום־רוסלאַנד. אַ שטימע האָט זי געהאַט אַ שיינע און האַרציקע. איר ענטוזיאַזם און גלויבן פֿלעגט זי גיך איבערפֿלאַנצן צו די צוהערער, וועלכע האָבן געשלונגען אירע רעדעס. פּאַר „די יידישע אַרבעטער פֿון דרום־רוסלאַנד" — האָט דערציילט ב. מיכאַלעוויטש — „פֿלעגט יעדע אירע פֿאַרלעזונג זיין אַן עכטער יום־טוב" און „פֿלעגט זיי אויפֿהויבן אויף אַנדערע וועלטן, וועלכע זיי פֿלעגן שוין אין האַרצן שטענדיק מיט זיך אַרומטראָגן". איר געוויסנהאַפֿטיקייט האָט איר נישט דערלויבט סתם צו ריידן, צו שיטן פֿייערדיקע ווערטער. יעדע פֿאַרלעזונג איז געווען זאָרגעוודיק[?] צוגעגרייט. אַזוי האָט איר אונ־טערגעזאָגט דער געפֿיל פֿון פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט.

אין 1903 איז זי נאָך געווען צו יונג צו קענען אַקטיוו אַרויסטרעטן קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס אין קישיניעוו. מיט 2 יאָר שפּעטער, נאָך קיין 18 יאָר נישט אַלט, שטייט שוין נאַדיע בראש פֿון דער בונדישער זעלבסטשוץ אין אָדעס. איר גאַנצע נשמה און באַגייסטערונג האָט זי אַריינגעטאָן אין דער הייליקער אַרבעט פֿון שיצן דאָס לעבן און דעם כבוד פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג. איר העלדישקייט און מסירת־נפֿש איז געוואָרן אַ שם־דבר. זי נעמט אָנטייל אין די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין אָדעס און איז פֿון אַ צאַרישער קויל פֿאַרוואונדעט געוואָרן אין פֿוס. עפּעס האָט זיך דערטראָגן צום פֿאָטער, וועלכער איז געקומען צו לויפֿן קיין אָדעס און, נאָכן שטעלן זיך אין פֿאַרבינדונג מיטן בונד, געפֿונען זיין טאָכטער ליגן אַ פֿאַרוואונדעטע אין אַן אָרים שטיבל פֿון אַ יידישן אַרבעטער.

נאַדיע האָט חתונה געהאַט מיט פּנחס גרינפֿעלד, אַ זון פֿון אַ רייכן קישיניעווער סוחר. איר מאַן איז אויך געווען אַן אַקטיווער בונדישער טוער, וואָס איז אין די פּאַרטיי־קרייזן געווען באַקאַנט אונטערן פּסעוודאָנים — אַנדריי. זי האָט געבוירן אַ זון.

נאַדיע האָט אויך פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון צאַרישע תּפֿיסות. דעם 8 יאַנואַר 1905 האָט מען זי אַרעסטירט אויף אַ פֿאַרזאַמלונג אין אָדעס. אין 1908 ווערט זי אַרעסטירט אויף אַ זיצונג פֿון קיעווער קאָמיטעט פֿון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, פֿון וועלכן זי איז דעמאָלט געווען אַ מיטגליד. זי האָט באַקומען 3 יאָר פֿאַרשיקונג אין אַרכאַנ־געלסקער גובערניע. צוליב איר קראַנקייט און די באַמיאונגען פֿון פֿאָטער האָט מען איר די פֿאַרשיקונג פֿאַרביטן אויף פּאָליציי־אויפֿזיכט אין קישיניעוו.

אין 1910 איז זי אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד. זי נוצט אויס די יאָרן אויף לערנען און ענדיקט דעם פּאַריזער אוניווערסיטעט, וואו זי האָט שטודירט פּסיכאָלאָגיע. דעמאָלט פאָרט זי צוריק קיין רוסלאַנד און באַזעצט זיך אין דער הויפּט־שטאָט פּעטערבורג. בעתן עלילת־דם פּראָצעס פון מענדל בייליס אין קיעוו, פאַרעפנטלעכט נאַדיע אַן אָפענעם בריוו צום באַרימטן רוסישן שרייבער וולאַדימיר קאָראָלענקאָ מיט אַ פאַרוואָרף פאַרוואָס ער שווייגט. אין די יאָרן 1912־13 איז זי זייער אַקטיוו צווישן די פּעטערבורגער אַרבעטער. אין די פּאַרטיי־שטרייטן איז זי אויסגעשפּראָכן אַנטי־באָלשעוויסטיש. עס קומט ווידער אַן אַרעסט. זי איז אָפּגעזעסן 5 חדשים. דעם פאָטער, אַליין אַ גע־וועזענער אויספאָרשונג־ריכטער און מיט פאַרבינדונגען אין די הויכע פענצ־טער, געלינגט אַרויסצונעמען זי צו זיך אַהיים אין קישיניעוו.

ס'קומט דאָס רעוואָלוציע־יאָר 1917. נאַדיע וואַרפט זיך מיטן גאַנצן אימפּעט אין דער פּאַרטיי־אַרבעט. זי איז אַקטיוו אין קישיניעוו, אָדעס און אַנדערע שטעט פון דרום־רוסלאַנד, ווי אויך אין דער רוסישער הויפּט־שטאָט. זי קומט אויף צוזאַמענפאָרן און טרעט אַרויס אויף גרויסע מאַסן־מיטינגען. אין דער צווייטער רוסלענדער רעוואָלוציע האָט זי אויפסניי אויפגעלעבט, זי האָט זיך ווידעראַמאָל געפונען. אָט ווי אירס אַ נאָענטע חברטע (ס. דובנאָוו־ערליך) שילדערט זי:

„אַ הויכע, פעסט־געבויטע פרוי, אַ בילד־שיינהייט, האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ לעבנס־לוסטיקער. אירע נאָענטע האָבן אָבער געוואוסט וויפל פיינלעכע ספקות און אינערלעכע קאָנפליקטן האָבן זיך באַהאַלטן אונ־טער דער דאָזיקער בליענדיקער אויסערלעכקייט. דער סאָציאַליזם איז פאַר נאַדיען געווען נישט בלויז אָנגעשטרענגטע קאָנקרעטע אַרבעט: ער האָט אויך געדאַרפט ווערן אַ שטרענג אויסגעטאָקטע וועלט־אַנשויאונג. דער אומרו פון זוכנדיקן אינטעלעקט האָט זי געפירט איבער די שווערע שטעגלעך פון קאַנטס און ניטשעס פילאָסאָפיע, זי געשטויסן אין די ווילדעניש פון דאָסטאָ־יעווסקיס געניאַלע וויזיעס, געצוואונגען איר זיך צו פאַרטראַכטן איבער איבסענס בראַנד און פּער גינט. די האַרמאָנישע צונויפגיסונג פון די העכסטע דערגרייכונגען פון דער מאָדערנער קולטור מיט די יסודות פון רעוואָלוציאָ־נערן סאָציאַליזם — אָט איבער וואָס ס'האָט עקשנותדיק זיך געמאַטערט איר געדאַנק בעת די סטודענטישע יאָרן אין פּאַריז און אין דער צייט פון דער פּאַרטיי־אַרבעט אין היימישן קישיניעוו, אין אָדעס, אין פּעטערבורג" . . .

„אין דער סביבה פון די אויסלענדישע קאָלאָניעס און אַפילו אין רוסלאַנד, אין דער אַטמאָספער פון דער אונטערערדישער אַרבעט, איז פאַר נאַדיען שווער געווען זיך אַרויסצואווייזן אין איר גאַנצן פאַרנעם. דאָס יאָר 1917 איז פאַר איר געווען אַ יום־טוב: אין קראַנשטאַט, אויפן ריזיקן פּלאַץ, פאַרן אומענדלעכן ים פון די מאַטראָסן־קעפּ, האָט זי געפונען די ווערטער, וואָס צינדן אָן מענטשן מיט יענעם פייער, וואָס האָט אין איר געברענט געהיים און האָט ענדלעך זיך אַרויסגעריסן אויף דרויסן. אַ סוף איז געוואָרן צו אַלע ספקות. נאַדיע האָט פעסט באַשלאָסן אַלע אירע קרעפטן אָפּגעבן דער רעוואָלוציע. זי האָט צוליב דעם געמוזט אַוועקנעמען פון שטורמישן פּעטער־

בורג איר 7־יאָריק קינד — אַ שטיל ייִנגל מיט פאַרחלומטע אויגן — אַוועק־פירן אים צו זיידע און באָבע אין ווייטן קישיניעוו".

דער גורל האָט אָבער אַנדערש געוואָלט. אַ קורצע צייט נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש זיינען די רומענער אַריין און פאַרנומען בעסאַראַביע. צוליב דער דראָענדיקער געפאַר, זיינען אַ סך סאָציאַליסטישע טוער אַוועק פאַרן אָנקומען פון רומענישן חייל. נאַדיע האָט אויך געאיילט אַוועק, אָבער דער פראַנצויזישער קאָנסול, וואָס איז געווען איר פאַטערס אַ פריינט, האָט גאַראַנטירט פאַר איר זיכערקייט. ער האָט וועגן דעם באַקומען אַ צוזאָג פון דער רומענישער רעגירונג. דערווייל איז פאָרגעקומען אַ פויערים־צוזאַמענפאָר פון בעסאַראַביע. נאַדיע האָט אויף דעם צוזאַמענפאָר געהאַלטן אַ שאַרפע רעדע קעגן דער גוואַלט־פּאָליטיק פון די רומענער. די רומענישע רעגירונג האָט דעמאָלט דערקלערט דעם פראַנצויזישן קאָנסול, אַז נאַדיע קען ווייטער נישט בלייבן אויף דער פריי. דער קאָנסול האָט גע־פועלט, אַז מ׳זאָל זי לאָזן אַוועקפאָרן. די סיגוראַנצע (רומענישע געהיים־פּאָליציי) האָט זיך פאַרפליכטעט זי צוצושטעלן צו דער גרענעץ ביים דניעסטר. די פּאָליציייִשע שומרים האָבן נאַדיען געדאַרפט ברענגען אַ בריוו, אַז זי איז אַריבער די גרענעץ בשלום. אַזאַ בריוו איז טאַקע פון איר גע־ברענגט געוואָרן צו אירע עלטערן.

עס זיינען אַוועק אַ פּאָר וואָכן, און די עלטערן זיינען געוואָרן אומרואיק פאַרוואָס ס׳זיינען מער נישטאָ קיין ידיעות פון זייער טאָכטער. דער פאָטער האָט דעמאָלט געשיקט דעם בונדיסט דוד בוים קיין טיראַספּאָל, וואָס איז שוין געווען אויף דער צווייטער זייט גרענעץ, געוואָר ווערן. דער שליח האָט אויסגעפונען, אַז זי איז אַהין קיינמאָל נישט אָנגעקומען, בעת זי וואָלט דאָרטן געמוזט האָבן געוועזן נאָכן אַריבערגיין די גרענעץ.

די אומרואיקייט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט נאַדיעס אַלע נאָענטע און באַקאַנטע, האָט געהאַט אַ גרונט. אין די ערשטע וואָכן פון 1918 האָבן די כוואַליעס פון דניעסטר אַרויסגעוואָרפן אַ געבונדענע דורכגעשאָסענע פרוי, וואָס איז שוין געווען שווער צו דערקענען. די מוטער האָט זי אָבער דערקענט לויט אַ צייכן אויפן בויך, וואָס איז געבליבן פון אַן אָפּעראַציע. ס׳איז גע־וואָרן קלאָר, אַז דעם מאָרד האָט אויסגעפירט די סיגוראַנצע צווישן בענדער און טיראַספּאָל. נאָכן צושטעלן זי צו דער גרענעץ האָבן זיי ביי איר גענומען דעם בריוו צו די עלטערן און נאָך דעם אויסגעפירט די הריגה.

אַזוי האָט אַ ווילדע בלוט־דורשטיקע מאַכט אויסגעלאָשן די נשמה פון אַן אידעלער פרוי און אומדערשראָקענער קעמפערין.

ב.: אינפאָרמאַציע פון דוד בוים (לובלין — קישיניעוו — ניו־יאָרק) און יעקב געוועלבער (קישיניעוו — ניו־יאָרק). מיכאיל: לעבענס־פראַגען 24 מאַי 1918, וואַרשע. אויך ב. מיכאַלעוויטש: געשטאַלטן און פערזענלעכקייטן, וואַרשע 1938. ס. דובנאָוו־ערליך: נייע פאָלקס־צייטונג, וואַרשע, 10 דעצעמבער 1937.

י. ש. ה.

# יחיאל קימעלמאַן

געבוירן 1888 ביי חסידישע עלטערן אין פּיעטרקאָוו. דער פאָטער איטשע האָט געהאַט אַ שענק אויף דער יידן־גאַס (סטאַרא וואַרשאַווסקאַ). באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציאונג. קעגן ווילן פון דער פרומער משפחה געוואָרן אַן אַרבעטער, אַ שלאָסער.



קוים 16 יאָר אַלט, ווערט ער אין 1904 אַ מיטגליד אין בונד. מיט אַ יאָר שפּעטער, דעם 17 אָקטאָבער 1905, נאָכן צאַרס מאַניפעסט, רעדט ער שוין אויף דער גרויסער גאַסן־דעמאָנסטראַציע, וואָס איז אַוועק צו דער טורמע באַפרייען די פּאָליטישע אַרעסטירטע. ער איז אַקטיוו אין אָנפירן שטרייקן, איז אַ מיטגליד אין קאָלעקטיוו און קאָמענדאַנט פון דער בונ־דישער זעלבסטשוץ. דערביי האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אומדער־שראָקנקייט. צווישן אַנדערן האָט ער באַפרייט פון שפּיטאָל אַ פאַרוואונדעטן בונדיסט, וואָס איז דאָרטן געלעגן אונטער פּאָליצייאישער שמירה.

צווישן די רעוואָלוציאָנערן האָט גע־הערשט אַ שטאַרקע פאַרביטערונג קעגן פּאָליציי־וואַכמייסטער מושינסקי, וועל־כער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אכזריות און שלאָגן פּאָליטישע אַרעס־טירטע. די בונדישע זעלבסטשוץ האָט אויסגעפירט אויף אים אַן אַטענטאַט און דערשאָסן. הגם קימעלמאַן איז צוליב דעם געווען אין געפאַר, האָט ער דאָך נישט געוואָלט פאַרלאָזן די שטאָט. אין 1906 איז ער אַרעסטירט געוואָרן. אין וואַרשעווער ציטאַדעל האָט אים אַ קריגס־געריכט פאַרמשפּט צום טויט דורך הענגען. די טויט־שטראָף איז אים שפּעטער פאַרביטן געוואָרן אויף איי־ביקער קאַטאָרגע.

אויך אין טורמע איז יחיאל געבליבן דער מוטיקער שטאָלצער קעמפער. אין פּיעטרקאָווער תפיסה האָט ער מיטגעאַרבעט אין דער געשריבענער יידי־שער ציימונג דער קאַזעמאַטן־גלאָק. אויפן קריגס־געריכט איז ער מוטיק אַרויסגעטרעטן אין זיין פאַרטיידיקונג. דער אַדוואָקאַט האָט דעם באַריכט פון פּראָצעס אַרויסגעגעבן אַלס בראָשור (פּויליש) און זי פאַרטיילט צווישן פּוילישע אַרבעטער. ווען נאָכן אַרויסטראָגן דעם טויט־אורטייל האָט אים אַ זשאַנדאַרם אין ציטאַדעל באַליידיקט, האָט קימעלמאַן שאַרף רעאַגירט. ס'איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס, בעת וועלכן דער זשאַנדאַרם האָט אים אַרויס־געריסן האָר פון קאָפּ.

נאָכן אָפּזיצן אַ צייט אין 10טן פּאַוויליאָן און אין מאָקאָטאָווער תפיסה איז יחיאל געשיקט געוואָרן אין וולאַדימירער קאַטאָרזשנער טורמע. דאָרטן

איז אויסגעבראָכן אַ בונט פון פּאָליטישע קאַטאָרזשאַנעס, וואָס איז בלוטיק דערשטיקט געוואָרן דורכן מיליטער. דער יינגער בונדיסט איז געווען מיטבאַטייליקט אין בונט. מ׳האָט אים נאָך דעם אַ לענגערע צייט געהאַלטן אין קאַרצער, וואָס האָט צעבראָכן זיין געזונט. דעם 29 מאַי 1907 האָט ער אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם. אויף זיין קבר האָבן די פּאָליטישע אַרעסטירטע אַוועקגעשטעלט אַ הילצערנע מצבה, וואָס זיי אַליין האָבן קינסטלעריש אויסגעשניצט.

יחיאלס ברודער לייב איז שפּעטער געווען אַ וויכטיקער בונדישער טוער, ווי אויך ראַטמאַן פון שטאָט־ראַט און פון דער קהילה אין פּיעטרקאָוו. אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, בעת די נאַציס האָבן אַרעסטירט די אַרטיקע פירער פון בונד, איז אים געלונגען צו אַנטלויפן קיין וואַרשע. אין אַ צייט אַרום איז ער אומגעקומען אין טרעבלינקע.

ב. : אינפאָרמאַציע פון משה בערלינער (פּיעטרקאָוו — ניו־יאָרק). פאָלקס־צייטונג, נומ׳ 394, 14 יולי 1907, ווילנע. י. ש. הערץ : די געשיכטע פון אַ יוגנט, ניו־יאָרק, 1946. מ. זעלדין : יוגנט־וועקער, וואַרשע, 1 אַפּריל 1938. נחמן ראַזענשטיין : פּיעטרקאָווער וועקער, 17 יוני 1938, פּיעטרקאָוו.

י. ש. ה.

•

# אַנאַ ליפשיץ

געבוירן בערך 1881 — געשטאָרבן דעם 21 דעצעמבער 1926 אין ריגע. אַ טאָכטער פון אַפּטייקער מאיר און ליבע ליפשיץ אין קעלם, קאָוונער גובערניע. דאָס קליינע שטעטל איז געוואָרן באַרימט צווישן יידן דורך דעם „קעלמער מגיד" משה יצחק דרשן, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פאַנאַטיזם און שרעקלעכע שילדערונגען פון גיהנום, וואָס מ׳וועט דאַרפן אָפּקומען פאַר דער מינדסטער עבירה. דאָס זעלבע שטעטל האָט אַרויסגעגעבן צוויי באַרימטע רעוואָלוציאָנערינס — דעם אַפּטייקערס טעכטער, די שוועסטער אַנאַ און אסתר (עזא).



ביים סוף פון 19טן יאָרהונדערט איז אַנאַ צוזאַמען מיט איר שוועסטער אַוועק קיין בערן (שווייץ) שטודירן. זי האָט דאָרטן געהערט צו דער בונדישער גרופּע. שפּעטער איז זי צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד מיטן ציל צו זיין טעטיק אין דער אומלעגאַלער בונדישער אַרבעט. זי קומט קיין ווילנע אַרום 1901 און איז אַ טוערין פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע. אין ווילנע האָט אַנאַ חתונה געהאַט מיטן בונדישן טוער אריה ברומבערג, (שפּעטער אַן אַדוואָקאַט, אומגעבראַכט דורך

די נאַציס בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה), זייער צוזאַמענלעבן האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט.

הירש אַבראַמאָוויטש, וואָס האָט געקענט אַנאַן פון יענעם פעריאָד, שילדערט זי אַזוי: „לויטן אויסזען איז אַנאַ געווען אַ טיפּיש יידיש מיידל. שוואַרץ־האָריק און שוואַרץ־אויגיק, אַ מאַט־בלאַס געזיכט, די אויגן האָבן ביי איר געברענט מיט פייערלעך". זי איז געווען אַ שוואַכע און ס'האָט זיך ביי איר אָנגעהויבן אַנטוויקלען שווינדזוכט.

פון ווילנע איז זי אַוועק קיין לאָדזש, וואו זי האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט דער שוועסטער אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע און איז אינאיינעם מיט איר אַרעסטירט געוואָרן. פאַר דער שוועסטער האָט זיך דער אַרעסט געענדיקט פאַטאַל (געשטאָרבן 1903), אַנאַ איז נאָכן טויט פון דער שוועסטער אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף קויציע.

זי איז אַוועק קיין אוקראַינע און געוואָרן אַ מיטגליד פון אָדעסער קאָמיטעט פון בונד. אַ באַזונדערס גרויסע ראָל האָט די קליינע שוואַכע פרוי געשפּילט אין רעוואָלוציאָנערן יאָר 1905. זי איז געווען אַן אויסגעצייכנטע רעדנערין און גוטע מאַסן־טוערין. אין די שטורמישע יוני־טעג, ווען אין דער פּאָרט־שטאָט האָבן ווי אין אַ פילם פאַרביידעפּילירט איינע נאָך די אַנדערע סצענעס פון רעוואָלוציאָנערן אויפברויז און קאָנטער־רעוואָלוציע, אָנגריפן אויף די שיצער פון צאַריזם און פּאָגראָם־רציחות, האָט דער בונד געשפּילט אַן ערשט־ראַנגיקע ראָל. די געשעענישן זיינען נאָך שטאַרקער דראַמאַטיזירט געוואָרן דורך דעם אויפשטאַנד פון די מאַטראָזן אויף דער פּאַנצער־שיף פּאָטיאָמקין. אויף די גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען פון די רעוואָלוציאָנערע מאַטראָזן און אַרבעטער אין פּאָרט איז די פּאָפּולערסטע רעדנערין געווען אַנאַ ליפשיץ, וועמען די מאַסע האָט געקרוינט מיטן נאָמען „מוטער גאַפּאָן", „גאַפּאָנשאַ". (דער גלח גאַפּאָן האָט דעם 9 יאַנואַר 1905 געפירט אַ דעמאָנסטראַציע צום צאַרישן פּאַלאַץ אין פּעטערבורג, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ בלוט־באָד. די דאָזיקע דאַטע איז באַטראַכט געוואָרן פאַרן אָנהויב פון דער רעוואָלוציע און גאַפּאָן איז אַ צייט געווען זייער פּאָפּולער). וועגן אירע אַרויסטריטן ווערט געזאָגט אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון אָדעס: „צווישן די רעדנער האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אונזער רעדנערין, וועלכע מען האָט פּשוט געטראָגן אויף די הענט. אַלטע לייט האָבן געוויינט און האָבן געשריגן: 'אָט דאָס זיינען אמתע ווערטער!' זי האָט גערעדט עטלעכע מאָל" (די לעצטע פּאָסירונגען, 25 יולי 1905).

די העלדישע רעוואָלוציאָנערין קומט שפּעטער קיין ווילנע און ווערט אַ מיטאַרבעטערין פון דער לעגאַלער בונדישער פאָלקס־צייטונג. אַ קענערין פון שפּראַכן, האָט מען איר געגעבן צייטונגס־מאַטעריאַל צום איבערזעצן. זי האָט געהאַט אַ נייגונג צו ליטעראַרישע און זשורנאַליסטישע אַרבעטן און געקענט נוצן ברענגען אין אַ צייטונג. אַנאַ האָט זיך אָבער נישט איינגעלעבט. אַחוץ אַ טעמפּעראַמענטפולע און דרייסטע רעוואָלוציאָנערין איז זי אויך געווען אַ סענסיטיווע פרוי. וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען ביי דער צייטונגס־אַרבעט, זאָל דערציילן דער רעדאַקטאָר וולאַדימיר קאָסאָווסקי: „איך האָב

געפּרואווט צוציען צו דער ׳פאָלקס־צייטונג׳ אַנאַ ליפשיץ — אַ זייער פּעאיקע פּרוי מיט טעמפּעראַמענט, מיט ברען. אָבער איך האָב מיט איר קיין גליק נישט געהאַט. לכתחילה האָט מען זי אַריינגענומען אַלס איבערזעצערין, מיט דער האָפענונג, אַז ווען זי וועט זיך צוגעוואוינען, וועט מען איר קענען געבן אַ בעסערע אַרבעט. אָבער איך געדענק נישט ווי אַזוי ס׳האָבן זיך גלייך איינגעשטעלט שאַרפע באַציאונגען צווישן איר און די אַנדערע מיטאַרבעטער. איך האָב זי אַפילו געמוזט אַוועקזעצן ביי אַ באַזונדערן טיש, כדי אויסצומיידן די רייסענישן. זי פלעגט קומען צו מיר אַהיים זיך באַקלאָגן, אַז מען וויל זי אַרויסשטויסן פון דער ׳פאָלקס־צייטונג׳ און פלעגט דערביי וויינען. איך האָב זייער געוואָלט זי זאָל פאַרבלייבן, אָבער וואָס האָב איך געקענט טאָן? סוף־כל־סוף איז זי אַוועק״.

נאָכן פאַלן פון די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס פאָרט אַנאַ ווידער קיין אויסלאַנד. זי אָרגאַניזירט גרופּעס פון יידישע אַרבעטער אין פאַרשיידענע אויסלענדישע שטעט און אין 1910 איז אַנאַ אין דער בונדישער דעלעגאַציע אויפן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין קאָפּענהאַגן. די דענישע הויפּט־שטאָט פאַרבלייבט שוין איר וואוין־אָרט. זי נוצט אויס איר פעאיקייט צו שפּראַכן און לערנט זיך אויס שנעל דעניש (אויך שוועדיש און נאָרוועגיש) און ווערט אַ טוערין אין דער דענישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי און אַ מיטאַרבעטערין אין איר פּרעסע.

זי האָט חתונה מיטן לעטישן שרייבער ליעפּאַ. ווען עס ברעכט אויס אין 1917 די צווייטע רוסלענדער רעוואָלוציע, קומט זי מיט איר מאַן צוריק אין רוסלאַנד און באַזעצט זיך אין ריגע. דאָ איז זי געווען אַ טעטיקע טוערין אין דער לעטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און אַ מיטאַרבעטערין אין אירע צייטונגען. בעיקר האָט זי זיך איצט פאַרנומען מיט קולטור־אַרבעט. זי האָט אויך געהאַלטן אייניקע פאָרלעזונגען אין בונדישן פּרץ־קלוב וועגן פראַגן פון דערציאונג און קולטור.

אין דעצעמבער 1926 איז מיט איר געשען אַן אומגליקס־פאַל. זי איז געפאָרן אויף אַ פאָרלעזונג קיין ליבאַווע. ביים אַרויסגיין פון וואַגאָן האָט אַנאַ זיך אויסגעגליטשט און צעבראָכן אַ פוס. צוויי וואָכן איז זי געלעגן אין שפּיטאָל און ס׳איז געווען אַ האָפענונג, אַז זי וועט זיך צוריק קענען שטעלן אויף די פיס. אַ פּלוצלונגער האַרץ־שלאַג האָט אָבער פאַרענדיקט איר קורץ, אָבער שטורמיש לעבן.

ב.: דזשאָן מילל: פּיאָנערן און בויער, ב. 2, ניו־יאָרק, 1949. ב. מיכאַלעוויטש: זכרונות פון אַ יודישען סאָציאַליסט, ערשטער באַנד, וואַרשע, 1922. פראַנץ קורסקי: געזאַמלטע שריפטן, ניו־יאָרק, 1952. וולאַדימיר מעדעם: פון מיין לעבען, צווייטער באַנד, ניו־יאָרק, 1923. הירש אַבראַמאָוויטש: אונזער שטימע, פּאַריז, 2, 3, 4 יוני 1953. וולאַדימיר קאָסאָווסקי: רויטע שליאַכן, וואַרשע, 15 מערץ, 1931. די לעצטע פּאַסירונגען, זשענעוו, 18 יולי, 25 יולי 1905. נייע פאָלקס־צייטונג, וואַרשע, 24 דעצעמבער 1926. יוגנט־וועקער, וואַרשע, יאַנואַר 1927.

י. ש. ה.

# אסתר ליפשיץ

דעם 28 יוני 1903 געשטאָרבן אין יידישן שפּיטאָל פון פּיעטרקאָוו באַלד נאָכן ברענגען זי פון טורמע.

אסתר אָדער עזא, ווי חברים האָבן זי גערופן, איז געבוירן געוואָרן אין ליטווישן שטעטל קעלם, קאָוונער גובערניע סך־הכל 20 יאָר פאַר איר טויט (לויט אַן אַנ־דערן מקור זאָל זי האָבן געווען עלטער). זי איז געווען אַ טאָכטער פון אַפּטייקער מאיר און ליבע ליפשיץ. געענדיקט גימנאַ־זיע אין ליבאַווע, שפּעטער שטודירט אין די אוניווערזיטעטן פון בערן (שווייץ) און בער־לין. צוזאַמען מיט איר עלטערער שוועסטער אַנע אַריינגעטרעטן אין בונד. זיך באַטיי־ליקט אין ערשטן צוזאַמענפאָר פון די אויס־לענדישע בונדישע גרופּעס, וואָס איז אָפּ־געהאַלטן געוואָרן סוף 1901 אין בערן.



די יינגע סטודענטין, וועלכע האָט שטו־דירט פילאָזאָפיע און סאָציאַלע וויסנשאַפטן, האָט זיך געריסן צו אַרבעטן אַקטיוו אין דער באַוועגונג. זי פאַרלאָזט דעם אוניווערזיטעט און פאָרט צוזאַמען מיט איר שוועסטער זומער 1902 קיין לאָדזש, וואו די יינגע בונדישע באַוועג־גונג האָט ביטער געקעמפט מיט דער ברוטאַלער צאַרישער מאַכט.

דער לאָדזשער בונדיסט בעריש קורביץ שילדערט זי אַזוי: „אַ דאַ־רינקע, די האָר גלייך אַרויפגעקעמט. ווען זי האָט גערעדט, האָבן זיך די דינע ליפּן אירע אַזוי באַוועגט, ווי איינער שעפּטשעט אין דער שטיל אַ געבעט. זי איז געווען זייער געלערנט. ווען זי האָט רעפערירט וועגן אַ פראַגע, האָט זי אַזוי איבערצייגט גערעדט, אַז ס'איז שווער געווען מיט איר צו דיסקוטירן."

און בייניש מיכאַלעוויטש זאָגט וועגן איר אין זיינע זכרונות: „אַ שוועבנ־דיקע, פול רוחניות, מיט טיפע פאַרטראַכטע אויגן, פלעגט זי אימפּאָנירן מיט איר גרויסער ערודיציע, מיט איר אָריגינעלן אַרט דענקען. זי האָט גע־האַט אַ גרינטלעכע פילאָזאָפישע בילדונג און זי האָט אויך אין דער אַרבעט נישט פאַרלוירן דעם אינטערעס צו פילאָזאָפישע פּראָבלעמען. יעדע פראַגע פלעגט זי באַהאַנדלען סאָליד, טיף און איז דעריבער גיך נאָך איר קומען קאָאָפּטירט געוואָרן אין לאָדזשער קאָמיטעט".

חברטע עזאַ האָט געאַרבעט אַלס לערערין אין אַ שול און איר גאַנצע פרייע צייט געווידמעט דער באַוועגונג. אין דער נאַכט פון 14 אויפן 15 מערץ 1903 זיינען פאָרגעקומען גרויסע אַרעסטן פון בונדיסטן (אַרעסטירט בערך 100 חברים) און אויך זי איז גענומען געוואָרן. מ'האָט זי אָפּגעשיקט אין פּיעטרקאָווער טורמע.

דער זשאַנדאַרמעריע־פּאָלקאָווניק אוטהאָף — שפּעטער וויצע גענעראַל־גובערנאַטאָר פון פּוילן — פלעגט זי אין דער נאַכט אַרויסרופן אויף פאַרהערן און שעהען לאַנג געפּייניקט. די געפּייניקטע רעוואָלוציאָנערין איז געוואָרן שווער קראַנק. מ׳האָט געמאַכט באַמיאונגען זי אַרויסצונעמען אויף קויציע און ס׳איז נישט געלונגען. האַרט פאַרן טויט האָט מען די קראַנקע איבערגע־פירט אין שפּיטאָל, וואו זי איז געשטאָרבן. די חברה קדישא האָט באַקומען אַ באַפעל, אַז די קבורה זאָל פאָרקומען בסוד סודות און קיינעם זאָל מען נישט זאָגן וואו דער קבר געפינט זיך. אונטער אַ שטאַרקער פּאָליציי־אישער וואַך האָט מען דעם מת אַוועקגעפירט אויפן יידישן בית־עולם.

אין טאָג פון דער ערשטער יאָרצייט האָבן די פּיעטרקאָווער בונדיסטן זיך פאַרזאַמלט אַרום איר קבר, אָנגעצונדן ליכט, אויפגעשטעלט אַ מצבה מיט אַ רעוואָלוציאָנערער אויפשריפט און אַוועקגעלייגט רויטע לענטעס. באַלד איז אָנגעקומען פּאָלקאָווניק אוטהאָף און דער גובערנאַטאָר מיט פיל פּאָליציי און די מצבה אַראָפּגענומען. אויך אין די ווייטערדיקע יאָרן פלעגן בונדיסטן זיך פאַרזאַמלען ביי איר קבר, אים באַפּוצן מיט בלומען און אָנצינדן ליכט. דעם 27 יוני 1937 האָט די בונדישע אָרגאַניזאַציע אַוועקגעשטעלט אַ פעסטע מצבה.

ב.: דזשאָן מיל: פּיאָנערן און בויער, באַנד 2, ניו-יאָרק 1949. בראָניסלאַוו גראָסער: אויטאָביאָגראַפיע (רויטער פּנקס, ערשטער זאַמלבוך, וואַרשע 1921). די אַרבייטער שטיממע נומ. 34, אויגוסט 1903 (דרוקעריי פון בונד). ב. מיכאַ-לעוויטש: זכרונות פון אַ יודישען סאָציאַליסט, ערשטער באַנד, וואַרשע 1922. פראַנץ קורסקי: געזאַמלטע שריפטן, ניו-יאָרק 1952. משה פיינקינד: פרויען-רביים און באַריהמטע פערזעהנליכקייטען אין פוילען, וואַרשע 1937. א. וואָלף יאַסני: געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין לאָדז, לאָדז 1937. נ—ן: פּיעטרקאָווער וועקער, 10 דעצעמבער 1937. ש. קורסקי: די צוקונפט, ניו-יאָרק, יאַנואַר 1920.

Послѣднія Извѣстія № 137, 23 іюля 1903, Лондонъ; № 190, 29 августа 1904, Женева.

י. ש. ה.

●

# באָריס און אברהם באַנעוואור

דער פאָטער שלמה איז געווען אַ מאַנופאַקטור־סוחר.ביידע זין זיינען אַ צייט געווען אַקטיוו אין דער בונדישער באַוועגונג.

דער עלטערער באָריס (ברוך) געבוירן 1872 אין ווילנע, האָט געלערנט אין גימנאַזיע און איז אַריין אין דער באַוועגונג אין די ניינציקער יאָרן פון פאָריקן י״ה. נאָך פאַר דער גרינדונג פון בונד האָט אים דער ווילנער אָנפירנדיקער צענטער פון די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, צוזאַמען מיט נאָך אייניקע וויכטיקע טוער, געשיקט אַרבעטן אין ביאַליסטאָק. אין שליחות פון ווילנער אָנפירנדיקן צענטער האָט ער אויך באַזוכט וואַרשע.

נאָך דער גרינדונג פון בונד איז באָריס באַנעוואור געווען טעטיק אין לאָדזש. ער האָט אַ סך זיך פאַרנומען מיט באַזאָרגן די אומלעגאַלע ליטעראַ־טור פאַרן צענטראַל־קאָמיטעט. אין דער באַוועגונג האָט מען אים גערופן דער גרויסער און קופּעץ. ער האָט געהאַט אַ שניט־געשעפט און פלעגט אַרומפאָרן וועגן זיינע סוחרישע ענינים. דערביי האָט ער אויך מיטגעפירט אומלעגאַלע ליטעראַטור און געטון שליחותן פאַר דער פאַרטיי. אין מינסק, וואו ס׳איז געווען די רעזידענץ פון ערשטן צ. ק. פון בונד, האָט באָריסעס כלה געהאַט אַ דירה, וואוהין אַרקאַדי קרעמער און וולאַדימיר קאָסאָווסקי — די מיטגלידער פון ערשטן צ. ק. — האָבן געברענגט אַ גרויסן טראַנספּאָרט רוסישע ליטעראַטור. ווען דער מאָסקווער אָכראַנע־שעף זובאַטאָוו האָט 1898 אונטערגענומען זיין גרויסע אַקציע צו ליקווידירן דעם בונד, האָט ער געהאַלטן באָריסן פאַר די די וויכטיקסטע פיגור. וועגן דעם האָט דערציילט אַרקאַדי קרעמער:

„די הויפּט־קוואַרטיר פון זיינע מענטשן איז געווען, ווי עס ווייזט אויס, לאָדזש. דאָ איז זובאַטאָוו געווען אין טעות: ער האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז דער צענטער איז געווען אין אַזאַ קליין שטעטל ווי מינסק. די צענטראַלע פיגור איז ביי אים געווען באַנעוואור, און אַרום אים הויפּטזעכ־לעך האָט ער קאָנצענטרירט זיין אַרמיי. באַנעוואור פלעגט אונז העלפן אין פאַנאַנדערפירן די ליטעראַטור, ער האָט גוט באַמערקט דעם שונא און פלעגט מיט אים שפּילן אין באַהעלטענישן. מינעס און קאָנטער־מינעס פלעגן זיי פירן איינע קעגן די אַנדערע. ער האָט אַלע שפּיאָנען געקענט אין פּנים; פלעגט ער קומען קיין מינסק, פלעגט ער אונז זיי אָנווייזן”.

אין 1898 האָט מען אים אַרעסטירט. ער האָט באַקומען פיר יאָר פאַרשיקונג אין מזרח־סיביר. אויך אין די ווייטערע יאָרן האָט באָריס געדינט דער באַוועגונג. ווי איך האָב געהערט, האָט ער געגעבן אָדער געשאַפן דאָס געלט צו קויפן געווער אויף אויסצופירן דעם אַטענטאַט אויפן ווילנער גו־בערנאַטאָר פאָן וואַל, וואָס האָט אין 1902 געהייסן שמייסן 1טע מאַי־דעמאָנ־סטראַנטן (מעשה הירש לעקערט).

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער שוין נישט געווען געזעלשאַפט־לעך טעטיק. ער האָט געלעבט אין לאָדזש. ידיעות פון אים זיינען נאָך געווען בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען ער איז וואַרשיינלעך אומגעקומען.

***

דער יינגערער ברודער אברהם איז געבוירן געוואָרן דעם 17 יולי 1875 אין ווילנע. אין זיין היים־שטאָט געענדיקט דעם לערער־אינסטיטוט. נאָכן ענדיקן דעם אינסטיטוט געאַרבעט אַלס לערער אין דער קאַזיאָנער שול פאַר יידישע קינדער אין באַלטע, פּאָדאָליער גובערניע. שפּעטער איז ער אַריבערגעפירט געוואָרן צו אַרבעטן אין אַ קאַזיאָנער שול אין קישעניעוו. צוזאַמען מיט די אָרטיקע בונדיסטן, די ברידער גרינפעלד, געגרינדעט די קישעניעווער אָרגאַניזאַציע פון בונד. (אין יענער צייט איז אין קישעניעוו אויך געווען טעטיק ליזע אַמסטערדאַם, וואָס איז געווען באַשעפטיקט ביי אַ געהיימער דרוקעריי).



באָריס



אבּרהם

ווען ס'איז דורכגעפאַלן די געהיימע דרוקעריי פון דער איסקראַ, האָט מען אויך אברהמען אַרעסטירט. ער איז אָפּגעזעסן 6 חדשים. אַרויס אויף דער פריי, האָט ער זיך באַזעצט אין אָדעס, וואו ער איז געווען אַ טוער אין דער אָרטיקער בונדישער באַוועגונג צוזאַמען מיטן פּאָרפּאָלק גרינפעלד (אַנדריי און נאַדיאַ), דוד זאַסלאַווסקי, אסתר בערנשטיין, מאַריע זשאַלודסקי, צביה הורוויטש, העלענע כאַצקעלעס און אַנדערע. אין אָדעס, וואו ער איז געווען אַ מיטגליד פון בונדישן קאָמיטעט, האָט אַברהם געלעבט פון 1902 ביז 1908 און איז געווען אַ לערער אין איגליצקיס גימנאַזיע. אין 1903 איז אברהם געווען אַ דעלעגאַט אויף דעם פינפטן צוזאַמענפאָר פון בונד אין ציריך. (אויך אויפן 7טן צוזאַמענפאָר פון בונד אין לעמבערג, 1906, איז געווען אַ באַנעוואור, כ'האָב אָבער נישט געקענט פעסטשטעלן וועלכער פון די צוויי ברידער דאָס איז געווען).

1908 געווען אַ קורצע צייט אין אויסלאַנד און נאָך דעם צוריקגעקומען קיין ווילנע, וואו ער איז פאַרבליבן ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה. פאַרן אָפּטרעטן פון די רוסן אַוועק קיין מאָסקווע און דאָרטן שוין פאַרבליבן ביז 1928. אונטער דער באַלשעוויסטישער ממשלה געאַרבעט אַלס פאַכמאַן (נישט געווען קיין קאָמוניסט) אין וועשטאָרג (אַמט פאַר אויסלענדישן האַנדל) און אַ פּאָר מאָל געשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד (שטאָקהאָלם, פּראָג און לסוף — בערלין). אין 1929 האָט אברהם באַנעוואור אין אויסלאַנד דערקלערט, אַז ער וויל נישט צוריקפאָרן קיין סאָוועט־רוסלאַנד און אַוועק פון פּאָסטן. ער איז געשטאָרבן דעם 14 אָקטאָבער 1933 אין פּאַריז.

ב. : אינפאָרמאַציע פון אברהמס אַלמנה חוה (באַלטע — ניו־יאָרק). דזשאַן מילל : פּיאָנערן און בויער, ערשטער באַנד, ניו־יאָרק 1946. וו. קאָסאָווסקי : זובאַטאָוו „ליקווידירט דעם בונד"; אַרקאַדי קרעמער : דער ערשטער צ"ק פון בונד (אַרקאַדי, ניו־יאָרק, 1942).

י. ש. ה.

# מרדכי מאַזאָווער

געבוירן דעם 5טן טאָג חנוכה 1874 אין גראָדנע. זיין פאָטער יוסף איז געווען אַ מילנער און איז געשטאָרבן, ווען מרדכי איז נאָך געווען אַ יינגל. נאָכן טויט פון פאָטער האָט די מוטער זיך באַזעצט אין ווילנע, וואו מאַזאָווער איז פרי אַריין אין דער יידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.



שוין געווען טעטיק אין ווילנע אין די ניינציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. געאַרבעט אין זשאַרגאָנישן קאָמיטעט ביים אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן וויסנשאַפטלעכע און בעלעטריסטישע ווערק אין יידיש. אַ וויכטיקער טוער אין דער בונדישער באַוועגונג. גערופן האָט מען אים מאַקס דער ווייסער צום אונטערשיידן פון מאַקס דעם שוואַרצן (טאָביאַש).

אַ צייט האָט ער געהערט צו דער בונדישער סטודענטן־גרופּע אין בערלין. נאָך אַ קורצער צייט איז ער ווידער ביי דער אַקטיווער אונטערערדישער אַרבעט אין רוסלאַנד. ער ווערט אַ פונקציאָנאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד און פאַרטרעט אים אין איניקע אָרטיקע קאָמיטעטן. מאַזאָווער איז טעטיק אין ווילנע, לאָדזש און אַנדערע שטעט. צום ווילנער קאָמיטעט פון בונד האָט ער שוין געהערט אין יאָר 1899. אין ווילנע פאַרעפנטלעכט ער אין אומלעגאַלן בונדישן אָרגאַן קלאַסן־קאַמף עטלעכע אַרטיקלען, וואָס ווייזן, אַז זיין פעדער איז געווען זייער אַ גוטע. (סענדער זעלדאָוו־ניעמאַנסקי און מאַקס מאַזאָווער זיינען אַ לענגערע צייט געווען די רעדאַקטאָרן פון דער צייטונג). דעם באַרימטן אויפרוף, וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד האָט אַרויסגעגעבן וועגן האָמלער פּאָגראָם (סעפּטעמבער 1903) האָט אויך מאַזאָווער געשריבן. זיין בונדישע אַקטיווקייט האָט אים געבראַכט אין צאַרישער תפיסה. ער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר, פון וואַנען ער איז 1902 אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. ער איז דעמאָלט געוואָרן טעטיק אין אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד.

אין רעוואָלוציע־יאָר 1905 איז מאַקס מאַזאָווער געווען אין לאָדזשער קאָמיטעט פון בונד און געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין יענע שטורמישע געשעענישן. אויך דעמאָלט האָט ער געשריבן עטלעכע אויפרופן. איין אויפרוף איז געווען וועגן אַ שיסעריי אויף אַ קינדער־דעמאָנסטראַציע. אין דאָזיקן אויפרוף, וואָס דער לאָדזשער קאָמיטעט פון „בונד" האָט אַרויסגעלאָזט, איז צווישן אַנדערן געזאָגט געוואָרן:

„מען האָט געשאָסן אין קליינע קינדער נאָר דערפאַר, ווייל זיי לעבן אין אַ צייט פון רעוואָלוציע און שפּילן זיך נישט אין באַהעלטעניש און סטרולקעס, נאָר אין דעמאָנסטראַציעס און מאַניפעסטאַציעס, וואָס קומען אַזוי אָפט פאַר פאַר זייערע אויגן און וואָס עס ווילט זיך אַזוי נאָכמאַכן. און דאָס איז ביי

אונז אין לאָדזש נישט קיין זעלטענע דערשיינונג. קוקנדיק אויף די גרויסע, שפּילן זיך די קינדער די לעצטע צייט אָפט אין אַזעלכע זאַכן. און נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זיי האָבן שוין באַקומען נישט איין בלוטיקן צייכן דורך דער קנוט פון די צאַרישע קאָזאַקן, קען דאָס זייער קינדערשער שכל נישט פאַרשטיין וואָס מען האָט צו זיי און פאַרוואָס מען טאָר אין אַזאַ זאַך זיך נישט שפּילן".

אין די ווייטערדיקע יאָרן איז מאַקס מאַזאָווער ווידער אין ווילנע, וואו ער איז פאַרוואַלטער פון דער בונדישער טעגלעכער פּרעסע (דער וועקער, פאָלקס-צייטונג, די האָפענונג). אין ווילנע איז ער געבליבן טעטיק ביז פרילינג 1910, ווען מען האָט אים אַרעסטירט צוזאַמען מיט אַ ריי אַנדערע וויכטיקע טוער פון בונד.

פון פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה האָט מאַזאָווער געלעבט אין לאָנדאָן. ביזן סוף פון זיינע טעג איז ער פאַרבליבן אַ געטרייער בונדיסט. ער איז געווען אַ גוטער, ליבהאַרציקער מענטש. אַליין שוין קראַנק און אַלט, האָט ער בעת דער צווייטער וועלט-מלחמה און נאָך איר געעפנט גאַסטפריינט-לעך זיין היים פאַר די שלוחים פון בונד און פאַרוואָגלטע חברים, וואָס זיינען דעמאָלט געקומען קיין לאָנדאָן, צווישן זיי ש. מ. זיגעלבוים (אַרטור) און אברהם קאַסטעלאַנסקי. זיין פיינע, קולטורעלע היים איז געוואָרן אַן אָרט פון צוזאַמענקונפטן פאַר חברים און בונדישע טוער, וואָס האָבן דעמאָלט געטון וויכטיקע אַרבעט פאַר די יידן אין פוילן.

אין עלטער פון 78 יאָר איז מאַקס מאַזאָווער געשטאָרבן דעם 2 מאַי 1952 אין לאָנדאָן.

ב. : אינפאָרמאַציע פון דער פרוי פרומע (לאָנדאָן). אַנאַ ראָזענטאַל : בלעטלעך פון אַ לעבנס-געשיכטע (די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג ביז דער גרינדונג פון „בונד", היסטאָרישע שריפטן, דריטער באַנד, ייוואָ, ווילנע — פאַריז 1939). דזשאָן מיל : פּיאָנערן און בויער, באַנד 2, ניו-יאָרק 1949; פראַנץ קורסקי : געזאַמלטע שריפטן, ניו-יאָרק, 1952. שלום לעווין : אונטערערדישע קעמפער, ניו-יאָרק 1946. לעאָן : אונזער צייט, יוני 1952, ניו-יאָרק.

י. ש. ה.

●

# הערשל קאַהאַן

געבוירן סוף 1887 אין מאַזיר — דערמאָרדעט דעם 20 אָקטאָבער 1905 אין מאַזירער טורמע.

דער פאָטער — אַן אַרבעטער. הערשל האָט געלערנט אין חדר און ישיבה, שפּעטער געוואָרן אַ סטאָליער.

אַלס 16-יאָריקער יינגל, דעם 4טן מאַי 1903, שוין געווען אַרעסטירט. דאָס איז געשען בעת אַ צוזאַמענשטויס מיט פּאָליציי אויף דער בערזע. פּאָ-ליציאַנטן האָבן געזאָגט, אַז ער האָט געוואָרפן אַ שטיין אויפן איספּראַווניק. ער איז געזעסן אַ צייט ביזן פּראָצעס און באַקומען 3 חדשים טורמע.

דעם 27 אָקטאָבער 1903 האָט מען אים אַרעסטירט צום צווייטן מאָל.

דאָס מאָל האָט מען אים באַשולדיקט אין פאַרשפּרייטן אויפרופן. 9 חדשים איז ער געזעסן אין טורמע און אין דער טורמע פון דער טורמע — אין קאַרצער. דאָס ייִנגל איז דערנאָך געשטעלט געוואָרן אונטער פּאָליציי־השגחה אויף 3 יאָר צייט.

דעם 22טן דעצעמבער 1904 אַרעסטירט מען אים צום דריטן מאָל. פּאָליציי האָט אַרומגערינגלט אַ פאַרזאַמלונג. הערשל איז אַרויס דער ערשטער און אָנגעהויבן שיסן אין פּאָליציי. נאָך אים איז אַרויס אַ באַוואָפנטע גרופּע און פאַרטריבן די פּאָליציי. דער עולם איז זיך צעגאַנגען — הערשל דער לעצטער פון הינטן. אַ גרופּע פּאָליציאַנטן האָט אים אָפּגעטשאַטעוועט, אַנידערגעוואָרפן און גענומען אין אַרעסט־הויז. דאָרט האָט מען אים שרעקלעך צעשלאָגן און אים געריסן די האָר פון קאָפּ. באַוויזן, אַז ער האָט געשאָסן, זיינען נישט געווען. האָט מען אים שפּעטער באַפרייט און געשטעלט אונטער פּאָליציי־אויפזיכט ביזן פּראָצעס.

שבועות 1905. הערשל האָט זיך ווידער פאַרוויקלט אין אַ צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי. דערביי האָט ער שטערבלעך פאַרוואונדעט אַ „נאַדזיראַטעל״ — דעם זעלבן, וועלכער האָט אים פריער אין אַרעסט אויסגעריסן די האָר פון קאָפּ. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דער נאַדזיראַטעל געשטאָרבן פון די וואונדן. הערשל האָט נאָך בעת דעם צוזאַמענשטויס געפירט אַ לאַנגע שיסעריי מיט 2 אַנדערע פּאָליציאַנטן און איז לסוף אַנטרונען געוואָרן.

בלייבן אין שטאָט האָט שוין הערשל נישט געקענט און ער איז אַוועק קיין יעקאַטערינאָסלאַוו. דאָרט האָט ער זיך באַטייליקט אין אַ צוזאַמענשטויס מיט קאָזאַקן און געשאָסן אין קאָזאַקן־אָפיציר.

פון אוקראַינע איז ער אַוועק קיין וואַרשע. די צאַרישע מאַכט האָט אים געזוכט איבער דער לענג און ברייט פון לאַנד. ביז איינמאָל איז צו אים אין דירה געקומען פּאָליציי און אַרעסטירט. דעם 4 אויגוסט האָט מען אים צוריקגעבראַנגט אין זיין היים־שטאָט מאָזיר; געפירט האָט מען אים געשמידט אין קייטן אונטער אַ מיליטערישער וואַך.

דעם 16 אָקטאָבער 1905 האָט דער בונד פּראָקלאַמירט אַן אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרייק. פאַר די ווענט פון טורמע איז פאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע. דורך די קראַטעס האָבן די אַרעסטירטע אַרויסגעהאָנגען אַ רויטע פאָן מיט אַן אויפשריפט: „לעבן אין פרייהייט אָדער שטאַרבן אין קאַמף״. צומאָרגנס האָט זיך איבערגעחזרט דאָס זעלבע. דער קאָמענדאַנט פון טורמע האָט געדראָט צו שיסן, אויב מ׳וועט נישט אַוועקגעבן די פאָן. מ׳האָט אַדורכגעפירט אַ רעוויזיע און די פאָן נישט געפונען. די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן באַשלאָסן צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד. דעם 20 אָקטאָבער איז פאָרגעקומען אין טורמע אַ צוזאַמענשטויס צווישן די אַרעסטירטע און מיליטער. די זעלנער האָבן געשאָסן. אַ דירעקטער אָנטיילנעמער פון דעם בלוטיקן פאַרמעסט, ישעיה שליעסער, האָט שפּעטער איבערגעגעבן:

„ווען צו מיר זיינען צוגעקומען אייניקע חברים און האָבן מיך אַראָפּגעטראָגן אַ פאַרוואונדעטן פון די טרעפּ, אויף וועלכע איך בין געפאַלן, האָב איך דערהערט לעבן זיך אַ קלאַנג פון קייטן אויף דעם צעמענטענעם ברוק

און איך האָב דערזען נעבן זיך דעם חבר קאַהאַן, וועלכער איז געפאַלן, ווי אַן אונטערגעשניטענע זאַנג. אַ קויל האָט אים געטראָפן אין קאָפּ, און זיין מאַרך האָט זיך געגאָסן איבערן ברוק".

ווען דער 18־יאָריקער הערשל איז שוין געלעגן טויט, אַ באַגאָסענער מיט בלוט, האָבן די צעווילדעוועטע סאָלדאַטן זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים און געשטאָכן מיט די שטיקעס.

צו דער לוויה פון יינגן העלד — מיט דריי טעג שפּעטער — זיינען געקומען טויזנטער מענטשן.

ב.: ישעיה שליעסער: באַריכט פון דעם בלוטיקן אָנפאַל אין מאַזירער טורמע (מאַנוסקריפּט): י. ש. הערץ: די געשיכטע פון אַ יוגנט, ניו־יאָרק 1946. יוגנט וועקער, וואַרשע, 1 יולי 1932.

י. ש. ה.

●

# שרה פוקס

אין פּולן זיין פון וואָרט אַ קינד פון בונד. פון קיין אַנדער לעבן נישט געוואוסט. דער בונד — אַ היים און אַ טעמפּל. דער סאָציאַליזם — דער ריינסטער און דערהויבנסטער גלויבן. די פּאַרטיי־טוער — אַסקעטישע פּריס־טער. אויב מ׳האָט געוואָלט מעסטן וואָס דער בונד האָט געמאַכט פון יידישן אַרבעטער, איז זי געווען איינע פון די, וואָס מ׳האָט גע־קענט נעמען פאַר אַ מוסטער.



אַ קינד פון אָרעמע און פרומע עלטערן. צו 9 יאָר שוין אין אַרבעטערין. אָנגעהויבן ביי דער מאַמען אין שטוב, אין קליינעם ליטווישן שטעטל, ביי דער זאָקן־מאַשין. אַוועק אַ פּאָר יאָר, און זי קומט שוין אויף דער בונדישער בירזשע און ווערט אַ טוע־רין אין דער אָרגאַניזאַציע. צוליב איר אָנ־טייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג מוז זי פאַרלאָזן די היים און קומט קיין לוצק און אסטראה (וואָלין), שפּעטער שיקט זי די פּאַרטיי קיין אָדעס. צום בונד האָט זי געהערט פון 1904. צוליב איר בונדישער טעטיקייט האָט שרה געמוזט לעבן אומלעגאַל. זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט רעדנערישן טאַלאַנט און אָרגאַניזאַטארישע פעאיקייטן. פון קליינעם וואוקס, האָט זי אָבער פאַרמאָגט אַן אומגעהויערע ענערגיע און גרייטקייט זיך מקריב צו זיין פאַר דער באַוועגונג.

אין די רעוואָלוציאָנערע יאָרן 6־1905 איז זי טעטיק אין אַ ריי שטעט. ווען די רעאַקציע זיגט און די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג גייט שנעל באַרג־אַראָפּ, פאָרט זי אַוועק קיין אויסלאַנד (דייטשלאַנד, שווייץ). איר ציל איז

לערנען, דערגרייכן וויסן, כדי קענען מער צוגעגרייט דינען דעם אידעאַל, וואָס איז געוואָרן דער לייכטנדער שטערן פון איר לעבן. זי אַרבעט אין אַ פֿאַבריק, לערנט זיך און איז טעטיק אין די בונדישע עמיגראַנטישע קרייזן.

אין 1912 קומט שרה פוקס צוריק אין רוסלאַנד. זי קומט מיטן בפירושן ציל צו אַרבעטן אין דער אויפגעוואַכטער בונדישער באַוועגונג. אַ מער רייפערע, מיט אויסגעברייטערטע האָריזאָנטן, וואַרפט זיך חברטע שרה אין דער געפערלעכער אַרבעט קעגן דעספּאָטישן צאַריזם. זי איז טעטיק אין מינסק, וואו זי ווערט גיך אַרעסטירט. ס׳גיט זיך איר איין צו באַפרייען. זי מוז אַוועק קיין ווילנע און פון דאָרטן ווערט זי געשיקט אַרבעטן אין וואַרשע. צוליב אַ מסירה פון אַ פּראָוואָקאַטאָר, מוז זי גיך פאַרלאָזן וואַרשע און קומט קיין לאָדזש. אירע מענטשלעכע מעלות און גלענצנדער רעדנער־טאַלאַנט מאַכן באַליבט די חברטע אידאַ — אַזוי האָט מען זי איצט גערופן — אין יידישן אַרבעטער־קוואַרטאַל באַלוט. אירע רעפעראַטן אין דער קולטור־געזעלשאַפט האַרפע, די רעדעס אין פאַראיין פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע און אירע חברשע שמועסן אין די אָרעמע שטובן פון די באַלוטער וועבער שאַפן איר אַ גרויסן און גוטן שם אין שטאָט. זי האָט געהאַט פעסטע מיינונגען און גערעדט מיט איבערצייגונגס־קראַפט. איר אויפריכטיקייט און שטאַרקע אמונה האָבן באַוועגט די צוהערער און זיי געוואונען אויף איר זייט. איר רום איז דערגאַנגען צו דער צאַרישער אָכראַנע און דעם 23 מערץ 1914 איז חברטע אידאַ, וואָס האָט אין לאָדזש געלעבט אומלעגאַל אונטערן נאָמען רחל פיינשטיין, אַרעסטירט געוואָרן אין מיטן גאַס בעת זי איז געגאַנגען פון אַ פאַרזאַמלונג.

געזעסן איז זי אין דער תפיסה אויף דלוגע גאַס. די באַשולדיקונג קעגן איר איז געווען, אַז זי איז אַ שליח פון צ. ק. פון בונד. מען האָט איר אויך פאַרגעוואָרפן, אַז זי איז שרה ברענער, וואָס שרייבט אין בונדישן וואָכנבלאַט די צייט אין פעטערבורג (שרה ברענער איז געווען דער פסעוודאָנים פון מאַקס ווינרייך). לסוף האָט די צאַרישע יוסטיץ צונויפגעשטעלט אַ באַשולדיקונגס־אַקט לויטן פאַראַגראַף 102 פאַר געהערן צום בונד. דערוויל איז אין אויגוסט 1914 אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה. די דייטשע חיילות האָבן באַלד זיך דערנענטערט צו דער שטאָט לאָדזש. צוזאַמען מיט אַנדערע „שווערע פאַרברעכער" האָט מען שרה פוקס עוואַקואירט קיין וואַרשע און פון דאָרטן קיין סאַמאַרע. אַזוי האָט זיך די בונדישע טוערין אָפּגעוואַלגערט אין די טורמעס איבער 2 יאָר. אין 1916 איז זי באַפרייט געוואָרן אויף קויציע.

זי קומט קיין מינסק און ווערט ווידער אַרעסטירט. נאָך אַ קורצער צייט באַקומט זי אַ באַפעל זיך צו באַזעצן אין אוקראַינע, וואו זי איז ווייטער טעטיק אומלעגאַל. אָנהויב 1917 אַרעסטירט מען זי אין כאַרקאָוו. לאַנג איז איר שוין נישט אויסגעקומען צו זיצן — די רעוואָלוציע גיט איר די פריי־הייט. דער שיינער טרוים פון איר לעבן ווערט אַ וואָר...

זי איז טעטיק אין אוקראַינע. פאַרט אַרום פון שטאָט צו שטאָט. וועקט, אָרגאַניזירט און מאָביליזירט. שרה פוקס איז אַ מיטגליד פון אוקראַינישן געגנט־קאָמיטעט פון בונד, באַטייליקט זיך אין אַ ריי פאַרטיי־קאָנפערענצן

און אַלגעמיינע צוזאַמענפאַרן. צו דער ערשטער לעגאַלער קאָנפערענץ פון בונד (אַפּריל 1917, אין פּעטראָגראַד) קומט זי פון כאַרקאָוו און האַלט אַ רעפעראַט. אַ צווייטע בונדישע טוערין (אַנע ראָזענטאַל) דערציילט וועגן איר: „אויף דעם יידישן צוזאַמענפאַר אין קיעוו, אין 1917, איז זי די איינציקע פרוי צווישן הונדערטער דעלעגאַטן. און ווי גרויס איז די שרעק און די אויפרעגונג פון די רבנים, ווען זי באַווייזט זיך אויף דער בינע! רואיק און זעלבסט־באַוואוסט שטייט דאָס קליינגעוויקסיקע, באַשיידענע מיידל און ציט־צו די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט מיט אירע לאָגישע און זאַכלעכע אויספירונגען. זי פירט אין אוקראַינע די וואַל־קאַמפּאַניע צו די שטאָט־ראַטן. זי טרעט אַרויס אויף טויזנט־קעפּיקע פאַרזאַמלונגען און ווערט באַלד אומגעהויער פּאָפּולער אין קיעוו, בערדיטשעוו און אַנדערע שטעט".

עטלעכע באַריכטן פון אירע באַזוכן אין פאַרשיידענע שטעט האָט שרה פוקס פאַרעפנטלעכט אין דער בונדישער פּרעסע. איינעם פון זיי פאַרענדיקט זי מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „פאַרביטערטער וועט וואָס ווייטער דער קאַמף ווערן. ריזיקע שטיינער וועט דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס אויסקומען אויפן וועג צו זיין באַפרייאונג אָפּרוימען, נאָר אַז איר זעט מיט וואָס פאַר אַ כוח און זעלבסט־אָפּפערונג ער פירט זיין קאַמף, וואַקסט און שטאַרקט זיך דער גלויבן, אַז אַלע שטערונגען וועט דער יידישער אַרבעטער־קלאַס באַקעמפן און וועט זיגן — די צוקונפט געהערט אים" (דער וועקער, 1 אויגוסט 1917, מינסק).

זי האָט זיכער דעמאָלט נישט געקענט טראַכטן, אַז דער קאַמף וועט ווערן אַזוי שטאַרק פאַרביטערט, ווי ער איז געוואָרן; אַז די שטיינער אויפן וועג צו דער באַפרייאונג, וועלן זיין נאָך מער ריזיקע. ס'איז געקומען די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש; ס'זיינען געקומען די שוידערלעכע פּאָגראָמען פון פאַרשיידענע באַנדעס אין אוקראַינע. אַ טייל בונדיסטן האָבן זיך אַ וואַקל געטאָן און זיך אַ קער געטאָן צום באָלשעוויזם. פאַר איר איז עס אַ גרויסע טראַגעדיע. מיט אַ צעווייטיקט האַרץ וואָרנט זי פאַר די פאָלגן. די שפּאַלטונג פון בונד אין אוקראַינע האָט זי דערשיטערט. עס באַפאַלט איר אַ טרויער. אין דעצעמבער 1918 זאָגט זי אין אַ בריוו צו משה ראַפעס: „הייסט עס, אַז ביים היינטיקן טאָג האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פאַרלוירן נישט בלויז די מאַסן, נאָר אויך אירע פאַנען־טרעגער פאַרלאָזן זי. איך שטעל זיך נישט פאָר קיין סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אָן דעמאָקראַטיע. און עס ווערט שרעקלעך ביי דעם געדאַנק וואָס פאַר אַ שווערער, לאַנגער וועג עס שטייט נאָך פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ווען איר וועט אויסקומען אַלץ אָנצוהויבן פון דאָס ניי"... „איך ווייס, אַז מענטשן מיט אַזעלכע מיינונגען און שטימונגען וועלן איצט פאַרשטיינערט ווערן אָדער (אין בעסטן פאַל) פאַרשפּיגן ווערן. איך ווייס, אַז פאַר מענטשן פון מיין שניט איז קיין אָרט צווישן די לעבעדיקע נישטאָ. זיי זיינען איבעריקע, און — איך טרעט אָפּ"...

צוזאַמען מיט א. ליטוואַקן און אַנדערע פּראָוואוט זי נאָך עפּעס ראַטעווען. זי פאָרט אַרום אין די פּאָגראָמירטע ערטער צו באַטייליקן זיך אין דער אַרבעט פון געבן הילף און זאַמלען מאַטעריאַלן: זי נעמט אויך אָן די

אויפגאַבע פון דער קולטור־ליגע צו זיין די פאַרוואַלטערין פון דער קולטור־אַרבעט אין בערדיטשעוו. זי בויט קלובן און גרינדעט אָוונט־קורסן. אין סאַמע מיטן פון דער אַרבעט איז מען געקומען אין בונדישן לאָקאַל זי אַרעס־טירן. סך־הכל 24 שעה איז זי געזעסן און מ׳האָט זי באַפרייט — אָבער דאָס איז געווען געבונג. דער לעצטער טראָפן, וואָס האָט איבערפולט דעם בעכער. זי האָט זיך געזען טיף באַליידיקט, איר העכסטן מענטשהייטס־אידעאַל, דעם סאָציאַליזם, פאַרשוועכט. די זון פון איר לעבן האָט זיך אויסגעלאָשן.

זי צעטיילט צווישן פריינט דאָס ביסל זאַכן און ביכער, פאָרט אַוועק קיין קיעוו און דערטרינקט זיך אין טייך דניעפּר. דעם דרייפאַכן פּאָגראָם — פון איר אידעאַל, פאָלק און פּאַרטיי — האָט די איידעלע יידישע אַרבעטער־פרוי נישט געקענט אַריבערטראָגן.

וואָס שרה פוקס איז געווען און פאַרוואָס זי איז געקומען צו אַזאַ טראַ־גישן סוף, דערציילט אירס אַ מיטקעמפער, א. ליטוואַק:

„אַ טועריןן און פירערין, אַ סאָלדאַט און אַ גענעראַל אין איין פּערזאָן, מיט אַ שאַרפן שכל, מיט אַן אייזערנער ענערגיע, מיט אַ זודיקן אידעאַליזם. איר בונדיסטישע דערציאונג האָט זי באַקומען אין מינסק. שפּעטער האָט זי געשפּילט אַן אָנפירנדיקע ראָל אין פוילן. אין דער צייט פון קריג און אין די ערשטע פּאָר יאָר פון דער רעוואָלוציע אין אוקראַינע — אין כאַרקאָוו, קיעוו, בערדיטשעוו. געווען אַן אָנגעזעענער מיטגליד אין דעם אַלטן אוק־ראַינישן געגנט־קאָמיטעט פון בונד. שרה פוקס האָט געאַרבעט כמעט אָן אָפּרו. זי האָט נישט געוואוסט און נישט געוואָלט וויסן קיין אַנדער לעבן, ווי נאָר אין דער באַוועגונג. זי איז געווען איבערגעגעבן אירע פּרינציפּן מיט אַן אומגעהויערער עקשנות. דער קאָמוניזם האָט זיך איר נישט גע־לייגט אויפן שכל, ער איז געווען קעגן איר גאַנצער נאַטור. און ווען איר האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ און אַלע גייען איבער צו די קאָמוניסטן, איז זי אַריינ־געפאַלן אין יאוש. ווען אין דער בערדיטשעווער קוואַרטיר פון בונד איז געקומען אַ טשעקיסט און האָט געפרעגט: וואו איז דאָ אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָ־נערקע שרה פוקס? איך האָב אַ באַפעל זי צו אַרעסטירן... איז שרה פוקס מיט אַ שטאָלץ אויפגעהויבענעם קאָפּ אים געגאַנגען אַנטקעגן: איך בין די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערקע שרה פוקס — נעמט מיך! זי איז אַפילו קיין גאַנצן טאָג נישט געזעסן. אָבער אַרויסגייענדיק פון טשעקאָ, וואו עס האָט זי פאַרהערט אַ נעכטיקער בונדיסט, האָט זי דערפילט, אַז מער לעבן קען זי נישט. גראָד האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז אין יענעם טאָג איז קראַנק געוואָרן אירע אַ נאָענטע חברטע, האָט שרה פוקס נאָך איבעריקע צוויי וואָכן געלעבט פאַר יענער, נישט גערוט קיין טעג, נישט געשלאָפן קיין נעכט און מיט אַ געצוואונגענער רואיקייט געגאַנגען אַרום דער קראַנקער, געטאָן אַלץ, אַז יענע זאָל געזונט ווערן. אָבער אין דעם טאָג, ווען יענע איז אַראָפּ פון בעט, איז שרה אַוועק־געפאָרן קיין קיעוו — אויף אַ זיצונג פון געגנט־קאָמיטעט, האָט זי דער חברטע געזאָגט. אין קיעוו האָט זי זיך מיט קיינעם פון די נאָענטע חברים נישט געזען. אין אַ פּאָר שעה נאָך איר קומען האָט זי געמאַכט אַ סוף צו איר יינגן לעבן אין די טיפענישן פונם דניעפּר“.

איר טויט איז זיך צונויפגעפאַלן מיט דער פאַרניכטונג פון בונד אין אוקראַינע און אַנדערע טיילן פון רוסלאַנד. נאָך מער: ער איז געווען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דער טרויעריקער דערשיינונג. האָט מען דעם טויט פון שרה פוקס אָנגענומען ווי אַ סימבאָל, וואָס האָט באַצייכנט די צע־שטערונג פון דער פרייער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

די לוויה פון שרה פוקס איז פאָרגעקומען דעם 30 יולי 1919 פון בונ־דישן גראָסער־קלוב אין קיעוו. געקומען צו דער לוויה איז אַ גרויסער עולם. טרויער־רעדעס האָבן געהאַלטן יאַנקל זשעלעזניקאָוו, א. ליטוואַק און מ. ראַפעס.

(אין אַ ריי בונדישע אויסגאַבעס פון פוילן, ווי אויך אין אַרטיקלען פון בונדישע טוער, ווערט די דאַטע פון טויט אָנגעגעבן — 24 יוני 1919. אין אַ נעקראָלאָג פון הויפּט־קאָמיטעט פון יידישן קאָמוניסטישן פאַרבאַנד, אָפּגע־דרוקט אין דער צייטונג די קאָמוניסטישע פאָן, קיעוו, 29 יולי 1919, ווערט געזאָגט, אַז דער טאָג פון איר טראַגישן טויט איז געווען דעם 25 יולי. איר געבורט־אָרט זאָל האָבן געווען ניי־שטאָט (נאָוואָיע מיעסטאָ), ראָסיינער פאָ־וויאַט, קאָוונער גובערניע, וואָס מ׳האָט אויך גערופן אַמאָל אַלעקסאַנדראָווסק און אַלעקסאַנדריע, און האָט זיך געפונען אויף דער רוסיש־פּרייסישער גרענעץ).

ב.: אינפאָרמאַציע פון אברהם שמויש (לאָדזש — ניו-יאָרק). שרה פוקס: דער וועקער, מינסק, 1 אויגוסט 1917. קאָמוניסטישע פאָן, קיעוו, 29, 30 יולי 1919. מ.: לעבענס-פראַגעו, וואַרשע, 12 סעפּטעמבער 1919; א. שמ—ש: דאָרטן, 15 סעפּטעמבער 1919. י. זשעלעזניקאָוו: אונזער צייט, ווילנע, 25 יוני 1922. אַנאַ ראָזענטאַל: נייע פאָלקס-צייטונג, וואַרשע, 19 נאָוועמבער 1937. מ. זעלדין: יוגנט-וועקער, וואַרשע, 15 פעברואַר 1938. א. ליטוואַק: געזאַמלטע שריפטן, ניו-יאָרק 1945.

י. ש. ה.

●

## מענדל קיווענסאָן

איינער פון די ערשטע בונדיסטן, וואָס איז געפאַלן אַ קרבן פון רוצחישן צאַריזם.

געווען איז דאָס דעם 26 יוני 1899 אין וויטעבסק. אויף דער גאַס איז געגאַנגען דער אַרבעטער מענדל קיווענסאָן, אַ טעטיקער מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע. דער שפּיאָן יאָשקע פאַדוואָראַטניק האָט אים באַמערקט און געלאָזט אַרעסטירן. פאַר וועלכן חטא? מענדל האָט צוליב זיין אַרבעט אין דער באַוועגונג באַקומען אַן אורטייל פון אַ חודש אַרעסט און צו וואוינען אַ יאָר אונטער פּאָליציי־השגחה אין וועליזש. דעם פאַראורטיילטן האָט זיך אָבער נישט געגלוסט צו פאַרברענגען אַ יאָר אין וועליזש און ער איז אומלעגאַל צוריקגעקומען קיין וויטעבסק. דאָס איז געווען די סיבה פון אַרעסט.

אין פּאָליציי־צירקל האָט מען אים שרעקלעך געפּייניקט און געשלאָגן.

מיט 4 טעג שפּעטער, דעם 30 יוני 1899, איז ער שוין געווען טויט. דער פּאָליצמייסטער האָט גערופן מענדלס פֿאָטער און שוועסטער, זיי אַריינגעפירט אין קאַמער פון אַרעסט־הויז און געוויזן, אַז זייער זון און ברודער הענגט. דער פּאָליצמייסטער האָט צוגעזאָגט דעם פֿאָטער צו געבן 300 רובל, אויב ער וועט צונעמען דעם זון, אים גלייך מקבר זיין און אונטערשרייבן אַ דער־קלערונג, אַז ער האָט נישט קיין שום טענות. דער פֿאָטער האָט נישט געוואָלט אָננעמען דעם פּאַ־שלאָג. מענדלען האָט מען געפּאַלמעסט. אויפן גוף, און בפרט אויף די פיס, זיינען געווען צייכנס פון קלעפּ.

אין שטאָט איז מען געווען זיכער, אַז די פּאָליציי האָט דעם אַרעסטירטן דערהרגעט און אויפגעהאָנגען, כדי צו פאַרייבן די שפורן פון איר מאָרד. די אויפרעגונג ביי די אַרבעטער איז געווען זייער גרויס. הונדערטער מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט פאַר דער פּאָליציי און שטורמיש פּראָטעסטירט. אַן עולם פון 200 מענטשן האָט אַרומגערינגלט די דירה פון שפּיאָן יאַשקע, אָבער דער לעצטער האָט זיך באַהאַלטן — אין טורמע. אַלץ אין זיין דירה איז צעהאַקט געוואָרן אויף שטיקלעך. די אָרגאַניזאַציע פון בונד האָט וועגן דער מעשה־נורא גלייך אַרויסגעלאָזט אויפרופן אין יידיש און רוסיש. זיי זיינען אויסגעקלעפּט געוואָרן אויף די ווענט.

די פּאָליציי האָט געוואָלט בשתיקה דורכפירן די לוויה, דאָס איז איר נישט געלונגען. שבת ביינאַכט האָט זי דעם מת אַוועקגעפירט, אָבער די בונדיסטן האָבן זיך דערוואוסט און זיינען מיטגעגאַנגען. זיי האָבן זיך באַמיט דעם געטויטן חבר אַרויסצורייסן פון דער פּאָליציי. ווי אַזוי דאָס איז פאָרגע־קומען, האָט דערציילט די אונטערערדישע בונדישע צייטונג — דיא אַרבייטער שטימע:

„10 אַזייגער ביינאַכט האָט די פּאָליציי גענומען פירן דעם דערמאָרדעטן אויפן בית־עלמין. די אַרבעטער זיינען געגאַנגען פון הינטן. 2 מאָל האָבן זיי אַרויסגעריסן דעם קאַסטן פון פּאָליציים הענט און ביידע מאָל האָט די פּאָליציי מיט מאַטערניש אים ווידער צוגענומען. ענדלעך זיינען געקומען צווי ראָ־טעס סאָלדאַטן און האָבן פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט דעם קאַסטן. די פּראָ־צעסיע האָט זיך ווידער גענומען רירן: פאָראויס סאָלדאַטן, פּאָליציי, אין מיטן דער קאַסטן און פון הינטן די אויפגערעגטע מענגע אַרבעטער. קיינמאָל האָט נאָך וויטעבסק אַזאַ מוראדיקע לוויה נישט געזען, אויף לאַנג וועלן זי געדענקען די וויטעבסקער אַרבעטער. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אויפן בית־הקברות, ווען מען האָט באַגראָבן דעם אַרבעטער. עס איז נישט געווען קיין רעדעס, מען האָט נישט געקרעכצט און נישט געוויינט, נאָר אַלע האָבן אָן ווערטער פאַרשטאַנען איינער דעם אַנדערן. אין אַלעמענס הערצער האָט געהערשט איין געפיל, איין שטאַרקער געפיל פון פיינטשאַפט צו דער רוסישער רעגירונג, איין שטאַרקער פאַרלאַנג — שטרייטן ביזן סוף, ביז מיר וועלן קומען צום זיג. שטילערהייט האָט מען אַרויפגעלייגט אויף דעם פרישן קבר אַ קראַנץ בלומען און אַזייגער פינף אין דער פרי איז מען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען".

אין אַ וואָך אַרום האָבן אַרום קבר זיך פאַרזאַמלט בערך טויזנט מענטשן.

מ׳האָט אַוועקגעלייגט אַ קראַנץ און צוויי אַרבעטער האָבן גערעדט. די רעדנער זיינען געווען פאַרשטעלט (אָנגעטון אין צילינדערס און ברילן, שירעמס האָבן פאַרדעקט זייערע פּנימער). זיי האָבן אויסגעדריקט דעם שטאַרקן צאָרן קעגן דער מערדערישער זעלבסטהערשאַפט. פון בית־עולם האָט זיך פאָרמירט אַ דעמאָנסטראַציע פון פינף הונדערט מאַן, וואָס האָט מאַרשירט איבער די גאַסן פון שטאָט. די פּאָליציי האָט נישט געוואַגט צו טשעפּען, ווייסנדיק די דעציזירטע שטימונג פון די דעמאָנסטראַנטן. אָבער מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט זי איינציקווייז אַרעסטירט אַ ריי אָנטיילנעמער פון דער דעמאָנסטראַציע.

ב.: דער אידישער אַרבייטער נומ. 7, אויגוסט 1899 (אויסלענדישע דרוקעריי פון אַלגעמיינעם אידישן אַרבייטער-בונד אין רוסלאַנד און פּוילן). דיא אַרבייטער שטיממע נומ. 15 דעקאַבר 1899 (דרוק פון „אַלגעמיינעם אידישען אַרבייטער בונד אין רוססלאַנד און פּוילין״).

י. ש. ה.

●

# קלמן קראַפּיווניקאָוו

געבוירן אָנהויב 1879 אין ווילנע — געשטאָרבן סוף 1904 אין דאָרף אוסטי־איזשמע, אין ווייטן צפון. די 26 יאָר פון זיין קורץ לעבן זיינען געווען אויסגעפילט מיט אָן אַ שיעור נויט, ליידן און אומגעוויינלעכע געשעענישן.



אַ קינד פון דער הקדש־גאַס אין ווילנע. די עלטערן — גרויסע אָרעמעלייט. זיי האָבן אים פרי געלאָזט אַ יתום. נאָכן טויט פון פאָטער האָט די מוטער געוואַשן פּאַדלאָגעס און אַ צייט אַפילו געמוזט אָנקומען צו בעטל־ברויט. גאָר גיך איז אויך זי געשטאָרבן. דאָס יינגל — אַ קיילעכיקער יתום און אָן קרובים — איז אַרומגעגאַנגען אַ הונגעריקער און אַ באָרוועסער, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן. געלעבט ביי פרעמדע אין נאַסע קעלערס צווישן קאַליקעס און בעטלער. גע־מוזט אָנקומען צו רחמנות פון אַנדערע. דאָס האָט אין זיין האַרץ געשאַפן אויף שטענדיק אַ פאַרביטערטקייט און אַ האַס קעגן זאַטע און רייכע.

נישט געקוקט אויף זיין טרויעריקער קינדהייט, איז אים דאָך געלונגען צו באַקומען אַ געהעריקן סכום וויסן. ער האָט געלערנט אין תלמוד־תורה און ישיבה. שפּעטער האָט ער אויך אַ סך געלייענט. אין די פריע יאָרן האָט דאָס פאַרביטערטע יינגל מיט די שוואַרצע האָר און בלייכן פּנים אויך אָנ־געהויבן צו שרייבן יידישע און העברעאישע לידער, וואָס זיינען אין ערגעץ נישט געדרוקט געוואָרן, אָבער זיינען געגאַנגען אין כתב־יד פון האַנט צו

האַנט. דערפֿאַר האָט ער באַקומען אַ צונאָמען — דער פּאָעטיק. ער איז דעמאָלט אַלט געווען 15 יאָר. צוליב זיינע העברעאישע שירים האָבן „די ווילנער חובבי־ציון — ווי ס׳האָט דערציילט זיין פֿריינט א. ליטוואַק — מיט אים זיך געצאַצקעט, ווי מיט אַ צוקונפֿטיקן העברעאישן פּאָעט. זיי האָבן אים געשטיצט, און דערפֿאַר האָבן זיי געפֿאָדערט דאַנקבאַרקייט און ׳אַנשטענדיקע אויפֿפֿירונג׳. קלמן איז געווען אַ ייִנגל אַן עקשן, מיט אַ קראַנקער איינגליבע. די באַציאונג פֿון זיינע בעלי־טובֿות האָט אים טיף באַליידיקט און ער פֿלעגט אָפֿט זיין מיט זיי גראָב, צערייצט, ווי אַ קליינע חיה״.

צו 16 יאָר איז קלמן געוואָרן אַ סאָציאַליסט. ער האָט זיך באַקענט מיט אַרבעטער און געווען באַזונדערס אַקטיוו אויף צוויי געביטן: פֿאַרשפּרייטן יידישע ביכער מיט אַ ראַדיקאַלן אינהאַלט און אָרגאַניזירן די האַנדלס־אַנ־געשטעלטע. געווען טעטיק נאָך פֿאַר דער גרינדונג פֿון בונד. געפֿירט קרייז־לעך. איבערגעזעצט אויף יידיש בעלעטריסטיק און וויסנשאַפֿטלעכע אַר־בעטן. אויך פֿאַרפֿאַסט אייניקע פּראָקלאַמאַציעס. געווען אַ לערער און אַ קורצע צייט געאַרבעט אין אַ פּאַפּיראָסן־פֿאַבריק. די אַרבעט האָט ער גע־מוזט וואַרפֿן צוליב זיין קורצזיכטיקייט און קראַנקייט פֿון זיינע אויגן.

דער זשאַרגאָנישער קאָמיטעט, וואָס האָט זיך פֿאַרנומען מיט אַרויסגעבן און פֿאַרשפּרייטן ראַדיקאַלע ליטעראַטור, האָט אין 1898 אים איבערגעגעבן די גאַנצע אַרבעט. מיט דער הילף פֿון באַריס קלעצקין — שפּעטער אַן אַנ־געזעענער יידישער פֿאַרלעגער — האָט ער געעפֿנט אַ בוך־געשעפֿט אויפֿן נאָמען פֿון בונדיסט אַבֿרהם גאָסעלניק, וואָס איז געוואָרן אַ צענטער פֿאַרן נייעם יידישן בוך און פֿאַר אומלעגאַלער אַרבעט — אַ טרעף־פּונקט פֿאַר יידישע אַרבעטער־טוער.

קלמן איז אין יאָר 1896 געווען פֿון די הויפּט־גרינדער פֿון ווילנער פֿאַראיין פֿון האַנדלס־אַנגעשטעלטע. שפּעטער האָט ער געגרינדעט אַזעלכע פֿאַראיינען אויך אין אייניקע אַנדערע שטעט און זיך באַטייליקט אין אַ קאָנ־פֿערענץ אין דווינסק צו בילדן אַ צענטראַלע פֿון די האַנדלס־אַנגעשטעלטע פֿאַראיינען (מחמת אָט דער טעטיקייט האָט מען אים גערופֿן — קלמן דער פּריקאַזשטשיק). אַ שיינער רעדנער, אַ מענטש מיט אַ סך ענערגיע, איניציאַ־טיוו, פֿייער און אומרואיקייט, האָט ער געקענט באַגייסטערן, הגם ליב געהאַט האָט מען אים נישט מחמת זיינע פּערזענלעכע אייגנשאַפֿטן: עקשנות, צו־פֿיל האַלטן פֿון זיך, אָפּלאָזן אַנגעהויבענע זאַכן א. ד. ג. אַ צייט איז ער געווען אַ מיטגליד פֿון ווילנער קאָמיטעט פֿון בונד. (ווי עס גיט איבער א. י. גאָלד־שמידט, זאָל קלמן אויך האָבן געווען אַ דעלעגאַט פֿון ווילנע אויפֿן 4טן צוזאַמענפֿאָר פֿון בונד, וואָס איז פֿרילינג 1901 פֿאָרגעקומען אין ביאַליסטאָק).

דעם 31 יולי 1901 האָט מען קלמנען אַרעסטירט אין ווילנע און ער איז אָפּגעזעסן איבער אַ יאָר אין אַ מאָסקווער תּפֿיסה. נאָך דער באַפֿרייאונג קומט ער קיין וואַרשע, וואו ער אַרבעט נישט לאַנג. דאָ האָט ער צוזאַמען מיט זלמן דעם געלן (א. ש. זאַקס — שפּעטער באַקאַנטער יידישער סאָציאַליסטישער

פובליציסט אין אַמעריקע, רעדאַקטאָר און מחבר פון אייניקע ווערק) אָנ־געפירט מיט אַן אָפּאָזיציע אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע קעגן וואַרשע־ווער קאָמיטעט. די אָפּאָזיציע האָט געפּאָדערט מער דעמאָקראַטיע. קאָנקרעט האָט זיך געהאַנדלט, אַז דער ביוראָ ביים קאָמיטעט זאָל באַקומען שטים־רעכט אָדער מ׳זאָל אַ טייל פון אים אַריינגעמען אַלס פולבאַרעכטיקטע מיטגלידער פון קאָמיטעט. די מערהייט פון דער אָרגאַניזאַציע האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם.

פון וואַרשע איז קלמן אַוועק קיין אוקראַינע און געווען טעטיק אין בער־דיטשעוו און זשיטאָמיר. אין 1903 האָט מען אים אַ צווייט מאָל אַרעסטירט און אין 1904 איז ער פאַרשיקט געוואָרן אין אַרכאַנגעלסקער גובערניע אויף 5 יאָר.

אין זיין אומרואיקער נאַטור איז דעמאָלט פאָרגעקומען אַ שטאַרקער איבערברוך. די אומטעטיקייט אין פאַרוואָרפענעם דאָרף אוסטי־איזשמע, די אומאויפהערלעכע רעגנס, די לאַנגווייליקע ווייסע נעכט, די איינזאַמע שפּאַצירן אין וואַלד האָבן אים אַריינגעוואָרפן אין יאוש. ס׳האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט אַ פּסיכישער קריזיס. די געדריקטע שטימונג איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך צוויי שווערע אַנטוישונגען: ער האָט זיך געגרייט צו אַנטלויפן, און פון פּלאַן איז גאָרנישט געוואָרן; צו דעם איז נאָך צוגעקומען אַן אומ־גליקלעכע ליבע. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו באַגיין זעלבסט־מאָרד, און אין די לעצטע וואָכן פון יאָר 1904 זיין שרעקלעכן פּלאַן אויס־געפירט. דער פאַריאושטער האָט אַליין געמאַכט אַ סוף צו זיין לעבן דורך אויפהענגען זיך. אַזוי טראַגיש האָט זיך פאַרענדיקט דאָס קורצע, שטורמישע לעבן פון קלמן קראַפּיווניץ־קראַפּיווניקאָוו, וועלכער איז אַרויסגעשטיגן פון „דעק" און דערגאַנגען צו דער מדרגה פון אַ פּאָפּולערן אַרבעטער־טוער.

צוויי פאַרשיקטע האָבן שפּעטער אין אַ דערציילונג מיטן נאָמען אין ווייטן צפון געשילדערט זיינע שטימונגען ערב דעם זעלבסטמאָרד. זי איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין רוסיש און אין אַ יידישער איבערזעצונג. דאָרטן ווערט געזאָגט וועגן אים: ער איז אַוועק פון דער וועלט, ווייל „דער מוט־לאָזיקער האַרבסט האָט זיך אַריינגעגנבעט אין דער נשמה"...

ב.: א. ליטוואַק: וואָס געווען, ווילנע 1925; געזאַמלטע שריפטן, ניו־יאָרק 1925; די נייע וועלט, ניו־יאָרק, 14 אַפּריל 1916. כ. ש.: אין ווייטן צפון, פאָלקס־צייטונג נומ. 8 און נומ. 9, 12 און 14 מערץ 1906, ווילנע. ב. מיכאַלעוויטש: זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט, ערשטער באַנד, וואַרשע 1922. ז. רייזען: לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע, דריטער באַנד, ווילנע 1929. איזידאָר קאָהען: ערב בונד, דער וועקער, ניו־יאָרק, 24 דעצעמבער 1932; אויך אין זאַמלבוך ווילנע, ניו־יאָרק 1935. זאַמלבוך י. באַסקין, ניו־יאָרק 1951. א. י. גאָלדשמידט: אונזער שטימע, ווילנע, (נומ. 51-62), 4 — 17 מערץ 1919. אברהם רייזען: עפּיזאָדן פון מיין לעבן, ערשטער טייל, ווילנע 1929. אוריה קאַצענעלענבאָגן: פון דער פאַרשוואונדענער יידישער ווילנע (די צוקונפט, מערץ 1954, ניו־יאָרק).

י. ש. ה.

# סינאַי יאַקאָבי

געבוירן אַרום 1878 אין לאָמזשע — געשטאָרבן דעם 3 דעצעמבער 1905 אין זשענעוו (שווייץ).

פון פרומע עלטערן. געלערנט אין די ישיבות פון לאָמזשע און סלאָנים.



צוזאַמען מיט די עלטערן זיך באַזעצט אין וואַרשע, געוואָרן אַן אַרבעטער, אַ זעצער. ער האָט אַ סך געלייענט, זיך באַקענט מיט דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט און איז אַריינגעטרעטן אין בונד. געשאַפן שריפט פאַר דער געהיימער בונדישער דרוקערײַ (פון אָרגעלבראַנדס גרויסער דרוקערײַ, וואו ער האָט געאַרבעט), ווי אויך געהאָלפן זעצן דעם אומלעגאַלן אָרגאַן דער וואַרשאווער אַרבייטער. מיט אומגעהייערער טרייִשאַפט האָט ער געטאָן זיין פּאַרטיי־אַרבעט און גיך איז ער צוקאָאָפּטירט געוואָרן אין וואַרשעווער קאָמיטעט (שפּעטער אויך געווען אַ מיטגליד פון לאָדזשער קאָמיטעט).

סוף 1899 איז סינאַי געווען אַ דעלעגאַט פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע אויפן דריטן צוזאַמענפאָר פון בונד (אין קאָוונע), וואו ער האָט אונטערגעשטיצט די שטעלונג פון דזשאָן מילל, אַז דער בונד זאָל אויך קעמפן פאַר נאַציאָנאַלע רעכט.

אין יאָר 1900 האָט מען אַרעסטירט זיינס אַ חבר, אויף וועלכן ער האָט געווירקט צו ווערן אַ סאָציאַליסט. בעת אַ רעוויזיע האָט מען ביים חבר געפונען אַ פּאָר אומלעגאַלע ביכלעך, וואָס זיינען געווען סינאַיס. זיין שטאָלצע, ערלעכע נאַטור האָט נישט געקענט פאַרטראָגן וואָס דער חבר ווי אויך זיין פרוי און צוויי קינדער וועלן צוליב אים ליידן. ער האָט קיינעם גאָר נישט געזאָגט, איז אַוועק אין זשאַנדאַרמעריע און דערקלערט, אַז די ביכלעך געהערן צו אים. דעם חבר האָט מען באַפרייט, אָבער אים אַליין האָט מען איינגעזעצט אין צענטן פּאַוויליאָן פון וואַרשעווער ציטאַדעל און שפּעטער אויך געהאַלטן אין פּאַוויאַק. די שווערע טורמע־באַדינגונגען האָבן אונטערגעגראָבן זיין שוואַכן גוף. אַ פיזיש צעבראָכענעם האָט מען אים אַרויסגעלאָזט אויף קויציע.

סינאַי פאָרט אַוועק קיין אויסלאַנד. ער קומט קיין לאָנדאָן, וואו ער איז טעטיק אין בונדישן פאַראיין וועקער. שפּעטער פאָרט ער קיין אַמעריקע און איז אַקטיוו אין דער בונדישער ביבליאָטעק און קלוב אין ניו־יאָרק.

סינאַין איז געווען שווער איינצולעבן זיך אין אַמעריקע. ס'האָט אים געצויגן צוריק קיין אייראָפּע. אָנהייב 1904 קומט ער קיין קראָקע, וואו ער אַרבעט שווער. צווישן די יידישע סאָציאַליסטן איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אַ דעבאַטע צי ס'איז נויטיק אַ באַזונדערע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע אין גאַליציע. סינאַי העלפט פּאָפּולאַריזירן דעם בונדיזם צווישן די

קראָקעווער יידישע אַרבעטער און אינטעליגענץ און טוט אַלץ צו פאַרשטאַרקן די אָנהענגער פון דער ריכטונג, וואָס האָט שפּעטער געשאַפן די זש. פּ. ס. (גאַליציאַנער בונד).

וועגן זיין ראָל אין פאַרשפּרייטן דעם בונדיזם אין גאַליציע דערציילט ד״ר י. בראָס: „יאַקאַבי איז נישט געווען קיין רעדנער, זיינע אָנשויאונגען האָט ער פּאָפּולאַריזירט צווישן אַ קליינעם קרייזל. ער האָט אָבער געהאַט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַר דער פּאָליטישער צוגרייטונג פון די דעמאָלטיקע טוער אין דער בונדישער ריכטונג. אין די געשפּרעכן מיט אים האָט זיך געלייטערט און קריסטאַליזירט אונזער בונדישע וועלט־אָנשויאונג״... „דאָס איז געווען אַ מענטש פון נישט־געוויינלעכער אויפריכטיקייט און יושר — אַ כאַראַקטער ווי קרישטאָל״.

די פּראָלעטאַרישע קרענק (שווינדזוכט) האָט פאַרכאַפּט סינאַיס גוף און אים אַלץ מער אויסגעצערט. ער פאָרט אַריבער אין דער שווייץ און שטאַרבט אין אַ זשענעווער שפּיטאָל.

ב.: אינפאָרמאַציע פון אברהם קאָסטעלאַנסקי (קאַרלין — וואַרשע — ניו-יאָרק). די לעצטע פּאַסירונגען נומ׳ 25, זשענעוו, 16 דעצעמבער 1905. ב. מיכאַ-לעוויטש: זכרונות פון אַ יודישען סאָציאַליסט, ערשטער באַנד, וואַרשע, 1922. דזשאַן מילל: פּיאָנערן און בויער, באַנד 2, ניו-יאָרק, 1949. דר. י. בראָס: צו דער געשיכטע פון דער י. ס. ד. פּ. אין גאַליציע (רויטער פּנקס, צווייטער זאַמלבוך, וואַר-שע, 1924). סאַימאָן סאָלאָמאָן: דערמאָנערונגען פון דער יידישער אַרבעטער באַ-וועגונג, ניו-יאָרק, 1952. י. ש. ה.

●

# מאָטל בריטאַן

געבוירן אַרום 1886 אין טשודנאָוו — דערשאָסן געוואָרן תשעה־באָב 1906 אין בערדיטשעוו.

געשטאַמט פון אַן אָרעמער, פּראָלעטאַרישער פאַמיליע. ווען ער איז אַלט געוואָרן 16 יאָר, איז ער אַוועק אין יעליסאַוועטגראַד. שפּעטער געקו־מען אין בערדיטשעוו, וואו ער האָט געאַרבעט אַלס שטעפּער. אין עלטער פון 17 יאָר אַריין אין דער באַוועגונג.

מיט אַ רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט, דרייסט און אַנטשלאָסן, ווערט מאָטל אַ מיטגליד פון אַ בונדישער קאַמף־דרוזשינע (ב. אָ.). בעת אין אַפּריל 1905 איז אין זשיטאָמיר פאָרגעקומען דער פּאָגראָם, איז ער צוזאַמען מיט אַ גרופּע בונדיסטן גלייך אַהין געפאָרן און זיך אויסגעצייכנט אין קאַמף קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס.

זיין דרייסטקייט און קאַמף־לוסטיקייט איז געווען אין־לשער. אין 1903 האָט מען אים אַרעסטירט אויף אַ דעמאָנסטראַציע אין בערדיטשעוו. ער האָט זיך נישט געלאָזט נעמען און פאַרוואונדעט דערביי צוויי סאָלדאַטן. ער איז דערפאַר געזעסן עטלעכע חדשים אין טורמע. אָנהויב 1905 האָט מען אים

ווידער אַרעסטירט. נאָכן אָפּהאַלטן עטלעכע חדשים אין טורמע, האָט מען אים אַרויסגעלאָזט.

זיין טויט האָט דער 20־יאָריקער מאָטל טשודנאָוווער (אַזוי האָט מען אים גערופן) געפונען בעת אַ העלדישן אַקט: אַ קאָנוואָי האָט געפירט דעם חבר הענעך ראַבינאָוויטש, וועמען ס'האָט געדראָט קאַטאָרגע אָדער גאָר טויט־שטראָף. די ב. אָ. האָט באַשלאָסן אָפּצושלאָגן דעם אַרעסטירטן. אין צענטער שטאָט, אין מיטן העלן טאָג האָבן די „באָיעוויקעס" פאַרפירט אַ שלאַכט מיט אַ גרופּע פּאָליציאַנטן און סאָלדאַטן. ס'איז טאַקע געלונגען אַרויס־צורייסן פון קאָנוואָי דעם אַרעסטירטן און אים צוריקגעבן די פריהייט, מאָטל האָט אָבער דערפאַר באַצאָלט מיט זיין יונג לעבן — ער איז געפאַלן פון אַ קויל. אַ חבר האָט אַ געשריי געטון: „הענעך צי!" הענעך האָט אָנגעהויבן צו לויפן, און עטלעכע „באָיעוויקעס" האָבן מיט אַ שיסעריי פאַרצוימט פאַרן קאָנוואָי דעם וועג. דער קאָנוואָי האָט צוריקגעשאָסן און דער מסירת־נפשדיקער מאָטל טשודנאָוווער איז געפאַלן אַ טויטער.

די פּאָליציי האָט צוגענומען דעם טויטן קערפּער און אים נישט געוואָלט אַרויסגעבן. אָפּטיילונגען פּאָליציי און מיליטער — פּיעכאָטע און דראַגונער — האָבן אַרומגערינגלט דעם בית־עולם און נישט צוגעלאָזט די פיל הונדערטער יידישע אַרבעטער, וועלכע זיינען געקומען אויסדריקן זייער צער ביים פרישן קבר און געזעגענען דעם געפאַלענעם קעמפער מיטן געזאַנג פון דער שבועה.

ב.: אינפאָרמאַציע פון וויקטאָר שולמאַן. לאַזאַר: פאָלקס־צייטונג נומ. 136, 27 אויגוסט 1906, ווילנע. (לאַזאַר איז אַ פּסעוודאָנים פון וו. שולמאַן, וועלכער איז געווען אַן עד־ראיה פון דער שיסעריי). פּעסל ראָזענפעלד: אונזער צייט, מערץ־אַפּריל 1955, ניו־יאָרק.

י. ש. ה.

●

## דר. דוד טאַרגאָוועץ

1

אין די ניינציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט האָט זיך אין מיין שטעטעלע ראַטשעוו (ראָגאַטשאָוו, וואָלינער גוב.), באַזעצט אַ יונגער יידישער דאָקטאָר — דאַוויד מאָיסייעוויטש טאַרגאָוועץ, אַ הויכער, ברייטפּלייציקער יונגערמאַן מיט אַ קאָפּ בלאָנדע, וויכע, עטוואָס געקרייזלטע האָר, בלויע אויגן, אַ קורץ־געשוירן בלאָנד בערדל און אַן אָפן פריינטלעך פנים. ער איז געקומען מיט זיין פרוי, סאָפיא קאָנסטאַנטינאָוונאַ, און דריי קליינע קינדער — אַ יינגל און צוויי מיידלעך.

דאַוויד מאָיסייעוויטש האָט געשטאַמט פון זשיטאָמיר. זיין פאָטער איז געווען אַ טאָקער. די ברידער, דאַכט מיר, אויך אין דעם פאַך. די גאַנצע משפחה איז באַשטאַנען פון שטילע, שטאָלצע יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געקליידט און אויפגעפירט, לויט דעם משכילישן מאָטאָ: אַ ייד אין שטוב און אַ מענטש אין גאַס. דאַוויד מאָיסייעוויטש איז געווען דער איינציקער צווישן

זיינע ברידער, וואָס האָט זיך גענומען צום לערנען. ער האָט אויסגעהאַלטן די עקזאַמענס אויף מאַטורע און געוואָרן אַ סטודענט.

איך בין זיך משער, אַז ער האָט זיך געגנוג אָנגעמאַטערט ביז ער האָט געענדיקט זיין קורס אין דעם קאַזאַנער אוניווערזיטעט. זיין משפחה האָט אים ווינציק־וואָס געקאָנט אַרויסהעלפן.

ווי אַזוי איז דר. טאַרגאָוועצן גאָר איינגעפאַלן צו באַזעצן זיך אין אַזאַ שטעטל, ווי ראַטשעוו? גאַנץ איינפאַך. זיין פרוי, סאָפיאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ, האָט געשטאַמט פון אַ דערבייאיק דערפל, פון הולסק, האָט די משפחה באַ־שלאָסן, אַז ראַטשעוו איז דער בעסטער פּלאַץ.

ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט — און אַלע פון שטעטל האָבן אים שוין געקענט פאַר אַ גוטן דאָקטאָר און פאַר אַ מענטשן אָן אַ גאַל, גרייט צו העלפן יעדן, וואָס האָט געדאַרפט זיין הילף. מען האָט וועגן אים דערציילט, אַז נישט בלויז נעמט ער נישט קיין געלט ביי אָרימע חולאים, נאָר ער לאָזט נאָך איבער אַ פּאָר גילדן אויף אַ רעצעפּט.

אָבער דערמיט אַליין, דאָס הייסט מיט טאָן אַ טובה אָן אָרימאַן, האָט דר. טאַרגאָוועץ זיך נישט באַגנוגנט. צוזאַמען מיט היילן חולאים האָט דער יינגער דאָקטאָר זיך אויך גענומען אויפצואוועקן ביי דער שטעטלשער יוגנט דעם פּאַרלאַנג צו בילדונג, צו וועלטלעכער בילדונג, און צו די נאַציאָנאַלע אינ־טערעסן פון יידישן פאָלק, דעם פאַרלאַנג זיך צו באַקענען מיט דער וועלט־ליטעראַטור און אויך מיט דער יידישער ליטעראַטור.

ער האָט צוערשט צוגעצויגן צו זיך די בעסערע מלמדים, די וואָס האָבן געקאָנט תנך און דיקדוק. איינעם האָט ער גענומען טאַקע פאַר זיין יינגל. מיט די דאָזיקע מלמדים האָט ער אויסגעפּלאַנעוועט צו גרינדן אַ מאָדערנעם חדר — אַ תלמוד־תורה, וואו מען זאָל לערנען העברעאיש און אויך רוסיש.

די תלמוד־תורה איז גלייך אַוועק אויף אַ לאַד. טאַרגאָוועץ איז געווען דער באַלעבאָס. ער פלעגט אָפט באַזוכן די תלמוד־תורה, זיך איינהערן ווי מען לערנט, ער פלעגט קריגן געלט צו דעקן דעם דעפיציט. לערער האָבן זיך אין ראַטשעוו גענומען מערן טאַקע אַ דאַנק דר. טאַרגאָוועץ. ס׳איז געווען אַזוי: טאַרגאָוועץ האָט געקאָנט יעדן יינגן בחור, וואָס האָט געלערנט אין בית־מדרש און געוואָרט ביז ער וועט ווערן ערגעץ אָן איידעמל אויף קעסט. אייניקע פלעגן פאָרן אין די דערבייאיקע דערפער אויף קאָנדיציעס. אַזעלכע בחורים האָט דאָקטאָר טאַרגאָוועץ צוגעצויגן צו זיך און, אונטער זיין וויר־קונג, האָבן זיי זיך גענומען ערנסט שטודירן, כדי אַנצוקומען אין אוניווער־זיטעט. אַזוי האָט ער איבערגערעדט משה נאָוואָמייסקי, וועלכער איז שפּע־טער באַקאַנט געוואָרן — פריער ווי אַ בונדיסט און שפּעטער ווי אַ קאָמו־ניסטישער שרייבער אונטער דעם נאָמען מ. אַלגין. נאָוואָמייסקי האָט דעמאָלט געהאַט געקנעלט אויף אַ קאָנדיציע אין דעם דערבייאיקן דאָרף סמאָלדעראָוו. באַקענט מיט אים האָט זיך דר. טאַרגאָוועץ, ווען מ׳האָט משהן געבראַכט אַ קראַנקן פון דער קאָנדיציע און ער איז אים געקומען היילן.

מיטאַמאָל האָט ראַטשעוו באַקומען אַ גרויסן נאָמען אין דער גאַנצער סביבה. יינגעלייט פון באַראַנאָוועקע, פאַלאַנע, און פון אַרומיקע דערפער

זיינען געקומען קיין ראַטשעוו זיך לערנען. אין יענער צייט האָט דר. טאַר־גאָוועץ, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע צאָל ביכער, געגרינדעט אַ ביב־ליאָטעק. יעדער איינער האָט געקאָנט קומען צו אים אין הויז און באָרגן ביכער. און חברה האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט. ביים דאָקטאָר האָט מען אויך געקאָנט באַקומען צייטונגען און זשורנאַלן. ס'איז פּלוצלונג ליכטיק געוואָרן אין ראַטשעוו. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון אונטערשניידן די קאַפּאָטעס, אָפּשערן די פאות, רעדן רוסיש און זינגען רוסישע און אוקראַי־נישע לידלעך אין מיטן גאַס. אייניקע האָבן אַפילו גענומען רויכערן פּאַ־פּיראָסן אום שבת... אַ האַלב שטעטל איז געוואָרן אַ ביסל אויפגעקלערט — די יוגנט האָט זיך געלערנט און געלייענט ביכער. פונדעסטוועגן האָט טאַר־גאָוועץ מיט דעם נאָך זיך נישט באַגנוגנט. ס'איז נאָך געווען אַ גאַנץ היפּשע צאָל אַרבעטער, וואָס האָבן ניט געקאָנט לייענען קיין רוסיש און אַפילו קיין יידיש. און טאַרגאָוועץ האָט באַשלאָסן אויך אָט־די אַרבעטער אַרויסצוהעלפן. און ער האָט זיך ניט באַרואיקט, ביז ער האָט ניט איינגעשטעלט קיין קלאַסן פאַר דערוואַקסענע, פאַר אַרבעטער, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו לערנען אין דער יוגנט.

אָט די אַרבעט האָט געהאָלפן צוגרייטן אַ קאַדר פון אַרבעטער, וועלכע האָבן שפּעטער אויסגעפורעמט די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין ראַטשעוו און קאַמענעבראָד.

אין 1897 האָט דוד טאַרגאָוועץ באַשלאָסן צו פאָרן קיין אויסלאַנד צו נעמען אַ קורס אין אַ געוויסן צווייג פון דער מעדיצינישער וויסנשאַפט. אין באַזעל איז דעמאָלט פאָרגעקומען דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס. און היות ער איז אין יענער צייט געווען נאַציאָנאַליסטיש געשטימט, איז ער גע־קומען צום קאָנגרעס. ווען ער איז צוריקגעקומען, איז ער געווען שטאַרק באַגייסטערט פאַרן אויפטו פונם קאָנגרעס. ער האָט דעמאָלט געגלויבט, אַז דאָס איז אַן אָנהויב, וואָס וועט פירן צו דער יידישער באַפרייאונג. טאַרגאָוועץ און די עטלעכע משכילים־ציוניסטן האָבן זיך באַמיט צו פאַרשפּרייטן דעם ציוניסטישן אידעאַל. אַזוי געדענק איך, ווי איינמאָל האָט דער דאָקטאָר צוזאַמען מיט דער גרופּע איינגעאָרדנט אין דער מאַקאַראָווער קלויז אַ ספּעציעלע פאַרזאַמלונג וועגן ציוניזם. ביי דער פאַרזאַמלונג זיינען אַרויס־געטרעטן צוויי רעדנער — דר. טאַרגאָוועץ און מיין טאַטע.ביידע האָבן אָנ־געשריבן זייערע רעדעס. דוד טאַרגאָוועץ און מיין טאַטע זיינען געקומען אין קלויז אין זייערע שבתדיקע קליידער. דר. טאַרגאָוועץ האָט זיין רעדע אָנגעהויבן אַזוי: „מיין פאָלק! מיין אָרים, אומגליקלעך פאָלק! שטיי אויף! שטיי אויף און וואַרף אַראָפּ פון זיך די קייטן!...״ מיר איז איבערגעגאַנגען אַ ציטער איבערן לייב פון אָט די ווערטער און פון דעם אופן, ווי טאַרגאָוועץ האָט זיי אַקצענטירט.

אָבער נישט לאַנג האָט טאַרגאָוועץ אָוועקגעגעבן זיין צייט צום ציוניזם. אַ שטאַרקערע באַוועגונג האָט זיך אין יענע יאָרן צעפלאַקערט אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון וואָלין. איך מיין דאָ די אַרבעטער־באַוועגונג, אָנ־געפירט פון יידישן אַרבעטער־בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד. געקומען

צו אונז קיין ראַטשעוו איז די דאָזיקע באַוועגונג פריער דורך אַ צופאַל און שפּעטער — דירעקט פון בונד.

די ערשטע ידיעות וועגן בונד האָט צו אונז געבראַכט דער סטודענט פון קיעווער אוניווערזיטעט אַנשעלעס. ער איז געווען דער איידעם פון אונזער גביר יאַנקעלע וואלאווניק, אייגנטימער פון דער פּאַפּיראָס־פּאַפּיר־פאַבריק. פלעגט ער אָפּט קומען קיין ראַטשעוו צו גאַסט. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זיך באַקענט מיט טאַרגאָוועצן און מיט משה נאָוואָמייסקי און מיט אייניקע פון זיינע תלמידים. און אַנשעלעס פלעגט זייער אָפּט קומען צו טאַרגאָוועצן אין הויז, וואו מען פלעגט זיך צוזאַמענקלייבן און דיסקוטירן ביז האַלבער נאַכט וועגן סאָציאַליזם, ציוניזם, מאַרקסיזם און רעוואָלוציע. דאָס האָט ער, אַנשעלעס, שפּעטער אַריינגעפירט משה נאָוואָמייסקין אין בונד, ווען משה איז געקומען זיך לערנען קיין קיעוו אין אוניווערזיטעט. דעמאָלט האָט די אינ־טעליגענץ פון שטעטל מיט דר. טאַרגאָוועץ בראש אָנגעהויבן צולייגן אַן אויער אויך צו דער אומלעגאַלער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ממשותדיקע אַרבעט פאַרן בונד האָט ערשטע אָנגעהויבן גרשון רב־רבי מיט דער הילף פון טאַרגאָוועצן. רב־רבי איז געווען אַ פּאָלאָנאיער יינגערמאַן, וואָס האָט פאַרבראַכט עטלעכע יאָר אין זשיטאָמיר אַלס עקסטערן. ווען ער איז שוין גרייט געווען זיך עקזאַמינירן אויף מאַטורע, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער זשיטאָמירער אָרגאַניזאַציע פון בונד, און מער נישט געוואָלט שטודירן.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך איינגעאָרדנט אַלס לערער, האָט ער אָרגאַניזירט אַ קרייזל, מיט וועלכן ער האָט אָנגעהויבן צו לערנען פּאָליטישע עקאָנאָמיע און דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט. מיטגלידער פון אָט־דעם קרייזל זיינען געווען: גאָלדע גאָכשטיין (אַ שוועגערין פון דר. טאַרגאָוועץ), מענדל גלע־זער, עליק שטיינבוק און זיין ברודער יודל, אסתר בערגאל, ברײנדל זאזולי און דער שרייבער פון די שורות. אָבער אַחוץ אָט דער אַרבעט, האָט רב־רבי גענומען זוכן מיטלען, ווי צו אָרגאַניזירן די קאָמענעבראָדער אַרבעטער פון דער פאַיאַנס־פאַבריק.

זומער האָט די וועלט זיך געעפנט פאַר אונז: מיר האָבן גענומען גיין קיין קאָמענעבראָד. מיר זיינען נישט אַריין אין שטעטל. די קאָמענעבראָדער אַרבעטער זיינען אונז אַרויס אַנטקעגן און מיר האָבן זיך באַגעגנט אַ פּאָר וויאָרסט פון קאָמענעבראָד. דער רעדנער איז געווען גרשון רב־רבי. די עטלעכע אַרבעטער האָבן וואָס אַמאָל געבראַכט מער צוהערער, ביז מיר האָבן שוין איינמאָל צוזאַמענגעברענגט אַ פּאָר הונדערט אַרבעטער. אָבער קיין זאַך איז ניט געטון געוואָרן אָן דעם וויסן פון טאַרגאָוועצן.

מיר פלעגן זיך באַגעגענען שטיל, און זיך אויסזעצן אויף דעם סאַמעט־ווייכן גרינעם גראָז. ווען דער לעצטער קאָמענעבראָדער אַרבעטער איז צו־געקומען, האָבן מיר צוגערופן דעם פּאַטרול אונזערן, זיך צוזאַמענגערוקט און רב־רבי האָט אָנגעהויבן ריידן. דער שטילער גערויש פון די ביימער, די פינקלענדיקע שטערן און דאָס ווייכע קול פונם רעדנער האָבן זיך צוזאַ־מענגעמישט מיט דעם אָטעמען פון עולם און אונז אַלעמען אַוועקגעטראָגן

ערגעץ אין אַן אַנדער וועלט — אַ וועלט פון פרייהייט און גלייכהייט. ווען רב־רבי האָט געענדיקט, האָבן די אַרבעטער גענומען אויסשרייען די לאָזונגען, וואָס מען פלעגט דעמאָלט אויסרופן. דער וואַלד איז פאַרהילכט געוואָרן. עס האָט זיך געדוכט, אַז דער גאַנצער וואַלד שרייט... צעגאַנגען זיינען מיר זיך מיט לידער.

לסוף האָט מען אָרגאַניזירט אַ שטרייק פון קאַמענעבראַדער אַרבעטער. אָנצופירן דעם שטרייק האָט דער זשיטאָמירער קאָמיטעט פון בונד געשיקט אַ זייער דערפאַרענעם מענטשן — כאַסקל ליכטמאַכער. דאָס איז געווען אַן אַלטער חבר, וועלכער איז פריער געהאַט געזעסן אין מאָסקווער טורמע זעקס יאָר. ווען דער שטרייק איז אויסגעבראָכן האָט מען אַרעסטירט די אָנפירער — עטלעכע קאַמענעבראַדער אַרבעטער. אויך דר. טאַרגאָוועץ איז אַרעסטירט געוואָרן. מען האָט זיי אָפּגעהאַלטן אַ קורצע צייט אין דער זוויהילער גרויסער טורמע און מען האָט זיי אַרויסגעלאָזט. שפּעטער האָט מען אַרעסטירט ביי אונז אין שטוב כאַסקל ליכטמאַכער און מען האָט אים אָפּ־געפירט אין זוויהילער טורמע.

אַ געווויסע צייט שפּעטער האָט דר. דוד טאַרגאָוועץ פאַרלאָזט ראַטשעוו און זיך באַזעצט אין זוויהיל, וואו ער איז ווייטער געווען טעטיק אין דער בונדישער באַוועגונג.

הערש ראָזענפעלד

2

ער איז פון די איינציקע, זעלטענע יחידים, וועלכע זיינען אַריינגעטרעטן אין בונד שוין נישט אין די יינגע יאָרן, נאָר אין סאָלידן עלטער, באַלאָדן מיט איינגעפונדעוועטע השגות און געוואוינהייטן. אַ לענגערע צייט האָט ער פּראַקטיצירט אין זוויהיל (נאָוואָגראַד־וואָלינסק) אַלס דאָקטאָר. לויט זיינע איי־בערצייגונגען איז ער געווען אַ משכיל פון אַלטן שניט, מיט אַ שטאַרקער נייגונג צום ציוניזם. ער איז געווען גבאי אין דער דאָרטיקער תלמוד־תורה, האָט זיך אינטענסיוו באַשעפטיקט מיט דער לעבלעכער, באַלעבאַטי־שער פילאַנטראָפּיע, האָט געהאָלפן די דאָרטיקע ישיבה־בחורים זיך אַרויס־רייסן פון בית־מדרש און ווערן „עקסטערנע" און איז געווען שטאַרק באַ־ליבט ביי דער גאַנצער אָרעמער באַפעלקערונג.

ס'זיינען אָבער אָנגעקומען די יאָרן 1903־5 און האָבן איבערגעקערט מיטן וואָרצל די שטילע, געמיטלעכע וועלט פון דעם קליין־שטעטלשן, פי־לאַנטראָפּישן דאָקטאָר. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך דערטראָגן אויך אין דעם קליינעם וואָלינער שטעטל. טאַרגאָוועץ האָט זיך באַקאַנט מיט די אידייען און פּראָגראַם פון די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער און איז געוואָרן אַן איבערצייגטער, הייסער בונדיסט.

באַגנוגענען זיך מיט דער ראָל פון אַ „מיטפילער", אַ „סימפּאַטיקער", ווי ס'האָבן דאָס געטאָן אַ סך אַנדערע זיינס גלייכן, האָט ער נישט געוואָלט

און נישט געקאַנט. דערצו האָט ער פאַרמאָגט אַ צו אַקטיווע, טעטיקע נאַטור. טאַרגאָווע האָט באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין דער פּאַרטיי און דאָרטן ווערן אַן אַרבעטנדיקער, אַקטיווער מיטגליד.

נישט אַזוי לייכט איז עס אים אָנגעקומען צו טאָן. ער האָט באַדאַרפט ברעכן מיטן גאַנצן זאַטן, רואיקן לעבן פון אַ גוט־איינגעאָרדנטן דאָקטאָר מיט אַ גרויסער פּראַקטיק און אויסשטעלן זיך אויף אַלערליי עווענטואַליטעטן, אויף פּאָליציי־רעוויזיעס און אַרעסטן, און זיין פרוי און קינדער, וואָס זיינען געווען צוגעוואוינט צו קאָמפאָרט און לוקסוס — אויף מעגלעכע דחקות און נויט.

דאַוויד מאָיסייעוויטש האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר דער דאָזיקער מעגלעכקייט. ער האָט זיך דעצידירט און קיין שום מניעה האָט אים נישט געקאָנט אָפּהאַלטן דורכצופירן זיין באַשלוס. ער פאַרלאָזט זוויהיל מיט דער רייכער פּראַקטיק און פאָרט אַריבער קיין זשיטאָמיר. אמת, אויך דאָרטן איז ד״ר טאַרגאָווע געוואָרן גיך באַקאַנט און שטאַרק פּאָפּולער. זיין מער ווי באַשיידענע וואוינונג אויף סאַדאָווע איז שטענדיק געווען געפּאַקט מיט פּאַציענטן. אָבער דאָס זיינען אַלץ געווען אומזיסטע געסט, אָרעמע פרויען און אַרבעטער־באַזוכער, צו וועמען ס׳איז גיך דערגאַנגען דער שם פון דעם גוטן, אומזיסטן דאָקטאָר.

צו יענער צייט האָב איך זיך באַקאַנט מיט טאַרגאָווען. אַ סאָלידע, הויכוויקסיקע פיגור, מיט אַ ברייטער בלאָנדער באָרד, מיט טיפע, בלויע אויגן, פון וועלכע ס׳האָט אַרויסגעקוקט אַ שמייכלדיקע גוטמוטיקייט. אין זיין גאַנצער אויסערלעכקייט איז גאָר נישט געווען קיין שום ענלעכקייט צום געוויינלעכן אויסזען פון אונזער איינעם. אַ טיפּישער באַלעבאַטישער אינטע־ליגענט. מען האָט אָבער נישט געדאַרפט האָבן קיין סך צייט, כדי זיך צו איבערצייגן וואָס פאַר אַ זעלטענע, קרישטאָל־ריינע נאַטור דער דאָזיקער „באַ־לעבאַטישער" דאָקטאָר פאַרמאָגט אין זיך. דאָס איז געווען די גוטסקייט אַליין. נישט יענע גוטסקייט, וואָס שטאַמט פון נאַאיווער אומבאַקאַנטשאַפט מיט דעם האַרטן לעבן און אַכזריות פון די סאָציאַלע אומשטענדן — ד״ר טאַר־גאָווע איז געווען אַן עכטער הומאַניסט, אַ הומאַניסט פון סאָציאַליסטישן שניט. די סאָציאַליסטישע וועלט־אַנשויאונג האָט נישט געשטערט זיינע אָר־גאַנישע נייגונגען צו אָפּטימיזם און זיין איינגעבוירענע גוטמוטיקייט צו מענטשן. אדרבא, די „ליבע צום ווייטן", וואָס איז דער מהות פון סאָציאַליזם, האָט אַרויסגעלויכטן פון זיין נשמה צו יעדן נאָנטן, צו יעדן ליידנדיקן, צו יעדן נויטבאַדערפטיקן. ער איז געווען אַ פּראָטאָטיפּ פון צוקונפטיקן נאָרמאַלן מענטשן אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, וועלכער וועט נישט זיין פאַרביטערט און פאַרהאַרטעוועט פון דעם שווערן קלאַסן־קאַמף פון אונזער צייט.

צוליב זיינע אייגנשאַפטן האָט טאַרגאָווע גענאָסן די אַכטונג פון אַלע, וועלכע האָבן אים געקאַנט, אַפילו מצד די פאַרביסענע קעגנער און פיינט.

באַזונדערס באַליבט איז ער אָבער געווען ביי די אומפּאַרמעגלעכע, אָרעמע מאַסן, וועלכע פלעגן זיך מיט אים טרעפן אַלס דאָקטאָר...

מיר האָבן אַרויסגעשטעלט די קאַנדידאַטור פון ד״ר טאַרגאָוועץ אַלס וואַל־מאַן אין זשיטאָמיר...

אין די אומפּאַרמעגלעכע הייזער, וועלכע איך און די איבעריקע חברים פלעגן באַזוכן בעת דער „הויז־אַגיטאַציע״, פלעגן מיר זיך אָנטרעפן מיט וואָרעמע, דאַנקבאַרע ליבע־געפילן צו טאַרגאָוועצן, פלעגן זיך אָנהערן זייער פיל רירנדיקע מעשיות וועגן אים און זיין גוטסקייט, וועלכע פלעגן זיין פאַר אונז אַליין אַ נייעס און האָבן פאַר אונז אַלץ מער אַנטפּלעקט די פּאַר־באָרגענע, באַשיידענע און סובטעלע נאַטור פון דעם דאָקטאָר־הומאַניסט.

קיין גרויס נחת האָט אים זיין קאַנדידאַטור נישט פאַרשאַפט. אַליין פלעגט טאַרגאָוועץ וועגן דעם קיינמאָל נישט ריידן. ער פלעגט לייכטן, ווי געוויינלעך, מיט זיין שטראַלנדיקן פּנים און שמייכלען מיט זיינע בלויע אויגן, באַהאָנגען מיט זיידענע ברעמען. אָבער זיין פרוי און קינדער פלעגן אָפט זיך נישט קאָנען איינהאַלטן און פלעגן אויסריידן דאָס האַרץ. קעגן טאַרגאָוועצן איז אין דער יידישער „פּאַרנעמער״ געזעלשאַפט איינגעשטעלט געוואָרן אַ שטילער, נישט־אָפיציעלער באָיקאָט. די אינטעליגענטן, וואָס פלעגן נאָך ביז־איצט אונטערהאַלטן מיט אים באַציאונגען, האָבן נאָך אַזאַ „אָפענעם סקאַנ־דאַל״ איבערגעריסן מיט אים קענטשאַפט, מען האָט כמעט אויפגעהערט אויפ־צונעמען זיינע נאָנטע „אין דער געזעלשאַפט״. דער דאָזיקער „ברוגז״ האָט פאַרשאַפט נישט ווייניק ווייטאָג דער פאַמיליע, וועלכע האָט נישט געקאָנט זיך דערהויבן צו דער הויך, אויף וועלכער ער איז געשטאַנען. בפרט, ווען זיין אומזיסטע פּראַקטיק האָט זיך אַפילו פאַרגרעסערט, אָבער דערפאַר זיינען אַלץ קלענער געוואָרן די באַצאָלטע וויזיטן און אין שטוב האָבן זיך אָנ־געהויבן שפּירן אַלץ אָפטער דחקות און מאַנגל.

מיטן בונדישן קאַנדידאַט האָט זיך אויך פאַראינטערעסירט די אָרטיקע פּאָליציי. ס׳איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ שפּיאָנאַזש אַרום זיין וואוינונג, מען איז געקומען צו אים מיט רעוויזיעס אויך. דאָס אַלץ האָט אָבער נישט געווירקט אויף דעם גייסטיקן צושטאַנד פון אונזער קאַנדידאַט. אדרבא, ער איז געוואָרן וואָס מער אַקטיווער אין דער אַרבעט, ער האָט אָנגעהויבן אָפטער צו באַזוכן די אומלעגאַלע פּאַרטיי־אינסטיטוציעס און באַטייליקן זיך אין אַר־בעטער־פאַרזאַמלונגען. טאַרגאָוועץ האָט ביי אונז קאַנדידירט צוויי מאָל, צו דער צווייטער און דריטער דומע, און בײדע מאָל האָט אים אויסגעפעלט אַ קליינע צאָל שטימען, כדי ער זאָל קאָנען דערגיין אַלס וואַל־מאַן.

צום באַדויערן איז טאַרגאָוועץ נישט אויף לאַנג נאָך פאַרבליבן אין דער פּאַרטיי. דער גרויזאַמער טויט האָט אים אין יאָר 1909 אָדער 1910 אַרויסגעריסן פון אונזערע רייען. ער האָט זיך צו יענער צייט אָנגעשטעקט ביי אַ פּאַציענט מיט טיפוס און איז אַזוי אומגעריכט שטיל אַוועק פון אונז, ווי שטיל און באַשיידן ער איז געקומען צו די יידישע אַרבעטער.

ב. מיכאַלעוויטש

# ברוך מרדכי כהן (ווירגילי)

אויגוסט 1905. טשענסטאָכאָווי. חברים פון בונדישן קאָמיטעט זיצן אין אַ קליין צימערל און לייענען צוזאַמען דעם פּריש־אַנגעקומענעם נומער (14, פון 25 יולי) פון די לעצטע פּאַסירונגען — אָרגאַן פונם אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד. איינער לייענט אין דער הויך,



די אַנדערע הערן זיך צו. די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע שטייגן, עס ברויזט אין גאַנצן לאַנד. די קאָנטער־רע־וואָלוציע וויל מיט פּאָגראָמען און טע־ראָר איינלעשן דעם רעוואָלוציאָנערן פלאַקער... און אָט קומט דער חבר צום סאַמע סוף פונם נומער די לעצטע פּאַסירונגען: אַ נעקראָלאָג איבער אַ געפאַלענעם בונדיסט־רעוואָלוציאָנער... דער חבר לייענט:

„מרדכי כהן איז זייער אַ יינגער צו־געשטאַנען צו דער יידישער פּראָלע־טאַרישער באַוועגונג. אַ געבוירענער רעוואָלוציאָנער, אַ מענטש מיט אַ היציקן טעמפּעראַמענט און אַ שאַרפן שכל, איז ער שוין צו 18 יאָר געוואָרן אַ טיכ־טיקער מיטגליד פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין האָמעל... דערנאָך אין פּינסק, באָברויסק, מאָהילעוו. צוליב זיין איבערגעגעבנקייט, דרייסטקייט און מסירת־נפש פלעגט ער באַקומען חן אין אַלעמענס אויגן און אומעטום האָבן אים ליב געהאַט ווי זיינע נאָענטע חברים אַזוי אויך פיל פון די ברייטע אַרבעטער־מאַסן. קיין מער אָדער ווייניקער וויכטיקע פאַרזאַמלונג, קיין געפערלעכע אונטערנעמונג פלעגט זיך נישט באַגיין אָן דעם אָנטייל פון מאָטקען אָדער ווירגילין, ווי מען פלעגט אים געווינלעך רופן... אין סוף פון פאַריקן זומער האָט ער זיך צוריק אומגעקערט (פון זשענעווע, וואו ער האָט פאַרבראַכט אַ געוויסע צייט) אין רוסלאַנד, און אַזוי ווי מען האָט אים אָפּגעגעבן אין סאָלדאַטן, האָט ער געלעבט אַלס אַן אומלעגאַלער. עטלעכע חדשים האָט ער טיכטיק געאַרבעט אין זשיטאָמירער אָרגאַניזאַציע פון בונד און בעתן פּאָגראָם איז ער געווען דער הויפּט־פירער פון דער בונדישער זעלבסט־שוץ. מען האָט אים נאָר לייכט פאַרוואונדעט און ער איז באַלד נאָך דעם אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע און פון דאָרטן קיין לאָדזש, וואו ער האָט געפונען דעם העלדישן טויט צווישן די רייען פון דעם אויפגעשטאַנענעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. דאָס יינגע פרעכטיקע לעבן האָט זיך איבערגעריסן. נאָר דער אָנדענק פון דעם טייערן חבר וועט אייביק לעבן אין די הערצער פון די יידישע פּראָלעטאַריער, רופנדיק צו נקמה און קאַמף. ש׳."

פאַרענדיקט דאָס לייענען, האָט דער חבר אַ טיפן זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— אַ וויכטיקער מענטש האָט געמוזט זיין אָט דער כהן...

אַ צווייטער חבר רופט זיך אָפּ:

— יאָ... אויב די לעצטע פּאַסירונגען שרייבן אַזוי וועגן אים, איז דאָס מסתמא אמת...

דער וואָס האָט געזאָגט די לעצטע ווערטער, איז טאַקע געווען נישט קיין אַנדערער, ווי ח׳ ווירגילי אַליין... די ידיעה וועגן זיין טויט אויף די באַריקאַדן פון לאָדזש האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש...

ערשט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק האָט ווירגילי, אין אַפּריל־מאַי 1905, אַריינגעשריבן זיין נאָמען אין דער געשיכטע פון בונד אין זשיטאָמיר. ער האָט דאָ געהייסן רפאל, מיכאל. דאָ האָט ער אָרגאַניזירט אויף אַ ברייטן פאַרנעם די בונדישע זעלבסטשוץ. ער האָט אין איר אַריינגעצויגן אַפילו רוסישע אַרבעטער און סטודענטן (איינער פון זיי ניקאָליי בלינאָוו איז טאַקע געפאַלן אַ קרבן בעתן פּאָגראָם). די אָרטיקע רוסישע צייטונג וואָלין האָט עטלעכע טעג נאָכן פּאָגראָם געשריבן: „די זעלבסטשוץ אונטער דער קאָמאַנדע פון אַ הויכן שלאַנקן, בלאָנדן נאַטשאַלניק אַטריאַדאַ (אָנפירער פון דער קאַמפּס־גרופּע) האָט זיך געשלאָגן העלדיש, מיט כבוד און געהאַרכזאַם צו זייער אָנפירער, וואָס זעט אויס ווי אַן אמתער בכבודיקער ריטער״...

אָט דער ריטער — דאָס איז טאַקע געווען אונזער חבר ווירגילי.

באַלד נאָכן פּאָגראָם מוז ער פאַרלאָזן זשיטאָמיר: פּאָליציי און זשאַנדאַרמען זוכן אים. און ווירגילי לאָזט זיך אַוועק אויף אַ צווייטן קאַמף־פראָנט — קיין לאָדזש. ער קומט אָן אַהין דעם 22סטן יוני, אין סאַמע ברען פון די דאָרטיקע רעוואָלוציאָנערע קאַמפן פון דער אַרבעטערשאַפט. אויף דער וואָסקאָדניע גאַס, וואו עס איז געווען די בונדישע בירזשע, האָבן יידישע אַרבעטער אויפגעשטעלט באַריקאַדן. ווירגילי שטעלט זיך תיכף בראש פון די באַריקאַדן־קאַמפן, און ער ווערט הפנים פאַרוואונדעט. נאָכן דורכפאַל פון די קאַמפן, ווערט ער אויף אַ צייט פאַרשוואונדן. דער ראַיאָן־קאָמיטעט פון בונד אין פּוילן, פון וועלכן ווירגילי איז געווען אַ מיטגליד, פאַרלירט מיט אים דעם קאָנטאַקט. עס פאַרשפּרייט זיך אַ קלאַנג, אַז ווירגילי איז אומגעקומען אין די קאַמפן. דער וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד באַשטימט אַפילו אַ באַלוינונג פאַר דעם, וואָס וועט אויסגעפינען ווירגיליס קערפּער... אַ נאָענטער פריינט (מאַקס גאַרבער, שלמה) שרייבט אָן דעם אויבנגעבראַכטן נעקראָלאָג... דער זעלבער נעקראָלאָג איז אויך אָפּגעדרוקט אין דער רוסישער אויסגאַבע פון בונד — פּאָסלעדניאַ איזוועסטיאַ... אָבער פאַר דער צייט ווערט ווירגילי מגולגל קיין טשענסטאָכאָוו — און דאָ איז אים באַשערט צו הערן וואָס דער בונד טראַכט וועגן אים, וועגן זיין כאַראַקטער און טעטיקייט...

אַ פאַנטאַסטישע באַלוינונג פאַר אַ רעוואָלוציאָנער־אידעאַליסט...

***

די באַשריבענע מאָמענטן פון דער ביאָגראַפיע פון ח׳ ווירגילי — זיינען

ניט געווען קיין צופעליקייטן. זיי זיינען געווען היובפונקטן אויף דער ליניע פון זיין גאַנצן באַוואוסטזיניקן לעבן און פון זיינע בונדישע טעטיקייטן.

געבוירן דעם 5טן אויגוסט 1883 אין מאָהילעוו ביים דניעפּר, אין דער משפּחה פון אַ חסיד און פאַרמעגלעכן סוחר־פּאָדריאַדטשיק, יצחק כהן, (אַ ברודער פון באַקאַנטן העברעאישן שרייבער מרדכי בן הלל הכהן), האָט חבר ווירגילי — ברוך מרדכי — גאָר פרי אָנגעהויבן פירן אַ זעלבשטענדיק לעבן און אַליין צייכענען זיין אייגענעם וועג. ער האָט געלערנט אין די באַרימטע ישיבות אין בריסק (דערביי געווען איינגעאָרדנט ביי ר׳ חיים סאָלאָווייטשיקן אין הויז) און אין וואָלאָזשין, און אַרויסגעוויזן גאונישע פעאיקייטן. ווען ער רייסט זיך שפּעטער אַרויס אין דער נייער סביבה, נעמט ער מיט פון דער אַלטער היים אַ סך פּיקחות, מאָראַלישע שטרענגקייט און ריינקייט. נאָך אַ פּאָר יאָר, גאָר אַ יינגער בחור, גיט ער זיך איבער דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און דעם בונד, צום אָנהויב אין האָמעל, וואו ער רעדאַגירט צוזאַמען מיט וויקטאָר שולמאַן און י. ח. ברענער די אומלעגאַלע שריפט דער קאַמפּף, און שפּעטער אין אַנדערע שטעט. אין 1902 איז ער שוין אַ פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער, ער פאַרנעמט זיך אויסשליסלעך מיט פּאַרטיי־אַרבעט. מער ווי אַ יאָר פאַרברענגט ער אין פּינסק ווי דער שליח פון בונד. אָבער מאַטקע איז דאָ ניט דער „אינטעליגענט" וואָס איז דעלעגירט צו די ברידער אַרבעטער, ער טרעט דאָ אַליין אַריין אין אַ פאַבריק און אַרבעט ווי אַ געוויינלעכער אַרבעטער. די סאַלקע, וואו מאַטקע און אפרים אשפּיז וואוינען, ווערט דער נערוו פון דער אָרטיקער באַוועגונג. מאַטקע „פירט" ניט קיין אַרבעט, ער „פירט" ניט קיין שטרייקן, — ער איז מיט דער אַרבעטערשאַפט, אין איר, ער לעבט מיט איר צוזאַמען און קעמפט מיט איר צוזאַמען. אין 1903 טרעפן מיר אים שוין אין נאָוואָזיבקאָוו: דאָ איז געווען אַ געהיימע דרוקעריי וואָס אויסגעהאַלטן האָט איר טאַקע ווירגיליס עלטערער ברודער יעקב, אַ פאַרמעגלעכער וואַלד־סוחר און אַ געטרייער פריינט פון בונד. מאַטקע פירט פון האָמעל קיין בריאַנסק און סמאָלענסק קערב מיט רוסישער אומלעגאַלער ליטעראַטור. די דאָזיקע מיסיע רופט ביי אים אַרויס אומבאַשרייבלעכע פרייד און באַגייסטערונג. סוף־כל־סוף פאַלט ער דאָ אַריין, ער ווערט אַרעסטירט, און נאָר אַדאַנק זיין העלדישקייט גיט זיך אים איין צו אַנטלויפן נאָך דעם ווי ער האָט צעשלאָגן די זשאַנדאַרמען...

ער קומט קיין זשענעוו. ער לערנט דאָ אַ סך. ער באַקענט זיך פּערזענלעך מיט די סאָציאַליסטישע פירער, און דער עיקר מיט די בונדישע טוערס. אַן ערך אַ יאָר צייט פאַרברענגט מאַטקע אין זשענעוו, און ער קערט זיך אום צוריק קיין רוסלאַנד, צוריק אויף די בונדישע פּאָזיציעס. פון דעמאָלט אָן איז מאַטקעס לעבן געווידמעט אינגאַנצן דעם בונד. מאַטקע וואָס האָט אָקאָרשט איז האָמעל געמאַכט זיינע ערשטע שריט אויף בונדישע סכאָדקעס אין ראָי און אויף מאַסאָוועקעס אין וואַלד, ווערט איצט באַקאַנט אונטערן נאָמען ווירגילי. מיט דעם נאָמען האָט אים געזאַלבט מ. גינצבורג, און ווי יענער אַליין דערציילט — האָט אים מאַטקע דערביי געפרעגט: „נו, און וועט דאָס ניט אויסזען בעל־גאווהדיק" צו טראָגן דעם נאָמען פונם

גרויסן רוימישן פּאָעט? אָבער דער עלטערער בונדיסט מ. גינצבורג האָט גוט אָפּגעשאַצט די אייגנשאַפטן פונם יינגן מאַטקע און איז באַשטאַנען אויף זיינס: ער האָט אים פייערלעך געקרוינט מיטן נאָמען ווירגילי. דער דאָזיקער פּאָעטישער נאָמען האָט זיך טאַקע גוט צוגעפּאַסט צו ווירגיליס ווייטערדיקן לעבן, וואָס איז געווען פול מיט הערּאָיק און ראָמאַנטיק, מיט אומבאַגרע־נעצטן אידעאַליזם און פּערזענלעכן צויבער.

8 יאָר איז ווירגילי געווען אומלעגאַל. ער לעבט אויף אַ פאַלשן פּאַס אונטערן נאָמען שוסטערמאַן, אַ געוויסע צייט אויך אויפן נאָמען פון בן ציון גאָלאָד, ער איז אין רשות פונם צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד. ווירגילי טראָגט זיך איבער די בונדישע שטעט — באָברויסק, סמאָרגאָן, קאָוונע, וויל־נע, וואַרשע...

אין אינטימער חברשאַפט איז ווירגילי פאַרקנופּט מיט נאָך צוויי חברים: נאַכקע יאָכוויד („פּאָליצמייסטער״) און אפרים אַשפּיז. באַלד ביים באַגינען פון זייער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט האָבן זיי געשלאָסן זייער ברודערשאַפט מיט אַ פייערלעכער צערעמאָניע: זיי האָבן געמאַכט אַ וואונד אויף דער האַנט און אַלע דריי האָבן מיט זייער בלוט געחתמעט זייער ברי־דערלעכן בונד, זייער פּערזענלעכן בונד און זייער בונדישן בונד. אַלע דריי אמתע קינדער פון פאָלק — איז זייער אָרט נאַטירלעך געווען אין בונד. דאָס סאָציאַלע און דאָס נאַציאָנאַלע האָט זיך אין זייער איינשטעלונג האַר־מאָניש צונויפגעגאָסן. מאַטקע־ווירגילי איז שוין אויף זיין גאַנץ לעבן גע־בליבן אַ בונדיסט, אויף זיין גאַנץ לעבן — אַ קעמפער פאַר גערעכטיקייט, אַ טיף־גלויביקער און פעלזן־פעסטער ייִדישער סאָציאַליסט.

***

אויגוסט 1906 — ווירגילי איז אַ דעלעגאַט אויפן 7טן צוזאַמענפאָר פון בונד אין לעמבערג. אין 1907 — זעען מיר אים ווי אַ דעלעגאַט אויפן באַ־קאַנטן לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָצ.־דעמ. אַרבעטער־פּאַרטיי. ווירגילי געפינט אויך צייט צו שרייבן אין די בונדישע אָרגאַנען — דער וועקער, פאָלקס־צייטונג, האָפנונג. פאַר די יאָרן 7־1906 קענען מיר דאָ אָנצײלן זיינע העכער 20 אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענציעס. ער באַ־רירט אַלע פּראָבלעמען, וואָס ווערן דיסקוטירט אין דער בונדישער מחנה.

זייער אַ שיין קאַפּיטל אין ווירגיליס ביאָגראַפיע פון יענעם פעריאָד איז זיין אָנפירונג מיטן שטרייק פון 2 טויזנט זאָקנמאַכערינס אין ווילנע, אין יאָר 1908. מיט גרופּעס שטרייקנדיקע אַרבעטערינס איז ווירגילי גע־גאַנגען אויף ניעמטשינער טראַקט, הינטער ווילנע, און פאַרהאַלטן די פורן, וואָס האָבן געפירט אויסגעאַרבעטע זאָקן פון דער פּראָווינץ; די זאָקן האָט מען אָפּגעפירט אין די באַהאַלטענע לאַגערס פונם שטרייק־קאָמיטעט. ווירגילי איז דאָ געווען ניט בלויז אָרגאַניזאַטאָר און אַגיטאַטאָר פון לאַנג־דויערנדיקן און פאַרביטערטן שטרייק, נאָר ער אַליין פירט דורך אַלע שוואַר־צע אַרבעטן, שטעלט זיך אויף די געפערלעכסטע פּאָזיציעס. ער איז די נשמה

פונם שטרייק־קאָמיטעט. דער שטרייק ציט זיך אַ לענגערע צייט און פאַרענדיקט זיך מיט אַ נצחון. זיין גאַנצן כוח, זיין גאַנצע פייערדיקע נשמה האָט ווירגילי אַריינגעלייגט אין דעם שטרייק. ער האָט געשאַפן די געלט־מיטלען פאַרן שטרייק, ער איז טאָג־טעגלעך געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיטן צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד (צו יענער צייט — אין מינסק), ווי אויך מיטן אויסלענדישן קאָמיטעט, און דער לעצטער האָט טאַקע געשאַפן אַן ערך 500 דאָלאַר פאַר די שטרייקנדיקע. ווירגילי איז אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד און דורכגעפירט געלט־זאַמלונגען. אין יענער פינצטערער צייט פון רעאַקציע איז אַט דער שטרייק געווען, ווי עס שרייבט פראַנץ קורסקי, „אַן אָפּקלאַנג פון די מעכטיקע קאַמפן פון די שטורעם־יאָרן (1905) און אַן אָנזאָג אויף קומענדיקע שטורעמס, וואָס גרייטן זיך אין דער שטיל". פאַרן נצחון פונם שטרייק האָבן די זאָקנמאַכערינס געהאַט צו פאַרדאַנקען דער אומגעהויערער ענערגיע פון ווירגילין. זיי האָבן טאַקע געפילט צו אים אויפריכטיקע ליבע, פונקט ווי די פאַבריקאַנטן האָבן געפילט מורא און דרך־ארץ פאַר אָט דעם יינגן מענטשן מיט דער פלאַמיקער באָרד און אין פויערישע שטיוול, פון וועלכן עס האָט ממש אַרויסגעשטראַלט אידעאַליזם און מסירת־נפש... אייניקע מיטגלידערינס פונם שטרייק־קאָמיטעט זיינען אַרעסטירט געוואָרן. ווירגילי איז געקומען אונטער די פענצטער פון אַרעסט־הויז און אַריינגעזונגען פערזן פון אַרבעטער־לידער צו מוטיקן און מונטערן די, וואָס זיינען געזעסן פאַרשפאַרט צווישן די ווענט פון געפענגעניש.

***

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג מאַכט דורך אַ שווערע צייט. די בונדישע מחנה איז דעזאָרגאַניזירט, די אָרגאַניזאַציעס פון בונד אין רוב שטעט — צעבראָכן. אַ סך אינטעליגענץ איז אַוועק אין פּערזענלעכן לעבן, אין יאָגעניש נאָך קאַריערע. אַ סך אַרבעטער זיינען אַוועק קיין אַמעריקע. אַ שפּאָר ביסל האָבן געביטן זייער אידייאישע איינשטעלונג. די טריאומפירנדיקע צאַרישע מאַכט האָט צענטליקער טויזנט אַריינגעוואָרפן אין די תפיסות און פאַרשיקט אין סיביר. דער אימפּולסיווער ווירגילי קאָן דאָס נישט אַריבערטראָגן, ער קאָן ניט באַנעמען — וואָס איז דאָ געשען? זיין אומגעהויערע ענערגיע האָט מער ניט קיין אָנווענדונג. ער אַרבעט אַ געווויסע צייט ווי אַ געשעפטס־פירער אין דעם דעמאָקראַטישן זשורנאַל יעהודעיסקי מיר; ער אַרבעט אַ פּאָר יאָר ווי אַן אָנגעשטעלטער אין דער געזעלשאַפט פאַר קעגנזייטיקן קרעדיט אין גרויס־ווילקיע. אָבער זיין גייסט איז געבראָכן, געפינט נישט קיין רו. ער פאַלט אַריין אין אַ מרה שחורה, ער איז פסיכיש געדריקט. עס איז אַ טיפער אינערלעכער קריזיס. ער איז אַריין אין אַ רעליגיעזער שטימונג — עס רופן זיך אָפּ די געוואוינהייטן און טראַדיציעס פון די קינדער־יאָרן. ער ווערט פרום, ער זיצט אין ישיבה און לערנט, ער קומט שבת אין בית־מדרש... ער גייט אַרבעטן אין אַ גאַרבעריי (סמאָרגאָן), ווי אַ שוואַרץ־אַרבעטער. ווען דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד זוכט ווידער

פּאַסיקע מענטשן צום שיקן אויף אַרבעט, קען ער זיך נישט באַשליסן צו אַנגאַזשירן ווירגילין, ער איז איצט נישט זיכער מיט אים — מיט זיינע שטי־מונגען, איינשטעלונגען...

דאָס געדויערט אַ פּאָר יאָר — און דער געזונטער קערפּער באַהערשט דעם קריזיס, דער ליטעראַרער גייסט זיגט. ווירגילי קומט צו זיך, ער באַ־הערשט זיך, ער איז צוריק ווירגילי. אין 1913, נאָך דער אַמנעסטיע צוליב דעם 300־יאָריקן יובליי פון די ראָמאַנאָווס, פאַרלאַנגט ווירגיליס פאָטער ער זאָל זיך מעלדן צוריק צו מיליטער־דינסט, פון וועלכער ער איז אין זיין פריערדיקן רעוואָלוציאָנערן פעריאָד אַנטלאָפן. ווירגילי טוט טאַקע אַזוי און נאָך אַ קורצער צייט ווערט ער איינגאַנצן באַפרייט פון דער קאַזאַרמע, און ער איז צוריק דער לעגאַלער ברוך מרדכי כהן. ווען ס'ברעכט אויס די ערשטע וועלט־מלחמה, געפינט זיך דער פאָטער אין דער רוסישער הויפּט־שטאָט, און אויך ווירגילי איז דאָ — ער פאַרוואַלטעט מיט אַ פאַבריק. ווירגילי איז ווייטער אין בונדישע קרייזן, און ווען עס קומט די פעברואַר־רעוואָלוציע אין 1917, זעען מיר שוין ווירגילין ווי אַ מיטגליד פון פּעטראָגראַדער ראַט פון אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן. ווירגילי גייט פרייוויליק אַוועק אויפן פראָנט. ער ווערט מגולגל קיין מורמאַנסק און נעמט אָנטייל אין אָרטיקן ראַט, וואָס די מאַטראָסן האָבן געשאַפן. אָט אַזוי טראָגט זיך ווירגילי אויף די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע, און ווידער מאַכט ער אַלץ אַדורך מיט ברען, מיט אויפריכטיקייט און געטריישאַפט. ווען ער באַשליסט אַוועקצוגיין אויפן פראָנט, טענהט ער: „מען קען דאָך נישט אַנדערע שיקן זיך שלאָגן קעגן די דייטשן, און אַליין בלייבן רואיק אין הינטערלאַנד"...

ווען אין פּעטראָגראַד ווערט אין 1918 געשאַפן דער בונדישער אָרגאַן יעוורעיסקי ראַבאָטשי, איז ווירגילי זיין מיטרעדאַקטאָר צוזאַמען מיט ד. זאַס־לאַווסקי און וו. קאַנטאָראָוויטש. דער זשורנאַל ווערט אָבער איבערגעריסן אויפן צענטן נומער צוליב די פאַרפאָלגונגען פון דער באָלשעוויסטישער מאַכט.

⁂

באַלד נאָך דעם קומט ווירגילי קיין ווילנע. ער ווערט דאָ אַ תושב, און דאָ איז אים באַשערט צו פאַרענדיקן זיין שטורמיש לעבן. ער ווערט דער ליבלינג פון ווילנע. אַרבעטער און פּשוטע פאָלקסמענטשן פאַרגעטערן אים, זיינען דורכגעדרונגען מיט ליבשאַפט און אַכטונג צו אים. די אומשטענדן אין ווילנע זיינען דעמאָלט נישט גינסטיק פאַר פּאָליטישער אַרבעט בכלל, פאַר בונדישער אַרבעט בפרט. סוף 1918 הויבט דאָ אָן אַרויסגיין אַ טעגלעכע בונ־דישע צייטונג אונזער שטימע (אַרויס 99 נומערן, דער לעצטער נומער — דעם 18טן אַפּריל 1919, דעם לעצטן טאָג פון דער ראַטנמאַכט אין ווילנע). ווירגילי איז שטאַרק באַטייליקט אין דער אַרבעט פון דער צייטונג.

ווילנע ווערט אַלץ מער אַריינגעצויגן אין דער ספערע פונם נייעם פוילן. ווירגילי הויבט זיך אָן אָפּגעבן מיט אַלגעמיין־יידישע טעטיקייטן. ער איז מיטגרינדער פון יעקאָפּאָ, וואָס האָט אין יענע יאָרן געשפּילט אַ גרויסע ראָל

אין יידישן לעבן פון ווילנע און ווילנער געגנט. ווירגילי איז גרינדער פון דער צענטראַלער יידישער פאָלקס־באַנק. ער פאַראינטערעסירט זיך אַלץ מער און גיט אַפּ אַ סך צייט דער ניי־אַנטשטאַנענער יידיש־וועלטלעכער שול און איר אָנפירערשאַפט — דעם צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט (צ. ב. ק.), וואו ער איז כסדר געווען אַ פּרעזידיום־מיטגליד און אַ צייט — דער פאָרזיצער. אין יענער צייט האָט אין וואַרשע עקזיסטירט דער באַקאַנטער דינעזאָן־מעדעם־רייכמאַן־קאָמיטעט; ווילנע שטעלט זיך מיט אים אין פאַרבינדונג. ווילנע ווערט אַקטיוו אין דער באַוועגונג אויפצושטעלן אַ צענטראַלע שול־אָרגאַניזאַציע פאַר אַלע יידיש־וועלטלעכע שולן אין נייעם פּוילן, און ווירגילי איז איינער פון די הייסטע אָנהענגער פון אָט דער באַוועגונג. אין ווילנע גופא איז פאַר דער צייט אַנטשטאַנען אַן אייגענע היפשע נעץ פון דעם נייעם טיפּ יידיש־וועלטלעכע שולן. ווירגיליס נאָמען איז ענג פאַרבונדן נישט בלויז מיט דער לאָקאַלער שול־אַרבעט, נאָר אויך מיט דער גאַנצער באַוועגונג אין לאַנד. אָקטאָבער 1919 קומט פאַר אין וואַרשע די קולטור־באַראַטונג, וואָס איז דער ערשטער שריט צו פאַראייניקן און פאַראינהייטלעכן דעם גאַנצן יידיש־וועלטלעכן שולוועזן פון לאַנד. אין דער ווילנער דעלעגאַציע צו דער באַראַטונג געפינט זיך אויך ווירגילי. ער ווערט אויסגעוויילט אין פּרעזידיום פון דער באַראַטונג און אים ווערט צוגעטיילט דער כבוד צו שליסן די קאָנפערענץ. ער פאַרענדיקט זיין שלוס־רעדע מיט די ווערטער: „אַ סך שונאים האָט די יידיש־וועלטלעכע שול, נאָר דער נצחון איז אויף אונזער זייט. די לעבעדיקסטע כוחות פון פאָלק זיינען בלוטיק פאַראינטערעסירט אין דער אַנטוויקלונג פון אונזער שול. לעבן זאָל די יידיש־וועלטלעכע שול!"

אַפּריל 1920 קומט פאַר אין וואַרשע די צווייטע שול־באַראַטונג מיטן אָנטייל פון דעלעגאַטן פון גאַנצן לאַנד. ווידער איז ב. כהן־ווירגילי צווישן די פאַרטרעטער פון ווילנע. און ווידער זעען מיר אים אין פּרעזידיום פון דער באַראַטונג. עס ווערט געשאַפן אַ ציטווייליקע צענטראַלע שול־אָרגאַניזאַציע, און זי פאַרעפנטלעכט אין גיכן אַן אויפרוף פון איר צענטראַלן סעקרעטאַריאַט, אַלס פאָרזיצער פון דאָזיקן סעקרעטאַריאַט איז געחתמעט ווירגילי. פּסח 1921 קומט פאַר אין וואַרשע די פאַרבאַראַטונג, וואָס טיילט אויס פון זיך אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט אויף צו רופן און דורכפירן דעם ערשטן שול־צוזאַמענפאָר, וואו עס איז געגרינדעט געוואָרן די שפּעטער באַרימט־געוואָרענע ציש"אָ. אינם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט זיצט אויך ווירגילי, און ווען אין יוני 1921 קומט שוין פאַר דער שול־צוזאַמענפאָר, זעען מיר ווידער ביים פּרעזידיום־טיש אונזער אומדערמידלעכן ווירגילי. ער גיט אויך אָפּ אויפן צוזאַמענפאָר דעם באַריכט פון דער ביזאַהעריקער ציטווייליקער שול־אָרגאַניזאַציע און ער רעפערירט דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן פּלאַן פאַר דער פּראָיעקטירטער שטענדיקער שול־אָרגאַניזאַציע. אויף איינער פון די סעקציעס פונם צוזאַמענפאָר רעפערירט ער אויך וועגן פּראָבלעם פון פּראָפעסיאָנעלער בילדונג. די ערשטע פאָר יאָר פון דער צענטראַלער שול־אָרגאַניזאַציע איז איר פאַרלאַג טעטיק אין ווילנע, און ווירגילי גיט אַוועק אַ סך צייט און ענערגיע פאַר דעם פאַרלאַג. ווען עס ווערט געשאַפן דער זשורנאַל פאַר עלטערן שול און היים, דרוקט ער

אָפּ אינם ערשטן נומער אַ גרויסע אָפּהאַנדלונג טאָקע אונטערן נאָמען שול און היים.

אויך דער אַרבעט פון דער געזעלשאַפט אָרט איז ער מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן. זיין אַכטונג צו פיזישער אַרבעט איז שטענדיק געווען גרויס. אין פוילן איז די נויט אין פּראָפעסיאָנעלער בילדונג און אין איבערשיכטונג פון די אַלטע מלאכות צו נייע און מיט מער מאָדערנע מעטאָדן — געווען ממש אַ לעבנס־פראַגע פאַר די אונטערוואַקסנדיקע דורות יוגנטלעכע. דער־פון איז געקומען ווירגיליס אינטערעס צו אַ טעכניקום פאַר דער יידישער יוגנט אין ווילנע. ער איז איינער פון די גרינדער פונם טעכניקום, וואָס ווערט מיט דער צייט זייער פּאָפּולער און לאָזט אַרויס הונדערטער יינגע מענטשן, וויסנשאַפטלעך צוגעגרייטע צו זייערע נייע באַרופן. ווירגילי באַ־טייליקט זיך אין די זיצונגען פונם צענטראַל־קאָמיטעט פון אָרט אין וואַרשע און פּאַריז. ער איז גוט באַהאַוונט אין אַלע פאַך־פּראָבלעמען, מיט זיינע מיינונגען רעכנט מען זיך שטאַרק.

אין 1923 איז געשטאָרבן ווירגיליס הייס־געליבטע פרוי חיה שרה כהן־סטופּעל, אַן אָנגעזעענע לערערין און שול־טוערין אין ווילנע. ווען ס'איז אין 1919 געשאַפן געוואָרן דער צ. ב. ק., איז זי געווען אויסגעקליבן אין ערשטן קאָמיטעט, זי איז בכלל געווען באַליבט צווישן דער לערערשאַפט. ווירגילי איז געבליבן מיט צוויי קינדער — אברהמל (היינט אין די פּאַראיי־ניקטע שטאַטן) און בובעלע, אַ מיידעלע וואָס די מוטער האָט אָקאָרשט געבוירן (בובעלע איז אומגעקומען צוזאַמען מיט איר באָבען אין ווילנע פון די נאַצישע הענט). ווידער — אַ שווערער פּעריאָד אין לעבן פון חבר ווירגילי. ווידער — איינגעשרומפּט אין זיך, פאַרלוירן. אָבער — ער פאַלט ניט אַריין אין פאַר־צווייפלונג. ער געפינט אַ טרייסט אין דערציען די צוויי קינדער און אין זיין ברייט־פאַרצווייגטער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אָנגעוואָרן זיין פּערזענ־לעך לעבן, גיט ער עס אָפּ דעם יידישן ישוב אין ווילנע. מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער ווערט ער אויסגעקליבן אויף דער ליסטע פון בונד אַלס ראַטמאַן אין ווילנער שטאָט־ראָט און אויך אַלס פּרנס אין דער קהילה, אין וועלכער ער איז אַ צייט אַ מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג.

אין 1925 ווערט פאַרווירקלעכט דער פּלאַן וועגן אויפבויען אַ יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. ווירגילי איז אַ הייסער חסיד פון דער אינסטי־טוציע און ער ווערט איינער פון די אַקטיווע בויער פון ייוואָ. אין 1929 ווערט ער אויסגעקליבן אין דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג און אויך אין אויספיר־ביוראָ פון ייוואָ.

אין דער זעלבער צייט איז ער אַקטיוו פּאָליטיש. ער איז ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן אַ מיטגליד פון ווילנער קאָמיטעט פון בונד. ער דערשיינט פון צייט צו צייט פאַר די צענטראַלע קערפּערשאַפטן פון בונד אין וואַרשע, פאַרטיידיקט זיינע אידייען און פּלענער. ער איז אַריינגעטון אין די אַלגעמיין־פּאָליטישע און אינערלעך־פּאַרטייאישע פראַגן, וואָס שטייען אויפן סדר־היום פון בונד.

ווילנע איז פאַרכאַפּט פונם כישוף פון ווירגיליס פּערזענלעכקייט, פון זיין

האַרמאַנישער צונויפשמעלצונג פון רייך־בונדישע און פון אַלגעמיין־יידישע טעטיקייטן. די שווערסטע אַרבעטן נעמט ער שטענדיק אויף זיך, ער קען זיין גענעראַל און זעלנער, ייד און סאָציאַליסט. מאַיעסטעטיש האָט אויסגעזען ח׳ ווירגילי, ווען ער איז געגאַנגען יעדן 1טן מאַי בראש פון בונדישן מאַני־פעסטאַציע־צוג, אָדער ווען ער איז געשטאַנען אויף ברייטער גאַס מיט אַ פּאַק נומערן פון דער בונדישער פאָלקס־צייטונג און זיי פאַרקויפט מיט פייערלעכע אויסרופן. אין אַזעלכע מאָמענטן האָט ער אויסגעזען ווי אַ נביא — גיב אים אַ שטעקן אין האַנט און לאָז אים אַרויס איבער דער מדינה פרעדיקן דעם אמת!.. אַ צויבער איז געווען אין זיין שמייכל, וואָס האָט פאַרגאָסן זיין פּנים מיט חן, מילדקייט, ליכטיקייט, וואָס איז געווען דער צויבער פון זיין מאָ־ראַלישער שיינקייט און פון טיפן גלויבן אין דער סאָציאַליסטישער אידייע, אין דער בונדישער אידייע.

אַ גאָר באַזונדערע וואַרעמקייט און אויפמערקזאַמקייט האָט ער געשענקט דער בונדישער יוגנט און איר צוקונפט־באַוועגונג. די יוגנט האָט עס געשאַצט און אים געצאָלט מיט געפילן פון ליבשאַפט און פאַרערונג. אומפאַרגעסלעך און העכסט־כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט דער באַציאונג איז, למשל, דער ווייַ־טערדיקער עפּיזאָד: ווילנער צוקונפטיסטן קלייבן זיך פאָרן צום צוקונפט־צוזאַמענפלי אין וואַרשע. ווירגילי אינטערעסירט זיך מיט יעדן איינעם פון דער יינגער חברה. ער לעבט איבער זייער פרייד פון באַהעפטן זיך מיט דער גרויסער מחנה צוקונפטיסטן פון גאַנצן לאַנד. און אָט דערוויסט זיך ווירגילי הארט פאַרן אַרויספאָרן — צוויי צוקונפטיסטן קענען נישט פאָרן: עס פעלט 20 זלאָטעס. „אַלע וועלן פאָרן — זאָגט ווירגילי — די 20 זלאָטעס וועלן זיין”... אָבער אין ווילנע איז עס אין יענע יאָרן אַ גרויסע מטבע, די מיטלען פון דער אָרגאַניזאַציע און אירע חברים זיינען אויסגעשעפּט. נעמט ווירגילי און פאַרזעצט זיין זייגערל אין לאָמבאַרד, און ער באַקומט די 20 זלאָטעס. אַלע יוגנט־בונדיסטן אָן אויסנאַם זיינען געפאָרן!

אַ לאַנגע צייט איז דאָס זייגערל געלעגן אין לאָמבאַרד, עס פעלן ווירגילין די 20 זלאָטעס אויף אויסצולייזן דאָס... ווען ער איז שוין שטאַרק קראַנק געווען, געלעגן אויף זיין קראַנקן־בעט, האָט ער אַמאָל די חברים געזאָגט: „ווען איך וואָלט אין די נעכט געהאַט לעבן מיר אַ זייגערל, וואָלט געווען אַ ביסל פריילעכער. מען וואָלט געקענט זען וואו מען האַלט אין דער נאַכט”... און דעמאָלט איז דאָס זייגערל באַלד אויסגעלייזט געוואָרן!..

און אָט איז נאָך אַן עפּיזאָד, וועלכער כאַראַקטעריזירט אַזוי ווירגילין: דעם 20סטן סעפּטעמבער 1935 איז געשטאָרבן דער חבר אַרקאַדי, — איינ־גאַנצן 4 חדשים פאַר ווירגיליס טויט. זיין פערזענלעכע געבונדנקייט מיט ח׳ אַרקאַדי — איז געווען טיף אינטים. (אגב, איז דאָס געווען ווירגיליס איני־ציאַטיוו איינצולאַדן דעם ח׳ אַרקאַדי אַלס אַ לעקטאָר־לערער אין טעכניקום). אין די לעצטע מינוטן פון ח׳ אַרקאַדי איז ווירגילי נישט אָפּגעטרעטן פונם קראַנקנס בעט. ווען אַרקאַדי איז געשטאָרבן און עס האָבן זיך אַרויסגעוויזן שוועריקייטן צו באַקומען אַ געהעריקן פּלאַץ פאַר זיין קבר, האָט ווירגילי געמאָלדן: „אָט איז מיינער, פון לאַנג־רעזערווירטער קבר לעבן מיין פרוי...

נעמט איצט דעם קבר פאַרן ח׳ אַרקאַדי...״ און אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ פּאַרגעפיל ביי די אַרומיקע חברים, אַז ווירגילי וועט אַליין דאַרפן אינגיכן זיין רו־פּלאַץ, האָט מען אים אָפּגעזאָגט אין זיין בקשה. און מען האָט נישט אָנגענומען זיין געשאַנק און חסד של אמת פאַרן ח׳ אַרקאַדי...

די לעצטע 5 יאָר פון זיין לעבן איז ווירגילי הויפּט־בוכהאַלטער און געהילף־דירעקטאָר פון שטאַטישן לאָמבאַרד. עס רוקט זיך אָן אויף אים די אומבארחמנותדיקע קראַנקייט: ער האָט אַ וואונד אין מאָגן... אין 1930 מאַכט ער דורך די ערשטע אָפּעראַציע — ער קומט צוריק פון שפּיטאָל פריש און געזונט, ער נעמט זיך צוריק צו זיינע אַקטיוויטעטן. ער שאָנעוועט זיך נישט. ער איז איצט פאַרכאַפּט פון נייע אידייען... אָבער די קראַנקייט לאָזט ווירגילין נישט אָפּ. דער דיאַגנאָז איז איצט קאַנסער (ראַק) אין מאָגן. ער מאַכט דורך אַ צווייטע אָפּעראַציע, דער פאַטאַלער דיאַגנאָז ווערט באַשטעטיקט. דער לעצטער חודש פון זיין לעבן איז אָנגעפּילט מיט אוממענטשלעכע יסורים, וועלכע ער טראָגט אַריבער מיט אמתער גבורה.

דעם 31טן יאַנואַר 1936 איז ח׳ ווירגילי געשטאָרבן, אינגאַנצן 53 יאָר אַלט... דאָס שטורמישע לעבן פון מאַטקע־ווירגילי האָט זיך איבערגעריסן אויף אייביק... איצט האָט זיך מאַטקע אומגעקערט צו די אַנדערע צוויי חברים פון דריילינג: נאָכקע איז געשטאָרבן פון אַ פאַרצערנדיקער קראַנקייט... אשפּיז איז געווען פאַרשיקט דורך דער סאָוועטן־מאַכט און ערגעץ פאַרענ־דיקט זיין לעבן... איצט האָט דער דריילינג זיך צוריק פאַראייניקט אין איי־ביקער רו...

ווירגיליס לוויה איז געווען זייער איינדרוקספול. פאַרן בונדישן לאָקאַל, וואו דער אָרון איז געווען אויסגעשטעלט, זיינען טויזנטער און טויזנטער געשטאַנען. אינם לוויה־צוג האָבן זיך באַטייליקט איבער 20 טויזנט מענטשן, צענטליקער דעלעגאַציעס מיט 40 קרענץ. בראש פון צוג איז געגאַנגען אַ דעלעגאַציע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד מיט אַ קראַנץ און אויפשריפט: „דעם שטאָלצן פאַנענטרעגער פון בונד, חבר ווירגילין״.

ערשט מיט אַ יאָר צוריק, מיטן זעלבן וועג צום יידישן בית־עולם, איז ווירגילי נאָכגעגאַנגען נאָכן אָרון פון דר. צמח שאַבאַד, ווירגילי האָט דעמאָלט איבערראַשט ווילנע מיט זיין ווירגילישער אויפפירונג: ער איז געווען דער איינציקער, אַבסאָלוט איין־איינציקער אינם גאַנצן לוויה־צוג, וואָס איז גע־גאַנגען אָן אַ הוט... מיט 4 חדשים צוריק האָט ווירגילי באַגלייט צו אייביקער רו — זיין לערער און פריינט, דעם חבר אַרקאַדי. איצט, דעם 2טן פעברואַר 1936, האָט די ווילנער אַרבעטערשאַפט געפירט מיטן זעלבן וועג דעם פרי־צייטיק פאַרשטאָרבענעם ווירגילי...

***

ברוך מרדכי כהן־ווירגילי איז געווען געוועבט פון שטאָף פון הייליקע. אין אַן אַנדערער תקופה וואָלט מען וועגן אַזאַ איינעם גערעדט ווי וועגן אַ נסתר, אַ למד־וואָווניק. ער איז געווען אַ פאַרשטייער פון אַ דור בונדיסטן, וואָס האָבן די קנאות פון פרומקייט, דעם טראַדיציאָנעלן אַסקעטיזם און פרישות —

איבערגעשמידט אין מאָדערנעם רעוואָלוציאָנערן און נאַציאָנאַלן קידוש־השם, אין אומבאַגרענעצטן אידעאַליזם.

ווירגילי האָט געהאַט אויף אַלעמען אַ באַצווינגנדיקע ווירקונג — מיט זיין פּערזענלעכקייט, מיט זיין כאַראַקטער, פאַרנעם און חכמה. ער האָט פאַר־מאָגט אַ סך מילדקייט און איידלקייט, אָבער אין דער זעלבער צייט — פּאַרטיי־פאַנאַטיזם און שטאָלענעם ווילן. ער האָט פאַראייניקט אין זיך חסידישן ברען מיט מתנגדישער לאָגיק; דרייסטקייט פון געדאַנק און גלייכצייטיק אַ פּראַקטישן חוש מיט אַ ווילן צו געפינען אַ ריכטליניע אויף צוזאַמענאַרבעטן מיט אַנדערע.

אַ מענטש פון הויכער אינטעליגענץ, מיט אַ בליצנדיקן שכל און אויסער־געוויינטלעכער אָריענטיר־קראַפט, מיט אַ סך מענטשן־קענטעניש — האָט ער גערעדט קלאָר און רואיק, געשניצט זיינע געדאַנקען ווי מיטן שאַרף פון אַ מעסער. זיין חוש פאַר גערעכטיקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט ניט בלויז אויף דער עפנטלעכקייט און געזעלשאַפטלעכקייט, נאָר אויך בין אדם לחברו — ער האָט אין באַציאונג צום איינצלנעם חבר אַרויסגעוויזן אַ סך האַרציקייט און פּערזענלעכע זאָרג. זייענדיק אַזאַ קאָלירפולע פּערזענלעכקייט מיט אַ שלל פון געזעלשאַפטלעכער אַקטיווקייט, איז ער אין דער אמתן געווען שטענדיק אין שאָטן און גוטמוטיק פאַרגונען אַנדערע צו טראָגן די לאָרבער פון „באַ־רימטקייט". אַליין גרייט צו ברענגען זיך אויפן שייטער פון זיינע אידייען, איז ער געווען שטרענג צו אַנדערע, געפאָדערט פון יעדן די זעלבע געטריישאַפט צו דער אַרבעטער־באַוועגונג און צום יידישן לעבן.

ח. ש. קאַזדאַן

# דוד מאַכלין

געבוירן 1879. געשטאַמט פון אוקראַינע. געלעבט אַ צייט אין בערלין און שווייץ. צוליב צוויי טעמים: שטודירן אין אוניווערזיטעט און היילן זיך פון טובערקולאָז. ער האָט געהאַט אַ פעולה אין ביידע זאַכן. ער האָט אַ סך דערגרייכט אין זיין שטודיום און זיך אויסגעקורירט פון דער געפערלעכער קראַנקייט. איינער פון די געטרייסטע בונדיסטן. צום בונד געהערט פון יאָר 1900.

מאַכלין האָט אַ סך געאַרבעט אין אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד, אין בונדישן אַרכיוו און אין דער גרויסער בונדישער סטודענטן־באַוועגונג אין אויסלאַנד. ער נעמט אָנטייל אין דער זיבעטער קאָנפערענץ פון בונד (אין בערן, מערץ־אַפּריל 1906). און אַז מ'האָט געדאַרפט פון אויסלאַנד אַריבערפירן קיין רוסלאַנד אומלעגאַלע ליטעראַטור אין טשעמאָדאַנעס מיט טאָפּלטע דעקן, האָט ער עס אויך געטון.

זיין פּאָליטישע טעטיקייט האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער דייטשער פּאָליציי. אָנהייב 1904 האָט די פּרייסישע רעגירונג אים

אַרויסגעשיקט פון לאַנד. ער איז דעמאָלט געפאָרן קיין בערן (שווייץ) און געוואָרן טעטיק אין צענטראַל־ביוראָ פון די אויסלענדישע בונדישע אָרגאַניזאַציעס. פ. קורסקי, וואָס האָט אים אַ לענגערע צייט געזען נאָענט ביי דער אַרבעט, זאָגט, אַז דוד מאַכלין איז געווען „דער בעסטער, טיכטיקסטער און פּינקטלעכסטער טוער". צוזאַמען מיט זעלדאָוו־ניעמאַנסקין האָט ער צוגעגרייט די 7טע קאָנפערענץ פון בונד. אין בערן האָט מען ביי מאַכלינען אַדורכגעפירט אַ רעוויזיע און געפונען אַ סך קאָמפּראָמיטירנדיקע מאַטעריאַלן, וואָס די רוסישע אָכראַנע האָט זיך באַלד באַמיט אַרויסצובאַקומען און ס'איז איר נישט געלונגען. געפונען האָט מען ביי אים אַ סך בריוו און אַרכיוו־דאָקומענטן, ווי אויך מאַטעריאַלן צו באָמבעס פאַר דער זעלבסטשוץ אין רוסלאַנד. מאַכלין איז געזעסן אַ געוויסע צייט אַרעסטירט און איז לסוף אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דער שווייץ. דעמאָלט האָט זיך פאַרענדיקט זיין אויסלענדישער פּעריאָד. פ. קורסקי שרייבט, אַז מאַכליך איז „אַזוי ווי צונויפגעוואַקסן געוואָרן מיטן בונד, אַזוי אַז ביז 1906 איז קיין שום אַרבעט ביים אויסלענדישן קאָמיטעט נישט געטון געוואָרן אָן דעם אָדער יענעם אָנטייל פון מאַכלינען. פון 1906 און שפּעטער איז ער שטענדיק געווען דער סעקרעטאַר, דער קאַסיר, דער אַרכיוו און וואָס איר ווילט ביים צ. ק. אין רוסלאַנד".

די אַרבעט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד איז געווען אַ שטרענג־קאָנספּיראַטיווע און דוד מאַכלין האָט געהאַלטן אין זיינע הענט אַלע פעדים פון דער ברייט־פאַנאַנדערגעוואַקסענער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די יידישע אַרבעטער. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַן ערשט־ראַנגיקער קאָנספּיראַטאָר. אַחוץ דעם האָט ער געהאַט אַ חוש פאַר אָרדענונג און פּינקטלעכקייט, וואָס האָט פאַרהיטן פון דורכפאַלן. גלייכצייטיק האָט ער אויך צוגעהאָלפן איך דער בונדישער לעגאַלער פּרעסע, וואָס איז דעמאָלט דערשינען.

ווען מענדל און גיטל סקוטעלסקי האָבן אין זייער דירה אין ווילנע געהאַט דעם געווער־סקלאַד, איז „אַלס פאַרמיטלער צווישן סקלאַד און דער אויסערלעכער וועלט אַ גאַנץ לאַנגע צייט געווען דער באַוואוסטער קאָנספּיראַטאָר און אַרכיוואַר פון בונד דוד מאַכלין", שרייבט לייבעטשקע בערמאַן אין זיינע זכרונות.

די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס האָבן גענומען שנעל פאַלן. דוד מאַכלין איז געבליבן געטריי אויף זיין פּאָסטן. ער האָט צוריק איינגעשטעלט געהיימע דרוקערייען. אַזוי האָט ער זיך געהאַלטן אין ווילנע ביז 1910, ווען די צאַרישע אָכראַנע האָט אויף אים אַרויפגעלייגט איר שווערע האַנט. דאָס איז געווען בעת די אַרעסטן פון אַ ריי וויכטיקע בונדישע טוער. אויך אים האָט מען אַוועקגעפירט אין לוקישקער טורמע. זיינע פסעוודאָנימען זיינען געווען — שאַרסקי און שווערסקי.

נאָך דער צווייטער רוסלענדער רעוואָלוציע אין 1917 זעט מען מאַכלינען ווידער ביי אַקטיווער בונדישער אַרבעט. ער איז טעטיק סיי אויפן אָרגאַניזאַציאָנעלן, סיי אויפן ליטעראַרישן געביט. צום 20־יאָריקן יובילעי פון

בונד האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אַ געשיכטלעכע אַרבעט וועגן דער בונדישער פּרעסע.

ס'איז געקומען די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש. די דעמאַגאָגיע און דער טעראָר פֿון דער נייער מאַכט האָבן נישט געקענט ביי אים דערשיטערן די טרייַשאַפֿט און צוגעבונדנקייט צו דער פּאַרטיי און אידעאַלן פֿון דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט. מיט אַ זייער שטאַרקן אינטערעס צו דער געשיכטע פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַרבעט ער עטלעכע יאָר אין די אַרכיוון און מוזייען. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן ביז סוף 1924.

דעמאָלט האָט זיך פֿאַר אים אָנגעהויבן אַ נייער ליידנס־וועג. ער ווערט פֿאַרשיקט. די ווייטערדיקע יאָרן לעבט ער שוין כסדר אין פֿאַרשיקונג. אָנ־הויב דרייסיקער יאָרן האָט מען אים פֿאַרשיקט קיין סיביר. דער לעצטער גרוס פֿון אים איז געווען אין יאָר 1937 פֿון ווייטן אַלמאַ אַטאַ, וואו ס'זיינען דעמאָלט אויך געווען פֿאַרשיקט די באַרימטע בונדיסטן מאַרק ליבער און ראָזע לעוויט (פרידע). זיין ווייטערדיקער גורל איז אונז נישט באַוואוסט.

ב. : אינפֿאָרמאַציע פֿון ליזע (ווילנע — ניו־יאָרק). דזשאָן מילל : פּיאָנערן און בויער, באַנד 2, ניו־יאָרק 1949. פֿראַנץ קורסקי : געזאַמלטע שריפֿטן, ניו־יאָרק 1952. ל. בערמאַן (ליובעטשקע) : אין לויף פֿון יאָרן, ניו־יאָרק 1945.

י. ש. ה.

●

# סטאַניסלאַוו גאָלדבערג

געבוירן אַרום 1874 אין וואַרשע — געשטאָרבן דעם 26 אויגוסט 1905 אין שערנע (שווייץ).

געווען פֿון די ערשטע יידיש־פּוילישע אַסימילירטע אינטעליגענטן, וואָס זיינען אַריין אין בונד. זיין סאָציאַליסטישע טעטיקייט האָט ער אָנגע־הויבן אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט, וואו ער האָט געגרינדעט אומלעגאַלע זעלבסטבילדונג־קרייזן. אין נאָוועמבער 1894 האָט מען אים אַרעסטירט. נאָכן אָפּזיצן 2 יאָר אין וואַרשעווער ציטאַדעל ווערט ער פֿאַרשיקט אויף 5 יאָר אין מזרח־סיביר, וואו זיין פֿרוי פּעליציע האָט אים געבוירן צוויי קינדער. (איין קינד איז דאָרטן פֿאַרפֿרוירן געוואָרן אויף טויט. אויך פּעליציע איז אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט אַ גאַנצער גרופּע אין זעלבן ענין. זי האָט באַקומען 3 יאָר פֿאַרשיקונג).

ווען עס האָט זיך געענדיקט דער טערמין, ווערט אים פֿאַרבאָטן צוריק צו פֿאָרן אין זיין היים־שטאָט און ער מוז זיין אין סמאָלענסק אונטער פּאָליציי־השגחה. אויך אין סמאָלענסק פֿירט ער אַ רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט און לסוף קומט ער אומלעגאַל קיין וואַרשע. ער טרעט אַריין אין בונד און ווערט זיינס אַ באַגייסטערטער טוער. גאָלדבערג האָט געבערענגט אַ סך נוצן אַלס רעפֿערענט און רעדנער אויף פֿאַרזאַמלונגען פֿון דער אינטעליגענץ און איז

געוועזן אַקטיוו צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט און האַנדלס־אָנגעשטעלטע. ער האָט אויך מיטגעאַרבעט אין דער צייטונג גלאָס בונדו. אין 1904 האָט מען אים ווידער אַרעסטירט אין וואַרשע און אַרויסגעלאָזט אויף קויציע נאָך 3 חדשים זיצן.

אין סאַמע ברען פון זיין איבערגעגעבענער אַרבעט איז ער שווער קראַנק געוואָרן. ער פאָרט אין דער שווייץ וואו ער האָט זיך געהאָפט זיך אויס־קורירן פון שווינדזוכט. מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער איז געקומען דער טויט. ער האָט פאַריתומט זיין פרוי פעליציע (פון דער היים אַבאַרבאַנעל, שפּעטער די פרוי פון דעם בונדישן פירער נח) און זיין טעכטערל (שפּעטער די פּוי־לישע שרייבערין אירענאַ קזשיוויצקאַ).

ב.: אינפאָרמאַציע פון אברהם קאַסטעלאַנסקי (קאַרלין — וואַרשע — ניו־יאָרק). די לעצטע פּאַסירונגען נומ' 21, זשענעווע, 16 אָקטאָבער, 1905. דזשאָן מילל: פּיאָנערן און בויער, ערשטער באַנד, ניו־יאָרק, 1946.

י. ש. ה.

●

# אברהמל הימעלשטיין

געבוירן אַרום 1891 אין אוזדע, מינסקער גובערניע — דערשאָסן דעם 11טן יולי 1905 אין מינסק.

זון פון לייב און דינה לאה. ווען אברהמל איז סך־הכל אַלט געווען 14 וואָכן, איז אים דער פאָטער געשטאָרבן (די מוטער האָט דערגרייכט די הויכע עלטער פון 90 יאָר). אַ יתום ביי אַן אָרעמער אלמנה, איז ער געגאַנגען אין מינסקער תלמוד־תורה און יינג געמוזט גיין אַרבעטן. ער איז געוואָרן אַ לערניינגל ביי אַ שניי־דער.



אין מינסק האָט עקזיסטירט אַן אַקטי־ווע אָרגאַניזאַציע פון קליינעם בונד, אָדער ווי ער האָט זיך דאָרטן אָפיציעל גערופן — מינסקער יידישער יוגענדער אַרבעטער־בונד, וואָס האָט געציילט בערך 200 מיט־גלידער. אברהמל הימעלשטיין איז געווען איינער פון דער באַגייסטערטער, רעוואָלו־ציאָנערער קינדער־מחנה. דעם 11 יולי 1905 האָט דער בונד פּראָקלאַ־מירט אַן אַלגעמיינעם שטרייק און דורכגעפירט אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע. אין איר האָט זיך אויך באַטייליקט דער קליינער בונד. אויף באַגאַדעלניע־גאַס זיינען קאָזאַקן באַפאַלן די דעמאָנסטראַנטן און געשאָסן. צוויי דעמאָנ־סטראַנטן זיינען געפאַלן טויט: פייוול דער גאַרבער און אברהמל הימעל־

שטיין. דער קליינער רעוואָלוציאָנער איז געפאַלן, ווען ער איז אַלט געווען סך־הכל 14 יאָר.

שפּעטער האָט וועגן דעם געשריבן אסתר פרומקין:

„מיט שיינע לויכטנדע אויגן, מיט שיינע געקרייזלטע האָר. עס קנאַלט אַ שיסעריי. מענטשן לויפן אין דער שמאָלער גאַס. מ׳וואַרפט זיך אין אימה אַהין און אַהער. מ׳שיסט פוןביידע זייטן, נישטאָ קיין אויסוועג. און אברהמל שטייט אין מיטן גאַס, זיין פּנים גליט, די אויגן לייכטן און ער שרייט:

׳חברים, לויפט נישט! חברים, שטייט!׳

ער איז נישט געלאָפן. ער איז געפאַלן שטום און טויט אין מיטן גאַס״.

צו באַערן דעם געפאַלענעם חבר, האָבן די מיטגלידער פון קליינעם בונד אַ לענגערע צייט געטראָגן אין לאַץ אַ בילדל פון יינגן קרבן — אברהמל הימעלשטיין.

ב.: אינפאָרמאַציע פון ברודער שמחה הימעלשטיין (מינסק — ניו־יאָרק).

א—ר: פאָלקס־צייטונג נומ. 233, 28 דעצעמבער 1906, ווילנע. י. ש. הערץ: די געשיכטע פון אַ יוגנט, ניו־יאָרק 1946. ג. כאַבין, ניו־יאָרק 1946.

י. ש. ה.

●

# גרשון רב־רבי

געבוירן אַרום 1877 אין פּאָלאָנע, וואָלין — געשטאָרבן דעם 21 מערץ 1909 אין נערווי (איטאַליע).

געשטאַמט פון פאַנאַטיש־פרומע עלטערן. געווען אַ בית־מדרש־בחור און זיך געגרייט צו ווערן אַ רב. ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביים קריגן סמיכה אויף רבנות, האָט דער דראַנג צו בילדונג אים אַ שטויס געטאָן אויף אַן אַנדער וועג.

גרשון פאַרבייט די ספרים אויף וועלטלעכע ביכער. ער גרייט זיך אָפּצוגעבן עקזאַמען אַלס עקסטערן, כדי צו קענען אַנקומען אין אוניווערזיטעט. אַ דאַנק זיינע גרויסע פעאיקייטן מאַכט ער שנעל פאַרטשריט אויף דעם נייעם געביט. די וועלטלעכע בילדונג אַליין האָט אָבער נישט געקענט באַפרידיקן דעם אומרואיקן גייסט פון גרשון רב־רבי, וועלכער האָט געזוכט אַ פעלד אויסצולאָדן זיין יינגע ענערגיע. ער רייסט זיך צו ברייטער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

אין אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט ווערט ער פאַרכאַפּט פון דער אויפקומענדער ציוניסטישער באַוועגונג און ווערט אין איר אַן אָנגעזעענער טוער. ער איז דער אָרגאַניזאַטאָר פון ערשטן ציוניסטישן צוזאַמענפאָר אין דרום־רוסלאַנד. אַ מענטש מיט סאָלידן ייִדישן און אַלגעמיינעם וויסן, אַליין פון די טיפענישן פון פאָלק, האָט ער זיך טיף פאַרטראַכט איבער דער ייִדישער לאַגע און מיט גרויס אינטערעס נאָכגעפאָלגט דעם הערצאיש־רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון דער אויפגעוואַכטער ייִדישער אַרבעטערשאַפט. אין אוקראַינע האָט ער זיך באַקענט מיט די יינגע בונדישע אָרגאַניזאַציעס. אין

יאָר 1902 ווערט ער אַ בונדיסט. ער טרעט אַריין אין דער זשיטאָמירער אָרגאַניזאַציע. פון דעמאָלט אָן האָט ער זיין לעבן געווידמעט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער איז טעטיק אין ראַטשעוו, קאַמענעבראָד און בער־דיטשעוו און ווערט אין יאָר 1903 אַ מיטגליד פון בערדיטשעווער קאָמיטעט פון בונד.

אין 1904־5 איז רב־רבי אין סאַמע ברען פון דער בונדישער טעטיקייט אין גראָדנע און ביאַליסטאָק. ער שטייט בראש פון גרויסע עקאָנאָמישע שטרייקן און שפּילט אַ פירנדיקע ראָל אין די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן. אין יאַנואַר 1905 פירט ער אָן מיטן אַלגעמיינעם שטרייק פון ביאַליסטאָקער פּראָלעטאַריאַט. אויף אַ דעמאָנסטראַציע ווערט דער נעכטיקער בית־מדרש־בחור און היינטיקער רעוואָלוציאָנער פאַרוואונדעט אין קאָפּ.

ווי נאָר ער איז געזונט געוואָרן, באַטייליקט ער זיך אין נאָמען פון דער ביאַליסטאָקער אָרגאַניזאַציע אין דער 6טער קאָנפערענץ פון בונד (מיטן פעברואַר 1905 אין דווינסק). שפּעטער אַרבעט ער אין לאָדזש און ווילנע, וואו ער ווערט אַרעסטירט. געניסנדיק פון דער אַלגעמיינער אַמנעסטיע, ווערט ער אין אָקטאָבער 1905 באַפרייט. אין די יאָרן 1906־8 איז גרשון אַקטיוו אין פּינסק, אָדעס און אין זשיטאָמיר־בערדיטשעווער ראַיאָן. פון דער פּינסקער אָרגאַניזאַציע האָט ער באַקומען דעם דעלעגאַטן־מאַנדאַט אויף דעם 7טן צוזאַמענפאָר פון בונד (אויגוסט 1906 אין לעמבערג).

רב־רבי האָט זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע אָרגאַניזאַטאָרן און אַגיטאַטאָרן. אַ הויכע, מאָגערע געשטאַלט מיט אַן ענערגיש און מאַנגאַליש פּנים. ער האָט גערעדט פּשוט, אָבער מיט אַ קראַפט, וואָס האָט איבערצייגט. זיין אָרגאַניזם איז געווען זייער אַ שטאַרקער, וואָס איז אָבער ביסלעכווייז פון שמאַכטן אין די טורמעס אָפּגעשוואַכט געוואָרן. באַזונדערס פאַטאַל האָבן געווירקט אויף זיין געזונט די חדשים טורמע אין אָדעס. ער האָט באַקומען שווינדזוכט, וואָס האָט אים אין משך פון אַ האַלב יאָר דערפירט צום קבר. גרשון איז געקומען קיין אויסלאַנד אַ טויט־קראַנקער און חברים האָבן אים איינגעאָרדנט אין באַרימטן קור־אָרט נערווי. די דאָקטוירים האָבן אים שוין נישט געקענט ראַטעווען.

זיינע פּסעוודאָנימען אין דער באַוועגונג זיינען געווען: ישראל, שלום, ברוך און — קוראָקי. באַזונדערס פּאָפּולער איז ער געווען אונטער דעם לעצטן נאָמען. קוראָקי איז געווען אַ באַרימטער יאַפּאַנישער גענעראַל, וואָס האָט באַזיגט די רוסן אויפן שלאַכט־פעלד. רב־רביס פּנים האָט גורם געווען, אַז די חברים זאָלן אים געבן דעם נאָמען פון יאַפּאַנישן גענעראַל, וואָס האָט געבראַכט די מפּלה פון צאַרישן רוסלאַנד.

ב.: אינפאָרמאַציע פון הערש ראָזענפעלד (ראַטשעוו — ניו-יאָרק). די שטימע פון בונד נומ. 2, סעפּטעמבער 1909 (אומלעגאַלע אויסגאַבע). הערמאַן ק—ר: דער אַרבייטער, ניו-יאָרק, 17 אַפּריל 1909.

Отклики Бунда № 2, іюль 1909, Женева.

י. ש. ה.

# יעקב פּעסקין

געבוירן דעם 7טן אויגוסט 1881 אין ווילנע — 1943 דערמאָרדעט דורך די נאַציס אין אָשוויענטשים.

יעקב האָט געשטאַמט פון אַ זייער אָנגעזעענער ווילנער משפּחה. זיין זיידע איז געווען ר׳ יאַנקל פּעסקער — דער ראש ישיבה אין ראַמיילעס קלויז. נאָך אים איז געוואָרן ראש ישיבה דער זון ר׳ שמואל. ר׳ יאַנקל פּעסקערס צווייטער זון — יעקבס פאָטער — איז געווען אַן אייזן־סוחר. אַ פרומער ייד, אָבער שוין אַ ביסל וועלטלעך. האָט ער זיינע קינדער געגעבן אי אַ יידישע, אי אַ וועלטלעכע בילדונג.



זיינע דריי זין — ישראל, שמואל און יעקב — זיינען גאָר פרי אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און איר געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל. דער עלטסטער ישראל — אַ פּיאָנער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס אין ווילנע, וואַרשע און ניו־יאָרק — איז שפּעטער אונטערן פּסעוודאָנים סאַמאָוו געווען אַ באַדייטנדיקער טוער אין דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. דער מיטלסטער — דר. שמואל פּעסקין — האָט אין די ניינציקער יאָרן פון פ. י. עמיגרירט קיין אַמעריקע, איז דאָ געווען טעטיק אין דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, געווען אַ מיטאַרבעטער פון פאָרווערטס, רעדאַקטאָר פון צייט־גייסט און געהאַט אַ גייסטיקע השפּעה אויף דער היגער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אַ שוועסטער איז געווען טעטיק אין בונד.

דער יינגערער ברודער יעקב איז פרי באַווירקט געוואָרן אין סאָציאַליסטישן גייסט. זייער היים איז אַ דאַנק די עלטערע ברידער געווען אַ צענטער פון די סאָציאַליסטישע פּיאָנערן אין ווילנע. נאָך אין דער קינדהייט האָט ער זיך אויף אַזאַ אופן געטראָפן פּנים אל פּנים מיט דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט, וואָס האָט אָפט פאַרבראַכט אין הויז פון זיינע עלטערן. צווישן די שטענדיקע באַזוכער איז אויך געווען אַרקאַדי קרעמער, מיט וועלכן ער האָט זיך שטאַרק באַפריינדעט, פּונקט אַזוי ווי ער איז געווען היימיש מיט פּאַטין, אַרקאַדיס שפּעטערדיקער פרוי. יעקבס אַ לערער איז געווען שמואל גאָזשאַנסקי — אַ וויכטיקער פּיאָנער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ס׳איז דעריבער געווען נאַטירלעך וואָס דאָס אייניקל פון ראש־ישיבה ר׳ יאַנקל פּעסקער איז זייער יונג אַריין אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, צו וועלכער ער איז געבליבן צוגעבונדן מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה ביז ער האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם.

פון דער פרישטער יוגנט איז יעקב געווען אַ בונדיסט און אַן אַקטיווער

טוער. שוין סעפּטעמבער 1900 שיקט אים דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד קיין דווינסק צו פירן די פּאַרטייאישע אַרבעט און אים פּאַרטרעטן אין אָרטיקן קאָמיטעט. אין אַ שילדערונג פון דער בירזשע דערציילט לייבעטשקע בערמאַן: „אַט גייט דורך דער פאַרשטייער פון קאָמיטעט אין די גאָלדענע ברילן (יעקב פּעסקין), וואָס נאָר געציילטע קאָנען אים. ער גייט ווי אַ זייטיקער מענטש, וואָס האָט גאָר צו דעם אַלעם קיין שייכות נישט. אַ באַהאַלטענער שמייכל שיינט דורך זיינע גאָלדענע ברילן און גליטשט זיך אַראָפּ איבער זיינע דינע, פּייכטע ליפּן. די עלטערע טוער — די פירער פון די 'קאַסעס' — באַמערקן אים און טוען זייער זאַך מיט מער ברען, מיט מער איבערגעגעבנ־קייט".

לאַנג איז אים אין דווינסק נישט געווען באַשערט צו בלייבן. דער אכראַנע־שעף זובאַטאָוו האָט ווידער דורכגעפירט מאַסן־אַרעסטן פון בונדיסטן אין פאַרשיידענע שטעט. אין דער זעלבער נאַכט זיינען אַרעסטירט געוואָרן בונדישע טוער אין ווילנע, גראָדנע, ביאַליסטאָק, וואַרשע און אַנ־דערע שטעט. אויך דווינסק איז געווען אויפן צעטל. אין אַט דער נאַכט (29 יאַנואַר 1901) האָט מען אויך גענומען פּעסקינען, זיין פרוי און אַנדערע. 10 טעג זיינען זיי געזעסן אין דווינסקער תפיסה און 6 פון זיי האָט מען נאָך דעם אַרויסגעפירט קיין מאָסקווע.

די אַרעסטירטע בונדיסטן, צווישן וועלכע ס'איז אויך געווען מאַריע זשאַלודסקי, האָט מען אַריינגעזעצט אין דער פּערעסילנער טורמע. פּעסקינען האָט מען צוגענומען פון דער גרופּע און איינגעזעצט באַזונדער אין טאַגאַנקע. די אויספאָרשונג האָט געפירט זובאַטאָוו געהילף ספּירידאָוויטש, אָבער דער שעף גופא פלעגט זיין ביי די פאַרהערן. די אויסגעפרעגטע האָבן זיך אָפּ־געזאָגט צו געבן דערקלערונגען. אַלע זיינען פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. יעקב פּעסקין האָט באַקומען 3 יאָר מזרח־סיביר. דאָרטן האָט ער פאַר־ברענגט צוזאַמען מיט זיין פרוי, וועלכע האָט באַקומען 2 יאָר. נאָך אַ צייט איז יעקב אַנטלאָפן פון פאַרשיקונג.

דער ערשטער עטאַפּ איז געווען פון קראַסנאָיאַרסק קיין סאַמאַראַ. דאָרטן האָט ער זיך געטראָפן מיט דער פרוי ביי לעבינס שוועסטער מאַריע. ס'איז געווען נאָך דעם ווי מ'האָט אויסגעפירט דעם אַטענטאַט אויפן אופער גובערנאַטאָר באָגדאַנאָוויטש. נישט ווייט פון אופאַ האָט מען שפּעטער אַרעס־טירט פּעסקינען. מ'האָט אים באַשולדיקט, אַז ער איז געווען אַ מיטבאַטיי־ליקטער אין אַטענטאַט. געהאַט האָט ער אַ פאַלשן פּאַס. כדי פּטור צו ווערן פון דער געפערלעכער באַשולדיקונג, האָט ער נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, ווי אַליין אויפדעקן זיין אמתן נאָמען. אַדאַנק דעם האָט ער געקענט באַווייזן, אַז אין טאָג פון אַטענטאַט איז ער נאָך געווען אין קראַסנאָיאַרסק. עטלעכע וואָכן האָט מען אים געהאַלטן אין אופאַ און נאָך דעם האָט מען אים געשיקט טיף אין סיביר מיטן טייך אַנגאַראַ, פון וואַנען ס'איז געווען שווער צו לויפן.

נאָכן ענדיקן דעם טערמין פון פאַרשיקונג איז יעקב פּעסקין געפאָרן קיין בערלין שטודירן. ער האָט זיך געלערנט אין טעכניקום און גלייכצייטי־

טיק געווען טעטיק אין דער בערלינער בונדישער גרופע. פון רוסלאַנד זיי־נען אָנגעקומען די ידיעות וועגן די בלוטיקע געשעענישן פון 9 יאַנואַר 1905 אין פעטערבורג. דער שטורמישער אָנזאָג פון דער רעוואָלוציע האָט דעם רעוואָלוציאָנערן סטודענט נישט געלאָזט רוען. ער באַשליסט איבערצורייסן זיין שטודיום, קומט צוריק קיין רוסלאַנד און שטעלט זיך אין רשות פון צ. ק. פון בונד. דער צ. ק. שיקט אים באַלד אויף אַן ערשט־ראַנגיקער פּאָזיציע — צו פירן די אַרבעט אין וואַרשע. באַלד נאָך זיין אָנקומען איז פאָרגעקומען די גראַנדיעזע בונדישע דעמאָנסטראַציע פאַר דער וואַרשעווער טורמע פּאַוויאַק, נאָך וועלכער ס׳זיינען געפאַלן די בונדישע טוער סעמיאָן מאַרגאָליך, פראַניע גראַבעלסקי און אַנדערע.

אין וואַרשע איז יעקב פּעסקין געווען אַ מיטגליד פון שטאָטישן קאָמי־טעט. גלייכצייטיק האָט ער אָנגעפירט מיט צוויי פאַכן — געגריוועטע שוס־טער און בעקער. אין ביידע פאַכן איז דער עלעמענט געווען אַ שווערער, אַ רויער, אַ בונטאַרישער. און שטאַרק צוגעבונדן צום בונד זיינען אָט די אַרבעטער געווען. נישט איינמאָל איז פּעסקינען אויסגעקומען אָפּצוהאַלטן זיי פון נישט־באַרעכנטע שריט, וואָס וואָלטן זיך געקענט פאַטאַל ענדיקן.

פון וואַרשע האָט אים דער צ. ק. זומער 1905 געשיקט קיין ביאַליסטאָק. דאָרטן האָט ער געטראָפן די גלענצנדיקע פרוי און טוערין אסתר ריסקינד. אַ קורצע צייט האָט ער מיט איר צוזאַמענגעאַרבעט און צוזאַמען מיט איר אַוועק אויף דער בירזשע, וואו זי האָט באַלד געפונען דעם טויט פון אַ באָמבע־שפּליטער.

פון ביאַליסטאָק איז יעקב צוריקגעקומען אין זיין היים־שטאָט ווילנע און דאָ שוין געבליבן אַ צאָל יאָרן. ער איז געווען אַ מיטגליד פון ווילנער קאָמיטעט פון בונד. אונטערן פּסעוודאָנים זאַנד געווען אין 1907 אַ דעלעגאַט פון דער ווילנער בונדישער אָרגאַניזאַציע אויפן לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. אין די יאָרן 1905־7 איז אין ווילנע געווען אַ גרויסע בונדישע באַוועגונג, דאָרטן איז אויך דערשינען די טעגלעכע פּרעסע פון בונד און ס׳איז געווען טעטיק זיין פאַרלאַג די וועלט. פּעסקין האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די פאַרשיידענע בונדישע טעטיקייטן. אַ צייט איז ער געווען אַ לערער פון געשיכטע.

די רעאַקציע האָט געזיגט. די באַוועגונג איז איינגעשרומפּן געוואָרן. פּעסקין איז געבליבן אויף זיין פּאָסטן. אַרעסטן האָבן נישט אויפגעהערט. ביז ס׳איז דערגאַנגען אויך צו אים. אין מערץ 1912 האָט מען אים גענומען צוזאַמען מיט אַנע ראָזענטאַל, זיין אַמאָליקן לערער גאָזשאַנסקי און אַנדערע. ער האָט ווידער באַקומען דריי יאָר סיביר. די פאַרשיקונג איז אים שפּעטער פאַרביטן געוואָרן אויף אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד. נאָך אין זעלבן יאָר האָט ער פאַרלאָזט רוסלאַנד און זיך באַזעצט אין פּאַריז, וואו ער איז געווען טעטיק אין דער אָרטיקער בונדישער גרופּע.

אַ צווייט מאָל האָט אים דער רוף פון דער רעוואָלוציע נישט געלאָזט רוען. ס׳איז געקומען די ערשטע וועלט־מלחמה און אין 1917 די גרויסע רוסלענדער רעוואָלוציע. ווי אַ ריי אַנדערע רעוואָלוציאָנערע עמיגראַנטן,

לאָזט זיך אויך פּעסקין צוריק אַהיים. אויפן ים מאַכט ער דורך דעם גע־פערלעכן וועג, וואו ס'האָבן געלויערט דייטשע אונטערוואַסער־שיפן, און קומט אָן דורך אַרכאַנגעלסק אין דער הויפּט־שטאָט פּעטראָגראַד. ער גייט גליך אַריין אין דער פּאַרטיי־אַרבעט. צווישן אַנדערן באַטייליקט ער זיך אין זשורנאַל פון צ. ק. — גאָלאָס בונדאַ.

לאַנג האָט די פרייהייט נישט געדויערט — זי איז באַלד דערשטיקט געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס. 1920 קומט פּעסקין צוריק קיין ווילנע, וואו ער בלייבט אַ האַלב יאָר. זיין וועג האָט ווידער געפירט קיין פּאַריז. פאַר דעם טרייען בונדישן טוער עפנט זיך אַ ניי בלאַט אין זיין סאָציאַליסטישער טעטיקייט. אין 1922 טרעט ער אַריין אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון פראַנקרייך און זיין אַרבעט גייט פון דעמאָלט אָן אויף צוויי פלאַכן — אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע פון פּאַריז און אין דער אַלגעמיינער סאָצ. פּאַרטיי.

דער אַלטער בונדישער טוער איז געווען אַ מיטגליד פון דער גרעסטער פּאַרטיי־אָפּטיילונג פון דער פראַנצויזישער סאָצ. פּאַרטיי אין פּאַריז, פון וועל־כער ער איז 1938 געוואָרן סעקרעטאַר. ער האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אידייאישן פּאַרטיי־לעבן און פּאָליטישער טעטיקייט. זומער 1931 איז ער געווען באַטייליקט אין דער פראַנצויזישער דעלעגאַציע צום קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ווין. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד פון דער רוסלענדער סאָצ. דעמ. גרופּע.

די דאָזיקע אַרבעט האָט אים נישט אָפּגעצויגן פון זיינע טעטיקייטן אין בונד. ער איז ווייטער אַקטיוו אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע (מעדעם־פאַרבאַנד) און אַרבעטער־רינג. אין די יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער אויך געווען אַ מיטרעדאַקטאָר פון דער בונדישער צייטונג אונזער שטימע אין פּאַריז. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט זכרונות און געשיכטלעכע אַרבעטן וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

אַ מענטש פון הויכער אינטעליגענץ, איידלקייט און טרייהאַפטיקייט אָן גרענעצן צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג בכלל און יידישער בפרט, האָט ער געוועקט צו זיך ליבע און דרך־ארץ. זיין הויכע, שלאַנקע פיגור, דאָס כאַראַקטעריסטישע פּנים, די ערנסטקייט און רואיקייט, די פיינע מאַניערן — דאָס אַלץ האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט צו אים, האָט באַוויזן צוצו־הערן זיך צו זיינע רייד.

ס'איז געקומען די צווייטע וועלט־מלחמה און די דייטשע אָקופּאַציע פון פּאַריז. ווי אין באַגינען פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט דער אַלטער רעוואָלוציאָנער ווידער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אונטערערדישער באַוועגונג. אַזוי האָט ער אומדערמידלעך געאַרבעט 2 יאָר צייט אין דער הויפּט־שטאָט פון פראַנקרייך. דעם 16 יולי 1942 איז די געשטאַפּאָ אים געקומען נעמען. צוזאַמען מיט דער פרוי איז פּעסקינען געלונגען צו אַנט־לויפן קיין טולוז. פון דאָרטן זיינען זיי שפּעטער אַריבער קיין ליאָן. דאָ האָט

יעקב מיטגעאַרבעט אין געהיימען בונדישן קאָמיטעט ביז דעם פֿאַטאַלן 9 פֿעברואַר 1943.

אין יענעם טאָג האָט אים די געשטאַפּאָ אַרעסטירט אין ביוראָ פֿון יידישן קאָמיטעט. מ׳האָט אים אַוועקגעפֿירט קיין דראַנסי. גאָר גיך — דעם 13 פֿעברואַר האָט מען אים אַרויסגעפֿירט קיין אָשוויענטשים. אין דאָזיקן מאָרד־לאַגער האָט מען דעם אַלטן, טרייען בונדיסט באַלד אומגעברענגט. לויט באַקומענע ידיעות, זאָל דאָס האָבן געשען דעם 18 פֿעברואַר 1943. זיין פֿרוי און 2 זין זיינען געבליבן לעבן אין פֿראַנקרייך. די פֿרוי אַנע — אַ טער־טיקע בונדיסטין פֿון די ייִנגסטע יאָרן — איז אין עלטער פֿון 76 יאָר שפּעטער, דעם 22 מאַי 1955, געשטאָרבן אין וויראָפֿלע (פֿראַנקרייך).

ב.: אינפֿאָרמאַציע פֿון דער פֿרוי אַנע (קרעסלאַווקע — פּאַריז) און ד. אַנין (דווינסק — פּאַריז — ניו־יאָרק). דיא אַרבייטער שטיממע, נומ. 21, יאַנואַר 1901 און נומ. 24, אויגוסט 1901 (אומלעגאַל). יעקב פּעסקין: די „גרופּע יידי־שע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין רוסלאַנד" און אַרקאַדי קרעמער (די יידישע סאָציאַ־ליסטישע באַוועגונג ביז דער גרינדונג פֿון „בונד", ייוואָ, ווילנע — פּאַריז 1939); אויך אַרקאַדי (זאַמלבוך), ניו־יאָרק 1942. י. ש. הערץ: די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע, ניו־יאָרק 1954. ל. בערמאַן (לייבעטשקע): אין לויף פֿון יאָרן, ניו־יאָרק 1945.

Я. Пескинъ: Страничка воспоминаній («Голосъ Бунда» №№ 6-7, 30-го сентября, Петроградъ).

י. ש. הערץ

●

# לייבע סטראַדאַל

לייבע סטראַדאַל פֿון האָמעל, מיט זיין הויכער, פֿעסטער פֿיגור, מיט זיין שטענדיק פֿאַראומערטן און דאָך מילדן פּנים, איז געווען אַ בויער פֿון פֿאַך. אָבער בעת איך בין מיט אים באַקאַנט געוואָרן, זומער 1905, איז ער שוין לאַנג געווען אַ נעלם, האָט זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן און נישט געקאָנט טאָן קיין בוי־אַרבעט.

לייבע האָט זיך געמאַכט אַ נאָמען מיט זיין אָנטייל אין זעלבסטשוץ בעתן ערשטן האָמלער פּאָגראָם. אויך מיט דעם נישט־געלונגענעם אַטענטאַט, וואָס ער האָט אויף אייגענער אַחריות געמאַכט אויפֿן האָמלער פּאָליצמייסטער, דעם דעמאָלט באַקאַנטן כליעבניקאָוו. אין האָמעל האָט לייבען געקענט אַ קינד אין וויג. אַלע האָבן געוואוסט ווער ער איז און וואָס ער איז. די גאָ־ראָדאָוואָיעס האָבן אויף אים מיט די פֿינגער געטייטלט. און דאָך האָט ער נאָכן אַטענטאַט כמעט זיך נישט באַהאַלטן. אין אַ וואָך אַרום איז ער שוין אָפֿן אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פֿון האָמעל, פּונקט ווי קיין זאַך וואָלט נישט געשען.

כדי אים צו פֿאַרהיטן פֿון אַ דורכפֿאַל, האָט אים דער קאָמיטעט געשיקט

אַרבעטן אין אַ געהיימער דרוקערײַ. פּאַר אַזאַ לעבעדיקן, באַוועגלעכן מענטשן, ווי לייבע, איז געווען שווער זיך צו פאַרגראָבן אין אַן אונטערערדישער דרוקערײַ, אָפּגעריסן פון אַלץ און פון אַלעמען. אים האָט געצויגן אויף דער בערזע, אויף פאַרזאַמלונגען, צו חברים, און דאָ האָט ער צוליב קאָנספּיראַציע געמוזט טעג און וואָכן זיצן אין שטוב און זיך באַגעגענען נאָר מיטן ׳פּאַרמיט־לער׳, וועלכער האָט געבראַכט געשריבענע פּראָקלאַמאַציעס און פּאַפּיר און האָט זיי אָפּגענומען געדרוקטע. און נאָך אַ זאַך. אַ גרויסער, אַ געזונטער בחור איז ער געווען אָט דער לייבע. ער האָט געדאַרפט אַ סך עסן. דער נאָמען — סטראַדאַל אָדער סטראַדאַליעץ, ווי אַנדערע פלעגן אים רופן, האָט ער אויך באַקומען צוליב זיין גרויסן אַפּעטיט: ער איז אַמאָל צופעליק אַרײַנגע־פאַלן אין טורמע אויף עטלעכע וואָכן, און אַז ער איז אַרויס, האָט מען ביי אים אַ פרעג געטאָן: ווי האָסטו זיך דאָרטן געפילט? האָט ער געענטפערט: איך האָב סטראַדאַיעט — מער ווי דריטהאַלבן פונט ברויט אַ טאָג האָט מען נישט געגעבן... און אָט דער מענטש מיטן גרויסן אַפּעטיט האָט געדאַרפט אַרבעטן אין דער האָמלער געהיימער דרוקערײַ, ביי האָלב־הונגעריקע באַ־דינגונגען. אָבער ער האָט עס געטאָן, ווייל די חברים האָבן געפונען, אַז דאָס איז נויטיק. דער היציקער לייבע האָט פאַרמאָגט אַ דיסציפּלינירטע נאַטור.

דער קאָפּ איז ביי לייבען געווען נישט שטאַרק אַנטוויקלט. מ׳האָט מיר דערציילט, אַז אין אָנהייב זומער 1905, איידער ער איז אַוועק אַרבעטן אין דער דרוקערײַ, איז לייבע געווען אויף ליבערס אַ רעפעראַט וועגן בונד און איסקראַ. אָפּאָנירט האָט דער באַקאַנטער ברוך סטאָלפּנער, וועלכער האָט גערעדט בייסנדיק, מיט שטעך־ווערטלעך, מיט דעמאַגאָגישע שפּיצלעך. אונ־זערע, די מערהייט פון דער אוידיטאָריע, זיינען געווען שרעקלעך אויפגע־בראַכט פון סטאָלפּנערס טאָן. ליבער איז געזעסן אַנגעבויגן איבער אַ נאָטיץ־ביכל און זיין בלייפעדער איז געפלויגן איבערן פּאַפּיר. גייט לייבע צו צו ליבערן, טוט אים אַ צי ביים אַרבל און זאָגט אים שטילערהייט: „האָרעוועט נישט אַזוי מיטן בלייפעדער, חבר! איך וועל אים געבן איין כמאָל, וועט ער פאַרשטומט ווערן, דער הונט״... ליבער האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל: „איך בין זיך נוהג צו ענטפערן אַן אָפּאָנענט מיטן מויל, נישט מיט די הענט״... לייבע איז אָפּגעטרעטן נישט אינגאַנצן צופרידן.

סוף אויגוסט איז לייבע געקומען צום קאָמיטעט און געבעטן, מ׳זאָל אים צונעמען פון דער דרוקערײַ. אויב מען מוז, איז קיין תירוץ נישט, וועל איך בלייבן. אָבער אויב איר האָט מיך מיט וועמען צו פאַרבייטן, גיט מיר אַן אַנדערע אַרבעט. דער קאָמיטעט האָט אים צוגענומען פון דער דרוקערײַ. מ׳האָט אים אָנגעהויבן שיקן אין די נאָענטע שטעט צו אָרגאַניזירן קאַמף־גרופּעס (ב. אָ.). איז אין אַ נאָענטער שטאָט געווען אַ פּאָגראָם־געפאַר, האָט מען געשיקט לייבען אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ. ער פלעגט פאָרן אַמאָל אַליין, אַמאָל מיט אַ פּאָר חברים. און די בלויזע ידיעה, אַז לייבע סטראַדאַל איז געקומען, האָט שוין צוגעגעבן מוט די אָרטיקע אַרבעטער.

לייבע איז געפאַלן אַ קרבן פון זעלבסטשוץ אין רעטשיצע לעבן האָמעל. דאָס איז געווען אין נאָוועמבער 1905, בעת דער צאַריזם האָט אויף דער רויטער

רעוואָלוציאָנערער כוואַליע געענטפערט מיט אַ שוואַרצער כוואַליע פון פּאָ־גראָמען. די רעטשיצער סטאַראָוועראַצעס, פּאַרביסענע שוואַרץ־מאהניקעס, האָבן געמאַכט אַ פּראָוואָקאַציע. זיי האָבן דעפּעשירט אין האָמלער קאָמיטעט פון בונד, אַז אין רעטשיצע איז אַ פּאָגראָם, מ׳זאָל אַרויסשיקן זעלבסטשוץ. איז פון האָמעל באַלד אָפּגעפאָרן אַ גרופּע חברים מיט לייבע סטראַדאַל בראש. צווישן וואָקזאַל און דער שטאָט ליגט אין רעטשיצע אַ שטיק וועג פון אַ פּאָר ווי־אָרסט, מיט ווייניק הייזער און אַ סך פּאַרקאַנעס, וואָס פאַרצוימען פּויערשע פעלדער און גערטנער. בעת די חברים פון זעלבסטשוץ זיינען געגאַנגען פון סטאַנציע אין שטאָט אַריין, האָבן די סטאַראָוועראַצעס גענומען שיסן אויף זיי פון הינטער די פּאַרקאַנעס. צעטומלטע, נישט וויסנדיק פון וואַנען די קוילן קומען, האָבן זיך די חברים געלאָזט לויפן אין אַלע זייטן. דעמאָלט זיינען די סטאַראָוועראַצעס אַרויס פון הינטערן פּאַרקן און האָבן זיך געוואָרפן אויף די חברים מיט מעסערס און אייזנס. די חברים זיינען אַלע געפאַלן טויטע, באַדנדיק זיך אין זייער אייגענעם בלוט. געבליבן לעבן איז צווישן אַנ־דערע מאיר פייגענבערג, וועלכער איז געפאַלן אַ פאַרחלשטער. די מערדער האָבן געמיינט, אַז ער איז טויט און האָבן אים צורו געלאָזט. בעת ער איז געקומען צו זיך, זיינען שוין די סטאַראָוועראַצעס נישט געווען. האָט ער זיך אויף אַלע פיר דערשלעפּט ביז דער סטאַנציע, פון וואַנען מ׳האָט אים אָוועקגעפירט אין שפּיטאָל. פייגענבערג איז געווען אַזוי צעשעדיקט, אַז מ׳האָט אים געמוזט אַראָפּנעמען אַ פוס.

פון אים ווייסט מען אַלע איינצלהייטן פון דער דאָזיקער טרויעריקער געשיכטע. ער האָט דערציילט, אַז אַ צעטומלטער פון די פּלוצלינגע שאָסן, איז לייבע דאָך נישט געלאָפן. אַ שווער־פאַרוואונדעטער האָט ער זיך מיט זיין אייזערנעם שטעקן געוואָרפן אויף די מערדער, וואָס האָבן אים אַרומגע־רינגלט, און זיי האָבן פאַר זיין לעבן טייער באַצאָלט. לייבע סטראַדאַל האָט געלעבט און איז געשטאָרבן ווי אַ העלד. (די צאָל טויטע און פאַרוואונדעטע ח״ח איז געווען בערך 20. צוזאַמען מיט לייבן איז אַכזריותדיק דערהרגעט געוואָרן דער בונדיסט אוזין).

א. ליטוואַק.

●

## סאַלאָמאָן דינצעס

ער איז געווען אַ פריילעכער, אַ רירעוודיקער, אַ קלוגער. ער האָט געהאַט העלע פינקלדיקע אויגן, בלאָנדע האָר און אַן אָנגענעמען קלוגן שמייכל. מען האָט אים ליב געהאַט פאַר זיין איינפאַכקייט, אינטעליגענץ און שאַרפזי־ניקייט. איז געווען אַ גוטער רעדנער, אַ פעאיקער אָרגאַניזאַטאָר, אַ געטרייער חבר. אין די ראַיאָנע שטעט פון ווילנער קאָמיטעט איז ער געווען זייער פּאָפּולער, אַלע האָבן אים געהאַלטן פאַרן בעסטן חבר.

איך האָב זיך מיט אים באַקאַנט אין דער צייט פון דער וואָל־קאַמפּאַניע אין דער צווייטער דומע. ער איז געווען געשיקט פון בונד אין איינע פון די גרעסטע שטעט פון קאָוונער גובערניע. מיר פלעגט אויך אויסקומען דאָרטן

אָפּט צו זיין און אַזוי האָבן מיר זיך אָפּט באַגעגנט אין ווילנע, ווי אויך אויף די סטאַנציעס פון ליבאַוואַ־ראָמנער באַן־ליניע. ער האָט זיך געפילט גוט, די אַרבעט האָט אים אין גאַנצן באַהערשט. מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן פלעגט ער מיר דערציילן ווי פלינק עס גיט זיך אים איין אָפּצונאַרן די פּאָליציי און ווי איין איספּראַווניק האָט אים אויף אַ וואַל־פאַרזאַמלונג איינגעלאַדן צו טרינקען שאַמפּאַניער...

דאָס לעצטע מאָל האָבן מיר זיך באַגעגנט אין קאָשעדאַר, אַ פּונקט־סטאַנציע, וואו עס איז אונז ביידן אויסגעקומען צו בייטן דעם צוג. און סאַ־לאָמאָן האָט מיר דערציילט זיינע פּלענער אויף ווייטער, ווי נאָך דער וואַל־קאַמפּאַניע רעכנט ער אַוועקפאָרן אין דרום־רוסלאַנד און וואָס ער וועט טאָן . . .

ער איז טאַקע אין דרום־רוסלאַנד געפאָרן, נאָר אין קיעוו האָט מען אים אַרעסטירט. און איינמאָל, ווען ער האָט זיך נישט פּאַרזיכטיק געשטעלט ביים פענצטער אָדער האָט זיך געוואָלט דורכריידן מיט אַ חבר, האָט אים דער וואַך־סאָלדאַט דערשאָסן.

ב. וולאַדעק

●

# אייזיק מאיר דעווענישסקי

געבוירן זומער 1878 אָדער 1879 אין שטעטעלע ביניאַקאָן, ווילנער געגנט — דערשאָסן דעם 20 אַפּריל 1919 אין ווילנע.



געשטאַמט פון אַ פאַרצוויגטער, מיוחס־דיקער און לומדישער משפחה. זון פון שמואל און מלכה. דער פאָטער אַ פאַנאַטיש פרומער, די מוטער אַ מער וועלטלעכע. קיין גוט לעבן איז צווישן זיי נישט געווען, הגם זיי זיינען פון פריער געווען גאָר נאָענטע קרובים (ער איז געווען איר פעטער) און זיי האָבן פון קינדווייז אָן זיך אויפגעהאָ־דעוועט אין זעלבן הויז. פרנסה האָבן זיי געצויגן פון אַ קרעטשמע.

אייזיק מאיר האָט באַקומען אַ טראַדי־ציאָנעלע דערציאונג ביי גוטע מלמדים און באַלד אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן. ווען ער איז אונטערגעוואַקסן, האָבן די עלטערן געגומען חלומען וועגן צוגרייטן אים צו ווערן אַ רב. מ׳האָט אים געשיקט לערנען אין די שכנותדיקע שטעט־לעך און שפעטער קיין סמאָרגאָן. אויך דאָ האָט דאָס ייִנגל זיינע טעג פאַר־ברענגט אין בית־מדרש, אָבער שטילערהייט ביי אַ לערער, אַ פּיאָנער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, געלערנט אויך וועלטלעכע לימודים.

דער דאָזיקער לערער (לעווין) האָט אים לסוף אַריינגעפירט אין אַ געהיימען קרייזל פאַר זעלבסטבילדונג, וואָס האָט פאַרמאָגט אַן אייגענע ביבליאָטעק אַן אומלעגאַלע, פאַרשטייט זיך.

סמאָרגאָן איז געווען אַ צענטר פון גאַרבעריי און מיט אַ סך יידישע און ניט־יידישע אַרבעטער. צווישן זיי איז שוין געפירט געוואָרן אַ סאָציאַ־ליסטישע פּראָפּאַגאַנדע. אָפּקלאַנגען פון דעם איז דערגאַנגען צום בית־מדרש־בחור אייזיק מאיר. ער איז געוואָרן באַווירקט פון די פרייע און סאָציאַליסטישע געדאַנקען, אָבער אויסערלעך נישט געביטן דעם לעבנס־שטייגער. פון סמאָרגאָן איז ער אַריבער קיין איישישאָק און פון דאָרטן קיין קאָוונע, וואו ער האָט ווייטער געלערנט אין בית־מדרש. דער בית־מדרש־בחור האָט שוין אויך געמאַכט די ערשטע שרייבערישע פּרוואוון — לידער און דערציילונגען.

אין קאָוונע האָט שפּעטער אייזיק מאיר באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דעם בית־מדרש, דורכמאַכן דעם גימנאַזיע־קורס ווי אַן עקסטערן און פאַרבונדן זיך מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ביים עקזאַמען איז ער דורכגע־פאַלן. ער האָט בלויז באַוויזן צו רעאַליזירן דעם צווייטן וואונטש — זיך פאַרבונדן מיט די פּיאָנערן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג (אַלטער דער בערשטער, אַבראַם דער בערשטער און אַנדערע).

וויקטאָר שולמאַן, וועלכער איז אין יענער צייט געווען נאָענט באַפריינדט מיט דעווענישסקין, דערציילט וועגן אָט דעם קאָוונער פּעריאָד:

„ער איז געווען די צענטראַלע פיגור פון אונזער קרייז. ער, דער שפּעטערדיקער ראָמאַנטיקער פון יידישן נאַציאָנאַליזם, איז דעמאָלט געווען געשטימט מער סאָציאַליסטיש. אים האָבן דער עיקר אינטערעסירט סאָציאַלע פּראָבלעמען. זיינע העברעאישע שירים זיינען געווען דורכגענומען מיט רע־וואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישן פּאַטאָס. מיר פלעגן די שירים אויסלערנען אויף אויסנווייניק, ווייל וואו צו דרוקן האָט ער נישט געהאַט. דער עיקר פלעגט ער אין מיר ‚אַריינזאָגן' די שירים, פלעגט מיך רופן זיין ‚מוזע', ווייל צוליב מיין גוטן זכרון דעמאָלט פלעג איך צו יעדער צייט קאָנען דע־קלאַמירן לייכט אַ ליד, וואָס ער אַליין האָט שוין נישט געדענקט. באַזונדערס פּאָפּולער ביי אונז זיינען געווען זיינע צוויי שירים: ‚המלחמה בנשר' (די מלחמה מיטן אָדלער) און ‚גשמים' (רעגנס): דאָס ערשטע — אַן אַלעגאָרישע פּאָעמע וועגן אַן אויפשטאַנד פון די פויגל קעגן אָדלער, דעם קעניג פון די עופות — זיי ווילן אים מער נישט האָבן פאַר אַ מלך איבער זיך; געשריבן אין אַ שיינעם סטיל, מיט אַ שטאַרקן טעמפּ און ריטם. אין די ‚גשמים' וויינט דער הימל איבער אַלע עוולות און צרות, וואָס די אָרעמע מענטשהייט ליידט אונטן אויף דער ערד".

אייזיק מאיר דעווענישסקי איז באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין חבר אַראָן און זיך אַרויסגערוקט ווי אַ וויכטיקער מסירת־נפשדיקער טוער פון נאָר־וואָס אַנטשטאַנענעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד פון רוסלאַנד און פּוילן.

לאָמיר דאָ פאַרצייכנען אייניקע וויכטיקע עטאַפּן פון זיין בונדישער טע־

טיקייט: געווען טעטיק צווישן די בערשטער און אַ צייט אַנטייל גענומען אין רעדאַגירן זייער אָרגאַן — דער וועקער. געווען אַ מיטגליד פון בונדישן קאָמיטעט אין קאָוונע און געווירקט ווי אַן אויסגעצייכנטער אָרגאַניזאַטאָר און פּראָפּאַגאַנדיסט אויך אין די אַרומיקע שטעט. ווען ס׳איז געוואָרן געפערלעך צו בלייבן ווייטער אין קאָוונע, שיקט אים די פּאַרטיי אין אַ ריי שטעט פון ליטע און ווייס־רוסלאַנד. סוף זומער 1899 האָט מען אים אַרעסטירט מיט אַ טראַנספּאָרט אומלעגאַלער ליטעראַטור אויפן ווילנער וואָקזאַל. אָפּגע־זעסן איז חבר אַראָן אין ווילנער טורמע בערך דריי פערטל יאָר ביז מ׳האָט אים אַרויסגעלאָזט אונטער פּאָליצײ־השגחה. כדי ווייטער צו קאָנען זיין טעטיק אין דער באַוועגונג, האָט ער אָנגעהויבן צו לעבן ווי אַן אומלעגאַלער — אונטער אַ פרעמדן נאָמען. ער גייט אַריין אין ווילנער קאָמיטעט פון בונד און באַטייליקט זיך אין דער אונטערערדישער אַרטיקער צייטונג קלאַסן־קאַמף. בעת די גרויסע אַרעסטן אין יאַנואַר 1901 איז אויך חבר אַראָן גע־נומען געוואָרן. פון ווילנע האָט מען אים באַלד אַוועקגעפירט קיין מאָסקווע. נאָכן אָפּזיצן כמעט אַ יאָר אין אַ מאָסקווער טורמע, איז ער אָנהויב 1902 פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר אויף צוויי יאָר. פרילינג 1904 האָט דער פאַרשיקטער רעוואָלוציאָנער זיך אומגעקערט אַהיים. אין די ווייטערדיקע חדשים פון זעלבן יאָר האָט דעווענישסקי פאַרברענגט אין זאַקאָפּאַנע, בער־לין און בערן.

פרילינג 1905 קומט ער צוריק קיין ווילנע און וואַרפט זיך ווידער אַריין מיט ברען אין דער בונדישער באַוועגונג. ער גט זיך דעמאָלט מיט זיין פרוי — ווייל זיי האָבן „זיך גייסטיק צעשיידט" — און גיט אָפּ זיין גאַנצע נשמה דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף. זומער 1905 שיקט אים די פּאַרטיי אין גרויסן אַרבעטער־צענטר לאָדזש. וועגן דעוועניששקיס שטימונגען אין לאָדזש דערציילט ב. מיכאַלעוויטש:

„צו יענער צייט איז ער שוין געווען אָנגעשטעקט מיט מאָדערניזם און ער האָט אָנגעשריבן אַ בלעטל צו דער אינטעליגענץ אין יענעם נוסח. דאָס איז געווען זייער אָריגינעל געשריבן פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן אויפרוף און טאַקע דערפאַר איז עס דורכגעפאַלן אין קאָמיטעט. די רעוואָלוציאָנערע קרייזן זיינען פון תמיד־אָן ׳קאָנסערוואַטיוו׳ בנוגע עסטעטישע באַגריפן און ליטעראַרישן געשמאַק. צוליב די זעלבע טעמים זיינען דורכגעפאַלן אויך זיינע פּראָיעקטן פון יידישע בלעטלעך. בכלל איז ער נישט געווען קיין מאַסן־טוער. אים האָט שוין אינעווייניק גענאָגט אַ וואָרעם פון ספקות און ער האָט זיך שוין געגריבלט און געזוכט עפּעס נייעס, אומבאַקאַנטעס, אומבאַשטימ־טעס. דער זעלבער זוכער און גריבלער איז ער פאַרבליבן ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן. ער פלעגט אויף זיך נעמען אַן אַרבעט, פלעגט אָבער גלייך צווייפלען אין זיינע פעאיקייטן זי אויסצופירן און פלעגט קיינמאָל נישט זיין באַפרידיקט מיט קיין אָפּגעטוענער זאַך. אַ צופרידענער פלעגט ער בלויז קומען נאָך די געשפרעכן מיט די יוגנטלעכע, וואו פאַר אים פלעגן זיך אַנט־פּלעקן די שיינקייטן פון דער מענטשלעכער נשמה, נאָך נישט געבראָכן און פאַרוואונדעט דורך דעם האַרטן לעבן..."

בלויז אַ קורצע צייט האָט ער פֿאַרבריינגט אין לאָדזש. אין אויגוסט 1905 איז ער שוין צוריק אין ווילנע, וואו ס'איז אים באַשערט געווען צו שפּילן אַ גרויסע ראָל אין די רעוואָלוציאָנערע אָקטאָבער־טעג. שוין אויסער־לעך האָט ער געקענט מאַכן אַן איינדרוק. אַ הויכער און אַ שלאַנקער, מיט אַ הויכן און ברייטן שטערן, מיט פֿעסט פֿאַרמאַכטע ליפּן און שטאָלצן בליק, האָט ער באַלד געמאַכט אַן איינדרוק פֿון אַן ערנסטן מענטש. זיינע ענערגישע און שאַרפֿע רייד אויף די פֿאַרזאַמלונגען זיינען געווען וואַגיקע און באַווירקט די צוהערער. חבר אַראָן איז דעמאָלט געוואָרן זייער פּאָפּולער אין שטאָט.

די רעוואָלוציע־כוואַליעס האָבן ברייט געפּליצט איבער די גאַסן און פּלעצער פֿון ווילנע. חבר אַראָן האָט גערעדט פֿאַר פֿיל טויזנט־קעפּיקע מאַסן — יידן און קריסטן. ער האָט גערעדט יידיש, פּויליש און רוסיש — גערעדט קלאָר און האַרציק. אים האָט דער בונד אָנפֿאַרטרויט צו האָבן השגחה אויף די גרויסע מאַסן־אַרויסטרעטונגען אין יענע רעוואָלוציאָנערע טעג. און ווען די פֿאָלקס־פֿיינטלעכע צאַרישע מאַכט האָט גענומען דערטרינקען אין בלוט דעם פֿרייהייט־דראַנג און ענטוזיאַזם פֿון פֿאָלק און ס'זיינען געפֿאַלן אַ סך קרבנות (16 אָקטאָבער), איז ווידער חבר אַראָן געווען דער, וואָס האָט פּראָטעסטירט ביי די שפּיצן פֿון דער צאַרישער מאַכט און ביי דער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג פֿון ווילנע. ער האָט עס געטאָן, כדי צו פֿאַרהיטן פֿון ווייטער־דיקע בלוט־פֿאַרגיסונגען און צו קאָנען דורכפֿירן אומגעשטערט די דעמאָנ־סטראַטיווע מאַסן־לוויה. אין יענע טעג האָט אים דאָס פֿאָלק געקרוינט מיטן נאָמען: „דער אמתער גובערנאַטאָר פֿון ווילנע״. אונטער זיין אָנפֿירונג זיי־נען דעם 17 און 18 אָקטאָבער דורכגעפֿירט געוואָרן בשלום די לוויות פֿון די רעוואָלוציע־קרבנות. זיין רעדע אויף אַ ספּעציעל־גערופֿענער זיצונג פֿון דער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג האָט באַוואויגן די אָפּיציעלע מנהיגים פֿון שטאָט צו שיקן אַ דעלעגאַציע צו דער גרויסער לוויה דעם 17 אָקטאָבער.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און די צאַרישע מאַכט האָט נאָכן מאַני־פֿעסט פֿון 17 אָקטאָבער, וואָס זי איז געווען געצוואונגען צו געבן, גענומען איבערגיין צו אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן אָנגריף. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע כוואַליע אַרעסטן. חבר אַראָן, וועמען ס'האָבן אין ווילנע שוין געקענט יינג און אַלט, ייד און קריסט, האָט געמוזט אַוועק. ער פֿאָרט קיין מינסק. ביים בונד האָט דעמאָלט עקזיסטירט אַ קאָמיסיע מיטן נאָמען „מים״ (וואַסער). איר אויפֿגאַבע איז געווען צו אָרגאַניזירן אויף די ערטער קאַמף־דרוזשינעס און זיי באַזאָרגן מיט געווער. דאָס איז געווען נאָכן מאָסקווער אויפֿשטאַנד (דעצעמבער 1905) און אין די אַרבעטער־פּאַרטייען איז געווען פֿאַרשפּרייט אַ מיינונג, אַז מען וועט אין לאַנד דאַרפֿן קומען אין אַן אָפֿענעם באַוואָפֿנטן צוזאַמענשטויס מיטן הערשנדיקן רעזשים. ווען אַ שליח פֿון דער קאָמיסיע — לייבעטשקע בערמאַן — איז געקומען צום מינסקער קאָמיטעט פֿון בונד, איז חבר אַראָן שאַרף און אַנטשידן אַרויסגעטרעטן קעגן די „בונטאַרישע פּלענער״ פֿון צ. ק. און זיין שטעלונג איז טאַקע אָנגענומען געוואָרן דורכן מינסקער קאָמיטעט.

מערץ־אַפּריל 1906 געפֿינט זיך חבר אַראָן אויף דער זיבעטער קאָנפֿע־

רענץ פון בונד, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין בערן (שווייץ). איינע פון די וויכטיקסטע פראַגן, וואָס די קאָנפערענץ האָט באַהאַנדלט, זיינען געווען די באַדינגונגען, לויט וועלכע דער בונד זאָל צוריק אַריינטרעטן אין דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. ס'זיינען געווען צוויי פליגלען: „וויכע" און „האַרטע". צוזאַמען מיט בראָניסלאַוו גראָסער, א. ליטוואַק און אַנדערע האָט ער געהערט צו די „האַרטע", וואָס זיינען געווען ווייניקער נאָכגיביק.

נאָך דער קאָנפערענץ איז חבר אַראָן אוועקגעפאָרן קיין גאַליציע, וואו ער איז אַ צייט געווען טעטיק אין זש. פּ. ס. (גאַליציאַנער בונד) און געשריבן אין דער דאָרטיקער צייטונג דער סאָציאַל־דעמאָקראַט.

אַ שטימונגס־מענטש, אַ זוכער און גריבלער, האָט דעווענישסקי גע־וועגדט זיינע פאַראינטערעסירונגען צו ליטעראַטור. די פּראַקטישע טאָג־טעגלעכע פּאַרטיי־אַרבעט לאָקט אים מער נישט. זומער 1906 קומט ער צוריק קיין רוסלאַנד מיטן באַשלוס זיך ערנסט נעמען צו ליטעראַרישע שאַפונגען. דעם ערשטן אָנהויב מאַכט ער אין דער בונדישער פאָלקס־צייטונג (10/23 נאָוועמבער 1906) מיט אַ נאָוועלע — אין וועג. ער שרייבט זיך אונ־טער צום ערשטן מאָל מיט אַ נייעם פּסעוודאָנים — א. ווייטער. דער פּסעוו־דאָנים האָט געהאַט אַ מיין.

ס'איז כדאַי איבערצוגעבן אַ געשפּרעך, וואָס ס'האָט דעמאָלט מיט אים געהאַט דער רעדאַקטאָר פון דער פאָלקס־צייטונג — וולאַדימיר קאָ־סאָווסקי:

„ווייטער' איז געווען אַ מענטש מיט טאַלאַנט, אָבער מיט גרויסע אַמביציעס. איינמאָל איז ער געקומען צו מיר אין רעדאַקציע און פאָרפירט אַ געשפּרעך וועגן מיטאַרבעט. איך האָב אים געזאָגט: אדרבא, שרייבט. מיר וועלן אייך דרוקן מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, פאַרשטייט זיך, אויף וויפל אייערע אַרטיקלען וועלן נישט זיין קעגן דער ריכטונג פון דער 'פאָלקס־צייטונג'. ער האָט אָבער דערויף קיין דירעקטן ענטפער מיר נישט געגעבן, נאָר האָט עפּעס אָנגעהויבן צו ריידן וועגן דעם, אַז ער איז אַ 'האָם דע לעטר' (ליטעראַט). דאָס וואָרט האָט געזאָלט באַדייטן אין יענעם צוזאַמענ־האַנג, אַז ער איז נישט אַבי ווער. איך האָב אים פאַרשטאַנען: ער האָט געוואָלט שטעלן אַלס אַ תנאי פון זיין מיטאַרבעט, ער זאָל אָנגענומען ווערן אין דער רעדאַקציע־קאָלעגיע. איך האָב אָבער זיין נישט בפירוש אויסגע־דריקטן, אָבער קלאָרן וואונטש נישט געקאָנט דערפילן שוין דערפאַר אַליין, ווייל דאָס האָט זיך גאָרנישט געווענדט פון מיר. אַזוי איז פון דער מעשה גאָרנישט אַרויסגעקומען".

נישט געקוקט אויף דעם האָט א. ווייטער פון צייט צו צייט געדרוקט זיינע ליטעראַרישע זאַכן אין דער בונדישער פּרעסע, ווי אויך אַן אַרטיקל וועגן גאַליציאַנער בונד. אונטערן פּסעוודאָנים אַנין האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דער פאָלקס־צייטונג קאָרעספּאָנדענציעס פון דער פּראָווינץ און אונטערן פּסעוודאָנים דע — איז אין בונדישן פאַרלאַג די וועלט 1907 אַרויס זיין בראָ־שור דאָס 48סטע יאָר אין פראַנקרייך. סוף אָקטאָבער 1907 האָט די צאַרישע

מאַכט ענדגילטיק ליקווידירט די טעגלעכע בונדישע פּרעסע. איז מען צו־געטרעטן אַרויסצוגעבן אַ וואָכנבלאַט דער מאָרגנשטערן. די רעדאַקציע איז באַשטאַנען פון 4 חברים — וולאַדימיר מעדעם (רעדאַקטאָר), איסיי יודין־אייזענשטאַט, דוד זאַסלאַווסקי און א. ווייטער. דער לעצטער איז באַשטימט געוואָרן פאַרן רעדאַקציע־סעקרעטאַר און זיין דירה איז געווען דאָס געהיימע זיץ־אָרט פון רעדאַקציע־קאָלעגיע. דאָס איז געווען זיין לעצטע אַרבעט אין בונד. די צייטונג איז גיך דערשטיקט געוואָרן (אַרויס סך־הכל דריי נומערן) און א. ווייטער האָט זיך אין גאַנצן דערווייטערט פון דער באַוועגונג.

דער פריערדיקער פּאַרטיי־טוער איז געוואָרן פאַרטון אין ריין ליטעראַ־רישע אַרבעטן, זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט שאַפן אַ גוט יידיש טעאַטער און בכלל מיט פאַרשיידענע קולטור־ענינים. ווען אין 1908 איז אין טשער־נאָוויץ אָפּגעהאַלטן געוואָרן די יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ, האָט זי באַשטימט, אַז א. ווייטער זאָל זיין איר פאַרטרעטער אין ווילנע. ער האָט געשריבן אין דער טאָג־צייטונג דער פריינד און אין ליטעראַרישע אויסגאַבעס. פון זיין פען זיינען אַרויס דריי דראַמעס — פאַרטאָג, אין פייער (ביידע אין בונדישן פאַרלאַג די וועלט) און דער שטומער (אין קלעצקינס פאַרלאַג). די דראַמעס זיינען שטאַרק קריטיקירט געוואָרן. דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט זיינע ספקות בנוגע זיך אַליין.

פאַר א. ווייטערס שטימונגען אין יענער צייט זיינען כאַראַקטעריסטיש זיינע אייגענע ווערטער אין אַ בריוו צו מענדל עלקין, אין יאָר 1911:

„איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געבויט. אַלע מאָל צעשטערט. כסדר צעשטערט”... „עס איז פּשוט אַן אימה, וואָס אין מיטלמעסיקער מענטש קען צעשטערן אויף זיין לעבן!.. און קיין זאַך נישט געבויט”... „נו, און מיין שרייבן ביז אַהער איז אויך נישט קיין בויען. וואָס אַזוינס וועל איך ווייטער שרייבן, בין איך נאָך אויך מסופק צי וועט דאָס זיין אַ בנין. האָב איך קיין הויז נישט געבויט, קיין גייסטיקע בנינים אויך נישט. צע־שטערט האָב איך. ציט מיר דאָס האַרץ כמעט קרענקלעך, כמעט מיט משוגעת עפּעס אויסצובויען”.

און נאָר ביי אַזאַ שטימונג איז מעגלעך געווען, אַז דער אַמאָליקער שטאָלצער רעוואָלוציאָנער זאָל זיך אַליין גיין צושטעלן צו דער צאַרישער זשאַנדאַרמעריע, וואָס האָט אים אַרומגעזוכט פאַר די אַלטע רעוואָלוציאָנערע „חטאים”. ס'איז אים מיאוס געוואָרן דאָס לעבן פון אַן אומלעגאַלן, ער האָט מער נישט געהאַט קיין אינערלעכן כוח פאַר דעם. אין 1912 האָט א. ווייטער זיך איבערגעגעבן דעם שונא אין די הענט. נאָכן אָפּזיצן חדשים אין ווילנער לוקישקער טורמע איז ער פאַרשיקט געוואָרן אויף דריי יאָר אין סיביר.

די פאַרשיקונג האָט זיך געענדיקט אין 1915, אָבער סיביר האָט א. ווייטער פאַרלאָזט ערשט אין 1917, נאָכן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע. די פאַרשיקונג האָט ווייטערן דערדריקט. מענטשן, וואָס האָבן אים אין 1917 געזען אין פּעטראָגראַד, האָבן אים ממש נישט דערקענט. אַזוי שטאַרק געביטן האָט ער זיך.

דעם 27טן נאָוועמבער 1918 איז א. ווייטער צוריק געקומען קיין

ווילנע, צו דער היימישער שטאָט, נאָך וועלכער ער האָט כסדר געבענקט צוזאַמען מיט ש. ניגערן האָט ער אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ זשורנאַל די וואָן ער לעבט צוריק אויף און טראַכט וועגן פאַרשיידענע פּלענער אויפן ליטעראַרישן און קולטורעלן געביט. ס'איז אים אָבער נישט באַשערט געווען.

דעם 20טן אַפּריל 1919, נאָך 10 אַזייגער אין דער פרי, איז א. ווייטער דערשאָסן געוואָרן דורך דער צעיושעטער פּוילישער סאָלדאַטעסקאָ, וואָס האָט נור־וואָס פאַרנומען ווילנע. זי האָט קאַלטבלוטיק־מערדערלעך, אָן שום סיבה, אומגעבראַכט אַ מענטש, וואָס האָט געהאַט אַזוי פיל ליבע און סימפּאַטיע פאַרן פּוילישן פאָלק און זיין קולטור; אַ מענטש, וואָס האָט געקעמפט „פאַר אונזער און אייער פרייהייט”...

ב.: א. ווייטער: כתבים, ווילנע 1923. ווייטער-בוך, ווילנע 1920. וויקטאָר שולמאַן: באַגינען (אונזער צייט, מערץ 1945 ניו-יאָרק). זלמן רייזען: לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע, ערשטער באַנד, ווילנע 1928. ב. מיכאַלעוויטש: זכרונות פון אַ יודישען סאָציאַליסט, ערשטער באַנד, וואַרשע 1922. ל. בערמאַן (לייבעטשקע): אין לויף פון יאָרן, ניו-יאָרק 1945. וולאַדימיר מעדעם: פון מיין לעבען, צווייטער באַנד, ניו-יאָרק 1923. וו. קאָסאָווסקי: די ערשטע לעגאַלע בונדישע פּרעסע (רויטע שליאַכן, וואַרשע 15 מערץ 1931). ווילנע, ניו-יאָרק 1935.

י. ש. הערץ

●

# דוד קאַסטעל

געבוירן 18 יאַנואַר 1881 אין מינסק — געשטאָרבן 12 מאַי 1935 אין וואַרשע.

דער פאָטער שמחה האָט געשטאַמט פון רייכע עלטערן, וואָס זיינען שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן. מחמת דעם איז ער געוואָרן אַ בעל־מלאכה, אַ שוסטער. ביז זיין טיפן עלטער געלעבט אין דחקות. געווען אַ פרומער ייד און אַ משכיל. שמחה שוסטער האָט געשמט מיט זיין רייכער ביבליאָטעק פון רעליגיעזע און וועלטלעכע ספרים. אָפט געהונגערט מיט דער משפחה, אָבער כסדר צוגעקויפט נייע ביכער. זיין פּריוואַטע ביבליאָטעק איז געווען אָפן פאַר הונדערטער קלויזניקעס און סתם בחורים, וואָס האָבן געדורשט נאָך וויסן. אויף די



עלטערע יאָרן איז שמחה אַוועק קיין יעקאַטערינאָסלאַוו און געוואָרן אַ מלמד. ווען ער איז אין אַ צייט אַרום צוריקגעקומען אַהיים קיין מינסק, האָט ער שוין זיין ביכער־אוצר, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט במשך אַ האַלבן יאָרהונדערט, נישט געטראָפן. זיין ווייב פייע האָט די ביכער פאַרקויפט און פון דעם זיך מפרנס

געווען. דאָס האָט אים דערשיטערט. דעם צער האָט ער געטראָגן ביזן סוף פון לעבן.

זיין זון דוד האָט פון טאַטנס אָרעמער שטוב אַרויסגעטראָגן אַ גרויסע ליבע צום בוך. געלערנט האָט ער בלויז אין חדר און גאָר יינג געוואָרן אַן אַרבעטער, אַ בערשטער, ווי זיין ברודער מאָטקע. א סך געלייענט און געטראַכט, און אויך זיך אָנגעשלאָסן אין דער אויפוואַכנדיקער מחנה יידישע אַרבעטער. ער געפינט זיך אין די רייען פון די ערשטע בונדיסטן.

זיין בן־עיר, דער דיכטער א. ליעסין, דערציילט וועגן אים פון דער ערשטער תקופה:

„אָט זע איך אים פאַר זיך, מיטן אידעלן פנימל, מיט די ברוינע האָר און די ברוינע אויגן — פאַרחלומטע אויגן. אַזאַ דינער גוף און אַ נערוון־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען נאָך דינער. אויף אַלץ פלעגט זיך זיין האַרץ אָפּרופן, און פון האַלבן וואָרט פלעגט ער אַלץ אויפכאַפּן. פון אַלע פראַגן האָט ער זיך אינטערעסירט מער פון אַלץ מיט ליטעראַטור און פּאָעזיע. ער איז געקומען פון זייער אַן אָרעמען הויז און זייער פרי איז ער אַוועק אין בערשטל־פאַבריק. דאָך האָט ער שוין דעמאָלט פאַרשטאַנען פושקינען און לערמאָנטאָוון — פאַרשטאַנען אינטואיטיוו־בעסער איידער פיל אַנדערע, וואָס זיינען געקומען פון הרחבה, פון אַ גוטן לעבן, פון גוטע לערער, און האָבן געטראָגן די מעשענע גימנאַזיסטישע קנעפּלעך".

און אַ צווייטער בן־עיר, דער בונדישער פירער וולאַדימיר מעדעם, שילדערט אים אַזוי:

„ער האָט דעמאָלט פּרובירט שרייבן לידער, און מען האָט אים אַריינגענומען אין די ליטעראַרישע גרופּע. דער עולם פלעגט וועגן אים זאָגן מיט אַ שמייכל: אַ מאָדנער בחור! אַז ער קומט אויף אַ פאַרזאַמלונג אין וואַלד, איז ער נישט גלייך מיט אַלעמען. אַלע זיינען פאַראינטערעסירט אין דער פאַרזאַמלונג, ער אָבער שפּרייזט אַרום מיט אַ פריינט, אַ פאַרחלומטער און רעדט עפּעס משונהדיקע זאַכן: וועגן ביימער, וועגן פייגעלעך... דער דאָזיקער יינגער ליבהאָבער פון דער נאַטור איז טאַקע שפּעטער געוואָרן אַ באַוואוסטער יידישער שרייבער: דוד קאַסעל".

בעת דער מאָסקווער אָכראַנע־שעף זובאַטאָוו האָט אין אַ ריי שטעט דורכגעפירט מאַסן־אַרעסטן פון בונדיסטן, איז אויך קאַסעל פאַרנומען געוואָרן און איז געזעסן אין מאָסקווער טורמע 3 חדשים.

דער „פאַרחלומטער בחור", הגם אַן אינטעליגענטער אַרבעטער, איז קיין אַרבעטער־טוער נישט געוואָרן. אים האָט געצויגן צו ליטעראַרישער שאַפונג. ער שרייבט לידער. שוין סוף ניינצטן יאָרהונדערט ווערן זיינע לידער געדרוקט אין אונטערערדישע בונדישע אויסגאַבעס. שפּעטער האָט ער געשריבן דערציילונגען און אַנדערע פראָזע־ווערק. ער אַרבעט מיט אין דער בונדישער פאָלקס־צייטונג און פאַרלאַג די וועלט אין ווילנע. אין דאָזיקן פאַרלאַג איז דערשינען זיין דערציילונג מאַירקע פון קליינעם בונד (אַרויס אויך אין רוסיש, דייטש און דעניש), וואָס איז געוואָרן זייער פּאָפּולער.

אין די יאָרן נאָך דער ערשטער רוסלענדער רעוואָלוציע (פון 1910

ביזן סוף פון זיינע טעג האָט ער געלעבט אין וואַרשע, וואו ער איז געווען אַריינגעטון אין זיין ליטעראַרישער עבודה. ער איז געווען באַשעפטיקט אין יידישע פאַרלאַגן. אַחוץ שאַפן אייגענע ווערק, האָט ער איבערגעזעצט, באַאַרבעט און רעדאַגירט אַ זייער גרויסע צאָל ביכער פון דער וועלט־ליטעראַטור — פאַר קינדער און דערוואַקסענע. ער האָט אויך פאַרפאַסט עטלעכע כרעסטאָמאַטיעס.

פון צייט צו צייט האָט ער געדרוקט זיינע זאַכן אין די בונדישע וואַרשעווער אויסגאַבעס — לעבענס־פראַגען, פאָלקס־צייטונג, אַרבעטער־לוח און אַנדערע. דאָ האָט ער געשריבן אונטער זיין אייגענעם נאָמען אָדער אונטערן אַלטן פסעוודאָנים — אַרנאָלד (אויף די איבערגעזעצטע ביכער פיגורירן פאַרשיידענע אַנדערע פסעוודאָנימען). אין די וועכנטלעכע לעבענס־פראַגען בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט קאַסעל געדרוקט אַן אויטאָביאָגראַפישע דערציילונג — משהלעס קינדער־יאָרן.

אַ שטילער מענטש, אַריינגעטון מיט אַלע חושים אין ריין ליטעראַרישע אַרבעטן, איז ער אַקטיוו אין דער בונדישער באַוועגונג נישט געווען, אָבער זיין נאָענטע און וואַרעמע באַציאונג צום בונד האָט ער אָנגעהאַלטן ביזן לעצטן אָטעם. ער האָט איבערגעלאָזט צוויי זין — פון דער ערשטער (דיכטערין שרה רייזען) און צווייטער פרוי.

ב.: א. ליטווין: יודישע נשמות, באַנד 3, ניו־יאָרק 1917. זלמן רייזען: לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פרעסע און פילאָלאָגיע, דריטער באַנד, ווילנע 1929. אברהם ליעסין: זכרונות און בילדער, ניו־יאָרק 1954. וולאַדימיר מעדעם: פון מיין לעבען, ערשטער באַנד, ניו־יאָרק 1923.

י. ש. ה.

●

# ישראל פלאַווסקין

חבר יאסקע (זיין נאָמען אין דער באַוועגונג איז געווען יאָסקע גאַרבער) איז געשטאָרבן אין פּאַריז דעם 5טן יאַנואַר 1938 אין עלטער פון 55 יאָר. נאָך אַלס יינגל פון אַ יאָר 15־16, אַרבעטנדיק אין דער גאַרבעריי פון זיין פאָטער אין ביאַליסטאָק, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן צום בונד און איז אים טריי געבליבן ביז צו זיין טויט.

אַ קינד פון פאַרמעגלעכע עלטערן, האָט ער געאַרבעט אין דער גאַרבעריי פון זיין פאָטער ווי אַ פּראָסטער אַרבעטער, ווייל עס האָט אים געצויגן צו די אַרבעטער, ווייל ער האָט געוואָלט זיין ביי זיי און מיט זיי. נישט ערשט פון ביכער און בראָשורן האָט ער זיך דערוואוסט ווי מוראדיק דער אַרבעטער ווערט אויסגענוצט. ער האָט עס געזען מיט די אייגענע אויגן אַרום זיך יעדן טאָג. די נאַטור האָט געהאַט באַשאָנקען יאָסקען מיט אַ פייערדיקן טעמפעראַמענט און מיט אַ גרויסן פיזישן כוח. פרי האָט זיך אין זיין יינגער נשמה אָנגעזאַמלט אַ מעכטיקער פייער פון פּראָטעסט קעגן דעם אומרעכט, וואָס ער האָט געזען אַרום זיך, און דער ביאַליסטאָקער בונדישער אָרגאַניזאַציע,

וואָס האָט גוט געוואוסט ווי צו שאַצן זיין כוח, האָט געקאָסט גרויס מי צו האַלטן זיין טעמפּעראַמענט אין געוויסע ראַמען.

נאָך דעם ווי ער ווערט אין ביאַליסטאָק צו שטאַרק באַקאַנט דער פּאָליציי, פאָרט ער אַריבער קיין וואַרשע, וואו ער אַרבעט אַלס פּראָפּעסיאָנע־לער טוער אין רשות פון וואַרשעווער קאָמיטעט. ער איז אומדערמידלעך: אין אַ דעמאָנסטראַציע — אין דער ערשטער ריי; אויף דער בירזשע אויף דזשיקע גאַס אָנבערכן די ביינער אַ שפּיאָן — דאָס קען קיינער נישט אַזוי „פּאַכמעניש״ ווי יאָסקע; אָפּשלאָגן אַן אַרעסטירטן חבר — דאָס איז ביי יאָסקען אַן ערן־זאַך. אין וואַרשע פאַלט ער אַריין, און די שפּיאָנען וועלכע האָבן לאַנג געלויערט אויף אים און געהאַט מיט אים ספּעציעלע חשבונות, וואַרפן זיך אויף אים מיט אַ ווילדער רציחה. אַ צעבלוטיקטער ליגט ער חדשים לאַנג אין אַן איינצל־קאַמער אין פּאַוויאַק און מען האַלט זיין צו־שטאַנד פאַר האָפענונגסלאָז. אָבער זיין קרעפטיקער אָרגאַניזם האַלט אויס. און ווען ער גייט אַרויס אויף דער פריי, איז ער ווידער פול מיט מוט און לעבן.

ער ווערט געשיקט פון צענטראַל־קאָמיטעט קיין דרום־רוסלאַנד, אַרבעט אַלס מיטגליד פון בערדיטשעווער ראַיאָן־קאָמיטעט און שפּעטער אין זעלבסט־שטענדיקן וואָלינער־פּאָדאָליער ראַיאָן־קאָמיטעט פון בונד. טאָג און נאַכט ווייסט ער נישט פון קיין אָפּרו, פאָרט אַרום איבער אַלע קלענערע שטעט און שטעטלעך פון וואָלין, פּאָדאָליע און בעסאַראַביע, שטעלט אויף בונדישע אָרגאַניזאַציעס, פאַרבינדט זיי מיטן צענטער. זיין ליבלעך פּנים שטראַלט יעדעס מאָל פון פרייד, ווען ער קען באַריכטן וועגן ניי־אַנטשטאַנענע אָרגאַ־ניזאַציעס אין יענעם דעמאָלט אַזוי אָפּגעשטאַנענעם ראַיאָן.

אַזוי האָט יאָסקע געברענט אין אונזער באַוועגונג ביז אַרום 1907.

אין 1908 קומט ער קיין אויסלאַנד און באַזעצט זיך אין פּאַריז. ער טרעט אַריין אין דער בונדישער גרופּע. ביי יאָסקען שלאָפט אויף אַ מינוט נישט אין זיין ליידנשאַפטלעכער אינטערעס צו דער רעוואָלוציאָנערער באַ־וועגונג און ביי יעדער באַגעגעניש מיט אים פילט זיך זיין געטרייקייט און די חברשע האַרציקייט, וואָס האָט אים אַלעמאָל אַזוי אויסגעצייכנט.

אין די יאָרן פון ערשטן וועלט־קריג ווייזט זיך יאָסקע אַרויס אַלס איינער פון די בעסטע קענער פון לעדער־פאַך. ער ווערט צוגעצויגן צו באַ־ראַטונגען ביי אָפיציעלע פראַנצויזישע אינסטיטוציעס. זיינע פעאיקייטן און קענטעניש רופן אַרויס גרויס אינטערעס און באַוואונדערונג. אָבער נישט דאָס האָט ער געזוכט אין לעבן. ער נוצט קיינמאָל נישט אויס די מאַ־טעריעלע מעגלעכקייטן, וואָס זיינע פאַרבינדונגען באַשאַפן אים.

ביז צו זיינע לעצטע טעג איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן אין אים זיין גרויסע ליבע צום בונד. אין זיינע געדאַנקען פלעגט ער זיך שטענדיק אומ־קערן צו די יאָרן פון העראָאישן קאַמף אין ביאַליסטאָק, וואַרשע, וואָלין און פּאָדאָליע, וואו ער האָט געאַרבעט.

ס. ד. שטשופּאַק

●

# נתן דוד הערמאַן

געבוירן יוני 1876 אין וואַרשע — געשטאָרבן 8 מאַי 1937 אין ניו־יאָרק.

אַ זון פון אַ שטרענג־רעליגיעזער, חסידישער פאַמיליע. פון מוטערס צד געהערט צו דער רבנישער משפחה פון וואַרשעווער ראש בית־דין ר׳ זאַנוועלע קלעפפיש (ה. געווען אַ קוזין פון אינזשיניער מיכאל קלעפפיש, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל ביים אָרגאַניזירן דעם וואַרשעווער געטאָ ־ אויפשטאַנד). דער פאָטער איז געזעסן יום ולילה און געלערנט. פרנסה האָט ער געהאַט פון האַנדל מיט אַנטיקן און איז געווען פאַרמעגלעך. די מוטער איז געווען אַן איינגייערין אין פוילישע אַריסטאָקראַטישע הייזער און דאָרטן אָפּגעקויפט טייערע, געטראָגענע מלבושים.



דער יינגער דודל האָט געלערנט פריער אין חדר ביי די בעסטע מלמדים און נאָך דעם אין בית־מדרש, וואו ער איז צו 15 יאָר „קאַליע" געוואָרן. בשתיקה האָט ער געלערנט וועלטלעכע לימודים. מיט אַ יאָר שפּעטער האָט ער אינגאַנצן פאַרלאָזט די בית־מדרש־באַנק און זיך אָנגעהויבן לערנען אַ פאַך — קאַמאַשנשטעפּעריי. אַ יאָר צייט האָט ער דערביי געאַרבעט. אין עלטער פון 18 יאָר האָט ער אָנגעהויבן פאַרברענגען אין אַ קרייז פון וואַרשעווער משכילים אַסימילאַטאָרן, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום פּרעדיקער פון דער וואַרשעווער סינאַגאָגע — יצחק צילקאָוו. דער יינגער משכיל האָט געמאַכט ליטעראַרישע פּרוּוון אין פויליש און העברעאיש. אַדאַנק דער הילף פון פריער־דערמאַנטן קרייז האָט הערמאַן באַקומען אַ מעגלעכקייט צו פאָרן קיין קראָקע שטודירן.

ס׳האָבן זיך אויך אַנטפּלעקט זיינע אַרטיסטישע נייגונגען. אויף געשלאָסענע צוזאַמענקונפטן פון קלענערע גרופּעס איז דער קינסטלעריש באַגאַבטער יינגערמאַן אַרויסגעטרעטן מיט פאַרלעזונגען און דעקלאַמאַציעס. צוריק אין וואַרשע, האָט ער געטרוימט פון אַן אַרטיסטישער קאַריערע און אָנגעהויבן באַזוכן אַ דראַמאַטישע שול. געטראָגן האָט ער נאָך דעמאָלט די לאַנגע קאַפּאָטע און דאָס יידישע היטל. אויפן וועג צו און פון דער שול פלעגט ער אין הויז פון אַ פריינט בייטן זיין הלבשה. פאַר די עלטערן האָט דאָס געמוזט בלייבן אַ סוד. שפּעטער שוין נאָכן ענדיקן די דראַמאַטישע שול, ווען די מוטער האָט צופעליק זיך דערוואוסט, אַז איר זון האָט זיך געלערנט צו ווערן אַן אַקטיאָר, איז זי געפאַלן אין חלשות.

ס׳זיינען געווען די ערשטע יאָרן פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אין וואַרשע. זי האָט אויך פאַרכאַפּט דעם געוועזענעם

בית־מדרש־בחור און צוקונפטיקן אַקטיאָר. דער דעמאָלטיקער טוער קאַ־וואַלסקי האָט אים אַריינגעפירט אין בונד. דאָס איז געווען אין די ערשטע יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט, נאָך פאַר 1905. דוד הערמאַן איז גיך געוואָרן אַן אַקטיווער טוער, באַוואוסט אונטערן פסעוודאָנים — פאַן. ווייל ער האָט געקענט פויליש, פלעגט מען אים שיקן ריידן אין יענע פאַבריקן, וואו ס׳האָבן געאַרבעט צוזאַמען יידישע און פוילישע אַרבעטער. אַדאַנק זיין גוטער אויס־שפּראַך און חוש פאַרן גערעדטן וואָרט בכלל, האָבן זיינע רעדעס זיך אויס־געצייכנט מיט דער פאָ־ם און באַווירקט די צוהערער. באַזונדערס אַקטיוו איז ער געווען אין די רעוואָלוציע־יאָרן 1905־6. צווישן זיינע גאָר נאָנטע חברים איז דעמאָלט געווען ישראל ליכטענשטיין, וועלכער האָט זיך שפּעטער באַרימט געמאַכט ווי דער פירער פון בונד אין לאָדזש. אין יענער צייט איז ער געווען טעטיק צווישן די וואַרשעווער האַנדלס־אָנגעשטעלטע און איז געווען אַ מיטגליד פון דער „סכאַדקע”, וואו עס זיינען געווען פאַרטרעטן די פּאַרטיי־טוער פון פאַרשיידענע פאַכן. ער האָט אויך אָנגעפירט מיט אַ ריי עקאָנאָמישע שטרייקן. אין די יאָרן 1905־7 איז די דירה פון דוד און זיין פרוי שרה הערמאַן (פון דער היים בערהאָלץ) געווען אַ טרעף־פונקט פאַר בונדישע טוער. אין 1907 איז פאַרגעקומען הערמאַנס ערשטער עפנטלעכער אַרטיסטישער אויפטריט. דאָס איז געווען אין זאַל האַרמאָניע, לאַנגע גאַס 40. אויפן 10־יאָריקן יובילײ פון בונד. ער האָט געשפּילט אין גרים י. ל. פּרצעס דער משוגענער בטלן (די יובילײ־פייערונג האָט זיך פאַרענדיקט פאַטאַל: די צאַרישע פּאָליציי האָט אַרומגערינגלט דעם זאַל און די פאַרזאַמלטע אַרעס־טירט).

פון 1910 ביז 1917 איז דוד הערמאַן געווען אַ לערער פון דער יידישער שפּראַך, ליטעראַטור און געשיכטע אין דער גימנאַזיע פון ראַוויטש (שפּע־טער קאַלעצקי —ביידע זיינען געווען פאַרבונדן מיטן בונד). געטון האָט ער עס מיט ליבע און דאָס באַטראַכט ווי אַ מיסיע. ער האָט אויך צוגעלייגט אַ האַנט ביים שאַפן די ערשטע ייִדיש־וועלטלעכע שולן אין וואַרשע. דאָך, זיין נשמה איז געווען ביים טעאַטער. אונטער דער ווירקונג פון י. ל. פּרץ, שטעלט זיך דוד הערמאַן די אויפגאַבע צו שאַפן אַ גוט, ליטעראַריש־קינסט־לעריש טעאַטער. פון 1907 ביז זיין טויט, האָט ער במשך פון דריי צענטליק יאָר אומאויפהערלעך זיך געווידמעט דער דאָזיקער אויפגאַבע. מיר זעען אים אַלס פירער פון דראַמאַטישע קרייזן, אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון בעסערע קינסט־לערישע טרופּעס, אַלס רעזשיסער פון גוטע טעאַטער־פּיעסן. ווי אַ רעזשיסער האָט ער דערהויבן דאָס יידישע טעאַטער און אַריינגעשריבן הערלעכע בלעט־טער אין דער געשיכטע פון דער יידישער טעאַטער־קונסט. די רעזשי פון אַנ—סקיס דיבוק ביי דער ווילנער טרופּע האָט הערמאַנען געמאַכט וועלט־באַרימט. אַ גרויסע צאָל אינטעליגענטע יידישע אַקטיאָרן זיינען זיינע תלמידים.

הגם נאָך דער ערשטער רוסלענדער רעוואָלוציע איז דוד הערמאַן פּאַרטייאיש שוין נישט געווען אַקטיוו, האָט ער אָבער ביזן סוף פון זיינע טעג

איינגעהאַלטן די סימפּאַטיעס צום בונד און די פּריינטשאַפט צו די בונדישע פירער.

ב.: אינפאָרמאַציע פון פעלא סאַלאָמאָן-בערקאָוויטש (וואַרשע — ניו-יאָרק) און דוד מייער (שעדלעץ — וואַרשע — ניו-יאָרק). י. קלעפּפיש: נייע פאָלקס-צייטונג, 14 מאַי 1937, וואַרשע. זלמן זילבערצווייג: לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער, ערשטער באַנד, ניו-יאָרק 1931. מלך ראַוויטש: מיין לעקסיקאָן 2, מאָנטרעאָל, 1947. ב. י. ראָזען: מעלבורנער בלעטער, דעצעמבער 1953, מעלבורן.
Halina Chybowska: The Polish Review, May 17 1944, New York.

י. ש. ה.

●

# נחמן יאָכוויד

נאַכקע באָברויסקער אָדער נאַכקע פּאָליצמייסטער — אַזוי איז ער געווען באַקאַנט אין דער גאַנצער בונדישער וועלט, אין די ערשטע צוויי צענטליק יאָר פון היינטיקן יאָרהונדערט.

דער באַקאַנטער רוסיש-יידישער נאָוועליסט טאַן-באָגאָראַז האָט אין יענע יאָרן געמאַכט אַ נסיעה איבער די יידישע שטעט און שטעטלעך און זיי באַשריבן אין אַ ריי דערציילונגען. איינע



פון זיינע דערציילונגען רופט זיך: „נאַטקא פּאָליצמייסטער” און איז, אונטער דעם געענדערטן נאָמען, געווידמעט נאַכקע באָברויסקער. אַזוי אַרום איז ער געוואָרן באַקאַנט נישט נאָר צווישן די יידן אין רוסלאַנד, נאָר ער איז אויך געוואָרן פּאָפּולער ביי דער גאַנצער רוסלענדער ליבעראַלער און פּראָגרעסיווער באַפעלקערונג.

נאַכקע יאָכוויד איז געבוירן געוואָרן אין באָברויסק, דעם 11 אויגוסט 1884 אין אַ באַלעבאַטישער משפחה. זיין פאָטער, זלמן יאָכוויד, האָט געהאַט אַ וויין-געשעפט. ער האָט געגעבן נאַכקען, ווי זיינע איבעריקע קינדער, אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג אין חדר און ישיבה. אָבער שוין אין די יונגע יאָרן ווייזט נאַכקע אַרויס נייגונגען צו געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען און חלומט שוין זיינע חלומות וועגן ייד, מענטש און וועלט.

נאָך בר-מצווה הויבט ער אָן צו אינטערעסירן זיך מיט דער ציון-באַוועגונג. נאַכקע איז אָבער געווען נישט בלויז אַ טרוימער; ער האָט געהאַט אַ דינאַמישע נאַטור. דער אַרומיקער עלנט, די יידישע אַרבעטער-גאַס, האָבן אים באַווירקט. ווען ער האָט געזוכט אַ טעטיקייט-פעלד פאַר זיין ברויזנדיקער נאַטור, האָט ער עס געקענט געפינען דאָרטן, וואו עס איז געווען דער רעוואָלט פון די ליידנדיקע, דער רעוואָלט פון יידישן אַרבעטער.

כדי בעסער צו פאַרשטיין די פסיכיק פון די אַרבעטער און מיט ווי שטאַרקער זיך קענען איינלעבן, ווערט דאָס באַלעבאַטישע קינד אַ לערניינגל ביי אַ שוסטער און שפּעטער אין אַנדערע וועריקשטאַטן. קוים אַ 16־יאָריקער בחורל, געפינט מען אים שוין אין דער בונדישער באַוועגונג. דאָרטן צייכנט ער זיך אויס מיט זיין געוואַגטקייט. ער איז לייכט תּחפּס פּראָבלעמען, ער איז שאַרף אין וויכוחים און רוקט זיך אַרויס אין אַ גאַר קורצער צייט צווישן די בונדישע אַקטיווע טוער. אין משך פון עטלעכע יאָר זעט מען אים אין אַ ריי שטעט, וואו עס געפינען זיך יידישע אַרבעטער און בונדישע אָרגאַניזאַציעס. ער אַרבעט אין פּינסק, אין מאָהילעוו, ביאַליסטאָק, בריסק, האָמעל, מינסק. אַ געוויסע צייט — אין אָדעס און פעאָדאָסיע. אָבער די גרעסטע צאָל פון זיינע אַקטיווע יאָרן גיט ער אָפּ זיין געבורטס־שטאָט — באָברויסק.

שוין אין די יאָרן 1904־1905 איז ער געווען ניט בלויז דער פירער פון בונד און ניט בלויז אַ פירנדיקע פּערזענלעכקייט פון יידישן לעבן אין באָברויסק, נאָר אין אַ געוויסן זין אויך דער „באַלעבאָס" פון שטאָט. אין יענע יאָרן איז דער פּאָליצמייסטער פון באָברויסק געווען געלבאַך. ווען עס איז געשען אַן עוולה אין שטאָט און מען האָט געדאַרפט זוכן יושר, איז מען זיך געגאַנגען באַקלאָגן נישט צו דער צאַרישער מאַכט, נאָר צו נאָכקען. ווען עס איז געווען אַ מהומה אין שטאָט און אַלע יידן האָבן פאַרמאַכט זייערע קראָמען, האָבן זיי נישט געעפנט צוריק ביז נאָכקע האָט נישט געגעבן די פאַראָרדענונג. און ווען אַ טייל איז געגאַנגען פרעגן דעם פּאָליצמייסטער צי זיי קענען שוין עפענען זייערע געשעפטן, האָט ער געענטפערט: „פרעגט ביי נאָכקען".

בעת מיין ערשטער באַגעגעניש מיט נאָכקען, האָט ער געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק. עס איז געווען אין מיטן 1905, שוין נאָכן 9טן יאַנואַר און נאָך די בלוטיקע יולי־טעג. איך בין געקומען אין באָברויסק אויף מיין „יאַוקע" צו יוסף און רחל פרענקעל. ס'איז געווען אַ שבת. מיר זיצן און שמועסן, ס'עפנט זיך די טיר און ס'קומט אַריין אַ שלאַנקער בחור אין גלאַנציקע שטיוועלעך, מיט אַן אָפענעם פּנים, אַ קינדערישן מויל, גרויסע ערלעכע כמעט פאַרוואונדערטע אויגן. אַן אמתער אומרו. דאָך אין זיין גאַנצן באַנעמען זיך האָט זיך געפילט אַ זיכערקייט, אַ גלויבן אין זיך און אַ פיבערהאַפטע באַוועגלעכקייט. ווען איך בין אַרויס מיט אים אין שטאָט, באַזוכט מיט אים עטלעכע פאַרזאַמלונגען, האָב איך זיך ערשט איבערצייגט ווי גרויס ס'איז געווען זיין איינפלוס און איך האָב פאַרשטאַנען פאַרוואָס. ער איז געווען אַן עמך־מענטש. יעדע יידענע, יעדע פאַרקויפערקע, יעדער בעל־מלאכה און סתם יעדער אָרעמאַן האָט אים באַגעגנט ווי אַ פּאַני־בראַט. יעדער האָט אים דערציילט זיין פּעקל צרות. ווער רעדט שוין וועגן די אָרגאַניזירטע אַרבעטער אויף די בירזשעס — צווישן זיי איז ער געווען אַן אייגענער יאָט.

ס'קען קלינגען ווי אַ קוריאָז, נאָר זיין אַנזען אין שטאָט האָט באַווירקט אויף די באַציאונגען צווישן אים און זיין משפּחה. זיין טאַטע האָט אים גערופן אין שפּאָס רב נחמן און ער דעם טאַטן רב זלמן. די באַציאונגען זיינען

געוועזן די פריינטלעכסטע, נאָר די „קלאַסן־דיסטאַנץ“ איז אויך דאָרטן געוועזן אָפּגעהיט, אַזוי אויך צווישן אים און די באַלעבאַטישע מנהיגים פון דער יידישער באַפעלקערונג, מיט וועלכע עס פלעגט אים אויסקומען צו דערלייזיקן פאַרשיידענע ענינים און סכסוכים.

אין די שטורמישע יאָרן פון דער רעוואָלוציע אין 1905 איז נאַכקע געוועזן דער פולשטענדיקער אַנפירער פון דער שטאָט. די פאָליציי, מיטן פאָליצמייסטער בראש, האָבן זיך באַהאַלטן. די רעוואָלוציאָנערע שטימונג איז אויך אַריינגעדרונגען אין דעם מיליטערישן גאַרניזאָן פון דער פעסטונג. אַ טייל אָפיצערן, אַ טייל פון די „קאָנוואָינע“ (מיליטערישע וואַך) זיינען געוועזן אַקטיוו אַריינגעצויגן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די שטימונג אין שטאָט איז געוועזן געשפּאַנט, יעדער קלאַנג האָט אַרויסגערופן אומרו און ביי יעדן קלאַנג האָט זיך די באַפעלקערונג דערשראָקן. די יידן האָבן מורא געהאַט פאַר פּאָגראָמען, האָט מען אַראָפּגעלאָזט די לאָדנס, האָט מען פאַרהאַקט די טירן פון די געשעפטן. עס איז אָבער גענוג געווען, אַז נאַכקע זאָל דורכגיין די גאַס און דער עולם האָט זיך באַרואיקט.

אין נאָוועמבער 1905 איז די צאַרישע רעאַקציע געקומען צו זיך. אין דער נאָענטסטער שטאָט מינסק האָט דער דאָרטיקער גובערנאַטאָר, גענעראַל קורלאָוו, באַגעגנט אַ דעמאָנסטראַציע מיט מיליטער און געמאַכט אַ בלוטבאָד. צווישן די דעמאָנסטראַנטן זיינען געפאַלן אַ סך קרבנות. אין אַ סך שטעט פון רוסלאַנד און אוקראַינע האָט זיך אָרגאַניזירט די שוואַרצע מאה און געמאַכט פּאָגראָמען אויף דער אינטעליגענץ און באַזונדערס אויף דער יידישער באַפעלקערונג. אין יענער צייט איז אויך פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם אין דער אוקראַינישער הויפּטשטאָט קיעוו. דער באָברויסקער קאָמיטעט פון בונד האָט באַקומען אַ טעלעגראַמע, אַז פון קיעוו איז אַרויס אַ שיף מיט פּאָגראָמשטשיקעס, וועלכע האָבן געפירט אָנגעראַבעוועטע יידיש האָב און גוטס.

נאַכקע איז געשטאַנען בראש פון דער באָברויסקער בונדישער זעלבסטשוץ. אין מיטן נאַכט איז אַן אָפּטיילונג פון דער זעלבסטשוץ אַוועק צום ברעג פון טייך בערעזינע אָפּוואַרטן די שיף, אויף וועלכער עס איז געוועזן אַ יידישע מאַנשאַפט, ווייל די שיף האָט געהערט צו יידן (די שקלאָווסקיס). נאַכקע מיט דער זעלבסטשוץ האָבן באַגעגנט די פּאָגראָמשטשיקעס, זיי מכבד געוועזן מיט דעם וואָס עס איז זיי געקומען און קאָנפיסקירט אַלץ, וואָס זיי האָבן אָנגעראַבעוועט.

אין די נאָוועמבער טעג פון 1905 איז נאַכקע מיט נאָך אַ גרופּע חברים געשטאַנען צום „פריזיוו“. זיי זיינען געקומען אין „וואָינסקאָיע פּריסוטסטוויע“ און זיי האָבן עפנטלעך דערקלערט: „מיר וועלן אויסנוצן די ביקסן נישט צו שיסן אין אונזערע אָדער אַנדערע פעלקער, נאָר קעגן די שונאים פון פרייהייט און די שונאים פון פאָלק“. און הגם ס'האָבן זיך שוין אָנגעהויבן ווייזן סימנים פון רעאַקציע, האָט מען זיי נישט אַרעסטירט. מען האָט זיי צוגענומען אין מיליטער. נאַכקע און נאָך איניקע חברים האָבן אָבער באַ־

שלאָסן, אַז זיי וועלן זיין נוצלעכער אין דער בונדישער באַוועגונג און זיי האָבן געמאַכט אַ וויבּרח.

איבער צוויי יאָר האָט זיך נאַכקע אויסגעהיטן און געאַרבעט אין פאַר־שיידענע שטעט און מוילעגאַל. אין 1908 ווערט ער אָבער אַרעסטירט, מען שיקט אים אָפּ אין מיליטער־דינסט אין ווילנע, וואו ער האָט פאַרבראַכט צוויי יאָר.

נאָכן מיליטער־דינסט קומט ער צוריק אין באַברויסק. די גאַנצע רע־וואָלוציאָנערע באַוועגונג איז געווען אָפּגעשוואַכט. נאַכקע ווידמעט זיך אין זיין שטאָט דער קולטור־אַרבעט. ער ווערט טעטיק אין דער פאָלקס־ביבליאָטעק. אין די לעגאַלע אַנשטאַלטן האַלט ער צוזאַמען די בונדישע אָר־גאַניזאַציע, די פעדים פון בונד.

ס'קומט די ערשטע וועלט־מלחמה. ס'הויבן זיך אָן שיטן גזירות אויף יידן פון די ראַנד־געגנטן אין רוסלאַנד. צענטליקער טויזנטער ווערן אַרויס־געריסן פון זייערע היימען אין די גרענעץ־שטעט. דאָס צאַרישע מיליטער און בפרט אירע אָנפירער, דער גרויספירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש און דער שעף פון שטאַב, גענעראַל יאַנושקעוויטש, פירן אָן אַנטיסעמיטישע העץ־פּאָליטיק. רעטונג און הילף ווערן דער געבאָט פון דער יידישער באַ־פעלקערונג אין רוסלאַנד. נאַכקע ווערט אין 1915 באַזונדערס אַקטיוו אין יעקאָפּאָ (יידישער הילף־קאָמיטעט פאַר פּליטים).

ס'קומט די רעוואָלוציע פון 1917. נאַכקע ווערט ווידער דער שטאָט־באַלעבאָס פון באַברויסק. ער באַגייסטערט די מאַסן מיט זיינע אַרויסטרע־טונגען. אָרגאַניזירט דעם אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־ראַט און דער ראַט קלויבט אים אויס פאַר זיין פאָרזיצער. ער איז דער פירער פון די נייע מאַכט־אָרגאַנען אין שטאָט. שפּעטער בעת די קאָמונאַלע וואַלן, ווערט ער אויס־געקליבן אין שטאָט־ראַט, וואו ער באַגרינדעט אין אַ רעדע (אין יידיש) די שטעלונג פון בונד אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. ער ווערט אויך וויצע־פאָר־זיצער פון דער קהילה. הגם ער איז שוין דעמאָלט אַ חולה מסוכן, האָט ער זיך נישט געשאָנעוועט. אַ קראַנקער איז ער געגאַנגען פון איין מיטינג צום צווייטן, אָנטייל גענומען אין אַלע אינסטיטוציעס און קאָנפערענצן, גע־ווען פאַרטון אין אַלע אַרבעטן פון דער באַברויסקער בונדישער אָרגאַניזאַציע, פון וועלכער ער איז געווען דער פאָרזיצער. אָפטמאָל האָבן די זיצונגען גע־מוזט פאָרקומען ביי זיין קראַנקן־בעט. ווי אַזוי אַזאַ זיצונג האָט אויסגעזען, דערציילט י. דג (אָקון):

„נאַכקע ליגט אין בעט מיט שרעקלעכע ווייטאָגן אין בויך און פירט־אָן מיט די זיצונגען פון קאָמיטעט, פראַקציע א. ד. גל.. עס פרישט זיך אָפּ אין מיין זכרון דאָס בילד, וואָס פלעגט אָפט פאָרקומען. נאַכקע רעדט מיט גרויס היץ וועגן די אָנגעווייטאָגטע טאָג־פראַגן, גיסט גיפט און גאַל אויף די קעגנער פון אויסן, רופט הייס צו דער אייניקייט אינעווייניק. מיטאַמאָל אָבער ווערט נאַכקע אַנטשוויגן, איבעררהאַקנדיק די רעדע, זיינע אויגן ווערן פאַרמאַכט; דאָס פנים ווערט בלייך און געקנייטשט. נאַכקען כאַפּן־אָן שרעקלעכע יסורים. אַלע חברים ווערן ווי פאַרשטיינערט, אַ טויטקייט

הערשט אַ ווייל אין צימער, דוכט זיך — אָט קומט דער בייזער סוף... (נאַכקע איז שוין לאַנג געווען פאַרמשפּט פון דער מעדיצין צום טויט...). אין אַ מאָמענט אַרום כאַפּט זיך אָבער נאַכקע אויף, ווערט גאָר אַ לעבעדיקער, די געפאַר איז פאַרביי. נאַכקע עפנט־אויף די אויגן און זעצט ווייטער פאָר זיין היציקע רעדע, גלייך ווי גאָרנישט געווען" (לעבענס־פראַגען נומ. 254, 21 נאָוועמבער 1919, וואַרשע).

ווען מ׳פלעגט אים צוריידן, אַז ער זאָל זיך אָפּרוען צוליב זיין שווערער קראַנקייט, האָט ער זיך אויסגעלאַכט. ער פלעגט דעמאָלט זאָגן, אַז ער איז געגליכן צו יענעם קאַוואַלעריע־פערד, וואָס לויפט אַריין גלייך אין שלאַכטפעלד, ווי נאָר ס׳דערהערט דעם טרומייטער און קוקט נישט אויף קיין שום שטערונגען.

דער גאַנג פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע נאָך 1917 איז אַוועק נישט אויף דעם וועג, ווי אַלע פרייהייטס־ליבנדיקע סאָציאַליסטן האָבן געחלומט און דערוואַרט. דער קאָמוניסטישער טעראָר האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון צאַרישן טעראָר. די קאָמוניסטן האָבן אויסגעגאָסן די גאַנצע תוכחה אויף די סאָציאַליסטן. אויך אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן ברידער געמסרט אויף ברידער, האָבן קאָמוניסטן אַרעסטירט און געפייניקט זייערע פריערדיקע חברים. אויף נאַכקען האָט עס שוידערלעך געווירקט. זיין געזונט־צושטאַנד איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן ערגער. אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט, האָט מען אים אָנגעזאָגט, אַז די קאָמוניסטן האָבן דערשאָסן זיינעם אַ נאָענטן חבר, דעם איבערגעגעבענעם סאָציאַליסט און בונדיסט קאַצענעלנסאָן. חברים וואָס זיינען אים געקומען מבקר־חולה זיין, האָבן דערציילט דעם שרייבער פון די שורות, אַז דער פאַרהאַרטעוועטער רעוואָלוציאָנער האָט געוויינט ווי אַ קליין קינד, נאָכן הערן די שוידערלעכע ידיעה.

נאַכקע איז געווען אַ וואונדערבאַרער חבר. אומעטום וואו נאָר ער האָט דערפילט, אַז ער קען אַריינטראָגן אויפמונטערונג, פריינטשאַפט, חבֿרישקייט — איז ער געקומען. און ער האָט דאָס געטון אַזוי פשוט, אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ס׳איז נישט קיין וואונדער וואָס אויך זיינע חברים האָבן אַרויסגעוויזן די זעלבע וואַרעמקייט און ליבע צו אים.

דעם 4טן אויגוסט 1919 האָט נאַכקע אין מוראדיקע יסורים אויסגעהויכט די נשמה אין עלטער פון 35 יאָר.

דער באָברויסקער קאָמיטעט פון בונד האָט נאָך זיין טויט פאַרעפנטלעכט דעם דאָזיקן נעקראָלאָג:

„מאָנטיק, דעם 4טן אויגוסט 1919, איז נאָך אַ שווערער און לאַנגער קרענק געשטאָרבן חבר נאַכקע יאָכוויד, פאָרזיצער פון באָברויסקער קאָמיטעט פון בונד; פאָרזיצער פון דער סאָציאַליסטישער פראַקציע פון דער געוועזענער שטאָט־דומע; וויצע־פאָרזיצער פון דער יידישער קהילה; מיטגליד אין קאָמיטעט צו הילף די יידישע מלחמה־פליטים; פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער פאָלקס־ביבליאָטעק; קאָמיטעט־מיטגליד פון אָרט; פאַרוואַלטונג־מיטגליד פון קלוב א. נ. פון בראָניסלאַוו גראָסער".

זיין טויט האָט איינגעהילט אין טרויער די באַברויסקער באַפעלקערונג און די גרויסע צאָל בונדיסטן, וואָס האָבן אים געקענט.

לאַזאַר עפשטיין

# חיים לייב פאָזנאַנסקי

געבוירן געוואָרן דעם 3 יוני 1879 אין אַ באַלעבאַטישער פאַמיליע אין קאַמעניעץ־פּאָדאָלסק, דרום־רוסלאַנד. פון די 12 קינדער, וואָס זיינען געווען ביי זיינע עלטערן, זיינען 8 געשטאָרבן גאַנץ יינג.



די מוטער איז געווען אַ פרומע, דער פאָטער האָט זיך שוין אויסגעטיילט פון זיין סביבה און איז געווען אַ מאָדערנער מענטש. ער האָט שוין געלייענט, באַזוכט טעאַטער, אויך ליב געהאַט צו צייכענען. ביי די פאָזנאַנסקיס אין הויז פלעגט מען לייענען לינעצקין און די ווערק פון אייזיק מאיר דיק. ווען די פאָזנאַנסקיס האָבן זיך איבערגעצויגן פון קאַמעניעץ־פּאָדאָלסק קיין בערדיטשעוו, האָט מען שוין אין זייער הויז געלייענט די שרייבער ספּעקטאָר און שלום־עליכם. אין זייער הויז האָט דער יינגער חיים לייב נישט איין מאָל געזען ספּעקטאָרן. דאָס איז געווען אין די יאָרן 1890־1892.

אין זיין בוך מעמואַרן פון אַ בונדיסט (וואַרשע 1938) מאָלט חבר פאָזנאַנסקי בילדעריש מאָמענטן פון זיינע קינדער־יאָרן. נאָך אין קאַמעניעץ פלעגט דער פאָטער „פירן די קינדער אויף אַ שפּאַציר, אויף מוזיק”, „און אַמאָל אין אַ פראַסטיקן אויף דער נאַכט איז ער געקומען מיך אַרויסנעמען פון חדר, כדי מיך צו שליטלען הינטער דער שטאָט אויף דעם ווייסן, קנאַקעדיקן שניי”.

אין בערדיטשעוו האָט חיים לייב געלערנט אין אַ מלוכהשער יידישער שול, וואו רוסיש איז געווען די לערנשפּראַך. דעמאָלט האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן דער פעריאָד פון איינלעבן זיך אין דער רוסישער ליטעראַטור. אויף

אים האָט געהאַט אַן איינפלוס זיין שוואָגער נחום ווינאָגראַד, וואָס איז געווען פול מיט „סימפּאַטיע פאַר יעדער טעכנישער דערפינדונג, פאַר יעדער רע־פאָרם אין לעבן, פאַר בונטעווען זיך קעגן אַלעם, וואָס איז פאַרשימלט און פאַרקאָוועט אין אַלטוואַרג, אין רעליגיע א. אַז. וו.". ביי דעם שוואָגער האָט ער געפונען עטלעכע יאָרגענג פון דעם יידיש־רוסישן זשורנאַל וואָסכאָד. „גאַנצע טעג — דערציילט פּאַזנאַנסקי — פלעג איך לייענען די אומענדלעכע היסטאָרישע ראָמאַנען און דערציילונגען אין וואָסכאָד און מיין יינגע נשמה האָט זיך אָנגעהויבן אָנזאַפּן מיט דעם גייסט פון דעם דאָזיקן זשורנאַל. דאָס איז געווען דער געפיל פון שטילער בענקעניש נאָך דער צייט פון דער עק־זיסטענץ פון דער יידישער מלוכה".

מיט דער צייט האָט דער יינגער פּאַזנאַנסקי זיך דערוואוסט, אַז זיין פריינט אוליע ראָזענפעלד איז אין באַציאונגען מיט אַ קרייז סאָציאַליסטיש געשטימטע אינטעליגענטן. אין עלטער פון 15 יאָר האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן שטודירן אין דער גרויסער שטאָט קיעוו. מיט דער אַקטיווער און מאַ־טעריעלער הילף פון דעם שוואָגער נחום און זיין שוועסטער לובע, איז ער אין האַרבסט 1894 אַוועקגעפאָרן קיין קיעוו.

נע ונד האָט זיך פּאַזנאַנסקי אַרומגעשלעפּט אין קיעוו זעקס וואָכן צייט, אויסהיטנדיק זיך כסדר פון דער פּאָליציי צוליב נישט האָבן קיין וואוין־רעכט אין דער שטאָט. בייטאָג פלעגט ער נעמען לעקציעס ביי זיינע סטודענטן, — די אומזיסטיקע לערער — און אין די אָוונטן זוכן וואו איבערצושלאָפן. דאָס פירן אַזאַ לעבן איז פאַר דעם יינגן פּאַזנאַנסקין געווען צו שווער און אַנטוישט און דערשלאָגן קומט ער צוריק קיין בערדיטשעוו מיטן פּלאַן זיך אויסצולערנען אַ פאַך, וואָס זאָל אים געבן וואוין־רעכט אין קיעוו און אַ מעגלעכקייט פאָרטצוזעצן זיין בילדונג.

אין בערדיטשעוו האָט ער זיך געלערנט אַ ביסל אַרבעטן ביי בוכבינ־דעריי, שפּעטער איז ער געפאָרן קיין אָדעס. דאָרטן האָט ער זיך געדאַרפט גרייטן צו די עקזאַמענס אַלס אַן עקסטערן, אָבער פּאַקטיש פלעגט ער די גאַנצע צייט זיצן אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק, אָדער געפינען זיך ביי די בערדיטשעווער פריינט. דער 17־יאָריקער בחורל האָט אין דער צייט איבערגעלעבט, ווי ער שרייבט, „אַ פערזענלעכן קריזיס": „איך האָב געזוכט פאַר זיך אַן ענטפער אויף דער וויטערדיקער פראַגע — וואָס איז דער ציל פון לעבן?" ער איז געווען זייער פעסימיסטיש געשטימט און אַפילו געטראַכט צו באַגיין זעלבסטמאָרד. געווען איז דאָס אין יאָר 1896.

דערווייל האָט ער זיך נעענטער באַקענט מיט די פריינט זיינע פון בער־דיטשעוו. אין דעם קרייז האָט ער זיך באַגעגנט מיט מענטשן, וועלכע האָבן שפּעטער געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין בונד, ווי מאַקס ווינאָקור, דאָראַ קויגען, צמח קאָפּעלזאָן („טימאָפּיי"). אין די יאָרן ווען פּאַזנאַנסקי האָט געהערט צום דאָזיקן קרייז, בערך אין 1896־1897, האָט ער נאָך אַלץ נישט געוואוסט דעם אמתן כאַראַקטער פון קרייז. ער האָט זיך אָבער שוין אָנגעשטויסן, אַז דער צוועק פון דעם קרייז איז נישט נאָר זעלבסט־בילדונג. אים פלעגט

מען אַנטרויען, ווי ער רופט דאָס, ריין טעכנישע פונקציעס, „ווי איינבינדעריי, אָפּפירן עסן אין טורמע, און אַריינטראָגן אין זשאַנדאַרמעריע ביכער פאַר די אַרעסטירטע".

אין דעם קרייז האָט ער באַקומען צו לייענען בראָשורן פון די אומלעגאַ־לע אויסגאַבן. מ'האָט אים אַפילו באַשטימט צו געבן לעקציעס צו צוויי יידישע אַרבעטער־מיידלעך.

דער קרייז האָט לאַנג נישט עקזיסטירט. געווען אַ דורכפאַל און אַרעסטן. אין אַ קורצער צייט נאָך דעם האָט זיך פּאָזנאַנסקי אומגעקערט קיין בערדיטשעוו.

זומער 1898 האָט זיינע אַ חברטע, סאַשע האָרעוויץ, פון דעם אינטע־ליגענטן־קרייז אין אָדעס, אים פאַרגעשלאָגן מיטצופאָרן מיט איר צו דער באַן. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז זי האָט אים מיטגענומען, כדי אָפּצונעמען פון אַ דורכפאָרנדיקער פּערזאָן אַ קאָרב מיט יידישער און רוסישער ליטע־ראַטור.

דערווייל האָבן פּאָזנאַנסקיס עלטערן באַשלאָסן זיך איבערצוציען קיין לאָדזש, חיים לייב איז געבליבן אַליין. ער איז אַריבער קיין זשיטאָמיר. ער האָט זיך געפונען אין גרויסער מאַטעריעלער נויט. אין דער צייט איז פּאָזנאַנסקי געוואָרן אַ באַוואוסטזיניקער סאָציאַליסט. זיינע שטימונגען האָבן אים געבראַכט צום אויפגעבן דעם געדאַנק וועגן עקזאַמינירן זיך אויף „מאַטורע". ער איז אַריבערגעפאָרן קיין לאָדזש, וואו עס האָט זיך שוין געפונען זיין גאַנצע פאַמיליע.

דאָ האָט ער דערהערט צום ערשטן מאָל דעם נאָמען בונד. ער זעצט זיך ווידער צום לערנען. דאָס מאָל אויף צו באַקומען אַ דיפּלאָם אַלס לערער. דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט די צייט פון מיליטער־דינסט. ער האָט זיך געמאָלדן אַלס פריוויליקער, כדי צו געניסן פון געוויסע פּריווילעגיעס, וואָס דער רוסישער געזעץ האָט געגעבן אַזעלכע קאַטעגאָריעס זעלנער. צען חדשים האָט ער געדינט אין מיליטער ביז ער איז צוליב קורצזיכטיקייט באַפרייט געוואָרן.

אין 1902 באַזעצט ער זיך ווידער אין בערדיטשעוו. אין דער שטאָט האָט ער איצט שוין געטראָפן אַ גאַנץ נייע לאַגע. דאָ האָבן זיך שוין געפונען בונדישע טוער, וועלכע האָבן אָנגעפירט אַן אַגיטאַציע צווישן די אַרבעטער. ס'פלעגן שוין פאָרקומען שטרייקן. אין די אָוונטן פלעגן זיך די אַרבעטער צונויפקומען אויף אַ „בירזשע". די גאַנצע נייע באַוועגונג איז אין שטאָט אָנ־גערופן געוואָרן מיטן נאָמען „סטרוצקע" און די שטרייקערס פלעגט מען רופן „סטרוצניקעס".

ער איז געווען באַגייסטערט פון דעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג. נישט קוקנדיק אויף דעם האָט ער זיך נאָך אַלץ באַטראַכט בלויז פאַר אַ סימ־פּאַטיקער פון דער באַוועגונג און זיך נישט אָנגעשלאָסן אין איר. עס האָבן אים אָפּגעהאַלטן פון דעם סיבות „מער פּסיכאָלאָגישע ווי פּרינציפּיעלע". ער שרייבט: „פון מיינע יינגע יאָרן אָן האָב איך געטראָגן אין מיין זכרון

די העלדישע געשטאַלטן פון דער עפּאָכע פון נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ. מיט אַזאַ מאָס בין איך צוגעגאַנגען צו אַ סך רעוואָלוציאָנערן, מיט וועמען דאָס לעבן האָט מיך צונויפגעפירט. אמת, איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ביי אַ מאַסן־באַוועגונג מוז דער פּערזענלעכער ניוואָ פון די טוער זיין אַ סך נידעריקערער, ווי ביי אַ באַוועגונג פון אויסדערוויילטע. איך האָב זיך אָבער אין האַרצן נישט געקענט אָפּזאָגן צו פאָדערן ביי יעדן טוער, ביי יעדן אַרבעטער־פירער אַ געוויסן מינימום גייסטיקע שיינקייט. אין יעדן רעוואָלוציאָנער האָב איך געזוכט כאָטש שפּורן פון די אַמאָליקע העלדן".

דער דירעקטער שטויס אַריינצוטרעטן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז געווען ביי פּאַזנאַנסקין די שוידערלעכע פאַראָרדנונג פון ווילנער גובערנאַטאָר פאָן וואַל צו שמייסן די דעמאָנסטראַנטן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער 1טער מאַי־דעמאָנסטראַציע אין 1902.

„אין יענעם טאָג — שרייבט פּאַזנאַנסקי — האָט זיך פאַרענדיקט דער פּעריאָד פון מיין מיטקרעכצן מיט דער רעוואָלוציע, אַ פּעריאָד וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די פריסטע יאָרן, מיט אַכט יאָר צוריק, אין דער צייט פון לייענען מיין גורל־בוך פּראָצעס פון ערשטן מערץ 1881. (וועגן אַטענטאָט אויפן רוסישן צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן).

ער וואַרפט זיך אַריין אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן צאַריזם מיט „לייב און לעבן". ער שטעלט זיך אין רשות פון צ. ק. פון בונד. באַלד ווערט אים איבערגעגעבן אָנצופירן מיט אַ קרייז פון אַרבעטער אין בערדיטשעוו. נאָך דעם ווערט אים צוגעטיילט אָנצופירן מיט אַ צווייטן קרייז, דאָס מאָל פון אַרבעטער־מיידלעך. ס'דויערט נישט לאַנג און ער ווערט אַ מיטגליד אין דער „סכאָדקע". אין אייניקע חדשים שפּעטער איז ער שוין אַ מיטגליד פון „צענטר". ער ווערט איינער פון די אַקטיוויסטע טוער. אָרגאַניזירט און טרעט אַרויס אויף אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען און גאַסן־דעמאָנסטראַציעס. ער נעמט אויך איבער איינצושטעלן אין זיין דירה אַן אומלעגאַלע דרוקעריי. בעתן אָרגאַניזירן דעם ערשטן פּאָליטישן שטרייק אין בערדיטשעוו אין אויגוסט 1903 אַלס פּראָטעסט קעגן די רעפּרעסיעס פון דער פּאָליציי קעגן שטרייקנדע אַרבעטער אין די פאַרשיידענע שטעט, איז פּאַזנאַנסקי צום ערשטן מאָל אַרעסטירט געוואָרן. אויפן פּראָצעס האָט מען אים באַשולדיקט אין געהערן צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער גרופּע אין בערדיטשעוו, אָבער צוליבן פעלן פון באַווייזן קעגן אים איז ער באַפרייט געוואָרן. אין גיכן אָבער מוז ער אָנהויבן לעבן אַלס אַן „אומלעגאַלער".

אין קאָנטאַקט מיטן צ. ק. פון בונד, פאָרט ער אָפּט קיין מינסק און ווילנע, כדי אָפּצוגעבן באַריכטן און נעמען אויף זיך אַלץ נייע און מער וויכטיקע מיסיעס. ער שטייט אין פאַרבינדונג מיט איסיי אייזענשטאַט, דוד זאַסלאַווסקי, אַרקאַדי קרעמער, ב. מיכאַלעוויטש, לייבעטשקע בערמאַן, בראָניסלאַוו גראָסער און ישראל ליכטענשטיין. ער אַרבעט אין קאָוונע, גראָדנע און מאָהילעוו. פּאָזנאַנסקי אָרגאַניזירט יידישע אַרבעטער, הויבט זייער געמיט און רופט זיי צום קאַמף. ער שרייבט אויפרופן און פירט איבער ליטע־

ראַטור. ער אָרגאַניזירט אַרויסטרעטונגען און שטרייקן. עטלעכע מאָל ווערט ער אַרעסטירט, זיצט אין תפיסות און טרעט אויף אין זיינע פּראָצעסן. עס קומט דער אָקטאָבער־מאַניפעסט (1905) און נאָך אים פּאָגראָמען. פּאָז־נאַנסקיס דעמאָלטיקע ווירקונג אין גראָדנע דערגרייכט אויך צום מיליטער־גאַרניזאָן. ער שלאָגט זיך מיט די טאָג־טעגלעכע כוואַליעס ביז אַ נייעם אַרעסט, אין מערץ 1907. דאָס מאָל דראָט אים אַוועקגעשיקט צו ווערן קיין סיביר. אין רעזולטאַט פון די באַמיאונגען פון זיין אַדוואָקאַט איז אים דער־לויבט געוואָרן אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד. ווי נאָר ער איז באַפרייט גע־וואָרן, פאָרט ער אַריבער קיין בערלין און פון דאָרטן קיין זשענעווע.

אין דער שווייץ הויבט ער אָן אַרבעטן אין צענטראַל־ביוראָ פון דער בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד. וועגן דער צייט אין פּאָזנאַנסקיס לעבן שרייבט פראַנץ קורסקי („געזאַמלטע שריפטן"): „מאַקס ווינאַקור האָט רעקאָמענדירט אויף דעם פּאָסטן איינעם אַ יינגן חבר, וואָס איז אים גוט באַקאַנט געווען נאָך אין די יאָרן 1902־1904 פון בערדיטשעוו: דאָס איז געווען דער חבר פּאָזנאַנסקי, דעמאָלט באַקאַנט אונטער דעם פּסעוודאָנים ׳מיראָן׳. אַ געוויסע פאַרשטעלונג וועגן אים האָט יעדער פון אונז געהאַט, אָבער ווינאַקור האָט אים גוט געקענט פּערזענלעך און האָט אים רעקאָ־מענדירט אויף אַזאַ מין אופן, אַז זיין פאָרשלאַג איז גלייך אָנגענומען געוואָרן. 1907 איז ער געקומען קיין זשענעווע און זיך געזעצט אַרבעטן אין צ. ב.. פאַרבליבן איז ער ביז סוף 1908. דאָס איז געווען די בעסטע און שענסטע צייט אין דעם אינערלעכן לעבן פון צ. ב.: די אַרבעט איז פריער קיין מאָל נישט געשטאַנען אויף אַזאַ הויכן מצב, ווי אין דער צייט. די גאַנצע אַרבעט איז דורכגעפירט געוואָרן פון ׳מיראָנען׳, און אויף אַזאַ אופן, אַז דער צ. ב. איז פאַר די גרופּעס געוואָרן אַ מוסטער פון ענערגיע און פּינקטלעכקייט. דאָס איז גראָד געווען אין דער צייט, ווען די לאַגע אין ׳בונד׳ אין רוסלאַנד איז געווען זייער אַ שווערע און די ידיעות, וואָס פלעגן זיך באַקומען פון רוס־לאַנד, האָבן קיין דערמונטערונג אין דער אַרבעט נישט געקענט געבן. די אויסגעצייכנטע אַרבעט פון צ. ב. האָט דעמאָלט געבראַכט דערצו, אַז נישט געקוקט אויף די טרויעריקע שטימונגען פון רוסלאַנד, האָט זיך די אויס־לענדישע אָרגאַניזאַציע באַפעסטיקט און שטאַרק פאַרגרעסערט, און זי האָט זיך געפונען אין אַ מוסטערהאַפטן צושטאַנד".

גלייכצייטיק האָט פּאָזנאַנסקי שטודירט האַנדלס־וויסנשאַפטן. ער איז אַריבער קיין בערן, וואו ער האָט פאָרטגעזעצט זיין לערנען און דאָרטן באַ־לייגט דעם עקזאַמען און באַקומען אַ דיפּלאָם (סוף אָקטאָבער 1909).

בעת פּאָזנאַנסקי האָט שטודירט אין בערן איז צו אים געקומען פון שאַוול, ליטע, די חברטע רעלאַ. פון דעמאָלט אָן איז זי שוין געוואָרן זיין לעבנס־באַגלייטערין. זי האָט אים אָפּגעהיט ווי מען היט אָפּ אַן אויג אין קאָפּ.

סוף 1910 האָט פּאָזנאַנסקי זיך אומגעקערט קיין לאָדזש. אויסגעהאַלטן האָט ער זיך פון צייטווייליקע שטעלעס אַלס בוכהאַלטער, און אויך פון געבן

פריוואַטע לעקציעס אין בוכפירונג. ערשט אין 1912 האָט ער באַקומען אַ גוטן פּאָסטן אַלס בוכהאַלטער. זומער 1912 טרעפן מיר שוין דאָס פּאָר־פּאָלק פּאָזנאַנסקי אין דער קליינער דירה אויף פּיעטרקאָווער 92, וואו זיי האָבן זיך געפונען די גאַנצע צייט ביז מען האָט אים אין סעפּטעמבער 1939 אַרעסטירט.

ווען פּאָזנאַנסקי האָט זיך אומגעקערט פון אויסלאַנד איז דער בונד אין לאָדזש נאָך געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט און נאָך נישט געהאַט געקומען צו זיך פון די רעפּרעסיעס, וואָס עס האָט אָנגעווענדט דער גענעראַל קאַז־נאַקאָוו. פּאָזנאַנסקי, ישראל ליכטענשטיין און אָגוז זיינען געווען די איינציקע בונדישע אינטעליגענטן, דורך וועלכע דער צ. ק. פון בונד האָט אָנגעהאַלטן די פאַרבינדונג מיט לאָדזש. פּאָזנאַנסקיס הויז איז געוואָרן דער צענטער און טרעף־פּונקט פון דער באַנייטער בונדישער טעטיקייט.

חבר לודוויג ווינאַגראַד, פּאָזנאַנסקיס פּלימעניק, וועלכער האָט געהערט צום לאָדזשער קאָמיטעט פון בונד פון אָנהויב 1913 ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין 1914, געדענקט, אַז ער איז געווען דער פאַר־בינדער פון דער לאָדזשער אָרגאַניזאַציע מיט דער אינטעליגענטן־גרופּע, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען פּאָזנאַנסקי. חבר ל. ווינאַגראַד און פּאָזנאַנסקיס יינגערער ברודער מנחם דערציילן, אַז אין הויז פון פּאָזנאַנסקין פלעגן זיי באַגעגענען די וויכטיקסטע טוער פון צ. ק. פון בונד, וועלכע זיינען געקומען קיין לאָדזש: בראָניסלאַוו גראָסער, בייניש מיכאַלעוויטש, שרה פוקס, יאַנקל לעווין, י. ליכטענשטיין, נח לוריע, סאַשע טשעמערינסקי, ני־רענבערג און זיין פרוי פאַניע א. אַ.

אין הערבסט 1913 איז אין לאָדזש געגרינדעט געוואָרן דער פאַראיין פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע. פּאָזנאַנסקי איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאַר־זיצער פון פאַראיין. אָט דעם אַמט האָט ער פאַרנומען אַ ריי יאָרן.

מיין פערזענלעכע באַקאַנטשאַפט מיט פּאָזנאַנסקין האָט זיך אָנגעהויבן אין די ערשטע וואָכן נאָך דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דאָס רוסישע מיליטער האָט פאַרלאָזט לאָדזש און די אַרבעטער־באַוועג־גונג איז פּלוצלונג אַרויסגעוואַקסן פון אונטער דער ערד און גענומען ווערן אַ כוח. באַשרייבן די טעטיקייטן פון חבר פּאָזנאַנסקין במשך די פיר יאָר פון דער דייטשער אָקופּאַציע און שפּעטער אין די צוואַנציק יאָר פון אומ־אָפּהענגיקן פּוילן, וואָלט פאַרנומען צו פיל פּלאַץ. ס'וועט גענוג זיין צו זאָגן, אַז עס איז נישט געווען קיין איין געביט פון אונזער אַרבעט, אין וועלכער פּאָזנאַנסקי האָט זיך נישט באַטייליקט. דערביי דאַרף מען געדענקען, אַז פּראָפעסיאָנעל האָט פּאָזנאַנסקי די אַלע יאָרן געלעבט פון אַרבעט אַלס סעק־רעטאַר אין אַבס גימנאַזיע, וואו ער פלעגט זיין באַשעפטיקט יעדן טאָג.

אין יאַנואַר 1915, האָט דער בונד אין לאָדזש אַרויסגעגעבן אַן איינמאָ־ליקע אויסגאַבע מיטן נאָמען לאָדזשער אַרבעטער (אומלעגאַל, אין פּיעטרקאָוו, אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע). די רעדאַקציע איז באַשטאַנען פון די חברים אָגוז, ליכטענשטיין און פּאָזנאַנסקי. פאַקטיש האָט רעדאַגירט דער

לעצטער. פון דעמאָלט אָן, דאַכט זיך מיר, איז אין לאָדזש נישט געווען קיין איין בונדישע אויסגאַבע, וואָס פּאָזנאַנסקי זאָל נישט האָבן רעדאַגירט. אין דער זעלבער צייט איז ער אויך געווען דער שטענדיקער לאָדזשער קאָ־רעספּאָנדענט פון די לעבענס־פראַגען, וואָס זיינען דערשינען אין וואַרשע (ער פלעגט זיך אונטערשרייבן מיראָן, אָדער — ראָן).

אין 1921, ווען די לאָדזשער אָרגאַניזאַציע פון בונד האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ וועכנטלעכע צייטונג, איז פּאָזנאַנסקי געווען איר רעדאַקטאָר עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד. ווען חבר ישראל ליכטענשטיין האָט שפּעטער איי־בערגענומען די רעדאַקציע, איז חבר פּאָזנאַנסקי געבליבן איינער פון די וויכטיקסטע מיטאַרבעטער.

זומער 1915 האָט אין לאָדזש זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צו פאָדערן ביי דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט איינצופירן יידיש אַלס אונטעריכט־שפּראַך אין די שולן פאַר יידישע קינדער. אַ פּעטיציע מיט 30,000 אונ־טערשריפטן האָט געשטיצט די פאָדערונג. פּאָזנאַנסקי איז געווען זייער אַק־טיוו אין אָט דער קאַמפּאַניע. פון דעמאָלט אָן איז ער צוזאַמען מיט חבר ליכטענשטיין צווישן די אָנערקענטסטע טוער, בויער און קעמפער פאַר אונ־זערע יידישע וועלטלעכע שולן.

יאָרן לאַנג איז פּאָזנאַנסקי געווען ראַטמאַן אין לאָדזש. ער פלעגט נישט אַרויסטרעטן מיט גרויסע פּאָליטישע רעדעס, אָבער אַלס מיטגליד פון די קאָמיסיעס, באַזונדערס אין די קאָמיסיעס פאַר שטאָטישע בילדונג און פינאַנצן, האָט ער אַרויסגעוויזן זיין פאַכמענישע קענטשאַפט אויף די ביידע געביטן. צו זיינער אַ מיינונג פלעגט מען זיך צוהערן, ווייל אַלע האָבן געוואוסט און גע־קענט פּאָזנאַנסקין פאַר זיין געוויסנהאַפטיקייט, קרישטאָל־ריינעם כאַראַקטער און הויכן געפיל פון יושר.

אויסערלעך האָט ער אויסגעזען זייער רואיק און געלאַסן, אין דער נשמה איז ער אָבער געבליבן רעוואָלוציאָנער און אומדערשראָקן, ווי ער איז דאָס געווען אין זיינע יינגע יאָרן. איך דערמאָן זיך אַזאַ פאַל: דעם 1טן מאַי 1923 האָט זיך אויף גלואַוונע גאַס אָריינגעריסן אין דער בונדישער דעמאָנ־סטראַציע אַ גרויסע אָפּטיילונג פון רייטער־ און פוס־פּאָליציי. העכער הונ־דערט לייכט און שווער פאַרוואונדעטע חברים איז געווען דער רעזולטאַט פון דעם בלוטיקן פּאָליצייאישן אָנפאַל אויף די פרידלעכע דעמאָנסטראַנטן. אויך פּאָזנאַנסקי איז מיט אַ פּאָליצייאישער שווערד פאַרוואונדעט געוואָרן אין קאָפּ. נישט געקוקט אויף דער בלוט־באַד האָט דער בונד אָפּגעהאַלטן די פון פריער באַשטימטע מאַי־אַקאַדעמיע אין גרויסן זאַל פון פילהאַרמאָניע. גרויס איז געווען דער עולם פון די נישט דערשראָקענע בונדיסטן און סימ־פּאַטיקער, וועלכע זיינען געקומען פאַרוואַנדלען די מאַי־אַקאַדעמיע אין אַ פּראָטעסט־מיטינג קעגן דעם ברוטאַלן איבערפאַל פון דער פּאָליציי, און ווי איבעראַשט זיינען מיר אַלע געוואָרן, ווען מיר האָבן דערזען אַריינמאַרשירן אין זאַל אויך חבר פּאָזנאַנסקין מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ. ער האָט נישט

געקענט ביי זיך פּועלן צו פּאָלגן די פּאַראָרדנונג פון דאָקטאָר און בלייבן אין דער היים, בעת הונדערטער אַנדערע זיינען געקומען פּראָטעסטירן.

חבר פּאַזנאַנסקי האָט געהערט צו די אַלטע טוער און פירער פון בונד, וועלכע זיינען געווען געאַכטעט און באַליבט ביי אַלע חברים און ביי דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג בכלל.

ס׳איז געקומען די צווייטע וועלט־מלחמה. די דייטשע חיילות האָבן באַלד פאַרנומען די שטאָט. ער האָט זיך משער געווען, אַז מ׳וועט אים אַרעסטירן, אָבער באַהאַלטן זיך האָט ער נישט געוואָלט. דעם 14טן סעפּטעמבער 1939 האָבן די נאַציס אים צוגענומען. די דייטשע מערדער האָבן אים געהאַלטן אין טורמע אויף שטערלינג גאַס 16 און אויף אויספאַרשונגען האָט מען אים געפירט אויף אנשטאט גאַס 7, אין דער געביידע פון דער יידישער גימנאַזיע, וואָס די היטלעריסטן האָבן פאַרוואַנדלט אין אַ קוואַרטיר פון דער געשטאַפּאָ. ס׳איז באַוואוסט אַז פּאַזנאַנסקין האָט מען געשלאָגן און געמאַטערט. די דייטשן האָבן געוואָלט ביי אים אַרויסבאַקומען ידיעות וועגן בונד און אַדרעסן פון חברים. מענטשן, וועלכע זיינען געזעסן מיט אים און באַפרייט געוואָרן, האָבן דערציילט, אַז ער האָט די אַלע פּייניקונגען איבערגעטראָגן מיט שטאָלץ. ער איז שפּעטער איבערגעפירט געוואָרן קיין ראַדאָגאָשטש, אין גלאַזערס פאַבריק, וואָס די דייטשן האָבן פאַרוואַנדלט אין אַ טורמע. דאָ האָט מען אויך געהאַלטן אונזערע חברים, די אַקטיווע בונדישע טוער יוסף מארגענטאלער און איטשע מאיר זילבערבערג. הונדערטער יידן זיינען אין דער טורמע געפּייניקט געוואָרן.

דער באַקאַנטער יידישער פאַבריקאַנט גערשאָוסקי, וועלכער איז געווען אַרעסטירט אין דער זעלבער טורמע און איז באַפרייט געוואָרן, האָט אין אַ גרויסער געזעלשאַפט דערציילט אין לאָדזשער געטאָ וואָס די יידן זיינען אויסגעשטאַנען אין דער דערמאָנטער טורמע. אַ גרויסער טייל איז געוואָרן פאַריאושט און צוזאַמענגעבראָכן. דערביי האָט ער מיט גרויס אָנערקענונג אַרויסגעבראַכט פּאַזנאַנסקיס האַלטונג וואָס האָט מיט זיין גוטמוטיקייט און חברשאַפט אַלעמען געשטאַרקט און געמונטערט. פּאַזנאַנסקי האָט געטענהט מיט די אַרעסטירטע יידן, אַז „אין די ערגסטע מינוטן, ווען מען שטייט פאַרן פאַרביסנסטן שונא, דאַרף דער מענטש נישט פאַרלירן זיין איך, האַלטן דעם קאָפּ הויך און ווירדיק רעאַגירן אויף אַלץ".

ווען און וואו פּאַזנאַנסקי האָט אויסגעהויכט זיין איידעלע נשמה איז נישט געלונגען פעסטצושטעלן. בלויז איין מאָל, אין יאָר 1940, איז צו זיין פרוי, חברטע רעלאַ, געקומען אַ פרעמדער יינגערמאַן און איבערגעגעבן, אַז פּאַזנאַנסקי האָט זיך געפונען נישט ווייט פון קראָקע, און צום ערשטן מאָל איז אָנגערופן געוואָרן דער נאָמען אָשווינטשים. עס איז אויך פאַראַן אַ השערה, אַז פּאַזנאַנסקי איז אומגעקומען אין דאַכאַו.

***

איך וויל דאָ דערמאָנען אויך זיין לעבנס־באַגלייטערין, אונזער טייערע חברטע רעלאַ.

איר גאַנצע זאָרג איז שטענדיק געווען פאַר איר „ליאָווען". נאָך דעם ווי מען האָט אים אַרעסטירט, האָט מען זי אַרויסגעוואָרפן פון זייער דירה.

דער בונד האָט די גאַנצע צייט געזאָרגט פאַר איר, אַז זי זאָל נישט זיין איינזאַם. די שפייז, וואָס זי האָט באַקומען צוגעשיקט פון אויסלאַנד, האָט זי איבערגעגעבן דער אָרגאַניזאַציע צו פאַרטיילן צווישן חברים. זומער 1944, קורץ פאַר דער ליקווידאַציע פון געטאָ, איז זי קראַנק געוואָרן אויף די־זענטעריע און מען האָט זי גענומען אין שפּיטאָל. דאָס איז שוין געווען האַרט פאַר דער פולשטענדיקער ליקווידאַציע פון געטאָ. זי איז שוין געווען כמעט אָן באַוואוסטזיין.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דאָס לעבן פון צוויי אידעלע מענטשן, טייערע פריינט און חברים, מיט וועלכע דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק אין לאָדזש איז אַזוי שטאָלץ געווען.

שמואל מילמאַן

●

## יאַנקל זשעלעזניקאָוו

געבוירן 1887 (אָדער 1888) אין פּינסק — אומגעקומען בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין אַ סאָוועטישער תפיסה.

ער איז געווען דער זון פון צבי־אַלטער און באַשע. דער טאַטע איז געווען אַ וואַלד־אַרבעטער. ווינטער אין די וועלדער און זומער מיט די טראַטוועס (פּליטעס) אויפן טייך פון פּינסק קיין יעקאַטערינאָסלאַוו. די מו־טער האָט געפירט אַ קליין קרעמל.

יאַנקל, אַ לעבעדיק, טעמפּעראַמענטפול יינגל, האָט געלערנט אין חדר און שפּעטער אין תלמוד־תורה. זיין עלטערער ברודער שלמהקע, פריער געאַרבעט אין וואַלד און נאָך דעם אין שוועבעלעך־פאַבריק, איז געווען אַקטיוו אין בונד (געווען דער „נאַטשאַלניק" פון באַרימטן און העלדישן „באָ־יעוואָי אָטריאַד" פון בונד אין פּינסק). אויך יאַנקל ווערט אַרום 1903 מיט־געריסן מיט דער שטורמישער בונדישער באַוועגונג. ער ווערט דער פירער פון דער רירעוודיקער אָרגאַניזאַציע פון פּינסקער קליינעם בונד. בראש פון די קליינע יאַטן האָט ער אויפגערודערט די שטאָט און זיך מיטבאַטייליקט אין די וויכטיקסטע רעוואָלוציאָנערע אַקטן. יאַנקל האָט געהערט צו די געוואַגטסטע און העלדישסטע. ער האָט אויך געשריבן אויפרופן פון קליי־נעם בונד.

די געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּינסק האָט צו פאַרצייכענען אַ ריי צוזאַמענשטויסן מיט די באַוואָפנטע צאַרישע כוחות און אויך אויסגעפירטע טעראָר־אַקטן. אויף די ברוטאַלע האַנדלונגען מצד דער פּאָליציי האָבן די אַרבעטער אָפט געענטפערט מיט שיסערייען. פון אַ קויל איז סעפּטעמבער 1905 געפאַלן אויף דער בירזשע דער פּאָליציאַנט פּאָלע־שטשוק, וועלכער האָט מיט אַ נאַהייקע געשלאָגן אַרבעטער. יאַנקל האָט צו־

ליב דעם געמוזט עוקר זיין פון פינסק, ווייל מ׳האָט אים באַשולדיקט אין שיסן דעם פּאָליציאַנט.

דער ייִנגער רעוואָלוציאָנער האָט פאַרלאָזט זיין היים־שטאָט. ער איז אַוועק אין אָדעס און פון דאָרטן קיין בערדיטשעוו. דער וואָלינער־פּאָדאָליער ראַיאָן־קאָמיטעט (צווישן זיינע הויפּט־טוער זיינען דעמאָלט געווען חבר לאַזאַר — וויקטאָר שולמאַן און בייניש מיכאַלעוויטש) האָט באַשלאָסן אַרויסצושיקן זשעלעזניקאָוון באַזוכן פאַרשיידענע וואָלינער שטעטלעך און דערליידיקן פאַר־טייאישע ענינים. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין נישט קיין שלעכטער מאַסן־רעדנער און פּראַקטישער טוער. די צרה איז אָבער געווען וואָס יאַנקל האָט נישט געוואָלט לעבן פון דער אָרגאַניזאַציע און האָט מסכים געווען צו באַזעצן זיך נאָר אין אַן אָרט, וואו ער האָט געקענט קריגן אַרבעט. סוף־כל־סוף האָט מען אים נאַראַיעט די שטאָט טולטשין. ס׳איז ספּעציעל געקומען צופאָרן אַ חברטע און געפאָדערט צוצושיקן אַ טוער. יאַנקל האָט זיך אָפּ־געזאָגט, ווייל דאָרטן איז שוין געווען אַ גרעסערע באַוועגונג און ער האָט געהאַלטן, אַז אַזאַ גרויס אָרט איז נישט פאַר זיינע כוחות. אויך חבר לאַזאַר האָט געטענהט, אַז דער ייִנגער פּינסקער חבר וועט זיך נישט קענען קיין עצה געבן צוליב דעם, וואָס אין טולטשין זיינען אויך פאַראַן קעגנערישע אָרגאַניזאַציעס מיט אַ סך אינטעליגענץ. בייניש מיכאַלעוויטש האָט אויסגע־לאָכט די ספקות און געזאָגט צו יאַנקלען: „הערט נישט וואָס זיי ריידן דאָרטן, זיי שרעקן בלויז. פּאָרט. בונדישע אַרבעטער האָבן נישט קיין מורא פאַר איסקראָווסקע אינטעליגענטן". און מיט אומרו אין האַרצן איז דער „פּינסקער יאַט" געפאָרן.

ווען די חברטע — עטע איז געווען איר נאָמען — האָט אַראָפּגעברענגט דעם ייִנגן טוער, איז ביי אַלעמען געווען אַ גרויסע אַנטוישונג. מ׳האָט צו דער חברטע געהאַט שטאַרקע טענות. זי האָט זיך אָבער געשטעלט קעגן „דעת הקהל" און טאַקע ביי אירע עלטערן האָט מען אים איינגעאָרדנט מיט קעסט און נאַכטלעגער. עטע איז געווען אַ זאָקן־מאַכערין. צום בונד איז זי געקומען פון די איסקראָווצעס (אין 1903) אין אָדעס. אין 1904 האָט מען זי אַרעסטירט אין קישיניעוו אין אַ געהיימער דרוקעריי. זי האָט איצט אַריינ־געפירט יאַנקלען אין דער אָרטיקער אַרבעט. (מיט 4 יאָר שפּעטער, נאָך פאַרשיידענע גילגולים, האָבן זיי זיך ווידער געטראָפן און — געוואָרן מאַן און ווייב).

אַליין אַ קינד פון דער אָרימער אַרבעטער־מאַסע, האָט יאַנקל שנעל זיך פאַרבונדן מיט די אַרבעטער בכלל און בפרט מיט די אַרבעטער פון דער טאַבאַק־פאַבריק. טאָג־איין טאָג־אויס האָט ער אָפּגעוואַרט די אַרבעטער פאַר דער פאַבריק און צו זיי גערעדט אויף אַ לשון, וואָס זיי האָבן גוט פאַרשטאַנען. ער האָט לסוף אָרגאַניזירט אַ שטרייק אויף דער טאַבאַק־פאַבריק און נאָך אַ שווערן 4־וואָכיקן קאַמף געבראָכן די עקשנות פון פאַבריקאַנט.

דאָס האָט שטאַרק געהויבן זיין אָנזען. דער חבר חיים — אַזוי האָט מען אים דעמאָלט גערופן — איז געוואָרן פּאָפּולער אין שטאָט. ס׳איז פאָר־געקומען די וואַל־קאַמפּאַניע צו דער דומע און דער חבר חיים האָט דאָס



יאַנקל זשעלעזניקאָוו — מיט זיין פרוי און קינדער

ערשטע מאָל געדאַרפט אַרויסטרעטן שבת פאַר אַ גרויסן עולם אין בית־המדרש. ווען אַ מיטגליד פון בונדישן קאָמיטעט, יאַנקל דער בלעכער, האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין באַלעמער און געמאָלדן, אַז דער חבר חיים וועט רעדן וועגן די „וויבאָרעס“, איז דער ייִנגער רעדנער געבליבן שטיין אָן לשון און ס׳האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אויף אַ צאָן פון ציטערניש. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז דער בונד קען קאָמפּראָמיטירט ווערן און דאָס האָט אים גע־געבן כוח צו ריידן... צווישן די, וואָס האָבן דעמאָלט ממשותדיק געשטיצט דעם בונד אין טולטשין, איז אויך געווען דער זון פון רבין ר׳ דודל טאַלנער.

נאָכן פאַרברענגען אַ צייט אין טולטשין האָט אים דער ראַיאָן־קאָמיטעט אָפּקאָמאַנדירט קיין ראַדזיוויל׳אָוו ביי דער עסטרייכישער גרענעץ. צווישן אַנ־דערע אַרבעטן האָט ער דאָרטן „אָרגאַניזירט די גרענעץ“ פאַר אַ טייל דע־לעגאַטן (פון אוקראַינע), וואָס זיינען געפאָרן צום לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

די צאַרישע מאַכט האָט גענומען די אויבערהאַנט, די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס זיינען שנעל געפאַלן. און אויך יאַנקל זשעלעזניקאָוו האָט זיך גע־נומען וואַלגערן אין פאַרשיידענע צאַרישע טורמעס. אין 1909 איז ער אַרויס פון קישיניעווער תפיסה און געדאַרפט דאָרטן בלייבן אונטער פּאָליצייאישער השגחה. ער האָט צו דעם קיין חשק נישט געהאַט. האָט ער באַשלאָסן צו פאַרלאָזן רוסלאַנד און פאָרן קיין פּאַריז. די מניעה אויסצופירן דעם פּלאַן איז געווען דאָס פעלן אויף הוצאות. ער האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע

ברירה, ווי אָנקומען צום טאָטן און בעטן אַרויסצוהעלפן. געהאַפט האָט יאַנקל, אַז דער טאַטע, וועלכער פלעגט טענהן — „פון רויטן פענדל קען מען נישט געבן אַ ווייב קיין ברויט", וועט אים גערן וועלן אַרויסהעלפן. צו דעם צוועק איז יאַנקל סוף דעצעמבער 1909 צוריקגעקומען אַהיים קיין פּינסק.

צו זיין פאַרוואונדערונג האָט ער דאָרטן געטראָפן אַ צוריק אויפגעבויטע געהיימע בונדישע אָרגאַניזאַציע, וואָס פירט אַן אינטענסיווע טעטיקייט. פון צייט צו צייט קומען אַראָפּ פירער פון בונד — מ. ליבער, א. ליטוואַק, ר. וויינ־שטיין. און יאַנקל האָט פאַרלוירן דעם חשק צו די שיינע בולוואַרן פון פּאַריז און באַשלאָסן צו בלייבן אויף די בלאָטיקע גאַסן פון פּינסק. אין זיין היימ־שטאָט האָט ער חתונה מיט דער טולטשינער חברטע עטע, וואָס איז געוואָרן אַ הייבאַם. די פּאַרטיי־אַרבעט האָט אים אַזוי פאַרכאַפּט, אַז ער האָט פאַר־געסן די געפאַר, וואָס לויערט אויף אים. מ'האָט אים באַלד צוקאָאָפּטירט צום פּינסקער קאָמיטעט פון בונד. צו דער פּאָליציי האָט מען דערטראָגן, אַז יאַנקל זשעלעזניקאָוו איז צוריקגעקומען און זי האָט אים גענומען ענערגיש זוכן. אַזוי ווי זי האָט אים נישט געקענט כאַפּן, האָט זי דערוויל אַרעסטירט זיין פאָטער. צוהילף דער פּאָליציי איז געקומען אַ יידישער מסור, אַ שניידער־מייסטער, וועלכער האָט אויסגעגעבן, אַז אין זיין שכנות קומט יאַנקל יעדן טאָג צו אַ בונדישן טוער. מ'האָט די געגנט אַרומגעשטעלט מיט פּאָליציי, פוס־גייער און רייטער, און ווען יאַנקל איז אויף בריסקער גאַס אַרויס פון דער „יאַווקע", האָט מען אים גענומען — און אויפגעמישט די אַלטע געשיכטע פון 1905 : די באַשולדיקונג אין שיסן דעם פּאָליציאַנט פּאַלעשטשוק. געווען איז דאָס דעם 28 פעברואַר 1910.

פאַר זיין ווילן ווייטער צו בלייבן אין דער היים־שטאָט און דינען דעם בונד און דעם באַפרייאונג־קאַמף האָט יאַנקל זשעלעזניקאָוו באַצאָלט מיט 6 יאָר קאַטאָרגע.

אַ פיזיש שטאַרק אָפּגעשוואַכטער, אָבער מיט נישט געבראָכענעם מוט קומט נאָך דער רעוואָלוציע פון 1917 דער „פּינסקער יאַט" צוריק אויף זיין פּאָסטן. ער איז ווידער טעטיק אין אוקראַינע. מען זעט אים, ווי אַ שליח פון בונדישן געגנט־קאָמיטעט אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך. ער שטעלט אויף און אינסטרואירט בונדישע אָרגאַניזאַציעס, טרעט אויף ווי אַ רעדנער אויף גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען און באַלויכט די פראַגן, וואָס די רעוואָלוציע האָט אַוועקגעשטעלט. ער איז איינער פון די בונדישע אַקטיווע טוער.

ווען די באָלשעוויקעס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט, בלייבט זשעלעזניקאָוו טריי דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער לערע. סך־הכל מיט אַ יאָר פריער, סוף 1916, צווישן די פּאָליטיש־פאַרשיקטע אין סיביר, האָלט זשעלעזניקאָוו אַ רע־דע, אין וועלכער ער זאָגט אַרויס דעם געדאַנק, אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן מיט אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע. די אָנווייזנדיקע באָלשעוויקעס האָבן געלאַכט פון אַזאַ געוואַגטן געדאַנק. און אָט איז אין אַ פּאָר חדשים אַרום געקומען די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און די באָלשעוויקעס האָבן זי גע־וואָלט דערפירן ביז צום לעצטן עקסטרעם. זשעלעזניקאָוו האָט דאָס באַטראַכט

ווי אַן אומפּאַראַנטוואָרטלעכע אַוואַנטורע, פּאַר וועלכער די פּעלקער פון רוסלאַנד וועלן צאָלן אַ שווערן בלוטיקן פּרייז. אַ מענטש פון דער פּאָלקס־מאַסע, איז ער אין זיינע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָנשויאונגען געבליבן מער שטאַנדהאַפטיק, ווי פיל אינטעליגענטן. אַזוי אויך איז זיין טריישאַפט צו זיין בונדישער מוטער־אָרגאַניזאַציע. אין יענער צייט איז ער אויך געווען טעטיק אין דער קיעווער קולטור־ליגע. ער באַטייליקט זיך אין אַ ריי בונדישע קאָנפערענצן און באַראַטונגען, צווישן אַנדערן איז ער געווען אַ דעלעגאַט אויף דער 11טער אַלרוסישער קאָנפערענץ פון בונד, וואָס איז פאָרגעקומען אין מינסק דעם 16—20 מערץ 1919.

אָנהויב 1918 איז ער צוריקגעקומען קיין טולטשין, וואו ער האָט פאַרברענגט אַ געוויסע צייט. די זעלנער פון אוקראַינישן גאַרניזאָן האָבן אין דער שטאָט, וואָס האָט געוואוסט פון יידן־שחיטות נאָך פון גזירת ת״ח־ות״ט, דורכגעפירט אַ פּאָגראָם. דער אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־ראָט האָט דאַן פּראָקלאַמירט, אַז ער נעמט איבער די מאַכט אין שטאָט. עס איז אויסגעטיילט געוואָרן אַ פּרעזידיום מיט דיקטאַטאָרישע פולמאַכטן און זשעלעזניקאָוו איז באַשטימט געוואָרן אַלס פאָרזיצער. אין משך פון עטלעכע טעג האָט מען אַנטוואָפנט דעם אַלטן גאַרניזאָן און צוריק אָפּגענומען ביי די זעלנער און ביי די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער אַ טייל פון צוגעראַבעטן פאַרמעגן. אָרדענונג און זיכערקייט איז צוריק איינגעשטעלט געוואָרן. יאַנקל זשעלעזניקאָווס דיקטאַטאָרישע מאַכט האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער דייטשער מאַרש אין אוקראַינע און טולטשין איז באַלד אָקופּירט געוואָרן דורך דייטש מיליטער.

אין דעם שטרייט וועגן ווייטערדיקן גאַנג פון דער רעוואָלוציע איז זשעלעזניקאָוו געשטאַנען אַנטשידן אויף דער זייט פון יענעם סאָציאַליסטישן לאַגער, וואָס איז געווען קעגן דער באָלשעוויסטישער טאַקטיק. מיט ווייטאָג האָט ער צוגעקוקט ווי פיל אַלטע פּאַרטיי־טוער דעזערטירן — גייען אַוועק פון זייערע אייגענע אָנשויאונגען און פּענער, לויפן איבער צו די זיגער. מיט גרויס צער האָט ער איבערגעלעבט די שפּאַלטונג אין בונד.

אין באָלשעוויסטישן רוסלאַנד האָבן געקענט זיין פיל פּאַרטייען, נאָר איינע אַלס די טורמע־וועכטער און די אַנדערע אַלס די אַרעסטאַנטן. איז דער פּינסקער בונדיסט אַוועק קיין פּוילן, כדי נישט דאַרפן נאָכאַמאָל אַדורכמאַכן דעם קאַטאָרגע־וועג, אויף וועלכן ער איז געגאַנגען אין די צאַרישע צייטן, אַ וועג איבער דער לענג און ברייט פון רוסלאַנד — פון זוניקן כערסאָן אין דרום ביזן קאַלטן סיבירער צפון.

חבר זשעלעזניקאָוו איז סוף 1921 געקומען קיין וואַרשע, וואו ער איז געווען אַ קורצע צייט, און זיך באַזעצט אין ווילנע. דאָרטן האָט ער פאַרברענגט 18 פּרוכטבאַרע יאָרן און געוואָרן איינער פון די פּאָפּולערסטע כלל־טוער. אין ווילנע איז אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן די בונדישע באַוועגונג געווען געטיילט. זשעלעזניקאָוו האָט געהערט צו דעם ס. ד. בונד, בראש פון וועלכן עס זיינען געשטאַנען דר. פּ. ראָזענטאַל און אַ. ליטוואַק. ער האָט אַ סך געשריבן וועגן פּראָפעסיאָנעלע און אַקטועלע ענינים אין וואָכנבלאַט

אונזער געדאַנק און אין אַנדערע בונדישע אויסגאַבעס (אַחוץ מיטן אייגענעם נאָמען האָט ער זיך אויך אונטערגעשריבן — י. אייזערנער, חיימקע, א. אַ.). שפּעטער האָט ער אין דער בונדישער פּרעסע פאַרעפנטלעכט זיינע אינטע־רעסאַנטע זכרונות.

נאָך דער פאַראייניקונג פון ביידע בונדישע ווילנער אָרגאַניזאַציעס איז ער געווען אַ מיטגליד פון ווילנער קאָמיטעט פון בונד, אַ מיטגליד פון פּאַרטיי־ראַט פון בונד אין פּוילן, לאַנגע יאָרן דער פאָרזיצער פון גרויסן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון האַנדלס־אַנגעשטעלטע אין ווילנע, ביזן מלחמה־אויסברוך פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער ווילנער קהילה און פאַרנומען נאָך אַ ריי אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אַמטן. די ווילנער יידישע אַרבעטער־שאַפט און אָרימקייט האָבן אין אים געזען זייער שליח־ציבור. פון צייט צו צייט איז ער אין שליחות פון בונד אַרומגעפאָרן אין די שטעט און שטעטלעך אין די מזרח־געביטן פון פּוילן און האָט געהאַלטן פאָרלעזונגען. ער האָט פיל מאָל דורכגעשניטן דאָס לאַנד פון ראָוונע און פּינסק ביז סוועָנציאַן. אָפט פלעגט מען אים טרעפן אין וואַרשע, וואוהין ער איז געקומען אויף צוזאַמענ־פאָרן אַלס דעלעגאַט פון בונד אָדער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

יאַנקל זשעלעזניקאָוו האָט אָבער די באָלשעוויסטישע טורמע נישט אויסגעמיטן. איז ער פון איר אַוועק, איז זי געקומען צו אים, אין זיין ווילנע, וואו קינד־און־קייט האָבן אים געקענט און זיך צו אים געווענדט אין אַן עת־צרה. אויפן סמך פון סטאַלין־היטלער־אָפּמאַך, האָבן די סאָוועטישע חיילות אין סעפּטעמבער 1939 פאַרנומען ווילנע. זשעלעזניקאָוו האָט דעמאָלט געהאַט אַ מעגלעכקייט אַוועקצוגיין באַצייטנס קיין ליטע. ער האָט עס אָבער נישט געטאָן, הגם ער האָט זיך משער געווען וואָס אים דערוואַרט. איך וויל בלייבן מיט מיינע ווילנער, און זאָל געשען וואָס וועט געשען — האָט ער געזאָגט אַ רעזיגנירטער. לאַנג וואַרטן איז אים נישט אויסגעקומען. באַלד אין די ערשטע טעג האָט די סאָוועטישע מאַכט אין ווילנע אַרעסטירט פיל אָרטיקע יידישע כלל־טוער און שרייבער. צווישן זיי זיינען אויך גע־ווען אַ ריי בונדישע פירער און טוער. שוין אַ פיזיש קראַנקער און מידער פון 6 יאָר קאַטאָרגע און לעבנס־נויט, אָבער גייסטיק פריש און גרייט צו דינען זיין אידעאַל ביזן לעצטן אָטעם פון זיין לעבן, האָט יאַנקל זשעלעז־ניקאָוו געוואָרט אויפן קומען פון די תליונים און באַלד זיך דערוואָרט. דער אַלטער רעוואָלוציאָנער איז שוין פון זייערע הענט נישט אַרויס.

אַ יידישער אַרבעטער, וואָס איז געזעסן מיט אים אין איין קאַמער פון ווילייקער טורמע, האָט שפּעטער בעת אַ באַגעגעניש מיט אַ צווייטן אַרעס־טירטן בונדיסט דערציילט: די נ. ק. וו. ד., וואָס האָט זשעלעזניקאָוון געמאַ־טערט מיט די „אויספאָרשונגען", האָט אים לסוף צוגעזאָגט צו באַפרייען בתנאי, אַז ער זאָל אָנשרייבן אַ בראָשור קעגן בונד. אויף דעם האָט ער געענטפערט: ביי יידן האָט מען פיינט משומדים. אויב מ'וועט אים אַרויס־לאָזן אויף דער פריי און געבן אַ מעגלעכקייט במשך אַ פּאָר יאָר צו באַאַב־אַכטן דאָס לעבן אונטער דעם סאָוועטישן רעזשים און אויב ער וועט זיך

איבערצייגן, אַז דער באָלשעוויסטישער וועג איז אַ ריכטיקער און דער בונדישער איז אַ פאַלשער — דעמאָלט וועט ער די בראָשור אָנשרייבן...

זיין פרוי עטע מיט דער טאָכטער באַסיע (אַ מוזיק־לערערין) און אייניקל זיינען אין סעפּטעמבער 1943 אַרויסגעפירט געוואָרן פון ווילנער געטאָ צום אומברענגען אין היטלערס גאַז־אויוונס. דער זון אברהם איז געווען טעטיק צווישן דער בונדישער יוגנט אין ווילנער געטאָ און שפּעטער געקעמפט ווי אַ פּאַרטיזאַן. (לעבט איצט אין אויסטראַליע, וואו ער איז אַן אַקטיווער בונדישער טוער).

ב.: אינפאָרמאַציע פון ברודער שלמה (פּינסק — ניו־יאָרק), אהרן גאָלדסאָן (פּינסק — ניו־יאָרק) און הלל קעמפּינסקי (קאָבין — לאָדזש — ניו־יאָרק). יאַנקל זשעלעזניקאָוו: אין יענע טעג (היסטאָרישער זאַמלבוך, מאַטעריאַלן און דאָקומענטן צושטייער צו דער געשיכטע פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד, וואַרשע 1948); בריוו און כתב־ידן. נייע פאָלקס־צייטונג, 19 נאָוועמבער 1937, וואַרשע. י. האַרט: אונזער צייט, יולי־אויגוסט 1951, ניו־יאָרק. טויזנט יאָר פּינסק, ניו־יאָרק 1941.

י. ש. הערץ

●

# פישל געליבטער

גערבוירן אַרום 1884 אין זאַמאָשטש — געשטאָרבן דעם 14 דעצעמבער 1935 אין ניו־יאָרק.

זיינע פרומע עלטערן, וואָס האָבן אויפן זאַמאָשטשער מאַרק געהאַט אַ שענק, זיינען געווען אָנגעזען און באַליבט אין שטאָט אַלס ערלעכע און גוטהאַרציקע מענטשן. פישל האָט געלערנט אין חדר. ווען ער איז אונטערגעוואַקסן, האָט ער זיך גענומען צו וועלטלעכע לימודים און געהאַט בדעה צוגרייטן זיך צו מאַטורע־עקזאַמענס ווי אַן עקסטערן.



אין אָנהויב פון הייניקן יאָרהונדערט איז אין זאַמאָשטש געגרינדעט געוואָרן אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע. פישל, נאָך אין אַ געהאַקטער קאַפּאָטע, איז געווען איינער פון די גרינדער און געוואָרן אַן אומדערמידלעכער טוער. די פירער פון דער אָרגאַניזאַציע זיינען געווען אייניקע אינטעליגענטן, קינדער פון די אָנגעזעענסטע פאַמיליעס. אַ לעבעדיקער און גוטמוטיקער בחור, האָט פישל געהאַט אַן השפּעה אויף דער פאָלקסטימלעכער יוגנט. אַדאַנק אים האָט די שטרענג־קאָנספּיראַטיווע אָרגאַניזאַציע געפונען אַ וועג צו אַ ברייטערן עולם. אַ צונאָמען האָט ער דעמאָלט געהאַט — „פּרויען

זיינען אויך מענטשן״. דער מאָדנער צונאָמען האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס ער פלעגט אָנהויבן זיינע רעדעס מיט די ווערטער: „חברים און חברטעס״ — און דערביי צוגעבן מיט אַ טראַציקייט: „פרויען זיינען אויך מענטשן״...

אַחוץ „ציווילער״ אַרבעט, האָט די בונדישע אָרגאַניזאַציע זיך אויך פאַרנומען מיט „מיליטערישער״ — מיט פירן פראָפּאַגאַנדע צווישן די זעלנער פון זאַמאָשטשער גאַרניזאָן. צו דעם צוועק פלעגט מען פּראָדוצירן אַרטיקע אויפרופן, ביי וועלכע פישל איז געווען שטאַרק טעטיק.

אין רעוואָלוציאָנערן יאָר 1905 איז פאָרגעקומען די ערשטע עפנטלעכע סאָציאַליסטישע דעמאָנסטראַציע אין זאַמאָשטש — אַ דעמאָנסטראַציע פון פּאָליאַקן און יידן, אָרגאַניזירט בשותּפות דורך פּ. פּ. ס. און בונד. די צאַרישע מאַכט האָט אויף דעם רעאַגירט מיט אַרעסטן. מ׳האָט נאָך דעם אַרעס־טירט אַ צאָל בונדישע טוער. פישל געליבטער, וואָס איז געווען זייער פּאָ־פּולער אין שטאָט, האָט געמוזט אַנטלויפן. ער איז שפּעטער געווען טעטיק אין דער בונדישער באַוועגונג פון לובלין, כעלם, בריסק און אַנדערע שטעט.

אין 1907 קומט ער קיין ניו־יאָרק. אין די ערשטע פאָר יאָר האָט ער געפירט אַ שווער לעבן פון אַ נישט־איינגעאָרדנטן אימיגראַנט. געטון פאַר־שיידענע אַרבעטן, געוואָרן אויסגעריסן און געליטן נויט. אין 1910 באַזעצט זיך געליבטער אין פּיטסבורג און באַקומט באַשעפטיקונג ביי שווערער, שוואַרצער אַרבעט אין די פאַבריקן פון דער פירמע וועסטינגהאַוז.

צופעליק האָט ער אין פאַבריק זיך געטראָפן מיט אינזשיניער יוסף באַסקין, אויך אַן אַקטיווער בונדיסט פון דער היים. ביידע פלעגן נאָך דער אַרבעט גיין צו פאַרזאַמלונגען פון אַרבעטער־רינג און פון דער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי. פון דעמאָלט אָן האָט צווישן אינזשיניער און שוואַרץ־אַרבעטער זיך איינגעשטעלט אַ שטאַרקע פריינטשאַפט און אַ נאָענטע צוזאַ־מענאַרבעט אויף לאַנגע יאָרן.

ביידע זיינען שפּעטער צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק. באַסקין איז גע־וואָרן גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג. געליבטער, וועלכער האָט אַ שטיקל צייט געאַרבעט אין האַיאַס, פאַרוועדטס און די צוקונפט, — האָט אָנגענומען אַ פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט אין אַרבעטער־רינג און דאָ, אַזוי ווי זיין פריינט באַסקין, געבליבן ביזן סוף פון זיינע טעג.

נאָך אין פּיטסבורג איז געליבטער געווען טעטיק אין דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע און איז שפּעטער געוואָרן איינער פון אירע אָנגעזעענע טוער און געהערט צו איר צענטראַלער אָנפירערשאַפט (עקזע־קוטיוו). די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש אין רוסלאַנד האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן רושם און ער געפינט זיך צווישן די ערשטע, וואָס האָבן געפּרוּווט פאַרזייען די קאָמוניסטישע זריעה אויפן אַמעריקאַנער באָדן. אין 1919 ווערט ער מיטרעדאַקטאָר פון דער ניי־געשאַפענער קאָמוניסטישער צייטונג דער קאַמף און באַטייליקט זיך אין זעלבן יאָר אין דער ערשטער שפּאַלטונג פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע.

נאָך אַ געוויסער צייט האָט געליבטער איינגעזען זיין פאַטאַלן טעות

און איז צוריקגעקומען צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ער טרעט אַריין אין יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד און איז דאָרטן טעטיק ווי אַ מיטגליד פון רעדאַקציע־קאָלעגיע פון דער צייטונג דער וועקער און ווי אַ מיטגליד פון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט.

בעת דער שפּאַלטונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און פון פאַר־באַנד אין מיטן די דרייסיקער יאָרן, איז געליבטער געגאַנגען צוזאַמען מיט די מיליטאַנטן (מערהייט פון ס. פּ. און מינדערהייט פון פאַרבאַנד).

פון 1915 ביז 1926 האָט געליבטער פאַרנומען דעם אַמט פון עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג און פון 1926 ביזן טויט (1935) איז ער געווען זיין בילדונגס־דירעקטאָר. ער האָט גרויסע פאַרדינסטן ביים פאַרפעסטיקן די יידישע שולן פון אַרבעטער־רינג. ווי אַ רעדאַקטאָר פון דער אַרבעטער־רינג־פּרעסע — דער פריינד און אונזער שול — האָט ער פיל געשריבן און משפיע געווען, אַז דער אַרבעטער־אָרדן זאָל אויסברייטערן זיין טעטיקייט, באַזונדערס אויפן געביט פון קולטור.

ביז דער לעצטער רגע איז געליבטער פאַרבליבן אַ הייסער סאָ־ציאַליסט מיט אַ שטאַרקן אינטערעס פאַרן ברייטן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין אַלע אַקציעס פאַר דער יידישער אַרבעטערשאַפט אויף יענער זייט ים איז געווען זיין אַקטיווער אַנטייל. די טרייהייט אָן גרענעצן צום בונד, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון זאַמאָשטש, איז אים פאַרבליבן ביזן לעצטן אָטעם.

ב.: אינפאָרמאַציע פון העלענע אַשכנזי-שעפּנער (זאַמאָשטש — וואַרשע — ניו-יאָרק). ל. ראָטמאַן: דער פריינד יאַנואַר 1936, ניו-יאָרק; עדיטאָריעל — דאָרטן. ה. מאירסאָן: די צוקונפט, יאַנואַר 1936, ניו-יאָרק. ז. יעפרויקין: ניין-און-צוואַנציקסטער יעהרליכער רעפּאָרט פון דעם סעמעטערי דעפּאַרטמענט אַרבייטער רינג, 1936, ניו-יאָרק. י. באַסקין: אונזער שטימע, 16 יאַנואַר 1946, פּאַריז. ב. גע‌בינער: דער פריינד, יאַנואַר-פעברואַר 1946, ניו-יאָרק. י. ש. הערץ: 50 יאָר אַרבעטער-רינג אין יידישן לעבן, ניו-יאָרק, 1950; די יידישע סאָציאַליס-טישע באַוועגונג אין אַמעריקע, ניו-יאָרק, 1954.

י. ש. ה.

●

# משה נאָטקין

געבוירן 1883 — געשטאָרבן דעם 3 אויגוסט 1917.

אין בונד איז נאָטקין געווען טעטיק נאָך פאַר דער רעוואָלוציע פון 1905. ער האָט געאַרבעט אין די אָרגאַניזאַציעס פון מאָהילעוו, מינסק און אַנדערע שטעט. אין דער צייט פון דער ערשטער רוסלענדער רעוואָלוציע געפינט זיך נאָטקין אויף די פאָדערשטע קאַמף־פּאָזיציעס. דעמאָלט האָט מען אים אַרעסטירט אין מאָהילעוו. ווען די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע האָבן אָנגעהויבן פאַלן און די קאַמף־רייען זיינען געוואָרן גאָר שיטער, ווען

יאוש און ציניזם האָבן אַרויסגעשטויסן דעם גלויבן און אידעאַליזם, איז דער אומבויגזאַמער רעוואָלוציאָנער געווען צווישן די פאַרבליבענע געטרייע.

אין 1908 איז ער טעטיק אין ווילנע. די אַרבעטער רופן אים משה זאַק, ווייל ער שטייט בראש פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון זאַקנמאַכער. ער פירט דעמאָלט אָן מיטן גרויסן שטרייק פון דעם פאַך אין ווילנער געגנט. (מ'האָט אים אויך גערופן משה לעווין).

אין שייכות מיט דעם שטרייק וויל מען אים אַרעסטירן און ער ווערט אומלעגאַל. ער באַזעצט זיך אין דווינסק און פירט די פּאַרטיי־אַרבעט אין אַ ריי ערטער — דווינסק, ווילנע, וויטעבסק און אַנדערע שטעט. גלייכצייטיק באַטייליקט ער זיך אויך אין פאַרשיידענע פּאַרטיי־קאָנפערענצן אין לאַנד און אויסלאַנד.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז נאָטקין אין 1916 אַרעסטירט געוואָרן אין דווינסק. מ'האָט אים באַשולדיקט אין געהערן צום בונד. 10 חדשים איז דער אַרעסטירטער חבר געזעסן אין וויטעבסקער טורמע און די גרויסע רוסלענדער רעוואָלוציע פון 1917 האָט פאַר אים געעפנט די תפיסה־טויערן צו דער פרייַ.

ליידער איז אים נישט באַשערט געווען לאַנג צו געניסן פון זיין פרייען לעבן. אין תפיסה האָט ער אַדורכגעמאַכט אַ טיפוס און דאָס האָט פאַרניכטעט זיין געזונט. הגם אַ קראַנקער, וואַרפט זיך נאָטקין אַריין אין דער באַוועגונג. ער איז אומדערמידלעך. ער איז אומעטום דאָ מיט ראָט און טאַט. די אויפגעוואַכטע יידישע פאָלקס־מאַסן זעען אין אים אַן ערלעכן, פאַראַנטוואָרטלעכן און מסירת־נפשדיקן טוער. ער ווערט דער פאָרזיצער פון וויטעבסקער שטאָטישן און גוּבערניאַלן קאָמיטעט פון בונד, ער איז אַ מיטגליד פון עקזעקוטיוו פון אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־ראָט ווי אויך אַ מיטגליד פון שטאָט־ראָט.

אין סאַמע ברען פון זיין אַרבעט, אין עלטער פון קוים 34 יאָר, האָט זיין אָפּגעשוואַכט האַרץ, וואָס האָט מיטגעפיבערט אין דער גרויסער פיבער־האַפטער צייט, אויפגעהערט צו קלאַפּן.

ב.: ליעבענס־פראַגען, 1917, נומ' 45, וואַרשע.
Голосъ Бунда № 2, 19 августа 1917, Петроградъ.

י. ש. ה.

●

# שמואל (וולאַדימיר) און נאַדיאַ שטשופּאַק

צו די באַרימטע רעדנער פון דער רוסישער רעוואָלוציע (1905) האָט געהערט אין די רייען פון די בונדישע פּראָפעסיאָנאַלן שמואל שטשופּאַק, באַקאַנט אונטער דעם נאָמען וולאַדימיר. יעדער, וואָס האָט אים געקענט אין 1905 און געהאַט די זכיה צו הערן ווי אַזוי אויף דער בירזשע אין האָמעל, אָדער אויף דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין די פרייהייטס־טעג אין מינסק,

וולאַדימיר האָט געשטורעמט די צאַרישע אָרדענונג, ווען קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס שיינע בילד: דעם יינגן, שלאַנקן מענטש, וואָס האָט מיט אַן אַנגענעמער שטים פון אַ געבוירענעם רעדנער, מיט באַגייסטערונג, פּאַטעטיש, אין אַ שיינער ליטעראַרישער שפּראַך (ער האָט גערעדט רוסיש) אומדערמידלעך, מיט אַ היציקן טעמפּעראַמענט, באַלויכטן די אַלע קאָמפּליצירטע פּאָליטישע פּראָבלעמען פון יענער תקופה. וולאַדימיר איז אין יענער צייט שוין געווען אַ רייפער פּאָליטיקער, אָבער עפּעס ראָמאַנטישעס איז שטענדיק געווען און געבליבן אויף זיין גאַנץ לעבן אין זיין נאַטור.

געבוירן אין 1880 אין טאַגאַנראָג, טיף־רוסלאַנד, באַזוכט די גימנאַזיע אין שעדלעץ און וואַרשע, איז שמואל שטשופּאַק אַריינגעטרעטן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין די סאַמע יינגע יאָרן. אין אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט זעען מיר אים אין די שווייצאַרישע בונדישע קאָלאָניעס. ער שטייט אין ענגסטער פאַרבינדונג מיט דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד. די פירער פון דער באַוועגונג האָבן באַלד באַמערקט זיינע פעאיקייטן און אים צוגעצויגן צו דער אַרבעט. שוין אין 3־1902 ווערט וולאַדימיר אַ פּראָפעסיאָנאַל, פאָרט אַרום איבער די שטעט און שטעטלעך, לייענט רעפעראַטן פאַר דער אינטעליגענץ, טרעט אַרויס אַלס אַגיטאַטאָר אויף מאַסאָווקעס. און ווען ס'דערנענטערט זיך די ערשטע רעוואָלוציע, פּילט זיך שמואל שטשופּאַק אויף אירע כוואַליעס, ווי אין זיין אייגענער סטיכיע, און רוקט זיך אַרויס אַלס איינער פון די פּאָפּולערע רעדנער פון בונד.

דער הויכפּונקט פון זיין פּאָליטישער און אָראַטאָרישער אַקטיוויטעט זיינען געווען האָמעל, וואו אין משך פון זומער 1905 איז ער געווען איינער פון די אָנערקענטסטע פירער פון בונד, שפּעטער אין מינסק, וואו ער איז געווען דער פירנדיקער רעדנער פון דעם מיטינג דעם 18 אָקטאָבער, ווען דער גובערנאַטאָר קורלאָוו האָט געהייסן שיסן אין דעם עולם, וואָס האָט גורם געווען אַ גרויסע צאָל קרבנות. במשך זיין גאַנצן וויטערדיקן לעבן האָט וולאַדימיר נישט געקענט פאַרגעסן דעם שרעקלעכן איינדרוק פון דער מינסקער הריגה. ער האָט דעמאָלט אויך געאַרבעט אין ווילנע, אין וואַרשע און אין דווינסק, וואו ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די זשאַנדאַרמען.

7־1906 האָט שמואל שטשופּאַק פאַרבראַכט אין פּעטערבורג, וואו ער האָט אין נאָמען פון בונד אָקטיוו אָנטיילגענומען אין דער סטודענטישער באַוועגונג. דאָ האָט ער זיך באַגעגנט מיט זיין ברודער יעקב שטשופּאַק, צו וועלכן ער איז פון קינדוויז אָן געווען זייער צוגעבונדן. יעקב שטשופּאַק, אויך אַ בונדיסט, האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין אַלע סטודענטישע שטרייקן און קאָנפליקטן: ער איז געווען דער פאָרזיצער פון דעם באַרימטן ראָט פון די סטאַראָסטעס, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער באַוועגונג אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט. ס'איז געגאַנגען אַ שאַרפער קאַמף פאַר דער אויטאָנאָמיע פון די הויכשולן. ס'זיינען פאָרגעקומען רייבונגען און צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי, מיט די פּראָפעסאָרן־רעאַקציאָנערן, מיט די רעכטע סטודענטן, וואָס האָבן אָרגאַניזירט זייער אייגענע פראַקציע „אַקאַדעמיסטן" און געשטעלט אַ ווידערשטאַנד דער מערהייט סטודענטן. און טראָץ

דעם, וואָס אין לאַנד האָבן שוין גענומען די אויבערהאַנט די רעאַקציאָנערע שטימונגען, האָט נאָך שטאַרק געררישט אין די אודיטאָריעס פון אוניווער־סיטעט. ס'זיינען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען און מיטינגען, וואָס האָבן צו־געצויגן פיל טויזנטער פון דער יוגנט און צווישן די רעדנער האָבן זיך אויסגעצייכנט ביידע ברידער שטשופּאַק. (וועגן דער סטודענטישער באַוועגונג איז געווען אַן אינטערעסאַנטער אַרטיקל פון שמואל שטשופּאַק, אונטערגע־שריבן וולאַדימיר ש. — אין ניו־יאָרקער די צוקונפט, יאַנואַר 1908).

און נאָך אַ באַגעגעניש האָט דעמאָלט וולאַדימיר געהאַט אין פּעטערבורג: מיט דינה שטיינבערג פון ווילנע, טאָכטער פון דעם באַקאַנטן יידישן פילאָלאָג י. שטיינבערג און מחבר פון אַ 5־שפּראַכיקן ווערטערבוך. דינה שטיינבערג האָט אויך געאַרבעט אין בונד. אַלס סטודענטין, איז זי אויך אַריינגעגאַנגען אין דעם ראַט פון די סטאַראָסטעס און געווען דאָרטן די איינציקע פרוי. אונטערן נאָמען דינא ש. האָט זי פאַרעפנטלעכט רוסישע לידער (אירע צוויי לידער זיינען געווען אָפּגעדרוקט אין דעם איינציקן נומער פון דעם רו־סישן אָרגאַן פון בונד — יעוורעיסקי ראַבאָטשי, וואָס איז אַרויס אין פּעטערבורג, אין דעצעמבער 1905). צוזאַמען מיט שמואל שטשופּאַקן האָט זי אַרויס־געלאָזט אין רוסיש אַ זאַמלבוך או גאָרנאַ (ביי דעם האָרן), וואו וולאַדימיר האָט פאַרעפנטלעכט זיינס אַן אַרבעט. פון דער דאָזיקער באַגעגעניש איז אויסגעוואַקסן אַן אינטימע פריינטשאַפט. זיי האָבן חתונה געהאַט, באַלד פאַרלאָזט רוסלאַנד און באַזעצט זיך אין פּאַריז. פון יענער צייט (1908) זיינען זיי געוואָרן כמעט אויף שטענדיק פּאַריזער תושבים. אין די בונדישע און סאָציאַליסטישע קרייזן, סיי רוסיש־מענשעוויסטישע און עסערישע, סיי פראַנצויזישע זיינען די שטשופּאַקס געוואָרן אייגענע מענטשן. נאַ־דעזשדא שטשופּאַק האָט פאַרענדיקט די סאָרבאָן און מיט יאָרן שפּעטער איז זי אַליין געוואָרן אין דער סאָרבאָן פּראָפעסאָר פון סאַנסקריט. וולאַדימיר האָט זיך פאַרנומען מיט עמיגראַנטישע פּאָליטישע ענינים, געשטאַנען זייער נאָענט צו מעדעמען, מאַרטאָוון, אַקסעלראָדן. עס איז שווער געווען פאַרצושטעלן זיך דאָס „רוסישע פּאַריז" אָן דער משפחה שטשופּאַק. זיי פלעגן אָפט האַלטן פאַרלעזונגען, וואָס די בונדיסטן און די אַנדערע סאָציאַליסטישע גרופּעס האָבן איינגעאָרדנט.

ווען די רעוואָלוציע פון 1917 איז אויסגעבראָכן, איז שמואל שטשופּאַק געקומען קיין פּעטראָגראַד (פּעטערבורג). ער האָט זיך פאַרנומען מיט מוניצי־פּאַלער אַרבעט. ער איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס אַ מיטגליד פון דער פּעטערבורגער שטאָטישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג און צוזאַמען מיט דעם שטאָט־פּרעזידענט גריגאָרי שריידער האָט שמואל שטשופּאַק אָנגעפירט אין דעם יאָר פון דער רעוואָלוציע מיט די אַלע שטאָטישע ענינים. דער פּעטער־בורגער שטאָטישער פאַרוואַלטונג איז אויסגעפאַלן אַ גאַנץ וויכטיקע פּאָליטישע ראָל אין די געשעענישן, און שטשופּאַק איז געווען אַריינגעצויגן אין סאַמע ברען פון די פּאָליטישע קאָנפליקטן פון יענער צייט. נאָך דעם, ווי די באָל־שעוויקעס האָבן פאַנאַנדערגעטריבן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און די דע־מאָקראַטישע שטאָט־דומעס, האָט זיך שטשופּאַק אַ צייט געהאַלטן אויפן אויו־

בערפלאַך: ער איז אַריין אַלס אַ מיטגליד אין דער צפונדיקער שפּיז־פאַרוואַלטונג און בראש פון אַ דעלעגאַציע דורכגעפאָרן גאַנץ סיביר, כדי צו באַזאָרגן די גרויסע רוסישע הויפּט־שטאָט מיט ברויט. ס'איז געווען אַ שווערע מיסיע אין די באַדינגונגען פון יענער צייט, און שטשופּאַק האָט אין אַ ריי אינטערעסאַנטע אַרטיקלען באַשריבן זיינע רייזע־איינדרוקן אין די מענשעוויסטישע צייטונגען, וואָס זיינען נאָך פריי אַרויסגעגאַנגען.

אין 1919 האָט זיך שטשופּאַקן איינגעגעבן אַרויסרייסן זיך פון באָלשעוויסטישן רוסלאַנד. פּאַוועל אַקסעלראָד, וואָס האָט דעמאָלט פאַרגעשטעלט די מענשעוויקעס אין די אָרגאַנען פון 2טן אינטערנאַציאָנאַל, האָט צוגעצויגן שטשופּאַקן צו די אַרבעטן פון די רוסישע דעלעגאַטן אויף די קאָנפערענצן אין בערן און לוצערן. שטשופּאַק האָט אויך מיטגעאַרבעט אין אַ קליינעם אינפאָרמאַטיוון אָרגאַן אויף רוסיש, וואָס ס'האָבן געמיינזאַם געפירט פּ. אַקסעלראָד און נ. רוסאַנאָוו און אַנדערע פון די עסערן. נאָך דעם, ווי ער האָט זיך ווידער באַזעצט אין פּאַריז, האָט שטשופּאַק צוריק איינגעשטעלט זיינע פאַרבינדונגען מיט די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן און האָט אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט, כדי אויפצודעקן דעם אמת וועגן דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור מיט איר טעראָר און פאַרפאָלגונגען פון די רוסישע סאָציאַליסטן און בונדיסטן אין רוסלאַנד. שמואל שטשופּאַק האָט פיל געשריבן אונטער דעם פּען־נאָמען: ס. וולאַדימיראָוו. ער איז געשטאַנען אין אַ לעבעדיקער קאָרעספּאָנדענץ מיט מאַרטאָוון, און דער לעצטער האָט אויסגענוצט שטשופּאַקס פאַרבינדונגען, כדי אַמבעסטן צו אינפאָרמירן די מערב־אייראָפּעאישע סאָציאַליסטישע קרייזן וועגן דער לאַגע אין רוסלאַנד.

ווען ס'האָט זיך אויסגעבילדעט די אויסלענדישע דעלעגאַציע פון די מענשעוויקעס, איז שמואל שטשופּאַק געווען אַ צייט איר פאָרשטייער אין פראַנקרייך. שפּעטער זיינען אויפגעקומען מיינונגס־פאַרשיידנהייטן — שטשופּאַק האָט געהערט צו די רעכטע מענשעוויקעס. די דערנענטערונג איז פאָרגעקומען נאָר אין די לעצטע יאָרן, ווען דער אויסלענדישער צענטר פון די מענשעוויקעס איז אַריבער קיין פּאַריז. פון פאַל צו פאַל האָבן זיך באַוויזן אייניקע אַרטיקלען פון שטשופּאַקן אין סאָציאַליסטישעסקי וויעסטניק. אין די דאָזיקע יאָרן האָט די משפחה שטשופּאַק איבערגעלעבט אַ פּערזענלעכע טראַגעדיע: פּלוצלונג איז געשטאָרבן זייער איינציקער זון.

נאָך דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט שטשופּאַק מיט זיין פרוי זיך באַזעצט אין טולוז. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט נאָדעזשדאַ שטשופּאַק אומגעקערט זיך קיין פּאַריז, וואוהין ס'האָט זי אַרויסגערופן דער אוניווערסיטעט. דאָרטן איז זי פּלוצלונג געוואָרן קראַנק, דורכגעמאַכט אַן אָפּעראַציע און געשטאָרבן (30 נאָוועמבער 1941). שמואל האָט זיך אַנטזאָגט אויסצונוצן די אַמעריקאַנער וויזע, וואָס איז אים צוגעשיקט געוואָרן פון די אַלטע פריינט פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. פון טולוז איז ער אַוועק אין ניצע, פון דאָרטן אין אַ דערפל. די נאַציס האָבן אים דאָרטן אַרעסטירט, דעפּאָרטירט און פאַרשלעפּט ערגעץ־וואו. די טרויעריקע ידיעה וועגן דעם טראַגישן סוף פון שמואל שטשופּאַק איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק אין 1944.

אַ ביסל פריער, דורך אַ געלעגנהייט, האָבן זיינע פריינט באַקומען פון אים דעם מאַנוסקריפּט פון זיינע זכרונות, וואָס פאַרנעמט ביז 400 מאַשין־זייטן. דער מאַנוסקריפּט געפינט זיך אין רשות פון אַרכיוו פון בונד.

גריגאָרי אַראָנסאָן

•

# אָשר סאָלאָווייטשיק

געבוירן אַרום 1873 אין נאָוואַרעדאָק — געשטאָרבן דעם 5 דעצעמבער 1926 אין ניו־יאָרק.

זיין משפּחה — אַ שטרענג־אָרטאָדאָקסישע. זיין פאָטער יעקב איז געווען אַן אָנגעזעענער באַלעבאָס און אַ למדן.



גערופן האָט מען אים ר׳ יאַנקל דער חכם. אשרס ברודער איז געווען אַ רב און אַליין האָט ער יאָרן לאַנג געלערנט אין דער ישיבה און איז אויך געווען פאַנאַטיש פרום. דער פאָטער איז געשטאָרבן און אשר איז געוואָרן אַ בעל־מלאכה — אַ גאָלדשמיד.

דער פרומער אַרבעטער איז אין 1899 געקומען קיין וואַרשע. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ פאַבריק, וואו ס׳האָבן געאַרבעט בונדיסטן. זיי האָבן אים באַקענט מיט די נייע אידייען און געוואונען אין אים ממש אַ גלויביקן חסיד פון דער סאָציאַליסטישער תורה.

זומער 1901 פאַרזוכט ער שוין דעם טעם פון אַ צאַרישער טורמע. מען אַרעסטירט אים אויף אַ דעמאָנסטראַטיווער לוויה פון אַ פּוילישן סאָציאַליסטישן אַרבעטער. נאָכן אָפּזיצן 4 חדשים אין וואַרשעווער פעסטונג, שיקט מען אים אָפּ מיטן עטאַפּ אַהיים. דאָס גאַנצע שטעטל איז זיך דעמאָלט צונויפגעלאָפן קוקן אויפן בייזן וואונדער, ווי מ׳פירט דעם נעכטיקן וואוילערנער אין אַ קאָנוואָי. יידן האָבן געפרעגט: ווי קומט עס צו ר׳ יאַנקל חכמס זון אַזאַ נאַרישקייט און בגידה?

לאַנג אין שטעטל איז ער נישט פאַרבליבן. זיין לעבן — האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט — געהערט דעם בונד, דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף. ער קומט צוריק אין וואַרשע און ווערט אַ הייסער אַגיטאַטאָר פאַרן בונד. אין די יאָרן 5־1903 איז אשרס פּאָפּולאַריטעט שטאַרק אויסגעוואַקסן. ער פירט אָן מיט שטרייקן אין פאַרשיידענע פאַכן, אָרגאַניזירט די אַרבעטער, רעדט צו זיי אויף די בערזעס, שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום געפאַר. נישט איינמאָל איז אים אויסגעקומען צו ריידן אויף די צעשטורעמטע גאַסן אין שכנות פון די אָנגעשטעלטע ביקסן פון די מיליטערישע פּאַטרולן. אַלס מיטגליד פון צענטער (אַ ביוראָ ביים וואַרשעווער קאָמיטעט) ווערט אים אי־

בערגעגעבן צו אָרגאַניזירן און אָנצופירן גראָד די אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער. ער האָט די דאָזיקע אַרבעט געטאָן מיט ליבע און הייליקער התלהבות. צווישן אַנדערע האָט ער אין יענער צייט אָנגעפירט מיט די בעקער־אַרבעטער. ער פלעגט ריידן אויף די אַקסלען פון די בעקער־אַרבעטער מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט, כדי זיך צו שיצן קעגן אַ פּלוצלונגן איבערפאַל פון מיליטער.

אשר גאָלדשמיד — אַזוי האָט מען אים גערופן — איז אין דער רעוואָ־לוציע־צייט אַ סך מאָל געווען אַרעסטירט. אויך אין טורמע איז ער געבליבן דער אומבויגזאַמער רעוואָלוציאָנער. איינמאָל איז אַ רעגירונגס־קאָמיסיע אַרומגעגאַנגען איבער די קאַמערן. דער טורמע־נאַטשאַלניק קומט אַריין אין זיין קאַמער און גיט אַ באַפעל: אויפשטיין! אשר בלייבט זיצן און ענטפערט אָפּ הילכיק: זאָל לעבן דער בונד! ער האָט פאַר דעם באַקומען 8 טעג קאַרצער. ווען ער איז אַן אויסגעמאַטערטער צוריקגעקומען פון קאַרצער, האָט ער גע־זאָגט צו די חברים: „ס'האָט געלוינט, זיי וועלן נישט דערלעבן, דעם צאַרס משרתים, אַז איך זאָל זיך פאַר זיי אויפשטעלן"... אַזוי אויסגעהאַלטן איז ער געווען אין זיין כאַראַקטער.

נאָך דעם, ווי ער איז טעטיק אַ קורצע צייט אין ווילנע (סוף 1905), פאָרט ער אַרום ווי אַ שליח פון פּוילישן ראַיאָן־קאָמיטעט אין די שטעט און שטעטלעך פון פּוילן. ער האָט דעמאָלט געפירט אַ לעבן פון אַן אומלעגאַלן.

די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע זיינען געפאַלן, די רעאַקציע האָט זיך געשטאַרקט. אשר איז נאָך טעטיק אַ צייט און עס קומט אים ווייטער אויס צו שמאַכטן אין טורמע. בעת איינעם פון זיינע לעצטע אַרעסטן גע־פינט מען אין זיין צימער אייניקע בונדישע צייטונגען. דער זשאַנדאַרמען־אָפיציר פרעגט אים חוצפּהדיק פאַרוואָס ער האַלט ביי זיך „אַזאַ אָפּפאַל", און דער אַרעסטירטער ענטפערט אים שטאָלץ: „און פאַר מיר איז עס גאָלד!" אין די יאָרן פון דער רעאַקציע איז ער ווייטער געווען אַקטיוו אין וואַרשע.

בערך 2 יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה קומט אשר קיין אַמע־ריקע. אויך דאָ זיינען זיינע געדאַנקען און זיין וואַרים האַרץ מיטן בונד, אויף יענער זייט ים. אַ גרויסן טייל פון זיינע פאַרדינסטן גיט ער אַוועק אויף הילף פאַרן בונד; ער באַמיט זיך אויך צו באַקומען פון אַנדערע פאַרן זעלבן צוועק. יעדעס מאָל, ווען מ'האָט געפירט דאָ אַן אַקציע פאַרן בונד, איז ער געווען דער ערשטער צו געבן אַ גרעסערע סומע. און האָט ער צוליב אַר־בעטסלאָזיקייט נישט געהאַט צו געבן, האָט ער גענומען אַ הלוואה, ווייל „אַ באַנק מעג מען זיין שולדיק, דעם בונד — נישט"...

דאָ איז אשר געווען טעטיק אין דער יידישער סאָציאַליסטישער פע־דעראַציע. אַ גאַנץ קורצע צייט איז אויך ער פאַרכאַפּט געוואָרן פון די סימפּאַטיעס צום באָלשעוויזם, אָבער גאָר גיך האָט ער זיך אויסגעניכטערט. ער האָט דערזען צו וואָס דאָס פירט. דער בונד איז פאַר אים געבליבן ווי אַ מאַמע און ווי די פאַרקערפּערונג פון דער העכסטער פּאָליטישער חכמה און מאָראַל. פאַר די פירונגען פון דער היגער באַוועגונג האָט ער געהאַט שאַרפע קריטיק, וואָס ער פלעגט אַרויסברענגען וואו ס'איז נאָר מעגלעך געווען.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מאָראַלישער הויך פון אשרן איז געווען פאָלגנדער פאַל, וואָס ס'איז זיך מיט אים פאַרלאָפן: אין זיין פאַך איז אויסגעבראָכן אַ גענעראַל־שטרייק, וואָס איז פאַרשפּילט געוואָרן. פאַרן שטרייק איז ער געווען קעגן אים, ווייל ער האָט פאַראויסגעזען די מפּלה. אָבער ווען דער שטרייק איז געקומען, איז אשר 19 וואָכן צייט געשטאַנען און פּיקעטירט. די אַרבעטער האָבן שוין לאַנג געאַרבעט אין פאַבריק, אָבער ער אַליין האָט צוריקגיין נישט געוואָלט, ווייל דער שטרייק איז אָפיציעל נישט צוריקגערופן געוואָרן. ער האָט צוליב דעם געמוזט אַוועק פון זיין אַלט פאַך און שוין אויף די עלטערע יאָרן געדאַרפט בייטן די פאַכן און ליידן נויט צוליב דעם. אַזאַ איז געווען אשר גאָלדשמיד, אָדער אשר סאָלאָוויי, ווי מ'האָט אים דאָ גערופן. ער האָט געפירט אַ לעבן פון אַן אַסקעט — דער אינהאַלט און יום־טוב פון זיין לעבן איז געווען דער בונד. אַליין געפירט דאָ אַ קבצניש לעבן, און אָפט געגעבן הונדערטער דאָלאַרן פאַרן בונד אין פּוילן.

„ער האָט געהאַסט דעם אַמעריקאַנער באָדן — דערציילט זיין חבר עזריאל באַום — די אידייענלאָזיקייט און די יאָגעניש נאָכן דאָלער"... „ער האָט זיך פרייוויליק אויסגעקליבן דאָס לעבן פון אַ רעוואָלוציאָנער און איז דעם וועג דורכגעגאַנגען — איך גלויב עס וועט נישט קלינגען באַנאַל — מיט אַ מאַרטירער־קרוין אויף זיין קאָפּ".

און א. ליעסין האָט געזאָגט וועגן אים: „ער איז געווען ריכטיק דער צדיק פון דור. און זיינע וואָרצלען אין 'בונד' זיינען געווען טיף, און קיין ווינט אין דער וועלט האָט אים נישט געקענט רירן. און אַזוי ווי דער צדיק פון אַלטן שניט פלעגט שטענדיק האָבן פאַר די אויגן גאָט און פלעגט לעבן נאָר מיט אָט דער פאַרשטעלונג, אַזוי פלעגט אשר שטענדיק האָבן פאַר די אויגן דעם אַמאָליקן העראָאישן 'בונד' און ער פלעגט לעבן נאָר מיט אָט דער פאַרשטעלונג", און איז שטענדיק גרייט געווען „אָפּצוגעבן זיין גוטס, זיין לעבן, אַלץ־אַלץ פאַרן 'בונד'".

דעם 25 נאָוועמבער 1926, איילנדיק אין גאַס נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט אין פאַבריק, איז אים אַן אויטאָמאָביל איבערגעפאָרן. 10 טעג האָט ער זיך געמאַטערט אין גרויסע יסורים. פאַר די חברים און פריינט האָט ער פיל מאָל איבערגעחזרט: „שיקט איבער אַ גרוס דעם 'בונד' אין פּוילן" — און מיטן בונד אין האַרצן אויסגעהויכט זיין אידעלע נשמה.

ב.: אינפאָרמאַציע פון עליע מילער — יודל מאַטאָלסקי (וואַרשע — ניו־יאָרק). א. ליעסין: די צוקונפט, ניו־יאָרק, יאַנואַר 1927. עזריאל באַום: די צוקונפט, ניו־יאָרק, פעברואַר 1927. דער וועקער, ניו־יאָרק, 18 דעצעמבער 1926. מ.: פאָלקס־צייטונג, וואַרשע, 9 דעצעמבער 1926; דוד מייער: דאָרטן, 31 דעצעמבער 1926.

י. ש. ה.

# יוליאַ אַבראַמאָוויטש

אַ טאָכטער פון אינטעליגענטע עלטערן. איר מוטער איז געווען אַ לע־רערין פון אַ שטאָטישער פאָלקס־שול אין וואַרשע. יוליאַ און איר שוועסטער אַנדזשע זיינען ביידע געווען אַקטיוו אין בונד. זיי האָבן געהערט צו דער ערשטער גרופע יידיש־פוילישע אינטעלי־גענטן, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו דער יידי־שער אַרבעטער־באַוועגונג.



אין 1902 באַטייליקט זיך שוין יוליאַ, דעמאָלט נאָך אַ יינגיטשקע גימנאַזיסטקע, אין אַ דעמאָנסטראַציע אויף די אויאַזדאָווער אַלייען אין וואַרשע, וואו זי טיילט די 1טע מאַי־אויפרופן פון צ. ק. פון בונד. איר צי־מער אין דער וואוינונג פון אירע עלטערן אויף גראַניטשנע גאַס איז געוואָרן אַ טרעף־פונקט פאַר די בונדישע טוער. אַהין ברענגט מען אויך אומלעגאַלע ליטעראַטור און פון דאָרטן צעפירט מען עס אין פאַרשיידענע פונקטן. זי אַליין איז פאַרנומען מיט פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעטן.

אין הערבסט 1903 ווערט זי אַרעסטירט און איינגעזעצט אין שעדלע־צער תפיסה. דעם 1טן מאַי 1904 באַטייליקט זי זיך צוזאַמען מיט די אַנדערע פּאָליטישע אַרעסטירטע אין דער מאַניפעסטאַציע, וואָס האָט געצויגן נאָך זיך שאַרפע רעפּרעסיעס פון דער תפיסה־מאַכט.

אין רעוואָלוציאָנערן יאָר 1905 קומט זי קיין ביאַליסטאָק. בעת אויף דער בירזשע האָט אויפגעריסן די אַנאַרכיסטישע באָמבע און אסתר ריסקינד איז געפאַלן אַ טויטע, איז יוליאַ געווען מיט איר. אייניקע שפּליטער האָבן יוליאַן פאַרוואונדעט ביידע פיס. ס'איז געלונגען זי אַוועקצונעמען און געהיים אַוועקפירן קיין וואַרשע, וואו מ'האָט איר במשך פון עטלעכע חדשים צוריק־געשטעלט אויף די פיס.

די שווערע איבערלעבונגען האָבן זי נישט אַנטמוטיקט. זי שטעלט זיך צוריק צו רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. אין שליחות פון בונד פאָרט זי אַרום אין די שטעט און שטעטלעך — ביז זי איז אין 1905 אַרעסטירט געוואָרן אין קאַליש. זי איז דאָרטן געזעסן אַ לענגערע צייט. פון תפיסה קומט זי אַרויס אַ שטאַרק אָפּגעשוואַכטע און פאָרט אין 1907 אַוועק אין דער שווייץ זיך אָפּ־רוען. איר צייט צוריק קיין רוסלאַנד. זי קומט צוריק און נעמט זיך צו דער געפערלעכער אַרבעט פון אַגיטאַציע צווישן מיליטער. איר טעטיקייט האָט זי געפירט אין קאַווקאַז, אין די שטעט ביי דער וואָלגאַ, ווי אויך אין פעטערבורג און מאָסקווע. ס'האָט זיך ביי איר אָנגעהויבן אַנטוויקלען טובערקולאָז. מחמת דעם איז זי אַוועק אויפן אינזל קאַפּרי, איטאַליע. נאָך אַ צייט קומט זי צוריק קיין רוסלאַנד און באַזעצט זיך אין פינלאַנד.

טריי אָן גרענעצן איז יוליאַ געווען. אומדערשראָקן און פול מיט רע־

וואָלוציאָנערן פייער, איז זי דרייסט געגאַנגען אין אַלע געפאַרן. וואָס זי איז געווען, דערציילט איינע פון אירע נאָנטע חברטעס (ס. דובנאָוו־ערליך):

„ווען יוליאַן האָב איך דאָס ערשטע מאָל געהערט פון אונזערן אַ געמיינ־זאַמען פריינט, אַן אַקטיוון טוער פון דער צייט פון דער ערשטער רעוואָלוציע. אָט וואָס ער האָט מיר דערציילט וועגן דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט איר: אויף איינער פון די דעמאָנסטראַציעס אין יאָר 1905 אין וואַרשע (דאַכט זיך, אויף גזשיבאָווסקע) האָבן אין המון דעמאָנסטראַנטן זיך אַריינגעריסן מיט אַ שטורעם און פייפעריי די קאָזאַקן. ס'איז אַנטשטאַנען אַ מוראדיקע פּאַניק און אַ געלויף. פּלוצלונג האָט זיך נעבן מיר באַוויזן אַ יונג, שלאַנק, בלייך מיידל אין אַ קיילעכיקן קאַפּעלושל. זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, ווי זי וואָלט צוגעוואַקסן געוואָרן צום שמוציקן ברוק. דעם פערדס מאָרדע מיט די ברייט־געעפנטע נאָז־לעכער איז שוין געווען איבער איר קאָפּ. איך האָב זי אַ ריס געטאָן פאַר דער האַנט און מיט כוח אַרויסגעצויגן אויפן טראָטואַר. אויף מיר האָבן געקוקט אַ פּאָר גרויסע, טונקעלע אויגן, פול מיט כעס. דאָס קליינע הענטל האָט געצוקט אין מיינער:

— וואָס איז דאָס אַזעלכעס? — האָט דאָס מיידל אויסגעשריגן — ווער זענט איר? ווי וואַגט איר? לאָזט אָפּ די האַנט!

— איך וועל אייך נישט לאָזן אונטער די פערדישע קאָפּיטעס!

— און איך וועל נישט אַנטלויפן! פון אַ דעמאָנסטראַציע אַנטלויפט מען נישט!

דאָס שלאַנקע מיידל מיט אויגן פול פייער און אומעט, מיט אַ פּאַרריסן נעזל און קינדיש מויל האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אויסגעצייכנטע קאָנספּי־ראַטאָרקע. מיט גלייכע, רואיקע טריט פלעגט זי גיין איבערן פּעראָן פון וואָקזאַל פאַרביי דעם ריזיקן זשאַנדאַרם, האַלטנדיק הויך דאָס קעפּל מיטן קראַנץ טונקל־בלאָנדע צעפּ אויף אים. און די גאַנצע כאַפּטע שפּיאָנען האָבן זיך נישט געקענט אַנשטויסן, אַז די פּרעכטיקע וואַליזע איז פול אָנגעפּאַקט מיט געווער און אַז אונטערן ברייטן מאַנטל איז זי אַרומגעבונדן מיט אַ פּאַק אומלעגאַלער ליטעראַטור. און אין דער זעלבער צייט, ווי די האַנט איז געווען פאַרחלשט פון ווייטאָג צוליב דער שווערער משא פון דער וואַליזע, האָט דאָס פּנים געלויכטן מיט אַ ליבן שמייכל, פּונקט ווי זי האָט מיט יאָרן שפּעטער געשמייכלט אויף קאַפּרי אַנטקעגן די בליצן און שטורעמס".

די לונגען־קראַנקייט האָט אַלץ מער און מער געצערט דעם צאַרטן גוף פון דער אומדערשראָקענער רעוואָלוציאָנערין. יוליאַ וואוינט כסדר אין די פינלענדישע וועלדער. זי האָט זיך נישט געגעבן וועגן איר מצב און באַשליסט צו מאַכן אַ רעוואָלוציאָנערן שריט — האָבן אַ קינד, נישט אָפּוועקצוגיין אָן אַ שפּור פון דער וועלט. די דאָקטוירים וואָרנען איר קעגן אַזאַ שריט, וואָס וועט זיך ענדיקן פאַטאַל פאַר איר. יוליאַ פאָלגט זיי נישט און בלייבט ביי איר באַשלוס. אין די חדשים פון איר שוואַנגערשאַפט האָט זי געשיינט פון פרייד, אָבער עטלעכע וואָכן נאָכן געבוירן דאָס קינד, האָט די געבערערין באַקומען אַ בלוט־שטורץ און איז מער נישט אויפגעשטאַנען.

װען יוליאַ אַבראַמאָוויטש האָט אין 1916 פאַרענדיקט איר מוטיק, רע־װאָלוציאָנער לעבן, איז זי קוים אַלט געװען 30 יאָר.

ב.: אינפאָרמאַציע פון אברהם קאַסטעלאַנסקי (קאַרלין — װאַרשע — ניו-יאָרק). לעבענס-פראַגען, װאַרשע, 11 אָקטאָבער 1916. יוגנט-װעקער, װאַרשע, 15 אָקטאָבער 1927. ס. דובנאָװ-ערליך: נייע פאָלקס-צייטונג, װאַרשע, 10 דעצעמבער 1937.

י. ש. ה.

# מאָטל טשיזשעװסקי

צו 15 יאָר שוין געװען אין בונד. זיך באַטייליקט אין דער היסטאָרישער 1טער מאַי־דעמאָנסטראַציע אין װילנע, אין יאָר 1902, װאָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער מעשה־לעקערט. מיט אַ פּאָר װאָכן שפּעטער, דעם 29 מאַי, װערט ער בעת די מאַסן־אַרעסטן איינגעזעצט. מ'האָט געפונען ביי אים אומלעגאַלע ליטעראַטור. נאָכן אָפּזיצן עטלעכע חדשים אין װילנער טורמע, װערט ער פאַרשיקט אין מזרח־סיביר. סוף 1904 האָט מען אים מחמת דער אַלגעמיינער אַמנעסטיע באַפרייט.



מאָטל קומט צוריק אין זיין היים־שטאָט און שטעלט זיך גלייך אין די בונדישע רייען. ער נעמט אָנטייל אין די רוישיקע גאַסן־אַרויסטרעטונגען, װערט אַ פירער פון אַ קאַמף־דרוזשינע (ב. אָ.) און לסוף אויך אַ מיטגליד פון װילנער קאָמיטעט (1906־7).

מאָטל זאָקנמאַכער איז פּאָפּולער צװישן די יידישע אַרבעטער פון שטאָט, און באַזונדערס אין זיין פאַך — ער איז אַ פירער פון זאָקנמאַכער־פאַראיין. די רעװאָלוציאָנערע כװאַליעס פאַלן, אָבער מאָטל איז צװישן די געטריע, װאָס בלייבן אויפן פּאָסטן. דערװייל איז אונטערגעקומען דער פּריזיװ און ער װערט צוגענומען און אַװעקגעשיקט דינען אין אַ פּולק, װאָס געפינט זיך אין פינלאַנד. מאָטל האָט געהאַלטן, אַז דאָס אָרט פון אַ רעװאָלוציאָנער איז נישט אין דער צאַרישער אַרמיי. ער אַנטלויפט און קומט צוריק קיין װילנע, װאו ער איז טעטיק אונטער אַ פרעמדן נאָמען. אין 1907 אַרעסטירט מען אים אויף אַ פאַרזאַמלונג פון זאָקנמאַכערינס. עס דערװאַרט אים אַ גרויסע שטראָף. די אָרגאַניזאַציע האָט אונטערגעקויפט צװיי טורמע־װעכטער און זיי האָבן אים אַרויסגעלאָזט. כדי ס'זאָל נישט פאַלן קיין חשד אויף די װעכטער, האָט מאָטל פריער איבערגעזעגט די אייזערנע קראַטעס פון פענצטער און צוגעבונדן אַ שטריק. מען זאָל מיינען, אַז דאָס איז געװען זיין װעג צו דער פריי.

די רעאַקציע האָט שוין שטאַרק געבושעװעט. טשיזשעװסקי װערט

אַן אומלעגאַלער טוער. ער איז אומדערמידלעך טעטיק אין לאָדזש, האָמעל און וויטעבסק. דאָ פאַלט ער ווידער אַריין און מ׳ברענגט אים צוריק קיין ווילנע. עס משפט אים אַ מיליטער־געריכט און דער אורטייל איז — 8 יאָר קאַטאָרגע. איידער ער איז אַוועק אויף זיינע וואַנדערונגען אין די קאַטאָרזש־נע טורמעס, איז ער ביז נאָך דער אַפּעלאַציע געזעסן אין דער ווילנער לוקיש־קער טורמע. אין פרילינג 1910, ווען מ׳האָט אַהין געבראַכט עטלעכע און צוואַנציק אַרעסטירטע בונדישע טוער, צווישן זיי 2 מיטגלידער פון צ. ק. (מ. ליבער און ר. אַבראַמאָוויטש), איז דער אַלטער לוקישקער איינוואוינער מאָטל טשיזשעווסקי געווען דער סטאַראָסטע.

מאָטל האָט צוריק באַקומען זיין פרייהייט ערשט נאָכן זיג פון דער רעוואָלוציע, מערץ 1917. ער באַזעצט זיך אין וויטעבסק, וואו ער ווערט דער סעקרעטאַר פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע. (אין 1917 האָט זי געציילט 650 מיטגלידער), איז טעטיק אין אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־ראַט ווי אויך אין שטאָט־ראַט. שפּעטער ווערט ער דער פאָרזיצער פון בונדישן גובערניאַלן קאָמיטעט און באַטייליקט זיך אַלס דעלעגאַט אין 8טן צוזאַמענ־פאָר פון בונד (דעצעמבער 1917 אין פּעטראָגראַד).

אין די יאָרן 1918־19 איז מאָטל ווייטער געווען אַקטיוו אין וויטעבסק. ער איז טעטיק סיי אין דער פּאָליטישער, סיי אין דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט. דער צוטרוי פון דער אַרבעטערשאַפט צו אים איז געווען אַזוי גרויס, אַז מ׳האָט אים אויסגעקליבן אַלס פאָרזיצער פון געגנט־ראַט פון די פּראָפע־סיאָנעלע פאַראיינען.

די יאָרן קאַטאָרגע האָבן אָבער אונטערגעגראָבן זיין געזונט. ער האָט איצט געאַרבעט מיט זיינע לעצטע כוחות. נישט געקוקט אויף זיין שווערער קראַנקייט, האָט ער געטון זיינע פליכטן אַלס בונדיסט און אַרבעטער־טוער. אין די פּאָליטישע און אידייאישע מהומות פון יענער צייט איז ער געבליבן פעסט אין זיינע בונדישע איבערצייגונגען. דערפאַר פלעגט אים די באָל־שעוויסטישע „טשעקאַ" דערגיין די יאָרן. קעגן אירע שיקאַנעס האָט ער אַרויסגעוויזן גרויס מוט. אָפט פלעגט זי קומען צו אים אַהיים מאַכן רעוויזיעס און אויספרעגן. די לעצטע רעוויזיע איז פאָרגעקומען אַ חודש פאַר זיין טויט, בעת ער האָט שוין נישט געקענט פאַרלאָזן דאָס בעט. די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן צוגערויבט די פרוכט, וואָס איז אויפגעגאַנגען פון שווייס און בלוט פון די מאָטלס, האָבן זיין רו און געזונט נישט געשאַנעוועט אַפילו, ווען ער האָט געפירט זיין לעצטן גראַנגל פאַרן עצם לעבן. דער אויס־געמאַטערטער גוף פון יידישן אַרבעטער־רעוואָלוציאָנער האָט לענגער נישט אויסגעהאַלטן. געשטאָרבן איז ער אין יאָר 1922.

ב. : אונזער געדאַנק, ווילנע, 14 אָקטאָבער 1922; אויך אין דער וועקער, ניו־יאָרק, 11 נאָוועמבער 1922. מ. זעלדין : יוגנט-וועקער, וואַרשע, 1 יולי 1938. ר. אַבראַמאָוויטש : אין צוויי רעוואָלוציעס, ערשטער באַנד, ניו-יאָרק, 1944. שלום לעווין : אונטערערדישע קעמפער, ניו-יאָרק, 1946.
«Послѣднія Извѣстія», № 86, 18 сентября 1902, Женева.

י. ש. ה.

# מאָטל ביאַלי

געבוירן אין יאָר 1885 אין שטעטל יעדוואַבנע, נישט ווייט פון לאָמזשע. זיין פאָטער איז געווען פריער אַ וואַלד־אַנגעשטעלטער און שפּעטער אַ האָלץ־סוחר. קיין אָפּיציעלע בילדונג האָט מאָטל נישט געהאַט, ווייל זיינע עלטערן האָבן נישט געוואָלט ער זאָל שרייבן שבת.



זיי האָבן אָבער געדונגען פּאַר אים די בעסטע לערער, וועלכע האָבן אים געלערנט אַלגעמיינע וויסנשאַפט. צוזאַמען מיט דער גרינטלעכער יידישער דערציאונג, וואָס ער האָט באַקומען, איז ער געווען אַן עכט־געבילדעטער מענטש אין יידישן און אַלגעמיינעם וויסן.

קיין לאָמזשע איז ביאַלי געקומען, ווען ער איז נאָך געווען זייער יונג. מאָטל ביאַלי איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער בונדישער באַוועגונג, וואו ער האָט געשפּילט אַן אָנפירנדיקע ראָל ביזן יאָר 1905 און פאַרנומען אויך אַ בכבודיקן פּלאַץ אַלס מיטגליד פון דעם בונדישן ראַיאָן־קאָמיטעט אין פוילן. דעמאָלט איז ער צום ערשטן מאָל אַרעסטירט געוואָרן. אין די צאַרישע צייטן איז מאָטלס פּסעוודאָנים געווען לבן אָדער דער ווייסער.

אין די רעוואָלוציאָנערע יאָרן 1904־1905, ווען דער בונד האָט געפירט אַזאַ שטורמישע טעטיקייט, איז מאָטל ביאַלי געווען דער צענטראַלער נערוו פון דער לאָמזשער אָרגאַניזאַציע. קיינער האָט אים קיין מאָל אויף קיין סכאָדקעס, דעמאָנסטראַציעס אָדער פאַרזאַמלונגען נישט געזען און דאָך איז די גאַנצע אַרבעט געפירט געוואָרן דורך אים. אַלע פּראָקלאַמאַציעס, וואָס האָבן געטראָגן אַ לאָקאַלן כאַראַקטער, זיינען פון אים געשריבן געוואָרן. נאָך דעם דורכפאַל פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ווען אַ טייל פון דער אינטעליגענץ איז אַנטוישט געוואָרן, איז מאָטל ביאַליס היים געוואָרן דער זאַמל־פּונקט פון דער פאַרבליבענער און ניי־אויפגעקומענער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ.

די איינציקע עפנטלעכע אינסטיטוציע, אַרום וועלכער די אינטעליגענץ האָט זיך געקענט לעגאַל גרופּירן, איז געווען די ביבליאָטעק (פון וועלכער עס איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן די מעדעם־ביבליאָטעק און גראָסער־קלוב — איינע פון די רייכסטע יידישע ביבליאָטעקן ביים בונד אין פוילן).

אין יאָר 1915, ווען די דייטשן האָבן אין ערשטן וועלט־קריג פאַרנומען לאָמזשע, איז אויפגעשטאַנען אַ יינגער דור, וואָס האָט קיין באַגריף נישט געהאַט וועגן דער ראָל פון בונד אונטערן צאַריזם. בלויז געציילטע בונדיסטן, וואָס זיינען געווען אַקטיוו אין די רעוואָלוציאָנערע יאָרן, זיינען געבליבן. מאָטל ביאַלי איז שוין דעמאָלט געווען אַ זייער אָנגעזעענער בירגער פון שטאָט און דער אייגנטימער פון טאַרטאַק (זעגמיל). די אַרבעטער־יוגנט האָט

אָנגעהויבן פּילן אַ דראַנג זיך צו אָרגאַניזירן. מ׳האָט געגרינדעט אַן אַרבעטער־בילדונגס־פֿאַראיין. ווײַסנדיק, אַז ביאַלי איז געווען אַן אַרבעטער־פירער, האָט מען זיך צו אים געווענדעט ער זאָל העלפֿן אין דעם אויפֿבוי פֿון דעם פֿאַראיין. זײַן ענטפֿער איז געווען: „אַלץ, וואָס עס געפֿינט זיך אין מײַן טאַרטאַק, קאָנט איר נוצן פֿאַר אײַער פֿאַראיין״. מיט ביאַליס מאַטעריאַל און מיט דער אײַבערגעגעבנקייט פֿון די מיטגלידער איז אויפֿגעבויט געוואָרן איינע פֿון די שענסטע אינסטיטוציעס אין שטאָט. אין דעם פֿאַראיין האָבן לאַנגזאַם זיך גענומען אויסקריסטאַליזירן פּאָליטישע שאַטירונגען. די אָפּגעשטאַנענע בונדיסטן האָבן צוריק אויפֿגעלעבט און אַ קליינע גרופּע האָט באַשלאָסן צו גרינדן אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע.

אַ דעלעגאַציע איז אַוועק צו ביאַלין און אים פֿאָרגעשלאָגן צו קומען צו אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון געקליבענע מענטשן. ער האָט די אײַנלאַדונג אָנגענומען. דאָס איז געווען די ערשטע נאַכט פּסח פֿון יאָר 1917, אין הויז פֿון שפּעטער טראַגיש־אומגעקומענעם יונהלע ראַטשילד. דאָרטן האָט זיך פֿאַרזאַמלט אַן עולם מענטשן, פֿאַר וועמען ביאַלי האָט גערעדט וועגן דעם וואָס עס מיינט די אָרגאַניזאַציע בונד און וואָס עס מיינט זײַן אַ בונדיסט. אַ סך פֿון זײַנע רייד איז אפֿשר פֿאַר אַ טייל געווען אומפֿאַרשטענדלעך, אָבער פֿון דעם פֿײַער אין אַלעמענס אויגן האָט מען געקענט זען, אַז יעדער איינער באַגרײַפֿט וואָס דאָ קומט פֿאָר. אַ שעה צײַט האָט ביאַלי גערעדט. אין זײַן שטימע האָבן אַ סך פֿון די פֿאַרזאַמלטע געהערט די קלאַנגען פֿון יענע רעוואָלוציאָנערע יאָרן, אין וועלכע זייערע עלטערע ברידער און שוועסטער האָבן זיך באַטייליקט. אין יענער נאַכט זײַנען אַ סך קינדער געקומען אַהיים, ווען זייערע טאַטעס האָבן שוין געהאַלטן אין מיטן אָפּריכטן דעם סדר. אָבער אין יענער ליל־שמורים איז מיט ביאַליס הילף ווידער געבוירן געוואָרן די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין לאָמזשע.

נישט אַלע פּאַרטיי־מיטגלידער האָבן אים געקענט, ווײַל צו קיין דעמאָנסטראַציעס אָדער אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונגען איז ער נישט געקומען. אָבער דער בונדישער קאָמיטעט איז געשטאַנען אין כּסדרדיקער פֿאַרבינדונג מיט אים און קיין איין בונדישע אַקציע איז נישט אונטערגענומען געוואָרן איידער מען האָט זיך נישט באַראַטן מיט ביאַלין.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון בונד אין פּוילן האָט זייער גוט געוווּסט וועגן ביאַליס ראָל אין דער בונדישער באַוועגונג אין לאָמזשע. ווען ח׳ נח איז אין יאָר 1921 געקומען צו דער לאָמזשער ראַיאָן־קאָנפֿערענץ פֿון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס, האָט ביאַלי דורכאויס פֿאַרלאַנגט, אַז ח׳ נח זאָל זײַן זײַן פּערזענלעכער גאַסט. בײַ אים האָט ער די דרײַ נעכט גענעכטיקט און טאַקע אין מאָטל ביאַליס וואוינונג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ראַיאָן־קאָנפֿערענץ. ער האָט דעמאָלט זייער פֿיל ריזיקירט סײַ וואָס שייך זײַן פּרעסטיזש אַלס אָנגעזעענער בירגער און סײַ טאַקע אויך זײַן פֿרײַהייט, אָבער זײַן איבערגעגעבנקייט צום בונד האָט ער געשטעלט העכער.

ווען מעדעם איז נאָך פֿריער געקומען קיין לאָמזשע צו האַלטן אַ פֿאַרלעזונג, איז ער אויך געווען דער גאַסט פֿון מאָטל ביאַלי. אין אַלע צײַטן,

ווען די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין לאָמזשע אָדער דער צענטראַל־אָרגאַן פון בונד אין פוילן האָבן זיך געניייטיקט אין פינאַנציעלער הילף, האָבן זיי אין מאָטל ביאַלין שטענדיק געפונען אַ ברייט־האַרציקן נדבן.

אין 1920, ווען די באָלשעוויקעס האָבן פאַרנומען פוילן, האָבן זיי באַשטימט מאָטל ביאַלין אין דעם „רעווקאָם" (רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט). לאַנג האָבן זיי אין לאָמזשע זיך נישט געהאַלטן, אָבער נאָכווייענישן האָבן זיי איבערגעלאָזט גענוג. ווען די פּאָליאַקן האָבן צוריק פאַרנומען די שטאָט, האָבן זיי זיך נוקם ונוטר געווען אָן יעדן איינעם, וואָס האָט מיטגעאַרבעט מיט די באָלשעוויקעס. איינער פון די ערשטע פאַרפאָלגט צו ווערן איז געווען מאָטל ביאַלי. דער פּראָצעס, וואָס איז קעגן אים פאַרפירט געוואָרן, האָט געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין דער יידישער און פוילישער פּרעסע אין לאַנד. אים האָט געדראָט די האַרבסטע שטראָף טאָקע דערפאַר, ווייל ער איז געווען פון די אָנגעזעענסטע בירגער אין שטאָט. נאָך דעם, ווי עס איז אים געלונגען צו איבערצייגן דעם פוילישן געריכט, אַז זיין מיטאַרבעט איז געווען נישט קיין פרייוויליקע, נאָר אַן אָנגעוואָרפענע פון דער באָלשעוויסטישער מיליטערישער מאַכט, איז ער דורכן פוילישן געריכט באַפרייט געוואָרן.

אין 1926 איז מאָטל ביאַלי אויסגעוויילט געוואָרן צום לאָמזשער שטאָט־ראָט פון דער בונדישער קאַנדידאַטן־ליסטע. ער האָט גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל אין אַלגעמיינעם יידישן לעבן פון שטאָט, אָבער אַמנאָענטסטן איז אים געווען דער בונד בכלל און די לאָמזשער בונדישע אָרגאַניזאַציע בפרט.

ווען היטלער האָט דערקלערט קריג פוילן און האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו די טויערן פון לאָמזשע, איז ביאַלי מיט זיין משפחה אַוועק קיין סלאָנים. ער איז דאָרט געווען ביז דער צעטיילונג פון פוילן. ווען די סאָוועטישע אַרמיי האָט לויטן סטאַלין־היטלער־אָפּמאַך איבערגענומען לאָמזשע, האָבן זיי געלאָזט אין גאַנג אַלע פאַבריקן, צווישן זיי אויך ביאַליס טאַרטאַק. עס איז דורך זיי באַשטימט געוואָרן איינער, וואָס זאָל פאַרוואַלטן מיטן טאַרטאַק, אָבער דער אַרבעטער־ראָט פון די טאַרטאַק־אַרבעטער האָט באַשלאָסן צו פאַרלאַנגען, אַז ביאַלי זאָל געבראַכט ווערן פון סלאָנים אָנצופירן מיט דער אונטערנעמונג. מצד די אַרבעטער איז דאָס געווען אַן אויסדרוק פון צוטרוי צו אים פאַר דער מענטשלעכער באַציאונג, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן צו זיי אין די פריערדיקע יאָרן. דער פאַרלאַנג פון די אַרבעטער איז דערפילט געוואָרן: מיט דער דערלויבעניש פון דער סאָוועטישער מאַכט איז ביאַלי צוריקגעקומען און האָט איבערגענומען די פאַרוואַלטונג. עס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. דער טאַרטאַק איז געוואָרן נאַציאָנאַליזירט. זיין פאַרמעגן קאָנפיסקירט. ער האָט געמוזט צוריק זיך אומקערן צו זיין משפחה אין סלאָנים.

ביאַליס לעצטער בונדישער אַקט איז געווען אין ביאַליסטאָק. אומקערנדיק זיך פון לאָמזשע, האָט ער דאָרטן באַגעגנט אייניקע באַקאַנטע בונדישע טוער וועמען ער האָט מאַטעריעל אַרויסגעהאָלפן. אין סלאָנים האָט ער געמוזט לעבן מיט אַ פּאַספּאָרט, אין וועלכן עס איז געווען אַריינגעשריבן אַ „פּאַראַגראַף", אַז ער איז אַ געוועזענער פאַבריקאַנט און דאָס האָט אים באַ־

רויבט פון אַלע זײַנע רעכטן. אין דער צײַט, ווען ער איז אַוועק זוכן אַרבעט אַרום באַראַנאָוויטש, וואו עס האָט זיך געפונען זײַן עלטערער זון, האָט די נ. ק. וו. ד. זײַן פרוי מיט די צוויי ייִנגערע קינדער פאַרשיקט קיין סיביר.

דער בליץ־קריג פון די נאַציס האָט אים שפּעטער פאַרכאַפּט אין סלאָנים, וואו ער איז געווען עלנט און אַליין. ווי סלאָנימער גיבן איבער, איז ער אין מיטן העלן טאָג אויף דער גאַס דערשאָסן געוואָרן פון אַ נאַצישן מערדער.

ה. סאַבאַטקא

●

## אַברהם ראָזענבוים

געבוירן אַרום 1892 אין לאָשיץ — געשטאָרבן דעם 18 אויגוסט 1918 אין שעדלעץ.

אברהמל שטריקער — ווי ער איז געווען פּאָפּולער צווישן די ייִדישע אַרבעטער — האָט געשטאַמט פון אַן אָרימער, פּראָלעטאַרישער משפּחה. די טאַטע־מאַמע זײַנען פרי געשטאָרבן און אים איבערגעלאָזט אַ קיילעכיקן יתום. פון די ייִנגסטע יאָרן געליטן הונגער און נויט. ווען ער איז אַלט געווען 14 יאָר, איז ער אַרײַן אין קלײנעם בונד פון זײַן שטעטל. ער פאָרט אַריבער קיין מעזריטש און ווערט דאָרטן אַרעסטירט פאַר זײַן רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. פון פאַך אַ שטריקער. מיט אַ געבוירענעם רעדנער־טאַלאַנט, איז ער גיך געוואָרן אַן אויסגעצייכנטער מאַסן־אַגיטאַטאָר און פּאַרטיי־טוער. אַ קינד פון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט, איז פון אים אויסגעוואַקסן אַן אידעאַלער טיפּ פון אַן אַרבעטער־טוער. ער האָט גוט געקענט די צרות פון ייִדישן פאָלקס־מענטש און פאַרמאָגט דאָס לשון, וואָס זאָל עפענען די הערצער פון זײַנע צוהערער.



אין זײַן קורצן לעבן איז ער פאַר זײַן פּאָליטישער און פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט דריי מאָל אַרעסטירט געוואָרן. דאָס לעצטע מאָל האָט מען אים גענומען אין 1913 אויף אַ באַראַטונג פון אַ גרופּע וואַרשעווער בונדיסטן וועגן אויפלעבן די טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע (די באַראַטונג איז פאָרגעקומען אויף טוואַרדע גאַס). בערך אַנדערטהאַלבן יאָר איז ער געזעסן אין פּאַוויאַק, וואו ער האָט געוואַרט אויף אַ פּראָצעס פאַר געהערן צום בונד. דעמאָלט האָט ער באַקומען שווינדזוכט. די דאָקטוירים האָבן פעסטגעשטעלט אַז ער וועט לאַנג נישט לעבן, מחמת דעם האָט מען אים באַפרייט אויף קויציע.

יאָ לעבן — נישט לעבן, יאָ פריי — נישט פריי, אברהמל שטריקער

נעמט זיך גלייך צוריק צו דער בונדישער טעטיקייט. ער פֿאָרט אין זיין געבורט־שטעטל לאָשיץ, וואו ס׳איז געווען אַ צענטער פון שוסטעריי און ווערט דער סעקרעטאַר פון אומלעגאַלן פֿאַראיין פון לעדער־אַרבעטער. ער איז אויך טעטיק אין דער בונדישער אַרבעט פון שעדלעצער־מעזריטשער ראַיאָן, פונוואַנען ער האָט באַקומען אַ מאַנדאַט צו זיין דעלעגאַט אויפן 8טן צוזאַמענפאָר פון בונד, וואָס האָט געזאָלט פֿאָרקומען אין אויגוסט 1914 אין ווין.

אין יוני 1915 איז ענדלעך פֿאָרגעקומען זיין פּראָצעס אין וואַרשע (צוזאַמען מיט אים זיינען דעמאָלט געמשפּט געוואָרן נאָך 10 בונדיסטן). ער ווערט אָבער פּלוצלונג ערנסט קראַנק און מען מוז אים נעמען אין שפּיטאָל אַריין. דאָס געריכט האָט צוליב דעם אויסגעטיילט זיין ענין צו באַהאַנדלען אים באַזונדער און אויף אַזאַ אופן האָט ער אויסגעמיטן דעם גורל פון זיינע חברים פון זעלבן פּראָצעס — אייביקע פאַרשיקונג אין סיביר.

די רוסישע מאַכט איז באַלד אַוועק. די דייטשע חיילות האָבן פֿאַרנומען וואַרשע. דער שווינדזיכטיקער אַרבעטער־טוער קומט אַרויס פון שפּיטאָל און וואַרפט זיך ווידער אַריין אין דער קאָכיקער בונדישער טעטיקייט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די נייע באַדינגונגען אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. עס ווערט געשאַפן אַ ברייטע נעץ פון פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס — און אברהמל שטריקער איז דער סעקרעטאַר פון אויספירארגאַן פון צענטראַל־ביוראָ פון די פּראָפ. פֿאַראיינען פון די יידישע אַרבעטער אין וואַרשע. ער איז אַ גרינדער פון טעקסטיל־פֿאַראיין און איז אויך אַקטיוו ביים שאַפן די ווירטשאַפטלעכע אַרבעטער־אינסטיטוציעס — קיכן און קאָאָפּעראַטיוון.

גלייכצייטיק איז ער אַ מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד. אויף די גרויסע מאַסן־פֿאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס איז ער פון די הויפּט־רעדנער, צינדט ער די הערצער פון די פֿאַרזאַמלטע. לאַנגע יאָרן נאָך זיין טויט האָבן יידישע אַרבעטער פון וואַרשע דערמאָנט זיינע פלאַמיקע רעדעס, וואָס האָבן דערהויבן און געשטויסן צו טאָט. אַן אמתער פֿאָלקסטריבון. אויף אַ גרויסער מאַסן־פֿאַרזאַמלונג אין זאַל פֿאַנאָראַמאַ, וואָס איז געווען געווידמעט די קראַנקייטן און עפּידעמיעס אין די אָרימע קוואַרטאַלן, האָט ער גערעדט נאָך חברטע ד״ר אַנאַ ברוידע־העלער. זי האָט גערעדט פּאַכמעניש־זאַכלעך. אברהמל שטריקער האָט אָנגעהויבן מיט אַ בייסנדיקער איראָניע אויפן חשבון פון דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט־אָרדנונג און איר אופן פון געבן מעדיצינישע הילף, און האָט פּשוט דערשיטערט אַלעמען מיט זיינע געשילדערטע בילדער פון די יידישע אַרבעטער־היימען. חברטע ברוידע־העלער האָט נאָך דעם געפרעגט צו וואָס זי האָט געדאַרפט פּטרן אַזוי פיל יאָרן אין די אוניווערסיטעטן, אַז דער פּראָסטער, נישט געלערנטער אַרבעטער האָט אַ סך בעסער אַרויסגעבראַכט דאָס, וואָס מ׳דאַרף זאָגן.

אברהמל איז ווידער קראַנק געוואָרן און איז צוריק אַוועק אין זיין שטעטל לאָשיץ. ער איז געוואָרן אַ קראַנקן־פלעגער אין שפּיטאָל און גלייכצייטיק געווען טעטיק אין ראַיאָן. ער איז געווען פֿאָרזיצער פון שעדלעצער ראַיאָן־קאָמיטעט פון בונד. דער ענערגישער אַרבעטער־טוער האָט זיך

אָבער כסדר געפילט ווי אין אַ קאָרסעט, ס'האָט אים געצויגן צו ברייטער טעטיקייט. ער פאָרט צוריק קיין וואַרשע. אויפן וועג שטעלט ער זיך אָפּ אין שעדלעץ, וואו ער האָלט אַ רעפעראַט. נאָך דער פאַרלעזונג האָט ער באַקומען אַ האַרץ־אַטאַק און מיט 6 שעה שפּעטער האָט דאָס האַרץ פון לעבנס־לוסטיקן און קאַמף־לוסטיקן אַרבעטער־טוער און פאָלקס־רעדנער זיך אָפּ־געשטעלט.

אין טאָג פון דער לוויה האָבן די יידישע אַרבעטער פון שעדלעץ גע־וואָרפן די אַרבעט און געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד זייער באַליבטן ברודער. אין וואַרשע איז יאָרנלאַנג געווען אויף זיין נאָמען אַ גרויסע ביב־ליאָטעק ביים טעקסטיל־פאַראיין פון יידישע אַרבעטער. אין יוגנט־בונד צוקונפט האָבן עקזיסטירט אברהמל־שטריקער־קרייזן.

ב.: אינפאָרמאַציע פון א. ר. (פוילן), יעקב פישמאַן (שעדלעץ — ניו־יאָרק). לעבענס־פראַגען נומ' 34, 23 אויגוסט 1918, וואַרשע. אַריה: יוגנט־וועקער, 15 אויגוסט 1928, וואַרשע.

י. ש. ה.

●

# מענדל און גיטל סקוטעלסקי

מענדל איז געבוירן געוואָרן 1874 אין הורינסק. אין די קינדער־יאָרן איז ער צוזאַמען מיט דער משפחה איבערגעפאָרן קיין פּאָניעמונעק, קאָוונער גובערניע. דאָרטן איז ער געגאַנגען אין חדר. ווען ער איז אַלט געוואָרן 13 יאָר, האָבן אים די עלטערן געשיקט קיין הורינסק זיך לערנען אַ פאַך. ער איז געוואָרן אַ לערניינגל ביי אַ שניידער און דורכגעמאַכט אַ פייַנפולן וועג ביז ער איז דערגאַנגען צו דער מדרגה פון אַן אַרבעטער.

מענדקע פּרצעס, ווי מ'האָט אים גערופן, האָט זיך צווישן די דע־מאָלטיקע אַרבעטער אויסגעצייכנט מיט זיין ערנסטער אויפפירונג. די אַר־בעטער פלעגן זייער פרייע צייט פאַרברענגען ביי קאָרטן־שפּיל און שיכרות. אין די שענקען איז געווען זייער אָרט, וואו זיי פלעגן זיך אויסלעבן נאָך אַ טאָג פון 14 און 16 שעה האָרעוואַניע. אין הורינסק האָט זיך דעמאָלט באַ־זעצט דער באַרימטער מגיד אליקום געצל. דער האָזיקער מגיד האָט פאַר־מאָגט אַן אויסערגעוויינלעכן רעדנער־טאַלאַנט. באַזונדערס האָט ער זיך באַמיט אַריינצוציען די אַרבעטער אין רעליגיעזע חברות. אין זיינע זוכעניש־ן נאָך אַ ציל אין לעבן ווערט מענדקע אַריינגעצויגן אין אליקום געצלס חברה און ווערט דעם מגידס רעכטע האַנט. צו די הורינסקער יידישע אַרבעטער האָט זיך אָבער אויך דערטראָגן די סאָציאַליסטישע בשורה און מענדקע איז איינער פון די, וועלכע האָבן איבערגעריסן מיטן מגידס חברה. אין 1896 קומט אַ פאָרשטייער פון די ווילנער שטרייק־קאַסעס און ס'ווערט אין הורינסק געגריינ־דעט אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטיש קרייזל. מענדל דער שניידער איז איינער פון די אָנפירער אין קרייזל, וואָס האָט אין אַ יאָר אַרום — 1897 זיך אָנגעשלאָסן אין ביי־געגרינדעטן אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד. מענדל ווערט אַ מיטגליד פון ערשטן הורינסקער קאָמיטעט פון בונד.





מענדל האָט אָנגעפירט מיט דער געהיימער ביבליאָטעק, איז געווען טעטיק אין דער שניידערשער סכאָדקע, אָנגעפירט מיט די אַרבעטער אין לייזעראָוויטשעס טאַבאַק־פאַבריק און אָרגאַניזירט פאַרשיידענע שטרייקן. נאָכן 1 מאַי 1902 ווערט מענדל צוזאַמען מיט נאָך 22 חברים אַרעסטירט. מ׳האָט אים שפּעטער אַרויסגעלאָזט און ער האָט באַקומען 2 יאָר פּאָליציי־אויפזיכט.

אין 1903 גייט ער אַריבער, צוזאַמען מיט זיין פרוי גיטל, צו איינער פון די וויכטיקסטע און געפערלעכסטע אַרבעטן. זיי ציען זיך אַרויס פון עפנטלעכער פּאַרטיי־טעטיקייט און נעמען איבער דעם צענטראַלן סקלאַד פון דער בונדישער אומלעגאַלער ליטעראַטור. דווינסק איז געווען אַ וויכטיקער באַן־קנופּ, פון וואַנען ס׳פלעגן זיך ציען ליניעס אין פאַרשיידענע געגנטן פון יידישן תחום. דורך מענדלס האַנט פלעגן דורכגיין הונדערטער טויזנטער פּראָקלאַמאַציעס און צייטונגען אין די שטעט אַריין, וואו יידישע אַרבעטס־מענטשן האָבן געלעבט און געקעמפט. מענדל האָט כלומרשט ווייטער געפירט זיין שניידער־ווערקשטאַט, אָבער אין דער אמתן איז דאָרטן געווען דער סקלאַד, וואו מ׳האָט געפאַקט די אומלעגאַלע ליטעראַטור צום אַוועקפירן אין אַנדערע שטעט.

אין 1905 באַקומען מענדל און גיטל אַ באַפעל פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג צו קומען קיין ווילנע. זיי האָבן דאָרטן געדאַרפט איבערנעמען אַ דירה מיט אַן אומלעגאַלער דרוקעריי, אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז זיי האָבן גאָר איבערגענומען דעם געוועזער־סקלאַד פון צענטראַלן קאָמיטעט, דעם אַרכיוו, די זאַפּאַסן פאַלשע פּעסער, שטעמפּלען און אַנדערע נישט כשרע זאַכן.

דער חבר לייבעטשקע בערמאַן, וואָס האָט שפּעטער איבערגענומען די זעלבע דירה, דערציילט וועגן דעם:

„די דירה האָט זיך געפונען אויף סאפיאניקעס נומער 5. זי איז באַשטאַנען פון אַ קיך מיט צוויי ליכטיקע צימערן און אַ פינצטערן אַלקער. אין איינעם פון די צימערן האָט מענדל געהאַט זיין שניידער־ווערקשטאַט, וואָס האָט געדאַרפט צוגעבן דער וואוינונג אַן אומשולדיקן, בירגערלעכן אויסזען. אין

אַרבעט־צימער אַרום פֿענצטער האָט זיך געפֿונען אַ צווייטע וואַנט, וואָס קיינער האָט נישט געוואוסט נאָך וואָס מען דאַרף זי. אונטערן אויסרייד (טאָמער דערהערט ווער פֿון די שכנים אָדער דער הויזווירט), אַז מען האַקט אַראָפּ דעם איבעריקן שטיק וואַנט, וואָס פֿאַרנעמט אומזיסט אָרט אין צימער, האָט מען באַשלאָסן גלייכצייטיק אויסהוילן אַ שטיק געמויערטע וואַנט אונטערן פֿענצטער און אויף דעם אָרט אַריינמויערן אַ קאַסטן צו האַלטן דאָס געווער. די מויער איז געווען אַן אַלטע, די ווענט זייער גראָבע. טעכניש האָט זיך די זאַך געלאָזט פֿאַרווירקלעכן.

דאָס איז אָבער געווען אַן אַרבעט, אַן אויסערגעוויינלעך שווערע. די חברים מענדל און גיטל צוזאַמען, דאַכט זיך, מיט דזדקע אייזאוויג (קאַפּלינסקיס געהילף) האָבן געאַרבעט אין פֿאַרלויף פֿון גאַנצע וואָכן. אַליין נישט קיין פּאַכלייט, האָבן זיי געדאַרפֿט אַרבעטן אָן גערויש — מען זאָל נישט דערהערן, אין שטענדיקער אָנשטרענגונג טאָמער קומט ווער אַריין. ביינאַכט האָט מען די ציגל, שטיינער און גרוז אַרויסגעטראָגן אין די קעשענעס, אין באַהאַלטענע זעקלעך און אויסגעשיט זיי ווייט פֿון דער דירה, קיינער זאָל נישט באַמערקן. מען האָט זיך געדאַרפֿט היטן, מ'זאָל מיט די פֿיס נישט מאַכן קיין סימנים פֿון וואַפּנע אויפֿן לאַנגן הילצערנעם קאָרידאָר. ס'זיינען געווען שוועריקייטן און שרעק־מאָמענטן וואָס נאָר די אָנטיילנעמער אַליין קאָנען דאָס איבערגעבן. סוף־כל־סוף איז די וואַנט געווען אויסגעהאַקט. מ'האָט אַהין אַריינגעמויערט אַ הילצערנעם קאַסטן, פֿאַרטינקעוועט דעם פֿראָנט און פֿאַרקלעפּט פֿון אויבן מיט די זעלבע טאַפּעטן, ווי אין גאַנצן צימער. צוגעקומען צום קאַסטן איז מען דורכן פֿענצטער־ברעט, וואָס פֿלעגט זיך אַרויסרוקן פֿון די זייטן ווענט מיט דער הילף פֿון אַ ספּעציעל אויסגעפֿאַרטיקטן מעטאַלענעם אַפּאַראַט. פֿאַרשליסן פֿלעגט ער זיך אויך מיט אַ באַזונדערן מעכאַניזם, וואָס איז געווען פֿון אויבן פֿאַרמאַסקירט דורך די נאָרמאַלע מעטאַל־טיילן פֿון פֿענצטער.

דער סקלאַד איז געווען אַ גאַנץ גרויסער. אין אים האָבן געקענט אַריין עטלעכע הונדערט רעוואָלווערן. האַרט ביי דער וואַנט פֿון פֿענצטער האָט מען צוגערוקט חבר מענדלס שניידער־טיש אַזוי, אַז דער סקלאַד איז געווען געשיצט פֿון אַ צופֿעליקן קלאַפּ, וואָס וואָלט פֿאַר אַ זייטיקן מענטש אַרויסגעגעבן די הוילקייט פֿון דער וואַנט. אַלס פֿאַרמיטלער צווישן סקלאַד און דער אויסערלעכער וועלט איז אַ גאַנץ לאַנגע צייט געווען דער באַוואוסטער קאָנספּיראַטאָר און אַרכיוואַר פֿון בונד — דוד מאַכלין" (אין לויף פֿון יאָרן).

דאָס פּאָרפֿאָלק סקוטעלסקי האָבן איבערגעגעבן די דירה אין 1908 און אויף אַנדערע אופֿנים געדינט דעם בונד אין וואַרשע. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין 1916, האָבן זיי פֿאַרלאָזט וואַרשע און זיך באַזעצט אין שטעטל זשוראָמין, מלאַווער ראַיאָן. אויך אין פֿאַרוואָרפֿענעם שטעטל זיינען זיי טעטיק. זיי גרינדן אַ פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, אַ ביבליאָטעק און לייען־זאַל. מענדל באַטייליקט זיך אויך אין דער ערשטער מלאַווער ראַיאָן־קאָנפֿערענץ

פון בונד און ווערט געוויילט אלס מיטגליד פון מלאַווער ראַיאָן־קאָמיטעט. אין יאָר 1920 האָבן די סקוטעלסקיס ווידער זיך באַזעצט אין וואַרשע.

געטרייע, דיסציפּלינירטע און אַקטיווע מיטגלידער פון דער וואַרשע־ווער בונדישער אָרגאַניזאַציע זיינען די סקוטעלסקיס געבליבן ביז זייער לעצטן אָטעם.

דער בונדישער פּיאָנער און אומדערשראָקענער רעוואָלוציאָנער מענדל סקוטעלסקי איז געשטאָרבן דעם 2 נאָוועמבער 1937 אין וואַרשע.

זיין פרוי גיטל איז לאַנגע יאָרן געווען טעטיק אין דער בונדישער פרויען־אָרגאַניזאַציע יאַף און איז אומגעקומען אונטער דער נאַצישער ממשלה בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. צוזאַמען מיט רוטע בערמאַן האָט זי פאַרטרעטן דעם יאַף אין קאָלעקטיוו פון דער אונטערערדישער בונדישער באַוועגונג אין וואַרשעווער געטאָ.

מ. בערנשטיין

●

# קלמן הערש זילבערדיק

געבוירן אַרום 1885 אין ביאַליסטאָק — געשטאָרבן אין אַ פאַריזער שפּי־טאָל דעם 8 אָקטאָבער 1911.

שוין ווי אַ יינג בחורל איז ער אַריינגעטרעטן אין דער ביאַליסטאָקער אָרגאַניזאַציע פון בונד. אַדאַנק זיינע פעאיקייטן און איבערגעגעבנקייט ווערט ער גיך איינער פון די פירער פון דער אָרטיקער באַוועגונג.

פון פאַך אַ זעצער, גייט ער — ליאָווע דער דרוקער — אַריבער צו אַרבעטן אין די אומלעגאַלע דרוקערייען. אין 1904 אַרבעט ער אין דער בער־דיטשעווער געהיימער דרוקעריי פון בונד. אין די יאָרן 1905־6 האָט ער גע־שפּילט אַ ראָל ווי אַן אַגיטאַטאָר אין ביאַליסטאָק, וואַרשע און אין דרום־רוסלאַנד. ער איז געווען אַ מיטגליד פון וואָלינער־פּאָדאָליער ראַיאָן־קאָמי־טעט און איז אַרומגעפאָרן אין די שטעט און שטעטלעך פון יענער געגנט.

אין 1907 האָט מען אים אַרעסטירט אין בערדיטשעוו. ער איז גע־זעסן אין דער דאָרטיקער טורמע 7 חדשים, געפירט הונגער־שטרייקן, גע־וואָרן אַריינגעוואָרפן אין קאַרצער און געשלאָגן פאַר נישט וועלן אָנטאָן אַרעסטאַנטן־מלבושים.

נאָכן אַרויסקומען פון טורמע האָט ער געאַרבעט אין וואַרשע, וואו ער איז געווען אַ מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד און סעקרעטאַר פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון לעדער־גאַלאַנטעריע־אַרבעטער. שפּעטער האָט ער געאַרבעט אין לאָדזש און קאָוונע. נאָכן צוריקקומען קיין וואַרשע האָט מען אים אַרעסטירט אויף אַ פאַרזאַמלונג און ער איז געזעסן 14 חדשים אין טורמע. לסוף האָט מען אים פאַרבאָטן צו וואוינען אין די פוילישע גובערניעס.

זילבערדיק פאַרט אין בערשטער־ראַיאָן, וואו ער פירט אָן מיט אַן אַלגעמיינעם שטרייק פון די בערשטער אַרבעטער פאַר איינהאַלטן דעם 8־שעה־

דיקן אַרבעטס־טאָג. אין אַ שטעטל ווערט ער אַרעסטירט און בלייבט אין טורמע 10 חדשים. דער אורטייל איז געווען — פאַרשיקן אויף 3 יאָר אין נאַרים. 3 חדשים איז ער געווען אויפן עטאַפּ. אָנהויב 1911 אַנטלויפט ער פון סיביר און קומט קיין פּאַריז, וואו ער פירט אַ שווער לעבן און איז אַקטיוו אין בונדישן פאַראיין דער קעמפער.

דאָס שווערע לעבן אין די טורמעס האָבן רואינירט זיין געזונט. ער האָט באַקומען שווינדזוכט, וואָס האָט אים אין עלטער פון 26 יאָר געבראַכט צום קבר.

ב.: שלום לעווין: אונטערערדישע קעמפער, ניו־יאָרק, 1946.
Информаціонный Листокъ № 3, декабрь, 1911. Женева.

י. ש. ה.

●

## ישראל און מאריע אַקון

ישראל איז געבוירן געוואָרן דעם 10 יאַנואַר 1877 אין באַברויסק — געשטאָרבן דעם 22 אָקטאָבער 1941 אין מאָנטרעאָל. זון פון שמעון און בת־שבע. דער פאָטער — אַ פרומער ייד, אַ וואַלד־סוחר. אין די יינגע יאָרן האָט ישראל געלערנט אין חדר און פּריוואַט ביי מלמדים.

די בונדישע טעטיקייט האָט אַקון אָנגעהויבן אין זיין געבורטס־שטאָט סוף 1898 און זי ווייטער געפירט אין אַ ריי שטעט און לענדער. אין באָברויסק, וואו ער איז אין פאַרשיידענע ציטן געווען אַ מיטגליד פון אָרטיקן קאָמיטעט, האָט ער געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין רעוואָלוציע־יאָר פון 1905. אין 1906 איז ער אַוועק שטודירן אין דער קעטען־אנהאַלטער טעכנישער הויכשול אין דעסאַו. ער איז אָבער ווייטער פאַרבליבן אַקטיוו פאַרן בונד און אַ צייט אָנגעפירט מיט דער בונדישער סטודענטן־גרופּע אין לייפּציג. אין אויגוסט 1907 איז ער געווען איינער פון די בונדישע דעלעגאַטן אויפן קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין שטוטגאַרט. ער האָט פיגורירט אונטערן פּסעוודאָנים — דאַג.

אין 1908 פאַרענדיקט ישראל זיין שטודיום. ער באַקומט דעם דיפּלאָם פון אַן אינזשיניער און פאָרט צוריק קיין רוסלאַנד, וואו ער שטעלט זיך אין רשות פון צ. ק. פון בונד. ער באַזעצט זיך אין פּעטערבורג. דאָרטן איז אַקון טעטיק אי אין בונד, אי אין פאַרשיידענע יידיש־קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס. ער ווייזט אַרויס אַ סך איניציאַטיוו און טריישאַפט. אַקון איז פאַרוואַלטער פון דער יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט אין רוסלאַנד, סעקרעטאַר פון דער יידישער מוזיקאַלישער געזעלשאַפט און פון דער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט. ער איז אויך אַקטיוו אין דער חברה מפיצי השכלה און העלפט אַרויסגעבן דעם היסטאָרישן זשורנאַל יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ. ער ווערט אַ צענטראַלע פיגור אין דער יידיש־קולטורעלער אַרבעט אין דער רוסישער הויפּט־שטאָט. פון 1912 איז אַקון געווען דער פּעטערבור־





גער קאָרעספּאָנדענט פון באָברויסקער וואָכנבלאַט, וואו ער האָט פּאַרעפנטלעכט אַ ריי בריוו. ווען ס׳ברעכט אויס די רעוואָלוציע אין 1917, פאָרט ער אַרויס אַלס שליח פון צ. ק. פון בונד אין אַ ריי שטעט און העלפט אָרגאַניזירן די ערשטע אָפענע בונדישע קאָנפערענץ (אַפּריל 1917). שפּעטער איז אָקון געוואָרן טעטיק אין זיין אַלטער היים־שטאָט, אין באָברויסק, וואו ער איז געווען אַ ראַטמאַן אין שטאָט־ראַט און אין דער קהילה. אין 1918 איז ער געווען וויצע־פּרעזידענט פון שטאָט־ראַט. אין די טעג פון 16—20 מערץ 1919 זיך באַטייליקט אין דער 11טער קאָנפערענץ פון בונד, וואָס איז אָפּגע־האַלטן געוואָרן אין מינסק. נאָך אין זעלבן יאָר האָט ער זיך באַזעצט אין ווילנע און מיטגעאַרבעט אין דער בונדישער פּרעסע, ווי אויך אויפן געביט פון פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע. וועגן פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע האָט ער פאַר־עפנטלעכט אייניקע גרעסערע ליטעראַרישע אַרבעטן. אַ צייט איז ער אויך געווען דירעקטאָר פון ווילנער יידישן טעכניקום. זיינע אַרטיקלען פון יענעם פּעריאָד זיינען געווען אונטער זיין אייגענעם נאָמען אָדער אונטערן פּסעוו־דאָנים א. דאַגינסקי. אין 1922 האָט דער אָרט אין ווילנע אַרויסגעגעבן דאָס בוך עלעקטרע און איר פּראַקטישע אויסנוצונג פון דר. ל. גרעץ, איבערגעזעצט פון דייטש דורך אינזשיניער י. אָקון. ער האָט אויך מיטגעאַרבעט אין זשור־נאַל פון אָרט — ווירטשאַפט און לעבן (בערלין).

אין 1924 האָט אָקון עמיגרירט קיין אַרגענטינע. אויך דאָרטן איז ער געווען בונדיש אַקטיוו. צווישן אַנדערן האָט ער אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ בונדישן זשורנאַל אַרגענטינער וועקער. צוליב קראַנקייט האָט ער פאַרלאָזט בוענאָס־איירעס און אין 1930 זיך באַזעצט אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע.

אין זיין נייער און לעצטער היים וואַרפט ער זיך ווידער אַריין מיטן פולן ברען אין דער אַרבעט. ער איז טעטיק אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג

און אַרבעטער־רינג. אין 1931 העלפט ער שאַפן אַ פאַראייניקטע יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע און ווערט דער סעקרעטאַר פון אַלקאַנאַדישן יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. ער איז אויך געווען טעטיק אין דער קאַנאַדער סאָציאַליסטישער פאַרטיי — סי. סי. עף.. צוזאַמען מיט אַנדערע חברים גיט ער אַרויס יידישע סאָציאַליסטישע צייטשריפטן (דאָס סאָציאַליסטישע וואָרט א. אַ.).

געשטאָרבן איז ישראל אָקון פּלוצלונג, ווען ער איז געווען אויף אַ קורצן באַזוך אין מאָנטרעאָל אין שליחות פון אַרבעטער־רינג צו דער פייערונג פון איבערגעבן אַן אַמבולאַנס פאַר דער קאַנאַדער אַרמיי בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

זיין פרוי מאַריע — פון דער לאָדזשער סוחרישער פאַמיליע גאָלד־בערג — איז אויך צענטליקער יאָרן געווען אַקטיוו אין בונד. זי האָט זיך אויסגעצייכנט ווי אַ פּעדאַגאָגין און טוערין אויפן געביט פון יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן. אין 1920, בעת דער פויליש־סאָוועטישער מלחמה, ווען די פוילישע רעגירונג האָט פאַראָרדנט צו אַרעסטירן די בונדישע טוער אין לאַנד, איז אויך מאַריע אָקון פאַרנומען געוואָרן אין ווילנע. מ'האָט זי אַ צייט געהאַלטן אין געפאַנגען־לאַגער אין פּשעמישל. זי איז געשטאָרבן אין עלטער פון 81 יאָר דעם 22 מערץ 1954 אין יאָנקערס, אין שכנות פון ניו־יאָרק.

ב.: אינפאָרמאַציע פון פרוי מאַריע און זון מאָריס אָקון, מענדל עלקין (באָברויסק — ניו־יאָרק), רעגינע הערץ (פּשעמישל — וואַרשע — ניו־יאָרק). דאָס סאָציאַליסטישע וואָרט, טאָראָנטאָ, נאָוועמבער 1941. אונזער צייט, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 1941; אַפּריל־מאַי 1954 (י. כ.). דער וועקער, ניו־יאָרק, 1 נאָוועמבער 1941. זלמן רייזען: לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע, ווילנע, 1928. י. ש. הערץ: די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1954.

י. ש. ה.

●

# בוזי ספּיוואַק

זיין אמתער נאָמען איז געווען באָריס, אויפן רוסישן שטייגער באָריס איליטש. אָבער ווער האָט געוואוסט פונם דאָזיקן נאָמען? געוואוסט האָט מען: בוזי! ווען איך האָב זיך דאָס ערשטע מאָל באַקענט מיט אים — אין קיעוו אין 1918 — און דערהערט דעם נאָמען בוזי, האָט זיך דאָס גלייך אַסאָציאירט ביי מיר אין קאָפּ מיט שלום־עליכמס בוזי פון שיר השירים. יאָ, אַזוי מסתמא האָט אויסגעזען בוזי אין זיינע קינדער־יאָרן. און אַזוי איז ער פאַרבליבן שוין אַפילו ווי אַ דערוואַקסענער — צאַרט, קינדיש, נאַאיוו, גוטמוטיק, שטיל, באַשיידן, ענטוזיאַסטיש... ער האָט אויך פון דער ערשטער מינוט געפאַנגען מיט זיין זיסן שמייכל, מיט זיין באַוועגלעכקייט, מיט זיין גרייטקייט אייך צו העלפן און באַדינען, מיט זיין ווייכער שטימע, מיט זיין גוטן וואָלינער־

קיעווער יידיש, מיט זיין הונדערט־פּראָצענטיקער בונדישקייט, היימישקייט, אָפנהערציקייט.

אין קיעוו איז בוזי געווען נאָך פּאַר דער רעוואָלוציע זייער אַקטיוו אין דער סטודענטישער בונדישער גרופּע. אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע נאָך דער רעוואָלוציע — איז ער געווען אויסגעבונדן מיט אַלעמען. פּאַרגע־טערט דעם ח׳ א. ליטוואַק, קיין שום אַרבעט און מיסיע פאַרן בונד איז אים נישט געווען צו שווער. געווען אַ געוויסע צייט דער סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע פאָלקסצייטונג (קיעוו). אין דער זעלבער צייט האָט ער אָנגעהאַלטן פאַרבינדונגען צווישן די מענשעוויקעס — און געוואוסט ווען אַלץ, וואָס אין זייער אָרגאַניזאַציע טוט זיך. פון צייט צו צייט האָט ער אָרגאַניזירט אַן אָוונט וואו עס זיינען אַרויסגעטרעטן צוזאַמען אַ בונדיסט און אַ מענשעוויק. דער אָטעם פון דער רעוואָלוציע איז נאָך געווען פריש און פון בוזין האָט אַרויסגעאָטעמט מיט גלויבן און ענטוזיאַזם.

זיין קרייז פריינט, — אַלץ יינגע חברה, אין די צוואַנציקער: זשוק, מאַרגנשטערן, שפּראַך א. אַ. אין דער גרופּע איז געווען ליאַלע, די טאָכטער פון פאַרשטאָרבענעם בונדיסט דר. דאַוויד טאַרגאָווער. ליאַלע איז אַרומגע־גאַנגען מיט דער קרוין, וואָס דוד בערגעלסאָן האָט איר אין דער צייטונג פון די פּאַראייניקטע אָנגעטון, ווען ער האָט באַשריבן איר אַרבעט אין דער פּראָווינץ אין אַ קינדער־גאָרטן פאַר היימלאָזע קינדער, — זי האָט בערגעל־סאָנען באַצויבערט מיט איר גאַנצער שטראַלנדיקער נשמה, מיט אירע לויכטנדיקע אויגן, מיט דער הייליקייט און גלויביקייט, וואָס האָבן פון איר אַרויסגעגלאַנצט. און אַזוי איז אויך איצט אין קיעוו, אין די יאָרן 1918־1920, ליאַלע אַרומגעגאַנגען און געטראָגן מיט שטאָלץ איר ראָל פון אַ יוגנט־טוערין, פון איינער וואָס ברענגט ליכט און פרייד אין דער פינצטערער יידי־שער מאַסע, פון איינער וואָס איז די היטערין פון די געבאָטן פון דער שענ־סטער רעוואָלוציע.

בוזי איז געווען דער געוויסן פונם דאָזיקן קרייז, און מען קען זאָגן דער געוויסן פון דער בונדישער באַוועגונג אין קיעוו. ער האָט טיף איבער־געקרענקט שפּעטער דאָס אַריבערשפּרינגען פון ראַפּעס, ליפּעצן, חפּצן און אַנדערע אין לאַגער פון די באָלשעוויקעס. ער איז געווען שטרענג אויס־געהאַלטן אינם בונדיזם, וואָס א. ליטוואַק איז געווען זיין סימבאָל און פאָן. און ווען ביי די טויערן פון קיעוו זיינען געשטאַנען די דעניקינצעס און די בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט גערופן, אַז יעדער בונדיסט זאָל דער רויטער אַרמיי העלפן אָפּטרייבן די ווייס־גוואַרדייער, איז בוזי געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן אויסגעפירט דעם באַשלוס, נישט געקוקט אויף זיין שאַרפער נע־גאַטיווער באַציאונג צום באָלשעוויזם.

בוזי איז געווען אויסגעבונדן אין דער יידישער ליטעראַטור און קול־טור־באַוועגונג. ער איז געווען פערזענלעך באַפריינדעט מיט די יינגע יידישע שרייבער, וואָס האָבן זיך דעמאָלט באַוויזן אין קיעוו. ער האָט געאַרבעט אין דער קולטור־ליגע, בפרט אין איר יוגנט־סעקציע. ער האָט אויפגעכאַפּט יע־דעס ניי בוך, יעדעס ניי ליד, יעדע פרישע ידיעה פון אָפּגעריסענעם פוילן

און פון דער דאָרטיקער שול־באַוועגונג און קולטור־אַרבעט. ער איז שטענ־דיק אַרומגעגאַנגען מיט פּעק בונדישער און סתם בעלעטריסטישער ליטעראַ־טור אין זיינע קעשענעס. ער איז בכלל געווען אַ לייִדנשאַפטלעכער לייענער פון ביכער.

געבוירן אַן ערך אין 1897, איז ער שפּעטער געווען אַ סטודענט אין פּעטערבורגער פּסיכאָ־נעוראָלאָגישן אינסטיטוט און דאָרטן איז ער, דוכט זיך, צום ערשטן מאָל צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דאָרטן איז ער געווען אין בונדישע קרייזן, זיך באַפריינדעט מיטן יינגן מאַקס ווייַנרייך, און קיין קיעוו איז ער געקומען שוין אַ פּאַרטיקער און רייפער בונדיסט.

איך בין אַוועקגעפאָרן פון קיעוו אין דעצעמבער 1920 — און די פאַרבינדונג פון וואַרשע מיט קיעוו איז אויף אַ לאַנגער צייט איבערגעריסן געוואָרן. שפּעטער האָב איך אין וואַרשע באַקומען מאַגערע ידיעות וועגן בוזיס ווייטערדיקן גורל: ווען דער בירגער־קריג אין אוקראַינע האָט זיך פאַרענדיקט, איז בוזי אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, און דאָ ווייטער געווען אַקטיוו אין דער בונדישער באַוועגונג. ער האָט געהערט צום א. ג. צענטער, וואָס חבר יודין־אייזענשטאַט איז געווען זיין וואָרטזאָגער. דעם 25טן פעברואַר 192.. איז בוזי אַרעסטירט געוואָרן אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער מאָסקווער אָרגאַניזאַציע פון דער רוסלענדער ס. ד. פּאַרטיי, אין קלוב וופּעריאָד אויף מיאַסניצקע גאַס. בוזין האָט מען געהאַלטן אין דער בוטירקער תפיסה, שפּעטער אין דער וולאַדימירסקער. מען האָט אים באַפרייט, און אַנהויב 1923 האָט ער באַקומען זיין אורטייל: 2 יאָר — סאָלאָוויעצקער קאָנצענטראַציע־לאַגער. פון דעמאָלט אָן האָט שוין בוזי מער ניט געוואוסט וואָס עס הייסט פרייהייט; פון תפיסה — צו פאַרשיקונג און ווידער טורמע, ווידער לאַגער...

פאַרענדיקט זיין לעבן האָט בוזי אין דעם טרויעריק־באַרימטן לאַגער וואָרקוטי. אַ פּאָר יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ח׳ בוזי געווען אויפן דאָרטיקן ציגל־זאַוואָד. דאָס איז געווען אַ שטראָף־איזאָלאַטאָר, ספּע־ציעל פאַר די פּאָליטישע פאַרשיקטע, און זיי האָבן דאָ געאַרבעט עבודת־פּרך. ווי עס האָט מיר דערציילט איינער אַ „וואָרקוטיאַנער״, איז אויפן ציגל־זאַוואָד אין יולי 1936 געווען אַ הונגער־שטרייק, וועלכער האָט זיך געצויגן זייער אַ לאַנגע צייט, און שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן שאַרפע רעפּרעסיעס קעגן די פאַרזינדיקטע, אויף אָט דעם ציגל־זאַוואָד האָט בוזי פאַרענדיקט זיין לעבנס־געשיכטע. אַן ערך 1938־1939 האָט מען בוזין און די מענשעוויקעס רובינשטיין און פּאָליאַקאָוו געמסרט, אַז זיי האָבן געשאַפן אין לאַגער אַ מענשעוויסטישע אָרגאַניזאַציע. מען האָט זיי איינציקווייז אַרויסגענומען און דערשאָסן. אַ קויל פון ג. פּ. או. האָט געמאַכט אַ סוף צום שיינעם לעבן פון טייערן בוזי... (איבערגעגעבן אין סאָציאַליסטיטשעסקי וויעסטניק, 27 סעפּ־טעמבער 1948).

דער באַקאַנטער סאָציאַל־דעמאָקראַט מענשעוויק באָריס סאַפּיר (היינט אין ניו־יאָרק) איז בשעתו אויך געווען אויף די סאָלאָווקעס, און דאָרטן האָט

ער זיך געטראָפן און דערנעענטערט מיט בוזין. ווי ח׳ סאַפּיר דערציילט, איז בוזי אַהין אָנגעקומען פּרילינג 1923. שפּעטער זיינען זיי בײדע — פון האַרבסט 1924 ביז זומער 1925 — מגולגל געוואָרן אין דעם קעמסקער קאָנצענטראַציע־לאַגער. ח׳ סאַפּיר רעדט מיט דער גרעסטער וואַרעמקייט און אנערקענונג וועגן בוזין. ער דערציילט, ווי אַזוי בוזי האָט זיך באַמיט אים צו פאַראינטערעסירן מיט דער יידישער ליטעראַטור און פאַר אים אין לאַגער פאָרגעלייענט ה. לייוויקס גולם און י. אָפּאַטאָשוס פוילישע וועלדער, ס׳זיינען נאָך דעמאָלט געווען „גוטע״, „גליקלעכע״ צייטן... איך אַליין האָב אין וואַרשע געהאַט בריוו פון בוזיס מוטער פון קיעוו (אַ טייערע סימפּאַטישע פרוי, אויב איך האָב ניט קיין טעות אַליין אויך אַ בונדיסטקע), און זי האָט מיך געבעטן שיקן יידישע ליטעראַטור פאַר בוזין... איך און ח׳ ווייַנריך האָבן געשיקט עטלעכע פּעקלעך, און ח׳ ב. סאַפּיר דערציילט טאַקע, אַז בוזיס מאַמע האָט אים געהאַלטן אין איין צושטעלן ביכער. בוזי, דערציילט ער, האָט אין לאַגער געהאַלטן אינטערעסאַנטע רעפעראַטן וועגן אַלעקסאַנדער בלאָק. „אין אונזער קליינעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קאָלעקטיוו אין קעם, — דערציילט ח׳ סאַפּיר, — איז בוזי געווען דער ספּעציאַליסט איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע. איך דערמאָן זיך זיין אינהאַלטסרייכן רעפעראַט וועגן ציוניזם און בונדיזם, ווי וועגן צוויי פאָליוסן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין אונזער ענגן קרייז פון חברים האָט מען אים גערופן ׳דער שטורעם־פלאַמיקער׳. פון דער נאַטור אויס אַ ווייכער און רואיקער מענטש, פלעגט ער זיך אַזוי ווי אָנצינדן, ווען ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ דעבאַטע און ווען ס׳איז געגאַנגען וועגן פראַגן וואָס ער האָט דורכגעטראַכט און וואָס האָבן אים נאָענט אָנגערירט. ער האָט מיר שטענדיק אויסגעזען ווי אַ גאָר היפּשער קולטור־טוער, וואָס האָט ניט געפונען וואו אָנצואווענדן זיינע כוחות אין די פאַרשאָלטענע באַדינגונגען פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט״.

אָ, וויפל אַזעלכע בוזיס האָבן מיר פאַרלוירן!...

ח. ש. ק.

●

## יודל סאַפּאָזשניקאָוו

אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע אין 1917, איז אין די צייטונגען פון דער שטאָט אָדעס געווען געמאָלדן, אַז אין וואָראָנצאָוס פּאַלאַץ קען מען זיך רעגיסטרירן אין בונד. צווישן דער היפּשער צאָל רעגיסטרירטע אַרבעטער פון פאַרשיידענע פאַכן, האַנדלס־אָנגעשטעלטע, אינטעלעקטואַלן, אַ געוויסער צאָל זשורנאַליסטן פון רוסישע און יידישע צייטונגען, האָט זיך אויך רעגיסטרירט דער שוסטער־אַרבעטער יודל סאַפּאָזשניקאָוו.

מיטן אויסנאַם פון אַ צוויי צענטליק בונדיסטן, וועלכע האָבן זיך געקאָנט פון פריער, האָבן מיר אין די ערשטע צייטן זייער ווייניק געוואוסט איינער וועגן צווייטן. מיט אַ געוויסער צייט שפּעטער, ווען מען איז אין

דער אָרגאַניזאַציע געוואָרן היימישער — האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז יודל סאַפּאָזשניקאָוו שטאַמט פון אַרום ליבאָווע, און אַז ער געהערט צום בונד שוין לאַנגע יאָרן.

הגם יודל סאַפּאָזשניקאָוו, ווי דאָס רוב אַרבעטער פון יענע יאָרן, האָט ניט באַקומען קיין אָפיציעלע שול־בילדונג, האָט ער דאָך געקענט צוגערעכנט ווערן צו דער גייסטיקער עליטע פון דער יידישער אַרבעטער־אינטעליגענץ אין בונד, וועלכע האָט געבילדעט דעם קערן פון דער פּאַרטיי. קיין רעדנער איז ער ניט געווען; געשטערט אין דעם האָט אים, טיילווייז, זיין אויסער־געוויינלעכע באַשיידנקייט, וואָס איז דערגאַנגען ביז שעמעוודיקייט און זיין ליטווישע צונג; ער האָט, נעמלעך, אין זיין אויסשפּראַך נישט געקאָנט אונטערשיידן פון „זשע" ביז „זע", פון „צע" ביז „טשע" און פון „שאַ" ביז „סאַ". אָפטמאָל פלעגט פּאַסירן, אַז וועלנדיק אַרויסריידן די דאָזיקע פּאַרע־טערישע קלאַנגען ווי עס באַדאַרף צו זיין, פלעגט ער זיי מיט באַזונדערער שאַרפקייט אַקצענטירן פונקט פאַרקערט, ווי למשל — „זשייער סיין"...

נישט געקוקט אויף דעם דאָזיקן שפּראַך־פעלער, פלעגט ער מיט זיינע אַרויסטרעטונגען אויף פּאַרטיי־מיטינגען צוציען אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט: אין זיינע רייד האָט זיך געפילט אַן אָריגינעלער, אינטעליגענטער צוגאַנג צו די באַהאַנדלטע פראַגן; אַן אינערלעכע אויפריכטיקייט; אַ טיפער גלויבן אין יעדן וואָרט און אַ דורכגעטראַכטקייט פון געדאַנק. אין פּריוואַטן, ווי אין געזעלשאַפטלעכן לעבן איז ער געווען אַן אמתער צדיק. יודל סאַ־פּאָזשניקאָוו וואָלט געווען אַ צירונג פאַר יעדער אַרבעטער־פּאַרטיי. און מיר האָבן זיך טאַקע מיט אים געשפּיגלט ווי מיט אַ אבן־טוב: ער איז גאָר גיך אויסגעקליבן געוואָרן אין אָדעסער קאָמיטעט פון בונד.

אין יענער צייט, ווען דער אָדעסער קאָמיטעט פון בונד איז באַשטאַנען פון אַזעלכע אָנגעזעענע פּאַרטיי־טוער, ווי אַלבערט לוריע, בנימין גרינפעלד, אַ. מערעזשין, דר. ליבין, נאָטאַן סאַלאַסטיאַנסקי און אַנדערע פאַרדינסט־פולע בונדיסטן — איז דאָס געהערן צו אַזאַ הויכער פּאַרטיי־אינסטיטוציע געווען זייער אַ גרויסער כבוד; און יודל סאַפּאָזשניקאָוו האָט דעם דאָזיקן כבוד כשר פאַרדינט! ער איז פון אַלעמען געווען געליבט און געאַכטעט.

יודל סאַפּאָזשניקאָוו איז געווען זייער אַ גוטער פאַכמאַן און, ווי עס ווייזט אויס, אויך אַ גוטער אַרבעט־אָרגאַניזאַטאָר, ווייל די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן זיך דאַן שוין פעסט באַזעצט אין דער מאַכט, האָבן אים איבער־געגעבן אָנצופירן אַ שיך־פאַבריק, וואו עס זיינען געווען באַשעפטיקט עט־לעכע הונדערט מענטשן. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן זיין אומגליק!

ווי עס איז דאַן געווען דער מנהג, האָט מען צו אים צוגעשטעלט אַ פּאָ־ליטישן קאָמיסאַר — אַ קאָמוניסט, וועלכער האָט וועגן דער שיך־פּראָדוקציע גופא גאָרנישט געוואוסט און נאָך ווייניקער פאַרשטאַנען. סאַפּאָזשניקאָוו האָט געזוכט וועגן און מיטלען די פּראָדוקציע וואָס מער צו פאַרגרעסערן, אָבער דער קאָמיסאַר איז געווען אַריינגעטאָן אין אָפּהיטן די פּאַרטיי־ליניע; אין מיטינגען און רעזאָלוציעס, וואָס דאַרפן פאַרדאַמען די „קאָנטר־רעוואָ־

לוציע״ פון בונד, פון סאָציאַל־דעמאָקראַטן, עס־ערן און אַנדערע כלומרשטע שונאים פון דער רעוואָלוציע.

שוין אין יענע פריע צייטן פון סאָוועטישן רעזשים, איז די באָלשע־וויסטישע דעמאַגאָגיע און אַכזריות געווען גענוג שטאַרק צו דערדריקן אַ מענטשן צום טויט דורך בלבול און פאַרלו־מדונג. ווי אין די שפּעטערדיקע יאָרן מיטן איינהייטלעכן פראָנט, אַזוי זיינען דאַן געווען אין דער מאָדע — „אומפּאַרטייאישע אַרבעטער־קאָנפערענצן״. די דאָזיקע קאָנפערענצן פון כלומרשט אומפּאַרטייאישע אַרבעטער, האָבן געדאַרפט שטעמפּלען, באַשמוצן און באַשפּייען אַלץ, וואָס איז געווען נישט קאָמוניסטיש. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ קאָנפערענץ איז אינסצעניזירט געוואָרן פון די קאָמוניסטן אויך אויף דער יידישער גאַס אין אָדעס.

פון די בונדיסטן־אַרבעטער, וועלכע האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט אַרויס־צוטרעטן אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ, זיינען געווען יודל סאַפּאָזשניקאָוו און דער שרייבער פון די שורות.

האָבן מיר זיך צוזאַמענגערעדט, אַז איך וועל באַהאַנדלען פּאָליטישע פראַגן און ער — יודל סאַפּאָזשניקאָוו — וועט ריידן וועגן עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון דער סאָוועטן־רעגירונג. אַלס אַן אילוסטראַציע צו זיינע געדאַנקען, האָט ער אויסגעקליבן די שיך־פאַבריק מיט וועלכער ער האָט פאַרוואַלטעט.

גלייך ווי יודל סאַפּאָזשניקאָוו האָט, מיט זיין ניט גענוג דייטלעכער אויסשפּראַך אָנגעהויבן ריידן, האָבן זיך אַ שאָט־געטאָן גיפטיקע צווישן־רופן, זידלערייען און שטעכווערטלעך; אָבער וואָס ווייטער ער האָט גערעדט, אַלץ רואיקער איז געוואָרן אין זאַל. מיט ציפערן אויפן פּאַפּיר האָט ער געשיל־דערט, וואָס עס קומט פאָר אויף זיין פאַבריק און וואַרשיינלעך אויך אויף די אַנדערע פאַבריקן, וועלכע ווערן אָנגעפירט לויט דער זעלביקער עקאָ־נאָמישער סיסטעם פון דער באָלשעוויסטישער רעגירונג. ראיות נאָך ראיות — אַרויסגעזאָגט מיט איבערצייגונג און וויסן, האָבן זיך פריי געקייקלט אין דער טויט־שטילקייט פון זאַל. דער אַרבעטער־עולם איז געזעסן ווי פאַרגלי־ווערט און געוואָרפן בליקן צום טיש, אַרום וועלכן עס זיינען געזעסן די קאָ־מוניסטישע רעזשיסאָרן פון דער קאָנפערענץ.

נאָך דער קאָנפערענץ האָבן די באָלשעוויקעס גענומען שטאַרק פאַר־פאָלגן דעם חבר סאַפּאָזשניקאָוו. די אָפיציעלע טענות מצד די באָלשע־וויקעס זיינען געווען: אַזוי ווי ער פאַרנעמט אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן, מוז ער אַריינטרעטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אָבער כדי אַריינגע־נומען צו ווערן אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, מוז ער אָנשרייבן אַ חרטה־בריוועלע, אין וועלכן עס דאַרף זיין געשריבן, אַז ביז איצט איז ער געווען פאַרבלענדט דורך דעם „נאַציאָנאַליסטישן״, „קאָנטער־רעוואָלוציאָ־נערן״ בונד און אַז ער האָט אויף דעם זייער חרטה. יודל סאַפּאָזשניקאָוו האָט אָפּגעוואָרפן ביידע פאָדערונגען. ער ווערט אַרעסטירט דורך דער ברוטאַ־לער „טשעקאַ״ (אויף אַ פאַרזאַמלונג אין קלוב אויפן נאָמען פון קאַרל מאַרקס). ער ווערט געפייניקט אין פאַרלויף פון וואָכן און חדשים, אָבער ער לאָזט זיך

ניט ברעכן. האָט די „טשעקאַ" גענומען זיך צו הילף סאָפּאָזשניקאָווס פרוי מיט זייערע צוויי קליינע קינדערלעך; דורך תחנונים און געוויין — ער זאָל רחמנות האָבן אויף די קינדער, וועלכע וועלן אויסגיין פון הונגער, אויב ער וועט ניט אונטערשרייבן, האָט זיך דער „טשעקאַ" איינגעגעבן אויסצופּרעסן ביי אים זיין אונטערשריפט אויף דעם שענדלעכן בריוו...

ווען יודל סאָפּאָזשניקאָוו איז באַפרייט געוואָרן פון די טשעקיסטישע קאַזעמאַטן, האָט ער די ערשטע טעג ניט אויפגעהערט צו וויינען. ווען די טרערן האָבן זיך ביי אים אויסגעשעפּט, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ טיפער מרה־שחורה. ער האָט מיט קיינעם נישט געוואָלט ריידן, קיינעם נישט גע־וואָלט זען. און אין גיכן איז ער אינגאַנצן אַראָפּ פון זינען.

איך ווייס ניט וואו עס געפינען זיך די ביינער פון יודל סאָפּאָזשניקאָוו. איך ווייס אָבער, אַז זיין פאַרפּייניקטע, ריינע נשמה רוט אין הימל צווישן די גרויסע מאַרטירער פון דער וועלט. איך ווייס, אַז ווען דער ים פון בלוט און טרערן וועט פאַרגיסן די שפּיציקע ווענט פון קרעמל, כדי אָוועקצו־שווענקען אַלע נידערטרעכטיקייטן וואָס ליגן דאָרטן אָנגעזאַמלט — וועלן אין דעם דאָזיקן ים זיך געפינען אויך די אויסגעוויינטע טרערן פון יודל סאָ־פּאָזשניקאָוו!

לייבעטשקע בערמאַן

•

# זשיטאָמירער און טשודנאָווער זעלבסטשוץ

אין די טעג פון 6־8 מאַי 1905 איז אין זשיטאָמיר פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם. ווי אין אַ ריי אַנדערע פאַלן, איז ער צוגעגרייט געוואָרן דורך דער צאַרישער מאַכט. פּאָליציי און מיליטער האָבן צוגעהאָלפן די פּאָגראָמ־שטשיקעס. די פּאָגראָמירער האָבן אָבער באַגעגנט אַן אַנטשלאָסענעם ווי־דערשטאַנד פון דער בונדישער זעלבסטשוץ, וואָס האָט אַרומגענומען ביז 400 מאַן. ס'איז אויך געווען אַ ספּעציעלע בעסער־באַוואָפנטע קאַמף־אָפּ־טיילונג ביז 90 מאַן. אָט די אָפּטיילונג האָט געטראָגן די הויפּט־לאַסט פון ווידערשטאַנד און אַ דאַנק דעם איז די יידישע באַפעלקערונג אָפּגעקומען מיט פאַרהעלטניסמעסיק קלענערע פאַרלוסטן, בעת פון דער זעלבסטשוץ זיינען געפאַלן אַ סך קרבנות און די פּאָגראָמירער האָבן טייער באַצאָלט. פון דער יידישער זייט זיינען געווען עטלעכע און דרייסיק טויטע און בערך הונדערט פאַרוואונדעטע. די בונדישע זעלבסטשוץ האָט דעם 7טן מאַי אויפן פּאָדאָל געפירט אַ שלאַכט, וואָס האָט געדויערט 4 שעה צייט. דעמאָלט איז געפאַלן די גרעסטע צאָל טויטע אויף ביידע זייטן. אויך מיליטער איז אַרויסגעטרעטן און אָפּגעשטויסן די זעלבסטשוץ.

אַ באַריכט פון יענע טעג גיט־איבער:

„אונטער אַ האָגל פון קוילן זיינען די מיטגלידער פון זעלבסטשוץ געשטאַנען נאָענט פון פיר שעה. איינער נאָך דעם אַנדערן זיינען חברים



עזריאל פליישער, יעקב בראָדסקי, פּנחס האָרוויץ
(פון דער טשודנאָווער זעלבסטשוץ)

געפאַלן, נאָר די קרעפטן און דער מוט פון די קעמפנדיקע זיינען נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אונזערע חברים האָבן אַרויסגעוויזן אַ וואונדערלעך שטאַרקן געמיט. קיין זיפץ האָט זיך ביי זיי פון האַרצן נישט אַרויסגעריסן, אַ מינוט נישט קלערנדיק האָבן זיי זיך כסדר ווידער און ווידער געוואָרפן אין פייער. די פאַרוואונדעטע פלעגן אָפּגעבן די חברים זייער געווער און פלעגן רואיק אַוועקגיין, אויב זיי זיינען עס נאָר געווען אימשטאַנד צו טון. אין שפּיטאָל ליידן איצטער די חברים און פרעגן נאָר וועגן דער אַרבעט, וועגן דער באַוועגונג, וועגן זייערע חברים. קיינער זיפצט נישט, קיינער קלאָגט זיך נישט!"... (די לעצטע פּאַסירונגען נומ. 9).

אין אַן אויפרוף פון זשיטאָמירער קאָמיטעט פון בונד איז געזאָגט געוואָרן:

„מיר האָבן באַשלאָסן אונזער לעבן טייער צו פאַרקויפן... און מיר האָבן אונזער חוב דערפילט. נאָר 2 צופעליק געהרגעטע פרידלעכע בירגער... דערפאַר צענטליקער העלדיש־געפאַלענע חברים אונזערע. דרייסט, אָן מורא, פעסט אַנטשלאָסן, איינגעשפּאַרט האָבן אונזערע חברים מיט די כוליגאַנעס געקעמפט, ביז דער לעצטער מעגלעכקייט האָבן זיי זיך אויף זייערע פּאָזיציעס געהאַלטן. אָט ווי אונזערע העלדן האָבן געשטאָרבן! אָט ווי אונזערע קדושים (מאַרטירער) האָבן זייער חוב פאַרשטאַנען! די בלוטיקע שאָטנס פון די געפאַלענע, זייערע העלדנמוטיקע געזיכטער, אויף וועלכע עס איז פאַרקילט געוואָרן דער אויסדרוק פון שטאָלצער פאַראַכטונג דעם טויט, שטייען פאַר אונזערע אויגן און פאָדערן נקמה. זיי רופן אונז צום ווייטערדיקן קאַמף. מיר זיינען גרייט"...

און אַן אויפרוף פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד האָט וועגן זיי אַזוי געזאָגט:

„אונזערע זשיטאָמירער חברים האָבן אונז געוויזן אַ גרויסן ביישפּיל. געקעמפט ווי די לייבן, געשטאָרבן ווי העלדן, מיט שטראַלן פון באַגייסטע־

רונג אין די אויגן, מיטן וואָרט רעוואָלוציע אויף די שמאַכטנדיקע ליפּן. די ערשטע געפאַלן — די איבעריקע אַריבער איבער זייערע קערפּער און ווייטער געקעמפּט, אַלץ ווייטער און ווייטער. מיט אַ קויל אין דער ברוסט — געאײלט נאָר איבערגעבן דעם חבר דעם רעוואָלווער און אַליין געשטאָרבן אָן זיפצן, אָן קרעכצן".

און איצט וועלן מיר אויסרעכענען אַ טייל פון די העלדיש־געפאַלענע קעמפער פון דער זשיטאָמירער זעלבסטשוץ:

## גדליה שמועלזאָן

געבוירן אַרום 1872 אין וויניצע ביי אָרעמע פרומע עלטערן. צו 14 יאָר געוואָרן אַן אַרבעטער אין אַ מעטאַל־פאַבריק. אין עלטער פון 30 יאָר, טרעט ער אַריין אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין זשיטאָמיר, וואו ער איז געווען אַ מעכאַניק אין טשוגון־זאַוואָד. ער ווערט באַלד אַן ענערגישער טוער און פירט אָן מיט אַ ריי אַרבעטער־אַקציעס. ווען דער בונד האָט געגרינדעט די זעלבסטשוץ, איז ער געווען פון די ערשטע מיטגלידער. דעם 7 מאַי 1905 האָט ער זיך העלדיש געשלאָגן מיט די פּאָגראָמשטשיקעס אויף פּאָדאָל און איז דאָרטן געפאַלן. גדליה, וועלכער האָט מקריב געווען זיין לעבן אין שוץ פון דער יידישער באַפעלקערונג, האָט פאַריתומט אַ פרוי און 4 קליינע קינדער.

## אַבע טשעסקעס

געבוירן 1884 אין זשיטאָמיר. אַ מעבל־סטאָליער. אין די יינגע יאָרן צוגעשטאַנען צום בונד. געהאַט אַ גרויסן איינפלוס צווישן די אַרבעטער. אין 1902 האָט מען אים אַרעסטירט אויף אַ דעמאָנסטראַציע און געהאַלטן אין אַן איינצל־קאַמער עטלעכע חדשים. ער איז אַוועק אין אָדעס, וואו ער האָט געאַרבעט אין האַפן. אַ צייט איז ער אויך געווען טעטיק אין דער בערדי־טשעווער אָרגאַניזאַציע פון בונד. לסוף איז ער צוריקגעקומען אין זיין היים־שטאָט און פאַרנומען אַן אַנגעזעען אָרט אין דער אָרגאַניזאַציע. מיט ראָט און טאָט געדינט די יידישע פאָלקס־מאַסן. אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער שלאַכט מיט די פּאָגראָמשטשיקעס און געפאַלן אין קאַמף.

## לייב וויינשטיין

סטודענט פון קיעווער אוניווערזיטעט. אַקטיווער מיטגליד פון דער זשיטאָמירער אָרגאַניזאַציע פון בונד און פון דער זעלבסטשוץ. געפאַלן פון אַ קויל אין דער שלאַכט מיט די פּאָגראָמשטשיקעס אויף פּאָדאָל. ער איז אַלט געווען 21 יאָר.

## וואָלדאַטשינסקי און דעסון

ס'זיינען אויך געפאַלן אין קאַמף מיט די פּאָגראָמשטשיקעס אַברהם, דער זון פון מרדכי, וואָלדאַטשינסקי, קוים 17 יאָר אַלט, אַ שניידער; מרדכי

קלמן, זון פון יעקב מענדל, דעסון, 19 יאָר אַלט, אַ בלעכער.ביידע זיינען געווען מיטגלידער פון בונד.

## ניקאָלאַי בלינאָוו

געוועזענער סטודענט פון קיעווער אוניווערזיטעט. אַ רוס און אַ סאָ־ציאַל־רעוואָלוציאָנער. געווען אין קאָנטאַקט מיט דער בונדישער זעלבסט־שוץ. וועגן זיין טויט ווערט דערציילט:

„ווען די זעלבסטשוץ האָט אַרויסגעשטופּט די כוליגאַנעס פון די גאַסן, האָבן זיי זיך צונויפגעקליבן אויפן פּלאַץ. דאָ איז אויך געשטאַנען אונזער זעלבסטשוץ. נאָר באַלד האָט זיך צווישן איר און די כוליגאַנעס געשטעלט דער חייל. דאָ האָבן פאַר די אויגן פון דעם אָפיציר די כוליגאַנעס און דער פּאָמאָטשניק פּריסטאַוו (יאַראָצקי) געהרגעט דעם רוסישן סטודענט בלינאָוו. דער פּאָמאָטשניק פּריסטאַוו האָט אים מיט אַ כעס אַ זאָג געטון: ׳כאָטש, דו ביזט נישט קיין ייד, ביזטו נאָך ערגער פון אַ ייד׳... בלינאָוו איז אין נאָמען פון דער זעלבסטשוץ געגאַנגען צונויפריידן זיך מיט דער פּאָליציי. בעת ער איז געשטאַנען צווישן צוויי רייען סאָלדאַטן, האָט מען אים געהרגעט" (די לעצטע פּאַסירונגען נומ. 9).

## די טשודנאָווער מאַרטירער

געווען איז דאָס דעם 8 מאַי 1905. די בונדישע אָרגאַניזאַציע פון טשודנאָוו האָט אַרויסגעשיקט 14 חברים פון איר זעלבסטשוץ צו הילף די בונדיסטן אין זשיטאָמיר, וועלכע האָבן שוין אַזוי פיל געבלוטיקט אין קאַמף קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס. אויפן וועג, פאַר טראַיאַנאָוו, האָט זיי באַגעגנט אַן אַלטער פויער און זיי געוואָרנט ווייטער נישט צו פאָרן, ווייל אין נאָענטן דאָרף שלאָגט מען דורכפאָרנדיקע „שטודענטן". די חברים האָבן באַשלאָסן נישט אָפּצושטעלן זיך. דער פירער פון דער גרופּע, יעקב בראָדסקי, האָט אָנגעהויבן צו זינגען די שבועה און אַלע האָבן מיט רעוואָלוציאָנערן ברען מיטגעזונגען. ווען זיי זיינען אַריינגעפאָרן אין שטעטל טראַיאַנאָוו, איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט. דאָרטן האָבן די פורן זיך אָפּגעשטעלט.

אין שטעטל טראַיאַנאָוו איז נאָך פריער אָנגעקומען דער טשודנאָווער פּריסטאַוו, צו וועמען מ׳האָט דערטראָגן, אַז אַ גרופּע בונדיסטן פאָרט העלפן קעמפן קעגן די זשיטאָמירער פּאָגראָמשטשיקעס. ער האָט פאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז יידן פאָרן הרגענען קריסטן. אַ פּויק האָט אַלאַרמירט די פויערים, וועלכע זיינען זיך צונויפגעלאָפן באַוואָפנטע און אַרומגערינגלט די חברים. מיט העק, קאָסעס, פּיקעס און דרענגער האָבן הונדערטער פויערים אַרומגע־רינגלט די קליינע גרופּע בונדיסטן. זיי האָבן זיך אַלץ מער און מער דער־נענטערט. נאָך אַ רגע — און אַלץ איז פאַרלוירן.

יעקב בראָדסקי האָט געגעבן אַ באַפעל זיך נעמען צום געווער. אַלע האָבן זיך אויסגעשטעלט אין גרייטקייט אויפצונעמען דעם אָנפאַל. עס האָט זיך דערהערט אַ שאָס און אַ פויער איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין האַנט.

די פּויערים זיינען זיך צעלאָפן. די חברים זיינען געלאָפן צו די צוויי ווע־גענער מיט דער כוונה גלייך אָפּצופאָרן.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ געקלאַנג פון די קירכן־גלאָקן. ס׳איז זיך צונויפגעלאָפן אַ המון פון טויזנט פּויערים און מיט ווילדע געשרייען זיך דערנענטערט. די גרופּע בונדיסטן האָט זיך ווידער געשטעלט מיט געווער אין האַנט. דאָ זיינען אָנגעלאָפן טראַיאַנאָווער יידן און געבעטן רחמים, אַז מ׳זאָל נישט שיסן, ווייל די פּויערים וועלן זיך אָפּרעכענען מיט די שטעטלדיקע יידן. זיי האָבן פאַרלאַנגט אַוועקצולייגן דאָס געווער. ס׳וועט די חברים נאָך דעם גאָרנישט געשען, מ׳וועט זיי בלויז אַרעסטירן.

די לאַגע איז געווען זייער אַ שווערע. די מורא פאַרן גורל פון די טראַיאַנאָווער יידן האָט גובר געווען און די טשודנאָווער חברים האָבן גע־פאָלגט. די צעווילדעוועטע פּויערים האָבן אָבער נישט אַרויסגעוויזן קיין שום איינזעעניש און גלייך אויפן אָרט בעסטיאַליש דערמאָרדעט דעם פירער פון דער גרופּע יעקב בראָדסקי און באַלד נאָך זיבן חברים. די אַנ־דערע זעקס האָבן באַוויזן זיך אַרויסצורייסן פון די רוצחישע הענט און זיך באַהאַלטן אין יידישע הייזער. די זעלבע טראַיאַנאָווער יידן, פאַר וועלכע די טשודנאָווער בונדיסטן האָבן זיך נאָר־וואָס מקריב געווען, האָבן אָבער די באַהאַלטענע זעקס אַרויסגעגעבן דעם צעיושעטן המון. דער המון האָט איינעם אַראָפּגעוואָרפן פון הויכן גאָרן פון דער יידישער שוהל און די אי־בעריקע פינף צעקאַליעטשעט און אַרעסטירט.

די נעמען פון די טשודנאָווער מאַרטירער זיינען:

יעקב בראָדסקי, 22 יאָר; אייזיק בילליינקין, 18 יאָר; פּנחס האָרוויץ, 20 יאָר; עזריאל פליישער, 18 יאָר; יוסף לייב פליישער, 17 יאָר; יאַנקל מוסיק, 17 יאָר; בערל זאָלאָטאַר, 28 יאָר; משה שוטר, 20 יאָר; יאַנקל שער־מאַן 24 יאָר. אַחוץ דעם זיינען געווען נאָך צוויי געהרגעטע יידן, וואָס האָבן צו דער טשודנאָווער גרופּע נישט געהערט.

ב. : אויפרוף פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד, מאַי 1905, דרוקעריי פון בונד (אומלעגאַל). אויפרוף פון זשיטאָמירער קאָמיטעט פון בונד, מאַי 1905, דרוקעריי פון בונד (אומלעגאַל). די לעצטע פּאַסירונגען נומ. 9, 14 יוני 1905; נומ. 15, 12 אויגוסט 1905, זשענעוו. דער בונד נומ. 7, מאַי 1905, דרוקעריי פון בונד (אומלעגאַל). ש. מיללער: דור המדבר, לאָס אַנדזשעלעס, 1951. יזכור, דעם אָנדענקען פון די זשיטאָמירער קדושים, ניו־יאָרק, 1921.

Послѣднія Извѣстія № 231, 18 мая 1905; № 232, 23 мая 1905; № 233, 31 мая 1905; № 236, 16 іюня 1905; № 242, 25 іюля 1905; № 243, 2 августа 1905 г., Женева. Рѣчи по погромнымъ дѣламъ. Кіевъ, 1908 г.

י. ש. ה.